רײַכט מיט נײַע קולטור-װערטהען, די מאַסען טוען האָבען אינטעליגענץ און די אינטעליגענץ נױטיגט זיך אין די פֿאָלקס-מאַסען. עס ענטװיקעלט זיך די ליטעראַטור. דער טעמפּ פֿון דעם נאַציאָנאַלען לעבען װערט שנעלער און דאָס נאַציאָנאַלע לעבען אינהאַלטספֿולער און רײַכער.

V

אָבער אַסטאַ באַוער געפֿינט בײַ אונז שוין איצט סמנים פֿון אַסימילירונג. אָנגעהױבען פֿון דעם 18-טען יאָהרהונדערט, בעפֿרײַט זיך די יודישע בורזשואַזיע פֿון דער װירקונג פֿון דער אַלטער יודישער טראַדיציאָנעלער קולטור און שליסט זיך אײַן אין די קולטורעלע געמײַנשאַפֿט פֿון די אײראָפּעאישע פֿעלקער... ביסלעכװײַז כאַפּט אָט די בעװעגונג אַרום אױך די אַנדערע קלאַסען פֿון דעם יודישען פֿאָלק. פֿריהער די אינטעליגענץ און נאָך איהר נעמט אױך די קלײנבורזשואַזיע (ז. 383). דאָס איז איבערהױפּט װעגען די מערב-אײראָפּעאישע יודען. אָבער אױך אין רוסלאַנד בעשטעהט ביסלעכװײַז די סאָציאַלע ענטװיקלונג דעם אַלטען בונד, װאָס האָט אַזױ שטאַרק צוזאַמענגענומען די יודען אין דעם משך פֿון פֿיל יאָהרהונדערטער. און דאָ ברענגט באַוער אַ גבֿית-עדות פֿון אײנעם, אַז אַמאָל איז רײכערען אַ פּאַפּיראָס אום שבת געװען אַ מין מעשה פֿון אַ גבור, און איצט איז דאָס אַ געװײנלעכע זאַך.

באַוער טײלט אָב, װי מיר זעהען, די מערב- — פֿון די מזרח-אײראָפּעאישע יודען. דער װעג איז, פֿערשטעהט זיך, אײנער און דערזעלבער פֿאַר אַלע יודען, דער װעג פֿון אַסימילירונג. נאָר די יודען פֿון מערב-אײראָפּא שטעהען שוין בײַם סוף פֿון דעם װעג, און די מזרח-יודען בײַ זײַן אָנהױב. דאָס איז, פֿערשטעהט זיך, איבער דעם, װײַל דער קאַפּיטאַליזם אין מערב-אײראָפּא איז עלטער און שטאַרקער. דער אַסימילירונגס-פּראָצעס האָט זיך דאָרט אָנגעהױבען נאָך פֿון דעם 18-טען יאָהרהונדערט.

צוזאַמען מיט באַוער'ן װעלען מיר אױך אָבטײלען די יודען פֿון מערב- און די יודען פֿון מזרח-אײראָפּא, אָבער ניט איבער דעם, װאָס זײ שטעהען אױף בעזונדערע פּונקטען פֿון אײן װעג, נאָר װײַל זײַערע װעגען געהען זיך פֿאַנאַנדער. און די זאַך איז אַזױ קלאָר, אַז עס לוינט זיך נאָר דערױף ניט אָבשטעלען. װאָרעם זיך דען ניט אין די אױגען דאָס, אַז אין מערב-אײראָפּא זענען די יודען װירקליך געװען אַ ניט-באַדײַטענדע מינדערהײַט, זײ האָבען געהערט צו די העכערע סאָציאַלע שיכטען, איבערהױפּט צו דער גרױסבורזשואַזיע,— און אין מזרח נעמען זיך די פֿאָלקסמאַסען, קלײנע קרעמער, אָרעמע בעלי-מלאכות און אַרבײַטער. און אַז די נפֿקא מינה איז דאָ גרױס בנוגע צום אײַנגעװאָקסען װערען דורך אַ פֿרעמדע קולטור און אין איהר פֿערשלונגען װערען, איז אױך באַוער מודה. נאָר װעגען דען אפילו די מערב-אײראָפּעאישע יודען אינגאַנצען אַסימילירט? פֿון דעם 18-טען יאָהרהונדערט ביז איצט האָט די קאַפּיטאַליסטישע קעסעלרײַב ניט געהאַט בכח אַ הײַפֿעל יודען פֿון די העכערע סאָציאַלע שיכטען צוזאַמען איבערמישען און גענצליך אױסקעכען מיט דער אַרומיגער בעפֿעלקערונג. נאָך ביז איצט ערקענען זײ זיך פֿאַר יודען און פֿיהלען זיך אַלס יודען. אמת, דער אַסימילאַציאָנספּראָצעס קומט דאָרט פֿאַר אונאױסהערליך; דער דאָזיגער פּראָצעס קומט אָבער ניט פֿאַר אַזױ לײַכט. אײניגע שיכטען פֿון דער אינטעליגענץ געלינגט ניט אַרײַנצוגעהן װי אַ פֿעסטער בעשטאַנדטײל אין די אַרומיגע קולטור-װעלט געמײַנשאַפֿט; זײ פֿיהלען זיך דאָרט פֿרעמד; זײ פֿיהלען אַ פּוסטקײַט אין דער נשמה און דורשטען נאָך נאַציאָנאַלען אינהאַלט. און פֿאַר זײ האָבען די נאַציאָנאַלע בעװעגונגען אין רוסישען יודענטום אַ בעדײַטונג פֿון נאַציאָנאַל דערמונטערען און דערפֿרישען.

נאָר זאָלען מיר איבערגעהן צו די מזרח-יודען. אַלס בעװײַז פֿון אַסימילירונג האָבען מיר יענעם קלאַסישען שבתדיגען פּאַפּיראָס, װאָס אױף זײַן שפּיץ האָט געברענט און ס'איז אַ פּנים פֿערברענט געװאָרען די אַלטע יודישקײַט. און נעהמען מיר װירקליך אין דעם פּאַפּיראָס פֿאַר אַ סימבאָל: דאָס אַלטע איז געפֿאַלען, די טראַדיציע איז צעשטערט, דער תהום פֿון דער איצטיגער ענטװיקלונג שלינגט אײַן די פֿאַרצײַטיגע אידעאָלאָגיע. איז בכן? דורך װאָס פֿאַר אַ װאונדער געלינגט עס באַוער'ן בײַ דעם שײַן פֿון דעם פּאַפּיראָס בעקוקען און פֿיהלען די טריט פֿון אַסימילאַציע? רעכענט דען באַוער, אַז דער אינהאַלט פֿון װעלכער עס איז נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע דאַרף װערען אײן מאָל אױף אַלע מאָל פֿערגלידערט און פֿערשטײנערט אױף די גאַנצע צײַט, װאָס די נאַציאָן בלײַבט אױף דער היסטאָרישער סצענע? רעכענט ער דען, אַז נאַציאָנאַלע אינדיװידואַליטעט איז בכלל פֿערבונדען מיט װעלכען עס איז בעשטימטען און

שטענדיגען אינהאַלט? אַ סך ערנסטע און שענע זײַטען פֿון באַוער'ס בוך רעדען פֿון נאַציאָנאַלער ענטװיקלונג, פֿון אױסאַרבײַטען אַ נײַעם נאַציאָנאַלען אינהאַלט. „דור הולך ודור בא והארץ לעולם עומדת",— אײן דור געהט אַװעק און דער אַנדערער קומט אָן; געפֿיהלען, דעות, בעגריפֿען בײַטען זיך מיט דער ענדערונג פֿון די פּראָדוקטיװע קרעפֿטען און פּראָדוקציאָנס-בעציהונגען,— און די נאַציאָן בלײַבט אַלץ אײנע און די זעלבע היסטאָרישע פֿערזענליכקײַט. און אױך בײַ אונז פֿאַלט דאָס אַלטע, אָבער עס ענטשטעהט דאָס נײַע. אײן אַרט נאַציאָנאַלער אינהאַלט פֿערשװינדט און אַן אַנדערער אַרט ערשײַנט.

אפֿשר איז דער נײַער אינהאַלט אַ סימן פֿון אַסימילירונג דערפֿאַר, װײַל באַוער דערקענט דאָרט די קולטור-יסודות פֿון די אַרומיגע קריסטליכע פֿעלקער. גײ איז דען מעגליך, אַז באַוער זאָל פֿערגעסען בנוגע צו אונז יענע געזעצען פֿון נאַציאָנאַלער ענטװיקלונג, װעלכע ער אַלײן שטעלט פֿעסט אין זײַן בוך. און דאָס געזעץ איז: פֿון אײניגע און דיזעלבע קולטור-עלעמענטען, װאָס עס נעהמען אַרײַן פֿערשידענע פֿעלקער, װערען געשאַפֿען פֿערשידענע קולטורען. דען די בעזונדערע געשיכטע, די פֿאַרײַנע אײגענע אַרט לעבען אַרבײַט אױס בײַ יעדער נאַציאָן אַן אײגענע פֿורם, אין װעלכער עס װערט אײנגעאַרטיג איבערגענאָמען אײנער און דערזעלבער אַרײַנגענומענער אינהאַלט. די היסטאָרישע פֿאָלקס-נשמה איז ניט אַ פֿאָטאָגראַפֿישער אַפּאַראַט, װאָס נעהמט אײנפֿאַך אַרונטער דאָס, װאָס געפֿינט זיך אױסער איהר; דאָס איז אַ קינסטלערישע לאַבאָראַטאָריע, װאו אַלץ װערט אױף אַ בעזונדערן אופֿן איבערגעאַרבײַט. און בשעת דער קאַפּיטאַליזם ברענגט אױך אונז די יסודות פֿון דער איצטיגער ציװיליזאַציע, שאַפֿען מיר דען ניט פֿון די דאָזיגע יסודות אונזער אײגענעם בנין?

אײגענטליך דאַרף מען דאָ מוסיף זײַן, אַז אױך באַוער בעמערקט אין אונזער װירקליכקײַט סמנים פֿון אױפֿלעבונג, פֿון שאַפֿען נײַע ליטעראַטור און נײַע קולטורװערטען. נאָר װען באַוער זעהט דעם סימבאָלישען שבתדיגען פּאַפּיראָס, װאָס רױכערט זיך, דאַן קוקט ער אױף איהם און קוקט, װי משה אױפֿ'ן דאָרן, װאָס ברענט און װערט ניט פֿערברענט, און זאָגט: דאָ רוהט דער שטענדיגער פּראָצעס פֿון יודישער אַסימילירונג. און בשעת ער זעהט דעם נאַציאָנאַלען כאַראַקטער פֿון דעם קאַמפּף פֿון דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד, דאַן גיט ער אַ מאַך מיט דער האַנד, און װי יונה הנביא אױף זײַן בלאַט, זאָגט ער: „פֿאַרנאַכט קומט עס און אין דערפֿריה פֿערשװינדט עס".

VI

דאָס איז אַ שװערער פּראָצעס, זאָגט באַוער װעגען דער אַסימילירונג. „דאָס איז אַ שװערער פּראָצעס, װאָס נעהמט זעהר לאַנגזאַם" (ז. 385). עס פֿערשטעהט זיך, אַז װיבאַלד מיר װײסען די טענדענצען פֿון דער װײַטערדיגער ענטװיקלונג, דאַרפֿען מיר בעװאוסטזיניג דער אָביעקטיװער טענדענץ מיטװירקען. דעם שװערען פּראָצעס דאַרפֿען מיר העלפֿען גיכער דערגעהן צו זײַן ענדפּונקט, און צו דעם רופֿט אונז באַוער.

און דער ענדפּונקט איז נאָך װײַט: „אין מזרח-אײראָפּא,— דערצעהלט באַוער,— װאױנען נאָך איצט מיליאָנען ניט-אַסימילירטע יודען, װאָס געהערען איבערהױפּט צו די נידעריגע קלאַסען פֿון פֿאָלק. אָט די יודישע בירגער און אַרבײַטער אין רוסלאַנד, פּױלען, ליטאַ און גאַליציען שטעלען צוזאַמען די יודישע נאַציאָן. בײַ זײ האָבען נאָך אַנ׳אָרט די טראַדיציאָנעלע יודישע שפּראַך, מנהגים און זיטען. מיר קענען שױן די נאַציאָנען, װאָס בעשטעהען נור פֿון עקספּלואַטירטע און האָבען ניט קײן רײַכע און הערשענדע קלאַסען. אױף װיפֿיעל די יודען אין אײראָפּא זענען נאָך אַ נאַציאָן, טראָגען זײ דעם כאַראַקטער פֿון אַ געשיכטסלאָזער נאַציאָן... זײ האָבען ניט קײן אײגענע נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, װײַל זײ האָבען ניט יענע קלאַסען, װעלכע ערשײַנען אין אַ קלאַסענגעזעלשאַפֿט אַלס הױפּטטרעגער פֿון קולטורעלער ענטװיקלונג" (ז. 386).

ובכן זענען יודען איצט אַ געשיכטסלאָזע נאַציאָן. װאָס איז אײגענטליך אַ געשיכטסלאָזע נאַציאָן? דער אױסדרוק, זאָגט באַוער, „בעדײַטעט ניט דאָס, אַז אַזעלכע נאַציאָנען האָבען קײן מאָל ניט געהאַט קײן געשיכטע... און אױך ניט דאָס, אַז אַזעלכע נאַציאָנען קענען זיך קײנמאָל ניט דערהױבען צו דער מדרגה פֿון היסטאָרישען לעבען... געשיכטסלאָזע רופֿען מיר אָן נור אין דעם זין, װאָס אין יענער צײַט, װען די טרעגער פֿון נאַציאָנאַלער קולטור זענען געװען נור די הערשענדע קלאַסען, האָבען די נאַציאָנען ניט געהאַט קײן נאַציאָנאַל-קולטורעלע געשיכטע" (ז. 8-197).

אַלזאָ, אױב עס טרעפֿט זיך, אַז איבער די מאַסען פֿון פֿאָלק הערשען קלאַסען, װאָס געהערען צו אַנאַנדער נאַציאָן, און אין אַזאַ צײַט, װען

שאַפֿן קולטור קענען ניט די מאַסן, נאָר די הערשענדע קלאַסן, דאַן איז די נאַציאָן, וואָס בעשטעהט נור פֿון אונטערדריקטע קלאַסן, געשיכטסלאָ. איהר קולטורעלעס שאַפֿן האָט זיך איבערגעריסן. און אויף ווי פֿיעל זי איז א נאַציאָן און האָט קולטור, האָט זי א קולטור ניט קיין לעבעדיגע, וואָס האַלט שטענדיג אין וואַקסן און ענטוויקלען זיך, נאָר א פֿערגליווערטע ירושה פֿון פֿאַרצייטיגע דורות, א טויטע טראַדיציע. צווישן אָט דער קולטור און דער געגענוואַרט ליגט א תהום. איבער וועלכן עס איז קיין בריק ניטאָ.

אין „דאָס יודישע פֿאָלק,—זאָגט באָוער,—האָט א קולטור פֿון א געשיכטסלאָזער נאַציאָן, א קולטור פֿון מענשן, וועלכע האָבן זיך געפֿונען אויסער דעם קרייז פֿון די אייראָפּעאישע ציוויליזירטע פֿעלקער, וועלכע האָבן איבערגעגעבן פֿון דור צו דור א גאַנצע וועלט פֿון לאַנג אָבגעשטעלטע געדאַנקען, וואונשן און זיטן" (ז. 395). און אַן אַנדער אָרט דריקט זיך באָוער ווייטער אויס וועגן יודען, ווי וועגן א פֿאָלק, „וואָס האָט ביז איצט אונטערגעהאַלטן זיין נאַציאָנאַלן קיום דורך דאָס איינציגע איבערגעבן פֿון א פֿערגליווערטער קולטור" (ז. 392).

ובכן זענען יודען געשיכטסלאָ. אומזיסט וועלן מיר זוכן ביי באָוערן אַן ענטפֿער אויף די פֿראַגע, אין וועלכער צייט איז, נאָך זיין מיינונג, פֿערטריקנט געוואָרן דער קוואַל פֿון דער יודישער נאַציאָנאַל-קולטורעלער ענטוויקלונג. וועגן דער פֿעאָדאַלער עפּאָכע בעהויפּטעט באָוער אַליין, אַז דער בעזונדערער ווירטשאַפֿטליכער טיפּ האָט דעמאָלט ביי יודען געשאַפֿן א בעזונדערע געלד-קולטור. הייסט דאָס, דאַמאָלט איז די יודישע קולטור ניט געווען קיין פֿערגליווערטע טראַדיציע. ווען זשע איז זי טויט געוואָרן? אין אַנהויב פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער עפּאָכע? איצט? באָוער זאָגט דאָך אָבער, אַז פֿון דור צו דור ווערט איבערגעגעבן די פֿערגליווערטע קולטור, הייסט דאָס, זי איז שוין לאַנג געשטאָרבן. ווען? ענטפֿערט באָוער ניט.

אונז בלייבט צו דערמאָנען, אַז אין פֿערלויף פֿון דער גאַנצער צייט, וואָס יודען לעבן אין אייראָפּאַ, איז ניט געוועזן קיין איין עפּאָכע, ווען עס זאָל זיך האָבן איבערגעריסן דער פֿאָדעם פֿון קולטורעלן שאַפֿן.

אָבער פֿריהער אַן אַלגעמיינע בעמערקונג: ווי בעוואוסט, איז א פֿאָלק געשיכטסלאָ דאַן, ווען שאַפֿן קולטורעל קענען נור די הערשענדע קלאַסן און אָט די קלאַסן פֿעהלן ביי איהם.

אָבער ניט אין אַלע היסטאָרישע עפּאָכן שאַפֿן די קולטור נור די הערשענדע קלאַסן אַליין. אין א ריי'הע קאַפּיטלען בעהויפּט באָוער, ווי אַזוי עס ווערט ברייטער די נאַציאָנאַלע געמיינשאַפֿט, ווי אַזוי אַלע נייע קלאַסן הויבן אָן צו בעטייליגן זיך אינ'ם פּראָצעס פֿון קולטורעלער שאַפֿונג. אין מיטעלאַלטער זענען די טרעגער פֿון נאַציאָנאַלער קולטור לויט באָוערן נור די ריטער; דערנאָך קומט צום אָדעל צו די שטאָטישע בורזשואַזיע; די לעצטע צייט הויבט זיך אָן דער פּראָצעס פֿון בעטייליגן זיך אינ'ם קולטורעלן שאַפֿן אויך פֿון דער אַרבייטערשאַפֿט.

וועגן דער פֿעאָדאַלער געזעלשאַפֿט לייענען מיר ביי באָוערן, אַז דער איינציגער און אויסשליסליכער קולטור-שעפּער איז נור דער הערשענדער קלאַס, די פֿעאָדאַלן. דער פּויער איז אינגאַנצן אויסגעשלאָסן פֿון נאַציאָנאַלן לעבן און שאַפֿן. דאָס ערקלערט באָוער דערמיט, וואָס דער פּויער פֿון איין געמיינדע האָט דאַן ניט קיין שייכות צו דעם פּויער פֿון דער אַנדערער געמיינדע. די מנהגים און זיטן פֿון די פּויערים זענען פֿערשיידען אין פֿערשיידענע געגענדען. פֿון פֿרייער צייט און רוה ווייס דער פּויער ניט, און דאָס שליסט אויס ביים פּויער וועלכע עס איז קולטורעלע שטרעבונגען. דאַגעגען, די פֿעאָדאַלן פֿילען דאַן אויס פֿון זיך די ריטערשאַפֿט, וועלכע איז דורכאויס צוזאַמענגעבונדען, האָט איינע און די וועלבע לעבענספֿאָרמען; און פֿילער פֿרייהייט און רוה פֿיהלען זיי דעם טעם פֿון קולטורעלן שאַפֿן. און עס ווערט דאַן געשאַפֿן א ריטערליכע קולטור, צו וועלכער דער פּויער האָט קיין שייכות ניט.

און אין דער צייט פֿון דער פֿעאָדאַלער געזעלשאַפֿט האָבן יודען, ווי בעוואוסט, קיין פֿעאָדאַלן קלאַס ביי זיך ניט געהאַט, פֿון קיין ריטערשאַפֿט האָבן זיי ניט געוואוסט — האָט דען דאָס יודישע פֿאָלק קיין קולטור ניט געשאַפֿן, קיין ליטעראַטור געהאַט? ווייס דאָך באָוער, אַז די יודען האָבן דאַן ניט געלעבט אין יענע בעדינגונגען, וועלכע האָבן ביים פּויער אָבגענומען די מעגליכקייט צו בילדען איין קולטור-געמיינשאַפֿט. די יודישע קהלות זענען צווישן זיך געווען פֿערבונדען, אַלס נאַציאָנאַלע איינהייט האָבן זיך די יודען ערקענט און געפֿיהלט. פֿון יענער עפּאָכע פֿעהלען אָבער כלל וכלל ניט קיין געשיכטסלאָזע דענקמעלער.

א פֿאָלק קען אויך זיין געשיכטסלאָ ביי דער התחלה פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג, ווען עס האָט ניט זיין אייגענעם אָדעל און בורזשואַזיע, דען די פּויערים זענען אויך דאַן דאָס רוב פֿון פֿאָלק. איז דאָס וועלכע אָפּשר אויך געשען מיט די יודען? די יודען געהערען אָבער שטענדיג צו דער שטאָטישער בעפֿעלקערונג. אַלע מאָל האָבן די יודען געהאַט זייערע פֿערמעגליכע שיכטן. דאָס פֿאָלק האָט אויך שטענדיג געהאַט זיין אינטעליגענץ, וואָס האָט מיט'ן פֿאָלק געלעבט און אינ'ם פֿאָלק געשאַפֿן, אמת, ניט אויף דער ברייטער ערד אונטער'ן פֿרייען הימעל איז אונזער ליטעראַטור געוואַקסן, נור אין ענגען בית-המדרש. דאָס בעהאוזין צוהם אָבער זיין חיונה פֿון דעם זיין. לויט דעם אינהאַלט פֿון יודישן לעבן דאַן איז געווען דער אינהאַלט פֿון זיין שאַפֿן.

און אָפּשר האָבן יודען ביז איצט נאַציאָנאַל געשאַפֿן, און ערשט איצט הויבן זיי אָן צו פֿערלירען די אינטעליגענץ און פֿערוואַנדלען זיך אין א געשיכטסלאָזע נאַציאָן? אָבער באָוער אַליין כאַראַקטעריזירט דעם איצטיגן מאָמענט, אַלס מאָמענט, ווען די אינטעליגענץ הויבט אָן אומצוקעהרען זיך צום פֿאָלק, ווען סיהויבט זיך אָן צו שאַפֿן א נייע נאַציאָנאַלע קולטור. עס בלייבט נור צוצוגעבן, אַז די נייע יודישע ליטעראַטור איז ניט אין די לעצטע עטליכע יאָהר געבוירען געוואָרען, אַז אין דער נאָהענטער פֿערגאַנגענהייט איז דאָס נאַציאָנאַלע שאַפֿן אויך פֿאָרגעקומען.

א נאַציאָנאַל-קולטורעלע פֿערגליווערונג אין וועלכער עס איז היסטאָרישער עפּאָכע געפֿינען מיר ניט אינ'ם פֿערלויף פֿון דעם יודישן לעבן אין אייראָפּאַ (דאָ רעדט זיך ניט, פֿערשטעהט זיך, פֿון די מאָדערנע מערב-יודען).

אָבער געשיכטסלאָ אָדער ניט, סיי ווי סיי,—טענה'ט באָוער,—וועלן מיר פֿון דער היסטאָרישער בימה אַראָב, און וואָס גיכער, אַלץ בעסער פֿאַר אונז. ווייל מיר האַלטן זיך נאָך איצט אַלס פֿאָלק. „דערפֿאַר בעציהען זיך נאָך אַלע די אַרומיגע פֿעלקער צו דעם יודען, ווי צו א גר, צו א פֿרעמדען" (ז. 385). די לעצטע געבראַכטע ווערטער באָוער'ס זענען אונז אַזוי ווי בעקאַנט. האָבן מיר עס שוין ניט געהערט אין אַמאָליגע, שוין כמעט פֿערגעסענע יאָהרען? יאָ, דאָס איז דער פּסוק, וועלכען עס פֿלעגען אונז אַזוי אָפֿט איבערחזר'ן אונזערע אַלטע-אַלטע משכילים. און דערביי פֿלעגן זיי מיט אונז טענה'ן, אַז דאָס גליק און אומגליק איז ביי אונז אין די הענד: בלייבען יודען—איז דער וועג צום גיהנום, אַסימילירען זיך—דער וועג צום גן-עדן. און די ברירה איז ביי אונז. אַלץ ווענדט זיך אָן אונזער רצון.

באָוער, פֿערשטעהט זיך, מוז רעדען ניט פֿון „פֿרייען ווילען", נור פֿון אָביעקטיווע פּראָצעסן, פֿון נויטווענדיגע עקאָנאָמישע טענדענצן. און אויב באָוער זאָגט פֿאָראויס אונזער אַסימילירונג, דאַרף דאָס הייסען, אַז די אַסימילירונג וועט זיין א רעזולטאַט פֿון דער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג און עס מאַכט גאָר ניט אויס, צי מיר וועלען געבן אָדער ניט געבן דערצו אונזער הסכמה.

נאָר גאָר אונגעריכט הערען מיר, ווי באָוער זאָגט אונז, אַז אַסימילירען זיך קאָן ניט זיין בלויז א רעזולטאַט פֿון א בלינדען פּראָצעס, נור דער ציעל פֿון אונזער בעוואוסטזיניגען רצון. ווי דער לעזער געדענקט, אַסימילירען מיר זיך דערפֿאַר, ווייל דער קאַפּיטאַליזם צוהט אונז אַריין אין אַלע צווייגען פֿון דער פּראָדוקציע: נור אָט הערען מיר, ווי באָוער זאָגט: „ביז וואַנען זייער אויסשפּראַך (פֿון די יודישע אַרבייטער), זייערע מאַניערען, זייערע בגדים, זייערע זיטען רייצען די קריסטליכע חברים, דעם מייסטער, דעם פֿאַבריקאַנט ... ביז יענער צייט וועלען די יודישע אַרבייטער זיין געצוואונגען קאָנצענטרירען זיך נור אין איינציגע פּראָפֿעסיעס" (ז. 395). און באָוער רופֿט צו אונז, אַז מיר זאָלען אָנשטרענגען אונזער רצון אום אַראָבצוּוואַרפֿען פֿון זיך דאָס, וואָס ליגט אונז ווי שטיינער אויפֿ'ן וועג. און ערשט דאַן וועלען זיך פֿאַר אונז עפֿענען אַלע טירען פֿון דער פּראָדוקציע. ווען ניט, דאַן בלייבען מיר אין איינציגע פּראָפֿעסיעס און די אַסימילירונג קומט ניט פֿאָר. עס ליגען פֿאַר דיר צוויי וועגען וואָרענט אונז באָוער. „ובחרת בחיים"—וואָלסט אויסוועהלען דעם בעסערן וועג. עס ווענדט זיך אָן דיר און אָן דיין רצון.

און ווייסען מיר, וועלכער איז דער ריכטיגער וועג פֿאַר די יודישע אַרבייטער, און בעטראַכטען דערביי יענעם פּונקט, אויף וועלכען זיי שטעהען איצט, דאַן מוזען מיר אונצופֿריעדען בלייבען. דאָס יודישע פּראָלעטאַריאַט אין רוסלאַנד (און אויך אין גאַליציען) ווערט אין די לעצטע יאָהרען קלאַסענבעוואוסט. אין דעם פֿערשלאָגענעם יודישען פּראָלעטאַריער הויבט זיך אָן צו ריהרען דער מענש. „און מיט דער ערוואַכונג פֿון זיין מענשליכער ווירדע, קאָנסטאַטירט באָוער, הערט ער אויף שעמען זיך מיט זיין נאַציאָנאַליטעט, שפּראַך און אייגענאַרטיגער קולטור... עס ענטשטעהען יודישע אָרגאַניזאַציעס. אויף די פֿערזאַמלונגען וויגען אַריין די מאַסען נייע קולטור-ווערטהען אויף דער יודישער שפּראַך. עס ענטשטעהט א יודישע

פּרעסע. אויך יודיש הויבט מען אָן איבערצוזעצן די ליטעראַטור פֿון די אייראָפּעאישע נאַציאָנען און עס שפּראָצט שוין אַ נײַע זעלבסטשטענדיגע יודישע ליטעראַטור. און דער נײַער רעװאָלוציאָנערער גײַסט פֿערלאַפּט אויך די אינטעליגענץ. די הויבט אָן אָבצוגעבן איהרע קרעפֿטן דער נײַער קולטורעלער בעװעגונג. מיט איהר װאָרט — מונדליך און שריפֿטליך — דינט זי די יודישע מאַסען; זי הויבט דאָס אָן שאַפֿן די יודישע ליטעראַטור" (ז. 387).

אָפֿשר איז אַזאַ ערשײַנונג, פֿאַר זיך, גוט און שען, אַזאַ בעװעגונג איז דאָך אָבער ניט צוועקמעסיג, זי פֿערשטאַרקט דאָס נאַציאָנאַלע בעװאוסטזײַן און מאַכט שוואַכער דורך דעם אונזער סאָציאַל-עקאָנאָמישע פּאָזיציע. ניט אין אַזאַ בעװעגונג ליגט דער שליסעל צו די טיהרען פֿון אַלע פּראָדוקציאָנס-צװײַגען. ניט דאָס װעט אונז פֿיהרען צו דער נויטװענדיגער און געװינשטער אַסימילאַציע. צוליעב דאָס לעצטע איז אונז נויטיג גאָר-גאָר עפּעס אַנדערש. „די יודישע אַרבײַטער, זאָגט אונז באַוער, דאַרפֿען זיך צופּאַסען צו דער קולטור פֿון יענע פֿעלקער, צווישען װעלכע עס קומט זײ אויס לעבען און אַרבײַטען... די הויפּט אויפֿגאַבע פֿונ׳ם יודישען פּראָלעטאַריאַט איז זײַן אײגענע ערציהונג. פֿון דעם יודישען פּראָלעטאַריער דאַרף אַרויס אַן עכטער הײַנטיגער אַרבײַטער" (ז. 394—5). און װאָס פֿעהלט דעם יודישען פּראָלעטאַריער אום צו װערען אַן עכטער אַרבײַטער: קלאַסענבעװאוסטזײַן, רעװאָלוציאָנערער גײַסט, פּראָלעטאַרישע אידעאָלאָגיע? נײַן, ניט דאָס. „עס שטערט איהם דערין ניט נור די בעזונדערע שפּראַך פֿון דעם יודען, נור זײַן גאַנץ װעזען. אין פֿיעל אונטערנעהמונגען קענען נאָך די קריסטליכע אַרבײַטער אויך איצט ניט איבערטראָגען דעם יודען, װאָס אַרבײַט צוזאַמען מיט זײ: די אַנטיפּאַטיע נעהמט זיך ניט פֿון פּאָליטישען אַנטיסעמיטיזם. נור פֿון דעם נאַציאָנאַלען אינסטינקט — געגען די פֿרעמדע אינדיװידואַליטעט פֿון דעם ניט-אַסימילירטען יודען (ז. 395). וּלכן איז פֿאַר אונז נויטיג — װאַרפֿען אונזער שפּראַך און אָבגעבן זיך פֿון אונזער װעזען, כּדי ניט בעלײדיגען די נאַציאָנאַלע אינסטינקטען פֿון אונזערע חברים-קריסטליכע אַרבײַטער.

מיט אַ פּאָר זײַטלעך שפּעטער זאָגט אונז באַוער, אַז „דער דײַטשער אַרבײַטער װינשט זײַנע יודישע חברים דאָס זעלבע, װאָס ער װינשט די פּראָלעטאַריער-טשעכען: הויכען אַרבײַטסלוין, דאָס שטאָלצע בעװאוסטזײַן פֿון זײַן קלאַסענלאַגע און פֿעהיגקײט צום אינטערנאַציאָנאַלען קלאַסענקאַמפּף. דער װעג אָבער, װאָס באַוער װײַזט אונז אָן, פֿיהרט בכלל ניט צו „שטאָלצען בעװאוסטזײַן פֿון קלאַסענלאַגע. באַוער פֿאָדערט פֿון אונז בטול-היש (זעלבסטפֿערלײקנונג) און דערנידעריגונג; בײַ דער טיר פֿון פֿאַבריק הײסט ער אונז אַראָבװאַרפֿען אַלץ, װאָס איז מיט אונזער נשמה צוזאַמענגעבונדען: אונזערע זיטען, שפּראַך, אונזער גאַנץ װעזען. ער זאָגט יעדען יודישען אַרבײַטער: פֿיל זיך אָב פֿון דײַן פֿאָלק, פֿון די יודישע מאַסען, װאַרף אַראָב אַלץ, װאָס האָט דערצו אַ שײַכות און גנבע זיך אַרײַן אין פֿאַבריק. און קען דען דערבײַ זײַן װעלכע עס איז רעד פֿון שטאָלצען בעװאוסטזײַן, פֿון פֿיהלען כאָטש װעלכע עס איז מענשליכע װירדע? דער װעג פֿון אַרײַנגנבענען זיך, פֿון מורא האָבען פֿאַר דער שאָטען פֿון אײגענע בעװעגונגען, פֿאַר דעם קלאַנג פֿון דײַן אײגענער שפּראַך קען דען פֿיהרען צו טובה, צו גבורה, צום קאַמפּף פֿאַר דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען אידעאַל?! באַוער הײסט אונז דאָס זעלבע, װאָס דעם טשעכישען אַרבײַטער. אָבער בנוגע צום לעצטען זאָגט ער: „דער דײַטשער אַרבײַטער איז פֿעראינטערעסירט דערין, אַז זײַן חבר דער טשעך זאָל ערשײַנען פֿאַרן געזעץ... פֿאַר דער בורזשואַזיע ניט מיט קײן געבויגענעם רוקען, נאָר אַלס פֿרײַער מענש" (ז. 324). און דער יודישער אַרבײַטער קען ניט, דאַרף ניט אַלס פֿרײַער מענש, אין זײַן אײגענער נאַציאָנאַל-היסטאָרישער הויט, קומען צו זײַן קריסטליכען חבר, דעם אַרבײַטער. בשעת דער דײַטשער קאַפּיטאַליסט פֿאָדערט פֿון דעם טשעכישען אַרבײַטער, ער זאָל אויפֿהערען אַ טשעך צו זײַן, דאַן זאָגט באַוער: „דער קאַפּיטאַליסט װיל נור אײנס: װעמענס ברויט איך עס, יענעמס ליעד זינג איך. און איז בײַ דער מײנונג, אַז דער אַרבײַטער עסט זײַן ברויט... דער דײַטשער אַרבײַטער װיל אָבער ניט, אַז דער קאַפּיטאַליסט זאָל נאָך אויך װעלען (חוץ מעהר-װערט) זײַן נשמה" (ז. 358). דער קאַפּיטאַליסט, זאָגט באַוער, װיל פֿאַר זײַן אַרבײַטס-לוין „קױפֿען ניט נור די אַרבײַטסקראַפֿט, נאָר אויך דעם גאַנצען מענשען און אין פֿרט דעם נאַציאָנאַלען אַרבײַטער. דער דײַטשער אַרבײַטער װאָלט בוגד געװען אין זיך אַלײן, װען ער װאָלט ניט געפֿאָדערט פֿולע נאַציאָנאַלע פֿרײַהײט פֿאַר יענע חברים-טשעכען, װעלכע די געזעצען פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן צװינגען פֿערקױפֿען זײער אַרבײַטס-קראַפֿט דעם דײַטשען קאַפּיטאַליסט" (דאָרט).

עס גיבען זעלטען שאַרפֿערע קאָנטראַסטען, װי די צװײ פֿאָדערונגען, װעלכע עס דיקטירט באַוער דעם דײַטשען אַרבײַטער: דאָס, װאָס עס דאַרף פֿאָדערן זײַן בעװאוסטזײַניגער פֿערשטאַנד פֿאַר די חברים-טשעכען און זײַן נאַאיװער אינסטינקט פֿון די יודישע אַרבײַטער.

װירקליך צװײ מאָסען און צװײ װאָגען.

בשעת באַוער זאָגט פֿאָראויס, װאָס עס װעט זיך מיט אונז טון, ערװעקט ער ניט זעלטען פֿערװאונדערונג און ערשטוינען. און בשעת ער לערנט אונז, װאָס מיר דאַרפֿען טון, דאַן טוט עס אַרויסרופֿען פֿערדרוס און צאָרן.

עס בלײַבט נאָך איבער צו בעטראַכטען, צי איז באַוער אפֿילו לויט זײַן שטה געלונגען צו דערװײַזען, אַז יודישע אַרבײַטער דאַרפֿען איצט ניט קײן נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. נאָר װעגען דעם דאָס צװײטע מאָל.

די געשעניסען אין שוועדען.

(אויגוסט — סעפּטעמבער 1909).

אין אַ משך פֿון צװײ חדשים ציהט דאָס קלײנע שװעדען צו די אויפֿמערקזאַמקײטען פֿון אַלע אינדוסטריעל ענטװיקעלטע לענדער, צו איהר זײַנען געװענדעט די בליקען פֿון די שטרײַטענדע קלאַסען פֿון דער מאָדערנער געזעלשאַפֿט. שונאים און פֿרײַנד פֿון די פּראָלעטאַרישע אידעאַלען קוקען זיך צו מיט גלײַכען אינטערעס צו דעם, װאָס דאָרט קומט פֿאָר.

דער גרויסער סאָציאַלער קאַמפּף האָט זיך בכּיון אויסגעקליבען דאָס קלײנע לאַנד, כּדי אויף דעם בײַשפּיעל בולט צו בעװײַזען, שאַרף אונטערשטרײַכען אַלץ, װאָס מוז אין אַ פֿיעל גרעסערען מאַסשטאַב אונפֿערמײַדליך געשעהן אומעטום, װאו ס׳איז פֿאַראַן אַן ענטװיקעלטער קאַפּיטאַל און אַן אָרגאַניזירטער פּראָלעטאַריאַט.

I

די ענטװיקלונג פֿונ׳ם קאַפּיטאַל, דער װאוקס פֿון די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס ברענגען מיט די ענטװיקלונג אויך פֿון אָרגאַניזאַציעס פֿון קאַפּיטאַליסטען. — מערב-אייראָפּאַ און צפֿון-אַמעריקאַ זענען לאַנג בעקאַנט מיט די אונטערנעהמער-אָרגאַניזאַציעס, װאָס װערען בעשאַפֿען, כּדי צו פֿיהרען אַ קאַמפּף געגען דאָס אָרגאַניזירטע פּראָלעטאַריאַט מיט זײַנע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען. דאָרט קומט זעלטען פֿאָר, אַ סכסוך צװישען אַרבײַט און קאַפּיטאַל זאָל געלעזט װערען אין אײן אינדוסטריעלער אונטערנעהמונג. על פּי רוב פֿיהרען זיך די אונטערהאַנדלונגען צװישען צװײ אָרגאַניזאַציעס — פֿון די קאַפּיטאַליסטען און פֿון די אַרבײַטער. דעם פּראָפֿעסיאָנעלען פֿעראײן קומט אויס צו האָבען צו טהון מיט אַ פֿעראײן פֿון קאַפּיטאַליסטען, ניט מיט אײנצעלנע בעלי בתּים.

און דאָס איז נאָך װעניג. פֿריהער פֿלעגט דער אָנהויבער פֿון קאַמפּף, דער איניציאַטאָר — זײַן דאָס פּראָלעטאַריאַט. דאָס פּראָלעטאַריאַט פֿלעגט אָנפֿאַלען, אַרויסשטעלען פֿאָדערונגען װעגען פֿערבעסערן דער לאַגע. קירצען דעם אַרבײַטסטאָג און אַז. װ. איצט, װען ס׳זענען פֿאַראַן אונטערנעהמער-אָרגאַניזאַציעס, קומט איהם שוין אויס ניט אַזױ אָפֿט אָנצופֿאַלען אויפֿ׳ן קאַפּיטאַל. אין פֿיעל, פֿיעל פֿאַלען קומט איהם אויס צו װערען זיך, זיך פֿערטײדיגען געגען דעם אָנפֿאַל פֿון די קאַפּיטאַליסטען, לעיקר אין צײַטען פֿון אינדוסטריעלען שטילשטאַנד. איצט פֿאַלט שוין אָן דאָס אָרגאַניזירטע קאַפּיטאַל, כּדי אָבצונעהמען בײַם פּראָלעטאַריאַט די רעזולטאַטען פֿון זײַן פֿיהרערי־

נען קאַמפּף. מ'האָט זיך אָן לאָקאַוטען. ס'קומט אויס צו העלפען זיך. דערבײַ הערט דאָס פּראָלעטאַריאַט געצוואונגען אַרײַנצוטרעטען אין קריג דאַמאָלס, ווען דאָס לוינט דעם געגנער. דאָס אַלץ פערערגערט די פּאָזיציע פון די אַרבײַטער.

אָבער דאָס, וואָס איז שווער פאַר אַ באַזונדערן פעראיין פון וועלכען ניט איז אינדוסטריע-צווײַג, דאָס איז בכּח צו טראָגען אַ פערבאַנד פון פעראיינען, אַ צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פון פיעל פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען. און די איבערגעשריבענע בעדינגונגען פון קאַמפּף געגען קאַפּיטאַל צווינגען די פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונג זיך אַלץ מעהר צו צענטראַליזירען. אָבער דאָס קאַפּיטאַל שלאָפט זיך ניט אָב. עס געהט נאָך זײַן געגנער טריט בײַ טריט, עס פּאַסט זיך צו צו זײַנע אָרגאַניזאַציאָנס-פאָרמען און צענטראַליזירט אויך זײַנע אײגענע פעראיינען. עס גרינדען זיך אויך בײַ די קאַפּיטאַליסטען גרויסע צענטראַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס האַלטען אַרום כמעט אַלע אינדוסטריע-צווײַגען פון בעטרעפענדען לאַנד. דאָ ווערט די סכנה פאַרן פּראָלעטאַריאַט זעהר גרויס. דאָס פעראײניגטע קאַפּיטאַל קריעגט אַזאַ מוראדיגע קראַפט, געגען וועלכע אפילו די צענטראַליזירטע אַרבײַטער-בעוועגונג קען אַמאָל ניט בײַשטעהן. די בורזשואַזע עקאָנאָמיסטען האָבען שוין לאַנג נביאות געזאָגט, אַז ס'וועט קומען אַזאַ מאָמענט, ווען דאָס פעראײניגטע קאַפּיטאַל וועט אינגאַנצען, אײן מאָל פאַר אַלע מאָל, צוקלאַפּען די פּראָלעטאַרישע אָרגאַניזאַציעס און טהון מיט'ן פּראָלעטאַריאַט אַלץ, וואָס זײַן האַרץ וועט זיך נור געלוסטען... דער שוועדישער אַלגעמײנער שטרײַק האָט געוויזען, ווי פאַלש עס זענען געווען די אַלע האָפנונגען. דאָס שוועדישע פּראָלעטאַריאַט האָט מיט זײַן זעקס-וואָכיגען שטרײַק בעוויזען, אַז דער קאַמפּף געגען דאָס פעראײניגטע קאַפּיטאַל איז מעגליך. און דערין ליגט די היסטאָרישע בעדײַטונג פון די לעצטע שוועדישע פּאַסירונגען.

II

פון 5 1/2 מיליאָן בעפעלקערונג איז אין שוועדען פאַראַן 440,000 אינדוסטריעלע אַרבײַטער (אַרײַנגעשלאָסען מיט אײַזענבאַהן-אָנגעשטעלטע). די פּראָפעסיאָנעלע פעראײנען האָבען צום ערשטען דעצעמבער 1908 געהאַט 260,000 מיטגלידער. די סאָצ.-דעמאָקראַטישע פּאַרטײ האָט צום 1-טען יאַנואַר 1907 געצעהלט 101,929 מיטגלידער.

אין אויגוסט 1898 האָט דער צוזאַמענפאָהר פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראײנען בעשלאָסען צו צענטראַליזירען די פּראָפעסיאָנעלע בעוועגונג. עס האָט זיך געגרינדעט די "אַלגעמײן-שוועדישע צענטראַלע אָרגאַניזאַציע פון פּראָפעסיאָנעלע פעראײנען". סוף 1898-טען יאָהר האָט די דאָזיגע אָרגאַניזאַציע געהאַט נור אַרום 50,000 אַרבײַטער. דעם 31-טען דעצעמבער 1907, אין 9 יאָהר אַרום, האָט זי שוין געצעהלט 186,226 מיטגלידער. איצט פעראײניגט זי אַנ'ערך 200,000 אַרבײַטער. אַחוץ דעם זענען פאַראַן נאָך פעראײנען: צענטראַלע פון אײנצעלנע אינדוסטריע-צווײַגען, לאָקאַלע, פאַכאָותע; אין די דאָזיגע פעראײנען, וואָס זענען ניט אָנגעשלאָסען צו דער צענטראַלער אָרגאַניזאַציע, איז פאַראַן בסך-הכל איבער 60,000 מיטגלידער. אויף אַזאַ אופן איז איצט אין שוועדען איבער 60% פון גאַנצען אינדוסטריעלען פּראָלעטאַריאַט אָרגאַניזירט.

דאָס קאַפּיטאַל, פון דער אַנדערער זײַט, האָט זיך אָנגעהויבען בעדײַטענד צו אָרגאַניזירען אין פעריאָד 1898-1902. דאַמאָלס איז די אַרבײַטער צום ערשטען מאָל געלונגען אײַנצופיהרען אין אײניגע אינדוסטריע-צווײַגען און בעזונדערע אונטערנעהמונגען דאָס סיסטעם פון דעם "קאָלעקטיווען אָבמאַך". לויט דעם סיסטעם ווערען די בעדינגונגען פון אַרבײַט אײַנגעשטעלט אויף אַ געוויסען טערמין דורך אַנ'אָבמאַך פון דער צענטראַל-פעראײניגונג פון דעם בעטרעפענדען פּראָפעסיאָנעלען פעראײן מיט דעם בעל-הבית פון דער אונטערנעהמונג. דאָס נײַע סיסטעם האָט געגעבען די אַרבײַטער-אָרגאַניזאַציעס די ווירקליכע מעגליכקײט צו ווירקען אויף די אַרבײַטס-בעדינגונגען, און דאָס האָט שטאַרק אויפגערודערט די בעלי-בתים. זײ האָבען זיך אָנגעהויבען צו אָרגאַניזירען. און אין יאָהר 1902 האָט שוין עקזיסטירט דער "ווערקשטאַטען-פערבאַנד". פון 133 אונטערנעהמער, בײַ וועלכע ס'האָבען געאַרבײַט איבער 20,000 אַרבײַטער. דערנאָך האָבען זיך געגרינדעט נאָך צוויי גרויסע פערבאַנדען: "דער שוועדישער אַרבײַט-געבער-פערבאַנד", וועלכער נעהמט על פי רוב אַרום די אונטערנעהמונגען פון דער גרויסער אינדוסטריע און האָט 765 מיטגלידער מיט 105000 אַרבײַטער, און "דער צענטר. אַרבײַטגעבער-פערבאַנד" — 1400 מיטגלידער, 30000 אַרבײַטער. אַחוץ די דרײַ גרויסע פערבאַנדען, האָבען זיך געבילדעט פיעל קלײנע אָרגאַניזאַציעס.

צום יאָהר 1907 האָבען אין פערשײדענע אונטערנעהמער-אָרגאַניזאַציעס געפונען זיך בס"ה 2500 בעלי-הבתים מיט 175000 אַרבײַטער. פון די מיטגלידער-אָבצאָהלונגען ווערט צוזאַמענגעשטעלט אַ ספּעציעלער פאָנד פון אַלע קאַפּיטאַליסטען-אָרגאַניז. דער פאָנד האָט דאַמאָלס דערגרײכט ביז 11½ מיליאָן קראָנען*). איצט איז די פעראײניגונג פונ'ם קאַפּיטאַל נאָך גרעסער. בשעת עס האַנדעלט זיך וועגען אַרויסטרעטען אינאײנעם געגען די אַרבײַטער-אָרגאַניזאַציעס, טרעטען די אונטערנעהמער-פערבאַנדען אַרײַן אין אַנ'אָבמאַך צווישען זיך.

זינט עס עקזיסטירען די אונטערנעהמער-אָרגאַניזאַציעס, איז די צאָהל סכסוכים צווישען אַרבײַט און קאַפּיטאַל געוואָרען גרעסער. די בעלי-הבתים האָבען זיך גענומען צו דער לאָקאַוט-טאַקטיק. 20% פון אַלע סכסוכים, וועלכע זענען פאָרגעקומען אין פעריאָד פון 1903 ביז 1907, זענען געווען אָדער לאָקאַוטען, אָדער אַרבײַט-אײנשטעלונגען פון געמישטען כאַראַקטער, וועגען וועלכע מ'קען ניט בעשטימען — צי איז דאָס אַ לאָקאַוט, אָדער אַ שטרײַק. דורכשניטליך פאַלט אויס אײן שטרײַק אויף 59 אַנטהײלנעהמער-אַרבײַטער, אײן לאָקאַוט אויף 125 אַרבײַטער און אײן סכסוך פון געמישטען כאַראַקטער אויף 298 אַרבײַטער. פאַר דעם פעריאָד האָבען זיך נור 20% פון אַלע סכסוכים אויסגעלאָזען מיט אַ נצחון פון די אַרבײַטער; 23 — מיט אַ ניטערלאַגע, און 55 — מיט געגענזײַטיגע הנחות. און ווען אַרבײַטער מאַכען הנחות, בעדײַטעט דאָס אַלע מאָל אַ פערערגערונג פון די אַרבײַטס-בעדינגונגען. אָבער קענען די דאָזיגע בעדינגונגען אין שוועדען זיך פערערגערען נאָר אָהן אַ סוף. קײן אַרבײַטער-געזעצגעבונג איז דאָרט כמעט ניטאָ. די אַפּעטיטען פון די בעלי-הבתים בעגרענעצען ניט קײן שום געזעץ, וואָס זאָל זײ בעגרענעצען. די אײנציגע בעוואָרעניש פאַר די אַרבײַטער זענען די פּראָפעסיאָנעלע פעראײנען. אָבער זײער ווירקונג און קאָנטראָל זענען מעגליך נור בשעת ס'איז אײנגעפיהרט דאָס סיסטעם פון קאָלעקטיווען אָבמאַך, ווען דער בעל-הבית מוז האָבען צו טהון ניט מיט אײנצעלנע אַרבײַטער, נור מיט דער אָרגאַניזאַציע. בשעה דער אײנצעלנער אַרבײַטער קומט זיך בעדינגען, האָט ער כלומרשט דאָס רעכט צו זאָגען זײַן דעה, אויף וועלכע בעדינגונגען ער וויל אַרבײַטען. אָבער דאָס דאָזיגע בעשטימונגס-רעכט איז נור אַ פיקציע, אַ טעאָרעטישעס, ווײַל קײן ברירה האָט ער דאָך ניט. ווען אָבער דער בעל-הבית האָט צו טהון מיט דער אָרגאַניזאַציע, דאַן ערשט קריגט דאָס בעשטימונגס-רעכט פון דעם אַרבײַטער אַ ממשות. נור דאַן האָט דאָס פּראָלעטאַריאַט די פאַקטישע מעגליכקײט אויסצונוצען זײַן רעכט צו ווירקען אויף די אַרבײַטס-בעדינגונגען. דאָס פערשטעהען גוט סײ די אַרבײַטער, סײ די בעלי-הבתים. און צוליעב דעם סיסטעם פון קאָלעקטיוו-אָבמאַך, מיט וועלכען עס איז פערבונדען דאָס בעשטימונגס-רעכט, פיהרט זיך שוין נײַן יאָהר אַ קאַמפּף צווישען אָרגאַניזירטען פּראָלעטאַריאַט און דעם פעראײניגטען קאַפּיטאַל פון שוועדען.

די אָנפאַלען פונ'ם קאַפּיטאַל זענען בעזונדערס שטאַרק געוואָרען זומער 1908, ווען ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ קריזיס אין דער שוועדישער אינדוסטריע. ס'האָבען זיך אַ סך געטהאָן לאָקאַוטען אײנער נאָכ'ן אַנדערען, אין פערשײדענע אינדוסטריע-צווײַגען צוליעב די קלענסטע קלײניקײטען. הונדערטער אַרבײַטער פלעגט מען אַרויסוואַרפען אויפ'ן גאַס, — און דער הויפּט-אינהאַלט פון דער גאַנצער קאַמפּאַניע איז געווען דער קאַמפּף געגען דעם קאָלעקטיוו-אָבמאַך, די שטרעבונג ניט צו דערלאָזען די אַרבײַטער-אָרגאַניזאַציעס צו ווירקען אויף די אַרבײַטס-בעדינגונגען, אָבצונעהמען בײַ די אַרבײַטער דאָס רעכט צו זאָגען אַ דעה בשעת ס'ווערען בעשטימט די דאָזיגע בעדינגונגען, פערניכטען די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס. די אונטערנעהמער-אָרגאַניזאַציעס האָבען זיך פעראײניגט. פריהער האָט מען געמעלדעט אַ לאָקאַוט אין די מעטאַל-גרובען און מעטאַל-גיסערײַען, דערנאָך אין די אײַזענווערק. מ'האָט שוין אָנגענומען אַ בעשלוס צו מעלדען אַנ'אַלגעמײנעם לאָקאַוט, וועלכער האָט געזאָלט אַרומנעהמען אַ גאַנצע רײַהע אונטערנעהמונגען מיט אַנ'אַרבײַטער-פערסאָנאַל פון הונדערט טויזענד מענשען. דאָס קאַפּיטאַל האָט שוין דאַן געוואָלט דורכאויס אַרויסרופען דאָס פּראָלעטאַריאַט צו אַנ'אָפענעם געפעכט. אָבער דאָס שוועדישע פּראָלעטאַריאַט האָט דעמאָלס ניט געקענט אָננעהמען דעם שטרײַט. דער קאַמפּף פון פריהער האָט בײַ איהם צוגענומען צו פיעל קרעפטען (פאַר דעם אײן 1907-טען יאָהר זענען בײַ איהם פערלאָרען געגאַנגען איבער אַ האַלב מיליאָן אַרבײַטס-טעג). אַחוץ דעם איז שוין דעמאָלס קלאָר געווען, אַז אַן אײנציגער ווירדיגער ענטפער דאָס קאַפּיטאַל קען זײַן נור אַנ'אַלגעמײנער שטרײַק אין ברײַטסטען זינען פונ'ם וואָרט. אָבער אַזאַ מיטעל, וועלכעס מ'האָט נאָך אינ'ם געביט פון עקאָנאָמישען קאַמפּף קײן מאָל ניט אָנגעווענדעט, האָט געפאָדערט פיעל פאָרבערײַטונגס-אַרבײַט. מ'האָט

---

*) אַ קראָנע איז בערך 40 קאָפּ.

געמוזט דערהײַל מאַכן הנחות. לינדקװיסט, דעם פֿאָרזיצענדער פֿונים צענטראַלן אַרבײַטער-סעקרעטאַריאַט, איז געלונגען דורך די דיפּלאָמאַטישע אונטערהאַנדלונגען ניט צו דערלאָזן דעם אַלגעמײנעם לאָקאַוט.

די מלחמה האָט זיך געענדיגט, אָבער נאָר אױף אַ קורצע װײַלע.

פֿאַר די אַרבײַטער-אָרגאַניזאַציעס איז געװען קלאָר, אַז װײַטער קען אַזױ ניט זײַן. מ׳מוז אַלנפֿאַלס אָנגעמען ראַדיקאַלע מיטלען געגן די לאָקאַוט-טאַקטיק. דער קאַמף איז אונפֿערמײַדליך. און מ׳האָט אָנגעהױבן צו גרײטן זיך. אַ גאַנץ יאָהר איז אַװעק אין ענערגישער אַגיטאַציע, סײַ צװישן אָרגאַניזירטן, סײַ צװישן ניט-אָרגאַניזירטן פּראָלעטאַריאַט. מ׳האָט ערקלערט די בעדײַטונג פֿון קאָלעקטיװן אָבמאַך, די צילען, װעלכע עס פֿערפֿאָלגט די לאָקאַוט-טאַקטיק פֿון די אונטערנעהמער און מ׳האָט אַגיטירט פֿאַר אַן אַלגעמײנעם שטרײַק. די אַגיטאַציע האָט געהאַט אַן ערפֿאָלג.

III

אין לעצטן יוני האָבן די אונטערנעהמער פֿון אײניגע אינדוסטריע-צװײַגן, װעלכע געהערן צום „שװעדישן אַרבײַטגעבער-פֿערבאַנד", פֿאָרגעלעגט װײַטערע אַרבײַטער צו שליסן טאַריף-קאָנטראַקטן אױף לאַנגע טערמינען. איצט, אין צײַט פֿון קריזיס, שטעהן די אַרבײַטס-לױנען זעהר נידריג. די קאָנטראַקטן האָבן געװאָלט אײַנשטעלן די איצטיגע נידריגע פּרײַזן אױף פֿיעל יאָהרן פֿאָראױס און אָבנעמען בײַ די אַרבײַטער דאָס רעכט צו פֿאָדערן הוספות אין מאָמענט פֿון אינדוסטריעלער אױפֿלעבונג. ס׳פֿערשטעהט זיך, אַז די אַרבײַטער האָבן זיך פֿון אַזעלכע קאָנטראַקטן אָבגעזאָגט. דאַן בעשליסט דער אונטערנעהמער-פֿערבאַנד אין משך פֿון יולי אַרױסצוװאַרפֿן אױפֿ׳ן גאַס אַלע אַרבײַטער פֿון די גרעסטע אינדוסטריע-צװײַגן, װעלכע געהערן אַרײַן אין דעם פֿערבאַנד. ביז׳ן 20 יולי האָט דער לאָקאַוט געזאָלט אַרומנעהמען איבער 83.000 אַרבײַטער. דאָס אַרבײַטער-סעקרעטאַריאַט האָט זיך דערװאוסט װעגן דעם פּלאַן פֿון די בעלי-הבתים און האָט סוף יוני צוזאַמענגערופֿן אַ קאָנפֿערענץ פֿון די פֿערטרעטער פֿון אַלע גרעסטע פֿערבאַנדען. די קאָנפֿערענץ האָט אײנשטימיג בעשלאָסן: אױב ס׳װעט זײַן געמעלדעט דער לאָקאַוט — ענטפֿערן מיט אַן אַלגעמײנעם שטרײַק פֿון גאַנצן שװעדישן פּראָלעטאַריאַט.

דער אונטערנעהמער-פֿערבאַנד האָט זיך בעשלוס ערפֿילט. פֿון די 83000 אַרבײַטער, װעלכע מ׳האָט בעשלאָסן אַרױסצוװאַרפֿן אױפֿ׳ן גאַס, זײַנען שױן דעם 20-טן יולי די לעצטע 30000 אַרױסגעװאָרפֿן געװאָרן.—און דעם 22-טן יולי האָט זיך אָנגעהױבן **דער שװעדישער אַלגעמײנער שטרײַק**.

פֿון דעם טאָג אָן ביז דעם 24-טן אױגוסט האָבן אין שװעדען ניט געאַרבײַט אַרום 300000 אַרבײַטער, פֿון װעלכע 100000 ניט-אָרגאַניזירטע.

דער סעקרעטאַריאַט האָט אַרױסגעלאָזן אַן אױפֿרוף (דערנאָך נאָך עטליכע) צום גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פֿון שװעדען, װאו עס װערט אונטערגעשטרײַכלט, אַז די בעװעגונג האָט אַ רײַן עקאָנאָמישן כאַראַקטער, און ס׳איז נױטיג צו פֿערהאַלטען זיך װאָס רוהיגער און אין אַלעם פֿאָלגן די אָנפֿיהרענדע פּראָפֿעסיאָנעלע אײַנריכטונגען.

כּדי די ניט-אָרגאַניזירטע אַרבײַטער זאָל לײַכטער זײַן צוצושטעהן צום שטרײַק, האָט מען געמעלדעט, אַז די אַלע, װאָס װעלן זיך איצט פֿערשרײַבן אין די פֿעראײַנען, װעלן בעקומען דאָס רעכט אױף די זעלבע שטיצע בשעת דעם שטרײַק װי די אַלטע מיטגלידער. אײנאײנעם מיט דעם איז פֿעראָרדנעט געװאָרן, אַז די גאַנצע צײַט פֿון שטרײַק זאָלן די קאַסעס פֿון די פֿעראײַנען אַחוץ שטיצע די שטרײַקענדע קײן שום אַנדערע שטיצע ניט אַרױסגעבן (רײַזע-געלד, קראַנקען-שטיצע און אַז. װ.). די אַרבײַטער, װאָס שטעהן ניט אין שטרײַק, האָט מען פֿאָרגעלעגט צו צאָהלן גרעסערע אָבצאָהלונגען אין שטרײַק-פֿאָנד. אײניגע פֿאַכן האָט דער סעקרעטאַריאַט פֿאָרגעלעגט ניט צו שטרײַקן; דהײנו: די אַרבײַטער אין די בעלױכטונגס- און װאַסער-אונטערנעהמונגען, די קאַנאַליזאַציאָנס-אַרבײַטער, די קראַנקען-װאַכטער, די בעדינענטע בײַ הױז-פֿיה. זײ האָבן בעקומען פֿונים שטרײַק-קאָמיטעט בעזונדערע צײכנס, אַז זײ אַרבײַטען לױט פֿעראָרדנונג פֿון דער אָרגאַניזאַציע. די דאָזיגע צײכנס פֿלעגן פֿיעלע טראָגן אױף דער בוזים. די אײַזענבאַהנער האָבן אױך ניט אַװעקגעלעגט די אַרבײַט. שױן אין די ערשטע טעג פֿונים שטרײַק האָט מען דערזעהן, אַז די פֿערקעהרס-מיטלען װערן סײַ װי אָבגעשטעלט צוליעב דער פּוסטקײַט פֿון דער אינדוסטריע און פֿון האַנדעל. צום סוף פֿון דער ערשטער װאָך האָבן אױפֿגעהערט צו געהן 300 פֿראַכט- און פּאַסאַזשיר-צוגן. ס׳איז ניט נױטיג געװען, די אַרבײַטער זאָלן פֿאָרמעל אײַנשטעלן די אַרבײַט.

און די דאָזיגע טאַקטיק האָט געגעבן די מעגליכקײַט יעדן אײַזענבאַהנער אַרײַנצוטראָגן אַלע װאָך 5 קראָנען אין די שטרײַק-קאַסע; דאָס האָט אױסגעמאַכט אַ סומע פֿון 20000 קראָנען אַ װאָך. די זעלבע טאַקטיק האָבן פֿערנומען אױך די פּאָסט-טעלעגראַפֿען-בעאַמטע. אפֿילו אײניגע גרופּען סאָלדאַטען און מאַטראָסען האָבן געשיקט געלד און בעגריסונגען.

די ראָליע, װעלכע מיליטער שפּיעלט געװעהנליך בײַ אַלגעמײנע אױסשטעהונגען פֿון פּראָלעטאַריאַט, האָט אין שװעדען מיליטער ניט געשפּיעלט. די אַדמיניסטראַציע, װעלכע איז אינגאַנצן געװען אױף דער זײַט פֿון די בעלי-הבתים —האָט אפֿילו אָנגעװענדעט גענוג מיה, כּדי צו פּראָװאָצירען די אַרבײַטער צו שאַרפֿע אַרױסטרעטונגען, און דערמיט מאַכן אַ סוף צום אָרגאַניזירטן פּלאַנמעסיגן קאַמף. אַלע גרױסע אינדוסטריעלע צענטרען זײַנען פֿערפֿלײצט געװען פֿון מיליטער. אױף אַלע סטאַנציעס און בײַ די בריקן פֿון די אײַזענבאַהנען, אױף די גאַז- און עלעקטריציטעטס-װערק, אױף די װאַסערלײטונגס-סטאַנציעס — אומעטום זײַנען געשטאַנען בעװאָפֿנעטע סאָלדאַטען,—ניט קוקענדיג אױף דעם, װאָס די אַרבײַטער-אָרגאַניזאַציע אַלײן, װי מיר האָבן שױן געזאָגט, האָט בעשלאָסן, אַז די אַלע אונטערנעהמונגען זאָל מען ניט שטרײַקן. די פֿריעדליכע פּראָצעסיעס פֿון די אַרבײַטער פֿלעגט מען פֿערבאָטן. אין דער פּראָװינץ פֿלעגט מען אין פֿיעל ערטער צוטרײַבן פֿערזאַמלונגען. אין אַנדערע ערטער פֿלעגט די אַדמיניסטראַציע פֿאָדערן, מ׳זאָל איהר פֿריהער געבן אױף צענזור די רעזאָלוציעס. מ׳פֿלעגט אַרױסשיקן אױסלענדער, צוליעב קלײניגקײַטן אַרעסטירן אַרבײַטער און אַז. װ. אַלץ איז שװער אױסצורעכענען. דאָס אַלץ האָט שטאַרק אױפֿגערעגט די אַרבײַטער, אָבער דאָך האָט מען זיך אומעטום געהאַלטן רוהיג און ניט געגעבן דער אַדמיניסטראַציע די קלענסטע מעגליכקײַט אַרײַנצומישן אין די געשעהעניסען די בעװאָפֿנעטע מאַכט.

דאָס איז געװען אײנע פֿון די הױפּט-זאָרגן בײַ דער אָנפֿיהרענדער אַרבײַטער-אָרגאַניזאַציע. אין אױפֿרופֿן, אױף פֿערזאַמלונגען, אין די גאַסן און פֿאָלקס-הײַזער — אומעטום האָט מען געמאָנה׳ט, אַז מ׳מוז זײַן אױסגעהאַלטן און פֿאָלקאָמען רוהיג. פֿון צװישן די אַרבײַטער זײַנען אױסגעקליבן געװאָרן אָרדנער מיט „פּאָליצײַאישע" פֿונקציעס. זײ האָבן אַכטונג געגעבן, עס זאָל אַלץ זײַן אין אָרדנונג. זײ פֿלעגן ערשײַנען אומעטום און אױך בעטען, די חברים זאָלן זיך האַלטן רוהיג. און „די אָרדנונג" איז קײן מאָל ערגעץ ניט געשטערט געװאָרן. דאָס שװעדישע פּראָלעטאַריאַט האָט פֿערשטאַנען, װי פֿעראַנטװאָרטליך זײַן לאַגע איז, װאָס פֿאַר אַ פֿײַערליכער היסטאָרישער מאָמענט עס איז, און די אַרבײַטער האָבן פֿרײַ אָבגעהיט אַלײן, װאָס די פֿיהרער האָבן פֿעראָרדענט.

גאַנצע 15 טעג זײַנען 300000 אַרבײַטער מיט זײערע פֿאַמיליעס, דאָס הײסט, פֿיעלע הונדערטער טױזענדער מענשן, דורכגעקומען װי עס איז נאָר אָהן שטיצע. װער ס׳האָט געקליעבן בעערען (יאַגדעס) אין די װעלדער, װער געפֿאַנגען פֿיש, װער עס האָט פּשוט געלעבט פֿון די קלײנע אָבשפּאָרונגען פֿון די בעסערע צײַטן. אײניגע האָבן אַלײן געליהען געלד; אײניגע האָבן געהאַט קרעדיט בײַ די קרעמער. נור אָנהױב דריטע װאָך האָט דער צענטראַלער שטרײַק-קאָמיטעט פֿעראָרדענט אַרױסצוגעבן אַ מינימאַלע שטיצע און קײנער האָט זיך ניט געקלאָגט. אַלע האָבן פֿערשטאַנען, אַז דער קאַמף װעט דױערן לאַנג.

מ׳דאַרף בעזונדער זיך אָבשטעלן אױף דער ראָליע, װעלכע ס׳האָט געשפּיעלט אין שטרײַק די שװעדישע אַרבײַטער-פֿרױ. זי האָט אַרױסגעװיזן אַ װאונדערבאַרען מוטה, אַ זעלטענע פֿעסטקײַט. די אַרבײַטער-מוטער האָבן געהונגערט אַלײן און האָבן געדאַרפֿט צוזעהן, װי זײערע קינדער דערעסען ניט,— און דאָך האָט זיך זײער ענטשלאָסענהײַט ניט געמינדערט. אױף דער 4-טער װאָך פֿון שטרײַק איז אין שטאָקהאָלם (הױפּטשטאָט פֿון שװעדען) פֿאָרגעקומען אַ פֿערזאַמלונג פֿון איבער 20000 פֿרױען. װעלכע האָט זיך אײנשטימיג אַרױסגעזאָגט, אַז דער שטרײַק מוז דורכאױס געפֿיהרט װערן װײַטער. און אַזױ האָבן זיך פֿערהאַלטן מען צום שטרײַק די פּראָלעטאַרישע פֿרױען פֿונ׳ם גאַנצן לאַנד.

די ב״ב האָבן גערעכענט, אַז די פֿרױען, די שװאַכערע, װעלען גרינגער זיך אונטערגעבן, און האָבן אױף אַזאַ אופֿן געהאָפֿט אַראָבצורײַסן דעם שטרײַק. זײ האָבן בעזונדערס געמיהט זיך אַרײַנצונאַרען אין די פֿאַבריקן די פֿרױען. מ׳האָט זײ סיסטעמאַטיש די גאַנצע צײַט גערופֿען צו דער אַרבײַט, צוגעזאָגט העכערע שכירות; אַ קירצערען אַרבײַטסטאָג — נור זײ זאָלן זיך שטעלען צו דער אַרבײַט און איבעררײַסן אַלע בעציהונגען מיט די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײַנען. אַזעלכע פֿאָרשלאָגן פֿלעגט מען מאַכן די מענער אױך. אָבער אומעטום האָט דאָס געװירקט פֿונקט

דער היפך. דאָרט, וואו מען פלעגט פאָרלעגען די ארבייטער צו צורייסען מיט די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, פלעגט די צאָהל מיטגליעדער דווקא וואַקסען. צו דער פיערטער וואָך פון שטרייק האָט זיך אין גאַנצען לאַנד די צאָהל מיטגליעדער פון די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס פערגרעסערט אויף 50,000.

דער שוועדישער שטרייק האָט געגעבען די מעגליכקייט אויך די ארבייטער פון אַנדערע לענדער ארויסצוווייזען זייער פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעט. אָהן דעם וואָלט אפשר דער שטרייק ניט געקענט זיך אזוי לאַנג ציהען. אין נאָרוועגיען און דענעמאַרק, אין דייטשלאַנד און עסטרייך — זענען די גאַנצע צייט פאָרגעקומען געלדזאַמלונגען. דייטשלאַנד אַליין האָט ביז איצט אַריבערגעשיקט פאַר די שטרייקענדע אין שוועדען איבער 800000 מאַרק. די טעג האָט דאָס צענטראַל-ביוראָ פון אינטערנאַציאָנאַלען מעטאַל-ארבייטער-פערבאַנד בעשלאָסען צו שיקען די מעטאַל-ארבייטער פון שוועדען 500000 מאַרק. אויך איצטער קומען נאָך פאָר געלדזאַמלונגען, ווייל דער שטרייק איז נאָך ניט געענדיגט.

די קראַפט פון דער אָרגאַניזירטקייט, דיסציפּלין און אחדות פון פּראָלעטאַריאַט טרעט ארויס נאָך שטאַרקער, ווען מ׳זעהט, וואָס פאַר א מוראדיגען ווידערשטאַנדס-כח ס׳האָט אַרויסגעוויזען דאָס פעראייניגטע קאַפּיטאַל. דער אונטערנעהמער-פערבאַנד האָט אָרגאַניזירט אַן אייגענע מיליציע פון 3000 מענשען. אויסער אַלעמען מאָג איז איהם געלונגען, מיט הילף פון סטודענטען און „ליעבהאַבער" פון בורזשואַזע שיכטען, מיליטער ווידער איינצושטעלען די טראַמוויי-בעוועגונג אין שטאָקהאָלם. אין דער עיקר — גאַנצע 14 טעג האָט מען אפילו קיין סימן ניט בעוויזען, אז מ׳וועט פיהרען וועלכע ניט איז אונטערהאַנדלונגען. און מ׳דאַרף דאָך געדענקען, אז יעדער טאָג פון שטרייק האָט געקאָסט דעם קאַפּיטאַל דריי פירטעל מיליאָן קראָנען. דאָס האָט ער געדאַרפט צאָהלען אלע טאָג (בנינים, מאַשינען, העלפער פערסאָנאַל, שטיצע די ניט-פערמעגענדע בעלי-הבתים און אז. וו.) אויב מ׳זאָל נאָך רעכענען דאָס, וואָס ער וואָלט פערדינט, אויב ס׳וואָלט ניט געווען קיין שטרייק, קומט אויס, אז למשל פאַר די ערשטע 10 טעג האָבען די אונטערנעהמער פערלאָרען לויט די חשבונות פון דער בורזשואַזער פּרעסע, 50 מיליאָן קראָנען.

די גרויסע היזקות לעגען זיך, פערשטעהט זיך, קודם כל אויף די קליינע אינדוסטריעלער.

דאָס אָבשטעלען זיך פון דעם גאַנצען אינדוסטריעלען לעבען ברענגט מיט א פּויסקייט אויך אין געביט פון האַנדעל און קרעדיט. די גאַנצע געזעלשאַפט ווערט אָנגערירט, איהרע ברייטעסטע שיכטען. דעריבער זעהען מיר, אז אין דער דריטער וואָך פון שטרייק ענטשטעהט אין דער געזעלשאַפט א שטרעבונג צו מאַכען א פשרה צווישען די שטרייקענדע צדדים. פערשיידענע געזעלשאַפטען האָבען אָנגעהויבען משתדל צו זיין זיך פאַרן קעניג און פאַרן מיניסטעריום, די רעגירונג זאָל זיך אריינמישען אין דעם שטרייט. אָבער די איצטיגע קאָנסערוואַטיווע רעגירונג פון שוועדען, ענג פערבונדען מיט די פערטרעטער פון גרויס-קאַפּיטאַל, האָט בשום אופן ניט געוואָלט אָפיציעל אריינמישען זיך אין שטרייט און פאָרלעגען די צדדים איהר פערמיטלונג (אין שוועדען עקזיסטירט אגב א סיסטעם פון רעגירונגס-פערמיטלער ספּעציעל פאַר אזעלכע פאַלען). דער שטרייק האָט אָבער געווירקט אויך אויף די מלוכה-ווירטשאַפט. אין משך פון די ערשטע צוויי וואָכען האָט די מלוכה-ווירטשאַפט געהאַט היזק 2 מיליאָן קראָנען. די ליבעראַלע פּאַרטייען, וועלכע דריקען אויס די אינטערעסען פונ׳ם קליין-קאַפּיטאַל, האָבען ניט אויפגעהערט צו פאָדערן, די רעגירונג זאָל זיך אריינמישען, און סוף כל סוף האָט זי דאָס געמוזט טהון. די אונטערהאַנדלונגען האָבען זיך אָנגעהויבען.

דעם 2-טען אויגוסט האָט מען געשלאָסען א פּרעליּמינאַרען אָבמאַך, די אָנפיהרענדע איינריכטונג פון די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען האָט מסכים געווען, אז מ׳זאָל זיך ענדיגען דער שטרייק אין יענע אינדוסטריע-צווייגען, וועלכע געהערען ניט צום „שוועדישען ארבייטגעבער-פערבאַנד", דאָס הייסט צו דעם פערבאַנד, וועמעס לאָקאַוט-טאַקטיק איז געווען די דירעקטע אורזאַכע פונ׳ם שטרייק. די ארבייטסבעדינגונגען דאָרט, וואו דער שטרייק ענדיגט זיך, בלייבען די אלטע (מ׳דאַרף ניט פערגעסען, אז אין די דאָזיגע אונטערנעהמונגען האָבען די ארבייטער געשטרייקט נור צוליעב סאָלידאַריטעט און האָבען קיינע פאָדערונגען ווייטערע ביז ניט ארויסגעשטעלט). אויב ס׳וועט ניט זיין פאָרקומען א הסכם, דאַרף ער געלעזט ווערען דורך די אָרגאַניזאַציעס אויף אזא אופן האָבען דעם 23-טען אויגוסט לויט דעם צורוף פון דער אָרגאַניזאַציע געדאַרפט שטעלען זיך ארבייטען אַניעדך 100,000 ארבייטער. די איבעריגע 163000 בלייבען שטעהן ביז וואַנען ס׳וועלען זיך ענדיגען די אונטערהאַנדלונגען מיט

דעם ארבייטגעבער-פערבאַנד.

ניט האָט די אונטערהאַנדלונגען העלפען זיך אויפלאָזען, צי וועט ניט אויסקומען ווייטער צו מאָביליזירען די באַטאַליאָנען, וועלכע זענען דערווייל אָבגערופען פונ׳ם שלאַכט-פעלד, — איז איצט (סוף סעפּטעמבער) שווער פאָראויסצוזעהן. צו שטאַרק איז דאָס פעראייניגטע קאַפּיטאַל אָן און פיר זיך, און צו פיעל קרעפטען גיט איהם נאָך צו די ענערגישע שטיצע פון דער רעגירונג, אז דאָס פּראָלעטאַריאַט זאָל קענען האָפען אויף פאָלשטענדיגע ענטשיידענע נצחונות. אָבער מיט וואָס זאָלען זיך ניט ענדיגען די שוועדישע געשעהענישען, האָבען די שוין קלאָר בעוויזען, אז די בעוואוסטזיניגקייט, אָרגאַניזירטקייט און דיסציפּלין פון די מאַסען זענען די איינציגע קראַפט אין די הענד פונ׳ם פּראָלעטאַריאַט געגען דאָס אָרגאַניזירטע און פעראייניגטע קאַפּיטאַל.

IV

די געשיכטע פון דער ארבייטער-בעוועגונג האָט שוין געגעבען ביישפּיעלען פון אַלגעמיינע ארויסטרעטונגען פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס נעהמען ארום דאָס גאַנצע לאַנד. אַלגעמיינע שטרייקען זענען די לעצטע צייט פאָרגעקומען אין פערשיידענע לענדער. אויך אין שוועדען איז אינ׳ם יאָהר 1902 געווען אַן אַלגעמיינער שטרייק. אָבער דאָס זענען געווען פּאָליטישע ארויסטרעטונגען — זייער ציעל איז געווען — דעמאָקראַטיזירונג פון דער מלוכה-אָרדנונג. א חוץ דעם פּראָלעטאַריאַט, דעם דירעקטען קעמפּפער, זענען געווען שיכטען, וועלכע זענען כאָטש אין א געוויסען מאָס אויך פעראינטערעסירט געווען אין אזא דעמאָקראַטיזירונג. זיי פלעגען ניט אלע מאָל געהן מיט׳ן פּראָלעטאַריאַט אין דירעקטען קאַמפּף, אָבער זיי פלעגען העלפען בילדען יענע אַטמאָספער פון מיטגעפיהל, אָהן וועלכע ס׳האָט זיך ביז איצט נאָך קיין איינציגע דעמאָקראַטישע בעוועגונג ניט איינגעגעבען.

איצט האָט זיך געהאַנדעלט וועגען אַן עקאָנאָמישען קאַמפּף, אָבער אין די ראַהמען פון דעם גאַנצען לאַנד. אַן אַלגעמיינער שטרייק — מיט ריין עקאָנאָמישע ציעלען. דאָ האָט דאָס פּראָלעטאַריאַט געקענט רעכענען נור אויף זיינע אייגענע קרעפטען. אין דער זעלבער צייט איז אָבער וויכטיג געווען צו היטען זיך פון אזעלכע טריט, וועלכע וואָלטען אוננוצליך אויפגערעגט די ניט-פּראָלעטאַרישע עלעמענטען, וואָס זענען דירעקט ניט פעראינטערעסירט אינ׳ם נצחון פונ׳ם קאַפּיטאַל. מ׳האָט געמוזט בעוואָרענען, אז די דאָזיגע עלעמענטען זאָלען כאָטש בלייבען נייטראַל, זאָלען זיך כאָטש ניט בעציהען פיינדליך צום פּראָלעטאַרישען קאַמפּף. דאָס איז אויך איינע פון די אורזאַכען, פאַרוואָס מ׳האָט ניט אָבגעשטעלט די ארבייט אויף די גאַז-וועריק, אין די וואַסער-לייטונג-אונטערנעהמונגען א. ז. וו.

ווייטער, ביי פּאָליטישע ארויסטרעטונגען איז אָפט לעיקר וויכטיג זייער דעמאָנסטראַטיווע בעדייטונג. דאָס פּראָלעטאַריאַט דערמאָהנט די הערשענדע קלאַסען וועגען זיין עקזיסטענץ. דער בורזשואַזיע גיט מען אַן אזהרה. דאָ איז וויכטיג דער עפעקט, דער רושם, וועלכער קען ניט דויערן לאַנג און מוז דעריבער זיין וואָס פּלוצלינגער. אַן אַנדער זאַך איז דער עקאָנאָמישער קאַמפּף. דאָס איז א מלחמה, וועלכע איז פון אָנהויב אָן אויסגערעכענט אויף דירעקטע קאָנקרעטע רעזולטאַטען. דאָ ווערט די זאַך בעשלאָסען ניט דורך א רושם אויף א ווייל, נאָר דורך א פּלאַנמעסיג אָרגאַניזירטען קאַמפּף, א לאַנג-דויערנדען, וועלכער מאַטערט אויס דעם געגנער. און אויב דער געגנער בעזיצט אזא מוראדיגע קראַפט, וועלכע קען זיין נור ביים פעראייניגטען קאַפּיטאַל פון גאַנצען לאַנד, דאָ איז קלאָר, אז נור ביי א גרויסער מדרגה פון אויסגעהאַלטענקייט און דיסציפּלין פון די מאַסען קען מען ערוואַרטען א וועלכען ניט איז ערפאָלג. דעריבער האָט מען געמוזט מיט אלע קרעפטען מזהיר זיין די ארבייטער, זיי זאָלען זיך איינהאַלטען פון שאַרפע ארויסטרעטונגען, וועלכע די הערשענדע קלאַסען בעמיהען זיך מיט אלע כוחות צו פּראָוואָצירען בשעת אַלגעמיינע בעוועגונגען פון פּראָלעטאַריאַט. מ׳האָט אויך געמוזט אונטערשטרייכען די עקאָנאָמישע ציעלען פון קאַמפּף.

א מאַסענאַרויסטרעטונג, וועלכע נעהמט ארום די גאַנצע מדינה, בעקומט סיי ווי א אומפערמיידליך א כאַראַקטער פון קלאַסען-קאַמפּף אין ברייטסטען זין פון וואָרט, א פּאָליטישע בעדייטונג. און דאָס קען לייכט ארויסרופען א פאַרשטעלונג וועגען יענעם „גענעראַל-שטרייק", וועגען וועלכען עס רעדען אזוי פיעל די פראַנצויזישע סינדיקאַליסטען און אַנאַרכיסטען. דאָס איז אָבער גאָר אַן אַנדער זאַך. פאַר זיי איז דער „גענעראַל-שטרייק" אַן אָנהויב פון דער פולער ליקווידאַציע פון דער איצטיגער אָרדנונג, דאָ אָבער האָט זיך דערווייל געהאַנדעלט וועגען א געוועהנליכען פּראָפ. קאַמפּף. מ׳האָט געדאַרפט וועהרען זיך געגען דעם אָנפאַל פון פער-

איינציגען קאפיטאל און דערמיט בעשטימען די פאזיציע פון פראלעטאריאט אין איצטיגער אָרדנונג. מעהר נים. אונגעהעהנליך וועגען נעהמען נור די מיטלען פונ'ם קאמפף.

די אין פלוג בעשיידענע ציעלען האבען געפאדערט מוראדיגע, קיינמאל נים געוועהענע מיטלען. דער קאמפף צווישען ארבייט און קאפיטאל האט צום ערשטען מאל אנגענומען אזא גרויסען מאסשטאב, ארומגענומען די גאנצע מדינה. אין שוועדען האט דאס פעראייניגטע קאפיטאל צום ערשטען מאל אנגענומען די טאקטיק פון אלגעמיינע לאקאוטען, און דאס פראלעטאריאט איז געצוואונגען געווען צו ענטפערן מיט אן אלגעמיינער ארויסטרעטונג. אן אלגעמיינער שטרייק אלס מיטעל צו וועהרען זיך געגען דעם אנפאל פון קאפיטאל, צו פערבעסערען די לאגע פון די ארבייטער אין די ראמען פון דער עקזיסטירענדער ארדנונג — אט דאס איז דאס נייע וואָרט, וועלכעס דאס שוועדישע פראלעטאריאט האט געזאגט אינ'ם געביט פון סאציאלען קאמפף.

דאס, וואס ביידע צדדים האבען זיך געקענט נעהמען פאר אזא שארף מיטעל, בעווייזט, ווי ס'איז אויסגעוואקסען דער שוואונג פון קאמפף, דער מאסשטאב ווייטער, די ארגאניזירטקייט ביי פון דער ארבייט, ביי פון קאפיטאל. אט פאר־וואס די שוועדישע געשעהעניסען קענען אין א געוויסען מאס דיענען אלס פארבילד פון יענע פארמען פון קלאסענקאמפף, וואס וועלען זיך ענטוויקלען אויך אין אנדערע אינדוסטריעל ענטוויקעלטע לענדער. דערמיט איז צו ערקלערען דעם לעבהאפטען אינטערעס, מיט וועלכען ביי דאס פראלעטאריאט, ביי די בורזשואזיע פון אנדערע ציוויליזירטע לענדער האבען זיך פערהאלטען צו די שוועדישע געשעהעניסען. פון דאנען נעהמט זיך אויך דאס מיטגעפיהל און די גרויסע מאטעריעלע שטיצע פון איין זייט, די שנאה און העצעריי פון דער אנדערער. נים אומזיסט האט אזוי געקעהרט די וועלט די בורזשואזע פרעסע פון אלע לענדער, בעזונדערס פון דייטשלאנד, עסטרייך, וואו די סאלידאריטעט פון פראלעטאריאט האט זיך בעזונדערס שטארק ארויסגעוויזען. אין דייטשלאנד האבען זיך אפילו געפונען צייטונגען, וועלכע האבען געפאדערט, די דייטשע רעגירונג זאל פערבאטען די געלד־זאמלונגען פאר די שוועדישע „קראמאלניקעס". און דאס איז נאַטירליך. ביי די מאראלע קראפט, וועלכע די מאסען האבען געוואונען אין דעם שוועדישען קאמפף, ביי די מוראדיגע היזקות פונ'ם קאפיטאל — מוזען אלענפאלס האבען א פעסיגענדע ווירקונג אויף די צו גרויסע אפעטיטען פונ'ם פעראייניגטען קאפיטאל. די בורזשואזיע האט געוואלט די דאזיגע ווירקונג צושטערען. עס איז איהר נים געלונגען. און אין דער דאזיגער ווירקונג ליגט די גרויסארטיגע בעדייטונג פון די שוועדישע געשעהעניסען.

ענדע סעפטעמבער 1909.

י. יודין.

פאליטישע נאטיצען.

I

די לעצטע וואהלקאמפאניע אין פעטערבורג.

אין דעם געדיכטען חשך פון דער גרויזאמער רעאקציע האט א שיין געטאן אויף א ווײלע א שטראהל־ליכט — די לעצטע וואהל־קאמפאניע אין פעטערבורג. דער הויפט־אינטערעס איהרער איז געווען דער פאליטישער אינהאלט, וועלכער האט זיך ביסלעכווייז פאנאנדערגעוויקעלט אין דעם גאנג פון דער וואהל־קאמפאניע. די דעמאקראטיע האט געגעבען א שטרייט דעם בורזשואזען ליבעראליזם, און אז זי האט אבגעהאלטען א מאראלישען נצחון, אין דעם איז קיין ספק ניטא. אויב דער נצחון איז געבליבען נור א מאראלישער, אויב ער איז נים געווארען קיין רעאלער און אויסגעוועהלט געווארען איז דער קאנדידאט פון די קאדעטען, נים פון די דעמאקראטען, איז דאס מעהר ווי פערשטענדליך: דער אויסגאנג פון די וואהלען איז שוין פאקטיש א פריהער געווען בעשטימט דורך דער וואהל־סיסטעם פונ'ם דריטען יוני, וועלכע שליסט כמעט אינגאנצען אויס די מעהר דעמאקראטישע שיכטען פון דער בעפעלקערונג—דעם פראלעטאריאט. דערצו איז נאך צוגעקומען א גאנצע רייהע אומשטענדען, נים גינסטיגע פאר דער דעמאקראטיע, אנגעהויבען פון די נייע ערקלערונגען פון סענאט, וועלכע האבען נאך מעהר פערשמעלערט דעם קרייז פערזאנען, וואס האבען א צוטריט צו די וואהל־קעסטלעך, און געענדיגט מיט דער טעכנישער זייט—דאס וואס די פאליציי האט נים צוגעשטעלט גאנצע 25 טויזענד וואהל־בילעטענס (30 %) און דער גרעסטער פראצענט פון די נים צוגעשטעלטע בילעטענס פאלט אויף די שטאדט־טיילען, וואו די בעפעלקערונג איז דערהויפט א דעמאקראטישע. אפילו די קאדעטישע „רעטש" האט געמוזט מודה זיין, אז „עס איז פאראן א גרויסער גרונד צו קלערען, דאס ווען מען וואלט בענייט דעם וואהל־רייסטער, אדער ווען אפילו ביי דעם איצטיגען רייסטער וואלט מען בעשטימט פאר די וואהלען א יום־טוב־טאג, וואלט זיך די צאהל אנהענגער פון דער לינקער קאנדידאטור בעדייטענד פערגרעסערט". („רעטש" נומ. 261).

אין די וואהלען האבען אנטיילגענומען 24,257 וועהלער. דאס איז 30,4 % פון דער אלגעמיינער צאהל וועהלער, וועלכע זענען געווען אריינגעטראגען אין די וואהל־רייסטערס. און 43,3 % פון די, וואס האבען בעקומען בילעטענס.

צווישען פערשיידענע פארטייען האבען זיך די שטימען צוטיילט אזוי: די ק. ד.—12,467, ס. ד.—4,671, אקטיאבריסטען 3,951 די אונפארטייאישע קאנדידאטור—1,808, דער „פעראיין פון רוסישען פאלק"—1,241.

בעת די אלגעמיינע וואהלען אין 1907 האבען בעקומען בילעטענס 72000 וועהלער, אין די וואהלען האבען אנטייל גענומען 45,000 אדער 62 %. די גלייכ־

גילטיגקייט צו די וואַהלען איז פאַר די צוויי יאָהר נאָך גרעסער געוואָרען אויף גאַנצע 20 פּראָצענט.

דערביי מוז מען פערצייכענען, אַז וועניגער ווי אַלע האָבען זיך אָבגעהאַלטען, ד. ה. מעהר אַקטיוויטעט האָבען אַרויסגעוויזען, די וועהלער פון דער ס. ד. פּאַרטיי. דער פּראָצענט. אויף וועלכען די שטימען וואָס די ס. ד. האָט איצט בעקומען בעוויזען ווי בעת די וואַהלען פון 1907, איז דאָך נידעריגער ווי ביי די איבעריגע פאַרטייען. יע סמירנאָוו האַלט אַפילו פאַר מעגליך צו בעהויפּטען, און ניט אָהן אַ גרונד. אַז „די אמת'ע פערקלענערונג פון די „לינקע" שטימען איז ניט מעהר פון 10 פּראָצענט, און אַז אַזאַ פערקלענערונג לאָזט זיך ערקלערען מיט נאַטורליכע סבות, וועלכע האָבען צו אַבסענטעאיזם קיין שייכות ניט, ווי למשל, טויט, קראַנקהייט, אָבפאָהרען און ד. גל." (סאָוורעמעני מיר" 9)

די וואַהל-קאַמפּאַניע אין פּעטערבורג איז בכלל אַריבער זעהר לעבהאַפט. די פּאָליציי האָט, פערשטעהט זיך, ניט געשלאָפען. מען האָט ניט ערלויבט אַפילו קיין איין עפענטליכע פערזאַמלונג נאָך די רעגעלען פונ'ם 4-טען מערץ ה. ה. אַז אויף די פערזאַמלונגען האָט מען צוגעלאָזען בלויז וועהלער. און אויף די פערזאַמלונגען גופא איז גענוג געווען אָנצורופען רוסלאַנד מיט דעם נאָמען קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע, אָדער זאָגען, אַז דער מאַניפעסט פון 17-טען אָקטאָבער איז פּראָקלאַמירט געוואָרען אונטער דעם דרוק פון דעם אַלגעמיינעם שטרייק, אַז דער פּריסטאַוו זאָל פערמאַכען די פערזאַמלונג. דער אינטערעס צו די פערזאַמלונגען פלעגט ווערען אַלץ גרעסער, וואָס מעהר די וואַהל-קאַמפּאַניע האָט זיך ענטוויקעלט. די זאַלען, וועלכע פלעגען פון אַנהויב קאַמפּאַניע זיין האַלב פּוסטע, זענען צום סוף געווען געפּאַקט מיט מענשען. בנוגע צו דער פּאָליטישער שטימונג פון די צוהערער, האָט אין אַ גאַנצע רייהע פערזאַמלונגען די בעדייטענדע מעהרהייט אַרויסגעוויזען איהר מיטגעפיהל גראָדע צו די לינקע. און דאָס פלעגט זיין ניט נור אויף די פערזאַמלונגען, וואָס זענען צונויפגערופען געוואָרען דורך די אַנהענגער פון דער ס. ד. קאַנדידאַטור, נור אויף די פערזאַמלונגען, וועלכע די קאַדעטען האָבען אָרגאַניזירט.

נאָך איין כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער קאַמפּאַניע. אויף דער וואַהל-אַרענע זענען אינגאַנצען ניט געווען די בעלי בתים פון דער דומע פונ'ם דריטען יוני. ניט די רעכטע, ניט די אָקטיאַבריסטען האָבען ניט גענומען קיין שום אנטייל אין דער וואַהל-קאַמפּאַניע, און דאָס איז געווען זעהר קלוג פון זייער זייט. אויף די פערזאַמלונגען וואָלטען זיי אונפערמיידליך דורכפאַלען, זייער פּאָזיציע וואָלט געוויס אינגאַנצען צושלאָגען ווערען. זיי וואָלטען נור טהון אַ טובה זייערע געגנער. ווען די לייט וואָלטען זיך אַריינגעמישט, וואָלטען די וועהלער זיך דערשרעקען פאַר דער שוואַרצער געפאַהר און וואָלטען זיך אַזוי פיעל ניט אָבגעהאַלטען פון שטימען און דאַן וואָלט גרעסער געוואָרען די צאָהל שטימען פון די ק. ד. און ס. ד.

דער גאַנצער קאַמפּף האָט זיך אויף אַזאַ אופן קאָנצענטרירט צווישען די ק. ד. און ס. ד. די ס. ד. האָבען זעלבשטענדיג אַרויסגעשטעלט סאָקאָלאָוו'ס קאַנדידאַטור און די פאָלקס-סאָציאַליסטען און טרודאָוויקעס האָבען זי בעשטיצט. די לעצטע האָבען ריכטיג פערשטאַנען, אַז די איצטיגע פּאָליטישע לאַגע פאָדערט

פון די דעמאָקראַטען, זיי זאָלען קעמפּפען אין איין און דערזעלבער צייט אויף צוויי פראָנטען. אי געגען דער רעגירונג מיט איהר דומע-מעהרהייט, אי געגען דער קאַדעטישער אַזוי גערופענער „פעראַנטוואָרטליכער אָפּאָזיציע", וואָס האָט אַזוי ענטשלאָסען אָבגעריסען, איבערהויפּט די לעצטע צייט, מיט אַלע טראַדיציעס פון אַן אמת'ער דעמאָקראַטישער אָפּאָזיציע.

די פעראייניגטע דעמאָקראַטיע האָט גלייך אָנגעהויבען אָנגרייפען, בעפאַלען; די קאַדעטען האָבען די גאַנצע צייט פערנומען כמעט אויסשליסליך אַ פערטיידיגונגס-פּאָזיציע און דערביי האָבען זיי זיך, געוועהנליך, ניט אָבגעשטעלט פאַר דורכאַוס ניט שענע קאַמפּפס-מעטאָדען. דער מיטאַרבייטער פון „ריעטש", וועלכער האָט שוין אַ שם פאַר אַ שרייבער, וואָס שעמט זיך ניט צו בענוצען זיך מיט אונריינע פּאָלעמישע מיטלען, דער רענעגאַט איזגאָיעוו, האָט געפּרופט פערזיכערען די וועהלער, אַז „די לינקע טוען אַן אַרבייט, וואָס די רעגירונג האָט בעשטעלט". דערביי האָט מען געגעבען אָנצוהערעניש, אַז די גאַנצע קאַמפּאַניע געגען די קאַדעטען ווערט מן הסתם געוויס געפיהרט דורך אַ וועלכען עס איז אַגענט, וואָס וואַרט נאָך אויף אַ בורצעוו'ן וואָס זאָל איהם ענטדעקען. און אַז. וו.

כאַראַקטעריסטישער פון אַלץ איז געווען די פּרעטענזיע, וואָס מיליוקאָוו האָט אַרויסגעשטעלט געגען די ס. ד. מיט דעם וואָס די לינקע שטעלען אַרויס אַ זעלבסטשטענדיגע קאַנדידאַטור,—איז ער אַרויסגעבראַכט געווען—דעזאָרגאַניזירען זיי די קאַדעטען, „די איינציגע פּאָליטישע גרופּע, וואָס האַלט אויף די טראַדיציעס פון דעם מעגליכען אָפּאָזיציאָנעלען קאַמפּף אין דער איצטיגער צייט, די איינציגע גרופּע, וואָס איז איבערגעבליבען פון דער בעפרייאונגס-בעוועגונג און וואָס ס'האָט זיך נאָך ניט איינגעגעבען צו מאַכען אַ סוף פון איהר."

אַ געהעריגען ענטפער אויף דער דאָזיגער משונה'דיגער פּרעטענזיע, האָט געגעבען מאַרטאָוו אין „נאַשע דעלאָ" נומער 9. עס הייסט זיך אַרויס, אַז דאָס איז שוין אַן אַלטע היסטאָרישע טאַקטיק פון דער ליבעראַלער בורזשואַזיע: יעדעס מאָל, ווען די אַרבייטער האָבען געפּרובט אַרויסשטעלען בעת די וואַהלען אַ זעלבסטשטענדיגע קאַנדידאַטור (לאַסאַל אין 1862, די פראַנצויזישע אַרבייטער אין די זעכציגער יאָהרען), פלעגט די בורזשואַזיע די „דעזאָרגאַניזאַטאָרען" בעשולדיגען, אַז זיי זענען געהיימע אַגענטען פון דער רעאַקציע. און אַלע אַזעלכע פאַלען פלעגען די, וואָס האָבען מיט זיך פאָרגעשטעלט די „איינציגע איבערגעבליבענע גרופּע" פון דער פריהערדיגער בעוועגונג, נור דערפאַר, וואָס זיי האָבען אין דער [illegible] צייט דעזערטירט און דערום גאַנץ געבליבען בעת דעם נצחון פון דער רעאַקציע,—אָט די דאָזיגע מענשען פלעגען אויפגעבראַכט זיין אויף די עזות'ניקעס, וואָס דערוועגען זיך צו ברעכען די אנגענומענע מאָנאָפּאָל, וועלכע יענע האָבען ערוואָרבען פאַר זיך מיט זייער דעזערטירען". מיליוקאָוו'ס טענה קלינגט נאָך משונה'דיגער, ווייל ניט די רוסישע בורזשואַזיע אין וועמעס נאָמען מיליוקאָוו רעדט, האָט דאָך איינגעפלאַנצט די מאָגערע פלאַנצונג פון דער רוסישער קאָנסטיטוציע, פון וועלכער ס'איז ביז איצט איבערגעבליבען דאָס פערדאַרטע צווייגעל פון דער דריטער דומע.

אין דער אמת'ען איז זי אַליין געקומען אויף אַלעם פאַרטיגען אָדער כמעט

אויף אלעם פארטיגען. אינ'ם שטרייט מיט דעם אלטען רעזשים האט דער ליבעראליזם געשפילט לגמרי ניט די ערשטע ראלע, די ארבייטער און די ניט פארמעגליכע אינטעליגענץ, וועלכע ה' מיליוקאוו ענטזאגט איצט דאס רעכט צו האבען אנאייגענע פערטרעטונג אין דער דריטער דומע, האבען געקעמפט פאר פאליטישע פרייהייט, נאך אין דער צייט, בעת מיליוקאוו'ס חברים האבען נור קיים קים געמורמעלט וועגען איהר; האבען זיך ארגאניזירט אין מאססענהאפטע פאליטישע פארטייען שוין אין דער צייט, ווען דער ליבעראליזם האט זיך ניט דערהויבען אדער מורא געהאט אריבערצוגעהן איבער'ן שוועל פון די פירשטליכע אדער איינפאך פריצישע סאלאנען".

די גרונד-פונקטען, וועלכע זענען געווען דער הויפט-אינהאלט פונ'ם וואהל-קאמפף אויף פערזאמלונגען און אין דער פרעסע, זענען ארויסגעשטעלט געווארען פאלשטענדיג און בעשטימט. א דאנק דער מיה פון די ס.-ד. האבען די אלגעמיינע פאזיציעס פון די ביידע קעמפפענדע פארטייען, פון די ק.-ד. און ס.-ד. -- געטראגען א קלארען בולט'ן כאראקטער. און אין דעם פרט האט די לעצטע קאמפאניע געהאט א גרויסע פאליטיש-ערציהענדע בעדייטונג. דער שטרייט האט זיך געקייקעלט ארום דער פראגע וועגען דער טאקטיק אין דומע און אויסער דער דומע און האט שטענדיג בעריהרט די יסודות פון דער פאליטישער און סאציאלער וועלט-אנשויאונג פון ביידע פארטייען. די טאקטיק פון דער ליבעראלער בורזשואזיע — ק.-ד., אדער די טאקטיק פונ'ם פראלעטאריאט — ס.-ד. -- אין דעם איז בעשטאנען דער שטרייט. דאס רייכע מאטעריאל, וואס האט זיך אנגעקליבען פאר די צוויי יאהר, וואס די דריטע דומע עקזיסטירט, האט געגעבען די מעגליכקייט צו אילוסטרירן דעם שטרייט מיט קלארע טיפישע ביישפילען.

מיר האלטען פאר ניט איבעריג בעקאנט צומאכען אונזערע לעזער מיט די גרונד-שטריכען פון די דאזיגע צוויי טאקטישע פאזיציעס, אויף וויפיל זיי האבען זיך בולט ארויסגעשטעלט אויף די פאר-וואהל-פערזאמלונגען און אין דער פרעסע.

פאר דער קורצער צייט פון זיין פאליטישער עקזיסטענץ האט שוין דער רוסישער ליבעראליזם בעוויזען צו מאכען וואונדערליך ווייטע שפרונגען אין פערראטען זיינע אייגענע פרינציפען. עס איז גענוג צו פערצייכנען לפחות אזעלכע שארפע עטאפען: אין 1905 נעהמען די ק.-ד. אנטייל אין דער פאריזער קאנפערענץ פון די רעוואלוציאנערע פארטייען און שפעטער בעציהען זיי זיך מיט דער גרעסטער שנאה צו דער פאהן פון די לינקע, ווי צו א "רויטע שמאטע"; אויף זייער ערשטען צוזאמענפאהר האבען די ק.-ד. ארויסגעשטעלט די פאדערונג: קאנסטיטואירענדע פערזאמלונג, און גאר גיך פאסען זיי זיך צו אזוי גוט צו דער עקזיסטירענדער ארדנונג און געהען אזוי ווייט אין דעם דאזיגען צופאססען-זיך, אז זיי קאנען שוין מאכען די רייזע קיין לאנדאן און פייערליך ערקלערען דארטען, אז "דער אבגרונד צווישען דעם אפיציעלען און דעם ניט אפיציעלען רוסלאנד איז שוין פערשאטען". איצט זענען שוין אונזערע ליבעראלען אפנים צוגעשטאנען צו א ברעג; זיי האבען זיך אנגעכאפט פאר דער דומע, ווי פאר דער איינציגער ישועה און אבגעקערט זיך מיט'ן רוקען צו די פאלקס-מאסען. אין איהר, (אין דומע, הייסט עס) און נור אין איהר איז קאנצענטרירט די

גאנצע מעגליכקייט צו קעמפפען פאר א בעסערע צוקונפט". אזוי האט קוטלער פארמולירט די פאליטישע פאזיציע און די האפנונגען פון די ק. ד.. אמת, אנאנדער ק. ד., ראדיטשעוו, האט זיך אין רעדנערישער היץ ארויסגעכאפט מיט דורכאויס א געגענזעצליכער מיינונג, און דאס האט געבראכט דערצו, אז דער ס. ד. קאנדידאט סאקאלאוו האט זיך פערוואונדערט: ניט שוין ווישע אניפוט דער ק. ד. פאר אידם. ראדיטשעוו האט געזאגט: "פון דער פריצישער דומע-מעהרהייט קאן מען קיין שום רעכטע זאך ניט ערווארטען". נאר ער איז שוין פון לאנג בעקאנט פאר א מענש, וואס היט זיך ניט אין אויסדריקען, און דעם לידער פון די ק. ד., מיליוקאוו'ן, איז שוין ניט איינמאל אויסגעקומען צו פערריכטען ראדיטשעוו'ס אונפארזיכטיגקייט. צוליעב דער זעלבער רעדנערישער היץ, אין וועלכער ראדיטשעוו האט ארויסגעשריען זיין בעוואוסטע פראזע וועגען "סטאליפינ'ס האלזבאנד", איז מיליוקאוו'ען אויסגעקומען אפילו (אודאי כדי צו ראטעווען די "איינציגע איבערגעבליבענע גרופע") אנטייל צונעהמען צוזאמען מיט די רעכטע אין אן אוואציע לכבוד סטאליפינ'ען. אין דעהם איז קלאר, אז די מיינונגען פון דער קאדעטישער פארטיי דריקט דא אויס קוטלער און ניט ראדיטשעוו. "די דומע, ערקלערט קוטלער זיינע הערער, קאן מען ניט איבערמאכען. מען קאן זי ניט צווינגען צו ארבייטען לטובה פון די ברייטע מאסען. נור עראבערענדיג טריט ביי טריט הנחות, נור שטרעבענדיג טריט ביי טריט צו פערווירקליכען דעם מאניפעסט פונ'ם 17-טען אקטאבער, נור אויף אזא'ן אופן קאן די אפאזיציע פערווירקליכען איהרע אויפגאבע". הייסט עס, אז דעם נאך ניט געלעזטען שטרייט צווישען דעם אלטען און דעם נייעם רוסלאנד האלטען די ק. ד. פאר מעגליך צו לעזען אין דער דריטער דומע, וואו עס בעל-הבית'עוועט, אין דער געשטאלט פון דער געהארכזאמער מעהרהייט, דער אלטער רעזשים מיט זיין גאנצער פולער מאכט און הערשאפט. פרעגט זיך אבער, ווי קאן מען דאס דערגרייכען? דורך קאמפראמיסען, ענטפערן זיי: טריט ביי טריט, דורך פשרה'ס, שטיצענדיג דעם צענטער, ד. ה. די אקטאבריסטען אויפ'ן וועג פון אפאזיציע צו דער רעגירונג. אין דער דאזיגער טאקטיק פון אבמאכונגען און קאמפראמיסען שטעקט די גאנצע חכמה פון די ק. ד. אין דער צווייטער דומע איז די מעהרהייט געווען זייערע, האבען זיי דאן געשטרעבט צו א פשרה מיט דער רעגירונג; אין דער דריטער דומע, וואו זיי זענען אין דער מינדערהייט, ווענדען זיי אן גאר זייערע קרעפטען ווידער צו פשרות, אבער שוין ניט מיט דער רעגירונג, אויף דעם איז איצט קיין האפנונג נישטא, נור מיט די אקטאבריסטען. ווי באלד אבער, אז דער גאנצער קונץ בעשטעהט אין ארייגצוציהען ווי עס איז זייערע שכנים פון רעכטס אין אן אבמאך, איז נאטירליך, אז די גאנצע פאליטישע טעטיגקייט בעשטעהט פריהער פון אלין אין דיפלאמאטיע. "די ק. ד. פארטיי, בעמערקט מיט רעכט ג. פלעכאנאוו, איז א פארטיי פון דיפלאמאטען איבערהויפט. די ק. ד. גלויבען אין דער אלמעכטיגקייט פון דיפלאמאטיע, פערגעסענדיג, אז דיפלאמאטיע איז שטארק נור דא, וואו זי שטיצט זיך אויף א גוטע ארמעע. די פארטיי פון פאלקס-פרייהייט האט ניט און קאן נאך איהר גאנצען כאראקטער ניט האבען הינטער זיך קיין

שום אַרמעע. און דעריבער טאַקע איז די נאָך מעהר געצוואונגען צו האָפען בלויז אויף דיפּלאָמאַטיע (נאַשי דני נום. 7).

אָבער וואו, פרעגען די לינקע ביי די ק. ד., זענען די פּראַקטישע רעזולטאַטען פון אייערע פשרות און אָבמאַכען? נאָך מעהר, וואו איז דער אַנדער צד, וואָס זאָל העלפען אַריינגעהן מיט אייך אין אַנ'אָבמאַך? לאָזט זיך אויס, אַז אַזאַ צד איז נישטאָ אין דער דריטער דומע, ווי ס'איז ניט געווען אין דער צווייטער.

ניט די רעגירונג, ניט איהר דומע-מעהרהייט ווילען אַפילו ניט הערען וועגען קיין שום אָבמאַך מיט די ק. ד. און עס איז נאַטירליך: אין אַנ'אָבמאַך גייט מען אַריין נור מיט דעם, אין וועמען מען זעהט אַ רעאַלע קראַפט. וועגען דער רעאַלער קראַפט פון די קאַדעטען האָט אָבער די רעגירונג קיין שום אילוזיעס ניט. דאָס האָט מיליוקאָוו זעהר אָפענהערציג מודה געווען אין זיין רעדע וועגען אַזעף. „מען האָט אונז גערופען, געוואָלט מאַכען פאַר מיניסטאָרען, האָט ער געזאָגט, בעת מען האָט גערעכענט, אַז מיר שטיצען זיך אויף דעם „דישען כח". מען האָט אונז געאַכטעט, כל זמן מען האָט אונז גערעכענט פאַר רעוואָלוציאָנערען; ווען מען האָט זיך אָבער דערוואוסט, אַז מיר זענען בלויז אַ שטרענג קאָנסטיטוציאָנעלע פּאַרטיי, האָט מען זיך שוין מעהר אין אונז ניט גענויטיגט". (ריעטש נום. 43). און אויב אַזוי, האָבען מיר אָנשטאָט אָבמאַכונגען, אַ שטענדיגעס נאָכגעבען, אַ שטענדיגעס צופּאַסען זיך צו דעם שטאַנדפּונקט פון די אָקטיאַבריסטען; מען שטויסט זיי ניט פאָרווערטס, נור מען שלעפּט זיך שטענדיג נאָך זייער עק.

עס איז בעוואוסט, אַז לעזען די אָדער יענע פראַגע הייסט געוועהנליך ביי די ק. ד. אַרויסשטעלען אַזאַ מין פשרה, אויף וועלכע די דומע-מעהרהייט זאָל ביי די בעטרעפענדע בעדינגונגען אַיינגעהן.

און עס איז דערום נאַטירליך, אַז די רעזולטאַטען פון דער קאַדעטישער געזעץ-געבערישער טעטיגקייט—און נור צוליעב דער דאָזיגער טעטיגקייט געהען זיי דאָך, ווי זיי זאָגען, אין דומע—בעטרעפען אַ נול, ניט מעהר. ניט נור וואָס די קאַדעטען האָבען ניט דורכגעפיהרט אַפילו קיין איין אייגענעם געזעץ-פּראָיעקט, זיי האָבען אַפילו ניט געקאָנט לפחות וויפיעל עס איז אומענדערן אין'ם גייסט פון ליבעראַליזם קיין איינציגען פון די געזעץ-פּראָיעקטען, וואָס די רעגירונג אָדער די אָקטיאַבריסטען האָבען אַריינגעטראָגען.

אַז די פאַקטישע רעזולטאַטען פון זייער דומע-טעטיגקייט זענען ביז איצט געווען אַ פּוסט-אָרט, דאָס זענען די קאַדעטען אַליין מודה אין די זעלטענע מינוטען, ווען ביי זיי עפענען זיך די אויגען אָדער אפשר דעמאָלט, ווען צוליעב וועלכע עס איז טאַקטישע אויסרעכענונגען געפינען זיי דאָס ניט פאַר נויטיג צו בעהאַלטען. אָט וואָס די „ריעטש" (נום. 149) האָט געשריבען וועגען דעם סך-הכל פון דער צווייטער סעסיע: „נור אויב מען זאָל זיך פרעגען, צי איז געוואָרען פאַר דער צייט פון דער פאַרגאַנגענער סעסיע לפחות וויפיעל עס איז לייכטער צו לעבען און אָטעמען אין וועלכען עס איז ווינקעל פון אונזער גרויסען און ווייטען פאָטערלאַנד, וואַגען מיר צו מיינען, אַז דאָ וועט קיין מיינונגס-פערשיידענהייט ניט זיין און די תשובה, וואָס וועט זיך בעקומען, וועט זיין אַ העכסט טרייסטלאָזע.

די פלומרשדיגע פּראַקטישקייט פון די קאַדעטען, זייער שטענדיגער בע-

ריהמען זיך מיט זייער רעאַליזם, מיט דעם, אַז אין געגענזאַץ צו דער אונפּרינציפּיעלער טאַקטיק פון די לינקע, קעמפען זיי פאַר דעם, וואָס קען שוין איצט פאַרווירקליכט ווערען—דאָס אַליין, ווייזט זיך אויס, איז נור אַן אויסגעטראַכטע מעשה, אַ פּוסטע פראַזע. די רעאַלע פּאָליטיק—אַט דאָס ווערים'על, אויף וועלכען די ק. ד. פלעגען ביז איצט פאַנגען זייערע וועהלער,—האָט קיין שום רעזולטאַטען ניט געגעבען. און דאָס „בינטעל האָר", וואָס מיליוקאָוו וויל לכל הפּחות אַרויסרייסען פון דער חזיר'ס רוקען, האָט נאָך קיינער פון זיי עד היום ניט אַרויסגעריסען.

אָט זענען איניגע ביישפּילען, גענומען פון דער לעצטער דומע-סעסיע, ביישפּילען, וועלכע ווייזען, ווי ווייט די קאַדעטען טרעטען אָב פון זייערע פּרינציפּען, און ווי ווייט זיי פערגעהען אויפ'ן וועג פון צופּאַסען זיך.

די ק. ד. האָבען אַריינגעטראָגען אַ געזעץ-פּראָיעקט וועגען אומצוענדערן יענעם פּונקט פון וואַהל-געזעץ, וואָס נעהמט אָב דאָס וואַהל-רעכט ביי די פערזאָנען, וואָס זענען אָנגעקלאָגט געוואָרען לויט געוויסע אַרטיקלען פון קרימינאַל-קאָדעקס. איז דער דאָזיגער געזעץ-פּראָיעקט זייער צוזאַמענגעשטעלט אַזוי, אַז דאָס וואַהל-רעכט זאָל אומגעקערט ווערען די פערמ'משפּט'ע פאַרן וויבאָרגער אויפרוף; צערעטעלי אָבער און די איבעריגע פערמ'משפּט'ע ס. ד. דעפּוטאַטען זאָלען זייער וואַהל-רעכט צוריק ניט בעקומען און די דאָזיגע דיפּלאָמאַטישע הגהה, קען מען אַפילו ניט פערענטפערען מיט פּראַקטישע אויסרעכענונגען, ווייל, ווי מיליוקאָוו אַליין האָט ערקלערט, וועט דער געזעץ-פּראָיעקט אַפילו אין זיין איצטיגער פאָרם אויך קיינמאָל ניט דורכגעהן אין דומע ביי די איצטיגע בעדינגונגען.

די זעלבע פּחדנות האָבען די קאַדעטען אַרויסגעוויזען אין דער נאַציאָנאַלער פראַגע. בעת אין דומע איז בעטראַכט געוואָרען די פראַגע וועגען אויסטיילען די חעלמער געגענד, האָט געגעטשקאָרי פאָרגעלעגט אָבצואוואַרפען אויפ'ן שטעל דעם דאָזיגען שוואַרץ-פּאַטריאָטישען געזעץ-פּראָיעקט און ניט איבערגעבען איהם אַפילו אין אַ קאָמיסיע. די ק. ד. האָבען צוזאַמען מיט די אָקטאָבריסטען דעם פאָרשלאַג פערוואָרפען. מיט די ס.-ד. האָבען געשטימט אַ סך דעפּוטאַטען פון דער פּוילישער קאָלאָ. נור שענדליכער ווי אַלע האָבען זיך די ק.-ד. געהאַלטען אין דער פראַגע וועגען גלויבענס-פרייהייט. אין קאָמיסיע האָבען די ק. ד. פערטיידיגט אַנ'אויסבעסערונג, וועלכע גיט דאָס רעכט ניט צו געהערען צו קיין שום אמונה, ווען אַזאַ אויסבעסערונג וואָלט אָנגענומען געוואָרען, וואָלט עס געהאַט אַ קאָלאָסאַלע פּאָליטישע בעדייטונג. אין דער דומע גופא האָבען די אויסבעסערונג אַריינגעטראָגען די ס. ד.; און אַזוי ווי, בעת די פראַגע איז בעטראַכט געוואָרען אין דומע, זענען די רעכטע אַוועק פון דער זיצונג, איז דער גורל פון דער אויסבעסערונג אָבהענגיג געווען דורכאויס פון דער אָפּאָזיציע. די קאַדעטען האָבען זיך אָבער דערפאַר דערשראָקען און כדי צוליעב צו טון די אָקטאָבריסטען האָבען זיי צוזאַמען מיט זיי די אויסבעסערונג פון די ס. ד. פערוואָרפען, הגם זיי האָבען בעדאַרפט גוט וויסען, אַז אַפילו אָהן דער דאָזיגער אויסבעסערונג וועלען אויך די העכערע אינסטאַנציעס ניט דורכלאָזען דעם געזעץ-פּראָיעקט וועגען גלויבענס-פרייהייט.

און דאָס וואָס אונזערע ליבעראַלען שטימען שטענדיג פֿאַר'ן בודזשעט, הגם ער איז געגרינדעט אויף אַזינע יסודות, וואָס שטעלען בדלות דאָס לאַנד, די אָרעמערע שיכטען פֿון לאַנד, און בעשיצען דעם וואוילשטאַנד פֿון די פּריווילעגירטע קלאַסען?

די קאַדעטען אַליין בעשולדיגען די רעגירונג אין דער אָרעמקייט און אין די אונגליקען פֿון לאַנד, אין די נאַציאָנאַלע ערנידערונגען, וואָס רוסלאַנד ליידט, און צוזאַמען מיט דעם סאַנקציאָנירען די ק. ד. דעם בודזשעט, הגם, לויט זייערע אייגענע ווערטער, האָבען זיי ניט קיין שום מעגליכקייט איהם צו קאָנטראָלירען. זיי שילדערען די שרעקען פֿונ'ם אַדמיניסטראַטיווען ווילדעהן און פֿונ'ם טורמע-רעזשים, און אין דער זעלבער צייט שטימען זיי פֿאַר 8 מיליאָן צו פֿערגרעסערן די קרעדיטען אויף די טורמעס, שטימען זיי פֿאַר 1 מיליאָן אויף אַרויסצוגעבען שטיצע די בעאַמטע פֿון דער אַלגעמיינער פּאָליציי און פֿון דער זשאַנדאַרמעריע, שטימען צוזאַמען מיט די רעכטע און די אָקטאָבריסטען פֿאַר אַ געזעץ-פּראָיעקט וועגען בעזונדערע פּריווילעגיעס און פּענסיע פֿאַר די טורמע-בעאַמטע, הגם פֿון די דעבאַטען ווייזט זיך אַרויס, אַז דער דאָזיגער געזעץ-פּראָיעקט וואָס די רעגירונג האָט אַריינגעטראָגען, האָט אַ דעמאָנסטראַטיווען חאַראַקטער. פֿאַר דער גאַנצער צייט, וואָס די דומע עקזיסטירט, קאָן מען פֿערצייכענען נור איין צופֿאַל, ווען די ק. ד. זענען געגאַנגען מיט דעם פּרינציפּיעלען וועג. די האָבען אָבגעוואָרפֿען דעם גאַנצען בודזשעט פֿונ'ם אינערן-מיניסטעריום פֿאַר 1909.

דער דאָזיגער ווידערשפּרוך צווישען וואָרט און טהאַט איז אויך איינער פֿון די חאַראַקטעריסטישע שטריכען פֿון דער גאַנצער פּאָליטישער פּאָזיציע פֿון די ק. ד. מיט ווערטער טרעטען זיי שאַרף אַרויס געגען דער גאַנצער פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג און אין טהאַט סאַנקציאָנירען זיי דעם בודזשעט און שטיצען די רעגירונגס-מעהרהייט אין אַ גאַנצער רייהע פֿראַגען.

זעהר אַ וויכטיגען אָרט האָט פֿערנומען אין דער וואַהל-קאַמפּאַניע דער שטרייט וועגען דער רייזע פֿון די ק. ד. קיין לאָנדאָן. די לינקע האָבען אַרויסגעשטעלט דעם דאָזיגען פּונקט, ווייל ער אילוסטרירט זעהר דייטליך די פּרינציפּענלאָזיגקייט פֿון דער קאַדעטישער פּאָזיציע, ווייל אין איהם האָט זיך אַרויסגעוויזען די נייעסטע ליניע פֿון אונזער ליבעראַליזם — אָבצורייסען אינגאַנצען מיט דער דעמאָקראַטיע און מיט איהרע טראַדיציעס.

מיר וועלען דערמאָנען אין איינעגע ווערטער די געשיכטע און די אומשטאַנדען פֿון דער דאָזיגער רייזע. אָרגאַניזירט די רייזע האָבען די אָקטאָבריסטען און זיי האָבען איינגעלאַדען איינעגע פֿערזאָנען פֿון דער קאַדעטישער פֿראַקציע. די אומשטענדען האָבען זיך אַזוי צוזאַמענגעלעגט, אַז די רייזע איז פֿאָרגעקומען פֿאַר דער אָפֿיציעלער בעגעגעניס פֿון דעם הערשענדען רוסלאַנד מיט דעם הערשענדען ענגלאַנד. צו דער רייזע פֿון די דעפּוטאַטען האָט מען זיך אין די הויכע ספֿערען פֿערהאַלטען גוטוויליג. „אין צאַרסקאָיע סעלאָ — האָט חאָמיאַקאָוו געזאָגט אַ מיטאַרבייטער פֿון „ריעטש" — האָט מען דער דאָזיגער רייזע זעהר מיטגעפֿיהלט, און מען האָט מיר אַפֿילו אָנגעמערקט, אַז עס איז ווינשענסווערט, איך זאָל אין איהר אַנטייל נעהמען". אַלס אַנ'ענטפֿער אויף דעם, האָט די דעפּוטאַטען זענען געקומען קיין לאָנדאָן, האָט די ענגלישע אַרבייטער-פּאַרטיי אָבּגעדרוקט אין די צייטונגען אַ מאַניפֿעסט, אין וועלכען זי בעגריסט די פֿאָרשטעהער פֿונ'ם רוסישען פֿאָלק און פּראָטעסטירט צוגלייך געגען דעם וויזיט, וואָס די אָפֿיציעלע רוסלאַנד האָט בדעה צו מאַכען אין ענגלאַנד. דערויף איז אָבגעדרוקט געוואָרען אַנ'ערקלערונג אינ'ם נאָמען פֿון אַלע דעפּוטאַטען, אין וועלכער זיי פּראָטעסטירען „געגען דער בעליידיגונג, וואָס מען האָט אונז בעשאַפֿען מיט אַזאַ געגענשטעלען". די ק. ד. האָבען אויסגעהאַלטען דעם עקזאַמען אויף פּאָליטישע כשרות גלענצענד, ווייל אין דעם פֿאַל האָבען די גרעסטע בעדייטונג געהאַט גראַדע זייערע שטימען, די שטימען ניט פֿון די רעגירונגס-לאַקייען, נור פֿון דער אָפּאָזיציע.

די „ריעטש" האָט וועגען דעם געשריבען (נום. 168): „אומגעריכט האָבען די געשעהעניסען אָנגענומען אַזאַ ווענדונג, אַז די דעפּוטאַטען איז אויסגעקומען אַרויסצוטרעטען ענטשלאָסען, אום צו בעשיצען דאָס אָפֿיציעלע רוסלאַנד... מיט זייערע ענטשלאָסענע אַרויסטרעטונגען האָט זיך די דעפּוטאַטען איינגעגעבען אומצוענדערן די ענגלישע געזעלשאַפֿטליכע מיינונג און אויסצושעפּען דעם אינצידענט. דער פּרעסטיזש פֿון דעם אָפֿיציעלען רוסלאַנד איז ווידערגעשטעלט; די פֿאָלקס-פֿערטרעטער האָבען אָבער אויף זיך גענומען די פֿעראַנטוואָרטליכקייט, פֿערזיכערענדיג די אויסלענדער, אַז דער תהום צווישען דעם אָפֿיציעלען און ניט-אָפֿיציעלען רוסלאַנד איז שוין פֿערשטאָפּט".

און דער געשוואָרענער אַדוואָקאַט מאַנדעלשטאַם האָט אין זיין רעדע בעת דעם יעקאַטערינבורגער פּראָצעס פֿון די דאָרטיגע קאַדעטען אונטערגעשטריכען: אַז „די רייזע פֿון אונזערע דעפּוטאַטען קיין לאָנדאָן האָט געטהאָן אַ גרויסע טובֿה דער היסטאָרישער מלוכה-הערשאַפֿט. נור ווען אונזער לידער וואָלט אין איהר קיין אַנטייל ניט גענומען, ווען ער וואָלט ניט מאַכען זיין ערקלערונג, וואָלט די רייזע ניט געהאַט ניט דעם נויטיגען אויטאָריטעט, ניט די געהעריגע פֿאָלשטענדיגקייט". („ריעטש" נום. 267).

ענטפֿערענדיג אויף די פֿאָרוואורפֿען פֿון די לינקע, האָט מיליוקאָוו געפּרובט דערווייזען די אונגעוועהנליך גוטע רעזולטאַטען, וואָס די לאָנדאָנער רייזע האָט מיטגעבראַכט. איבערהויפּט האָט ער אַרויסגעשטעלט דעם אַרגומענט, אַז אַ דאַנק דער רייזע, האָט זיך איינגעגעבען צו פֿערשטאַרקען אונזער „קאָנסטיטוציע", וועלכע די שוואַרצמאַהניקעס שטעלען אין געפֿאַהר. דאָס וואָס די פֿאָרשטעהער פֿון רוסלאַנד האָבען אָפֿיציעל (אין דער רעדע פֿון דעם רוסישען געזאַנדטען אין לאָנדאָן) אָנערקענט אונזער קאָנסטיטוציע, בעדייט, אַז „איך האָב אין איצטיגען מאָמענט דאָס רעכט צו ערקלערען פֿון דער דאָזיגער טריבונע, אַז אין רוסלאַנד איז מעהר ניטאָ קיין זעלבסטהערשונג, אַז די הערשאַפֿט פֿונ'ם רוסישען קייזער איז בעגרענצט" („ריעטש" נום. 245). אָבער דאָ האָט דער פּריסטאַוו, וועלכער איז געזעסען אויפ'ן פֿערזאַמלונג, איבערגעריסען דעם רעדנער און האָט איהם אויף גיך געגעבען אַנ'אָנזיכטס-לעקציע פֿון אונזער קאָנסטיטוציאָנעלע רעכט: ער האָט געפֿאָדערט, מען זאָל דעם רעדנער אָבשטעלען און, אַז מען האָט איהם דערין אָבגעזאָגט, האָט ער פֿערמאַכט די פֿערזאַמלונג.

דער צענטראַל-אָרגאַן פֿון דער קאַדעטישער פּאַרטײ די „ריעטש“ איז פֿונדעסטװעגן גאָר ניט אומרוהיג געװאָרען פֿון אַזאַ בעציהונג מצד דער פּאָליצײ צו דער קאָנסטיטוציע, װעלכע די ק.-ד. האָבען אָקאָרשט ערשט „בעפֿעסטיגט“, און האָט מיט אַ'ערנסטער מינע געפֿאָדערט פֿון דער רעגירונג אַ'ענטפֿער. אין איהר אַרטיקעל אין נומער 245 פֿערענדיגט זי אַזױ: „....דערום האָפֿען מיר אױף אַ קאָמפּעטענטע ערקלעהרונג צו דער פֿאָלגענדער פֿערזאַמלונג“.

און אַזאַ קאָמפּעטענטע ערקלעהרונג איז באַלד געגעבען געװאָרען. „דאָס פֿאַר אַ רעכט האָט געהאַט מיליוקאָװ, האָט געענטפֿערט „ראָסיאַ“, דער אָרגאַן פֿונ'ם פּרעמיער, צו בעהױפּטען, אַז דער רוסישער קײזער איז ניט קײן זעלבסט-הערשער. אין רוסלאַנד, װי אין יעדעם אַנדער לאַנד, איז פֿאַראַנען אַ קאָנסטיטוציע, די איז פֿערשריבען אין די גרונדגעזעצען. אױב דער ה' מיליוקאָװ װיל זיך ניט רעכענען מיט די גרונדגעזעצען אָדער ער װיל די פֿערשטעהן ניט אַנדערש אױף זײן אײגענעם אופֿן, װעלען די פּריסטאַװען אױך אױף װײטער איהם געבען יעדען מאָל לעקציעס פֿון לאָיאַליטעט ד. ה. פֿון קולטור און טאַקט“. מען מוז בעמערקען, אַז די זעלבינע „ראָסיאַ“ האָט װעגען דער לאָנדאָנער רײזע געשריבען, אַז פֿאַר דער לאָנדאָנער רעדע װעט מיליוקאָװ'ען פֿערגעבען װערען אַ סך פֿון זײנע זינד. די קאַדעטען האָבען אַפּנים צוליעב זײער קורצזיכטיגקײט פּשוט ניט פֿערשטאַנען, אַז אױב אין לאָנדאָן מעג מען און מען דאַרף אַפֿילו רעדען װעגען דער רוסישער קאָנסטיטוציע, איז דערפֿון דורכאױס ניט געדרונגען, אַז מען קאָן און מען דאַרף װעגען איהר רעדען אין פּעטערבורג.

נור באַלד נאָכדעם האָט זיך װעגען דער פֿראַגע בעקומען נאָך מעהר אַ „קאָמפּעטענטע ערקלערונג“. דאָס מאָל האָט די מײנונג פֿון דער רעגירונג װעגען דער רוסישער קאָנסטיטוציע ערקלערט דער פֿאָרזיצענדער פֿונ'ם מיניסטאָרען-קאַבינעט סטאָליפּין אַלײן; „גלײך װי ס'װאָלט שװער געװען צו פֿערשטעהן, האָט ער געזאָגט אין אַ אינטערװיו מיט דעם מיטאַרבײטער פֿון דער צײטונג „װאָלגאַ“, אַז דורך דעם מאַניפֿעסט פֿונ'ם 17-טען אָקטאָבער איז פֿון דער הױך פֿון טראָהן אָנגעװיזען געװאָרען פֿאָראױס די ענטװיקלונג פֿון אַ עכט-רוסישען מלוכה-געבױ, װאָס זאָל זײן צוגעפּאַסט אי צום פֿאָלקס-גײסט, אי צו די היסטאָרישע טראַדיציעס. דעם קײזער איז װאױלגעפֿעלען געװען צוצורופֿען די פֿאָלקס-פֿערטרעטער פֿאַר מיטאַרבײטער צו זיך. קאָן מען דען נאָכדעם זאָגען, אַז די פֿאָלקס-פֿערטרעטונג האָט עפּ'ס „אָבגעריסען פֿון דעם קײזערס הערשאַפֿט“? („ריעטש“ נום. 272).

סטאָליפּינ'ס פּאָזיציע איז אױך אַזױ פֿיעל קלאָר, אַז די עקסט-רעכטע האָבען פֿון איהר בעקומען התפּעלות און זײ זענען גרײט מוחל זײן איהם דערפֿאַר אַלע זײנע פֿריהערדיגע „קאָנסטיטוציאָנעלע“ זינד. די דאָזיגע פּאָזיציע האָט שױן די קאַדעטען אױך צעטומעלט. אַזױ װי זײ האָבען זיך די גאַנצע צײט געבױט קאָנסטיטוציאָנעלע לופֿט-פּאַלאַצען און געהאָפֿט, אַז אױף אַזאַ'ן אופֿן װעלען זײ פֿערהאַנדלען דאָס „פּאַפּירעל“ אין אַ רעעלע זאַך, איז פֿאַר זײ דעריבער געװען אַ נײעס דעם מיניסטערס ערקלערונג. אין דער אמת'ן אָבער איז די גאַנצע צײט די טעטיגקײט פֿון דער רעגירונג אָנגעפֿיהרט געװאָרען און געגאַנ-

[illegible]

דומע, הודכאַים זיך ניט רעכענענדיג מיט דעם, ווי מען וועט זיי דאָרטען אויפֿנעמען. די אויסנאַהמע איז אַפֿריהער בעוואוסט: מיר קענען די דומע-מעהרהייט.

די ק. ד. וואַרפֿען פֿאָר זייערע געגנער, די ס. ד., אַז יענע זענען גלייכגילטיג צו די רעפֿאָרמען, וועלכע זענען אין דער איצטיגער דומע אויך מעגליך, אַז זיי זאָגען זיך בכלל אָב פֿון שאַפֿען בעדינגונגען, וואָס זאָלען צוגרייטען די מעגליכקייט דורכצופֿיהרען אַזעלכע רעפֿאָרמען. אויף דעם ענטפֿערען די ס. ד., אַז זיי געהען זיך אין דער אמת'ן ראַדיקאַל פֿאַנאַנדער מיט די ק. ד. אין דער פֿראַגע, ווי בעשאַפֿט מען אַזעלכע בעדינגונגען. די ק. ד. רעדען זיך איין און מיינען, אַז מיט זייערע קאָמבינאַציעס אין די קולוּאַרען שטויסען זיי די דומע צו רעפֿאָרמען; די ס. ד. אָבער מיינען, אַז אַפֿילו די כלומרשט'דיגע רעפֿאָרמאַטאָרישע טעטיגקייט פֿון דער איצטיגער דומע קומט אויך פֿאָר אויסשליסליך צוליעב דעם, ווייל ס'איז נאָך פֿריש אין זכרון די ברייטע בעוועגונג פֿון די אַרבייטער-מאַסען, וואָס האָט נאָך גאָר ניט לאַנג אַזוי געשטורעמט און ווען ניט די מורא פֿאַר אַ נייער אויפֿלעבונג פֿון דער פֿריהערדיגער זעלבסטטעטיגקייט, וואָלט מען פֿון די דאָזיגע „רעפֿאָרמען“ אויפֿגעהערט צו טראַכטען.

דערום זענען די ס. ד. זיכער, אַז גראַדע זיי העלפֿען מיט, מעהר ווי יעדע אַנדער פּאַרטיי, אַז די מאַסען זאָלען בעקומען אויף זייער חלק וואָס מעהר „בינטלעך האָר“ און גראַדע מיט דעם, וואָס אַ דאַנק זייער פּרינציפּיעלער, פֿעסט אויסגעהאַלטענער אָפּאָזיציע, ערציהען זיי פּאָליטיש די מאַסען, פֿאַראייניגען זיי און גרייטען זיי צו צו זעלבסטטעטיגקייט.

פֿערשטעהט זיך, אַז אַזעלכע „בינטלעך האָר“ זענען אַ גרויסע זעלטענקייט אין דער דריטער דומע ביי די איצטיגע בעדינגונגען, און שוין צוליעב דעם אַליין קאָן דער שווער-פּונקט פֿון דער פּאָליטישער טאַקטיק פֿון די ס. ד. ניט ליגען אין דער פּאָליטיק פֿון אונמיטעלבאַרע רעזולטאַטען, ווי דאָס איז ביי די ק. ד., וועלכע זענען דערום געצוואונגען צו זוכען שטענדיג און אונפֿהרכטבאַר אַ באָדען אויף אַרבייטען צוזאַמען מיט דער הערשענדער מעהרהייט.

דער הויפּט-בליק פֿון די ס. ד. איז, אַז דער צױבער-קרייז אין וועלכען די געשיכטע האָט אונז געוואָרפֿען, קאָן ניט דורכגעריסען ווערען פֿון אינוועניג, נור פֿון דרויסען. און דערום שרייבט מיט רעכט ל. מאַרטאָוו: „ניט אין ענגען קרייז — וואו ער נעהמט אַרום פֿערשיידענע אינטערעסען פֿון איינצעלנע גרופּען פֿון די פֿערמעגליכע קלאַסען, וועלען די גרונד-פּראָבלעמען פֿון דער רוסישער ווירקליכקייט זייער לעזונג געפֿינען. דעם קרייז מוז מען דורכרייסען. און דורכרייסען קאָן איהם נור די זעלבסטטעטיגקייט פֿון די פֿעראינטערעסירטע געזעלשאַפֿטליכע כּחות גופֿא“ („נאַשי דיען“ נומ. 8).

II

צום עפֿענען די דריטע סעסיע פֿון דער גאָסודאַרסטווענער דומע.

די צייט וואָס פֿאַר'ן עפֿענען די דריטע דומע-סעסיע און אין אָנהייב פֿון דער סעסיע גופֿא האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַ גאַנצער רייה ערשיינונגען, וועלכע זענען העכסט כאַראַקטעריסטיש ווי אין אַלגעמיין פֿאַר אונזער „בענייטען“ רעזשים מיט זיינע „אונבעגרענצטע מעגליכקייטען“, אַזוי פֿאַר דעם פֿעסטען קורס, וואָס מערקט זיך איצט אָן אין דער פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג אין דומע און איבער איהר. די דאָזיגע ערשיינונגען ווערען נאָך וויכטיגער און פֿאָדערען נאָך מעהר אונזער אויפֿמערקזאַמקייט מיט דעם, וואָס זיי האָבען גלייך געהאַט אַ בעשטימטען איינפֿלוס אויף דער דומע גופֿא און האָבען פֿאַר איהר געשטעלט די פֿראַגע וועגען אַ נייע קאָמבינאַציע פֿון דער רעגירונגס-מעהרהייט, אַ קאָמבינאַציע, וואָס זאָל זיין מעהר צוגעפּאַסט צו דעם נייעם קורס.

פֿריהער פֿאַר אַלץ מוז מען אָנמערקען איינס: די רעדעס און די מעשׂים פֿון דער רעגירונג ווערען די לעצטע צייט אָפֿענהערציגער און קלערער. די פֿריהערדיגע ווערטער-בעפּוצונגען פֿאַלען ביסלעכווייז אַראָב, מען וואַרפֿט אַראָב די לעצטע הילע, וועלכע האָט נאָך ווי עס איז פֿערדעקט מיט אַ לייכטען שלייער די ווירקליכקייט. די ריכטונג פֿון דער רעגירונגס-פּאָליטיק איז געבליבען די זעלבע, וואָס פֿריהער. זי געהט אָבער איצט אין דער דאָזיגער ריכטונג מיט שנעלערע און פֿעסטערע טריט. פֿערשטעהט זיך, אַז דער איצטיגער קורס שטעלט נאָך אויך די עקסטרע-רעכטע אינגאַנצען ניט צופֿריעדען; אָבער דער „שוואַרץ-מאַהדיגער אָרגאַן „קאָלאָקאָל“ געפֿינט שוין פֿאַר מעגליך צו האָפֿען זיינע פֿריינד, זיי זאָלען ניט אַזוי שטאַרק אָנפֿאַלען אויף סטאָליפּינ'ען, ווייל מיט זייערע אָנפֿאַלען „שטערען זיי איהם צו פֿערווירקליכען זיינע פּלאַנען און אויסרעכענונגען, וואָרום דאָס וואָס מען ענטפּלעקט זיי פֿאַר דער צייט, קאָן נור שאַדען זייער פֿערווירקליכונג“. אין די ווערטער איז נור ניט ריכטיג אָנגעמערקט די פּערספּעקטיווע, ניט ריכטיג בעצייכענט סטאָליפּינ'ס ראָלע: ניט ער איז דער בעשעפֿער פֿון די „פּלאַנען און אויסרעכענונגען“, ווייל ניט ער איז דער בעל-הבית פֿון דער פּאָליטישער לאַגע. די ראָלע פֿון אַ בעל-הבית, די ראָלע פֿונ'ם אמת'ן אָנפֿיהרער פֿון דעם פּאָליטישען שפּיעל געהערט יענע „כּוחס פֿולע ספֿערען“, וואָס געגען זיי טרעטען פֿון צייט צו צייט אַרויס די אָקטיאַבריסטען (לויט בעשטעלונג פֿון אַנדערע „כּוחס-פֿולע ספֿערען“) טרייסלענדיג מיט זייערע טאַקטור-שווערדען.

„דער ה' סטאָליפּין—אַזוי כאַראַקטעריזירט איהם סטרווע—איז אַ בעאַמטער—און אַ בעאַמטער איז „שטענדיג אַ אונטערגעוואָרפֿענע, אויספֿיהרענדע פֿערזאָן, וועלכע בעקומט יעדע אויפֿגאַבע, ווי אַ בעשטעלונג פֿון עמיצענס הענד“ („רוסקאַיאַ מיסל“ נאָוועמבער 1909) אין די דאָזיגע ספֿערען האָט מען, ווי עס ווייזט אויס, די לעצטע צייט בעשלאָסען אָנצונעהמען אַ מעהר ענטשלאָסענעם, אַ פֿעסטערן קורס. אַפֿילו די דריטע דומע מיט איהר געהאָרכזאַמע רעגירונגס-מעהרהייט זעהט

שוין איצט אויך איס צו ווידערשפּעניג. מען האָט בעשטימט אָנטאָן איהר אַ צום, בעווייזען איהר איהר געהעריגען אָרט*).

כדי צו „בעאַרבייטען" די געזעלשאַפטליכע מיינונג אין רעאַקציאָנערען זין, האָט מען צונויפגעהפּען צוויי צוזאַמענפאָהרען: אין מאָסקווע דעם צוזאַמענפאָהר פון די מאָנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציעס און אין קיעוו — דעם מערב-רוסישען צוזאַמענפאָהר. וועגען דעם הויפּט-ציעל פונ׳ם ערשטען צוזאַמענפאָהר, וועלכער איז אָרגאַניזירט געוואָרען „ניט לויט דעם אייגענעם ווילען, נור לויט אײַנלאַדונג", האָט זיך די גוט אינפאָרמירטע „רוסקאַיאַ זנאַמיאַ" אויסגעדריקט גענוג דייטליך: „די ביוראָקראַטיע וויל בעקומען שטיצע פון די עקסט רעכטע אין דומע און דערפאַר זאָגט זי צו צו בעצאָהלען מיט פּאַטריאָטישער קאָמערציע". די רעזאָלוציעס פון ביידע צוזאַמענפאָהרען זענען אינטערעסאַנט גראַדע דערמיט, וואָס זיי בעשטימען די ריכטונג פון דער פּאָליטישער ליניע, איבער וועלכע ס׳וועט געהן די רעגירונג און נאָך איהר אויך די דומע אין דער פאַרשטעהענדער סעסיע. דעם אויבען-אָן אין די רעזאָלוציעס פערנעהמט דער „אמת׳ער נאַציאָנאַליזם", וועלכער האַלט זיך אויף דער אַלטער דריי-איינהייטליכער פאָרמיל „פּראַוואָסלאַוויע, זעלבסטהערשונג און פאָלקסטימליכקייט". פון דער דאָזיגער פאָרמול איז שוין געדרונגען אַליין: אי די פאָדערונג, אַז דער היילינגער סינאָד זאָל בעקומען אַ פולע אויטאָנאָמיע, אי אַז די זעלבסטפערוואַלטונג זאָל אָרגאַניזירט ווערען אויף עכט-רוסישע יסודות, אי אַז מען דאַרף אָהן רחמנות „בערוהיגען" דאָס ווידערשפּעניגע פינלאַנד, אי אַז מען דאַרף אַרויסטרייבען יודען פון מיליטער, אי אַז מען דאַרף אויסטיילען די כאָלמער געגענד און ד. ג. אייניגע פון דיזע פאָרלאַנגען האָט שוין די רעגירונג פריהער בעשטימט און טיילווייז אַפילו אויסגעפיהרט אויך. און די רעכטע האָבען פולע רעכט, ווען זיי פאָרמולירען בערידמעריש זייער בעציהונג צו סטאָליפינען אַזוי: „ער האַלט שוין מיט אונז, נור מיר האַלטען נאָך ניט מיט איהם". סטאָליפינס רעגירונג איילט זיך אי מיט רעדעס, אי מיט מעשים צו פערדינען דעם פולען הסכם פון די עקסט-רעכטע, כדי אויסצומעקען פון דער צווייטער העלפט פאָרמול די ווערטער „נאָך ניט", כדי די עקסט רעכטע זאָלען קאָנען זאָגען: „ער האַלט מיט אונז און מיר מיט איהם".

ביי דער אַלגעמיינער שמחה פון דער שוואַרץ-מאה׳דיגער פּרעסע טייטשט סטאָליפין אין אַן אינטערוויו ענדליך אויס די קאָנסטיטוציע, ווי די עקסט-רעכטע האָבען זי שוין לאַנג אויסגעטייטשט, אַז „זי איז אַ מלוכה-אָרדנונג אַ עכט-רוסישע, וועלכע איז צוגעפּאַסט אי צום פאָלקס-גייסט אי צו די היסטאָרישע טראַדיציעס".

---

*) אַלס כאַראַקטעריסטישער סימפּטאָם אין דעם פּונקט מוז מען פערצייכענען די לעצטע אַרויספיהרונג פונ׳ם יוסטיץ-מיניסטער שטשעגלאָוויטאָוו אַלס ענטפער אויף די אָנפראַגע פון דער דומע וועגען צירקוליאַר, וואָס מאַכט שווער פאַר אַדוואָקאַטען צו זעהן זיך אין טורמע מיט די אַרעסטירטע, וועלכע זיי דאַרפען פערטהיידיגען.

אַזוי אָפען צו פּרעטירען די דומע אַזוי אָפען חוזק צו מאַכען פון איהרע רעזאָלוציעס האָט זיך נאָך ביז איצט קיין מיניסטער ניט ערלויבט. שטשעגלאָוויטאָוו האָט אָפען דערקלערט, אַז איהם אינטערעסירט גאָר ניט וואָס פאַר אַ איבערגאַנגס-פאָרמול די דומע וועט אָננעהמען; דאָס מיניסטעריום וועט טאָן זיין, ווי עס האָט ביז איצט געטאָן, ווי עס געפינט פאַר נויטיג.

גלייך נאָך דעם, פּונקט ווי אַן ענטפער אויף די דאָזיגע אויסטייטשונג, דרוקט די „מאָסקאָווסקיא וויעדאָמאָסטי" אַ פּראָיעקט, ווי אומצוענדערען די גרונד-געזעצען אַזוי, אַז ביי דער דומע זאָל אָפּגענומען ווערען אויך דאָס רעשטעל רעכט, וועלכע זי האָט נאָך אויפ׳ן פּאַפּיר. לויט דעם דאָזיגען פּראָיעקט דאַרף די געזעצגעבענדע מאַכט געהערען אינגאַנצען דעם קייזער און נור דורך זיין בעפעהל קאָן אַ איינגעפיהרט ווערען אַ נייער געזעץ און אָפּגעשאַפט ווערען אַן אַלטער.

עס קומען אָן די וואַהלען אין פּעטערבורג, מאָסקווע און אָדעס. ביי נאָרמאַלע קאָנסטיטוציאָנעלע בעדינגונגען האָבען די רעזולטאַטען פון די דאָזיגע וואַהלען בעדאַרפט שטאַרק אינטערעסירען די רעגירונג. פאַר אונזער רעגירונג אָבער זענען די וואַהלען, לויט דער מיינונג פון איהר אָפיציאָז, בלויז אַן אַרויסטרעטונג פון די „פּראָפעסיאָנאַלען פון דער רעוואָלוציע", בלויז „די אַרויסווייזונג פונ׳ם רעוואָלוציאָנערען קעלער", און זייער גאַנצע פּאָליטישע בעדייטונג בעשטעהט במעט בלויז אין דעם, וואָס זיי ווייזען אָן דער פּאָליציי אויף „די מיטלען, וועלכע מען דאַרף אָננעהמען". („ריעטש" נום. 261) און דעריבער פּערעפּעטשאַליבט די רעגירונג נאָך פאַר די וואַהלען אַ נייע ערקלערונג פון דער רוסישער קאָנסטיטוציע, אַ נייע אויסטייטשונג פון 96 אַרטיקעל, אַן אויסטייטשונג, געגען וועלכע סטאָליפין אַליין האָט זיך פריהער אַרויסגעזאָגט, וועלכע שטעלט איין אַן אַלגעמיינעם כלל, אַז פון דער קאָמפּעטענץ פון דומע און גאָסודאַרסטווענעם סאָוועט ווערען אויסגעשלאָסען „בכלל אַלע געזעצגעבערישע ענינים, וועלכע האָבען אַ שייכות צום מיליטער און פלאָט-מיניסטעריום און אויך צו דער גאַנצער אָנפיהרונג פון מיליטער און פלאָט". אומעטום זענען דורכגעגאַנגען קאַדעטען.

די וואַהלען האָבען זיך געענדיגט. אַפילו די גרויס-בורזשואַזיע פון מאָסקווע (די ערשטע קוריע) האָט אָפּגעגעבען איהרע שטימען ניט פאַר אַן אָקטיאַבריסט, נור פאַר אַ קאַדעט.*) נור דאָס קימערט גאָר ניט די רעגירונג, וועלכע זעהט אין דער גאַנצער קאַמפּאַניע בלויז אַ „פּאָליטיקאַנערייע". און נאָך איידער די דריטע סעסיע הויבט זיך אָן, איילט זיך די רעגירונג צוריקצונעהמען צוויי געזעץ-פּראָיעקטען, וועלכע זי האָט פריהער אַליין אַריינגעטראָגען וועגען גלויבענספרייהייט (וועגען דער בעציהונג פון דער מלוכה צו איינצעלנע אמונות און וועגען געמישטע שדוכים), פּראָיעקטען, וועלכע זענען שוין אין קאָמיסיע געווען במעט אינגאַנצען פאַרטיג אַרויסגעטראָגען צו ווערען אין דער אַלגעמיינער זיצונג פון דומע. ווי די „ראָססיא" שרייבט, וועלען די געזעצפּראָיעקטען איבערגעמאַכט ווערען אַזוי, אַז די דומע זאָל ניט קאָנען זיין „קיין ריכטער צווישען דער רעגירונג און דעם סינאָד". דערמיט איז ערפילט געוואָרען נאָך אַ פאָדערונג פונ׳ם מאָסקווער מאָנאַרכיסטען-צוזאַמענפאָהר: דער סינאָד האָט אָבגעהאַלטען אַ נצחון.

די געבראַכטע ביישפּיעלען זענען גענוג צו בעשטימען דעם נייעסטען קורס פון דער רעגירונג, וועלכען די פּראָגרעסיווע פּרעסע כאַראַקטעריזירט, אַלס אַ שאַר-

---

*) דער צוטרוי, וואָס די מאָסקווער געלד-זעק פון דער ערשטער קוריע האָבען אַרויסגעוויזען צו די קאַדעטען, בעווייזט צוזאַמען מיט דעם אויך די רעזאָלוציע פון דער קאַדעטישער פּאַרטיי, וועלכע איז שוין גענוג רעכטס געוואָרען אום דעם דאָזיגען צוטרוי צו פערדינען.

פֿעס און ענטשלאָסענעם פֿערקערעוען אויף רעכטס. ריכטיגער וואָלט געווען צו זאָגן: די רעגירונג האָט ניט פֿערקערעוועט, נור זי האָט אָנגעהויבען געהן גיכער און ענטשלאָסענער אַלץ אין דער זעלבער ריכטונג.

די דאָזיגע בעוועגונג פֿאָדערט אָבער, אַז אין דומע אינעווייניג זאָלען אויך פֿאָרקומען געהעריגע אומענדערונגען. ווי באַלד אַז די גאָסודאַרסטווענע דומע ווערט געדולדעט נור אויף אַזוי פֿיעל, אויף וויפֿיעל איהר מעהרהייט איז גרייט געהאָרכזאַם צו אַרבייטען נאָך די אָנווייזונגען פֿון דער רעגירונג, איז קלאָר, אַז די דומע קאָן זיין זיכער מיט איהר ווייטערדיגען לעבען נור אין דעם פֿאַל, ווען אין איהר וועט בלייבען אַ מעהרהייט, וועלכע גיט זיך אונבעדינגט איבער אין רשות פֿונ'ם מיניסטעריום, אַ מעהרהייט, וועלכע איז איינשטימיג אויך אויף ווייטער אונטערצוהאַלטען די פּאָליטישע ליניע פֿון דער רעגירונג. אַזאַ מין קאָמבינאַציע פֿון אַ נייער מעהרהייט צייכענט זיך אָן אין געשטאַלט פֿון אַ רוסישען דריי-שפּאַן (טראַיקע); דער מיטעל-פֿערד וועלען זיין די מעסיג רעכטע מיט די נאַציאָנאַליסטען און די זייט-פֿערד: די עקסט רעכטע און דער רעכטער פֿליגעל פֿון די אָקטיאַבריסטען, און אָט דיזע רעכטע מעהרהייט, וועלכע האָט זיך בעפֿרייט פֿון יעטוועדער קאָנסטיטוציאָנעלער פֿראַזעאָלאָגיע, דאַרף פֿערבייטען די איצטיגע מעהרהייט, וועלכע די שוואַרצע רופֿען אַן קאָנסטיטוציאָנעלע.

צו בעשאַפֿען דעם דאָזיגען נייעם בלאָק האָט מען שוין געמאַכט איניגע פֿאָרבערייטענדע טריט. אויף איין טריט אַזעלכען האָבען מיר שוין אָנגעוויזען. דאָס איז דער מאָסקווער צוזאַמענפֿאָהר פֿון די מאָנאַרכיסטישע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע האָבען אויף די איינלאַדונג אַריינצוגעהן אין נייעם בלאָק געענטפֿערט מיט דעם, וואָס זיי האָבען אַרויסגעשטעלט בעדינגונגען, וועלכע קאָנען דורכאויס אָנגענומען ווערען סיי פֿון דער רעגירונג, סיי פֿון די אָנפֿיהרער פֿון דער צוקינפֿטיגער דומע-מעהרהייט. דער דאָזיגער אָבמאַך דאַרף ביסלעכווייז ווערען פֿעסט איינגעשטעלט, ווייל די רעגירונג געהט די לעצטע צייט אַלץ ענטשלאָסענער ענטקעגען די פֿערלאַנגען פֿון די עקסט רעכטע, וועלכע קאָנען מיט פֿאָלער צופֿרידענהייט פֿערצייכענען די ערקלערונג פֿונ'ם יוסטיץ-מיניסטער אין הערצענשטיינ'ס פּראָצעס, אַ ערקלערונג, וועלכע האָט געגעבען חבֿראָחינען אַ פֿאָלען נצחון, די אַטאַקע אויף פֿינלאַנד, די אַלץ וואַקסענדע רעפּרעסיעס געגען יודען און ד. ג.

דער צווייטער טריט אין דער ריכטונג איז דער פֿאַקט, וואָס די מעסיג רעכטע און די נאַציאָנאַליסטען האָבען זיך צוזאַמענגעגאָסען אין איין „רוסיש-נאַציאָנאַלע פֿראַקציע". די דאָזיגע פֿעראייניגונג איז פֿאָרגעקומען אָהן וועלכע עס איז רייבונגען, לייכט און גיך. די מעסיג-רעכטע האָט מען נור אָנגעוויזען, אַז זיי שטרייכען ניט אונטער זייער יודען-פֿיינדשאַפֿט גענוג שאַרף און אונבעדינגט. זיי האָבען, פֿערשטעהט זיך, געוואָלט אַראָבנעהמען פֿון זיך אַזאַ שווערען השד, און די נאַציאָנאַליסטען זענען אין דעם פּונקט אויך דורכאויס צופֿרידענגעשטעלט. אויף אַזאַ אופֿן איז די אָרגאַניזאַציע פֿון בלאָק פֿון דער רעכטער זייט איננאַנצען שוין פֿערענדיגט; עס בלייבט איבער דער שווערער טייל פֿון דער אַרבייט: צוציהען די אָקטיאַבריסטישע פֿראַקציע דורך דעם, וואָס מען וועט ענטשלאָסען פּטור ווערען פֿון אַלע איהרע לינקע מיטגליעדער, וועלכע זענען אָפֿט גרייט

צו שטויסען זייער פֿראַקציע אויף ניט קאָרעקטע מעשים בנוגע צו דער רעגירונג אין אַנדערס מאָל נימט זיך זיי איין דורכצופֿיהרען בעשטימונגען, וועלכע זענען דער רעגירונג דורכאויס ניט אָנגענעהם, און אין דער ריכטונג האָט זיך שוין אָנגעהויבען און ס'פֿיהרט זיך אַ קאַמפּאַניע טיילווייז אין דער פּרעסע, דער עיקר אָבער, פֿערשטעהט זיך, הינטער די קוליסען. די אָפֿיציעזע „נאָוואָיע ווערעמיאַ" רופֿט צוליעב דעם די פֿיהרער פֿונ'ם צענטער „צו פּאַטריאָטיזם" און צוזאַמען מיט דעם שיקט זי זיי אין גענוג דייטליכע אויסדריקען אַ התראה: די רעגירונג, שרייבט די צייטונג, טאַפּט פֿאָרזיכטיג אָן אין די נייע דומע-קאָמבינאַציעס דעם באָדען, אויף וועלכען ס'לוינט איהר מעהר פֿון אַלץ זיך אָנשפּאַרען כדי איבער אַנייעס אויפֿצושטעלען אַ רעגעלמעסיגען צוזאַמענהירקען מיט די אָנפֿיהרענדע כּחות פֿון צענטער, אַ צוזאַמענהירקען, וואָס האָט זיך צייטווייליג צושטערט". און אָט דעם צוזאַמענהירקען פֿערשטעהט די צייטונג אין דעם זין, אַז אין איינער און דער זעלבער צייט זאָגט זיך די רעגירונג ניט אָב פֿון איין איינציגער אַפֿילו פֿון איהרע פּאָזיציעס און פֿערמעסט זיך ניט אויף דעם פּרעסטיזש פֿון דער דומע. פֿון דעם דאָזיגען פֿערכישופֿ'טען רינג איז פֿאַראַן נור איין אויסגאַנג: די דומע דאַרף זעהן איהר פּרעסטיזש גראָדע אין דעם, וואָס זי וועט שטענדיג איינלאָזען איהרע פּאָזיציעס. און דעריבער גיט די צייטונג אַן עצה די אָקטיאַבריסטען „זיי זאָלען אַריינפֿיהרען זייער פּאַרטייאישע אייגענליעבע און זייערע פּרעטענזיעס אין געוויסע גרענצען און אָפּשר טאַקי איבערקוקען איניגע פּרטים פֿון זייער פּאָליטישען אני מאמין". און נאָכדעם שוין הייבט זי אָן צו סטראַשען: ווען די אָקטיאַבריסטען האַלטען ניט וועלען געהן מיט דעם אָנגעוויזענעם וועג, וואָלט עס זעהר ניט גוט ווירקען אויף די געגענזייטיגע בעציהונגען צווישען דער רעגירונג און דער דומע און וואָלט ערגער געמאַכט די לאַגע ווי פֿון איינער אַזוי פֿון דער אַנדערער". פּשוט גערעדט, הייסט עס, מען קאָן פֿאַנאַנדערלאָזען די דומע. דער פֿאַל פֿונ'ם קאַבינעט, איז דאָ צוגעגעבען נור צו פֿערגיסען דעם ביטערען פּיל. ווייל די געשיכטע מיט די פֿלאָט-שטאַטען האָט קלאָר בעוויזען, אַז סטאָליפּינ'ס רעגירונג איז שטענדיג גרייט תשובֿה צו טון און פֿערריכטען איהרע פֿעהלערן.

ווי זשע רעאַגירען די אָקטיאַבריסטען אויף די דאָזיגע צוהאָפּען און סטראַשונקעס?

זיי האָבען זיך איצט שטאַרק פֿערלאָרען. געוועהנט געוועהן ביז אַהער צו טראָגען דעם עהרען-טיטול „אָנפֿיהרענדע פּאַרטיי", האָבען זיי אין דער אמת'ן געפֿיהלט אַ פֿעסטען באָדען אונטער זייערע פֿיס נור, ווייל זיי זענען געשטאַנען אין אַ געהאָרכזאַמער אָבהענגיגקייט אונטער דער שטאַרקער בעל-הבית'ישער האַנד פֿונ'ם פּרעמיער-מיניסטער. איצט גליטשט זיך דער דאָזיגער פֿעסטער באָדען אַרויס פֿון אונטער זייערע פֿיס, און זיי שטעהען פֿאַר אַ ביטערער ענטוועדער-אָדער: אָדער בלייבען אויף ווייטער אַ געהאָרכזאַמע געצייג ביי דער רעגירונג, נור שוין אין אַ געוועהנליכער וועניג בכבֿודיגער ראָלע פֿון אַ זייט-פֿערד, אָדער זיך פּרובֿען פֿערנעהמען אַ זעלבסטשטענדיגע פּאָזיציע, מיט אַלע ניט אָנגענעהמע רעזולטאַטען, וואָס זענען דערמיט פֿערבונדען: קאָנפֿליקטען מיט דער רעגירונג, העצעס מצד דער אָפֿיציעזער פּרעסע און ד. ג.

בײַ די אָקטיאַבריסטישע פֿיהרער איז דערום די שטימונג איצט זעהר אַ נידעריגע, אַ געדריקטע, אַ פּעסימיסטישע.

גוטשקאָוו למשל, דריקט אַזוי אויס זיין טרויעריגע פֿערלאָרענקייט פֿאַר דער צוקונפֿט: „פֿאַר מיר זענען זעהר פֿיעל זאַכען אַ רעטעניש. איך רעכען, אַז די סעסיע עפֿענט זיך אונטער עפּיס אַ צייכען פֿון אומבעשטימטקייט. מיר וועלען אָנשטרענגען אַלע כּחות אײַנצוהאַלטען דעם אַלטען קורס. צי וועט זיך אונז דאָס אײַנגעבען, דאָס ווייס איך דערווײַלע ניט. אַלץ ווענדעט זיך אָן אַנדערע פֿאַקטאָרען. אַזעלכע פֿאַקטאָרען זענען די רעגירונג און די איבעריגע פּאַרטייען" (נאָווי־דען נום. 14). און בײַ דעם פֿאָרזיצענדען פֿון דומע דערגעהט דער פּעסימיזם אַזוי ווייט, אַז ער געפֿינט ניט אין דער טעטיגקייט פֿון דער דומע קיין שום ערנסטע רעזולטאַטען. אום צו בעגרינדען זיין מיינונג, ווייזט חאָמיאַקאָוו אָן אויף דריי שטערונגען: 1) דאָס וואָס פֿאַקטיש האָט די דומע קיין שום געזעצגעבערישע איניציאַטיוו ניט, ווייל איהר איניציאַטיוו ווערט צו גאָרנישט דורך די איניציאַטיוו פֿון דער רעגירונג, וועלכע פֿערוואַרפֿט די דומע מיט איהרע געזעצפּראָיעקטען. 2) דאָס וואָס עקזיסטירט דער גאָסודאַרסטווענני סאָוועט און ענדליך 3) די „רוסישע ווירקליכקייט" איז אַזעלכע, אַז מען קאָן „שווערליך זיין בעגייסטערט מיט'ן גלויבען, אַז די געזעצען, וועלכע זענען נוצליך פֿאַר'ן לאַנד, וועלען באמת האָבען אַנ'ערפֿאָלג" (ריעטש נום. 324).

עס קאָן כּמעט קיין ספֿק ניט זיין אין דעם, וואָס פֿאַר אַ וועג די אָקטיאַבריסטען וועלען אויסקלייבען. אַפֿילו די קאַדעטען, וואָס פֿריהער פֿלעגען זיי בײַ יעדער וואַקלונג פֿון צענטר אַרייַנפֿאַלען אין אָפֿטע מיסטישע אילוזיעס, האָפֿענדיג, דורך דיפּלאָמאַטישע מעטאָדען אַרייַנצוציהען די אָקטיאַבריסטען אין נעץ פֿון אָפּאָזיציע, אַפֿילו די קאַדעטען צווייפֿלען איצט אויך ניט אינ'ם אויסגאַנג. די „ריעטש" (נום. 316) „ערוואַרטעט הודלאים, אַז דער שׂכל און דער פּאַטריאָטיזם פֿון די אָקטאָבריסטען וועלען קלעקען אַקוראַט אויף דעם, צו העלפֿען דעם קאַבינעט פֿערנעהמען די פּאָזיציע, אויף וועלכער עס וועט שוין מעהר ניט זיין קיין ריזיקע פֿון פֿאַלשע טריט און שווערע קריזיסען".

אַזאַ אונפֿערמיידליכער סוף, וועלכער בעדייט דעם באַנקראָט פֿונ'ם אָקטיאַבריזם, אַלס אַ בעשטימטע פּאָליטישע שטרעמונג, דרינגט אַרויס פֿון דער גאַנצער געשיכטע פֿון דער דאָזיגער קאָנטר־רעוואָלוציאָנערער פּאַרטיי, פֿון דער געשיכטע וואָס איהרע וואָרצלען ליגען טיעף אין די היסטאָרישע גרונד־סמנים פֿון דעם רוסלענדער גרויס־קאַפּיטאַליזם.

בעשאַפֿען דורך מורא פֿאַר „די אונרוהען" פֿון אונטען, איז דער אָקטיאַבריזם געווען אַ פּראָבע פֿון אַ פּשרה צווישען דער גרויס־בורזשואַזיע און צווישען דעם אַדעל. די פּשרה איז געווען גרינג אויסצופֿיהרען, ווייל ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די קלאַסען־אינטערעסען פֿונ'ם גרויס־קאַפּיטאַל און פֿונ'ם פֿעאָדאַלען ערד־בעזיץ געהען זיך אין פֿיעל פּונקטען פֿאַנאַנדער, דאָך אין די אַלע פֿראַגען, וועלכע האָבען אַ שייכות צו די פּאָליטישע און סאָציאַלע אינטערעסען פֿון דער דעמאָקראַטיע, וועט ניט דער גרויס־קאַפּיטאַל, און נאָכמעהר ניט דער

אַדעל קיינמאָל ניט וועלען אַראָבגעהן פֿונ'ם רעאַקציאָנערען וועג *). די הויפּט־אויפֿגאַבע פֿון דער דורכגעפֿיהרטער פּשרה איז געווען — אײַנשטילען „די אונרוהען". די ביוראָקראַטיע האָט געאײַלט זיך אָנצושפּאַרען אויף דעם בלאָק, וועלכער האָט איהר געגעבען אַ אונבעדינגטען הסכּם און שטיצע אין איהר אַרבייט פֿון „בערוהיגונג". חוץ דעם האָט דער אָקטיאַבריזם געשטרעבט צו פֿערווירקליכען וועלכען עס איז קאָנטראָל איבער דער זעלבער ביוראָקראַטיע. אין דעם אָבער האָט ער בעגעגנט דעם שאַרפֿסטען ווידערשטאַנד און האָט אײַנגעלאָזען איין פּאָזיציע נאָך דער אַנדערער דעם פֿערביסענעם אַדעל, אַרויסווייזענדיג דערבײַ די נידעריגסטע געהאָרכזאַמקייט און קריכערײַ פֿאַר דער דריקונג פֿון הינטער די קוליסען. אַלס בײַשפּיעל וועלען מיר אָנווייזען אויף די לעצטע געשיכטע מיט דער אָנפֿראַגע פֿון די ס. ד. וועגען דער נייער איסטייטשונג פֿון דעם 96־טען אַרטיקעל. בעת מען האָט די אָנפֿראַגע אַרייַנגעטראָגען, האָבען די אָקטאָבריסטען ניט נור זיך אַרויסגעזאָגט פֿאַר דעם, אַז מען זאָל זי אָננעהמען, זיי האָבען נאָך אונטערגעשריבען, אַז די אָנפֿראַגע איז אַ וויכטיגע און מען קאָן זי ניט אָבלעגען. אין אַ פּאָר וואָכען אַרום האָבען זיי אַליין אָבגעוואָרפֿען די אָנפֿראַגע אין קאָמיסיע: זיי האָבען זיך אַ פּנים דערוואוסט פֿון אונטערהאַנדלונגען הינטער די קוליסען, אַז די רעגירונג רעכענט ניט געהן אויף קיינע הנחות.

דאָס איז דאָך אָבער וועניג. דער אָקטיאַבריזם געפֿינט זיך איצטער אין דער לאַגע פֿונ'ם מורן, צו וועלכען מען זאָגט: „דו האָסט דיין זאַך געטאָן, קאָנסט געהן!" די „בערוהיגונג" פֿערווירקליכט זיך שוין און די פֿריהערדיגע נויטיגקייט אין אַ פּשרה מיט דער בורזשואַזיע איז אַריבער. נור אַ נייע אויפֿלעבונג פֿון די „אונרוהען" אָדער נייע אינטערנאַציאָנאַלע און פֿינאַנציעלע פֿערוויקלונגען האָבען נאָך געקאָנט צייטווייליג ראַטעווען די פּאָזיציעס פֿונ'ם אָקטיאַבריזם.

וואָס בלייבט איבער צו טהון דער אָקטיאַבריסטישער בורזשואַזיע? זיך ווענדען נאָך שטיצען צו די אונטערסטע שיכטען? אָבער דעם וועג האָט די געשיכטע פֿאַר איהר אינגאַנצען פֿערמאַכט. די אונטערסטע שיכטען אין היזיגען לאַנד זענען שוין גענוג אויסגעוואַקסען, אַז זיי זאָלען שוין קיינמאָל ניט זיין קיין אַרמעע בײַ אַ בורזשואַזען שטאַב. די זעלבסטשטענדיגקייט פֿון די דאָזיגע אונטערסטע שיכטען טראָגט און וועט טראָגען אַ פֿיינדליכען כאַראַקטער בנוגע צו דער בורזשואַזיע. און די רוסלענדער בורזשואַזיע וועלכע איז שוין גוט אָנגעלערנט סיי מיט איהר אייגענער פּראַקטיק, סיי מיט דער פּראַקטיק פֿון מערבֿ אייראָפּאַ, קלייבט בעסער ווי אַלץ אויס פֿאַר'ן לאַנד אַ בת־עולם־רוהיגקייט. און דער אָרגאַן פֿון די אָקטיאַבריסטען „גאָלאָס מאָסקווי" שרייבט: „אויף וויפֿיעל די פּויערים און די אַרבייטער הויבען אָן זיך בעציהען בעוואוסטזיניג צו אַלץ, וואָס אַרום זיי, פֿאַלען זיי אונפֿערמיידליך אַרונטער אונטער דעם אײַנפֿלוס פֿון די סאָציאַליסטען און זעהען אין דער בורזשואַזיע זייער גרעסטען שונא... דערום קאָנען זיי אַלס פּאָליטישע בונדעסגענאָסען פֿאַר דער בורזשואַזיע ניט עקזיסטירען...

---

*) לויט ווי די קאַדעטישע פֿראַקציע גיט איבער אין איהר בעריכט, זיינען די אָקטאָבריסטען אין דער פֿראַגע פֿון אַרבייטער־שול געווען אַ סך רעאַקציאָנערער פֿון די רעכטע.

פֿאַר דער בורזשואַזיע בלײַבט דערװײַל דער אײנציגער בונדעסגענאָסע—די גוטס-בעזיצער. אָבער אַ פֿעראײן מיט די גוטס-בעזיצער הײסט בײַ די איצטיגע קרעפֿטען—פֿערהעלטניסע אונפֿערמײַדליך, אַז די קאַפּיטאַליסטישע ענטװיקלונג מוז אונטערגעװאָרפֿען װערען די אינטערעסן פֿונ'ם פֿעאָדאַלען אַדעל, די אָקטיאַבריסטען מוזען אונטערגעװאָרפֿען װערען די רעכטע.

און דעריבער טאַקי זענען די אָקטיאַבריסטן אַזױ שטײַף געשטאַנען פֿאַר דעם, אַז סטאָליפּין זאָל בלײַבן דער פֿיהרער פֿון דער רעגירונג, װײַל אין איהם האָט זיך פֿאַר זיי פֿערקערפּערט די גאַנצע מעגליכקייט צו פֿיהרען אַ פּשרה-האַנדעל מיט די רעכטע.

די מאַכטלאָזיגקייט פֿון די אָקטיאַבריסטן, װעלכע האָט זיך אַרױסגעװיזען אַזױ בולט, װי נור סטאָליפּין האָט בעשלאָסען אָבצוקעהרען פֿון זיי, געפֿינט זיך אין אַ פֿולען צוזאַמענהאַנג מיט אַן אַנדער געזעלשאַפֿטליכער ערשײַנונג, װעלכע שפּיעלט מעהרער די ראָלע פֿון אַ גרונד-פֿאַקטאָר—דאָס איז דער אַפּאָליטיזם, די פּאָליטישע גלײַכגילטיגקייט פֿון דער רוסישער בורזשואַזיע אויסער דער דומע. און דער אַפּאָליטיזם גופֿא נעהמט זיך דערפֿון, װאָס אין רוסלאַנד האָט זיך פֿריה ענטװיקעלט אַ פּראָלעטאַרישע קלאַסען-בעװעגונג. ערצױגען אין דער פּאַראַזיטישער אַטמאָספֿערע פֿון פּראָטעקציאָניזם און קאַזיאָנע בעשטעלונגען, קלײַבט דער גרויס-קאַפּיטאַל איצט אויך בעסער אים אַ גראָשען באַלד אײדער אַ רובל אין דער לופֿטען. די גרויס-בורזשואַזיע אָרגאַניזירט זיך איצטער זעהר ענערגיש דורכאויס איפּ'ן עקאָנאָמישן באָדען, און איהרע אָרגאַניזאַציעס װענדעט זי איבערהױפּט געגען די אַרבײַטער און געגען דער מאַסע פֿערבּרױכער. קײן שום פּראָצעס פֿון פּאָליטישער קרעפֿטען-זאַמלונג בעמערקט זיך דאָ ניט. די דאָזיגע אָרגאַניזאַציעס פּאַסען זיך אויך איצט צו װי פֿריהער צו דעם עקזיסטירענדען רעזשים און שטרעבען איהם אויסנוצען אויף זײערע עקאָנאָמישע נוצען. דורך זײער „ראַט פֿון די צוזאַמענפֿאָהרען" האָבן זיי די מעגליכקייט צו בעקומען אַנ'אײַנפֿלוס אויף די עקאָנאָמישע און פֿינאַנציעלע פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג, אַנ'אײַנפֿלוס װעלכער איז גענוג פֿאַר זײערע אינטערעסן, דערבײַ שטעלט די רעגירונג דעם קאַפּיטאַל נאָך אײן פּרינציפּיעלע בעדינגונג: אַרײַנגעהן אין אָבמאַך דירעקט, אונמיטעלבאַר, ניט דורך דער דומע, בכלל לאָזען אָן אַ זײַט יעדע פּאָליטיק. און די בורזשואַזיע היט שטרענג די דאָזיגע בעדינגונג. דער „ראַט פֿון די צוזאַמענפֿאָהרען" האָט זיך נאָך ביז אַהער ניט ערלױבט קײן שום פּאָליטישע אַרױסטרעטונג; יעדע פּראָבע צו בעטראַכטען עקאָנאָמישע פֿראַגען דורך דער פּריזמע פֿון די פּאָליטישע אומשטענדען, װערט ענטשלאָסען אָבגעװאָרפֿען דורך דעם. װאָס װײַזט קאַטעגאָריש אָן, אַז דער „ראַט פֿון די צוזאַמענפֿאָהרען" קאָן זיך ניט פֿערנעהמען מיט לעזען פֿראַגען, װעלכע האָבן אַנ'אַלגעמײן-מלוכה-כאַראַקטער; די דומע װידער איגנאָרירט מען אויף אַזױ פֿיעל, אַז איפּ'ן לעצטען צוזאַמענפֿאָהר פֿון די אינדוסטריע-קאַפּיטאַליסטען האָט דער אָקטיאַבריסטישער דעלעגאַט לעדכע אויסגעדריקט זײַן בעװאונדערונג, װאָס איפּ'ן צוזאַמענפֿאָהר פֿערשװײַגט מען אינגאַנצען דעם אײַנפֿלוס און די בעדײַטונג, װאָס די געזעצגעבערישע אײַנריכטונגען קאָנען האָבן פֿון דער אינדוסטריע.

בײַ אַזאַ מין פּאָליטישער שטימונג פֿון דער גרויס-בורזשואַזיע איבער דער דומע האָבן די אָקטיאַבריסטן נאַטירלעך קיינמאָל ניט געװאַגט און זיי װעלן קיינמאָל ניט װאַגן אויף װיפֿיעל עס איז ערנסטע קאָנפֿליקטן מיט דער רעגירונג, װײַל װיסענדיג גוט, אַז הינטער די אָקטיאַבריסטן שטעהט ניט קיין שום רעעלע קראַפֿט, װאָלט די רעגירונג געענטפֿערט אויף אַן ערנסטן קאָנפֿליקט מיט פֿאַרנאַנדערלאָזן די דומע.

אַלע אײנצעלנע און זעלטענע צופֿאַלן, װען די אָקטיאַבריסטן האָבן ביז אַהער זיך געשטעלט אין אָפּאָזיציע צו דעם אָדער יענעם מיניסטעריום, זענען אַלע אַ פֿריהער געװען ערלױבט און זענען דיקטירט געװאָרן דורך דעם אײנפֿלוס פֿון די ספֿערן, װאָס הינטער די קוליסן.

דער פּריציש-ביוראָקראַטישער כאַראַקטער פֿון דער דריטער דומע, אין װעלכער דער גרויס-בורזשואַזיע איז אײַנגעטײלט געװאָרן אַ ראָלע נור פֿון אַ קלײנעם פּאָליטישן צוגאָב, װערט װאָס װײַטער אַלץ בולטער. אין די ראָלע, װאָס שטעלט פֿאַר די אָקטיאַבריסטן (פֿון װעלכע עס װעט זיך אָפּשר אָבשפּאַלטן אַ קלײנער לינקער פֿליגעל) צו שפּילן אין דער דומע-קאָמבינאַציע, װאָס פֿאָרמירט זיך איצט, װעט זײַן נאָך אַ בעשײדענערע, נאָך אַ קלענערע; דאָס װעט זײַן אַ ראָלע פֿון אַ פּאָליטישן שטיפֿקינד, װעלכן מען טוט אָן גענוג כּבֿוד דערמיט, װאָס מען פֿעררעכנט אים אין דער רעגירונגס-מעהרהייט. אמת, פֿאַקטיש זענען זיי פֿריהער אויך בײַ דעם רעדעל פֿון דער מלוכה ניט געשטאַנען, דערפֿאַר זענען זיי לױט דעם בילדרײַכן אויסדרוק פֿונ'ם פֿירשט טרובעצקאָי, געזעסן אויף די קאָזלעס נעבן קוטשער און זיי האָט זיך געדוכט, אַז זיי פֿיהרען דאָס דעם עקיפּאַזש. איצטער װעט זיי אויסקומען זיך אָבזאָגן פֿון דעם דאָזיגן עהרענפּלאַץ.

צוזאַמען מיט דעם באַנקראָט פֿונ'ם אָקטיאַבריזם װעט פֿאַלן אינגאַנצען נאָך איין שעדליכע אילוזיע, װעלכע בינדט צונויף איהרע האָפֿנונגען אויף בענײַען דאָס לאַנד גראַדע מיט די אָקטיאַבריסטן: אויף דעם באָדען, הייסט עס, פֿון די קאָנפֿליקטן, װאָס דאַרפֿן אַלץ װאַקסן צװישן דער דומע און דער רעגירונג, װעלן די אָקטיאַבריסטן צװינגען די רעגירונג געהן אויף הנחה, שװאַכער מאַכן די רעפּרעסיעס און זיך שטעלן אויפ'ן װעג פֿון רעפֿאָרמען צו פֿערװירקליכען דעם מאַניפֿעסט פֿונ'ם 17-טן אָקטאָבער.

די הוהע װירקליכקייט האָט די אַלע האָפֿנונגען צוקלאַפּט. און אין דער נאָהענסטער צוקונפֿט דאַרפֿען מיר װאַרטען ניט, אַז די רעאַקציע זאָל שװאַכער װערען, נור אַז זי זאָל נאָך שטאַרקער װערען. אָבער די רעאַקציע גופֿא רופֿט אַרױס אין דער בעפֿעלקערונג אַ בעשטימטע שטימונג, הױבט אויף איהר פּאָליטישן בעװאוסטזיין. און דורך דעם װאָס די רעאַקציע פֿערמאַכט פֿאַר דער דאָזיגער שטימונג און בעװאוסטזיין אַ גאַנצע רײהע אויסגאַנגען, שטױסט זי זיי צו זוכען אַנ'אויסגאַנג אויף אַנדערע װעגען.

לוי.

צו דער פראַגע וועגען שבת־און זונטאַג־רוה.

I

אין גאָסודאַרסטווענע דומע וועט אין גיכן בעראַטן ווערען די פראַגע וועגען זונטאַג־און יום־טוב־רוה פאַר האַנדעלס־אַנגעשטעלטע. די ס. ד. דומע־פראַקציע גרייט זיך צו דער פראַגע. זי איז דעם פאַריגען ווינטער בעהאַנדעלט געוואָרען אויף אַ רייהע זיצונגען פון דער אַרבייטער־קאָמיסיע, וואָס בייַ דער פראַקציע. אויסגעאַרבייטעט בעשלוס וועגען דער פראַגע וועט די פראַקציע אָננעהמען אויף איהרע זיצונגען אין די נאָהענטסטע מאָנאַטען.

די אַרבייטער־קאָמיסיע האָט אַ פריהער בעראַטן דעם פאָרשלאַג פון די יודישע בעוואוסטזיניגע אַרבייטער, היינו: מען קאָן ניט אייַנשטעלען דורך אַ געזעץ איינע און די זעלבע רוהע־טעג פאַר די האַנדעלס־אַנגעשטעלטע פון אַלע נאַציאָנען, אַזוי אַז די געשעפטען זאָלען זיין געשלאָסען אינ׳ם גאַנצען לאַנד אין איינע און די זעלבע טעג. די אַנגעשטעלטע פון יעדער נאַציאָן דאַרפען האָבען דאָס רעכט צו רוהען אין זייערע היסטאָריש־ענטשטאַנענע און אייַנגעוואָקסענע ימים־טובים און רוהע־טעג. ווען אין איין געשעפט אַרבייטען צוזאַמען אַנגעשטעלטע פון פערשיעדענע נאַציאָנען, ווערט די פראַגע, ווען אַזאַ געשעפט זאָל זיין געשלאָסען און די אַנגעשטעלטע זאָלען רוהען, בעשטימט דורך דעם פערסאָנאַל צוזאַמען מיט דעם פראָפעסיאָנעלען פעראיין פון די האַנדעלס־אַנגעשטעלטע און דער שטאָטישער זעלבסט־פערוואַלטונג.

די קאָמיסיע האָט דעם דאָזיגען פאָרשלאַג ניט אָנגענומען. די געגנער האָבען אַרויסגעשטעלט געגען איהם פאָלגענדע טענות:

די האַנדעלס־אַנגעשטעלטע וועלען נור דעמאָלט אינגאַנצען זיכער, אַז זיי וועלען זיין פריי פון אַרבייט אין די רוהע־טעג, ווען די געשעפטען וועלען אין די דאָזיגע טעג זיין אינגאַנצען געשלאָסען. וועלען די געשעפטען זיין אָפען, וועט די רוהע פון די אַנגעשטעלטע שטעהן אין געפאַהר. און דערום טאַקי איז נויטיג, אַז אַלע געשעפטען זאָלען זיין געשלאָסען אין איינע און די זעלבע טעג. וועלען אין איין שטאָט איינע געשעפטען זיין אָפען, און די אַנדערע געשלאָסען, וועט שווער זיין צו קאָנטראָלירען, און די בעלי הבתים וועלען עס געוויס אויסנוצען און אין פיעלע פאַלען צונעהמען בייַ די אַנגעשטעלטע די רוהע־טעג אינגאַנצען.

צווייטענס: די רוהע־טעג דאַרפען ווערען ניט רעליגיעזע און ניט נאַציאָנאַלע, נור פּראָלעטאַרישע יום־טובים, טעג, וועלכע ווערען אויסגענוצט אויף צו בעטראַכטען צוזאַמען די אַרבייטער־אינטערעסען, טעג, ווען די אַרבייטער ווייזען אַרויס בולט זייער אחדות און סאָלידאַריטעט. צוטיילען די טעג טראָגען אַ שפּאַלטונג אין די רייהען פון פּראָלעטאַריאַט, פערקלענערען דעם אינטערנאַציאָנאַלען כאַראַקטער פון די טעג און דורך דעם ברענגען שאַדען דער אַרבייטער־זאַך.

אַ טייל פון די דאָזיגע געגנער האָבען דערום אַרייַנגעטראָגען אַ פאָרלאַגע, אַז אין גאַנצען לאַנד זאָלען זיין פערמאַכט די געשעפטען אין איינע און די זעלבע רוהע־טעג, פאַקטיש אום זונטאַג און די קריסטליכע חגאות. מען האָט אָנגעוויזען, אַז דערפון וועלען לייַדען די יודען און די מאַהמעדאַנער. האָבען די אַנהענגער פון דעם פאָרשלאַג געענטפערט, אַז די גאַנצע מעשה איז אַ טעות: אין דער אמת׳ן שטעהען די יודען און די מאַהמעדאַנער גאָרניט אַזוי פעסט פאַר זייערע ימים־טובים, און דאָס רוב ווילען די גאָר אַליין האַלטען די געשעפטען געשלאָסען אום זונטאַג און די קריסטליכע חגאות. והראיה, מיט עטליכע יאָהר צוריק, בעת די פראַגע וועגען די רוהע־טעג האָט געדאַרפט געלייזט ווערען אין יעדער שטאָט בעזונדער דורך די געמישטע קאָמיסיעס און די שטאָדטישע דומעס, האָבען די אָרגאַניזירטע יודישע האַנדעלס־אַנגעשטעלטע אין ערגעץ ניט געוואָלט אָננעהמען די אויבענדערמאַנטע רעזאָלוציע פון די בעוואוסטזיניגע יודישע אַרבייטער און האָבען געוואָלט רוהען דוקא אום זונטאַג און די קריסטליכע חגאות. חוץ דעם טרייַבט די קאָנקורענץ דערצו, אַז סוף כל סוף וועלען אינ׳ם גאַנצען לאַנד אייַנגעפיהרט ווערען איינע און די זעלבע רוהע־טעג, היינו, די קריסטליכע.

דער פאָרשלאַג איז אויך ניט אָנגענומען געוואָרען: צו בולט איז שוין געווען, אַז דורך דעם וועט אומעטום אונטערדריקט ווערען דער רעליגיעזער און נאַציאָנאַלער געוויסען פון די נאַציאָנאַלע מינדערהייטען.

נאָכהער איז פאָרגעלעגט געוואָרען און מיט אַ קליינער מעהרהייט אָנגענומען געוואָרען דער פאָלגענדער פאָרשלאַג:

אינ׳ם גאַנצען לאַנד מעגען די רוהע־טעג זיין פערשיעדענע, נור אין יעדער שטאָט בעזונדער מוזען זיי זיין איינע און די זעלבע. מען קאָן ניט דערלויבען, אַז אין איינער און דער זעלבער שטאָט זאָלען אין איינעם און דעם זעלבען טאָג אַ טייל געשעפטען זיין געשלאָסען און אַ טייל אָפען. די רוהע־טעג אין יעדער שטאָט בעזונדער ווערען בעשטימט דורך אַ רעפערענדום, אַ אַבשטימונג פון אַלע האַנדעלס־אַנגעשטעלטע פון דער בעטרעפענדער שטאָט. דער רעפערענדום ווערט דורכגעפיהרט מיט דער הילף און אונטער דער השגחה פון די פראָפעסיאָנעלע פעראיינען און דער שטאָדטישער זעלבסט־פערוואַלטונג. אויף אַזאַ אופן וועט אויסקומען, אַז אין ווילנא, אין ד. ג. שטעדט, וואו דאָס רוב געשעפטען און אַנגעשטעלטע זענען יודישע, וועלען אַלע געשעפטען, קריסטליכע אויך, מוזען זיין געשלאָסען אום שבת און די יודישע ימים־טובים. אין די שטעדט, וואו די מעהרהייט אַנגעשטעלטע זענען טאַטאַרען, וועלען אַלע געשעפטען, אפילו יודישע און קריסטליכע, מוזען זיין געשלאָסען אום פרייטאָג און די מאַהמעדאַנישע ימים־טובים. אין די שטעדט ווידער, וואו די מעהרהייט געשעפטען און אַנגעשטעלטע זענען קריסטען, ווי אין קיעוו למשל, וועלען אַלע געשעפטען, יודישע און טאַטאַרישע אויך, מוזען זיין געשלאָסען אום זונטאַג און די קריסטליכע חגאות. איינע און די זעלבע רוהע־טעג אין איינער און דער זעלבער שטאָדט.

ווי געזאָגט, איז נאָך דערווייַלע די פראַגע געבליבען אָפען און ענדגילטיג וועט די פראַקציע זי בעשטימען אין די נאָהענטסטע מאָנאַטען. דערווייל פיהרט זיך וועגען דער פראַגע אַ ברייטע דיסקוסיע אין דער רוסישער פראָפעסיאָנעלער פרעסע. אין דער יודישער פרעסע איז נאָך די פראַגע ניט בעריהרט געוואָרען. די פראַגע איז אָבער פאַר די יודישע האַנדעלס־אַנגעשטעלטע אַ העכסט וויכטיגע. זיי מוזען זיך אין איהר וואָס גיכער פאַנאַנדערקלייַבען און אַרויסזאָגען זייער מיינונג.

II

מיר הויבען אָן פון דער פאַקטישער זייט. צי איז אמת, אַז יודען שטעהען גאָר ניט אַזוי פעסט פאַר זייערע שבתים און ימים־טובים און דאָס רוב ווילען זיי אַליין בעסער האַלטען זייערע געשעפטען אָפען אום שבת און געשלאָסען אום זונטאַג און די קריסטליכע חגאות?

דאָס איז דורכאויס ניט אמת. מיר האָבען ניט אונטער דער האַנד קיין סטאַטיסטישע ציפער, נור עס איז אַ זיכערער פאַקט, אַז אין גאַנצען יודישען תחום געפינען זיך נור 2—3 שטעדט אין דרום־רוסלאַנד, וואו די יודישע געשעפטען ווערען אונטער דעם דרוק פון דער קאָנקורענץ געצוואונגען צו זיין אָפען שבת און יום־טוב. און אויך דאָרטען פערשאַפט עס גאָר אַ סך יודען גרויס האַרץ־ווייטאָג און זיי פיהרען נאָך אַ שווערען קאַמף מיט זייער געוויסען. און אפילו אין אַזעלכע שטעדט ווי אָדעס און ניקאָלייעוו זענען די יודישע געשעפטען אָפען אום שבת נור אינ׳ם צענטער. געהט זיך דאָרטען דורך אום שבת איבער די הינטער־גאַסען, אין אַ מאָלדאַוואַנקע למשל, וועט איהר זעהן, אַז אַלע יודישע קראָמען זענען דאָרטען פעסט, און די שבת־רוה פיהלט זיך ניט ווייניגער, ווי אין מינסק און פינסק.

אין די איבעריגע שטעדט פון תחום, וואו די גרעסטע מעהרהייט געשעפטען זענען יודישע, און די אַלמעכטיגע קאָנקורענץ האָט נאָך דעם יודישען סוחר ניט געצוואונגען אַרייַנצוטרעטען אין אַ קאָנפליקט מיט זיין רעליגיעזען געוויסען, דאָרטען זענען אומעטום די יודישע קראָמען שבת און יום־טוב געשלאָסען. זאָל מען דאַרפען אייַנפיהרען זונטאַג־רוה אַנשטאַט שבת־רוה, וועט עס אָהן אַ ספק ברענגען דערצו, אַז די ערשטע צייט וועלען דאָס רוב יודישע סוחרים האַנדלען בלויז 5 טעג די וואָך, נור כדי צו בלייבען טריי זייער רעליגיאָן. בעת מיט 2—3 יאָהר צוריק האָבען אייניגע אַנטיסעמיטישע שטאָדט־דומעס אין דרום־מערב געגענד (בערדיטשעוו, זשיטאָמיר, האָמעל און אַנדערע) פערבאָטען יודען צו האַלטען אָפען זייערע געשעפטען אום זונטאַג, האָבען עס די דאָרטיגע יודען אָנגענומען פאַר דער גרעסטער גזרה, און צו זייערע קולות, פראָטעסטען און בקשות איז קיין סוף ניט געווען. ניט לאַנג נאָך האָבען אייניגע יודישע סוחרים אין לאָדז געפרובט האַלטען אָפען זייערע געשעפטען אום שבת, האָט עס אַרויסגערופען אין שטאָדט אַזאַ מהומה, אַז זיי האָבען זיך געמוזט אונטערגעבען דער געזעלשאַפטליכער מיינונג און האַלטען זייערע געשעפטען אום שבת געשלאָסען, ווי פריהער. עס איז קלאָר, אַז קוים צווינגט מען יודען צו האַלטען זייערע געשעפטען אום זונטאַג און קריס־

ליכע חנאות געשלאָסן, װען עס װי צװינגען אָדער צו געהן קעגן זײער רעליגיעזן געװיסן און האַנדלען שבת, װאָס װעט װי פֿערשאַפֿן גרױסע מאָראַלישע שמערצן, אָדער האַלטן די געשעפֿטן געשלאָסן 2 טעג אין װאָך און לײַדן גרױסע מאַטעריעלע שאָדן. אַזױ צו אַזױ, װעט די הערשענדע נאַציאָן און אמונה אין דעם פּרט דריקן דעם געװיסן פֿון די נאַציאָנאַלע מינדערהײטן, און די ס. ד. פּראַקטיק, װעלכע שטעהט פֿאַר פֿולע געװיסנס-פֿרײַהײט מוז אין דומע שטימען קעגן דעם.

און לײַדן פֿון דעם װעלען ניט בלױז די יודישע סוחרים; ס'װעלען לײַדן אױך די יודישע האַנדעלס-אָנגעשטעלטע, װעלכע זענען נאָך דאָס רוב אױף אַזױ פֿיעל רעליגיעז, אַז אַרבײַטן אום שבת און יום-טוב האַלטן זײ פֿאַר די גרעסטע עבֿרה, און אפֿילו די מינדערהײט אָנגעשטעלטע, װעלכע האָבן זיך שױן פֿון די רעליגיעזע שטריק מעהר אָדער װעניגער בעפֿרײַט, װעגען פֿונדעסט-הענגען צו די יודישע שבתים און ימים-טובֿים נאָך אַלץ צוגעבונדען. אמת, זײ געהען ניט אין שול, זײ רױכערן אום שבת, אָבער געהן אַרבײַטן אין דעם טאָג װעט זײ דאָך זײַן זעהר שװער. װײַל אױסער דעם רעליגיעזן עלעמענט האָבן די יודישע שבתים און ימים-טובֿים אין זיך אַ גרױסן נאַציאָנאַלן עלעמענט. זײ זענען אױסגעװאַקסן היסטאָריש צוזאַמען מיטן יודען און האָבן געשלאָגן טיעפֿע װאָרצלען אין זײַן פּסיכאָלאָגיע; און אפֿילו די יודען, װאָס זענען ניט רעליגיעז, פֿיהלען דאָך אין די שבתים און ימים-טובֿים עפּעס אַ פֿײַערליכעס, אַ יום-טובֿדיגעס. דאָס איז דער נאַציאָנאַלער עלעמענט, װעלכער איז אײַנגעװעבט טיעף אין דער נשמה פֿונ'ם יודישן האַנדעלס-אָנגעשטעלטן, מעג ער זײַן, װי פֿרײַגעזאָנען, אַנטיקלעריקאַל, װעלכען ס'איז נאָר ניט אַזױ לײַכט אַרױסצורײַסן, װי אַנדערע מײנען. פֿערדרײַט איהם דעם שבת אױף זונטאָג, װעט ער לאַנגע יאָהרען, אפֿשר דורות נאָכאַנאַנד זיך פֿיהלען אין דעם טאָג בלױז פֿרײַ פֿון אַרבײַט, אָבער ניט פֿײַערליך. װײַל אַ יום-טובֿ װאַקסט אױס היסטאָריש. מען נעהמט זיך איהם ניט אַלײן, און ער װערט ניט בעשטימט דורך אַ געזעץ אין דומע.

און דאָ װירקט נאָך אײנס. נעהמט אפֿילו אַזאַ האַנדעלס-אָנגעשטעלטן, װאָס קאָן בײַ זיך פּועלן צו אַרבײַטן שבת און רוהען זונטאָג, װעט אױף איהם אױך װירקען שלעכט דאָס, װאָס ער װעט אין די בעסטע, אין די פֿײַערליכסטע טעג אָבגעריסן זײַן פֿון זײַן סביבה, פֿון זײַנע נאָהענטע און בעקאַנטע. ער האָט געװיס אַ ברודער אַ בעל מלאָכה, װעלכער רוהט שבת און אַרבײַט זונטאָג, עלטערן פֿרומע, בײַ װעלכע שבת איז הײליג און שװער און ד. ג. קומט אױס, אַז בעת בײַ זײַנע נאָהענטע איז אַ יום-טובֿ, שטעהט ער מיט'ן אַרשין- און אַרבײַט, פֿערקעהרט, בעת בײַ איהם איז אַ יום-טובֿ, איז בײַ זײַנע נאָהענטע אַ װאָכען-טאָג, און זײ אַרבײַטען, און ער פֿיהלט זיך אַלײן, אָהן אַ יום-טובֿדיגע שטימונג אַרום זיך, װי מײנט איהר, װעט עס איהם דען קײן לײדען ניט פֿערשאַפֿען?

די אָדעסער יודישע אָנגעשטעלטע, זאָגט מען, האָבן בעסער געװאָלט רוהען זונטאָג. נור ערשטענס איז אָדעס אײנע פֿון די 2—3 שטעדט, װאו יודען האַלטען שױן לאַנג אָפֿען זײערע געשעפֿטען אום שבת, און זי קאָן דערום פֿאַר אַנדערע שטעדט ניט דינען פֿאַר אַ בײַשפּיעל. צװײטענס האָט דאָך אין אָדעס אַרױסגעזאָגט אַזאַ מײנונג בלױז דער פּראָפֿעסיאָנעלער פֿעראײן, די מינדערהײט פֿון פֿאַך, זײַן פֿרײַערער, װעניגער אָדער גאָרניט רעליגיעזער טײל. װאָלט מען פֿרעגען די ברײטע מאַסע יודישע אָנגעשטעלטע אין אָדעס, װאָלט זי גלײַכער װי אַלץ אַרױסגעזאָגט נאָר אַנדערע מײנונג.

מיט אײן װאָרט, די בעשטימונג, אַז אינ'ם גאַנצען לאַנד זאָלען זײַן געשלאָסען די געשעפֿטען זונטאָג און די קריסטליכע חנאות, װאָלט געװען אַ דריקונג פֿאַר דעם רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן געװיסן, װי פֿון די יודישע סוחרים, אַזױ אױך פֿון די יודישע אָנגעשטעלטע.

בנוגע צו די מאַהמעדאַנער, קאָנען מיר זאָגען אױף געװיס, אַז פֿאַר די װאָלט עס געװען נאָך אַ גרעסערע דריקונג. מיר װײסען ניט, װי װאָלט עס מיט זײערע נאַציאָנאַלע געפֿיהלען, אָבער דער רעליגיעזער געפֿיהל איז בײַ זײ איצט פֿיעל שטאַרקער װי בײַ יודען.

III

מען זאָגט, אַז די קאָנקורענץ טרײַבט סײַ װי דערצו, אַז אינ'ם גאַנצען לאַנד זאָלען אײַנגעשטעלט װערען אײנע און די זעלבע רוהע-טעג פֿאַר אַלע נאַציאָנען, הײנו זונטאָג און די קריסטליכע חנאות.

אײנגאַנצען אמת איז עס ניט. פֿאַראַן ניט װעניג שטעדט אינ'ם תחום, איבערהױפּט אין ליטא און פּױלען, װאו די מעהרהײט געשעפֿטען זענען יודישע. דאָרטען טרײַבט די קאָנקורענץ געװיס ניט

דערצו, אַז די קריסטליכע חנאות זאָלען אַרױסשטױסען די יודישע ימים-טובֿים. דאָרטען האָט אפֿשר די קאָנקורענץ אַ פֿערקערטע טענדענץ: פֿערבאָטען דאָ מען יודען האַנדלען אױם זונטאָג: הײַסט זיך אַרײַנמישן אין דעם נאַטירליכן גאַנג פֿון דער קאָנקורענץ און מיט געװאַלד איבערבײגן איהם צום נוצען פֿון דער הערשענדער מינדערהײט און צום שלעכטען פֿון דער רעכטלאָזער מעהרהײט.

פֿאַראַן געצעהלטע שטעדט, װאו די קאָנקורענץ האָט שױן איהר זאַך געטאָן און מעהר אָדער װעניגער אײַנגעריקט דעם יודישען שבת פֿאַרן קריסטליכען זונטאָג. עס שטעהט זיך, אַז קײנעם פֿאַלט ניט אײַן פֿאָרצולײגען צו צװינגען די דאָרטיגע יודען איבערגעװאַלד רוהען שבת. דאָס איז אַ זאַך פֿון זײער פֿרײַען װילען. מען טאָר ניט דריקען קײנעם געװיסען ניט אין אײן זײַט, ניט אין דער אַנדערער.

פֿאַראַן דאָ נאָך אַ רײַהע שטעדט אינ'ם תחום, װאו די קאָנקורענץ האָט אַ טענדענץ, לאָמיר זאָגען, די טרײַבט יודען צו פֿערבײַטען שבת אױף זונטאָג. דאָס איז אָבער דערװײַל מעהר ניט װי אַ טענדענץ. אײנגאַנצען האָט נאָך די קאָנקורענץ אין דער הינזיכט איהר אַרבײַט ניט געטאָן. זי טרײַבט און האָט נאָך ניט דערטרײַבען. עס איז קלאָר, אַז מיר מוזען לאָזען דער קאָנקורענץ איהר פֿרײַען לױף. די זאָל אַלײן דורכפֿיהרען דעם פּראָצעס ביז'ן סוף און געבען דער שטאַרקערער דעם װעג. אַרײַנמישען זיך אין דער קאָנקורענץ, איבערהענגען די װאָגשאָל צום נוצען פֿון דער קריסטליכער מעהרהײט טאָרען מיר ניט.

מען טאָר ניט פֿערגעסען, אַז װען מען װעט צװינגען אַ טײל (און די ערשטע צײַט געװיס אַ גרױסען טײל) יודישע סוחרים צו האַלטען געשלאָסען די געשעפֿטען צװײ טעג אין װאָך, װעט דער יודישער מסחר דערפֿון לײַדען גרױסע היזיקות. און װען דער יודישער מסחר װעט לײַדען, װעלען דערבײַ פֿערלירען ניט נור די יודישע סוחרים, נור אױך די יודישע אָנגעשטעלטע, װײַל מיר װײסען דאָך, אַז קײן יודישע אָנגעשטעלטע נעהמט מען אין קריסטליכע געשעפֿטען ניט צו, און די יודישע אָנגעשטעלטע אין דעם פּרט זענען דערום עקאָנאָמיש ענג פֿערבונדען מיט די יודישע סוחרים.

אמת איז, אַז װען אין אײנעם און דעם זעלבען טאָג זענען אין שטאָדט אײנע געשעפֿטען געשלאָסען און די אַנדערע אָפֿען, איז שװער צו קאָנטראָלירען. און די בעלי הבתים קאָנען זיך דערמיט בענוצען און אין פֿיעלע פֿאַלען נאָר ניט געבען זײערע אָנגעשטעלטע קײן רוהע-טאָג. דאָך איז די דאָזיגע שװעריגקײט ניט אַזױ גרױס, װי מען שטעלט זי זיך פֿאָר. ערשטענס װײסט די פּאָליציי גאַנץ גוט, װעלכע קראָם איז אַ יודישע, װעלכע אַ קריסטליכע און װעלכע אַ מאַהמעדאַנישע, װעלכע מוז זײַן דעם טאָג געשלאָסען און װעלכע מעג זײַן אָפֿען. נור חוץ דעם קאָן מען זיך דאָך בכלל אױפֿ'ן קאָנטראָל פֿון פּאָליציי ניט פֿערלאָזען. קאָנטראָלירען מוזען די אָנגעשטעלטע גופֿא דורך זײער פּראָפֿעסיאָנעלען פֿעראײן. און פֿאַר אַ פֿעראײן, װעלכער איז ענג פֿערבונדען מיט דער מאַסע פֿון זײַן פֿאַך, װעט דער קאָנטראָל ניט פֿיעל שװעריגער װערען דורך דעם, װאָס יודען װעלען רוהען שבת און קריסטען זונטאָג.

IV

מען זאָגט, אַז די רוהע-טעג דאַרפֿען װערען ניט רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע ימים טובֿים, נור אַלגעמײן פּראָלעטאַרישע; זײ דאַרפֿען װערען טעג פֿון פּאָליטישער קלאַסען-ערציהונג, פֿון סאָלידאַריטעט-אױסדריקונג. צוטײלען זיך אַרבײַטער אין אונגלײַכע טעג, װאָלט הײסען אַרײַנטראָגען אַ צושפּאַלטונג אין זײערע רײַהען און ברענגען שאָדען דער אַרבײַטער-זאַך.

װאָס אַנבעלאַנגט קלאַסען-ערציהונג, פֿערגעסט מען, אַז די װערט סײַ װי ניט געפֿיהרט אינטערנאַציאָנאַל. די פֿראַגען פֿונ'ם אַלטעגליכען אַרבײַטער-לעבען קאָנען אױך אינטערנאַציאָנאַל ניט בעהאַנדעלט װערען. דאָ שטערט די שפּראַך און די פֿערשידענע בעדינגונגען, אין װעלכע דער פּראָלעטאַריאַט פֿון פֿערשידענע נאַציאָנען לעבט.

צופֿאַלען, װען דער פּראָלעטאַריאַט פֿון פֿערשידענע נאַציאָנען מוז אַ 1 מאַי צוזאַמען, פֿײַערען זיך װעלען. און װען די פֿײַערען זיך, קאָן די פֿראַגע װעגען שבת און זונטאָג דאָ פֿאַר קײן אופֿן ניט שטערען. דאָס האָט אונז די נאָהענטע פֿערגאַנגענהײט קלאָר בעװיזען.

און װאָס אַנבעלאַנגט דעם פּראָלעטאַרישען כאַראַקטער פֿון די רוהע-טעג און דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, שטאַמט דאָ דער טעות דערפֿון, װאָס מען נעהמט דעם פּראָלעטאַריאַט, װי מען װיל, ער זאָל זײַן, און מען װיל זיך ניט רעכענען מיט דעם פּראָלעטאַריאַט, װי ער איז איצט. מיר האָבען נאָך דערװײַל ניט אַזאַ פּראָלעטאַריאַט, װעלכער זאָל זײַן דורכאױס פֿרײַ פֿון רעליגיעזע און נאַציאָנאַליסטישע געפֿיהלען. בײַ דער מעהרהײט זענען נאָך די דאָזיגע געפֿיהלען זעהר שטאַרק, זעהר טיעף אײַנגעװאָרצעלט. צװינגט מען דעם יו-

דישען האַנדעלס-פּראָלעטאַריאַט צו אַרבּײַטען שבת, העלפען בײַ איהם זײַנע רעליגיעזע געפיהלען נאָך שטאַרקער ווערען, העלפען זײַנע נאַציאָנאַלע געפיהלען אָננעהמען זעהר ניט געווינשטע פאָרמען. דאָס איז דאָך אַ כּלל, אַז פון דריקונג ווערען די דאָזיגע געפיהלען שטאַרקער און הייליגער. די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט וועט איהר אויף אַזאַ אופן ניט פערשטעהן; פערקעהרט, בײַ דעם פּראָלעטאַריאַט, וואָס זײַנע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע געפיהלען וועלען געדריקט ווערען, וועט איהר נאָך דערוועקען אַ האַס צו דעם פּראָלעטאַריאַט פון דער הערשענדער נאַציאָן. איהר וועט איהם דערפאַר מאַכען נעהענטער צו דער בּירזשואַזיע פון זײַן אייגענער נאַציאָן, וועלכע לײַדעט אין דעם פונקט צוזאַמען מיט איהם.

און די גרויסע מאַסע אײַנגעבּעאוטמוטיגע אַרבּײַטער וועט איהר דורך דעם אָבטרײַבען פון דער ס. ד. זיי וועלען זאָגען: אהאַ! די ס. ד. וויל אייך דריקען אונזערע געפיהלען, די שטעלט זיך אויך אויף דער זײַט פון די שטאַרקע, און איהר איז אויך קיין הילף ניטאָ. די בּרייטע מאַסע וועט עס לאַנג דער ס. ד. ניט מוחל זײַן, און פּאָליטיש וועט די אַרבּײַטער-זאַך פון אַ אַ סאָלידאַריטעטס-פּאָליטיק פיעל פערלירען.

ניין. אויסגעהענדיג פון איהר שטאַנדפּונקט, טאָר די ס. ד. פראַקציע אין דומע בשום אופן ניט שטימען פאַר אײַנשטעלען אינ'ם גאַנצען לאַנד אײנע און די זעלבע רוהע-טעג—זונטאָג און די קריסטליכע חגאות.

V

מיר געהען איבער צו דער פאַרלאַגע, וואָס איז אָנגענומען געוואָרען אין דער אַרבּײַטער-קאָמיסיע, וואָס בײַ דער ס. ד. פראַקציע.

אין בעזונדערע שטעדט מעגען זײַן די רוהע-טעג בעזונדערע. אין אײנער און דער זעלבער שטאָדט מוזען זיי זײַן אײנע און די זעלבע, און זיי ווערען אין יעדער שטאָדט בעשטימט לויט דעם פערלאַנג פון דער מעהרהייט אײַנגעשטעלטע, אַ פערלאַנג, וועלכער ווערט פעסטגעשטעלט דורך אַ רעפערענדום.

דער דאָזיגער פאַרשלאַג קאָן אונז נאָך ווענניגער צופרידענשטעלען, ווי דער ערשטער. עס איז קלאָר, אַז אינ'ם פאַל, ווען דער פאַרשלאַג זאָל ווערען אַ געזעץ, וועט אין יעדער שטאָדט בעזונדער פאָרקומען דאָס, וואָס לויט דעם ערשטען פאָרשלאַג וואָלט פאָרגעקומען אין גאַנצען לאַנד. אין יעדער שטאָדט בעזונדער וועט די מינדערהייט געדריקט ווערען דורך דער מעהרהייט. אין יעדער שטאָדט בעזונדער וועט שווער אָנגעריהרט ווערען די געוויסענס-פרייהייט פון דער מינדערהייט. אין ווילנא וועלען לײַדען די פּוילישע און רוסישע אײַנגעשטעלטע, אין קאָוונע—די יודישע. און מען קאָן דאָך ניט רעכענען, אַז די ווילנער פּאָליאַקען, למשל, וועלען זיך צופרידענשטעלען מיט זייער געדריקטער לאַגע צוליעב דעם, וואָס אין קעלץ למשל וועלען אַנדערע פּאָליאַקען דריקען יודען, אָדער אַז די יודען אין קאָוונע למשל וועלען ווייניגער שמערצליך פיהלען דאָס, וואָס מען דריקט דאָרט זייער רעליגיעזען און נאַציאָנאַלען געוויסען, ווײַל אין ווילנא דריקען אַנדערע יודען דאָס רעליגיעזע געוויסען פון די רוסען און פּאָליאַקען. אַזאַ אָבצאָהלונג געהט דאָ ניט אָן. די געדריקטע מינדערהייט פיהלט זיך שלעכט, אַלץ אײנס, צי איהרע גלויבענסגענאָסען מאַכען אַנדערסוואו אויס אַ מעהרהייט און דריקען דאָרטען די גלויבענסגענאָסען פון זייערע היגע בעדריקער צי ניט.

אין דעם צווייטען פאַרשלאַג איז נאָך פאַראַן אַ פונקט, וועלכער מאַכט איהם פיעל ערגער, פיעל שעדליכער פאַרן ערשטען. עס איז ניט גוט, ווען אינ'ם גאַנצען לאַנד, וואָס די קריסטליכע מעהרהייט דריקען די יודישע און מאָהמעדאַנישע מינדערהייטען. אָהן אַ ספק ניט גוט. אָבער צו קיין פּאָגראָמען ברענגען קאָן עס ניט. וועלען אָבער די קריסטען אין ווילנא זײַן געצוואונגען צו רוהען שבת און אַרבּײַטען זונטאָג, וועט דערפון די שנאה פון דער קריסטליכער מאַסע צו די יודען זיך געפעהרליך צעפלאַקערן, און מיר וועלען ניט זיכער פון בלוטיגע עקסצעסען.

פון וועלכער זײַט מיר זאָלען די פראַגע ניט בעטראַכטען, מוזען מיר קומען דערצו, אַז איהר אײנציג מעגליכע לעזונג איז בײַ אַ צאַנג אַ משטעגדען נור דער פאַרשלאַג פון די יודישע בעוואוסטזיניגע אַרבּײַטער, היינו: *די האַנדעלס-אײַנגעשטעלטע פון יעדער נאַציאָן ווערט געגעבען דאָס רעכט צו רוהען אין זייערע היסטאָרישע ימים-טובים און רוהע-טעג.* אין געשעפטען מיט אַ געמישטען פּערסאָנאַל ווערען די רוהע-טעג בעשטימט דורך דעם פּערסאָנאַל צוזאַמען מיט דעם פּראָפעסיאָנעלען פעראײַן און דער שטאָדטישער זעלבּסטפערוואַלטונג.

מיר שטרײַכען אונטער, דער פאַרשלאַג פון די יודישע בעוואוסטזיניגע אַרבּײַטער נעהמט אויך אַלע

שטעײַנקטען ניט אַרויס. דאָס איז בכלל איצט אונמעגליך. נור פון אַלע מעגליכע לעזונגען איז דאָס פאָרט די בעסטע, וואָס קאָן אונז מעהר צופרידענשטעלען.

די פראַגע איז אַ העכסט וויכטיגע פאַר די יודישע האַנדעלס-אײַנגעשטעלטע. זייערע פּראָפעסיאָנעלע פעראײַנען מוזען דערום וואָס גיכער זיך נעהמען בעהאַנדלען די פראַגע און אַרויסטראָגען רעזאָלוציעס.

מען מוז דאָך זעהן, אַז בעת די פראַקציע וועט צוטרעטען לעזען די פראַגע, זאָל זי זײַן גוט אינפאָרמירט, ווי בעציהט זיך צו איהר די פעראינטערעסירטע זײַט, די אידישע און מאַהמעדאַנישע האַנדעלס-אײַנגעשטעלטע.

[redacted]

א. ליטוואַק.

וועגען עמיגראַציאָנס-קאָנגרעס.

דעם קומענדיגען זומער דאַרף אין ווין פאָרקומען אַן אַלוועלטליכער קאָנגרעס איבער די פּראָבלעמען פון דער יודישער עמיגראַציע. דער קאָנגרעס ווערט צוזאַמענגערופען לויט דער איניציאַטיווע פון דער „נייער חברה פאַר רעגולירען די יודישע אימיגראַציע", אַ חברה, וועלכע האָט זיך דעם פאַריגען זומער געגרינדעט אין ניו-יאָרק פון פאָרשטעהער פון פערשיידענע יודישע פּאַרטייען און האָט נאָך דערווייל ניט אַרויסגעוויזען קיין שום סימנים פון לעבען.

די פאָרשטעהער פון אַ געוויסער לינקער שאַטירונג אינ'ם טעריטאָריאַליזם האָבען אויסגעהויבען אַן אַגיטאַציע פאַר דעם קאָנגרעס. זיי רופען די יודישע פּאַרטייען און געזעלשאַפטליכע איינריכטונגען, די קולטורעלע און עקאָנאָמישע חברות אונזערע אַנטיילצונעהמען אינ'ם אַלוועלטליכען עמיגראַציאָנס-קאָנגרעס.

וועגען דער פראַגע איז געוועזען אָבגעדרוקט אַ רייהע אַרטיקלען אין אונזער פּרעסע; אין אייניגע שטעדט איז זי בעהאַנדעלט געוואָרען אויף עפענטליכע פערזאַמלונגען. מיר האַלטען דערום פאַר נויטיג אַרויסצוזאָגען וועגען דער דאָזיגער פראַגע אויך אונזער מיינונג.

אויף דער יודישער עמיגראַציע וועגען בײַ יידען פאַראַן צוויי שטאַנדפּונקטען. יעדער אײנער פון זיי צעטיילט זיך אויף פערשיידענע שאַטירונגען. הויפּט-שטאַנדפּונקטען וועגען אָבער פאַראַן נור צוויי. לויט דעם ערשטען שטאַנדפּונקט איז די עמיגראַציע דער חוט-השדרה, דער רוקען-בּיין פון דער יודען-פראַגע אין דער היינטיגער צײַט. קיין אײנציגע פון אונזערע וויכטיגע פראַגען קאָן ניט געלעזט ווערען, ווען די עמיגראַציאָנס-פראַגע וועט בלײַבען ניט געלעזט. פערקעהרט, לעזען מיר די עמיגראַציאָנס-פראַגע, האָבען מיר שוין דערמיט געוויסערמאַסען געלעזט אַלע אַנדערע פראַגען אונזערע. יודען וועלען פרייער פאַר אַלץ און מעהר פון אַלץ עמיגרירען; דער קיום פון יודען, די צוקונפט פונ'ם יודענטום וועגען ענג פערבונדען מיט דער עמיגראַציע. די עמיגראַציאָנס-פראַגע איז דערום אַ פראַגע איבער אַלע פראַגען; דאָס איז דער ווינקעלשטיין, אויף וועלכען יעדעס יודישע פּראָגראַם מוז געבויט ווערען. טוען מיר וואָס אויף פאַר דער עמיגראַציע, האָבען מיר געטאָן פאַר דעם עיקר; טוען מיר וואָס פאַר ד"אָ, איז עס אַ טפל, אַ פּאַליאַטיוו, בויען אויף זאַמד און פון זאַמד. און אויב אונזער אַרבּײַט ד"אָ האָט וועלכע עס איז בעדייטונג, איז עס נור אויף אַזאַ פיעל, אויף וויפיעל די פערגרינגערט און רעגולירט די עמיגראַציע, אויף וויפיעל די שטעלט איהר צו אַ געזונטערן, קולטורעלערן מענשען-מאַטעריאַל, אויף וויפיעל ענדליך די היים אונז וואו מיר זאָלען דאָ חלילה אײַנגעהן ניט אונטערגעהן, אײדער דער עמיגראַציאָנס-שטראָם וועט אונז אַרײַבערטראָגען איבער'ן אָקעאַן.

לויט דעם שטאַנדפּונקט האַלטען זיך די ציוניסטען און טעריטאָריאַליסטען פון אַלערליי שאַטירונגען, פון די פּאָליטישע ציוניסטען ביז די ס. ס., געוועזענע ס. ס., בכלל אַלע, בײַ וועלכע די פערווירקליכונג פון זייער ענדציעל איז אַזוי צו אַנ-

דערט פֿערבונדען מיט דער עמיגראַציע. אויף דעם צווייטען שטאַנדפּונקט שטעהען יענע יודישע פּאַרטייען און ריכטונגען, וועלכע זעהען ווייט פון יעדען מין ציוניזם און טעריטאָריאַליזם. די עמיגראַציאָנס-פראַגע האַלטען זיי אויך פאַר זעהר וויכטיג: די איז אָבער פאַר זיי נור אַ פראַגע צווישען אַנדערע פראַגען, דורכאויס ניט קיין פראַגע איבער אַלע פראַגען, דורכאויס ניט אַזעלכע, וואָס בעשטימט זייערע פּרינציפּען אין דער יודען-פראַגע. דורכאויס ניט אַזעלכע, אַז וועלכע עס הענגט אָב די פֿערווירקליכונג פון זייער ענדציעל. די יודען-פראַגע אינגרויסען-אינגאַנצען דאַרף און קען געלעזט ווערען אין די ערטער, וואו יודען וואוינען איצט. אונזער באָדען איז דאָ; דאָ מוזען מיר בויען; אויף דאָ ווערען אויסגערעכענט אונזערע פּראָגראַמען. אמת, יודען גיבען אַ גרויסע צאָהל עמיגראַנטען, און מיר קאָנען זיי אָהן הילף ניט לאָזען. אָבער די דאָזיגע עמיגראַנטען בילדען פֿערהעלטניסמעסיג נור אַ קליינעם פּראָצענט פון דער יודישער בעפעלקערונג און דעקען נאָך הײַנט ניט אַפילו איהר צוואַוואַקס, אַזוי אַז צוזאַמען מיט דער עמיגראַציע הערט אויך ניט אויף צו וואַקסען די צאָהל פון דער יודישער בעפעלקערונג אין די הויפּט-לענדער פון זייער אַלטער וואוינונג, רוסלאַנד און גאַליציען. עס איז דערום לעכערליך צו זאָגען, אַז מיר דאַרפען די עמיגראַנטען מאַכען פאַר אַן עיקר, און די יודישע בעפעלקערונג, וואָס בלייבט אויף די ערטער, דער רוב מנין ורוב בנין פונ'ם יודישען פאָלק פאַר אַ טפל. עס איז לעכערליך צו זאָגען, אַז די יודען-פראַגע איז ניט די פראַגע פון דער גרעסטער מעהרהייט, וואָס בלייבט, נור פונ'ם פֿערהעלטניסמעסיג קליינעם פּראָצענט, וואָס עמיגרירט.

די עמיגראַציע איז איינע פון די וויכטיגע פראַגען, מיט וועלכע מיר דאַרפען זיך אָבגעבען. אָבער אויך אין דעם מוזען מיר זיך אָבגעבען אַ רעכענונג, וואָס ס'איז מעגליך און וואָס ניט, וואָס מען קאָן טון און וואָס ניט. די עמיגראַציע איז אַ סטיכיאַישער שטראָם, וועלכער שטאַמט פון אַ גאַנצען קנויל פֿערוויקעלטע סבות, אינעוועניגסטע און אויסוועניגסטע, אויף וועלכע מיר האָבען קיין שליטה ניט, און רעגולירען דעם עמיגראַציאָנס-שטראָם, אָנצייכענען פאַר איהם קינסטליכע וועגען איז דערום איבער אונזערע כחות. וואָס מיר קאָנען און מוזען טון, איז: בעהעלפען דעם עמיגראַנט סיי בײַם אַוועקפאָהרען פון אָרט, ער זאָל בעקומען; גיכער און ביליגער אַנ'אויסלענדישען פּאַס, אַ באַהן-בילעט און אַ שיפס-קאַרטע, סיי אין וועג, ער זאָל טרעפען אויפ'ן שיף גוטע מענשליכע בעהאַנדלונג; ער מוז זיין גוט אינפאָרמירט פאַר'ן אַוועקפאָהרען, אין וועלכע ערטער און אין וועלכע אינדוסטריע-צווייגען ער קען לייכט אַרבייט בעקומען; ער מוז בעקומען שטיצע און אינפאָרמאַציע די ערשטע טעג נאָך זיין קומען אויפ'ן נייעם אָרט. אַ טייל פון דער דאָזיגער אַרבייט מוז געטאָן ווערען אין די לענדער, פון וואַנען מען עמיגרירט, אַ טייל—אין די לענדער, וואוהין מען אימיגרירט. פאַראַן אין דער עמיגראַציע אַזעלכע פראַגען, וועלכע מוזען בעהאַנדעלט ווערען צוזאַמען דורך פאַרשטעהער פון די לענדער, פון וואַנען מען פאָהרט, און פאַרשטעהער פון די לענדער, וואוהין מען פאָהרט, און ס'קאָנען אַמאָל פאָרקומען אַזעלכע אַלוועלטליכע קאָנפערענצען און קאָנגרעסען איבער די פראַגען פון יודישער עמיגראַציע, ווי דער קאָנגרעס, וואָס שטעהט איצט פאַר אין וויען. דאָס הייסט אָבער ניט, אַז דערמיט ווערט אַנערקענט דער ציוניסטישער פּרינציפּ, אַז יודען פון דער גאַנצער וועלט האָבען איינע און די זעלבע פּאָליטישע אינטערעסען און זיי מוזען פיהרען איינעם און דעם זעלבען אינטערנאַציאָנאַלען פּאָליטישען קאַמפּף. דורכאויס ניט. אַזעלכע קאָנגרעסען קאָנען האָבען צו טון נור מיט פראַגען פון אינפאָרמאַציע, וועלכע האָבען אין זיך קיין שום פּאָליטישע [illegible] ניט.

די פּאָליטישע זייט פון דער עמיגראַציאָנס-פראַגע געהערט צו יעדען לאַנד בעזונדער, און דער קאַמפּף פאַר איהם קאָן צוזאַמען בשום אופן ניט געפיהרט ווערען. אַרויסגעבען געזעצען, וועלכע זאָלען פֿערגרינגערן דעם אַרויספאָהרען, דאָס איז אַנ'אינעוועניגסטע פּאָליטישע פראַגע אין די לענדער, פון וואַנען מען עמיגרירט. פֿערלייכטערן דעם אַריינגאַנג פאַר אימיגראַנטען, הויבען זייער געזעצליכע לאַגע אויף די נייע ערטער, דאָס איז אַנ'אינעוועניגסטע פּאָליטישע פראַגע אין די לענדער, וואוהין מען אימיגרירט. אַנ'אינעוועניגסטע פראַגע קאָן געלעזט ווערען נור אינעוועניג דורך אַנ'אינעוועניגסטען קאַמפּף, רעכענענדיג זיך מיט די אינעוועניגסטע קרעפטע-פֿערהעלטנישען.

ווי דאָס איז, די עמיגראַציאָנס-פראַגע איז אַ ריין פּראַקטישע, נעבענזעכליכע מאַס-פראַגע, וועלכע איז מיט קיין שום ברייטע פּערספּעקטיוון ניט פֿערבונדען.

פאַר די וואָס שטעהען אויפ'ן ערשטען שטאַנדפּונקט, האָט דער פאַרשטעהענדער קאָנגרעס אַ-

בער די פראַגען פון דער יודישער עמיגראַציע אַ גרויסע בעדייטונג, אַלץ איינס, צי ער וועט געבען וועלכע עס איז רעאַלע רעזולטאַטען, צי ניט. די פראַגע איז פאַר זיי אַזוי וויכטיג, איהר פּרינציפּיעלע בעדייטונג איז אַזוי גרויס, אַז בלויז רעדען וועגען איהר עפענטליך, דעמאָנסטרירען פאַר דער גאַנצער וועלט איהר בעדייטונג איז שוין אויך אַ גרויסע, אַ וויכטיגע זאַך. דער קאָנגרעס איז פאַר זיי וויכטיג מיט זיין דעמאָנסטראַטיווער זייט. און זיי זעהען געוויס אין הינטערגרונד פונ'ם פּיעלעסון קאָנגרעס דעם ערשטען טריט צו פֿערווירקליכען זייער חלום, פונ'ם נעבעל צייכענען זיך אויס פאַר זיי קאָנטורען פון אַ טעריטאָריע...

פאַר די, ווידער, וואָס שטעהען אויפ'ן צווייטען שטאַנדפּונקט, וואָס קוקען אויף די עמיגראַציאָנס-פראַגע ניט דורך ציוניסטישע און טעריטאָריאַליסטישע ברילען, פאַר זיי קאָן דער קאָנגרעס קיין שום אַגיטאַציאָנס-כאַראַקטער ניט האָבען. פאַר זיי קאָן ער זיין וויכטיג נור, אויב זיי קאָנען פון איהם ערוואַרטען פּראַקטישע נוצען פאַר די עמיגראַנטען. אויב ניט, וועט עס הייסען נור אויסגעבראַכט אומזיסט צייט און מיה, נאָכמעהר, ס'וועט הייסען פֿאַנאַנדערבלאָזען די פראַגע און צוגעבען איהר אַזאַ גרויסען און וויכטיגען אומפֿאַנג, וועלכען זי האָט דורכאויס ניט.

און דערביי, איידער מיר ענטפערען אויף די פראַגע, צי דאַרפען פּאַרטייען און חברות, וואָס שטעהען ניט אויפ'ן ציוניסטישען און טעריטאָריאַליסטישען שטאַנדפּונקט, אָנטיילנעמען אין דעם עמיגראַציאָנס-קאָנגרעס, מוזען מיר פריהער ענטפערען אויף אַן אַנדער פראַגע: וואָס פאַר אַ פּראַקטישע רעזולטאַטען קאָן דער קאָנגרעס געבען.

און כדי צו ענטפערען אויף די לעצטע פראַגע, מוזען מיר אַפריהער בעטראַכטען, וועלכע געזעלשאַפטליכע עלעמענטען און איינריכטונגען נעהמען איצט אָנטייל אין שטיצען די עמיגראַנטען, און וועלכע עלעמענטען און איינריכטונגען וועלען זיין פֿאַרגעשטעלט אויפ'ן פֿאַרשטעהענדען קאָנגרעס.

אַלע ווייסען, אַז פאַר די עמיגראַנטען ווערט איצט געטאָן זעהר ווייניג, אפשר ניט קיין הונדערט חלק דערפון, וואָס דאַרף און קאָן געטאָן ווערען. און דאָס קליין ביסעל, וואָס ווערט יעצט געטאָן, ווערט געטאָן ניט דורך געזעלשאַפטליכע איניציאַטיווע און אָנפיהרונג, נור דורך די אינפאָרמאַציאָנס-ביוראָס פון דער רייכער מומען יק"א און דורך די צווייטע רייכע מומע יט"א.

יק"א גיט אויס מאַסען געלד אויף איהרע אינפאָרמאַציאָנס-ביוראָס, אָבער, ווי אַלץ, וואָס יק"א טוט, ווערען די איינגעאָרדענט ביוראָקראַטיש, טויט, און דער עולם האָט צו זיי קיין צוטרויען ניט. יט"א פֿערנעהמט זיך בלויז מיט אַ קליינעם, אויסבעשטימטען טייל פון די עמיגראַנטען, בלויז מיט די, וואָס פאָהרען קיין גאַלוועסטאָן. און דאָס, וואָס די טוט, ווערט ווידער געטאָן אויפ'ן העכסטען אופן ביוראָקראַטיש. די עמיגראַציאָנס-געזעלשאַפט, וואָס דער דאָקטאָר ווינאָדסקי האָט בעשאַפען, האָט פון אויסעוועניג יע עפּיס אַ פּנים פון אַ געזעלשאַפטליכער איינריכטונג; זי האָט אָבער אין זיך קיין פונק לעבען ניט. איהר גאַנצע טעטיגקייט שטעקט זיך אויס אין דרוקען פון צייט צו צייט אין דער פּרעסע ניט זעהר נויטיגע פרייז-ליסטען פון שיפס-קאַרטען, ליסטען, וועלכע קיינער לייענט ניט.

די יק"א איז אַ קינד פון דער יודישער אינטערנאַציאָנאַלער גרויסקאַפּיטאַליסטישער פילאַנטראָפּיע. אויף די רוסישע יודען קוקט זי, ווי אויף שנאָרער, און רעכענט זיך ניט מיט זייער מיינונג.

וואָס אָנבעלאַנגט יט"א, איז אויך פאַר קיינעם קיין סוד ניט, אַז די ווערט אויסגעהאַלטען דורך דזשייקאָב שיף און באַראָן ראָטשילד, ווידער אַמאָל צוויי יודישע פילאַנטראָפּען, פאַרשטעהער פון דעם אינטערנאַציאָנאַלען גרויסקאַפּיטאַל. ווי בעקאַנט, האָט מען אויף דער לעצטער קאָנפערענץ פון יט"א פאַרגעלעגט, אַז מען זאָל איינגאַנצען אָבשאַפען די אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס, ווייל סײַ ווי נוצען זיי גאָר ניט און טוען גאָר ניט. און ווען מען האָט סוף כל סוף דאָך געלאָזען די אָרטיגע אָרגאַניזאַציעס עקזיסטירען, איז עס, ערשטענס, ווייל מען מוז דאָך קאָנקורירען מיט דעם ציוניזם, מוז מען האָבען די פאָרמע פון אַ פאַרטיי; צווייטענס האָט זיך די גאַנצע זאַך געהאַנדעלט נור אום אַ נאָמען, וואָרום קיין אמת'ע אָרגאַניזאַציעס אויף די ערטער האָט יט"א ניט. אין'ם בעסטען פאַל האָט זי נור איינצעלנע מענשען, אַגענטען.

אַלץ, וואָס ווערט געטאָן פאַר די יודישע עמיגראַנטען ניט מיט ווערטער, נור מיט מעשים, ווערט עס געטאָן בלויז דורך די יודישע אינטערנאַציאָנאַלע גרויסקאַפּיטאַליסטישע פילאַנטראָפּיע.

מען זאָגט, אַז מען קאָן בעשאַפען אַרום דער עמיגראַציע אַ פֿאָלקס-בעוועגונג; מען קאָן ברענגען דערצו, אַז די יודישע מאַסע זאָל אַליין

נעהמען אין האַנד די זאַך פון שטיצען און אינפאָרמירען די עמיגראַנטען. מיר האַלטען עס פאַר אומגליק. די ציוניסטען און טעריטאָריאַליסטען האָבען צוזאַמענגעבונדען מיט דער עמיגראַציע אַ גרויסען אַנציהענדען אידעאַל, און דאָך האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען אַרויסצורופען קיין פאָלקס-באַוועגונג. אפשיטה שוין, אַז דאָס וועט זיך ניט איינגעבען די, וואָס זעהען אין שטיצען די עמיגראַנטען נור אַ קליינע, אַלטעגליכע אַרבייט.

און בכלל קאָנען די פאָלקסמאַסען אַליין ניט אויסהאַלטען די הוצאות, וואָס העלפען די עמיגראַנטען דאַרף קאָסטען. דאָס איז די זאַך פון דער מלוכה. און די רוסישע מלוכה, למשל, גיט אויס מיליאָנען אויף די אינעהערליכע עמיגראַציע, אויף די אַזוי גערופענע „פערעסעלענישעסקאַיע דיעלאָ". דאָס דאַרף זיין די זאַך פון די שטאַדטישע זעלבסטפערוואַלטונגען, ביי געוויסע אומשטענדען אויך די זאַך פון דער נאַציאָנאַלער געמיינדע. אַלענפאַלס, ניט קיין דירעקטע פאָלקס-זאַך, ניט קיין זאַך פון פריוואַטער געזעלשאַפטליכער איניציאַטיווע. הילפע קאָן דאָ זעהר וועניג אויפטון.

די לאַגע איז ביי אונז איצט אַזעלכע, אַז ניט פון דער רוסישער מלוכה, ניט פון דער שטאַדטישער זעלבסטפערוואַלטונג קאָנען מיר האָפען, זיי זאָלען אויף זיך נעהמען די זאַך פון שטיצען און אינפאָרמירען די יודישע עמיגראַנטען. די יודישע געמיינדע, וועלכע מיר האָבען איצט, די קהלה, וועלכע איז אין האַנד ביי די גבירים און קהל'ישע בעלי-טובות פונים געהייסען מין, האָט דערווייל פאַר דער יודישער עמיגראַציע גאָר ניט געטאָן און קלערט גאָר ניט פון. איהר האַלט דערווייל געהען נור אַ כבוד פאַר איהר, אַ מין עליה פאַר וועלכען עס איז אַ גביר אַ גבאי, וועלכער פאָהרט סיי ווי אין אויסלאַנד אין אַ באַד; קיין רעעלען נוצען וועט עס ניט ברענגען.

ביי אַזעלכע באַדינגונגען וועט דער פאַרשטעהענדער עמיגראַציאָנס-קאָנגרעס האָבען אַזאַ מין פנים: אויף איהם וועלען זיין אַ ריי באַמטע פון יק"א און יס"א, וועלכע אַרבייטען איצט אין פערשיידענע אינפאָרמאַציאָנס-ביוראָען אין רוסלאַנד און אויסלאַנד, דערצו אויך אַ פּאָר פאַרשטעהער פון די הויפטשטאַדטען פון די רייכע מוטעס נופא. חוץ דעם אַפּאַר צעהנדליג דעלעגאַטען פון חברות און פאַרטייען, וועלכע האָבען זיך מיט דער זאַך פון שטיצען און אינפאָרמירען די עמיגראַנטען פּראַקטיש קיינמאָל ניט פערנומען און קאָנען זיך מיט איהר ניט פערנעהמען. די באַמטע פון יק"א און יס"א האָבען אַ גרויסע שמאָל-פּעדאַנטישע גענויקייט און לויט זייער שמאָל-ביוראָקראַטישער מיינונג איז דאָס אַלץ, וואָס מען באַדאַרף. זיי זענען ביי זיך תקיף, דוסען אויף דעם אויסאַרבייטען אַרום וועלכע זיי שמירען זיך. אויף די איבעריגע דעלעגאַטען וועלען זיי קוקען, ווי אויף יונגלעך, וועלכע גיבען נאָר נישט און טוען נאָר נישט און ווילען נור זאָגען אַ דעה. מעגען די העררען נ. סירקין און בערמאַלדי לעגען גרויסע האָפנונגען אויף דעם, אַז די אָרגאַניזירטע דעמאָקראַטיע וועט האָבען כח צו ווירקען אויף די אָרגאַניזירטע גרויס-קאַפּיטאַליסטישע פילאַנטראָפּיע. פאַר יעדען ניכטערן מענשען איז קלאָר, אַז די יודישע דעמאָקראַטיע האָט ניט קיין שום מיטלען, ניט קיין פּאָליטישע און ניט קיין עקאָנאָמישע, צו ווירקען אויף די שיפס מיט די ראָטשילדס. פאַר דער יודישער געזעלשאַפטליכער מיינונג וועלען די דאָזיגע געלדזעק געהיים ניט נתפעל, די יודישע אינטערנאַציאָנאַלע באַנקירען-פילאַנטראָפּיע (די חברה כל ישראל חברים, יק"א און ד. גל.) האָבען זיך געמאַכט אַ נאָמען מיט זייער ניט אַכטען אויף די יודישע געזעלשאַפטליכע מיינונג. די יס"א איז אויך ניט פיעל בעסער.

עס איז קלאָר, אַז די גאַנצע בעלי-הבתים אויפ'ן קאָנגרעס וועלען זיין די פאַרשטעהער און באַמטע פון דער יודישער אינטערנאַציאָנאַלער פילאַנטראָפּיע. מיט די פאַרשטעהער פון די עקאָנאָמישע און קולטורעלע חברות וועט מען זיך ניט רעכענען, און זיי וועלען שפּיעלען אַ באַדויערנסווערטע ראָלע. דער קאָנגרעס וועט אים בעסטען פאַל קאָנען אַריינטראָגען אין די זאַך פון שטיצען און אינפאָרמירען די עמיגראַנטען נור קליינע טעכנישע אויסבעסערונגען, און דאָס וועט ער טון ווי מיט די פאַרשטעהער פון די חברות אַזוי אָהן זיי. עס איז קלאָר, אַז די פאַרשטעהער פון דער יודישער דעמאָקראַטיע האָבען ניט וואָס צו פאָהרען אויפ'ן קאָנגרעס. האָבען ניט וואָס צו קריכען אין די הויכע פענסטער, וואו זיי זענען איבעריג און קאָנען נור ליידען ערנידערונג.

אויב מען קאָן איצט דאָ וואָס עס איז יע טון פאַר די יודישע עמיגראַציע, איז עס פאָלגענדעס: 1) אַריינטראָגען אין גאָסודאַרסטווענע דומע אַ געזעץ-פּראָיעקט וועגען פערבעסערן די באַדינגונגען פון דער עמיגראַציע: לייכטער און ביליגער אַרויסגעבען אויסלענדישע פּאַספּאָרטען, פערקויפען באַהן-בילעטען ביז דער גרעניץ לויט דעם

זעלביגען טאַריף, ווי עס צאָהלען די רוסישע פּויערים, וועלכע עמיגרירען אין רוסלאַנד אינעווייניג און ד. גל. מיר ווייסען, די באַדינגונגען זענען איצט אַזעלכע, אַז יודען קאָנען פאַר זיך זעהר וועניג ערוואַרטען גוטס פון דער רוסישער געזעצגעבונג. מיר ווייסען אָבער אויך, אַז די רוסישע שיפס-קאָמפּאַניעס זענען פעראינטערעסירט אין דעם, אַז דאָס געלד, וואָס די יודישע עמיגראַנטען גיבען אויס אויפ'ן וועג, זאָל בלייבען ביי זיי אין קאַסע, ניט ביי די דייטשע שיפס-קאָמפּאַניעס; דערצו איז נויטיג צו פערגרינגערן פאַר יודען די באַדינגונגען פון עמיגראַציע, זיי זאָלען ניט דאַרפען גנב'ען די גרעניץ, ניט דאַרפען אַנקומען צו די דייטשע שיפס-קאָמפּאַניעס. און דאָס עס ליגט פאַר די רוסישע שיפס-קאָמפּאַניעס, דאָס העלפען פערמיידען די אַקסאַב-הנסטען, דאָס דאָס אַ [illegible] אין רומא.

איך מיין, אַז ביי די באַדינגונגען, אין וועלכע מיר לעבען איצט, איז די איינציגע איינריכטונג, וועלכע קאָן און דאַרף אויף זיך נעהמען די זאַך פון שטיצען און אינפאָרמירען די יודישע עמיגראַנטען — די יודישע געמיינדע. די יודישע געמיינדען זענען מחויב צו גרינדען אויף זייער חשבון אינפאָרמאַציאָנס-ביוראָס פאַר עמיגראַנטען אויף געזעלשאַפטליכע דעמאָקראַטישע יסודות. די עמיגראַציע איז ביי אונז איצט אַזאַ פערשפּרייטע ערשיינונג, ווי קראַנקהייטען, און אַזוי ווי די קהלה דאַרף זאָרגען צו מאַכען שפּיטאָלען פאַר קראַנקע יודען, אַזוי מוז זי זאָרגען צו מאַכען אינפאָרמאַציאָנס-ביוראָס פאַר עמיגרירענדע יודען.

ווי קאָן מען ווירקען אויף די פיהרער פון די יודישע געמיינדען?

די יודישע געמיינדען שעפּען איצט אַ באַדייטענדען טייל פון זייער ביודזשעט פון דער פלייש-קאָראָבקע, אַ שטייער, וועלכען עס צאָהלען איבערהויפּט די פאָלקסמאַסען, און די פאָלקסמאַסען האָבען דעריבער דאָס רעכט צו דריקען אויף די פיהרער פון דער קהלה, זיי זאָלען צופרידענשטעלען זייערע דרינגענדע באַדירפניסען.

און לויט די צייטווייליגע וועגען דער יודישער געמיינדע, וואָס זענען אַנגענומען געוואָרען אויפ'ן קאָוונער צוזאַמענפאָהר, דאַרפען אין דער פערוואַלטונג פון דער קהלה אַנטהיילנעהמען אויך פאַרשטעהער פון צדקה-חברות און קולטורעלע געזעלשאַפטען. מיר ווייסען, אַז די קאָוונער רעזאָלוציע וועט אויף די ערשטע אַזוי גיך אין לעבען ניט אַריין. די „דעלעגאַטען" זענען אין קאָוונע געזעהען אַ סך דעמאָקראַטישער, ווי זיי זענען אין דער היים, אין וועלכעס און היידוטשישאַק. בכלל ליגט אין שוי-פענסטער שטענדיג בעסערע סחורה, ווי אין קליי'ט גופא. און דאָך גיט די קאָוונער רעזאָלוציע די פאָלקס-מאַסען אַ געוויסען מאָראַלישען באָדען צו דערשלאָגען זיך אַ דעה אין די ענינים פון דער קהלה. דאָס איז אַ מין מאָראַלישער וועקסעל, און אונזערע פאָלקס-מאַסען וועלען שוין ווייסען, ווי איהם אויסצומאָנען; זיי וועלען אַנווענדען אַלע מיטלען, אַז די קאָוונער רעזאָלוציע זאָל אויפ'ן פּאַפּיר ניט בלייבען, זי זאָל אומעטום וואָס גיכער אַריין אין לעבען.

איינציגע צדקה-חברות, לינת הצדק למשל, בעשטעהען איבערהויפּט פון די אונטערסטע שיכטען פון דער יודישער בעפעלקערונג, פון די שיכטען, וועלכע גיבען דעם גרעסטען פּראָצענט עמיגראַנטען. די בילדונגס-און קונסט-געזעלשאַפטען בעשטעהען דאָס רוב כמעט פון אַרבייטער. די דאָזיגע מאַסען-חברות און געזעלשאַפטען וועלען אויסנוצען וואָס מעגליך ברייטער און בעסער די מעגליכקייט, וואָס איז זיי געגעבען געוואָרען אין קאָוונע. זיי וועלען קעמפען פאַר אַוועקשטעלען די אַרבייט פון דער געמיינדע ווי ווייט מעגליך אַזוי, אַז זי זאָל ברענגען וואָס מעהר נוצען די יודישע פאָלקסמאַסען. זיי וועלען אויך זעהען צו צווינגען די געמיינדע-פערוואַלטונג זי זאָל זאָרגען פאַר די עמיגראַנטען.

איך ווייס, אַז פיעלע פון אונזערע לעזער וועלען ניט איינשטימען דערמיט, אַז שטיצען און אינפאָרמירען די עמיגראַנטען איז איצט די זאַך פון דער יודישער קהלה. איך האָף אַז די געגנער וועלען זיך אַרויסזאָגען און וועגען דער פראַגע וועט זיך ענטוויקלען אַ לעבהאַפטע דיסקוסיע.

נור דעמאָלט, ווען די זאַך פון שטיצען און אינפאָרמירען די עמיגראַנטען וועט זיין אין די הענד פון דער יודישער געמיינדע, וועלען זיין מעגליך עכטע געזעלשאַפטליכע קאָנפערענצען און קאָנגרעסען איבער די פראַגען פון דער יודישער עמיגראַציע.

דערווייל אָבער, כל זמן מיט דער דאָזיגער הילפיגער אַרבייט איז פערנומען נור די יודישע אינטערנאַציאָנאַלע פילאַנטראָפּיע — זאָלען זיך די דזשייקאָבס שיפס מיט די ראָטשילדס צוזאַמענפאָהרען, זאָלען זיי טון וואָס זיי ווילען — די יודישע מאַסען מיט זייערע פאַרשטעהער האָבען אויף זייערע קאָנגרעסען ניט וואָס צו טון.

הירש ליאָװאַ.

צו דעם אַנטײל פון יודישע ארבײטער אין דער דאמפף-טעקסטיל-פּראָדוקציאָן אין ביאַליסטאָק.

דער אײנציגער אָרט, װאו די יודישע ארבײטער האָבען פערנומען אין דער טעקסטיל-פּראָדוקציאָן אין די פריהערדיגע צײַטען, איז געװען די האַנד-װעבערײ. די װעב-שטולען, װערענדיג געטריבען דורך מענשליכע ארבײטס-קראַפט, זענען מיט דאמפף-פאַבריקען ניט געװען פערבונדען, און די װעב-פאַבריקלעך האָבען זיך געפונען אין געװעהנליכע װאוינונגען און זענען געװען צעװאָרפען איבער'ן גאַנצען שטאָט. אין די איבעריגע אָבטײלונגען אויף אױסאַרבײַטען טעקסטיל-סחורה, װי שפּינערײען, אַפּרעטורען און פאַרבערײען האָבען געהאַט אַ צוטריט נאָר אײנצעלנע יודישע ארבײַטער. זײ האָבען פערנומען די שטעל פון אױפזעהער-מײַסטערס און, אױף אַזאַ אופן, האָבען זײ קײן דירעקטע ראָלע אין פּראָדוצירען ניט געשפּילט. אַזױ איז געװען אין די פאַבריקען פון יודישע אײגענטימער; אין די קריסטליכע פאַבריקען איז פאַר די יודען נאָר קײן אָרט ניט געװען. און די קריסטליכע ארבײַטער האָבען אַזױ װי אַ חזקה געפיהלט, אַז אויף די דאמפף-פאַבריקען קענען און דאַרפען נאָר זײ ארבײַטען.

װען מעכאַנישע װעב-שטולען האָבען אָנגעהױבען אַרױסצושטופּען די האַנד-שטולען און פערנעמען זײער אָרט אין דער פּראָדוקציאָן, האָבען די פאַבריקאַנטען געמוזט פערבינדען די מעכאַנישע װעב-שטולען מיט זײערע דאמפף-פאַבריקען, װײַל די מעכאַנישע שטולען מוזען געטריבען װערען מיט דאמפף- אָדער עלעקטריע-קראַפט. פיעלע, װאָס האָבען ניט געהאַט קײן אײגענע דאמפף-פאַבריקען, האָבען געמוזט אָנהױבען אָבדינגען דאמפף-קראַפט בײַ בעזיצער פון דאמפף-מאַשינען. דאָס האָט פעראײניגט די װעבערײ מיט די איבעריגע אָבטײלונגען אױף אױסאַרבײַטען טעקסטיל-סחורה, און אַזױ װי אין די לעצטע האָבען אַלע ארבײַטס-ערטער פערנומען קריסטליכע ארבײַטער, זענען די צוגעקומענע מעכאַנישע װעבער אויך קריסטען געװען. די יודישע ארבײַטער האָט אויך אָבגעהאַלטען דאָס, װאָס אָנקומענדיג ארבײַטען אױף אַ מעכאַנישען שטול, װעלען זײ מוזען ארבײַטען שבת'דיגע טעג, װײַל נאָר צוליעב די יודישע ארבײַטער, האָבען זײ געטראַכט, װעט מען אום זונטאָג די דאמפף-מאַשין ניט אָװעקלאָזען. די יודישע ארבײַטער האָבען אַפילו ניט געפּרואװט אין די ערשטע צײַטען פון פערבײַטען זײערע האַנד אױף דאמפף-קראַפט — פּאָרצולעגען די פאַבריקאַנטען, אַז יענע זאָלען זײ צונעהמען צו די דאמפף-שטולען. אַ יוד װעט דאָך שבת ארבײַטען ניט געהן! אגב האָבען די פאַבריקאַנטען צו די שטולען געשטעלט קריסטליכע פרױען, װעלכע האָבען געאַרבײַט פאַר שפּאָט-בילליגע פּרײַזען...

און פיעלע יודישע האַנד-װעבער זענען פאַר דער צײַט פון 1904—1906 יאָהרען אַרױסגעװאָרפען געװאָרען פון דער פּראָדוקציאָן, ניט האָבענדיג װאָס זיך צו נעהמען.

אין 1904 יאָהר האָט אַ קאָמיסיאָן, װאָס האָט זיך געשטעלט דורכצופיהרען, אַז די װעבער, װאָס אַרבײַטען, זאָלען טײלען די אַרבײַט מיט די אַרבײַטסלאָזע, געקליבען סטאַטיסטישען מאַטעריאַל װעגען די צאָהל אַרבײַטענדע און אַרבײַטסלאָזע װעבער. דער מאַטעריאַל האָט בעװיזען, אַז פון 2400 האַנד-שטולען, װאָס האָבען זיך געפונען אין די װעבערײ-פאַבריקען, האָבען געאַרבײַט װעניגער פון 1000 *) פערשטעהט זיך, אַז דער טײלען האָט ניט געקענט פערקלענערן די אַרבײַטסלאָזע פון נױט און הונגער. אין אָנפאַנג פון 1906 יאָהר איז די לאַגע געװאָרען נאָך ערגער. דער אַלגעמײנער קריזיס האָט פערקלענערט די אױסאַרבײַטונג פון סחורה און דאָס האָט זיך אויך אָבגערופען אױף די האַנד-װעבערײ. פאַר די פאַבריקאַנטען האָט בעסער געלױנט אָבצושטעלען די האַנד-שטולען. אין די דערמאָנטע צײַט האָבען געאַרבײַט ניט מעהר װי 200—250 האַנד-װעבער. אום צו געפינען אַן אױסװעג פון נױט, האָלטען שױן פיעלע געגאַנגען אַרבײַטען שבת. נאָר װי געהט מען אַרײַן אין דאמפף-פאַבריק? װי קאָנקורירט מען מיט אַנדערע אַרבײַטער? און װי ברעכט מען איבער די חזקה פון די קריסטליכע אַרבײַטער, אַז די דאמפף-פאַבריק געהערט נאָר צו זײ?

אַרױסגעהאָלפען האָט אַ פּאַסירונג צװישען די קריסטליכע אַרבײַטער זעלבסט:

אױף די פריהערדיגע האַנד-שטולען האָבען געאַרבײַט אויך קריסטליכע װעבער און מיט דעם אײַנפיהרען מעכאַנישע װעב-שטולען זענען זײ אויך געבליבען אָהן אַרבײַט. צו די מעכאַנישע שטולען האָבען שױן די פאַבריקאַנטען צוגענומען זײערע פרױען און שװעסטער. דאָס האָט זיך אָבגערופען אױף זײער לעבען ניט נאָר מיט דעם, װאָס עס האָט זיך געבײַטען די ראָל פון מענער און פרױען: די ערשטע זענען געװאָרען שטובזיצער און די לעצטע-שפּײַזעגעבערינס; נאָר אויך מיט דעם, װאָס עס האָט זיך אױף פיעל פערקלענערט די הכנסה פון געזינד צוליעב דער אױסשליסליכער פרױען-אַרבײַט.

און אין ענדע פון 1905 יאָהר האָבען זיך אױפגעהױבען אַלע קריסטליכע אַרױסגעװאָרפענע װעבער און געהענדיג פון פאַבריק צו פאַבריק האָבען זײ געטריבען די פרױען פון די װעב-שטולען. דערבײַ האָבען זײ געפאָדערט פון די פאַבריקאַנטען, אַז מען זאָל זײ צונעהמען צו דער אַרבײַט. נאָך אַ קורצען קאַמפּף האָבען די פאַבריקאַנטען אײַנגעשטימט, און די קריסטליכע װעבער זענען צוגעטראָטען צו דער אַרבײַט בײַ פיעל העכערן אַרבײַטס-לױן, װי עס האָבען בעקומען די פרױען. די בעװעגונג צו פערטרײַבען די פרױען פון דער אַרבײַט איז געװען אַ רײן סטיכישע און די אַרבײַטער-אָרגאַניזאַציאָנען האָבען זיך געסטאַרעט זי אײַנצוהאַלטען.

דער בײַשפּיעל האָט זײער געװירקט אױף די יודישע אַרבײַטסלאָזע װעבער. זײ האָבען בעשלאָסען, אַז װאו עס װעט זײַן אַ פּלאַץ צום אַרבײַטען אױף אַ מעכאַנישען װעב-שטול, זאָלען זײ אַהין, האַטש מיט קאַמפּף, שיקען אַרבײַטען יודישע װעבער.

אין מאַרט 1906 יאָהר האָט דער פאַבריקאַנט פּאָרעצקי געבראַכט פרישע 6 װעב-שטולען; און די יודישע אַרבײַטער, װאָס האָבען פריהער געאַרבײַט אױף זײַנע האַנד-שטולען, האָבען געפאָדערט בײַ איהם, אַז ער זאָל זײ צונעהמען צו דער אַרבײַט. זײ האָבען אַפילו אײַנגעשטימט צו אַרבײַטען שבת'דיגען טאָג. דאָס האָט אַרױסגערופען אַ טומעל אין דער קריסטליכער אַרבײַטער-װעלט: — די יודען װילען אונז אַרױסשטופּען פון דער פּראָדוקציאָן! — האָבען זײ געשריען, און זײ האָבען אָנגעװיזען די יודישע אַרבײַטער, אַז זײער אָרט איז בײַ דער האַנד-אַרבײַט.

אָנגעפיהרט פון װילדע חוליגאַנעס, געצײַגט דורך דער דאַמאָלסדיגער פּאָליצײ-אַדמיניסטראַציאָן, האָבען זײ מיט געװאַלד געלאָזט װיסען די יודישע אַרבײַטער, אַז זײער פוס זאָל ניט אַריבערטרעטען דעם שװעל פון „זײער קריסטליכען" מזבח: דער דאמפף-פאַבריק. **)

אויך די פאַבריקאַנטען האָבען זיך סקעפּטיש בעצױגען צו דער מעגליכקײט פון יודישע אַרבײַטער צו אַרבײַטען בײַ דאמפף-שטולען. זײ האָבען אויך אָנגעװיזען, אַז זײ קאָנען ניט נױטען די יודישע אַרבײַטער צו אַרבײַטען דעם שבת'דיגען טאָג, און 5-טאָגיגע אַרבײַט אין װאָך װעט זײ קאָסטען צו טײַער.

נאָר די יודישע אַרבײַטער האָבען געפאָדערט װײַטער, און זײ האָבען אױסגעפיהרט. 4 יודישע אַרבײַטער זענען אָנגעקומען צו פּאָרעצקי'ן אין פאַבריק בײַ די מעכאַנישע שטולען. דאָס איז געװען דער אָנפאַנג. די קריסטליכע אַרבײַטער האָבען פערגעלעגט זיך אױסגלײַכען, אַז אױף די פריש-צוגעקומענע װעב-שטולען זאָלען אַרבײַטען אַ העלפט יודען און די צװײטע העלפט קריסטען. די יודישע אַרבײַטער האָבען שװײַגענדיג אַזױ װי אײַנגעשטימט.

צום ענדע פון 1908 יאָהר זעהען מיר שױן בײַ די מעכאַנישע װעב-שטולען 87 יודישע װעבער **) אין 10 אונטערנעהמונגען. אינגאַנצען האָבען דאַן געאַרבײַט 586 מעכאַנישע װעב-שטו-

---

*) דעם שרײַבער פון די שורות איז אױסגעקומען אָנטײל צו נעהמען אין דער דערמאָנטער קאָמיסיע. די ציפערן גיט ער איבער פון זכרון. אױף אַזאַ אופן זענען די ציפער אומגעפעהרע. אויך אױף די שטולען האָבען געאַרבײַט יודען און קריסטען.

*) נעגוי זעה: „פאָלקס-צײַטונג" 50 51 פון 1906 יאָהר. קאָרעספּאָנדענץ פון ביאַליסטאָק.

**) די אין די װײַטערדיגע ציפערן זענען גענומען פון די בעריכטען צו דער פאַבריק-אינספּעקציע. מיר רעדען דאָ נור אױף די צאָהל פון װעבער. אַנדערע אַרבײַטער אין די װעבערײַען, די שפּולערקעס, שערערקעס און קנופּערקעס, װעלכע זענען שטענדיג כמעט גלײַך צו דער צאָהל פון װעבער אין יעדער פאַבריק, נעהמען אין די צאָהל ניט אַרײַן.

לען אין 33 אונטערנעהמונגען. **)

ווי מיר האבען אנגעוויזען, האבען די יודישע ארבייטער איינגעשטימט צו ארבייטען אום שבת; און די מעהרהייט פון זיי האט טאקע דעם טאג געארבייט. נאר אין מיטען פון 1908 יאהר האבען זיך אריינגעמישט די שטאָטישע שומרי-שבת'ניקעס און דאס בילד האט זיך אינגאנצען געביטען. זיי האבען ניט געלאזען די פאבריקאנטען צו דאווענען אין די בתי-מדרשים; זיי האבען געסטראשעט, אז מען וועט ניט לאזען מל זיין און חופה שטעלען די פאבריקאנטען'ס קינדער; אז מען וועט די פאבריקאנטען צו קבר-ישראל ניט לאזען ברענגען, אויב די יודישע ארבייטער וועלען אום שבת ארבייטען אויף זייערע פאבריקען.

דער טומעל איז געווארען גרויס. אסיפות און אטפערונגען זענען פארגעקומען שטורמישע. די שומרי-שבת'ניקעס האבען פארגעלעגט די יודישע ארבייטער צו ארבייטען יעדען טאג מיט 2 שעה מעהר און ארבייטען 5 טעג אין וואך. די ארבייטער האבען אויף דעם געענטפערט, אז דאס וועט פערלענגערן דעם ארבייטס-טאג, אבער די לאגע וועט עס ניט ביטען. און צום ענדע האט מען „איינגערעדט" די פאבריקאנטען, אז זיי זאלען לאזען גיהן זייערע פאבריקען אום זונטאג צוליעב די יודישע ארבייטער. אזוי ווי מען דארף לאזען ספעציעל די דאמפף-מאשין, האבען איינינע פאבריקאנטען אויסגעדונגען, אז דער יודישער קהל זאל זיי צאהלען פאר זונטאגדיגע דאמפף-קראפט. און מען צאהלט צו 50 ק. פון וועבשטול; א טייל פון דער אבצאהלונג פאלט ווי א לאסט אויף די יודישע וועבער: זיי מוזען אבגעבען פון זייער פערדינסט צו 30 ק. יעדע וואך.

מיט דעם צוטרעטען פון יודישע ארבייטער צו די מעכאנישע וועב-שטולען האט זיך דער בליק פון די פאבריקאנטען אויף יודישע ארבייטער אינגאנצען געביטען. די פראקטיק האט בעוויזען, אז די יודישע ארבייטער קענען ניט ערגער ווי די קריסטליכע אויספיהרען זייער ארבייט. נאכמעהר. די יודישע ארבייטער ארבייטען פיעל רויגולערער פון די קריסטליכע: דער יודישער ארבייטער שכור'ט ניט און איז רוהיגער ביי דער ארבייט.

און מיר בעמערקען טאקי, אז די טאָב-מען הויבען אן צו-צונעהמען יודישע ארבייטער גיכער ווי אנדערע. אין 1908 יאהר זענען געווען 731 מעכאנישע וועב-שטולען אין 47 אונטערנעהמונגען. צוגעקומען זענען אין פערגלייך מיט 1906 יאהר: 145 וועב-שטולען. יודען האבען געארבייט אין 30 אונטערנעהמונגען אויף 206 שטולען. פון די פריש צוגעקומענע האבען יודען פערנומען 77% מעכאנישע שטולען, *) ד. ה., אז דער אויסגלייך, יודען זאלען פערנעהמען נאר א העלפט פון די פריש צוגעקומענע שטולען, ווערט שוין ניט אבגעהיט.

אין געגענווארטיגען יאהר פיהלט זיך אן אויסלעבונג אין דער ביאליסטאקער טעקסטיל-פראדוקציאן; ארבייט פאדערט מען און עס קומען צו פיעל מעכאנישע וועב-שטולען **). דעם שווייגענדיגען אויסגלייך היט מען ניט אב נאך שארפער. אין די יודישע פאבריקען, וואו עס קומען צו מעכאנישע שטולען, ארבייטען אויף זיי מעהרסטענטיילס יודישע ארבייטער. מען בעגייט אויך אין געגענווארטיגען יאהר די פערלאזטע האנד-שטולען—נאר דאס—איז אויף א ווייל. ביז מען וועט זיי קענען פערביטען מיט מעכאנישע. אין שטאָט בויט זיך יעצט אן עלעקטרישע סטאנציע, און דאס גיט האפנונג די יודישע ארבייטער, אז קלענערע טרייבען די וועב-שטולען מיט עלעקטריע-קראפט, וועלען די וועב-פאבריקען ניט זיין פערבונדען מיט שפייערע, וואו עס ארבייטען אויסשליסליך קריסטען, און דאס וועט פון זיי אראבווארפען די ספעציעלע ניט וויכטיגע אבצאהלונג פאר אבהיטען שבת.

נאר שוין די איצטיגע לאגע זאגט די יודישע ארבייטער, אז די חזקה פון די קריסטליכע ארבייטער אויף דאמפף-פאבריקען איז געבראכען, און

אז די יודישע ארבייטער טרעטען אריין, וואס מיט שווערינקייטען, אין די מעכאניש-ענטוויקעלטע גרויס-פראדוקציאן.

עס איז ווערט אנצווייזען אויף א שטעטיל פון ביאליסטאקער ראיאן: הארארק. דארט זענען דא 6 דאמפף-וועבעריי-אונטערנעהמונגען און אלע 68 וועבער, וואס ארבייטען דארט, זענען יודען. אויך אין די 3 שפינערייען ארבייטען איבערהויפט יודישע ארבייטער. אלע פאבריקען זענען שטייט זונטאג און רוהען שבת'דיגען טאג.

סעפטעמבער 1909 יאהר.

---

*) אין די צאהל פון אונטערנעהמונגען געהען ניט אריין אזעלכע וויכטיגע פאבריקען, ווי מאָס, נאָסבאך, יאקאבי און אנד., וועלכע געפינען זיך אין ביאליסטאקער ראיאן און זענען ניט אונטערגעווארפען דער ביאליסטאקער פאבריק-אינספעקציע.

*) קיין גענויע ידיעות זענען נאך ניטא.

**) ביי יודישע פאבריקאנטען האבען געארבייט 446 מעכאנישע שטולען. ווען מען זאל נעהמען די צאהל פון 206 יודישע וועבער און פערגלייכען צו די צאהל וועבער ביי יודישע פאבריקאנטען, ארבייטען יודען אינגאנצען 45% ד. ה. וועניגער פון א העלפט. אין צאהל פון 206 געהען אויך אריין 35 וועב-שטולען פון 3 ארטעלען, וואו עס ארבייטען די בעזיצער פון די ארטעלען.

אין ביכערפערלאג „די וועלט", ווילנא

געפינען זיך צווישען אנדערע ביכער, אויך פאלגענדע:

2.—	פרץ-שריפטען 1, 2 באנד.
1.25	פרץ-די צייט.
1.25	פרץ-פאלקסטימליכע געשיכטען.
—40	פרץ. אין פאליש אויף דער קייט.
—30	פרץ-די גאלדענע קייט.
—50	פרץ—דראמאטישע ווערק.
	פרץ'ס בלעטלעך.
2.50	רייזען—שריפטען. 2, 1.
—50	רייזען—ליעדער פון לעבען.
—20	רייזען—צייטליעדער.
6 —	רייזען—רעפעטיציע.
—20	רייזען—ערצעהלונגען.
2.50	שלום עליכם—שריפטען.
3.—	שלום עליכם—יובעליייאום אויסגאבע.
—65	שלום עליכם—דער מבול.
—60	שלום אש—שריפטען יעדער באנד 1, 2, 3, 4
—90	פינסקי—דראמען.
2.—	פינסקי—ערצעהלונגען.
1.—	ליבין—ערצעהלונגען.
1.—	נאמבערג-שריפטען. 2, 1.
—70	שניאור—דער טויט.
—35	בערגעלסאן—ארום וואקזאל.
—40	קאצענעלענסאן—דאס הייסע לעבען.
—80	ליפמאן לעווין—שריפטען.
—75	רייזען—יודישע ווארט.
—75	רייזען—יאהרבוך.
—75	רייזען—צוואנציג יאהרהונדערט.
—50	איבסען--די פרוי פון ים.
—40	איבסען—ווען מיר טויטע ערוואכען.
	איבסען—נארא.
—25	סיערבערג-וואוהין?
—25	ארטור שניצלער—שריפטען.
—25	וויסענבערג—שריפטען. יעדער באנד 1, 2, 3
—25	היינריך היינע-שריפטען. 3, 2, 1 באנד.
—25	ז. שניאור—שריפטען. 1, 2, 3 באנד.
—25	רעדיארד קיפלינג—דאס בוך פון דער היסטע.
—25	שטיינבערג'ס—שריפטען.
—25	ס. סטאוסקי—אידיליען און בילדער.
—35	ערעלשטאם—שריפטען.
—25	אנכי—צווישען הימעל און ערד יעדער באנד 2, 1.
—25	מאקס נארדוי—שריפטען יעדער באנד 3, 2, 1.
—25	הלל צייטלין-יודישע געשיכטע.
1.—	יודישע יוגענד—זאמעלבוך.
—30	שניצלער—קאראהאד.
3.60	קראנץ—קולטור-געשיכטע. 1, 2, 3
1.20	קראנץ—די פראנצויזישע רעוואלוציאן.
1.—	אמעריקא פאר קאלומבוס.
—50	קראנץ—לעססינג און מענדעלזאהן.
—30	אדלער—זכרונות.
1.—	נאָרדין—ערצעהלונגען.
—30	קראנץ—מעיערבער.
—25	יודישע היסטארישע ביבליאטעק.
—50	פיינענבערג—קינדער-יאהרען.
—30	זאנגוויל—אוריאל אקאסטא.
—15	ביאליק—דער מתמיד.
—20	נארין—די מזיקים.
—10	פינסקי—ורבל.
—20	רמבם.
	נאָרדין—דראמען:
—25	דער אונבעקאנטער.
—25	סאפפא.
—30	נאמט, מענש, טייוועל.
—25	קרייצער-סאנאטע.
—30	מירעלע אפרת.
—30	וואשע די יתומה.
—20	דבורהלע מיוחסת.
—30	אלישע בן אבויה.

—15 א. נעמאנסקי—די פראפעסיאנעלע פעראייגען און זייערע אויפגאבען.
—25 ס. יושקעוויטש—דער הונגער, איבערז. פון רוסישען אלגין.
— 8 מ. בעגאלעפאוו—מלחמות און פינאנסען.
—10 • •—די פויערים בעפרייאונג.
— 5 מ. גארקי—3 נייע סקיצען.
— 5 גערמאנוס—אויגוסט בעבעל (מיט זיין בילד).
—15 הויפטמאן—די העבער (איבערזעצט פון גרוזיטש).
—30 סיעראי—די ארבייטער בעוועגונג אין ענגלאנד.
—15 צו דער פעראייניגונג פון „בונד“ מיט דער רוסל. ס.-ד. א. פ.
—6 געד און לאפארג—דער עיקר פון סאציאליזם.
—12 ה. כערעס—די נאציאנאלע פראגע און די ס.-ד.
— 5 ס. אנ-סקי—דער פאטער און זוהן.
—10 ראסעס—די אונבעריהרטקייט פון פערזאן.
— 2 נ. נאיין—דאס ביכעלע פון גליק.
— 3 אלגין—געלעבט געקעמפט.
—15 ק. מארקס און פר. ענגעלס—דער קאמוניסטישער מאניפעסט מיט 2 פארעדעס פון ק. קאוטסקי.
— 2 מ. גארקי—חבר.
— 5 ק. קאוטסקי.—די עקאנאמישע לעהרע פון ק. מארקס (אין העפטען) יעדעס העפט צו 5
—10 ל. מארטאוו—די פאליטישע פארטייען אין רוסלאנד. איבערזעצט פון אלגין.
— 7 פ. ראל—די עקספראפריאציעס.
— 2 בעלאמי—א מעשה מיט וואסער.
— 4 אלגין—דער לעצטער קרבן.
—25 בלומען אין פונקען (2-טער זאמעלבוך פון לידער).
— 5 פ. הירשביין—איינזאמע וועלטען.
— 6 מ. ר—ס—פון וואנען נעהמט די מלוכה איהרע הכנסות?
— 7 מ. ר—ס—אויף וואס פערברויכט די רעגירונג דאס געלד פון פאלק.
— 5 שניאור—די נקמה.
— 9 ל. מארטאוו—א מתנה דעם פויער און ארבייטער.
— 3 ק. קאוטסקי—וועגען דער נאציאנאלער פראגע אין רוסלאנד.
— 1 מ. א—ר—ווער פערטיידיגט אמבעסטען די אינטערעסען פון פאלק?
—12 לנו—דער איד. פראלעט. (געשיכטע און סטאטיסטיק).
—30 די מלוכה-ארדנונג.
— 6 ד. קאסעל—נישט בעזיגט.
— 3 גארקי—דער קעניג וואס האלט הויך זיין פאהן.
— 3 ה. הערעסאיעה—צום שטערען.
— 6 סעראפימאוויטש—אין דער צייט פון א פאגראם.
—25 ש. זאקס—דער היסטארישער מאטעריאליזם.
—10 ק. קאוטסקי—די בעפרייאונגס-בעוועגונג אין רוסלאנד מיט א נאכווארט פון א. נעמאנסקי.
— 5 ד. קאסעל—מאירקע פון קליינעם בונד.
— 5 ס. סימיש—1) ביים שייד וועג, 2) שנעערוין.
— 6 ס. באגאטין—עטהיק און מארקסיזם.
— 7 ניעמאיעווסקי—פרייהייטס-קעמפפער. פון פויליש אלגין.
—25 ד. דאבראד—די ענגלישע רעוואלוציע.
—15 פרץ הירשביין—נבלה, א דראמע.
—20 דע-דער 48-טער יאהר אין פראנקרייך.
— 7 א. ווייסענבערג—די משוגענע אין דארף.
—20 א. וויטער—פארכאנ, א דראם. פאעמא. פיער אקטען.
—12 „פרילינג“. א ליטערארישער זאמעלבוך.
—40 א. האוינטש—„די ביהק“, א ראמאן.
—12 א. נעמאנסקי—פארטיי אדער ניטראלע פראפעסיאנעלע פעראיינען.
—35 „די וועלט“, ליטערארישער זאמעלבוך.
— 6 פרץ הירשביין—אין דער פינסטער.
— 6 ד. זאסלאווסקי—ד. גאריבאלדי (ביאגראפיע).
— 6 סעראפימאוויטש—ער איז געקומען (אנערצעהלונג).
—10 לעאן קאברין—פיער ערצעהלונגען.
—25 עמיגראציע און אימיגראציע.
— 5 א—ר—די צווייטע דומע.
— 4 קליינע הרעסטאמאטיע, העפט 1 (2-טע אויפלאגע).
—50 באגראד און לוי—ביי די ברעגען פון טעמזע.
—35 „די וועלט“, ליטערארישער זאמעלבוך I.
—20 פרץ הירשביין—1) אויף יענער זייט טייך. 2) קברים-בלומען.
—25 פרץ הירשביין—די ערד. א דראמע אין 3 אקטען.

—30 די שוטה.
—30 דער מטורף.
—32 אסקאר וואילד—סאלאמע.
קאצענעלענסאהן—דעקאדענס.
קאצענעלענסאהן—בחורים.
—80 זאלא—זשערמינאל.
—80 זאלא—פאריז.
—90 בערקאוויטש—שריפטען.
—25 באגדאנאוו—עקאנאמישע לעהרע.
—30 קאוטסקי—די סאציאליסטישע ארגאניזאציאנען.
—30 לאפארג—די פרוי אין ארבייטערפראגע.
—30 קראפאטקין—דאס לעבען פון די פלאנצען.
—30 מירבא—זשאן און מארלענא.
—35 קאראלענקא—דער בלינדער מוזיקאנט.
—20 רובאקין—די וואונדערליכע ערפינדונגען.
—25 קודריאווסקי—אדם הראשונים צייטען.
—20 פ. סמאלענסקין—זיין ביאגראפיע.
—10 יאנישעווסקי—וועגען לופט.
—15—שפיגער דאס מאלען פון הימעל.
—15 הבורים—גארקי.
—80 זשיטלאווסקי—די נאציאנאלע פראגע.
2.— דינעזאן—וועלט-געשיכטע 4 באנדען.
—50 דינעזאן—הערשעלע.
—50 דינעזאן—יאסעלע.
—40 דינעזאן—קריזים.
1.— דינעזאן—אבן נגף.
—75 יונה ראזענפעלד—שריפטען.
—35 ווייסענבערג—א שטעדטיל.
—50 קאברין—שריפטען.
1.— מענדעלע מוכר ספרים—שריפטען.
—06 אינגערמאן—דער מענש און זיין נשמה.
—30 בערנשטיין—נאטורוויסענשאפטליכע ביכער פאר יעדעס העפט· 1–7
—50 מאריס ראזענפעלד—לידער.
—25 ווייסענבערג—א דארף-מיידעל.
—30 שניצלער—שטארבען.
—40 האופטמאן—פוהרמאן הענשעל.
—40 קאצענעלענסאהן—דאס הייסע לעבען.
—30 פרייע ליעבע—הערמעלין.
—10 דער ליגען פון דער חתונה.
אינטערנאציאנאלע ביבליאטעק—אלעס דאס איז ארוים פון דיזער סעריע.
—30 גאלדפאדען—דאס יודעלע.
—20 גאלדפאדען—באבע מיט'ן אייניקעל.
—20 גאלדפאדען—כישופמאכערין.
—20 גאלדפאדען—קוני לעמעל.
—20 גאלדפאדען—דאקטאר אלמאסאדא.
—20 גאלדפאדען—קבצנזאהן עם הונגערמאן.
—40 לעווינסקי—די אינבעקאנטע פערליעבטע.

ЦАЙТЪ-ФРАГЕНЪ, Сборникъ статей, т. I.

Тип. Б. А. Клецкина, Вильно. Завальная 33.

30— ש. גאָרעליק—פון הײמישן פּנקס.
18— לכבוד פּסח, ליטעראַרישער זאַמלבוך.
30— פּרץ הירשבײן—דער תקיעת-כּף.
12— פרילינג, שבועות-בלאַט. 1908 יאָהר.
30— ש. הורוויץ—אין דער נײַער הײם.
30— לעאָניד אַנדרײעוו—7 געהאַנגענע.
12— הערבסט-בלעטער. יום-טוב-זאַמלונג.
40— ש. הורוויץ (א ליטוואַק)—אין פּראַגעס און נױט (לידער).

20— נײַע צײַט 1. אינהאַלט:
פּלגן—אויסן בית עולם; דניאל משטרני—געדיכטן; משה זילבורג—פון בוך פינסטערנים; דוד אײנהאָרן—אין שטאָדט, בײנאַכט; באָריסאָה ב.—די יודישע קהלה; ב. ב—סקי—די יודישע פאָלקס-שול; מאַקסימאָוו—צו דער אגראַר-פּאָליטיק פון דער רעגירונג; חלאָדאָק—הענגען א נײַע דאַמאָל; גינצבורג—די פּאַרטײ און פראָפעסיאָנעלע פעראײנען; רחמילעוויטש—פּאַרטײ און פראָפעסיאָנעלע פעראײנען; ליטער—א נײַער עטאַפּ אין דער ענטוויקלונג פון דער פּױלישער בעוועגונג.

20— נײַע צײַט 2 אינהאַלט:
באַגראָוו—קאַרל מאַרקס; י. ל. פּרץ—זיבער שפּיטען (געדיכט); ס. שפּיגנער—קאַרל מאַרקס און די אַרבײטער; דוד אײנהאָרן—פון יודישן גאַסל; א. יודין—אונזער פינאַנץ-סיסטעם; א. רחמילעוויטש—פּאַרטײ און פּראָפעסיאָנעלע פעראײנען; ל. אַנדרעיעוו—איוואַן איוואַנאָוויטש; ליבמאַן—דער אוניווערזיטעט פאַר אַלעמען.

20— די נײַע צײַט 3 אינהאַלט:
אַנסקי—פּלים און לעבען; ל. ה—ש—מאַן אומעטום, אין חיים—פון ד. ס.; יודין—דער ביוראָקראַטיע און די נאַם. דומע; נ. רין—אין דער פאַרגאַנגענהײט; דוד ראַפּאָפּאָרט—פון די יודישע שפּראַכן; באָריסאָה—צו דער לאַגע פון דער יודישער פאָלקס-בילדונג; באָגין ברכות—בליישטיפט-נאָטיצן.

20— די נײַע צײַט, אינהאַלט:
פּרץ—א בריוו; האַלפּערן—קוים אנגעשריבן; חל. ראָזענשטאַם—נײַע טערמינען פאָלקסדיכט; האַלפּערין—געדיכטן; ד. מ.—פּרינגל פין; יודן—די יודענפראַגע אין דער רוסישער גאַס. דומע; ב. אינגראַט—די אײראָפּעאישע רעאַקציע אין די 50 יאָהרען; מ. ל—ר—צום 80-יאָהריגען יוביליי גראַף ל. טאָלסטאָי; ב. ברכות—הענגען אונזער קולטור-פּראָבלעם; די ערשטע יודישע שפּראַך-קאָנפערענץ.

35— די נײַע צײַט 5-6, אינהאַלט:
משה זילבורג—שניי-וויסע פליגלען; יעקב פלים—שלאָפלאָזע נעכט; א. ליטוואַק—דומע-שטריכען; חיים אײַזיקס—די יודען אין רומעניען; איגאַריעט—די ערוואַכונג פון מורה; א ליטוואַק—די יודישע וועלט; ווינצקי—נאַציאָנאַלע הענגען נירענבערגער פּראָטי-סאַג; א—ר—דער דרוסער קאָנגרעס פון דער יודישער ס.-ד. פּאַרטײ אין גאַליציען; דוד מ.—די קולטורעלע פּראָגרעס אין האַרט.

25— די נײַע צײַט 7, אינהאַלט:
פ. א.—די אַרבעטער אינדוסטריעלע קאָניונקטור—חל. מעדעם—העבין; רוסישן נאַציאָנאַלן געדיכט; חל. קאַמאַהסקי—אַרום דער געשיכטע פון דער אַרבעטער-בעוועגונג אין עסטרייך; ה-ס—די ס.-ד. פראַקציע און די יודן-רעדנערסטן; י.—א פונק ליכט; פּיל—פעראײניגונג, סאָציאַליזם; הרן—דער ערשטער אלדוטלענדער צוזאַמענפאָהר פון פאַבריק-אינספּעקטאָרען; ס—ן—יעקב גאָרדין;
90— אַלע 5 זאַמעלביכער צוזאַמען.
50— קאָפּעלאַנאַריש-שריפטן.
30— דוד אײנהאָרן—שטילע געזאַנגען.
40— ידידיה בּן גלית—ערצעהלונגען.

Книгоиздательство „Ди Вельтъ“, Вильно.
Трокская улица, д. № 15.

60 к

GAYLAMOUNT
PAMPHLET BINDER

Manufactured by
GAYLORD BROS. Inc.
Syracuse, N. Y.
Stockton, Calif.

צווייטער באנד. מערץ 1910. צווייטער באנד.

צייט-פראגען

א. ליטוואק.

דער רבנים-צוזאמענפאהר.

I

„פועלט ישועות אויף יודען!" מיט די ווערטער האבען די ווארשעווער חסידים בעגלייט די פוילישע רבנים אין פעטערבורג.

דער רבנים-צוזאמענפאהר האט זיך שוין כמעט ווי געענדיגט, און מיר קאנען שוין אונטערפיהרען א סך-הכל פון די ישועות, וואס ער האט געבראכט.

די מעהרהייט אויפ'ן צוזאמענפאהר זענען געווען רעליגיעזע רבנים, די מינדערהייט — קאזיאנע ראבינער און גלאט כלל-טוער — „פראגרעסיסטען", ווי די יודישע פרעסע האט זיי א נאמען געגעבען. אונזער פרעסע האט זיך איהר אייגענע מאס פון פראגרעס, און ווער עס איז עטוואס לינקער פון ר' חיים בריסקער, הייסט שוין ביי איהר א פראגרעסיסט. לינקער פון מלאכי'ן איז, דוכט זיך, אויפ'ן צוזאמענפאהר קיינער ניט געווען, און וואלט זיך אזא איינער געפונען, וואלט איהם אונזער פרעסע געוויס געקרוינט מיט'ן נאמען אנארכיסט. די „פראגרעסיסטען" אויפ'ן צוזאמענפאהר זענען געווען גרופיסטען און זייער גלייכען.

צו וואס זענען די רבנים געקומען אויפ'ן צוזאמענפאהר, איז קיין קשיא ניט: דאס איז דאך זייער שמחה. פריהער פאר אלץ און מעהר פאר אלץ האבען זיי געוואלט לעגאליזירען די רבנות. אמאל, בעת ניקאלאי דער ערשטער האט געוואלט פון אויבען רעפארמירען דאס יודישע לעבען, האט ער זייער אמונה אויך ניט אויסען געלאזט און האט בעשטימט געגעבען זיי רבנים אויף פון אויבען, קאזיאנע, משטאטניקעס, וואס זאלען פסק'ענען שאלות. דעמאלט זענען געגרינדעט געווארען 2 ראבינער-שולען אין ווילנע און זשיטאמיר, וואס האבען עטליכע צעהנדליג יאהר נאכאנאנד פאבריקירט ראבינער פאר יודען. פערשטעהט זיך, אז יודען האבען די נייע רבנים ניט געטרויט, ניט געגלייבט אין זייער קאזיאנע למדות און קאזיאנע פרומקייט און די פריהער געגאנגענע פרע-

גען שאלות בײַ זײַערע אַלטע רבנים אין מורי הוראות. אויף אַזאַ אופֿן איז ענטשטאַנען בײַ יודען די דאָפּעלטע רבנות: אַ קאַזיאָנער רב פֿאַר דער אַדמיניסטראַציע אויף פֿיהרען די מעטריקעס אין האַלטען רוסישע דרשות אין טאַבעל־טעג, אין רעליגיעזע רבנים אויף צו ערפֿילען די רעליגיעזע בעדערפֿעניסן פֿון די פֿרומע יודען. דער קאַזיאָנער האָט אַלע רעכטע פֿון אַ רב; דער רעליגיעזער רב עקזיסטירט געזעצליך ניט, ער איז אינגאַנצען קאָנטראַבאַנד, האָט קיינע רעכטע ניט, טאָר אַפֿילו ניט מסדר קדושין זײַן; נור אַזוי ווי אָהן איהם קאָנען זיך די פֿרומע יודען ניט בעגעהן, קוקט אויף איהם די רעגירונג צווישען די פֿינגער און מאַכט זיך ניט וויסענדיג פֿון זײַן געגען־געזעצליכען עקזיסטענץ. פֿון דעם פּלאַן צו רעפֿאָרמירען דאָס יודישע רעליגיעזע לעבען האָט זיך די רעגירונג שוין לאַנג אָבגעזאָגט, און די קאַזיאָנע רבנים עקזיסטירען איצט נור אַלס מעטריקע־שרײַבער. די ראַבינער־שולען זענען שוין לאַנג פֿערמאַכט. איצט מעג זײַן אַ ראַבינער יעדער ייִד, וואָס האָט אַ מיטעלע בילדונג, קיינע ידיעות אין יודישע למודים פֿאָדערען זיך ניט. דער רבינער מעג אַפֿילו קיין עבֿרי ניט קענען, און ווען אַן אַפּטייקער אָדער אַ צאָהן־דאָקטאָר וויל פֿערגרעסערען זײַן הכּנסה, לאָזט ער זיך באַלאָטירען אַלס ראַבינער. דער פֿאַקטישער רב איז אונגעזעצליך, און דער געזעצליכער איז אינגאַנצען איבעריג, און איז נור אַ אומזיסטער לאַסט אויף יודען. אונמיטעלבאַרער פֿון אַלע לײַדען דערפֿון די רעליגיעזע רבנים. קיין וואונדער ניט, וואָס זיי ווילען אָבשאַפֿען די קאַזיאָנע און לעגאַליזירען די רעליגיעזע רבנות. מיט דעם אַליין בעגנוגענען זיי זיך אָבער ניט. זיי האָבען אַ פּלאַן. די יודישקײַט, רעכענען זיי, שטעהט אין געפֿאַהר! יודען לעגען ניט קיין תּפֿילין, דאַוונען ניט. די יוגענד איז פֿערשײַט. די רבנות שטעהט אין געפֿאַהר: דער רב פֿערלירט וואָס ווײַטער אַלץ מעהר זײַן אויטאָריטעט אינ'ם יודישען לעבען. און די לאַגע פֿון יודען אין רוסלאַנד ווערט דאָך אויך וואָס ווײַטער ערגער און ערגער. דאָס איז אַ שטראָף פֿון גאָט פֿאַר זײַערע זינד, פֿאַר דעם, וואָס זיי האָבען די תּורה פֿערלאָזען, ווילען די רבנים ניט פֿאָלגען, האָבען אָנגעהויבען זיך מישען ניט אין זײַער זאַך, פֿערנעהמען זיך מיט פּאָליטיק. דערפֿאַר טאַקי קוקט אויף זיי שלעכט די ממשלה ירום הודה, דערפֿון נעהמען זיך אַלע גזירות אויף יודען. העלפֿען דערצו קאָן מען נור מיט איין מיטעל — מאַכען די רבנים פֿאַר בעלי הבתּים איבער יודען, פֿאַר משגיחים איבער זײַער פֿרומקײַט, אויפֿזעהער איבער דער בילדונג פֿון דער יודישער יוגענד און פֿאַר וואָס ניט איבערגעבען זיי די צענזור איבער יודישע ביכער? דערמאָלט וועט קומען מיט איין קלאַפּ אַ ישועה אי אויף די רבנים, אי אויף יודישקײַט, אי אויף יודען. די צײַט דערצו איז אַ גינסטיגע. פֿון פּעטערסבורג וויל מען מאַכען גאַנץ רוסלאַנד פֿרום און גאָטס־פֿאָרכטיג. דאַרף מען טאַקי דערצעהלען דער ממשלה ירום הודה, ווי פֿערשײַט די יודישע יוגענד איז, דאַרף מען איהר דערקלערען, אַז דאָס נעהמט זיך אַלץ דערפֿון, וואָס יודען האָבען די תּורה פֿערלאָזען, דאַרף מען איהר דערווײַזען, אַז מען קאָן יודען מאַכען איבעראַנײַס פֿאַר גוטע, פֿרומע און דער עיקר פֿאַר „געטרײַע און געהאָרזאַמע" — דערצו איז נויטיג בלויז אַ קלייניגקײַט — געבען זיי, די רבנים, אַ שטיקעלע

ט, אַ ברעקעלע קאַנטשוק איבער יודען. און געבען יודען וועלכע ניט איז
ת — וואָלטען זיי זעהען, ווי שטאַרק דער כּח התּורה איז, וואָלטען זיי זעהען אין
לגען דעם רב און זײַן געהאָרכזאַם דער רעגירונג. אויף אַזאַ אופֿן העלפֿען
אויסשפּילען. די רבנים זענען געקומען אויפֿ'ן צוזאַמענפֿאָהר צו אָרגאַ־
רען אין בעשטעטיגען געזעצליך די מאַכט פֿונ'ם יודישען קלעריקאַליזם.

צו וואָס די קאַזיאָנע ראַבינער זענען געקומען, איז אויך פֿערשטענדליך.
פֿ'ן צוזאַמענפֿאָהר ווערט בעהאַנדעלט די פֿראַגע וועגען רבנות, אַ פֿראַגע,
לכע הײַסט פֿאַר זיי „זײַן אָדער ניט זײַן" — ווי וואָלטען זיי ניט קומען? צו וואָס
שר זענען אַוועלכע יודען, ווי סליאָזבערג, אויפֿ'ן צוזאַמענפֿאָהר געקומען?
ם האָבען דאָרטען צו טון אונזערע פֿרײַדענקער, אונזערע „פּראָגרעסיסטען"?
לטען ריסישע קאַדעטען, רעכטע אַפֿילו, אַנטייל גענומען אין אַ צוזאַמענפֿאָהר
ן גלחים:

זאָגען זיי, אַז זיי האָבען געמוזט אַנטייל נעהמען אין צוזאַמענפֿאָהר, ווײַל
ן זײַן טאָגעס־אָרדנונג איז פֿאַראַנען אַ פּונקט וועגען יודישע דאָהנער־געמײַנ־
ען (פּריהאָד) און דעם פּונקט קען מען אויסטײַטשען אין דעם זין פֿון אַ
דישער קהלה. אָבער וועגען דער נויטהוענדיגקײַט פֿון אַ יודישער קהלה און
עגען דעם אופֿן, ווי זי זאָל אָרגאַניזירט ווערען, האָט זיך שוין אַרויסגעזאָגט
ער קאָוונער צוזאַמענפֿאָהר. און קיין בעשטימונגס־רעכט האָט דאָך דער רבנים־
זאַמענפֿאָהר אויך ניט, פּונקט ווי דער קאָוונער צוזאַמענפֿאָהר האָט עס ניט
געהאַט. די רעגירונג וועט זיך רעכענען מיט זײַנע רעזאָלוציעס בלויז, ווי
מיט מאַטעריאַלען, און וועט טון, ווי זי וועט געפֿינען פֿאַר נויטיג.

און ווײַטער זאָגט מען: די רעגירונג וועט זיך רעכענען מיט דער מײנונג
פֿונ'ם רבנים־צוזאַמענפֿאָהר, ווי מיט דער מײנונג פֿונ'ם יודישען כּלל, איז
וויכטיג, אַז זײַנע בעשטימונגען זאָלען ניט זײַן אײנזײַטיג, מוזען אויף איהם
זײַן ניט רבנים אויך.

און ווידער איז עס ניט ריכטיג. די ניט־רבנים האָבען זיך דאָך שוין
אַרויסגעזאָגט אויפֿ'ן קאָוונער צוזאַמענפֿאָהר, איז דאָך שוין זײַער מײנונג בע־
וואוסט. נאָך מעהר. גראַדע מיט דעם, וואָס די פּראָגרעסיסטען נעהמען אַנ־
טייל אינ'ם רבנים־צוזאַמענפֿאָהר, גיבען זיי איהם צו דעם אויטאָריטעט פֿון אַ
אַלגעמײן־יודישען צוזאַמענפֿאָהר. און אַזוי ווי די מעהרהײַט איז דאָך אַ רבנישע,
האָבען די „פּראָגרעסיסטען" מיט זײַערע אײגענע הענד זיך געשטאַרעט אַנצו־
קלעפּען אויף די רבנישע בעשטימונגען דעם כּלל־ישׂראל־שטעמפּעל, פֿאַר וועלכען
זיי האָבען כּלומרשט אַזוי מורא.

ווײַטער דורך דעם, וואָס סליאָזבערג און זײַן קאָמפּאַניע זענען געגאַנגען
אויף אַ רבנים־צוזאַמענפֿאָהר בעהאַנדלען די געמײנדע־פֿראַגע, האָבען זיי שוין
פֿון אָנהויב אָן אַרויפֿגעלעגט אויף דער יודישער געמײנדע אַ רעליגיעזען קלע־
ריקאַלען שטעמפּעל. אמת, די גרופּיסטען זענען געגען אויסטײַלען די אמונה־
ענינים פֿון דער קהלה, און צווישען די אויפֿגאַבען פֿון דער יודישער קהלה
שטעלען זיי די רעליגיעזע בעדירפֿעניסען אויפֿ'ן לעצטען אָרט. אָבער אַזוי
ווײַט, ווי די רבנים, געהען זיי דאָך ניט, קיין קלעריקאַלען זענען דאָך די גרו־

פּיסטען ניט; און אום דורכצופֿירען דעם פּלאַן פֿון אַ יודישער קהלה אויף אַ צוזאַמענפֿאָהר, וואו די רבנים האָבען אַ גרויסע מעהרהייט, האָט מען געמוזט געהען אויף צו גרויסע פּשרות, צו גרויסע אַפֿילו פֿונ׳ם שטאַנדפּונקט פֿון די גרופּיסטען. האָט עס געלוינט? נור אַזאַ פֿראַגע שטעלט זיך אַ גרופּיסט קיינמאָל ניט. ער איז שטענדיג מוכן ומזומן צו זוכען ישועות אויף יודען אין אַזעלכע שפּעלטלעך, וואו קיינער וועט עס דאָרטען ניט זוכען און ניט געפֿינען. ער וועט געהען וואו איהר ווילט, מיט וועמען איהר ווילט און אויף וועלכע פּשרות איהר ווילט, אַבי ברענגען ישועות אויף יודען. און ווען אָנשטאָט ישועות וועט ער ברענגען אַ שפּײַ אין פּנים פֿאַר זיך און פֿאַר זײַן פֿאָלק — איז ער אין דעם ניט שולדיג. זײַן כונה איז געווען צוגוטען.

די „פּראָגרעסיסטען“ מיט די רבנים האָבען זיך צוזאַמענגעטראָפֿען. די רבנים האָבען פֿון זייער ליניע ניט געוואָלט אָבטרעטען אויף אַ האָר אַפֿילו. זיי האָבען געזונגען זייער אַלטע ליעדעל: ווער עס לעגט קיין תּפֿילין ניט איז אַ גוי; מיט אַ יודען, וועלכער געהט ניט אין שול, וועלען מיר קיין שותּפֿות ניט מאַכען; אָרגאַניזירען אַ יודישע קהלה איז איבעריג; דער פֿאָרשטעהער פֿון קהל איז דער רב. און די רבנים האָבען געהאַט אַ גרויסע מעהרהייט. וואָס האָבען די „פּראָגרעסיסטען“ געקאָנט אַרויסשטעלען געגען זיי?

מען האָט געפּרובּט זיך צומאַכען צו די רבנים, איינרעדען זיי, אַז די אמונה איז בײַ די „פּראָגרעסיסטען“ אַזוי טײַער ווי בײַ די רבנים. מעהר ווי אַלע, האָט זיך אין דעם אויסגעצייכענט ה׳ סליאָזבערג. ער איז פּשוט געשפּרונגען קדוש. האָט זיך צולייגט אין דער לענג און אין דער ברייט וועגען זײַן איבערגעבענקייט דער הייליגער תּורה, פֿייערליך צוגעזאָגט פֿערטיידיגען דעם שולחן ערוך, הגם ער אַליין האַלט פֿון איהם ניט; גערעדט הייס וועגען אחדות און געבעטען בײַ די רבנים זיי זאָלען איהם אָנווײַזען מיטלען, ווי צו מאַכען זײַנע אייגענע קינדער פֿאַר רעליגיעזע יודען. דאָס אַליין האָט אָבער גאָר ווייניג געהאָלפֿען. וואָס פֿאַר אַ תּמימים אונזערע רבנים זאָלען ניט זײַן, אויף צביעות זענען זיי מבינים, און אין דעם וועט איהר זיי ניט אָפּנאַרען. מען האָט געמוזט אָנגעמען מעהר רעעלע מיטלען.

די רבנים האָבען געוואָלט, אַז די רעזאָלוציע וועגען לעגאַליזירען די רבנות זאָל אָנגענומען ווערען איינשטימיג און וואָס גיכער; האָבען די פּראָגרעסיסטען דערפֿאַר געפֿאָדערט, די רבנים זאָלען נאָכגעבען אין דער געמיינדע־פֿראַגע; ווען ניט, האָבען זיי געשראָקען, וועט מען פֿערצידען די לעגאַליזאַציע פֿון רבנות. און דאָס האָט געווירקט. די רבנים האָבען זיך דערשראָקען. און נאָך אַ מיטעל איז געווען, אַ וויכטיגערע. ווי נור די רבנים האָבען זיך געהאַט איינגעשפּאַרט, פֿלעגט מען זיי באַלד זאָגען: „וואָס וועט מען זאָגען אויף די ערטער?“ און די מורא פֿאַר די ערטער, פּשוט געזאָגט, די מורא פֿאַר דער געזעלשאַפֿטליכער מיינונג פֿון די בעלי הבתּים און גבירים, פֿון וועלכע די רבנים זענען אָבהענגיג, דאָס געצוואונגען די רבנים געהען אויף פּשרות. חוץ אַלין זענען די רבנים גלאַט אַביסעל אַראָבגעפֿאַלען בײַ זיך פֿאַר מענשען, וועלכע רעדען רוסיש ווי וואַסער און דער עיקר פֿאַר מענשען, וועלכע זענען אויפֿגעטראָגען מיט סטאַטסקי סאָוויעטניקעס און נאָך העכער. ווי דאָס איז, די רבנים זענען געגאַנגען אויף פּשרות. און אַז די פּשרות האָבען זיך אָבגעשפּיגעלט אין אַלע רעזאָלוציעס, וועלכע דער צוזאַמענפֿאָהר האָט ביז אַהער אָנגענומען. דאָך קיין פֿולע נאָכגעגעבען האָבען די רבנים ניט. און די רעזאָלוציעס פֿונ׳ם צוזאַמענפֿאָהר זענען מעהר קלעריקאַל, ווי גרופּיסטיש.

II

וועגען רבנות איז אָנגענומען געוואָרען: די דאָפּעלטע רבנות ווערט בטל. קאַזיאָנע רבנים זענען איבעריג. דער רעליגיעזער רב ווערט לעגאַליזירט. ער וועט פֿיהרען די מעטריקעס. אויסצוהלען וועלען איהם אַלע מיטגלידער פֿון דער קהלה, וועלכע טראָגען אַרײַן 2 יאָהר נאָכאַנאַנד דעם קהלה־אָבצאָהל. די רבנים האָבען געהעסט געפֿאָדערט, עס זאָל אויסגעטײַטשט ווערען אין דער רעזאָלוציע „דער רב דאַרף זײַן דער פֿאָרשטעהער פֿון קהל“; זיי האָבען אָבער נאָכגעגעבען און זיך בענוגענט מיט דער פֿאָרמול, וועלכע געפֿינט זיך איצט אין דער רוסישער געזעצגעבונג: „דער רב דאַרף זײַן דער היטער און ערקלעהרער פֿון דער יודישער אמונה“.

עס זענען געווען רבנים, וועלכע האָבען געפֿאָדערט, אַז דער רב זאָל ניט דאַרפֿען האָבען קיין שום בילדונגס־צענז, אַפֿילו די רוסישע שפּראַך זאָל פֿאַר איהם קיין מוז ניט זײַן. אָנגענומען געוואָרען איז, אַז די רבנים מוזען האָבען אַ קליינעם בילדונגס־צענז, דעם קורס פֿון אַ אויעזדנע שול, ווי די רבנים אין פּוילען. אינטערעסאַנט איז, וואָס נאָכדעם ווי די בעשטימונג איז אָנגענומען געוואָרען, האָט דער פֿאָרזיצענדער באַראָן גינצבורג פּראָטעסטירט אין נאָמען פֿון דער בעליידיגטער רוסישער שפּראַך: „דאָס איז אַ חרפּה, אַ בזיון! האָט ער זיך געבייזערט: דאָס הייסט קענען די רוסישע שפּראַך נור אויפֿ׳ן שפּיץ מעסער. אַלס פֿאָרזיצענדער גיב איך מיך אונטער דער בעשטימונג פֿון דער מעהרהייט; אָבער אַלס דאַוויד האָראַציעוויטש גינצבורג פּראָטעסטיר איך און וויל אַרויסטראָגען אַ בעזונדערע מיינונג“. דער לעזער געדענקט נאָך געוויס, אַז אויף דעם לעצטען פּראָפֿעסיאָנעלען צוזאַמענפֿאָהר האָט דער זעלבער באַראָן גינצבורג פּראָטעסטירט געגען דער בעשטימונג צו לערנען אין די פּראָפֿעסיאָנעל־שולען פֿאַר יודישע פֿרויען יודיש און ניט העברעאיש: „איב מיר וועלען פֿערגעסען העברעאיש, מעגען מיר אַלע זיך שוין גלייך טויפֿען!“ האָט ער דאַן מיט כעס געשריען. אַלס פּשרה איז אָנגענומען געוואָרען, אַז די איצטיגע רבנים און מורי הוראות האָבען דאָס רעכט זיך צו באַלאָטירען פֿאַר רבנים, הגם זיי האָבען קיין בילדונגס־צענז ניט. די קאַזיאָנע רבנים האָבען אויפֿ׳ן צוזאַמענפֿאָהר געשטימט פֿאַר אָבשאַפֿען די קאַזיאָנע רבנות, האָבען זיי דערפֿאַר אויסגעדונגען פֿאַר זיך אַ הנחה: דאָס רעכט צו באַלאָטירען זיך פֿאַר רבנים בע-

קומען די איצטיגע ראבינערס אויך, אפילו די וואס האבען קיין סמיכה ניט. וועלען מיר באלד, הייסט עס, זוכה זיין צו האבען וואו עס איז א רב ניט קיין ראבינער, א טאהן-וואקסאר אדער אן אפטייקער, וועלכער קאן קיין עברי ניט אויך. מילא, אז מען דינגט זיך, דינגט מען זיך עפעס אויס.

III

וועגען דער קהלה זענען אנגענומען געווארען פאלגענדע רעזאלוציעס:

עס איז נויטיג, אז אין יעדער שטאדט אדער שטעדטעל זאל זיך געפינען א יודישע קהל-ווירטשאפטליכע פערוואלטונג, וועלכע זאל זיך פערנעהמען מיט אלע יודישע רעליגיעזע, צדקה-און בילדונגס-אנשטאלטען, וועלכע זענען בעשטימט פאר דער גאנצער יודישער קהלה פון דעם ארט.

1) די יודישע קהלה איז מחויב צו טון פאלגענדעס: זי דארף אויסהאלטען אלע יודישע רעליגיעזע אנשטאלטען, לויט די פאדערונגען פון דער יודישער אמונה, אויך ווי ווייט די אנשטאלטען זענען נוגע צו דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג, דאס הייסט, זי דארף:

א) אויסהאלטען די שוחטים און מנקרים. (דאס בעשטימען די צאהל שוחטים אין דער שטאדט, דאס נעהמען א שוחט און דאס אבזאגען איהם הענגט זיך פון דער פערוואלטונג, וועלכע דארף זיך דערביי נוהג זיין לויט דעם פונקט 6 פון די תקנות).

ב) אויסקלייבען און אויסהאלטען דעם רב און זיינע געהילפען (מורה-הוראה, דיינים, חזנים), ווי אויך מגידים און פרעדיגער, אויב די קהלה געפינט דאס פאר נויטיג.

ג) אויסהאלטען די מקוה.

ד) השגחה געבען איבער דעם יודישען בית-עלמין, דורך א בעזונדער קאמיטעט, וועלכער טראגט דעם נאמען „חברה קדישא“.

ה) זארגען פאר די קראנקע און נויטבעדערפטיגע און איינארדנען פאר זיי ספעציעלע אנשטאלטען, אויך ווי ווייט דאס ערלויבען די געלד-מיטלען פון דער קהלה.

ו) איינארדנען און אויסהאלטען תלמוד-תורות און אנדערע שולען פאר יונגלעך און מיידלעך, וואו עס דארף געלערענט ווערען די יודישע שפראך און די יודישע אמונה.

ז) אויסהאלטען אנדערע בילדונגס-אנשטאלטען, וועלכע בעפרידיגען די בעדערפנישען פון דער יודישער קהלה.

2) די שוהלען און בתי-מדרשים אין יעדער שטאדט ווערען אויסגעהאלטען דורך די שטענדיגע דאווענער און האבען יעדע פאר זיך זייערע ווירטשאפטליכע פערוואלטונגען, וואס ווערען אויסגעקליבען דורך די דאווענער.

די יודישע קהלה, מיט וועלכע דער רבנים-צוזאמענפאהר וויל מוכה זיין, איז כמעט דורכאויס א רעליגיעזע. און די אנפאנגס-בילדונג, וואס זי וועט געבען יודישע קינדער דארף אויך זיין א רעליגיעזע. וועגען די תלמוד-תורות איז עס בפירוש אויסגעשפראכען אין פונקט ו'. וועגען אנדערע בילדונגס-אנשטאלטען האט ה' סליאזבערג אין זיין רעדע אונטערגעשטריכען: „די קהלשע שולען פאר יודישע קינדער מוזען טראגען א רעליגיעזען האראקטער“. קיין ריין-וועלטליכע שולען האט די געמיינדע ניט קיין רעכט צו גרינדען. וועגען אלע איבעריגע קולטורעלע בעדירפעניסען פון דער ברייטער מאסע ווערט אין דער רעזאליוציע א וואָרט ניט דערמאנט, ניט וועגען פראפעסיאנעלער בילדונג, ניט וועגען טעאטערן, מוזעען און פאלקס-הייזער, ניט וועגען זארג פאר עמיגראנטען, און, אז עס איז ניט דערמאנט אין דער רעזאלוציע, הייסט עס, דאס מען רעדט זיך ניט אויס דאס רעכט, אז די יודישע געמיינדען זאלען זיך מישען מיט דעם אלעם פערנעהמען.

פון די „פראגרעסיסטען“ האט מעהר פאר אלעמען פערטיידיגט דעם רעליגיעזען האראקטער פון דער געמיינדע ה' סליאזבערג. ער האט שטארק בעטאנט, אז די הוצאות אויף רבנים און כלי קודש מוזען טראגען אויף זיך אלע יודען, אלץ איינס רעליגיעזע צו פרייגעזאגענע.

העפטיגע דעבאטען האט ארויסגערופען דער פונקט וועגען דעם, וועלכער יוד עס קאן גערעכענט ווערען פאר א מיטגליעד פון דער יודישער קהלה. די רבנים האבען געפאדערט, אז אלע יודען זאלען זיך מוזען צושרייבען צו שולען און קלויזען, און נור אזעלכע צוגעשריבענע זאלען גערעכענט ווערען פאר מיטגליעדער פון דער יודישער קהלה. „אויב עס האנדעלט זיך וועגען א יודען, וועלכער איז קיינמאל אין שול ניט געגאנגען, האט געזאגט דער רב מארעוסקי, וועלכער קומט אפילו איינמאל אין יאהר אין שול אויך ניט אריין, דארף איך נאך זיך גוט בעטראכטען, צו מיר לוינט צו מאכען שותפות מיט אזא מין יודען, אזא יודען וואלט איך מוהל געוועזען זיין געלד, אבי איך זאל מיט איהם קיין עסק ניט האבען“. דער רב ראפאלאוויטש איז אביסעל ווייכער. „מיר שלעפען, זאגט ער, קיינעם אין שול ניט, אבער צוגעשריבען צו א שול דארף מען זיין, ווייל עס איז שענער, ארטיגער, אז א ייד איז צוגעשריבען צו א שול“. און באלד ענטפלעקט די כונה, וואס שטעקט אין די ווערטער „שענער, ארטיגער“: ווען ניט אין שול, זאגט ער, קומען צו די וואהלען די כלי-קודש און לעדיג-געהער, און די בעלי-הבתים בלייבען זיצען אין דער היים“. אין שול, הייסט עס, איז דער רב זיכערער, אז זיין צד וועט גובר זיין.

שפעטער האבען די רבנים אביסעל נאכגעגעבען און געפאדערט, אז צום וועניגסטענס פאר א גבאי אין דער קהלה זאל מעגען אויסגעוועהלט ווערען נור אזא יוד, וואס איז צוגעשריבען צו א שול. דאס איז אבער אויך ניט דורכגעגאנגען. אנגענומען געווארען איז, אז „פאר מיטגליעדער פון דער יודישער

קהלה רעכענען זיך אַלע יודען, װעלכע װאָהנען אין דעם אָרט ניט װעניגער פֿון אַ יאָהר צײַט".

אין די װאַהלען פֿון די גבאים און פֿון דער קהלישער פֿערװאַלטונג בעטײליגען זיך יענע מיטגליעדער מאַנסבילען, װעלכע זענען ניט יינגער פֿון 21 יאָהר און צאָהלען אַ װעלכען ניט איז אָבצאָהל אין דער קהלה".

קיין אַלגעמײנע װאַהלרעכט האָט דער צוזאַמענפֿאָהר ניט דערלאָזען. פֿרויען װעלען קיין װאַהל־רעכט גאָר ניט האָבען און פֿון מאַנסבילען נור די, װאָס צאָהלען װעלכען עס איז אָבצאָהל. און די דאָזיגע רעזאָלוציע געגען אַלגעמײנע װאַהלרעכט האָט אַרײַנגעטראָגען ניט דער ליובאַװיטשער רבי, נור דווקא דער פֿיהרער פֿון דער פֿאָלקס־גרופּע, ה' סלאָזבערג.

עס איז הויך דעם אָנגענומען געװאָרען, אַז דער רב געהערט צו דער פֿערװאַלטונג פֿון קהל (צום װעד) ניט געקליבענערהײט, און זײַן מײנונג דאַרף אויסגעהערט װערען בײַם בעטראַכטען רעליגיעזע אָנגעלעגענהײטען. אויב די פֿערװאַלטונג איז מיט זײַן מײנונג ניט מסכים, האָט דער רב דאָס רעכט צו אַפּעלירען צו דער אַלגעמײנער פֿערזאַמלונג פֿון די גבאים. װי מיר האָבען געזעהען זענען אַלע אויפֿגאַבען פֿון דער קהלה, װעלכע דער צוזאַמענפֿאָהר האָט אָנגענומען, אָדער רעליגיעזע אָדער רעליגיעז בעפֿאַרבט; װעט אויף אַזאַ אופֿן דער רב האָבען אַ מעגליכקײט צו זאָגען זעהר אַ גרויסע דעה אין אַלע ענינים פֿון דער קהלה. די רבנים האָבען נאָך מעהר געפֿאָדערט; זיי האָבען געװאָלט, אַז זייער מײנונג זאָל אין רעליגיעזע פֿראַגען בלײַבען ענדגילטיג; זיי האָבען געפֿאָדערט גאַראַנטיעס. זיי האָבען אָבער סוף כל סוף נאָכגעגעבען. די מורא פֿאַר די ערטער איז געװען שטאַרקער פֿאַר די אַפּעטיטען.

עס איז אויך אָנגענומען געװאָרען, אַז די געמײנדע דאַרף האָבען דאָס רעכט אַרויפֿצולעגען אויף איהרע מיטגליעדער אַ אָבצאָהל. װעגען דער קאָראָבקע זענען פֿאָרגעקומען שטאַרקע דעבאַטען. די רבנים האָבען אַלע גערעדט פֿאַר קאָראָבקע. זיי סטאַרען זיך דערװײַזען, אַז די קאָראָבקע איז גאָר קײן רעה ניט, דער אָרימער יוד פֿערליערט דורכ'ן יאָהר גאָר ניט, פֿערקעהרט, ער איז נאָך מאָראַליש צופֿריעדען, װאָס ער קאָן געבען צושטײַער אויף די הוצאות פֿון דער קהלה. דער רב מאָדראַטקי איז אָבער אויפֿריכטיגער, ער זאָגט אויס דעם אמת: דאָ געהט ניט, זאָגט ער אום יושר, דאָ געהט אום די שכירות פֿון די רבנים. אַז עס װעט פֿעהלען אויף אַנדערע קהלשע הצטרכות, װעט מען מאַכען אַ באַל אָדער עפּעס אַנדערש, און געלד װעט זײַן. דעם רב אויף שכירות אויב עס װעט פֿעהלען, װעט ניט זײַן פֿון װאַנען צו נעהמען. דעריום מוז די קאָראָבקע בלײַבען.

די „פּראָגרעסיסטן" שרעקן װידער מיט די ערטער. „דאָס װעלען זאָגען די מאַסען: אָרימע לײַט אויף די ערטער, פֿון װאַנען מען האָט אײַך געשיקט". ר' חיים בריסקער לעגט פֿאָר, מען זאָל אַ פֿריהער פּרובירען אײַנפֿיהרען אַ קהלשען אָבצאָהל און, אויב דאָס װעט זיך אײַנגעבען, װעט מען נאָכדעם אָבשאַפֿען די קאָראָבקע. בעת מיר שרײַבען די שורות איז נאָך די פֿראַגע ניט געלעזט. גיכער װי אַלץ װעט אָנגענומען װערען אַזאַ מין רעזאָלוציע, װי אין קאָװנע. בכלל דאַרף מען די קאָראָבקע מבטל זײַן; דערװײַל אָבער מוז זי בלײַבען. דער „בכלל" קומט גאָר ניט, װען עס בלײַבט דער „דערװײַל".

דער סוף־הכל איז: דער רבנים־צוזאַמענפֿאָהר האָט אונז מזכה געװען מיט אַ קהלה, װעלכע דאַרף זײַן דורכאויס רעליגיעז, מיט רעליגיעזע אָנפֿאַנגס־בילדונג, אָהן אַלגעמײנע װאַהל־רעכט און גיכער װי אַלץ מיט קאָראָבקע. אָט דעם רעזולטאַט האָט געבראַכט די צוזאַמענאַרבײַט פֿון אונזערע קלעריקאַלען מיט די גרופּיסטען. און זאָל עטװאָס עהנליכעס בעשטעטיגט װערען אַלס געזעץ, װעלען די יודישע מאַסען האָבען אינ'ם רעזולטאַט פֿונ'ם רבנים־צוזאַמענפֿאָהר אַ שװערען שטײַן אויף זייער װעג צו אַ דעמאָקראַטישע קהלה, װעלכע קאָן אין דער אמת'ן בעפֿרידיגען זייערע קולטורעלע בעדערפֿעניסען, און גענוג מיה װעט קאָסטען דעם שטײַן פֿון װעג אָבצוראַמען.

IV

נור ניט דאָס אַלײן האָט דער רבנים־צוזאַמענפֿאָהר געטאָן — ער האָט געשיקט אַ דעפּוטאַציע צו סטאָליפּינען.

פֿאַר יעדען, װער עס האָט נור װעלכען עס איז פּאָליטישען פֿערשטאַנד, איז קלאָהר, אַז ניט אין אוידיענץ־צימערן פֿון מיניסטאָרען װעט די יודען־פֿראַגע געלעזט װערען, אַז קײן שום דעפּוטאַציע, װי גוט און העפֿליך מען זאָל זי ניט אויפֿנעהמען, האָט ניט בכּח צו פֿערבעסערען די לאַגע פֿון יודען. רעכטע בעט מען ניט אויס. דאָס איז בכלל. און בפֿרט דאַרף מען ניט פֿערמאַגען אַ טראָפּען פּאָליטישען טאַקט, ניט אויף אַ האָר געפֿיהל פֿון אײגענער און נאַציאָנאַלער װערדע, אום צו געהן אין 1910 אין רוסלאַנד מיט אַ דעפּוטאַציע צו סטאָליפּינען.

די רבנים האָבען זיך זייער שיטה, און אין דער דאָזיגער שיטה איז די דעפּוטאַציע אַרײַנגעגאַנגען אַלס דער װיכטיגסטער פּונקט. מען דאַרף אַרײַנגעהען מיט דער רעגירונג אין אַן אָבמאַך: זאָל זי געבען װעלכע עס איז הנחות יודען, זאָל זי געבען אונז די רבנים מאַכט, זאָל זי העלפֿען פֿערשטאַרקען דעם כּח התורה בײַ יודען, און מיר װעלען איהר גאַראַנטירען, אַז יודען װעלען זײַן גוט און פֿרום, טרײַ און געהאָרכזאַם. װען קאָן מען דאָס קלעהרער דערװײַזען, װאו קען מען בעסער שליסען דעם אָבמאַך, װי בעת אַ אוידיענץ, צום װעניגסטענס בײַ סטאָליפּינען אין אויפֿנאַהמס־צימער? דער באַראָן גינצבורג איז אין דעם פּרט געשטאַנען אויפֿ'ן זעלביגען שטאַנד־פּונקט װי די רבנים. אין זײַן בעגריסונגס־רעדע האָט ער געזאָגט: דער צוזאַמענפֿאָהר דאַרף בעװײַזען דער רעגירונג, אַז מיר יודען זענען װערט צו פֿערטײדיגען אונזערע רעכט (װערט צו פֿערטײדיגען אונזערע רעכט — ס'אַראַ היסטאָרישע װערטער!) און מיר זענען גע-

טרייע און עהרליכע בירגער פון רוסלאנד", האט ער זיך משתדל געווען, מען זאל די דעפוטאציע אויפנעהמען: דער צוזאמענפאהר דאס געהייסען, און די דעפוטאציע האט שליסען דעם אבמאך. ה' סליאזבערג און די איבעריגע פראגרעסיסטען האבען אויך ניט געפינען, וואס אנצוווענדען. און אין דער אמת'ן, שתדלנות, אבשלאגען די שתדלען דאס איז דאך דער ערשטער און הייליגסטער פונקט אין דעם פראגראם פון די גרופיסטען. די פראגרעסיסטען האבען אנטייל גענומען אין וועהלען 2 מיטגלידער פון דער דעפוטאציע (די איבעריגע זענען געווען די מיטגלידער פון דער אפיציעלער רבנים-קאמיסיע); זיי האבען אפילו א וואהלקאמפאניע געפיהרט. ה' טיאמקין איז דורכגעפאלען, אויסגעוועהלט זענען געווארען לאזאר פאליאקאוו (דער זעלביגער, וואס האט ערסט ניט לאנג געשיקט א באגריסונגס-טעלעגראם דעם בעוואוסטען דונקעלמאן און אנטיסעמיט פירסט מעשטשערסקי צו זיין יובילעאום) און דער בעוואוסטער מאסקווער ראבינער מאזא. און מען איז אוועק.

ווי סטאליפין האט די דעפוטאציע אויפגענומען, איז בעוואוסט. ער האט זיי געלאזען ווארטען אנדערהאלבען שעה, און אז ער איז צו זיי ארויס, האט ער געגעבען די האנד נור פאליאקאוו'ען און דעם באראן גינצבורג (וואס הייסט א גביר): די רבנים האט ער אזא כבוד ניט אנגעטאן. ביי פאליאקאוו'ען האט ער געפרעגט: „איהר פערנעמט זיך אויך מיט אזעלכע זאכען?“ ווי איינער זאגט: אזא גביר און מיט אזעלכע נארישקייטען! ער האט זיי געזאגט מוסר, פאר וואס דער צוזאמענפאהר ארבייט אזוי לאנגזאם; און דאס זיי חושד געווען, אז זיי פערנעהמען זיך מיט פאליטיק. נאכדעם ווי מען האט גערעדט וועגען לעגאליזירען די רבנות און סטאליפין האט געגעבען א צווייזייטיגען ענטפער, האט דער פארזיצענדער פון דער רבנים-קאמיסיע, ה' צירעלסאן אויסגעדריקט זיין האפנונג, אז נאכדעם ווי עס וועט פערבעסערט ווערען די גייסטיגע לאגע פון יודען, וועט פערבעסערט ווערען זייער מאטעריעלער צושטאנד אויך. ט.ר, הייסט עס, האבען אונזער זאך געטאן, איצט, פריץ, האלט עס ביי דיר. סטאליפינ'ס ענטפער איז בעוואוסט: ער קאן קיינע הבטחות ניט געבען. די יודישע לאגע קאן פערבעסערט ווערען נור אין דער צוקונפט און. נור ביסלעכווייז. דערביי האט ער ניט געקארגט קיין מוסר: יודען זענען רעוואלוציאנערען. דער „בונד“... פון דער אלטער תורה זענען זיי אבגעשטאנען און צו קיין נייער ניט צוגעשטאנען. מען דארף פריהער ערציהען יודען אזוי, אז זיי זאלען זיין טריי דעם קייזער און פאטערלאנד". און דער באראן גינצבורג האט מיט הנאה געענטפערט: אבטריניגע זענען אין יעדען פאלק פאראן". די ניט געהארכזאמע זענען, הייסט עס, גאר קיין יודען ניט. דער באראן גינצבורג שליסט זיי אויס פון כלל-ישראל, פונקט ווי משומדים.

די יודישע פרעסע האט איינשטימיג אנגעוויזען, אז קיין מיניסטער האט נאך קיינמאל אזוי א יודישע דעפוטאציע ניט אויפגענומען, אפילו פלעווע האט יודען אזוי פיעל פעראכטונג ניט ארויסגעוויזען. פארוואס האט סטאליפין אזוי געטאן? מעגליך, אז ער געפינט איצט ניט פאר נויטיג אבציקויפען

יודען. עס לוינט איהם דער גאנצער עסק ניט. מעגליך, אז ער פערשטעהט גוט, דאס ווען די רבנים גיבען ארויס א וועקסעל אינ'ם נאמען פון כלל-ישראל אויף גייסטקייט און פרומקייט, טרייקייט און געהארכזאמקייט, איז דער וועקסעל א פאלשער, ווייל קיינער האט זיי אויף דעם ניט בעפאלמעכטיגט, און ווען זיי שרייבען אונטער דעם וועקסעל מיט דער חתימה פון כלל-ישראל, איז די חתימה א פאלשע. און דאס בעדייטען סטאליפינ'ס ווערטער: א פריהער דארף מען ערציהען יודען, זיי זאלען זיין טריי דעם קייזער און פאטערלאנד". א פריהער, הייסט עס, וועט, אז דער וועקסעל זאל זיין א כשר'ער, נאכהער וועלען מיר רעדען. די בעזונדערע הארטקייט און גראבקייט פון דער אויפנאהמע איז געווען, כדי נושא חן צו זיין ביי די רעכטע, אין די אויגען פון פורישקעוויטש'ען מיט מארקאוו'ן.

ווי דאס איז, די דעפוטאציע האט בעקומען א שפיי אין פנים. און אזוי ווי זי האט גערעדט אינ'ם נאמען פון כלל-ישראל האט סטאליפין אינדירעקט געצילט זיין שפיי ניט אין דער דעפוטאציע אליין, נור אין דער גאנצער יודישער בעפעלקערונג פון רוסלאנד. מערקווירדיג איז, וואס די רבנים פערזיכערען, אז די אויפנאהמע איז געווען א הערליכע, אז אנדערש האט א מלוכה-מענש ניט געקאנט אויפנעהמען קיין דעפוטאציע. צו וואס איז דאס לייקענען? צי שעמען זיי זיך פאר יודען? צי האבען זיי מורא פאר סטאליפינ'ען? ווער קאן הייסען דאס האר'ן פון רבנים! און דער קישינעווער רב ה' צירעלסאן איז נאך הייטער געגאנגען. ער האט טעלעגראפירט די קישינעווער יודען: די אויפנאהמע איז געווען א הערליכע, די לאגע איז זעהר א גוטע (Положеніе отрадное!).

אט וואס הייסט בעקומען א שפיי אין פנים און טענה'ן, אז א רעגען שפריצט!

מיר מוזען אבער זיין גערעכט. א גרויסען שולד אין דעם, וואס די רבנים האבען אויפגעטאן, האט די יודישע געזעלשאפט גופא. מיט א פאר יאהר צוריק וואלטען די רבנים זיך ניט דערוועגען רעדען אינ'ם נאמען פון כלל-ישראל. דאן וואלטען זיי קיין העזה ניט געהאט צו האנדלען מיט'ן יודישען כבוד. איצט, ווען די יודישע געזעלשאפט איז צו אלץ גלייכגילטיג, און וואס מען זאל אין איהר נאמען ניט טון, פראטעסטירט זי ניט, ווען אויף דער יודישער גאס איז אלץ, ווי פערגליווערט, און עס לאזט זיך הערען נור דער אונטערערדישער קול פון די רבנים, וועלכער רופט אין שול און אין ישיבה אריין און דער ביי-קול פון דער פאלקס-גרופע, וועלכע רופט צוריק אין די פארצימערן פון די פריצים, נור איצט קאנען זיך די רבנים און די שתדלנים נעהמען די העזה צו רעדען אינ'ם נאמען פון פאלק, צו טרעטען איבער איהם, צו פערשאפען איהם חרפה ובזיון. און די יודישע פרעסע האט ניט אויף די רבנים פאנאנדערגעבלאזען, מיט זייערע תנועות און לויות, מיט זייערע בעראטונגען זענען פול אלע בלעטער, אזוי אז אפט דוכט זיך, אז אונזער פרעסע איז דורכאויס א רבנישע.

אונזער פרעסע לעגט פאר די רבנים, זיי זאלען ארויסנעהמען א פאליטישע לעהרע פון דער דעפוטאציע ביי סטאליפינ'ען. ביז אונזערע רבנים

וועלען זיך עפּעס אויסלערנען איז ווייט צו וואַרטען. אָבער די יודישע געזעלשאַפֿט, די ברייטע יודישע מאַסען, פֿאַר זיי קאָן דער רבנים-צוזאַמענפֿאָהר געוויס זיין אַ לעהרע. ער ווייזט אָן אויף פֿיעל זאַכען, וועלכע מיר מוזען אין אַלעם נקדמען, און דער עיקר אויף אונזער געזעלשאַפֿטליכע גלייכגילטיגקייט, וועלכע ווערט שוין געפֿעהרליך.

א—ה.

די מענשען פון דריטען יוני און די נאציאנאלע פראגען.

I.

ס'האָט קיין זאַך ניט געהאָלפֿען: קיינע קרבנות, קיינע בעווייזען פֿון פּאַטריאָטיזם און טריי־הייט, קיינע אָנפֿאַלען אויף פֿינלאַנד, קיינע אַנטיסעמיטישע רעדעס. קיין זאַך האָט פֿון די אָקטיאַבריסטען ניט געקענט אָבוואַשען דעם חטא, — דעם וואונש, אַז די דומע, וואו זיי געהערען די מעהרהייט, די כשרע, די געהאָרכזאַמע דומע, זאָל כאָטש וועלכע ניט איז זעלבסטשטענדיגע ראָלע מאַכען, די ביוראָקראַטיע זאָל כאָטש אין קלייניגקייטען אונטערוואַרפֿען זיך דער דומע.

די אָקטיאַבריסטען ווערען אָבגעשטופּט אָן אַ זייט: גוטשקאָוו איז אין אמת'ן געפֿאַלען. נייע העלדען פֿערנעהמען זיין אָרט: באַלאַשאָוו, קרופּענסקי, באָבּרינסקי. נייע רעטער האָט רוסלאַנד בעקומען: די רוסישע נאַציאָנאַליסטען.

ווער זענען זיי? פֿערטרעטער פֿון אַדעל, פֿאַר וועלכע די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג איז אַ קוואַל פֿון אונצעהליגע פּריווילעגיעס — פּריווילעגיעס כמעט אויף אַלע העכערע שטעלעס אין מיליטער, אין פֿלאָט, אין ציוויל־אַמט, אַפֿילו אין געזעלשאַפֿטליכע איינריכטונגען, אויף וויפֿיעל זיי ווערען אין די גרעניץ־געגענדען דערלאָזען; פּריווילעגיעס איבער ערדבעזיץ לגבי די אָרטיגע ,,פֿרעמד־געבאָרענע", פּריווילעגיעס אויף הלוואות און סובסידיעס. פֿערטרעטער פֿון די גלחים, פֿאַר וועלכע די אונטערדריקונג פֿון פֿרעמדע נאַציאָנען איז ענג פֿערבונדען מיט דער אונטערדריקונג פֿון פֿרעמדע אמונות, מיט דער פֿערשטאַרקונג פֿון רעליגיעזען פֿאַנאַטיזם, מיט דער בעפֿעסטיגונג פֿון זייער פֿינסטערער מאַכט. פֿערטרעטער פֿון די רייכע פּויערים, די ,,קולאַקעס", וואָס ווילען אַ מאָנאָפּאָליע האָבען אויף זויגען דאָס בלוט פֿון די אָרימע דאָרפֿישע מאַסען און האָבען מורא, אַז זיי וועלען זיך דאַרפֿען טיילען מיט אַנדערע, פֿרעמד־געבאָרענע עקספּלואַטאַטאָרען.

און אַ הייפֿעל מענשען, וועמענס אינטערעסען מוזען פֿערשמאָלצען מיט די אינטערעסען פֿון דער ביוראָקראַטיע, וועלכע האָבען נאָר איין איבערצייגונג — די לעצטע, דאָס ווערט אויסגעפֿערטיגט אין די קאַנצעלאַריעס, וועלכע שרייבען דאָס, פֿאַר וואָס מען צאָהלט זיי, — ווי דער ,,נאָוואָ־ווערעמענישער" מענשיקאָוו, און וועלכע זענען אַלע מאָל די ערשטע אין יענער פּאַרטיי, וועלכע האָט געפֿונען חן אין די אויגען פֿון ,,נאַטשאַלסטוואָ".

דאָס זענען די נייע רעטער פֿון רוסלאַנד.

זייער פּראָגראַם? ,,רוסלאַנד פֿאַר די רוסען". זייער טאַקטיק? פֿריהער פֿאַרטיג ווערען מיט'ן אינאָראָדעץ — דערנאָך רעפֿאָרמען. דאָס איז דאָס נייע וואָרט.

די אַרבעטסלאָזיקייט, הונגער, אָרעמקייט, קראַנקהייטען, שׂרפֿות, פֿינסטערקייט, מפּלות אין דער מלחמה, הייבערייען אין דעם אינטענדאַנטען-אַמט — אַלץ קומט פֿונ'ם „אינאָראָדעץ". בײַקומען דעם „אינאָראָדעץ" — הייסט ראַטעווען דאָס פֿאָטערלאַנד. ניט בײַקומען אים — הייסט מאַכען די רעפֿאָרמען פֿאַר אַ זעקציג אין זיינע הענד — צו פֿערשקלאַפֿען די רוסען. קען זײַן אַנאויפֿגאַבע דרינגענדערע, היצטיגער, ברענענדיגער?

אין פֿלוג דוכט זיך: ס'איז דאָך אַנאַלט ליעדעל; וואָס האָט מען געדאַרפֿט דעם גאַנצען אויפֿטו מיט די נאַציאָנאַליסטען? די מאָנאָפּאָליע אויף פּאַטריאָטיזם האָט דאָך דער „פֿעראיין פֿון רוסישען פֿאָלק"?

יאָ, דער פֿעראיין... נויטיג זענען זיי געוועזן, דובראָווין, יוסקעוויטש-קראַסקאָווסקי, פּאָלאָווניאָוו. רוסלאַנד האָבען זיי איין מאָל געראַטעוועט. אַ שמוציגע שטיקעל אַרבייט איז דאָס געוועזן, אָבער אַ נויטיגס.

איצט זענען אָבער אַנדערע צייטען. ס'מוז אייראָפּייאיש זײַן. יענע זענען מיט בלוט און מיט בלאָטע פֿערשפּריצט; אין פּאַלאַצען קען מען זיי ניט אַריינלאָזען. אַ מיאוס'ען שם האָט דער פֿעראיין אין אייראָפּאַ, אין די מעסיגסטע קרייזען פֿון דער געזעלשאַפֿט. ס'מוז קולטורעלערע פֿאָרמען געפֿינען.

פֿאַר'ן רוסישען פֿאָלק אָהן געוויסענס-ביסלעך — דאָס „רוסישע פֿאָלק" אין געוויסענס-ביסלעך, — פֿאַר אייראָפּאַ, פֿאַר דער געזעלשאַפֿט — די „נאַציאָן", די „נאַציאָנאַליסטען", די שענע, אויסגעצוואָגענע דושענטעלמענען, וואָס קאָנען אפֿילו, אויב מען דאַרף, רעדען וועגען דער קולטורעלער ענטוויקלונג פֿון די פֿרעמדע (נאָר ניט גלייכבערעכטיגונג פֿאַר אידען!), עס זאָל נאָר ניט שאַטען דער רוסישער מלוכה-אידעע.

דאָס „רוסישע פֿאָלק" איז מען חלילה ניט מבטל. דעם „פֿאָלקסצאָרן" האַלט מען אין רעזערוו. אַ רעכטע „אָפּאָזיציע" איז אויך נויטיג, כדי מ'זאָל פֿין זאָל האָבען פֿון וועמען צו ראַטעווען די קאָנסטיטוציע. אָבער אָפֿיציעל זיך חברן מיט'ן „פֿעראיין" — דאָס פּאַסט ניט. דערצו זענען זיי פֿאַראַן — די נאַציאָנאַליסטען.

פֿערשכורן דאָס פֿאָלק מיט זיין יחוס און קעניגליכקייט; הערשטיקען אין אים די שטרעבונג צו מענשליכען לעבען, וועקענדיג אין אים מהירישע אינסטינקטען; אויסוואָרצלען אין אים די שטרעבונג צו אייניגקייט מיט אַלע אונטערדריקטע, גראָבענדיג אַ תהום צווישען אים און זיי; מאַכען, עס זאָל זיינע יסורים פֿערגעסען; מאַכען עס געדולדיג.

דאָס איז דאָס אַלטע, דאָס בענײַטע פּראָגראַם.

II.

און די אָקטיאַבריסטען?

אמת, די קלאַסען-אינטערעסען פֿון דער גרויסבורזשואַזיע פֿאָדערן ניט, מען זאָל אַזוי אונמענשליך, אַזוי אַכזריותדיג אונטערדריקען די פֿרעמדע נאַציאָנען, ווי מ'טוט דאָס, למשל, מיט די אידען; די גרויסבורזשואַזיע איז עקאָנאָמיש ניט פֿעראינטערעסירט, ס'זאָלען אָבגענומען ווערען ביי די פֿרעמדע די עלעמענטאַרסטע בירגערליכע רעכט. בנוגע צום אידישען וואוינרעכט, למשל, וואָלט דער אָקטיאַבריזם בעריים געווען צו געהן אויף הנחות. די פֿערפֿאָלגונגען געגען די אידישע הענדלער, קאָמי-וואָיאַזשערען, מעקלער ברענגען אָפֿט שאָדען דעם רוסישען גרויס-קאַפּיטאַל, וואָס האָט מיט זיי צו טאָן ניט ווי מיט קאָנקורענטען, נאָר ווי מיט גינסטיגע אָבנעהמער און פֿערמיטלער. די געזעצען וועגען וואוינרעכט שטעלען פֿאָר אַ פֿעסטען באָדען פֿאַר דעם מוראדיגען סיסטעם פֿון שוחד, געגען וועלכען דער אָקטיאַבריזם איז אָנגעשטויסען.

אָבער דאָס אַליין בעדייטעט ניט, אַז די אָקטיאַבריסטען קאָנען אַרויסטרעטען געגען דער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג, געגען איהר אַלגעמיינער ריכטונג. אין אַלגעמיין זענען זיי אין איהר בלוטיג פֿעראינטערעסירט צוליעב אַ גאַנצער ריהע טעמים.

די האָזיגע פּאָליטיק בעדייטעט פֿאַר דעם רוסישען קאַפּיטאַליסם — מאָנאָפּאָליעס אויף קאַזיאָנע בעשטעלונגען, מוראדיגע פּריווילעגיעס אין דער קאָנקורענץ מיט דער פֿרעמדער בורזשואַזיע פֿון די „אָקראַאינעס" (גרעניץ-געגענדען), — מיט דער פּוילישער, אַרמענישער, אידישער; זי בעדייטעט פֿאַר איהם אַ בעגרענצונג פֿון דער פּאָליטישער ווירקונג פֿון זיינע קאָנקורענטען. די אונבעגרענצטע און אויסשליסליכע הערשאַפֿט פֿון דער רוסישער שפּראַך אין דער גאַנצער מדינה, די „איינהייטליכקייט" פֿון דער מדינה-קולטור און די אונטערדריקונג פֿון אַלע איבעריגע קולטורען בעוואָרענט פֿאַר איהם אַן אונבעגרענצטען אינערליכען מאַרק, אַן אונבעגרענצטען צוטריט צום פֿערברויכער פֿון אַלע נאַציאָנען. דאָס פּאַטריאָטישע בעטויבען פֿונ'ם רוסישען פֿאָלק גאַראַנטירט איהם די מעגליכקייט אַמאָל, אין אַ גינסטיגען מאָמענט, אַריינצו-וואַרפֿען רוסלאַנד אין קאַמפּף פֿאַר אויסלענדישע מערק, פֿיהרען אַן אונבעגרענצטע אימפּעריאַליסטישע פּאָליטיק; דער סלאַוויאַנאָפֿילישער טומעל גיט איהם האָפֿנונגען אויף מאָנאָפּאָליעס אויף די מערק פֿון די לייבליכע ברידער-סלאַוויאַנען. און וואָס אָנבעלאַנגט די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע ציעלען פֿון דער נאַציאָנאַלער העצע — איז זיין שׂנאה צום פּראָלעטאַריאַט און זיין פּחד פֿאַר דער רעוואָלוציע גענוג גרויס, ער זאָל די האָזיגע ציעלען מיטפֿיהלען מיט'ן גאַנצען האַרצען.

אמת, דאָס לעצטע „לינק-ווערען" פֿון דער גרויסבורזשואַזיע און פֿון די אָקטיאַבריסטען בעווייזט אַנאיבעריגעס מאָל, אַז די קאַזיאָנע בעשטעלונגען און סובסידיעס, די אונבעגרענצטע עקספּלואַטאַציע פֿונ'ם פּראָלעטאַריאַט אונטער'ן שוץ פֿון דער אַדמיניסטראַציע, די רויבערישע יד-אחת'ן געגען פֿערברויכער — וועלען פֿאָרט ניט בכח אַרויסצושלעפּען די רוסישע אינדוסטריע פֿונ'ם כראָנישען קריזיס, אַז מיט אַלע איהרע קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע מיטלען איז די ביוראָקראַטיע ניט בכח צוצופּאַסען זיך צו די פֿאָדערונגען פֿון דער בורזשואַזער ענטוויקלונג. צי וועט דאָס האָזיגע „לינק-ווערען" ברענגען צו ערנסטע רעזולטאַטען, וועט אונז ווייזען די צוקונפֿט; אָבער אַז עס וועט זער וועניג ווירקען אויף די בעציהונג פֿון די אָקטיאַבריסטען צו די נאַציאָנאַלע פֿראַגען — דאָס איז קלאָר. פֿערקעהרט, יעדע „לינקע" אַרויסטרעטונג, יעדע „רעוואָלוציאָנערע" אָבשטימונג

װעלען זײ טוען כשר מאַכען מיט פֿערשטאַרקטע בעװײזען פֿון זײער עכט־רוסישען פּאַטריאָטיזם.

אַ שרײַענדער אױסדרוק פֿון זײער פּאָזיציע אין דעם געביט איז זײער טאַקטיק בנוגע צו דער אידענפֿראַגע. דאָרט, װאו זײ קענען ניט אױסטרעטען געגען, װעלען זײ די פֿראַגע אַראָבצונעהמען פֿון טאַגעסאָרדנונג (די אַנטיסעמיטישע פֿאָרלאַגע פֿון די רעכטע װעגען אידישע ריכטער; די פֿראַגע װעגען אידישע אַדװאָקאַטען). אין װען מ'דאַרף אַנ'איבעריגס מאָל דעמאָנסטרירען די אײגענע עכט־רוסישע געפֿיהלען, פֿיהרט מען דורך אַנטיסעמיטישע פֿאָרשלאָגען אין קאָמיסיעס און מ'טרעט אַרױס מיט אַנטיסעמיטישע רעדעס.

מיט אײן װאָרט, אין דעם אַלגעמײנעם „אױפֿשװאונג פֿון נאַציאָנאַלען געפֿיהל“, װעלכען מ'קאָנסטאַטירט די אָפֿיציעלע „ראָסיאַ“, װעלען די אָקטיאַבריסטען חלילה בײַ דער זײַט ניט בלײַבען.

III.

אַ קאָנסטיטוציאָנעלע רעגירונג הערט זיך צו צו דער געזעלשאַפֿט. מיט דעם „מוראדיגען אױפֿשװאונג פֿון נאַציאָנאַלען געפֿיהל“ מוז זיך די רעגירונג רעכענען.

און מ'רעכענט זיך. „דאָס פּראָגראַם“ װערט דורכגעפֿיהרט מיט אַזאַ אױסגעהאַלטענקײט, מיט אַזאַ קאָנזעקװענטהײט, װעלכער פּלעהװע װאָלט געמעגט מקנא זײן. דער אָרגאַניזירטער פֿעלדצוג געגען פֿינלאַנד; דאָס פּראָיעקט װעגען אױסטײלען כעלמער געגענד; דאָס פּראָיעקט װעגען זעמסקער פֿערװאַלטונג אין די מערב־גובערניעס, דער לעצטער צירקולאַר געגען פֿרעמד־שפּראַכיגע געזעלשאַפֿטען; אידישע פֿערפֿאָלגונגען אָהן אַ סוף: סענאַטס־ערקלערונגען, צירקולאַרען־אױסטרײַבונגען פֿון הונדערטער פֿאַמיליעס; פֿערברײַטערטע אָנװענדונג פֿון דער פּראָצענט־נאָרמע, נײַע בעגרענצונגען אױף װױנרעכט, טױזענדער ערנידריגונגען און בעלײדיגונגען — אַלץ װערט געטאָן, כדי דאָס „ערהאַבענע נאַציאָנאַלע געפֿיהל“ פֿון די קרושעװאַנס און באַלאַשאָװס צו בעפֿרידיגען. אין רעגירונגס־פֿעראָרדנונגען, אין סענאַטס־ערקלערונגען, אין דער אָפֿיציעלער, האַלב־אָפֿיציעלער און אָקטיאַבריסטישער פּרעסע, אין די מיניסטעריעלע אױסטרעטונגען און אין די אױסטרעטונגען פֿון דער דומע־מעהרהײט — הילכט דאָס זעלבע װילדע בריומען פֿון נאַציאָנאַלען מענשענהאַס.

און מיט אַזאַ פּראָגראַם דאַרף דאָס דער רעזשים פֿון 3־טען יוני צונעהן צו די רעפֿאָרמען, װעלכע די בעדערפֿעניש פֿון דער בורזשואַזער ענטװיקלונג פֿאָדערן דרינגענד און געביטעריש.

די אײזערנע נױטװענדיגקײט, די ברענענדיגסטע בעדערפֿעניש פֿון מלוכה־מעכאַניזם צװינגען די ביוראָקראַטיע, צװינגען די דומע צו שטעלען אױף דער טאַגעסאָרדנונג אַזעלכע פֿראַגען, װי די אָרטיגע זעלבסטפֿערװאַלטונג, װי דאָס אָרטיגע געריכט, װי די פֿאָלקסבילדונג. אָבער יעדער טריט פֿאָרװערטס, יעדער ריהר אין דעם געביט װאַרפֿט אַרײַן דעם איצטיגען רעזשים אין אַ טיפֿען

װידערשפּרוך מיט זיך אַלײן, מיט זײַנע קאָנטר־רעװאָלוציאָנערע אינטערעסען, װאָס טרײַבען איהם צו קעמפֿען געגען דער פֿאָלקס־אױפֿקלערונג, צו שטיקען יעדע געזעלשאַפֿטליכע זעלבסטטעטיגקײט, צו טרעטען מיט די פֿיס די יוסטיציע און צו בעשאַפֿען קאַריקאַטורען אױף זעלבסטפֿערװאַלטונג.

די אָרטיגע זעלבסטפֿערװאַלטונג איז אין אַ מוראדיג גרױסען טײל פֿון רוסלאַנד פֿערבונדען מיט דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע: אין אוקראַינע, ליטא, װײַס־רוסלאַנד, פּױלען, באַלטישער געגענד, אין אַ רײהע אױעזדען פֿון די װאָלגער גובערניעס, אין קרים, אין בעסאַראַביען, אין דעם גרעסטען טײל סיביר, אין טורקעסטאַן. דאָס סיסטעם פֿון די װאַהלען מעג זײַן ניט עכט־דעמאָקראַטיש, ס'מעגען זײַן צענז־װאַהלען, אומדירעקטע װאַהלען — אָבער קױם װערען צוגעלאָזען צו דער אָרטיגער זעלבסטפֿערװאַלטונג כאָטש װיפֿיעל ניט איז ברײַטערע שיכטען פֿון דער בעפֿעלקערונג און מ'װערען ניט אָנגענומען קײן ספּעציעלע מיטלען געגען די אָרטיגע פֿרעמדע נאַציאָנען — מוז זי אין די אַלע געגענדען אַרײַנפֿאַלען אין די הענד צו ניט־רוסען. דער צענז װעט נאָר בעשטימען, װי ברײַט װעלען זײַן די פֿרעמדע נאַציאָנאַלע שיכטען, אין װעמענס הענד ס'װעט ליגען די מאַכט.

די קאָמפּעטענץ פֿון דער אָרטיגער זעלבסטפֿערװאַלטונג מעג זײַן װי בעגרענצט בלױז מיט װירטשאַפֿטליכע ענינים, װי געשמידט אין קײטען פֿון אַדמיניסטראַטיװער װילקיר; ס'מעגען אין פֿולער קראַפֿט בלײַבען דער קולטורעלער דרוק, דער רוסישער שפּראַכענצװאַנג און אַז. װ., דאָך װעלען די אָרגאַנען פֿון דער אָרטיגער זעלבסטפֿערװאַלטונג אױף די „אָקראַינעס“ פֿאַקטיש װערען סוראָגאַטען פֿון נאַציאָנאַלער פֿערטרעטונג. פֿערשטעהט זיך, נאָר פֿאַר די נאַציאָנאַלע מעהרהײטען; די מינדערהײטען װעלען נאָר בײַטען אײן יאָך אױף אַ צװײטען; די נאַציאָנאַלע רעכט פֿון די מינדערהײטען קאָן נור די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אַװטאָנאָמיע בעפֿרידיגען. אָבער פֿאַר די מעהרהײטען, פֿאַר זײערע װאָהל־בעמיטעלטע קלאַסען אַלענפֿאַלס, װעלען די דאָזיגע אָרגאַנען פֿערװאַנדעלט װערען אין נאַציאָנאַלע פֿעסטונגען, װעלען זײ בלי־ספק בעטראַכט װערען אַלס יסוד, אױף װעלכען ס'קאָן געבױט װערען דער אָנפֿאַנג פֿון טעריטאָריאַלער אַװטאָנאָמיע.

און מ'שטעהט פֿאַר אַנאױפֿלײזבאַרען פּראָבלעם: װי אַזױ בעשאַפֿען אױף די אָקראַינעס אָרטיגע זעלבסטפֿערװאַלטונגען, װעלכע זאָלען ניט פֿערשטאַרקען די פּאָזיציעס פֿון די אָרטיגע נאַציאָנען, װעלכע זאָלען ניט ברעכען דעם פּרינציפּ „רוסלאַנד פֿאַר די רוסען“. און מ'האַקען אױס פּאַסענדע פּראָיעקטען.

מ'בעשאַפֿט אַ פּראָיעקט װעגען זעמסטװאָ אין מערב־געגענד, און מען מעלדעט אָפֿען, אַז דער ערשטער ציעל איז בעפֿעסטיגען דורכדעם דאָס רוסישע עלעמענט. מ'פֿיהרט אײַן נאַציאָנאַלע בעגרענצונגען אין די צוזאַמענשטעלונג פֿון די זעמסקע אופּראַװעס, מ'בעשאַפֿט נאַציאָנאַלע קוריעס מיט בעגרענצונגען פֿאַר ניט־רוסען. אידען װאַרפֿט מען אינגאַנצען אַרױס פֿון פּראָיעקט. זײ דאַרפֿען זיך בעגנוגען מיט צאָהלען זעמסקע שטײַערן. מ'װענדט אָן אַ ספּעציעלע װאַהל־געאָגראַפֿיע, כדי צו צושנײַדען אַזעלכע װאַהלקרײַזען, אַז די רוסען, װאָס זענען

אין דער געגענד א מינדערהײט, װאָלטן בעקומען אין די זעמסטװעס די מעהרהײט. צו דער רוסישער בעפעלקערונג רעכענט מען צו אַלע סאָלדאַטן, צום רוסישן ערד-בעזיץ — אַלע קאַזאָנע פערמעגענס (די צאָהל פערטרעטער פון יעדער קוריע װערט אױסגערעכענט לױט דעם ערד-בעזיץ און דער בעפעלקערונג פון דער קוריע). און אַז די אַלע קונצען העלפען ניט, אַז סטאָליפּין מוז פערצװײפעלט שטעלען די פראַגע: „װאו נעהמט מען זײ, די רוסען?" — װאַרפט מען אײנציגװײז אַרױס פון פּראָיעקט אײן גובערניע נאָך דער אַנדערער און מ'לאָזט איבער נור עטליכע גובערניעס, װאו ס'האָט זיך דאָך אײנגעגעבען צוזאַמענצושלאָגען א רוסישע מעהרהײט. די איבעריגע גובערניעס מעגען װאַרטען.

די זעלבע בעמיהונגען װערען אָנגעװענדעט בנוגע צו כעלמער געגענד; בנוגע צו דער זעלבסטפערװאַלטונג אין קאַרס און אַז. װ.

בנוגע צו פּױלען איז שױן אַבסאָלוט אונמעגליך אָנצוװענדען די װאַהל-געאָגראַפיע. קײנע װאַהל-חכמות װעגען ניט אין שטאַנד צו בעשאַפען א רוסישע מעהרהײט אין די פּױלישע מאַגיסטראַטען. לאָזען די שטאָדטישע װירטשאַפט פון דער האָזיגער געגענד, מיט איהר ענטװיקעלטער אינדוסטריע און האַנדעל, מיט איהרע מעגליך-װאַקסענדע װירטשאַפטליכע בעדערפֿעניששען — לאָזען דאָרט די שטאָדטישע װירטשאַפט אין די אַדמיניסטראַטיװע הענד אױף װײטער איז אינגאַנצען אונמעגליך. דערצו קומט נאָך א מאָמענט. די פּױלישע אונצופֿרידענהײט שאַדט שטאַרק אין דער אױסערליכער פּאָליטיק, מישט די קאַרטען אין דעם בלאַזיאַטאַפּעלען-שפּיעל אױף די באַלקאַנען און אין עסטרײך. כאָטש א שײן פון פּױלישע הגחות מוז געגעבען װערען.

און שטיקענדיג אונבּרחמנותדיג די פּױלישע קולטור, די פּױלישע שפּראַך אױסערהאַלב פּױלען, װעט מען זיך געצװאונגען בנוגע צו פּױלען גופא צו געבען אײניגע הגחות.

אָבער הגחות גיט מען, פערשטעהט זיך, ניט די פֿאָלקס-מאַסען, ניט יענע, װאָס האָבען מיט טײַכען בלוט, מיט צעהנדליגער טױזענדער לעבענס, מיט אונענדליכע קרבנות געבראַכט דערצו, די פראַגע װעגען פּױלישע הגחות זאָל מעגליך װערען. דאָס פּראָלעטאַריאַט, די אָרימע פֿאָלקס-מאַסען װעלען קײן װאַהל-רעכט אין דער שטאָדטישער פערװאַלטונג ניט קריגען.

אױף פּשרות גײט מען מיט דער בורזשואַזיע, מיט'ן קלײנבירגערטום. הגחות גיט מען זײ, כדי צו בעקומען העלפער אינ'ם קאָנטר-רעװאָלוציאָנערען קאַמפף בכלל און אינ'ם קאַמפף געגען זײער אײגענעם פּראָלעטאַריאַט בפרט.

און קױפען קױפט מען דאָס פּױלישע בירגערטום דורך די זעלבע מיטלען, מיט װעלכע מען זוכט א װעג צום האַרצען פונ'ם רוסישען: מיט נאַציאָנאַלער העצע געגען די שװאַכערע.

פֿאַר די ערנידעריגונגען און בעגרענצונגען אױסער פּױלען צאָהלט מען דעם פּױלישען בירגערטום דורך דעם, װאָס אין פּױלען גיט מען איהם אָב פֿאַר א קרבן דאָס יודענטום.

די אידען בילדען אין די שטעדט פון פּױלען 40,8 פּראָצענט, אין די פּאָסאַדען (קלײנע שטעדטלעך) 48,7 פּראָצענט. דאָס איז דורכשניטליך, אין א

גרױסער מעהרהײט שטעדטלעך בילדען די אידען א מעהרהײט; אפילו אין אײניגע גובערנסקע שטעדט איז דער פּראָצענט אידען העכער פון 50 (סיעדלעץ, סואַלק). אידישע אָבצאָהלונגען בילדען אַן אומגעהױער גרױסען טײל פון די שטאָדט-הכנסות. װי בעװאוסט, קען, לױט דעם פּראָיעקט, דער פּראָצענט אידישע שטאָדטראַטען (גלאַסנעס) זײן ניט גרעסער פאַר 10% דאָרט, װאו די אידען זענען װעניגער פאַר 50%, און ניט גרעסער פאַר 20 פּראָצענט דאָרט, װאו ס'זענען דאָ אידען מעהר פאַר 50%. אױף אַזאַ אופן װערט בעװאָרענט א פּױלישע צוזאַמענשטעלונג פון די מאַגיסטראַטען אין גאַנץ פּױלען, אפילו דאָרט, װאו די פּאָליאַקען בילדען אין שטאָדט א נישטװירדיגע מינדערהײט. אױף אַזאַ אופן װערט דער אידישער שטאָדטישער שטײער-צאָהלער אָבגעגעבען אין די הענד פון דעם פּױלישען בירגערטום.

אָבער דאָס איז נאָך װעניג. דאָס געזעצפּראָיעקט שטעלט פאַר אײניגע, זעהר בעשײדענע רעכט פאַר דער פּױלישער שפּראַך. װעגען דער אידישער שפּראַך דערמאָנט זיך קײן װאָרט ניט. דער אידישער אַרבײטער, דער אידישער מאַסענמענש װעט װי פריהער ניט קאָנען אױסרעדען זיך אין מאַגיסטראַט און אין די שטאָדטישע אײנריכטונגען, װי פריהער װעט ער טראָגען אױף זיך דעם פרעמדען שפּראַכענצװאַנג. אין דעם מאָמענט, װען די נאַציאָנאַלע רעכט פון דער מעהרהײט װערען כאָטש װיפיעל ניט איז פערברײטערט, װערען די נאַציאָנאַלע רעכט פון די אידען געטראָטען מיט די פיס. ס'װערט אױפ'ם נײ בעשטעטיגט, אַז זײ און זײער שפּראַך זענען רעכטלאָז און פרעמד אינ'ם לאַנד.

אַלע פערערגערונגען, װעלכע די „בעראַטונג װעגען אָרטיגע ענינים" האָט אַרײנגעטראָגען אין פּראָיעקט, אַלע פּריװילעגיעס פאַר דער רוסישער בעפעלקערונג פון פּױלען זענען דאָך ניט בכח אינגאַנצען אָבצונעהמען בײ דעם פּראָיעקט זײן בעדײטונג פאַר די פּאָליאַקען; און ס'איז גענוג צו דערמאָנען די קאָמפּעטענץ פון די מאַגיסטראַטען, ס'איז גענוג צו דערמאָנען, אַז אין זײערע הענד געהט אַריבער די זאָרג װעגען קולטור-אײנריכטונגען, אַז אין די הענד פון די מאַגיסטראַטען געפינען זיך צעהנדליגער אײנריכטונגען און אונטערנעהמונגען מיט מאַסען אָנגעשטעלטע און אַרבײטער, — כדי צו פערשטעהן די בעדײטונג פון די אידישע בעגרענצונגען, כדי אָבצושאַצען, װאָס פאַר א מתנה דאָס פּױלישע בירגערטום בעקומט אױפ'ן חשבון פונ'ם אידישען בירגערטום און פונ'ם פּראָלעטאַריאַט פון בײדע נאַציאָנען.

און װער עס װײס, װאָס פאַר א קאַמפּאַניע געגען אידען עס פיהרט זיך דאָס לעצטע יאָהר אין דער גאַנצער פּױלישער פּרעסע*), װאָס פאַר א שטורם עס האָבען אפילו די ראַדיקאַלע בירגערליכע קרײזען אױפגעהױבען, װען גראָסער איז אַרױס מיט זײן אַרטיקעל אין „װיעדזאַ", װאו ער האָט געפאָדערט גלײכבערעכטיגונג פאַר דער אידישער שפּראַך — װער עס װײס דאָס אַלץ, דער װעט פערשטעהן, װאָס פאַר א גוטען באָדען ס'װעט געפינען די האָפענונג פון דער

---

*) צו דער קאַמפּאַניע און איהרע אורזאַכען װעלען זיך די „צײט-פראַגען" נאָך אומקעהרען.

ביוראָקראַטיע אויף אַזאַ אופֿן צו ערוואָרבען די שטיצע פֿון אַ טייל פּױלישען בירגערטום.

קיין נײַס איז אין דער פּאָליטיק ניטאָ. דאָס איז די אַלטע פּאָליטיק פֿון אָנרײַצען נאַציאָנען איינע אויף די אַנדערע, פֿון „טיילען און הערשען". די רוסישע ביוראָקראַטיע פֿלעגט שטענדיג אָנרײַצען — די טאַטערן אויף די אַרמענער, די לעטען אויף די דײַטשען, די ווײַס־רוסען און אוקראַינער אויף די פּאָליאַקען. די זעלבע פּאָליטיק האָט פֿערפֿאָלגט עסטרײַך, אָבגעבענדיג די אוקראַינער אין קנעכטשאַפֿט צו דער פּױלישער שליאַכטע און קױפֿענדיג זיך אויף אַזאַ אופֿן די שטיצע פֿון פּױלישען קאָלאָ. אַזוי האָט זי אויך אָבגעגעבען אינטערן יאָך פֿון די מאַדיאַרען אַלע פֿעלקער פֿון אונגאַרן.

און דווקא דער טייל פֿון עסטרײַך בעווײַזט, צו וואָס אַזאַ פּאָליטיק פֿירט; ער בעווײַזט, צי איז די פּאָליטיק פֿון נאַציאָנאַלער העצע בכח צו פֿערהאַלטען די מעכטיגע שטרעבונג צו פֿרײַהייט; ער בעווײַזט אויך די קראַפֿט, אָן וועלכער עס צוברעכט זיך די האָזיגע פּאָליטיק — די קראַפֿט פֿון פֿעראייניגטען אינטער־נאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט, וועמען זײַנע קלאַסען־אינטערעסען שטופּען צום קאַמפּף געגען יעדע נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג.

נאָר וועגען דעם אין אַ צווייטען אַרטיקעל.

IV.

אַנאַל״ף־בי״ת איז דאָס: די פֿאָלקסשול איז אַ יסוד פֿון עקאָנאָמישען וואוילשטאַנד פֿון לאַנד. וויפֿיעל הייכע פֿראַזען וועגען פֿאָלקסבילדונג שיטען זיך פֿונעם מויל בײַ אַלע רוסישע פֿאָלקסבעגליקער — בײַ די מיניסטאָרען, בײַ דער דומע־מעהרהייט!

די III דומע וויל זײַן אַ דומע פֿון פֿאָלקס־אויפֿקלערונג, און אַ סך האָרעפּעט מען אין איהרע קאָמיסיעס, כּדי דאָס פֿאָלק מיט דעם ליכט פֿון בילדונג מזכּה צו זײַן.

וואָס דאַרפֿען זײַן פֿאָלקסשולען אינים גײַסט פֿון קאַזיאָנעם פּאַטריאָטיזם און קאַזיאָנער אמונה, אָבער פֿאָלקסשולען רעכענט מען צו בויען.

און ווײַטער שטעהט אויף די נאַציאָנאַלע פֿראַגע. ניט רעוואָלוציאָנערען, ניט סעפּאַראַטיסטען, נאָר כּשר׳ע פֿערטרעטער פֿון רוסישען מלוכה־פּרינציפּ האָבען שוין מודה געווען, אַז אַ פֿאָלקסשול, וואָס בעגעגענט דאָס קינד ניט אין דער מוטער־שפּראַך, לאָזט אַרויס אַנאַלפֿאַבעטען, וואָס קענען ניט קיין רוסיש און ניט זייער מוטער־שפּראַך. ניט רעכענען זיך אין דער שולפֿראַגע מיט דער פֿיעלשפּראַכיגקייט פֿון דער בעפֿעלקערונג האָט אפֿילו די III דומע ניט געקאָנט; איהר שולקאָמיסיע האָט בעשאַפֿען אַ בעזונדער בעראַטונג וועגען פֿרעמדשפּראַכיגע שולען.

די רעזולטאַטען, צו וועלכע די בעראַטונג איז געקומען, זענען געווען פֿערעפֿענטליכט אין דער טעגליכער פּרעסע. איך וועל דערמיט קיין אָרט ניט פֿערנעהמען. דער לעזער מוז געדענקען, אַז פֿון די פֿיעל צעהנדליגער רוסישע נאַציאָנען האָט מען לכתּחילה אָנערקענט דאָס רעכט אויף אַן אייגענער שול נאָר פֿאַר דער פּױלישער, ליטווישער, דײַטשער, עסטאָנישער, לעטישער, גרוזינישער, אַרמענישער און טאַטערישער; ער מוז אויך געדענקען די מניעות און בעגרענצונגען, מיט וועלכע ס׳איז אַרומגעצאַמט געוואָרען די מעגליכקייט צו בעשאַפֿען אַ פֿרעמדשפּראַכיגע שול; ער וועט אויך ניט פֿערגעסען, אַז די פֿרעמדשפּראַכיגע שול ווערט ניט קיין אייגענטום פֿון איהר נאַציאָן; זי בלײַבט אין רשות פֿון דעם רוסישען בעאַמטען, דעם שולדירעקטאָר. רוסישע בעאַמטע בלײַבען ווי פֿריהער די אַפּוטראָפּסים פֿון אַלע נאַציאָנאַלע קולטורען אין רוסלאַנד.

און די הויפּטזאַך. ניט קיין גרונדלאַגע פֿון אַ זעלבשטענדיגער פּױלישער, לעטישער פֿאָלקסבילדונג איז די פּױלישע, לעטישע אָנפֿאַנגס־שול. חלילה! דאָס איז נאָר אַן איבערגאַנג צו דער רוסישער שול. שוין פֿון צווייטען קלאַס אָן (פֿינפֿטער לעהריאָהר) מוז דער גאַנצער אונטערריכט געפֿיהרט ווערען אויף רוסיש.

אָבער אפֿילו אַזאַ פּראָיעקט האָט ניט בעפֿרידיגט די שולקאָמיסיע. דער ליניקער אָקטיאַבריסט קאַפּוסטין האָט געמאַכט גוואַלדען, אַז דאָס איז סעפּאַראַטיזם, אַז דאָס ברעכט די איינהייט פֿון דער רוסישער קולטור. מ׳האָט דאָס פּראָיעקט פֿערערגערט מיט וואָס מ׳האָט נאָר געקאָנט, און מען האָט פֿון דער אָנגענומענער רשימה אַרויסגעוואָרפֿען די גרוזינען, אַרמענער און טאַטערן. די פֿאָרלאַגע וועגען אידישע שולען האָט מען צוויי מאָל פֿערוואָרפֿען. אויב ס׳זענען מעגליך הנחות אַנדערע „אינאָראָדצעס", איז בנוגע צו אידען די פֿראַגע קלאָר: נאָך אַ אידישע שול בעשאַפֿען — אַזוי ווײַט וועט די פּאַטריאָטישע דומע ניט געהן.

דעם שיקזאַל פֿון די אידען טיילען אויך די אוקראַינער, די גרעסטע נאַציאָן אין רוסלאַנד נאָך די גרויסרוסען. די אוקראַינער וויל מען פֿאַר קיין בעזונדער נאַציאָן ניט אָנערקענען. זאָגען, אַז די אוקראַינער און ווײַסרוסען זענען ניט קיין רוסען, הייסט דאָך מודה זײַן, אַז די הערשענדע נאַציאָן בילדעט אין רוסלאַנד אַ מינדערהייט. און דעריבער קעמפֿט מען מיט אַלע כּחות געגען זייערע קולטורען, מען דערשטיקט זייער שפּראַך ווי ווײַט מען קען. פּונקט אַזוי האָבען געהאַנדעלט די פּאָליאַקען אין גאַליציען, אויפֿווײַזענדיג, אַז אוקראַינער זענען ניט קיין נאַציאָן — זיי זענען פּאָליאַקען.

„די אוקראַינער זענען רוסען", שרײַבט באָברינסקי, — און נאָר ווען מען דאַרף פֿערמאַכען זייערע אָרגאַניזאַציעס, ווערען זיי מיט אַמאָל פֿערעכענט צו די „אינאָראָדצעס"...

די קאָמיסיע האָט דאָס פּראָיעקט פֿערערגערט; די פֿרעמדשפּראַכיגע שול דאַרף, לויט דעם פּראָיעקט, נאָר זײַן אַ מיטעל פֿון ראַציאָנעלערער רוסיפֿיקאַציע. און דאָך איז אַ גרויסע פֿראַגע, צי וועט די דומע אָננעהמען אפֿילו אַזאַ פּראָיעקט; און וועגען דעם שיקזאַל פֿונים פּראָיעקט אין די ווײַטערדיגע מדרגות פֿון געזעצגעבונג מעג מען גענוג צווייפֿלען. דער בילדונגס־מיניסטער שוואַרץ האָט צו־פֿיעל בעווײַזען געגעבען פֿון זײַן עכט־רוסישען פּאַטריאָטיזם, אַז דאָס פּראָיעקט זאָל קאָנען ערוואַרטען פֿון איהם אַ פֿרײַנדליכע אויפֿנאַהמע.

אַזוי אָרגאַניזירען די פֿאָלקסבילדונג די טרעגער פֿון פּרינציפּ „רוסלאַנד פֿאַר די רוסען".

ניט געבען קײן פֿאָלקסשול די אידען: זײ זענען פֿרעמדע. ניט געבען קײן פֿאָלקסשול די אוקראַינער: זײ זענען אײגענע....

V.

די זעלבע געשיכטע מיט דער פֿראַגע װעגען אָרטיגען געריכט.

אַ גוט אָרגאַניזירטער אָרטיגער געריכט איז אײנע פֿון די ערשטע בעדינגונגען פֿון אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט. די געלד־װירטשאַפֿט, דאָס קרעדיט־װעזען דריקט דורך אין די פֿערװאָרפֿענסטע װינקעלעך, קערט איבער די יורידישע פֿערהעלטעניסען, רופֿט אַרױס צום לעבען אַ גאַנצען סיסטעם פֿון נײַע מענשליכע בעציהונגען, עקאָנאָמישע, יורידישע, פֿינאַנציעלע. ס׳װערט פֿערגרעסערט אױך די צאָהל פֿערברעכענס געגען פּערזאָן און אײגענטום, עס װאַקסט אױס, מיט אײן װאָרט, אַ מוראדיגע בעדערפֿעניש אין אַ געריכט, װאָס זאָל גיך און אונמיטעלבאַר בעטראַכטען די ענינים, פֿונאַנדערקלײַבען זיך אין די װיכּוחים און אַזױ װײַטער.

רוסלאַנד האָט אײגענטליך כּמעט ניט קײן אָרטיגען געריכט. דעם „װאָלאָסטנאָי סוד" האָט מען שױן לאַנג אין אַ קאַריקאַטור פֿערװאַנדעלט. אַ געריכטס־רעפֿאָרם איז דרינגענד נױטיג. װאָס פֿאַר אַ ממשות דאָס נײַע געריכט װעט האָבען בײַם רעזשים פֿון אונבעגרענצטען װילקיר, איז אַן אַנדער פֿראַגע. אַלענפֿאַלס װערט די רעפֿאָרם בעטראַכט — און װײַטער טרעט אַרױס די נאַציאָנאַלע פֿראַגע.

דער ריכטער קען ניט זײַן צוטרױליך, װען די בעפֿעלקערונג פֿערשטעהט איהם ניט און ער פֿערשטעהט ניט די בעפֿעלקערונג. דער אַנקלאָגער, דער אַנגעקלאָגטער, די עדות מוזען האָבען די מעגליכקײט צו הערען, װי אַזױ ס׳געהט צו דער פּראָצעס, צו געבען ערקלערונגען דירעקט דעם ריכטער און דירעקט פֿון איהם אױסהערען די פֿראַגען און דעם בעשלוס. מיט אַנדערע װערטער הײסט דאָס: דאָס געריכט דאַרף פֿאָרקומען אונמיטעלבאַר. דאָס איז אײגענטליך אַ לאַנג אָנגענומענער אַלף־בית. די גאַנצע שװעריגקײט ליגט אין דעם, װי אַזױ דורכצופֿיהרען דאָס אין לעבען, װי אַזױ מאַכען, יעדער ריכטער זאָל ניט מחויב זײַן צו קענען צעהן שפּראַכען און דאָס געריכט זאָל פֿאָרט פֿאָרקומען אונמיטעלבאַר.

איבער דער פֿראַגע מאַטערן זיך די פּאָליטיקער פֿון׳ם קלאַסישען לאַנד פֿון נאַציאָנאַליטעטען־קאַמפּף, אין עסטרײַך. מ׳פֿערענטפֿערט זי אױף פֿערשידענע אופֿנים. אין דער עסטרײַכער סאָציאַלדעמאָקראַטיע גופֿא עקזיסטירען פֿערשידענע מײנונגען װעגען דעם. אײנע זאָגען, אַז אין אַלע געזעלשאַפֿטליכע און רעגירונגס־אײנריכטונגען מוזען די ריכטער און בעאַמטע, װאָס האָבען צו טון מיט׳ן פּובּליקום, קענען אַלע אָרטיגע שפּראַכען (דערבײַ דיסקוטירט מען װעגען דעם, װי אַזױ זאָל מען בעשטימען, װעלכע מינדערהײט האָט רעכט צו פֿאָדערן, איהר שפּראַך זאָל אָנערקענט װערען פֿאַר אַן אָרטיגער). די אַנדערע פֿערטיעפֿען די פֿראַגע. זײ זאָגען, אַז ס׳איז ניט נאָר קײן פֿראַגע װעגען שפּראַך. דער ריכטער דאַרף ניט נאָר קענען זיך אױסרעדען מיט די, װעמען ער משפּט; ער דאַרף געהערען צו דער זעלבער נאַציאָן. יעדע נאַציאָנאַלע גרופּע דאַרף בעקומען

איהר חלק װירקונג אױף בעזעצען אַלע שטעלען אין דער געגענד. די צאָהל בעאַמטע, ריכטער און אַז. װ. דאַרף געטײלט װערען פּראָפּאָרציאָנעל צװישען די נאַציאָנאַלע גרופּען פֿון דער געגענד.

ס׳ענטשטעהט דערבײַ נאָך אַ רײהע אַנדערע פֿראַגען: װעגען דעם, װי אַזױ מאַכען, װען די צדדים געהערען צו פֿערשידענע נאַציאָנען, װעגען דעם, אין װאָס פֿאַר אַ שפּראַך דאַרפֿען געפֿיהרט װערען דאָקומענטען, פּראָטאָקאָלען, אונטערהאַנדלונגען צװישען פֿערשידענע אײנריכטונגען און אַז. װ.

אָבער אײן זאַך איז קלאָר. עס קאָן קײן רעדע ניט זײַן װעגען אונמיטעלבאַרקײט פֿון געריכט, װען דער פּראָצעס קומט ניט פֿאָר אין דער שפּראַך פֿון די פֿעראינטערעסירטע. געהערען זײ צו אַ מעהרהײט אָדער צו אַ װיפֿיעל ניט איז בעדײַטענדער מינדערהײט, זײער שפּראַך דאַרף בעשטימען די שפּראַך פֿון פּראָצעס. נעהמט מען אָן דעם פּרינציפּ, דאַן זענען אַלע פֿראַגען, אַפֿילו די שװערע, װאָס זענען מיט׳ן פּראָבלעם פֿערבונדען, נאָר טעכנישע פֿראַגען.

פֿאַר די געזעצגעבער פֿון 3־טען יוני עקזיסטירט דאָס פּראָבלעם אינגאַנצען ניט. זײ מעלדען קורץ און שאַרף, אַז די געריכטס־שפּראַך איז רוסיש. „זײ קענען ניט קײן רוסיש" שרײַט אַ רעכטער רעדנער, „זאָלען זײ זיך אױסלערנען!"

און דער יוסטיץ־מיניסטער ששעגלאָװיטאָװ מעלדעט פֿײַערליך, אַז בײַ דער בעטראַכטונג פֿון דער פֿראַגע װעגען שפּראַך אין געריכט, טאָר מען זיך ניט רעכענען מיט די „בעקװעמליכקײטען" פֿון אײנצעלנע פּערזאָנען (פֿון 65 מיליאָן רוסישע אונטערטאַנען), װײַל דערפֿון װעלען לײַדען די אינטערעסען פֿון דער יוסטיציע.

אַזױ האָט ער פּראָטעסטירט געגען דעם אָקטיאַבּריסט אַנטאָנאָװ׳ס פֿאָרלאַגע, אַז אין אַזעלכע געגענדען, װאו אַ בעדײַטענדער טײל בעפֿעלקערונג פֿערשטעהט ניט קײן רוסיש, מעגען די צדדים און זײערע פֿערטרעטער, אױב זײ קענען ניט קײן רוסיש, רעדען זײער מוטערשפּראַך; דער ריכטער, אױב ער פֿערשטעהט זײ ניט, רעדט זיך מיט זײ אױס דורך אַן איבערזעצער.

אַן איבערזעצער איז, פֿערשטעהט זיך, בעסער װי גאָרניט. אָבער אַן איבערזעצער קען זעהר װעניג גאַראַנטירען די אינטערעסען פֿון די צדדים און פֿון דער יוסטיציע. אױב אַפֿילו די פֿאַקטען װערען איבערגעגעבען ריכטיג, קען דער ריכטער ניט בענעהמען דעם טאָן, די שטימונג פֿון דעם, װאָס רעדט. ער קאָן ניט לױט זײַן אײגענעם אײנדרוק קאָנטראָלירען, צי קען ער טרױען דעם, װאָס רעדט. און װי פֿיעל שאַטירונגען, װיפֿיעל װיכטיגע פּרטים װעט אַ איבערזעצער אַרױסלאָזען אַפֿילו בײַ דעם בעסטען װילען צו זײַן פּינקטליך. װיפֿיעל געריכטליכע פֿעהלער מוזען אױף דעם דאָזיגען באָדען פֿאָרקומען!

אַן איבערזעצער דאַרף דערלאָזען װערען נאָר אין אױסנאַהמס־פֿאַלען, נאָר פֿאַר ניט־היגע, פֿאַר אַזעלכע נישט־װיכטיגע מינדערהײטען, מיט װעלכע ס׳איז אונמעגליך זיך צו רעכענען. אָבער די אָרטיגע בעפֿעלקערונג בכלל דאַרף בעקומען דאָס געריכט אין איהר מוטער־שפּראַך.

אָבער אַפֿילו די קלײנע פֿערבעסערונג, װאָס ס׳קען ברענגען אַן איבערזעצער, װעלען מיר ניט געניסען. װעגען דער אידישער שפּראַך האָט אַנטאָנאָװ אַלײן

געמעלדעט, אַז צו איהר האָט זײַן פֿאָרלאַגע קיין שייכות ניט: אידיש איז קיין שפּראַך ניט.

די אידישע אַרבײַטער, די אידישע קלײנבירגער זענען ניט קראַנק צו דינגען אַדוואָקאַטען, וואָס זאָלען זיך פֿאַר זיי אײַפֿרעדען; און פֿערמעגען זיי דאָס ניט — מעגען זיי בכלל אויסקומען אָהן געריכט. איז אַ איד אָנגעקלאָגט — מעג ער ניט וויסען, פֿאַרוואָס מען זעצט איהם אַרײַן אין טורמע, פֿאַר וואָס ער צאָהלט שטראָף; און קען ער דערווײַזען זײַן אונשולדיגקייט, — זאָל ער דאָס דערווײַזען אויף רוסיש....

מ'דאַרף נאָך געדענקען, אַז לויט אַנטאָנאָוו׳ס פֿאָרלאַגע בעשליסט דער מיניסטער, אין וועלכע געגענדען עס קען דערלאָזען ווערען דאָס געבויך פֿון אָרטיגע שפּראַכען אין געריכט. דאָס אַליין איז גענוג, כדי צו פֿערשטעהן, וואָס פֿאַר אַ קלײנע ממשות דער בעשלוס פֿון דומע וועט האָבען.

אָבער געבען דער בעפֿעלקערונג מעהר; פֿעסטשטעלען אַז די ריכטער זענען פֿערפּליכטעט צו קענען די אָרטיגע שפּראַכען, — דאָס זאָלט דאָך בעדײַטען בוגד זײַן אָן די הייליגע יסודות פֿון פּאַטריאָטיזם, אָבזאָגען זיך פֿון מאַכען דאָס געריכט אַ וועהרקצײַג פֿון רוסיפֿיקאַציע.

אין אַ העלפֿט רוסלאַנד וועט בעקומען אַזאַ אָרטיגען געריכט, וואו דער ריכטער, די צדדים און די עדות וועלען זיך ניט קענען אײַפֿרעדען. ניט קיין געריכט, נאָר אַ קאַריקאַטור.

אַ קאַריקאַטור אויף אָרטיגע פֿערוואַלטונג, אַ קאַריקאַטור אויף אָרטיגען געריכט, אַ קאַריקאַטור אויף פֿאָלקסבילדונג — נור דאָס קען אַרויס פֿון די הענד בײַ די איצטיגע בעגײַער פֿון רוסלאַנד.

* * *

וועגען דער שטעלונג פֿון דער קאַדעטישער אָפּאָזיציע און וועגען די אויפֿגאַבען פֿון דער ס.־ד׳ישער פֿראַקציע — אַ צווייטען מאָל.

וו. מעדעם.

די יודישע קהלה.

I. דער אינטערעס צו דער קהלה.

פֿון פֿערשיידענע קוואַלען פֿליסט דער אינטערעס צו דער אידישער קהלה, וועלכען מיר בעמערקען שוין אַ שטיקעל צײַט אין די אידישע דעמאָקראַטישע שיכטען. אָנגעהויבען האָט זיך דאָס אויפֿ'ן פּאָליטישען געביט. מען האָט געזוכט אַ נײַעם וואָרט, אויף וועלכען ס'זאָל זיך אָברופֿען די ענטשוויגען־געוואָרענע מאַסע; מען האָט געשטרעבט צוצוגעהן צו איהר מיט אַ נײַעם, ניט קיין אָבגעדראָשענעם לאָזונג; מ'האָט געוואָלט ווײַטער אַרײַנדרינגען אין די טאַמע טיפֿעניש פֿון פֿאָלקסלעבען. און אַנשטאָט אַבסטראַקטע פּאָליטישע אַגיטאַציע זיך פֿערנעהמען מיט רעאַלער געזעלשאַפֿטליך־פּאָליטישער אַרבײַט. שפּעטער זענען געקומען: די וואַהלען צו דער גאָסודאַרסטווענער דומע; די ראָליע, וועלכע עס האָט געשפּילט בײַ די וואַהלען דער אײַנפֿלוס פֿון דער אָדער יענער גרופּע אין דער קהלה און דאָס אײַנזעהן, וואָס פֿאַר אַ פּאָליטישען וועהרטה עס האָט די קהלה־אַרבײַט, — דאָס זענען אַלץ געווען זעהר וויכטיגע טעמים, און קיינער צווײַפֿעלט איצט ניט אין זייער וויכטיגקייט. איינס איז אָבער קלאָר: דאָס זענען אַלץ געווען טעמים, וואָס האָבען געטראָגען אַ טאַקטישען כאַראַקטער: מ'האָט זיך אינטערעסירט מיט דער קהלה ווי מיט אַ מיטעל; מ'האָט זי בעטראַכט פֿונ'ם שטאַנדפּונקט פֿון פּאָליטישער אַרבײַט; מ'האָט געוואָלט פֿערשטאַרקען אין איהר די ווירקונג פֿון די אָדער יענע פּאָליטישע פּאַרטײען. אָבער אַזעלכע טעמים — ווי בערעכטיגט זיי זאָלען ניט זײַן — זענען נאָך ניט מסוגל אונטערצוהאַלטען אַ דויערנדען אינטערעס צו דער קהלה. אַלץ וואָס זיי קאָנען געבען איז נור — דעם ערשטען שטויס, דעם ערשטען אימפּולס, ניט מעהר. דעם ערשטען אימפּולס האָבען זיי טאַקע געגעבען, און דערמיט האָט זיך געעפֿענט אַ וועג פֿאַר אַ צווייטען פֿאַקטאָר; וועלכער קען שוין בילדען דעם פֿונדאַמענט פֿון אַ לאַנגדויערנדיגען און פּראָדוקטיווען אינטערעס: דאָס איז — די שטרעבונג צו בויען דאָס געזעלשאַפֿטליכע לעבען.

ווען איך „בויען", מיין איך כלל ניט די אידילישע, וואָס ס'מאָלט זיך געוועהנליך די אידישע (און אפֿילו די ניט־אידישע) פּרעסע: איך דענק ניט דאָס בויען אַלס אַ הפך פֿון צעשטערונגס־אַרבײַט, אַלס „סאָלידאַרישעס צוזאַמענאַרבײַטען" פֿון אַלע געזעלשאַפֿטליכע קלאַסען. פֿערקעהרט, דאָס וואָרט „בויען" געברויך איך דאָ, כדי צו דורכפֿיהרען די גרעניץ־ליניע צווישען אונזער אויפֿפֿאַסונג און די וואולגאַרע פּירושים, וואָס ווערען מיט דעם אויסדרוק פֿערבונדען. פֿערנעהמט זיך די אַרבײַטער־דעמאָקראַטיע מיט בויען, הערט זי אין דער זעלבער צײַט ניט אויף צו צעשטערען; נאָך מעהר: דאָס ערשטע אָהן דעם צווייטען איז ניט מעגליך. וואָרום אונזער בויען איז קאַמף, ניט שלום; קאַמפֿענדיג בויען מיר; דער יסוד פֿון אונזער בויען איז דער קאַמף. דער חלוק צווישען אונזער בויען און דער רײַנער צעשטערונגס־אַרבײַט איז דאָ נאָר דערין, וואָס דער זעלבער קאַמף פֿיהרט זיך אויף אַנאַנדער אופֿן. פֿריהער האָט מען געפֿיהרט דעם קאַמף אויפֿ'ן באָדען פֿון רײַנער אַגיטאַציע: געמיהט זיך אויסצונוצען דאָס עקזיסטירענדע, כדי צו בעווײַזען, אַז מען דאַרף עס וואָס גיכער פֿערניכטען. איצט פֿיהרט זיך דער קאַמף חוץ דעם אויפֿ'ן פּראַקטישען באָדען: מען שטרעבט צו נעהמען פֿון די עקזיסטירענדע אײַנריכטונגען דאָס רעכטע, וואָס זיי קאָנען געבען, איידער זיי וועלען פֿערניכטעט ווערען. און אַזוי ווי קיין האָפֿנונג איז ניטאָ, אַז זיי זאָלען פֿערניכטעט ווערען באַלד און מיט אַמאָל, דעריבער מוז מען זיי בײַטלעכווײַז איבערבויען, כדי אויף אַזאַ אופֿן זאָל דאָס איצטיגע פֿערשווינדען. די שטרעבונג צו בויען — דאָס הייסט ניט קיין אַנדער זאַך, ווי אַ אינטערעס צו די אַלטעגליכע בעדערפֿעניסען פֿון דער

מאַכען, אַ פֿערלאַנג צו בעפֿרידיגען שוין איצט די בעדערפֿעניששען, אויף וויפֿיעל דאָס איז מעגליך. אויף דעם פֿונדאַמענט קאָן אויסוואַקסען אַ דויערהאַפֿטער אינטערעס צו דער קהלה, אַ אינטערעס צו דעם, וואָס זי גיט איצט, ווי זי גיט איצט, און וואָס זי קאָן געבען, ווען מען זאָל נאָר צולעגען אַרבײַט און מיה. דאָס איז, אויב מען קען איהם אַזוי אָנרופֿען, אַ פּראַקטישער אינטערעס. ניט בײַ פֿיעלע לעבט איצט דער דאָזיגער אינטערעס, אָבער די „פֿיעלע" וועלען מוזען קומען פֿריהער אָדער שפּעטער.

און נאָך איינער, אַ דריטער מאָמענט: דאָס נאַציאָנאַלע. אויף די קהלה קוקען מיר ווי אויף דאָס קערנדעל פֿון דער נאַציאָנאַלער אַוטאָנאָמיע. קליין איז דאָס קערנדעל און שוואַך און אונפֿאָלקומען — נאָר מיט דער צײַט, ווען מען וועט אַרײַנלעגען פֿיעל אָנגעשטרענגטע אַרבײַט, וועט פֿון איהם מוזען אויסוואַקסען אַ גאַנצע סיסטעם פֿון דעמאָקראַטישע אײַנריכטונגען.

די דאָזיגע דריטע בעציהונג צו דער קהלה איז אייגענטליך אויך אַ „פּראַקטישע". אויך דאָ פֿרעגט מען זיך: וואָס די קהלה קען און מוז געבען דער בעפֿעלקערונג. דאָס איז אָבער אַ פֿערברייטערטער פּראַקטיציזם; דאָ ווערט דער אינטערעס פֿון דעם הײַנטיגען טאָג אײַנגעפֿאַסט אין אַ גרויסע ברייטע ראַהם: דאָ ווערען אויפֿגעדעקט היסטאָרישע פּערספּעקטיוון; קליינע אויפֿגאַבען ווערען אַרײַנגעפֿלאָכטען אין אַ קייט פֿון גרויסע פּראָבלעמען. עס איז איבעריג צו דערמאָנען, אַז דער צעמענט, וואָס בינדט צוזאַמען די גאַנצע קייט אין די אויגען פֿון דער אַרבײַטער־דעמאָקראַטיע, איז אַ סיסטעם פֿון בעשטימטע פּאָליטישע און סאָציאַלע פּרינציפּען. די פּרינציפּען ווײַזען דעם וועג און געבען אַ מאַסשטאַב צו אָפּשאַצען יעדע קליינע אַלטעגליכע ערשײַנונג.

II. די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע און דער קהלה־פּראָגראַם.

די אַרבײַט אין דער קהלה דאַרף אַלזאָ זיך פֿירען אַזוי, אַז פֿון איין זײַט זאָל זי שוין איצט בעפֿרידיגען די בעדערפֿעניששען פֿון דער אידישער מאַסע און פֿון דער אַנדערער זײַט זאָל זי ביסלעכווײַז צוגרייטען דעם קינפֿטיגען בנין פֿון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. די, וועלכע קוקען נאָך איצט אויף אַזאַ אַרבײַט מיט דעמזעלבען איראָנישען שמייכעל, מיט וועלכען מען האָט אויפֿגענומען די ערשטע שמועסען וועגען דער אַרבײַט, די וועלכע מיינען, אַז פֿערווירקליכען קליינע אויפֿגאַבען פֿונעם הײַנטיגען טאָג אין די ראַהמען פֿון דער אידישער קהלה, איז אַ צו־וואָכעדיגער און אַ צו־קליינליכער עסק, — די וואָלטען געדאַרפֿט ניט פֿערגעסען, אַז דאָס איז איצט דער איינציגער וועג, אין וועלכען דאָס יודענטום קען געהן צו אויפֿבויען די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, אַז אויף אַזאַ אופֿן לעזט מען שוין איצט אויך ביסלעכווײַז די נאַציאָנאַלע פֿראַגע.

דערפֿון איז קלאָר, אַז יעדעס פּראָגראַם פֿון אַרבײַט אין דער קהלה דאַרף אין זיך האָבען דעם לעצטען שטאַפּ, צו וועלכען עס מוז געהן די ענטוויקלונג. דער שטאַפּ דאַרף שטענדיג שטעהן פֿאַר די אויגען און צו איהם דאַרף זיך צופּאַסען די הײַנטיגע אַלטעגליכע אַרבײַט.

עס איז אָבער אויך קלאָר, אַז אַט דעם לעצטען שטאַפּ דאַרף מען אונטערשיידען פֿון די נעהענטערע שטאַפּען. די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע איז דאָס פּראָגראַם־מאַקסימום פֿון דער קהלה־אַרבײַט, אָבער דאָס פּראָגראַם פֿון דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע קען נאָך ניט פֿערבײַטען דאָס קהלה־פּראָגראַם; צווישען דעם פּראָגראַם־מאַקסימום און דעם הײַנטיגען טאָג בלײַבט נאָך אַן אָרט, וועלכער דאַרף אויסגעפֿילט ווערען דורך אַ פּראָגראַם־מינימום, אַ קהלה־פּראָגראַם אין ענגען זין פֿון וואָרט.

וואָרום דערגרייכען די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע — דאָס איז אַן אויפֿגאַבע פֿון לאַנגע יאָהרען. דאָס וועט זײַן אַ לאַנג־דויערנדיגער פּראָצעס. מען קען אפֿילו ניט גענוי בעשטימען פֿאָראויס, וועלכע פֿאָרמען ס'וועט האָבען די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, און גיכער פֿאַר אַלץ וועט איהר אויסקומען איהרע פֿאָרמען צו בײַטען. זאָגען, למשל, שוין איצט, וועלכע קאָמפּעטענץ עס וועלען האָבען די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמע אײַנריכטונגען אָדער אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן זיי וועלען בעקומען געלד־מיטלען, איז אונמעגליך; דאָס וועט זיך ווענדען אָן דעם אינעווייניגסטען צושטאַנד פֿון דעם יודענטום גופֿא אי אָן דער אַרומיגער סביבה: אויף וויפֿיעל דעמאָקראַטיש עס וועט זײַן די אָרדנונג פֿון דער מלוכה, וואָס פֿאַר אַ פֿאָרם עס וועלען האָבען די נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציעס פֿון די אַרומיגע פֿעלקער און אַז. וו. אויסאַרבײַטען שוין איצט די קאָנקרעטע פֿאָרמען פֿון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע איז כמעט ניט מעגליך. נאָר אפֿילו ווען דאָס זאָל מעגליך זײַן, וואָלטען די אויסגעאַרבײַטע פֿאָרמען יעדענפֿאַלס זיך אונטערשיידען פֿון די, וועלכע מען קען בײַ גינסטיגע בעדינגונגען אײַנפֿיהרען אין דער אידישער קהלה שוין איצט. מיר ווייסען, אַז פֿערווירקליכען די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע שוין איצט איז לכל הדעות אַן אוטאָפּיע. וואָרום איצט פֿעהלען דערצו אי די אויסווייניגסטע, אי די אינעווייניגסטע בעדינגונגען; אָבער אַרײַנברענגען וויפֿיעל ניט איז אָרדנונג אין דער קהלה וואָלט שוין איצט אויך געווען מעגליך; בעשאַפֿען מעהר אָדער ווייניגער צוועקמעסיגע אײַנריכטונגען איז כלל קיין אוטאָפּיע ניט אַפֿילו הײַנטיגע צײַטען.

לאָמיר נעהמען, למשל, אַזאַ וויכטיגען פּונקט, ווי די פֿראַגע וועגען דער קאָמפּעטענץ פֿון דער קהלה, וועגען דעם, וואָס פֿאַר אויפֿגאַבען זי וועט דאַרפֿען און מוזען ערפֿילען. עס איז קלאָר פֿון אָנפֿאַנג אָן, אַז אַנדערש וועט די דאָזיגע פֿראַגע געלעזט ווערען איצט און אַנדערש אין דער נאָך ניט נאָהענטער צוקונפֿט, ווען ס'וועלען ווערען אויסגעאַרבײַט די פֿאָרמען פֿון דער „אמת'ער" נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

אויף דעם פּונקט איז כדאי זיך אָפּצושטעלען אַ ביסעל לענגער.

פֿערשיידענע פּראָגראַמען גיבען אויף דער קאָמפּעטענץ־פֿראַגע אַ פֿערשיידענעם ענטפֿער. אין קיינע פֿון די פּראָגראַמען בין איך ניט גענייגט צו זעהן קיין פֿאַרטיג־אויסגעאַרבײַטעטען פּלאַן; דאָס זענען נאָר אַלגעמיינע שטריכען, וועלכע קענען האָבען הויפּטזעכליך אַ ווערטה פֿון אַ בײַשפּיעל. דער עיקר איז דאָ ניט אַזוי דער קאָנקרעטער אינהאַלט, ווי די פּרינציפּיעלע פּאָזיציע, וואָס ווערט דורך דעם אינהאַלט אילוסטרירט. מיר האָבען נאָך ניט קיין מאַטעריאַל, כדי

צו לייזען ענדגילטיג די פֿראַגע. נאָר די פּראַקטיק פֿון דער אידישער (און אַלגעמיינער) זעלבסטפֿערוואַלטונג וואָלט אונז געקאָנט געבען דעם נייטיגען מאַטעריאַל, דעם אמת'ן ווירקליכקייטס־מאַטעריאַל, אָהן וועלכען מיר מוזען איצט זיך בעגנוגענען מיט ריין־לאָגישע סכעמען. די דאָזיגע פּראַקטיק מוז זיך אָבער קענען אויסאַרבייטען. זי מוז קענען זיך ענטוויקלען, זיך בעוועגען, און דאָס אַליין איז שוין די סבה, פֿאַר וואָס מיר קאָנען איצט ניט בעגרענעצען די קאָמפּעטענץ פֿון דער קהלה מיט אויפֿגאַבען פֿון אַ נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע. איך זאָג „דאָס אַליין", ווייל אַחוץ דעם איז פֿאַראַן נאָך אַנדערע מאָטיווען, פֿאַר וואָס עס וואָלט נייטיג געווען צייטווייליג צו מאַכען ברייטער די קאָמפּעטענץ פֿון דער קהלה. אין אונזערע פּלענער זענען די פֿונקציעס פֿון דער קהלה בעשרענקט מיט געוויסע ענגע ראַהמען, ווייל מיר רעכענען, אַז די איבעריגע אויפֿגאַבען וועלען ערפֿילט ווערען דורך די „אַלגעמיינע" אָרטיגע און פּראָווינציעלע דעמאָקראַטישע איינריכטונגען. איצט איז אָבער אַזעלכע איינריכטונגען ניטאָ, און געוויסע אויפֿגאַבען (אַפֿילו ניט קיין ריין־נאַציאָנאַלע) אויב זיי וועלען ניט ערפֿילט ווערען דורך די אידישע איינריכטונגען, וועלען זיי נאָר אינגאַנצען בלייבען אומערפֿילט. איז ממילא פֿערשטענדליך, אַז די קהלה מוז אויף זיך נעהמען אַזעלכע אויפֿגאַבען. צו זיי רעכענען מיר צו אַזעלכע ענינים, ווי צדקה, רעגולירען די עמיגראַציע און אַזוי ווייטער.

III. ווי מוז מען רעאָרגאַניזירען די קהלה.

לאָמיר־זשע זיך אומקעהרען צו דעם יעניגען קהלה־פּראָגראַם, וועלכען מען דאַרף שטרעבען צו פֿערווירקליכען אויפֿ'ן געזעצגעבענדען וועג שוין איצט. די אַלגעמיינע שטריכען פֿונ'ם דאָזיגען פּראָגראַם איז ניט שווער צו בעשטימען. וועגען דער קאָמפּעטענץ־פֿראַגע האָבען מיר שוין גערעדט. די קאָמפּעטענץ דאַרף זיין גענוג ברייט. זי דאַרף אַרומנעהמען אי צדקה־ענינים, אי קולטורעלע און אויפֿקלערונגס־אויפֿגאַבען אין'ם ברייטעסטען זין פֿון דעם וואָרט, אי דאָס רעגולירען די עמיגראַציע און ענדליך דאָס רעכט צו פֿערנעהמען זיך בכלל מיט אַזעלכע ענינים, וועלכע זענען אין דעם קרייז פֿון איהרע פֿונקציעס ניט אויסדריקליך בעשטימט; דאָס לעצטע קען מען דערגרייכען דורך אַ וועלכע ניט איז אַלגעמיינע פֿאָרמעל, ווי למשל: די קהלה האָט דאָס רעכט אָנצונעהמען די יעניגע מיטלען און גרינדען די יעניגע איינריכטונגען, וועלכע זי וועט געפֿינען פֿאַר נייטהווענדיג, כדי צו בעפֿרידיגען די בעדערפֿעניסען פֿון דער אידישער בעפֿעלקערונג, — נאַטירליך, אין די ראַהמען פֿון די אַלגעמיינע מלוכה־געזעצען. דערצו געהערט נאָך דאָס רעכט צו ערווערבען אייגענטום און בכלל אַלע רעכט פֿון אַ יורידישער פּערזאָן. דאָס איז נאָר אַלגעמיינע פֿאָרמען: די אויפֿגאַבע פֿון דעם יוריסט וועט זיין צו קאָנקרעטיזירען זיי אין דער געשטאַלט פֿון אַ גענוי־פֿאָרמולירטען געזעץ־פּראָיעקט.

עס פֿערשטעהט זיך פֿון זעלבסט, אַז אין דעם קאָמפּעטענץ־קרייז פֿון דער קהלה וועט אַ דעמאָקראַטיש פּראָגראַם ניט קענען אַריינגעמען קיין רעליגיעזע

פֿונקציעס. דאָ איז גילטיג אונזער אַלגעמיינע פֿאָדערונג — אָבטיילען די קירך פֿון דער מלוכה. אויף וויפֿיעל דאָס וועט זיך איינגעבען דורכצופֿיהרען איצט — איז אַן אַנדערע פֿראַגע. יעדענפֿאַלס, אויף אונזער פּרינציפּיעלע פּאָזיציע קען דאָס קיין ווירקונג ניט האָבען. אין דער פּרעסע פֿערטיידיגט מען אָפֿט די רעליגיעזע פֿונקציעס, אַרויסגעהענדיג פֿון דעם „נאַציאָנאַלען" שטאַנדפּונקט. די רעליגיע, זאָגט מען, איז איינער פֿון די „עמודי התוך", פֿון די גרונד־זיילען, אויף וועלכע עס האַלט זיך די יודישע אומה. „מען קען ניט אָברייסען דאָס נאַציאָנאַלע קינד פֿון דער ברוסט פֿון דער מאַמען — דער רעליגיאָן" — האָט מיט אַ יאָהר דריי צוריק געשריבען און ניט לאַנג איבערגעחזר'ט איינער פֿון די „דערגרייכער" הער שמ״י. אָט אָ דער שטאַנדפּונקט, וועלכער ברענגט די לעבענס־בעדערפֿעניסען פֿון פֿאָלק פֿאַר אַ קרבן אויף דעם מזבח פֿון אַן אַבסטראַקטען „קיום האומה", וועלכער גלויבט ניט אין די קולטורעלע לעבענס־קרעפֿטען פֿון דער נאַציאָן און וויל זי דעריבער אונטערשפּאַרען מיט רעליגיעזע קוליעס, — אָט דער שטאַנדפּונקט בעווייזט בעסער פֿון אַלצדינג, ווי לייכט דער אַבסטראַקטער אידעאַליסטישער נאַציאָנאַליזם קען קומען אין צוזאַמענשטויס מיט די עלעמענטאַרע פֿאָדערונגען פֿון דעמאָקראַטיזם (דאָס האָבען, אגב, בעוויזען אויך די דעלעגאַטען פֿונ'ם קאָוונער צוזאַמענפֿאָהר, וועלכע האָבען זיך אַרויסגעזאָגט געגען רעליגיאָנס־פֿרייהייט, שטעהענדיג אויף דעם זעלביגען שטאַנדפּונקט און געברויכענדיג די זעלביגע טענות. היינט גיי גלויב וואָס מען זאָגט, אַז דער נאַציאָנאַליזם פֿון די אונטערדריקטע פֿעלקער איז שטענדיג אַ פּראָגרעסיווער!). יעדענפֿאַלס איז דאָס ניט אונזער שטאַנדפּונקט.

מיר געהען איבער צו אַנדערע פֿראַגען. די אָרגאַניזאַציע פֿון דער קהלה דאַרף, נאַטירליך, זיין דעמאָקראַטיש: אַלגעמיינעס וואַהל־רעכט, אַ מינימאַלער אַלטערס־צענז, מינימאַלע צייט זיך אויפֿהאַלטען אין דער קהלה ביז מען בעקומט וואַהל־רעכט; אַ געמיינדע־ראַט (פּאַרלאַמענט) און אַ געמיינדע־פֿערוואַלטונג (פֿעראַנטוואָרטליכעס מיניסטעריום). אַזוי אויף די ערטער. אַזוי דאַרף דאָס אויך זיין אין צענטער.

מען מוז בעמערקען, אַז וועגען אַ צענטראַלער איינריכטונג, וועלכע זאָל אַרומנעהמען אַלע קהלות, מאַכט מען געוועהנליך אַ שווייג. מ'האָט דאָס פֿערשוויגען אויך אויף דעם קאָוונער צוזאַמענפֿאָהר. אפשר איז דאָס ניט אָהן אַ כּיון: עס לוינט טאַקע ניט אונזערע „פּני"; ס'ווילט זיך ניט אַרויסלאָזען פֿון די הענד די ממשלה, וועלכע עס האָבען איצט אונזערע יודישע „פֿיהרער" און וועלכע זיי געברויכען אָהן אַ שום קאָנטראָל און אָהן אַ סאַנקציע פֿון אַ וועלכער ניט איז איינריכטונג. מעגליך, אַז ס'איז דאָ פֿאַראַן נאָך אַנדערע מאָטיווען אויך. ווי די מעשה איז, מען מוז שטרעבען צו בעשאַפֿען צענטראַלע אָרגאַנען, ווייל אַנדערש וועט די קהלה ניט קענען מיט ערפֿאָלג אויספֿילען אַפֿילו די פֿונקציעס, וועלכע זי האָט איצט.

ווייטער שטעהט די פֿראַגע: ווער געהערט צו דער קהלה? לויט וועלכען פּרינציפּ וועט מען בעשטימען, ווער ס'איז אַ מיטגליד? דערויף איז אויך ניט שווער צו ענטפֿערן: יעדערער, ווער ס'געהערט צו דער יודישער נאַציע. דאָס

הייכט: יעדערער, װער ס'איז געבוירען געװאָרען פֿון יודישע עלטערן און האָט ניט ערקלערט אויסדריקליך, אַז ער געהט איבער צו אַן אַנדער נאַציע, װי אויך יעדערער, װער ס'איז געבוירען געװאָרען אין אַן אַנדער נאַציע, נאָר ער האָט ערקלערט, אַז ער געהט איבער צו דער יודישער נאַציע. נאָר כדי אויף אַזאַ אופֿן זאָל זיין מעגליך צו בעשטימען די מיטגלידערשאַפֿט אין דער קהלה, איז נויטיג, אַז די נאַציע זאָל װערען אָנערקענט אָפֿיציעל. היינטיגע צייט איז אין דער מלוכה דער בעגריף „נאַציע" אָפֿיציעל אומבעקאַנט: ניט אין די אָפֿיציעלע פֿאָלקס-צעהלונגען, ניט אין די מעטריקעס, ניט אין די פּאַספּאָרטען, ניט אין קיין שום אַנדערע מלוכה-אינסטיטוציעס װעט איהר דאָס װאָרט „נאַציע" ניט בעגעגענען. מען רעדט װעגען רעליגיע, שפּראַך, אַלטער, געשלעכט, אָבער קיין רובריק פֿאַר נאַציע איז ניטאָ. עס איז קלאָר, אַז כדי די נאַציע זאָל זיין אָפֿיציעל אָרגאַניזירט, מוז זי װערען אָפֿיציעל רעגיסטרירט, עס מוז אין די פֿאָלקס-צעהלונגען (און אין די אָפֿיציעלע דאָקומענטען) איינגעפֿיהרט װערען אַ רובריק „נאַציע"; עס מוז בעשאַפֿען װערען דאָס, װאָס מען רופֿט נאַציאָנאַלער קאַדאַסטער, (װי מ'האָט דאָס מיט עטליכע יאָהר צוריק איינגעפֿיהרט אין מעהרען אין עסטרייך *).

כדי אַריינצוטרעטען אין דער קהלה אָדער אַרויסצוטרעטען פֿון איהר איז גענוג אַ בלויזע מעלדונג. װער עס טרעט אַרויס, דער פֿערליערט, פֿערשטענדליך, אַלע רעכט בנוגע צו דער קהלה: אי דאָס רעכט אויסצונוצען איהרע איינריכטונג, איהר הילף אין אַז. װ., אי דאָס רעכט צו װעהלען און צו װערען געװעהלט.

װאָס איז שייך צום ביודזשעט, מוז ער זיין אויפֿגעבויט אויפֿ'ן גרונד פֿון דירעקטע און פּראָפּאָרציאָנעלע הכנסה-שטייער. די הכנסות, װאָס זענען קלענער פֿון אַ געװיסען מינימום, װערען פֿון שטייער בעפֿרייט.

אין דער פֿראַגע װעגען אָבצאָהלונגען מוזען מיר זיך אָבשטעלען אויף צװיי פּונקטען. דער ערשטער איז — די קאָראָבקע. קיינער, אַחוץ די רעאַקציאָנערסטע עלעמענטען אינם יודענטום, האַלט ניט, אַז די קאָראָבקע, דאָס סיסטעם פֿון אומדירעקטע אָבצאָהלונגען, זאָל מוזען בלייבען. טיילװייז האָבען מיר דאָ צו טון מיט אַ מיספֿערשטענדניש: די, װאָס זאָגען זיך אַרויס פֿאַר דער קאָראָבקע, טוען דאָס אָפֿט מחמת מורא: מען פֿרעגט, װאָס װעט זיין, אַז די קאָראָבקע װעט אויך ניט בלייבען. אויף װאָס װעט זיך דאַן האַלטען דער ביודזשעט פֿון דער קהלה. דאָס איז ניט מעהר, װי אַ טעות: קיינער רעדט דאָך ניט װעגען אָבשאַפֿען די קאָראָבקע גלאַט אַזוי, אָהן אַנדערע הכנסה-קװאַלען אויף איהר אָרט; מען רעדט ניט װעגען איינפֿאַכען אָבשאַפֿען, נאָר װעגען פֿערביטען די קאָראָבקע אויף אַנדערע פֿאָרמען פֿון אָבצאָהלונגען: אויף גלייכע, פּראָפּאָרציאָנעלע הכנסה-שטייער.

נאָר אויך געגען אַזאַ פֿערביטונג קומט אויס הערען ניט זעלטען צװייפֿלענדיגע שטימען. מען זאָגט: בויען אַ יודישען ביודזשעט אויף הכנסה-שטייער (אַנדערע זאָגען: בויען דעם גאַנצען ביודזשעט אויף אַזאַ שטייער) איז ניט מעגליך, װייל ביי יודען איז דאָ װעניג מענשען מיט גענוגענדע הכנסות, און פֿון די װאָס זענען יאָ דאָ האָבען פֿיעלע אומבעשטימטע, אומזיכערע פּרנסות. די יודישע עקאָנאָמיק איז צעררודערט, און צװישען יודען איז פֿאַראַן אַ גרויסע מאַסע מענשען, װעלכע האָבען ניט קיין פֿעסטע הכנסות, — לופֿטמענשען. פֿון זיי קען מען קיין שטייער ניט נעהמען, מען קען אַפֿילו ניט פֿערעגיסטרירען זייערע „הכנסות", װאָרום דאָס זענען גאַנץ צופֿעליגע „פֿערדינסטען". אין די שטעדט, זאָגט מען, װעט זיך אפֿשר נאָך געפֿינען אַ גענוגענדע צאָהל פֿערמעגליכע מענשען, װעלכע װעלען טראָגען אויף זייערע פּלייצעס די משא פֿון דער קהלה-ביודזשעט; װאָס טוט מען אָבער אין די שטעדטלעך, װאו עס לעבט אַ קבצן אויף אַ קבצן, אַ לופֿטמענש אויף אַ לופֿטמענש?

די דאָזיגע צװייפֿעל זענען ניט ריכטיג. לאָמיר טאַקע רעכענען, אַז אין די שטעדטלעך איז פֿאַראַן אַ גרויסע מאַסע „לופֿטמענשען", אַז אַרויפֿלעגען אַ שטייער אויף זייערע „הכנסות" איז אוממעגליך, אַז אַ היפּשעל פֿערמעגליכע װעלען מוזען אויסהאַלטען דעם גאַנצען ביודזשעט. פֿרעגט זיך: נו, און איצט איז דען אַנדערש? צאָהלען דען די לופֿטמענשען באמת קאָראָבקע-געלד, טראָגען זיי דען אויף זיך די משא פֿונ'ם ביודזשעט? און אויב אַפֿילו יאָ, טאָ האָבען דען דיזע אָבצאָהלונגען אַ װעלכע ניט איז ממשות? פֿאַר װאָס? — נאָר פּשוט, װאָרום אַזוינע מענשען עסען קיין פֿלייש ניט. די גרעסטע משא מוזען איצט

---

*) דערװייל, כל-זמן דאָס איז נאָך ניט איינגעפֿיהרט, װעט מען מוזען בעשטימען די מיטגלידערשאַפֿט אויפֿ'ן גרונד פֿון די אָדער יענע סימנים, װעלכע װערען שוין איצט אויך אָפֿיציעל רעגיסטרירט. מ'װאָלט געקאָנט מיינען, אַז דער בעסטער סימן װאָלט דאָ געװען די מוטער-שפּראַך. ביי היינטיגע בעדינגונגען איז אָבער ניט מעגליך צו רעכענען פֿאַר אַ מיטגליד אין דער קהלה נאָר דעם, װער עס אָנערקענט פֿאַר זיין מוטער-שפּראַך יודיש. היינטיגע צייטען, װען אַרום דער שפּראַך-פֿראַגע פֿיהרט זיך אַ הייסער קאַמפּף, װאָלט זיך געפֿינען אַ גרויסע צאָהל דוקא אמתע און דוקא ניט-אַסימילירטע יודען, װעלכע װאָלטען אויס געװיסע פּרינציפּען ניט געװאָלט אָנערקענען יודיש ניט פֿאַר קיין נאַציאָנאַלע, ניט פֿאַר קיין מוטער-שפּראַך. אויסשליסען זיי פֿונים יודענטום װאָלט געװען אוממעגליך. דער שפּראַך-קאַמפּף איז, אמת, אַ טרויעריגע ערשיינונג; נאָך טרויעריגער װעגען די פּרינציפּען, אויף װעלכע עס שטעהען די שונאים פֿון יודיש. נאָר װי די מעשה איז — דער פֿאַקט איז אַ פֿאַקט: די שפּראַך-פֿראַגע צוטיילט די יודען; און דער סימן, לויט װעלכען דער מענש װערט אַריינגעשלאָסען אין די קהלה דאַרף די מענשען פֿעראייניגען. בלייבט אַלס סימן די יודישע רעליגיע. דער סימן איז אויך ניט אָהן חסרונות. עס איז ניט מעגליך און ס'איז איבעריג צו נויטען אַ משה-רבנו'ס פּאָליאַק אָדער אַ משה-רבנו'ס רוס אַריינצוטרעטען אין דער יודישער קהלה. פֿון דער אַנדערער זייט, איז ניטאָ קיין שום גרונד, פֿאַר װאָס מען זאָל פֿערשפּאַרען די טירען פֿון דער קהלה פֿאַר אַזוינע „נאַציאָנאַלע גרים", װעלכע געהערען אָפֿיציעל צו אַן אַנדער גלויבען. אין דעם פּרט װעט מען מוזען אַריינטראָגען די נויטיגע אויסבעסערונגען, און סוף-כל-סוף װעלען מיר בעקומען אַזאַ מין פֿאָרמעל: פֿאַר מיטגלידער פֿון דער יודישער קהלה רעכענען זיך: 1) אַלע די, װעלכע געהערען צו דער יודישער רעליגיע — אַחוץ די, װעלכע ערקלערען, אַז זיי געהען אַרויס פֿון דער קהלה; 2) אַלע די, װעלכע געהערען צו אַן אַנדער רעליגיע, נאָר זיי האָבען ערקלערט, אַז זיי געהערען צום יודענטום און טרעטען אַריין אין די יודישע קהלה.

אויך טראָגן די „בעלי־הבתים", די שטעדטעלשע „פֿערמעגליכע" מענטשן (נאַטירליך, געמאָסטן אויפֿן קלײנשטעדטעלשן מאַסשטאַב). דער חלוק איז נאָר, װאָס איצט האָט דער אָרעמאַן קײן מעגליכקײט ניט צו קױפֿן פֿלײש, װײַל כשר־פֿלײש קאָסט צו־טײַער, אָפֿט צװײ־דרײַ מאָל אַזױ טײַער, װי טרפֿה. אָבער דערפֿון װאָס יודן עסן קײן פֿלײש ניט, װערט דער קהלה־ביודזשעט ניט רײַכער. שאַפֿט מען אָב די קאַראָבקע, װעט די משא פֿון די אָבצאָהלונגען בלײַבן פֿונאַנדערגעטײלט װי פֿריִער, נאָר דער אָרעמער יוד װעט האָבן אַ פֿרײַערן צוטריט צו דער יאַטקע.

און בנוגע צו דעם, װאָס די הכנסות װעלן זײַן אומבאַשטימט און אומזיכער און מען װעט זײ ניט קענען באַשטימען פֿון פֿריִער, איז דאָס אויך אַ פֿאַלשע טענה. לאָמיר, צום בײַשפּיל, נעהמען די ציפֿערן פֿון דעם ביכעל „דאָס שטעדטעל קראַסנאָפּאָליע", אויסגאַבע פֿון „יקא" — אַ סטאַטיסטישע אונטערזוכונג פֿון אײן טיפּישן יודישן שטעדטעל אין תּחום. אין שטעדטעל איז פֿאַראַן 524 יודישע משפּחות, אונטערזוכט האָט מען פֿון זײ 466 — דאָס הײסט, די װײַט גרעסטע מערהײט. פֿון די 466 געהערט 1/4 (24,04%) צו די פֿערמעגליכע און „רײַכע" (אויפֿן קלײנשטעדטעלשן מאַסשטאַב). װען מיר זאָלן אַפֿילו רעכענען, אַז נאָר בײַ אָט דעם 1/4 קען מען גענױ רעגיסטרירן די הכנסות, װאָלט דאָס אויך געװען גענוג, װאָרום אָט דאָס 1/4 באַקומט העכער אַ העלפֿט פֿון אַלע שטעדטעלשע הכנסות (93.200 רובל פֿון 178.775), און װאָלט געהײם געקאָנט אַריבערטראָגן אײנע אָדער צװײ טױזענד רובל קהלשע שטײַער. נאָך אַפֿילו פֿון די איבעריגע, װעלכע געהערן ניט אַרײַן אין דעם 1/4, קען מען אויך געפֿינען ניט װעניג אַזױנע, װאָס האָבן אַ באַשטימטע, הגם ניט קײן גרױסע, הכנסה, און װעלכע װאָלטן געקאָנט אַרײַנגײן אין דער רעגיסטראַציע; זאָגן, אַז 3/4 פֿון דער יודישער באַפֿעלקערונג זענען לופֿטמענטשן — דאָס איז אפֿשר מעגליך אין אַ צײַטונגס־אַרטיקעל, װײַל דאָס מאַכט אַ שטאַרקערן אײַנדרוק; אין אמתן איז דאָס דאָך ניט ריכטיג. עס װאָלט אונז צו װײַט פֿערפֿירט, װען מיר װאָלטן געפּרוּװט ברענגען ציפֿערן און פֿאַקטן; די װאָס אינטערעסירן זיך שיקן מיר אָב צום דערמאָנטן ביכעל פֿון „יקא".

יעדנפֿאַלס, װידערהאָל איך, אויב מיר זאָלן אַפֿילו רעכענען, אַז 3/4 פֿון דער יודישער באַפֿעלקערונג באַשטײט פֿון „לופֿטמענטשן" — בײַט זיך דערפֿון די לאַגע זײער װעניג: לופֿטמענטשן פֿאַלן כמעט װי ניט אַרײַן אין די נעצן פֿון דער קאַראָבקע. זײ „האַלטן זיך אָב" פֿון פֿלײש, און די קאַראָבקע איז אין דעם פּרט ניט בעסער, װי דירעקטע שטײַער.

די דעמאָקראַטישע פֿאָדערונג װעגן דירעקטע הכנסה־שטײַער בלײַבט אַלזאָ אויך דאָ אין איהר פֿולער קראַפֿט. גאָר אַן אַנדער פֿראַגע איז דער צװײטער פּונקט, װעלכער איז פֿאַרבונדן מיט דעם ביודזשעט — דער פּונקט װעגן פּראָפּאָרציאָנעלער פֿונאַנדערטײלונג.

אי אין דער פּרעסע, אי אין די פּראָגראַמען פֿון אײניגע פּאָליטישע פּאַרטײען קומט אויס די לעצטע יאָהרען צו באַגעגענען די פֿאָדערונג: אַז פֿון דעם אַלגעמײנער סומע הכנסות, װעלכע עס זאַמלען די אָרטיגע און די פּראָװינציעלע

אַלגעמײנע זעלבסטפֿערװאַלטונגס־אײנריכטונגען, זאָל אַ געװיסער טײל אָבגעגעבען װערען די פֿערשידענע נאַציעס, נאָך זײער צאָהל נאָך, אויף צו באַפֿרידיגן זײערע ספּעציעלע באַדערפֿעניסן.

געװעהנליך איז אָט דער פּונקט — נאָר אַ הנחה פֿאַר די, װאָס פֿערלאַנגען נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע; מען שטעלט אידעאַל אַרױס אַנשטאָט נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע און אַנשטאָט אַ זעלבשטענדיגן נאַציאָנאַלן ביודזשעט. עס איז זעלבסטפֿערשטענדליך, אַז אין אַזאַ אויפֿפֿאַסונג קענען מיר דעם פּונקט ניט אָננעהמען; עס איז קלאָר, אַז דער פּונקט קען ניט און טאָר ניט פֿערבײַטן די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע. און, פֿערשטעהט זיך, אויף װיפֿיעל מיר שטעהען פֿאַר די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע, קענען מיר זי זיך ניט פֿאָרשטעלען אָהן דאָס רעכט זעלבשטענדיג אַרױפֿצולעגען אָבצאָהלונגען, װאָרום אַ נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע אָהן רעכט צו באַשטימען זעלבשטענדיג דעם אײגענעם ביודזשעט -- איז אַן אויטאָנאָמיע מיט געבונדענע הענד, אַן אויטאָנאָמיע אָהן זעלבשטענדיגקײט, אַן אויטאָנאָמיע אָהן אויטאָנאָמיע.

נאָר עס פֿרעגט זיך: צי װאָלט ניט געװען װינשענסװערט, אַז דער פּראָפּאָרציאָנעל־פֿונאַנדערגעטײלטער ביודזשעט זאָל זײַן אַ צוגאָב צום זעלבשטענדיגן ביודזשעט? דאָס האָט זײַנע מעלות און װעגן דעם לאָזט זיך רעדען. דאָס געהערט שױן אײגענטליך צום פּראָגראַם פֿון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. אָבער װי די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע זאָל זיך ניט אויסבילדען אין דער צוקונפֿט — די הײַנטיגע לאַגע איז יעדנפֿאַלס אַזאַ, אַז מיר האָבן גענוג רעכט צו פֿערלאַנגען פֿאַר דער יודישער קהלה אַ טײל פֿון די אַלגעמײנע ביודזשעטן. מיר װײסען, אַז אין די שטעדט איז פֿאַראַן פֿיעלע אַלגעמײנע אײנריכטונגען, װעלכע װערען אויסגעהאַלטען אויף אַלגעמײנע געלד (דאָס הײסט אויך אויף יודישע מיטלען) און װעלכע באַפֿרידיגן פּאַקטיש די אינטערעסען נאָר פֿון ניט־יודען; דאָס הײסט, די יודען האַלטען אויס ניט נאָר זײערע אײגענע, נאָר אויך צום טײל פֿרעמדע אַנשטאַלטען. עס װאָלט נאָר געװען נאַטירליך, װען אַ טײל פֿון די אַלגעמײנע מיטלען װאָלט איבערגעגאַנגען אין די הענד פֿון די יודען. דאָס װאָלט נאָר באַדײַט, אַז דאָס יודישע געלד קעהרט זיך אום צוריק צו די יודען. די דאָזיגע פֿאָדערונג מוזען מיר אַרײַנשטעלען צוזאַמען מיט דער פֿאָדערונג, אַז די יודישע קהלה זאָל האָבען דאָס רעכט אויף צו באַשטימען איהרע שטײַער.

װען מיר װעלען נאָך צוגעבען אַ פּונקט װעגן פֿולע זעלבשטענדיגקײט פֿון דער יודישער קהלה אין אַלע איהרע אַנגעלעגענהײטען, װעגן דעם, אַז אי די אַדמיניסטראַציע, אי די אָרטיגע זעלבסטפֿערװאַלטונגס־אָרגאַנען זאָלן זיך ניט טאָרען מישען אין איהרע אינעװײניגסטע ענינים, — װעט דער אַלגעמײנער פּלאַן פֿון דעם קהלה־בנין זײַן געענדיגט. אויף װיפֿיעל דער דאָזיגער פּלאַן קען װערען פֿערװירקליכט אין דער צוקונפֿט — װעט אונז װײַזען די צוקונפֿט זעלבסט. יעדענפֿאַלס איז נאָר אויף אַזױנע יסודות קען זײַן אויפֿגעבױט דער געזעץ־פּראָיעקט װעגען דער קהלה, — און װען אַפֿילו נאָר אַ טײל פֿון די אויבנגערעכענטע פֿאָדערונגען זאָל װערען ערפֿילט, װאָלט דאָס שױן אויך געװען אַ טריט פֿאָרװערטס.

IV. די אויפגאבען פון היינטיגען טאג.

נאָר דערמיט איז די פראַגע וועגען דער קהלה נאָך ניט געענדיגט. איידער מ'וועט נאָך דורכגעהן אַזאַ רעפאָרם אין די געזעצגעבענדע איינריכטונגען — ווער ווייס ווי־פיעל צייט עס וועט נאָך אַוועקגעהן. און דערווייל פונקציאָנירט דאָך די קהלה, און פונקציאָנירט אַזוי, אַז ס'איז אָך און וועה. בלייבט אַלץ די אַלטע פראַגע: וואָס טהוט מען דערווייל?

ס'איז גאָר קיין ספק ניט, אַז דער היינטיגער תהו־ובהו אין דער יודישער קהלה (איך רעכען, אַז די לאַגע איז אונזערע לעזער אין אַלגעמיין בעקאַנט) איז די סבה, פאַרוואָס עס טהוט זיך אין איהר קיין פרוכטבאַרע געזעלשאַפטליכע אַרבייט. מיר פערשטעהען וועהר גוט, אַז ווען עמיצער דערזעהט די אַלע פיינע „פּאַראַנדקעס", פערליהרט ער אינגאַנצען דעם חשק צו דער אַרבייט. פערשטעהען עמיצען הייסט אָבער ניט — אָבגעבען איהם דעם גערעכט. שוועריגקייטען מעגען קיינמאָל ניט זיין קיין תירוץ, פאַר וואָס מען טהוט ניט. ווען עפּיס איז שוועהר — הייסט דאָס ניט, אַז עס איז אונמעגליך. און אויב ס'איז דאָ כאָטש די קלענסטע מעגליכקייט — דאַרף מען זי אויסנוצען. אויסנוצענדיג מאַכען מיר זי אַלעמאָל גרעסער.

שטעהט די פראַגע: אין וועלכער ריכטונג קען זיך איצט פיהרען די אַרבייט?

לאָמיר בעטראַכטען נאָכאַנאַנד די פערשיידענע פונקציעס פון דער קהלה. וואָס טהוט די קהלה? ערשטענס, נעהמט זי ביי די יודען געלד: קאָראָבקע־ און ליכט־אָבצאָהלונגען. פערניכטען די אָבצאָהלונגען מיט דער אייגענער מאַכט, ניט דורך אַ געזעץ, איז אונמעגליך. אמת, וועגען קאָראָבקע האָט מען פריהער מיט עטליכע יאָהר, אין די פרייע און האַלב־פרייע טעג, געהאַט גערעדט, אַז מען דאַרף זי פערניכטען אויפ'ן איבען־געמאַכטען אופן, נאָר פון די רייד איז גאָרניט געוואָרען. צי איז דאָס געוועזען אַ ריינע אוטאָפּיע — איז שוועהר איצט צו זאָגען; ווי די מעשה איז — היינטיגע צייט קען דערפון ניט זיין קיין רייד. ס'איז אָבער פאַראַן נאָך אַ פונקט, און וועהר אַ וויכטיגער, דגב אונזערע אָפיציעלע (כאָטש אַפילו אומגעבעטענע) „פערוואַרגער" מאַכען זיך וועגען איהם ניט ווימענדיג. די מעשה איז, אַז אָפיציעל איז פאַראַן ניט איינע, נאָר צוויי ערליי קאָראָבקע־אָבצאָהלונגען (אַן אַלגעמיינע און אַ צוגאַב־אָבצאָהלונג): איינע אויף פלייש — די איז אַלעמען בעקאַנט. די צווייטע איז אַזאַ שטייער, וואָס די יודען האָבען דאָס רעכט צו מאָהנען: 1) פון פערדינגען נחלאות; 2) פון אינדוסטריעלע אונטערנעהמונגען, 3) פון ירושות, 4) פאַר טראָגען יודישע קליידער. מיר האָבען דאָ אַלזאָ (אַחוץ פונקט 4, וועלכען מען קען איצט ניט אָנווענדען) וועהר צוועקמעסיגע אָבצאָהלונגען אויף אינדוסטריע, ערד־איינגענטום און ירושות: דאָס איז דירעקטע שטייער, וועלכע ס'וואָלטען געמוזט צאָהלען דוקא די פערמעגליכערע שיכטען. דאַכט זיך, וואָס דאַרף מען נאָך בעסער: דער אינטערעס פון די דעמאָקראַטישע שיכטען פערלאַנגט, אַז אָט דער מין אָבצאָהלונגען זאָל איינגעפיהרט ווערען אַנשטאָט דער איצטיגען, און אַז דער איצטיגער זאָל בלייבען

נאָר אויפ'ן פּאַפּיער, ער זאָל אויפהערען שפּיעלען אַ וויכטיגע ראָלע. דאָס קען מען דורכפיהרען שוין איצט, אין די ראַהמען פון די עקזיסטירענדע געזעצען, און דגב דאָס איז אָבהענגיג ניט נאָר פון דער קהלה (עס מוז דאָס בעשטעטיגען די שטאָדט־אופּראַווע און די גובערנסקע פּראַוולעניע), נאָר ווענדעט זיך דאָס פאַרט מעהר פון אַלץ טאַקע נאָר אָן די יודען גופא. צום בעדויערן, זענען די דעמאָקראַטישע שיכטען ביז אַהער געשטאַנען אָן אַ זייט. די „פּני" הייער האָבען, פערשטעהט זיך, אַפילו אַ פּיפּס ניט געטאָן וועגען דעם מין רעפאָרם, וועלכער איז געגען די אינטערעסען פון זייער בייטעל. עס איז אויך פערשטענדליך, פאַר וואָס אויפ'ן קאָוונער צוזאַמענפאָהר האָט מען זיך געסטאַראַעט די פראַגע צו פערטושען און פאַר וואָס דער פּלאַן האָט ניט געפונען קיין פּלאַץ צווישען די דירעקטיווען פונ'ם צוזאַמענפאָהר. עס איז איבעריג צו רעדען, ווי וויכטיג עס וואָלט געווען אַזאַ רעפאָרם: דערגרייכען זי קען מען נאָר נאָך אַ לאַנגען איינגעשפּאַרטען קאַמפּף מיט די היינטיגע קהל'שע „עסקנים". נאָר אַפילו דער קאַמפּף גופא קען האָבען אַ גרויסע בעדייטונג. דאָס וועט זיין אַ קאַמפּף צווישען דער יודישער אָרימער מאַסע און דער יודישער הערשענדער בורזשואַזיע, אַן ערנסטער און שווערער קאַמפּף פאַר די ברענענדע מאַטעריעלע אינטערעסען; און וועלכע רעזולטאַטען דער קאַמפּף גופא זאָל ניט ברענגען, יעדענפאַלס וועט ער ערציהען די מאַסען און אַריינגיסען אַ ניי לעבען און נייע שטימונגען אין דעם אַלטען, האַלב־פערשימעלטען וועלטעל פון דער יודישער קהלה. צוליעב אַזאַ ציעל איז כדאי ניט זשאַלעווען אי ענערגיע, אי אַרבייט.

דאָס איז די הויפּט־אויפגאַבע אין פעלד פון אָבצאָהלונגען. פאַראַן נאָך אַנדערע קלענערע אויפגאַבען: מען דאַרף, למשל, שטרעבען, אַז אויך די ליכט־אָבצאָהלונג זאָל ווערען ריכטיגער פונאַנדערגעטיילט. נאָר וועגען די אַלע קליינע פונקטען איז ניט דאָ דער אָרט צו רעדען.

מיר געהען איבער צו דער פראַגע, ווי דאָס קהל'שע געלד ווערט אויסגעגעבען, ווי עס ווערען בעפרידיגט די בעדערפענישען פון דער יודישער בעפעלקערונג. וואָס פאַר אומגעלומפּערטע מעשים מיר זעהען דאָ, וואָס פאַר הימעל־שרייענדע „פּאָליטיק", אָהן שום אויפזיכט, אָהן קאָנטראָל, אָהן קריטיק! וואָס פאַר „אויפקלערונגס־אַרבייט" עס פיהרט די יודישע קהלה, און ווי פיהרט זי די אַרבייט שוין דאָרט וואו זי פּרובט עפּיס יאָ טון! אַ קאַמפּף פאַר אַ צוועקמעסיגע שול, אַ קאַמפּף פאַר קולטורעלע איינריכטונגען מוז דאָ געפיהרט ווערען מיט אַלע כחות. די יודישע קהלה קען עפּיס אויפטון — מוז מען זי צווינגען! די יודישע קהלה מוז איינפיהרען אמת'ע שולען אַנשטאָט די היינטיגע „איך־מיר־שולען", זי מוז גרינדען אָדער העלפען גרינדען ביבליאָטעקען, אונטערשטיצען דאָס פאָלקס־טעאַטער און אַז. וו. היינט די גאַנצע שדה צדקה, אין'ם ברייטעסטען זין פון דעם וואָרט! (אַהער רעכענען מיר צו אויך מעדיצינישע הילף — שפּיטאַלען, — הילף פאַר אַרבייטסלאָזע אין פאָרם פון אונטערשטיצונג, וואָס די קהלה וועט געבען די פּראָפעסיאָנעלע פעראיינען, אָדער אויף אַ זעלכען ניט איז אַנדערען אופן). היינט ווייטער די רעליגיעזע אַנשטאַלטען! דערמאָנט זיך נאָר, וואָס עס טוען אָב אונזערע „חברה־קדישאים", בעזונדערס אין די קלענערע

שטעדט. ס'איז דען איבערצוצעהלען די אַלע שענע „געשעפֿטען", וואָס שפּיעלען זיך אָב אין אונזערע קהל'שע אַנשטאַלטען! ווײַל מען בעקומען אַ בילד פֿון אונזער הײַנטיגער קהלה, — זאָל מען בעטראַכטען דעם קלאַבישען „הקדש" מיט אַלע זײַנע ליעבע פּאַראַנדקעס.

דאָ איז דאָ וואָס צו טון. פֿון וואָס הויבט מען אָן? קודם כל — קעמפֿען געגען דעם אָליגאַרכישען גײַסט, וואָס הערשט אין דער קהלה. דאָס איז דער וויכטיגסטער, אָבער אויך דער שווערסטער פּונקט. אָליגאַרכישער גײַסט, די מאַכט פֿון גרופּען, און פֿון יחידים („פּני") דאָס איז — לאָמיר זיך ניט נאַרען — די לינקע זײַט פֿון אַנ'אַנדער ערשײַנונג: דער גלײַכגילטיגקײַט פֿון אונזערע דעמאָקראַטישע שיכטען. די דאָזיגע גלײַכגילטיגקײַט — זי איז די וויכטיגסטע מניעה.

נאָר כדי די מניעה זאָל פֿערשווינדען, פֿעהלט נאָך עפּיס, וואָס מען מוז איצט אַרויסשטעלען אַלס אַ וויכטיגע אויפֿגאַבע. וועקען דעם אינטערעס פֿון דער דעמאָקראַטיע הײַנט — אָרגאַניזירען איהר קאַמף פֿאַר אַ דעה אין דער קהלה. מיט וועמען אָבער קעמפֿט מען, אַרום וועלכע צענטרען? קיינע צענטרען זענען נאָך ניטאָ. די יודישע קהלה האָט ניט קיין בעשטימטע פֿאָרמען, זי האָט ניט קיינע אָרגאַנען*), זי האָט ניט קיין פֿעראַנטוואָרטליכע אַנשטאַלטען, אַלצדינג איז אַנאָנים, אַלצדינג אין די הענד פֿון אײנצעלנע גרופּען. דאָס געזעץ ווייס ניט פֿון קיין אָפֿיציעלע יודישע צענטרען. אָהן צענטרען איז אָבער ניט מעגליך אַרײַנצובריינגען אַ סדר אין די אַרבײַט און ס'איז שווער צו אָרגאַניזירען אַ ברייטע בעוועגונג אַרום די פֿראַגען פֿון דער קהלה. אָהן צענטרען קען מען זיך אָבער ניט בעגעהן — קומט אויס צו בעשאַפֿען אויף זייער אָרט ניט אָפֿיציעלע און האַלב-אָפֿיציעלע אײַנריכטונגען. מיר זעהען טאַקע, אַז אַזעלכע אײַנריכטונגען ווערען אין דער אָדער יענער פֿאָרם אומעטום בעשאַפֿען. די פּראַקטיק איז אין יעדען אָרט פֿערשײדען לויט נאָך די אָרטיגע טראַדיציע, נאָך דעם וואונש פֿון די „פּני" און נאָך דעם ווילען פֿון נאַטשאַלסטווע. אין אײן אָרט איז דאָס — דער ראַט פֿון בעפֿולמעכטיגטע פֿון בתי-מדרשים; אין אַנ'אַנדער אָרט — דער ראַט פֿון גבאים, אין דריטען — די צדקה-גדולה. דער קאָוונער צוזאַמענפֿאָהר האָט פֿאָרגעלעגט אַ ראַט פֿון בית-מדרש-פֿאָרשטעהער, צוזאַמען מיט די פֿאָרשטעהער פֿון צדקה-חברות און קולטורעלע בילדונגס-געזעלשאַפֿטען. דאָס אַלעס זענען האַלב-אָפֿיציעלע אַנשטאַלטען (הגם די אַדמיניסטראַציע קוקט אויף זיי געוועהנליך ווי אויף אָפֿיציעלע פֿאָרשטעהער פֿון די יודען); יורידיש הענגען זיי אין דער לופֿטען, פֿאַקטיש — זענען זיי די בעלי-בתים פֿון דער קהלה. עס איז קלאָר, אַז מען דאַרף אָנווענדען אַלע כחות, כדי צו מאַכען די דאָזיגע אַנשטאַלטען וואָס מעהר דעמאָקראַטיש, כדי צו בעשאַפֿען פֿאַר די מאַסען אַ מעגליכקײַט צו האָבען וועלכע ניט איז דעמאָקראַטישע פֿערטרעטונג. אין וועלכער פֿאָרם דאָס וועט זײַן — הענגט זיך אָן די אָרטיגע בעדינגונגען. די רעזאָלוציע פֿון קאָוונער צוזאַמענפֿאָהר זענען מיר ניט מחויב צו פֿאָלגען; נאָר דאָרט, וואו קיין בעסערס איז ניט מעגליך,

---

*) אַנ'אויסנאַהם איז פּוילען; דאָרטען עקזיסטירט, הגם ניט קיין דעמאָקראַטישע, דאָך אַ צענטראַליזירטע גמינע מיט בעשטימטע יורידישע פֿאָרמען.

זאָלען מיר כאָטש דורכפֿיהרען דאָס קאָוונער פּראָגראַם: אַלץ בעסער ווי גאָרנישט, אַלץ כאָטש אַ מיטעלע, וואו עס קענען אַרײַן דעמאָקראַטישע עלעמענטען. און עס איז זעלבסטפֿערשטענדליך, אַז די דאָזיגע עלעמענטען דאַרפֿען אויסניצען יעדע מעגליכקײַט, שפּאַרען זיך אין יעדען מיטעל, כדי ווי ניט איז בעקומען אַ שטימע און אַ דעה אין דעם דאָזיגען פֿערוואָרפֿענעם ווינקעל פֿונ'ם יודישען לעבען.

אָנווענדענדיג דאָ דעם אַלגעמײנעם פּרינציפּ, וועלכער פֿעראָרדערט צו בעטייליגען זיך צוזאַמען מיט דער בורזשואַזיע אין פֿרײַוויליגע, ניט-אָפֿיציעלע אַנשטאַלטען, צו אַרבײַטען מיט איהר צוזאַמען און אַז. וו., — אָנווענדען דעם דאָזיגען — אין אַלגעמײַן ריכטיגען — פּרינציפּ בנוגע צו דער יודישער קהלה, וואָלט געווען פֿאַלש, ווײַל די איבערגענדערמאַנטע אַנשטאַלטען זענען נאָר פֿון זייער פֿאָרמאַלער זײַט פֿרײַע, עס דאַכט זיך נאָר, אַז זיי זענען ניט קיין צוואַנגס-אַנשטאַלטען, ניט קיין מלוכה-אָרגאַנען. אין אמת'ן זענען די צענטרען פֿון אַ צוואַנגס-אָרגאַניזאַציע — פֿון דער קהלה. אין דער קהלה איז יעדער יוד אַ מיטגליד, צי ער וויל, צי ער וויל ניט, יעדער יוד מוז צאָהלען שטײַער, טראָגען די לאַסטען פֿון דער קהלה. אָבזאָגען זיך פֿון אַנ'אַנטייל אין די קהלה-אָרגאַנען הייסט — באָיקאָטירען די אַנשטאַלטען, וועלכע האָבען פֿאַקטיש אין זייערע הענד די מאַכט, וועלכע בעל-הבית'עווען איבער דעם קהל'שען געלד און פֿערוואַלטען די קהל'שע געשעפֿטען. פֿון אַ פֿרײַוויליגער געזעלשאַפֿט קען יעדער מיטגליד אַרויסגעהן, ווען ער וויל, און איז ער אַרויסגעגאַנגען — האָט איבער איהם די געזעלשאַפֿט מעהר קיין שליטה ניט. פֿון דער קהלה קען דער יוד ניט אַרויסגעהן, און זאָגט ער זיך אָב פֿון צו האָבען זײַנע פֿערטרעטער אין דעם האַלב-אָפֿיציעלען צענטער — בלײַבט דער צענטער פֿונדעסטוועגען דער תקיף, ער טוט וואָס ער וויל, און דער באָיקאָט הייסט נאָר: פּאַסיוו צוזעהן, ווי יענער בעל-הבית'עוועט איבער דעם קהל'שען געלד און איבער די וויכטיגסטע לעבענס-אינטערעסען פֿון יעדען אײנציגען — און שווײַגען און זיך אונטערוואַרפֿען. אין דער פּאַסיוויטעט אָבער ליגט די גאַנצע צרה, דאָס איז די סבה פֿון אַלע שלעק אין דער יודישער קהלה און אין יודישען געזעלשאַפֿטליכען לעבען בכלל. און ביז וואַנען עס וועט ניט פֿערשווינדען דאָס דאָזיגע פּאַסיווע פֿערהאַלטען זיך, ביז וואַנען עס וועט זיך ניט ערוועקען אַ לעבעדיגער, אַקטיווער אינטערעס בײַ די ברייטע מאַסען, ביז וואַנען די מאַסען וועלען ניט אָנהויבען פֿיהרען אַ קאַמף פֿאַר אַ דעה אין די קהל'שע זאַכען, ביז וואַנען זיי וועלען ניט אַרויסרײַסען כאָטש אַ שטיקעל מאַכט פֿון די הענד פֿון די אָליגאַרכען, צעשטערען כאָטש טיילווײַז די אידיליע פֿונעם הײמישען בעל-הבתעווען, — ביז דעמאָלט וועלען אַלע פּראָגראַמען, אַפֿילו די שענסטע און די קלוגסטע, בלײַבען הענגען אין דער לופֿטען.

וול. קאסאוווסקי.

אונטער דעם אויסנאהמס-געזעץ אין דייטשלאנד.

אין דער געשיכטע פון דער דייטשער ארבייטער-בעוועגונג איז פראנקען זעהר א לעהררייכער פעריאד. דאס איז די צייט, ווען מען האט די אוועקגעשטעלט אויסער דער ווירקונג פון די אלגעמיינע געזעצען פון לאנד און בנוגע צו איהר האט געשאפען א בעזונדערער אויסנאהמס-געזעץ, א געזעץ געגען סאציאליסטען, ווי מען האט איהם גערופען. דיזע צייט האט זיך געצויגען גאנצע 12 יאהר און האט פערשאפט דעם ארגאניזירטען דייטשען פראלעטאריאט א סך יסורים און נסיונות. נאר צווישען דיזע לאנגיאהריגע פערפאלגונגען איז די ארבייטער-בעוועגונג שטארק געווארען, האט זיך פאנאנדערגעוואקסען אין דער לענג און אין דער ברייט און האט זיך ענטוויקעלט ביז צו א געוואלטיגער געזעלשאפטליכער קראפט — פערשטעהט זיך, ניט א דאנק דעם אויסנאהמס-געזעץ, נאך דעם כלל, אז „וואס ערגער, אלץ בעסער", נאר ניט קוקענדיג אויף דעם דאזיגען געזעץ.

———

1) די צייט פאר דעם אויסנאהמס-געזעץ.

אין דער צווייטער העלפט פון די 70-גער יאהרען אין פאריגען יאהר-הונדערט האבען די פארטרעטער פון דער ארבייטער-בעוועגונג אנגעהויבען שטארק צו בעאונרוהיגען ביסמארקען, וועלכער איז דאמאלס געשטאנען בראש פון דער דייטשער רעגירונג. ער האט זיך קודם כל געפרואווט צו דערשטיקען די בעוועגונג מיט דער הילף פון פראקיראָרען און געהארכזאמע דינים. די מעשה דערפון איז אזוי. די פארטיי פון דעם דייטשען פראלעטאריאט האט דאמאלס געהאט זעהר אן איינפאכע ארגאניזאציע: דאס איז געווען נור איין פעראיין, פון וועלכען די מיטגליעדער זענען געווען צעזייט איבער גאנץ דייטשלאנד. קיינע ארטיגע פארטיי-ארגאניזאציעס זענען ניט געווען, לכל הפחות, אפיציעל האבען זיי ניט עקזיסטירט. פאר א מיטגליעד פון דער פארטיי האט זיך גערעכענט יעדערער, וועלכער האט אנערקענט דאס פארטיי-פראגראם און האט ארויסגעוויזען דער פארטיי א וועלכע ניט איז אקטיווע הילף, למשל, מיט געלד. וועגען געהערען צו א וועלכער ניט איז ארטיגער ארגאניזאציע האט קיין רייד ניט געקענט זיין. אלע פארטיי-מיטגליעדער, דער צענטער פון פעראיין, פלעגען אויסגעקליבען ווערען אויף דעם אלגעמיינעם צוזאמענפאהר פון די מיטגליעדער, וועלכער האט געדארפט פארקומען אלע יאהר. דאס איז גאר געצוואונגען צו האלטען זיך ביי אזא ארגאניזאציע האבען די געזעצען פון לאנד, דער עיקר, דאס געזעץ וועגען פעראיינען, לויט וועלכען ס'איז פערבאטען געווען אויפצושטעלען א פערבינדונג צווישען איינצעלנע פאליטישע ארגאניזאציעס; נאך דיזעם געזעץ האבען די פאליטישע פעראיינען ניט נור ניט געטאָרט זיך פעראייניגען צווישען זיך, נאר זיי האבען אויך קיין רעכט ניט געהאט צו בילדען פיליאלע אבטיילונגען.

ווי אבער זיי אויף די ערטער האבען עקזיסטירט פערשיידענע פעראיינען, ווי למשל בילדונגס-פעראיינען, וואוהין עס פלעגען אריינגעהן פארטיי-מיטגליעדער, איז עס בכן ניט שווער געווען ארויסצושטעלען די אדער יענע ארגאניזאציע אויפ'ן חשבון פון דער פארטיי און בעשולדיגען זי אין עובר זיין דאס געזעץ. דערמיט האט זיך בענוצט ביסמארק און לסוף אין מערץ 1876-טען יאהר האט ער זיך דערשלאגען צו א פסק-דין פון דעם פרייסישען געריכט, לויט וועלכען די דייטשע סאציאל-דעמאקראטישע פארטיי איז פערמאכט געווארען אין גאנץ פרייסען — לויט דער בעשולדיגונג, אז זי האט געהאט אבטיילונגען אויף די ערטער. דעם ביישפיעל פון פרייסען האבען נאכגעמאכט זאקסען, בייערן און נאך איינינע קלענערע דייטשע מלוכות, אזוי אז לסוף איז די פארטיי געבליבען א לעגאלע ווייניגער איידער אין איין פינפטען טייל פון דייטשלאנד.

באלד האט זיך אבער ארויסגעוויזען, אז

אויפראמען די סאציאלדעמאקראטיע דורך אזא איינפאכען מיטעל איז קיין שום מעגליכקייט ניטא. די סאצ.-דעמאקראטיע האט אפען עקזיסטירט אלס אן ארגאניזירטע פארטיי אנהויבענדיג פון 1863-טען יאהר און פאר דיזער צייט האט זי בעוויזען צו לאזען אזעלכע טיעפע און שטארקע ווארצלען, אז ס'וואלט געווען נאאיוו צו רעכענען, אז מען קען די אבהאקען דורך א פשוט'ען פסק-דין פון געריכט. ווייטער האט די קאנסטיטוציע אין דייטשלאנד פונקציאנירט, גוט אדער שלעכט, שוין זייט 1848-טען יאהר. און אין דעם משך צייט פון כמעט 30 יאהר האט שוין בעקומען א פעסטען קיום א וועלכע ניט איז רעכטליכע אטמאספערע, ביי וועלכער די סאציאל-דעמאקראטיע האט געהאט די מעגליכקייט, כל זמן זי האט זיך געקענט שטיצען אויף די אלגעמיינע געזעצען פון לאנד, צו געפינען דורכאויס לעגאלע מיטלען אויף צו פערהיטען איהר עקזיסטענץ.

אין דער אמת'ן, אין יענע ערטער וואו די פארטיי איז פערמאכט געווען האט מען ניט געטאָרט דירעקט אריינטראגען אבצאהלונגען אין די פארטיי-קאסע, ווייל דאס וואלט געהייסען אונטערשטיצען א פערבאטענעם פעראיין; דיזע שוועריגקייט האט מען אבער בייגעקומען דורך דעם, וואס מען האט אנגעהויבען ארויסצוגעבען אלע חודש א בלעטעל „דער וועהלער", וועלכער האט געקאסט לפי ערך אזוי פיעל, וויפיעל דאס חודש-געלד האט אנגעטראפען. דער יאהרליכער צוזאמענפאהר פון דער פארטיי איז אין 1876 יאהר צונויפגערופען געווארען אין אויגוסט אין דער דייטשער שטאדט גאטא ניט אלס א צוזאמענפאהר פון דער פארטיי, נאר אלס אן „אלגעמיינער סאציאליסטישער קאנגרעס" און דורך דעם האט מען געשאפען די לעגאלע מעגליכקייט צו נעהמען אין איהם אנטהייל אויך פאר די חברים פון יענע ערטער, וואו די פארטיי איז פערמאכט געווען. אויף דעם צוזאמענפאהר האט מען דעם צענטראל-קאמיטעט פון דער פארטיי ניט געקענט אויסקלייבען, נאר בענוצענדיג זיך דערמיט, וואס אין דעם קומענדען יאהר האבען געדארפט פארקומען וואהלען אין רייכסטאג (אלגעמיין-דייטשער פארלאמענט), האט מען אויסגעקליבען א „צענטראל-וואהל-קאמיטעט" פון די מיטגליעדער פון דעם געוועזענעם צענטראל-קאמיטעט. דער וואהל-קאמיטעט האט געדארפט ניט נור אנפיהרען די וואהלען, נאר אויך געהבען אויף זיך די השגחה איבער אלע פארטיי-ענינים און שפיעלען אויף אזא אופן אין דער פראקטיק די ראלע פון א פארטיי-צענטער. איהם האט מען ניט געקענט אזוי לייכט פערמאכען, ווי א פעראיין, ווייל אן ארגאניזאציע, וואס האט זיך געבילדעט צוליעב בעשטימטע וואהלען, איז ניט געשטאנען אונטער דעם געזעץ וועגען פעראיינען. דער פאלגענדער יאהרליכער צוזאמענפאהר (אין מאי 1877, אויך אין גאטא) האט ניט געקענט צוזאמענגערופען ווערען ניט דורך דעם צענטראל-קאמיטעט, וועלכער האט ניט עקזיסטירט, און ניט דורך דעם „צענטראל-וואהל-קאמיטעט", וועלכער האט פארמעל קיין שום שייכות ניט געהאט צו דער פארטיי; עס האבען איהם צונויפגערופען די מיטגליעדער פון דער סאצ.-דעמאקראטישער פראקציע אין רייכס-טאג. אויף דעם צוזאמענפאהר האט מען צוליעב די פאליציאנטישע רדיפות בעשלאסען לחלוטין אבזאגען זיך פון דעם געדאנק צו געבען דער פארטיי א בעשטימטע ארגאניזאציאנס-פארם, איבערלאזענדיג די חברים צו ארגאניזירען זיך אין יעדען ארט לויט די ארטיגע בעדינגונגען און בעדערפעניסען. אויף אזא אופן האט די פארטיי פערשטאנען צוצופאסען זיך צו די נייע בעדינגונגען: זייענדיג פערמאכט איז זי געבליבען ביי איהר אפענעם, לעגאלען פארטיי-צענטער, האט צונויפגעקליבען ווי פריהער די פארטיי-אבצאהלונגען און האט אבגעהאלטען איהרע אפענע יאהרליכע צוזאמענפאהרען.

באלד האט זיך ביסמארק געמוזט איבערציינען, אז די „פערמאכטע" סאציאלדעמאקראטיע האט ניט אויפגעהערט צו עקזיסטירען און איז נאך שטארקער געווארען. דאס האבען בעוויזען די וואהלען אין רייכסטאג אין 1877 יאהר, ווען פאר די קאנדידאטען פון דער סאציאל-דעמאקראטיע האט מען אבגעגעבען נאהענט פון א האלבען מיליאן שטימען. עס איז געווען קלאר, אז בלייבענדיג אויפ'ן יסוד פון דעם אלגעמיינעם קאנסטיטוציאנעלען רעכט, קען מען צו דער סאציאלדעמאקראטיע קיין סוף ניט מאכען, און ביסמארק האט בעשלאסען אוועקצושטעלען זי אויסער די אלגעמיינע געזעצען פון לאנד, אבגעבען זי אונטער דער שליטה פון א בעזונדערען אויסנאהמס-רעזשים. נאר דערצו האט מען געמוזט האבען א פאסיגען אויסרייד. און דער אויסרייד האט זיך באלד געפונען: דאס זענען געווען די אטענטאטען אויף דעם לעבען פון'ם קייזער, צו וועלכע די סאצ.-דעמ. האט לחלוטין קיין שום שייכות ניט געהאט.

נאך דעם ערשטען אטענטאט, וועלכער האט

זיך אײַנגעזעצט ניט אײַנגעגעבען (אין מאי 1878), האט ביסמארק אַרײַנגעטראָגען אין רײַכסטאג אַן אויסנאַהמס-געזעץ, וואָס האָט אָפּגעשאַפט פאַר דער סאָצ.-דעמאָקראַטיע די פרײַהײַט פון דער פּרעסע און פון פעראײַנען. נאָר דיזען געזעץ האט מען פערוואָרפען. עס איז אָבער נאָך דעם קוים א וואָך דורכגעגאַנגען און מען האט ווידער געשאָסען אין קײַזער און דעם מאָל האט מען איהם שווער פערוואונדעט. דער מיטעלער עולם איז אָנגעשראָקען געוואָרען דורך די אטענטאטען; ער איז אויפגעבראַכט געווען געגען דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, וועלכע ער האט געהאַלטען פאַר די שולדיגע פון דיזע אטענטאטען, ווי דאס האט איהם נאָכאַנאַנד גע'טענה'ט די פּרעסע פון דער רעגירונג און פון איהרע מקורבים. ס'איז אויף אזא אופן געשאַפען געוואָרען אַן אַטמאָספערע, זעהר א גינסטיגע פאַר די פּלענער פון דער רעגירונג, און ביסמארק האט פאַנאַנדערגעלאָזען דעם רײַכסטאג און בעשטימט נײַע וואַהלען. אויף דער צײַט פון די וואַהלען האט ער אײַנגעפיהרט א רעזשים פון אַנ'עכטען ווײַסען טעראָר, וועלכער האט געצילט נאָך מעהר צו-ביטערען די בעפעלקערונג געגען דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, ווײַל זי האט, הײסט עס, דירעקט ארויסגערופען דיזע רדיפות, און ער האט געגען דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פּאַרטיי מאָביליזירט אלע פּאָליציי-קרעפטען פון דער מלוכה. דער נײַער רײַכסטאג איז געווען געהאָרכזאַמער ווי דער אַלטער און האט דעם 19-טען אָקטאָבער 1878 אָנגענומען דאָס געזעץ געגען סאָציאַליסטען.

2) דאָס אויסנאַהמס-געזעץ און די צעשטערונג פון דער פּאַרטיי-אָרגאַניזאַציע.

דאָס סאָציאַליסטען-געזעץ האט געגעבען דער פּאָליציי אַן אויסערגעוועהנליכע מאַכט אין די הענד. די פּאָליציי האט בעקומען דאָס רעכט צו פערבאָטען מיט איהר אײגענער דעה לחלוטין אלץ, אין וואָס זי האט געקענט ערבליקען „סאָציאַלדעמאָקראַטישע, סאָציאַליסטישע אָדער קאָמוניסטישע" צילען און טענדענצן: פעראײַנען, פערזאַמלונגען, עפענטליכע יום-טובים, פּראָצעסיעס, דרוק-זאַכען, געלד-זאַמלונגען.

אמת, אין צוויי פּונקטען איז די מאַכט פון דער פּאָליציי געווען בעגרענצט דורך דעם געריכט: נור דורכ'ן משפט האט מען געקענט בעגרענצען דאָס וואוינרעכט פון „פּראָפעסיאָנעלע אַגיטאַטאָרען" און ווידער מאָל: נור דורכ'ן משפט האט מען געקענט אָפּנעהמען דאָס רעכט צו בעשעפטיגען זיך מיט זײער פּראָפעסיע, בײַ שענקער, רעסטאָראַטאָרען, מוכרי-ספרים, און בעלי-הבתים פון דרוקערײַען, ביבליאָטעקען און לעזע-צימער.

די פאָלמאַכט פון דער פּאָליציי האט נאָר קײן אָבהאַלט ניט געהאט אין די ערטער, וואו די פערשטאַרקטע שמירה געגען דעם סאָציאַליזם פלעגט פערבײַטעט ווערען דורך די אויסערגעוועהנליכע, וואו עס פלעגט אײַנגעפיהרט ווערען דער „קלײַנער בעלאַגערונגס-צושטאַנד". דאַמאָלסט האט זיך אלץ געווענדעט אָן דער פּאָליציי און אלץ פלעגט רעגולירט ווערען דורך אָבליגאַטאָרישע פּאָליציי-פעראָרדנונגען: צונויפרופען פערזאַמלונגען, פערקויפען און פערשפּרײַטען דרוק-זאַכען, בעהאַלטען אָדער טראָגען בײַ זיך געוועהר. נאָר וואָס עס פלעגט מאַכען די פּאָליציי פאַר אַלמעכטיג אין אַזעלכע פאַלען — דאָס איז געווען איהר רעכט אַרויסצושיקען יעדערען, אויף וועמען זי וואַרפט א חשד אָדער האַלט פאַר געפעהרליך.

פאַר עובר-זײַן די בעשטימונגען פון דעם „געזעץ געגען סאָציאַליסטען" (נעהמען אַנ'אַנטײל אין א פערבאָטענעם פעראײַן אָדער פערזאַמלונג, פערשפּרײַטען פערבאָטענע דרוק-זאַכען און דער גל.) האט געקימט געפענגניס אָדער א געלד-שטראַף. געוועהנליך זענען דאָס געווען פאַר אונז גוט בעקאַנטע קאָמבינאַציעס: 500 מאַרק שטראַף אָדער 3 חדשים געפענגעניס, 1000 מאַרק שטראַף אָדער 6 חדשים געפענגניס. ס'זענען אויך געווען שטרענגערע בעשטראַפונגען, למשל, א גאַנצער יאָהר געפענגניס אָהן דעם רעכט צו פערבײַטען עס מיט א געלד-שטראַף פאַר ס. ד., וואָס שפּילען אַנ'אָנפיהרענדע ראָלע אָדער פערנעהמען וועלכע ניט איז שטעלען (אָנפיהרער פון פערבאָטענע פעראײַנען און פערזאַמלונגען, רעדנער, קאַסירער, פּאַרטיי-אַגענטען און אַז. וו.). מען מוז בעמערקען, אז בעשטראַפט פלעגט מען ווערען נור געריכטליך דורך א משפט, אָבער ניט אַדמיניסטראַטיוו.

דאָס געזעץ געגען סאָציאַליסטען האט אָנגענומען בײַ דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע אלע קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיען און אויף דער ווײַטער ווײַלע האט עס געדראָהט צו דעם צערפאַל פון דער גאַנצער אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט, ווי פון דער פּאָליטישער אזוי אויך פון דער פּראָפעסיאָנעלער. תּיכף נאָכ'ן אַרויסגעבען פון דעם געזעץ זענען פערמאַכט געוואָרען כמעט אלע פּאָליטישע צײַטונגען פון דער פּאַרטיי (פון 47 צײַטונגען זענען נור 2 געבליבען לעבען). די פּראָבע צו פערבײַטען די פערמאַכטע צײַטונגען דורך אַנדערע, וואָס זאָלען ניט געפאַרבט זײַן אין א בעשטימטען קאָלער, האָבען זיך דער ס'רוב ניט אײַנגעגעבען. ווײַטער, זענען פערמאַכט געוואָרען אלע „אַרבײַטער-פעראײַנען", וועלכע זענען ענטשטאַנען אין א גרויסער צאָהל נאָכדעם ווי מען האט פאַנאַנדערגעלאָזען די פּאַרטיי אין 1876 יאָהר און וועלכע האָבען געטראָגען א כאַראַקטער פון פּאָליטישע אָרגאַניזאַציעס; לסוף — אלע געווערקשאַפטען, אויסער נור אײניגע, וואָס האָבען געהאַט א שם פאַר דורכאויס כשרע, ווי דער פעראײַן פון די דרוקער. בסך הכל זענען פאַר די ערשטע אַכט חדשים זײַט דאָס געזעץ איז אַרויס, ביז צום 30-טען יוני 1879, פערבאָטען געוואָרען: 222 אָרגאַניזאַציעס, 127 פּעריאָדישע און 278 אונפּעריאָדישע אויסגאַבען. פון דעם האָבען אַגב אויך שטאַרק געליטען די דרוקערײַען פון דער פּאַרטיי. וועלכע דרוקערײַען זענען געווען 16 (זיי זענען געגרינדעט געווען אויף שותּפות דורך די אַרבײַטער פאַר זײערע אײגענע געלד). פערמאַכט האט מען זיי ניט, נאָר די פערניכטונג פון דער פּאַרטיי-פּרעסע האט זיי געבראַכט כמעט צו א באַנקראָט; אין בערלין, וואו קײן שום פּאַרטיי-אויסגאַבע איז ניט מעגליך געווען, האט די דרוקערײַ ליקווידירט איהרע געשעפטען, אָבער די פּראָווינציעלע דרוקערײַען, וועלכע האָבען געוואָלט ווי עס איז אָבצוהאַלטען די אָבשפּאָרונגען פון די אַרבײַטער, האָבען זיך בעמיהט צו האַלטען זיך אויפ'ן וואַסער דורך פאַרבלאָזוג צײַטונגען.

מיט א בעזונדערע אכזריות פלעגט אָנגעווענדט ווערען דאָס אויסנאַהמס-געזעץ אין בערלין, אין דעם הויפּט-נעסט פון דער ס.-ד. בעוועגונג. שוין קוים אין צוויי וואָכען אַרום נאָך דער אַרויסגעבונג פון דעם געזעץ איז די פּאַרטיי געבליבען דאָרטען אָהן יעדער מעגליכקײט אויסצודריקען איהר מײנונג אין דער פּרעסע, ווײַל קײן שום אַרבײַטער-צײַטונג, ווי מעסיג זי זאָל ניט זײַן, איז דאָרטען ניט צוגעלאָזען געוואָרען. די אָרגאַניזאַציע פון פּראָלעטאַריאַט איז ערגעץ ניט צעשטערט געוואָרען אזוי פאָלקאָמען און גרינדליך, ווי אין בערלין: אפילו די געזאַנג-פעראײַנען פון די אַרבײַטער זענען פערמאַכט געוואָרען דורך א בעפעהל פון 31 אָקטאָבער 1878. דאָס רעכט צו פערזאַמלען זיך האט מען בײַ די בערלינער אַרבײַטער אינגאַנצען אַוועקגערויבט. אפילו אין יענע זעלטענע פאַלען, ווען פערזאַמלונגען פלעגען שוין יע ערלויבט ווערען,

פלעגט זיך די פּאָליציי אויך געפינען א וועלכען ניט איז אונגילטיגען תּירוץ אויף פאַנאַנדערצולאָזען זיי תּיכף צוריק. אין אָנהויב האָבען די סאָצ.-דעמאָקראַטען געפּראָבט בענוצען זיך מיט די פערזאַמלונגען, וואָס די ליבעראַלען פלעגען צונויפרופען, — כּדי אַרויסצוזאָגען זײער מײנונג מכּח די פראַגען, מיט וועלכע דער רײַכסטאַג פלעגט זיך בעשעפטיגען. נאָר אויסנוצען א פרעמדע טריבינע פלעגט זיך זיי זעלטען אײַנגעבען און באַלד איז עס נאָר אונמעגליך געוואָרען, ווײַל, כּדי פּטור צו ווערען פון די סאָציאַלדעמאָקראַטישע געסטען, האָבען די ליבעראַלען צוריק אײַנגעפיהרט דאָס סיסטעם, וואָס איז פריהער בײַ זיי געווען אין דער מאָדע, — צונויפרופען פערזאַמלונגען אויף בילעטען.

בעזונדערס שווער איז געוואָרען די לאַגע פון דער פּאַרטיי אין בערלין נאָך דעם ווי אין דער שטאָדט און אין דער אַרומיגער געגענד האט מען ערקלערט דעם „קלײַנעם בעלאַגערונגס-צושטאַנד", און דאָס איז געשעהען עטוואָס שפּעטער ווי אין א חדש אַרום נאָך דער אַרויסגעבונג פון דעם געזעץ, דעם 29 נאָוועמבער 1878. שוין אויפ'ן אַנדערען טאָג האָבען 67 אָנגעזעהענע פּאַרטיי-טוער בעקומען א הודעה, אז זיי ווערען אַרויסגעשיקט. כּדי די סאָציאַלדעמאָקראַטיע זאָל בעזונדערס שטאַרק פיהלען דעם טעם פון דיזער בעשטראַפונג פלעגט מען אַרויסשיקען דער ס'רוב אַזעלכע מענשען, וואָס האָבען אויף זיך געהאַט א פאַמיליע, — דאָס האט זיך פּראַקטיקירט ניט נור אין בערלין, נאָר אין גאַנץ דײַטשלאַנד אין די ערטער פון דעם „בעלאַגערונגסצושטאַנד" — און אויף אײַנצואָרדנען די פּערזענליכע ענינים פלעגט מען געבען העכסטענס דרײַ טאָג צײַט, אָפט ניט מעהר ווי אײן טאָג אָדער נאָר אפילו עטליכע שעה.

עס וואָלט אָבער א טעות געווען צו רעכענען, אז אין בערלין זענען די רדיפות דערגאַנגען ביז צום העכסטען פּונקט. ס'זענען געווען ערטער — און אפילו אין דעם מעהר פרײַערען, דרום-טײל פון דײַטשלאַנד, — וואו די פּאָליציי האט נאָך מעהר געווילדעוועט, וואו עס פלעגט אויף אזוי פיעל דערשטיקט ווערען יעדער אויסדרוק פון דער אַרבײַטער-בעוועגונג, אז דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע זענען קײן שום אַנדערע אַגיטאַציאָנס-מיטלען ניט געבליבען, ווי אויסער ניי- פערשפּרײַטען בלעטלאך בײַ נאַכט.

3) דער קאַמף מיט „אַלע" מיטלען.

די געהיימע אָרגאַניזאַציע.

אונטער די שווערע קלעפּ פון דעם געזעץ געגען סאָציאַליסטען זענען די רייהען פון דער סאָצ. דעמ. פּאַרטיי געוועסט צעווידערים געוואָרען, נאָר דאָס האָט ניט לאַנג געדויערט. די פּאַרטיי געפינט באַלד מיטלען ווי אַוועקצושטעלען די אַרבייט ביי די נייע בעדינגונגען. נאָך בעת מען האָט אַרומגעקלערט אין רייכסטאַג דאָס נייע געזעץ געגען סאָציאַליסטען איז אין דער פּאַרטיי פאַנאַנדערגעקליבען געוואָרען די פראַגע, וואָס מען זאָל טאָן, ווען דאָס געזעץ וועט אַרויס. צו אַ בעשטימטען בעשלוס איז מען ניט געקומען. נאָר דעם געדאַנק וועגען אַ געהיימע אָרגאַניזאַציע האָט מען פערוואָרפען. דער אַלגעמיינער פּלאַן איז געווען צו בלייבען אין די ראַהמען פון „געזעצליכקייט", נאָך מעהר דערפאַר, ווייל מען האָט געהאָפט אַז נאָך דעם ערשטען אַבערגאַנג פון דער פּאָליציי־משוגעת, וועט דאָס לעבען פון דאָס ניינע און די אָפענע פּאַרטיי אַרבייט וועט אַזוי אָדער אַזוי ווידער מעגליך ווערען.

דיזע שטימונג פון די פּאַרטיי־קרייזען האָט זיך קלאָר אויסגעדריקט אין דעם אויפרוף פון די פּאַרטיי־מיטגליעדער, וועלכע מען האָט אַרויסגעשיקט פון בערלין תיכף נאָך דער איינפיהרונג פון דעם „בעלאַגערונגס־צושטאַנד". אין דיזען אויפרוף האָבען זיי מזהיר געווען די חברים פון די נעצען, אין וועלכע די פּאָליציי וויל זיי אַריינגאַרען: „טרייבט פון זיך אַוועק די ספּיאָנירער, וואָס ווילען אייך אויפרייצען צו מאַכען געהיימע פערבינדונגען אָדער בונטען", „זייט רוהיג", „לאָזט אייך ניט פּראָוואָצירען", „אונזער געזעצליכקייט וועט מוזען ברענגען אונזערע פיינד צו אַ פאָלשטענדיגער מפּלה".

נאָר אינגאַנצען איז דיזעס פּראָגראַם ניט אויסגעפיהרט געוואָרען. די סאָציאַלדעמאָקראַטען האָבען אפילו אין די שלעכטעסטע צייטען פון דעם „סאָציאַליסטען־געזעץ" ניט געלאָזען זיך פערפיהרען דורך דער פּראָוואָקאַציע פון דער רעגירונג, און די ליעבהאָבער פון „בונטען", וואָס האָבען זיך געפונען צווישען זיי האָבען ווייטער ניט געקענט געהען, ווי נור צו בילדען אַ נישטווערטיגע אַנאַרכיסטישע חבורהלע; נאָר דאָס באָדען פון „געזעצליכקייט" האָבען די סאָצ.־דעמ. סוף כל סוף געמוזט פערלאָזען אין אויסערן; „געהיימע פערבינדונגען" האָט זיך זיי ניט איינגעגעבען.

אמת, מען דאַרף דאָס ניט פאַלש פערשטעהען, מען טאָר ניט מיינען, אַז די געהיימע אָרגאַניזאַציע האָט ביי די דייטשע סאָצ.־דעמ. געפינען נור אַ בעגרענצטע אַנווענדונג, זי איז אָדער אויפגעבוים געווען צוליב אַ וועלכער ניט איז בעשטימטער פונקציע, אָדער זי איז ניט אַרויס פון תחום פון דער איינציגער שטאָט; נאָר די פּאַרטיי אינגאַנצען איז קיינמאָל ניט אָרגאַניזירט געווען אומלעגאַל; קיין אומלעגאַלער פּאַרטיי־אָרגאַניזם, מיט אַנדערע ווערטער, קיין פערצווייגטע אומלעגאַלע אָרגאַניזאַציע מיט אַ גאַנצען לייטער פון נידעריגע אין העכערע איינהייטען פון דעם אָרטיגען קאָלעקטיוו אונטען ביז דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון אויבען, איז קיינמאָל אין דייטשלאַנד ניט געווען. אויף אַזאַ אופן האָבען אין אַ געוויסען זין די מחברים פון דעם אויפרוף אפילו אין דעם פּונקט פון „געהיימע פערבינדונגען" אויך געקענט צופרידען בלייבען: צו דער בילדונג פון אַן אומלעגאַלער פּאַרטיי איז עס ניט געקומען, די פּאַרטיי אינגאַנצען האָט זיך קיינמאָל אין דעם אונטערערדישען הייל ניט פערקליבען; גענוג צו זאָגען, אַז דער צענטער פון דער פּאַרטיי, איהר אָנפיהרענדער קאָלעקטיוו, האָט אַלע מאָל פונקציאָנירט, ווי מיר וועלען ווייטער אונטען זעהען, לעגאַל.

אין דער ערשטער צייט האָט די סאָציאַלדעמאָקראַטיע וואָרנפעלמיי אויסגעמיידען אַלעס, וואָס מען האָט געקענט רעכענען פאַר אַ חטא געגען דער „געזעצליכקייט": אפילו דער צענטראַל־וואַהל־קאָמיטעט, וועלכער האָט פערטרעטען, ווי אונז איז שוין בעקאַנט, דעם צענטראַל־קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי, אויך דיעזער האָט זיך אַליין פאַנאַנדערגעלאָזען שוין דעם 19־אָקטאָבער 1878, אין דעם טאָג, ווען דער רייכסטאַג האָט אָנגענומען דאָס געזעץ געגען סאָציאַליסטען, און די אָנפיהרונג פון דער פּאַרטיי איז איבערגעגאַנגען אינגאַנצען צו דער סאָצ.־דעמ. פראַקציע אין פּאַרלאַמענט.

נאָר דאָס לעבען האָט נאָך איינגעבראָכען דיזע טאַקטיק און האָט געצוואונגען די סאָציאַלדעמאָקראַטען אַרויסצוגעהן אויס׳ן וועג פון אומלעגאַלער טעטיגקייט. דיזע ענדערונג פון דער טאַקטיק האָט אפילו אויך בעקומען דעם הכשר פון אַ בעשלוס פון דער פּאַרטיי: אויף דעם ערשטען (געהיימען) צוזאַמענפאָהר נאָך דער אַרויסגאַבע פון דעם געזעץ געגען סאָציאַליסטען, אין אויגוסט 1880, איז בעשלאָסען געוואָרען אויסצוענדערען דאָס פּראָגראַם (אָנגענומען אין 1875) אין דעם ענין, אַז די פּאַרטיי שטרעבט צו דערגרייכען איהרע ציעלען דורך אַלע מיטלען, און ניט נור דורך „געזעצליכע", ווי עס האָט פריהער געהייסען אין פּראָגראַם.

דאָס ערשטע וואָס האָט געטריעבען די סאָציאַלדעמאָקראַטען אויס׳ן אומלעגאַלען וועג, דאָס איז געווען די אָרגאַניזירונג פון הילף פאַר די געזינדען פון די אַרויסגעשיקטע. „חברים, געדענקט וועגען אונזערע ווייבער און קינדער" — דיזע צוואה פון די אַרויסגעשיקטע האָט מען שטענדיג שטרענג אָנגעהיט. נאָר אָפען העלפען זיי האָט די פּאָליציי בכלל ניט דערלאָזען, דעריבער האָבען די געלד־זאַמלונגען פאַר די פערשיקטע געדיענט פאַר דעם אויסגאַנגס־פּונקט פון דער געהיימער אָרגאַניזאַציע. עטוואָס שפּעטער האָט די געהיימע אָרגאַניזאַציע בעקומען איהר ווייטערע ענטוויקלונג צוליעב דעם, וואָס ס׳איז נויטיג געוואָרען צו פערשפּרייטען בלעטלעך אין, דער עיקר, צו טראַנספּאָרטירען און פערשפּרייטען דעם צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּאַרטיי, וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין אויסלאַנד.

אין דעם משך פון אַ גאַנצען יאָהר איז די פּאַרטיי געבליעבען אָהן אַ צענטראַל־אָרגאַן: אין דייטשלאַנד האָט מען איהם ניט געקענט אַרויסגעבען, און וועגען אַן אויסלענדישען אָרגאַן האָט מען אין די אָנפיהרענדע קרייזען פון דער פּאַרטיי אַ לאַנגע צייט ניט געוועלט הערען, און ס׳איז אינטערעסאַנט, אַז איינער פון די טעמים געגען אַן אויסלענדישער צייטונג איז געווען אַזאַ, אַז זי וועט מיט איהר שאַרפקייט נאָך מעהר פאַנאַנדערבלאָזען די שנאה צו דער סאָצ.־דעמאָקראַטיע, וועלכע ביסמאַרק האָט פערזייט צווישען די נייטראַלע שיכטען פון דער בעפעלקערונג. נאָר סוף כל סוף האָבען אויך דאָ די פאָדערונגען פון לעבען גובר געווען דעם פּאַרטיי־קאָנסערוואַטיזם. אין 1879־טען יאָהר זענען אַרויסגעשוואומען זעהר פערוויקעלטע פראַגען וועגען דער עקאָנאָמישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג ווי אויך וועגען די געגענזייטיגע בעציהונגען פון די בורזשואַזע פּאַרטייען. די פאַרבלאָזע פּאַרטיי־צייטונגען, וועלכע האָבען דאַמאָלס וואָס ניט וואָס עקזיסטירט, האָבען ניט געקענט העלפען פאַנאַנדערוויקלען דיזען פּלאָנטער, ווייל זיי האָבען געמוזט אויסמיידען אפילו יעדע קלענסטע קריטיק פון דער אָרגאַניזאַציע פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. אפילו די פּאַרלאַמענט־טריבונע איז אין דעם פאַל אויך געווען צו קנאַפּ. אויסער דעם איז פאַר דער פּאַרטיי אויפגעקומען די סכנה פון אַ צערשפּאַלטונג צווישען די אַרבייטער איבער דעם נייעם תוהו־ובהו, וואָס האָט אָנגעהויבען זיך צו פערלאָפען.

די מעשה דערפון איז אַזאַ. זייט דעם אָנפאַנג פון 1879 האָבען אין אויסלאַנד שוין אָנגעהויבען אַרויסצוגעהן צוויי צייטונגען, „די לאַטערנע" און „די פרייהייט", וועלכע עס האָבען אַרויסגעגעבען צוויי עמיגראַנטען פון דייטשלאַנד, סאָציאַלדעמאָקראַטען. דיזע צייטונגען זענען אַרויסגעגאַנגען אָהן דער דעה און דעם קאָנטראָל פון דער פּאַרטיי. זיי פלעגען אָבער אַריינדרינגען אין דייטשלאַנד און בעקומען אַן איינפלוס אויף די מחות פון די אַרבייטער, בעזאָנדערס „די פרייהייט", וועלכע ס׳האָט רעדאַגירט אַן אָנגעזעהענער מיטגליעד פון דער פּאַרטיי, מאָסט, וואָס האָט זיך אַלץ מעהר דערווייטערט פון סאָציאַלדעמאָקראַטיזם. אויף אַזאַ אופן האָט אויף דעם מעהר בעוואוסטזיניגען טייל פון די אַרבייטער אָנגעהויבען צו פערשפּרייטען זיך די ווירקונג פון דער האַלב־אַנאַרכיסטישער „פרייהייט", דער ווייניגער ענטוויקעלטער טייל איז אַריינגעצויגען געוואָרען אין דעם זומפּ פון די פאַרבלאָזע לעגאַלע צייטונגען.

ביי די אָנגעוויזענע אומשטענדען איז אַרויסגעבען אין אויסלאַנד אַ פעראַנטוואָרטליכען פּאַרטיי־אָרגאַן — געוואָרען איינע פון די נויטיגסטע אויפגאַבען. דאָס האָבען געמוזט מודה זיין אויך די אָנפיהרענדע קרייזען פון דער פּאַרטיי, און דעם 28 סעפּטעמבער 1879 הויבט אָן אַרויסצוגעהן אַזאַ אָרגאַן אין ציוריך (שווייץ), אונטער דעם נאָמען „סאָציאַלדעמאָקראַט", דעם ערשטען יאָהר אונטער דער רעדאַקציע פון פאָלמאַר, דערנאָך ביז צום סוף — פון עדואַרד בערנשטיין.

אַזוי ווי דאָס איז געווען אַ פעריאָדישע אויסגאַבע און אַרויסגעהן פלעגט זי פּונקטליך אַלע וואָך, האָט איהר בעדייטונג פאַר דער פּאַרטיי ביז צו אַ גרויסען גראַד געווענדט זיך אין דער רעכטצייטיגער און רעגעלמעסיגער צושטעלונג אין דייטשלאַנד; צוליעב דעם האָט מען געמוזט האָבען אַ פּונקטליך ווירקענדען אַפּאַראַט. — „די רויטע פעלדפּאָסט" — האָט זיך איינגעגעבען צו בעשאַפען און ער האָט פונקציאָנירט מיט אַזאַ רעגעלמעסיגקייט, אַז ניט קוקענדיג אויף דער שטרענגסטער השגחה פון דער פּאָליציי, איז דער

צענטראַל־אָרגאַן פון דער פּאַרטײ דורכגעגאַנגען אין דײַטשלאַנד פון האַנט צו האַנט אין טויזענדער עקזעמפּלאַרן, למשל, אין 1887 יאָהר פלעגט ער רעגעלמעסיג פערשפּרייט ווערן אַלע וואָך אין אַ צאָהל פון איבער 10 טויזענד עקז.

אין אײניגע ערטער, וואו די פּאָליציאישע בעדינגונגען זענען געווען בעזונדערס אונגינסטיג פאַר דער סאָצ.־דעמ. אַרבײַט, איז דאָס פאַרטײַלען ביז צו אַ בעדײַטענדען גראַד געווען געדײַט, פערבאָרגען, עס האָט זיך ענטוויקעלט אַן אונלעגאַלע אָרגאַניזאַציע מיט אַ סך און זעהר קאָמפּליצירטע פונקציעס. בעזונדערס איז אויסגעוואַקסען די געהײמע אָרגאַניזאַציע אין בערלין און זי האָט געהאַט די פאָלגענדע פאָרם: די גאַנצע בעוועגונג האָט אָנגעפיהרט אַ צענטראַל־קאָמיטעט, „צעקאַ", ווי מען האָט איהם פשוט גערופען. די אָרגאַניזאַציע איז געווען צוגעפּאַסט צו די וואַהל־קרײַזען, וועלכע זענען פאַראַנען אין בערלין 6, און איז געווען אײַנגעטײלט אין 8 ראַיאָנען (די גרויסע וואַהל־קרײַזען, דער 4 און דער 6, די פעסטונגען פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע, דאָרטען געהאַט צו צוויי ראַיאָנען). בראש פון יעדען ראַיאָן איז געשטאַנען אַ מיטגליעד פון צ. ק., וועלכער איז אויף אַזאַ אופן בעשטאַנען פון 8 מענשען. די ראַיאָנען זענען ווידער אײַנגעטײלט געווען אין אָבטײלונגען; בראש פון יעדער אָבטײלונג איז געשטאַנען דער זאָגענאַנטער „הויפּטמאַן"; יעדער „הויפּטמאַן" האָט געהאַט אַ בעשטימטע צאָהל „פערטרויענסמענער", און די לעצטע פון זײער זײַט — בעהעלפער. דיזע געהײמע אָרגאַניזאַציע האָט געשפּיעלט אַ געוואַלטיגע ראָלע אין דער בעוועגונג פון דעם בערלינער פּראָלעטאַריאַט: זי האָט פערשפּרייט דעם „סאָציאַלדעמאָקראַט", האָט געזאַמעלט געלד פאַר די אַרעסטירטע, אַרויסגעשיקטע און זײערע געזינדען, האָט געדרוקט און פערשפּרייט פּראָקלאַמאַציעס, בעשעפטיגט זיך מיט דער אַגיטאַציע, אַרויסגעשטעלט קאַנדידאַטען צו די וואַהלען אין רײַכסטאַג, בכלל אָרגאַניזירט די פאָרבערייטונגס־אַרבײַט צו די וואַהלען אין רײַכסטאַג און אין בערלינער שטאָדט־ראַטה, און אַז. ה. אין אַז. ה.

די בערלינער געהײמע אָרגאַניזאַציע האָט געהאַט אין איהר רשות אַ גרויסע צאָהל אַקטיווע פּאַרטײ־טוער, וועגען וועלכער עס קען געבען אַ האָכערע ניט איז פאָרשטעלונג דער פאָלגענדער פאַקט: דעם 13 אַפּריל 1884 איז, כדי צו בעטראַכטען די פראַגען, וואָס האָבען אַ שייכות צו די וואַהלען אין רײַכסטאַג, פאָרגעקומען אין בערלין אַ געהײמע אַסיפה פון די סאָצ.־דעמ. „פערטרויענסמענער". אויף וועלכער עס זענען געווען איבער טויזענד מענשען, און אין אַ וואָך אַרום האָבען זיך צוזאַמענגעקליבען אין 6 פערשײדענע ערטער די „פערטרויענסמענער" פון יעדער וואַהל־קרײַז בעזונדער — צו 200—300 מענשען אויף יעדער פערזאַמלונג. דער אומשטאַנד, וואָס עס פלעגט זיך אײַנגעבען צונויפצורופען אונטער'ן רעלסען נאָז פון דער בערלינער פּאָליציי אַזעלכע, לפי ערך גרויסע, אָרגאַניזאַציאָנס־פערזאַמלונגען, בעווײַזט שוין אַליין, אַז דער אונלעגאַלער אַפּאַראַט איז געווען גוט אײַנגעאָרדנעט; נאָך קלאָרער איז דאָס קענטיג פון דעם, וואָס דער פּאָליציי האָט זיך זעלטען אײַנגעגעבען צו דערגיהען ביז'ן צענטער פון דער אָרגאַניזאַציע; אין דער געשיכטע פון דער בערלינער אַרבײַטער־בעוועגונג קענען מיר נור צוויי בעדײַטענדע פאַקטען פון דיזען מין: דעם 15 יולי 1887 האָט מען אַרעסטירט דעם גאַנצען בערלינער צ. ק. (נאָך דער זיצונג), און דעם 27 אַפּריל 1888 האָט מען פערלאַפּט אַ געהײמע דרוקעריי (מיט אַ סטערעאָטיפּען־אַפּאַראַט) בשעת מען האָט געדרוקט אַ בלעטעל פון צ. ק. (פאַר דעם אַרעסט האָט מען דאָך בעוויזען אָבצודרוקען און אַוועקטראָגען 200 טויזענד עקז. פון דיזען בלעטעל). בײדע אַרעסטען זענען פאָרגעקומען איבער אַ פערראַטה.

די אונלעגאַלע אָרגאַניזאַציע פון דער דײַטשער סאָציאַלדעמאָקראַטיע פלעגט אויספיהרען נאָך אײנע, גאָר אַ ספּעציעלע פונקציע, וועגען וועלכער עס איז כדאי צו זאָגען אַ פּאָר ווערטער. מיר האָבען אין זינען דעם קאַמפּף מיט דער אינוועניגסטער שפּיאָנעריי, וועלכע די פּאָליציי פלעגט מיט גרויס חשק אײַנפלאַנצען. די אַגענטען־פּראָוואָקאַטאָרען פלעגען זיך ניט נור בעשעפטיגען מיט דער סאָצ.־דעמ. אַרבײַט און אויספיהרען די געוואוינליכע שליחות פון אַ שפּיאָן, געבענדיג צו וויסען דער פּאָליציי וועגען דעם, וואָס עס קומט פאָר אין די אָרגאַניזאַציעס, נאָר זײ פלעגען זיך נאָך אויך בעמיהען צו קאָמפּראָמעטירען די בעוועגונג.

זײַט דעם אָנפאַנג פון די 80־גער יאָהרען איז אין דײַטשלאַנד, אונטער דעם אײַנפלוס פון די אכזריות'דיגע רדיפות פון דער רעגירונג, אויפגעקומען דער אַנאַרכיזם; צו אַ מערקליכער פערשפּרייטונג צווישען די דײַטשע אַרבײַטער האָט ער ניט דערגרייכט, דערפאַר אָבער האָט די פּאָליציי אויסגעצייכענט גענוצט, ווי צו בענוצען

זיך מיט איהם געגען דער סאָצ.־דעמ.. אַגענטען־פּראָוואָקאַטאָרען פלעגען צוזאַמענשטעלען און פערשפּרייטען בלוטדורשטיגע בלעטלעך, צוגרייטען באָמבעס, ברענגען פון אויסלאַנד אַנאַרכיסטישע ליטעראַטור, אָרגאַניזירען רויבערייען און הריגות, אפילו פערקלײַבען זיך אין די צײַטונגען; למשל, דער פערוואַלטער פון דער עקספּעדיציע פון דער צײַטונג „פרײַהײט", וועגען וועלכער מיר האָבען שוין דערמאָנט, איז געווען אַ שפּיאָן, וואָס האָט פערשטאַנען ווי צו געווינען דאָס פאָלקסטע פערטרויען פון מאָסט; פון דײַטשלאַנד האָבען אין דער צײַטונג קאָרעספּאָנדירט צוויי שפּיאָנען; געשריבען האָבען זײ, פערשטעהט זיך, בלוט־קאָרעספּאָנדענציעס, אין וועלכע זײ האָבען ניט אויפגעהערט צו רופען צו פּאָליטישע הריגות.

אויף צו קעמפּפען מיט דיזער אינהעגינגמער פּראָוואָקאַציע האָט די סאָצ.־דעמ. אָרגאַניזירט אַ מין „ערקונדיגונגס־דיענסט". אַ דאַנק דיזער אָרגאַניזאַציע האָט זיך אײַנגעגעבען, בעזאָנדערס אין די יאָהרען 1887—1888, אַראָבצורײַסען די מאַסקע פון אַ סך אַגענטען־פּראָוואָקאַטאָרען, און בפרט צו מאַכען די מערקווירדיגע ענטדעקונג, וועלכע האָט אַלעמען פערוואונדערט, אַז ניט ווייניג בערלינער סאָצ.־דעמ., אַקטיווע און אפילו אָנגעזעהענע מיטגליעדער פון דער אָרגאַניזאַציע, האָבען שוין אין דעם משך פון יאָהרען געדינט דער פּאָליציי. די ידיעות פון דיזער אַרט פלעגען זיך דרוקען אין „סאָציאַלדעמאָקראַט" אונטער דער אונטערשריפט „די אײַזערנע מאַסקע" און פלעגען זעהר בעאונרוהיגען די דײַטשע פּאָליטישע פּאָליציי.

4) דער אָפּענער קאַמפּף. די פּאָליטיק פון דעמאָראַליזירען די אַרבײַטער.

ווי וויכטיג עס איז ניט געווען די געהײמע אָרגאַניזאַציע, וועלכע מיר האָבען נאָר וואָס בעשריבען, האָט זי דאָך פונדעסטוועגען קײן צענטראַלען אָרט אין דעם לעבען פון דער סאָצ.־דעמ. ניט פערנומען, ווײַל די פּאַרטײ אינגאַנצען האָט זיך שטענדיג בעמיהט אָבצוהיטען ביז צו דער לעצטער מעגליכקײט איהרע אָפענע, לעגאַלע פּאָזיציעס און זי האָט זײ אײַנגעהאַלטען ביז צו דעם אָדער יענעם גראַד אפילו אין די ערנסטע צײַטען. וועגען דער פּראָפעסיאָנעלער בעוועגונג איז ניטאָ וואָס צו רעדען, זי האָט קײנמאָל ניט געוואוסט פון דעם אונטעראירדישען הייל.

דאָס, וואָס עס האָט געהאָלפען דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע צו האַלטען זיך אויף דער אויבערפלעכע פון דעם געזעלשאַפטליכען לעבען, דאָס איז געווען דער אָפּענער פּאָליטישער קאַמפּף פון דעם פּראָלעטאַריאַט, זײַן אַקטיווער אָנטײל אין פּאָליטישען לעבען פון לאַנד — אַ דאַנק דעם אַלגעמײנעם און גלײַכען וואַהלרעכט צו די וואַהלען אין פּאַרלאַמענט.

די רעגירונג האָט זיך ניט געקענט בעשליסען אָבנעמען אָדער בעגרענצען דאָס וואַהלרעכט פון די אַרבײַטער צוליעב צוויי טעמים: פֿײלווײַז דערפאַר, ווײַל צום סוף פון די 70־גער יאָהרען איז די אַרבײַטער־בעוועגונג שוין אויסגעוואַקסען ביז צו דער מדרגה פון אַן ערנסטער געזעלשאַפטליכער מאַכט, צו וועלכער מען האָט זיך געמוזט בעציהען מיט אַ געוויסער פאָרזיכטיגקײט, און ביז צו אַ בעדײַטענדען גראַד נאָך אויך דערפאַר, ווײַל די רעגירונג, וואָס האָט זיך געשטיצט אויף די פּריצים, די אַגראַריער, האָט אַלע מאָל געטראָגען אַ שנאה אויף דער ליבעראַלער בורזשואזיע און כדי צו האַלטען דיזע בורזשואזיע אין דער מורא און אין געהאָרזאַמקײט האָט זי געמוזט האָבען געגען איהר אָנגעגרייט אַ שטענדיגע בײַטש אין דער געשטאַלט פון דער פּאָליטישער זעלבסטשטענדיגקײט פון פּראָלעטאַריאַט.

די וואַהלען און אַליין, וואָס דערמיט איז פערבונדען, — אַט וואָס עס האָט געגעבען דער סאָצ.־דעמ. אין די הענד אַ מעכטיגען מיטעל פון אַגיטאַציע און אָרגאַניזאַציע פון די אַרבײַטער־מאַסען, און געגען דעם איז אין דער אינטערשטער שורה להלוטין אַהנגעמאַכט געווען דאָס סאָציאַליסטען־געזעץ. די וואַהלען האָבען געשאַפען פאַר דער סאָצ.־דעמ. אַ לעגאַלען, נאַטירליכען פּאַרטײ־צענטער אין דער געשטאַלט פון דער סאָצ.־דעמ. פראַקציע אין רײַכסטאַג, אַ צענטער, וועלכען מען האָט ניט געקענט פערמאַכען, אַרויסשיקען אָדער פערשטעקען אין געפענגניס. אין דער צײַט פון דער ווירקונג פון דעם אויסנאַהמס־געזעץ זענען די וואַהלען אין רײַכסטאַג געווען אַ גאַנץ אָפטע ערשײַנונג: די הויפּט־וואַהלען זענען פאָרגעקומען 4 מאָל (אין 1881, 1884, 1887 און 1890), אויסער דעם זענען געווען ניט ווייניג טײלווײַזע ערזאַץ־וואַהלען.

די וואַהלען, בעזונדערס אין דער ערשטער העלפט פון די 80־גער יאָהרען, זענען פאָרגעקומען, מוז מען זאָגען, בײַ די שרעקליכסטע בעדינגונגען פאַר דער סאָצ.־דעמ.: למשל, בעת דער וואַהל־קאַמפּאַניע אין 1881 פלעגען די סאָצ.־דעמ. אַרויסגעשיקט ווערען פון די ערטער,

דאַן כאָטש ערקלערט געװען דער „בעלאַגערונגס־צושטאַנד“, די סאָצ.־דעמ. װאַהל־פֿעראַמלונגען זענען, פֿערשטעהט זיך, בכלל געװען אַ סכּנה־זאַך, פֿאַר פֿערשפּרייטען סאָצ.־דעמ. װאַהל־בלעטלעך און אפילו שטימצעטלען פֿלעגט מען אַרעסטירען און אָבהאַלטען גאַנצע װאָכען אײַנגעשפּאַרט, ס. ד. קאַנדידאַטען האָבען זיך געפֿינען אונטער דער אָפֿענער פּאָליציי־אױפֿזיכט און שפּיאָנען פֿלעגען זיי אומעטום נאָכגעהן טראָט בײַ טראָט פֿון אין דער פֿרי ביז שפּעט אין דער נאַכט. אין איינצעלנע ערטער איז געװען נאָך ערגער, למשל, אין בערלין האָט מען די געסטען פֿון די סאָציאַלדעמאָקראַטישע קאַנדידאַטען גענומען אויסשרײַען פֿון פּובליקום אויף פֿרעמדע פֿעראַמלונגען; מען רעדט שוין ניט װעגען דעם, װאָס אָפֿענע װאַהל־קאָמיטעטען און װאַהל־פֿאָנדען זענען געװען אוממעגליך.

די פּאָליציי האָט אויף אַזוי פֿיעל געװילדעװעט, אַז אַפילו דער רײַכסטאַג, װאָס האָט בסדר פֿון דאָס ניי געגעבען זײַן הסכּם אויף דעם סאָציאַליסטען־געזעץ, האָט געפֿונען פֿאַר נייטיג אַרײַנצומישען זיך אין דעם ענין. און אין 1884 האָט ער אויסגעפּטשעט, אַז די װאַהל־פֿעראַמלונגען, װאָס סאָצ.־דעמ. רופֿען צונויף, שטעהען ניט אונטער דעם סאָציאַליסטען־געזעץ און אַז אַ שטימצעטעל איז ניט קיין דרוק־זאַך אין זינען פֿון סאָציאַליסטען־געזעץ; נאָר די פּאָליציי האָט, פֿערשטעהט זיך, װײַטער געהאַנדעלט מיט דיזע בעשטימונגען. אָבער קיינערליי פּאָליציאישע רדיפֿות האָבען ניט געקאָנט פֿערהינדערן די געװאַלטיגע אַגיטאַציאָנישע און אָרגאַניזאַציאָנישע בעװעגונג פֿון די װאַהלען, בשעת װאָס פּראָלעטאַריאַט האָט זיי ניט װי פֿאַרט געפֿיהרט אַן אָפֿענעם פּאָליטישען לעבען.

מען דאַרף אויך ניט פֿערגעסען, אַז די אַרבײַטער האָבען זיך ניט בעגרענצט מיט די װאַהלען אין רײַכסטאַג; זיי האָבען זיך אויך בעטייליגט אין די װאַהלען פֿון איינציגע לאַנדטאָגען און פֿון די שטאָדט־פֿערװאַלטונגען, ניט קוקענדיג אויף דעם, װאָס כּמעט דאָ, בײַ ראַיטען, האָבען די געהאַט בעצוקומען די שטאַרקסטע מניעות, און דער געשטאַלט פֿון צענזוס און דער אָפֿענער אָבשטימונג.

אויב די רעגירונג האָט ניט געקאָנט לחלוטין בעזײַטיגען דעם פּראָלעטאַריאַט פֿון דער פּאָליטישער טעטיגקייט, װײַל צוליעב דעם האָט איהר קודם כל אויסגעקומען אָבצושאַפֿען דאָס אַלגעמיינע װאַהלרעכט, װאָס ס'איז איהר אוממעגליך געװען, האָט זי נאָך װייניגער געקאָנט דערשטיקען זײַן עקאָנאָמישע טעטיגקייט, זײַן פּראָפֿעסיאָנעלע בעװעגונג, װײַל צוליעב דעם װאָלט מען געמוזט חרוב־מאַכען דעם מעכאַניזם פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער פּראָדוקציאָן, װאָס טרײַבט די אַרבײַטער אויפ'ן װעג פֿון פֿעראייניגונג און אָרגאַניזאַציע.

מיר װייסען שוין, אַז באַלד װי עס איז גילטיג געװאָרען דאָס סאָציאַליסטען־געזעץ זענען פֿערנאַכט געװאָרען אַלע געװערקשאַפֿטען, אויסער נור איינינע נישטהערסיגע אויסנאַהמען. די גרינדונג און דאָס פֿונקציאָנירען פֿון נייע פֿעראיינען האָט מען אויף אַלערליי אופֿנים אָבגעהאַלטען און געשטערט; צוליעב דעם פֿלעגט די פּאָליציי אויסטראַכטען די װאונדערליכסטע המצאות. זי האָט, למשל, ערקלערט די געװערקשאַפֿטען פֿאַר פּאָליטישע פֿעראיינען, אויף דעם סמך, הייסט עס, װאָס די פֿראַגען פֿון דער אַרבײַטער־שוץ־געזעצגעבונג געהערען שוין צום ענין פֿון פּאָליטיק, און פֿלעגט זיי פֿערבאָטען אויפ'ן גרונד פֿון דעם אויסנאַהמס־געזעץ. נאָר ניט לאַנג האָט געדויערט דיזע פּראַקטיק פֿון דער פּאָליציי, ניט קוקענדיג אויף דעם, װאָס די 80־ער יאָהרען זענען בכלל געװען אונגינסטיג פֿאַר אַ ברייטע פּראָפֿעסיאָנעלע בעװעגונג; דאָס איז געװען אַ צײַט פֿון אַ כּסדרדיגען שטילשטאַנד אין דער אינדוסטריע, װאָס האָט זיך געצויגען ביז צום 1888־טען יאָהר און איז דורכגעבראָכען געװאָרען דורך בעסערע מאָמענטען פֿון אויפֿבליהונג נור אין אָנהויב, אין מיטען און דאַן ערשט צום סוף פֿון די 80־ער יאָהרען.

פֿונדעסטװעגען, איז גענוג געװען אַ האַסערע ניט אין עקאָנאָמישע אויפֿלעבונג אין אָנהויב פֿון די 80־ער יאָהרען, כּדי די שטרעבונג צו פֿעראייניגונג זאָל זיך דורכרײַסען פֿון זיך אַליין בײַ די אַרבײַטער און זאָל מאַכען אַ תּל פֿון די פּאָליציאישע צוימען, װי דאָס איז בעזאָנדערס קענטיג אויף דעם בײַשפּיעל פֿון בערלין, װאו דער אויסנאַהמס־רעזשים האָט זיך אויסגעצייכענט מיט אַ בעזונדערער שטרענגקייט. אין בערלין זענען אין אָנהויב פֿון 1882 שוין געװען 18 פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען; דיזע פֿעראיינען זענען אפילו געװען פֿעראייניגט צװישען זיך דורך אַ צענטראַל־ביוראָ, װעלכע האָט אָפֿען עקזיסטירט און װעלכע די פּאָליציי האָט צוגעלאָזען אין דעם משך פֿון אַ גאַנצען יאָהר. פֿאַר די פֿערזאַמלונגען אויף צו בעטראַכטען פּראָפֿעסיאָנעלע פֿראַגען פֿלעגט מען קיינע מניעות ניט מאַכען; זיי פֿלעגען פֿאָרקומען אָפֿט און אויף זיי פֿלעגט קומען אַ גרויסער עולם. אין 1885 האָט אין דײַטשלאַנד שוין עקזיסטירט אַ געדיכטער נעץ פֿון פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראיינען, און װעלכע עס האָבען זיך געפֿונען איבער 80 טויזענד מיטגליעדער; דאָס איז שוין געװען אַן ערנסטע קראַפֿט און ס'איז קיין ספֿק ניט, אַז נור די האָט מעגליך געמאַכט די ברייטע פּעטיציע־בעװעגונג פֿון 1885: װען די סאָצ.־דעמ. פֿראַקציע האָט אַרײַנגעטראָגען אַ פּראָיעקט פֿון אַ געזעץ װעגען אַרבײַטער־שוץ, האָבען די אַרבײַטער פֿערלאַנגט פֿון רײַכסטאַג, אַז מען זאָל דאָס געזעץ אָננעהמען, און פּעטיציעס, אויף װעלכע ס'האָבען זיך געפֿונען אַ האַלבער מיליאָן חתימות.

מען דאַרף בעמערקען, אַז אַ געװיסען חלק אין די ערפֿאָלגען פֿון דער פּראָפֿעסיאָנעלער בעװעגונג אין יענע יאָהרען מוז מען אויך אַװעקשטעלען אויפ'ן חשבון פֿון דעם, װאָס מען האָט דאַמאָלס גערופֿען די „מילדע פּראַקטיק“ פֿון דער רעגירונג: די רעגירונג האָט בכיון געגעבען אַ ביסעל פֿרײַהייט דער „רײנער אַרבײַטער־בעװעגונג“ מיט דער האָפֿנונג, אַז די אַרבײַטער װעלען זיך אָבקעהרען פֿון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע.

ניט װייניגער װי די „מילדע פּראַקטיק“, האָט מיטגעהאָלפֿען דעם װאוקס פֿון דער אַרבײַטער־בעװעגונג די דעמאָראַליזירונגס־פּאָליטיק, װעלכע די רעגירונג האָט אָנגעװענדעט בנוגע צו די אַרבײַטער אין דעם פֿערלויף פֿון דער ערשטער העלפֿט פֿון די 80־ער יאָהרען. מיר װעלען אָנװײַזען אויף די הויפּט־מאָמענטען פֿון דער דאָזיגער פּאָליטיק.

אין 1880 קעהרען זיך אום מיט דער ערלויבניס פֿון דער פּאָליציי אין בערלין צװיי אַרויסגעשיקטע סאָצ.־דעמ. און פּרואװען זיך גרינדען אַ נייע אַרבײַטער־פּאַרטיי, װעלכע זאָל לעבען בשלום מיט דער פּאָליציי און זאָל ניט געהען װײַטער װי דער ביסמאַרקישער „סאָציאַליזם“. פֿונדעסטװעגען האָט די פּאָליציי ניט געקאָנט אונטערשטיצען אַ לאַנגע צײַט דעם דאָזיגען אײַנפֿאַל, װײַל אויף די פֿעראַמלונגען, װאָס פֿלעגען צונויפֿגערופֿען װערען צוליעב דער אַגיטאַציע פֿאַר דער נייער פּאַרטיי, פֿלעגען קומען דער עיקר ס. ד. אַרבײַטער, און פֿלעגען זיי אויסנוצען צוליעב די ציעלען פֿון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע. מען האָט געמוזט מאַכען אַ סוף צו דיזע פֿערזאַמלונגען.

אויך אַזאַ ביטערען פּסק האָט געהאַט די רעגירונג, װען זי האָט זיך געפּרואװט אײַנפֿלאַנצען דעם אַנטיסעמיטיזם צװישען די אַרבײַטער. די אַנטיסעמיטישע בעװעגונג, װעלכע ביסמאַרק האָט שטאַרק געשיצט, די בעװעגונג, בראש פֿון װעלכער ס'איז געשטאַנען דער בעװאוסטער גלח שטעקער, איז אויסגעשװאוכען אין אָנהויב פֿון די 80־ער יאָהרען און אין 1881–1882 האָט זי צוגעצויגען צו זיך די אַלגעמיינע אויפֿמערקזאַמקייט, דער עיקר אין בערלין. כּדי צו געבען דעם אַנטיסעמיטיזם די מעגליכקייט אַרײַנצוכאַפּען אין זײַנע נעצען די אַרבײַטער איז אויסגעקומען צו ערלויבען אַרבײַטער־פֿעראַמלונגען. עס האָט זיך אָבער באַלד אַרויסגעשטעלט, װאָס פֿאַר אַ פֿאַלשען חשבון די רעגירונג האָט געמאַכט: אויף די אַרבײַטער־פֿעראַמלונגען האָט מען דעם אַנטיסעמיטיזם זעהר שאַרף קריטיקירט און פֿערװאָרפֿען. אַלס אַ בײַשפּיעל װעלען מיר אָנװײַזען אויף אַ גרויסער אַרבײַטער־פֿעראַמלונג, װאָס איז פֿאָרגעקומען אין בערלין דעם 11־טען יאַנואַר 1881 אויף דער טעמע: „די פּאָזיציע פֿון די אַרבײַטער אין דער יודען־פֿראַגע“; מען האָט אָנגענומען אַ רעזאָלוציע, װעלכע פּראָטעסטירט שאַרף געגען דעם אַנטיסעמיטיזם, אַלס אַ בעװעגונג, װאָס איהר צװעק איז, אין דער אונטערשטער שורה, צו בעגרענצען די דורך דער קאָנסטיטוציע גאַראַנטירטע רעכטען פֿון די יודען און װעלכע לעגט פֿאָר צו שטימען בײַ די פֿאָרשטעהענדע װאַהלען נור פֿאַר אַזעלכע קאַנדידאַטען, װאָס װעלען אַרויסטרעטען געגען יעדערליי אויסנאַהמס־געזעצען. עס פֿערשטעהט זיך, אַז די אַרבײַטער־פֿעראַמלונג, װאָס איז צונויפֿגערופֿען געװאָרען תּיכף נאָך דעם מיט דער זעלבער טאַגעס־אָרדנונג, האָט מען שוין פֿערבאָטען.

אָבער ניט דער אַנטיסעמיטיזם און ניט די פּראָבען צו בעשאַפֿען אַ פּאָליצײַליך־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי האָבען געשפּיעלט די הויפּט־ראָליע אין דער „אַרבײַטער־פּאָליטיק“ פֿון דער רעגירונג; איהר צענטראַל־פּונקט, איהר הויפּט־נערװ איז געװען — דאָס שפּיעלען אין „סאָציאַלע רעפֿאָרמען“. די סדרה פֿון „סאָציאַלע רעפֿאָרמען“ האָט זיך אָנגעהויבען מיט אַ טראָן־רעדע, װאָס איז געהאַלטען געװאָרען אין רײַכסטאַג דעם 17־טען נאָװעמבער 1881; אין איהר איז דורכגעפֿיהרט געװאָרען דער געדאַנק, אַז ס'איז, הייסט עס, נאָך װעניג צו דערשטיקען די סאָצ.־דעמ. „עקסצעסען“ (געװאַלד־טהאַטען), מען מוז אויך שאַפֿען װאָס ניט איז „פֿאָלקס־װאָהל“ פֿאַר די אַרבײַטער און דאָס „פֿאָלקס־װאָהל“ איז דאָ גופֿא פֿאָרגעלעגט גע־

װאָרען אין אַ גאַנצער רשימה פון הבטחות: די מלוכה־פערזיכערונג געגען אומגליקליכע צופאַלען, קראַנקען־קאַסען, פערקלענערען דעם יאָך פון די שטײַערען און דאָס גל. דעם בײַשפּיעל פון ביסמאַרק׳ן האָבען נאָכגעמאַכט אַלע בורזשואַזע פּאַרטײען אין רײַכסטאַג און האָבען אָנגעהויבען צו רעדען װעגען דעם „װאויל פון די אַרבײַטער".

די אַקציען פון דעם „אַרבײַטער־װאויל" זענען געשטאַנען אין אַ הויכען קורס אויף דער רעגירונגס־בירזשע ביז׳ן רעכטען מיטען פון די 80־ער יאָהרען, װען די רעגירונג האָט זיך איבערצײַגט אין דעם באַנקראָט פון איהר פּאָליטיק צו דעמאָראַליזירען די אַרבײַטער. דער באַנקראָט פון דיזער פּאָליטיק איז בעזאָנדערס בולט קענטיג געװאָרען אין 1885, װען די רעגירונג האָט אַלײן געבראַכט אַ גלענצענדע ראיה, װי אַזוי זי זאָרגט װעגען דעם „װאויל" פון די אַרבײַטער: צוליעב דער טובה פון די פּריצים, די אַגראַריער, האָט מען בעדײַטענד געהעכערט די גרענעץ־אָבצאָהלונגען אויף ברויט, פלײש, האָלץ, בראַנפען און אַז. װ. די פּאָליטיק פון „סאָציאַלע רעפאָרמען" האָט זיך פערענדיגט מיט אַן אָפענער בערויבונג פון דעם אַרבײַטס־מאַן.

אָבער די פּאָליטיק צו געפינען חן אין דעם אַרבײַטערס אויגען, צו שפּיעלען די ראָלע פון זײַן בעל־טובה, האָט ניט װײניג נוצען געבראַכט דער אַרבײַטער־בעװעגונג: געניג צו זאָגען, אַז די רעגירונג האָט געמוזט געבען די אַרבײַטער אַ װאָסערע ניט איז מעגליכקײט צו פערזאַמלען זיך, װײַל די אָפענע פערזאַמלונגען זענען געװען דער אײנציגער מיטעל צו פּראָפּאַגאַנדירען די אַר־בײַטער אין ביסמאַרק׳ס פּלענער פון „סאָציאַלע רעפאָרמען" און „באַאַרבײַטען" זײ לטובה פון דער רעגירונג.

5) די פערשטאַרקונג פון די רדיפות. דער באַנקראָט פון דעם אויסנאַהמס־געזעץ.

אין 1886 לעגט מען אָהאָק די „מילדע פּראַקטיק" אין אַרכיװ. די רעגירונג פערשטאַרקט פון דאָס נײַ די רדיפות און פאַלט אָן מיט האַסט װי אויף דער פּאָליטישער, אַזוי אויך אויף דער פּראָפעסיאָנעלער בעװעגונג פון פּראָלעטאַריאַט. ס׳איז אַרויס אַ ספּעציעלער צירקולאַר װעגען שטרײַקען, װאָס האָט געהאַט דעם ציעל צו שטערען דער בעװעגונג פאַר העכערע שכירות, װעלכע איז דאַמאָלס פאָרגעקומען, בעזונדערס די שטאַרקע בעװעגונג צװישען די בוי־אַרבײַטער אין בערלין. דער פּועל־יוצא פון צירקולאַר איז געװען אַזאַ, אַז מען האָט אַרויסגעשיקט פון דער הויפּטשטאָדט אַ סך אָנפיהרער פון דער פּראָפעסיאָנעלער בעװעגונג, דערינען אויך די פיהרער פון די בערלינער מוליאַרען. װײַטער, דאָס רעכט פון פערזאַמלונגען אין די ערטער פון דעם „קלײנעם בעלאַגערונגס־צושטאַנד" האָט מען נאָך מעהר בעגרענעצט דורך דער בעשטימונג, אַז װעגען יעדער פערזאַמלונג מוז מען געבען צו װיסען דער פּאָליצײ מיט 48 שעה פריהער, כדי צו בעקומען פון איהר אַ ספּעציעלע ערלויבניס. אויף דעם סמך פון דיזען צוגעקומענעם פאַראַגראַף האָט מען אין בערלין נור אין דעם אײן חודש מאַי 1886 פערבאָטען 47 פערזאַמלונגען, צװישען זײ איבער 33 פּראָפעסיאָנעלע, 11 ערלויבטע פערזאַמלונגען האָט מען פאַנאַנדערגעלאָזען און מען האָט פערמאַכט אַ סך אַרבײַטער־פערײנען.

די רדיפות פּראַקטיקירען זיך נאָך אויך אין די פאָלגענדע יאָהרען, למשל בשעת די װאַהלען אין רײַכסטאַג אין 1887 האָט די פּאָליצײ אין בערלין כסדר פאַנאַנדערגעלאָזען פערזאַמלונגען, געמאַכט אָנפאַלען אויף די דרוקערײַען און קאָנפיסקירט הונדערטער טויזענד סאָצ.־דעמ. װאַהל־בלעטלעך, געװאָרפען אַנ׳אימה אויף די רעסטאָראַנען, אַזוי, אַז מען האָט כמעט ניט געקענט קריגען קײן זאַלען אויף פערזאַמלונגען, און אַז. װ. דער „קלײנער בעלאַגערונגס־צושטאַנד" װעלכער איז אין 1878—1881 אײנגעפיהרט געװאָרען אין בערלין, האַמבורג און לײַפּציג מיט װײַטערע אַרומיגע שטעדט, איז אין פעברואַר 1887 אויך פערשפּרײט געװאָרען אויף פראַנקפורט אַם מײַן מיט דער אַרומיגער געגענד.

ס׳איז כדאי בעזונדערס אָנצואַװײַזען אויף די „געהײמבונד־פּראָצעסען", װי מען האָט זײ גערופען, ד. ה. די משפּטים װעגען געהערען צו אַ געהײמער חברה. די דאָזיגע משפּטים האָבען פערנומען אַ גרויסען אָרט אין דעם סיסטעם פון די רדיפות פון דער רעגירונג: ביז 1886 זענען פאָרגעקומען 24 אַזעלכע משפּטים, און פון אויגוסט 1886 ביז צום סוף יאַנואַר 1889 שוין גאַנצע 55. צום סוף פון 1889 האָט די רעגירונג געמאַכט דעם ספּעקטאַקעל פון אַ גרויסען „געהײמבונד־פּראָצעס" מיט 87 בעשולדיגטע, האָבענדיג דערבײַ אין זינען דעם ספּעציעלען ציעל צו בעקומען מאַטעריאַל אויף צו פערפיהרען אַ „געהײמבונד־פּראָצעס" געגען דער גאַנצער סאָצ.־דעמ. פראַקציע אין רײַכסטאַג, נאָר דיזער אײנפאַל האָט זיך ניט אײנגעגעבען.

מען האָט אויך ניט געלאָזען צו רוה די פּאָליטישע עמיגראַנטען, װאָס האָבען זיך אויפגעהאַלטען אין אויסלאַנד; אַזוי, למשל, האָט מען אין 1888, לויט דער פאָדערונג פון דער דײַטשער רעגירונג, אַרויסגעשיקט פון שװײץ די רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע פון דעם „סאָציאַלדעמאָקראַט"; מען האָט איהם געמוזט אָנהויבען אַרויסצוגעבען אין לאָנדאָן.

מען דאַרף אמת זאָגען, אַז אין דער צװײטער העלפט פון די 80־ער יאָהרען — און װאָס נעהענטער צו די 90־ער אַלץ מעהרער — איז אין דער פּראַקטיק פון דער פּאָליצײ בנוגע צו דער אַרבײַטער־בעװעגונג דאָס סיסטעם אַלץ אָפטער פערביטען געװאָרען דורך דער אַנאַרכיע: דאָס װאָס אין אײן אָרט איז ערלויבט, איז אין דעם אַנדערען פערװעהרט און פערקעהרט; פערבאָטענדיג און פערבאַלענדיג פערזאַמלונגען, דערלאָזט די פּאָליצײ צו גלײַכער צײַט די גרינדונג פון אַרבײַטער־אָרגאַניזאַציעס, און דאָס גל. דיעזע שװאַנקונגען זענען געװען דער בעסטער סימן, אַז דאָס אויסנאַהמס־געזעץ און די פּאָליצײ־פּראַקטיק, װאָס איז אויף איהם געװען געבויט, האָבען פאָלשטענדיג באַנקראָטירט.

און אין דער אמת׳ן, אין דיזען באַנקראָט האָט מען אין דער צװײטער העלפט פון די 80־ער יאָהרען בשום אופן שוין ניט געקענט צװײפלען, אפילו בעטראַכטענדיג די זאַך פון אויבען אויף.

ניט קוקענדיג אויף דעם צירקולאַר װעגען שטרײַקען און נאָך אַזעלכע מיטלען, עטװיקעלט זיך די פּראָפעסיאָנעלע בעװעגונג אָהן אַנ׳אויפהער און אָנהויבענדיג פון 1888, װען עס קומט אָן אַ אינדוסטריעלע אויפבליהונג, דריקט זי זיך אויס אין אַ שטאַרקער בעװעגונג פאַר העכערען די שכירות. די שטרײַקען האָבען אָנגענומען אַנ׳עפּידעמישען כאַראַקטער און ריסען אַרויס אפילו אַ װידערשטאַנד פון די אַרבײַטער גיסאַ און אַ שטרעבונג אויפצושטעלען זײ אין געװיסע גרעניצען: אַזוי האָט דעם 12־טען מאַי 1890 אין בערלין אויף אַ פערזאַמלונג פון אַלע פּראָפעסיאָנעלע פערײנען אָנגענומען אַ בעשלוס צו גרינדען אַ „שטרײַקען־קאָנטראָל־קאָמיסיע". פון דיעזער קאָנטראָל־קאָמיסיע, װעלכע האָט באַלד אָנגעהויבען צו פונקציאָנירען, איז שפּעטער אויסגעװאַקסען די „בערלינער געװערקשאַפטס־קאָמיסיע", װעלכע האָט בעקומען אַ שם אין דער געשיכטע פון דער פּראָפעסיאָנעלער בעװעגונג.

די ענטװיקלונג פון דער פּאָליטישער בעװעגונג האָט זיך אויפ׳ן קלאָרסטען אויסגעדריקט אין דעם װאוקס פון דער צאָהל שטימען, װאָס פלעגען אָבגעגעבען װערען פאַר דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע בעת די װאַהלען אין רײַכסטאַג. די כח פון דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע איז שוין קענטיג געװען בעת די װאַהלען פון 1878, בעת די װאָגענאַנטע „אַטענטאַטס־װאַהלען", װען די רעגירונג האָט געגען איהר אָנגעװענדעט איהר גאַנצע אונטערדריקונגס־מאַשין: גענוג צו זאָגען, אַז פאַר דעם משך פון אַ חודש צײַט, זײַט מען האָט פאַנאַנדערגעלאָזען דעם רײַכסטאַג, ביז די װאַהלען, האָט מען צונויפגעשטעלט 600 יאָהר געפענגניס נור אַלײן אויף די משפּטים װעגען מאַיעסטעטס־בעלײדיגונג (ד. ה. פאַר אָנריהרען דעם כבוד פון קײסער). און פונדעסטװעגען האָט דאָך די סאָציאַלדעמאָקראַטיע אײנגעהאַלטען אויף די װאַהלען כמעט אַלע איהרע פּאָזיציעס. נאָך אַ גרעסערער חידוש איז דער רעזולטאַט פון די װאַהלען אין 1881, די ערשטע װאַהלען נאָך דער אײנפיהרונג פון דעם געזעץ געגען סאָציאַליסטען. בײַ דער סאָציאַלדעמאָקראַטיע האָט מען דאַן אָבגענומען יעדע מעגליכקײט פון אַגיטאַציע, װאָס איז קלאָר קענטיג, למשל, פון אַזאַ פאַקט: אין בערלין האָט מען געקענט עפענטליך אַרויסשטעלען די קאַנדידאַטור פון בעבעל׳ן פאַר דעם 4־טען װאַהל־קרײז ניט אַנדערש, װי אויף אַ װאַהל־פערזאַמלונג, װאָס איז צונויפגערופען געװאָרען דורך די ליבעראַלען, און דאָס אויך ניט פון דער טריבונע, נאָר אויסשרײַענדיג: „האָך בעבעל" פון צװישען דעם עולם. נאָר די סאָציאַל־דעמ., װעלכע מען האָט אַװעקגעשטעלט להלוטין אויסער דעם געזעץ, האָט דאָך אָנגעװאָרען נור עטװאָס מעהר װי אַ פיערטעל פון די שטימען, װאָס זי האָט געהאַט אין 1878, און האָט אַלץ סײַ בעקומען איבער 300 טויזענד שטימען. דיעזער אונגעהײַערער רעזולטאַט האָט אַרויסגערופען בײַ פריעדריך ענגעלס אַזאַ התפעלות, אַז ער האָט געשריבען: „אַזוי אויסגעצײכענט האָט זיך נאָך קײן פּראָלעטאַריאַט ניט אויפגעפיהרט". אָנהויבענדיג פון 1881 װאַקסט די צאָהל שטימען, װאָס מען גיט אָב בײַ די װאַהלען פאַר דער סאָציאַל־דעמ., אָהן אַנ׳אויפהער און װאונדערליך שנעל: אין 1884 — נאָהענט פון 550 טויזענד שטימען, אין 1887 — איבער 763 טויזענד, 1890 — איבער 1.427 טויזענד.

די צװײטע ראיה, אַז דאָס געזעץ געגען די סאָציאַליסטען איז אָהנמעכטיג געװען, קען מען

וועגען אין דער ענטוויקלונג פון דער לעגאַלער סאָצ.-דעם. פּרעסע. די אויפלעבונג פון דיזער פּרעסע הייבט זיך אָן שוין אין 1882, ווען אין מינכען (באַיערן) ענטשטעהט אַ גאַנצע ריהע פּובליציסטישע אויסגאַבען אונטער דער רעדאַקציע פון שענלאַנק. פון יאַנואַר 1883 הייבט אָן אַרויסצוגעהן אין שטוטגאַרט אונטער דער רעדאַקציע פון קאַרל קאַוטסקי אַ וויסענשאַפטליכער זשורנאַל „די נייע צייט", וועלכער האָט געשפּיעלט אַ גרויסע ראָללע אין דער פערשפּרייטונג פון דעם וויסענשאַפטליכען סאָציאַליזם. נאָך אַ גרעסערען ערפאָלג האָט מען דערגרייכט אין 1884, ווען אין בערלין האָט זיך איינגעגעבען ווידער אַרויסצוגעבען אַ טעגליכע צייטונג „בערלינער פאָלקס-בלאַט", וועלכע איז שפּעטער, נאָך דעם אָבשאַפען פון דעם סאָציאַליסטען-געזעץ, אָנערקענט געוואָרען פאַר דעם צענטראַל-אָרגאַן פון דער פּאַרטיי (נאָר אונטער אַן אַנדער נאָמען „פאָרווערטס"). אויך אין בערלין האָט אין 1887 אָנגעהויבען אַרויסצוגעהן אַ וועכענטליכע צייטונג די „פאָלקס-טריבונע" אונטער דער רעדאַקציע פון שיפּעל — אלס אַ געגענגעוויכט צו דעם צו פּיעל „מעסיגען" „פאָלקס-בלאַט". אין 1888 האָט די אַרבייטער-בעוועגונג אין דייטשלאַנד שוין געהאַט אַזוי פּיעל לעגאַלע צייטונגען, אַז זי האָט ביז צו אַ געוויסען גראַד שוין געקענט אויסקומען אָהן דעם אויסלענדישען אָרגאַן, אָבער נור ביז צו אַ געוויסען גראַד, ווייל די סאָצ.-דעם. צייטונגען האָט מען געמוזט פיהרען זעהר פאָרזיכטיג און אפילו אַ סך מעסיגער איידער די ראַדיקאַלע בורזשואַזע צייטונגען. אלס אַ ביישפּיעל וועלען מיר נעהמען די שוין דערמאָנטע „פאָלקס-טריבונע", די מעהר ראַדיקאַלערע צווישען די סאָצ.-דעם. צייטונגען: איהר פּראָגראַם, וואָס איז אָבגעדרוקט געווען אין דעם ערשטען נומער, איז צוזאַמענגעשטעלט געווען אַזוי פאָרזיכטיג, אַז אין איהר האָט זיך ניט נור ניט דערמאָנט וועגען דער סאָצ.-דעם., נאָר אפילו אויך ניט וועגען דעם ענדציעל פון סאָציאַליזם; וועגען דעם האָט מען נור געגעבען אַ פערשטעלטען וואונק, רעדענדיג וועגען „די לעצטע גרויסע פראַגען פון דער סאָציאַלער רעפאָרמאַציאָנס-בעוועגונג". ביי אַזאַ לאַגע פון דער פּרעסע האָט מען ניט געקענט אויפהערען אַרויסצוגעבען דעם אויסלענדישען אָרגאַן און ער האָט עקזיסטירט די גאַנצע צייט ביז צו דער אָבשאַפונג פון דעם געזעץ געגען סאָציאַליסטען.

פאַרוואָס די רעגירונג האָט צוגעלאָזען אַזאַ אַרבייטער-פּרעסע, כאָטש אפילו אַ מעסיגע, ערקלערט זיך דערמיט, וואָס, פון איין זייט, האָט זיך די אַרבייטער-בעוועגונג אַזוי פאַנאַנדערגעוואַקסען, אַז ס'איז קיין מעגליכקייט ניט געווען צו פערשטעלען איהר דעם וועג צו אַן אייגענעם געדרוקטען וואָרט; פון דער אַנדער זייט — האָט מען געהאַט אין זינען אונטערצוגראָבען דורך דעם דעם יסוד פון אויסלענדישען אָרגאַן. דיזע לעצטע ערוואַרטונג איז געווען גענוג נאַאיוו, ווייל דער „סאָציאַלדעמאָקראַט" האָט געלאָזען אַזעלכע טיעפע וואָרצלען, אַז נאָך צום אָנהויב פון 1883, סך-הכל אין דריי יאָהר אַרום נאָך זיין גרינדונג, האָט ער ניט נור געדעקט אַליין אַלע זיינע הוצאות, נאָר ער האָט שוין אָנגעהויבען אויסצאָהלען די סומען, וועלכע מען האָט איהם פריהער אַרויסגעגעבען — נאָר אַן אונגעהערטער ערפאָלג פאַר אַן אומלעגאַלען אָרגאַן, וואָס מען פלעגט דורך קאָנטרבאַנדע צושטעלען פון אויסלאַנד.

6) דער קאַמפּף פאַר די אָפענע, לעגאַלע עקזיסטענץ. די מפלה פון דעם סאָציאַליסטען-געזעץ.

אויב דאָס סאָציאַליסטען-געזעץ האָט זיך אַרויסגעוויזען פאַר אָהנמעכטיג צו דערשטיקען די אַרבייטער-פּרעסע, האָט זיך איהם נאָך ווייניגער געקענט איינגעבען צו פערטרייבען די סאָצ.-דעם. אין פערבאָרגענע הילען און פערשטעלען איהר אַלע וועגען צו אַן אָפענעם לעבען. די סאָצ.-דעם., אלס אַ פּאַרטיי, האָט זיך קיינמאָל ניט פערקליבען אין אונטעראירדישען הייל, און קוימענדיג צו זיך פון די ערשטע קלעפּ פון דעם אויסנאַהמס-געזעץ, האָט זי אָנגעהויבען צו פיהרען אַ האַרטנעקיגען קאַמפּף פאַר אַן אָפענע עקזיסטענץ און טראָט ביי טראָט ערקעמפט איין אָפענע פּאָזיציע נאָך דער צווייטער.

דער צענטער פון דער פּאַרטיי האָט אַלעמאָל עקזיסטירט אָפען. דאָס איז געווען, ווי מיר האָבען שוין געזעהן, די סאָצ.-דעם. פראַקציע אין רייכסטאַג, וועלכע האָט בעקומען פון די צוזאַמענפאָהרען אַ פאָרמעלע בעפאָלמעכטיגונג אָנצופיהרען די פּאַרטיי; אין 5 יאָהר אַרום, ד. ה. אין 1884, האָט זיך די פראַקציע שוין בעשלאָסען אויסצוטיילען פון זיך אַן ענגערע קאָלעגיע, דעם זאָגענאַנטען „צענטראַל-קאָמיטעט". אויף אַזאַ אופן האָט זיך ווידער אָנגעהויבען די טעטיגקייט פון יענער איינריכטונג, וועלכע האָט זיך פרייוויליג אַליין פערמאַכט בעת ס'איז אַרויס דער סאָציאַליסטען-געזעץ און וועלכע האָט פאַקטיש געשפּיעלט די ראָללע פון דעם צענטראַל-קאָמיטעט פון דער פּאַרטיי.

אויף די וואַהלען, ווען די סאָצ.-דעם. האָט זיך פאָרט בענוצט מיט אַ וואָפען ניט אין בעוועגונגס-פרייהייט, האָט זי אויך נור טראָט ביי טראָט געקענט זיך ווידער ערקעמפען די מעגליכקייט אָפען אַרויסצוטרעטען. ביז צום מיטען פון די 80-ער יאָהרען איז דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע אויסגעקומען צו בעהאַלטען זיך אונטער פערשיעדענע פאַלשע נעמען, פּסעוודאָנימען. אויף פערזאַמלונגען, אין דער פּרעסע, אין די וואַהל-בלעטלעך פלעגט די סאָציאַל-דעם. געוועהנליך פיגורירען אונטער דעם נאָמען „אַרבייטער-פּאַרטיי"; איהרע קאַנדידאַטען פלעגען טראָגען אַ לפי ערך אונשולדיגען נאָמען פון „אַרבייטער-קאַנדידאַטען" און רעקאָמענדירט ווערען פון „אַרבייטער-וואַהלקאָמיטעטען" אָדער פשוט פון איינצעלנע פּערזאָנען. נאָר פון 1886 (ערזאַץ-וואַהלען אין רייכסטאַג) און בעזונדערס זייט 1887 (אַלגעמיינע וואַהלען) האָט מען שוין אָפען גערופען צו שטימען פאַר קאַנדידאַטען פון דער סאָצ.-דעם. פּאַרטיי, און די סאָצ.-דעם. קען זיך שוין רעכענען, לכל הפּחות בנוגע צו דער וואַהלקאַמפּאַניע, קען מען זאָגען, פאַקטיש לעגאַליזירט.

וואָס איז שייך צו דעם אָרטיגען לעבען פון דער פּאַרטיי, האָבען דאָ קיינע גלייכאַרטיגע פאָרמען ניט עקזיסטירט, מען האָט זיך אָרגאַניזירט ווי מען האָט געקענט, לויט נאָך די אָרטיגע בעדינגונגען, און דיזע פּראַקטיק, וועלכע האָט בעקומען אַ הכשר אויף דעם גאָטאַער צוזאַמענפאָהר פון 1877, איז נאָך אַ מאָל בעשטעטיגט געוואָרען אויף דעם ערשטען געהיימען צוזאַמענפאָהר (1880).

קלאָר מאַכען די עוואָלוציע פון דעם פּאַרטיי-לעבען אויף די ערטער קענען מיר דורך דעם ביישפּיעל פון בערלין. לסוף 1883 איז דאָרטען נעבען דער געהיימער, דער „אינטימסטער" אָרגאַניזאַציע, ווי מען האָט זי גערופען, אויסגעקומען אַן אָפענע אָרגאַניזאַציע, די „אויפמונטערער": די אַרבייטער האָבען זיך בענוצט מיט די וואַהלען אין שטאָדט-ראַטה און האָבען געגרינדעט „אַרבייטער-בעצירקס-פעראיינען", צופּאַסענדיג זיי צו די קאָמונאַלע וואַהל-בעצירקען. אַזעלכע פעראיינען זענען געווען 11, אויסער דעם האָבען עקזיסטירט נאָך דריי ענליכע פעראיינען, נאָר אונטער אַן אַנדער נאָמען. דיזע פעראיינען האָבען געבילדעט אַ מין אָפענע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע פון דעם בערלינער פּראָלעטאַריאַט, נאָר זי האָט געמוזט אויספיהרען זיך זעהר פאָרזיכטיג און האָט, פערשטעהט זיך, ניט געקענט מאַכען פאַר איבריג די געהיימע אָרגאַניזאַציע. און אין דער אמת'ן, אין 1886, ווען פון די רעגירענדע קרייזען האָט ווידער אַ בלאָז געטאָן אַ בייזער, קאַלטער ווינד, זענען אַלע „אַרבייטער-בעצירקס-פעראיינען" איינער נאָך דעם אַנדערען פערמאַכט געוואָרען. עס געהען פאַרביי עטליכע יאָהר און די אָפענע פּאָליטישע אָרגאַניזאַציע לעבט ווידער אויף, נאָר זי איז שוין געפאַרבט אין אַ קלאָרען פּאַרטיי-קאָליר: אין 1889 בילדען זיך „אַרבייטער-וואַהלפעראיינען", וועלכע הויבען זיך אָן באַלד אָנצורופען מיט דעם נאָמען סאָצ. דעמאָקראַטישע, און צום הערבסט פון דעם זעלבען יאָהר האָבען שוין אָפענע סאָצ.-דעם. וואַהלפעראיינען (מיט סטאַטוטען אין אַ חתימה) עקזיסטירט אין אַלע וואַהל-קרייזען פון בערלין און די פאָרשטעדט. אין דעם זעלבען יאָהר זענען אויפגעקומען בילדונגס-פעראיינען און סאָצ.-דעם. לעזע-קלובען. דאָס אָפענע לעבען פון דער סאָצ.-דעם. פּאַרטיי ענטוויקעלט זיך ווייטער אין אָנפאַנג פון דעם פאָלגענדען 1890, ווען מען האָט זיך אָנגעהויבען צו גרייטען צו די וואַהלען אין רייכסטאַג: אין אַלע בערלינער וואַהל-קרייזען האָט מען אויסגעקליבען אויף אָפענע פערזאַמלונגען סאָצ.-דעם. וואַהל-קאָמיטעטען.

וואָס די סאָצ.-דעם. האָט לחלוטין ניט געקענט לעגאַליזירען בעת דעם אויסנאַהמס-געזעץ — דאָס זענען געווען די פּאַרטיי-צוזאַמענפאָהרען; זיי האָבען געמוזט פאָרקומען געהיים און אין אויסלאַנד. עס פערשטעהט זיך, אַז ביי אַזעלכע בעדינגונגען האָבען זיי רעגעלמעסיג ניט געקענט צונויפגערופען ווערען, פאַר די 12 יאָהר, וואָס ס'האָט עקזיסטירט דאָס געזעץ געגען סאָציאַליסטען, זענען פאָרגעקומען גאָר און גאָר 3 צוזאַמענפאָהרען: אין 1880 אין דעם שלאָס ווידען (אין דער שווייץ, אין ציריכער קאַנטאָן), אין 1883 אין קאָפּענהאַגען (דענעמאַרק) און אין 1887 אין סט.-גאַלען (שווייץ). אַ מערקווירדיגער פאַקט, וואָס זאָגט עדות וועגען דער גרויסער טעטיגקייט און צוזאַמענגעבונדענקייט פון דער פּאַרטיי: ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס די איינלאַדונגען צו קלייבען דעלעגאַטען פלעגען זיך אָפען דרוקען אין „סאָציאַלדעמאָקראַט" און וואָס אין די צוזאַמענפאָהרען פלעגען זיך בעטייליגען צעהנדליגער פּאַרטיי-טוער (56, 60, 79), דערינען אויך

רעפּוטאַטען פון רײַכסטאַג. האָט זיך דאָך דער דײַטשער פּאָליצײַ, וועלכע האָט געהיט אויף אַלע געזעצען און האָט געהאַט אין אויסלאַנד גאַנצע מחנות פון שפּיאָנען, קײן אײנציגען מאָל ניט אײַנגעגעבען צו דערווישען זיך אַ פריהער וועגען דער צײַט אָדער וועגען דאָס אָרט פון צוזאַמענפאָהר; די פלעגט דאָס דערגעהן נור לאַחר־המעשה גלײַך מיט דעם געוועהנליכען פּובליקום.

וואָס נעהענטער צו די 90־גער יאָהרען, אַלץ אָפטער און גרויסאַרטיגער ווערען געוואָרען די אָפענע אַרויסטרעטונגען פון דעם אָרגאַניזירטען פּראָלעטאַריאַט. פאָראויס איז געגאַנגען בערלין. בעזונדערס איז רײַך מיט פאַקטען פון דעם מין דער 1889־טער יאָהר: מיר ווילען אָנווײַזען אויף דער אַגיטאַציע, וואָס האָט זיך געפיהרט אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אינטערנאַציאָנאַלען סאָציאַליסטישען קאָנגרעס אין פּאַריז, ווען מען האָט די דעלעגאַטען פון בערלין אויסגעקליבען אויף אָפענע פערזאַמלונגען, און די אונגעהויערע באָיקאָט־בעוועגונג אין דעם זעלבען בערלין, וועלכע איז אָנגעהויבען געוואָרען געגען די פּראַקטיר־האַלטער, וואָס האָבען ניט געוואָלט אָבגעבען זײַערע זאַלען פאַר אַרבײַטער־פערזאַמלונגען, און וועלכע האָט זיך געענדיגט מיט אַ גלענצענדען ערפאָלג.

נאָר באמת אַ געוואַלטיגע אַרויסטרעטונג פון דעם דײַטשען פּראָלעטאַריאַט איז פאָרגעקומען אין 1890, דעם 20־טען פעברואַר, אין דעם טאָג פון די וואַהלען אין רײַכסטאַג, ווען די סאָצ.־דעמ. האָט בעקומען נאָהענט פון אָנדערטהאַלבען מיליאָן שטימען, כמעט צווײ מאָל אַזוי פיעל ווי אין 1887. דאָס איז געווען אַזאַ ערפאָלג, אַז אַפילו דער דײַטשער רעגירונג איז קלאָר געוואָרען, אַז דאָס געזעץ געגען סאָציאַליסטען איז להלוטין אָהנמעכטיג און ס'איז אונבעדינגט נויטיג אָבצושאַפען איהם אין גאַנצען. און אין דער אמת'ן איז שוין נאָך דעם 20־טען פעברואַר דאָס געזעץ מעהר ניט אָנגעווענדעט געוואָרען, חאָטש אַפילו אויפ'ן פּאַפּיר האָט ער נאָך עקזיסטירט מעהר ווי אַ האַלב יאָהר. עס איז גלענצענד מקוים געוואָרען, וואָס בעבעל האָט געזאָגט אין רײַכסטאַג אין מערץ 1881 מכח דעם אויסנאַהמס־געזעץ: „אײַערע געזעצע ווערט אין דיזען קאַמפּף צובראָכען ווערען אויף טויזענד שטיקער, ווי גלאָז אָן גראַניט".

דעם 1־טען אָקטאָבער 1890 איז אָבגעלאָפען דער טערמין פון דעם געזעץ געגען סאָציאַליסטען, וועגען זײַן בענײַאונג האָט שוין קײנער קײן ווײַטער ניט פערפיהרט*). דער 12־יאָהריגער פּעריאָד פון זײַן ווירקונג האָט געבראַכט צו דעם פאָלגענדען סך־הכל. דער פּאַסיוו: נאָך אַ לפי־ערך'דיגען חשבון, — קײן גענויע סטאַטיסטיק איז ניטאָ, — האָט מען פאַר דער צײַט פון דער ווירקונג פון דעם אויסנאַהמס־געזעץ פערבאָטען 1300 פּעריאָדישע און אונפּעריאָדישע אויסגאַבען און 332 אַרבײַטער־אָרגאַניזאַציעס; די צאָהל פון די אַרויסגעשיקטע און פערמשפּטע נאָך אַ פּסק־דין פון געריכט, ווי אויך די צונג'משפּטע בעשטראָפונגען קען מען גענוי ניט בעשטימען. דער אַקטיוו: אײדער ס'איז אַרויס דאָס אויסנאַהמס־געזעץ האָט די פּאַרטײַ געהאַט 437.158 וואַהל־שטימען און 42 פּאָליטישע צײַטונגען, די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס — 50 טויזענד מיטגליעדער און 14 צײַטונגען; צו דער צײַט, ווען דאָס אויסנאַהמס־געזעץ איז בטל געוואָרען, האָט די פּאַרטײַ געהאַט 1.427.298 וואַהל־שטימען און 60 פּאָליטישע צײַטונגען, די פּראָפעסיאָנעלע אָרגאַניזאַציעס — 120 טויזענד מיטגליעדער און 41 צײַטונגען. דער באַלאַנס האָט אַריבערגעשטיגען אַפילו די דרײַסטעסטע ערוואַרטונגען.

7) דער סך־הכל.

די געשיכטע פון דעם געזעץ געגען סאָציאַליסטען איז אַ כסדר'דיגע רײַהע פון נצחונות פון דער סאָציאַל־דעמאָקראַטיע און מפּלות פון איהרע שונאים. די סיבה פון דיזען פאַקט ליעגט אין דעם צושטאַנד פון דער סאָצ.־דעמ. פּאַרטײַ

אין דער מדרגה פון דער ענטוויקלונג, וועלכע די האָט דערגרײכט צו יענער צײַט, ווען ביסמאַרק האָט זיך ענטשלאָסען אָנצוהויבען אַ ענטשיעדענעם קאַמפּף געגען איהר, ווי אויך אין די סאָציאַל־פּאָליטישע בעדינגונגען פון דעם דאַמאָלסדיגען דײַטשלאַנד.

אין דער צווײַטער העלפט פון די 70־גער יאָהרען, אײדער ס'איז אַרויס דאָס אויסנאַהמס־געזעץ, איז די דײַטשע סאָציאַלדעמאָקראַטיע שוין געווען אַן אַרבײַטער־פּאַרטײַ אין פולען זין פון דיזען וואָרט. ניט נור לויט איהר פּראָגראַם, נאָר אויך לויט די עלעמענטען, פון וועלכע די איז בעשטאַנען און, וואָס ס'איז בעזונדערס וויכטיג, לויט דעם אָנפיהרענדען פּערסאָנאַל. די פּאַרטײַ האָט געהאַט אַ צאָהלרײַכע אַרבײַטער־אינטעליגענץ און די פעראַנטוואָרטליכע פּאַרטײַ־שטעלען האָבען פערנומען ניט אינטעליגענטען, אַרויסגעגאַנגענע פון די בורזשואַזע קלאַסען, נאָר כמעט דורכאויס אַרבײַטער; נאָך מעהר, אַפילו אין דעם געביעט, וואָס איז אַ ספּעציפיש־אינטעליגענטלישער, אין דעם געביעט, וואו עס קאָנצענטרירט זיך די גײַסטיגע אָנפיהרונג אין גאַנצען זינען פון וואָרט, אַפילו אויך דאָ האָבען שוין די אויבערהאַנד געהאַט די אַרבײַטער; מיר רעדען וועגען דער פּרעסע: אין 1877, ווי ס'איז אָנגעוויזען אין בעריכט צום גאָטאַער צוזאַמענפאָהר, האָבען פון 44 רעדאַקטאָרען פון די פּאַרטײַ־צײַטונגען 26, די גרעסטע מעהרהײט, געהערט צום אַרבײַטער־קלאַס; דאָס זײַנען געווען אַרבײַטער פון פערשײדענסטע פּראָפעסיעס: וועבער, שלאָסער, שנײַדער און דאָס גל. די פּאַרטײַ, וואָס האָט געלאָזען אַזעלכע טיעפע וואָרצלען אין אַרבײַטער־קלאַס און איז ביז צו אַזאַ גראַד פרײַ געווען פון אַ פרעמדער אינטעליגענץ, האָט געמוזט האָבען אַן אונגעהײערען פּאָליטישען אײַנפלוס, וואָס האָט זיך פערשפּרײט אויך אויסער די גרענעצען פון פּראָלעטאַריאַט. אַ צײכען פון איהר פּאָליטישען געוויכט איז געווען נאָהענט פון אַ האַלבען מיליאָן שטימען, וואָס די האָט בעקומען אויף די וואַהלען פון 1877. אַזאַ פּאַרטײַ האָט מען ניט געקענט אײַנברעכען. דאָס אויסנאַהמס־געזעץ איז געקומען צו שפּעט.

אויף צו קעמפּפען געגען דער צערשטערענדער ווירקונג פון דעם אויסנאַהמס־געזעץ האָט די פּאַרטײַ געהאַט אין איהר רשות אַזאַ כלי־מלחמה, ווי דאָס אַלגעמײנע וואַהלרעכט. דער אָפענער אָנטײל אין פּאָליטישען לעבען פון לאַנג האָט אויך געהאָלפען דער פּאַרטײַ ניט צו פערליערען דעם חוש צו דער ווירקליכקײט און האָט די געראַטעוועט פון דער סכנה אַרײַנצופאַלען זיך אין דעם אַנאַרכיזם אָדער „סאָציאַל־רעוואָלוציאָניזם", ווי מען האָט איהם דאַמאָלס גערופען.

דער „סאָציאַל־רעוואָלוציאָניזם" מיט זײַן אָבלײקענען פון פּאַרלאַמענטאַריזם און זײַן פערטײדיגען פון טעראָריזם איז געווען אַ ריאַקציע אויף די אַכזריות'דיגע רדיפות פון דער רעגירונג, נאָר ער האָט ניט דערגרײכט צו אַ מערקליכער בעדײַטונג צווישען די דײַטשע אַרבײַטער. די אָנהענגער פון מאָסט זײַנען געווען נור אַ קלײנע סעקטע, און נאָך דעם, ווי מען האָט מאָסטען אויסגעשלאָסען פון דער פּאַרטײַ אויף דעם צוזאַמענפאָהר אין אויגוסט 1880, איז די כמעט אינגאַנצען אַראָב פון סצענע אין דײַטשלאַנד. אין אַ סך אַ מעסיגערער פאָרם איז דער „סאָציאַל־רעוואָלוציאָניזם" וויעדער אויפגעקומען אין דער צווײַטער העלפט פון די 80־גער יאָהרען, ווען די רעגירונג האָט געוואָרפען די פּאָליטיק פון אויסנעהמען בײַ די אַרבײַטער און האָט זיך וויעדער גענומען דורך געוואַלט־מיטלען אײַנברעכען די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע. אַפילו אין דער צײַט, ווען ביסמאַרק האָט דערפון קײן סוד ניט געמאַכט, אַז פאַר איהם איז שוין איצטער די „סאָציאַליסטען־פראַגע" אַ „מיליטער־פראַגע", און ער האָט זיך אָפען געצילט אַרויסצורופען אַ וועלכע ניט איז אַרויסטרעטונג פון פּראָלעטאַריאַט, כדי צו דערטרינקען איהם אין טײַכען בלוט, אַפילו אין דיזער צײַט, ווען די אַרבײַטער ניט אַרײַנגעפאַלען אין די נעצען פון דער פּראָוואָקאַציע, אין דער „סאָציאַלרעוואָלוציאָניזם" האָט ניט געקענט געהן ווײַטער פון אַ קלײנער „אָפּאָזיציע" אין אײניגע גרויסע שטעדט, בעזונדערס אין בערלין. די „אָפּאָזיציע", וועלכע האָט זיך דער עיקר אויסגעדריקט אין אָנפאַלען אויף דער סאָצ.־דעמ. פראַקציע פאַר איהר „מעסיגקײט", דערפאַר, וואָס די בעשעפטיגט זיך אין רײַכסטאַג מיט „פּאָזיטיווער אַרבײַט" און שלעפּט די אַרבײַטער־בעוועגונג אין „זומפּף פון פּאַרלאַמענטאַריזם", האָט זיך געהאַלטען זעהר ניט לאַנג און נאָך דער קאַמפּאַניע, וואָס בעבעל האָט געגען איהר געפיהרט אין אויגוסט 1890, האָט זי פערלאָרען יעדע בעדײַטונג.

די ניכטערקײט פון דעם דײַטשען פּראָלעטאַריאַט, וועלכע האָט אין דעם משך פון 12 יאָהר געטאָלט צו נאַרישע אַלע פּראָבעס אַראָב־

---

*) דאָס געזעץ געגען סאָציאַליסטען איז פיער מאָל פון דאָס נײַ אָנגענומען געוואָרען. אין דעם לעצטען מאָל האָט דער רײַכסטאַג פערלענגערט דעם טערמין פון דיזען געזעץ אויף דער זיצונג פון 18־טען פעברואַר 1888 אויף 2 מיט אַ האַלבען יאָהר, ביז צום 30־טען סעפּטעמבער 1890. אין הערבסט 1889 האָט ביסמאַרק זיך געפרואווט אײַנהאַלטען דעם אויסנאַהמס־געזעץ אויף אײביג און האָט צוליעב דעם פאָרגעלעגט דעם רײַכסטאַג אַרײַנטראָגען די הויפּט־פּונקטען פון דיזען געזעץ אין דעם אַלגעמײנעם קרימינאַל־געזעצבוך. דיזען פאָרשלאַג האָט דער רײַכסטאַג פערוואָרפען אויף דער זיצונג פון 25־טען יאַנואַר 1890. נאָך דעם האָט שוין די רעגירונג ניט פאָרגעלעגט דעם רײַכסטאַג אַפילו נור צו פערלענגערן דעם טערמין פון דעם געזעץ געגען סאָציאַליסטען.

צופֿיהרען איהם פֿון ריכטיגען וועג, איז אָהן אַ ספק ביז צו אַ געוויסען גראַד ערצויגען און אויפגעהאַלטען געוואָרען אין איהם דורך דעם סטעטס אַנטייל אין פּאָליטישען לעבען פֿון לאַנד.

די סאָציאַל-דעמאָקראַטיע האָט זיך, ווי מיר האָבען געזעהען, לפי ערך לייכט צוגעפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען פֿון דער אַרבייט, וואָס זענען געשאַפֿען געוואָרען פֿאַר איהר דורך דאָס געזעץ געגען סאָציאַליסטען. דאָס ערקלערט זיך דערדורך, וואָס איהר איז אויסגעקומען צו האָבען צו טהון מיט אַן אויסנאַהמס-געזעץ אויף דעם גרונד פֿון אַן איינגעשטעלטער רעכטליכער אָרדנונג. די קאָנסטיטוציע אין דייטשלאַנד האָט עקזיסטירט פֿון 1848 אָמת, דאָס איז געווען אַ קאָנסטיטוציע פֿון אַ גאַנץ ניעדעריגער פּראָבע. נאָר די 30 יאָהר, וואָס זענען דורכגעגאַנגען פֿאַר דעם 78-סטען יאָהר, זענען אַליץ טאַקי געווען גענוג אויף צו בילדען און צו פֿערפֿעסטיגען אַ וועלכען ניט איז רעכטליכען באָדען. אַז ס'האָט עקזיסטירט אַזאַ באָדען בעווייזט שוין גופֿא די אַרויסגעבונג פֿון דעם אויסנאַהמס-געזעץ, ווייל מאַכען אַן אויסנאַהם פֿון דעם אַלגעמיינעם כלל פֿאַר אַ וועלכער ניט איז גרופּע פֿון דער בעפֿעלקערונג קען מען נור דאַן, ווען דיזער כלל ווערט איבערהויפּט אָנגענומען; דאָרטען, וואו אויסער פּאַפּיער עקזיסטירט אַ „קאָנסטיטוציע", און אין דער אמת'ן — אַ פֿאַלקאָמע וויליקיר, איז קיין מעגליכקייט ניטאָ צו בעגרענצען די ווירקונג פֿון דעם אויסנאַהמס-געזעץ, וואָס שאַפֿט אָב די קאָנסטיטוציאָנעלע גאַראַנטיעס, אויף אַ וועלכען ניט איז טייל פֿון דער בעפֿעלקערונג, דאָרטען זענען מעגליך נור אַלגעמיינע געזעצען פֿון דיזען מין.

דיזע געדאַנקען בעשטעטיגען זיך פֿאָלקאָם דורך דער געשיכטע פֿון דעם, ווי דאָס סאָציאַליסטען-געזעץ איז אָנגעווענדעט געוואָרען. דאָס געזעץ איז אָנגעווענדעט געווען נור געגען סאָציאַליסטען, פֿאַר די 12 יאָהר פֿון זיין ווירקונג איז פֿאָרגעקומען נור איין פֿאַל, ווען זיין קרבן איז געווען אַ ניט-סאָציאַליסטישע צייטונג; אין מערץ 1889 האָט די פּאָליציי קאָנפֿיסקירט איין נומער פֿון דעם ראַדיקאַל-דעמאָקראַטישען בלאַט „בערלינער פֿאָלקס-צייטונג" און דערנאָך האָט מען די צייטונג גופֿא פֿערבאָטען אויפֿן סמך פֿון דעם געזעץ געגען סאָציאַליסטען. דיזער לחלוטין אויסערגעוועהנליכער פֿאַקט האָט געמאַכט אַ רושם און האָט גרויסגערופֿען אַזאַ אויפֿרעגונג צווישען די בורזשואַזע קרייזען, אַז דעם פֿערבאָט האָט מען אין גיכען אַראָבגענומען.

שפּיצענדיג זיך אויף דעם מעהר אָדער ווייניגער פֿעסטען אַלגעמיין-רעכטליכען יסוד, האָט די סאָצ.-דעמ. ניט זעלטען געפֿונען מיטלען אָבצוקעהרען פֿון זיך די קלעפּ פֿון דעם אויסנאַהמס-געזעץ און צו פֿערברייטערען פֿאַר זיך די מעגליכקייט פֿון דער אָפֿענער עקזיסטענץ און פֿון דער אָפֿענער אַרבייט.

פֿערגרינגערט די לאַגע פֿון דער סאָצ.-דעמ. האָט אויך דער אומשטאַנד, וואָס די רעגירונג האָט געטראָגען אַ שנאה אויף דער ליבעראַלער בורזשואַזיע. פֿיהרען אַ מלחמה גלייכצייטיג און מיט דער זעלבער ענערגיע אויף צוויי פֿראָנטען — געגען דעם פּראָלעטאַריאַט און געגען דער בורזשואַזיע — האָט זי ניט געקענט. ווען זי האָט געדאַרפֿט וואַרפֿען ווי געהעריג איז אַ פּחד אויף דער בורזשואַזיע, האָט זי זיך בעמיהט צו מאַכען שלום מיט דעם היל פֿון הינטען, מיט דעם פּראָלעטאַריאַט, דורך קאַפּיטאַלע הנחות און דורך אָבשוואַכונג פֿון די רדיפֿות. אַזאַ פּאָליטיק האָט, פֿערשטעהט זיך, נור געקענט מיטהעלפֿען דער פֿערשטאַרקונג פֿון דער פּאָזיציע פֿון דער סאָצ.-דעמאָקראַטיע.

אָט דאָס זענען די הויפּט-סיבות, וועלכע ערקלערען, פֿאַר וואָס דער דייטשער סאָצ.-דעמ. האָט זיך איינגעגעבען בייצוקומען די שווערע נסיונות, וועלכע זי האָט געהאַט אויסצושטעהן אין דער צייט פֿון דעם אויסנאַהמס-געזעץ.

ב. ב — סקי.

איינגע בעמערקונגען צום אַרטיקעל פֿון א—ר וועגען נאַציאָנאַלער ערציהונג.

(דיסקוסיאָנס-אַרטיקעל).

I

מיר דוכט, אַז א—ר האָט שוין צו איינפֿאַך, צו סכעמאַטיש אַוועקגעשטעלט די פֿראַגע וועגען נאַציאָנאַלער ערציהונג פֿון דעם אויסוואַקסענדעם דור, — אַזוי איינפֿאַך, אַז ביי איהר איז נאָך אַפֿילו קיין פֿראַגען ניטאָ: די אינטעלליגענטען רעדען מיט זייערע קינדער רוסיש און אַנשטאַט אַ יודיש-נאַציאָנאַלער ערציהונג גיבען די זייערע קינדער ברעקלעך פֿון אַ יודיש-רעליגיעזער ערציהונג, דערפֿאַר קען ביי זיי נאָר ניטש אַרויסקומען; די פּראָלעטאַרישע פֿאַמיליע גיט בכלל ניט קיין ערציהונג איהרע קינדער, און וואָלט זי יע ערצויגען די קינדער, וואָלט די ערציהונג במילא געווען נאַציאָנאַל; דערצו קומען נאָך איינינע רעצעפּטען פֿאַר דעם בעוואוסטזיניגען אַרבייטער, ער זאָל ערקלערען זיין קינד, צוליעב וואָס ער צאָהלט אין קאַסע פֿון פּראָפֿעסיאָנעלען פֿעראיין, ער זאָל איהם פֿיהרען אין וואַלד און פֿעלד און בעווייזען דאָרט די שעהנהייט פֿון דער נאַטור, פֿיהרען איהם אויף די קברים פֿון געפֿאַלענע קרבנות א. ד. ג.

איך מיין אָבער, אַז די פֿראַגע וועגען נאַציאָנאַלער ערציהונג איז צו פֿערוויקעלט, און דאָס יודישע לעבען האָט נאָך ניט בעשאַפֿען אַלע נויטיגע מיטלען, אַז די פֿראַגע זאָל אויפֿהערען צו עקזיסטירען. אַוועקשטעלען די גאַנצע פֿערוויקעלטע און... אָנגעוועהטאָגטע פֿראַגע ברייט און אָפֿען, ווי זי איז דאָס ווערט, וואָלט שוין געווען אַ טריט פֿאָרווערטס; אָבלייקענען די פֿראַגע וועגען נאַציאָנאַלער ערציהונג און זאָגען, אַז עס האַנדעלט זיך נור וועגען ערציהונג בכלל — מיר דוכט, אַז דאָס וועט זיין אין לעבען אַ טריט צוריק.

איך נעהם זיך ניט אָן אַוועקשטעלען די פֿראַגע אַזוי ברייט, ווי ברייט עס איז דער אָרט, וועלכען זי פֿערנעהמט אין לעבען. איך וויל זיך בעגנוגענען מיט איינינע אונטערגעאָרדנעטע פֿראַגען, איך וויל רעדען וועגען שוועריגקייטען, וועלכע א—ר האָט אַ פּנים ניט בעמערקט, אָדער פֿערמאַכט אויף זיי די אויגען, כדי זיי זאָלען ניט צושטערען די האַרמאָניע פֿון איהר אַרטיקעל.

די קינדער ווערען ערצויגען אין זייער פֿאַמיליע און אין שול. פֿון וואַנען א—ר נעהמט, אַז „דער פֿונדאַמענט פֿון דער נאַציאָנאַלער ערציהונג איז די נאַציאָנאַלע שול", איז פֿאַר מיר ניט קלאָר. אין שול קומען די קינדער ניט יונגער ווי 6—7 יאָהר; מיר האָבען שוין דאַן כמעט אַ פֿאַרטיגען מענשען. די נאַציאָנאַלע שול קען דעם קינד ערקלערען און פֿערשטערקערן דאָס, וואָס ער האָט אין זיך איינגעזויגען אין דער פֿאַמיליע, אָבער בעשאַפֿען קען די שול ווייניג. און בפֿרט, אַז די נאַציאָנאַלע שול איז נאָך ניט געבאָרען געוואָרען און אין לעבען ווירקט אַ דענאַציאָנאַליזירענדע שול — דאַן פֿאַלט אַרויף אויף דער פֿאַמיליע נאָך אַ שווערערע אויפֿגאַבע. לאָמיר זעהען, וועלכע מיטלען האָט די יודישע פֿאַמיליע אויף צו ערפֿילען די אויפֿגאַבע.

מערקווירדיג איז שוין, וואָס א—ר רעדט וועגען קינדער. אַ קינד פֿון 5 יאָהר און אַ קינד פֿון 12 יאָהר זענען אָבער גאַנץ פֿערשיעדענע בעשעפֿענישען. יעדע אַלטער-שטופֿע האָט איהרע בעזונדערע אויפֿגאַבען און איהרע שוועריגקייטען. מיר ווילען דאָ בעזונדער בעטראַכטען די ערציהונג פֿון קינדער ביז זייער 5—6-טען יאָהר, ביז 8—9 און ביז 12—13.

II

א—ר זאָגט, אַז זי מיינט ניט, מען זאָל די קינדער געבען אַ קאַפּיטעל פֿון ערפֿורטער פּראָגראַם, נור דערצעהלען זיי „וועגען קאַמפּף און נויט, וועגען האָפֿנונג און פֿרייד". דאָס איז דאָך אָבער גוט פֿאַר 10—12 יאָהריגע קינדער. וואָס זאָל מען טהון מיט די 4—6 יאָהריגע מענשעלעך, וועלכע ווילען ניט וויסען פֿון די „קלייניגקייטען

פון וואכעדיגען לעבען, און לעבען אין אַ אײגענער פאנטאסטישער, געצויבערטער וועלט? אין אַ טראדיציאנעלער יודישער פאמיליע האט אזא קינד דורכגעלעבט אַ פסח, אַ יום כפור, אלע וואך דעם „היילינגן שבת“ (די איבעריגע 6 טעג פון וואך זענען געווען נור אַ אומעדיגער לאנגער וועג צום קורצען שבת) — וואס קען מען דעם קינד געבען אנשטאט דעם, אויב די עלטערן האלטען דערפון מעהר ניט? איך האב געזעהען, ווי אַ יונגעלע פון 5—6 יאהר האט געוויינט יום כפור ביי נאכט, פאר וואס ביי די שכנים ברענען גרויסע ליכט און ביי זיי איז גארנישט ניטא — (דאס איז געווען ביי אַ בעוואוסטזיניגען ארבייטער).

אײן פארם פון נאציאנאלער ערציהונג — די נאציאנאל־רעליגיעזע — האט פאר געוויסע שיכטען פון יודישען פאלק, — פאר דער אינטעליגענץ און בעוואוסטזיניגע ארבייטער, — אבגעלעבט איהר צייט. אבער מיר מוזען אפען זאגען, אז קיין אנדער פארם אויף איהר ארט האבען מיר נאך ניט; איך, ווענינסטענס, ווייס ניט. א—ר ווייזט אן אויף די פראלעטארישע ימים־טובים, אבער זי ווייס גאנץ גוט, אז אין לעבען פון ערוואקסענע שפילען זיי נאך אַ קליינע ראלע, ווייל זיי זענען נאך ניט געווארען צו מאסען־און פאלקס־ימים־טובים. אויב רעוואלוציעס זענען „מתיר“ (ערלויבען) דעם ארבייטער צו ארבייטען דעם 1־טען מאי, איז דאס נאך ניט קיין יום־טוב פאר קינדער. דאס קינד לעבט נאך מיסטיק, פאנטאזיע און מיר וועלען איהם אונטערטראגען אַ מיטגליעד־ביכעל פון פראפעסיאנעלען פעראיין — איך האב מורא, אז דאס איז אַ צו גוטע טעמא פאר אַ וויץ־בלאט. אבער א—ר זאגט דאס גאנץ ערנסט און איך נעהם אן דערפאר אויך ערנסט איהרע רייד.

ווי אנצופילען דעם תהום, וועלכער האט זיך געבילדעט אין קינדליכען לעבען נאכדעם, ווי די רעליגיע האט פערלארען איהר פריהערדיגע בעדייטונג, — ווייס איך ניט, אבער אַ אנדער זאך ווייס איך: מיר פערברייטערן דעם תהום קינסטליך, מיר מאכען דעם קאנטראסט נאך בולטער. די אינטעליגענץ אונזערע און די אויפגעקלערטע ארבייטער מעקען אב אלע פארבען פון זייערע לעבענספארמען, אלץ איז גראה און וואכעדיג. איך ווייס ניט, נעגען וועלכען פונקט פון אונזער פראגראם וועלען מיר זיך פערזינדיגען, ווען שבת וועט ליגען אויפ'ן טיש אַ גאנצען טאג אַ ווייסע טישטוך און ביי נאכט וועט מען אנצינדען ליכט (מען קען אנצינדען ליכט אהן אַ ברכה און אהן טרעהרען), ווען אום פסח, דעם יום־טוב פון פריהלינג און פרייהייט, וועט אין אונזער וואוינונג אלץ שיינען און לויכטען, ווי אין יעדער יודישער שטוב, ווען שבועות וועט זיין אין שטוב גרינס, ווען תשעה באב וועט זיך אויך ביי אונז פיהלען אַ נאציאנאלער טרויער און אז. וו. מיר וועלען דאס אלץ טון ניט צוליעב די קינדער, נור צוליעב זיך אליין, כדי צו לעבען איין לעבען מיט דעם גאנצען פאלק; מיר וועלען דאס טון אהן פאלשקייט, ווארום דאס איז דאך פאר ערוואקסענע אויך אַ פערגניגען אַ מאל אין וואך אויסשטימען זיך אויף אַן אנדער אופן. דער לעבען וועט אונז צווינגען דערצו, עס וועט דאך ווען קומען אַ „ארגאנישע“ עפאכע אין אונזער לעבען, און מען וועט אויפהערען צו לעבען, ווי אין אַ אכסניא. דאן וועט מען אנהויבען צו פייערן ימים טובים, און עס וועט שטעהן די פראגע: יודישע אדער ניט־יודישע? א—ר האט אַ גרויסען טעות, ווען זי מיינט, אז ס'איז „אלץ איינס“, ווען דער אינטעליגענט וועט רוהען: שבת אדער זונטאג? זאגט זיך אב אַ יוד פון שבת, הייסט דאס, אז ער ארבייט 7 טעג אין וואך. זי מיינט, אז די שבת־רוה האט נור דעם צוועק אבצוזונדערן זיך פון „גוי“. איך קוק אויף „אונז“ און ניט אויף „גוי“, די שבת־רוה אפילו פון אַ ניט־רעליגיעזען אינטעליגענט האט דעם צוועק ניט אבצוטיילען זיך פון דעם גאנצען יודישען פאלק.

צו וועלען מיר אבער קענען די נאציאנאלע ימים־טובים „אין אַ געוויסען מאס אנפילען מיט אַנ'אמת־פראלעטארישען אינהאלט, למשל חנוכה“, ווי א—ר פאדערט, איז פאר מיר אַ ספק. איך ווייס אפילו ניט, צי וועט מען קענען „למשל חנוכה“ אנפילען נור „אין אַ געוויסען מאס“ מיט אזא אינהאלט, איינפאך דערפאר, ווייל עס איז נאך קיין אמת'ער פראלעטאריאט ניט געווען בעת די געשעהענישען פון חנוכה האבען פאסירט (געוויס, מען קען די געשעהענישען „ערקלערען פון מאטעריאליסטישען שטאנדפונקט, אבער ניט דאס מיינט דאך א—ר). נור פאר מיר איז גענוג, אז מען זאל די ימים־טובים אנפילען מיט אַ אמת־מענשליכען, קולטורעלען אינהאלט, ווי די דייטשע סאציאלדעמאקראטיע למשל טוט דאס מיט די קריסטליכע ימים־טובים, און אין דעם פרט זענען די יודישע ימים־טובים ניט ערגער פון די קריסטליכע.

נור איך ווייס גוט, אז דערמיט איז די

פראגע ניט ענטשיעדען: קיין מיסטיק און פאנטאסטיק וועלען אונזערע קינדער ניט האבען, מיר וועלען זיי ניט פיהרען פאר טאג צו סליחות, און צו כל־נדרי, מיר וועלען ניט זיצען אין סוכה, ניט געהן דאווענען א. אז. וו.

מען קען אונז פארווארפען דערמיט, אז אין דער וועלכער לאגע געפינען זיך אויך למשל רוסישע עלטערן, ביי וועלכע די רעליגיע האט אויפגעהערט צו שפיעלען אַ ראלע אין לעבען; אויך זייערע קינדער געניסען מעהר ניט די ערהאבענע פרייערדיגקייט פון „וועליקי פאסט“, די מיסטישע פאעזיע פון דער ערשטער נאכט פסח אין קלויסטער א. אז. וו.; צום טייל איז דאס ריכטיג, אבער דאך, איז פאראן אַ גרויסער אונטערשייד סיי קוואנטיטאטיו, סיי קוואליטאטיו. קוואנטיטאטיו איז דער פראצענט פון דער רוסישער ראדיקאלער אינטעליגענץ און פון דער ארבייטערשאפט, וועלכע האבען געבראכען מיט דער רעליגיע, ווי אַ טראפען אין ים פון רוסישען פאלק; אַ פיעל־פיעל גרעסערען ארט פערנעהמען דיזעלבע עלעמענטען אין יודישען פאלק. און ווייטער איז דאס פאר יודען אין נאציאנאלער הינזיכט פיעל געפעהרליכער; אויב אַ רוסיש קינד איז אויסגעוואקסען אנטירעליגיעז, האט עס דאך ניט, וואוהין אבצופאלען פון זיין פאלק, און אז ער וועט גרעסער ווערען, וועט איהם די גייסטיגע קולטור זעהר שטארק פערבינדען מיט זיין פאלק. אַ יודיש קינד, אז עס וואקסט אויס, מוז נאך שעפען פון די קולטור־אוצרות פון אנדערע פעלקער, איז עס אויסגעוואקסען אין אַ פרייער פאמיליע, קען עס גרינגער אונטערגעהן אין דער אסימילאציע, וועלכע לויערט אויף איהם פון אלע זייטען.

III

איצטער וועלען מיר מאכען אַ טריט ווייטער און נעהמען קינדער פון 6 ביז 9 יאהר; זיי געהען שוין אין שול, זיי זוכען שוין אַ ביכעל צו לייענען. וועגען דער שול־בילדונג וועלען מיר דא ניט רעדען. מיר וועלען ווידער האבען אין זינען די פאמיליע. אין דער טראדיציאנעלער יודישער פאמיליע ווירקען נאך אויף דעם קינד אין די יאהרען די רעליגיעזע פארמען, אבער אפילו אין די דריטע שיכטען קען מען דערמיט אליין ניט אויסקומען. אין דיזען אלטער איז דאס קינד נייגעריג, אלץ וויל עס וויסען, אלץ וויל עס פערשטעהן. איהם אינטערעסירט די ארומיגע וועלט, אבער מעהר די פאנטאסטישע, דאס ניט־געוועהנליכע. איהם וועט רייצען אַ היסטארישער העלד מיט אַ שטראהלען־קרוינע אויפ'ן קאפ, ער וועט פערבייגעהן קאלט פערביי אַ העלד פון דער איצטיגער צייט. קענען מיר בעפרידיגען דעם גייסטיגען דורשט פון אונזערע קינדער אין די יאהרען? דערווייל זעהר ווייניג. און אין דיזער שווערער לאגע געפינען זיך אלע שיכטען פון יודישען פאלק. אין אנהויב, אַ 5—6 יאהריגער קינד, זוכט וואונדערליכע מעשות. מיר האבען אין דער גאנצער העבראישער ליטעראטור אוצרות פון פאלק־לאר, אבער דאס איז אלץ רויהער מאטעריאל, און אויף יודיש איז נאך כמעט ווי גאר ניט איבערגעגעבען. די מעשה'לעך — דאס איז די עכטע, נאאיווע פאלקס־פאעזיע; די אסימילאציע פון יודישע קינדער הויבט זיך שוין אן מיט דעם 6־טען יאהר, ווען זיי הויבען אן צו לייענען וועגען „איוואן דעם נאר“, „וועגען דער באבע יאגא“ א. אז. וו. א—ר וויל אפשר בכלל ארויסווארפען אלע וואונדערליכע מעשות פון דער קינדערליכער ערציהונג. אויב ניט, פערשטעה איך ניט, פאר וואס אַ אינטעליגענטע מוטער קען דערצעהלען איהר קינד וועגען „גאלדענע עפעלעך אין קיסר'ס גארטען“, און פאר ניט דערצעהלען וועגען „סמבטיון“; דער אויסדרוק „געמיינע פאלשקייט“, וועלכען א—ר געברויכט ביי דער געלעגענהייט, איז צו שטארק.

אַ קינד פון 7—9 יאהר קען שוין לייענען היסטארישע ערצעהלונגען. מיר האבען נאך ניט דאס שעהנסטע קינדער־בוך, דעם תנ"ך, אין אַ גוטער יודישער איבערזעצונג. די יודישע געשיכטע, נאך די אלטע אין פאלעסטינא, און די שפעטערדיגע אין איראפע האט אזוי פיעל דראמאטישע, העראאישע מאמענטען — אויף יודיש איז כמעט ווי גארנישט ניטא. מיר האבען נאך ניט קיין היסטארישען ראמאן, ווי למשל „אהבת ציון“, אדער „אשמת שומרון“ פון א. מאפו. דאס קינד ווערט נאך עלטער. איהם איז 10 אדער 11 יאהר; ער פאדערט שוין דעם ווירקליכען לעבען, ווי ער איז; ער דארף האבען ריינעם עפאס. ערצעהלונגען, ראמאנען, וועלכע זאלען איהם געבען שפיגעל־בילדער פונ'ם לעבען פון גאנצע שיכטען, פון גאנצע עפאכען. מיר האבען נאך ניט די ליטעראטור, און וואס עס איז דא, איז מעהר אנגעשריבען אויף העברעאיש און רוסיש איידער אויף יודיש.

אין דעם עלטער פון 11—12 יאהר פערענדיגט שוין דאס קינד פון קרעמער, פון ארבייטער זיין „בילדונג“; ווי מיר זעהען, לאזען מיר

איהם מיט זעהר אַ ערנסטער נאַציאָנאַלער ערציהונג: אויך זײַן „אַלגעמײנע, נאַטור־װיסענשאַפֿטליכע בילדונג קען ניט זײַן װערטהפֿול אַ גוטע, װאָרום די יודישע ליטעראַטור איז נאָך זעהר אָרים אין לעהר־ביכער, פּאָפּולער־װיסענשאַפֿטליכע בראָשורען א. אַז. װ.

IV

מיר האַלטען זיך דאָ עטװאָס אױספֿיהרליכער אָבשטעלען אויף די קינדער פֿון דער יודישער אינטעליגענץ אין זײַערע שול־יאָהרען, ד. ה. אין עלטער פֿון 7–12 יאָהר. גאָר אין אָנהויב פֿון איהר אַרטיקעל שרײַבט א–ר, װעגען דער נײַער יודישער אינטעליגענץ, װי װעגען אַן אָנגעקומענעם עקזיסטירענדען פֿאַקט; די „שיכט װאַקסט“, און „די שיכט װיל און קען האַרמאָניש צוזאַמענפֿיהרען איהר נאַציאָנאַלעס װעלטסבעװוסטזײַן מיט דער אַלװעלטליכער קולטור“. עס איז ריכטיג, אַז די שיכט איז דאָ און װאַקסט; איך גלויב, אַז זי װיל נאַציאָנאַל ערציהען די קינדער. אָבער אויב זי קען דאָס, איז פֿאַר מיר אַ פֿראַגע. װאָל אַ יודישער אינטעליגענט, װאָס װיל זײַן קינד מאַכען אויך פֿאַר אַ אינטעליגענט, העלפֿען געבען זײַן קינד אַ רײנע יודיש־נאַציאָנאַלע ערציהונג, מוז ער זיך אײַנגאַנצען אָבגעבען דעם קינד און לעבען פֿון רענטע, און דערצו זיך צופֿרידען שטעלען דערמיט, װאָס אין דער גײַסטיגער ענטװיקלונג פֿון זײַן קינד װעלען זײַן גראָבע דעפֿעקטען. מיר דוכט, אַז עס איז זעהר שעדליך פֿאַר אונזער קולטור צו זאָגען „מען קען“ און צונױפֿלעגען די הענד. איך האַלט פֿאַר נוצליכער צו זאָגען דעם אמת, אַז מען קען בשום אופן ניט, כדי מען זאָל שאַפֿען די נױטיגע קולטור־מיטלען, װעלכע ס׳פֿעהלען אונז. די עלטערן קענען נור בעװײַזען דעם קינד אַ װעג, פֿיהרען איהם, אָבער געהן דאַרף ער אַלײן; דערצו דאַרף ער ביכער; האַלט דען א–ר פֿאַר מעגליך, אַז דאָס קינד װעט זיך ריכטיג גײַסטיג ענטװיקלען, אויב עס װעט ניט זײַן בעקאַנט מיט די קלאַסישע װערק פֿון דער אַלװעלטליכער ליטעראַטור, אויב עס װעט ניט דורכגעהן אַ היבשען קורס פֿון מאַטעמאַטיש־פֿיזיקאַלישע און ביאָלאָגישע װיסענשאַפֿטען, אויב עס װעט ניט װיסען די אַלװעלטליכע געשיכטע?! מײנט דען א–ר, אַז די יודישע נאַציאָנאַלע מוזיק, װי די איז איצטער, די יודישע פּאָעזיע איז גענוג צו געבען דעם קינד אַ עסטעטישע בילדונג?! האָבען מיר דען גענוג מאַטעריאַל אָנצופֿילען די צײַט פֿון קינד פֿון זײַן 7 ביז זײַן 17־טען, 18־טען יאָהר?! עס איז גענוג אַװעקצושטעלען די פֿראַגען, און מען זעהט, אַז די װערטער „מען קען“ װעגען ניט פֿיעל װערט. אָבער אויב אַזוי, איז א–ר ניט אין אַלץ גערעכט, װען זי פֿאַלט אָן מיט אַזאַ אימפּעט אויף דער יודישער אינטעליגענץ אין 2־טען קאַפּיטעל פֿון איהר אַרטיקעל. „דער יודישער אינטעליגענט װיל ערציהען זײַן קינד רוסיש — און װיל פֿונדעסטװעגען אײַנפּלאַנצען אין איהם אַ יודיש־נאַציאָנאַלען געפֿיהל“. פֿאַר א–רן איז דאָס אַ מאָטיװ פֿאַר אַ סאַטירע אויף דער יודישער אינטעליגענץ. איך זעה דערינען מעהר עלעמענטען פֿון אַ טראַגעדיע אײדער פֿון אַ סאַטירע, בפֿרט אַז איך נעהם, אַז די יודישע אינטעליגענץ איז געצװאונגען אָבצוגעבען דער רוסישער (אָדער פּױלישער) קולטור אַ גרױסען אָרט אין דער ערציהונג פֿון איהרע קינדער, צי זי װיל דאָס, צי זי װיל ניט.

א–ר שרײַבט זעלבסט מיט עטליכע שורות שפּעטער: „די נאַציאָנאַליזירונג פֿון דער יודישער אינטעליגענטישער פֿאַמיליע קען זײַן נור אַ רעזולטאַט פֿון אָביעקטיװע היסטאָרישע בעדינגונגען, פֿון אַ לאַנגער סאָציאַלער ענטװיקלונג“. דאָס איז ריכטיג, אָבער װיבאַלד אַז זי רופֿט אַ „לאַנגע סאָציאַלע ענטװיקלונג און אָביעקטיװע בעדינגונגען“ צו הילף, איז דאָך קלאָר, אַז דאָס העננט ניט אָב פֿון װילען פֿון די אײנציגע עלטערן, און מיט אױסלאַכען פֿון זײ װעט מען גאָרניש ניט מאַכען. עס פֿערשטעהט זיך, אַז מען דאַרף לאַכען, װאָס זײ רעדען מיט די קינדער פֿון אָנהויב אָן רוסיש (אָדער פּױליש), כדי דער אַקצענט זאָל זײַן אַ רײנער, מען דאַרף לאַכען פֿון די טעאַטראַלישע נאַציאָנאַלע אָבענדען פֿאַר קינדער, אָבער מען דאַרף פֿאָרזיכטיג זוכען מיטלען, װי קען מען פֿערגרינגערן און אָבקירצען דעם שװערען היסטאָרישען פּראָצעס.

בעשאַפֿען אַ יודישע ליטעראַטור אין אַלע װיסענשאַפֿטען, פּאָפּולאַריזירען די גאַנצע יודישע געשיכטע, אַרױסגעבען אָריגינעלע יודישע און איבערזעצטע שריפֿטען, װעלכע שפּיגלען אָב דאָס יודישע לעבען איצט און אין דער געשיכטע, איבערזעצען די קלאַסישע װערק פֿון דער אַלװעלטליכער ליטעראַטור, זאַמלען יודישע פֿאָלקס־ליעדער און נגונים, פֿאָלקס־מעשׂיות א. אַז. װ. — דאָס איז אַ פּראָגראַם ניט אויף אַ יאָהר; אָבער דאָס דאַרף װערען אַ לאָזונג פֿאַר אַ ברײטער און שטאַרקער געזעלשאַפֿטליכער אָרגאַניזאַציע, און מען דאַרף צו דער פֿערװירקליכונג פֿון פּראָגראַם װאָס פֿריהער צוטרעטען. לאָזען דאָס דורכאויס אין פּריװאַטע הענד איז אונמעגליך, װאָרום פּריװאַטע אונטערנעהמער װעלען פין, װאָס זײ לוינט, און אין אָנהויב װעט נױטװענדיגקײט און פּראָפֿיט ניט אַלע מאָל געהן האַנד אין האַנד. צו קען מען אױסנוצען די חברה מפיצי השׂכלה, װעלכע זאָל װערען אַ מין פּױלישע „מאַציערזש“, אָדער עס װעט נױטיג װערען אַנדערע אָרגאַניזאַציאָנס־פֿאָרמען, דאָס איז אַן אַנדערע פֿראַגע.

V

דער אַרטיקעל פֿון א–ר „װעגען נאַציאָנאַלער ערציהונג“ גיט דעם לעזער מעהר, אײדער דער נאָמען פֿון אַרטיקעל זאָגט צו; אין אמת׳ן רעדט זיך אין דער גרעסטער העלפֿט װעגען פּראָלעטאַרישער ערציהונג, און נאָך ריכטיגער: װעגען דעם, װי זאָל מען ערציהען די פּראָלעטאַריש־סאָציאַלע געפֿיהלען בײַ דער אַרבײטער־יוגענד. דאָס איז אַ װיכטיגע טעמא, אָבער זי שטעהט ניט אין אַ דירעקטען צוזאַמענהאַנג מיט דער פֿראַגע װעגען נאַציאָנאַלער ערציהונג; איך װעל זיך דעריבער בעגנוגענען דאָ מיט אַ פּאָר קלײנע בעמערקונגען.

עס איז אַלץ ריכטיג, װאָס זי שרײַבט. עס איז אַ הײליגער אמת, אַז „די מאָראַלע קנעכטשאַפֿט פֿונ׳ם פּראָלעטאַריער איז נאָך שרעקליכער אײדער די פֿיזישע“; עס איז ריכטיג, אַז די קינדער דאַרפֿען שוין פֿון די יונגע יאָהרען אָן דורכגעדרונגען װערען מיט פּראָלעטאַרישע סאָלידאַריטעטס־געפֿיהלען, אַז אַ קינד פֿון 12–13 יאָהר קען מען שוין פּסיכאָלאָגיש בעגײַסטערן פֿאַר דעם פּראָלעטאַרישען אידעאַל. עס איז אויך ריכטיג, אַז די פֿראַגע װעגען סאָציאַלער ערציהונג איז אַ ברענענדע פֿאַר... דעם דײַטשען פּראָלעטאַריאַט, איך נעהם אָבער ניט, אַז די זאָל זײַן אַזוי ברענענד פֿאַר דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט. די אינטערנאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט פֿאָדערט, אַז דער יודישער אַרבײטער זאָל װיסען און פֿערשטעהן די אױפֿגאַבען, װעלכע עס בעשעפֿטיגען אין יעדען מאָמענט זײַנע אױסלענדישע חברים, דערפֿון אָבער איז ניט געדרונגען, אַז ער דאַרף זיך אין יעדען מאָמענט שטעלען די זעלבע אױפֿגאַבען, װי זײַנע חברים אין אױסלאַנד, װעלכע לעבען אין גאַנץ אַנדערע פּאָליטיש־קולטורעלע בעדינגונגען. דאָס פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטליכע לעבען פֿון דײַטשען אַרבײטער שפּיעלט זיך אָב אין פֿערײן און אין טראַקטיר בײַ אַ גלאָז ביער, אַ הײם קומט ער עסען און שלאָפֿען. בײַ נאַכט געהט ער אָדער אין פֿערײן אָדער אין טראַקטיר, װאו ער זיצט מיט זײַנע חברים; די װײַב מיט די קינדער װעגען אין קיך, און דער גאַנצער האָריזאָנט זײַערער איז ניט װײַטער אײדער די קיך. זונטאָג פֿיהרט דער מאַן זײַן װײַב און קינדער שפּאַצירען, און דער שפּאַציר ענדיגט זיך מיט אַ גלאָז ביער אין רעסטאָראַן, װאו מען זיצט אויף אײן אָרט 3–4 שעה נאָכאַנאַנד. דאָס איז דאָס פֿאַמיליען־לעבען פֿון דער דײַטשער מאַסע; אַ זוהן פֿון 18–20 יאָהר איז נאָך אַ יונגעל, „מײַן יונגע“ רופֿט איהם דער פֿאָטער. ניט 5 יאָהר צוריק, אויף דעם פּאַרטײ־טאָג אין ברעמען האָט ניט אַ קלענערער װי בעבעל מזהיר געװען, מען זאָל זײַן פֿאָרזיכטיג מיט דער אַגיטאַציע צװישען די „יונגע“, װעלכע האָבען נאָך ניט געדינט אין מיליטער, װאָרום, אַלס קינדער, װעלען זײ ניט װיסען, װי צו האַלטען זיך אין קאַזאַרמע און עס קען דערפֿון אַרױסקומען פֿאַר זײ חלילה אַ סכּנה. עס פֿערשטעהט זיך, אַז בײַ אַזאַ פֿאַמיליען־לעבען און בײַ אַזעלכע אַנזיכטען, איז די פֿראַגע װעגען ערציהונג פֿון די פֿרױען און פֿון די קינדער און פֿון דער יוגענד אַ ברענענדע אין דײַטשלאַנד. א–רן איז מסתמא גוט בעקאַנט, אַז די דײַטשע חברים, װעלכע האָבען זיך גענומען פֿאַר אַ אױפֿגאַבע די ערציהונג פֿון יונגערן דור, װי למשל ק. ליבקנעכט, האָבען אַ פֿריהער יאָהרען נאָכאַנאַנד ערסט געמוזט פֿיהרען אַ שװערען קאַמפֿף אין דער פּאַרטײ, אויף די פּאַרטײ־טאָגען, ביז װאַנען מען האָט אויף די אױפֿגעהערט צוקוקען, װי אויף אונרוהיגע מענשען, װעלכע פֿערנעהמען זיך מיט אוטאָפּיען. און װי שװאַך עס איז נאָך די פּראָלעטאַרישע פֿרױען־בעװעגונג אין דײַטשלאַנד! און װי קלײן־בירגערליך װערען די קינדער אױפֿגעצױגען! בײַ דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט זעהען מיר פּונקט דעם היפּוך: די פֿרוי איז ניט אָבגעשטאַנען פֿון מאַן אין פּאָליטיש־עקאָנאָמישען קאַמפֿף; אַ 15–16 יאָהריגער יונגעל איז שוין אַ מיטגליעד פֿון אָרגאַניזאַציע; צו 8–9 יאָהר שפּיעלט ער אין שטרײַקען און דעמאָנסטראַציעס. דער טראַקטיר איז צום גליק נאָך װעניג פֿערברײטעט אין די יודישע מאַסען; דער פֿאָטער איז, װען ער איז לײדיג, צוזאַמען מיט די קינדער. אַװעקשטעלען פֿאַר דעם יודישען אַרבײטער אַ אױפֿגאַבע, ער זאָל בעקאַנט מאַכען זײַן קינד מיט זײַן לעבען און קאַמפֿף, הײסט רײַסען זיך אין אַן אָפֿענער טיר, װעלכע מען דאַרף בײַ יודען אַפֿשר עטװאָס צו־

מאכען, אבער בשום אופן נים נאך מעהר פאנאנדערשפּרייטען. דער דייטשער ארבייטער ווערט א בעוואוסטזיניגער פראלעטאריער צו 25—20 יאהר און בלייבט אבער דערנאך מיט זיין ארגאניזאציע דעם גאנצען לעבען. דער יודישער ארבייטער האט אפטמאל שוין צו 25—20 יאהר פאליטיש אנגעבליהט — וואס איז בעסער? מיר זעהען דערפון, אז בלינד איבערנעהמען ביי די אויסלענדישע חברים קען נאר א מאל שעדליך זיין.

וואס א־ר הויבט דעם יודישען ארבייטער, ער זאל נים אראפפאלען פאר זיין אייגען־קינד, וועלכער לערנט קראפּאטקינקאוו, איז דאס שוין צו פיעל א פאראדיע. האטש ער חזר'ט דאס איבער עטליכע מאל. דער יודישער ארבייטער פאלט נים אראב פאר גרעסערע מיוחסים, און נאך ווייניגער וועט ער בטל ווערען פאר דער רוסישער גראמאטיק.

א־רס עצה, דער ארבייטער זאל פיהרען זיין קינד אין וואלד און פעלד און בעווייזען איהם די שעהנהייט פון דער נאטור, געהערט שוין צו א נייעם קאפיטעל: צו עסטעטישער ערציהונג. אויף וויפיעל דער איצטיגער יודישער ארבייטער איז פעהיג צו אזא שליחות, אויף וויפיעל עס איז פאסיג צו „פערטייטשען", צו „קאמענטירען" די נאטור אפילו מיט דער בעסטער פאעזיע בעת די נאטור אליין רעדט דירעקט צום קינדס הארץ, איז אן אנדערע פראגע. נים דא איז דער ארט וועגען דעם אבצושטעלען זיך; נור איין בעמערקונג וויל איך מאכען, וועלכע וועט אפשר אויסזעהען, ווי א פאראדאקס — אבער די איז פאָרט ריכטיג: זאל דער יודישער ארבייטער, וועלכער איז אויפגעוואקסען אין שטאָדט און וועלכער האט אין זיין שפּראך קיין ווערטער נים פאר די פערשיידענע בוימער, בלומען, פויגלען אין א. ז. וו. געהן אין וואלד און פעלד מיט זיינע קינדער און לערנען זיך פון זיי, און הערען, ווי זיי בעשאפען ווערטער, ווי זיי גיבען א נאמען יעדער גרעזעלע און יעדער פייגעלע, און געדענקען די נעמען און די בילדער, און אריינפיהרען דאס אין לעבען, וועט דאס אויך זיין א וויכטיגע נאציאנאל-קולטורעלע ארבייט. געדרוקטע פאעמען וועלען דא נור שאדען, ווארום די פאעטען קענען נים בעארבייטען דאס, וואס דאס פאלק האט נאך נים בעשאפען, און בעשאפען נעמען, בילדער, פארשטעלונגען וועלען נור קינדער קענען, ווארום זיי זענען די פערקערפערטע פאנטאזיע, זיי זענען אונזער פאעזיע, זיי זענען אונזער האפנונג.

פ. ליעבמאן.

די רעגולירונג פון דער יודישער עמיגראציע*).

I

די פראגע.

ס'איז פאר קיינעם קיין סוד נים, וואס פאר אנארט די פראגע וועגען דער יודישער עמיגראציע פערנעהמט איצט אין דעם געזעלשאפטליכען לעבען ביי יודען. און ס'איז פאר קיינעם ווייטער אויך קיין נייעס נישט, דאס מען דארף בנוגע צו דיזער פראגע פערנעהמען א בעשטימטע שטעלונג, א געוויסע פאזיציע. און דאס אבלעגען עס אויף שפעטער איז איצט שוין פשוט אונמעגליך. א חוץ דעם, די פראגע איז א שארפע און דער ענטפער דארף דעריבער זיין א קלאהרער. נור איידער צו געבען א קלאהרען ענטפער, איז נויטהווענדיג די פראגע גופא זאל זיין קלאהר. אויב מיר קוקען זיך אבער צו נעהנטער צו דעם, וואס מען

---

*) דיזער ארטיקעל, ווי אויך א. ליטוואקס: „וועגען עמיגראציאנס-קאנגרעס" (צייט-פראגען נומ. 1), זיינען דיסקוסיאנס-ארטיקלען.

די רעדאקציע.

רופט געוועהנליך אן מיט'ן נאמען „די רעגולירונג פון דער יודישער עמיגראציע", דאן דערזעהען מיר, דאס מיר האבען צו טאן גאר נישט מיט קיין איינהייטליכער זאך, נור מיט א סך פערשידענארטיגע, פיעל אדער ווייניג צוזאמענפלאנטערטע שטרעבונגען. צוליב דער קלאהרקייט פון דער פראגע איז אלזא נויטהווענדיג דיזע שטרעבונגען פונאנדערצופלאנטערען, זיי גרופירען לויט זייערע גרונד-פרינציפען און בעטראכטען יעדע גרופע בעזונדער. מיר וועלען דאן דערזעהען פאלגענדעס.

מיט דעם אויסדרוק „רעגולירען די יודישע עמיגראציע" בעצייכענט מען ביי אונז געוועהנליך דריי פערשיידענע זאכען:

1) ענדערען די ריכטונג פון דעם עמיגראציאנס-שטראם. אבקירעווען איהם אויף א נייעם וועג.

2) אברייסען פון דעם עמיגראציאנס-שטראם א קליינעם טייל, כדי מיט דיזען טייל זיך צו בענוצען צו קאלאניזאטארישע צוועקען.

3) בעזייטיגען די שטערונגען, וואס די עמיגראציאנס-בעוועגונג געפינט אויף איהר וועג.

די פראגע איז אלזא: ווי דארף מען זיך פערהאלטען צו יעדערע פון דיזע דריי שטרעבונגען? מיר דארפען, פערשטעהט זיך, אבשטעלען זיך אויף יעדער פון זיי בעזונדער און איך הויב מאכען באלד אן פון דער ערשטער שטרעבונג.

II

א מעכטיגער שטראם, וואס גערהט זיך זיין וועג.

אין דער ווירקליכקייט אבצוקירעווען דעם עמיגראציאנס-שטראם אויף א נייעם וועג, איינגאנצען ענדערען די ריכטונג זיינע, איז בלא ספק אן אונמעגליכע זאך. נישט צוקוקענדיג זיך אפילו נעהנטער צו דער זאך, פון פאראויס, a priori, האלט איך עס אויך געהאלטען פאר אונמעגליך. ווארום איבער הונדערטער-טויזענדער און מיליאנען מענשען ווערען אריבערגעשליידערט פון איין מדינה אין א בעשטימטע אנדערע מדינה, דאן קען מען זיכער זיין, אז דא ווירקען אויסערגעוועהנליך-טיפע סבות, וועלכע זענען ענג פערבונדען אי מיט דעם אויסוואנדערונגס-לאנד, אי מיט דעם איינוואנדערונגס-לאנד. אנטקעגען אזעלכע טיפע סבות האבען אונזערע קינסטליכע מיטלען זעהר א קליינע מאכט. ענדערען די ריכטונג פון דעם גאנצען עמיגראציאנס-שטראם שיינט אלזא פון פאראויס אונמעגליך. — פונדעסטוועגען אזא אלגעמיינע השערה איז נאך נישט גענוג, און כדי צו קומען צו א פעסטער מיינונג וועגען דיזען מין רעגולירונג פון דער עמיגראציע, דארפען מיר זיך צו איהם צוקוקען נעהנטער, און גענויער איהם אנאליזירען.

קירעווען דעם עמיגראציאנס-שטראם אויף א נייעם וועג קען מען זיך סטארענען אויף צוויי אופנים, מיט צווייערליי מיטלען: ערשטענס, דורך דירעקטע צואנגס-מיטלען, וואס די מלוכה נעהמט אן, און צווייטענס, דורך אונדירעקטע, נור גוט צוגעפאסטע און אויסגערעכענטע פרייע עקאנאמישע מיטלען, וועלכע צווינגען אייגענטליך קיינעם נישט, נור וואס דארפען פונדעסטוועגען ווירקען, אז די עמיגרירענדע מאסע זאל געהן נישט מיט איהר

אַלטען װעג, נור מיט אַ נײַעם. עס פֿערשטעהט זיך, אַז די בײדע מיטלען זענען גאַנץ פֿערשײדען; מיר דאַרפֿען אַלזאָ בעטראַכטען יעדען פֿון די בעזונדער.

צװאַנגס-מיטלען, כּדי צו ענדערען די ריכטונג פֿון דער עמיגראַציאָנס-בעװעגונג, קענען ערשטענס אָנגענומען װערען דורך דער מלוכה פֿון דעם אױסװאַנדערונגס-לאַנד. נור אַזעלכע מינים צװאַנגס-מיטלען קענען, פֿערשטעהט זיך, קײן מערקבאַרען אײַנדרוק אױף די ריכטונג פֿון דער עמיגראַציע ניט מאַכען: װאָרום, הײַבאַלד דער עמיגראַנט האָט פֿערלאָזען זײַן פֿאָטערלאַנד, קען ער שױן געהן, װאוהין ער װיל אַלײן, און די געזעצען פֿון זײַן פֿאָטערלאַנד קענען איהם אין קײן הינזיכט מעהר ניט בינדען. װי נור אַרױס פֿון דער אױסװאַנדערונגס-לאַנד, פֿערלירען אַזעלכע מיטלען און צװאַנגס-געזעצען יעדע װירקונג.

אָהן אַנ'ערך אַ גרעסערע װירקונג קענען האָבען די צװאַנגס-מיטלען פֿון דעם אײַנװאַנדערונגס-לאַנד. אױב דאָס לאַנד, װאוהין עס געהט דער עמיגראַציאָנער שטראָם, װאָלט פֿערבאָטען אַרײַנצולאָזען בײַ זיך די אײַנװאַנדערער, װאָלט דאָס, פֿערשטעהט זיך, האָבען זעהר אַ שטאַרקען אײַנפֿלוס אױף די ריכטונג פֿון דער װאַנדערונג; נור אַ קלײנעם טײל פֿון די װאַנדערער װאָלט געלינגען בעהאַלטענערהײט אַרײַנצודרינגען אין דאָס פֿערבאָטען-לאַנד, די גאַנצע מאַסע אָבער װאָלט מוזען געהן ערגעץ אַנדערשװאו. פֿונדעסטװעגען איז עס װעניג דענקבאַר, דאָס אַ מלוכה זאָל אָננעהמען אַזעלכע מיטלען, װעלכע זאָלען אינגאַנצען אָדער כמעט אינגאַנצען פֿערבאָטען די אײַנװאַנדערונג בײַ זיך, און זי זאָל עס דורכפֿיהרען אין לעבען אין פֿולער מאָס און אין אַ פֿערלױף פֿון אַ רעכט-לאַנגער צײַט. דאָס קען מען נאָך װעניגער ערװאַרטען פֿון אַזאַ לאַנד, װעלכע נױטיגט זיך אַלײן זעהר שטאַרק אין אײַנװאַנדערער; מיר רעדען דאָך אײַגענטליך װעגען אַזאַ לאַנד, װאָס ציהט צו זיך צו כמעט דעם גאַנצען װאַנדערער-שטראָם. און דאָס װאָלט לכתחלה ניט פּאַסירט, װען דאָס לאַנד װאָלט קײן טיפֿע בעדערפֿניס אין אײַנװאַנדערער ניט געהאַט.

און ניט נור אַזאַ לאַנד, װאָס נױטיגט זיך אַלײן שטאַרק אין אײַנװאַנדערער, נור בכלל קײן קאַפּיטאַליסטישע מלוכה העט אין אַלגעמײן גענומען*) קײנמאָל ניט אָננעהמען אַזעלכע מיטלען, װאָס זאָלען װירקליך פֿערמאַכען די אײַנװאַנדערונג אַהין. װאָרום מען דאַרף ניט פֿערגעסען, דאָס יעדע פֿרישע אַרבײַטס-קראַפֿט איז שטענדיג זעהר געװאונשען פֿאַר די הערשענדע קלאַסען. אַ נײַע אַרבײַטס-קראַפֿט איז, ערשטענס, אַ נײַע קװעלע פֿון מעהר-װערטה; מען לעגט אָן איהר ניט צו נור, פֿערקעהרט, מען פֿערדינט דורך איהר; צװײַטענס, דער אַרבײַטער איז ניט נור אַ פּראָדוצענט, נור אױך אַ קאָנסומענט; ער דאַרף

---

*) איך זאָג „אין אַלגעמײן גענומען", װײַל אױסנאַהמס-פֿאַלען זענען, פֿערשטעהט זיך, מעגליך; אַזױ צ. ב. ערװאַרטענדיג אַ מלחמה מיט אַן אױסלענדישער מלוכה, לאָזען געװיסע לענדער דאַן צו זיך ניט אַרײַן די בירגער פֿון דער פֿײַנדליכער מלוכה, איז ניט נור דאָס, מע שיקט דאַן אָפֿט אַרױס אױך יענע בירגער פֿון דער פֿײַנדליכער מלוכה, װאָס האָבען שױן פֿון פֿריהער געװאױנט אין לאַנד.

עסען און טרינקען, ער דאַרף אַ בגד, דירה א. ז. װ.; די אײַנװאַנדערונג שאַפֿט די הערשענדע קלאַסען ניט נור נײַע מעהרװערטס-קװעלען — זי שאַפֿט זײ אױך אַ גרעסערע קונדשאַפֿט, אַ גרעסערען מאַרק פֿאַר זײַערע סחורות; בײַ הײַנטיגער צײַט, װען אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער פֿיהרען אַ פֿערביסענעם קאַמפֿ פֿאַר די מערק, איז זעלבסטפֿערשטענדליך די אײַנװאַנדערונג גאָר װי געװאונשען פֿאַר די הערשענדע קלאַסען. און דריטענס, די אײַנװאַנדערונג, פֿערגרעסערענדיג די בעפֿעלקערונג פֿון דער מדינה, פֿערגרעסערט דערמיט גופֿא די אױסערליכע מאַכט פֿון דער מלוכה; בײַ איצטיגער צײַט, װען עס הערשט אַזאַ אָנאױפֿהערליכע קאָנקורענץ צװישען די מלוכות, איז דיזע אױסערליכע מאַכט אױך אײנע פֿון די װיכטיגסטע שטרעבונגען פֿון די הערשענדע קלאַסען, װײַל זי גאַראַנטירט זײ די מערק, װאָס זײ האָבען זיך פֿריהער ערװאָרבען, און גיט זײ די מעגליכקײַט זיך צו ערװערבען נײַע.

צוליב דיזע און נאָך אַנדערע טעמים, זענען די הערשענדע קלאַסען בכלל גענומען פֿעראינטערעסירט, דאָס די אײַנװאַנדערונג בײַ זײ זאָל ניט קלענער װערען. כּדי צו װאַרפֿען אַ בײנדעל די האַלב-בעװאוסטזיניגע אַרבײַטער-מאַסען װאָס פֿאָדערען צו בעגרענצען די אײַנװאַנדערונג, גיבען די הערשענדע קלאַסען פֿון די אײַנװאַנדערונגס-לענדער פֿון צײַט צו צײַט אַרױס אַ געזעץ, װעלכער פֿערשאַפֿט פֿיעל ענויים און דאגות די אײַנװאַנדערער. די הערשענדע קלאַסען טהוען עס מיט פֿערגעניגען: ראשית, ברענגען זײ אַרײַן דערמיט האַספּערײַען און מיספֿערשטענדעניסען צװישען די פּראָלעטאַריער פֿון פֿערשידענע נאַציאָנען און זײ זעלבסט שטעלען זיך דערבײַ אַרױס פֿאַר אַרבײַטער-פֿרײַנד, און צװײטענס, װײסען זײ גאַנץ גוט, דאָס דאָס העט עס גאָרניט שאַטען, װאָרום די אימיגראַציע, די אײַנװאַנדערונג העט דורך אַזעלכע געזעצען ניט קלענער װערען. בכלל אָבער װעלען די הערשענדע קלאַסען קײנמאָל ניט אַרױסגעבען אַזעלכע געזעצען, װאָס זאָלען באמת פֿערמאַכען דאָס לאַנד פֿאַר די אױסלענדישע אײַנװאַנדערער, װאָרום געגען זײַערע אײגענע אינטערעסען װעלען זײ קײנמאָל ניט געהן.. און דאָס איז ניט כּתם אַ סבֿרא: די הערשענדע קלאַסען האָבען אױך פֿאַקטיש אין ערגעץ ניט פֿערמאַכט זײער לאַנד פֿאַר די עמיגראַנטען, פֿון װעלכע זײ האָבען געקענט דערװאַרטען די אױבענדערמאָהנטע נוצען*).

---

*) אײַנװאַנדערונגס-פֿערבאָטונגען בנוגע צו די חינעזער און אַנדערע פֿעלקער פֿון מזרח-אַזיען, פֿערבאָטונגען, װעלכע מיר געפֿינען יאָ אין געװיסע מדינות, זענען בשום אופֿן קײן ראיה ניט קעגען מײַנע רײד. װאָרום ערשטענס, זענען דיזע פֿערבאָטונגען געװענדעט געקעגען יענע מינים אײַנװאַנדערער, װעלכע האָבען גאַנץ קלײנע לעבענס-בעדערפֿניסען, ד. ה. װאָס שטעלען פֿאַר אַ גאַנץ קנאַפּע קונדשאַפֿט פֿאַר די סחורות פֿון דער מדינה; אַלס „מאַרק" האָבען זײ אַלזאָ פֿאַר די הערשענדע קלאַסען אַ גאַנץ קלײנעם װערטה. פֿון דער צװײטער זײַט, בײַ איצטיגע היסטאָרישע בעדינגונגען, װען די מזרח-אַזיאַטישע פֿעלקער האָבען זיך דערװאַכט נאָך אַ פֿיעל-יאָהרהונדערט-יעהריגען שלאָף און האָבען זיך אָנגעהױבען צו ריהרען פֿון זײַערע ערטער, איז די מאַסען-אײַנװאַנדערונג פֿון חינעזער אָדער יאַפּאַנער אין פּאָליטישען זין, ד. ה. פֿאַר די אױסערליכע מאַכט פֿון די אײַנװאַנדערונגס-מלוכות און פֿאַר זײער זעלבסטשטענדיגקײַט ניט נור ניט נוצליך, נור פֿערקעהרט העכסט געפֿעהרליך. דאָס, װאָס מען האָט פֿערבאָטען געראַד דיזע אײַנװאַנדערונג און ניט קײן אַנדערע, איז אַלזאָ ניט קײן װידערשפּרוך אַנטקעגען דעם, װאָס איך

בעזונדערס אומעגליך איז עס, אַז די פֿעראײניגטע שטאַטען װאָלען אָננעהמען אַזעלכע מיטלען, װאָס װאָלען פֿערמאַכען דאָס לאַנד פֿאַר די אײנװאַנדערונג. צו די אויבּענדערמאָהנטע סבּות דאַרף מען נאָך דאָ צוגעבּען דאָס, װאָס די געבורטיגקײט אין די פֿעראײניגטע שטאַטען געהערט צו די שװאַכסטע אין דער װעלט; דער נאַטירליכער צו-װאוקס פֿון דער בעפֿעלקערונג איז דאָרטען אַלזאָ אַן אויסערסט קלײנער, און די אײנװאַנדערונג איז דאָרטען אין אַ געװיסען זין אַ נויטװענדיגקײט. בײַ דער זעלבער צײַט, אַ חוץ אײניגע מזרח-שטאַטען, איז די אָרטיגע בעפֿעלקערונג נאָך אויסערסט שיטער; גאַנצע מדינות זענען נאָך כּמעט פּוסט און װאַרטען נאָך אויף מענשען, װאָס װעלען קומען זײ בעזעצען.

נאָר װי די מעשׂה איז, צי װעלען די אײנװאַנדערונגס-מלוכות יאָ װעלען ענדערען די ריכטונג פֿון דעם װאַנדערער-שטראָם מיט צװאַנגס-מיטלען, אָדער נישט, אויף װיפֿיעל די פֿראַגע װעגען ענדערען דיזע ריכטונג, װעגען קירעװען דעם װאַנדערונגס-שטראָם שטעלט זיך בײַ אונז, האָבען מיר צו טון מיט אויסװאַנדערונג און נישט מיט אײנװאַנדערונג. און װי מיר האָבען אויבּען געזעהן, איז פֿאַר די מלוכה, פֿון װעלכער עס געהט די אויסװאַנדערונג, בשום אופֿן נישט מעגליך צו װירקען אויף די ריכטונג פֿון דער עמיגראַציע. װעגען קירעװען די עמיגראַציע מיט צװאַנגס-מיטלען קען אַלזאָ בײַ אונז גאָר קײן רעדע נישט זײַן.

נור אויב נישט מיט צװאַנגס-מיטלען, קען נאָך זײַן אַ רעדע װעגען ענדערען די ריכטונג פֿונ'ם עמיגראַציאָנס-שטראָם אויפֿ'ן פֿרײַען װעג, דורך די אָנװענדונג פֿון פּאַסענדע עקאָנאָמישע מיטלען. דורך פֿערשידענאַרטיגע פּריװילעגיעס, מיט דער הילף פֿון פֿערשידענאַרטיגער עקאָנאָמישער שטיצע, זאָל מען אָבּצוציהען די װאַנדערענדע מאַסע פֿון דעם װעג, מיט װעלכען זי געהט געװעהנליך, און צוציהען זי צו נײַע געגענדען, אויף נײַע װעגען. אין אַזעלכע פֿאַלען װערט דעם װאַנדערער געגעבּען אומזיסט, אָדער שפּאָט-בּיליג, שטיקער ערד; מען גיט איהם אַן אומזיסטען בּילעט אויף צו פֿאָהרען געװיסע שטרעקען; מען בעפֿרײַט איהם פֿון שטײַערען אין פֿערלויף פֿון אַ געװיסע צײַט, מען גיט איהם נאָך אָפֿטמאָל אַ געװיסע שטיצע אין בּאַרען געלד אויף די ערשטע הוצאות, אויפֿ'ן אײַנאָרדנען זיך און ד. גל.

פֿון פֿאָראויס, a apiori, שײַנען דיזע מיטלען אַ סך װירקליכער צו זײַן, װי די צװאַנגס-מיטלען, װעגען װעלכע מיר האָבען פֿריהער גערעדט. נור פֿונדעסטװעגען קען מען אויך דאָ פֿון פֿאָראויס צװײַפֿלען, אויב דער צװעק װעט דערגרײַכט װערען, ד. ה., אויב עס װעט געלינגען אָבּצוקירעװען דעם גאַנצען עמיגראַציאָנס-שטראָם פֿון זײַן סטיכיאישען װעג.

נור ערשטענס איז אינטערעסאַנט אַ קוק צו טאָן אויף דעם, װאָס די געשיכטע װײַזט אונז. די געשיכטע פֿון דער עמיגראַציע און פֿון די שטרעבּונגען זי צו רעגולירען בײַ אַנדערע פֿעלקער דערצעהלט אונז טאַקי זעהר פֿיעל װעגען

האָב אויבּען געזאָגט װעגען די נוצען פֿון דער אײנװאַנדערונג פֿאַר די הערשענדע קלאַסען, נור פֿערקעהרט: דאָס בעשטעטיגט נאָך די אויבּענגעבּראַכטע מײנונג.

פּראָבּעס צו רעגולירען די װאַנדערונגס-בעװעגונג דורך פֿערשידענאַרטיגע עקאָנאָמישע פּריװילעגיעס. דיזע מיטלען זענען געבּרױכט געװאָרען אי דורך די אויסװאַנדערונגס-לענדער, אי דורך די אײנװאַנדערונגס-לענדער. שפּאַניען, דײַטשלאַנד, גרויס-בּריטאַניען, אײניגערמאַסען אויך איטאַליען און אַנדערע האָבען אַלע פֿיעל אָדער װעניג געװאָלט אָבּצוציהען דעם װאַנדערונגס-שטראָם, װעלכער איז געגאַנגען פֿון זײערע לענדער נאָך די פֿרעמדע מלוכות און צוציהען איהם צו זײערע אײגענע קאָלאָניעס, כּדי ערשטענס נישט אָנצוװאַרען דורך די עמיגראַציע אַ גרויסען טײל פֿון דער בעפֿעלקערונג, און צװײטענס, כּדי דורך איהר צו בעזעצען די אײגענע קאָלאָניעס. פֿון דער אַנדער זײַט זעהען מיר, דאָס געװיסע נײַע לענדער, װי צ. ב. אַרגענטינע, בּראַזיליע און קאַנאַדאַ, האָבען שטענדיג געװאָלט אָבּצוציהען דעם װאַנדערונגס-שטראָם פֿון אַנדערע מלוכות און צוציהען איהם צו זיך. פֿונדעסטװעגען אָבּער איז די ריכטונג פֿון דעם אײראָפּעאישען װאַנדערער-שטראָם אין גרויסען און גאַנצען דורך אַלעם דעם נישט געענדערט געװאָרען: ער איז זיך, װי פֿריהער, הויפּטזעכליך געגאַנגען נאָך די פֿעראײניגטע שטאַטען פֿון צפֿון-אַמעריקאַ און געװיסע אַנדערע געגענדען און נור אַ פֿערהעלטניסמעסיג זעהר קלײנער טײל פֿון דער װאַנדערער-מאַסע איז אָבּגעצױגען געװאָרען אָן אַ זײַט פֿון דער אַלגעמײנער ריכטונג.

מיר האָבען אויף אַזאַ נאַרט דאָס רעכט צו דענקען, דאָס אויך אונז, בנוגע צו דער יודישער עמיגראַציע, װעט נישט געלינגען דאָס, װאָס עס איז נישט געלונגען גרויסע און רײַכע אײראָפּעאישע לענדער בנוגע צו זײער עמיגראַציע, װאָרום אונזערע מאַטעריעלע מיטלען זענען אַ סך קלענערע פֿון זײערע. מיר דאַרפֿען אַלזאָ רעכענען, דאָס עס װעט אונז קײנעספֿאַלס נישט געלינגען צו ענדערען די ריכטונג פֿון דעם גאַנצען יודישען װאַנדערונגס-שטראָם און צו קאָנצענטרירען איהם אויף אַזאַ טעריטאָריע, אין אַזאַ געגענד, װעלכע זאָל לסוף װערען אַ יודישע מדינה.

III. פֿאַר װאָס קען דער יודישער װאַנדערער-שטראָם נישט געהן אין אַ פּוסטע מדינה?

פֿונדעסטװעגען, אויב די געשיכטע װײַזט אונז, דאָס עס איז נישט געלונגען צו ענדערען די ריכטונג פֿון דער גרויסער און גאַנצער עמיגרירענדער מאַסע, װײַזט זי אונז אויך, דאָס אין יעדען פֿאַל בעזונדער זענען געװעזען געװיסע סבּות, װעלכע האָבען נישט געלאָזען ענדערען דיזע ריכטונג, און װעלכע זענען געװעזען אויף אַזוי פֿיעל שטאַרק, דאָס עס איז נישט שװער געװעזען זײ צו געפֿינען אין יעדען אײנצעלנעם פֿאַל. דיזע סבּות זענען געלעגען טײלװײַז אין די נאַטירליכע און סאָציאַלע אײגענשאַפֿטען פֿון דער מדינה, װאָהין מען האָט געװאָלט צוציהען די אײנװאַנדערונג, און טײלװײַז זענען זײ געלעגען אין דעם בעשטאַנד און אין די אײגענשאַפֿטען פֿון דער װאַנדערער-מאַסע גופֿא.

אויב מיר װעלען פֿון דיזען שטאַנדפּונקט אַ קוק טאָן אויף די יודישע עמיגראַציע, דאַן װעט אונז קלאָר װערען, פֿאַרװאָס געהט זי כּמעט אינגאַנצען (העכער 80 %) נאָך די פֿעראײניגטע שטאַטען פֿון צפֿון-אַמעריקאַ און פֿאַרװאָס עס װעט קײנמאָל נישט געלינגען אָבּצופֿירען זי פֿון דיזען װעג און, נאָך מעהר, קאָנצענטרירען זי אין אַ געגענד, װאָס איז נאָך כּמעט אינגאַנצען פּוסט.

ליידער איז אין דיזען ארטיקעל אונמעגליך אנצושטעלען זיך אויף די סבות פון דער יודישער עמיגראציע. איך האף אין קורצען אויף אן אנדער ארט עס אויספיהרליך צו אנאליזירען. נור א געוויסע בעקאנטשאפט מיט די סבות פון דער יודישער עמיגראציע וואלט אונז זעהר צונוץ געקומען איצט, ביי דער פראגע, אויב מען קען ענדערען די ריכטונג פון דעם יודישען וואנדערער-שטראם. יעדענפאלס אבער מוז איך איצט צום ווייניגסטענס אויפמערקזאם מאכען אויף איינעם זעהר א וויכטיגען פונקט, אויף דעם פראפעסיאנעלען בעשטאנד פון דער יודישער עמיגרירענדער מאסע.

אין דער יודישער עמיגראציע זענען די פראפעסיעס איינגעטיילט זעהר נישט גלייכמעסיג. ניט אלע פראפעסיעס ביי יודען שטעלען צו א גלייכע, אדער אפילו א פראפארציאנעלע צאהל עמיגראנטען. פערקעהרט, דאס רוב פראפעסיעס עמיגרירען פערהעלטניסמעסיג וועניג און נור עטליכע געוויסע פראפעסיעס עמיגרירען אין א ביישפיל-גרויסער מאס. אין אמת'ן, אויב מיר לאזען אן א זייט די יעניגע עמיגראנטען, וואס האבען קיין איינענע בעשעפטיגונג נישט (לויט דער אמעריקאנער בעצייכנונג), אדער, אויף פראסט יודיש, די, וואס זענען אליין נישט קיין פערדינער, ד. ה. די קינדער און די נישט-בעשעפטיגטע פרויענצימער, אויב מען נעהמט אלזא אין אכט נור די עמיגראנטען, וועלכע זענען יא פערדינער, וועלכע האבען יא א געוויסע בעשעפטיגונג, דאן זעהען מיר פאלגענדעס:

די גאנצע יודישע וואנדערענדע מאסע (לויט דער איינוואנדערונגס-סטאטיסטיק פון די פעראייניגטע שטאאטען) בעשטעהט פון דריי כמעט גלייכע טיילען: איין דריטעל אומגעפעהר בעשטעהט פון נישט-קוואליפיצירטע ארבייטער, ד. ה. פון מענשען, וואס האבען זיך קיין מלאכה נישט געלערענט; ביי יודען זענען עס כמעט שטענדיג געוועזענע סוחרים'לעך, קליינע הענדלער, מעקלער, אדער אזעלכע, וואס האבען געוואלט זיין (און ביי אנדערע בעדינגונגען וואלטען זיי עס מסתמא אויך פאקטיש געוועזען) סוחרים'לעך, הענדלער, מעקלער און ד. גל.; מיט איין ווארט, דאס, וואס מען רופט אויף יודיש לופט-מענשען. די איבריגע צוויי דריטעל בעשטעהען פון געלערענטע ארבייטער, ד. ה. פון אזעלכע, וואס קענען א געוויסען פאך. דער גרעסטער דריטעל, ד. ה. דער גרעסטער טייל פון די פאכאווע ארבייטער (דורכשניטליך 55 פראצ.) בעשטעהט פון ארבייטער אין קליידונגס-בראנזש (ד. ה. הויפטזעכליך שניידער, אין א מערקבארער מאס אויך שוסטער און ד. גל.). דער קלענערער טייל, ד. ה. א קלענערער דריטעל פון אלע פערדינער, בעשטעהט פון אלע איבריגע מלאכות און פראפעסיעס צוזאמען גענומען. בעזונדער מערקווירדיג איז נאך דאס, אז דער אנטייל פון די קליידונגס-ארבייטער אין דער עמיגראציע האלט כסדר אין איין וואקסען. אין 1899 האבען די ארבייטער פון בעקליידונגס-בראנזש געבילדעט 48 פראצענט פון די פאכאווע יודישע עמיגראנטען; אין דעם יאהר 1907 בילדען שוין די ארבייטער אין בעקליידונגס-בראנזש 60 פראצענט פון אלע פאכאווע יודישע איינוואנדערער אין די פעראייניגטע שטאאטען, און די בעשעפטיגטע אין אלע איבריגע מלאכות און פראפעסיעס צוזאמען גענומען זענען מעהר נישט, ווי 40 פראצענט!

די יודישע עמיגראציע האט אלזא א זעהר ארגינעלען, זעהר אנ'אייגענארטיגען

בעשטאנד, וועלכער האט זיך אייגענטליך געדארפט ווארפען אין די אויגען יעדען, וואס בעשעפטיגט זיך נור מיט די פראגען פון דער יודישער עמיגראציע. די מעשה איז אבער, אז די, וואס האבען ביי יודען מעהר ווי אלע געשריען וועגען עמיגראציע, האבען זיך גאנץ וועניג מיה געגעבען זיך מיט איהר צו בעקענען. און דער פועל יוצא פון דעם איז, פערשטעהט זיך, געוועזען דאס, אז „דעם העלפאנד האבען זיי גאר נישט בעמערקט“. זיי האבען גאר נישט בעמערקט, אז אין יעדע דריי זעלבשטענדיגע יודישע עמיגראנטען איז פאראן נישט ווייניגער, ווי איין הענדלער און איין קליידונגס-ארבייטער.

דאס איז דער פאקטישער בעשטאנד פון דער יודישער עמיגרירענדער מאסע. און ביי אזעלכע בעדינגונגען איז קלאר ווי דער טאג, איז קלאר אפילו פאר בלינדע, דאס די יודישע עמיגרירענדע מאסע קען פון זיך אליין נישט לעבען. דער הענדלער קען נישט עקזיסטירען, אויב ער זאל האבען נור די צוויי איבריגע עמיגראנטען פאר קונדען; און דער בעקליידונגס-ארבייטער קען נישט עקזיסטירען, אויב ער זאל האבען צו נייהען נור פאר איין הענדלער און פאר נאך איינעם.

דיזער אייגענארטיגער בעשטאנד פון דער יודישער עמיגראציע בעשטימט די ריכטונג, וואוהין עס קען געהן און וואהין עס געהט פאקטיש דער יודישער עמיגראציאנער שטראם. דער יודישער הענדלער, די יודישע שניידער און שוסטער קענען געהן נור אהין, וואו עס איז פאראן א גרויסע און גענוג וואוילשטענדיגע ארטיגע בעפעלקערונג, פאר וועלכע זיי וואלטען קענען ארבייטען און ביי וועלכער זיי וואלטען קענען פערדינען צום לעבען. און אזוי ווי די יודישע וואנדערונג איז נישט קיין מאמענטאלע ערשיינונג, נור א לאנג דויערענדער, אנהאלטענדער פראצעס, איז נויטהווענדיג, דאס די מדינה, וואוהין עס ציהען זיך יאהר איין יאהר אויס די צעהנדליגע טויזענדער שניידער, שוסטער און הענדלער, זאל האבען א גרויסע בעפעלקערונג, וועלכע האלט כסדר אין ראשען וואקסען סיי אין צאהל, סיי אין וואוילשטאנד. אזא לאנד איז טאקי די פעראייניגטע שטאאטען פון צפון-אמעריקא. דארטען קענען געפינען אנווענדונג פאר זייער ארבייט און אהין קענען וואנדערען די יודישע קליידונגס-ארבייטער און הענדלער, און אהין עמיגרירען זיי טאקי אין דער ווירקליכקייט. אבער אין א נייע מדינה, וואס איז נאך כמעט אינגאנצען פוסט פון מענשען, קען דער יודישער שניידער אדער שוסטער, דער יודישער הענדלער נישט איינוואנדערען, ווייל ער האלט דארטען מוזען פשוט שטארבען פון הונגער. וואָרום אויב די בעפעלקערונג פון דיזער מדינה זאל בעשטעהן נור פון דער יודישער עמיגרירענדער מאסע, דאן וואלטען פון יענע דריי „פערדינער“ געמוזט אם ווייניגסטענס זיין איין הענדלער און איין שניידער. וועגען וואנדערען נאך אזא מין מדינה קען, ווי מען זעהט, ביי דער יודישער וואנדערענדער מאסע קיין שום רייד נישט זיין.

אבציהען אינגאנצען און גרויסען דעם יודישען עמיגראציאנס-שטראם פון זיין איצטיגען וועג, פון די פעראייניגטע שטאאטען, און קאנצענטרירען איהם אין א נייער נישט-בעזעצטער מדינה, וועלכע זאל דורך דעם מעכטיגען צוגוס פון דער יודישער וואנדערונג פערוואנדעלט ווערען אין א מדינה, בעזעצט דורכאוים מיט

יודען, איז אַלזאָ אַ פוסטער חלום, אַ לופט-שלאָס, וואָס איז געבויט אויף אַ פאַלשער אונוויסענהייט אי פון דער אַלגעמיינער, אי פון דער יודישער עמיגראַציע.

IV. דער אמת'ער ווערטה פון דער „קאָנצענטרירטער“ יודישער קאָלאָניזאַציע.

די אונמעגליכקייט צו ענדערען די ריכטונג פון דעם גאַנצען וואַנדערער-שטראָם איז אויף אַזוי פיעל קלאָר פון זיך אַליין, דאָס די בעוואוסטזיניגערע טעריטאָריאַליסטען גופא טראַכטען שוין איצט אויך וועניג וועגען דעם. ענדערען דעם גאַנג פון דעם גאַנצען עמיגראַציאָנס שטראָם איצט איז אונמעגליך, גיבען זיי שוין אַליין איין צו, און זיי לייגען עס אָב אויף אם ירצה השם, אויף לעתיד לבוא. דערפאַר אָבער האַלטען זיי פאַר מעגליך שוין אין די איצטיגע צייטען צו רעגולירען די עמיגראַציע אין דעם צווייטען זין. לויט זייער מיינונג, דאַרף מען שטרעבען אָבצורייסען פון דער עמיגרירענדער מאַסע אַ קליינעם טייל, וועהן איהם צו בעזעצען אין אַ נייעם לאַנד, אויף אַ וועניג-בעוואוינטער טעריטאָריע, דורך איהם קאָלאָניזירען דאָס לאַנד און אויף אַזאַ אַרט פערוואַנדלען עס אין אַ יודישע מדינה.

אויפ'ן ערשטען אייגענבליק אונטערשיידעט זיך דיזער מין רעגולירען די עמיגראַציע פון דעם פריהערדיגען נור לויט זיין גרויס נאָך, נור קוואַנטיטאַטיוו; אין עצם אָבער דאַכט זיך, דאָס די זאַך בלייבט די זעלבע, וואָס פריהער. פריהער האָט מען גערעדט וועגען ענדערען דעם וועג פון גאַנצען עמיגראַציאָנס שטראָם, איצט רעדט זיך נור פון אַ טייל פון איהם; וואָס האָבען מיר אַלזאָ וועגען דעם בעזונדער צו רעדען?

אין אמת'ן איז אָבער די זאַך ניט אַזוי פשוט. מיר ווייסען, אַז יעדער אַפילו אַ פערשיידענע מאָס בעדייטעט אויך אַ פערשיידענע אייגענשאַפט; „אַ קוואַנטיטאַטיווער אונטערשייד ברענגט צו אַ קוואַליטאַטיווען“. אין דעריבער קענען מיר נישט פערוואַרפען דיזע צווייטע שטרעבונג צו רעגולירען די עמיגראַציע צוזאַמען מיט דער ערשטער.

און פאַקטיש טאַקי טראָגט דער אַלגעמיינער עמיגראַציאָנער שטראָם אַוועק מיט זיך אויך אַזעלכע עלעמענטען, וועלכע וואָלטען מיט נישט קיין קלענערען ערפאָלג געקענט געהן ערגיץ אַנדערשוואו. אַזוי זענען פאַראַן פיעל עמיגראַנטען, וואָס וואָלטען קענען געפינען זייער ברויט אויך אין אַנדערע מדינות, נאָר וואָס פאָהרען פונדעסטוועגען אין צפון-אַמעריקא, ווייל דאָרטען וואוינען זייערע קרובים און בעקאַנטע, וועלכע קענען זיי די ערשטע צייט בעהילפיג זיין, אָדער סתם ווייל „אַלע“ פאָהרען אַהין. נעהמט צ. ב. די יודישע ערד-אַרבייטער, וואָס עמיגרירען די לעצטע צייט פון חערסאָנער און יעקאַטערינאָסלאַווער גובערניעס. געוויס בילדען זיי זעהר אַ קליינעם פראָצענט אין דער גאַנצער יודישער עמיגראַציע. זיי אָבער האָבען גאָר נישט עמיגרירען דוקא אין די פערייניגטע שטאַטען: זיי קענען זיך אויך בעזעצען אין אַזעלכע געגענדען, וואו קיין בעפעלקערונג איז נאָך כמעט נישטאָ און וואו פרייע ערד איז נאָך פאַראַן לרוב; פערקעהרט, ביי געוויסע בעדינגונגען קענען זיי אין אַ נייעם און וועניג-בעוואוינטען לאַנד לעבען נאָך בעסער, ווי אין די פערייניגטע שטאַטען פון צפון-אַמעריקא. אַט די יעניגע עלעמענטען, וואָס קענען יאָ עמיגרירען ערגיץ אַנדערשוואו, נור וואָס ווערען אַוועקגעטראָגען מיט דעם אַלגעמיינעם שטראָם, וויל מען אָבצוציהען אין אַן אַנדער זייט, אום צו קאָלאָניזירען אַ געוויסע נייע געגענד.

פון פאָראויס קען מען אַלזאָ אין דעם קיין אונמעגליכע זאַך, קיין אוטאָפּיע נישט זעהן. די געשיכטע בעשטעטיגט אויך די פולע מעגליכקייט און ווירקליכקייט פון אַזאַ מין אַריינמישען זיך אין דעם גאַנג פון דער איין- און אויסוואַנדערונג. אין די אַלע אויבענדערמאָהנטע בייספּילען פון ענגלאַנד, דייטשלאַנד, בראַזיליען, אַרגענטינא און ז. וו. זעהען מיר, דאָס די מלוכות איז נישט געלונגען צו ענדערען דעם וועג פון דער עמיגראַציע אין גרויסען און גאַנצען; אָבער דאָס אַ געוויסען, הגם זעהר נישט קיין גרויסען טייל פון די וואַנדערער איז זיי דאָך געלונגען צוצוציהען אַהין, וואו זיי האָבען געשטרעבט. איבריגענס, מיר דאַרפען הייט נישט געהן זוכען. די יודישע דערפער, אָדער „קאָלאָניעס“, אין אַרגענטינא, פּאַלעסטינא און קאַנאַדאַ זענען אויך אַ פאַקט, וועלכער ווייזט אונז, דאָס עס איז טאַקי אונמעגליך צו ענדערען דעם גאַנג פון דעם עמיגראַציאָנס-שטראָם אין זיין גאַנצער גרויס, אָבער דאָס עס איז פאָרט מעגליך אָבצורייסען פון איהם אַ קליין טיילכעל, אַ קליין וואַסערל און אָבצופיהרען עס ערגיץ אָן אַ זייט.

איך האַלט אַלזאָ בכלל פאַר מעגליך אָבצוציהען אַ קליינעם טייל עמיגראַנטען פון דעם אַלגעמיינעם גאַנג פון דער מאַסען-עמיגראַציע און צו בעזעצען איהם ערגיץ אַנדערשוואו. נור, ווי יעדערער פערשטעהט, כדי פאַקטיש עס דורכצופיהרען אין לעבען, אויף צוצוציהען די עמיגראַנטען אין אַ פוסט לאַנד, אויף צו שאַפען זיי גענוג ערד, בהמות, אינסטרומענטען, זאַאַט, דירות און לעבענס-מיטעל ביז זיי הויבען עפּעס אָן צו בעקומען פון זייער ערד — צו אַלעם דעם פאָדערען זיך קאָלאָסאַלע, אונגעהויער-גרויסע געלד-מיטלען. ביי די ענגלענדער, אין אויסטראַליען און ד. גל. קען די מלוכה אַסיגנירען די נויטיגע צעהנדליגע און הונדערטע מיליאָנען און די מלוכה קען אויך נעהמען אויף זיך אָנצופיהרען די קאָלאָניזאַציאָנס-טעטיגקייט. ביי יודען אָבער קען אַזאַ מין קאָלאָניזאַציע געפיהרט ווערען נור אויף צוויי אופנים: א) אויף פילאַנטראָפּישע יסודות און ב) אויף קאַפּיטאַליסטישע יסודות. אין דעם ערשטען פאַל, הייסט עס, ווערען די נויטיגע געלד-מיטלען געשאַנקען דורך רייכע פערזאָנען, וואָס זוכען אין דער קאָלאָניזאַציע קיין (דירעקטען) רווח נישט. אין צווייטען פאַל, ווערען געשאַפען די נויטיגע מיליאָנען דורך פערזאָנען, וועלכע שטרעבען צו קאָלאָניזירען אַ געוויסע געגענד אויף אַזאַ אַרט, דאָס זיי זאָלען פון דעם בעקומען רווח*).

---

*) אמת, אויף דעם לינקן פליגעל פון דעם סאָציאַליזם הערט מען אַ סך געשרייען וועגן פיהרען די קאָלאָניזאַציאָנס-טעטיגקייט אויף די יסודות פון געגענזייטיגער הילף. נור אויף וויפיעל זענען די רעדע וועגען נאַטירליכע, מאַכאַלע עמיגראַנטען און נישט וועגען רעכט-בעמיטעלטע מענשען, איז דאָס, פערשטעהט זיך, נישט מעהר ווי פוסטע פראַזען. וואָרום דער עמיגרירענדער האָט בשום אופן נישט די מיטלען, וואָס קאָסט זיין איינאָרדנען זיך אלס קאָלאָניסט, און יעדער וואָס נימט די מיטלען, דער עמיגרירט נישט. סוף כל סוף וועלען מיר דאָ האָבען צו טון מיט געלד-מיטלען, וועלכע זיינען געשאַפען געוואָרען אָדער דורך נדבות אָדער אויף צו קריגען רווח, ד. ה. אויף פילאַנטראָפּישען אָדער קאַפּיטאַליסטישען אופן.

נור אַזוי אָדער אַזוי, אויף פֿילאַנטראָפּישע אָדער אויף קאַפּיטאַליסטישע יסודות, אויף איין זאַך מוז באַלד ווערען אויפֿמערקזאַם געמאַכט. דורך דיזע טעטיגקייט ווערט רעגולירט ניט די וואַנדערונג פֿון דער ברייטער עמיגרירענדער מאַסע, נור פֿון אַן אויסערסט קליינעם טייל אידען, וואָס מען רײַסט אָב פֿון אַלגעמיינעם עמיגראַציאָנס-שטראָם. די בעוועגונג פֿון דעם גאַנצען עמיגראַציאָנעם שטראָם, פֿון דער אונגעהויערער עמיגרירענדער מאַסע, ווערט דורך אַזאַ מין רעגולירען די עמיגראַציע לחלוטין גאָרנישט רעגולירט. דאָס איז איינס.

צווייטענס, לאָזענדיג אַ ווײַלע אָן אַ זײַט די קאַפּיטאַליסטישע קאָלאָניזאַציע, מוז מען נאָך בעמערקען, דאָס די פֿילאַנטראָפּישע רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע ליגט בכלל אויסער דער ספֿערע פֿון דער מאַסען-אָרגאַניזאַציע און דער מאַסען-טעטיגקייט, בעזונדער אויסער דער אָרגאַניזאַציע און דער טעטיגקייט פֿון דעם אַרבייטער-קלאַס. אויב אַ קאַפּיטאַליסט גיט אַ נדבה, פֿרעגט ער דערבײַ, פֿערשטעהט זיך, קיינעם קיין דעות נישט, און דער אַרבייטער-קלאַס קען איהם אויך קיין דעות נישט זאָגען. מיר מעגען קריטיקירען די פֿילאַנטראָפּיע, איהר אַנווענדונג אין ד. גל., מיר קענען זי לויבען אָדער טאַדלען. קריטיקירענדיג די פֿילאַנטראָפּישע טעטיגקייט פֿון די מיליאָנערען, מאַכען מיר נור קלאָר פֿאַר אונז אַליין דעם ווערטה פֿון דיזער טעטיגקייט; אָבער אויף זיי, אויף די מיליאָנערען, האָבען מיר אין אַזעלכע פֿאַלען קיין שום מיטעל נישט צו ווירקען. לאָמיר רעכענען, אַ געוויסער מיליאָנער האָט אויף פֿילאַנטראָפּישע יסודות גענומען קאָלאָניזירען אַ געוויסע געגענד אין אַרגענטינא: מיר, לאָמיר זאָגען, וואָלטען אפֿשר בעסער געוואָלט פּאַלעסטינא אָדער קירענאַיקאַ; איז וואָס קענען מיר טאָן? — קריטיקירען און מעהר גאָרנישט. אַן אַנדער מיליאָנער האָט אָנגעהויבען גרינדען יודישע דערפֿער אין פֿערשיידענע קאַנטאָנען; מיר, לאָמיר רעכענען, וואָלטען אפֿשר געוואָלט, דאָס די יודישע קאָלאָניזאַציע זאָל זיך פֿיהרען קאָנצענטרירט, אויף איין געוויסער טעריטאָריע; איז וואָס קענען מיר ווייטער טאָן? — ווייטער קריטיקירען און מעהר גאָר נישט. מיט אונזער קריטיק מאַכען מיר נור קלאָר פֿאַר אונז אַליין, פֿאַר דער ברייטער מאַסע, וואָס פֿאַר אונז איז וויכטיג, ווינשענסווערט. אויף דעם מיליאָנער אָבער האָבען מיר קיין שום מאַכט נישט. און נור געוויסע האַלב-רויהיגע מוחות פֿון די ס. ס. האָבען זיך געקענט דערדרעהען ביז צו אַזעלכע נישט-דערבאַקענע טעאָריעס, ווי פֿיהרען אַ קלאַסען-קאַמפּף געגען דער פֿילאַנטראָפּיע. דיזע רעגולירונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע ליגט אַלזאָ בכלל אויסער אונזער רשות; נישט מיר גיבען די מיליאָנען און נישט מיר האָבען צו שאַפֿען איבער זיי. און אויף אַזאַ אופֿן, בעת ביי אונז שטעהט די פֿראַגע וועגען רעגולירען די יודישע עמיגראַציע, בעת די אַרבייטער-אָרגאַניזאַציעס פֿרעגען זיך, וואָס זיי האָבען צו טון, אין וואָס בעשטעהט זייער אויפֿגאַבע בנוגע צו דער עמיגרירענדער יודישער פּראָלעטאַרישער און האַלב-פּראָלעטאַרישער מאַסע, דאַן פֿערשטעהט זיך, איז דער פֿילאַנטראָפּישער ענטפֿער קיין ענטפֿער נישט. — דאָס איז צוויי.

און דריטענס, ווײַבאַלד אַז מיר רעדען שוין יאָ וועגען די פֿילאַנטראָפּישע

רעגולירונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע, שאַדט עס טאַקי נישט אָנצומערקען (פֿאַר אונז גופֿא, פֿערשטעהט זיך, און נישט כדי צו ווירקען אויף די מיליאָנערען), דאָס די אונגעהויערע געלד-מיטלען, וועלכע ווערען אויף דעם אופֿן אויסגעגעבען, וואָלטען אַנדערשוואו געקענט אַ סך מעהר נוצען ברענגען דער אָרעמער יודישער מאַסע. — אמת, די טעריטאָריאַליסטען מכל המינים זעהען אין דער יודישער קאָלאָניזאַציע נישט נור אַ מיטעל געגען די דחקות און נויט פֿון אַ געוויסען טייל פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג, נור עפּעס אָהן אַ ערך וויכטיגערעס. זיי זעהען אין דער יודישער קאָלאָניזאַציע און הויפּטזעכליך אין דער קאָנצענטרירטער יודישער קאָלאָניזאַציע די פֿערווירקליכונג פֿון דעם טעריטאָריאַליזם, די בעשאַפֿונג פֿון אַ יודישער מדינה; די קאָלאָניזאַציע האָט ביי זיי דורך דעם אַ גרויסע, אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע בעדייטונג. נור ס'איז לייכט צו זעהען, אַז דיזע „אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע" בעדייטונג איז נישט מעהר, ווי אַ פּוסטער חלום. וואָרום ווען מיר וואָלטען שוין אָננעהמען, דאָס עס וועט זיך ערגעץ יאָ אַרויסווייזען פֿאַר מעגליך צו קאָנצענטרירען די יעניגע עלעמענטען פֿון דער יודישער עמיגראַציע, וואָס טויגען צו קאָלאָניזירען אַ פּוסטע מדינה, ד. ה. אויב עס וועלען געשאַפֿען ווערען די אונגעהויערע פֿינאַנציעלע מיטלען, וואָס פֿאָדערען זיך צו דעם; אויב עס וועט געפֿונען ווערען אַ געראַטע, פֿרוכטבאַרע, געזונדע און דערביי פּוסטע מדינה, וואו מען זאָל קענען בעזעצען מאַסען יודישע קאָלאָניסטען אָהן שטערונגען פֿון דער אָרטיגער מלוכה, — דאַן דאַרף מען דאָך נישט פֿערגעסען, דאָס נישט נור יודען וועלען אַהין פֿאָהרען, נאָר אַנדערע פֿעלקער אויך. וואָרום נישט נור יודען וואַנדערען דאָך ביי היינטיגער צייט, נאָר אויך אַנדערע פֿעלקער, און אַנדערע פֿעלקער אין אַ סך אַ גרעסערער צאָהל ווי יודען. כדי דאָס לאַנד פֿון דער יודישער קאָלאָניזאַציע זאָל ווערען אַ יודישע מדינה, וואָלט מען אַלזאָ געמוזט פֿערבאָטען די איינוואַנדערונג אַהין פֿון אַנדערע פֿעלקער. דאָס וואָלט אפֿשר די אָרטיגע מלוכה געטאָן, ווען די וואָלט געזעהן פֿאַר זיך אַ געפֿאַהר אין דער איינוואַנדערונג פֿון פֿערשיידענע אומות, ווען דורך דיזע איינוואַנדערונג וואָלט צ. ב. די הערשענדע אָרטיגע בעפֿעלקערונג געקענט אָנווערען איהר מאַכט און איהר ווירקונג. אָבער אַז די אָרטיגע מלוכה זאָל אַרויסגעבען ספּעציעלע בעגרענצונגען פֿאַר אַלע אַנדערע פֿעלקער, אַרויסרופֿען קאָנפֿליקטען מיט זיי, כדי צו בעשאַפֿען מיט אייגענע הענד אויף איהר טעריטאָריע אַ יודישע מדינה, וואָס זאָל נאָכדעם שטרעבען צו ווערען זעלבסטשטענדיג, דאָס איז פֿערשטעהט זיך אַזאַ מין אַבסורד, וואָס קיין טעריטאָריאַליסט קען אין דעם אויך נישט גלייבען.

נאָך קלערער ווערט די זאַך, אויב מען בעטראַכט זי נישט אַבסטראַקט, נישט בדרך כלל, נור קאָנקרעט, ווי עס האַנדעלט זיך אין דער ווירקליכקייט. קאָנקרעט איז געוועהנליך די רעדע וועגען אַ טעריטאָריע פֿאַר יודען אין די לענדער, וואָס ליגען אין דעם אומגעגענד פֿון דעם מיטעל-לענדישען ים און וואָס געהערען צו טערקײַ. צי קען אָבער ווער מיינען, דאָס ווען מען זאָל דאָרטען געפֿינען אַזאַ גינסטיגע מדינה, העט זיך אַהין נישט אַ נאָס טון אַ אײַנוואַנדערער-שטראָם פֿון איטאַליענער, וועלכע וואוינען גאַנץ אין דער נאָ-

הענט, וועלכע ווייט צעהן יאהר עמיגרירען נישט ווייניגער ווי א האלבער מיליאן מענשען יעהרליך און וועלכע וועגען אין דעם גרעסטען טייל ערד-ארבייטער? און אנדערע פעלקער, וועלכע וואוינען אויך אין די זעלביגע קאנטען און וואס עמיגרירען שטארק (הגם אהן ערך ווייניגער ווי די איטאליענער) אין די לעצטע צייט, די גריכען, ארמענער, שפאניער און אנדערע וועלען אונז א טובה צו טון אהין נישט וואנדערען? אדער אפשר וועט טערקיי, דערצו נאך די איצטיגע, נאציאנאליסטישע טערקיי, פערמאכען דאס לאנד פאר די איינוואנדערונג פון די אלע פעלקער, כדי קינסטליכערהייט דארטען צו בעשאפען א יודישע מעהרהייט? — מיט איין ווארט, אין יענע „אויסדערוועהלטע" מדינה וועלען וואנדערען אי יודען; אי פערשידענע אנדערע פעלקער, און טערקיי, וועלכע איז פעראינטערעסירט, קיין איינציג פאלק זאל דארטען קיין מעהרהייט נישט האבען, וועט פון אזא איינוואנדערונג געוויס צופרידען זיין, ווייל דאס לאנד וועט געוויס אויפלעבען און פאר די טערקישע הערשאפט וועט זי קיין געפאהר נישט פארשטעלען טאקי צוליעב דעם פערשיידענארטיגען נאציאנאלען בעשטאנד פון דער בעפעלקערונג, וואס וועט זיך דארטען האבען בעזעצט. אויב די יודישע קאלאניזאציע קען יא האבען פאר עמיצען א כלומרשדיגע „נאציאנאלע" בעדייטונג, איז דאס אלזא נישט פאר יודען, נור פאר טערקיי.

נור אויב אזוי, אויב קיין „גרויסע, אלגעמיין-נאציאנאלע בעדייטונג" קען די פילאנטראפישע רעגולירונג פון דער יודישער עמיגראציע נישט האבען, בלייבט אלזא נישט מעהר ווי דאס, וואס א געוויסע צאהל, אין בעסטען פאל עטליכע צעהנדליג טויזענד יודען, וועלען ארויסגעצויגען ווערען פון נויט און פון דחקות און וועלען ווי עס איז זיך האבען „איינגעארדענט". געוויס האט דאס אויך א בעשטימטען ווערטה. נור ארויסהעלפען עטליכע צעהנדליג טויזענד יודען פון דחקות און נויט, וואלט מען, פערשטעהט זיך, אנדערסוואו און מיט אנדערע וועגען געקענט מיט א סך ווייניגער מיליאנען; אדער, מיט אנדערע ווערטער, מיט די פיעלע הונדערטער מיליאנען, וועלכע וועגען נויטווענדיג אויף איינצוארדענען אלס קאלאניסטען אין א היסטער מדינה עטליכע צעהנדליג טויזענד יודען, וואלט מען אויף אנדערע וועגען געקענט פערשאפען אהן ערך מעהר נוצען דער פערארעמטער יודישער מאסע. — א חוץ דעם, זענען נאך דיזע פילאנטראפישע קאלאניזאטארישע פראבעס, הויפטזעכליך ווען זיי זענען פערקליידעט אין א טעריטאריאליסטישען מאנטעל, אין א גרויסער מאס אויך שעדליך דערמיט, וואס זיי בעשאפען פאלשע אילוזיעס, וועלכע פאראליזירען די זעלבסט-טעטיגקייט פון די ברייטע מאסען.

V. א בערזען-ספעקולאציע מיט יודען און יודישקייט.

איינענטליך דאס, וואס איז דא ארויסגעזאגט געווארען וועגען דער פילאנטראפישער קאלאניזאציע, איז אין גאנצען און גרויסען ריכטיג אויך בנוגע צו דער רעגולירונג פון דער יודישער עמיגראציע דורך א **קאפיטאליסטישער קאלאניזאציע**. און אין ערשטער ליניע וויל איך אונטערשטרייכען, דאס פונקט ווי די פילאנטראפישע, אזוי קען אויך בשום אופן די קאפיטאליסטישע קאלאניזאציע

נישט פיהרען צו א טעריטאריע, וואס זאל זיין בעזעצט אין א גרויסער מעהרהייט דורך יודען, ווייל אויך אזא מין קאלאניזאציע קאן דאס לאנד נישט פערמאכען פאר אנדערע פעלקער. פערקעהרט, זי אליין וועט העכסט-וואהרשיינליך אין א סך פאלען העלפען בעזעצען דאס לאנד מיט א נישט-יודישער בעפעלקערונג. ווארום אויב די פילאנטראפישע קאלאניזאציע, וועלכע שטעלט זיך נים דאס רווח אלס דירעקטען צוועק, קען געברויכען יודישע ארבייטס-קראפט אויך דאן, בעת דיזע ארבייטס-קראפט איז טייערער פאר נישט-יודישע, קען מען דאס זעלבע נישט זאגען בנוגע צו אזא מין קאלאניזאציע, וואס איז געבויט אויף קאפיטאליסטישע יסודות און וועלכע שטרעבט צו בעקומען רווח פון דעם אריינגעלעגטען קאפיטאל. ביי אזא מין קאלאניזירען א געוויסע מדינה, בעת מען וועט דארפען מאכען וועגען, בויען בארגען, האקען וועלדער, מאכען קאנאלען און אז. וו. און אז. וו., וועלען געוויס געברויכט ווערען אראבישע, איטאליענישע אדער אנדערע ארבייטער און נישט קיין יודישע, אויב עס וועט זיך נור ארויסווייזען, דאס זיי קען מען בעקומען פאר ביליגער. אויף אזא־ארט קען מען זיכער זיין, דאס דורך די קאפיטאליסטישע קאלאניזאציע וועט נישט געשאפען ווערען קיין יודישע מדינה און עס וועט אין דעם קלענסטען גראד נישט רעגולירט ווערען די יודישע עמיגראציע, נור עס וועט געשאפען ווערען א מדינה, פון וועלכער „אונזערע" גדולים וועלען קענען שעפען געלד אונטער דער פאהן פון יודישער קאלאניזאציע.

נור איינענטליך שטעלט זיך א פראגע: וואס איז דא צו רעדען וועגען א קאפיטאליסטישער יודישער קאלאניזאציע, בעת אין דער ווירקליכקייט איז דאך אזא מין קאלאניזאציע ביי יודען נישטא?

אמת, אזא מין קאלאניזאציע איז נאך ביי אונז נישטא. אבער רעדען וועגען דעם דארפען מיר, ווייל אנדערע רעדען אויך וועגען דעם, רעדען אויף אן אנדערן אופן, פערשטעהט זיך, און מיר מוזען זיך אויף דעם אפרופען. א חוץ דעם, איז קיין שום ספק נישט, דאס עס זענען שוין איצטער פאראן די אביעקטיווע בעדינגונגען פאר אזעלכע שטרעבונגען, וואס דיזע שטרעבונגען גופא עקזיסטירען שוין איצטער אין דאס אין קורצען וועט מען זיי אויך זעהן דורכצופיהרען אין לעבען.

ווארום, ווי בעוואוסט, איז די רווח-נארמע אסך א העכערע אין די לענדער, וואו דער קאפיטאליזם איז נאך ווייניג ענטוויקעלט, איידער דארטען, וואו זיין ענטוויקלונג האט שוין דערגרייכט צו א היכער שטופע. דיזער בעוואוסטער עקאנאָמישער כלל רופט ארויס א בעוועגונג פון קאפיטאלען צו די ווייניג-קאפיטאליסטישע לענדער: פון מערב-איירופא צ. ב. קיין רוסלאנד, פערסיען, חינע, אויסטראליען, דרום-אמעריקא און ד. גל. דער זעלבער כלל רופט ארויס א קאמפף צווישען די קאפיטאליסטען פון פערשיידענע לענדער, א קאמפף פאר קאנצעסיעס און קאלאניעס. יעדער וויל אדער איננאנצען אריינכאפען די ווייניג-קאפיטאליסטישע מדינות אין די אייגענע הענד אדער, צום ווייניגסטענס, בעקומען פאר זיך א קאנצעסיע, ד. ה. די מעגליכקייט דארטען אריינצולעגען קאפיטאל — אום צו ציהען פון דארטען די גרויסע רווחים *).

---

*) דאס מיט דער קאלאניאל-פאליטיק שטרעבען די גרויסע מלוכות ווען אפט מעהר צו

טערקײַ איז בײַ הײַנטיגער צײַט אַזאַ ווייניג-קאַפּיטאַליסטיש לאַנד, וועלכע נישט נור וואָס זי שטויסט פֿון זיך נישט אָב קײן אויסלענדישע קאַפּיטאַלען, נור וועלכע זוכט נאָך מיט אַלע מעגליכקײטען זײ צוצוציהען, כּדי אויפֿצובויען און אויפֿצולעבען דאָס ווירטשאַפֿטליכע און קולטורעלע לעבען פֿון לאַנד. זי האָט אָבער דערבײַ מורא. זי האָט מורא, דאָס נאָך די אויסלענדישע קאַפּיטאַלען און די אויסלענדישע באַהנען זאָלען נישט קומען קײן אויסלענדישע סאָלדאַטען און אויסלענדישע קריגס-שיפֿען. זי האָט מורא, דאָס די קאַפּיטאַלען און די באַהנען זאָלען אײַגענטליך נישט זײַן נור אַן אויסרייד, אַ פֿאָרשפּיל, און דאָס דער עיקר-מײַן פֿון אויסלאַנד זאָל נישט זײַן טאַקי סאָלדאַטען מיט די פּאַנצער-שיפֿען.

בײַ אַזעלכע באַדינגונגען לוינט עס די מיליאָנערן פֿון פֿערשײדענע לענדער, נור פֿון „משה-רבנו'ס גלויבען", אַרויסצוטרעטען פֿאַר טערקײַ נישט אַלס ענגלענדער, און נישט אַלס פֿראַנצויזען, און נישט אַלס דײַטשען, נור — אַלס יודען. דער יוד וועט דאָך קײן סאָלדאַטען און קײן קריגס-שיפֿען נישט שיקען, פֿאַר איהם האָט אַלזאָ טערקײַ נישט וואָס מורא צו האָבען, און אַלס יודען וועט דורכדעם בײַ איהר לײַכטער זײַן צו קריגען פֿערשײדענע קאָנצעסיעס אויף פֿערשײדענאַרטיגע קאָלאָניזאַציאָנס-טעטיגקײַט.

דאָס זענען נישט קײן פּוסטע השערות. אַ גאַנצע רײהע סימפּטאָמאַטישע פֿאַקטען ווײַזען, דאָס אַזעלכע שטרעבונגען זענען שוין איצטער פֿאַראַן. וואָרים, ווי מײנט איהר, מיט וואָס ערקלערט זיך דאָס, וואָס אַ פּאָרע גרויסע מיליאָנערן זענען מיט אַמאָל צוגעשטאַנען צו דער „יט"א" און האָבען זיך פֿערפּליכטעט צו גרינדען אַ קאַפּיטאַליסטען-סינדיקאַט פֿאַר יודישער קאָלאָניזאַציע? אפֿשר האָבען אויף זײ זאַנגוויל'ס זיסע רייד אַזוי געווירקט? די מעשה איז דאָ אָבער נישט אין רייד, נור אין דעם, וואָס אונטער דער פֿאָהן פֿון דער יודישער קאָלאָניזאַציע קען מען איצט מאַכען אַ גאַנץ וואוילען געשעפֿט. די אײנציגע זאַכען, וואָס קענען טערקײַ נישט אַנגענעהם זײַן און קענען אפֿשר אינגאַנצען שאַטען צום שדוך, איז די פֿאָדערונג פֿון אויטאָנאָמיע פֿאַר דער צוקונפֿטיגער יודישער מדינה און דער פֿיעל-וועניג „מאַסען-כאַראַקטער" פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון „יט"א", וועלכער קען אַמאָל שטערען צו פֿיהרען די „יודישע" קאָלאָניזאַציע לויט דעם וואונש פֿון די יודישע גילדערנע זעק.

אויף דער לעצטער לאָנדאָנער קאָנפֿערענץ פֿון דער „יט"א" האָט מען זיך טאַקי גענומען אָבשאַפֿען אָט די בײדע איבריגע און שעדליכע זאַכען. ערשטענס, האָט מען זיך גאַנץ אָפֿען אָבגעזאָגט פֿון דער אויטאָנאָמיע. „די אויטאָנאָמיע-פֿראַגע איז אַ שאלה לחוּת", גיט איבער אַ דעלעגאַט פֿון דער קאָנפֿערענץ זאַנגוויל'ס ווערטער. „און מיר רעאַל-פּאָליטיקער קענען זיך דערמיט איצט נישט פֿערנעהמען"*). צווייטענס האָט מען געוואָלט אינגאַנצען אָבצושאַפֿען די מאַסען-אָרגאַניזאַציע, וועלכע „איז מעהר נישט ווי אַ באַלאַסט, וואָס שטערט די בעוועגונגען" און איבערצוגעבען די גאַנצע בעוועגונג אין די הענד פֿון „פֿערטרויאונגס-מענער, וועלכע זאָלען אַרום זיך קענען קאָנצענטרירען די טעריטאָריאַליסטישע מאַסען, ווען ס'וועט נויטיג זײַן". אויך האָט זיך אויף דער קאָנפֿערענץ אַרויסגעוויזען, דאָס שוין פֿריהער אַפֿילו, שוין פֿון אָנפֿאַנג אָן האָבען די „יודישע מיליאַרדערן" בעשלאָסען די וויכטיגסטע זאַכען נישט לויט די אינטערעסען פֿון דער צוקונפֿטיגער קאָלאָניסטישער מאַסע, נור לויט זײערע אײגענע „חשבונות". „עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, שרײַבט דער אויבענדערמאָהנטער אַנטײלנעהמער אין דער קאָנפֿערענץ, „אַז דער קירענאַיקאַ-פּראָיעקט איז אָבגענומען געוואָרען, נישט ווײַל ער טויג נישט פֿאַר אונז, נור ווײַל די יעניגע גרויסע קאַפּיטאַליסטען האָבען נישט געפֿונען דאָ די מעגליכקײט זײערע פּערספּעקטיווען צו פֿערווירקליכען".

קורץ, אונטער דער פֿאָהן פֿון טעריטאָריאַליזם און מיט דעם פּנים פֿון אַ שטרעבונג צו רעגולירען די יודישע עמיגראַציע, גרינדעט זיך אַ קאַפּיטאַליסטישער סינדיקאַט, וועלכער גרייט פֿאַר אַ אונגעהויערע ספּעקולאַציע, אַ שרעקליכען שווינדעל, וואו מען ספּעקולירט אויף דעם דלות, אויף די הילפֿלאָזיגקײַט און בעוואוסטלאָזיגקײַט פֿון די יודישע עמיגראַנטען, אויף די נאַציאָנאַלע געפֿיהלען פֿון דעם נאַאיווען, פּשוטען יודישען מאַסען-מענש.

אונזער אויפֿגאַבע אין דער הײַנטיגער צײַט איז קלאָר: מיר דאַרפֿען שטעהן אויף דער וואַך, מיר דאַרפֿען פֿאָרוואָרענען די פּראָלעטאַרישע און האַלב-פּראָלעטאַרישע מאַסען פֿון דעם שווינדעל, וואָס ווערט צוגעגרייט, און אין צוזאַמענהאַנג מיט די קאָנקרעטע טריט פֿון די מאַסקירטע פֿאָלקס-פֿרײַנד, דאַרפֿען מיר אויפֿדעקען דעם אמת'ן זין פֿון די קאַפּיטאַליסטישע ספּעקולאַציעס.

VI. די יודישע עמיגראַציע און די אינטערעסען פֿון דעם אַרבייטער-קלאַס.

נור אויב צו די ערשטע צוויי מינים רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע דאַרף מען זיך פֿערהאַלטען דורכאויס נעגאַטיוו, אויב מען דאַרף קלאָר און דײַטליך אַרויסטרעטען געגען זײ, דאַרף אונזער האַלטונג זײַן אַ גאַנץ אַנדערע בנוגע צום דריטען מין רעגולירונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע, צו יענע שטרעבונגען, וועלכע זוכען ווי ווײַט מעגליך צו בעזײַטיגען די שטערונגען, וואָס די עמיגראַציאָנס-בעוועגונג געפֿינט אויף איהר נאַטירליכען וועג.

דיזע שטערונגען זענען זעהר ערנסטע און פֿילפֿאַכיגע. נעהמט דעם הײַנטיגען מאַסאָווען יודישען עמיגראַנט. ס'איז שווער צו געפֿינען אַ מענשען אין אַ מעהר הילפֿלאָזער און שוצלאָזער לאַגע, ווי ער געפֿינט זיך. דעם וועג, דעם מאַרשרוט, מיט וועלכען ער האָט צו פֿאָהרען, קען ער נישט; די גרענעצען, די יורידישע פֿאָדערונגען, וואָס זענען פֿערבונדען מיט דער אויס-, אײַן- און דורכוואַנדערונג, קען ער ווידער נישט; ער ווייס נישט, וואָס פֿאַר אַ רעכטען ער האָט און וואָס פֿאַר אַ פֿליכטען ליגען אויף איהם. די פּרײַזען, די הוצאות-הדרך, וואָס קאָסט אַ בילעט,

---

מאָנאָפּאָליזירען אַ געוויסע געגענד פֿאַר זײערע קאַפּיטאַלען, אײדער צו מאָנאָפּאָליזירען זי פֿאַר דעם אָבזאַץ פֿון זײערע סחורות, קען מען זעהן דײַטליך פֿון דעם, וואָס די ענגלישע מלוכה פֿערהאַלט זיך גלײַכגילטיג אַנטקעגען דעם, וואָס איהרע אײגענע קאָלאָניעס לעגען אַרויף גרענעץ-צאָל אויף די ענגלישע סחורות, וואָס ווערען צו זײ אַרײַנגעפֿיהרט. די זאַך וואָלט פֿערשטעהט זיך, גאַנץ אַנדערש אויסגעזעהען, ווען די קאָלאָניעס וואָלטען פּרובירט בעגרענצען דאָס רעכט פֿון די ענגלישע קאַפּיטאַליסטען צו גרינדען בײַ זײ פֿערשײדענאַרטיגע אונטערנעהמונגען.

*) די יודישע פֿאָלקס-שטימע, נומ. 2, 1, 7 און פֿאָלגענדע.

אַ שיפֿס-קאַרט, אַנאַלאָגיע און ד. גל. הייסט ער אויך נישט. וועגען דעם צושטאַנד פֿון דעם אַרבייטס-מאַרק אין דעם איינוואַנדערונגס-לאַנד, האָט ער, פֿערשטעהט זיך, אויך נור אַ גאַנץ קנאַפּע ידיעה. ער פֿאָהרט טאַפּענדיג, נישט וויסענדיג [illegible] נישט וואָהין, נישט ווי און נישט ווען. אַחוץ דעם, די שפּראַך פֿון די לענדער, דורך וועלכע עס קומט איהם אויס צו פֿאָהרען, קען ער אויך נישט; ער ווערט אויף אַזאַ אַרט מיט אַמאָל פֿערוואַנדעלט אין אַ שטומע בעשעפֿעניש. און דאָ ציהען פֿונאַנדער אַרום איהם זייערע פֿערברעכערישע נעצען אַ גאַנצע ריי חברה-לייט, וואָס זוכען צו פֿאַנגען פֿיש אין מוטנע וואַסער. אָט דיזע חברה-לייט, אָנהויבענדיג פֿון די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע טראַנספּאָרט-געזעלשאַפֿטען און ענדיגענדיג מיט די גנבישע טיקעט-אַגענטען, צאַפּען אויס פֿון עמיגראַנט נישט נור זיין לעצטען גראָשען, נור אויך זיין לעצט ביסעל געזונד און אָפֿטמאָל אַפֿילו בוכשטעבליך זיין לעצטען טראָפּען בלוט. און ביי אונז אין רוסלאַנד, ביי דער ספּעציעל-רוסלענדער רעכטלאָזיגקייט פֿון די ברייטע מאַסען, איז, פֿערשטעהט זיך, די לאַגע פֿון דעם עמיגראַנט נאָך בעזונדער שרעקליך. און ווען סוף כל סוף, נאָך דעם גאַנצען גיהינום פֿון וועג, קומט ער שוין אַראָב קיין אַמעריקא, נישט וויסענדיג דערביי נישט די אָרטיגע שפּראַך, נישט די אָרטיגע אָרדנונגען, נישט די בעדינגונגען פֿון דער אָרטיגער אַרבייטער-בעוועגונג און אויסגעבייטעלט ווי ער איז שוין פֿון וועג,—איז ער, פֿערשטעהט זיך, גרייט צו נעהמען זיך פֿאַר דאָס ערשטע בעסטע שטיקעל אַרבייט, וואָס פֿאַלט איהם נור אַריין אין די הענד, ווי ניעדריג עס זאָל דערביי נישט זיין דער לוהן ווינער. ביי אַזעלכע בעדינגונגען דריקט ער אַראָב דעם לוין פֿון די אָרטיגע אַרבייטער, ער שטעלט זיך אָפֿטמאָל אויף זייער פּלאַץ, בעת די שטעהען אין שטרייק. און אויף איהם, אויף דעם נעכטיגען רעוואָלוציאָנער, קוקט דער אַמעריקאַנער פּראָלעטאַריאַט, ווי אויף אַ לוהן-דריקער און שטרייק-ברעכער, און ווענדעט זיך צו זיין אַמעריקאַנער בורזשואַזער רעגירונג מיט ביטעס איהם צו בעשיצען געגען די אויסלענדישע פּראָלעטאַריער. און אין דער זעלבער צייט, אין די אויסוואַנדערונגס-לענדער, אָדער פּשוט געזעגט ביי אונז, האָבען זיך פֿון איין זייט גענומען פֿראַנק און פֿריי „רעגולירען" די עמיגראַציע, אויף זייער שטייגער און לויט זייערע אינטערעסען, די פֿאָרשטעהער פֿון די גרויסע רוסלענדער טראַנספּאָרט-געזעלשאַפֿטען אונטער דער פֿיהרונג פֿון סטאָליפּינס רעגירונג; און פֿון דער אַנדער זייט, ציוניסטישע סאָציאַל-אוטאָפּיסטען האָבען אויף העלפֿען דער עמיגרירענדער מאַסע אויפֿגעבויט זייער גאַנצען געגענוואַרטס-פּראָגראַם און זוכען אויף אַזאַ אַרט צו געווינען די סימפּאַטיעס פֿון דער יודישער ברייטער מאַסע פֿאַר זייערע רעאַקציאָנער-אוטאָפּיסטישע אַוואַנטורעס.

דאָס זענען אַלץ אַלטע, צו אַלטע מעשות און איינגענטליך וואָלט מען זיי גאָרנישט געדאַרפֿט דערמאָהנען, ווען ביי פֿיעלע וואָלט נישט געשעהן אַזאַ מין מנהג, אַוועקצומאַכען די עמיגראַציאָנס-פֿראַגע מיט דער האַנד. מען דאַרף זיך אָבער פֿון דעם אָבגעוואוינען. די פֿראַגע איז וועדער אַ וויכטיגע און די אויפֿגאַבען בנוגע צו איהר זענען וועדער ערנסטע.

מען מוז ווי היינט מעגליך מיטווירקען אָבצושאַפֿען די שטערונגען, וואָס

די עמיגראַציע געפֿינט אויף איהר וועג; מען מוז עס טוהן, ווייל אין דעם איז דירעקט פֿאַראינטערעסירט די פּראָלעטאַרישע און האַלב-פּראָלעטאַרישע מאַסע; מען מוז עס טוהן, ווייל די אינטערעסען פֿון דעם אינטערנאַציאָנאַלען פּראָלעטאַריאַט פֿאָדערען עס; מען מוז עס טוהן, ווייל דאָס טוען שוין אַנדערע גרופּען און שיכטען, ווייל אַנדערע האָבען זיך שוין גענומען צו דער רעגולירונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע און זיי נוצען עס אויס אין זייערע ענג-פֿערזענליכע אָדער קלאַסען-אינטערעסען, פֿערדונקלענדיג דערביי וועדער אָפֿט דעם קלאַסען-בעוואוסטזיין פֿון דעם יודישען פּראָלעטאַריאַט מיט פֿערשיידענאַרטיגע רעאַקציאָנערע אוטאָפּיעס.

פֿון דעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרען, איז אויך קלאָהר, וואָס מען מוז טוהן. אונזער אויפֿגאַבע, דער צוועק פֿון אונזער אַרבייט אויף דעם געביט פֿון דער רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע דאַרף בעשטעהן אין פֿאָלגענדעס: נישט פּרובענדיג קינסטליכע הייזע צו ענדערען די נאַטירליכע ריכטונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע, פֿערקלענערען ביז דעם מעגליכען מינימום די פּיין פֿון דעם וואַנדערער און ביז צו דעם מעגליכען מינימום פֿערקלענערען אויף די רייבונגען צווישען איהם און די אַרבייטערשאַפֿט פֿון די איינוואַנדערונגס-לענדער.

דאָס איז אונזער אויפֿגאַבע בכלל, פּרינציפּיעל.

אין וואָסישע דאַרף זיך קאָנקרעט אויסדריקען אונזער שטרעבונג אין דיזען זין צו רעגולירען די יודישע עמיגראַציע?

ראשית, דאַרף מען נישט פֿערוואַרפֿען דאָס, וואָס איז געוועזען ריכטיג אין אונזער ביז-איצטיגען קוק אויף די רעגולירונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע. און ריכטיג איז געוועזען דאָס, אַז יעדע עקאָנאָמישע אויסבעסערונג, וואָס דער אַרבייטער ערקעמפּפֿט זיך אין רוסלאַנד, פֿערקלענערט די סבות, וואָס צווינגען איהם צום אויסוואַנדערען. יעדע פּאָליטישע אויסבעסערונג, יעדער פֿאָרשריט פֿון דער דעמאָקראַטיע ביי אונז, פֿערקלענערט די רעכטלאָזיגקייט פֿון דער גאַנצער בעפֿעלקערונג און פֿון דעם עמיגראַנט בכלל, איך רעד שוין נישט פֿון דעם, אַז יעדע פּאָליטישע אויסבעסערונג שאַפֿט אין דערזעלבער צייט אויך געוועהנליך אָב אַ סבה, וואָס פֿערשטאַרקט די אָרעמקייט פֿון דער ברייטער מאַסע. און נישט נור אַזעלכע וויכטיגע פֿונקטען פֿון דעם דעמאָקראַטישען פּראָגראַם, ווי בירגערליכע, פּאָליטישע און נאַציאָנאַלע גלייכבערעכטיגונג, פֿרייהייט פֿון פֿעראיינען א. ד. ג. דאַרפֿען ביי זייער פֿערווירקליכונג אויסאַרבייטען אַ גרויסע ווירקונג אויף דעם גאַנג פֿון דער יודישער עמיגראַציע, נור אַפֿילו אַסך אַנדערע, וועניגער וויכטיגע פֿון די אַלגעמיינע דעמאָקראַטישע פֿאָדערונגען וועלען ביי זייער פֿערווירקליכונג זיין אַ גרויסער פֿאָרשריט אויף דעם וועג צו רעגולירען די עמיגראַציע. איך ברענג אַלס ביישפּיעל נור איינס: די פֿאָדערונג, אַז די פּעסער זאָלען אָבגעשאַפֿט ווערען. וויפֿיעל זענען די יודישע עמיגראַנטען אויסגעשטאַנען און וויפֿיעל שטעהען זיי נאָך איצט אויס דורך דעם פּעסער-סיסטעם? וויפֿיעל טרעהרען, וויפֿיעל בלוט (בוכשטעבליך) איז ביי דער יודישער מאַסע פֿערגאָסען געוואָרען, וויפֿיעל איז די עקספּלאָאַטירט געוואָרען דורכדעם, וואָס מען האָט

אָפֿט קײן פּאַס נישט געקענט קריגען? און צו וואָלט דאָס פֿאַר איהר נישט זײַן אַ געוויסע הילף, ווען דער פּעסער־סיסטעם וואָלט אינגאַנצען אָפּגעשאַפֿט ווערען?

קורץ, די אַלגעמיינע פּאָליטישע און עקאָנאָמישע ערווערבונגען ווירקען אין דער זעלבער צײַט אויך ביז אַ געוויסען גראַד אויף די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע, זיי בעגרענצען די סבות, וואָס פֿערשטאַרקען מעהר די צאָהל פֿון די יודישע אויסוואַנדערער, זיי פֿערקלענערען די אומזיסטע צרות און שטערונגען, וואָס געפֿינט אויף זײַן וועג דער, ווער ס'האָט זיך שוין בעשלאָסען צו עמיגרירען.

נור די אַלגעמיינע עקאָנאָמישע און פּאָליטישע פֿאָדערונגען קען מען בשום אופֿן נישט האַלטען פֿאַר בעגניגענד אום די עמיגראַציע צו רעגולירען. עס קאָנען און עס דאַרפֿען אָנגענומען ווערען נאָך אַ פֿולע ספּעציעלע מיטלען, וועלכע דאַרפֿען רעגולירען די עמיגראַציע אין דעם זין, וואָס מיר האָבען דאָ אָקאָרשט אָנגעמערקט.

דיזע אַלע מיטלען, וועלכע זענען דירעקט געווענדעט אויף צו רעגולירען די עמיגראַציע, קענען ווערען אײַנגעטיילט אין דרײַ גריפּען:

1) פֿאָדערונגען, וואָס ווערען אַרויסגעשטעלט דער מלוכה און וואָס דאַרפֿען אַלזאָ אַרײַנגעהן אין דעם פּאָליטישען פּראָגראַם.

2) פֿערהאַנדלונגען מיט די אַרבײַטער־פֿעראײַנען פֿון אַנדערע לענדער.

3) אָרגאַניזירונג פֿון דירעקטער הילף פֿאַר די עמיגראַנטען.

VII. קאָנקרעטע אויפֿגאַבען.

דער אינהאַלט, וואָס מיר דאַרפֿען אַרײַנלעגען אין יעטוועדער פֿון דיזע גרופּען בעזונדער, ד. ה. וואָס פֿאַר אַ פֿאָדערונגען דאַרף מען אַרויסשטעלען דער מלוכה, וועגען וואָס דאַרף מען פֿירען פֿערהאַנדלונגען מיט די אַרבײַטער־פֿעראײַנען פֿון אַנדערע לענדער און וואָס פֿאַר אַ מין דירעקטע הילף דאַרף מען אָרגאַניזירען פֿאַר די עמיגראַנטען, — דאָס הענגט אײַגענטליך אָב פֿון אַ גאַנצער רייהע קאָנקרעטע היסטאָרישע בעדינגונגען און פֿריהער ווי אַלץ פֿון דעם, ווי ווײַט די מלוכה איז דעמאָקראַטיזירט, בײַ וואָס פֿאַר אַ פּאָליטיק עס האַלט זיך דער פּראָלעטאַריאַט פֿון אײַנוואַנדערונגס־לאַנד און וואָס פֿאַר אַ קרעפֿטען מיר גופֿא פֿערמעגען. וואָרום ס'איז קלאָר צ. ב. אַז דאָס, וואָס מען קען אָנגעטרויען אַ דעמאָקראַטישער רעגירונג, וועלכע איז אָבהענגיג פֿון די ברייטע מאַסען, קען מען בשום אופֿן נישט פֿערטרויען אַ רעגירונג, וועלכע איז פֿאַר קיינעם נישט פֿעראַנטוואָרטליך *) און אַז. וו.

נור פֿונדעסטוועגען וועל איך דאָ אין קירצען אָנמערקען עטליכע ווינשענסווערטע מיטעל, וועלכע, הגם זיי קענען אַלע איצט בשום אופֿן נישט

---

*) און פֿון דעם שטאַנדפּונקט דאַרפֿען אויך אָבגעשאַצט ווערען די בעשטימונגען פֿון דער איצטיגער בעראַטונג איבער די עמיגראַציע בײַם האַנדעלס־מיניסטעריום, וואו די גאַנצע עמיגראַציע ווערט אײַגענטליך בעטראַכט נור אַלס אַ געשעפֿט פֿאַר די טראַנספּאָרט־געזעלשאַפֿטען. ליידער קענען מיר דאָ ברייטער זיך מיט דעם נישט פֿערנעהמען.

דורכגעפֿירט ווערען, דאַרפֿען אָבער יעדענפֿאַלס שוין איצט אַרויסגעשטעלט און פּאָפּולאַריזירט ווערען אין דער מאַסע אַלס אַזעלכעס, וואָס קען אין דער פֿיעל־וועניג נאָהענטער צוקונפֿט דאָך פֿערווירקליכט ווערען, צום וועניגסטענס אין אַ געוויסער מאָס.

1) אויף דעם פּאָליטישען געביעט דאַרף מען אַרויסשטעלען די פֿאָלגענדע פֿאָדערונגען:

א) די שאַפֿונג פֿון אַ עמיגראַנטען־שוץ־געזעצגעבונג, וועלכע זאָל גאַראַנטירען הײַגיענישע בעדינגונגען אין דעם בוי און דעם אונטערהאַלט פֿון די שיפֿען, אײַזענבאַהנען און אַכסניות, וואו עס קומט אויס דער עמיגרירענדער מאַסע צו פֿערברענגען אַ גרעסערע אָדער אַ קלענערע צײַט; וועלכע זאָל גאַראַנטירען דער עמיגרירענדער מאַסע גענוגענדע עסענוואַרג, ווירקליכע מעדיצינישע הילף און אָרדענטליכע אַלגעמיינע בעהאַנדלונג די גאַנצע צײַט פֿון דער רייזע; וועלכע זאָל שיצען דעם עמיגראַנט געגען פֿערשיידענאַרטיגע שווינדלערײַען און מיסברויכען פֿון די גרויסע און קליינע טראַנספּאָרט־אונטערנעהמער אָדער סתם שווינדלערס; וועלכע זאָל פֿערזיכערען די עקזיסטענץ פֿון דעם עמיגראַנטס פֿאַמיליע אין אונגליקס־צופֿאַלען אויף דער רייזע: קורץ, די שאַפֿונג פֿון אַזאַ געזעצגעבונג, וואָס זאָל ווירקליך שיצען די עמיגרירענדע מאַסע און נישט שאַפֿען פּריווילעגיעס פֿאַר געוויסע טראַנספּאָרט־אונטערנעהמונגען, ווי דאָס איז דער פֿאַל מיט דער איצטיגער עמיגראַציאָנס־בעראַטונג בײַם האַנדעלס־מיניסטעריום.

ב) אײַנריכטונג פֿון עמיגראַציאָנס־אינספּעקטאָרען, וועלכע זאָלען האָבען דאָס רעכט און די אויפֿגאַבע צו יעדער צײַט צו קאָנטראָלירען די טעטיגקייט און די אײַנריכטונגען פֿון די טראַנספּאָרט־אונטערנעהמונגען, וועלכע זאָלען בעגלייטען יעדע שיף, וואָס פֿירט עמיגראַנטען, צו וועלכע דער עמיגראַנט זאָל זיך שטענדיג קענען ווענדען מיט אַן אָנקלאַגע אויף די אָרגאַנען פֿון די טראַנספּאָרט־אונטערנעהמונגען און וועלכע זאָלען האָבען דאָס רעכט איבערצוגעבען דיזע אונטערנעהמונגען צום געריכט יעדעס מאָל, ווען זיי וועלען בעמערקען אַוועלכע נישט איז נישט־רעגעלמעסיגקייט, שווינדעל אָדער סתם פֿערברעכען פֿון דער זײַט פֿון דיזע אונטערנעהמונגען. — דאָס איז נויטווענדיג, כדי, בײַ דער הילפֿלאָזיגקייט און אונוויסענדקייט פֿון דער עמיגרירענדער מאַסע, זאָל די עמיגראַנטען־שוץ־געזעצגעבונג נישט בלײַבען קיין פּוסטע ווערטער אויפֿ'ן פּאַפּיר, נור זאָל טאַקי דורכגעפֿירט ווערען אין לעבען.

ג) די אײַנאָרדנונג פֿון צענטראַלע און אָרטיגע אינפֿאָרמאַציאָנס־ביוראָס, וועלכע זאָלען געבען יעדען אײַנציגען אומזיסט ידיעות איבער דעם אַרבײַטס־לוין, איבער די אינדוסטריע, האַנדעל און ערד־אַרבײַט, איבער דעם צײַטווײַליגען צושטאַנד פֿון מאַרק בכלל און ספּעציעל פֿון אַרבײַטס־מאַרק אין די וויכטיגסטע אײַנוואַנדערונגס־פּונקטען; וועלכע זאָלען גענוי בעקאַנט מאַכען דעם עולם די פֿערשיידענע רייזע־בעדינגונגען, די נעהנטסטע און בעקוועמסטע מאַרשרוטען, די פֿאָהר־פּרײַזען, די רעכטליכע און אַנדערע פֿאָדערונגען פֿון די דורך־און אײַנוואַנדערונגס־לענדער אין אַז. וו. אַ. אַז. וו.

נור כּדי די אײַנריכטונג פֿון עמיגראַציאָנס־אינספּעקטאָרען און פֿון אינפֿאָרמאַציאָנס־ביוראָס זאָלען אין אמת'ן דינען די אינטערעסען פֿון דער עמיגרירענדער מאַסע, איז נויטהווענדיג, דאָס זײ זאָלען זײַן אָרגאַניזירט אויף אַ ברײטען דעמאָקראַטישען אופֿן, וואָס זאָל זײ מאַכען אונאָבהענגיג פֿון דער ביוראָקראַטיע פֿון אײן זײַט און פֿון קאַפּיטאַל פֿון דער צווײטער זײַט. עס איז נויטהווענדיג צו צוציהען צו דיזע אײַנריכטונגען די מיטווירקונג פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען און אַנדערע חברות, וועלכע פֿיהרען זײער טעטיגקײט צווישען דער ברײטער מאַסע. בײַ אַ דעמאָקראַטישער שטאָדט־און געמײנדע־פֿערוואַלטונג, דאַרפֿען אויך די מוניציפּאַליטעטען און די קהלות נעהמען אַ מערקבאַרען אנטײל אין די דאָזיגע אײַנריכטונגען.

ד) אַזוי ווי די עמיגראַציע איז לויט איהר נאַטור נאָך אַ אינטערנאַציאָנאַלע ערשײַנונג, דאַרפֿען די מיטלען צו שיצען די עמיגראַנטען זיך ניט באַשרענקען בלויז מיט אינלענדישע געזעצען און אײַנריכטונגען: עס דאַרפֿען אויך פֿאַרגענומען ווערען אינטערנאַציאָנאַלע אָבמאַכען צווישען פֿערשײדענע מלוכות מיט דעם צוועק צו שיצען די עמיגרירענדע מאַסע געגען פֿערשײדענאַרטיגער עקספּלואַטאַציע. דעם אומפֿאַנג פֿון אַזעלכע אינטערנאַציאָנאַלע אָבמאַכען איז, פֿערשטעהט זיך, ניט דאָ נאָך דער אָרט צו באַשטימען.

2) ניר מיר האָבען די מעגליכקײַט צו ווירקען אויף די אינטערנאַציאָנאַלע וואַנדערונגס־פּאָליטיק ניט נור דורך די פֿאָדערונגען, וואָס מען שטעלט אונזער אָרטיגער רעגירונג. אַזוי לאַנג ווי די אַרבײטער־אינטערנאַציאָנאַלע איז ניט קײן פּוסטער וואָרט, ליעגט אַ חוב צו ווירקען אויף די וואַנדערונגס־פֿערהעלטניסען אויך אויף דעם וועג פֿון דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבײטער־באַוועגונג.

און דיזע ווירקונג דאַרף טראָגען אַ דאָפּעלטען כאַראַקטער: ערשטענס, דאַרף די באַשטעהן אין רעזאָלוציעס און דירעקטיוועס, וואָס ווערען אָנגענומען און אַרויסגעגעבען דורך די אַרבײטער־קאָנגרעסען, וואָס קומען פֿאָר פֿון צײַט צו צײַט; צווײטענס, אין דירעקטע, אונמיטעלבאַרע און שטענדיגע פֿערהאַנדלונגען מיט די אַרבײטער־פֿעראײנען פֿון די אײַנוואַנדערונגס־לענדער.

אויף די אַרבײטער־קאָנגרעסען דאַרף מען ווירקען אין דעם זין, דאָס די דירעקטיוועס, וואָס ווערען געגעבען אין די קאָנגרעס־רעזאָלוציעס, זאָלען פֿון אײן זײַט שטרעבען אָבצושיצען די אינטערנאַציאָנאַלע אײנהײַט און סאָלידאַריטעט פֿון דער אַרבײטער־באַוועגונג, און פֿון דער צווײטער, זאָלען זײ שטרעבען צו פֿערהיטען די בעסערע לעבענס־באַדינגונגען, וועלכע דער אַרבײטער־קלאַס האָט זיך שוין ערקעמפּפֿט אין געוויסע לענדער. די אַרבײטער־פֿעראײנען פֿון אַמעריקאַ און פֿון אַנדערע אײַנוואַנדערונגס־לענדער דאַרף דעריבער ווערען רעקאָמענדירט, אַנשטאָט זײער ביז־איצטיגער, שמאָלער אויסשליסליך־לאָקאַלער פּאָליטיק, וועלכע איז שעדליך אי פֿאַר די אַלגעמײנע אַרבײטער־באַוועגונג, אי פֿאַר זײ גופֿא, אַרויסצושטעלען די פֿאָלגענדע לאָזונגען: אַ) פֿרײַער אײַנטריט אין לאַנד פֿאַר אַלע געזונדע מענשען אָהן אונ־

טערשײד פֿון עלטער, געשלעכט און נאַציאָן. ב) די ניט־גילטיגקײט פֿון אַלע מינים קאָנטראַקטען, וועלכע זענען געשלאָסען געוואָרען פֿאַר'ן אײַנוואַנדערען, בנוגע צו אַרבײט, וואָס דאַרף ווערען אויסגעפֿילט אין דעם אײַנוואַנדערונגס־לאַנד. ג) באַשטימונג דורכ'ן געזעץ פֿון אַ מינימאַלען אַרבײטס־לוין און אַ מאַקסימאַלען אַרבײטס־טאָג. ד) דאָס פֿערבאָט צו געברויכען אין די אונטערנעהמונגען פֿרעמדע אַרבײטער אין דער צײַט פֿון אַ סכסוך צווישען די אַרבײטער און דעם קאַפּיטאַליסט. ה) צוציהען מיט אַלע מעגליכקײטען די נײַע אַרבײטער צו די אָרטיגע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען, הויפּטזעכליך דורך דעם גרינדען בײַ דיזע פֿעראײנען ספּעציעלע סעקציעס פֿאַר די אײַנגעוואַנדערטע פֿון יעדער שפּראַך.

מיט דעם זעלבען גײַסט איז אײַגענטליך דורכגעדרונגען די רעזאָלוציע פֿון שטוטגאַרטער קאָנגרעס. אויב די דאָזיגע רעזאָלוציע איז געבליבען מעהר ניט, ווי אַ וואוילער וואונטש, ליעגט אַ געוויסער טײל פֿון דער שולד דערפֿאַר אויף דעם, וואָס נאָכ'ן קאָנגרעס האָבען זיך אַלע פֿונאַנדערגעפֿאָהרען, יעדער צו זײַן פֿעראײן, יעדער צו זײַן פּאַרטײ און זײַן לאַנד צו זײַן טאָג־טעגליכען קאַמפֿ און דורכפֿיהרען די רעזאָלוציע אין לעבען האָט מען כמעט אינגאַנצען איבערגעלאָזען די אַרבײטער פֿון די אײַנוואַנדערונגס־לענדער. דאָס איז אַ פֿאַלשער גאַנג. מיט אויסאַרבײטען די רעזאָלוציע ווערט נאָך ניט אויסגעשעפּט די אויפֿגאַבע אין דער הינזיכט. מען דאַרף, ווי ווײַט מעגליך, נאָכדעם פֿיהרען דירעקטע אונטערהאַנדלונגען מיט די אַרבײטער־פֿעראײנען אין אַמעריקאַ — מען דאַרף מיט זײ פֿערבינדען די יעניגע מיטגליעדער פֿון פֿעראײנען, וואָס עמיגרירען קײן אַמעריקאַ, און זאָרגען פֿאַר דעם, די זאָלען קענען באַלד אַרײַנטרעטען אין דער אָרטיגער אַרבײטער־באַוועגונג; מען דאַרף, ווי ווײַט מעגליך, ווירקען אויף די יודישע עמיגראַנטען, די זאָלען ניט ווערען קײן לויהן־דריקערס און שטרײַק־ברעכערס, און אין דער הינזיכט קען נוצליך זײַן אויך די אַקטיווע האַלטונג פֿון די אַרבײטער־אָרגאַניזאַציעס בנוגע צו דער רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע אין רוסלענדער מלוכה. נור דאָס איז שוין אײַגענטליך נוגע צו דעם דריטען טײל פֿון אונזער אַרבײט — צו דער אָרגאַניזירונג פֿון דירעקטער הילף פֿאַר די עמיגרירענדע מאַסע.

3) דער אינהאַלט פֿון אונזער דירעקטער אַרבײט אין דער רעגולירונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע הענגט פֿריהער ווי אַלץ אָב פֿון דעם, וואָס ווערט דורך דער מלוכה געטאָן צו דעם זעלבען צוועק. און וואָס ווייניגער די מלוכה פֿערנעמט זיך מיט ערנסטען עמיגראַנטען־שוץ, אַלץ מעהר אײַגענטליך בלײַבט פֿאַר אונז דירעקטע אַרבײט אויף דיזען געביט. שיצט די מלוכה ניט גענוג דעם עמיגראַנט געגען די פֿערשײַדענאַרטיגע שווינדלער, וואָס דרעהען זיך אַרום איהם, — דאַן דאַרף מען מיט אַלע מעגליכקײטען, אויסנוצענדיג, דורך פֿלוג־בלעטער און ד. גל. וואָרענען די מאַסע געגען דיזע שונאים איהרע. שיצט די מלוכה ניט דעם עמיגראַנט געגען די שלעכטע באַהאַנדלונגען און שעדליכע באַדינגונגען אויף די שיפֿען און ז. וו., דאַן דאַרפֿען מיר ברײט באַקאַנט מאַכען אין דער באַפֿעלקערונג די נעמען פֿון די שיפֿען און פֿון די געזעלשאַפֿטען, וואו עס ווערען אַזעלכע

בעדינגונגען, װאָרענען הײַנטער דעם עולם מיט דיזע שיפֿען ניט צו פֿאָהרען אויך אויף אַזאַנאַרט צו קאָמפּאַניען פֿאַר בעסערע טראַנספּאָרט־בעדינגונגען. אינפֿאָרמירט די מלוכה ניט דעם עולם װעגען דעם עקאָנאָמישען צושטאַנד אין די פֿערשײדענע געגענדען, װאָהין עס גײען געװײנליך די עמיגראַנטען, דאַן דאַרף מען עס טון דורך מעגליכע ערקלערונגען, דורך דער פּרעסע און ז. װ. און אַפֿילו דאַן, בעת די רעגירונג בעשעפֿטיגט זיך יאָ מיט אַזעלכע אינפֿאָרמאַציע, דאַרף מען אויך שטעהן אין שטענדיגע בעציהונגען מיט די אַרבײַטער־פֿעראײנען פֿון די אײַנװאַנדערונגס־לענדער און מזהיר זײַן די עמיגראַנטען ניט צו פֿאָהרען אַהין, װאו זײ קענען געפֿינען בעשעפֿטיגונג נור אַלס שטרײַק־ברעכער. מיט אײן װאָרט, אײַנפֿאָרמירען די יודישע מאַסע, װעגען אַלץ, װאָס איז װיכטיג פֿאַר דעם אויסװאַנדערער — דאָס איז די ערשטע און װיכטיגסטע אויפֿגאַבע אונזערע אויף דעם געביעט פֿון דירעקטער הילף דער עמיגרירענדער מאַסע.

דער עמיגראַנט װערט אויך אַרויסגעריסען דורך דעם, װאָס איהם איז אינגאַנצען אונבעקאַנט די יורידישע, די רעכטליכע זײַט פֿון דער עמיגראַציע, דורך דעם, װאָס ער װײס ניט, ניט זײַנע רעכטען, ניט זײַנע פֿליכטען; און אַפֿילו װען ער פֿערשטעהט יאָ זײַנע רעכטען, איז ער אָפֿט ניט אימשטאַנד צו פֿערטײדיגען זײ. יורידישע הילף — אָט איז אַ צװײטע זײַט פֿון דעם פּאַקטישען אַנטײל אין דער רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע, װאָס האָט צום צװעק, װי װײַט מעגליך, פֿערקלענערען די שטערונגען, װעלכע די עמיגרירענדע מאַסע געפֿינט אויף איהר װעג.

צו דער דירעקטער הילף פֿאַר דער עמיגרירענדער מאַסע געהערט, אײגענטליך, אויך דאָס עפֿענען פֿאַר יעדען אויסװאַנדערענדען פּראָלעטאַריער דעם צוטריט צו די אַמעריקאַנער פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען, װאָס דאַרף בײַ אונז אַזוי װיכטיג זײַן מכמה טעמים. און בכלל דאַרף מען אינגאַנצען ניט פֿערלאָזען איהם אויך אין זײַן נײַער הײמאַט אין די ערשטע צײַט פֿון זײַן אַרײַנקומען אַהין. ער דאַרף קענען קומען צו די יודישע פּראָלעטאַרישע קרײַזען, װאָס געפֿינען זיך דאָרט, און זײ דאַרפֿען איהם צונעהמען װי אַ חבר, געפֿינען פֿאַר איהם אַרבײַט און ה. גל. ניט װעניג פּײַן װעט דער עמיגראַנט דורך דעם פֿערשפּאָרען, און ניט װעניג רײַבונגען צװישען איהם און דער אַמעריקאַנער אַרבײַטערשאַפֿט װעט דורך דעם אויסגעמידען װערען.

VIII. די אַרבײַטער־פֿעראײנען און די געזעלשאַפֿטען צו רעגולירען די יודישע עמיגראַציע.

בנוגע צום דריטען פּונקט פֿון אונזערע פּאָזיציע, קאָנקרעטע אויפֿגאַבען שטעלט זיך אָבער אַ פֿראַגע, װעלכע איז איבריג בנוגע צו די פֿריהערדיגע פּונקטען.

בעת מיר רעדען װעגען שאַפֿען דירעקטע הילף דער עמיגרירענדער מאַסע, דאַן שטעלט זיך אַ פֿראַגע: **װער** דאַרף עס זיך דערמיט פֿערנעהמען? װאָס פֿאַר אַ קאָנקרעטע אָרגאַניזאַציע דאַרף דאָס דורכפֿיהרען אין לעבען?

אַ פּרינציפּיעלער ענטפֿער אויף דיזע פֿראַגע קען, לויט מײַן מײנונג, נאָך, זײַן נור אײנער: **די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען.**

די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען ערטײלען זאָ װי זאָ יורידישע הילף זײערע מיטגליעדער. און די אַלערלײ אינפֿאָרמירונגען, װעגען װעלכע איך האָב

פֿריהער געזעהן, אין די פֿערשײדענאַרטיגע פֿערבינדונגען, װאָס מען דאַרף געבען דעם עמיגראַנט, מיט די אַרבײַטער־פֿעראײנען אין אַמעריקאַ, דאָס איז אײגענטליך ניט קײן אַנדער זאַך װי — **אַרבײַטס־נאָכװײַז**, אַרבײַטס־נאָכװײַז אין אַ גרויסען מאַסשטאַב, אין אַ אינטערנאַציאָנאַלען מאַסשטאַב, געװיס אָבער דאָך אַרבײַטס־נאָכװײַז. און דאָס איז דאָך אַ דירעקטע אויפֿגאַבע פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען.

דאָס איז דער פּרינציפּיעלער ענטפֿער אויף די פֿראַגע. אַזוי דאַרף אויך געענטפֿערט װערען, לויט מײַן מײנונג, בײַ נאָרמאַלע בעדינגונגען, בעת די קרעפֿטען פֿון אַרבײַטער־קלאַס װערען ניט צושלאָגען דורך רעפּרעסיעס און רעאַקציע, בעת די פֿעראײניגטע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען שטעלען פֿאַר אַ גענוג גרויסע מאַכט אום זיך אונטערצונעהמען און מיט אַ בעדײַטענדען ערפֿאָלג אויסצופֿילען די איבערגעשטעלטע אויפֿגאַבע. אפֿשר אין דער פֿיעל־װײניג נאָהענטער צוקונפֿט װעלען בײַ אונז אויך זײַן אַזעלכע בעדינגונגען און דאַן װעלען אונזערע פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען טאַקי אַרײַננעהמען די רעגולירונג פֿון דער אויסװאַנדערונג, אין דעם זין, װאָס איך האָב דאָ אָנגעמערקט, אין זײערע הענד. אפֿשר...

דערװײַלע אָבער איז קײן שום ספק ניט, דאָס די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען קענען עס זיך בשום אופֿן ניט אונטערנעהמען. בכלל דער אַרבײַטער־קלאַס קען, בײַ די איצטיגע בעדינגונגען, עס זעלבסטשטענדיג ניט דורכפֿיהרען אין לעבען. דאָס איז קלאָר. אויף אַזאַנאַרט שטעלט זיך אַ דילעמע, אײנס פֿון די בײדע: אָדער אינגאַנצען זיך האַלטען אָן אַ זײַט פֿון אָרגאַניזירען די דירעקטע הילף פֿאַר די עמיגרירענדע מאַסע אָדער אַנטײל נעהמען (און דאַן, פֿערשטעהט זיך, נעהמען אַ סיסטעמאַטישען און אָרגאַניזירטען אַנטײל) אין די געזעלשאַפֿטען צו רעגולירען די עמיגראַציע, װעלכע עקזיסטירען שוין און װאָס װעלען זיך נאָך גרינדען.

א. ליטװאַק («צײַט־פֿראַגען נום. 1) זעהט נאָך אַנאַנדער אויסװעג: ער מײנט, דאָס מיט רעגולירען די עמיגראַציע דאַרף זיך פֿערנעהמען שוין איצט די יודישע קהלה; ער מײנט הײסט, דאָס די מאַסען־חברות װעלען זעהען צו צװינגען די געמײנדע־פֿערװאַלטונג, זי זאָל זאָרגען פֿאַר די עמיגראַנטען. נור איך קען מיר ניט פֿאָרשטעלען, װי אַזוי אונזערע איצטיגע אָבגעשװאַכטע חברות און געזעלשאַפֿטען װעלען צװינגען די איצטיגע קהלות, װעלכע ליגען אין די הענד פֿון עטליכע פּני, װאָס װערען פּאַקטיש דורך קײנעם ניט אויסדערװעהלט און װאָס לאַכען איצט פֿון די „יונגלעך“ מיט זײערע „חברות“, „פּראָגראַמען“, „פֿאָדערונגען“ א. ד. ג.? און װאָס פֿאַר אַ װערטה קען האָבען די „רעגולירונג“ פֿון דער עמיגראַציע דורך די איצטיגע קהלות? דעם אמת געזאָגט, האַלט איך ניט נור פֿאַר ניט מעגליך דורכצופֿיהרען דעם ה. ליטװאַקס פֿאָדערונגען אין לעבען, נור אין אַ גאַנצע רײהע שטעדט און שטעדטלעך האַלט איך פֿאַר **שעדליך**, די איצטיגע קהלות זאָלען זיך פֿערנעהמען מיט רעגולירען די עמיגראַציע. װאָרום די „פּני“ קענען ניט די עמיגרירענדע מאַסע; זײ פֿעראַכטען זי פֿון פֿולען האַרצען, װי זײ פֿעראַכטען בכלל

די קבצנים: אויסער דעם זענען זײ, הױפּטזעכליך אין די קלענערע שטעדט און שטעדטלעך, פּשוט גראָבע יונגען, װאָס האָבען קײן שום ידיעה נישט, נישט אין געזעצען, נישט אין די עקאָנאָמישע פֿערהעלטניסען און ספּעציעל אין די פֿערהעלטניסען פֿון אַרבײַטער-מאַרק. אין דעם גרעסטען טײל צופֿאַלען װעלען זײ מאַכען די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע פֿאַר אַ פּשוטען געשעפֿט: זײ װעלען װערען אַגענטען פֿון די שיפֿס-געזעלשאַפֿטען, זײ װעלען קריגען פֿון זײ בעצאָהלט, כדי צוצורעדען דעם עולם צו עמיגרירען, בײַ גוטע און בײַ שלעכטע בעדינגונגען, און דערבײַ װעלען זײ אײַנרעדען די עמיגראַנטען צו פֿאָהרען מיט יענע שיפֿס-געזעלשאַפֿטען, װעלכע װעלען די דאָזיגע כלל-טוער געבען אַ געװיסען פּראָצענט „קאָמיסיאָנע“ פֿון יעדען טראַנספּאָרטירטען עמיגראַנט. די מאַסע װעט דורך די „פּני“ בעזונדער עקספּלואַטירט װערען, און אונזער אויפֿגאַבע איז דען עס אײַנצופֿלאַנצען אין דער מאַסע אַ געפֿיהל פֿון צוטרוי צו איהרע איצטיגע רעדעל-פֿיהרערס?

די אײנציגע פֿאָדערונג, װעלכע מען װאָלט יאָ געקענט אַרויסשטעלען דער יודישער קהלה, איז דאָס, זי זאָל גרינדען אויף איהר חשבון אַזעלכע אַנשטאַלטען, װאָס זאָלען ברענגען די נויטיגע הילף דער עמיגרירענדער מאַסע, און װאָס זאָלען אָבער זײַן אײַנגעאָרדענט אויף דעמאָקראַטישע יסודות, װאו עס זאָלען קענען זײַן פֿאָרגעשטעלט די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײנען און אַנדערע מאַסען-חברות. הילאַנג אָבער די קהלות בלײַבען בכלל דיזן-אָליגאַרכישע אײנריכטונגען, איז, פֿערשטעהט זיך, נישטאָ װאָס צו האָפֿען, אַז דיזע פֿאָדערונג בנוגע צו דער רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע זאָל קענען אין פֿיעל ערנסטער פֿערװירקליכט װערען. און אויב אַזוי, מײן איך, דאָס בכלל פֿאָדערען בײַ דער איצטיגער קהלה, זי זאָל זיך פֿערנעהמען מיט רעגולירען די עמיגראַציע, װעט אין גרעסטען טײל ברענגען נישט נוצען, נור שאַדען, אי דער עמיגרירענדער מאַסע, אי דעם בעװאוסטזײַן פֿון די נידעריגערע שיכטען בכלל, אי די יעניגע אָרגאַניזאַציעס, װאָס װעלען אַזאַ פֿאָדערונג אַרויסשטעלען און אונטערהאַלטען.

ס'איז איצט אַלזאָ פֿאַראַן נור אײן ברירה: אָדער אינגאַנצען זיך האַלטען אָן אַ זײַט פֿון אָרגאַניזירען דירעקטע הילף דער עמיגרירענדער מאַסע, אָדער אַנטײלנעהמען אין די אײַנריכטונגען און געזעלשאַפֿטען, װעלכע פֿערנעהמען זיך שוין פֿאַקטיש מיט ברענגען הילף די עמיגראַנטען און װעלכע װעלען נאָך געגרינדעט װערען צו דיזען צװעק.

װי װיכטיג ס'איז נישט בײַ מיר אין די אויגען די רעגולירונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע, װאָלט איך פֿונדעסטװעגען אַרויסגעזאָגט זיך, דאָס מען דאַרף זיך ענטזאַגען פֿון אָרגאַניזירען די דירעקטע הילף און זיך בעשרענקען נור אויף די פּאָליטישע פֿאָדערונגען בנוגע צו דער רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע און אויף די װירקונג פֿון דער יודישער אַרבײַטערשאַפֿט אין דער אַרבײַטער-אינטערנאַציאָנאַלע. איך האַלט מיך אַזוי אַרויסגעזאָגט בײַ אײן בעדינגונג: װען אַלע עקזיסטירענדע געזעלשאַפֿטען װאָלטען געשטרעבט צו רעגולירען די יודישע עמיגראַציע אין די ערשטע צװײ, אויטאָפּיסטישע און שעדליכע פֿאַר

דער מאַסע, ריכטונגען, װען אַלע עקזיסטירענדע געזעלשאַפֿטען װאָלטען מיט גװאַלט געװאָלט צו קאָנצענטרירען די יודישע מאַסע אויף אַ יודישער טעריטאָריע, און װען מען װאָלט גאָרנישט געקענט האָפֿען, אַז אין דער צוקונפֿט װעלען װערען בעשאַפֿען אַנדערע מינים געזעלשאַפֿטען. אין אַזעלכע געזעלשאַפֿטען, װאָס אָנשטאָט צו בעזײַטיגען די שטערונגען און פּײַן פֿון דער עמיגרירענדער מאַסע, גיבען זיך אָב מיט אַװאַנטוריסטישע פּלענער, װעלכע קענען נאָך מעהר פֿערשטאַרקען די צרות און פּײַן פֿון דער װאַנדערענדער אָרעמע און װעלכע רעגולירען בשום אופֿן נישט די בעװעגונג פֿון גרויסען עמיגראַציאָנס-שטראָם, האָבען מיר, פֿערשטעהט זיך, נישט װאָס צו טון.

די מעשה איז אָבער, דאָס אויף װיפֿיעל די עקזיסטירענדע געזעלשאַפֿטען װילען װירקליך העלפֿען די מענגע עמיגראַנטען, װאָס נויטיגען זיך אין פֿערשידענאַרטיגער הילף, אויף אַזוי פֿיעל מוזען זײ, װילענדיג אָדער נישט, געהען מיט דעם נאַטירליכען שטראָם און נישט געגען אים. אויף װיפֿיעל זײ װילען געהען מיט דער מאַסע און נישט די מאַסע זאָל געהען פֿאַרבײַ זײ, זענען זײ געצװאונגען אָנװײַזען דער מאַסע די װעגען, מיט װעלכע זי קען געהען, אויף װעלכע זי קען אַם בעסטען געפֿינען גינסטיגע עקאָנאָמישע בעדינגונגען, ד. ה. די װעגען, װאָרין עס פֿיהרט זי דער נאַטירליכער עקאָנאָמישער פּראָצעס. און פֿאַקטיש זעהען מיר, דאָס אָנשטאָט צו קאָנצענטרירען די יודישע װאַנדערער, העלפֿען זײ אַלײן זײ צוצעשפּרײטען; אָנשטאָט צו פֿיהרען זײ אין װיכטיגע געגענדען, שיקען זײ זײ אין אַמעריקא, כמעט אויסשליסליך אין די פֿעראײניגטע שטאַאַטען.

בײַ אַזעלכע בעדינגונגען, קומט אויס, אַז פּראַקטיש טוען זײ אײגענטליך דאָס, װאָס איז נוצליך און נויטהװענדיג; פּראַקטיש טוען זײ די אַרבײַט, װאָס מיר װאָלטען אַלײן אויך געטאָן. און אויב דיזע געזעלשאַפֿטען טראָגען דערבײַ נישט קײן פּאָליטישען פּאַרטײ-כאַראַקטער, װאָס זאָל זײַן געגען אונזערע איבערצײַגונגען, אויב דאָס זענען בכלל נישט קײן פּאָליטישע אײנריכטונגען, דאַן בלײַבט פּאַקטיש קײן גרונד נישט אַהין נישט אַרײַנצוטרעטען און אין זײער אַרבײַט קײן אָנטײל נישט צו נעהמען.

מען דאַרף אויף אַזאַנאַרט אַרײַנטרעטען אין יענע געזעלשאַפֿטען, װאָס בעשעפֿטיגען זיך מיט ברענגען הילף דער עמיגרירענדער מאַסע, װאָס טראָגען דערבײַ נישט קײן פּאָליטישען כאַראַקטער און װעלכע שטעלען זיך פּאַקטיש נישט קײן אויטאָפּיסטישע צװעקען *).

---

*) בנוגע צו יעדער קאָנקרעטער געזעלשאַפֿט בעזונדער דאַרף אַלזאָ אונזער האַלטונג אָבהענגען פֿון דעם קאָנקרעטען כאַראַקטער פֿון דער געזעלשאַפֿט. דאָס איז ריכטיג בכלל, דאָס איז ריכטיג אויך בנוגע צום צוקינפֿטיגען װיענער עמיגראַציאָנס-קאָנגרעס. אונזער אָנטײל אין איהם דאַרף בשום אופֿן נישט אָבהענגען פֿון דעם, װאָס מיר װעלען דאָרטען אפֿשר לײַדען ערנידעריגונג (מען װעט אונז אפֿשר חס ושלום שײַען: [illegible]), װאָרום נישט בכבוד װעלען מיר דאָרטען. עס װענדעט זיך אין דעם, װאָס פֿאַר אַ פּאַקטישע, קאָנקרעטע צװעקען װעט זיך דיזער קאָנגרעס שטעלען, און פֿון װאָס פֿאַר אַ עלעמענטען ער װעט בעשטעהן. אויב ער איז מעהר נישט װי אַ רעקלאַמע פֿאַר אַ געװיסע אויטאָפּיסטישע שטרעבונג, דאַן, פֿערשטעהט זיך, האָבען מיר נישט

געהיט, און דיזע געזעלשאַפֿטן האָט אויסקומען צו באַגעגענען זיך מיט טעריטאָריאַליסטן מכּל המינים און שאַטירונגען. נור דאָס איז אפֿשר גראָד קיין חסרון נישט. וואָרום, ערשטענס, האָט מען האָבן די פֿולע מעגליכקייט צו קאָנטראָלירן זייער טעטיגקייט און ציהען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער מאַסע אויף יעדן פֿאַל, ווען זיי וועלן פֿערבינדען די אינטערעסן פֿון דער לעבעדיגער מאַסע מיט דעם נאָמען פֿון זייערע אוטאָפּיסטישע צוועקן; דאַן ווען אַ טעריטאָריאַליסט בעשעפֿטיגט זיך מיט העלפֿען דעם עמיגראַנט, האָט ער פֿונקט דעסטוועגען שטענדיג אין זינען: דיענען דער עמיגראַציע, כּדי זי צו בעהערשען, ד. ה. ער האָט שטענדיג דעם בעהאַלטענעם וואונש צו פֿיהרען די עמיגרירענדע מאַסע נישט אַהין, וואו עס ציהען זי די קאָנקרעטע עקאָנאָמישע בעדינגונגען, נור ערגעץ אין אַ זייט, וואו עס וואַרט אויף איהר פֿאַקטיש נור צרות און פּיין. און צווייטענס, וועלען מיר מיט אונזער טעטיגקייט און מיט אונזער אָפֿענער קריטיק שטופּען די טעריטאָריאַליסטן גופֿא צו דער זעלבסטבעשטימונג: פֿאַר אוטאָפּיסטישע שטרעבונגען און דאַן זיך אָבזאָגען פֿון דער גרויסער, ליידענדער עמיגרירענדער מאַסע, אָדער העלפֿען דער האַנדלענדער אַרמע און דאַן לאָזען אינגאַנצען, ערנסטליך, און אַוועק די אוטאָפּיסטישע חלומות; קורץ, פֿאַר טעריטאָריאַליזם און געגען די רעגולירונג פֿון דער עמיגראַציע, אָדער פֿאַר רעגולירען די יודישע עמיגראַציע און דאַן — אוים טעריטאָריאַליזם.

האָב צו טון אויף איהם. די זאַך דאַרף אָבער גאַנץ אַנדערש זיין, און מען דאַרף אין איהם געהיט יאָ אַמאָל געהאַט, איז ער האָט מאַכט פֿעראייניגען אַלע אָרגאַניזאַציעס, וואָס בעשעפֿטיגען זיך פּראַקטיש מיט הילף פֿאַר די עמיגראַנטען: דאַרפֿען האָט דער אוטאָפּיסטישער טעריטאָריאַליזם קיין באָדען פֿאַר זיך נישט האָבען. אודאי וואָלט געהערט נים, ווען די איניציאַטאָרען פֿון קאָנגרעס וואָלטען אַליין אויסגעדריקט דעם שלייער פֿון דעם פֿאַרשטעהענדען צוזאַמענפֿאָהר, ווען זיי וואָלטען בעקאַנט געמאַכט דאָס פּובליקום, ווי עס פֿערהאַלטען זיך צום קאָנגרעס די פֿערשידענע געזעלשאַפֿטען, וואָס בעשעפֿטיגען זיך מיט דער עמיגראַציאָנס-פֿראַגע ביי יודען. יעדענפֿאַלס, דאַרף מען נים אויספֿאָרשען די פּ ר אַ ק ט י ש ע זייט פֿון דער זאַך נאָך פֿ אַ ר ן קאָנגרעס. וואָרום מען קען ביי געהיטע בעדינגונגען מאַכען מיט אַבהאַלטען זיך נישט קיין קלאָגערען שפּעטער, ווי מיט אַמאָל געהמען אין איהם. —

דאָ טוט אויך אַנטשפּרעכען האָבען, אַז דאַרפֿען, וואו די ק ה ל ה האָט יאָ גערופֿען אַ אַנשטאַלט אויף צו העלפֿען די עמיגראַנטען, דאַרף מען בעשטעהען זיך, וועהן מיט אַלע מעגליכקייטען אַהין אָרגאַניזירונגען און די היים מעגליך דאָרטען צושיקען די אינטערעסען פֿון דער מאַסע, קאָנטראָלירונג די טעטיגקייט פֿון אַזעלכע אַנשטאַלטען, אויפֿמערקזאַמע אָבהיטונג פֿון רעכטען וועג און מאַטעריאַל. פֿאַרן ברייטען עולם יעדע ווייטער געגען איינפֿלוס. ווי אינטערעסענטען אונטער דעם אײ־

ד. קאַצענעלענבויגען.

וועגען דעם ציוניסטען־קאָנגרעס אין האַמבורג.

גראָה און אינהאַלטלאָז — אַזאַ איינדרוק איז געבליבען פֿונם קאָנגרעס מיט אַלע זיינע שפּי־רעס, מיט דעם ים אַפּלאָדיסמענטען, וואָס האָט דאָרט געקלונגען, און מיטן היסטערישען ענטוזיאַזם, וועלכער האָט ביי אַלע כאַראַקטעריש פֿאָרם בײַ געקלעקט ביזן סוף.

און אויב מיר בעשליסען זיך פֿונדעסטוועגען, נאָך 3—4 חדשים צייט, אומקעהרען זיך צו דעם

דאָזיגען קאָנגרעס (פֿריהער אָבּרופֿען זיך אויף איהם האָבען מיר נים געהאַט קיין מעגליכקייט) — איז דאָס דערפֿאַר, ווייל די דאָזיגע גראָהקייט און אינהאַלטלאָזיגקייט פֿונם יודישען „פֿאָלקס־כּנסת" איז כאַראַקטעריסטיש און לעהררייך.

I

מיט אַ שטורעם געמיסה האָבען די ציוניסטען פֿערענדיגט דעם קאָנגרעס. די „פּראָוואָקאַציאָן" ריזום און די לעצטע הצגה דער ציוניסטישער קאָריפֿעען פֿון דער „גאָלדענער וועלט", דער קאָנגרעס האָט געשלאָסען אָהן התלהבות, אָהן גוזמא („נייע וועלט" № 142). „פּאָליציאַ" איבערגעץ פֿערזעצער. באָדענהיימער לאָזט ענדליך אויס זיין רעדע, וועלכע וועגען דער ס'האָט גע־האָרט, און ערקלערט דעם קאָנגרעס פֿאַר פֿער־מאַכט. עמיץ פּראָבירט, ווי דער מנהג איז, אָנ־צוהויבען די „התקוה"; אָבער נים דער זאַל כּ'ם. אָבער ניעמאַנד עפּעס נים דאָס ליעד פֿון האָפֿ־נונג אין דעם דאָזיגען טראַגישען מאָמענט". (עהרליכע וויי"ר № 4).

טראַגישע מאָמענטען — האָט שוין פֿיעל די געשיכטע פֿון ציוניזם, וועלכער איז אינגאַנצען איין קייט פֿון ענטטוישונגען, פֿון צובראָכענע לופֿטשלעסער און צושטערטע חלומות, פֿון נאַיווע טרוימען, צוזיסענע אויף גראָשענע „רעקלאַמען", פֿון שמאָלצען פֿאַנטאַזיעס, צו וועלכע מ'איז ניטאָ קיין וועג.

ניטאָ קיין וועג צום גאָלדענעם חלום, צום ציוניסטישען „אַלט־נײַלאַנד" — און די בלינדע בלאָנזשען מען, און מ'טאַפּט, און מ'זוכט, און מ'חזיס אַליין בעשולדיגט איינע די אַנדערע, און מ'טרייסט זיך פֿאַנטאַזיע, נים, וואָס מ'וויל, און מ'ציעהט זיך פֿאַנאַנדער, אויפֿגערעגט און פֿערביטערט.

די היסטאָריקער פֿון אָט דעם בלאָנזשען, האָפֿנונגסלאָזען וואַנדערען עלעמענטען וועגען אויף די קאָנגרעסען די פּערספּעקטיוו פֿון וואַנדער און גע־לייגען; די, וואָס געפֿינען זיך טאַקע אונטער דער השפּעה פֿון די מאַסען פֿון יודישען פֿאָלק, וואָס ליידען פֿון יודישען גלות מצרה, אייגער זייערע מערב-אייראָפּעאישע חברים. זיי קענען נים האַרטען. זיי דאַרפֿען גלייך, באַלד אויס־געפֿינען אַ ישועה דעם יודישען פֿאָלק, כּדי נים פֿערלירען דאָס קרעדיט ביי די מאַסען. אַ וואַנדערער טוט געשיכען. אַ ווינטשגעדאַנק דאַרף סטי־מולירט ווערען. און כּוחות, געלט און סיעבעדיש. אַלע ציוניסטען וואָלטען זיך אין פּאַלעסטינא אײַ־נגעקויפֿט (פּאַסקאַניק). יעדער יוד זאָל אַ דאָס ערד קויפֿען פֿאַר דאָס יודישע פֿאָלק אין פּאַלעסטינא (ראָסקין). יעדער וועלכער דאַרף זיך קויפֿען אַ שקל ערד אין פּאַלעסטינא (קאָהען). אַזעלכע און אַנדערע פֿאַנטאַסטישע פּלענער האָבען געפֿונען אַלע הילף.

פֿאַר יענע אייראָפּעאישע אינטעליגענטען און איינצעלנע בעזשעהע, וואָס שטעהען צו צום ציוניזם, איז ער פֿאַר אַלעם אַ מאָראַלע סטיצע געגען דעם אַנטיסעמיטישען באָיקאָט, אַ רפֿואה געגען די קאַלטע נשמה-פּיסקעס, וואָס קומט פֿאַר פֿון אומבעגלייכקייט זיך אינגאַנצען, שפּילעך צו אַסימילירען. כּדי צו רעגען אַזעלכע בעלען, נויטיגט זיך דער ציוניזם גאָר נים אין רעאַלער פֿערווירקליכונג. גענוג אַ יודישער „פּאַלאַסטע", אַ פֿערזאַמלונג, אַן אַקציאָנס-קאָמיטעט, נאָרדוי'ס „פּאָליטישע רעדעס" — דאָס איז די הויפּזאַך. אויף די פֿערווירקליכונג קען מען וואַרטען. „דאָרטען איז קיין שאַנד נים" (נאָרדוי'ס רעדע). דערווייל איילט מען זיך נים, מ'פֿאַר־ביים מילכמג אין פּאַליד, מיט מיסטערהאָפֿטע גע־בעטע סימבאָלען און פּאָליטישע, מיט מיסטעריאָזע בילדהאַלטערע, מיקליגע גילעדעהייט, — אַ ברעקעל נאָך אַ ברעקעל, יעדע מיליאַרדען, — דאָס דאַרפֿען איבערקעהרען פּאַלעסטינא. דער־ווייל איז פֿאַראַן נור אַ לעבעדיג-ניששטינער פֿיל פֿון די דאָזיגע מיליאַרדען, „אַ פּונט, ווי פֿידריק אויך אַ ציוניסט, דאָס קען קלעקען אויף זיך עסענען אַ נישט קשה'דיגע אַמעלסין־קרעכעל ערגיין אין פּעסטערבורג" („ראַזסוועט" № 48). דאַרף מען וועהן ציציהען „קאָנסאָל־קרעסטינער" ציוניסטען און מאַכען פֿונם ציוניזם אַ גענסטיגע קאָטערין־איינ־פֿערנעהמונג.

און די חשבונות וועגען נים אין גלאַט, די אַקציעס ברענגען דיווידענד, די געשעפֿטען הערען געפֿינדען פֿאָרלמיט, — רעקלאַמירען מיט „יתום־נעלד" (אַלי רופֿט מען אַן דאָס ציוניסטיש געלד — דער יתום איז דאָס יודישע פֿאָלק) ווייל מען גיט. די צאָהל אָנהענגער אין מערב-אייראָפּא — און די מערב-אייראָפּעאישע פֿיהרער האַקען וועגען אייגענעלך צופֿריעדען.

דער לעצטער קאָנגרעס, אָרום וואָס דער הויפּט־קאַמפּף האָט זיך געפֿיהרט. די „רוסען" האָבען געוואָלט אָרגאַניזירען וואַלפֿטאַגען, וואָס פֿיהרען נאָך די בעהעלגונג צו פּראַקטיש. און בעשאַפֿען בראש פֿון דער אָרגאַניזאַציע אַ קאָלעגיע, וואָס זאָל, די רוסען, וועלען האָבען אַ פֿאַסטענדע הערקונג. גע־וואָלט, ווייטער אַ „רוסען־בלעבען" איז אַלץ די געהען. ווייטער האַלטען בראש. ווייגער צענטער, ווייטער האַלטען בראש.

און יעדער פּאַרטיי קומט פֿאַר אַ קאַמפּף פֿון סייגונגען און שטרעמונגען. אָמט איז אַ געוויסער

קאמפף ארום פערזאנען נור א קאמפף פון פלאטפארמען. די אפאזיציע וויל נייע מענשען צום רודער דורכפיהרען, כדי איהר פלאטפארם צו פערווירקליכען.

וואו איז געווען דאס פלאטפארם פון די „רוסען"? וואס האבען זיי געוואלט? דאס איז זעהר שווער צו זאגען. די „רוסישע אפאזיציע" איז דאך ביי זיך און דער היים, אויפ'ן רוסישען צוזאמענפאהר, די בעל-הבית'ישע געווען. וואס האט די דאזיגע דורכגעפיהרט? וואס פאר א נייעם וואָרט האט זי דער ציוניסטישער וועלט געגעבען? וואס פאר א פלאן האט זי פון איהר צוזאמענפאהר אויפ'ן קאנגרעס געבראכט?

איהר לייצנים די בעריהמטען פונ'ם צוזאמענפאהר און פונ'ם קאנגרעס. קריטיק, שארפע, צעריסענדע, פערניכטענדע. אינצופרידענהייט אהן א סוף, ניטא אין דעם צענטער קיין געדאנק, קיין געפיהל, קיין חילוק, עס ווערט גארנישט געטאן. מ'האט ניט קיין ווירקונג אויף דער יודישער גאס, קיינער הערט זיך ניט צו צו דער פארטיי, געגנער אינטערעסירען זיך מיט איהר ניט.

נו, וואס ווייטער דארף מען טון? דאס ווייסען ניט די פיהרער, דאס זאגען אויך די קריטיקער ניט. אז מ'פרעגט פאסמאניקען, איינעם פון די שארפסטע קריטיקער — „און איהר וואלט בעסער געפיהרט?" ענטפערט ער: „איך בין ניט קיין פרעזידענט און פרעטענדיר ניט אויף די דאזיגע ראליע".

דאס איז זייער ענטפער אויף דעם, וואס דער ציוניזם זאל טון.

און קיין אנדער ענטפער קענען זיי ניט געבען, ווייל ס'איז ניטא אזא מיטעל, וועלכע זאל פון א אוטאפיע מאכען א ווירקליכקייט, ווייל יעדעס מיטעל, יעדער פלאן איז לכתחילה פערמשפט אויף אונטערגאנג. דער האמבורגער קאנגרעס האט דאס בלויז אנ'איבעריגעס מאל בעוויזען.

II

אין אנ'אייזערנער וואנד האט זיך אנגעשטויסען דער ציוניזם אין האאג. אין א משארטער האט מען דעם גלייבען פערלארען; די „דיפלאמאטיע" האט באנקראטירט; וועגען גרויס-קאלאניזאציע איז ניטא וואס צו רעדען — די טערקישע רעגירונג דערלאזט ניט און קיין קאפיטאלען איז ניטא. אויך קליינקאלאניזאציע איז צוליעב די זעלבע טעמים כמעט אונמעגליך.

אוסישקין האט דאס דאמאלס אפען און שארף פארמולירט אין זיין בעריהמטער רעדע, וועגען וועלכער א ציוניסט האט געזאגט, אז „אוסישקין הייסט ברעכען מיט'ן קאפ אנ'אייזערנע וואנד."

און א נס איז געשעהען. די טערקישע רעוואלוציע איז געקומען און איז ווי א וואלב געקומען צו די פערזאוגערטע הערצער פון די ציוניסטען. מ'דארף ניט קיין טשארטער; מ'דארף ניט קיין „מלוכה-ציוניסמוס". די פרייע טערקיי וועט ברייט עפענען איהרע טירען דעם ברידערליכען פאלק. דער חלום איז באלד קיין חלום ניט.

ווער געדענקט ניט, וואס פאר א שמחה וששון ס'האט דאמאלס געהערשט? אפילו וויטשלאווסקי איז א ציוניסט געווארען און האט מיט אותות און מופתים דערוויזען, אז בונדיסטען, ס. ס.-אווצעס און סיימיסטען מוזען אלע אין ציון גיהן; אפילו יצחק אייזיק בן אריה צבי הלוי האט ארטיקלען וועגען דער אינדוסטריעלער צוקונפט פון פאלעסטינא געשריבען. ווער געדענקט ניט די צייטען, ווי די יודישע קאפיטאלען וועלען לויפען פערלאפען פאלעסטינא — ווען ניט, העט זיין שפעט? ווער געדענקט ניט מודים על החטא אינ'ם „פריינד"?

אפילו דאס נייטראלע, אינפארמירטע „לעבען און וויסענשאפט" האט בעשריבען א ווערטעל ארייגגעהארטען וועגען „היסטארישען מאמענט", און אויך דער „פריינד" האט איינגעשטעהט אזוי דעם מאמענט קוואליפיצירט.

און דאך, איך גלויב „היסטארישען מאמענט" שטעהט דער ציוניזם ווייטער נעבען דער זעלבער אייזערנער וואנד.

אויפ'ן רוסישען צוזאמענפאהר האבען די ציוניסטען איינגעהארטען זייערע פיהרער, וואס זיי האבען ניט אויסגענוצט די טערקישע איבערקעהרעניש. אויפ'ן קאנגרעס האבען די רוסישע פיהרער די זעלבע פאראווירפע דעם אקציאנס-קאמיטעט געמאכט.

וואס ווייטער האט מען געדארפט טון? און דא קומען די רוסען מיט א פלאן. דאס גאנצע געלד פון קאלאניאל-באנק דארף איבערגעטראגען ווערען קיין פאלעסטינא, קויפען ערד, וואס מעהר ערד דארף מען. אנ'אגראר-באנק דארף געגרינדעט ווערען.

אומזיסט ווייזען אויף די מערב-אייראפעער, אז דאס איז אונמעגליך ביי דער איצטיגער טערקישער געזעצגעבונג, ווייל די באנק וועט ניט קענען אפנעהמען די ערד ביי די בעל-חובות, וואס וועלען ניט צאהלען. דער פיהרער פון דער ציוניסטישער אנגלא-פאלעסטינא-קאמפאניע זאגט, אז אפילו יענעס ביסעל קאפיטאל, וואס מ'האט

ום קאנגרעס, האט ער אויך ניט וואוהין דינער אין ענינים ארייגצולעגען אין פאלעסטינא ווייל היינט אין ארץ א רייהע וועלטליכע יורידישע מניעות, וועלכע מאכען אינגאנצען אונמעגליך די עקזיסטענץ פון אגראר-באנק („ראזסוועט" № 7).

די רוסען האבען אבער דערויף אנ'שלאגען ענטפער אוסישקין'ס ענטפער פון האאג: „צו קאנסטאטירען דעם פאקט, אז ס'איז אונמעגליך, דארף מען קיין יוריסטען ניט האבען. א יוריסט דארף מאכען פון אונמעגליך פאר מעגליך".

און די יונג-טערקען, די גינסטיגע אינטערוויו'ס, וואס מ'פלעגט פערעפענטליכען? איצט הערט זיך גארנים, אז בנוגע צו דערלויבען א מאסענקאלאניזאציע אין פאלעסטינא פערנעהמען דערהייל די יונג-טערקען כמעט די זעלבע פאזיציע, ווי דער אלטער רעזשים. אנגעטראגען מיט די סעפאראטיסטישע שטרעבונגען פון די טערקישע נאציאנען, ווילען זיי ניט הערען פון א יודישער קאנצענטראציע אין פאלעסטינא, און אפילו די שענדליכע „רויטע בילעטען" ווילען זיי זיך ניט אנטזאגען. מיט דעם גרעסטען חשד, מיט דעם גרעסטען אינטערעס בעציהען זיי זיך צום ציוניזם. און אנדערש קען דאס ניט זיין. ווייל אפילו ווען זיי וואלטען זיך אבגעגעבען א רעכנונג אין דער עקאנאמישער בעדערפניס פון דער יודישער עמיגראציע אין טערקיי בכלל, מוזען די צוליעב פאליטישע טעמים פערנעהמען א פיינדליכע שטעלונג צום ציוניזם. זיי דארפען בעוואכען איהם נאך געבען, מ'זאל ניט געהעכען אין חשד זייער עכט-טערקישקייט. דאס אבפאלען פון באלגאריען, די געשיכטע מיט קרעטא, די רעהאביליטאציע בעוועגונג פון די אראבער צווינגען די יונג-טערקען שטרענג אויפצופאסען יעדען טריט, וואס זאל געבען ווייטערע געגנער די מעגליכקייט צו זאגען אויף זיי, דאס זיי צוטיילען טערקיי שטיקלעכווייז.

ניט אויף איהר אינטעליגענץ קראפט, ניט אויף די אביעקטיווע היסטארישע בעדינגונגען, ניט אויף דער אקטיווער ארבייט פון איהרע אנגעשטעלטער אלען בויט די ציוניסטישע בעוועגונג. די בויט אויף איבערקערעניש, וואס ווענען ניט אין איהר מאכט, אויף ספעקולאנטען, אויף וועלכע זי קען ניט ווירקען אויף א האר. און אנדערש ווי צו ביטערע ענטוישונגען קען זי ניט קומען.

אזוי איז אויך מיט דער טערקישער רעוואלוציע ביי די ציוניסטען געשעהן.

און מיט א ביטערען חוזק האבען געקלונגען די פייערליכע רעדעס וואלפסאנ'ס אין נארדוי'ס.

וואו מ'האט זיך געפלייסט צו מאכען א שטאלצען אנשטעל, אז מ'אינטערעסירט זיך ניט מיט די יונג-טערקען, אז מ'האט צו [illegible] פאלק, און וואו מ'האט הבטחות'דיג און צוזאגענדיג אויפגעהויבען די איצטיגע בעלי-בתים פון טערקיי, אז ס'איז נוצליך פאר זיי אריינצונעהמען די יידען, וועלכע געטרייע אונטערטאנען, וועלכע בעווילליגע טערקישע פאטריאטען, וועלכע לאיאלע בירגער — אויף וועלכע זיי וועלען זיך קענען שטיצען (געגען וועמען? אפשר געגען די רעאקציאנערע אראבער, וואס שטרעבען צו נאציאנאלער זעלבסטשטענדיגקייט און האבען אויך פרעטענזיעס אויף הערשאפט אין פאלעסטינא?).

III

אזוי האלט עס מיט די פאליטישע מעגליכקייטען נאך דער טערקישער איבערקעהרעניש.

און די זאגענאנטע „עקאנאמישע ערפאלגען" אין פאלעסטינא? ווייטער האט דער קאנגרעס אנ'איבעריגעס מאל בעוויזען דעם גאנצען אומזין פון די ציוניסטישע שטרעבונגען. עס ארבייטען שוין אין פאלעסטינא אנדערהאלבען צענדלינג ציוניסטישע און האלבציוניסטישע איינריכטונגען און געזעלשאפטען. אלע אין איינעם פערמאגען זיי צוזאמען ארום 3 א האלב מיליאן רובעל. א קאפיטאל פון א גאר בעשיידענער פריוואטער באנק. דערמיט קלייבט מען זיך דאס איבערצוקעהרען פאלעסטינא. וועגען גלייכצייטיגע אינדוסטריעלע פערספעקטיווען, דערציהלט דער ציוניסטישער רעספערענט קען, אז ניטא וואס צו טרוימען. דאס לאנד האט ניט קיין אייזען און קיין קויהלען, די מעגליכקייטען, וועלכע ער שילדערט, בעציהען זיך הויפטזעכליך צום געביעט פון קליין- און מיטעל-אינדוסטריע. אבער אויך דערצו וועגען גוטע מיליאנען, גרויסע טראנספארט-איינריכטונגען א. ז. וו. און די שטענדיגע אין אינדוסטריעלע פעלער — דארף מען וויסען, ספעקולירען, און דערצו אלען דארף מען פערמעגען גרויסע קאפיטאלען. די הויפט-אינדוסטריע קען דארט זיין פערבונדען מיט לאנדווירטשאפט. אבער דאס דארף מען האבען איינגעהוירע געלדמיטלען.

א מיליארד דארפען מיר האבען: רופט אויס פראפ' אפענהיימער. אין דער קאנגרעס נעהמט אן מיט התפעלות זיין אלטען פראיעקט פון לאנדווירטשאפטליכע קאאפעראציע, וואס ווערען פאר אפענהיימער'ן א שליסעל צו אלע סאציאלע פראבלעמען. די קאאפעראציע איז פאר אהם די אידעאלע פראדוקציאנס-פארם פון דער צוקונפט.

ניט דאָ איז אונדזער אָנצושטעלן זיך אויף דער עצם פראַגע. די סאָציאַליסטישע לאָזונגען האָט [illegible] [illegible], אַז אײנע אין אײנעם געביטעטן קען די קאָאָפּעראַציע האָבן אַ נײטיגע אָנװענדונג אין בעדײַטונג. איז אומאָ-פּטימיש די האָפענונג דורך קאָאָפּעראַציע באַזײַטי-קן דעם קאַפּיטאַליזם; איז אונמעגליך צו בע-ציהען זיך צו איהר אַנדערש, װי צו אַ [illegible] פּאַליאַטיװ. כאָטש קען ספק ניטאָ, אַז עס האַנ-דעלט זיך דאָ װעגען אַ נײַעם [illegible]; און אַז דער גאַנצער אויפטו װעט זײַן אויסלאַכן דעסיניס, דאָס עטליכע צעהנדליג, אפשר עטליכע הונדערט יודישע לאַנד-אַרבײַטער העלפן אײַנצו-אָרדנען װערן.

און װײַטער דאָס אינטערעסאַנטלעכע. איך אַמאָ-הײַנטער זאָגט, אַז צו דעם פּראָיעקט דאַרף ער בילאַרדען (בוכשטעבליך). װײַטער דאָס װעל-בע ליטעראַל. װײַטער, הײַנט דאָס, אַנאַליזירנדיג, צו װעלכער עס פיהרט ניט און ס'קען ניט פיהרן די אַקטיװע [illegible] פון די יודישע מאַסן. װײַטער דאַרף מען זוכן חן אין די אויגן פון די יודישע גאָלדזעק, װײַטער אַ משונהדיגע או-טאָפּיע.

אויף הױפּט פּאַלעסטינא שטעלט װירקליך פאַר אַ באָדען פאַר אינדוסטריע און האַנדעל, פאָ-דערט דאָס אײַנגעהױערע געלד-מיטלען. און די אָרעמע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע װעלן דאַר-פן אויסהאַלטן די קאָנקורענץ פון די שטאַר-קע ענגלישע און דײַטשע קאַפּיטאַלן, האָט שטי-צען זיך אויף אַ [illegible] פּאָליטישער װיר-קונג. אונטערשטיצן די ציוניסטן אין דעם דאָזי-גן קאַמף — דאַרין זענען די יונג-טערקן איצט ניט פּראָאינטערעסירט און װעלן נאָך לאַנג ניט פּראָאינטערעסירט זײַן.

אָבער לאָמיר אויף אַ מינוט זיך פאָרשטעלן, אַז די גאָלדזעק האָבן זיך אַרומגעזעהן, אַז זײ לוינט אַרײַנצולײגן זײער געלד דוקא אין די ציוניסטישע, און ניט אין „גוישע" אונטער-נעהמונגען אין פּאַלעסטינא, לאָמיר זיך פאָרשטע-לן, אַז די געשעפטן װעלן געהן גוט און װעלן ברענגען הכנסה. האָט נעהמט דאָס אָן די יודישע מאַסן? װאָס פאַר אַ בעדײַטונג װעט דאָס האָ-בן פאַר װעלכע ניט איז ברײטע שיכטן פון פאָלק? די אולי װעט דער דאָזיגער קאָמערץ-ציוניזם מאַכן אַ סוף צום יודישן גלות? װאו איז דאָ דער װעג פאַר דער טעטיגקײט פון די מאַסן?

די יודישע קאַפּיטאַלן, חלילה מען, װעלן צוציהען יודישע אַרבײַטער קײן פּאַלעסטינא. װאָס פאַר פּערספּעקטיװען עס עפענען זיך דאָ, האָט דער קאָנגרעס װײַטער אילוסטראַציעס געגעבען. די פערטרעטער פון די אַרבײַטער האָבן זיך גע-קלאָגט, אַז מ'נעהמט זײ כמעט ניט צו צו דער אַרבײַט פון די ציוניסטישע אונ-טערנעהמונגען, װײַל אַראַבער זענען ביליגער; זײ האָבן דערצעהלט, אַז װײַ-שטרײַק-פאָנד האָט מען אין ציוניסטישן באַנק ניט געװאָלט אַרײַננעהמען. זײ האָבן געפאָדערט, מ'זאָל זײ אויסשטעלן אין עטליכע בעדי-נגונגען, װי זאָלן קענען אויסהאַלטן די קאָנ-קורענץ פון די אַראַבער.

און מ'האָט זײ געענטפערט: „די אַרבײַטער-פיהרער דאַרפן געדענקען, אַז אין אַ יונגען לאַנד, װאָס הױבט זיך ערשט אָן עקאָנאָמיש צו ענט-װיקלען, קען דער קאַמף פאַר פערגרעסערן דעם אַרבײַטסלוין ניט געפיהרט װערן אויף די זעלבע פּרינציפּען, װי אין די גרויסע קאַפּיטאַליסטישע צענטרען פון אײראָפּאַ. אַ חוץ דעם דאַרף אין פּאַלעסטינא, אַ חוץ די קלאַסען-אינטערעסן, אָנ-גענומען װערן אין בעטראַכט אויך די נאַציאָנאַ-לע אידעע". דער קאָררעספּאָנדענט פון „[illegible]" ניט איבער, אַז נאָך דעם איז נאָך צוגעגעבן געװאָרן: „די לעצטע (די נאַציאָנאַלע) אינטערעסן װעט דער נאַציאָנאַל-פאָנד אַלע מאָל שטעלן אויפ'ן ערשטן פּלאַן אין אַזעלכע צופעלן (בשעת סכסוכים צװישן די אונטערנעהמער און די אַרבײַטער). דאָס בעדײַטעט: אָדער נעהמט הונגערלוין, אָדער מיר װעלן דינגען אַראַבער.

און בשעת מ'האָט אַרײַנגעטראָגן אַ פאָר-שלאַג װעגן בױען װאָהנונגען פאַר אַרבײַטער, האָט דער הערר באָרענהײַמער געאײַלט אויס-צודריקן זײַן מיטגעפיהל און... אַראָבצונעהמען דאָס פון אָבשטימונג.

דאָס איז דער ענטפער פונ'ם קאָנגרעס די „קלאַסענבעװאוסטע" פּועלי ציון. און, געהענ-דיג האַנד בײַ האַנד מיט די עקספּלואַטאַטאָרן, זוכן די פּועלי ציון געצװאונגען זײַן צו פער-קױפען די אינטערעסן פון די אַרבײַטער, װעל-כע זײ פערטרעטען.

IV

פריהער הערצל'ס דיפּלאָמאַטיע, איצט װאָל-פסאָנ'ס קאָמערציע — דאָס זענען געװען, דאָס זע-נען און דאָס װעלן זײַן די העכסטע פאָרמען פון דער דאָזיגער „מאַכטן-בעװעגונג", אין װעלכער די מאַסן זענען אַלע מאָל נור אַ שענע דעקאָ-ראַציע געװען.

אין אויף הײַנטיגן [illegible] דער ציוניזם הױבט אָן אַ שטרעבן צו אַ ברײטערן כאַראַקטער פון דער בעװעגונג. אויף הײַנטיגן ער װיל אַ כאַראַקטער פון אַ מאַסען-בעװעגונג קריגן. אויף װײַטער ער שטרעבט צו פערגרעסערן זיך מיט די אויפ'ן באָדען פון הײַנטיגע ענגלישע אינטערעסן. אויף אַזױ פיעל פאַלט ער אַרײַן אין [illegible] הירשפרונג. אויף אַזױ פיעל הערט ער אויף אַ ציוניזם צו זײַן. ער הױבט אָן צו פערװאַנדלען זיך אין אַ פּאָליטישע פּאַרטײ, װאָס שטרעבט צו פערטרעטען די אינטערעסן פונ'ם קלײנבירגערטום, ער זוכט זיך אַרײַנצוציהען אין „גלות-ענינים" און אַלײן מעהר דערװײַטערן זיך פון דעם ציוניסטישן תוך. אַזױ קומט מען אין ענדערן, װאו די פרײַע פּאָליטישע בעדינגונגען געבען אַ מעגליכקײט צו װירקען אין די פאַ-סען: בײַ די עסטרײַכער ציוניסטן איז דער ציוניזם שוין לאַנג נור אַ בעזיצונג פון ברײ-טע. זײ זענען אַנ'אָרטיגע פּאָליטישע פּאַר-טײ. און אײנער פון הײַנטיגע רעפּובליקען האָט אפילו אין [illegible] אַ זאַג געטאָן אויסגעשפּראָכן, אַז זײ אין [illegible] מיט גרויסע פאַרזיכערונג. דער װעל-שטעהן מיט בײַדע פיס אין עסטרײַך. דער װעל-כער פּראַקטיק איז פאַרגעקומען אויך אין רוסלאַנ-דער פּראַקטיק — און זײַן העכסטער אויסדרוק האָט ער בעקומען אין העלסינגפאָרס. װען די רוסישע ציוניסטן האָ-בן זיך סאַקסעס אַלס פּאָליטישע פאַרטײ קאָנ-סטיטואירט, װען זײ האָבן דעמאָקראַטישע לאָזונ-גען אויפגעשטעלט. די נױטװענדיגקײט נאַציאָ-נאַל זיך נאָך די מאַסן, צו שטיצן זיך אויף זײ — האָט געשטופּט די ציוניסטן אַלץ װײַטער און װײַטער צו דער „אַנערקענונג פונ'ם גלות", דאָס הײסט צום פּראַקטישן אָבזאָג פון די גרונד-יסודות פון ציוניזם.

און האַלטן די געשעהענישן אין רוסלאַנד זיך אַנטװיקלט װײַטער אין דער זעלבער ריכטונג, װאָלט מען זעהר זײַן, אַז די רוסישע ציוניסטן האַל-טען דאַן נעכױם דורכמאַכן דעם זעלבען װעג, װי אין עסטרײַך. עס איז אָבער געקומען די רע-אַקציע — און די שומרים פון ציוניזם, װאָס האָבן קױמע געציטערט, בשעת מ'האָט אין העלסינגפאָרס דאָס געגענװאַרטס-פּראָגראַם אָנגענומען, האָבן אויסגעהויבן דעם קאָפּ. שוין אין האַאַג איז דער משונה'דיגער רוח פערגעקומען, צו װעלכן די ציו-ניסטן אויסטרעטן אין דער „גלות-אַרבײַט" אונטער דײַער פאָהן. אין האַמבורג האָבן װײַטער דערמאָהנט װעגן געגענװאַרטס-אַרבײַט אויפגע-דעקט. אײן אָפענעם, הײַנטצהײַטיגן אַפּלאָ-דיסמענטן(?) דער רעאַקציע. אַזאַ אָפענעם צוריק אָבצו-

ציהען זיך צוריק פון דער לעגענדערער יודי-שער װירקליכקײט, די איהר נאָמען אין די רעדעס פון די הערשן מאַן, קלױזנער, בערנשטײן, קלײַנמאַן — איז שוין לאַנג ניט אויסגעקומען צו הערען אויף רוסיש-יודישע צוזאַמענקונפטען (אויב ניט רעכענען די רעגיאָנאַלע, פּערזענליכע זיך) און אײנס כּלל פון די אַלע דבורים װעגן רעפאָר-מען געהערט די אַקטועלע צ.-ק.-ישע פאָדערונגען װעגן דער נױטװענדיגקײט פון געגענװאַרטס-אַר-בײַט, שטאַרק אונטערשטיצט פון אײַניגע דע-לעגאַטן.

װאָס פאַר אַ הערט די ראָהיגע אַקטועלע מעלדונגען האָבן, בעװײַזט אַז געװען דער בעהאַוּפּטער שפּראַך-אינציזענט. בשעת די הע-ברעאיסטן האָבן ניט געלאָזט רעדנער, װער ס'װאָלט לײענען זײַן רעפעראַט אויף יודיש, האָבן פערטרעטער פון צ. ק. אַקטועל געמעלדעט, אַז לױט דעם העלסינגפאָרסער פּראָגראַם איז יודיש גלײַכבערעכטיגט מיט העברעאיש. מ'האָט דערבײַ אַ סך שטענדיג פּראָטעסטן געזאָגט — װעגן „בעשטײַ-ען די בריעט פון דער כּוסער א. אָ. ה.

און דאָך האָט גרינבױם אַ פּיצעל זײַן רעפעראַט אויף יודיש ניט געלעזען. דאָך האָט דער צ. ק. פאַקטיש אָנגעשלאָסן זיך צו זאָגן. װאָס האָבן „בעשטעטיגט די בריעט פון דער פּי-טער. אולי האָט דער צ. ק. זיך אַרײַנגעשטעלט פאַרן העלסינגפאָרסער פּראָגראַם בײַ זיך אין דער הײם, צװישן די ציוניסטן...

כאַראַקטעריסטישער פאַר אַלץ איז אָבער דער פאַקט, אַז דער צוזאַמענפאָהר האָט אפילו ניט געפונען פאַר נױטיג אַרױסצוזאָגן זיך ענדגיל-טיג אײנס װנוח צװישן די נעגער און אַנ-טי. ניט די רעקטע העגער פון געגענװאַרטס-אַרבײַט. ניט די רעװאָלוציאָ-נערע פּראַקטיק אין פּערענגרינט געװאָרן, ניט קען רעװאָלוציע װעגן אַנטײַטיגן געװאָרן.

און ניט װעניגער כאַראַקטעריסטיש איז, אַז די הױפּטפערטײדיגער פון געגענװאַרטס-אַרבײַט און די רעדאַקציע פון „ראַזסװעט", װעלכע בעשטעהט די כּמעט אויסער ניט יודישע קולטור, װעלכע פיהלט זיך, װאָס דאָס יודישע פאָלק פּראָטעסטירט לצנות איבער בלאָטיגעם יודיש, װעלכע טרײַבט לצנות איבער דער יודישער שפּראַך, װעלכע האָט תּמיד געלעבן דער צוזאַמענפאָהר אָנגעהױבן דאָהיטאָגיס אַרבײַ-קאָל װעגן דעם, אַז די רוסישע רעדאַקציע קען בײַ קאָל װעגן דעם, אַז די רוסישע רעדאַקציע קען בײַ אונז קען כּאָל קען פאָלקס-צעהר ניט זײַן.

אונז קען זיך שטיצען אויף ברײטע שיכטן הײַלגנדע פון פאָלק אין אין דער זעלבער צײַט זיך אָפּ-נעהמען מיט אַנטאַגאָניסטישע פלענער. װאָס האָ-

בעדערפניסען פון פאלק קיין שייכות נים. וועלכען זיך רעכענען פאר א פאליטישער פארטיי, רופענדיג צו פאליטישען אינדיפערענטיזם — איז אנאמאליש און ווילדע זאך. און אזוי פיעל, אויף וויפיעל די ציוניסטען זיינען א „גלות-ארבייטער", אויף אזוי פיעל האבען די אויך ציוניסטען צו זיין. פאקטיש איז די דאזיגע ארביים א פריוואט-זאך פון איינצעלנע ציוניסטען, די פארטיי האט צו איהר איצט קיין שייכות נים. די רעאקציע האט דעם דעמאקראטישען בגד פון דעם ציוניזם אראפגעריסען און האט זיין טיעף רעאקציאנערען תוך דער וועלט באוויזען.

וואס זשע בלייבט פונים גאנצען ציוניזם? מ'דארף דאך איהם מיט עפיס אנפילען.

און אלץ מעהר פאפולער ווערט ביי די רוסישע ציוניסטען יענער מין ציוניזם, וועלכען ציוניסטען אליין האבען געגעבען דעם טרעפענדען נאמען: „באטאנישער ציוניזם". די אלטע חבת-ציון, וועלכע די ציוניסטען האבען אמאל מיט פעראכטונג פערווארפען און נאכען פון זייערע גרויסארטיגע פלענער, לעבט ווידער אויף, ווען פון איין גרויסען פלאן נאכ'ן צווייטען לאזט זיך א זייפענבלאז אויס. איינציגווייז, ביסלעכווייז קאלאניזירען דאס לאנד, יעדער נייער קאלאניסט, יעדעס נייע בוימעל, יעדעס נייע קעלבעל, יעדעס נייע הייזעל אין פאלעסטינא איז א קוואל פון שמאלץ און האפנונג. דאס איז דער וועג צים גרויסען אידעאל. א בוימעלע נאך א בוימעלע, א הייזעל נאך א הייזעל — און די גאולה וועט קומען. דערצו דארף מען אלע קרעפטען אבגעבען.

אין דער פינסטערער נאכט פון דער רעאקציע, ווען די יודישע דעמאקראטיע קעמפפט געגען דער פאליטישער גלייכגילטיגקייט פון פאלק, ווען זי ווילט עס אראבציווארפען פון זיך דעם פאליטישען שלאף און גרייטען זיך צו פערטיידיגען זייערע רעכט, אין דער צייט, ווען עס שטעהט פאר א קאמפף פאר די ברענענדסטע נאציאנאלע פאדערונגען פונים פאלק, — אין דער דאזיגער צייט קלינגט דער נייער לאזונג: „פלאנצט, פלאנצט, יודען, איילבערטביימער אין פאלעסטינא; לערנט, יודען, לשון קודש. וויכטיגער איז נים אייער זאך". — קלינגט דער דאזיגער לאזונג ווי א צורוף צים רעאקציאנערען פאליטישען אינדיפערענטיזם, ווי א צורוף אבציקעהרען זיך פון קאמפף פאר א בעסערע צוקונפט אין רוסלאנד.

אזוי וויקעלט דער ציוניזם אלץ מעהר פאנאנדער זיין רעאקציאנערען אינהאלט, אזוי בעוויזט יעדער ציוניסטישער קאנגרעס אלץ מעהר, ווי אוטאפיסטיש און פאנטאסטיש ס'זיינען אלע ציוניסטישע פלענער און האפנונגען; אזוי דעקט אויף יעדער ציוניסטישער קאנגרעס אלץ מעהר די באדענלאזיגקייט פון דער בעוועגונג, וואס בויט איהר ערפאלג אויף זייטיגע פאקטארען, וועלכע זי קען נים כשנה זיין, אויף וועלכע זי קען נים ווירקען.

אסתר.

צו דער כאראקטעריסטיק פון א נייער שטרעמונג.

I

ביי פיעל יודישע פארטייען — דוכט זיך ביי אלע — איז אין פראגראם פאראן א פונקט וועגען גלייכבערעכטיגונג פון יודיש. קעמפפען פאר דער פאדערונג האט ביז נאך די לעצטע צייט געקעמפפט נור דאס בעוואוסטזיניגע יודישע פראלעטאריאט. נור ביי איהם האט זיך דער נאציאנאלער שטאלץ, דאס נאציאנאלע בעוואוסטזיין ארויפגעהויבען ביז דער מדרגה פון נים שעהמען זיך פאר דער מוטערשפראך, פון קעמפפען פאר איהר.

ביי אנדערע נאציאנען איז דער קאמפף פאר גלייכבערעכטיגונג פון שפראך א נאציאנאל-דעמאקראטישער אינטערעס; ביי אנדערע נאציאנען ווערען דוקא די אונטערדריקטע שפראך-אינטערעסען פונים פאלק דער בעסטער באדען, אויף וועלכען ס'בויען זייערע אגיטאציע שאוויניסטען און נאציאנאליסטען. דוקא דעם דאזיגען קאמפף שטרעבען זיי צו פערכאפען אין זייערע הענד. ביי אונז האט עס ביז דער לעצטער צייט אויסגעזעהן אזוי, אז ס'האט זיך געקענט דוכטען, דאס די גלייכבערעכטיגונג פון שפראך איז א ריין-פראלעטארישע פאדערונג, וואס געהט אן ספעציעלע ארבייטער-אינטערעסען, ווי די פאדערונג פון א 8-שטונדיגען ארבייטס-טאג. אונזערע נאציאנאליסטען האבען אין בעסטען פאל בעצויגען זיך צו יודיש נייטראל; פיעל עפטער — פיינדליך, שפאטיש פיינדליך.

די לעצטע צייט קומט פאר א געוויסע ווענדונג. אינים לאגער פון די נאציאנאליסטען ענטשטעהט א שטרעמונג, וואס בויט איהר עקזיסטענץ נים אויף „אבלייקענען דעם גלות", נים אויף ציוניסטישע און טעריטאריאליסטישע אויטאפיעס, נור וואס שטעהט מיט ביידע פיס אין גלות און וויל ווערען די הויפטפיהרערין פונים קאמפף פאר דער יודישער שפראך און קולטור.

דער קאמפף פאר יודיש הערט אויף צו זיין א ריין פראלעטארישע אויפגאבע. עס הויבט אן צו ענטשטעהן א אינטעליגענץ, וועלכע הויבט אן צוליגען איהרע אייגענע אינטערעסען צינויפצובינדען איהר שיקזאל מיט דעם שיקזאל פון דער „יודיש-יודישער" קולטור, וואס ווערט ברענענדסט-אינטערעסירט אינים וואוקס און ענטוויקלונג פון דער „יודיש-יודישער" קולטורעלער סביבה. און די הויבט אויף די פאהן פון קאמפף פאר יודיש און נעכטען די געגנער פון יודיש.

שוואך און קליין איז נאך די דאזיגע שטרעמונג, אבער א צוקונפט האט זי בלי ספק; וויל יענע טענדענצען, וואס בעשאפען א יודישע נאציאנאלע אינטעליגענץ, וואקסען אינים יודישען לעבען לאנגזאם, אבער זיכער. מיר וועלען א גאנצע יונג-יודען האבען, ווי די משכילים האבען זייערע יונג-משכילען, און — מיר וועלען דארפען מיט די פיהרען א קאמפף, נים קוקענדיג אויף דעם, וואס די שטעלען ארויס אונזערע נאציאנאלע פאדערונגען — א יודישע פאלקס-שול, גלייכבערעכטיגונג פון יודיש.

וויל איינע און די זעלבע פראקטישע פאדערונגען קען מען ארויסשטעלען, ארויסגעהענדיג פון די פערשיעדענסטע שטאנדפונקטען און וויל ס'איז נים נור די הויהלע פאדערונג — אבער דער אופן, מיט וועלכען מ'וועט דורכצופיהרען זי אין לעבען.

און געהען מיר צו צום איצטיגען „פריינד" — דעם ליטעראַרישען פערטרעטער פון דער אויבענכאראקטעריזירטער שטרעמונג, און טראכטען מיר זיך אריין אין זיין פאליטיש-געזעלשאפטליכע געשטאלט, דאן זעהען מיר, אז ריכטיג מ'איז דער אלטער כלל, דאס ווען צוויי זאגען איין זאך, זאגען זיי פארט פערשיעדענע זאכען.

II

פאר דאס בעוואוסטזיניגע יודישע פראלעטאריאט איז די יודישע פאלקס-שול, די יודישע שפראך און קולטור אן ענטפער אויף זיינע ברענענדע רעאלע בעדערפניסען — זיינע און פון די ברייטע פאלקסמאסען. פאר די פובליציסטען פון „פריינד" (זעה בעזונדערס נאכבעמערקונג „וועלט-שמועסען" אינים נומ. 37) איז די יודישע שפראך און קולטור א מיטעל איינציהאלטען די יודישע נאציאן פון אונטערגאנג; דער קאמפף פאר דער יודישער שפראך — א מיטעל צו וועקען נאציאנאליסטישע געפיהלען אינים פאלק. פאר די בעוואוסטזיניגע ארבייטער איז די יודישע שול מיטעל, ווייל די איז פאר זיי די איינציג-מעגליכע שול. פאר די „פריינד"-פובליציסטען, ווייל די איז א יודישע איינריכטונג.

דאס איז יענע טיפישע פסיכאלאגיע, וועלכע באוער כאראקטעריזירט אינטערעץ נאכען „נאציאנאלע אבשאצונג". יעדע ערשיינונג ווערט אבגעשאצט פונים נאציאנאלען שטאנדפונקט. גוט איז אלץ, וואס איז נאציאנאל. „אעכט-דייטשע זאך" הייסט פאר א דייטש אנ'אמת עהרליכע, ערליכע, שענע זאך. מיט אזא קאמפלימענט וועט ער אויך אנ'אויסלענדער מכבד זיין.

אזוי איז אויך ביי די יודישע נאציאנאליסטען. דאס ס'איז יודיש, דאס איז גוט, דאס איז שעהן. דאס ס'בינדט צוזאמען די יודישע מאסען — דאס איז טייער און ליעב — כאטש דאס זיין די שטרעבונג צו פרייהייט — כאטש דאס זיין די פינסטערע מאכט פון אבערגלויבען. גוט איז די יודישע שפראך — אבער די העברעאישע איז אויך גוט און טייער, — די פערבינדעט אויך. גוט איז די נייע יודישע קולטור — אבער גוט איז אויך דער צדקים — ער שמידט צונויף. שלעכט איז, וואס מיר האבען נים קיין פאלקס-שול, אבער ס'איז אויך א נאציאנאלער אומגליק, ווען מ'וועט דער קאוונער כולל אונטערגעהן. דער פאקט, „דאס אין צימער יודישע יונגלייט זיצען און לערנען און ווערען רבנים האט אזא ווערטה פאר'ן לעבען פון יודען און יודענטום, וואס נים דערשאצען דאס שטעהט אויף דער גרעניץ פון פערברעכען" (לייט-ארטיקעל נומ. 11).

די דאזיגע יונגע לייט, זאגט זיך אינים ארטיקעל, האבען „דאס פולע רעכט צו פאדערן ביים יודישען פאלק די מעגליכקייט זיך צו פערפאלקאמען אין לערנען".

ביים גאנצען פאלק. ביי די, וואס גלויבען, און ביי די, וואס גלויבען נים. דאס פאלק, וואס האט נים אויף שולען, זאל זיינע גראשענס אויף ישיבות טראגען. אזוי וויל „דער פריינד", דער קעמפפער פאר דער יודישער פאלקס-שול.

א בעזונדערער פאטהאס, א זעלטזאמער טאן פון עהרפורכט, פון פערליבקייט פיהלט זיך אין

יעדער שורה, העלפט „דער פריינד" חידושים די רבנים און רבי"ם. ווען כ'שטארבט א רבי, איז „דער פריינד" תיכף מכבד זיינע לעזער מיט אנ־אויספיהרליכען בעריכט (פון אנ'אייגענעם, ספעציעל-געשיקטען רעפארטיאר) וועגען אלע פרטים. ווי איז צוגעגאנגען די קראנקהייט, וועלכע דאקטוירים מ'האט גערופען, ווי אזוי איז צוגעגאנגען די „פטירה" (וועלכע הייליגע מענשען שטארבען ניט, זיי „ווערען נפטר"), ווער איז געקומען צו דער לויה, דערביי אלע „שטערענס" פון דער חסידישער וועלט איבערגעצעהלט און ניט פערגעסען צו ערקלערען, פאר וואס דער אדער יענער „שטערען" האט געפעהלט, פון וואס איז געווען געמאכט דער ארון און מיט וואס האט מען דעם מת צוגעדעקט. איך ווייס ניט, צי וועגען נעקרולאגע פערזאנען טיילט מען מיט אזוי פיעל פרטים, וויפיעל „דער פריינד" האט מיטגעטיילט, למשל, וועגען סאלאמשטשער רבי'ן.

און די קארעספאנדענטען הייסען שוין, שטארבט ערגעץ אין א שטעדטעל א רב, ושא־לעהעס מען שוין קיין געלד ניט, פליהט גלייך א „ספעציעלע דעפעשע" אין „פריינד" אריין, וועגען א נייער „פטירה".

און מיינט ניט, פערזיכערט אונז הערר נאמבערג, אז דאס מאכען מיר פשוט חסידישע אנשטעלען פאר דער גאס. ניין. „די שטימונג פון 30—40 טויזענד מענשען אין סאלאמשטשע, דאס גרויסע געפיהל, וואס ווערט דורכגעלעבט פון הונדערטער-טויזענדער מענשען איבעראל, — דאס איז א זאך, פאר וועלכער מ'שטעלט זיך אב מיט רעספעקט".

איך וואלט דעם העררן נאמבערג געפרעגט — וואס האט ער געשפירט, ווען ער האט געלייענט אין זאלא'ס „לורד" די מוראדיגע סצענעס, וואס שילדערן דעם המון, וועלכער ציהט זיך צו דער לורדער מאדאנע. וואס האט ער געשפירט, ווען ער האט געלייענט די בעשרייבונגען פון די קראנקשטאטער, און אנדערע נסים. איך רעספעקט? ניט מיטלייד צו די פינסטערע מענשען, וואס ווערען פערפיהרט? ניט ברענענדען האס צו די שווארצע מענשען, וואס פערפיהרען? — רעספעקט האט איהר געפיהלט צו די פיהרער און צו די פערפיהרטע? יא, הערר נאמבערג? אבער דא האנדעלט זיך וועגען א יודישען „צדיק" — און ה' נאמבערג פאלט פאר איהם כורעים.

און ווען, אין וועלכען מאמענט ווערט אונז שפיעל מיט די רבנים געפיהרט? דוקא דאמאלס, ווען זיי פערנעהמען אנ'איינפלוס-פאליטיק בנוגע צו אלץ, וואס עטעמט פריי אויף דער יודישער גאס, דוקא דאמאלס, ווען זיי ארגאניזירען זיך אונטערן שוץ פון דער רעגירונג, כדי צו דיענען דער רעאקציע, כדי צו בעפעסטיגען ווייטער שווארצע מאכט איבער די יודישע מאסען. דוקא דאן לעגען אוועק די פיבליציסטען פון „פריינד" זייערע פאלעמען, ווייטער פערשפרייטען אויף הויבען דעם אויטאריטעט פון רבנים, וואס מעגליך העכער, אויף וועקען „רעספעקט" צו די צדיקים, צום סיסטעם פון קמעות און פדיונות...

ווי פערשטעהען, די מענשען פון „פריינד", אז דער בונד מיט ארטאדאקסען איז ניט נאר קיין גלאטע זאך. זיי האבען זיך שוין ארומגעזעהען און על הבא זיך געשלאגען, וואס זיי האבען בשעת די ווארשעווער וואהלען אין די רבנים-קאמיסיע די ארטאדאקסען אונטערגעשטיצט, כדי די אסימילאטארען בייצוקומען. זיי קריטיקירען אמאל די שווארץ-מאהדיגע שטרעבונגען פון די רבנים, אבער ווי צארט, ווי הויך, ווי בעהיט דאס ווערט געטאן:

„וועגען רבנים, ווען זיי פרובען צו פערשטארקען דאס צעטעל, מוזען מיר א מאל (מיין קורסיוו. א—ר) קעמפפען אין פראצעס — שרייבט הערר נאמבערג. א מאל — ווייניג! א מאל? און שטענדיג, א גאנץ יאהר וועגען זיי [illegible] גענאסען?

און ווען דאס „אמאל" קומט שוין — וואס פאר הייליגע, בנעימות'דיגע, צערטליכע ווערטער עס געפינט פאר די רבנים ה' א. ה., ווען ער שרייבט וועגען קלאגע, וואס די רבנים זענען געגען אבשאפען דעם תחום, — דער זעלבער א. ה., וועלכער שטעלט זיך ניט אב — און מיט רעכט — פאר די שארפסטע פארמען, ווען עס האנדעלט זיך וועגען קאמפף געגען אסימילאטארען.

ווייך איבערצורעדען דארט, וואו צום שאנד־כלופ דארף מען שטעלען, שטאטלען דארט, וואו מ'דארף אוניבערהמנות'דיג קלאפען — טון דאס בנוגע צו דער שווארצעסטער, צו דער שעדליכסטער קראפט אין דער יודישער גאס (אויף [illegible] ליפינ'ס אויסוואהל קען מען זיך פערלאזען) — נור דערפאר, ווייל די איז איינגעהילט אין היסטארישען ראמאנטיזם, — דאס הייסט מיט לייב און לעבען דער רעאקציע דיענען, — דאס הייסט קעמפפען ניט פאר, נור געגען דער נייער יודישער קולטור.

און דאס קומט פאר דערפאר, וואס די נאציאנאלע אבשאצונג, דער נאציאנאלער פרינציפ איז דער העכסטער קריטעריום פאר די קעמפער פון „פריינד" — וועגען וועלכען אלע אידעען, פאליטישע, קולטורעלע — דארפען אוועקגיין אויפן הינטערגרונד. און דאס קומט פאר [illegible] דערפאר, וואס ביי דער נאציאנאלער [illegible], וועלכע צוטיילט די און די צלנים־[illegible] און — ווערען די קינדער פון איין מאמען — פון דער אסימילאטארישער, קליינבירגערליכער נאציאנאלער אידעע, וועלכע האלט זיך פאר אלץ, וואס איז אלט און פערשימעלט.

III

און דאס ביישפיעל מיט דער שטעלונג דעם קלעריקאליזם איז ניט דאס איינציגע.

הערט, ווי אזוי „דער פריינד" שטעלט דעם „צוריסקי" מיר צום נאציאנאלען בעוואוסטזיין.

„געהיט, שרייבט ער, איז ה' לאנדוי געווען, ווען ער זאגט, אז נור אין א פרייער וועלט־מלוכה קען זיך פריי קענען ענטוויקלען אנ'אמתען און שטארק נאציאנאל־לעבען"... „אבער די בעדינגונג איז דאך נור א מיטעל צום נאציאנאלען לעבען, אבער ניט דאס נאציאנאלע לעבען [illegible]. און אונזער אינטעליגענץ דארף זיך ניט אלע איהרע קרעפטען נור אויף די מיטלען אנווענדען. (נומ. 39).

ווען קלינגט אזא צורוף, מ'זאל זיך צו פיעל ניט אבגעבען דעם קאמפף פאר א פרייער רעכטס־מלוכה? מ'זאל זיך ניט נור דערמיט פערנעהמען? אין א צייט, ווען די גאנצע יודישע אינטעליגענץ איז אפאטיש, ווען די שטעהט מיט רוקען צו יעדער פאליטיק, ווען די פערנעהמט זיך מיט וואס איהר ווילט, נור ניט מיט פאליטיק, וואס פאר א מיעסע קורצזיכטיגקייט, וואס פאר א [illegible] מ'דארף האבען, כדי אין אזא צייט צו רעדען וועגען ניט נור מיט פאליטיק זיך פערנעהמען? און דאס אין א צייטונג, וואס וויל אויסדריקען „דעם דעמאקראטישען געדאנק" אינים יודענטום. און דאס אין א צייטונג, וואס וויל קעמפפען פאר דער יודישער שפראך. אזוי ווי ס'איז מעגליך א קאמפף פאר דער יודישער שפראך אהן א פאליטישען קאמפף בכלל.

מ'פערגעסט, אז קיינמאל האט זיך די אינטעליגענץ ניט געפינען אונטער דער נאציאנאליזירונגער השפעה פון די יודישע מאסען אזוי שטארק, ווי דוקא דאמאלס, ווען זי האט זיך אין פאליטישען קאמפף בעטייליגט. מ'דארף פאקטיש אבצוקערען זיך מיט רוקען פון דער פאליטיק און פערנעהמען זיך מיט דער בעפעסטיגונג פון „נאציאנאלע בעוואוסטזיין".

אזוי פערבלענדט דער נאציאנאליזם זיינע אנהענגער.

און ווען דער ה' א. ה. רעדעט זיך איין אין „שפאניעך" צו זעה, אז ער מאכט פאקטיש דאס גאנצע שפאנישע פאלק פעראנטווארטליך פאר די שרעקען פון אמאליגער אינקוויזיציע. און ווען ער הערט זיך מעגעט צום יודישען ביאליסטאקער מיט א דרשה פון נאציאנאלען שאוויניזם, אויסצורעדען איהם, אז די פוילישע ארבייטער זענען זיינע געגנער, אז ער האט געזען נור די גאנצע פוילישע נאציאן — איז דאס נור א [illegible] ענטוויקלונג פון וועלכען שטאנדפונקט, וואס פערלאנגט די אויגען אויף אלע געזעלשאפטליכע פאקטארען אויסער דאס נאציאנאלען און כח זיך לאזט אין א [illegible] קראפט ענטוויקלען.

IV

און דוקא דערפאר, וואס דער נאציאנאלער קריטעריום איז פארן „פריינד" דער העכסטער קריטעריום, איז ער אפילו ניט בכח קאנזעקווענט צו קעמפפען פאר די זאכען, צו וועלכע ער בעציהט זיך, ווילט זיך, מיט אזא התלהבות, — פאר דער יודישער שפראך און שול.

די פאלקסמאסען ווערען נאך ניט [illegible] צום בעוואוסטזיין, די גלויבן ס'איז פאר די א יודישע פאלקס-שול. די נאמבערג'ס, די שול זאל ווען עס איז יא בעשאפען ווערען. ווילט זיך, די אויפגאבע איז קלאר. מ'דארף קעמפפען מיט דעם אינדיפערענטיזם פון די מאסען צו דעם [illegible] בעדערפניש ווערען, מ'דארף די [illegible] צום קאמפף פאר א יודישע פאלקס-שול. מ'דארף די [illegible], אז א יודישע שול איז מעגליך, אז זי דערפערט קאמפף, ווערען די פיהרער אדער ניט ווער קומען צום ציעל.

און ווען נעהמט ערשט אויס מיט ווען צוריק אזוי צו ארבייטען פאר דער יודישער פאלקס־שול, וואס געהמען איהם די מענשען פון „פריינד"? די מאכען הויך איבערן האנט צו [illegible] די נאציאנאלע קולטור-ארבייט איבערן [illegible] פון די רעאלע אינטערעסען פון די מאסען, די בעמאנגען, אז די רעאלע אינטערעסען פון די מאסען פאדערען נאך ניט קיין יודישע שול.

און ה' נאמבערג שרייבט וועגען דעם: „[illegible] — א יודישע שול, וואס ארבעט איז [illegible] נישמה די מיטעלסטע האפנונג אויף איהר, געפינט [illegible], אז זי איז דאס די „רעאלע אינטערעסען"...

און ווייטער: „צוליב אַ ייִדישער שיל — עס איז וואָר, וועלן מוזיקאַנטן צו וואָגן — איך ווייס ניט אויב אַ גראָשן, איך ווייס נאָך ניט, אויב בחנם וועלן זיי דאָס, אונזער בײַספּיל יודעלעך."

דאַרף מען דאָך קאָמפּאָנירן מיט אַ מוזיקאַלישער שטימונג פֿון די מאַסן, דאַרף מען דאָך באַווייזן זיי, אַז אַזאַ פֿאָדערונג איז ניט קיין אומאָפּעך. דאָס צי פֿון איז אָבער הי' נאָכבער: ניט בכח. ער מאַכט צו קליינגעלד דאָס „רעאַלע אינטערעסע" און הייבט בײַ זיך היטל דאָס געבענטשטע „נאַציאָנאַלע געפֿיהל" — און ניר אין רעוואָלט קען האָבן אַזאַ באַהאַנדלען די פֿראַגע — ווער לײַטער זאָל נאָך מער דורכפֿירנגען וועלן מיט'ן סאָראָורמייל, אַז אַ ייִדישע פֿאָלקס-שול דאַרף ער אויך כפּרות האָבן, — אַז אַנשטאָט קעמפֿן פֿאַר אַ פֿאָלקס-שול דאַרף ער נאָר אין דיך „דאָס פּינטעלע יוד" שאַנעכן...

וואָס פֿאַר אַ ממשות קענען האָבן לאָזונגען, וואָס וועלן ניט פֿערבונדן מיט די רעאַלע אינטערעסן פֿון די מאַסן? ווי אַזוי קענען אַזעלכע לאָזונגען אין לעבן דורכגעפֿירט ווערן? ווי אַזוי קען מען רופֿן די מאַסן צום קאַמף פֿאַר זיי, אויב מ'גלויבט ניט אין זייער רעאַלע, פּראַקטישן ווערטה פֿאַר די מאַסן?

אַזוי פֿערשטעלט די קלינגענדע נאַציאָנאַלע פֿראַזע דאָס אמתע, רעאַלע נאַציאָנאַלע בעדערפֿניס; אַזוי ווערט דער קאַמף פֿאַר נאַציאָנאַלע רעכטן פֿערוואַנדלט אין אַ קאַמף פֿאַר נאַציאָנאַלע ווערטער.

V

איך בין ווייט פֿונעם געדאַנק צו וועלן איבערצייגן די הערן א. ה., נאָמבערג און אַנדערע. זייער פּאָזיציע איז אַ גאַנץ נאַטירלעכע. אומזיסט, וואָס מ'האָט זיך אָנגעהויבן ענטוויקלען אַ נאַציאָנאַלע אינטעליגענץ אויס'ן אָרט פֿון דער פֿריהערדיגער אַסימילירטער, — איז זי דאָך דעם אָביעקטיווען גאַנג פֿון דער ענטוויקלונג געטריבן געוואָרן צו אַ פֿערביסענעם קאַמף געגען דער אַסימילאַציע. אין דעם דאָזיגן קאַמף האָט זי זיך פֿאַר איהרע בלויזע אינטערעסן אײַנגעשטעלט. אומזיסט איז זי די פֿערבינדונגען פֿון היסטאָרישע איבערלעבונגען, פֿון מאַריניסטן פֿאָלקס-מאַסע. אומזיסט איז די קליינבירגערליכע אינטעליגענץ די וואָרט-פֿיהרערין פֿון נאַציאָנאַלער ווירטשאַפֿט, אומזיסט געהערט איהר די ווערט פֿון פֿאַנאַנדערגעבלאָזן דאָס נאַציאָנאַלע שטרעבן ניט. די הערן נאָמבערג און א. ה. שטעלן די ערשטע ניט-וויכטיגע פֿראַגע אויף דעם וועג. ער איז נאָך לאַנג, זעהר לאַנג; לענגער איידער אײַן מענשליך לעבן. ניט מיט אַמאָל ווייסט מען ניט אַ דעמאָקראַטישער פֿאַרגעגעבענהייט, ניט מיט אַמאָל ווערן אַ גאַנצע עוואָלוציאָנס דורכגעמאַכט. דיזעלבע ניכטערנע קינדער וועלן דערגרייכן דאָס, וואָס זיי וועלן נאָך ניט וואָגן, און אויב ניט זיי — וועלן זייערע נייטיגע קינדער די פֿרוכט פֿון נאַציאָנאַלן מענשענהאַס ווערן.

* * *

דאָס ייִדישע פּראָלעטאַריאַט קען ניר בענוצען, ווען עס ערשיינט אַ ייִדישע אינטעליגענץ, וועלכע איז פּראָגרעסיוויסט און דער ענטוויקלונג פֿון דער ייִדישער קולטור. אָבער אין זייער וועלכער צייט ווי עס פֿערנעהמען אַ פּינקטליכע פּאָזיציע בנוגע צו די רעאַקציאָנערע שטרעבונגען פֿון דער דאָזיגער אינטעליגענץ. אַנשטאַט פּרינציפּ עס זיין קאַמף פֿאַר דער נאַציאָנאַלער קולטור, אַנדערע צילן פֿערפֿאָלגט עס דעריבער. ווען דאָס פּראָלעטאַריאַט קעמפֿט געגן אַסימילאַטאָרן, טוט עס דאָס ניט אין נאָמען פֿון „נאַציאָנאַלן גייסט", פֿון אײַנהייטן די ייִדישע נאַציאָן. ער טרעט אַרויס געגן זיי אין נאָמען פֿון זײַנע רעאַלע אינטערעסן, וועלכע די אַסימילאַטאָרן טרעטן מיט די פֿיס.

אָבער ניט ווייניגער שעדליך, איידער די אַסימילאַטאָרן, וואָס דראַפּירן זיך די לעצטע צייט אין נאַציאָנאַלע פֿראַזן, זענען די שאָווינים, וואָס דראַפּירן זיך אין דעמאָקראַטישע פֿראַזן. און קעמפֿענדיג געגן די אַסימילאַטאָרן, האָט דאָס פּראָלעטאַריאַט געהערט אַ האַרטן, אַ אומבעהרעכנדיגען קאַמף אויך געגן אַלע שטרעבונגען פֿון שאָווינים, — מעגן זיי אַפֿילו זײַנע נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען איבערחזרן — אַלץ איינס, ווי זיי האַלטען זיך אויף — אין ציוניסטישן „ראָזעטקעס" אָדער אין נאַציאָנאַליסטישן „פֿיינדע". —



פֿון דער רעדאַקציע: צוליעב דער גרויסער צאָהל מאַטעריאַל, וואָס קען ניט אָבגעלעגט ווערען, וועט א—ר'ס ענטפער אויף דעם אַרטיקעל פון ב. ב-סקי „בעדאַנקען וועגען נאַציאָנאַלער ערציהונג” אַריינגעהן אין איינעם פון די נעכסטע בענדער.

מיר געפינען פאַר נויטיג אויפמערקזאַם צו מאַכען די לעזער, אַז בעטראַכטענדיג די פראַגע וועגען דער גלייכבערעכטיגונג פון שפּראַך אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאָמפּעטענץ פון די נאַצ. אויטאָנאָמיע איינריכטונגען, נעהם א—ר אַרויס פון די ראַהמען פון די אַנשויאונגען איבער דער דאָזיגער פראַגע, פאַר וועלכע ס'האַלטען זיך די „צייט פראַגען”, — מיט דעם, וואָס ער לייגט פאָר צו פערברייטערן די קאָמפּעטענץ פון דיזע איינריכטונגען. דאָס זעלבע טוען מיר נאָך שאַרפער בעטאָנען בנוגע צו ליטוואַקס אַרטיקעל „פראַגען פון דער יודישער קהלה”.

די רעדאַקציע.

צייט-פראַגען

י. יודין.

די דריטע סעסיע.

(אַ פּאָליטישער סך-הכל)

מיט יעדער סעסיע פון דער דומע ווערט אַלץ בעשטימטער און בולט'ער די פּאָליטישע סיטואַציע פון דעם מאָמענט, וועלכען מיר לעבען איבער. דער פּלאַן פון דער רעגירונגס-פּאָליטיק, די סאָציאַלע טרייב-קרעפטען וואָס בעשטימען איהם, ווערען פאַר אונז אַלץ קלערער. מיר זעהען, ווי אַזוי עס רעאַגירען אויף די דאָזיגע פּאָליטיק די געזעלשאַפטליכע קלאַסען אין דומע, אין לאַנד, וועלכע אינטערעסען שטויסען זיך מיט איהר צונויף, וועלכע גיסען זיך מיט איהר צוזאַמען אין דעם אָדער יענעם מאָס.

צווישען די הויפּט-פאַקטאָרען, וואָס בעשטימען דעם כאַראַקטער און דעם אינהאַלט פון דער איצטיגער סיטואַציע, געהערט דאָס ערשטע אָרט בלי ספק דער רעגירונגס-פּאָליטיק.

דער רעגירונגס-קורס—דאָס איז די רעאַקציע. אַ פעסטער און שטאַנדהאַפטער קורס. זיין גרונד-אינהאַלט איז קודם כל—אונברחמנות'דיגע ליקווידאַציע פון אַלל-דאָס פּראָגרעסיווע, וואָס איז געבליבען פון דער בעפרייאונגס-בעוועגונג,—אַ ליקווידאַציע, וואָס ווערט געפיהרט אונטער דער פאָהן פון קאַמפף מיט דער רעוואָלוציע; און פּאַראַלעל מיט דער דאָזיגער אַרבייט אַ „פּאָזיטיווע” טעטיגקייט אין דער זעלבער ריכטונג: בעשאַפען נייע באַסטיאָנען און בעפעסטיגען די אַלטע פּאָזיציעס, כדי צו פערווירקליכען די זעלביגע אינטערעסען און אויפגאַבען, וועלכע ס'האָט זיך געשטעלט דער פאַר-אָקטאָבער רעזשים און וועלכע זענען נור לויט דער פאָרם אַ ביסעל אייראָפּעאיזירט.

דער הויפּט-בעגייסטערער, די הויפּט-שטיצע פונ'ם רעגירונגס-קורס איז דער „ערשטער שטאַנד”—דער רעאַקציאָנערער אַדעל. אויך פאַר דעם „בענייטען” פּעריאָד איז די בעפרידיגונג פון די אינטערעסען פונ'ם אַדעל געשטאַנען ביי דער ביוראָקראַטיע אויפ'ן ערשטען פּלאַן. פונדעסטוועגען האָט זי זיך דאַמאָלס געפיהלט גענוג אונאָבהענגיג, כדי צו שפּיעלען די ראָליע פון אַ רעגירונג, וואָס שטעהט איבער אַלע קלאַסען. זינט די אָקטאָבער-טעג האָבען זיך די דאָזיגע בעציהונגען פערענדערט: פון דער פערהעלטניסמעסיגער אונאָבהענגיגקייט פון דער רעגירענדער ביוראָקראַטיע איז פאַקטיש גאָר ניט געבליבען. דאָס איז גע-

הען אַ נאַטירליכער פּראָצעס. זינט די ערשטע דומע האָט פֿעסטגעשטעלט דעם פּרינציפּ פֿון צוואַנגס-אויסקויף פֿון פּריוואַט-אייגענטימליכע ערדען, איז די אַלטע פּאָסעסיִטעט פֿונ'ם פֿעאָדאַלען אַדעל אַוועקגעפֿלויגן ווי אַ רויך. די האָבען פֿערשטאַנען, אַז זייער רעטונג איז מעגליך נור בײַ דער רעטונג פֿונ'ם אַלטען ביוראָקראַטישען רעזשים. די ביוראָקראַטיע פֿון איהר זײַט האָט אויך פֿערשטאַנען, אַז איהר פּאָליטישע מאַכט איז אינגאַנצען געגרינדעט אויף אַ פֿעסטען בונד מיט'ן „ערשטען שטאַנד“. אין דערזעלבער צײַט איז פֿאַר ביידע בונדעס-חברים קלאָר געווען, אַז „קאָמפּפֿען בלויז מיט'ן אַלטען בײַטש איז שוין אונמעגליך, אַז ס'איז נויטיג געגען דער בעוועגונג פֿון די פֿאָלקס-מאַסען ענטגעגענשטעלען אייגענע אָרגאַניזאַציעס. און ס'האָט זיך אָנגעהויבען אַ אײַליגע מאָביליזירונג פֿון די רעאַקציאָנערע קרעפֿטען אין אַנ'אַלגעמיין-מלוכה'שען מאַסשטאַב — פֿון די פּריצים, פֿון דער גײַסטליכקײַט, פֿון די דאָרפֿישע קולאַקעס, פֿון די שטאָדטישע לומפּענפּראָלעטאַריער און פֿון אַ געוויסען טייל פֿונ'ם קליינבירגערטום. „דער פֿעראייניגטער אַדעל“, „דער פֿעראיין פֿון רוסישען פֿאָלק“, די דומע-פֿראַקציע פֿון די עקסט-רעכטע און מעסיג-רעכטע — די אַלע שוואַרץ-מאה'דיגע אָרגאַניזאַציעס פֿערפֿאָלגען די זעלביגע גרונד-ציעלען און געניסען היינטיגע צײַטען אַזאַ מאַכט, וועלכע איז דעם רוסישען אַדעל קיין מאָל נים געווען בעקאַנט. די האָבען די ווירקליכע פֿרײַהײַט פֿון וואָרט, פֿון דרוק, פֿון פֿעראיינען, די בעניצען זיך מיט געלד-מיטלען פֿון הויכע פֿערבאָרגענע ספֿערען; זיי בעקומען שטיצע — אַ איבערגעגעבענע און געטרײַע — פֿונ'ם גאַנצען אַדמיניסטראַטיוו-פּאָליציאישען אַפּאַראַט. אַפֿילו די דומע פֿון דריטען יוני נוצען זיי אויס אַזוי ווי די עקסט-לינקע, ווי אַ טריבונע פֿאַר אַגיטאַציע און פּראָפּאַגאַנדע; דעם פּרינציפּ וועלען זיי זי נים אָנערקענען. זי איז פֿאַר זיי אויך אַנ'אָרגאַניזאַציאָנס-צענטער, — נור אַנ'אָרגאַניזאַציאָנס-צענטער פֿון די קאָנטר-רעוואָלוציאָנערע קרעפֿטען.

בײַ אַזעלכע בעדינגונגען בעקומט די רעגירונג דיקטירט איהר אויספֿיהרונגס-ליניע פֿון די פֿעאָדאַלען און אַגראַריער. ס'איז גענוג צו פֿערגלײַכען איהרע שריט מיט די ענטשפּרעכענדע רעזאָלוציעס פֿונ'ם פֿעראייניגטען אַדעל. כמעט יעדער צוזאַמענפֿאָהר זייערער שטעלט פֿאַר אַ גרויסע פּאָליטישע געשעהעניש. דאָס איז אַ מין געזעצגעבערישער אַדעל-קאָרפּוס. ער גיט די רעגירונג נײַע דירעקטיווען, וועלכע ווערען אָהן שהיות דורכגעפֿיהרט אין לעבען. מיר וועלען דאָס קורץ אילוסטרירען מיט זייערע צוזאַמענפֿאָהרען.

דער ערשטער צוזאַמענפֿאָהר איז פֿאָרגעקומען אין מאַי 1906, ווען דער סכסוך צווישען דער ערשטער דומע און דער רעגירונג איז אויסערסט פֿערשאַרפֿט געוואָרען. גענוי ווענען די רעזאָלוציעס אונבעקאַנט, אָבער אַלס רעזולטאַט — איז פֿאַנאַנדערגעלאָזען געוואָרען די דומע, אויף דעם זעלבען צוזאַמענפֿאָהר האָט מען פֿערלאַנגט, עס זאָל פֿערענדערט ווערען דאָס וואַהל-געזעץ. די רעגירונג האָט געפֿאָלגט, נור זי האָט דערווײַל אויסגעקליבען אַנ'אַנדער וועג, — דעם וועג פֿון סענאַטס-ערקלערונגען.

דער צווייטער צוזאַמענפֿאָהר (נאָוועמבער 1906) פֿאָדערט, מ'זאָל מבטל זײַן יענעם פּרינציפּ, לויט וועלכען אַ ריכטער קאָן נים אַראָפּגעזעצט ווערען פֿון זײַן

שטעל. דאָס פֿאָדערט מען, כדי צו געבען דעם יוסטיץ-מיניסטער פֿרײַע הענד אויך פֿערשטאַרקען די רעפּרעסיעס פֿאַר אַגראַר-פֿערברעכען. אין זײַן דעקלאַראַציע בעגעגענט סטאָליפּין דעם דאָזיגען וואונש מיט מיטגעפֿיהל, און שטשעגלאָוויטאָוו מאַכט פֿאַקטיש צוניכטס דעם אויבענדערמאָגטען פּרינציפּ.

דער דריטער צוזאַמענפֿאָהר (1907) שטורעמט געגען די אוניווערסיטעטס-אויטאָנאָמיע, וועלכע ברענגט צו דער אויסגעלאַסענקײַט פֿון דער שול, — און דער בילדונגס-מיניסטער קאַופֿמאַן טרעט אָב זײַן שטעל שוואַרצן. דעם לעצטענ'ס פּאָליטיק שטעלט צופֿרידען דאָס העכסטע שוואַרץ-מאה'דיגע געשמאַק. אַפֿילו „נאָוואָיע ווריעמיאַ“ זאָגט, אַז שוואַרצ'ס פּראָיעקט פֿון אוניווערסיטעטס-סטאַטוט איז „אַ נים געלונגענע קאָפּיע פֿונ'ם סטאַטוט פֿון יאָהר 1884“. ווײַטער האָבען די פּריצים פֿערלאַנגט, אַז מ'זאָל די יודען קיין שום הנחות נים געבען, — און אַ פֿאַרטיג געזעץ-פּראָיעקט וועגען יודען, אַ פּראָיעקט, שוין בעגריסט פֿון דער „ראָסיאַ“ — ווערט בעגראָבען אינ'ם אַרכיוו פֿונ'ם מיניסטעריום, אָבער די הויפּט-קלעפּ ווערען געריכטעט אויף די צווייטע דומע בכלל און אויף די ס. ד. פֿראַקציע בפֿרט. און אַלס רעזולטאַט — די איבערקעהרעניש פֿון 3-טען יוני און דער קאַטאָרושנער פּסק-דין פֿאַר די ס. ד. דעפּוטאַטען.

מיר לאָזען דורך דעם פֿערטען (1908) און דעם פֿינפֿטען (1909) צוזאַמענפֿאָהרען, וואָס זענען שוין פֿאָרגעקומען אין דער אַטמאָספֿער פֿון דער קאָנסטיטוציע פֿון 3-טען יוני, וועלכע האָט די אויבערהאַנד געגעבען די ערד-בעזיצערישע אינטערעסען. דאָ איז שוין דער מלחמה-ברען פֿון די פּריצים אַ ביסעל אָבגעקיהלט געוואָרען. אָבער אָט פֿערזאַמעלט זיך אין מערץ פֿון איצטיגען יאָהר דער לעצטער צוזאַמענפֿאָהר, וועלכער האָט ווײַטער געמאַכט אַ טומעל. די מאַכט פֿון די גובערנאַטאָרען איז אין סכנה, — און די פּריצים פֿאָדערן, זי זאָל בלײַבען אונבעריהרליך. און עס זאָל בעטאָנט ווערען, אַז „די גובערנאַטאָרען זענען הויכער פֿון דער זעלבסטהערשונג אויף די ערטער“. נאָך אַ פּונקט: די רעדעס פֿון די לינקע דעפּוטאַטען אין דומע גראָבען אונטער די יסודות, דער אַדעל בעשליסט צו מאַכען אויפֿמערקזאַם דערויף די רעגירונג און איז מאיים (סטראַשעט), אַז אויב די רעגירונג וועט אינ'ם משך פֿונ'ם יאָהר נאָך נישט טאָן, וועט דער פֿעראייניגטער אַדעל זײַנע מיטלען אָנגעמען. און דער דעפּוטאַט איסעיעוו גיט אָנצוהערעניש וועגען דעם אַרעסט פֿון די ס. ד. דעפּוטאַטען פֿון דער צווייטער דומע און לעגט פֿאָר דער רעגירונג נאָך אַ מאָל „אויסצוראַמען“ אין דומע. די דריטע סכנה — איז די איבערגעוואַלט פֿון די „אינאָראָדצעס“, בעזונדערס די איבערגעוואַלט פֿון די יודען. און דער צוזאַמענפֿאָהר לעגט פֿאָר כמעט די אָבנעהמען בײַ די יודען, ווי בײַ קרימינעלע פֿערברעכער, אַלע בירגערליכע רעכט (права состоянія) און סטאָליפּינ'ס צײַטונג „ראָסיאַ“ אײַלט צו בעטאָנען, אַז זי איז בנוגע צו דער איבערגעוואַלט פֿון די „אינאָראָדצעס“ אינגאַנצען איינשטימיג מיט די פּריצים. „מ'זעהט בעשײַנפּערליך — שרײַבט זי — ווי קאָנזעקווענט עס ווערט אַלץ טיפֿער און טיפֿער דאָס בעוואוסטזײַן, אַז דאָס לאַנד לעבט איבער דעם דראַנג פֿון די „אינאָראָדצעס“, און אַז דאָס עראָבערער-פֿאָלק, דאָס זאַמלער-פֿאָלק שטורעמט מען אין זײַנע אייגענע בעזיצונגען

צו ברענגען כמעט די אין אַנ׳אונטערוואָרפֿענע שטעלונג", און דער אַדעל האָט ניט וואָס צו קלאָגען זיך. די פּאָליטיק געגען די „אינאָראָדצעס" ווערט דורכגעפֿירט אין גאַנצען אין דעם עכט-רוסיש-פֿעאָדאַלען גייסט.

מעהר פֿאַר אַלץ האָט מען זיך פֿערנומען מיט פֿינלאַנד. דעם פֿאָרשלאַג „צו מאַכען אין פֿינלאַנד אַ גוטען מיליטער-שפּאַציר"—האָט מען בעגעגענט מיט שטאַרקע אַפּלאָדיסמענטען. אין יורידישען זינען האָט די רעגירונג מיט דער דומע אַזאַ שפּאַציר שוין געמאַכט. נאָכדעם וועט מן השמים אין דער נאָהענטסטער צוקונפֿט פֿאָרקומען אַ „מיליטער שפּאַציר" אינ׳ם בוכשטעבליכען זינען פֿון וואָרט.

אַלזאָ, ס׳איז קלאָר, אַז בנוגע צו די פּריצים-צוזאַמענפֿאָהרען ערפֿילט די רעגירונג מיט דער גרעסטער בערייטוויליגקייט די ראָליע פֿון אַן עקזעקוטיוו-אָרגאַן.

אין איין פּונקט בלויז איז מען נאָך לעת עתה ניט אינגאַנצען איינפֿערשטאַנדען. דאָס איז יענע „נייע פֿאָרם", וועלכע ס׳קומט אויס אָנצוטאָן אויף דעם אַלטען אינהאַלט. דער רעאַקציאָנערסטער טייל פֿון די פּריצים, וועלכער ווערט ענערגיש אונטערשטיצט פֿון געוויסע ספֿערען (דאָס האָט זיך בעזונדערס בולט אַרויסגעוויזען אַ דאַנק דער צושפּאַלטונג אין פֿעראיין פֿון רוסישען פֿאָלק), שטרעבט צו דער פֿאָלשטענדיגער רעסטאַוראַציע פֿונ׳ם פֿאַר אָקטאָבער-רעזשים—ביז דער טיילווייזער אומקעהרונג פֿון דער לייבאייגענשאַפֿט *). די רעגירענדע ביוראָקראַטיע אָבער וויל צוזאַמענפּאָרען דעם אָקטאָבער-מאַניפֿעסט מיט׳ן אַלטען רעזשים, אָנערקענענדיג, אַז ס׳איז אַלענפֿאַלס לעת עתה נויטיג צו בעהאַלטען אַ „קאָנסטיטוציאָנעלעס" אויסזעהן אין פּערזאָן פֿון דער לאַקייאיש אונטערוואָרפֿענער דומע. די דאָזיגע נויטווענדיגקייט ווערט פֿאַר אַלעם דיקטירט דורך די בעדינגונגען פֿון אויסלענדישען קרעדיט, אָהן וועלכען ס׳איז אונמעגליך אויסצוקומען, און טיילווייז דורך דער צווישען-מלוכה׳ישער לאַגע פֿון רוסלאַנד. דאָס איז אויך איינע פֿון די אורזאַכען, וועלכע האָט מיטגעבראַכט די פּראָבע פֿון די הויכע ספֿערען צוצוגעבען דער טעטיגקייט פֿון דובראָווינ׳ס פֿעראיין אַ ביסעל אַ מעסיגערען, ניט אַזאַ כוליגאַנישען כאַראַקטער—כדי צו פֿיעל ניט קאָמפּראָמעטירען אין די אויגען פֿון אייראָפּאַ דאָס דאָזיגע קאָנסטיטוציאָנס-אויסזעהן.

דער שטעמפּעל פֿון פּריצישע אינטערעסען, דער שטעמפּעל פֿון דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער בעפֿעסטיגונג פֿון די פּריצים ליגט אויף דער גאַנצער טעטיגקייט פֿון דער רעגירונג.

די רעאַקציע איז, פֿערשטעהט זיך, געצוואונגען צו רעכענען זיך כאָטש

---

*) אויף דער בעסאַראַבער גובערנסקער זעמסקער פֿערזאַמלונג פֿאָרמולירט דער בעריכט פֿונ׳ם פֿירסט סוואַטאָפּאָלק-מירסקי אַזעלכע פֿאָדערונגען: „די אָבשאַפֿונג פֿון דער לייב-אייגענשאַפֿט אינ׳ם יאָהר 1861 איז געווען אַ שרעקליכער פֿעהלער. אויב ס׳איז אונמעגליך אומצוקעהרען די לייב-אייגענשאַפֿט אין גאַנצען, מוז מען די איינפֿיהרען טיילווייז. די ערד-רעפֿאָרם דאַרף פֿאָרקומען אונטער דער לייטונג פֿון די פּריצים. זיי דאַרף מען איבערגעבען די אַדמיניסטראַטיווע געריכטליכע און אויספֿאָרשונגס-פֿונקציעס. זיי דאַרף אונטערגעגעבען ווערען די פּאָליציי". פּורישקעוויטש האָט דעם דאָזיגען בעריכט הייס אונטערשטיצט.

וויפֿיעל ניט איז מיט די בעדערפֿניש פֿון דער אונאויפֿהערליכער עקאָנאָמישער ענטוויקלונג, צופּאַסען זיך צו די פֿאָדערונגען פֿון דער וואַקסענדער בורזשואַזער געזעלשאַפֿט; אָבער זי בעמיהט זיך אַריינצורוקען זיי אין די רעהמען פֿון פּריצישער הערשאַפֿט און בעשאַפֿט אויף אַזאַ אופֿן אינערליכע געגענזאַצען, וואָס גראָבען ביסלעכווייז אונטער דעם באָדען ביי דעם גאַנצען „בעניייטען רעזשים". די בעדערפֿניש בלייבען אייגענטליך אונבעפֿרידיגט; דאָס בריינגט-מיט, אַז די אונצופֿרידענהייט אין די מאַסען פֿון דער בעפֿעלקערונג וואַקסט אָהן אויפֿהער, און פֿאָלקס-אונצופֿרידענהייט איז אַ גאַנץ שלעכטער צעמענט אויף בעפֿעסטיגען דעם ביוראָקראַטישען רעזשים און די פּריצישע הערשאַפֿט.

די דאָזיגע געגענזאַצען קען מען זעהן אין דער גאַנצער טעטיגקייט פֿון דער רעגירונג. מיר וועלען בעטראַכטען דאָס, וואָס ס׳האָט געגעבען די דריטע סעסיע פֿון דער גאָסוד. דומע.

לאָמיר אָנהייבען פֿון בידזשעט. אויף וואָס איז געבויט געוועהן דער בידזשעט פֿון דער פֿאַר אָקטאָבער-אָרדנונג? אויפֿ׳ן סיסטעם פֿון אומדירעקטע שטייערן, אויף הכנסה פֿון בראַנפֿען-מאָנאָפּאָל, פֿון אַקציז, אייזענבאַהנען א. ז. וו. מיט זיין גאַנצער שווערקייט האָט זיך דער בידזשעט געלעגט אויף די אונפֿערמעגליכע שיכטען פֿון דער בעפֿעלקערונג. האָט זיך עפּים פֿערענדערט אינ׳ם „בעניייטען" רעזשים, ווען ס׳עקזיסטירט דאָס בידזשעט-רעכט פֿון דער דומע? גאָר נישט. אָט זענען ציפֿערן. אינ׳ם יאָהר 1903 האָבען די אומדירעקטע שטייערן געבילדעט 71,6 % פֿונ׳ם גאַנצען הכנסה-בידזשעט, און דירעקטע 19,6 %. אינ׳ם יאָהר 1910 האָבען די ערשטע געשטייגט ביז 75,3 %, און די צווייטע זענען געפֿאַלען ביז 14%. דאָס זעלבע איז מיט׳ן הוצאה-בידזשעט. ווי פֿריהער, אַזוי איצט ענטפֿערט ער פֿאָלקאָמען די פֿאָדערונגען פֿון אַ פּאָליציייאישער מלוכה. 54% פֿון אַלע הוצאות געהט אַוועק אויף אויסערליכע און אינערליכען מלוכה-שוץ און אויף די פּענסיעס די בעאַמטע,—דאָס הייסט אויף היטען די אינטערעסען פֿון די הערשענדע קלאַסען; אויף די אויפֿקלערונגס-בעדערפֿניש, אויף די קולטורעלע און אַנדערע נויטען פֿון דער בעפֿעלקערונג גיט מען נור ברעקליך—15 פּראָצ. ס׳איז נויטיג אַ ראַדיקאַלע פֿערענדערונג פֿונ׳ם גאַנצען פֿינאַנץ-סיסטעם. דאָס דאַרף דורכגעפֿיהרט ווערען אויפֿ׳ן געזעצגעבערישען וועג. די פּריצישע דומע אָבער קען און וויל דערויף זיך ניט פֿערמעסטען. און וואָס אָנבעלאַנגט דאָס בידזשעט-רעכט פֿון דער דומע, ווערט עס, בעזונדערס ביי דער איצטיגער דריטען-יוני-מעהרהייט, פֿאַקטיש פֿערוואַנדעלט אין אַ פֿיקציע. אָנשטאָט אַ ווירקליכען קאָנטראָל איבער דער פֿינאַנציעלער ווירטשאַפֿט בלייבט נור „דאָס רעכט אויף אַרויסזאָגען וואונשען", צו וועלכע די רעגירונג, ווי ס׳האָבען שוין דריי סעסיעס בעוויזען, בעציהט זיך פּשוט מיט חוזק און פֿעראַכטונג. נאָך מעהר; מ׳הערט ניט אויף צו „ערקלערען" די גרונד-געזעצען—און דערמיט פֿערשמעלערן די אַזוי אויך קליינע בידזשעט-רעכט פֿון דער דומע, די אויסערליכע פֿאָרם—אַ נייע, כמעט אַ אייראָפּעאישע; דער אינהאַלט אַן אַלטער, אַ אַזיאַטישער. און די רואינירונג פֿון די פֿאָלקסמאַסען געהט פֿאָרווערטס. דאָס בעווייזען למשל פֿאָלגענדע דריי ציפֿערן: פֿון דער גאַנצער תבואה-זאַמלונג, אַ חוץ דעם חלק, וואָס בלייבט

אויף ווייצען און אַחוץ דאָס אַרויסגעפֿיהרטע קיין אויסלאַנד, איז אויף די ערנעהרונג פֿון דער בעפֿעלקערונג געבליבען אין פֿעריאָד 1864—1866 בערך 25 פּוד אויף איין נפֿש, אין פֿעריאָד 1872—1898—18 פּוד; און אינ'ם יאָהר 1906—1907—בלויז 12 פּוד.

די אייראָפּעאישע פֿאָרם האָט בלי ספק אויך אַ געוויסע מעלה,—די מעגליכקייט עפֿענטליך צו בעטראַכטען דאָס גאַנצע פֿינאַנץ-סיסטעם; אַ מעלה, וואָס מאַכט נאָך שטאַרקער די ווידערשפּרוכען פֿון דער ביוראָקראַטישער פּאָליטיק.

איצט לאָמיר זיך ווענדען צום געביעט פֿון אַגראַר-געזעצגעבונג. דאָס געזעץ פֿון 9-טען נאָוועמבער, וועלכען סטאָליפּין האָט אַ נאָמען געגעבען—„די אַקס פֿון דער אינערליכער פּאָליטיק״—האָט דעם ציעל אויף אַ גוואַלטזאַמען אופֿן צו פֿערבײַטען דאָס געמיינדע-בעדין אויף פּריוואַט-אייגענטום, מ'זאָל די פּויערשע ערד קענען פֿרײַ קויפֿען און פֿערקויפֿען. אין פֿלוג איז אונמעגליך צו פֿערשטעהן, ווי אַזוי האָט זיך די פּריצישע רעגירונג בעשלאָסען צו מאַכען אַ סוף מיט די געמיינדע-יסודות, אויף וועלכע ס'האָט אַזוי לאַנג גערוהט דער גאַנצער פֿעאָדאַלער רעזשים מיט זײַן פּאָליטישען איבערבוי. די געמיינדע פֿלעגט דאָך בעוואָרענען די שטייער-אינטערעסען פֿון דער ביוראָקראַטיע און האָט געהאַלטען דאָס פֿאָלק אין אַ פֿערשלאָסענעם צושטאַנד. און איצט, אײַנשטעלענדיג זיך פֿאַר די נײַע אַגראַר-פּאָליטיק, האָבען סײַ די רעגירונג, סײַ די מעסיג-רעכטע און אָקטיאַבריסטען געשטורעמט געגען די אַלע געמיינדע-בענדער, וואָס שמידען צוזאַמען די פֿרײַהייט און פּערזענליכע איניציאַטיווע, פּאַראַליזירען די ענטוויקלונג פֿון די פּראָדוקטיווע קרעפֿטען פֿון לאַנד און אַזוי ווײַטער. מיר ווערען בעגײַסטערטע אַדוואָקאַטען פֿונ'ם בורזשואַזען ליבעראַליזם. אָבער אין דער ווירקליכקייט זענען דאָס געווען נור ווערטער, נור אַ דעקטוך אויף צוצודעקען די אמת'ע מאָטיווען. ס'איז גענוג צו דערמאָהנען, אַז אינ'ם פּראָגראַם פֿונ'ם ערשטען צוזאַמענפֿאָהר פֿון פֿעראײניגטען אַדעל איז געשטאַנען אויך דאָס געזעץ פֿונ'ם 9-טען נאָוועמבער, כדי צו פֿערשטעהן, אַז די מאָטיוון ליגען גאָר אין אַן אַנדער געביעט. ס'האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די געמיינדע איז אַ שטעקען מיט צוויי עקן; די בעפֿרײַאונגס-בעוועגונג האָט זי אויסגענוצט, כדי צו ריכטען זי געגען די רעגירונג. די פּויערים-בעוועגונג איז פֿאָרגעקומען אונטער'ן לאָזונג פֿון עקספּראָפּריאירען די פּריצישע ערד און אָבשאַפֿען דעם אַבסאָלוטיזם. פֿון דאַמאָלס אָן האָט די געמיינדע פֿערלאָרען יעדען קרעדיט. מ'האָט געמוזט טראַכטען וועגען נײַע יסודות פֿאַר דעם אַלטען פּאָליטישען איבערבוי. דער פֿאָרזיצענדער פֿון מיניסטאָרען-ראַט האָט אָפֿענהערציג געמעלדעט אינ'ם גאָסודאַרסטווענעם סאָוועט, אַז מיט דער צושטערונג פֿון דער געמיינדע האָט מען זיך געמוזט אײַלען און דעריבער דורכפֿיהרען זי אינ'ם סדר פֿונ'ם אַרט. 87, ווײַל מ'האָט געמוזט אויסניצען די „ערשטע אָדהאַלע“ פֿון דער סמוטע. מ'האָט געמוזט ראַטעווען דעם פּריצישען ערדבעזיץ—קאָנצענטרירענדיג אַרום איהם נײַ-געבאַקענע פּויערשע גוטסבעזיצער. די גאַנצע ריכטונג פֿון דער אַגראַר-פּאָליטיק איז בעשטימט געוואָרען דורך ריין פּאָליציאַישע טעמים. מ'האָט געדאַרפֿט, זאָגט אויס דעם סוד די „נאָוואָ'ע וורעמיאַ“,—ווי הײַנט ס'איז מעגליך ניט דערלאָזען, אין דער צוקונפֿט

זאָלען הײַנטער קענען פֿאָרקומען שטורמישע מאַסען-אַרויסטרעטונגען פֿונ'ם דאָרפֿישען המון״.

צי וועלען די חשבונות און האָפֿנונגען פֿון דער רעגירונג מקוים ווערען?

ס'איז קיין ספק ניט, אַז דאָס געזעץ פֿון 9-טען נאָוועמבער מאַכט אינטענסיווער דעם פּראָצעס פֿון צושטערונג פֿון דער געמיינדע; מאַכט גיכער די בילדונג פֿון אַ נײַער שיכט פּויערים-אייגענטימער, וואָהלהאַבענדע קולאַקען. אָבער פֿערבינדען דערמיט די מעגליכקייט פֿון פֿערניכטען דעם אַגראַר-קריזיס, וועלכער איז געווען איינער פֿון די הויפּט-פֿאַקטאָרען פֿון דער בעפֿרײַאונגס-בעוועגונג,—וועגען דעם קען קוים זײַן די רעדע, און דאָס איז די מיינונג פֿון אַלע אָביעקטיווע פֿאָרשער. אויך איצט איז פֿעראַן 40 פּראָצ. פּויערים, וועלכע האָבען אַזוי ווייניג ערד, אַז זיי קענען ניט פֿיהרען קיין זעלבסטשטענדיגע ווירטשאַפֿט. דאָס געזעץ פֿון 9-טען נאָוועמבער מאַכט, פֿערשטעהט זיך, דעם פּראָצעס פֿון רואינירונג נאָך שאַרפֿער. וואוהין וועלען זיך ווענדען די נײַע מיליאָנען מענשען, וואָס פֿערלירען די פּראָדוקציאָנס-מיטלען?

דער אַרבײַטס-מאַרק אין שטאָדט און אין דער אינדוסטריע איז איבערפֿילט, די אַרמעע פֿון אַרבײַטסלאָזע איז מוראדיג גרויס. פֿונדעסטוועגען ווערט אַ געוויסער טייל פֿון די נײַע פּראָלעטאַריער זיך אַלאָז טאָן אין שטאָדט אַרײַן און בעפֿעסטיגען די הערשאַפֿט פֿון נידריגען אַרבײַטס-לוין. אַ צווייטער טייל, אויך ניט קיין גרויסער, וועט געפֿינען אַרבײַט, אַלס באַטראַקעס אין דער לאַנדווירטשאַפֿט. וואָס וועט זײַן מיט דער גאַנצער איבעריגער מאַסע, וועלכע וועט זײַן אונגעהייער גרויס? די דאָזיגע פּויערים וועלען ווי פֿריהער האָבען איין ברירה: אָדער מאַטערן זיך אויף זייערע אייגענע ברעקלעך ערד, אָדער ציהען די חיונה פֿון דער אַזוי גערופֿענער הונגעריגער אַרענדע. סײַ דאָס ערשטע, סײַ דאָס אַנדערע קען נור פֿערשאַרפֿען דאָס אַגראַר-קריזיס.

אַ סך האָפֿנונגען לעגט מען אַרויף אויף די אַזוי אָנגערופֿענע כוטאָר-ווירטשאַפֿט. מ'פֿערגעסט אָבער דערבײַ, אַז אַפֿילו ווען ס'איז שוין פֿעראַן גענוג ערד, כדי צו פֿיהרען אַן אינטענסיווע ווירטשאַפֿט, איז דאָס נאָך ווייניג; ס'איז נאָך נויטיג קאַפּיטאַל, פֿאַר'ן קליינעם ווירט ענטשטעהט אויף אַזאַ אופֿן די פֿראַגע פֿון בילינגען דאָרפֿס-קרעדיט. אָבער וועגען דעם קען קיין רעד ניט זײַן אָהן אַ וויפֿיעל ניט איז פֿעסטער רעכטס-אָרדנונג, אָהן אַ ראַדיקאַלער פֿערענדערונג פֿונ'ם גאַנצען פֿינאַנץ-סיסטעם בכלל און שטייער-סיסטעם בפרט. מיר רעדען שוין ניט וועגען דער אונמעגליכקייט פֿון אַ ראַציאָנעלער ווירטשאַפֿט אָהן אַ ברייט געשטעלטער פֿאָלקס-בילדונג. דאָס זענען אַלץ זאַכען, וועגען וועלכע מ'קען ניט חלומ'ען אָהן אַ פֿערענדערונג פֿון אונזער גאַנצען פּאָליטישען רעזשים.

די אויפֿגאַבען, וועלכע די רעגירונג שטעלט זיך מיט איהר אַגראַר-פּאָליטיק, זענען אויף אַזאַ אופֿן פֿול מיט ווידערשפּרוכען. פֿערניכטען די „גרונד-קוועלע“ פֿון דער סמוטע,—דעם אַגראַר-קריזיס,—און אין דער זעלבער צײַט בעפֿעסטיגען די יסודות פֿונ'ם הײַנטיגען רעזשים—דאָס זענען צוויי ציעלען, וואָס שליסען איינאַנדער אויס.

אין פֿערבאַנד מיט דער אַגראַר-רעפֿאָרם פּראָיעקטירט די רעגירונג אויך די

רעפֿאָרם פֿון אָרטיגן געריכט: אָנשטאָט דעם „וואָלאָסטנאָי סוד" דאַרפֿן אײַנגעפֿירט ווערן געוויילטע פֿרידענס-ריכטער. בײַ געוויסע באַדינגונגען וואָלט אַזאַ פֿאַרבײַט געווען בלי ספק אַ פּראָגרעסיווע ערשײַנונג. אײנע פֿון די דאָזיגע באַדינגונגען איז—די באַפֿעלקערונג זאָל אַליין קלײַבן פֿאַר זיך אונאָבהענגיגע ריכטער. אָבער פֿאַר דער רעגירונג איז די געריכטס-טעטיגקייט קודם כּל אַ מיטעל צו האַלטן אין דער מורא דעם פּויער און אײַנטרײַבן דעם פּרעסטיזש פֿונ'ם פּריץ. דעריבער דאַרפֿן לויט דעם געזעץ-פּראָיעקט (וועלכן די דומע האָט שוין אָנגענומען) די ריכטער געקליבן ווערן פֿון צווישן מענשן, וואָס בעזיצן אַ ערד-צענז. קלײַבן זיי וועלן די היינטיגע זעמסקע פֿאַרזאַמלונגען, וועלכע זענען זינט דער בעפֿרײַאונגס-באַוועגונג געוואָרן פֿעסטונגען פֿון דעם רעאַקציאָנערן אַדעל און וואוהין דער פּויער, ווי ס'דריקט זיך אויס דער דעפּוטאַט טשעלישעוו, איז דערלאָזן „נור צוליעב דעם ריח". *) אײנפֿאַך גערעדט, דאָס וועלן לויט דעם געזעץ זײַן די זעלבע זעמסקע נאַטשאַלניקעס, וועמעס ווילקיר און אומרעכטיגקײַט האָבן אײַגנטליך פֿאַרדאָרבן דעם אינסטיטוט פֿון וואָלאָסט-געריכט, (ווײַל בײַ אַלע זײַנע גרויסע חסרונות איז דאָס וואָלאָסט-געריכט דאָך נאָהענט געווען צו די דעמאָקראַטישע מאַסן און האָט פֿאָרמעל געקענט געפֿינען זיך אונטער זייער קאָנטראָל). אויך ביז איצט איז דער זעמסקער נאַטשאַלניק פֿאַקטיש ריכטער; ער האָט רעכט אָבצושאַפֿן די אורטיילן פֿונ'ם וואָלאָסט-געריכט, געבן איהם אָנווײַזונגען א. ז. וו.

ס'איז גענוג צוצוגעבן, אַז די רעגירונג שטרעבט אָפֿן דערצו, די ריכטער-שטעלעס זאָלן וואָס מעהר באַזעצט ווערן לויט דער באַשטימונג פֿונ'ם יוסטיץ-מיניסטער,—דער גאָסודאַרסטווענער סאָוועט וועט איהם מן הסתּם דערינען נישט אָבזאָגן,—און מיר וועלן אַ קלאָרע השגה באַקומען וועגן יענע קלאַסען-אינטערעסן, וועלכע דיקטירן דער רעגירענדער ביוראָקראַטיע אַזאַ אויך מין געריכטס-רעפֿאָרם.

אָבער קיין זאַך כאַראַקטעריזירט נישט אַזוי שרײַענד די פּאָליטישע ליניע פֿון היינטיגן רעזשים, ווי די נאַציאָנאַלע פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג, די פּאָליטיק בנוגע צו די „אינאָראָדצעס". כּמעט דאָס גאַנצע פּראָגראַם פֿונ'ם קאַבינעט באַשטעהט איצט אין נאַציאָנאַליסטישער פּאָליטיק, וואָס איז אָנגעטאָן אין דער הייכער פֿראַזע „נצחון פֿון דעם רוסישן מלוכה-פּרינציפּ"; און אין דעם דאָזיגן נאַציאָנאַליסטישן שדים-טאַנץ הערשט אַ פֿולשטענדיגע אחדות צווישן דער רעגירענדער ביוראָקראַטיע און דער דומע-מעהרהייט.

נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם זענען שטענדיג געווען דאָס בעסטע מיטעל

---

*) אָט ווי עס כאַראַקטעריזירט די איצטיגע זעמסטווא דער שוואַרץ-מאהדיגער דעפּוטאַט מאַרקאָוו:

„מיט גאָט'ס הילף איז די קאַדעטישע זעמסטווא צישטערט, אין דער מעהרהייט גע-[illegible] איז איצט אַ רעכטע זעמסטווא; אין די [illegible] אויך אַ'הר פּאָליטיק—זי פּלאַצט אַין אין דער שיל [illegible], פּלאַצט אַין [illegible] צו די [illegible]... לערנט בכלל דאָס, פֿאַר וואָס די קאַדעטן האָבן פֿריהער געצויגן אָבצוזעגן די באַפֿעלקערונג... איך וויל נישט קיין אַנדער זעמסטווא אַחוץ די, וועלכע מיר האָבן איצט.

פֿון דער ביוראָקראַטיע סײַ פֿאַר'ן אויסערליכן, סײַ פֿאַר'ן אינערליכן געברויך. אַ גאַנצע רייהע מאָטיוון און אינטערעסן האָבן דאָס דאָזיגע מיטעל דיקטירט. ס'האָט געשטרעבט געדיכט צו מאַכן די אַטמאָספֿער פֿון נאַציאָנאַלן האַס, כּדי דערמיט אָבצוציהען די אויפֿמערקזאַמקייט פֿון דער באַפֿעלקערונג פֿון די פּאָליטישע און עקאָנאָמישע גרונדפֿראַגען און ווענדן אויף אַ פֿאַלשן וועג איהר אונצופֿריעדנהייט; ס'האָט געוודיקט דער וואונש אָבצונעהמען בײַ אייניגע אָקראַינעס די לעצטע שפּורען פֿון געזעלשאַפֿטליכער זעלבסט-טעטיגקייט, וואָס וואָלטען געקענט דינען אַלס אַ געפֿעהרליך בײַשפּיעל (למשל אַזאַ שרײַענדער ווידערשפּרוך, ווי דאָס קאָנסטיטוציאָנעלע פֿינלאַנד נעבען דעם אַבסאָלוטיזם פֿון דער גאַנצער מדינה); נישט קיין קליינע ראָליע האָט דאָ געשפּיעלט די שטרעבונג אָבצוציהען דעם אַזוי אויך אָרעמען אינערליכן מאַרק פֿאַר דעם נאַציאָנאַלן גרויס-רוסישן קאַפּיטאַל; דאָ איז געווען די באַדערפֿניש צו קריגן נײַע שטעלעס פֿאַר דער אונאויפֿהערליך וואַקסענדער ביוראָקראַטען-אַרמעע; און איצטיגען מאָמענט קומט נאָך דאָ צו דער וואונש אָנצונעהמען ענערגישע מיטלען געגען די אינאָראָדצעס, אויף וועלכע מ'לייגט אַרויף די הויפּט-פֿעראַנטוואָרטליכקייט פֿאַר די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג. דאָ איז אויך די שטרעבונג צו קאָמפּענסירען די אויסערליכע מפּלות מיט'ן גלאַנץ פֿון אינערליכע נצחונות. ענדליך, איצט, אינ'ם מאָמענט, ווען ס'מאָבילידירען זיך ענערגיש די רעאַקציאָנערע קרעפֿטען, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער נאַציאָנאַליסטישער לאָזונג „רוסלאַנד פֿאַר די רוסען", איז בעסער ווי אַלע מסוגל צו קאָנצענטרירן אַרום דער רעגירונג אַ פֿערשיעדענאַרטיגע אַרמעע—פֿון די אָפֿענע פֿעאָדאַלן ביז דער ליבעראַליזירנדער גרויס-בורזשואַזיע.

דער לאָזונג, ווי מיר זעהען, איז נישט קיין נײַער. ס'איז אין איהם אָבער פֿאַראַן אַ נײַער שטריך. דאָס איז—די פֿולשטענדיגע, פֿײַערליך-קלאָרע אָפֿנהערציגקייט, דאָס איז דער ענטשיעדענער אָבזאָג פֿון אַלערליי פֿײַנגעבלעטלעך. אין דעם געביעט—האָט סטאָליפּין געמעלדעט—וועט די רעגירונג אויף האַלבע מיטלען נישט געהן. ער זעהט זײַן היסטאָרישע מיסיע אין אַ הײַנטעדיגער פֿערווירקליכונג פֿון די אַנדלכטען פֿון ניקאָלאַי דעם ערשטן, וועלכער האָט פֿאַר די דרום-מערב-געגענד געפֿאָדערט—„צו פֿיהרען די דאָזיגע געגענד דורך די אויסהויבונג פֿון פּראַוואָסלאַווען גלויבן און פֿון די רוסישע עלעמענטן צו אַ גרענצלאָזער אײַניגקייט מיט די גרויס-רוסישע גובערניעס... ביז וואַנען די דאָזיגע גובערניעס (די דרום-מערב'דיגע) וועלן זיך נישט צוזאַמענשמעלצען מיט די איבעריגע טיילען פֿון דער מלוכה אין איין גוף, אין איין נשמה". און מיט'ן זעלבן טעם וויל איצט דער פֿיהרער פֿון דער רעגירונג „אָפֿן און ערליך פֿעסטשטעלען, אַז די מערב-געגענד איז און וועט זײַן אַ רוסישע געגענד, אויף שטענדיג, אויף אייביג". און די „נאָוואָיע ווערעמיאַ" וועלכע דריקט אויס אין דעם געביעט בלי ספק די מיינונגען פֿון דער רעגירונג, פֿערשפּרייט דאָס זעלבע פּראָגראַם אויף אַלע נאַציאָנען. „אַלע אַנדערע נאַציאָנען,—זאָגט זי,—דאַרפֿן גערודלדעט ווערען, ווי צײַטווײַליגע ערשײַנונגען, וואָס דאַרפֿן אָדער אַסימילירט, אָדער אַרויסגעשטויסן ווערען. האַלטן פֿאַר אַ געזעץ דאָס שטענדיגע צוזאַמענלעבן פֿון

פֿערשידענע נאַציאָנען אין דעם תּחום פֿון איין מלוכה,—דאָס איז דער גרעסטער אונזין, וועלכן מ׳קען זיך פֿאָרשטעלן.

און אונטער׳ן צייכן פֿון דעם דאָזיגען געוואַלטטהאַט אַסימילאַטאָרישען לאָזונג קומט פֿאַר א שנעלע און ענטשיעדענע ליקווידאַציע פֿון אַלעם דעם, וואָס האָט א שייכות צו דער ענטוויקלונג פֿון דער נאַציאָנאַלער קולטור פֿון די אינאָראָדצעס. דער מיניסטער פֿון אינערן שיקט פֿאַנאַנדער די גובערנאַטאָרען א צירקולאַר מיט די פֿאָרלאַגע, די פּריסוטסטוויעס זאָלען אָבזאָגען צו רעגיסטרירען קולטורעלע חבֿרות, וועלכע פֿערפֿאָלגען מיט זייער פֿעראייניגונג נאַציאָנאַלע אויפֿגאַבען און אינטערעסען. אַזאַ ערקלערונג מאַכט איינענטליך א תּל פֿון אַלע קולטורעלע חבֿרות, ווייל די פֿאָרמול—פֿעראייניגונג צוליעב נאַציאָנאַלע אינטערעסען—איז גענוג עלאַסטיש, כּדי מ׳זאָל זי לויט דעם ווילען פֿון דער אַדמיניסטראַציע קענען אָנווענדען בנוגע צו די בעשטייענדע בילדונגס-צילען. א גאַנצע רייהע גרויסע בילדונגס-חבֿרות איז אויף דעם יסוד שוין פֿערמאַכט, מ׳קוקט איבער די סטאַטוטען און מ׳פֿאָרשט אויס די טעטיגקייט פֿון די חבֿרות, וואָס עקזיסטירען נאָך; נייע וויל מען ניט רעגיסטרירען. דאָס דאָזיגע צירקולאַר-רעכט בענוצט מען מיט דער גרעסטער אַכזריות. קיין מאָל, שרייבט וועגען דעם „ריעטש", האָט די דינלאָזע און אויפֿרייצענדע אַפּיטרופּסות ניט געדריקט די בעפֿעלקערונג אין אַזאַ איבערטרייבענער, פֿאַנאַנדערגעבלאָזענער פֿאָרם, ווי איצט". (נומ. 198)

„עדם גילער אַלץ, וואָס מעגליך!"—האָט אין דומע אויסגערופֿען מיטאָשקין, און דאָס איז געוואָרען דער קאַמפּפֿסרוף פֿונ׳ם מאָמענט.

ס׳פֿערשטעהט זיך, אַלס א הויפּט-קרבן ווערט אויף דעם מזבח געבראַכט דער געשמידטער ייד. קיינמאָל, אין די פֿינסטערסטע צייטען פֿון דער רוסלענדער רעאַקציע האָבען די יודישע רדיפֿות ניט געטראָגען אַזאַ אונפֿערשעמטען כאַראַקטער, ווי ביי איצטיגען „בעגייסטען רעזשים". בנוגע צו אַנדערע אונטערדריקטע נאַציאָנען האַלט נאָך די ביוראָקראַטיע פֿאַר נויטיג אָבצוהיטען כאָטש א געוויסען שיין פֿון אָנשטענדיגקייט. בנוגע צו יודען זענען פֿערשיעדענע צערעמאָניעס איבעריג. די פּאָליאַקען, די פֿינלענדער למשל ווערט די פּאַטענטירטע רפֿואה—דאָס רוסישע מלוכה-פּרינציפּ—אונטערגעטראָגען מיט גרויס פּאַראַד, ביי בעטויבענדע קלעפּ פֿון די פּאַטריאָטישע פּויקען אין דומע און אויסער דומע. די יודען בעקומען די אָהן יעדען טומעל, חוץ אַנאָיינפֿאַכען קוועטש פֿון צירקולאַר-קנעפּעל. דערפֿאַר בעקומען זיי א פֿיעל גרעסערן חלק. און ביי אַלעם דעם האָט נאָך די בורזשואַזע יודישע פּרעסע געוויסע האָפֿנונגען אויף הײַנטיגען רעזשים און זייט אין פֿאָלק שעדליכע אילוזיעס וועגען דעם, אַז ס׳איז מעגליך, עס זאָל אָבגעשאַפֿט ווערען דער תּחום אָדער עס זאָלען וועניגסטענס געעפֿענט ווערען פֿאַר יודען אַלע שטעדט. עס איז מעהר ווי א ספֿק, צי וועט די רעגירונג אַפֿילו דערלאָזען, די דאָזיגע פֿראַגע זאָל געשטעלט ווערען אויף דער טאַגעס-אָרדנונג פֿון דומע.

אַנדערש איז מיט פֿינלאַנד. דאָ איז די הסכּמה פֿון דער דומע געווען אונבעדינגט נויטיג, ווייל אָהן דעם האָט אַפֿילו די ענטשלאָסענע רעגירונג ניט געקענט זיך בעשליסען מיט א מאָל אויף אַזאַ קלאַפּ, וואָס דאַרף מאַכען א סוף צו דער קאָנסטיטוציע פֿון פֿינלאַנד, וואָס דאַרף אין גרונד פֿערניכטען די פֿרייהייט

און קולטור פֿון א גאַנצען פֿאָלק. נאָך אינ׳ם יאָהר 1906, אויף דער בעראַטונג אין צאַרסקאָיע סעלאָ, האָט וויטע שוין פֿאָראויסגעזעהן, אַז דאָס וועט ניט זיין. „איבער די דומע,—האָט ער געזאָגט,—וועט זיין א פֿויערשע, א אידעעלאָזע, און ס׳וועלען די פֿיהרען ביין צייטעל רעוואָלוציאָנערען און אַנדערע אינטעליגענטען, וועט דאָס זיין א דולהויז". צוליעב וואָס זאָל דער קייזער נעהמען אויף זיך די לעזונג פֿון דער פֿינלענדישער פֿראַגע. לאָז בעסער די דומע דאָס נעהמען אויף זיך. איבער די וועט זיין א נאַציאָנאַלע, וועט די געהן ווייטער, איידער דער קייזער".

און אָט איז געקומען די נאַציאָנאַלע דריטע דומע,—און „אין א פֿינסטערע היסטאָרישע נאַכט, ווי ס׳האָט געזאָגט דער ס. ד. דעפּוטאַט געגעטשקאָרי",—האָט זי סאַנקציאָנירט די גרעסטע געוואַלט-טהאַט איבער א לאַנד, איבער זיין קולטור און פֿרייהייט. די ס. ד. פֿראַקציע האָט זיך אָבגעזאָגט אָנטייל צו נעהמען אין דער בעטראַכטונג פֿונ׳ם פּראָיעקט. זי האָט געמעלדעט: „די פֿראַקציע מוז אַוועקגעהן פֿון דער דאָזיגער פֿינסטערער אַרבייט. ווען ס׳ווערט בעגאַנגען א פֿערברעכען, דאַרפֿען מיר קיין רעכט ניט צו בלייבען דאָ". אין גיכען איז נאָך זיי אַוועקגעגאַנגען די גאַנצע אָפּאָזיציע.

דער פֿאָרזיצענדער פֿון מיניסטאָרען-ראַט האָט אָפֿען קאָנסטאַטירט, אַז דער עצם פֿון דעם דאָזיגען פּראָיעקט איז ניט קיין פֿראַגע פֿון פּרינציפּ, פֿון רעכט, ס׳איז א פֿראַגע פֿון פֿאַקט, פֿון „היסטאָרישער גערעכטיגקייט". און ס׳איז גענוג איבערצולייענען עטליכע שורות פֿון אַלקסנדר דער ערשטענס מאַניפֿעסט, כּדי צו איבערצייגען זיך, אַז וועגען א וועלכען ס׳איז רעכט האָט ביי דער איצטיגער איבערקערעניש גאָר קיין רעד ניט געקענט זיין.

„פֿון יענעם מאָמענט—זאָגט דער מאַניפֿעסט,—ווען די הימלישע השגחה האָט אונז איבערגעגעבען דאָס שיקזאַל פֿון פֿינלאַנד, האָבען מיר בעשלאָסען צו רעגירען דאָס דאָזיגע לאַנד, ווי א פֿרייע נאַציאָן, וואָס געניסט די רעכט, וועלכע ס׳גאַראַנטירט איהר איהר קאָנסטיטוציע". דער דאָזיגער ליבעראַליזם איז אַרויסגערופֿען געוואָרען דורך גאַנץ רעאַלע אינטערעסען. איבער רוסלאַנד האָט געשוועבט א סכּנה. די אַנעקסיע פֿון פֿינלאַנד האָט געדראָהט בעוואָרענען די הויפּטשטאָדט פֿון נאַפּאָלעאָנ׳ס אָנפֿאַל. אָבער דערמיט איז בעשאַפֿען געוואָרען אַן אייגענאַרטיגע לאַגע: אין דער אונגעהייערער טעריטאָריע פֿון רוסלאַנד, וואָס איז צוזאַמענגעפּרעסט מיט׳ן ענגען רינג פֿון אַבסאָלוטיזם—א קליין שטיקעל לאַנד מיט פֿרייע קאָנסטיטוציאָנעלע איינריכטונגען. דער דאָזיגער ווידערשפּרוך האָט געפֿאָדערט א לעזונג. און דערצו זענען צוויי וועגען געווען. אָבנעהמען די פֿרייהייט ביי פֿינלאַנד אָדער געבען פֿרייהייט גאַנץ רוסלאַנד. אין באָבריקאָוו׳ס צייטען האָט מען זיך די ערשטע אויפֿגאַבע געשטעלט; *) די בעפֿרייאונגס-בעוועגונג האָט

---

*) ווי אַזוי מ׳האָט זיך גענומען דורכפֿירן דָ, האָט איצט דערציילט יסורין. איינער פֿון די וואָלאָנטירן פֿונ׳ם היינטיקן נעמען, וואָס פֿאַרניכטעט די קאָנסטיטוציע פֿון פֿינלאַנד. ער האָט מיטגעטיילט פֿאָלגענדען פֿאַקט. איידער דער גענ. גוב. באָבריקאָוו איז געפֿאָהרען קיין פֿינלאַנד, האָט ער אין א געשפּרעך מיט א הויכגעשטעלטער פּערזאָן פֿאַרגלייכט זיין לאַגע מיט דער לאַגע פֿון ווילגער מוראַוויאָוו. „ניין—האָט געענטפֿערט די פּערזאָן: מוראַוויאָוו איז געפֿאָהרען לעשען די שׂרפֿה, און איהר פֿאָהרט די משׂלחן.

דעם צװײטן װעג אױסגעקליבן. און שפּעטער, װען די רעאַקציע האָט מנצח געװען, שטעלט די פֿרײַהײט פֿון פֿינלאַנד װידער אין קאָן.

פֿאַר פֿינלאַנד זענען איצט גילטיג די גרונד-געזעצן, צװישן זײ אױך דער בעריהמטער 87-טער אַרטיקל, װאָס גיט דער רעגירונג רעכט אַרױסצוגעבן געזעצן אָהן דער דומע. עס זענען אײַנגעפֿירט 19 ספּעציעלע פּונקטן פֿון דעם נײַען געזעץ, דורך אַלעם דעם זענען כמעט אַלע געביטן פֿון דער אינערער פֿערװאַלטונג פֿון לאַנד אָבגענומען אין רשות פֿון דער ביוראָקראַטיע און פֿון די רוסישע געזעצגעבענדע אײַנריכטונגען. אַלץ האָט מען מבטל געמאַכט מיט אײן קרײַץ פֿון דער פֿעדער און פֿון דער „פֿרײַער נאַציאָן, װאָס געניסט די רעכט, װעלכע סאַנקציאָנירט איהר קאָנסטיטוציע", איז קײן שפּור ניט געבליבן.

ס'איז ניט געבליבן קײן שפּור — לעת עתּה נור יורידיש, נור אױפֿ'ן פּאַפּיר. פֿון דאַנען ביז פּורישקעװיטש'עס פֿרײדיגען אױסרוף: „פֿיניס פֿילאַנדיע!" (אַ סוף צו פֿינלאַנד) — איז נאָך אַ מוראדיגער מהלך — אַ מהלך, װאָס קען ניט דורכגעמאַכט װערען, װײַל דאָס פֿינלענדער פֿאָלק האָט שױן בעװיזען, אַז עס גיט זיך אָב אַ רעכענונג אין זײַנע רעכט, אַז עס קען דורכטראָגען זײַן פֿרײַהײט דורך אַלע בײזע װינדען פֿון דער שװאַרצער רעאַקציע.

אַ צװײטע „נאַציאָנאַלע" אױפֿגאַבע, װעלכע די רעגירונג האָט געשטעלט, איז געװען די אײַנפֿיהרונג פֿון זעמסטװאָ אין די זעקס מערב-גובערניעס (זעה װעגען דעם „צײַט-פֿראַגען" נומ. 2). מיר װעלען נור דערמאָהנען די געשיכטע פֿונ'ם פּראָיעקט. ניט דער װאונש צו געבען דעם דאָזיגען לאַנד די זעמסטװאָ זעלבסט-פֿערװאַלטונג האָט דאָס דאָזיגע פּראָיעקט צום לעבען אַרױסגערופֿען, — נור די בעדערפֿניש צו בעשאַפֿען אַ יסוד פֿאַר די װאַהלען אין גאָסודאַרסטװענעם סאָװעט. ס'האָט זיך געהאַנדעלט װעגען בעזײַטיגען פֿונ'ם גאָסודאַרסטװענעם סאָװעט 9 פּאָליאַקען, װאָס זענען דורכגעגאַנגען אין די גובערניעס פֿון מערב-געגענד, און פֿערבײַטען די מיט עכט-רוסישע גוטס-בעזיצער אָדער בעאַמטע. מ'האָט געדאַרפֿט בעשאַפֿען ספּעציעלע װאַהל-פֿערזאַמלונגען. דערנאָך איז ענטשטאַנען אַ געדאַנק, די דאָזיגע װאַהל-פֿערזאַמלונג זאָל בעקומען נאָך אײניגע פֿונקציעס, װאָס האָבען שױן אַ שײַכות צו דער זעלבסט-פֿערװאַלטונג. אַזױ האָט מען בעקומען דאָס פּראָיעקט פֿון זעלבסט-פֿערװאַלטונג, װעגען װעלכער דער דעפּוטאַט ניעקלױדאָװ האָט אין דומע געזאָגט: „דאָס איז ניט קײן זעמסטװאָ, דאָס איז אַ שװײַנערײַ".

ס'איז ניט שװער פֿאָראױסצוזעהן, װאָס פֿאַר אַ סוף ס'װעט האָבען די דאָזיגע שטורמישע נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטיק פֿון דער רעגירונג. בלי ספק קלײַבט די איצט צוזאַמען די רעאַקציאָנערע קרעפֿטען, װאָס זענען צושטױבט געװאָרען דורך דער בעפֿרײַאונגס-בעװעגונג. אָבער זי האָט אױך אַן אַנדער זײַט: זי נעהמט צונױף און אָרגאַניזירט אױך די פּראָגרעסיװע קרעפֿטען פֿונ'ם לאַנד. די רעאַקציע רעכענט זיך נור מיט דעם איצטיגען פֿערהעלטניס פֿון די קרעפֿטען, װאָס איז גינסטיג פֿאַר איהר. דאָס לעבען װעט אָבער אױסנוצען דאָס דאָזיגע שפּיעל און װעט װענדען זײַן שפּיץ אין אַן אַנדער זײַט. דער רעגירונגס-קורס רײניגט דעם װעג ניט פֿאַר די פֿערװירקליכונג פֿון די גרױסע געזעלשאַפֿטליכע אױפֿ-

געבען, װאָס דאָס לעבען װעקט אַרױס; ער רײניגט אָהנע װערצו, עס זאָל זיך װײַטער אין שנעלער אַנטװיקלען די פֿאָלקס-אונצופֿרידענהײט; ער פֿיהרט דאָס לאַנד ניט צו בערוהיגונג, נור צו אױפֿרעגונג; ער פֿיהרט דערצו, עס זאָל אין דער גאַנצער ברײט אַנטװיקעלט װערען די פֿראַגע װעגען אַ גרונדליכער דעמאָקראַטיזירונג פֿון דער אָרדנונג.

די ביוראָקראַטיע אַרבײַט אױף אַלע כלים, ברײט און אָפֿען. מ'האָט אָבגעװאָרפֿען אַלע אָנשטאַנדס-שײַנדלעך, — דאָס װאָס מאַרקאָװ האָט אָנגערופֿען — „פֿערגאַװאָרטער הומאַניזם". — מ'ניטיגט זיך ניט אין דעקאָראַציעס, בפֿרט נאָך װען די דאָזיגע טעטיגקײט װערט אונבעדינגט אונטערשטיצט דורך דער לאַקײאיש-געהאָרכזאַמער „פֿאָלקס-פֿערטרעטונג". די גאַנצע געזעצגעבונג װערט בעשאַפֿען אױסשליסליך לױט דער איניציאַטיװ פֿון דער ביוראָקראַטיע און מיט איהרע אײגענע קרעפֿטען — אָדער דורך דעם אַרט. 87, אָהן דער דומע, אָדער די לעצטע שטעלט-צו איהר שטעמפּעל.

אױפֿ'ן פֿאַל, װען עס קענען פֿאָרקומען געװיסע רײַבונגען מיט דער גאָסודאַרסטװענער דומע, האָט די רעגירונג צו דינסטען דעם גאָסודאַרסטװענעם סאָװעט, װעלכער איז אײגענטליך די אײנציגע געזעצגעבענדע אײַנריכטונג, אױף װיפֿיעל מ'קען װעגען אַזאַ אײַנריכטונג רעדען אין די ראַמען פֿון ביוראָקראַטישען רעזשים.

לײַדער אינטערעסירט מען זיך בײַ אונז װעניג מיט דער אױבערשטער פּאַלאַטע. אין דער אמת'ן פֿערדינט די אַ גרעסערע אױפֿמערקזאַמקײט. די איז אַ גאַנץ זעלבסטשטענדיגע אײַנריכטונג; אין אַ גרױסען מאָס לענקט די די טעטיגקײט פֿון דער רעגירונג, דיקטירט איהר אַ בעשטימטע רעאַקציאָנערע ליניע, היט שטרענג, די מיניסטאָרען זאָלען פֿון דער דאָזיגער ליניע ניט אָבטרעטען אונטער דער װירקונג פֿון אַ זעלטענעם ליבעראַלען פּאַראָקסיזם פֿון אַ צופֿעליגער דומע-מעהרהײט. מיט דער אױסנאַהמע פֿון אַ קלײנער אָפּאָזיציאָנעלער גרופּע בילדעט דער גאָסודאַרסטװענער סאָװעט אין זײַן איבערװעגענדער מעהרהײט אַ רעאַקציאָנערע מאַסע, װאָס בעשטעהט פֿון בעשטימטע מיטגליעדער, דעמיסיאָנירטע ביוראָקראַטען, — און טײלװײַז פֿון געקליבענע פֿערטרעטער פֿונ'ם אַדעל און פֿון דעם גרױס-קאַפּיטאַל. די בעציהונג פֿון דעם סאָװעט צו דער דומע האָט מען גוט כאַראַקטעריזירט, װי די בעציהונג פֿון אַ זעמסקען נאַטשאַלניק צו די בעשלוסען פֿון די װאָלאָסטניע-סכאָדען...

די בעשלוסען פֿון דער דומע פֿערענדערט מען, מ'מאַכט זײ איבער און אָדער מ'קעהרט זײ צוריק אום אין דומע אָדער זײ בלײַבען אױף לאַנג ליעגען אין די פּשוט-קאָמיסיעס. די דאָזיגע ראָליע איז דעם גאָסודאַרסטװענעם סאָװעט בעזונדערס אַנגענעהם, װײַל אױף אַזאַ אופֿן רעכענט ער, מן הסתּם, בולט צו דעמאָנסטרירען פֿאַר דער בעפֿעלקערונג, אַז בײַ דעם בענײַטען רעזשים אַרבײַט די געזעצגעבערישע מאַשין נאָך ערגער און לאַנגזאַמער, אײדער בײַ דעם אַלטען פֿאַר אָקטאָבער-רעזשים. אַ גרופּע פֿון סאָװעטס-מיטגליעדער ערקלערט אין איהר מעמאָריאַל, אַז די דומע-בעשלוסען מוז מען פֿערהאַלטען דערפֿאַר, װאָס זי נעהמט אָן אַנטי-מלוכה'שע פּראָיעקטען. דאָ איז מען אױסען די פֿעראורטײלונג מיט

ו. מעדעם.

נאַציאָנאַליזם אָדער „נייטראַליזם"*).

אונזער פּאָזיציע אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע האָט מען אָנגערופֿען מיט'ן נאָמען „נייטראַליזם". איך גופֿא, װען ס'װאָלט זיך האַנדלען װעגען אויסקלײַבען אַ נײַעם נאָמען, װאָלט איך אויסגעקליבען אַ װעלכען איהר װילט, נאָר ניט דעם, װאָרום ער פּאַסט לחלוטין ניט און האָט קיינמאָל ניט געפּאַסט צו דעם עצם ענין. דאָ האַנדעלט זיך אָבער ניט װעגען נעמען. אָבער װעגען דעם תּוך פֿון דעם „נייטראַליזם", איז כּדאַי און נויטיג צו רעדען, װאָרום מיט דער צײַט האָט זיך אַרום איהם אויסגעװעבט אַ גאַנצע לעגענדע. מען מוז זאָגען דעם אמת: אין דער גאַנץ הײַבשער פּאָלעמישער ליטעראַטור, װעלכע דער „נייטראַליזם" האָט אַרויסגערופֿען אין נאַציאָנאַליסטישען לאַגער, קען מען ניט געפֿינען קיין אײַנציגע פּראָבע צו בעלײַכטען דעם עיקר, דעם תּוך פֿון דער פֿראַגע; קיין אײַנציגע פּראָבע צו ענטפֿערן אויף אונזערע אַרגומענטען; קיין אײַנציגע פּראָבע צו אויסקלערען זיך אַליין װעגען װאָס עס דרעהט זיך דער שטרײַט. עס איז קיין װאונדער ניט, דעריבער, װאָס די גאַנצע פּאָלעמיק האָט קיין פֿרוכט ניט געבראַכט.

און זי האָט דאָס דאָך געקאָנט אַנדערש זײַן? אַז אונזערע געגנער קענען פּסיכאָלאָגיש ניט מוֹחל זײַן דעם עצם פֿון אונזער פּאָזיציע, אַז זי איז זיי פֿרעמד, אַז זי שטעהט אין אַ װידערשפּרוך צו אַלע זייערע געפֿיהלען, אַז אַפילו װען זיי שטרעבען גאַנץ אויפֿריכטיג צו פֿערשטעהן, װאָס מיר װילען, בלײַבט דאָס פֿאַר זיי אונמעגליך; דערװײַזען זיי, אַז די לעגענדע איז נאָר אַ לעגענדע, ניט קיין אמת, איז אַן אומזיסטיגע פּרוּוה.

די לעצטע יאָהרען בעמערקען מיר אָבער: די לעגענדע האָט געפֿונען אַ װעג אויך צו אײַניגע פֿון אונזערע. און דאָ שװײַגען איז שוין ניט מעגליך. מען מוז, ענדליך, אויסקלערען, װאָס האַלט עס מיט אונזער „נייטראַליזם".

איך װיל כלל ניט זינגען קיין שבחים צו אונזערע „אַלטע" אָנזיכטען אין דער פֿראַגע; כאָטש איך רעכען, אַז אין זייערע גרונד־שטריכען זײַנען זיי עד היום ניט געװאָרען אַלט. מעגליך, אַז אין'ם איבעריגען אונזערע אָנזיכטען זײַנען געװען די אָדער יענע חסרונות; מעגליך, אַז מיר האָבען זיי ניט אין דער פֿולער מאָס ענטװיקעלט — און דאָס איז געװען אונפֿערמײַדליך, װאָרום אייניגע פֿראַגען האָבען ערשט שפּעטער זיך בעװיזען פֿאַר אונז פֿון אַ זײַט, װעלכע איז ביז דעמאָלט געװען פֿערבאָרגען. עס קען זײַן, אַז די ערגענצונגען, װעלכע איך גופֿא האַלט פֿאַר װעזענטליך, װעלען איצט העלפֿען כאָטש טהיילװײַז צו פֿערטרײַבען די לעגענדע.

I

יעדעס סיסטעם פֿון געזעלשאַפֿטליכע און פּאָליטישע אָנשויאונגען (אונזער „נייטראַליזם" האָט דאָס פֿאָלקאָמענע רעכט צו האַלטען זיך פֿאַר אַזאַ סיסטעם, אָדער, ריכטיגער, פֿאַר אַן אָרגאַנישען טהייל פֿון אַנ'אַנדערען, אַ ברייטערען סיסטעם) בעשטעהט געװעהנליך פֿון צװיי טהייל: 1) פֿון אַ געװיסער פֿערשטעלונג װעגען דעם, װאָס עס טוט זיך אַרום אונז, און 2) פֿון אַ געװיסען קוק אויף אונזערע אויפֿגאַבען בנוגע צו אַט דעם אַרומיגען לעבען. אין דעם פּראָבלעם, װאָס מיר האָבען פֿאַר אונז, בעדײַט דאָס צװיי פֿראַגען: א) װאָס טוט זיך מיט דעם יודענטהום, װאָס ערװאַרט דאָס יודענטהום אין דער צוקונפֿט? װאָס פֿאַר אַ פּראָגנאָז שטעלען מיר? ב) צו װאָס דאַרפֿען מיר שטרעבען, װאָס פֿאַר אַ צילען דאַר־ [illegible]

---

*) דיעזער אַרטיקעל דרוקט זיך אַלס דיסקוסיאָנס־אַרטיקעל. די רעדאַקציע.

אַ תּנאַי אין די פּראָיעקטען װעגען געװיסענס־פֿרײַהייט. דער סאָװעט האָט אָנערקענט, אַז פֿאַר די ערשטע איז נאָך די צײַט ניט געקומען, און האָט די פֿערװאָרפֿען אַפילו ניט בעטראַכטענדיג די פּונקטען־װײַז. אין איצטיגען מאָמענט, געפינט דער סאָװעט, קען מען ניט דערלאָזען, די רעפּרעסיעס זאָלען אָבגעשװאַכט װערען. װאָס אָנבעלאַנגט דאָס געזעצפּראָיעקט װעגען געװיסענספֿרײַהייט, האָט דער סאָװעט ניט נור פֿערניכטעט אַלע דומע־אַמאַנדעמענטען (אויסבעסערונגען); ער האָט אַפילו אָבגעשאַפֿט אייניגע פֿערגרינגערונגען, װעלכע די סטאָראָאָבריאַדצעס האָבען בעקומען דורך די קייזערליכע בעפֿעהלען פֿון די יאָהרען 1905 און 1906. עס האָט אויך איהם ניט געדריקט אַפילו װיטטעס התראה „ניט צו זײַן צו הויכמוטיג, בשעת עס שפּיעלט דאָס גליק". מיט די דאָזיגע אָבשטימונגען האָט דער גאָסודאַרסטװענער סאָװעט בעװיזען, װאָס פֿאַר אַ װערטה עס האָבען די בעשלוסען פֿון דער דריטער דומע, װאָס עס ערװאַרטעט זיי, אויב זיי פֿאַלען ניט צוזאַמען מיט די װאונשען פֿון די רעגירענדע ספֿערען.

דער סאָװעט שפּיגעלט אָב גענוי די שטימונג פֿון די דאָזיגע ספֿערען; און איהם קומט אויס אַמאָל אַרויסצוהעלפֿען דאָס קאַבינעט פֿון זײַנעם אַנ'אייגענעם געזעץ־פּראָיעקט. די רעאַקציע הויבט זיך שנעל; עס טרעפֿט זיך אַמאָל, אַז אין משך פֿון איין יאָהר, פֿון איין סעסיע אַפילו בײַט דאָס מיניסטעריום די בעציהונג צו אַנ'אייגענעם געזעץ־פּראָיעקט,—װאָס װערט איהם אויס צו ליבעראַל. אויב ס'איז נאָך ניט שפּעט, נעהמט מען אָב דאָס פּראָיעקט צוריק פֿון דומע. אויב דאָס איז אונמעגליך, העלפֿט אויס דער סאָװעט: ער שטימט געגען דעם רעגירונגס־פּראָיעקט און װיסענדיג, אַז דערמיט װעט זיך ענדיגען, קען אויך דער אָקטיאַבריסטישער צענטר ערלויבען זיך פֿון צײַט צו צײַט אַ ליבעראַלע אָבשטימונג אין איינעם מיט דער אָפּאָזיציע. דערמיט בערוהיגט מען אַ ביסעל דעם נאַרישען װעהלער, װאָס װיל ניט פֿערשטעהן די אָקטיאַבריסטישע הויך־פּאָליטיק. און שפּעטער, אין דער פּשרה־קאָמיסיע, קען מען מאַכען אַנ'אָנשטעל, אַז מ'איז נעבּיך געצװאונגען אָבצוזאָגען זיך פֿון דער אייגענער אָבשטימונג.

מיר האָבען געפֿונען פֿאַר נויטיג אָבצושטעלען זיך אַ ביסעל אויפֿן סאָװעט. ענג מיט טויזענדער פֿאָדעם פֿערבונדען מיט יענע געהיימע ספֿערען, אין װעמעס הענד ס'קאָנצענטרירט זיך אייגענטליך די מאַכט, איז דער גאָסודאַרסטװענער סאָװעט אַ װיכטיגע פּאָליטישע גרופּע, װעלכע בעשטימט אין אַ בעדײַטענדער מאָס די ליניע פֿונ'ם רעגירונגס־קורס, דאָס הייסט אויך די פּאָליטישע סיטואַציע פֿון הײַנטיגען מאָמענט.

דער אינהאַלט פֿון דער פּאָליטישער סיטואַציע בעשטעהט ניט נור פֿון דער רעגירונגס־פּאָליטיק, װאָס פֿערקערפּערט די אינטערעסען פֿונ'ם פּריצישען ערד־בעזיץ, פֿון דער פּאָליטיק, װעלכע נעהמט טיילװײַז אַרום אויך יענע אינטערעסען פֿון דער גרויס־בורזשואַזיע, װאָס פֿאַלען צוזאַמען מיט די אינטערעסען פֿונ'ם אַדעל. דאָ װירקט נאָך אַ װיכטיגער פֿאַקטאָר—די איבעריגע קלאַסען און זייער פּאָליטישע פֿערטרעטונג אין דומע. װעגען דעם פֿאַקטאָר אין אַנ'אַנדער אַרטיקעל.

רעגנטהים אלס א בעזונדערע נאציאן. אויף וועלכען פון די וועגען וואס די געשילדערטע פיהרען דאס יודענטום—זייענען מיר ניט אין ווילען ניט וויסען מיר וועגען נייטראל. אזוי, מיינט מען, איז אונזער ענטפער אויף די ערשטע פראגע.

וואס פאר אויפגאבען שטעלען מיר זיך, כדי צו העלפען גיהן דאס יודענטום אויפ'ן ערשטען אדער אויפ'ן צווייטען וועג? דערויף ענטפערט מען: מיר שטעלען זיך גאר קיין שום אויפגאבען ניט. איז דאס יודענטום בעשערט אויסצולעבען, וועלען מיר זיך ניט שטעלען אנטקעגען; איז איהם בעשערט צו פערשווינדען, וועלען מיר ניט זוכען קיין קינסטליכע מיטלען צו דערהאלטען עס ביים לעבען. מיר זענען נייטראל.

אזוי איז די געוועהנליכע סכעמע. אויף וויפיעל דאס איז ריכטיג, וועלען מיר זעהן ווייטער. דערווייליגע ווילען מיר אנווייזען, אז עס האנדעלט זיך דא, קענטיג, וועגען צוויי ערליי נייטראליזם: נייטראליזם בנוגע צום פראגנאז (פאראויסזאגען) און נייטראליזם בנוגע צו די אויפגאבען. מיר וועלען אנהייבען פון דעם ערשטען.

מיר וויסען ניט, וואס וועט זיין מיט'ן יודישען פאלק אין דער צוקונפט. צי מאכען מיר פון דעם ניט־וויסען א פרינציפ? מיט אנדערע ווערטער: צי איז דאס א פרינציפיעלער אבזאג פון צו שטעלען די פראגע וועגען דער צוקונפט פונ'ם יודענטום? צו הייסט דאס, אז מיר ווילען ניט וויסען, וואס ערווארטעט דאס יודישע פאלק אין די קומענדיגע צייטען? א פנים, אז די געגנער פון אונזער פאזיציע שטעלען זיך טאקי אזוי פאר די מעשה. אנים האלטען זיי דאך ניט געדרשנט, אז וויסען איז נויטיג. קומען זיי אבער צו אינז און ווילען אונז איינרעדען, אז מען מוז וויסען,—איז א סימן, אז לויט זייער מיינונג ווילען מיר דוקא ניט וויסען. מיר ווילען פערמאכען די אויגען אויף דער צוקונפט. מיר ווילען ניט האבען צו טאן מיט קיין שום פערספעקטיווען און געפינען פאר נויטיג דוקא צו טאפען אין דער פינסטער.

איך האלט דאס אלעס פאר א ריינע מיספערשטענדנים. ווארום דער פרינציפ פון ניט־וויסען, וואס אונזערע געגנער בעשולדיגען אינז אין איהם, איז דאך פון גרונד אויס—אנ'איינגען.

מען מוז האבען א פארשטעלונג וועגען דער יודישער צוקונפט—זאגט מען אונז. אודאי. ווער זאגט דען, אז ניין? מען מוז וויסען. אודאי און אודאי. ס'איז גאר לעכערליך וועגען דעם צו דיספוטירען. די מעשה איז נאר, וואס ס'איז פארהאן א גרויסער אונטערשייד צווישען דעם, וואס מען ווינשט, און צווישען דעם, וואס ס'איז מעגליך. פרעגט זיך: צו איז איצט מעגליך צו שטעלען א ווירקליך ערנסטען פראגנאז? צי האבען געשטעלט אזא פראגנאז די אלע קריטיקער, וועלכע טענה'ן, אז מיר פערמאכען די אויגען? צו וויסען זיי טאקי דאס, וואס לויט זייער מיינונג, ווילען מיר ניט וויסען?

אין דער ווירקליכקייט וויסען זיי פונקט אזויפיעל, וויפיעל די „נייטראליסטען", ניט מעהר און ניט ווייניגער אויף א האר. אמת, אויף בעהויפטונגען קארגען זיי דוקא ניט. זיי בעהויפטען קאטעגאריש, אז דאס יודענטום קען ניט פערשווינדען, אז עס קען זיך ניט אסימילירען, אז עס וועט עקזיסטירען און זיך אנטוויקלען. נור דאס צו בעהויפטען—הייסט נאך ניט וויסען. א בעהויפטונג אהן בעווייזען איז אין בעסטען פאל—א גלויבענס־זאך, אינ'ם ערגסטען—א פוסטע פראזע. קיין בעווייזען פערמאגען זיי אבער ניט: זיי האבען קיין איינציג מאל אפילו ניט געפרובט געבען א בעווייז. אלצדינג וואס זיי פערמאגען, איז א אפטימיסטישע פראזע אדער א מיסטישער גלויבען, ניט מעהר. דאס איז וואלוועל אין לייכט. מיר ווילען זיך אבער ניט פערגניגען די אויפגאבע אויף אזא מין אופן.

מען מוז קאנסטאטירען, אז די אלע, וועלכע האלטען אין איין טענה'ן, פאר וואס מיר האבען ניט קיין פראגנאז, גיבען זיך אליין גאר ניט אב קיין דין וחשבון, וואס הייסט אנ'ערנסטער היסטארישער פראגנאז און ווי דארף מען איהם שטעלען. איך רעד שוין ניט וועגען אינזערע געגנער פונ'ם לאגער פון די בירזשוואזע נאציאנאליסטען. ס'איז מיר אבער ניט לאנג אויסגעקומען לייענען איינינע, טאקי ממש וואונדערבארע שורות, וועלכע זענען ארוים פון אינטער דער פעדער פון אונזערן א געזינונגס־חבר, א מענש, וואס מיר זענען געוועהנט איהם צו שעצען אלס א פעהיגען און ערנסטען פובליציסט. מען ווערט פשוט ערשטוינט, ווען מען זעהט, ווי „לייכט", ווי בליץ־שנעל ער לעזט דאס גרויסע און ערנסטע פראבלעם. „מען זאגט...—שרייבט ער—אז קיין בעשטימטען פראגנאז קען מען דערווייל ניט געבען. וועהסט דו, די טענה פערשטעה איך ניט. יודען האבען ביז אהער געלעבט און ענטוויקעלט זיך. זיי לעבען איצט.

קומט דערפון לאגיש ארויס, אז זיי וועלען ווייטער אויך לעבען און זיך ענטוויקלען *). מעהר ניט. אט דאס הייסט טאקי באמת געלעזט א פראגע מיט דער שנעלקייט פון א קאוואלעריע־אטאקע! און דאס הייסט ווירקליך א פרינציפיעלע אונוויסענהייט, א פרינציפיעלעס פערמאכען די אויגען. דא וויל מען אפילו ניט שטעלען די פראגע, מען וויל אפילו ניט א פראבע געבען מעהר אדער ווייניגער ערנסט, פרובען זיך אבגעבען דין וחשבון וועגען דעם, וואס ס'טוהט זיך אין ווירקליכען לעבען. דא זאגט מען איינפאך: אזוי וויל איך און אזוי וועט דאס זיין. יודען האבען געלעבט ביז אהער, דערפון איז געדרונגען, אז זיי וועלען לעבען ווייטער אויך. דאס הייסט: „עס קומט דערפון לאגיש ארויס": א מאדנע לאגיק.

איך ווייס זעהר גוט, ווי עס שרייבען זיך צייטונגס־ארטיקלען און איך וויל ניט נעהמען ערנסט יעדען לייכטזיניגען אויסדרוק, וואס זיך פערכאפט אין א צייטונגס־פעליעטאן, כאטש איך רעכען, אז ס'איז דא אזויגע זאכען וואס מען דארף וועגען זיי שרייבען אדער בעטראכטענדיג פריהער וואס מען וויל שרייבען, אדער... גאר ניט שרייבען. נאך ווייניגער חשק האב איך צו פאלעמיזירען געגען אזעלכע בעהויפטונגען. איך ברענג דאס נור פאר א ביישפיעל, כדי צו ווייזען, וואס מענשען פערשטעהען אונטער פראגנאז און אינטער „וויסען". וועל איך דען ניט זיין גערעכט, אויב איך וועל זאגען, אז בעסער דאס ערנסטע ניט־וויסען, איידער אזא מין „וויסען"?

מיר האבען ניט איינמאל געהערט דעם פזמון וועגען דער „שרעקעדיגקייט" פון אונזער געדאנק. איך מוז זאגען דעם אמת: טויזענד מאל מעהר דרייסטקייט דארף מען האבען, כדי צו זאגען אפען: „איך ווייס ניט", איידער צו פערשטעלען די אונוויסענהייט פאר זיך און פאר דער וועלט מיט א פאראד פון פוסטע ווערטער; טויזענד מאל עהרליכער איז אונזער „נייטראליזם", איידער דער מיסטישער נאציאנאליזם פון אלערליי בעלעטריסטישע פאליטיקער, וועלכע טרייסטען זיך און אנדערע מיט דער אילוזיע פון א כלומר'שדיגען פראגנאז.

ווארום די איבערצייגונג, אז דעם פראגנאז האט מען שוין ווירקליך געשטעלט (וועהר? ווען? וואו?), אז די פראגע וועגען דער צוקונפט פונ'ם יודישען פאלק איז שוין ווירקליך געלעזט,—די דאזיגע איבערצייגונג איז ניט מעהר, ווי א אילוזיע. צו דער פראגע האט מען זיך נאך אפילו ניט גענומען. איך געדענק נאר איין ארטיקעל, וואו מ'האט געפרובט אויפשטעלען די פראגע. דאס איז וול. קאסאווסקי'ס ארטיקעל, וועלכער איז ערשינען אין יאהר 1904 און איז נאכדעם איבערגעדרוקט געווארען אין זיין בראשור. דאס איז ניט מעהר ווי א פראבע, וואו עס ווערט נאר אנגעמערקט די פראגע, און איך רעכען, אז דער אויטאר גופא האט געקוקט אויף איהר נאר ווי אויפ'ן ערשטען טריט, וועלכער הויבט ערשט אן די ארבייט און קען זי בשום אופן ניט ערשעפען. געווען נאך א פאר פראבעס. אבער דאס איז נאר א הונדערטס־חלק פון דעם, וואס ס'איז נויטיג. מען מוז געהן ווייטער, מאכען נייע טריט אויף דעם וועג, און ניט פערשלעפען זיך מיט א לידעלע, אז אלצדינג איז שוין פערענטפערט.

צו איז מעגליך, אז די דאזיגע ארבייט זאל פערענדיגט ווערען אין דער נאהענטער צוקונפט, צו קען מען שטעלען דעם פראגנאז מיט פאלקאמענער קאטעגארישער בעשטימטהייט? איך וואלט ניט געוואלט ענטפערען אויף דער פראגע מיט „ניין", נאר איך האב א שטארקען ספק, צי קען די דאזיגע אויפגאבע ערפילט ווערען אין היינטיגען מאמענט. דער וועג פון דער ווייטערדיגער ענטוויקלונג פונ'ם יודענטום וועט זיין א פועל־יוצא פון דער געגענזייטיגער ווירקונג פון א גרויסער צאהל זעהר פערשיעדענארטיגע און אומענדליך קאמפליצירטע געזעלשאפטליכע קרעפטען. סאציאלאגישע ערשיינונגען קען מען איבערהויפט ניט פאראויסזאגען מיט גרויסער בעשטימטהייט. ס'האט געמוזט קומען אזא ריזע, ווי מארקס, כדי צו קענען אנטדעקען אין די אלגעמיינסטע שטריכען דעם וועג פון דער ווייטערדיגער קאפיטאליסטישער ענטוויקלונג. ער האט דאס אנטדעקט, פאראויסגעזעהן, ווייל ער האט דערקענט די אינערליכע נויטווענדיגקייט פון דער עקאנאמישער ענטוויקלונג. צו קען מען געפינען די זעלבע אייזערנע נויטווענדיגקייט אין דער פראגע, וועלכע מיר בעהאנדלען? רעדען רעדט זיך דא, נאטירליך, ניט וועגען א מעגליכקייט, נאר וועגען דערקענען די היסטארישע נויטווענדיגקייט. ווען מען זאגט: פראגנאז, וויל מען דערמיט ניט פרעגען, צו קען געמאלט זיין, אז דאס יודענטום זאל אויסלעבען, צו קען עס אויסמיידען די אסימילאצי־

---

*) א. ליטוואק. פובליציסטישע בריעף. „דער פריינד" № 139

—יע; נאָר: צו הערט דאָס טאַקע בפירוש אַזוי זײַן?

יעדערער, װער ס'האָט זיך באַשעפטיגט מיט דער נאַציאָנאַלער פראַגע, װײסט, אַז אין דעם פּרט באַשאַפט די הײַנטיגע אָרדנונג צװײ פײַנדליכע טענדענצען: פון אײן זײַט די אַסימילירענדיגע, פון דער אַנדערער — די נאַציאָנאַליזירענדיגע טענדענץ. אױסשטרײַכען אײנע פון זײ דורך אַ פּראָסטען שטריך מיט אַ פעדער — איז אונמעגליך. בײדע עקזיסטירען, בײדע װירקען. װעלכע װעט סוף כל סוף גובר זײַן די צװײטע, דאָס הענגט אָב פון טױזענטער פערשידענע באַדינגונגען, פון טױזענטער פערשידענע פאַקטאָרען — עקאָנאָמישע, פּאָליטישע, קולטורעלע, דאָס הענגט אָב פון דער קאָמבינאַציע פון די דאָזיגע פאַקטאָרען, פון דער שנעלקײט, מיט װעלכער עס װעט גײן די ענטװיקלונג; און װאָס איז שײך צו דער שנעלקײט, איז דאָ שױן לכל הדעות ניט מעגליך עפּעס פּראָגנאָזירען, װאָס ס'זאָל זײַן גענױ בעגרינדעט.

מיר װילען ניט װיסען די צוקונפט, מיר װילען ניט קײן פּראָגנאָז! ס'אַראַ לעכערליכע בעהױפּטונג: מיר װײסען נאָר, אַז מען דאַרף איבער דיזער פראַגע **אַרבײַטען**, אַרבײַטען לאַנג און פלײַסיג, ביז מען װעט קענען עפּעס גענױער זאָגען. װילען־װילען מיר אָבער אױסגעפינען דעם פּראָגנאָז, לכל הפּחות, ניט װעניגער, װי דער ערשטער בעסטער נאַציאָנאַליסטישער פּלאַפּלער.

דאָס העכסטע, װעגען װאָס מיר קענען איצט רעדען, איז די גרעסערע אָדער קלענערע װאַהרשײַנליכקײט פון דער יענער פּערספּעקטיװ, װאָס די נאַציאָנאַליסטען האַלטען זי שױן פאַר דערװיזען. װאַהרשײַנליכקײט איז אָבער נאָך ניט געװיסהײט, און „אפשר“ איז נאָך װײַט פון פּראָגנאָז. קײן פּראָגנאָז האָבען מיר ניט, און ס'האָט איהם ניט קײנער.

װילען אַרבײַטען מען בײַ אונזערע בעדינגונגען, דאַ מוז מען נעהמען אין בעטראַכט די אַנדערע זײַט פון דער פראַגע. פערהאַלטען מיר זיך פּאָזיטיװ בנוגע צום **נאַציאָנאַלען** פּראָגנאָז, שטערט דאָס אונז ניט צו פערהאַלטען זיך ניט װעניגער פּאָזיטיװ בנוגע צום פּראָגנאָז פון דעם אַנדערן לאַגער. און מיט דעם אַסימילאַטאָרישען פּראָגנאָז, װײַזט מיר, האַלט עס נאָך ערגער, װי מיט דעם פּראָגנאָז פון די נאַציאָנאַליסטען. דער לעצטער איז דערװײַלע אונבעגרינדעט; ער איז װאַהרשײַנליך, נאָר ער איז נאָך ניט דערװיזען; ניט דערװיזען, װײַל ס'האָט דאָס נאָך ניט געפּרוּװט **טהאָן**. די אַסימילאַציע, פערקערט, האָט שױן געפּרוּװט און האָט באַקומען די מפּלה. די אַסימילאַטאָרען האָבען זיך אױסגעדאַכט, אַז זײ האָבען דערקענט די אײַזערנע נױטװענדיגקײט פון היסטאָרישער ענטװיקלונג; זײ האָבען געפּרוּװט **דערװײַזען**, און די בעװײַזען זײערע קענען מיר אַלע, זײ שטעהען פאַר אונזערע אױגען, און מיר זעהען, אַז זײ האַלטען ניט אױס די גרינגסטע קריטיק. װאָלטען נאָך די אַסימילאַטאָרען זיך געשטעלט אַ בעשײדענע אױפגאַבע: דערװעקען אין אונז אַ צװײפעל בנוגע צו דער צוקונפט פונ'ם יודענטום, װאָלטען זײ געקענט רעכענען, אַז דאָס איז זײ געלונגען. אַ צװײפעל איז פאַרהאַן, און אַ. ליטװאַק האָט נאָר אומזיסט איהם געװאָלט אַװעקמאַכען אונטער'ן האַנד. די אַסימילאַטאָרען האָבען אָבער געװאָלט דערװײַזען **מעהר**: זײ האָבען געװאָלט דערװײַזען, אַז די אַסימילאַציע איז **אונפערמײַדליך**. דאָס צו דערװײַזען האָט זיך זײ ניט אײַנגעגעבען, **דער** גלױבען האָט פערלױרען יעדען קרעדיט.

און פערגעסען טאָר מען ניט, אַז נאָר **אײן** איבערצײַגונג װאָלט אונז געקענט צװינגען צו אָבזאָגען זיך פון יעדען נאַציאָנאַלען פּראָגראַם און פון יעדער נאַציאָנאַלער אַרבײַט. נאָר די אונבעדינגטע געװיסהײט, אַז דער סוף פון דער אומה איז נאָהענט, װאָלט אונז געקענט צװינגען צו ליקװידירען דאָס עקזיסטירענדע נאַציאָנאַלע לעבען. װאָרום אין דעם פּרט האָט ליטװאַק מוחל געװען: דער חוב צו דערװײַזען ליגט אױף דעם צד, װאָס לײקענט, אױף די אַסימילאַטאָרען. נאַטירליך איז דאָס ניט אינגאַנצען אַזױ, װי ליטװאַק פערשטעהט דאָס, װען ער שרײַבט: ביז װאַנען מען װעט מיר ניט דערװײַזען, אַז דאָס יודענטום איז פער־משפּט צום אונטערגעהן, װעל איך האַלטען, אַז איך פערמאָג אַ פּראָגנאָז. דאָס איז ניט ריכטיג. װאָרום דערמיט װאָס דער געגנער האָט מיך ניט איבערצײַגט אין דער אונפערמײַדליכקײט פון זײַן פּערספּעקטיװ, האָט ער מיך נאָך ניט בעפרײַט פון חוב צו בעװײַזען, אַז **מײַן** פּערספּעקטיװ איז אונפערמײַדליך. דאָס הײסט נאָר, אַז ס'איז איבערהױפּט ניט בעװאוסט, װעלכע פון בײדע פּערספּעקטיװען װעט פערװירקליכט װערען אין לעבען. װאַהרשײַנליך איז נאָר, אַז אין דער פּראַקטישער אַרבײַט דאַרף מען פריהער פאַר אַלץ בױען אױף דעם װאָס ס'איז פאַרהאַן. װען מיר װאָלטען װיסען, אַז די נאַציאָן װעט פערשװינדען און אַז דער סוף איהרער איז שױן נאָהענט, אַז אָט אָט נעהמט זי אונטער, װען מיר װאָלטען דערין זײַן איבערצײַגט און די איבערצײַגונג אונזערע װאָלט זײַן אַן אונבעדינגטע, װאָלטען מיר דערמיט זיך געמוזט רעכענען אין אונזער אַרבײַט.

נאָר אַזױ װי אַזאַ איבערצײַגונג איז בײַ אונז ניט פאַרהאַן, אַזױ װי די אַסימילאַטאָרען גופא (באַאוער!) מוזען מודה זײַן, אַז צו דעם סוף, װעלכער איז אפילו נאָך **זײער** מײנונג גאַנץ װײַט, געהט דאָס יודענטום אױף דעם װעג פון נאַציאָנאַלער אױפלעבונג, דעריבער שטעהט פאַר אונז די פראַגע אַנדערש. די יודישע נאַציאָן עקזיסטירט; דאָס נאַציאָנאַלע לעבען ענטװיקעלט זיך און װערט שטאַרקער, װי ס'זאָלען ניט אױסזעהן די װײַטע פּערספּעקטיװען; דאָס איז שױן ניט קײן פּראָגנאָז־פראַגע, נור אַ פאַקט. די נאַציאָנאַלע בעדערפענישען װאַקסען — רעאַלע לעבענס־בעדערפענישען פון אונזער קולטור־לעבען. קען מען זיך דען אָבזאָגען פון צו בעפרידיגען די דאָזיגע בעדערפענישען און פון צו קעמפפען פאַר זײער בעפרידיגונג נאָר דערפאַר, װאָס מיר װײסען יעצט ניט, װאָס װעט זײַן אין דער װײַטער צוקונפט? זענען מיר דען איבערהױפּט זיכער, אַז אַלע איבעריגע נאַציאָנען װעלען אײביג עקזיסטירען? קענען מיר דען איצט בעגראָבען דאָס פאָלקס־לעבען אָדער ציהען גלײַכגילטיג, װי אַנדערע בערבען דאָס, נאָר דערפאַר, װאָס אפשר **װעט** הײַנט ניט אין די יודען אױסקומען זיך צו אַסימילירען? געװיס ניט. מען מוז אַרבײַטען, מען מוז פערזוכען, בעפרידיגען די בעדערפענישען פון דעם איצטיגען לעבעדיגען לעבען.

איך װיל ניט לײַקענען, אַז די דאָזיגע לאַגע איז פערבונדען מיט אַ געװיסער פּסיכאָלאָגישער אינקאָנסעקװענץ, װעלכע מוז שטערען די אַרבײַט. שטענדיג שװעבט אַרױף פאַר די אױגען די פערשאָלטענע פראַגע: אפשר? װער װײסט, צי װעט ניט זײַן די אַסימילאַציע דער סוף פון דעם אַלעם? געװיס װאָלט די שטימונג געװען נאָך בעסער, װען די מעגליכקײט פון אַסימילאַציע װאָלט געװען אױסגעשלאָסען אײנמאָל פאַר אַלע מאָל, װען די פערשאָלטענע פראַגע װאָלט גאָר זיך ניט קענען דערװעקען. מיט אַ „שפּרוך“ קען מען זי אָבער ניט פערטרײַבען און מיט װיצען קען מען דאָס ניט העלפען. אין דער רעאַלער אַרבײַט, זאָג איך נאָך אַ מאָל, קען מען זיך ניט רעכענען מיט דעם, װאָס ס'קען אפשר פּאַסירען, נאָר מיט דעם, װאָס ס'איז **פאַרהאַן** און װאָס ס'איז **נױטיג**. פאַרהאַן זענען אָבער נאַציאָנאַלע בעדערפענישען און נױטיג איז זײ צו בעפרידיגען.

נאָר דאָ געה איך שױן איבער צו דער צװײטער פראַגע — צו דער פראַגע װעגען אונזערע אױפגאַבען.

II

װאָ איז דער צענטער פון דער פראַגע, װאָ איז דער עיקר פון אונזערע אַנשױאונגען? צי בעשטעהט דער עיקר אין דעם, װאָס מען פערשטעהט געװעהנליך אונטערן װאָרט „נײטראַליזם“? שױן פון אָנפאַנג אָן בעמערקט איהר דאָ אַ מאָדנע סתירה. „נײטראַליזם“ — דאָס הײסט דאָך גלײַכגילטיגקײט, דאָס הײסט דאָך — זיך ניט מישען. מען שמועסט אָבער װעגען אַ סיסטעם פון **אױפגאַבען**, קען מען דען איבערהױפּט רעדען פון „נײטראַלער“ האַלטונג? מענשען שטעלען זיך אױפגאַבען, הײסט עס — זײ שטרעבען צו עפּעס. איז דען פאַר זײער האַלטונג ניט מעהר כאַראַקטעריסטיש אָט דאָס „עפּעס“, װאָס זײ װילען דערגרײכען, אײדער דאָס, פון װאָס זײ גײען פאַרבײַ? הײסט דאָס דען ניט אינגאַנצען איבערדרעהען די פּערספּעקטיװ, װען מען שטעלט אין מיטעלפּונקט פון דער װעלטאַנשױאונג דאָס, װאָס ס'דאַרף אין איהר פערנעהמען דעם לעצטען פּלאַץ?

געװעהנליך מאַלט מען אונז אין בילד, אַ מאָל זענען מיר געװען אַסימילאַטאָרען, אָפענע אָדער פערבאָרגענע. נאָכדעם האָבען אױף אונז גענומען װירקען אַזױנע און אַזױנע אידעאַלען — האָבען מיר פערלאָזען אונזער אַלטען שטאַנדפּונקט און זיך אַ רוק געגעבען נעהענטער צום נאַציאָנאַליזם. אַ רוק געגעבען זיך, אָבער ניט דערגאַנגען. מיר האָבען זיך דערשראָקען, װאָס װעלען זאָגען אונזערע חברים די מאַרקסיסטען און װאָס װעט זאָגען אונזער אײגענער מאַרקסיסטישער געװיסען. זענען מיר געבליבען אױפ'ן האַלבען װעג. געבליבען שטעקען אױפ'ן שײד־װעג. געמאַכט פון שײד־װעג אַ פּרינציפּ, „פון דער ניט אַ כונעגדי“, און דאָס דאָזיגע ניט־אַהער ניט־אַהין האָבען מיר אַ נאָמען געגעבען „נײטראַליזם“.

אָט אַזאַ פערשטעלונג איז גאַנץ נאַטירליך בײַ אַזױנע מענשען, װאָס װײַטער פון דעם געגענזאַץ „נאַציאָנאַליזם“—„אַסימילאַציע“ קענען זײ ניט זעהן און װאָס דער דאָזיגער געגענזאַץ פערשטעלט פאַר זײ אַלע אַנדערע פּערספּעקטיװען. בעשרײַבען אַזױנע מענשען אַ נײַעם שטאַנדפּונקט,

װאָס נעמט זיך אױסער דעם דערמאָנטן געװאַלט, שרײַען זײ אין אײן קול: סטײטש, דאָס איז ניט אַהער ניט אַהין; זײ קענען זיך פּשוט ניט פֿאָרשטעלן, אַז אַחוץ נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַציע װאָלטן קענען עקזיסטירן נאָך אַנדערע פּינקטן און אַז די דאָזיגע פּינקטן װאָלטן ליגן אין אַ גאַנץ אַנדערן שטח.

איך האָב שױן אײנמאָל אָנגעװיזן — און װיפֿיל איך געדענק, האָט דאָס קײן װידערשפּרוך ניט געװעקט — אַז נאַציאָנאַליזם און אַסימילאַציע, כאָטש זײ געבן אױף אײנע און די זעלבע פֿראַגע צװײ פֿאַרשידענע ענטפֿערן און די ענטפֿערן זענען פֿאָלקאָם סותר אײנער דעם אַנדערן, פֿינדעסטװעגן די פֿראַגע גופֿא שטעלן זײ בײדע אױף אײנעם און דעם זעלבן אופֿן. און דאָס איז דאָך פֿאַקטיש דער חילוק צװישן אונז און זײ, װאָס מיר שטעלן אַנדערש די פֿראַגע גופֿא. און װען מיר זענען ניט מסכים מיט זײער פֿראַגע־שטעלונג, איז אונז, גאַנץ נאַטירלעך, גלײַך, װאָס פֿאַר ענטפֿערן זײ געפֿינען.

דאָ איז װיכטיג נאָך אַמאָל צו אױפֿדעקן דאָס כאַראַקטעריסטישע פֿון זײער פֿראַגע־שטעלונג. אין װאָס באַשטײען דען זײערע נאַציאָנאַליסטישע אױפֿגאַבן (און אַז דער אַסימילאַטאָר איז אױך אַ נאַציאָנאַליסט, נאָר אױף דער לינקער זײַט, איז בײַ קײנעם, דאַכט זיך, ניטאָ קײן צװײפֿל) אין װאָס באַשטײט דער בירדשואַזער תּוך פֿון די דאָזיגע אױפֿגאַבן און פֿאַר װאָס קענען מיר זײ ניט אַרײַנשטעלן אין אונזער פּראָגראַם? געפֿינען זיך דען צװישן די דאָזיגע אױפֿגאַבן אױך אַזױנע, װי למשל די זאָרג פֿאַר דער פֿאָלקס־שול, פֿאַר דער מוטער־שפּראַך, פֿאַר אַנדערע געביטן פֿון דער אַזױ גערופֿענער פֿאָלקסטימלעכער אַרבײט? מוזן מיר דען אַרײַננעמען אין דעם פּראָגראַם קרײַז פֿון „ניטראַליזם" אַלץ דאָס אין װאָס ס'דרײט זיך אַרום די לעבעדיגע שעפֿערישע קראַפֿט פֿונ'ם נאַציאָנאַלן לעבן? מוזן מיר דען זיך אָפּשטעלן אין אַ זײַט פֿון אַלעם דעם און קאַלט און גלײַכגילטיג צוזעהן, ניט מישענדיג זיך אין גאָר ניט? װאָרום אין אמתן איז דאָך קלאָר, אַז יעדע אַרײַנמישונג טוט פֿאַקטיש פֿיהרן אָדער אױפֿן װעג פֿון אַסימילאַציע, אָדער אױפֿן װעג פֿון „נאַציאָנאַליזאַציע": אין אַזאַ פֿראַגע, װי די שפּראַך צ. ב., אױב מען מישט זיך שױן אין איהר אַרײַן, מוז מען דאָך זאָגן אײנס פֿון די בײדע: צי איז מען פֿאַר דער פֿאָלקס־שפּראַך, צי איז מען געגען איהר, און אין אַזאַ פֿראַגע, װי די פֿאָלקס־שול, קוים נעהמט מען זיך שױן פֿאַר איהר, מוז מען דאָך אַרױסזאָגן אָפֿן, צי װיל מען אַ נאַציאָנאַלע שול, צי װיל מען ניט. ניטראַליזם איז אַלזאָ מעגליך נאָר דאָרט, װאו מען טוט גאָר ניט; ניטראַל זײַן הײסט — פּרינציפּיעל זיך אָבזאָגן פֿון יעדער אַרבײט.

אַזעלכע פֿראַגן קומט אױס צו הערן אױף יעדן טריט, און ניט װעניג מענשן ברעכן זיך דעם מח, ניט זעהענדיג קײן אױסװעג פֿון דער שװערער פֿערלעגנהײט. איך װעל ניט געהן נאָכפֿאָרשן, פֿון װאַנען עס נעהמען זיך די מיספֿערשטענדנישן, װעלכע שטעקן אין אַלע אַזױנע פֿראַגן. דאָס איז ניט אַזױ װיכטיג. איך װיל רעדן װעגן דעם תּוך.

אײן מאָל פֿאַר אַלע מאָל מוז מען פֿעסטשטעלן: װער עס װיל געפֿינען די גרענעץ־ליניע, װעלכע טײלט פֿאַנאַנדער די פּרינציפּיעלע פּאָזיציעס פֿון פֿאַרשידענע פּאַרטײען, דער זאָל זי זוכן ניט אין דעם **מאַטעריאַל**, װעלכען די פּאַרטײען באַאַרבײטן, ניט אין דעם געביט פֿון געזעלשאַפֿטליכן לעבן, מיט װעלכען די פּאַרטײען אינטערעסירן זיך (װאָרום טהעאָרעטיש גערעדט איז גאָר ניטאָ אַזאַ געביט, װאָס װעלכע ניט איז פּאַרטײ זאָל זיך מיט איהם כלל ניט אינטערעסירן) נאָר ער זאָל זעהן, **װאָס** די פּאַרטײ טהוט אױף דעם געביט, װי און **צוליעב װאָסערע טעמים** די פֿיהרט דאָרט איהר אַרבײט. און דאָ ליגט דער טיפֿסטער אונטערשײד צװישן אונז און מכּל המינים נאַציאָנאַליסטן. דאָ איז דער אָבגרונד, װעלכער טײלט אונז פֿאַנאַנדער.

לאָמיר נעהמען די ערשטע בעסטע פֿראַגע פֿון דער אַזױ גערופֿענער פֿאָלקסטימליכער אַרבײט. אי מיר, אי די נאַציאָנאַליסטן זענען פֿאַר אַ נאַציאָנאַלע שול, אי מיר, אי די נאַציאָנאַליסטן האַלטן פֿאַר נײטיג צו אַנטװיקלען די יודישע פֿאָלקס־שפּראַך. אָבער דער אױסגאַנגס־פּונקט און די מאָטיװען זענען בײַ אונז און בײַ די אױסערסט פֿערשידען. פֿאַר אונז איז דאָס װיכטיגסטע די לעבענס־אינטערעסן פֿון דעם אַרבײטער קלאַס אין־בכלל — פֿון די ברײטע פֿאָלקס־מאַסען איבערהױפּט. בײַם נאַציאָנאַליסט זענען די רעאַלע אינטערעסן קײן װעג־װײַזער ניט. פֿאַר איהם איז דער נאַציאָנאַליזם — אַ ציעל פֿאַר זיך, און דאַרף ניט באַגרינדן זײַן קיום מיט װעלכע ניט איז אינטערעסן; בײַ איהם איז די נאַציאָנאַלע אידעע גופֿא — דער העכסטער װערט, איהר באַ־

גרינדונג ליעגט אין איהר אַלײן. אױב דאָ האַנדעלט זיך װעגן **יודישען** נאַציאָנאַליזם, איז דער גרונד־פּרינציפּ זײַנער אױסגעדריקט אין אײן װאָרט: „יודישקײט".

דערין שטעקט דער ספּעציפֿישער, נאַציאָנאַליסטיש־בורזשואַזער עלעמענט, װעלכן מיר פֿערװאַרפֿן. דאָ ליעגט דער אונטערשײד, װעלכער טײלט אונז פֿאַנאַנדער. װי אומעטום, בלײַבן מיר אױך אין דער נאַציאָנאַלער פֿראַגע רעאַליסטן, ניט אין דעם זין פֿון שמאָלן פּראַקטיציזם, נאָר אין דעם זין װאָס מיר געהען אַרױס פֿון רעאַלע אינטערעסן און לעבענס־בעדערפֿנישען. די נאַציאָנאַליסטן, פֿערקעהרט, זײַנען מעטאַפֿיזיקער; זײער אױסגאַנגס־פּונקט איז אַן אַבסטראַקטע אידעע און — נאָך ערגער — אַ פֿראַזע. אַהינצו, אין די נעבעלהאַפֿטע הײליקײטן פֿון די מעטאַפֿיזישע „העכערע", װילען מיר זײ ניט נאָכגעהן. דאָרט, װאו עס הערשט די רײנע נאַציאָנאַליסטישע פֿראַזע, בלײַבן מיר גלײַכגילטיג און רוהיג. דאָ זענען מיר באמת ניטראַל. װאָרום דאָ איז ניטאָ קײן **לעבען**, דאָ הערשען געשפּענסטער.

קלאָר און דײַטליך פֿאָרמולירן די פּרינציפּען פֿון אָט דער מעטאַפֿיזישער װעלטאַנשױאונג איז אָבער גאָר ניט מעגליך. װי מען קען ניט אָנטאַפּן אַ װאָלקן, אַזױ קען מען דעם דאָזיגען נאַציאָנאַליזם ניט אַרײַנשטעלן אין די ראַהמען פֿון אַ בעשטימטער פֿאָרמעל. צו װאָס אײגענטליך שטרעבט ער? װאָס װיל ער? מיט װעלכער מאָס מעסט ער? װאָס איז פֿאַר איהם גוט און װאָס שלעכט? מ'האָט געקענט מײנען, אַז דער קלאַסישער אױסדרוק פֿון אַזאַ מין נאַציאָנאַליזם איז די באַקאַנטע פֿאָרמעל: „**מײַנס** איז גוט, **יענעמס** איז שלעכט". לאָזט זיך אָבער אױס: נײן, עס פּאַסט ניט. ס'װאָלט קומען אַ נאַציאָנאַליסט און װאָלט אױך ערקלערן, אַז ניט אַלצדינג איז גוט, װאָס ס'איז „אײגענס", אַז אין דעם יודישן לעבען, אין די יודישע טראַדיציעס, אין די יודישע זיטען געפֿינט ער אױך פֿינסטערע זײַטען; „אײגענס" — און ס'טױג פֿאָרט ניט אין אַ נאַציאָנאַליסט איז ער פֿאָרט פֿון דעם קאָפּ ביז די שפּיץ פֿינגער! מאַ װאָס זשע פֿאָרט? װאָס הײסט נאַציאָנאַליזם? נעהמען מיר אַן אַנדער פֿאָרמעל: גוט איז דאָס, װאָס ס'דריקט אױס דעם **עצם** פֿון דעם יודענטום, און די אױפֿגאַבע פֿון דעם נאַציאָנאַליסט איז — אונטערשטיצען און אַנטװיקלען דעם דאָזיגען „עצם". געגען אַזאַ פֿאָרמעל װעט דער נאַציאָנאַליסט ניט האָבן גאָר ניט: „דער עצם פֿונ'ם יודענטהום", „די יודישקײט" — „דאָס פּינטעלע יוד" — דערין ליעגט דער קערן פֿון זײַנע אַנשױאונגען, דער מיטעלפּונקט פֿון זײַנע שטרעבונגען און טרוימען. אַ בעקװעמע פֿאָרמעל! נאָר כאָטש דער נאַציאָנאַליסט האָט מיט איהר זײַן אײנפֿערשטאַנדען (אָדער אפֿשר פֿאַקט דערפֿאַר, װײַל ער איז מיט איהר אײנפֿערשטאַנדען) איז אין איהר לײַדער ניטאָ קײן שום אינהאַלט. װאָרום ניט אײן מאָל און ניט צװײ מאָל האָט מען שױן דערװיזן, אַז די דאָזיגע אַלע „עצמ'ס" זענען ניט מעהר װי אַ פּוסטע פֿראַזע, װאָס יעדערער לעגט אין איהר אַרײַן, װאָס איהם װילט זיך. „דער עצם פֿונ'ם יודענטום" — אונטער די װערטער קען מען באמת פֿערשטעהן אַלצדינג, װאָס דאָס האַרץ גלוסט. װאָס ס'איז גוט — דאָס געהער צום „עצם"; װאָס ס'איז שלעכט — דאָס איז אַ צופֿעליגער פּרט. אױף אַזאַ אופֿן בלײַבט די פֿראַגע: װאָס איז גוט און װאָס איז שלעכט? פֿאַקט אַלץ אָהן ענטפֿער; מיר דרעהען זיך אין פֿערכּישופֿ'טען קרײַז און קומען סוף כּל סוף צום אָנהױב: גוט איז דאָס, װאָס ס'איז מיר ליעב, ליעב איז דאָס, װאָס ס'איז גוט אין מײַנע אױגען. אָט דאָס דרעהען זיך אין פֿערכּישופֿ'טען קרײַז איז ניט קײן צופֿאַל; אַזױ איז שױן דאָס מזל פֿון יעדער געזעלשאַפֿטליכער מעטאַפֿיזיק; דער נאַציאָנאַליזם מוז זיך דרעהען אין דעם ראָד פֿון זײַנע אײגענע פֿראַזען; ער פּלאָנטערט זיך און קען זיך ניט אױסדרעהען; ער שטיצט זיך אױף דעם װאָס מען דאַרף ערשט דערװײַזן; ער דערװײַזט דאָס, װאָס קײנער האָט דערין קײנמאָל ניט געצװײפֿעלט, און סוף כּל סוף קעהרט ער זיך אום צום אַלערהעכסטן „אַזױ װיל איך" — אַ שטאַנדפּונקט, װאָס איז אַזױ כאַראַקטעריסטיש פֿאַר אונזערע בעלעטריסטישע נאַציאָנאַליסטן. אָט אַזאַ מין לעכערליכע שפּיעל אין פּאָליטיק, אין „פּראָבלעמען", אין „װעלטאַנשױאונגען", אָט אַזױנע מיני מליצות פֿון נאַציאָנאַליסטישע בעלי־דרשנים, װעלכע זענען ניט פֿעהיג צו ענטפֿערן קלאָר און פֿערשטענדליך, װאָס זײ װילען און װעלכע מאָטיװען זײ שטעלן אַרױס, אָט אַזױנע מינע „טעאָריעס", װאו דאָס אָרט פֿון קריטעריען פֿערנעהמט דער קאַפּריז און דאָס אָרט פֿון אַרגומענטן — „דאָס פּינטעלע יוד", — דאָס אַלעס ערװעקט אין אונז כלל ניט קײן קנאה. מיר געהען פֿאַרבײַ. אונז איז אַלץ אײנס. מיר זענען „ניטראַל".

נאַטירליך מײנען די אַלע נאַציאָנאַליסטן שרײַען

אין איין קיל, אז ווער ס'איז גלייכגילטיג צו דיזיגע מליצות און [illegible] קינצען־מאלערייען, ווער איז גלייכגילטיג צו דער נאציאנאלער פראגע איבערהויפט. דארום [illegible] [illegible] איז אט די קינצען־מאלעריי — דער תוך כל התכלית. פאר אונז איז דאס אבער כלל ניט וויכטיג. דאס איז אפילו ניט קיין אנהויב, דא איז נאך אפילו ניט געשטעלט די ערנסטע פראגע. דאס איז ניט מעהר, ווי א קליינינקע ליושע ביי דער זייט פון דעם ברייטען וועג. און אינוועניג [illegible] האט די ליושע זעהר וועניג חן און [illegible]. מיר געהען איבער'ן ברייטען וועג פון לעבענס־בעדערפנישען און מיר וויסען, פון דער ערפאהרונג, אז ארבייטענדיג אויף דעם געביעט פון די ווירקליכע רעאלע פאלקס־אינטערעסען, טראגט מען אריין אונענדליך מעהר אין דעם נאציאנאלען אוצר, אידער רעדענדיג כסדר שענע פראזען וועגען דעם פערשוואומענעם און מיסטישען האלבען פערהויקעלטען נאציאנאליזם.

נאר מ'וועט אונז אפשר זאגען: אמת, אין נאציאנאליזם איז פאראן זעהר פיעל אלט־וואַרג, אבער צי קען מען אין דעם אלט־וואַרג אריינווארפען אזא גרויסע און וויכטיגע פראגע, ווי דער קיום האומה? שוין ניט אין דעם זין פון פראגנאזע, נאר אין דעם זין, צי איז דאס ווינשענסווערט אדער ניט? ניט שוין וועלכע איז אזא וויכטיגע פראגע, ווי די פראגע וועגען דעם לעבען און דעם טויט פון דער אומה, אויך ניט מעהר, ווי א מעטאפיזישע מליצה? ניט שוין [illegible] קען מען דא אויך בלייבען גלייכגילטיג? איז דען מעגליך, אז ס'זאל אייך ניט גערירט, ווען איהר ווערט געוואהר, אז דאס יידענטהום איז פערמשפט אומצוקומען אלס בעזונדערע נאציאן?

צי האט דאס אונז גערירט? ס'איז א מאדנע פראגע! נאטירליך האט דאס אונז גערירט. ווער קען דען דערין צווייפלען? יעדער נארמאלער מענש איז צוגעבונדען צום אייגענעם, אלץ איינס צי איז דאס אן אייגען הויז, אן אייגען לאנד אדער אן אייגענע נאציאן. דאס איז א נאטירליכער און אלגעמיינער סאציאלער אינסטינקט. אמת, דער ייד איז אין פיעלע פרטים ווייט פון דער נארם, דעריבער איז די דאזיגע צוגעבונדענהייט ביי איהם אויך א קראנקהאפטע, א [illegible], א צעבראכענע. אבער אין אלגעמיין איז די צוגעבונדענהייט פאראן. ווארים יעדעס פאלק — ווי סוף כל סוף אויך יעדע פערזאן — פערמאגט אין זיך א געוויסען קולטורעלען קאנסערוואטיזם (איך בין ניט אויסען דא צו טאדלען — איך געברויך דאס ווארט בוכשטעבליך) און א געוויסע ליבשאפט צו דעם, וואס ס'איז פאראן און וואס מ'האט זיך צוגעוואוינט. דער דאזיגער קאנסערוואטיזם שפילט אזא גרויסע ראלע אין דער ערהאלטונג פון נאציאנען, מלוכות, פון אלערליי געזעלשאפטליכע קאלעקטיווען. און אויב מיר זאלען איצט געהמען רעדען וועגען דער צוקונפט פון יידענטהום, וואלטען מיר געמוזט אריינרעכענען צווישען אלע איבעריגע קרעפטען, וואס וועלען בעשטימען די דאזיגע צוקונפט, אויך די קראפט פון דעם קולטורעלען קאנסערוואטיזם. נאר איצט רעדען מיר וועגען אן אנדער זאך. אונז אינטערעסירט ניט די פראגע, צי איז פאראן ביי די יידען דער אדער יענער אינסטינקט, וועלכער העלפט דער נאציאן צו בלייבען ביים לעבען. מיר פרעגען: צי דארפען מיר דעם קיום האומה שטעלען פאר א ציעל? צי דארפען מיר דערויף שטרעבען אין אונזער ארבייט?

ענטפערט מען אונז: יא, איהר דארפט. ווייל דאס איז פערבונדען מיט די לעבענס־בעדערפנישען פון דער מאסע. די פאלקס־מאסען ווערען דערין פראינטערעסירט. פראינטערעסירט ווערען זיי דערפאר, ווייל [illegible] דאס נאציאנאלע — ד. ה. זיך אסימילירען — איז א שמערצליכער און פיינליכער פראצעס, פול מיט מאטערניש און ליידען פאר די וואס מאכען איהם דורך. דעריבער מוז מען זעהן, אז די פאלקסמאסען זאלען פון איהם ניט וויסען, דעריבער מוזען מיר ארבייטען צוליעב דעם, אז די יודישע נאציאן זאל ניט פערשווינדען.

לאמיר בעטראכטען די דאזיגע ארגומענטען.

שוין פון ערשטען קוק בעמערקט איהר, אז עפיס איז דא ניטא קיין פראפארציע, עפיס פאסט ניט דער פועל־יוצא צו די ראיות, וואס מ'האט געבראכט. עפיס איז איינס צו אונגעהייער גרויס, דאס אנדערע — צו נישטיג. און אמת: אונז שטעלט מען די ריעזיגע וועלט־פראגע: „צי זאל דאס פאלק לעבען, צי זאל דאס שטארבען?“ — און וואספארא ראיות ברענגט מען? די שמערצען פון צוויי־דריי דורות, וואס וועלען זיך מוזען אסימילירען. אט צוליעב די צוויי־דריי דורות הייסט מען אונז, מיר זאלען פעסטשטעלען: דאס יודישע פאלק מוז לעבען. דאס איז אבער ניט קיין ראיה. מען טאר זיך ניט אבזאגען פון א ענד־ציעל נאר דערפאר, וואס צו דעם ציעל וועט פיהרען א שמערצליכע איבערגאנגס־צייט. יעדער

איבערגאנג איז שמערצליך. נאר אויב עס פיהרט סוף כל סוף צו די געווינשטע רעזולטאטען, מוז מען געדולדיג איבערטראגען די אומבעקוועמליכקייטען פון דער איבערגאנגס־צייט. הייסט עס, קודם כל זיך קלאר מאכען, צי איז ווינשענסווערטה דער ציעל אליין. און וואס קען מען דען פון דעם שטאנדפונקט אבענטפערן די „פוטער־ברויט“־אסימילאנטען, וועלכע טענה'ן: ווערען אויס ייד איז בעקוועמער, אידער טראגען דעם יאך פון יודישקייט און זיין צו שפאט און צו שאנד, די שמערצען פון דער אסימילאציאנס־צייט וועלען ניט לאנג דויערן (פון היסטארישען שטאנדפונקט) דערפאר וועט דער געווינס זיין גרויס, ווען דאס יודענטהום וועט זיך צעשמעלצען צווישען די ארומיגע פעלקער? נאטירליך וואלט מען געגען אזעלכע טענות זעהר פיעל געקענט ענטפערן פון דעם שטאנדפונקט פון מענשליכקייט, פון מאראל א. אז. וו. מיר האבען אבער אבגערעדט, אז מיר שטעהען אויפ'ן שטאנדפונקט פון „אינטערעסען“. און ווען מען שטעלט די פראגע אזוי: אין וואס איז די נאציאן — די יידישע נאציאן — מעהר פראינטערעסירט, צי אין דעם, די זאל צעשמעלצען ווערען אין אנדערע נאציאנען, צי אין דעם, די זאל בלייבען; ווען מען פרעגט, וואס איז נוציגליכער פאר דער נאציאן (ד. ה. פאר דער סומע פון איהרע מיטגלידער אין די קומענדיגע דורות) — איז שווער צו זאגען, ווער ס'איז מעהר גערעכט, צו דער, וואס וויל בעסער איצט אבליידען כדי שפעטער געניסען די גליקען פון דער אסימילאציע, אדער דער, וואס וויל איצט ניט ליידען די חבלי־אסימילאציע און איז בעסער גרייט צו טראגען די לאנג־דויערנדיגע אומבעקוועמליכקייט פון דער „נאציאנאליזאציע“. ס'איז שווער צו זאגען, וועלכע פון די ביידע מיינונגען איז ריכטיג, אבער ס'איז ניט שווער צו דערקענען, אז די וועגען ביידע... אלץ איינס [illegible]. [illegible] איז די פראגע ניטא: וואס זאל די נאציאן טאן, פערשווינדען אדער בלייבען. דארום נאציאנען אסימילירען זיך ניט און בלייבען ניט „פא זאקאזו“. און דערין ליעגט דער קאמיזם פון די אלע שטרעבען אויף דער טעמע „זיין צי ניט זיין“.

„לאמיר זיך פארשטעלען, אז די געשיכטע האט פערמשפט די יידען צו אויסמישען זיך און צו פערשווינדען צווישען אנדערע פעלקער. מיר וועלען ניט אנגעהמען קיין מיטלען, כדי צו אבהאלטען דעם דאזיגען פראצעס“. איז דען טאקי באמת פאראן אזא שרעקליכע אפיקורסות אין די דאזיגע ווערטער פון מיין אלטער בראשור?

פאר אלצדינג מוזען מיר אויסשליסען פון אונזער בעטראכטונג די פראגע וועגען אסימילאציע אבער־געהאלט. אז מיר זענען גרייט צו קעמפפען געגען אלערליי פארמען פון אונטערדריקונג, האבען מיר שוין בעוויזען גענוג, און וועגען דעם איז איצט איבעריג צו רעדען. „וואס די געשיכטע זאל אונז ניט פערשרייבען — האב איך געשריבען עטליכע שורות ווייטער — וואס פאר פערספעקטיווען דער היסטארישער פראצעס זאל ניט אויפדעקען פאר דער נאציאן, וואס ס'זאל איהר ניט זיין בעשערט: צי פערליערען צי פערשטארקען איהר היסטארישע פיזיאגנאמיע, — איינס איז קלאר: דער דאזיגער פראצעס דארף פארקומען פריי“. נייטראל, הייסט עס, קענען מיר זיין נאר בנוגע צו פרייער אסימילאציע. נאר וואס הייסט דען „פרייע אסימילאציע“? פרייע אסימילאציע אינ'ם בוכשטעבליכען זין פון דעם ווארט איז ניטא; אהן דער ווירקונג פון די ארומיגע בעדינגונגען אסימילירט זיך ניט קיין שום נאציאן. א ווירקונג צו א ווירקונג איז אבער ניט גלייך. פאראן אזעלכע, וואס מיר קענען זיי בייקומען און פאראן אזעלכע, וואס מיט מענשליכע מיטלען קען מען דא נאך ניט אויסטאן. מיר קענען — ווען מיר האבען נאר גענוג קרעפטען — בעפרייען אונזער נאציאן פון דירעקטען פאליטישען און פאליציאנטישען דריק, מיר קענען זי בעפרייען פון אומדירעקטען דריק (אזא מין דרוק איז פאראן, ווען א נאציאן האט ניט איהר נאציאנאלע שול און די קינדער מוזען בעזוכען פרעמדע שולען, אדער ווען די רעכט פון דער מוטער־שפראך ווערען ניט גענוג געשיצט, אזוי אז מען מוז בענוצען אן אנדער שפראך, אדער ווען עס פעהלען נאציאנאלע אנשטאלטען און דאס צווינגט זיך ווענדען צו פרעמדע); קורץ געזאגט, מיר קענען קעמפפען געגען די איניגע ווירקונגען, וועלכע שטעהען דורך דירעקטען אדער אינדירעקטען צוואנג צו אבווענדען דעם אינדיווידואום פון זיין אייגענער נאציאנאלער סביבה. וואס טהוט מען אבער, אז די דאזיגע סביבה אליין הויבט אן פוילען, אז די ווענט ביסלעכווייז צעשאטען? וואס טהוט מען, ווען דא ווירקט ניט קיין צוואנג, ניט קיין רעכטלאזיגקייט (שטעלט אייך פאר, אז ס'איז פאראן אי רעכט, אי נאציאנאלע אויטאנאמיע, אי אייגענע שולען, אי די שפראך איז גלייכבערעכטיגט מיט די איבעריגע שפראכען), נאר עס ווירקען אויסערע־

ליכע פאקטארען, ווי דאס ארומיגע עקאנאמישע און קולטורעלע לעבען? ווען דער ריעזיגער קעסעל פון דער קאפיטאליסטישער הערשאפט קאכט־איבער די נאציאן, ווי א קערנדעל; ווען די ריעזיגע קאפיטאליסטישע מאשין צערייבט זי מיט איהרע מעכטיגע מיהל־שטיינער, פערוואנדעלט זי אין דינעם שטויב, פערשפרייט איהרע מיטגלידער איבער דער גאנצער ערד, רייסט די אב איינס פון דעם צווייטען, מאכט פון זיי איינצעלנע אבגעזונדערטע זעמדעלעך און פערבינדט יעדען זעמדעלע דורך טויזענדער פעדים מיט א פרעמדער, א גרויסער און שטארקער נאציאן און פערשמעלצט זי מיט אט דער פרעמדער נאציאן אין איין קאלאסאלען ארגאניזם, אין וועלכען עס פערשווינדען אהן א שפור די רעשטען פון דער פריהערדיגער נאציאנאלער קרובה־שאפט; — מיט איין ווארט: ווען די קראפט פון אט דער אויסער־רעכטליכער, אויסער־פאליטישער, ריין קולטורעלער און עקאנאמישער אסימילאציע איז טאקי באמת אזוי גרויס, ווי איינינע רעכענען, מא פרעגט זיך: צי קענען מיר קעמפען געגען דעם דאזיגען איינגעהויערען סטיכישען פראצעס? דאס איז א פראצעס, אין וועלכען ס'צעגעהט ביסלעכווייז די נאציאן — אבער שוין ניט נאר איהרע אויבערשטע שיכטען, ניט איינצעלנע מענשען, ניט די **עלעמענטען**, וואס געפינען זיך אויף דער גרעניץ פון דעם נאציאנאלען קערפער, נאר טאקע דער גאנצער נאציאנאלער קערפער, אינגאנצען די נאציאן, דורך און דורך, פון אויבען ביז אראב; אין דעם פראצעס צעגעהט א נאציאן, וועלכע איז שוין לכתחילה צעשפאלטען אויף טויזענדער איינצעלנע, צווישען זיך ניט פערבונדענע שטיקלעך; אין דעם פראצעס לאזט זיך פיהלען א נייע „כעמישע קרובה־שאפט“ צו אנדער נאציאן, וועלכע מאכט דאס צעגעהן, דאס צעשמעלצען־ווערען פאר א לעבענס־נויטווענדיגקייט פאר יעדען איינצעלנעם טייל פון דעם אלטען. קען מען געגען אזא פראצעס קעמפען? וואס? צוליעב דער אידעע? קעמפען אנטקעגען די בעדערפנישען פונ'ם לעבען? פון וואנען קען א נאציע, וואס האלט אין שטארבען, בעקומען קרעפטען צו דערהאלטען זיך ביים לעבען? וואו איז דער קוואל פון אזעלכע קרעפטען? דער נאציאנאלער ווילען? דער ווילען געהט אבער אויס אזוי פון די בעדערפנישען, ניט געגען זיי. שטארבט א נאציאן, הויבט דאס זיך אן פון דעם אבשטארבען פונ'ם „ווילען“. נאר אין א בבא־מעשה איז פאראן דער פאקט, אז א דייטשער באראן שלעפט זיך אליין ארויס פאר די האר פון דעם זומפ. איז דאס דאך נאר א בבא־מעשה.

איך מוז אונטערשטרייכען מיט דער גרעסטער ענטשיעדענהייט: איך זאג דא ניט קיין נביאות, איך מיין ניט, אז דאס יודענטהום וועט ווירקליך ווערען אזוי צעשפרייט און צעשאטען; איך רעכען ניט, אז אזא פערספעקטיווע איז וואהרשיינליך; איך האב דאס בילד פארגעשטעלט נאר אלס א היפאטעטישען פאל. מיר האבען דאך אנגעהויבען רעדען וועגען דעם, וואס וועט זיין, אויב די נאציאן וועט זיין פערמשפט צו פערשווינדען. אט דעם „אויב“ קען מען זיך פארשטעלען נאר אין אזא פארם, אז די נאציאנאלע סביבה וועט ווערען צעשטויבט און צעשאטען. און ווען מען בעשולדיגט אונז, אז מיר ווילען קוקען גלייכגילטיג, ווי די נאציאן געהט אונטער, ענטפער איך: אט **אזוי** און נאר אזוי קען אונטערגעהן א נאציאן, ווען ס'איז איהר בעשערט צו פערשווינדען; אט **דאס** דארף מען פערשטעהן אונטער די ווערטער: דאס יודענטהום געהט אונטער; אט דאס הייסט א ווירקליכע און ראדיקאלע אסימילאציע. און אויב **דאס** זאל ווירקליך געשעהן, וואלטען מיר געווען מאכטלאז. אויב דאס וואלט פארגעקומען, וואלטען מיר ניט געקענט רעטען די נאציאן פון דעם אונטערגאנג. און אויב דאס וועט ניט פארקומען (אדער, מיט אנדערע ווערטער: אזוי ווי דאס וועט זיכער פאר אלץ ניט פארקומען) איז ניטא קיין פערספעקטיווע פון אונטערגאנג, הייסט עס — מיר דארפען ווייטער ניט לייגען די פראגע „זיין צי ניט זיין“.

דאס הייסט ניט, אז מיר פרעדיגען פאטאליזם. מיר ווייסען זעהר גוט, אז אין דעם קאמפלעקס פון קרעפטען, פון וועלכע די געשיכטע ווערט צוזאמענגעשטעלט ווערען, וועלען אונזערע בעמיהונגען אויך פערנעהמען א געוויסען פלאץ. נאר מיר ווייסען, אז די ענטשיידענדע ראלע שפיעלט דער קאמפף פון די **אינטערעסען** און די בעוואוסטזיניגע שטרעבונגען און בעוואוסטזיניגע ארבייט פון מענשען קענען נאר דאן האבען א ווירקונג אין היסטארישען פראצעס, ווען זיי דינען די לעבענס־בעדערפנישען און לעבענס־אינטערעסען. דאס איינציגע, וואס מיר קענען טאן, איז — בעווארענען די דאזיגע אינטערעסען. און דאס טהוען מיר. וואס בלייבט? נאציאנאליסטישע קונצען־מאכעריי, מיט וועלכע ס'טרייסטען זיך די יעניגע, וועלכע גלויבען ניט אין דער קראפט

פון די לעבענס־אינטערעסען. מיר דארפען אזא טרייסט ניט האבען.

מיר זעהען — די מאסען האבען קולטורעלע אינטערעסען. די מאסען דארפען א שול — א נאציאנאלע שול, שטרעבען מיר דאס זיי צו געבען; די מאסען דארפען א נאציאנאלע ליטעראטור — שטרעבען מיר דאס זיי צו געבען; די מאסען דארפען די מוטער־שפראך אין דעם געזעלשאפטליכען און פאליטישען לעבען — שטרעבען מיר צו שיצען די רעכט פון דער דאזיגער שפראך און פערלאנגען זיך מען זאל די אנערקענען (ניט נאר אין פאליטישען זין, נאר אויך אין דער יודישער סביבה גופא). און אזוי ווייטער. און מיר טהוען ניט קיין קלענערע פאזיטיווע ארבייט, איידער אונזערע געגנער. דער חילוק איז נאר, וואס מיר האבען א פעסטען פונדאמענט און קענען שטענדיג זאגען: פארוואס פערטיידיגען מיר איינס און פערווארפען דאס צווייטע.

פאראן מאמענטען, ווען מיר שטעהען בשכנות צו די נאציאנאליסטען, וואו מיר שטעלען ארויס די אייגענע פאדערונגען ווי זיי. מיר פערגעסען אבער ניט, אז דאס איז א צופעליגע שכנותקייט, אז צווישען אונז ליגט אן אבגרונד. מיר געהערען צו פערשיעדענע וועלטען, און אויב עס טרעפט, אז אונזערע וועגען בעגעגענען זיך אויף איין קורצע רגע, דארפען מיר דעריבער נאך מיט גרעסערער אויפמערקזאמקייט און בעהוטזאמקייט פיהרען ווייטער אונזער אייגענע ליניע.

אסתר.

גלייכבערעכטיגונג פון שפראכען.

(דיסקוסיאָנס־ארטיקעל).

I

דער שפראכענצוואנג.

בשעת דעם מענשען קומט אויס אין פערקעהר מיט אנדערע צו בענוצען זיך ניט מיט זיין מוטערשפראך, איז דאס פאר איהם מייסטענטיילס א געוויסער **צוואנג**. נור צווישען די פערמעגליכע קלאסען טרעפט זיך, א מענש זאל קענען א צווייטע און נאך זעלטענער א דריטע שפראך, ווי זיין מוטערשפראך. צווישען די פאלקסמאסען זיינען אזעלכע מענשען נור אויסנאהמען.

מ'דארף אונטערשיידען דעם נאטירליכען שפראכענצוואנג פון דעם קינסטליכען.

וואס איז איינס דער נאטירליכער שפראכענצוואנג?

די קאפיטאליסטישע ענטוויקלונג רייסט אב פון באדען מענשליכע וועלען און טראגט זיי אום פון ארט צו ארט. דאס קאפיטאל, די סחורה, די ארבייטסקראפט ווערען אלץ בעוועגליכער און בעוועגליכער. מענשען פון פערשיעדענע נאציאנען טרעפען זיך אין א עקאנאמישען פערקעהר; זייערע בעציהונגען ווערען עפטער, ענגער, דויערנדער. די בעזונדערע געגענדען פערלירען דעם כאראקטער פון געשלאסענע שפראכגעביעטען, ווערען אלץ מעהר איבערגעמישט.

דער עקאנאמישער פערקעהר, די געגענזייטיגע בעציהונגען קענען נישט פארקומען, אויב מ'פערשטעהט זיך ניט איינאנדער. עס ענטשטעהט א נאטירליכער שפראכענצוואנג — א צוואנג צו רעדען די פרעמדע שפראך.

דער דאזיגער שפראכענצוואנג איז ניט ארגאניזירט. זיין ענטוויקלונג קומט פאר בטבע. די בעדינגונגען פונ'ם מארק, די קאנקורענץ, געוויסע היסטארישע אורזאכען, די ריין קוואנטיטאטיווע פערשפרייטקייט פון א שפראך, איהר קולטורעלע הויכקייט — די אלע פאקטארען פלאנטערן זיך צוזאמען און ווירקען, די אדער יענע שפראך זאל פערנעהמען די ראלע פון א פערקעהר־שפראך אין עקאנאמישע בעציהונגען. די פאליטישע הערשאפט אדער אונטערדריקקייט פון א שפראך קען דא אויך א בעדייטונג האבען, אבער דאס איז נור איין פאקטאר צווישען א סך אנדערע.

דאס צוזאמענלעבען, דער פערקעהר צווישען איינאנדער ברענגט מיט א געוויסע בעקאנטשאפט מיט דער פרעמדער שפראך, מייסטענטיילס איז דאס די בעקאנטשאפט פון דער מינדערהייט מיט דער שפראך פון דער מעהרהייט. דאס געש-

פאַר ס'איז דער פֿערקעהר, אַלץ ברייטער איז די דאָזיגע שפּראַכקענטעניש. אינ'ם אַלגעמיין נעהמט זי אָבער ניט העכער, איידער ס'פֿאָדערן די בעדערפֿנים פון יענעם פּראַקטישן פֿערקעהר, וואָס זי צום לעבן אַרויסגערופֿן.

אַזוי יענען די בעגריף פון נאַטירליכן שפּראַכענצוואַנג קלאַסיש, פּאַסן זיך צו צו דער ענטוויקלונג. ער פֿיהלט זיך ניט, ווי אַ דירעקטער נאַציאָנאַלער דריק, ווי אַ צוואַנג פון אויבן. ער שפּירט זיך גרינגער, ווי אַ געוויסע אומפֿערמײַדליכע אונבעקוועמליכקייט.

דער נאַטירליכער שפּראַכענצוואַנג רירט אָן ניט דאָס אויסערליכע לעבן פון דער נאַציאָנאַלער גרופּע, איהר בעציהונג צו דער סביבה. דער וועלכער היסטאָרישער פּראָצעס, וועלכער רופֿט אַרויס דעם פֿערגרעסערטן פֿערקעהר צווישן שכנישע נאַציאָנאַלע גרופּען, רופֿט אויך אַרויס אַ פֿערשטאַרקטן פֿערקעהר אינעווייניג פון יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע, מאַכט גרינגער דעם טעמפּ פון נאַציאָנאַלן לעבן, בעשאַפֿט צענדליגער נײַע פֿאָרמען פון טרעפֿן זיך, קאָנטאַקטן נעבן איינאַנדער, ווירקן אויף איינאַנדער אײַנעהענג, אין דער נאַציאָן גופֿא, ענטוויקעלט די נאַציאָנאַלע קולטור אין שפּראַך, בעפֿעסטיגט דעם קולטורעלן פֿערבאַנד צווישן דער נאַציאָן אין איהרע בעזונדערע טיילן, וואָס זענען צוואָרפֿען אויף פֿערשידענע טעריטאָריעס, מאַכט די נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ אינאַבהענגיג פון אַ אײַנהייטליכער טעריטאָריע. מיט אײַנעם וואָרט, דער וועלכער פּראָצעס פון קאַפּיטאַליסטישער ענטוויקלונג, וואָס פֿערשטאַרקט דעם אינטערנאַציאָנאַלן פֿערקעהר, בעשאַפֿט דעם נאַטירליכן שפּראַכענצוואַנג פֿערשטאַרקט אויך דאָס נאַציאָנאַלע בעוואוסטזיין פון די מאַסן—און מאַכט פֿאַר זיי אונערטרעגליך דעם **קינסטליכען** שפּראַכענצוואַנג.

דער נאַטירליכער שפּראַכענצוואַנג איז סטיכיש. דער קינסטליכער אָרגאַניזירט. דער נאַטירליכער שפּראַכענצוואַנג איז אַן אויסדרוק פון אָביעקטיווע בעדינגונגען. ער איז אונפֿערמײַדליך. מע קען קיינעם אין איהם ניט בעשולדיגען. דער קינסטליכער שפּראַכענצוואַנג האָט אַ טרעגער די מלוכה, די אָרגאַניזירטע מאַכט פון דער געזעלשאַפֿט, וועלכע קען עסען זיך אײַן אין נאַציאָנאַלן קערפּער אין פֿערהאַלטן זײַן ענטוויקלונג.

ווען דער פּוילישער פֿאַבריקאַנט רעדט רוסיש מיטן סמאָלענסקער סוחר, וואָס איז געקומען צו איהם נאָך סחורה, וואַרפֿט ער זיך ניט אונטער דער אונבעקוועמליכקייט פון נאַטירליכן שפּראַכענצוואַנג. ווען ער מוז רעדען רוסיש אין וואַרשעווער געריכט, פֿיהלט ער דאָס ווי אַ טיעפֿע נאַציאָנאַלע בעליידיגונג, ווי אַ אונערטרעגליכען צוואַנג. דאָרט—די סטיכישע געזעצן פון עקאָנאָמישען פֿערקעהר. דאָ—די צילבעוואוסטע געזעצן פון דער רוסיפֿיקאַטאָרישער רעגירונג.

II

דער קינסטליכער שפּראַכענצוואַנג אין געזעלשאַפֿטליכען לעבען.

דער קינסטליכער שפּראַכענצוואַנג קען ערשיינען אין צוויי פֿאָרמען: דירעקט—דורך פֿערבאָטן אין בעגרענצונגען; אינדירעקט — דורך אַזאַ אָרגאַניזירונג פון די מלוכה'שע, אָרטיגע אין געזעלשאַפֿטליכע איינריכטונגען, וועלכע שליסט פֿאַקטיש אויס דעם געברויך פון דער אָרטיגער שפּראַך אין צווינגט דעם בירגער, וואָס האָט מיט זיי צו טאָן, צו רעדען אין אַ פֿרעמדער שפּראַך. אָדער צו אויסגעבען געלד אויף אַדוואָקאַטן, איבערזעצער, בקשות־שרייבער א. אַז. וו.. אָדער ווילענדיג־ניט ווילענדיג אונטערוואַרפֿען זיך אַ פּראָצעדור, וועלכע ער פֿערשטעהט ניט.

די פֿערבאָטען אין בעגרענצונגען קענען זיך אַרײַנרײַסן אין אַלע געביעטן פון לעבען, אַפֿילו אין ריין פּריוואַטן לעבען. נאָך גאָר ניט לאַנג פֿלעגען פּוילישע גימנאַזיסטען בעשטראָפֿט ווערען פֿאַר רעדען פּויליש צווישען זיך אויפֿן גאַס. ס'האָבען געהערשט פֿעראָרדנונגען, וועלכע האָבען פֿערבאָטען פּאָליאַקן פון מערב־געגענד צו רעדען פּויליש צווישען זיך אין עפֿענטליכע ערטער, אין קלובען; לויט וועלכע איזוואָזשטשיקעס האָבען ניט געטאָרט רעדען קיין פּויליש א. ז. וו. נאָך עד היום ווערען כמעט ניט ערלויבט קיין פּריוואַט־שולען, קינדער־גאָרטענס, מיט ניט־רוסישער אונטערריכטס־שפּראַך א. ז. וו.

בכלל איז זעהר שווער אין דעם פּרט דורכצופֿיהרען אַ גרעניץ צווישען פּריוואַטען אין געזעלשאַפֿטליכען לעבען. האַנדעלס־ביכער, למשל, זענען דאָך, אַ פּריוואַטע זאַך פון קרעמער. ווייל ער אָבער, זײַנע ביכער זאָלען, לאָמיר זאָגען, ווען עס איז דיענען אַלס בעווייז, דאָס ער איז נישט קיין אומישנער באַנקראָט, נור אַ ניט פֿערמעגליכער בעל חוב, מוז ער זיך רעכענען מיט דעם, צי וועט די שפּראַך פון זײַנע ביכער אָנגענומען ווערען אין געריכט. דאָס

זעלבע, אויב ער וויל, למשל, פּראָטעסטירען געגען אַ צו הויכער הכנסה־שטייער. אַזעלכע בײַשפּיעלען קען מען בריינגען זעהר פֿיעל.

די שפּראַך־פֿערבאָטען אין שפּראַך־בעגרענצונגען אין געזעלשאַפֿטליכען לעבען פֿערלאַפּען אין פֿערשמעלערן די וויכטיגסטע בירגערליכע רעכט. דער קינסטליכער שפּראַכענצוואַנג איז מבטל דאָס פֿערזאַמלונגסרעכט, פֿאָדערנדיג, די פֿערזאַמלונג זאָל פֿאָרקומען אין דער הערשענדער שפּראַך. ער דערלאָזט ניט קיין טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען (עד היום פֿערקלײַבט זיך נאָך דאָס יודישע טעאַטער פֿאַר אַ „דייטשער" רל). ער אונטערדריקט די פֿערײַנספֿרייהײַט, ניט ערלויבענדיג קיין פֿעראײַנען, וואָס ווילען אַרבײַטען אויף זייערע נאַציאָנאַלע שפּראַכען, אין פֿאָדערנדיג, זייער גאַנצע טעטיגקייט, זייערע ביכער אין דאָקומענטען זאָלען געפֿיהרט ווערען אין דער הערשענדער שפּראַך. ער אונטערדריקט די פּרעס־פֿרייהײַט: יאָהרענלאַנג איז אין רוסלאַנד געווען פֿערבאָטען די אוקראַאינישע (קליין־רוסישע) אין ליטווישע ליטעראַטור. ליטווישע סדורים פֿלעגט מען אונלעגאַל אַרײַנפֿיהרען פון אויסלאַנד. ער לעגט אַרויף אַ אײַגענאַרטיגע שפּראַך־שטייער אויף יעדער פֿרעמדשפּראַכיגע מודעה, יעדען שילד, יעדען פּלאַקאַט, פֿאָדערנדיג, זיי זאָלען געדריקט ווערען פּאַראַלעל, אויך מיט דעם רוסישען טעקסט.

וואָס פֿאַר אַ פּראָגראַם איז נויטיג בנוגע צו דער דאָזיגער פֿאָרם פון שפּראַכענצוואַנג? זעהר אײַנפֿאַכעס. אין די געזעצען וועגען פּרעס־פֿרייהײַט, פֿערזאַמלונגס־פֿרייהײַט, פֿערײַנס־פֿרייהײַט מוז דײַטליך אין קלאָר אָנגעוויזען ווערען, אַז יעדער בירגער איז פֿאָלקאָמען פֿריי אויף דער גאַנצער טעריטאָריע פון רוסלאַנד צו אָרגאַניזירען פֿערזאַמלונגען, טעאַטער־פֿאָרשטעלונגען, אַרויסלאָזען אין פֿערשפּרייטען ביכער, צייטונגען, פּלאַקאַטען, אויסהענגען שילדען אין מודעות, גרינדען פֿעראײַנען אין שולען—אין וועלכער שפּראַך ער וויל. עס איז אויך מעגליך, דאָס זאָל צוזאַמענגעפֿאַסט ווערען אין אַ בעזונדער געזעץ. אַחוץ דעם דאַרפֿען אין דעם דאָזיגען געזעץ זײַן צוויי פּונקטען, וואָס בעשטימען אַ שטראָף פֿאַר יענעם, וועלכער ס'שטערט דעם בירגער פֿריי צו געברויכען זײַן שפּראַך—און אַ ספּעציעלע, שטרענגערע שטראָף, אויב אַזאַ טהאַט ווערט בעגאַנגען דורך אַ בעאַמטען.

דאָ קען נאָך ענטשטעהן אַ פֿראַגע, צי קען מען אַזעלכע טהאַטען בעטראַכטען ווי געוועהנליכע בעליידיגונגען אָדער געוואַלדטהאַטען, וועגען וועלכע עס ווערט געפֿיהרט אַ פּראָצעס נור דאַן, ווען עס ווערט אָנגעגעבען אַ פּריוואַטע אָנקלאַגע, אָדער דאָס אינדיווידועלע שפּראַכענרעכט פונ'ם בירגער דאַרף געשטעלט ווערען אונטער אַ בעזונדערער שוץ. די פֿראַגע וועט אונז בעקוועמער זײַן צו בעטראַכטען שפּעטער.

אַלענפֿאַלס איז קלאָר, אַז אין דעם דאָזיגען געביעט פֿאָדערן מיר ניט פון דער מלוכה, זי זאָל עפּיס טהאָן, בויען. מיר פֿאָדערן גיכער, זי זאָל ניט טהאָן—ניט בעגרענצען, ניט פֿערבאָטען. זי זאָל נור בעשיצען דאָס רעכט פונ'ם בירגער, ניט טהאָן עפּיס פֿאַר זײַן פֿערווירקליכונג.

III

די אַמט־שפּראַכען־פֿראַגע.

פֿיעל קאָמפּליצירטער איז די פֿראַגע בנוגע צום שפּראַכענצוואַנג אין די מלוכה'שע אין געזעלשאַפֿטליכע איינריכטונגען, אַמטען.

דאָ איז די ראָליע פון דער מלוכה אַ גאַנץ אַנדערע. דאָ טרעט זי אַרויס ווי אַ צד, וועלכער האָט צו דיענסטען די קראַפֿט און די מעגליכקייט צו אָרגאַניזירען די איינריכטונגען אַזוי, ווי עס פֿאָדערן די אינטערעסען פונ'ם בירגער. די מאַסען פון דער בעפֿעלקערונג קען זי ניט צווינגען צו פֿערשטעהן פֿרעמדע שפּראַכען. די בעאַמטע עקזיסטירען אָבער פֿאַר דער בעפֿעלקערונג. זיי קען אין מוז די רעגירונג צווינגען, זיי זאָלען דער בעפֿעלקערונג דיענען.

דאָס רעכט פונ'ם בירגער צו רעדען אין די איינריכטונגען זײַן שפּראַך קען פֿערוואַנדעלט ווערען אין אַ נאַקעטער חוזק, אויב ס'איז ניט פֿעסטגעשטעלט, אַז די בעאַמטע וועלען מחויב איהם פֿערשטעהן און געבען אַנטוואָרט, אַנדערש געזאָגט, אַז זיי וועלען מחויב זײַן קענען די שפּראַכען פון דער בעפֿעלקערונג.

ווי אַזוי גאַראַנטירען, די בעאַמטע זאָלען ווירקליך קענען די שפּראַכען פון דער בעפֿעלקערונג; ווי אַזוי מאַכען, עס זאָלען ניט אונטערדריקט ווערען די שפּראַכען פון די שוואַכערע נאַציאָנען; ווי אַזוי רעגולירען אין קאָנטראָלירען די שפּראַכענקענטניס פון די בעאַמטע—דאָס איז איינס פון די שווערסטע אין פֿערוויקעלסטע פּאָליטישע פּראָבלעמען, וואָס איז פֿערבונדען מיט אַ גאַנצען סיסטעם פון וויכטיגע אין פֿערפֿלאָכטענע פֿראַגען.

אָסט קומט אויס צו בעגעגענען זיך מיט אזא מיינונג: דאָס איז א פערפלאָנטערט פּראָבלעם נור אין דער ביוראָקראַטישער זעלבסטהערשענדער מלוכה. וואו די פערוואַלטונג וועט דעצענטראַליזירט ווערען, וואו אלע ריכטער, בעאַמטע א. ז. וו. וועלען געקליבען ווערען פון פאָלק, וועט דאָס קיין פּראָבלעם ניט זיין. די ריכטער, בעאַמטע וועלען זיין אָרטיגע מענשען און וועלען ממילא קענען די אָרטיגע שפּראַכען.

ס'איז געוויס ריכטיג, אז די פערניכטונג פון דער ביוראָקראַטיע, די דעמאָקראַטיזירונג פון רוסלאַנד וועט זיין א מעכטיגער שריט פאָרווערטס צום לעזען אונזער פּראָבלעם. דאָס איז א דורכאויס נויטיגע אונענטבעהרליכע בעדינגונג דאָס צו לעזען. דאָס אליין איז נאָך אָבער ווייניג. די דעמאָקראַטיזירונג, די פאָלקס־וואַהל פון בעאַמטע און ריכטער וועט נור פערניכטען דעם צוואַנג פון דער מלוכה־שפּראַך. אויף דעם אָרט פון איין הערשענדער שפּראַך קענען אָבער דאַן אַרויסטרעטען צעהנדליגער הערשענדע שפּראַכען, וואָס וועלען אונטערדריקען די איבעריגע.

מיר ווייסען צו גוט, אז א קאַפּיטאַליסטישע דעמאָקראַטיע איז ניט קיין קעניגרייך פון ברידערליכקייט און גלייכהייט. מיר ווייסען, אז ערשט אין דער דעמאָקראַטיזירטער מלוכה וועלען זיך מעכטיג און פריי ענטוויקלען אלע סאָציאַלע געגענזאַצען. מיר ווייסען, וואָס פאַר א מוראדיגע בעדייטונג עס האָט אינ'ם עקאָנאָמישען קאַמפּף פון דער בורזשואַזיע דער נאַציאָנאַלער קאַמפּף, די נאַציאָנאַלע הערשאַפט, די פאַנאַנדערבלאָזונג פון נאַציאָנאַליסטישע געפיהלען אין די מאַסען. ס'איז ביי אונז קיין שום ספק ניטאָ, אז אין דער דעמאָקראַטישער מלוכה וועט דער נאַציאָנאַלער קאַמפּף זיך ערשט ענטוויקלען. מיר האָבען שוין לאַנג אָנגעוויזען, אז די בירגערליכע און פּאָליטישע גלייכבערעכטיגונג אליין וועלען נאָך ניט בעפרייען די אונטערדריקטע נאַציאָנען פון נאַציאָנאַלען דרוק. איך רעכען, אז די גלענצענדע זייטען פון מעדעמ'ס „נאַציאָנאַלע פראַגע און סאָצ. דעמאָקראַטיע", וועלכע זיינען געווידמעט דער אויפקלערונג פון די דאָזיגע פערספּעקטיווען, זיינען ניט בעקאַנט אונזערע לעזער.

אין א דעמאָקראַטישער מלוכה, פיהרט אויס מעדעם, וועט אוממעגליך זיין צו פערפאָלגען א געוויסע נאַציאָן דורך געזעצגעבונג, דורך דירעקטע בעגרענצונגען, פערבאָטען און אויסנאַהמס־רעגלען. בירגערליך, פּאָליטיש וועלען אלע זיין גלייכבערעכטיגט. „נור דאָרט, נור אין יענע ספערען פון פּאָליטישען לעבען וועט דער איד קענען געפּלאָגט ווערען **(будетъ уязвимъ)** וואו ער וועט אַרויסטרעטען אלס איינצעלנער, גראַד אלס איד. אין די ראָליע פון דעם דאָזיגען אומבעשיצטען אָרט **(Ахилесова пята)** קענען שפּיעלען נור פראַגען פון קולטורעלען לעבען... אָהער קען מען ריכטען די קלעפּ געגען זיי... אָהער, און נאָך אין די ספערע פון געזעלשאַפטליכען באַיקאָט, וואָס וועט ניט אָפּיציעל אונטערשיידען דאָס, פון וואָס די מלוכה איז אָפיציעל געצוואונגען געוועזען אָבצוזאָגען זיך. *)

דאָ, אינ'ם געביעט פון קולטורעלע פונקציעס, פון דער פאָלקסשול, ווי אויך פון אַנדערע בילדונגס־אַנשטאַלטען, וואָס פערנעהמען זיך מיט דער שפּראַך, וויסענשאַפט און קונסט,—וואו זיך קאָנצענטרירען די גאַנצע אָנגעזאַמעלטע ענערגיע פונ'ם מלחמה האַלטענדען נאַציאָנאַליזם; און דאָס דאָזיגע געביעט וועט דאַרפען ווערען א צענטראַל־פּלאַץ פון נאַציאָנאַלע רייבונגען... דאָ וועט זיך געפינען... יענעם ווערקצייג, מיט הילף פון וועלכען ס'וועלען דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען די שאָוויניסטישע פּלענער פון שטיקען די שוואַכע נאַציאָנאַלע גרופּען." **)

אונזערע לעזער ווייסען, וועלכען שלוס מיר מאַכען דערפון. „די פונקציעס, וואָס זיינען פערבונדען מיט פראַגען פון קולטור, דאַרפען אויסגעטיילט ווערען פון דער קאָמפּעטענץ פון דער מלוכה און פון די אָרגאַנען פון דער אָרטיגער און שטאָטישער זעלבסטפערוואַלטונג און איבערגעגעבען ווערען דער נאַציאָן אין פערזאָן פון אָרטיגע און צענטראַלע איינריכטונגען (נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע).

צי איז אָבער ריכטיג, אז נאָך דער פערווירקליכונג פון דער אויטאָנאָמיע וועט אין די הענד פון די הערשענדע נאַציאָנען בלייבען נור איין ווערקצייג פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג—דער געזעלשאַפטליכער באַיקאָט? צי וועט שוין דאַמאָלס דער איד,—גראַד אלס איד—ניט קענען זיין קיין אָביעקט פון אונטערדריקונג דורך די מלוכה־איינריכטונגען, דורך די אָרגאַנען פון דער אָרטיגער און שטאָטישער זעלבסטפערוואַלטונג.

---

*) איך האָב ליידער ניט ביי מיר דעם יודישען טעקסט און איבערזעץ פונ'ם רוסישען א־ר.

**) Медемъ. Національный вопросъ и соціалдемократія. Стр. 51.

וואו ס'וועלען הערשען די נאַציאָנאַלע מעהרהייטען? צי האָט ער שוין דאַן קיין „אומבעשיצטען אָרט" **(Ахилесова пята)** ניט האָבען?

די ראָליע פון אזא „אומבעשיצטען אָרט" וועט ביי'ם מיטגליעד פון א נאַציאָנאַלער מינדערהייט שפּיעלען די שפּראַך. די שפּראַך, א ספּעציפיש נאַציאָנאַלע אייגענשאַפט, וועלכע מ'קען ניט אויסמיידען פונ'ם אלגעמיינעם לעבען, אָבמיידען פון די אלגעמיינע פונקציעס. יעדע פונקציע פון די מלוכה'ישע און אָרטיגע איינריכטונגען קומט פאָר דורך פערקעהר, דורך מינדליכע און שריפטליכע בעציהונגען. די מוז פאָרקומען אין א וועלכער ניט איז שפּראַך, די מוז, הייסט דאָס, בעקומען א נאַציאָנאַלען אויסזעהן,—הי אלמענשליך, הי נאַציאָנאַל די זאָל ניט זיין לויט איהר עצם.

דער יודישער פּראָלעטאַריער קומט אין געריכט צוליעב אַג'ענ'ן, וועלכער האָט אין זיך קיין שום נאַציאָנאַלען אינהאַלט ניט. רעדט מען אָבער מיט איהם אין געריכט אין א פרעמדער, ווייניג פערשטענדליכער שפּראַך—און ער ווערט געפּלאָגט **(уязвимъ)** דווקא אלס איד, וואָס רעדט א י ד י ש. ער ליידט ניט נור אלס פּראָלעטאַריער, וואָס האָט צו טאָן מיט דער קלאַסענ־יוסטיץ פון דער קאַפּיטאַליסטישער אָרדנונג—אָבער אויך אלס א י ד י ש ע ר פּראָלעטאַריער, וואָס האָט צו טאָן מיט א פרעמדשפּראַכיגען ריכטער.

דער פאַקט, וואָס ער רעדט אידיש, פליסט אַרויס ניט פון זיין סאָציאַלער, פּאָליטישער לאַגע. דער פאַקט פליסט אַרויס פון זיין נאַציאָנאַליטעט. די אונטערדריקונג, וואָס ענטשטעהט פאַר איהם א דאַנק דעם דאָזיגען פאַקט—איז א ספּעציפיש נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג. אויף אזא אופן ווערען אלע מלוכה'ישע און אָרטיגע איינריכטונגען אַפילו ביי א דעמאָקראַטישער אָרדנונג פערוואַנדעלט אין א קוועלע פון נאַציאָנאַלער הערשאַפט, נאַציאָנאַלען דרוק, נאַציאָנאַלער רייסעניש. די בעסטע אילוסטראַציע דערצו—איז דער אַמטשפּראַכענקאַמפּף אין עסטרייך.

IV

דער אַמטשפּראַכענקאַמפּף און די אינטערעסען פון פערשיידענע קלאַסען.

איך האָב ליידער ניט קיין אָרט, כדי אָבצושטעלען זיך אויף דעם בילד פון דער פורכטבאַרער נאַציאָנאַלער רייסעניש, וואָס קאָכט אין עסטרייך אַרום דער קלענסטער פראַגע אין דעם דאָזיגען געביעט, אַרום אַן אויפשריפט אויף א פּערוואַרטענער באַהן־סטאַנציע, אַרום א נאָמען־טאַפעל, אַרום א טשעכיש פּאַפּיער, וואָס א דייטשער ריכטער האָט אָנגענומען, אַרום יעדער שטעלע פון די נידריגסטע ביז דער העכסטער, — אַרום זאַכען, מיט איין וואָרט, וואָס האָבען דוכט זיך קיין שום שייכות ניט צו פראַגען פון גייסטיגער קולטור, צי „פאָלקס־בילדונג" א. ז. וו.

איבער אזעלכע זאַכען פאַלען מיניסטעריום'ס ווערען פאַנאַנדערגעלאָזען פּאַרלאַמענטען און לאַנדטאַגען, קומען פאָר בלוט־פערגיסונגען, נאַסען־געשלעגען. די אָבסטרוקציע פון די מינדערהייטען שטעלט אָב יעדע סאָציאַלע און פּאָליטישע אַרבייט.

און דאָס איז ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס דער פּרינציפּ פון גלייכבערעכטיגונג פון שפּראַכען איז שוין פערציג יאָהר פאָרמולירט אין דער עסטרייכער קאָנסטיטוציע, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס א גאַנצע מאַסע פעראָרדנונגען, רעגלען, קייזערליכע און מיניסטעריש בעפעהלען שטעלען פעסט, אז די בעאַמטע מוזען קענען די אָרטיגע שפּראַכען.

און דאָס גאַנצע טרויעריגע בילד פון דער דעמאָראַליזאַציע, וועלכע אזא רייסעניש טראָגט אַריין אין די רייהען פון פּראָלעטאַריאַט, דאָס בילד, וואָס מען שילדערט מיט אַזעלכע שוואַרצע פאַרבען, שטעהט פאַר די אויגען פון יעדען בעאָבאַכטער פון עסטרייכער לעבען. מיר זעהען שאַרפע סכסוכים צווישען די שטאַרקסטע ס. ד. פאַרטייען פון עסטרייך — דער דייטשער און דער טשעכישער—ניט נור אַרום פראַגען פון „פאָלקס־בילדונג" א. ז. וו." — נור אויך אַרום דער אַמטשפּראַכענפראַגע. די טשעכישע ס. ד. פערטיידיגען די איינינקייט פון בעהמען, די צוויישפּראַכיגקייט פון אלע בעאַמטע אין גאַנץ בעהמען. די דייטשע ס. ד. זאָגען, אז דאָס בעדייטעט אָבגעבען אלע שטעלעס אין דייטש־בעה־

טען אין די הענד פון די טשעכען, און זאָגען זיך צוריק אַרויס קעגען די טשעכישע פאָדערונגען. די דייטשע ס. ד. האַלטען אויף די טשעכישע חברים, אַז זיי אונטערשטיצען די טשעכישע בורזשואזיע. די טשעכען האַלטען אויף די דייטשע ס. ד.,—אַז זיי העלפען דער דייטשער בורזשואזיע.

ניט די שפּראַכען-אינטערעסען טרייבען די בורזשואזע אינטעליגענץ און די בורזשואזיע בכלל צו אַזאַ בליטיגען קאַמפּף. אַ אינטעליגענט איז אַלעמאָל בכח מעהר אָדער װעניגער צו ערלערנען די שפּראַך פון דער מעהרהייט. אַ פערמעגענדער מענש קען זיך דינגען אַן אַדוואָקאַט, קען אַלענפאַלס געפינען אַן עצה. די שפּראַכען-אינטערעסען זענען פאַר זיי נור אַ דעקמאַנטעל, כדי צו פערשלייערן זייערע אונבעגרענצטע אַפּעטיטען, זייער שטרעבונג אַרויסצושטופּען דעם קאָנקורענט. די דייטשע אינטעליגענץ רעדט הויכע פראַזען װעגען דער איינהייט פון עסטרייך און פאָדערט דערביי, אַז אין אַלע איינריכטונגען זאָל הערשען די אינערע אַמטשפּראַך *) זיין די דייטשע. אויף אַזאַ אופן מיינט זי זיך צו פערשאַפען אין אַלע אַמטען פון דער מלוכה און אַרויסשטופּען אַלע קאָנקורענטען. די אינטעליגענץ פון אַנדערע נאַציאָנען קען אַזעלכע הויך-געהענדע אַפּעטיטען ניט האָבען. זעהט זי כאָטש צו פערשטאַרקען איהרע פּאָזיציעס „אין דער היים". דרשנען די טשעכען װעגען דעם היסטאָרישען קעניגרייך בעהמען, װאָס מ'טאָר ניט טיילען, און מיינען דערביי אויף אַזאַ אופן צו בעקומען אַ שליטה איבער די אַמטען אין דייטש-בעהמען. רעדען די פּאָליאַקען װעגען דעם היסטאָרישן איינינען גאַליציען—כדי ניט צו טיילען די שטעלעס מיט די רוטענער.

פאַר דאָס דייטשע קליינבירגערטום בעדייטען טשעכישע אויפשריפטען אויף די גאַסען פון אַ „ריין דייטשער" שטאָדט—אַ סכנה פון קאָנקורענץ ניט נור פאַר זייערע שטודירטע זיהן—נור אויך פאַר זיין איינענעם קרעמעל, װערקשטאַטעל. קומען אַן אין זיין שטאָדט טשעכישע אַרבייטער—זוכט עס צו אַסימילירען זיי מיט אַלע קרעפטען, זיי זאָלען פערגעסען, אַז זיי זענען טשעכען, עס זאָל ניט ציהען זיי אין דאָס טשעכישע טהעאַטער-הויז, צום טשעכישען קרעמער. איינפיהרען טשעכישע אָדער טשעכיש-רעדענדע בעאַמטע—הייסט פאַר איהם שטיצען דעם טשעכישען סעפּאַראַטיזם, ברעכען דעם „דייטשען כאַראַקטער" פון זיין שטאָדט, הייסט פאַר איהם פערליערען די מאָנאָפּאָליע אויפ'ן מאַרק. דאָס זעלבע לעבט איבער דאָס קליינבירגערטום פון אַנדערע נאַציאָנען. הי זאָל עס גלייכגילטיג ציהען אַ פרעמד-שפּראַכיגען שילד אויף אַ קראָם, אַז דער שילד שלעפּט ביי איהם די לייזונג בפועל ממש פון די הענד אַרויס?

אין עסטרייך לעבען סך הכל 9 נאַציאָנען (פון די איז די יודישע נאָך ניט אָנערקענט). אויסגערעכנט לעבען צו צוויי, זעלטען צו דריי גריפען. אין רוסלאַנד אָבער װאָהנען פאַרהאַן איבער הונדערט נאַציאָנען. עס זענען פאַרהאַן געגענדען, װאו עס װאוינען אויסגערעכנט 5 און 6 און נאָך מעהר נאַציאָנאַלע גרופּען. װאָס פאַר מוראדיגע פאָרמען װעט אָננעהמען די קאָנקורענץ פון די בירגערליכע שיכטען פון פערשיעדענע נאַציאָנען ביי אונז?

װען די שולען װעלען אפילו אויסגעטיילט װערען, װען די נאַציאָנאַל-קולטורעלע אויטאָנאָמיע װעט פערווירקליכט װערען, װאָס פאַר אַ רייך געביעט פאַר די זעלבע רייבונגען װעט געבען די אַמטשפּראַכענפראַגע? אין יעדער שטאָדט, אין יעדען ראַיאָן װעט די בורזשואזיע פון דער נאַציאָנאַלער גרופּע װאָס װעט פערלאַפען די מעהרהייט אין איהרע הענד, בעזעצען אַלע שטעלעס מיט איהרע נאַציאָנס-חברים, װעט אונברחמנות'דיג אַרויסשטופּען אַלע פרעמדע. די

---

*) אויסערע אַמטשפּראַך איז די שפּראַך, אין װעלכער דאָס אַמט פערקעהרט מיטען פּובליקום, פערעפענטליכט פּובליקאַציעס, פיהרט פערזענליכע פערהאַנדלונגען. אינערע אַמטשפּראַך איז די שפּראַך, אין װעלכער די בעאַמטע רעדען צווישען זיך אין אַנגעלעגענהייטען, װאָס האָבען ניט קיין שייכות צום פּובליקום, שרייבען זיך דורך מיט אַנדערע אַמטען און מיט די צענטראַלע איינריכטונגען. די אויסערע שפּראַך בעריהרט דירעקט די ברייטע מאַסען. די אינערע שפּראַך בעריהרט זיי דירעקט ניט. די טשעכישע ס. ד. בעווייזען זעהר איבערצייגענד, אַז פּראַקטיש, בילעכער, האַלטען עס װערען איינגעטראָגען פערשיעדענע אַקטען, פערזענליכע רעגיסטערס (פון האַנדעלס-פירמען, װעקסעלשטעמפּעלס, הויז-בעזיצונגען, פערהאַנדלונגען א. ז. װ.) בעלאַנגען אויך צו דער אויסערער שפּראַך און בעריהרען דירעקט די ברייטע מאַסען.

(זעה רעדעס, באַווערס, און מיינונגען אַרטיקלען אין דער מאָנאַטסשריפט Der Kampf 1907–1908)

װעט זעהן מיט אַלע כחות צו בעהאַלטען דעם „איינהייטליך-נאַציאָנאַלען" כאַראַקטער פון דער שטאָדט, פון דער געגענד.

אין מיטעלגרויסער מיטלען װעט מען דערצו געפינען. דאָס געזעץ מעג דייטליך פאָרמולירען, אַז די בעאַמטע מוזען קענען די אָרטיגע שפּראַכען,—די הערשענדע שפּראַך אין די איינריכטונגען װעט פאַקטיש פאָרט זיין די שפּראַך פון דער מעהרהייט. װער װעט קאָנטראָלירען די שפּראַכקענטניסע פונ'ם בעאַמטען? װער װעט זעהן, צי האָבען די 5–6 שפּראַכענצייגניסען, װעלכע דער בעאַמטער װעט אפשר צושטעלען, אַ װעלכען ניט איז װערטה? דער רוב פון די בעאַמטע װעט זיין די מעהרהייט; זיי װעלען זיין פעראינטערעסירט אין פערשטאַרקען די פּאָזיציע פון זייער נאַציאָן, כדי צו גאַראַנטירען זיך פון קאָנקורענטען. זיי װעלען אויף די פערשיעדענסטע אופנים זעהן אונטערדריקען דעם פרעמדשפּראַכיגען אינטערעסענט, אָנבינדען איהם דאָס געברויך פון זייער שפּראַך. אפילו ביים בעסטען ווילען װעלען זיי אַזוי מוזען טאָן. ס'איז דאָך אַן אַכתע אוטאָפּיע פאָרצושטעלען זיך, אַז אַ קליינער בעאַמטער (און דווקא זיי האָבען דאָך צו טאָן מיט'ן עולם) זאָל גלייך בעהערשען 5–6 שפּראַכען. מ'װעט געהן לויט דער ליניע פון קלענסטען װידערשטאַנד. מ'װעט זיך צום אינטערעסענט װענדען אין דער הערשענדער שפּראַך; קיין װעט ער זעהן, עס איז אומשטאַנד זיך צו שטעלען אַ פּאָר װערטער אין דער הערשענדער שפּראַך, װעט שוין זיין עסק פערהאַנדעלט װערען אין איהר,—אין דער מוטערשפּראַך פונ'ם בעאַמטען, ניט אין דער מוטערשפּראַך פונ'ם אינטערעסענט.

מ'דאַרף אָבער ניט פערשטעהן, װאָס דאָס בעדייטעט. מ'דאַרף געדענקען, אַז די דעמאָקראַטיזירונג פון דער אָרטיגער זעלבסטפערוואַלטונג און די אַלגעמיינע דעמאָקראַטיזירונג פון לאַנד װעט איבערגעבען אין די הענד פון דער אָרטיגער זעלבסטפערוואַלטונג אַ גאַנצע רייהע אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס. מ'דאַרף געדענקען, װאָס פאַר װיכטיגע אינטערעסען פון די פאָלקסמאַסען עס בעריהרען די טעטיגקייט פון די מאַגיסטראַטען, זעמסטוועס, מ'טאָר אויך ניט איגנאָרירען, װי ברייט עס װאַקסט זיך פאָראַנדער די טענדענץ צו מוניציפּאַליזירען אַ גאַנצע רייהע פריוואַטע פּראָפעסיעס. למשל, אַלץ דרינגענדער װערט אַרויסגעשטעלט די פאָדערונג, עס זאָל פערניכטעט װערען די פריוואַטע מעדיצינישע פּראַקטיק און די גאַנצע מעדיצינישע הילף זאָל איבערגעגעבען װערען אין די הענד פון דער אָרטיגער זעלבסטפערוואַלטונג. דאָס הייסט אַלע דאָקטוירים, דאַנטיסטען, פעלדשעריצעס, אַקושערקעס זאָלען װערען שטאָדטישע בעאַמטע. עס װאַקסען טאָג-טעגליך די טעכנישע אונטערנעהמונגען פון די שטאָדט-פערוואַלטונגען, די װירטשאַפטליכע טעטיגקייט װערט אַלץ ברייטער. אַלץ גרעסערע גרופּען אינזשעניערען, טעכניקער אַרכיטעקטען, קינסטלער האַלטען אויף זייער פריוואַטע טעטיגקייט און װערען בעאַמטע. מ'דאַרף זיך דאָס דערמאָהנען, כדי צו פערשטעהן, װאָס פאַר ברענענדע אינטערעסען פון די אונטערדריקטע נאַציאָנען די אַמטשפּראַכענפראַגע װעט אָנריהרען.

נאָך אַ בעזונדערע בעדייטונג פאַר די ברייטע מאַסען האָט די שפּראַך-פראַגע אין געריכט. מיר איז שוין אויסגעקומען צו בעווייזען, װאָס פאַר אַ ניט-מענשענווערטער עלעמענט עס איז אין געריכט אַן איבערזעצער. *) ס'איז גענוג צוצוגעבען, אַז אפילו דער יוסטיץ-מיניסטער האָט אין זיין רעדע געגעבען אַ גלענצענדע כאַראַקטעריסטיק פון יענעם שאַדען, װעלכען עס ברענגט אין'ם פּראָצעס דער אַנטייל פון אַן איבערזעצער (פערשטעהט זיך, דערפון האָט ער שטשעגלאָוויטאָוו געדרונגען, אַז די געריכטסשפּראַך מוז אין סיסטעם זיין רוסיש). אפילו קרופּענסקי און סיניאַדינאָ האָבען אין דער צווייטער דומע פערטיידיגט די אונמיטעלבאַרקייט פון געריכט און די נויטיגקייט פעסטצושטעלען, די ריכטער זאָלען קענען די אָרטיגע שפּראַכען.

דאָ מוזען די שפּראַכפאָדערונגען זיין זעהר שטרענג. צווישען ריכטער, עדות, אָנגעקלאַגטען, בעל תביעה מוז הערשען דאָס מאַקסימום געגענזייטיגע פערשטעהן. יענס פערשטעהן, װאָס געהט איינגענטליך איבער די גרענצען פון דער שפּראַך, װאָס װאָרצעלט זיך אין דער בעקאַנטשאַפט פונ'ם ריכטער מיט די זיטען, מיט דער לעבענסאַרט, מיט דער פּסיכיק פון יענער סביבה, פון װאַנען עס איז צו איהם געקומען דער אָנגעקלאָגטער. יענס פערשטעהן, װאָס קען אין דער רעגעל נור דורך נאַציאָנאַלער געמיינשאַפט געגעבען װערען. די קלענסטע אונגענויאיגקייט קען אַ מאָל זיין אַ קוועלע פון אַ פאַטאַלען געריכטליכען טעות. װען עס האַנדעלט זיך װעגען פעסטשטעלען די קלענסטע פּרטים פון אַ געשעהעניש, װען מ'דאַרף צוזאַמענפּאַסען געגענזייטיגע עדות-אַרויסזאָגונגען, װען מ'דאַרף זיך מיט קינציגע נעגע דערשלאָ-

---

*) זעה „צייטפראַגען" 2 № ז. 22–23

גען דעם אמת פֿון דעם אַלץ ניט־קולטיווירטען, פֿאַרפּלאָנטערטען, פֿאַרדרעהטען עדות,—וואָס פֿאַר אַ ראָלע עס שפּילט דאָ די ניט גענוגע באַקאַנטשאַפֿט מיט דער שפּראַך? ווי אַזוי איז נאָר מעגליך די באַקאַנטשאַפֿט מיט דער ליטעראַרישער שפּראַך, מ׳דאַרף נאָך די מינד־אָרטען זײַן בכח צו פֿאַרשטעהן.

אין אַזאַ באַקאַנטשאַפֿט וועט דאַרפֿען באַדיענען אַ ווילנער ריכטער בנוגע צו יודיש, פּויליש, ליטוויש, ווײַס־רוסיש און רוסיש; אַ אָדעסער וועט אַזוי דאַרפֿען באַהערשען רוסיש, יודיש, קליינרוסיש, גריכיש, מאָלדאַוואַניש; אַ טיפֿליסער—רוסיש, פּערסיש, טערקיש, גרוזיניש, אַרמעניש, טאַטעריש א. ז. וו.; אַ ריגער—לעטיש, דײַטש ליטוויש, עסטאָניש, יודיש, רוסיש.

איז ניט קלאָר, אַז דאָ וועלען דאַרפֿען זײַן נאָר אויסעראָרדענטליכע לינגוויסטען מיט משונה־דיגע פֿעהיגקייטען?

אָבער דאָס איז נאָך וועניג. די יוריספּרודענץ האָט איהר טערמינאָלאָגיע, איהרע אויסדרוקספֿאָרמען, איהר ספּעציעלע שפּראַך. מן הסתם וועט יעדע נאַציאָן, וואָס וועט זײַן בכח, באַשאַפֿען אַן אייגענע יורידישע פֿאַקולטעט. שוואַכערע נאַציאָנען וועלען דאָס מאַכען בשותפֿות. לאָמיר נעהמען אַ גרוזין אַ ריכטער. ער וועט האָבען געענדיגט, למשל, די גרוזינישע יורידישע פֿאַקולטעט, ער וועט קענען די גרוזינישע יורידישע שפּראַך. אַ חוץ דעם וועט ער נאָך מוזען באַהערשען יענע שפּראַך, וועלכע וועט לויט אַן אָבמאַך צווישען אַלע נאַציאָנען פֿון רוסלאַנד אָנערקענט ווערען פֿאַר די אַלגעמיינע פֿערמיטלונגסשפּראַך אין די אַמטען. צוויי יורידישע שפּראַכען, צוויי יורידישע טערמינאָלאָגיעס וועט ער שוין געוויס מוזען קענען. אַז ער וועט נאָך דערצו דאַרפֿען פֿאָלקאָמען פֿרײַ, ניט פּלאָנטערנדיג זיך, געוועגקען נאָך צוויי דרײַ טערמינאָלאָגיעס, איז דאָך קלאָר, אַז זעלטען ווער דאָס וועט פֿאַרמאָגען.

אויב דער ריכטער וועט נאָך זײַן אַ זוהן פֿון אַן אונטערדריקטער, שוואַכער, קולטורעל יונגער נאַציאָן, קען מען זיכער זײַן, אַז ער וועט אַ חוץ זײַן מוטערשפּראַך געוויס באַהערשען נאָך איינע אָדער אפֿילו צוויי הערשענדע שפּראַכען. אָבער אויב ער וועט געהערען צו אַ קולטורעל שטאַרקער נאַציאָן—וועט זײַן אַ רוס, דײַטש פּאָליאַק,—וועט ער די שפּראַכען פֿון די אונטערדריקטע נאַציאָנען קענען נור זעהר זעלטען. דער אָרטיגער ריכטער, אויספֿאָרשונגסריכטער (סלעדאָוואַטעל), דער פּאָליצײַ־באַאַמטער, וואָס מאַכט

אַפּט דעם ערשטען פּראָטאָקאָל, דער פּראָקוראָר, דער סעקרעטאַר—אַלע וועלען געניינט זײַן צו פֿאַרמײַדען יענע שפּראַך, וועלכע זיי באַהערשען כמעט נאָר ניט אָדער באַהערשען ניט גוט. מ׳וועט אוועלכע אַנגעלעגענהייטען וועהן אָבלעגען, פֿער־ריקען. וועט שוין קומען דיזער צײַט, וועט דער ריכטער זײַן אונגעדולדיג, מאַכען בקיצור, איגנאָרירען די אינטערעסענטען, נאַכלעסיג פֿיהרען די פֿערהאַנדלונג.

דאָס וועט הילפֿענדיג־ניט־הילפֿענדיג פּאַסירען אפֿילו דאַן, ווען דער ריכטער וועט ניט וועלען זײַן קיין ווערקצייג פֿון נאַציאָנאַלער העצע.

די רעזולטאַטען פֿון אַזאַ לאַגע זענען קלאָר. די ברייטע מאַסען, דאָס פּראָלעטאַריאַט קען ניט בלײַבען קיין גלײַכגילטיגער צוזעהער פֿונ׳ם אַמט־שפּראַכענקאַמפּף.

מעהר פֿון אַלע לײַדט פֿונ׳ם קינסטליכען שפּראַכענצוואַנג דער פּראָלעטאַריער. די פֿרעמדע שפּראַך אין די אײַנריכטונגען גיט־צו אַ נײַע שוועהר־משא צו יענעם סאָציאַלען, פּאָליטישען, עקאָנאָמישען דרוק, וועלכען ער טראָגט, די איז פֿאַר איהם אַ קוועלע פֿון טאָגטעגליכען שאַדען, פֿון צײַטפֿערלוסט, פֿון טיפֿסטער מאָראַלער דערנידעריגונג: די מאַכט איהם האַלב־שטום, האַלב־טויב אין די אײַנריכטונגען; די מאַכט פֿון איהם אַן אָביעקט פֿון חוזק און שפּאַס פֿאַר יעדען קאַנצעלאַריסט, וואָס האָט מיט איהם צו טאָן.

אָבער דאָס איז נאָך וועניג. די אַמטשפּראַכענפֿראַגע פּלאָנטערט זיך צוזאַמען מיט דער קולטור־פֿראַגע.

V

די אַמט־שפּראַכען־פֿראַגע און די נאַציאָנאַלע קולטור.

דער יודישער פּראָלעטאַריער לײַדט פֿון דער ניט־אָנערקענונג פֿון זײַן שפּראַך ניט אַלס בירגער, ניט אַלס אײַנוואָהנער פֿון וואַרשאַ, פֿון פּוילען, ניט אַלס שוסטער, ניט אַלס פֿאַטער. ער לײַדט דאָ אַלס מענש, וואָס זײַן מוטערשפּראַך איז יודיש. ער לײַדט אַלס יוד.

ער לײַדט דירעקט, ווען ער האָט צו טאָן מיט׳ן געריכט, מיט דער פּאָליצײַ, מיט׳ן מאַגיסטראַט. ער לײַדט אינדירעקט, אַלס מיטגליעד פֿון דער יודישער קולטור־געמיינשאַפֿט, פֿון דער יודישער נאַציאָן.

דער אַנטיסעמיטיזם וועט ניט קענען טרעטען

די יודישע קולטור, ווען זי וועט זיך באַהאַלטען אין דער פֿעסטונג פֿון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע? ניט ריכטיג.

אַ שפּראַך, וואָס ווערט אונטערדריקט אין די אַמטען, וואָס מיט איהר קען מען ערגיץ ניט אויסקומען אין געריכט,—אַזאַ שפּראַך קען דאָס אפֿשר איבערטראָגען, ווען זי האָט פֿריהער געהאַט בעסערע צײַטען, ווען זי האָט באַוויזען פֿריהער הויך צו ענטוויקלען זיך. אַזוי איז מיט דער פּוילישער שפּראַך. אַנדערש איז עס מיט שפּראַכען, וואָס זענען קיינמאָל קיין מלוכה־שפּראַכען ניט געווען. ס׳איז שווער צו באַשרײַבען, וואָס פֿאַר אַ באַדײַטונג פֿאַר דער ענטוויקלונג פֿון די מאָדערנע שפּראַכען ס׳האָט געהאַט דער פֿאַקט, וואָס מ׳האָט אויף זיי גערעדט אין די אַמטען, געשריבען פּאַפּירען, געמשפּט, פֿערפֿירט. די טערמינאָלאָגיע, דער סטיל, די ווענדונגען אין דער שפּראַך, דער ווערטערשאַץ איהרער—אויף אַלץ האָט דאָס געווירקט. ווער ס׳איז באַקאַנט מיט דער געשיכטע פֿון דער רוסישער שפּראַך, דער ווייס, וואָס פֿאַר אַ באַדײַטונג פֿאַר איהר ענטוויקלונג ס׳האָט געהאַט די זאָגענאַנטע „געריכטליכע מליצה“—

אַ שפּראַך, וואָס איז אפֿילו אויפֿ׳ן פּאַפּיר גלײַכבערעכטיגט (די רומעניש אין עסטרײַך איז אויך גלײַכבערעכטיגט!) אָבער פֿאַקטיש אין די אײַנריכטונגען אונטערדריקט—אַזאַ שפּראַך וועט זיך ניט קענען פֿאָלקאָמען ענטוויקלען, בּיז וואַנען זי וועט דעם דרוק ניט אַראָבוואַרפֿען. און ווען ס׳ענטוויקעלט זיך שלעכט די שפּראַך, ענטוויקעלט זיך שוואַך די קולטור.

אָבער ס׳איז וויכטיג נאָך אַ זאַך. אויב די יודישע שפּראַך וועט אין די אײַנריכטונגען אונטערדריקט זײַן, וועט דאָס מוזען שטערען די יודישע אינטעליגענץ פֿון דער יודישער גאַס. די וועט וועלען פֿערלאָזען די יודישע קולטור און אַנאײַגענען זיך אַ פֿרעמדע. אמת, ס׳וועט איהר וועניג העלפֿען, די וועט דורך דעם געשטופּט ווערען צו אַ פֿערצווייפֿעלטען קאַמפּף פֿאַר גלײַכבערעכטיגונג פֿון יודיש, די וועט אויפֿהויבען אויף דער יודישער גאַס די שאָוויניסטישע לאָזונגען, אָבער אַ אינטעליגענץ, וואָס וועט בלײַבען די יודישע קולטור, וועט דאָס יודישע פֿאָלק נור דאַן האָבען, ווען די יודישע אינטעליגענץ וועט האָבען די ברייטע מעגליכקייט אָנצושטעלען איהרע קרעפֿטען אויף דער יודישער גאַס, ווען ס׳וועלען מעגליך זײַן יודישע ריכטער, אַדוואָקאַטען,

שטאָדט־דאָקטוירים, וואָס וועלען דאַרפֿען רעדען יודיש; וואָס וועלען מוזען שטודירען זייער פֿאַך אויף יודיש. נור דאַן וועט אויך מעגליך זײַן דער גאַנצער בנין פֿון דער יודישער פֿאָלקסבילדונג, נור דאַן וועלען קענען עקזיסטירען יודישע גימנאַזיעס און אַ יודישע הויכשול.

וואָס נעהמט דאָס אָן דעם פּראָלעטאַריאַט, גימנאַזיעס, הויכשולען? יאָ, דירעקט געהען זיי איהם ניט אָן. ער נעהמט ניט אין קיין העכערע שולען. ס׳איז אוממעגליך צו פֿערגלײַכען דעם דירעקטען ברענענדען אינטערעס, וועלכען דאָס פּראָלעטאַריאַט האָט בנוגע צו דער פֿאָלקסשול—צו זײַן אינטערעס בנוגע צו די העכערע שולען, וואָס דיענען כמעט אויסשליסליך דעם בירגערטום. אָבער דווקא דער אינטערעס פֿון דער פֿאָלקסשול פֿאָדערט בײַם פּראָלעטאַריאַט, ער זאָל ניט בלײַבען גלײַכגילטיג צום שיקזאַל פֿון דער נאַציאָנאַלער העכערער שול, וועלכע איז אַזאַ וויכטיגער פֿאַקטאָר אין דער ענטוויקלונג פֿון דער קולטור בכלל און פֿון דער פֿאָלקסשול בפֿרט. ס׳איז גענוג צו דערמאָהנען, אַז די פֿאָלקסשול פֿון אַ נאַציאָן, וואָס האָט ניט קיין מיטעלשול, איז אין פֿולשטענדליכען זינען פֿון וואָרט אַנאָרמעל. ס׳איז גענוג צו דערמאָהנען די פֿאָדערונג, אַז די פּעדאַגאָגישע לעהראַנשטאַלטען, וואָס גרייטען צו לעהרער, דאַרפֿען פֿאָדערן פֿון זייערע שילער אוניווערזיטעטסבילדונג, דאַרפֿען אַלענפֿאַלס האָבען אַ כאַראַקטער פֿון אַ הויכשול. ס׳איז גענוג צו דערמאָהנען, ווי אָרעם און נישטווערדיג מוז זײַן די וויסענשאַפֿטליכע (אפֿילו נור איבערזעצטע) ליטעראַטור אין אַזאַ שפּראַך, וואָס איז אַן אונטעררוכטס־שפּראַך בלויז אין דער עלעמענטאַרער שול,—ס׳איז גענוג דאָס אַלץ צו דערמאָהנען, כדי צו פֿאַרשטעהן, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרבאַנד עס עקזיסטירט צווישען דער פֿאָלקסשול און דער העכערער שול.

קורץ. די גאַנצע אָדער טײַלווײַזע ניט־אָנערקענונג פֿון אַן אונטערדריקטער שפּראַך רופֿט זיך אָב אויף די פֿאַרשיעדענסטע אופֿנים אויף דער נאַציאָנאַלער קולטור. די אַמטען ווערען אַ ווערקצייג, דורך וועלכע די נאַציאָנאַלע מעהרהייט ענטנאַציאָנאַליזירט די אינטעליגענץ פֿון דער מינדערהייט, האַלט קינסטליך דאָס טעאַטער, די שול פֿון דער מינדערהייט אויף אַ נידריגער מדרגה, פֿערהאַלט קינסטליך די ענטוויקלונג פֿון דער שפּראַך. און דאָס אַלץ איז זי בכח צו טאָן אויך דאַן, ווען זי האָט ניט קיין דירעקטע שליטה איבער די ביל־

דינגס־אנשטאלטען פון דער מינדערהייטס.

ווער לײדט דערפון מעהר, ווי דאס פראלעטאריאט? דארף מען נאך איבעריגע לענגער בעווייזען, אז דא האנדעלט זיך וועגען קינסטליכע מניעות, וואס שטערען צוגויף די פרייהייט פון דער קולטורעלער ענטוויקלונג און געגען וועלכע דאס בעוואוסטזיניגע פראלעטאריאט דארף קעמפפען מיט אלע כחות? דארף מען נאך דערמאהנען, וואס פאר גיפטיגע בליטען פון שאוויניזם, פון פערפינסטערטען קלאססענבעוואוסטזיין עס בליהען אויף אויפ'ן באדען פון די דאזיגע ניט בעפרידיגטע נאציאנאלע בעדערפניסע, פון די טאג־טעגליך צורייצטע נאציאנאלע געפיהלען?

VI

די אויפגאבען פונ'ם פראלעטאריאט.

דאס בעוואוסטזיניגע פראלעטאריאט קען זיך ניט נאכשלעפען נאך די שאוויניסטישע לאזונגען פון די בורזשואזע הארמשיהרער. עס האט זיינע אויפגאבען; עס האט זיין קריטעריום אין יעדער פראגע,—די אינטערעסען פון זיין קלאססענקאמפף. שאוויניסטישע גרופענאינטערעסען, א קאמפף פאר שטעלעס, א קאנקורענץ אויפ'ן מארק, א שטרעבונג צו נאציאנאלער הערשאפט — דאס בעהאלט זיך אינטערן אמטשפראכענקאמפף, וועלכען ס'פיהרט די בירגערליכע אינטעליגענץ. בעפרידיגונג פון ווירקליכע אינטערעסען פון די פאלקסמאסען, שטרעבונג צו פרייער קולטורעלער ענטוויקלונג, קאמפף געגען אלע פארמען פון נאציאנאלער הערשאפט—דאס זענען די אויפגאבען, וועלכע די אינטערעסען פון קלאססענקאמפף לעגען ארויף אויף דאס פראלעטאריאט. און פון דאנען קומט דער פעסטער אונטערשייד צווישען דער פאזיציע פון דער בירגערליכער אינטעליגענץ און פונ'ם פראלעטאריאט. דאס פוילישע בירגערטום אין גאליציען איז אינטערעסירט—די פוילישע שפראך זאל הערשען אין גאנץ גאליציען, אין אלע אמטען. די פוילישע בירגערליכע אינטעליגענץ איז אינטערעסירט, זי זאל אין גאנץ גאליציען האבען א מאנאפאל'ע אויף אלע שטעלעס. דאס פוילישע פראלעטאריאט אבער איז אינטערעסירט נור אין דעם, זיינע ווירקליכע שפראך־בעדערפניסע זאלען בעפרידיגט ווערען; די פוילישע שפראך זאל פערנעהמען אין די אמטען אזא שטעלונג, ווי עס פאדערט זיך פון די ווירקליכע שפראכענאינטערעסען פון די פוילישע מאסען. דאס פוילישע פראלעטאריאט איז אינגאנצען ניט אינטערעסירט, אין א רומענישען דארף זאל זיצען א פוילישער בעאמטער און דער רומענישער ארבייטער זאל מוזען קאליעטשען די פוילישע שפראך. דאס איז נאך ווייניג. דער פוילישער פראלעטאריער איז בלויז אינטערעסירט אינ'ם געגענטייל; דער רומענישער חבר זיינער זאל קענען פריי געברויכען זיין אייגענע מוטערשפראך; עס זאלען בעפרידיגט ווערען די שפראך־אינטערעסען פון דער רומענישער מאסע. מיט זיין גאנצער ענערגיע מוז דער פוילישער בעוואוסטזיניגער ארבייטער קעמפפען געגען די פערפאלגונגס־טענדענצען פון דער פוילישער בירגערליכער אינטעליגענץ. מיט דער גלייכער ענערגיע מוז ער קעמפפען סיי פאר די גלייכבערעכטיגונג פון דער פוילישער שפראך אין שלעזיען, סיי פאר די גלייכבערעכטיגונג פון דער רומענישער שפראך אין גאליציען. א שטאנדפונקט, אויף וועלכען די בורזשואזע אינטעליגענץ איז גאר ניט מסוגל זיך צו שטעלען, אויף וויפיעל זי געהט ארום פון איהרע עגאאיסטישע גרופען־אינטערעסען.

די ספעציפישע אטמאספער פון נאציאנאלער רייבעניש פערדונקעלט אבער דאס בעוואוסטזיין פון די מאסען און בעשאפט אין זיי די פאלשע פארשטעלונג, אז די אינטערעסען פון נאציאנאלער קולטור פאדערן, זיי זאלען אינטערשטיצען די עגאאיסטישע שטרעבונגען פון זייער אינטעליגענץ. און פאר דעם בעוואוסטזיניגען פראלעטאריאט שטעהט אן אויפגאבע: זוכען א מיטעל געגען דער רייבעניש גופא; „געבען דעם מאקסימום גאראנטיעס געגען נאציאנאלע קאנפליקטען, וועלכע זענען מעגליך אין דער קאפיטאליסטישער ארדנונג". אין דער קאפיטאליסטישער ארדנונג, זאגען מיר, ווייל מיר ווייסען, אז נור אין אן אנדער ארדנונג וועט די נאציאנאלע אונטערדריקונג אינגאנצען אויפהערען.

מיט אזא וועג זענען מיר געגאנגען, ווען מיר האבען אונזער גאנצעס נאציאנאלעס פראגראם געשאפען. מיט אזא וועג דארפען מיר געהן איצט ווען עס האנדעלט זיך וועגען קאנקרעטיזירען די פראגראם־פאדערונג פון גלייכבערעכטיגונג פון שפראכען.

ווען אפילו די נאציאנאל־קולטורעלע אויטאנאמיע וועט שוין עקזיסטירען, וועט דער נאציאנאלער האס בעהאלטען זיין באדען אין די אלגעמיינע „אינטערנאציאנאלע" איינריכטונגען, וועלען די הערשענדע נאציאנען האבען די מעגליכקייט מיט דיזער גאנצער ארגאניזירטער קראפט צו שטיקען און אינטערדריקען די שוואכע נאציאנען. דער נאציאנאלער קאמפף וועט ברענען ארום יעדער שטעלע, וועט ארומלאפען אויף אזא אופן אלע געביעטען פון דער אינטערנאציאנאלער טעטיגקייט.

ס'איז קלאר. די דעצענטראליזאציע, די דעמאקראטיזירונג פון דער ארטיגער זעלבסטפערוואלטונג, די פאלקס־וואהלען פון בעאמטע און ריכטער גיבען נאך ניט קיין גאראנטיעס, אז די שפראך־אינטערעסען פון די מינדערהייטען וועלען גאראנטירט ווערען.

אין א בריעף, וואס איז פאר א יאהרען געדרוקט געווארען אין אנ'אויסלענדישער צייטונג, האט מען מיטגעטיילט, אז אין דער ס. ד. פראקציע פון דומע איז מען פעראינטערעסירט מיט דער פראגע פון קאנקרעטיזירען דאס נאציאנאלע פראגראם. דאס פראגראם בנוגע צו דער „אקראינע־פראגע", ווי ס'דריקט זיך נאאיוו אויס דער אוטאר פונ'ם בריעף. מ'טראכט דארט וועגען בעשיצען די רעכט פון נאציאנאלע מינדערהייטען דורך פראפארציאנעלער פערטרעטונג אין די ארגאנען פון דער ארטיגער זעלבסטפערוואלטונג.

דאס בעדייטעט אדער נאציאנאלע קוריען—אדער פראפארציאנעלע וואהלען מיט א פיקסירטער צאהל נאציאנאלע פערטרעטער. *)

די פראגע וועגען נאציאנאלע קוריעס איז א ספעציפיקעלע. שפרינגער זאגט זיך למשל ענערגיש ארויס געגען נאציאנאלע קוריעס בשעת פארלאמענטס־וואהלען און פאר נאציאנאלע קוריעס אין דער ארטיגער זעלבסטפערוואלטונג. איך וועל נאך אפשר האבען די מעגליכקייט בעקאנט צו מאכען די לעזער פון „צייטפראגען" מיט זיין ארגומענטאציע. **)

קלאר איז אבער איין זאך: אויב א נאציאנאלע מינדערהייט וועט אפילו זיין פערטרעטען אין דער ארטיגער זעלבסטפערוואלטונג, איז נאך א גרויסע פראגע, צי וועט זי קענען עפיס אויסווירקען רעאל. די הערשענדע נאציאן וועט זי אויך דאן מאיאריזירען. דורך געהיימע קאמבינאציעס מיט אנדערע מינדערהייטען קען אפשר א מאל זיך בעקומען א געוויסער רעזולטאט, אבער דאס איז נור אויף אזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי וועלען זיך ניט רייסען צווישען זיך. אין עסטרייכער פארלאמענט וועלען די נאציאנען פערטרעטען כמעט פראפארציאנעל—און קענען בשום אופן ניט דורכקומען צווישען זיך. א סך קרעפטען, א סך בלוטיגע פאלקס־אינטערעסען וועלען נאך געאפפערט ווערען, איידער זיי וועלען קומען צום שכל.

אין ערגסטען פאל וועט די מעהרהייט פערכאפען אין איהרע הענד אליין. אין בעסטען—וועלען די מינדערהייטען זיך רייסען צווישען זיך. און דורך אבסטרוקציעס פערהאלטען דאס גאנצען לעבען פון די בעטרעפענדע ארגאנען. ס'איז אייגענטליך א פראגע, וועלכער פאל איז דער ערגסטער און וועלכער דער בעסטער: ביידע זענען גענוג שלעכט.

אין געזעץ מעג שטעהן, אז די בעאמטע מוזען קענען די ארטיגע שפראכען. מיר האבען אינ'ם קאפיטעל IV געזעהן, וואס פאר א ממשות דאס האט. וואו זענען די גאראנטיעס, אז די ווירקליכע שפראך־אינטערעסען פון די פערשיעדענע נאציאנאלע גרופען וועלען בעפרידיגט ווערען?

גאראנטיעס פאר די בילדונגס־אינטערעסען האבען מיר געפונען. מיר האבען געזאגט: די קולטורעלע פונקציעס זענען „קראנקע" *) פונקציעס. די קראנקע פונקציעס דארפען אויסגעטיילט ווערען פון דער קאמפעטענץ פון די אינטערנאציאנאלע איינריכטונגען. „די נאציאנען גרעניצען זיך אב איינע פון דער אנדערער". **)

די שפראך־אינטערעסען זענען אונענדליך ברייטער לויט'ן אומפאנג, איידער די קולטור־אינטערעסען. זיי בעהערשען זיך אין אלע פונקציעס פון די אינטערנאציאנאלע איינריכטונגען, זיי מאכען אלע פונקציעס קראנק.

קענען מיר דא אנווענדען דעם זעלבען מעטאד? אי יא, אי ניין. די נאציאנען דארפען זיך דא אבגרעניצען. די אבגרעניצונג טראגט אבער אן אנדער כאראקטער, ווי ביי די קולטורעלע אינטערעסען.

---

*) פערשטעהט זיך, אין די נאציאנאלע קוריעס איז אנווענדבאר דאס פראפארציאנעלע סיסטעם.

**) דערווייל וועל איך נור בעמערקען, אז פאר איהם זענען די נאציאנאלע קוריעס ניט אזוי א מיטעל צו בעשיצען די מינדערהייטען, ווי א מיטעל צוצוגעבען דעם וואהל־קאמפף און דעם קאמפף אין די ארטיגע פערטרעטונגס־ארגאנען א ריינעם קלאססענכאראקטער.

*) Медемъ. Національный вопросъ и соціалдемократія стр. 53.

**) דארט.

כדי דאס צו פערשטעהן, דארפען מיר זיך אבשטעלען אויף דער פראגע וועגען נאציאנאלען אינהאלט און נאציאנאלער פארם.

VII

נאציאנאלער אינהאלט און נאציאנאלע פארם.

מ'דארף אונטערשיידען פונקציעס, וואס זענען נאציאנאל לויט זייער אינהאלט און פונקציעס, וואס זענען נאציאנאל בלויז לויט זייער פארם. אין דער יודישער פאלקסשול איז יודיש ניט נור די שפראך, נור א גרויסע שטיק פונ'ם אונטערריכטס-מאטעריאל. אין דער יודישער מוזיק, סקולפטור אדער מאלעריי. און די נאציאנאל-קולטורעלע אויטאנאמיע וועט זיך דאך פערנעהמען מיט דיזער אינטערשטיצונג—איז נאר קיין שפראך ניטא. דאס נאציאנאלע וועבט זיך דארט צוזאמען מיט דעם אינטערנאציאנאלען און דריקט זיך אויס א מאל אין דער שטימונג, א מאל אינ'ם אינהאלט, אין מ'יוענדער זאכען, וואס מ'קען גאר ניט אנרופען ביי'ן נאמען און וואס פיהלט זיך.

די פאלקסשול איז ניט נור א זאך, וואס לאזט זיך טיילען. פערקעהרט, די איז א זאך, וואס לאזט זיך ניט אינטערנאציאנאל פעראייניגען אין איהר עצם פונקציע, אינ'ם אונטערריכט. אוועקזעצען אין איין קלאס יודישע און פוילישע קינדער הייסט אדער טיילען צווישען זיי די צייט, געבען זיי א האלבען אונטערריכט, אדער לערנען מיט זיי אין איינעם, דאס הייסט אונטערדריקען איינע אויפ'ן חשבון פון די צווייטע.

דאס זעלבע דאס טעאטער. אין דער עצם פונקציע—אין דער ארבייט פון די ארטיסטען—קען כמעט קיין פעראייניגונג ניט זיין. עס טרעפט א מאל, אז א אנגעזעהענער איטאליענישער אדער פראנצויזישער שטערן שפיעלט אין איינעם אין א רוסישען אדער פוילישען אנסאמבל — זיי אויף זייער שפראך, דער שטערן אויף זיין שפראך. נאר ערשטענס זענען דאס אויסנאהמען, און צווייטענס בין איך שטארק מסופק, צו דאס איז ניט קיין פשוטע געשמאקלאזיגקייט, בעזונדערס אין דער דראמע.

איך זאג אויסנאהמען—אין דער עצם פונקציע. ווייל דורכפיהרען א שטרענגע גרעניץ-ליניע איז דא אונמעגליך. אויך אין קולטור-ענינים זענען פאראן זאכען, וועלכע וועלען נור געווינען פון א געוויסער אינטערנאציאנאלער פעראייניגונג. אין די קלענערע גובערנסקע שטעדט, כמעט אין אלע אויעזדנע איז פשוט משוגע'דיג פארצושטעלען זיך בעזונדערע טעאטער-בנינים פאר יעדער נאציאנאלער גרופע. צוויי דריי נאציאנאלע גרופען וועלען דארפען שליסען אנאבמאך, אויסבויען אדער דינגען א געמיינזאמען בנין און אויסניצען איהם א פאר מאל אין וואך יעדע—אדער לויט אנאנדער סדר, ווען ס'וועט קומען א גאסטראלירענדע טרופע פון דער אדער יענער נאציאן. דער בנין וועט שוין מן הסתם ניט האבען קיין נאציאנאלען סטיל. אבער א טעאטער וועלען זיי נור אזוי קענען האבען. לאמיר נעהמען די שול-מיזעען. אפילו אין א גרויסער שטאדט קען די צוועקמעסיגקייט דיקטירען, אלע אדער עטליכע נאציאנאלע גרופען זאלען שליסען אנאבמאך און גרינדען א געמיינזאמען מוזעאום, כדי זיי זאלען בכח זיין אהן צו פיעל הוצאות בענוצען די בעסטע און טייערסטע אפאראטען, קאלעקציעס, לעהר-מיטלען, וועלכע ווערען סיי די סיי וועלטען געברויכט און וועלכע ס'קענען בענוצען בייטענדיג זיך עטליכע צענדליגע שולען. און אין קלענערע שטעדט, אין שטעדטלעך וועט דאס שול-מוזעאום פעהלען פיעל גרויסע זאכען, ווייל ער וועט זיך ניט ערלויבען אויסצושרייבען א זאך, וואס מ'בענוצט צוויי מאל אין יאהר און וואס קאסט א סך געלד. וועגען געמיינזאמע אוניווערסיטעטען מיט נאציאנאלע אבטיילונגען וועל איך איצט ניט רעדען—דאס איז שוין א צו ווייטע צוקונפטס-מוזיק. אבער איך שטעל מיר אפילו פאר, אז אין קליינע שטעדטליך וועלען די נאציאנאלע גרופען אפשר פעראייניגען די שול-בנינים הייצע. ווייל איין בנין אויף 200 קינדער קאסט איינגעהייצטער וועלוועלער, איידער צוויי בנינים צו הונדערט קינדער אין יעדען. אדער ס'וועט קאסטען וועלוועלער, אדער דער בנין וועט זיין א ליכטיגער, העכערער, שענערער, געזונדערער. ס'איז דאך קיין ספק ניט, אז די נאציאנאל-קולטורעלע אויטאנאמיע וועט ניט ארויסשפרינגען פון דער קאפיטאליסטישער ארדנונג און וועט קיין צו רייכע בנינים פאר פאלקסשולען ניט בויען...

מיר זעהען, אויך אין קולטור-ענינים איז גאר ניט נויטיג א פולע איזאלאציע. דער באדען, אויף וועלכען די פעראייניגונג קען פארקומען—איז אבער ניט בעזונדערס ברייט. עס האנדעלט זיך וועגען ריין מאטעריעלע זאכען, וועגען בנינים, געגענשטאנדען. דער אינהאלט פון די פונקציעס איז אין א גרויסען מאס נאציאנאל, אייגענארטיג, דעריבער געהערען זיי אינגאנצען צו דער קאמפעטענץ פון דער נאציאנאלער אויטאנאמיע, און די אינטערנאציאנאלע פעראייניגונגען טראגען א פריוואטען כאראקטער, פון פאל צו פאל.

אנדערש איז מיט אזעלכע פונקציעס, ווי מעדיצינישע הילף, ארבייטסנאכווייז, געריכט, פאסט א. ז. ו.

נעהמט אן, אז די שפראכבעדערפעניס פונ'ם יודישען חולה זענען בעפרידיגט. דער דאקטאר רעדט מיט איהם יודיש. די ווארטערין, די פעלדשערינע אויך. איז נור די שפראך, אין וועלכער מ'ווענדט זיך צו איהם, יודיש, דאן בלייבט פאר איהם קודם כל א פראצעס פון היילען, פלעגען, געבען עסען, בייטען וועש, איבערבעטען. דער פראצעס איז פונקט דער זעלבער, ווי ביי'ם פאליאק און ליטאווער. עס קען אינ'ם אנדערן בעט, העכסטענס אינ'ם אנדערן קאמער, ליעגען א ליטאווער, און געהיילט ווערען פונקט אזוי, ווי דער יוד, אויב זיי קרענקען. דאס פראצעס פון היילען, די ארבייט פונ'ם דאקטאר, פון דער ווארטערין, פון דער פעלדשערינע האט אין זיך אזוי פיעל אלגעמיין-מענשליכען, אינטערנאציאנאלען אינהאלט, אז אין פערגלייך מיט דעם ווערען פערשווינדענד קליין די געוויסע נאציאנאלע שטריכען, וואס זענען אפילו אין אזא ארבייט פאראן. עס איז נאר קיין וואונדער ניט, וואס זיי זענען פאראן. קיין שטרענגע גרעניץ-ליניע קען מען ניט דורכפיהרען. וויכטיג איז אבער, וואס איז די הויפט-זאך.

און ווען מיר וועלען אזוי צוגעהן צו דער פראגע, וועלען מיר גלייך זעהן, אז אויסטיילען שפיטאלען איז ניט נויטיג.

ס'איז וויכטיג, דער דאקטאר דארף פערשטעהן זיין קראנקען—ניט נור פיזיש, נור אויך גייסטיג.

ביי היסטערישע קראנקהייטען, ביי נערווען-קראנקהייטען און משוגעת איז דאס געוויס קלאר; אבער אויך אין אנדערע קראנקהייטען קען אפט דער דאקטאר אפילו דעם פיזישען צושטאנד פונ'ם קראנקען ניט פערשטעהן, אויב ער קען ניט אינטים ארייַנקוקען אין לעבען פונ'ם חולה. א פרעמדען איז דאס שווערער. מ'פערשטעהט זיך, ווען מ'וועט נעהמען איבערלעגען בעזונדערע קאנקרעטע פאלען, וועט גרינג זיין צו זעהן, אז א פוילישער כירורג קען מאכען א יודען אן אפעראציע, בעזונדערס ווען דער דיאגנאז איז געשטעלט, אפילו ווען ער פערשטעהט ניט א וואָרט יודיש און דער יוד א וואָרט פויליש.

ס'איז אויך וויכטיג, אז קראנקע האבען געוויסע קולטורעלע בעדערפעניס, אז ס'דארפען אין שפיטאל זיין ביכער, צייטונגען, אז א קראנקער פיהלט זיך אפשר בעסער, ווען ער איז ארומגערינגעלט מיט נאציאנס-חברים.

אבער מאכען דערפון א שלוס, אז א שפיטאל מוז זיין א נאציאנאלע זאך, דאס הייסט אינגאנצען ניט רעכענען זיך מיט דער וויכטיגסטער זייט פון דער פראגע. א שפיטאל דארף פאר אלעם היילען זיינע קראנקע. ס'איז גענוג צו פרעגען, וואס איז פאר א יודישען כירורגישען קראנקען ערגער—אז עס ליעגט נעבען איהם ניט קיין יוד, אדער אז ער ליעגט אין איין בנין מיט פאקענקראנקע און קען זיך פון זיי אננעהמען. א שפיטאל, וואס זאל ענטפערן די פאדערונגען פון דער וויסענשאפט, דארף קאסטען אונגעהייערע סומען. די שטרענגסטע איזאלאציע פון אנשטעקענדע קראנקע, די צוטיילונג פון קראנקע בכלל, מאדערנע דעזינפעקציאנס-איינריכטונגען, פערשיעדענע אפאראטען—דאס פאדערט אזעלכע הוצאות, דאס בויען אין א מיטלער גובערנסקער שטאדט דריי שפיטאלען הייסט איינס פון די ביידע—אדער האלטען דריי מאוסע הקדשים אדער בעלאסטיגען דעם שטייערצאהלער ביז א מוראדיגער מדרגה און קוים האבען דריי ארעמע קראנקען-הייזער. ווער רעדט שוין וועגען דער מעגליכקייט צו האבען א ספעציאליזירטען דאקטאר-פערסאנאל, ערשט-קלאסיגע קרעפטען? ס'איז אמת, דעם יודישען חולה דארף היילען א יודישער דאקטאר. אבער מישב זיין זיך מיט א קריסטליכען חבר וועט ער דאך אלע מאל קענען, און ביי א גוי, אויב ס'זענען נור דא יודישע דאקטוירים און פעלדשערים, וועט זיך דער קריסטליכער דאקטאר מיט'ן קראנקען אויך אויסרעדען.

אויף אזא אופן זעהען מיר, אז ס'איז וועניג, וואס א בעזונדערער יודישער שפיטאל לאזט זיך דענקען און עקזיסטירט אפילו איצט. די אינטערעסען פון די ברייטע מאסען, אלס קראנקע און אלס שטייערצאהלער, פאדערען בלי ספק, די שפיטאלען זאלען זיין געמיינזאמע. און ווייל דער הויפט-אינהאלט זייערער איז אינטערנאציאנאל, ריכטיגער א נאציאנאל, דארפען זיי ליגען אין די הענד פון די אינטערנאציאנאלע שטאדטישע איינ-

רעכטיגונגען און דארפען ניט אבהענגען פונ׳ם פרייען אבמאך צווישען נאציאנען.

דאס זעלבע איז מיט׳ן געריכט. דאס געריכט מוז ווי ווייט ס׳איז נור מעגליך פארקיסען אין דער מוטערשפראך פונ׳ם אנגעקלאגטען. מיר האבען געזעהן, אינ׳ם קאפיטעל IV, אז דער נאציאנאלער מאמענט שפיעלט דא געוויס א ראליע.

דאס פראצעס פון געריכט אליין, די געזעצען, די שטראף־נארמען, די פארמען פון פיהרען דעם פראצעס—די עצם פונקציע בכלל האבען קיין נאציאנאלען אינהאלט ניט. פערקעהרט, דאס פראלעטאריאט איז פעראינטערעסירט אין א מעגליכער איינהייטליכקייט פון געריכט, פון געזעץ און שטראף־נארמען. עס שטרעבט צו קאנצענטרירען דעם קאמפף ארום די אלע פראגען אין אלגעמיינעם מלוכה־פארלאמענט; ער דארף ענטשיידען ארויסטרעטען געגען יעדער פראבע צו צוברעקלען ווי אין איינצעלנע איינריכטונגען. די פערשיעדענקייט פון יורידישע נארמען איז א גרויסע מניעה פאר דער קאפיטאליסטישער ענטוויקלונג, און ווען עס לאזען זיך נאך דענקען געוויסע ארטיגע געזעצגעבונגען, מוזען זיי זיין איינהייטליך פאר דער גאנצער טעריטאריע. עס קען גאר קיין רעד ניט זיין וועגען א בעזונדער יודישער, פוילישער, דייטשער, רומענישער, ליטווישער, יוסטיציע אין פוילען.

איך האב בעטראכט אלס ביישפיעלען צוויי פונקציעס: איינע (מעדיצינישע הילף) פון דער ארטיגער זעלבסטפערוואלטונג. די צווייטע (געריכט) פון דער מלוכה. בעניצענדיג דעם מעטאד, איז לייכט צו זעהן, אז די אלע פונקציעס, וועלכע מיר לאזען געוועהנליך איבער אין די הענד פון דער מלוכה און פון דער ארטיגער זעלבסטפערוואלטונג—זענען לויט זייער אינהאלט אינטערנאציאנאל, א נאציאנאל; אז די אינטערעסען פון די פאלקסמאסען פאדערן, זיי זאלען ניט צוטיילט ווערען, אויב נאר עס זענען גאראנטירט אין זיי די שפראך־אינטערעסען פון דער בעפעלקערונג.

VIII

ווי אזוי גאראנטירען די שפראכען־אינטערעסען.

אין געביעט פון שפראכען־אינטערעסען קען די אבגרענצונג פון נאציאנען ניט פארקומען דורך צוטיילען די פונקציעס. דאס וואלט בעדייטען צוטיילען אלץ. דאס איז אדער אוממעגליך, אדער [illegible].

ווי אזוי זשע דארף פארקומען די אבגרענצונג? לויט דעם געדאנק פונ׳ם עסטרייכער ס. ד. רענער, דארף די אבגרענצונג דורכגעפיהרט ווערען דורך דעם, וואס יעדע נאציאן בעקומט אין די געמיינזאמע איינריכטונגען, א געוויסע צאהל שטעלעס, וועלכע זי בעזעצט מיט איהרע אויסדערוועהלטע.

אין איינשפראכיגע געביעטען איז וועגען אבגרענצונג נישטא וואס צו רעדען. דארט איז גענוג די דעמאקראטיזירונג פון די איינריכטונגען, די פאלקס־וואהלען פון ריכטער און בעאמטע, די לעצטע וואלען שוין ממילא געהערען צו דער ארטיגער בעפעלקערונג און קענען די ארטיגע שפראך.

אין געמישטע געביעטען קומט פאר א קאמפף. יעדע נאציאן פאדערט, איהרע שפראכענבעדערפניס זאלען בעפרידיגט ווערען. די נאציאנאלע מעהרהייט וויל ניט אנשטעלען קיין בעאמטע פון אן אנדער נאציאן; די נאציאנאלע מינדערהייטען פערלאנגען, אלע בעאמטע זאלען קענען זייערע שפראכען. ווי אזוי קען מען בעשטימען די שפראך־בעדערפניס פון יעדער נאציאנאלער גרופע? געוויס אויסרעכענען, וויפיעל מאל די מיטגליעדער פון א געוויסער נאציאנאלער גרופע ווענדען זיך צום געריכט, צו דער פאסט א. ז. וו. איז אוממעגליך. מיט מעהר אדער וועניגער זיכערהייט קען מען אבער זאגען, אז די גרעסטע גרופע ווענדעט זיך עפטער פון אלע צו די איינריכטונגען, די קלענסטע—וועניגער פון אלע. (ס׳פערשטעהט זיך, עס רעדט זיך וועגען אלגעמיינע איינריכטונגען. רעדט מען וועגען ספעציעלע, צ. ב. וועגען פאבריק־אינספעקטאריען—דארף מען זיך רעכענען ניט מיט דער גאנצער בעפעלקערונג, נור מיט יענעם טייל איהרען, וואס האט צו טאן מיט דער איינריכטונג). ס׳איז קלאר, אז מ׳וועט קיין גראבען טעות ניט האבען, אויב מ׳וועט זאגען, אז די שפראך־בעדערפניס פון א נאציאנאלער גרופע איז פראפארציאנעל איהר גרויס. ווי טאן, ווען יעדע נאציאנאלע גרופע פאדערט אין דעם פרט צו פיעל? ווי טאן, ווען יעדע נאציאנאלע אינטעליגענץ וואלט וועלען פערכאפען אלע שטעלעס? דער אויסוועג איז קלאר. די שטעלעס דארפען צוטיילט ווערען פראפארציאנעל דער בעפעלקערונג.

שטעלט אייך פאר א שטאדט מיט 100.000 איינוואוינער: 40.000 יודען, 30,000 פאליאקען, 20,000 ווייס־רוסען און 10,000 רוסען. לאמיר אננעהמען, די שטאדט דארף האבען 10 פריעדענסריכטער. אויף די יודען פאלט אויס 4 ריכטער, אויף די פאליאקען 3, אויף די ווייס־רוסען 2 און אויף די רוסען איינער. עס ווערען געבילדעט 4 יודישע געריכטס־צירקלען, 3 פוילישע א. ז. וו.

קען מען זאגען, אז אויף אזא אופן ווערט בעשאפען א יודישע אדער א פוילישע יוסטיץ? בשום אופן ניט. לאמיר נעהמען א ריין רוסישע שטאדט—קאלוגע למשל. ווען די קאלוגער בעפעלקערונג קלייבט אויס איהרע ריכטער, בעדייטעט דאס, אז עס ווערט בעשאפען א קאלוגער יוסטיץ, א קאלוגער שטראף־רעכט? פערשטעהט זיך, אז ס׳הויבט זיך גאר ניט אן. די אלע וואלען בלייבען אלגעמיין־מלוכה׳ישע וואלען. די קאלוגער האבען נור אנגעוויזען, דורך וועמען זיי ווילען די דאזיגע יוסטיץ בעקומען. אינ׳ם אינהאלט פון דער טעטיגקייט פון די ריכטער מישען זיי זיך ניט,—דאס הענגט אב פונ׳ם מיניסטער, פונ׳ם סענאט, פון פארלאמענט. זיי בעשטימען נור די פערזאן פון ריכטער. ווייל דאס איז דער גרונד־יסוד פון דעמאקראטיע: געריכטעט צו ווערען דורך איינענע אויסדערוועהלטע.

און פונקט אזוי ווי די דאזיגע וואהלען בעשאפען נאך ניט קיין קאלוגער יוסטיץ, וועט אויך קיין יודישע יוסטיץ ניט בעשאפען.

ס׳פערשטעהט זיך, דער פרינציפ פון נאציאנאלע ריכטער שליסט איינגאנצען ניט אויס די מעגליכסטע פיעלשפראכיגקייט זייערע. פערקעהרט, ער נויטיגט זיך אין איהר. און דוקא ווען דער פרינציפ פון נאציאנאלע ריכטער איז דורכגעפיהרט, קען מען פיעל מעהר גאראנטירען די פיעלשפראכיגקייט. ס׳איז לייכט צו פערשטעהן, פארוואס דאס איז אזוי. אינ׳ם מיטעל פון דער נאציאנאלער רייבעניש ארום יעדער ריכטער־שטעלע, ווען ס׳האנדעלט זיך וועגען דורכפיהרען דוקא אן איינענעם—איז קלאר, אז מ׳בעגעגענט זיך מיט פיקטיווע שפראכצייגניסען. ווען די רייבעניש ארום יעדער שטעלע הערט אויף, ווען יעדער מינדערהייט איז זיכער, אז איהר צאהל ריכטער וועט זי געוויס בעקומען, אז איהר שפראך וועלען די ריכטער שוין געוויס בעהערשען; ווען די מעהרהייט ווייס, אז מעהר ריכטער, ווי איהר קומט, וועט זי סיי ווי ניט קריגען,—טרעטען ארויס אויפ׳ן ערשטען פלאן גאר אנדערע פאדערונגען בנוגע צום ריכטער. דאמאלס וועט יעדע גרופע דורך איהרע עקאנאמישע אינטערעסען געצוואונגען זיין צו פאדערן ביי איהר קאנדידאט, ער זאל האבען מעהר שפראכען קענען—און ווירקליך קענען—ניט אויפ׳ן פאפיר. בכלל, ווען יעדע נאציאן וועט וויסען, אז איהר בעדערפניס נאך בעאמטע וועט געדעקט ווערען פון איהרע איינענע קינדער, וועט זי אזוי איינארדנען איהרע מיטעלשולען, אז די שילער זאלען ערלערנען מעהר שפראכען.

דערמיט איז פערענטפערט די פראגע, ווי וועט זיין, אז די צדדים אין פראצעס געהערען צו פערשיעדענע נאציאנען; אדער ס׳וועלען פאראן עסליכע אנגעקלאגטע פון פערשיעדענע נאציאנען. גיכער פאר אלץ וועלען די צדדים מסכים זיין, דער פראצעס זאל זיך פיהרען אין דער מיטלונגס־שפראך פון דער געגענד—אין וועלכער זיי האבען געוויס אויך זייער עסק געפיהרט. די פערמיטלונגס־שפראך וועט יעדער ריכטער קענען. בעהערשען זיי ניט די פערמיטלונגס־שפראך און ווילען יעדערער רעדען זיין מוטערשפראך, דאן קען מען זיך סיי ווי ניט בעגעהן אהן אן איבערזעצער, כדי זיי זאלען זיך איינאנדער פערשטעהן. דאס זעלבע איז מיט פערשיעדענשפראכיגע אנגעקלאגטע.

קירץ. אויף וויפיעל ס׳איז אוממעגליך, דער ריכטער זאל גלייך ניט בעהערשען אלע ארטיגע שפראכען, אויף וויפיעל פון דאנען פליעסט ארויס א נויטיגע אונגלייכהייט, ווערט זי ביים סיסטעם פון נאציאנאלע ריכטער ניט פערגרעסערט; פערקעהרט, עס ענטשטעהען נייע שאנסען צו גאראנטירען די ווירקליכע פיעלשפראכיגקייט פון ריכטער. דאס סיסטעם פון נאציאנאלע ריכטער גאראנטירט אבער אם בעסטען די שפראכענרעכט פון די אנגעקלאגטע און פון די אינטערעסענטען אין יענער אונגעהויערער צאהל פאלען, ווען זיי געהערען אלע אדער כמעט אלע צו איין נאציאן. און דאס וויכטיגסטע—דאס סיסטעם פון נאציאנאלע ריכטער בעזייטיגט דעם נאציאנאלען קאמפף ארום די ריכטער־שטעלעס.

עס ענטשטעהט א גאנצע רייהע קאנקרעטע פראגען, אויף וועלכע ס׳איז איצט אוממעגליך זיך אבצושטעלען, הגם, זיי זענען זעהר וויכטיג. עס נעהמט דא אום פעסטשטעלען דעם פרינציפ אינ׳ם אלגעמיין.

מ׳דארף צוגעבען, אז די קאנקרעטיזירונג פונ׳ם פרינציפ איז ענג פערבונדען מיט דעם, וועלכען ענטפער דער מארקסיסטישער געדאנק וועט געבען אויף א גאנצע רייהע ערנסטע יורידישע

פּראָבלעמען. צי דאַרף דאָס אָרטיגע געריכט בעשטיין פון איין פּערזאָן אָדער פון אַ קאָלעגיע (ווי ס׳האָט געפאָדערט די ס. ד. פראַקציע אין דומע); צי דאַרף אַ ריכטער, כדי ער זאָל ווירקליך זײַן אונאָבהענגיג, בעשטימט ווערן איינמאָל אויף דאָס גאַנצע לעבען; אין וואָס פאַר אַ פערהעלטניס דאַרפן זיך געפינען די פּראָפעסיאָנעלע ריכטער און די געשוואָרענע אינם געריכט פון געשוואָרענע,—פון אַ פערשידענעם ענטפער אויף די און פיל אַנדערע פראַגען הענגט אָב אויך די קאָנקרעטיזירונג פון פּרינציפּ. בעזונדערס וויכטיג איז די פראַגע וועגן ריכטער; די פראַגע וועגן דעם, ווי קען מען ציזאַמענפּאַסן די אידעע פון געשוואָרענע ריכטער, וועלכע פאָדערט, אַז צווישן זיי זאָלן זײַן מענשן, וואָס זענען נאָהענט צו די זיטן, צו דעם לעבענסאָרט פון יענער סביבה, צו וועלכער דער אַנגעקלאַגטער געהערט, ווי אַזוי ציזאַמענפּאַסן דאָס מיט דעם פאַקט, אַז זיי קומט אויס צי משפּטן מענשן, וועמעס שפּראַך אַפילו ס׳איז זיי פרעמד, שוין ניט רעדנדיג וועגן זיטן און לעבענסאָרט. ס׳איז דאָך קלאָר, אַז פון די געשוואָרענע קען מען ניט פאָדערן, זיי זאָלן זײַן פילשפּראַכיג. צי דאַרף בײַם צוזאַמענשטעלן פון די געשוואָרענע־ליסטן ניט אָנגעווענדעט ווערן אויף אַ געוויסער מדרגה דער פּרינציפּ פון פּראָפּאָרציאָנעלער נאַציאָנאַלער צוזאַמענשטעלונג, אַזוי אַז אין יעדער גרופּע געשוואָרענע זאָלן זיך געפינען מענשן פון אַלע אָרטיגע נאַציאָנען; צי דאַרף וועניגסטענס דער אַנגעקלאַגטער ניט בעקומען דאָס רעכט אָבצולעהנען—אויב ער וויל—אַזאַ געשוואָרענעם, וואָס פערשטעהט ניט אינגאַנצן זײַן שפּראַך,—דאָס זענען אַלץ פראַגען, אויף וועלכע ס׳קען דערווייל ענטפערן פערשידען. אַלנפאַלס קען דער פּרינציפּ פון פּראָפּאָרציאָנאַליטעט אָנגעווענדעט ווערען בײַ דער פּראָפעסיאָנעלער ריכטער־קאָלעגיע. אינם קרייז־געריכט דאַרף יעדע נאַציאָן האָבען איהר ענטשפּרעכענדע צאָהל ריכטער, אַזוי אַז די ריכטער־קאָלעגיע זאָל קענען צוזאַמענגעשטעלט ווערען, צופּאַסענדיג זיך צו די אומשטענדען.

אַנדערש איז די פראַגע אין יענע אײַנריכטונגען, וועלכע ווערן ניט צוטײלט צירקעלווײַז—וועלכע פעראײניגען אַלע בעאַמטע בײַ פערשידענע פינקציעס אין איין אָרט. בײַ דער דעמאָקראַטיזירונג פון די אָרטיגע אײַנריכטונגען וועט כלל פאָרקומען אַ שטאַרקע פערקלענערונג פון דער ביוראָקראַטען־אַרמעע און אַ פעראײנפאַכונג פון דער פערוואַלטונג. אַ דעמאָקראַטישע זעלבסטפערוואַלטונג וועט ניט דורכפיהרען אין לעבען יענע אײנהײט פון פערוואַלטונג, וועלכע עס מאַטערן זיך מיט אַלע כחות און קענען פערווירקליכען אונזערע גובערנאַטאָרען, וואָס דאַרפן פעראײניגען 10 בעזונדערע „הערצאָגטהומעס", וואָס זענען מיט אײנאַנדער גאָר ניט פערבונדען. די קלענסטע אײנהייט פון פערוואַלטונג (לויט שפּרינגער די געמײנדע, בעצירק, קרייז,) וואָס קענען האָבען יעדע איין אַמט, אין וועלכע ס׳וועלען זיך בײַ בעזונדערע סעקציעס קאָנצענטרירען כמעט די גאַנצע אָרטיגע פערוואַלטונגס־ענינים—סיי די מלוכהשע, סיי די אַזוי אָנגערופענע זעלבסטפערוואַלטונגס־ענינים (די פונקציעס פון הײַנטיגע זעמסטוואָ־פערוואַלטונגען און דומעס). די בעאַמטע וועלען זײַן פעראײניגט. אויסקלײַבענדיג די בעאַמטע פּראָפּאָרציאָנעל די נאַציאָנאַלע גרופּען, וועט מען שטענדיג בכח זײַן צו האָבען וועניגסטענס אַ פּאָר בעאַמטע, וואָס וועלען אין אַ נויט אַרויסהעלפען און אויסרעדען זיך מיט אַ מיטגליעד פון זייער נאַציאָן. אויף אַזאַ אופן וועט מעגליך זײַן צו בעזאָרגען געוויסערמאַסען די שפּראַכענבעדערפניס אַפילו פון אַ קלענערער מינדערהייט, אויב זי איז נור גענוג גרויס, אַז אויף איהר פאַלט אויס כאָטש איין בעאַמטער.

[illegible] קענען אורטײלען לויט די פונקציעס, צו דאַרף מען און קען מען צוטײלען די בעאַמטע אַזוי, אַז זיי זאָלן האָבען צו טאָן נור מיט מענשן פון זייער נאַציאָן, אָדער זאָלן ערפילען בעשטימטע אַלגעמײנע פונקציעס. ס׳פערשטעהט זיך, זיי דאַרפן בעהערשען מעגליך מעהר שפּראַכען.

דאָרט, וואו עס האַנדעלט זיך וועגען ספּעציאַליסטען—דאָקטוירים, אינזשענערען, קינסטלער א. ז. וו.—איז דאָס סיסטעם פון דירעקטע וואַהלען ניט אַלע מאָל אָנווענדבאַר, ווייל ס׳זענען נויטיג ספּעציאַליסטען, וואָס זאָלן אורטײלען וועגען די קענטניס און פעהיגקייטען פונם קאַנדידאַט. אַזעלכע וואַהלען קענען פאָרקומען אָדער דורך קאָאָפּטאַציע פון דער בעטרעפענדער אײַנריכטונג (דאָס גאַנצע מעדיצינישע פּערסאָנאַל פון שפּיטאָל קלײַבט אַ נײַען דאָקטאָר, למשל); אָדער דורך אַ בעשטימטער געקליבענער קאָלעגיע, וואָס פערוואַלטעט מיט דער אײַנריכטונג; אָדער די בעזעצונג פון אַזעלכע שטעלעס ווערט בעזאָרגט דורך די אָרגאַנען פון דער אָרטיגער זעלבסטפערוואַלטונג א. ז. וו. אָבער אויך דאָ דאַרף

פעסטגעשטעלט ווערען דורך דאָס געזעץ, אַז די צאָהל בעאַמטע דאַרף ציטײלט ווערען פּראָפּאָרציאָנעל די נאַציאָנאַלע גרופּען. ס׳זענען אויך מעגליך דירעקטע וואַהלען פון אַזעלכע בעאַמטע, די פעהיגקייט פון די קאַנדידאַטען קען גאַראַנטירט ווערען דורך דעם, וואָס איינע פון די אַנגעריסענע קאָלעגיעס דאַרף בעשטעטיגען יעדער קאַנדידאַטור, צילאָזען זיי צו די וואַהלען.

דאָס סיסטעם פון **פּראָפּאָרציאָנעלער נאַציאָנאַלער בעאַמטונג** גרענעצט פאַנאַנדער אויף אַזאַ אופן דעם קאַמפּף־געביעט. דורכגעפיהרט אַלס געזעץ, גאַראַנטירט עס יעדער נאַציאָן דעם סכום בעאַמטע, וועלכע דאַרפן בעפרידיגען איהר שפּראַכבעדערפניס. עס שטעלט אַ סוף דער שטרעבונג פון די שטאַרקערע נאַציאָנען שפּראַכליך צו אונטערדריקען די שוואַכערע, אין דער זעלבער ציים שטעלט עס ניט פאַנאַנדער די אַלגעמיינע אינטערנאַציאָנאַלע פינקציעס. עס בעגרענעצט דעם נאַציאָנאַלען קאַמפּף, ניט אויסשליסענדיג פון דער ספערע פון דער מלוכה אין אָרטיגער פערוואַלטונג דאָס, וואָס דאַרף ניט געטיילט ווערען. אין דער זעלבער ציים איז דאָס בעסטע מיטעל טעכניש צו גאַראַנטירען די שפּראַך־אינטערעסען פון דער מינדערהייט, ניט צווינגענדיג **אַלע** בעאַמטע צו קענען **אַלע** אָרטיגע שפּראַכען, וואָס איז בײַ די רוסלענדער בעדינגונגען מיט דער איינגעהויערער שפּראַכליכער אויסמישונג כמעט אומעגליך.

עס שטעהט אַ פראַגע, ווי אַזוי דאַרפן פאָרקומען די וואַהלען—נאַציאָנאַל אָדער אינטערנאַציאָנאַל. שפּרינגער בויט אַ גאַנץ סיסטעם, לויט וועלכען נור די נאַציאָן אַליין—דירעקט אָדער דורך די נאַציאָנאַלע אײַנריכטונגען, בעשטימט אָדער קלײַבט איהר סכום בעאַמטע אין די אַלגעמיינע אײַנריכטונגען. יעדער מענש, וואָס וויל דינען אין מלוכה־דינסט אָדער אָרטיגען דינסט, דאַרף זיך מעלדען אַלס קאַנדידאַט בײַ זײַנע נאַציאָנאַלע אײַנריכטונגען. אַנדערש קען ער קיין שטעלע פון ערשטער אינסטאַנץ ניט בעקומען. די העכערדיגע שטאַדיעס פון דינסט נעהמט ער שוין דורך אין מיניסטעריום, דאָ ווערט ער געריקט העכער לויט בעשטימונגען פון אויבען און דאָס מיניסטעריום איז דאָ ניט פערבונדען מיט דער נאַציאָנאַליטעט. בעשטימט יעדען העכערען בעאַמטען, רעכענענדיג זיך מיט זײַנע אַלגעמיינע פעהיגקייטען. עס דאַרף נור היטען, לויט שפּרינגער׳ן, אַ געוויסע פּראָפּאָרציאָנאַליטעט פון פערטײלען די העכערע שטעלעס.

דערווייל וועלען מיר אַזוי ווייט ניט געהן. די וויכטיגע פראַגע, די פראַגע, וואָס בעריהרט די מאַסען דירעקט—איז די פראַגע פון אָרטיגער פערוואַלטונג, פון די נידעריגערע אינסטאַנצען. ווי אַזוי אײַנאָרדנען זיך העכער, וועגען דעם קען מען פערשידענע מיינונגען האָבען.

וועגען לויט שפּרינגער׳ן, הייסט דאָס, די וואַהלען פון בעאַמטע און ריכטער נאַציאָנאַל.

די אַרגומענטען, וואָס מ׳קען געגען אַזעלכע וואַהלען אַרויסשטעלען, זענען קלאָר. דאָס פּראָלעטאַריאַט פון פערשידענע נאַציאָנען ווערט דערבײַ סעפּאַרירט, צוטײלט; זײַנע קרעפטען ווערען צובראָקעלט; עס פערליערט די מעגליכקייט מיט געמיינזאַמע כחות דורכצופיהרען די בעסטע קאַנדידאַטען; עס פערליערט געלעגענהייט אַרויסצוטרעטען האַנד בײַ האַנד נעבען דער פעראײניגטער אינטערנאַציאָנאַלער בורזשואַזיע.

דאָס זענען וויכטיגע אַרגומענטען. איין זאַך וועלען מיר אָבער ניט פערגעסען. פּונקט די זעלבע טענות האָבען מיר געהערט בנוגע צו דער שולפראַגע,—און נאָך צו איין פראַגע, צו דער פראַגע וועגען אָרגאַניזירען די אַרבײַטער־מאַסען.

וואָס פלעגען מיר דאַמאָלס ענטפערן? אַז כדי די אַרבײַטער זאָלן ווירקליך קענען ערצויגען ווערען צו קלאַסענאײנהייט און קלאַסענסאָלידאַריטעט, איז אַ מאָל נויטיג זיי צו „סעפּאַרירען".

ס׳שטעהט אַ פראַגע, צוליעב וואָס „סעפּאַרירען" מיר דאָ די פּראָלעטאַריער? מיר האָבען געפינען נאָך אַ קראַנקעס געביעט. עס קען געהיילט ווערען דורך אַ נאַציאָנאַלער אָבגרענצונג. נור דאַן וועט אַרום יעדער שטעלע ניט פאָרקומען קיין נאַציאָנאַלע רייסעניש, וועלכע וועט שלעפּען דאָס פּראָלעטאַריאַט אין לאַגער פון זײַנע נאַציאָנאַלע שאָוויניסטען, וועט פערדונקלען זײַן קלאַסענקאַמפּף, וועט פערוואַנדלען יעדען וואַהל־קאַמפּף אין אַ נאַציאָנאַלען קאַמפּף. דאָס קלאַסענבעוואוסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט וועט דערפון געווינען; עס וועט זיך בעפרײַען פון שרעק, אַז זײַנע שפּראַך־בעדערפניס וועלען ניט בעפרידיגט ווערען. עס וועט פאַר איהם ניט שטעהן די סכנה, אַז ער וועט בעקומען אַ ריכטער, וואָס פערשטעהט ניט זײַן שפּראַך. די בורזשואַזיע וועט ניט קענען צופאָהרען צו איהם מיטן רוף „קלײַבט אַ יודען"; אַרום יעדער שטעלע וועט זיך פאַנאַנדערוויקלען ניט קיין נאַציאָנאַלער, נור אַ קלאַסענקאַמפּף; אַרום דער קלענסטער פונקציע וועט זיך קלאָר מאַכען די פּאָזיציע פון יעדען קלאַס אין דער

נאַציאָן. יעדער קלײניקײט װעט ערציהען דעם אַרבײטער, װעט פערשאַרפען די קלאַסענגעגענזאַצען.

די נאַציאָנאַלע װאַהלען איז אױך מעגליך צו פיהרען לױט׳ן פּראָפּאָרציאָנעלען סיסטעם. אײב די יודען, למשל, דאַרפען קלײבען 20 בעאַמטע, קען יעדע יודישע פּאַרטײ אױסשטעלען איהר רײסטער און דורכפיהרען אַ צאָהל בעאַמטע פּראָפּאָרציאָנעל איהר צאָהל שטימען. אױף אַזאַ אױפען קען דאָס יודישע פּראָלעטאַריאַט דורכפיהרען אַזאַ צאָהל בעאַמטע, װיפיעל עס פאַלט אױס אױף זײן צאָהל שטימען, און דאָס פּױלישע אױך. ס׳געהען לאבוד נור אַזעלכע שטימען, װעלכע װעגען ניט גענוג אױף דורכציפיהרען אפילו אײן בעאַמטען.

קוים אָבער קומען די װאַהלען פאַר אינאײנעם, װעט די גאַנצע נאַציאָנאַלע רײבעניש קומען צוריק. װײטער װעלען קלינגען די קאַמפּס־רופען: „קלײבט אַ יודען!“ „קלײבט אַ פּאָליאַק!“ און װעלען פערגיפטען די אַטמאָספער און שלעפען דאָס פּראָלעטאַריאַט אין לאַגער פון נאַציאָנאַליזם. דאָס גאַנצע פריערדיגע בילד הױבט זיך אָן פון אנהױב.

מ׳דאַרף דערבײ ניט פערגעסען נאָך אַ זאַך. בשעת די אַרבײטער קלײבען אַ פערטרעטער אין פּאַרלאַמענט, װײסען זײ, אַז אײב זײער קאַנדידאַט װעט ניט דורכגעהן, װעלען די איבעריגע ס. ד. דעפּוטאַטען פערטײדיגען זײערע רעכט מיט דער זעלבער איבערגעגעבענהײט, װי דער אײגענער. מיט דעם בורזשואַזען קאַנדידאַט, װעלכען זײערע געגנער װעלען דורכפיהרען, האָבען די אַרבײטער קײן שום שײכות ניט. דעם נאַציאָנאַליסטישען רוף: „קלײבט אַ יודען!“ קענען די ענטגעגענשטעלען דאָס בעװאוסטזײן, אַז דער „ערנסטער“ פּױלישער ס. ד. װעט בעסער פערטײדיגען זײערע אינטערעסען, אײדער דער „בעסטער“ יודישער דערגרײכער.

און ניט קוקענדיג אױף דעם האָבען די נאַציאָנאַליסטישע לאָזונגען אַזאַ שליטה אפילו אין די פּאַרלאַמענטס־װאַהלען. װי זשע װעט זײן בײ ריכטער־װאַהלען? דער יודישער אַרבײטער װײס, אַז אפילו פעראײניגט מיט׳ן פּױלישען װעט ער אין בעסטען פאַל דורכפיהרען נור אַ געװיסען פּיל ס. ד. ריכטער. ער קען ניט אָבטײלען זיך פון דער געזעלשאַפט און משפט׳ן זיך נור בײ די ס. ד. ריכטער. ער װײס, אַז אױף װיפיעל דער נעהסטער פּיל ריכטער װעלען זײן ניט קײן ס. ד., װעט ער נאָך די אַלגעמײנע װאַהלען האָבען געגען זיך ניט נור בורזשואַזע ריכטער, אָבער אױך פרעמדשפּראַכיגע. צי איז ניט קלאָר, אַז די רעאַלע סכנה צו בעקומען נישט נור אַ בורזשואַזען, אָבער אױך אַ פרעמדשפּראַכיגען ריכטער װעט איהם בײ די אַלגעמײנע װאַהלען שטופען צו בלאָקען מיט דער נאַציאָנאַלער בורזשואַזיע?

בײ די נאַציאָנאַלע װאַהלען מיט אָנװענדונג פון פּראָפּאָרציאָנאַל־סיסטעם װעלען די אַרבײטער פון יעדער נאַציאָן פאַר זיך דורכפיהרען אַזױ פיעל קאַנדידאַטען, װיפיעל עס װעט אױספאַלען אױף זײער צאָהל שטימען. דאָ פערליערען זײ כמעט גאָרניט. דערפאַר אָבער װעלען זײ זיכער זײן, אַז די בורזשואַזע ריכטער, מיט װעלכע זײ װעלען האָבען צו טאָן, װעלען װעניגסטענס פערשטעהן זײער שפּראַך, װעלען ניט צוגעבען קײן נאַציאָנאַלען האַס צו זײער קלאַסענהאַס. און דעריבער װעלען זײ ניט בלאָקירען זיך מיט דער בורזשואַזיע, נור ענטשײדען קעמפען געגען איהר, ניט מורא האָבענדיג דורכציפיהרען אַ פרעמדשפּראַכיגען ריכטער.

ס׳איז מעגליך אַ פעראײניגונג פון אַלגעמײנע װאַהלען מיט אַ גאַראַנטיע, אַז די אױסדערװעהלטע װעלען זײן צוטײלט פּראָפּאָרציאָנעל לױט נאַציאָנען. דאָס װערט דערגרײכט דורך דאָס סיסטעם פון פּראָפּאָרציאָנעלע װאַהלען מיט אַ פיקסירטע צאָהל נאַציאָנאַלע אױסדערװעהלטע.

לאָמיר נעהמען די פריהערדיגע שטאָדט. מ׳דאַרף קלײבען 4 יודען, 3 פּאָליאַקען, 2 װײס־רוסען און 1 רוס. די גאַנצע בעפעלקערונג גיט אָב בעזונדערע שטימען פאַר 4 יודען, דערנאָך פאַר 3 פּאָליאַקען, פאַר צװײ װײס־רוסען און פאַר 1 רוס. די פּראָלעטאַרישע פּאַרטײען פעראײניגען זיך, זײ פיהרען דורך געמײנזאַמע קאַנדידאַטען. לאָמיר זיך פאָרשטעלען, אַז ס׳האָבען געשטימט 24000 מענשען. די ס. ד. האָבען געזאַמעלט 8000 שטימען, די קאַדעטען 12000, די אָקטיאַבריסטען 2000 און די רעכטע 2000. די ס. ד. װעלען דורכפיהרען 2 יודישע ריכטער, 1 פּױלישען און 1 װײס־רוסישען. די קאַדעטען—2 יודישע, 2 פּױלישע, 1 װײס־רוס און 1 רוס. די אָקטיאַבריסטען און רעכטע װעלען קײנעם ניט דורכפיהרען.

דאָ, דוכט זיך, װערט דער נאַציאָנאַלער קאַמפּף אױסגעשלאָסען, די נאַציאָנאַלע ריכטער זענען געזיכערט, עס פיהרט זיך אַ קלאַסענקאַמפּף, די פּראָלעטאַריער געהען צוזאַמען.

דאָ קען מען נור צװײ אַרגומענטען אַרױסשטעלען: ערשטענס, קען אין אַזאַ װאַהל־קאַמפּאַניע אונטערדריקט אַרײנרײסען זיך דער נאַציאָנאַלער קאַמפּף—די הערשענדע נאַציאָן קען מיט איהרע שטימען דורכפיהרען פאַר יודען געגען זײער װילען אַזעלכע ריכטער, װאָס זענען יידען נור לױט׳ן נאָמען און װאָס װעלען אין נאַציאָנאַלען פּרט זײן טרײע דיענער פון דער הערשענדער מעהרהײט. אַ העדר ניסבוים, למשל, און אַזעלכע סוביעקטען װעלען זיך געפינען גענוג צװישען די שװאַכערע נאַציאָנען. עס װעלען זײן רוסיפיצירטע אוקראַינער, פערדײטשטע לעטען, פערפּױלישטע ליטאַװצעס. מ׳דאַרף ניט מײנען, אַז דער מין װעט אַזױ גיך פערשװינדען. קײן געזעצגעבונג איז ניט בכח צו פערניכטען דעם פאַקט, אַז אײניגע נאַציאָנען זענען שטאַרקער און רײכער און שטעלען פאַר אַ צוציהונגס־קראַפט, אַ בעסערן מאַרק פאַר דער אינטעליגענץ. אַלע מאָל װעלען צו די שטאַרקע נאַציאָנען קלעפּען אײניגע עלעמענטען פון די שװאַכע.

דער צװײטער אַרגומענט איז דער, דאָס אַזאַ סיסטעם פון װאַהלען, בעזונדערס בײ ריכטער, שטעלט מיט די פיס אַרױף דעם גאַנצען פּרינציפּ פון דעמאָקראַטיזם. שטעלט אײך פאָר אַ שטאָדט אין דײטש־בעהמען. די מעהרהײט איז אַ דײטשע. די מינדערהײט (װי עס קומט אָפט פאָר) בעשטעהט כמעט אױסשליסליך פון טשעכישע אַרבײטער. זענען די װאַהלען לױט נאַציאָנען, פיהרען די טשעכען דורך פאַר זיך אַלע ריכטער ס. ד. זענען זײ אַלגעמײנע, בעשענקט זײ די בירגערליכע דײטשע מעהרהײט, לױט איהר פּראָפּאָרציאָנעלען אַנטײל אין די װאַהלען פון טשעכישע ריכטער, מיט אַ טשעך, װאָס איז אַם װעניגסטענס פּאָפּולער אױף דער טשעכישער גאַס, װאָס איז איהם פרעמד און פײנדליך און װאָס נעהמט דורך בלױז דערפאַר, װאָס די דײטשע מעהרהײט האָט איהם אין איהר רײסטער אַרײנגעשטעלט. דער ריכטער איז פאַקטיש ניט געקליבען פון זײן ראַיאָן, נור צוגעשיקט אַהין—איז מיט איהם ניט פערבינדען—און דער גאַנצער דעמאָקראַטישער חן פון ריכטער־װאַהלען געהט לאבוד.*)

אינים „אנהאַנג“ צו זײן בוך „קאַמפּף פון די עסטרײכער נאַציאָנען א. ז. װ.“ (דײטשע אױסגאַבע ז. 248—252) בעװײזט שפּרינגער, װי אַזױ מ׳קען פעראײניגען פּראָפּאָרציאָנעלע װאַהלען מיט דעם פּרינציפּ, אַז אַ מענש זאָל דורכגעהן אין דעם ראַיאָן, װאו ער האָט די גרעסטע צאָהל שטימען בעקומען. בײ נאַציאָנאַלע װאַהלען איז די דאָזיגע פעראײניגונג זעהר לײכט דורכצופיהרען בײ געמישטע װאַהלען מיט אַ פיקסירטער צאָהל נאַציאָנאַלע אױסדערװעהלטע, אױף װיפיעל מיר דוכט זיך, אומעגליך.

קלאָר איז אײן זאַך: נור דאַן זענען מעגליך געמײנזאַמע װאַהלען פון בעאַמטע און ריכטער, װען זײ װעלען ניט אױסקעהרען די נאַציאָנאַלע רײבעניש און װעלען גאַראַנטירען די נאַציאָנאַליטעט פון די אױסדערװעהלטע. אײב דאָס סיסטעם פון געמײנזאַמע װאַהלען װעט די דאָזיגע פאָדערונגען ניט ענטפערען, דאַרפען די װאַהלען פאָרקומען בעזונדער. װײל די גאַנצע אָבגרענצונג איז נור צוליעב דעם פאָרגעלעגט, די שפּראַך־בעדערפניסען זאָלען װירקליך ערפילט װערען און די נאַציאָנאַלע רײבעניש זאָל אין דעם געביעט אױפהערען.

IX

דער נאַציאָנאַלער רעכטשוץ.

דאָס סיסטעם פון פּראָפּאָרציאָנעלער נאַציאָנאַלער בעאַמטונג פערענטפערט אַ װיכטיגע פראַגע, װעלכע װערט בײ אַנדערע סיסטעמען אינגאַנצען װילקירליך בעשלאָסען. דאָס איז די פראַגע װעגען דעם, װי גרױס דאַרף זײן אַ נאַציאָנאַלע גרופּע אין שטאָדט, איהרע שפּראַך־אינטערעסען זאָלען פערענטפערט װערען אין די אײנריכטונגען.

מ׳לעגט פאַר פעסטשטעלען אַ געװיסען פּראָצענט,—אַ פינפטעל, אַ זעקסטעל, אַ פיערטעל. װאו איז אָבער דאָס קריטעריום? פאַרװאָס זאָלען 100 מענשען אין אַ געמײנדע מיט 500 אײנװאָהנער האָבען מעהר רעכט, אײדער 18000 אין אַ געמײנדע פון 100,000 אײנװאָהנער? די 18000 קענען בילדען אַ שטאַרקען קולטורעלען קערן, אױסהאַלטען עטליכע נאַציאָנאַלע אײנריכטונגען—און מיט זײער שפּראַך זאָל מען זיך ניט רעכענען, װײל די בילדען ניט קײן פינפטעל פון דער בעפעלקערונג? דאָס האָט דאָך דעם קלענסטען זינען ניט.

---

*) מ׳דאַרף ניט פערגעסען, אַז דאָ האַנדעלט זיך װעגען פערטרעטונג. דער געקליבענער װערט ניט *דעלעגירט*. ער *בלײבט* אינים ראַיאָן צוליעב טאָג־טעגליכע אַרבײט פון דעם ראַיאָן, דאָ איז דער פערבאַנד צװישען איהם און דער בעפעלקערונג אַ מוז.

בײַ דעם סיסטעם פֿון פּראָפּאָרציאָנעלער באַשטימונג איז קלאָר, אַז יעדע גרופּע באַקומט אַזוי פֿיל ריכטער, אַזוי פֿיל באַאַמטע, ווי פֿיל ס׳קומט איר לויט איר צאָהל. אויף אַזוי פֿיל וועלען גאַראַנטירט ווערען איהרע רעכט אינ׳ם געריכט אין אינ׳ם אַלגעמײַנעם אָרטיגען אַמט.

וואָס זאָל די גרופּע טאָן, אויב אויף איהר פֿאַלט ניט אויס אַפֿילו צו איין באַאַמטען אין יעדען אַמט, אָדער נור איין באַאַמטער אין גאַנץ שטאָדט, אָדער זי באַקומט ניט קיין ריכטער?

דאַן ווערט איהר שיקזאַל באַשלאָסען אויף צוויי אופֿנים.

אויב די בילדעט אַ אָרגאַניזירטע נאַציאָנאַלע געמיינדע (אין דערצו דאַרף די ענטספּערען געוויסע פֿאָרדערונגען—אויסהאַלטען אַ שול מיט אַ געוויסער צאָהל קינדער, האָבען אַ נאַציאָנאַלען געמיינדע-ראַט)—דאַרף איהר שפּראַכען-רעכט אין די אינטערנאַציאָנאַלע אָרגאַנען פֿון דער געמיינדע ספּעצ. ענטספּערט ווערען דורך דעם, דאָרט זאָל וועניגסטענס דינען איין באַאַמטער, וואָס זאָל קענען איהר שפּראַך. איהר שפּראַך דאַרף געניסען רעכט פֿון אַן אָרטיגער. בנוגע צו מודעות, אָנגעבען פּאַפּירען א. ז. וו. אויב די בילדעט ניט קיין אָרגאַניזירטע נאַציאָנאַלע געמיינדע, איז דאָך קלאָר, אַז די לעבט ניט קאָמפּאַקט, אַז די איז אויסגעמישט מיט דער איבעריגער באַפֿעלקערונג און אַז איהרע מיטגליעדער קענען פֿיעל ווײַניג די אָרטיגע שפּראַך. דאָך, אויב זיי נויטיגען זיך אין שפּראַך-הילף, דאַרף זי פֿאַר זיי געשאַפֿען ווערען, מיר וועלען ווײַטער זעהן, דורך וועמען.

שפּראַך-שטיצע דאַרף אויך באַשאַפֿען ווערען פֿאַר וואַנדערנדע, „ניט-היגע" פֿרעמדשפּראַכיגע עלעמענטען. קיינער איז דערין ניט אַזוי פֿאַראינטערעסירט, ווי דאָס פּראָלעטאַריאַט. וואַנדערנדע עלעמענטען זײַנען אין דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט ניט קיין ציפֿעלינגע, אונבעדײַטענדע ערשײַנונג. דאָס פּראָלעטאַריאַט און די ברייטע מאַסען פֿונ׳ם אָרעמען פֿויערטום ווערען אַלץ באַוועגליכער. אַלץ מעהר רײַסט זיך דער באַנד, וואָס בינדט זיי צו צו דער היימאַט. אַרבײַטסלאָזיגקײַט, קריזיסען, לאָקאַוטען, אויפֿלעבונגס-צײַטען, סטאַגנען, שטרײַקען וואַרפֿען אַריבער מיט אַ מאָל גאַנצע מאַסען מענשען פֿין איין אָרט אויף דעם אַנדערן—און אין עטליכע חדשים אַרום אויף דעם דריטען. וואָס פֿאַר מאַסען לאַנדאַרבײַטער פֿון די פֿערשיעדענסטע ראַיאָנען פֿון רוסלאַנד זאַמלען זיך אויף זומער אין עקאָנאָמיעס פֿון דרום. וואָס פֿאַר אַן איבערמישונג פֿון שפּראַכען עס קומט דאַמאָלס פֿאָר! און צו די גרויסע וועלען קומט נאָך צו די אונבעמערקבאַרע עמיגראַציע פֿון קליינע שטראָמען, וואָס קומט פֿאָר טאָג-טעגליך.

קען מען זיך ניט רעכענען מיט די באַדערפֿניסען פֿון די דאָזיגע עלעמענטען? קען מען זיי זאָגען: קומט איהר אַהער אַרבײַטען, רעדט איהר זיך אויף מיט אײַער אַרבײַטסגעבער, רעדט זיך אויך מיט׳ן ריכטער? ס׳איז דאָך קלאָר, אַז מ׳קען באַזיצען אַ גענויגע שפּראַכען-קענטניס צום פּראַקטישען פֿערקעהר און ניט בכח זײַן צו פֿערטיידיגען זיך בײַם ריכטער. אָבער אָפֿט קומט אין געגענד אַ גאַנצע פּאַרטיע אַרבײַטער (בעזונדערס דאָרפֿישע) מיט אַן עלטסטען. ער רעדט זיך אויף מיט׳ן אינטערנעהמער, ער קען אַ ביסעל די שפּראַך און די איבעריגע קענען אַ וואָרט ניט.

ווער אָבער זאָל פֿאַר זיי זאָרגען? די שטאָדטישע זעלבסטפֿערוואַלטונג? אָבער דאָס איז דאָך מאַכט אַ סער׳עשום׳ער קרײַז. קען דען יעדע שטאָדט אָנגרייטען פֿערשיעדענע פֿרעמדשפּראַכיגע באַאַמטע אויף דעם פֿאַל, טאָמער וועלען קומען אַהער פֿרעמדשפּראַכיגע אַרבײַטער? וואו איז דאָ אַ גרעניץ, וואו אַ קריטעריום? די שטאָדטישע אַמטען וועלען אַזוי אויך מוזען זײַן פֿיעלשפּראַכיג. ס׳קען דאָך אין דער אמת׳ן קיין בבל-טורעמס פֿון יעדען שטאָדטישען אַמט ניט געמאַכט ווערען. דורך וועלכען געזעץ קען מען דאָס רעגולירען, אַז עס האַנדעלט זיך וועגען באַוועגליכע עלעמענטען.

מ׳קען פֿערפֿליכטען די שטאָדט, זי זאָל דעם פֿרעמדען היילען, ווען ער איז קראַנק, שטיצען, ווען ער דאַרף אַוועקפֿאָהרען, געבען איהם ידיעות, ווען ער קען געפֿינען אַרבײַט. דערצו דאַרף מען קיין שום ספּעציעלע געזעצען ניט. גענוג, אַז ער איז אינ׳ם געגעבענעם מאָמענט אַנ׳אײַנוואָהנער אין שטאָדט. פֿערפֿליכטען אָבער די שטאָדטישע פֿערוואַלטונג, זי זאָל זיך מיט איהם אויסרעדען, הייסט פֿערפֿליכטען זי, זי זאָל האַלטען גרייט איבער 100 איבערזעצער. טאָמער וועט אַ פֿערטרעטער פֿין איינע פֿון די הונדערטער נאַציאָנען קימען אַהין און האָבען אַנ׳עסק צים מאַגיסטראַט. ס׳איז גענוג דאָס צו זאָגען, כדי צו פֿערשטעהן, אַז דאָס איז אַ משוגענדיגע זאַך.

עס מוזען ספּעציעלע אײַנריכטונגען באַשאַפֿען ווערען, ביוראָ׳ס, וועלכע האָבען דעם צוועק צי געבען שפּראַך-הילף די פֿרעמדע. און ווײַל

די וויכטיגסטע שפּראַך-הילף דאַרף דער פֿרעמדער האָבען אין געריכט, וואו ער פֿערטיידיגט זײַן רעכט, ווערט די פֿונקציע פֿון אַזעלכע אײַנריכטונגען אָנגערופֿען „רעכטס-שוץ".

ווער דאַרף די דאָזיגע פֿונקציעס אויף זיך נעהמען? די גלײַכבערעכטיגונג פֿון שפּראַך דאַרף גאַראַנטירט ווערען דורך דער מלוכה. הייסט עס, אַז אַזעלכע אײַנריכטונגען דאַרפֿען דורך דער מלוכה אויסגעהאַלטען ווערען? ס׳איז גענוג צו דערמאָהנען אַלץ, וואָס איך האָב אין דעם ערשטען קאַפּיטעל געשריבען, כדי צו פֿערשטעהן, וואָס פֿאַר אַ מורא׳דיגע נאַציאָנאַלע רייסעניש עס דאַרף פֿאָרקומען אַרום די דאָזיגע אײַנריכטונגען. שוין ניט רעדענדיג וועגען די טעכנישע שוועריגקייטען, די מלוכה זאָל בכח זײַן צו קאָנטראָלירען די באַוועגונג פֿון אײַנצעלנע שטראָמען פֿין יעדער נאַציאָן און צו דער צײַט געבען הילף. אויסהאַלטען אין יעדער פּונקט 100 איבערזעצער איז אויך די מלוכה ניט בכח.

אין דער מלוכה ניטאָ וואָס דאָך אָבער עקזיסטירען נאָך אַנ׳אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט באַקימען אַ טייל פֿין דער מלוכה׳שער מאַכט און אַ טייל פֿין די מלוכה׳שע פֿליכטען. דאָס איז די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמיע.

די נײַע פֿונקציע פֿון רעכטס-שוץ, וועלכע מיר באַשאַפֿען, וואָס איז לויט איהר עצם נאָך? די באַפֿרידיגט אַ ספּעציפֿיש נאַציאָנאַלע באַדערפֿניס, וואָס פֿליסט אַרויס פֿון דער אָנגעהעריגקײַט צו דער נאַציאָן. דער מענש איז אין דער פֿרעמד; מ׳פֿערשטעהט ניט זײַן שפּראַך אויסשליסליך דערפֿאַר, וואָס ער געהערט ניט צו די אָרטיגע נאַציאָנען. און וואָס באַשטעהט די פֿונקציע? אויסשליסליך אין שפּראַך-פֿערמיטלונג צווישען דעם מענשען און די אָרטיגע אײַנריכטונגען. די נאַציאָנאַלע שפּראַך, וועלכע איז אין די איבעריגע פֿונקציעס נור די פֿאָרם, איז דאָ דער איינהאַלט, דער עצם גופֿא פֿון דער פֿונקציע. די רעכטס-שוץ-ביוראָ׳ס פֿערנעהמען זיך מיט אַ ספּעציפֿיש-נאַציאָנאַלער פֿונקציע; אַ נאַציאָנאַלע פֿונקציע „par excellence“ ווי ס׳דריקט זיך אויס מערעס.

ס׳איז דערפֿון לײַכט צו דרינגען, אַז די פֿליכט פֿון רעכטס-שוץ דאַרף איבערגעהן צו דער נאַציאָן אין פֿאָרם פֿון איהרע צענטראַלע אויטאָנאָמיע-אײַנריכטונגען.

דער צענטראַלער נאַציאָנאַל-ראַט קען לײַכט פֿעסטשטעלען דעם אומפֿאַנג און די ריכטונג פֿון די וואַנדערונגען פֿון די נאַציאָנס-מיטגליעדער. ער דאַרף ניט אָנגרייטען קיין באַאַמטע אין יעדער שטאָדט. זי שטעלט פֿעסט, אין וועלכע פּינקטען איהרע מיטגליעדער קימען צוזאַמען אַלס אַרבײַטער, האַנדעלס-רײַזענדע, וואו וואָהנען איהרע קליינע מינדערהייטען, וואָס נויטיגען זיך אין שפּראַך-הילף. זי באַשליסט, אין וועלכע ערטער ס׳לוינט און ס׳איז נויטיג צו אָרגאַניזירען די שפּראַך-הילף. דאָרט אָרגאַניזירט זי גאַנצע ביוראָ׳ען אָדער שטעלט אַן אײַנצעלנע מענשען, וואָס שטעלען לויט רעגער׳ן פֿאָר די נאַציאָן, ווי די אויסלענדישע קאָנסולען שטעלען פֿאָר די מלוכות. די דאָזיגע ביוראָ׳ען גיבען דעם נאַציאָנס-מיטגליעד אַנ׳אַדוואָקאַט, אַנ׳איבערזעצער, שרײַבען איהם בקשות, איבערזעצען זײַנע דאָקומענטען א. ז. וו.

וואָס קומט דערפֿון אַרויס? אַ תּיקון דירעקטען ניצען—ווײַטער אַנ׳אָבשוואַכונג פֿון נאַציאָנאַלען קאַמף. אַ קליינע מינדערהייט ווערט ערגיץ אין אַ שטאָדט אין פֿאָרשטעדט, איהרע שפּראַכענבאַדערפֿניסע זאָלען באַפֿרידיגט ווערען. די שטאָדט פֿערשטעהט עס ניט אָדער וויל עס ניט טאָן. די בורזשואַזע נאַציאָנס-גענאָסען פֿון דער מינדערהייט אין פּאַרלאַמענט און אין די אָרטיגע סײַמען שרײַען געגען דעם נאַציאָנאַלען דריק, וואָס ווײַטערע ברידער טראָגען אַריבער, הילכען אויס יעדען צעהנדליג נאַציאָנס-מיטגליעדער אין יעדען פֿערוואָרפֿענעם שטעטעל, כדי צי מאַכען אַ טימעל ביזן הימעל וועגען דער נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, בלאָזען פֿאַנאַנדער די שפּראַך-באַדערפֿניסע אויך דאַן, ווען די עקזיסטירען באמת ניט. דאָס בילד בײַט זיך, ווען דאָס ווערט די פֿליכט פֿון דער נאַציאָן. באַקימען זיי ניט קיין שפּראַכען-הילף—איז דאָס ניט קיין נאַציאָנאַלער דריק. דאָס טוט דאָך די נאַציאָן אַליין. דער קאַמפּף פֿירט זיך אין דער נאַציאָן, באַקומט אַ סאָציאַלען כאַראַקטער. די שטורמענדע נאַציאָנאַליסטען, וואָס דאַרפֿען איצט פֿאַר די שפּראַך-הילף באַצאָהלען פֿון דער נאַציאָנאַלער קאַסע, הערען אויף צו מוסלען אין פֿאַנאַנדערציבלאָזען די שפּראַך-פֿאָדערונגען פֿון יחידים. די נאַציאָנאַלע רעגירונג באַקומט אַ ריין פֿינאַנציעלען אימפּולס—וואָס מעהר קרעפֿטען אָנצוווענדען, אין די נאַציאָנאַלע פֿאָלקסשולען זאָל גוט ערלערנט ווערען די אַלגעמײַנע פֿערמיטלונגס-שפּראַך.

אַ גאַנץ געביעט פֿון נאַציאָנאַלער רייסעניש ווערט „געזונד".

מיר האָבען שוין געזעהן, אַז פֿונקציעס, וואָס באַריהרען בלויז די שפּראַך. וואָס די שפּראַך

איז זייער איינציגער אינהאַלט—זיינען ריין נאַציאָנאַלע פונקציעס.

ווען דאָס געזעץ וועגען שפּראַכענרעכט ווערט ניט אָבגעהיט, ווען אַ מאַגיסטראַט זאָגט זיך, למשל, סיסטעמאַטיש אָב צו דרוקען יידישע מודעות, ווען אַ פּריוואַטע װאַקאַנסיע ווערט בעזעצט ניט לויט׳ן שליסעל—ווער איז דאַן אַנגעריהרט, ווער דאַרף זיך קלאָגען? דאַרף מען וואַרטען, ביז האָבען אַנ׳אַרבייטער, וועלכען מ׳האָט ניט געענטפערט אין מאַגיסטראַט, וועלכער האָט אַ היזק געהאַט, ווייל ער האָט די פרעמדשפּראַכיגע מודעה ניט פערשטאַנען, וועט אָנגעבען אַנ׳אָנקלאַגע אויפ׳ן מאַגיסטראַט?

עס איז פאַראַן אַ קירצערער און אַ גלייכערער וועג. דורך דעם עובר זיין דאָס שפּראַכענרעכט איז אַנגעריהרט די גאַנצע יידישע בעפעלקערונג פון שטאָדט, די גאַנצע נאַציאָנאַלע געמיינדע. די איז דער סיבעקט, דער טרעגער פונ׳ם רעכט; די קלאָגט זיך, ווען דאָס רעכט איז געשטערט. די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע אָרגאַנען זיינען מחויב צו קאָנטראָלירען, צי ווערען אָבגעהיט געזעצען וועגען שפּראַכענגלייכבערעכטיגונג. אין דער הינזיכט קענען זיי אויך אָבהיטען דאָס אינדיווידועלע שפּראַכענרעכט פונ׳ם בירגער אינ׳ם געזעלשאַפטליכען לעבען. ווייל ווער ס׳בעליידיגט די שפּראַך, בעליידיגט די נאַציאָן.

צי קענען מיר אָבער אַריינגעהמען אין קאָמפּעטענץ פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע נאָך נייע פונקציעס? דאָס איז דאָך געגען פּראָגראַם? דאָס בעוואוסטע פּראָגראַם רעדט דאָך נור וועגען „פונקציעס, וואָס זיינען פערבונדען מיט פראַגען פון קולטור (פאָלקס־בילדונג א. ז. וו.)"?

יאָ, איך לייג פאָר צוצוגעבען נייע פונקציעס צו דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. צוגעבען הייסט אַ מאָל בייטען. צוגעבען הייסט אַ מאָל עובר זיין, סותר זיין דאָס פּראָגראַם. צוגעבען הייסט אָבער אַ מאָל נור דערגאַנצען און קאָנקרעטיזירען דאָס פּראָגראַם לויט דעם אַלגעמיינעם פּרינציפּ זיינעם, אַנטוויקלען דעם גרונד־יסוד פונ׳ם פּראָגראַם בנוגע צו נייע, ניט ענטשיידענדע פראַגען. ס׳פערשטעהט זיך, אפילו דערגאַנצען דאָס פּראָגראַם איז ניט קיין קלייניגקייט. דאָס איז אַנ־ערנסטער און וויכטיגער שריט אפילו דאַן, ווען קיין מיינונגס־פערשידענהייטען זיינען בנוגע צו דעם נושא. בפרט נאָך אַז זיי זיינען יאָ פאַראַן.

דעם מאַקסימום פאָרזיכטיגקייט, אויסגעהאַלטענקייט, ערנסטקייט, דאַרף מען אַנווענדען בי פערענדערונגען און דערגאַנצונגען. אָבער דערביי מוז מען דאָך אונטערשיידען דעם גייסט פון פּראָגראַם און זיין אות, דער פּרינציפּ און די קאָנקרעטיזירונג; דעם עיקר און די פּרטים. דוקא דער גייסט פון פּראָגראַם קען אַ מאָל פאָדערן דערגאַנצונגען. ניט טאָן דאָס—הייסט אַ מאָל האַנדלען געגען דעם גייסט פון פּראָגראַם.

די דערגאַנצונג, וועלכע ווערט דאָ געמאַכט, בעשטעהט אין דעם, וואָס דער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע ווערען אַ חוץ קולטור־פונקציעס איבערגעגעבען אויך פונקציעס פון בעשיצען די רעכט פון דער נאַציאָנאַלער שפּראַך און געבען שפּראַך־הילף די וואַנדערנדע און צוזייעטע נאַציאָנס־חברים,—ד. ה. ריין נאַציאָנאַלע פונקציעס, נאַציאָנאַלע לויט זייער אינהאַלט און לויט זייער פאָרם. ס׳איז גענוג זיך צו שטעלען די פראַגע, פאַר וואָס האָט דאָס פּראָגראַם אויסגעשטעלט דוקא די קולטור־ענינים, כדי צו פערשטעהן, אַז דאָס איז דערפאַר, ווייל זיי זיינען ספּעציפיש נאַציאָנאַל, ווייל אַרום זיי וואָלט אַם מייסטען קאָכען דער נאַציאָנאַלער קאַמפּף. קאָנקרעטיזירענדיג די אַלגעמיינע פאָדערונג פון גלייכבערעכטיגונג פון שפּראַך, זיינען מיר געקומען צום געדאַנק, אַז עס דאַרפען בעשאַפען ווערען נייע, ניט־געוועזענע פונקציעס, כדי צו גאַראַנטירען דאָס שפּראַכענרעכט. וועמען געבען די פונקציעס, די אַלגעמיינע איינריכטונגען אָדער די נאַציאָנאַלע? זיי זיינען ספּעציפיש נאַציאָנאַלע. די זיינען „קראַנקע". מ׳דאַרף זיי אויסהיילען און איבערגעבען דער נאַציאָן. מ׳קען די אויסהיילען. מיר מיינען דאָס.

דאָס, און איינעם מיט אַנדערע מיטלען, בעשאַפט אינ׳ם געביעט פונ׳ן שפּראַכענרעכט יענעם מאַקסימום גאַראַנטיעס געגען נאַציאָנאַלע קאָנפליקטען, וועלכער איז מעגליך אין דער בורזשואַזער געזעלשאַפט,*) צו וועלכען מיר מוזען שטרעבען לויט דעם בוכשטעבליכען טעקסט פונ׳ם פּראָגראַם.

איך פאַס צוזאַמען די מיטלען, וועלכע קענען גאַראַנטירען די גלייכבערעכטיגונג פון שפּראַכען אין אַ נאַציאָנאַל־געמישטער מלוכה:

1) אַ געזעץ, וואָס שטעלט פעסט די פּריי־

---

*) ציטירט לויט מעדעם׳ס אַרטיקעל „Національное движеніе и національныя соціалистическія партіи въ Россіи". אינ׳ם זאַמעלבוך „Формы національнаго движенія".

הייט פון יעדען בירגער צו געברויכען זיין שפּראַך אין פערזאַמלונגען, פערייגען, שולען א. ז. וו. און בעשטימט אַ שטראָף פאַר שטערען דערין.

2) די דעמאָקראַטיזירונג פון דער אָרטיגער זעלבסטפערוואַלטונג.

3) פאָלקס־וואַהלען פון אַלע ריכטער און בעאַמטע, ווייניגסטענס פון ערשטער אינסטאַנץ, לויט דעם סיסטעם פון פּראָפּאָרציאָנעלער נאַציאָנאַלער בעאַמטונג.

4) רעכט־שיץ פאַר די קליינע נאַציאָנאַלע מינדערהייטען און פאַר וואַנדערנדע עלעמענטען, אַלס פונקציעס פון די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע צענטראַל־איינריכטונגען.

5) פערטרעטונגס־רעכט פון די נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע אָרגאַנען און פראַגען פון נאַציאָנאַל־און שפּראַכען־רעכט.

אין אַ צווייטען אַרטיקעל וועל איך בעטראַכטען איינייגע קאָנקרעטע פראַגען (וועגען מלוכה־שפּראַך, וועגען פערמיטלונגס־שפּראַכען אין לאַנד־שפּראַכען א. ז. וו.), ווי אויך די פראַגע וועגען די אויסנאַהמען פון היינטיגען טאָג בנוגע צו דער גלייכבערעכטיגונג פון דער יידישער שפּראַך.

א. ליטוואַק.

פראַגען פון דער יודישער קהלה*).

I

אויף דער טאָגעס־אָרדנונג.

אויף דער טאָגעס־אָרדנונג שטעהט איצט די יודישע קהלה. דאָס לעבען האָט זי אַוועקגעשטעלט און פאָדערט דרינגענד אַ לייזונג. די קהלה איז אַ פּינקט, וואו פיעל פראַגען פונ׳ם יודישען לעבען גהען זיך צונויף, מיט איהר זענען פערקניפּט אַ סך וויכטיגע אינטערעסען. דאָס, וואָס מען רופט איצט אַ קהלה, געפינט זיך אין די הענד פון די רבנים און כלי קודש, פון די גבאים און בעלי טובות פונ׳ם אַלטען שניט; און זיי פיהרען אין איהר זייערע אינטערעסען־פּאָליטיק. די בירגערליכע פּראָגרעסיווע עלעמענטען האָבען צו דער קהלה כמעט קיין ציטריט ניט; די אַרבייטער־דעמאָקראַטיע — קיין שום ציטריט ניט. די איצטיגע קהלה אַרבייט אויסערסט שלעכט. די נויטען פון די מאַסען ווערען ניט ציפריעדענגעשטעלט אפילו פונ׳ם שטאַנדפּונקט פון די יודישע ליבעראַלען. אין דער קהלה פיהרט זיך אַלץ, ווי פאַר אונזערע זיידעס און עלטער־זיידעס; פונקט ווי דאָס לעבען האָט פאַר דער גאַנצער לאַנגער ציים אויף איין אָרט געשטאַנען און האָט ניט געשאַפען קיין נייע בעדינגונגען און נויטען, קיין נייע בעציהונגען און בעגריפען.

די קהלה מוז רעפאָרמירט ווערען, זי אין איהרע אָרגאַניזאַציאָנס־פאָרמען, זי אין איהר אינהאַלט. אונזערע בירגערליכע פּאַרטייען האָבען גוט פערשטאַנען די בעדייטונג פון דער קהלה פאַר דאָס יודישע לעבען, פערשטאַנען, אַז ווער עס האָט אַנ׳איינפלוס אין דער יודישער קהלה, האָט אַ בעדייטענדען איינפלוס אויף דער יודישער גאַס; און זיי האָבען זיך גענומען אַרויסרייסען די קהלה פון איהרע איצטיגע בעלי־בתים און אַריינגעהמען זי אין זייערע איינענע הענד. אויף דער יודישער גאַס קומט איצט פאָר צוליעב דער קהלה אַ צווייאיינער קאַמפּף: אַ קאַמפּף צווישען אַלע בירגערליכע פּאַרטייען געגען די רבנים און מנהיגים פונ׳ם אַלטען שניט, געגען דעם יודישען קלעריקאַליזם, און אַ קאַמפּף צווישען די בירגערליכע פּאַרטייען גופא איינע געגען די אַנדערע. די ערשטע פיעדעל שפּיעלען די ציוניסטען, די פאָרשטעהער פון אונזער ליבעראַלער בורזשואַזיע. לויט זייער געזעלשאַפטליכען אונטערשלאַג זיינען די ציוניסטען ניט ווייט אַוועק פון די היינטיגע בעלי בתים פון דער קהלה. דאָס זיינען אין פיעלע פרטים די זעלביגע גבאים, נור אין פראַקען און צילינדערן. אין זייער שתדלנות־פּאָליטיק איז דעם יודישען בעל־הבית אַזוי בעקאַנט, אַזוי היימיש; און די ציוניסטען געהען אין אויף

---

*) דער דאָזיגער אַרטיקעל, ווי אויך דער אַרטיקעל פון ח. מעדעם וועגען דער זעלבער פראַגע („ציים־פראַגען" נומ. 2) זיינען דיסקוסיאָנס־אַרטיקלען.

די רעדאַקציע.

אַזוי פֿיל פּשוטו: זי װילען חלילה דעם קלעריקאַליזם ניט אויסשטויסען, זי װילען נור טײלען מיט איהם די הערשאַפֿט. געהענגטער צום אַלטען, װי צום ניעם, בײַם שטילשװײַגען פֿון די מאַסען און בײַ דער בלוטלאָזיגקײט און אָנהענגיגקײט פֿון אונזער בירגערליכער דעמאָקראַטיע, האָט זיך די גרופּסטען אײַנגעגעבען צו בעהאַלטען עפּעס אַ מין מאָנאָפּאָל אויף רעפֿאָרמירען די קהלה. זי רעדען אײַן זיך און אַנדערע, אַז זי און נור זי אַלײן זענען צו דער דאָזיגער אַרבײט בערופֿען; אַלע אַנדערע װעלען נור שטערען, אַראָבריסען. און זי שטרעבען צו מאַכען די קהלה װאָס װעניגער דעמאָקראַטיש, כּדי צו קענען פֿיהרען אין איהר אונגעשטערט זײער קלאַסען־פּאָליטיק. און ניט אַזוי די קהלה גופֿא אינטערעסירט זי, װי דער פּאָליטישער קאַפּיטאַל, װאָס זי קאָנען פֿון איהר מאַכען, װי דער אײַנפֿלוס, װאָס זי װילען דורך איהר בעקומען.

פֿאַר דער קהלה פֿיהרט זיך אַ קלאַסען־קאַמפּף, און די אַרבײטער־דעמאָקראַטיע קאָן ניט בלײַבען שטעהן פֿון װײַטען. מיט דער קהלה זענען פֿערבונדען פֿיעל װיכטיגע אינטערעסען פֿון די אַרבײטענדע מאַסען, איבערהויפּט זײערע קולטורעלע אינטערעסען. און די מאַסען זענען פֿעראינטערעסירט, די קהלה זאָל אָרגאַניזירט װערען אַזוי, אַז זײער שטים זאָל דאָרטען געהערט װערען, װי מעגליך שטאַרקער, איהר גאַנצע אַרבײט זאָל װאָס מעהר זײַן צוגעפּאַסט צו זײערע אינטערעסען. מוזען מיר אויסאַרבײטען אַ קלאָרע פּראָגראַם פֿון דער קהלה; מוזען מיר גענוי בעשטימען איהר אָרגאַניזאַציע און דעם אינהאַלט פֿון איהר אַרבײט.

עס איז קײן שום ספק ניט, אַז פֿערװירקליכען אונזער פּראָגראַם אין אַ מעהר אָדער װעניגער פֿולער מאָס, איז איצט אונמעגליך; דאָס װעט מעגליך זײַן נור אין אַ בעפֿרײַטען, דעמאָקראַטיזירטען רוסלאַנד.

אָבער אַ פּראָגראַם אויסאַרבײטען מוזען מיר שוין איצט. מיר מוזען זײַן גרײט צו דעם מאָמענט, װען דער באָדען װעט זײַן פֿערטיג. מיר מוזען שוין איצט אָנהויבען פֿערשפּרײטען אונזער פּראָגראַם אין די ברײטע יודישע מאַסען, כּדי בײַ יענער צײַט זאָלען אונזערע פֿאָדערונגען װערען זײערע פֿאָדערונגען. דאָס איז אָבער נאָך ניט אַלץ. אַ פּראָגראַם איז אונז שוין איצט נויטיג ניט בלויז אַלס זאַך פֿון פּראָפּאַגאַנדע, נור אויך אַלס לײַטפֿאַדען אין דער אַרבײט. װאָרום עס איז ניט אמת, אַז איצט האָבען מיר קײן שום באָדען ניט. געװיס קאָן אונז דאָס, װאָס מען רופֿט איצט אַ קהלה, ניט צופֿרידענשטעלען. געװיס איז עס נאָך דערװײַל אַ תּהו ובהו, אַ אַנאַרכיע, און מען מוז האָבען אַ געװיסען סכום רעכט, אום אויסצושטעלען אַ קהלה, װי געהעריג. אָבער אין דעם תּהו ובהו זענען פֿאַראַן געװיסע עלעמענטען, פֿון װעלכע מען קאָן שוין איצט, בײַ הײַנטיגע רעכט, אָדער בײַ הײַנטיגער רעכטלאָזיגקײט, עפּעס אויפֿבויען. די געשיכטע האָט אונז איבערגעלאָזען ברוכשטיקער. אונז קומט אויס דאָ, װי עס איז אויסצונוצען, אַרײַנטראָגען אָרדנונג אין תּהו ובהו, אַרײַנגיסען אַ ניעם אינהאַלט אין די אַלטע פֿאָרמען. אין ענגשאַפֿט, האַלב געבונדען מוזען מיר שאַפֿען אָרגאַניזאַציאָנס־פֿאָרמען, װעלכע זאָלען געקענען שפּעטער פֿונקציאָנירען, פֿרײַ מאַכען און געבען די מעגליכקײטען צו פֿערברײטערען און פֿערפֿאָלקאָמען.

איך מײן אויס דאָס װאָרט ב ו י ע ן, װײַל איך װיל זיך ניט שפּײַזען מיט זיסע, שעדליכע חלומות. איך מײן, אַז בויען באמת, בעפֿרידיגען די בעדערפֿנישען פֿון דער מאַסע, װעט זיך אונז בײַ הײַנטיגע בעדינגונגען אײַנגעבען בלויז אין זעהר אַ אומבעדײַטענדער מאָס; איך בין װײַט פֿון דעם געדאַנקען, אַז מען לײזט שוין איצט בעסלעכװײַז די נאַציאָנאַלע פֿראַגע. דאָס מען קען און מען דאַרף איצט מאַכען, איז אָפּרײניגען דעם באָדען פֿון דערנער און שטײנער, שטעלען זיך אויף איהם מיט אַ פֿעסטען פֿוס, מאַכען אַ רעשטאָװאַניע פֿון דעם צוקינפֿטיגען בנין. בויען באמת װעט מען קענען אין בעסערע צײַטען. אָבער צו דער איצטיגער אַרבײט מוז מען אויך האָבען אַ פּראָגראַם; מען מוז האָבען אַ לײַט־פֿאָדעם, מען מוז האָבען נאָרמען. נאָרמען פֿון יע, צו װעלכע מיר װעלען שטרעבען װאָס נעהענטער צוצוגעהן; נאָרמען פֿון ניט, װעלכע מיר װעלען זעהן מיט אַלע קרעפֿטען אויסצומײַדען.

די קהלה איז ניט די אײנציגע אָרגאַניזאַציע, אין װעלכע יודען נויטיגען זיך. אויסער דער אָרטיגער איז נויטיג אַנ'אַלגעמײנע נאַציאָנאַלע זעלבסטפֿערװאַלטונג, אַנ'אָרגאַניזאַציע, װאָס זאָל אַרומנעמען די אַלע, װעלכע רעכענען זיך פֿאַר יודען אין רוסלאַנד. דערװײַל איז אַזאַ אָרגאַניזאַציע אונמעגליך צו בויען. װי װעט זי געבויט װערען: צי װעט זי שפּעטער בײַ גינסטיגע בעדינגונגען אויסװאַקסען בײַסלעכװײַז פֿון די קהלות גופֿא, װי אַנ'אויבערשטער שטאָק איבער זי, אָדער זי װעט מיט אײן מאָל אין שטורם געבוירען װערען און װעט נאָכהער אַרײַננעמען אונטער זיך די קהלות און זי איבערפֿאָרמירען — דאָס איז איצט אונמעגליך פֿאָראויסצוזאָגען. אָבער אפֿילו אײנס לעצטען פֿאַל, װעט זיך די נײַ־געבוירענע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע מיזען רעכענען מיט די קהלות, װי מיט עקזיסטירענדע פֿעסט־אײַנגעשטעלטע פֿאַקטען, און זי װעלען זי בעשטימען ניט װעניגער, װי זי זי. מיר מוזען דערום געװיסער מאָסען קוקען אויף די קהלות, װי אויף צעלען פֿון דער צוקונפֿטיגער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע. און בעת מיר בעשטימען די קאָמפּעטענץ פֿון דער קהלה, מיזען מיר זיך רעכענען מיט דער קאָמפּעטענץ פֿון דער צוקינפֿטיגער נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע. פֿערשטעהט זיך, אויף װיפֿיעל דאָס איז בכלל מעגליך פֿאָראויסצוזעהן.

װ. מעדעם אין זײַן אַרטיקעל „די יודישע קהלה" (צײַט־פֿראַגען ניט. 2) געפֿינט, אַז עס איז נויטיג צײַטװײַליג ברײטער צו מאַכען די קאָמפּעטענץ פֿון דער קהלה. „אין אונזערע פּלענער זאָלען די פֿונקציעס פֿון דער קהלה בעשרענקט מיט געװיסע ענגע ראַהמען", װײַל מיר רעכענען, אַז די איבעריגע אויפֿגאַבען װעלען ערפֿילט װערען דורך די „אַלגעמײנער אָרטיגע און פּראָװינציעלע דעמאָקראַטישע אײַנריכטונגען. איצט איז אָבער אַזעלכע אײַנריכטונגען ניטאָ, און געװיסע אויפֿגאַבען (אפֿילו ניט קײן רײן נאַציאָנאַלע) אויב זי װעלען ניט ערפֿילט װערען דורך די יודישע אײַנריכטונגען, װעלען זי גאָר אינגאַנצען בלײַבען אונערפֿילט. איז במילא פֿערשטענדליך, אַז די קהלה מוז אויף זיך נעהמען אַזעלכע אויפֿגאַבען. צו זי רעכענען מיר צו אַזעלכע ענינים, װי צדקה, רעגולירען די עמיגראַציע און אַ. װ..."

װל. קאָסאָװסקי געפֿינט אויך, אַז די קאָמפּעטענץ פֿון דער קהלה מוז צײַטװײַליג װערען ברײטער, און שפּעטער אײנס דעמאָקראַטישען רוסלאַנד װעט זי פֿערשמעלערט װערען.

איך האַלט דעם דאָזיגען שטאַנדפּונקט דורכאויס פֿאַר אַ פֿאַלשען. די פֿונקציעס, װאָס די קהלה װעט איצט אויף זיך נעהמען, װעלען בלײַבען בײַ איהר אַ חזקה. זי װעלען זיך מיט איהר צוזאַמענװאַקסען, און צונעהמען זי בײַ איהר, אויסשײלען זי װעט שפּעטער אָנקומען נאָר ניט גרינג. דערום, װען איך װאָלט האַלטען, אַז גרינדען און אויסהאַלטען שפּיטאַלען, למשל, איז ניט קײן נאַציאָנאַלע אויפֿגאַבע, און די קינפֿטיגע נאַציאָנאַלע זעלבסטפֿערװאַלטונג װעט זיך מיט דעם ניט פֿערנעהמען, װאָלט איך געגען געװען דעם, מען זאָל עס אפֿילו אין אונזער מינימום־פּראָגראַם, װי מעדעם רופֿט עס אָן, אַרײַנשטעלען. צו װאָס פֿאַרען און פֿערמײַדען איצט דאָס, װעגען װאָס עס װעט שפּעטער אויסקומען צו קעמפֿען? צו װאָס לעגען זיך אַלײן שטעקלען אונטער די רעדער? אויב די קהלה פֿערנעהמט זיך פֿאַקטיש איצט דערמיט, מוזען מיר פֿערשטעהען זיך, זעהן, װאָס די מהות, זאָל זי טוהן װאָס בעסער. אָבער אײַנשטעלען אין אונזער פּראָגראַם קענען מיר נור אַזעלכע אויפֿגאַבען, װעלכע מיר האַלטען פֿאַר רײן נאַציאָנאַלע, װעלכע דאַרפֿען לויט אונזער מײנונג אַרײַן אין קאָמפּעטענץ פֿון דער צוקונפֿטיגער נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע.

און נאָך אײנס. שטעלט זיך פֿאָר, אַז אין דומע װערט אַרײַנגעטראָגען אַ געזעץ־פּראָיעקט װעגען דער יודישער קהלה, און אין דעם דאָזיגען פּראָיעקט איז פֿאַראַנען אַ פּונקט װעגען צדקה. לויט דער מײנונג פֿון װ. מעדעם, איז עס די אויפֿגאַבע פֿון דער דעמאָקראַטישער שטאָדטישער און פּראָװינציעלער זעלבסטפֿערװאַלטונג, נור װײַל זי איז איצט ניט דעמאָקראַטיש און פֿערנעהמט זיך דערמיט ניט, מוז עס דערװײַל זײַן די אויפֿגאַבע פֿון דער יודישער קהלה. פֿרעגט זיך, װאָס זאָל טאָן די ס. ד. פֿראַקציע, די פֿאָרשטעהער פֿון דער אַרבײטער־דעמאָקראַטיע? אויב זי װעט דעם פּונקט פֿערטײדיגען און פֿאַר איהם שטימען, װעט זי דערמיט עפֿענטליך סאַנקציאָנירען די שלעכטע פֿיהרונג פֿון דער הײַנטיגער שטאָדטישער און פּראָװינציעלער זעלבסטפֿערװאַלטונג. דער חוב פֿון דער ס. ד. פֿראַקציע איז דאָך אויסנוצען יעדע געלעגענהײט און פֿון דער דומע־טריבונע פֿערשפּרײטען אין די ברײטע מאַסען דעם געדאַנקען, אַז די שטאָדטישע און פּראָװינציעלע זעלבסטפֿערװאַלטונג מוז דעמאָקראַטיזירט װערען, אַז איהר קאָמפּעטענץ מוז פֿערברײטערט װערען. און אויב זי װעט פֿערטײדיגען אויב זי װעט שטימען פֿאַר דעם פּונקט, װעלכער לעגט די יודישע צדקה־ענינים אַרויף אויף דער יודישער קהלה, װעט זי ניט טאָן איהר חוב בנוגע צו דער שטאָדטישער און אָרטיגער זעלבסטפֿערװאַלטונג, װעט זי טאָן דאָס, װאָס איז געגען איהר חוב. עס איז קלאָר, דאָס אויב די ס. ד. פֿראַקציע װיל זײַן פּרינציפּיעל אויסגעהאַלטען, אויב זי װיל ניט געהן געגען זיך, מוז זי שטימען געגען דעם פּונקט, [illegible] מוז זי פֿון דער דומע־טריבונע ערקלערען, [illegible] שטאָדטי-

שע און פּראָדוקטיװע װעלבסטפערװאַלטונג מיט דעמאָקראַטיזם װערען און בעזאָרגען די צדקה-ענינים פון אַלע אײנװאָהנער אָהן אונטערשיעד פון נאַציאָן. און די יודישע אַרבײטער-דעמאָקראַטיע קאָן ניט אײננעהמען אין איהר פּראָגראַם א פּונקט, װעלכען די ס. ד. װעט ניט קאָנען פערטײדיגען פון איהר פּרינציפּיעלען שטאַנדפּונקט.

די קהלה, װי יעדער אָרגאַן פון א װעלבסטפערװאַלטונג, האָט אײניגע אויפגאַבען, װעלכע זי מוז אַבליגאַטאָריש ערפילען, און אויב זי ערפילט זײ ניט, קאָן זי די רעגירונג דערצו צװינגען. זי האָט אַנדערע אויפגאַבען, װעלכע זי האָט רעכט צו ערפילען, אויב זי געפינט עס פאַר נויטיג און מעגליך; אָבער צװינגען זי דערצו קאָן מען ניט. די בײדע מינים אויפגאַבען טאָר מען ניט צוזאַמענמישען. די ריין נאַציאָנאַלע ענינים זענען פאַר דער יודישער קהלה א חוב, זײ געהען אַרײן אין איהר אַבליגאַטאָרישער קאָמפּעטענץ; די איבעריגע ענינים זענען א חוב פאַר דער אָרטיגער װעלבסטפערװאַלטונג, אין איהר קאָמפּעטענץ געהען זײ אַרײן, פאַר דער יודישער קהלה קאָנען זײ נור זײן א זאַך פון פרײען װילען, פון רעכט, אָבער בשום אופן ניט פון פליכט.

II

די אָנגעהעריגקײט.

װער געהערט צו דער יודישער קהלה? מיר ענטפערן אויף דעם פאָלגענדעס:

יעדער, װער עס איז געבוירען א יוד און האָט בײ דער לעצטער פאָלקס-צעהלונג ניט געמעלדעט, אַז ער געהט אַרױס פון יודען אין רעכענט זיך צו צו אַן אַנדער נאַציאָן, געהערט צו דער יודישער געמײנדע, און אַלע איהרע בעשטימונגען זענען פאַר איהם אַבליגאַטאָריש.

אין מײן פאָרמול איז די אָנגעהעריגקײט צו דער קהלה ניט אַבליגאַטאָריש, ניט קײן חוב. אַז איהר װילט, פערשרײבט איהר זיך בײ דער פאָלקס-צעהלונג פאַר א רוס אָדער א פּאָליאַק, און איהר הערט אויף צו זײן א מיטגליעד פון דער יודישער קהלה.

דער קאָװנער צוזאַמענפאָהר האָט זיך געשטעלט אויף אײן אַנדער שטאַנדפּונקט. ער האָט אָנגענומען, אַז יעדער יוד, קײם האָט ער זיך ניט געטויפט, איז מחויב צו געהערען צו דער יודישער קהלה. די אָנגעהעריגקײט, הײסט עס, איז אַבליגאַטאָריש.

די אָנהענגער פון אַבליגאַטאָרישער אָנגעהעריגקײט זאָגען: יודען זענען ניט קײן נאַציאָן, נאָר א נאַציאָנאַל-רעליגיעזע גרופּע. (אין עס געפינען זיך אַזעלכע, װאָס זאָגען: בלויז א רעליגיעזע). דערים איז יעדער, װאָס ער האַלט זיך בײ דער יודישער אמונה, ממילא א יוד און איז מחויב צו זײן א מיטגליעד פון דער יודישער געמײנדע. צװײטענס, װאָס דאַרף דעם מיטגליעד פון דער יודישער קהלה אויסקומען צו צאָהלען מעהר שטײער, װי דעם ניט-מיטגליעד. דער ניט-יוד צאָהלט נור אין שטאָדטישע װעלבסטפערװאַלטונג, קײן בעזונדערע נאַציאָנאַלע געמײנדע האָט ער ניט. א יוד אָבער איז מחויב צו צאָהלען אי אין מאַגיסטראַט, אי אין דער קהלה. איז אויב איהר װעט מאַכען די יודישע קהלה פאַר א בנין מיט אָפענע טירען, װעלען די רײכערע, װאָס זענען ניט קײן גרױסע בעלנים צו צאָהלען צװײאײנען שטײער, פון דער קהלה אַרױס; עס װעלען איבערבלײבען נור די אָרימערע, די קהלה װעט האָבען קנאַפּ געלד-מיטלען, און די קולטורעלע און אַנדערע נויטען פון די יודישע מאַסען װעלען ניט קאָנען, װי געהעריג, צופרידענגעשטעלט װערען. אמת, זאָגען זײ, איצט איז אויך אומעטום, אויסער פּױלען, די אָנגעהעריגקײט צו דער קהלה ניט קײן אַבליגאַטאָרישע. פונדעסטװעגען געהען די רײכערע יודען פון איהר ניט אַװעק און גיבען געלד. װעגען אונבעדײטענדע אויסנאַהמען לוינט ניט צו רעדען. אָבער איצט זענען דאָך די רײכערע די גאַנצע מנהיגים פון דער קהלה: זײ געהערט די גאַנצע דעה, דער גאַנצער כבוד. פּרובט אײנפיהרען אין דער קהלה פון אײן זײט פּראָגרעסיװע שטײער אויף הכנסות, פון דער אַנדער זײט אַלגעמײנעם װאַהל-רעכט, זאָל דער רײכערער יוד מוזען צאָהלען מעהר שטײער און דערבײ ניט האָבען מעהר דעה, װי יעדער אײנער, װאָס צאָהלט װעניגער אָדער צאָהלט גאָר ניט, װעט ער בײ דער ערשטער אונצופרידענהײט אַרױס פון דער קהלה. דריטענס, האָבען אָפענע טירען דעם חסרון, װאָס זײ װעלען בעשאַפען א שטענדיגען שטראָם אַרײן און אַרױס. אײנע און די זעלבע פּערזאָן װעט עטליכע מאָל אין לעבען אַרײן אין דער קהלה און אַרױס פון איהר, אָבהענגיג פון איהר שטימונג אָדער פון דעם, צי װעט איהר מײנונג האָבען א האָפנונג דורכגעפיהרט צו װערען אָדער ניט. און דאַן װעלען מאָן על פּי רוב

די אײנפלוס-רײכערע, די טאָן-געבער. דאָס װעט אַרײנבריינגען א אַנאַרכיע, און די קהלה װעט דורכדעם געװיסער-מאָסען פערליערען איהר עפענטליך-רעכטליכען כאַראַקטער.

די אַלע טענות זענען זעהר ערנסט און מען מוז זײ ערנסט בעטראַכטען.

מיר קוקען אויף יודען ניט װי אויף א נאַציאָנאַל-רעליגיעזע גרופּע, נור װי אויף א נאַציאָן. א צײט לאַנג איז די רעליגיאָן געװען פאַר יודען א גאַנצע קולטור. נאַציאָן און רעליגיאָן זענען דאַן געװען דורכגעװעבט מיט אײנאַנדער. [illegible], די רעליגיאָן איז געװען די יודישע נאַציאָנאַלע פאָרם. אײניגער מאָסען איז עס איצט אויך אַזוי, אָבער װאָס װײטער הערט עס אַלץ מעהר אויף אַזוי צו זײן. די יודישע רעליגיאָן האָט אויפגעהערט פאַר'ן יודען א קולטור צו זײן. זײן קולטור איז איצט א װעלטליכע, און די יודישע נאַציאָנאַלע פאָרם צורײסט װאָס װײטער אַלץ מעהר די פעדים, װאָס בינדען צונויף מיט דער רעליגיאָן, און זי װערט װעלטליכער. איצט בויען די אָנגעהעריגקײט צו דער נאַציאָן אויפ'ן באָדען פון דער אמונה, איז אוממעגליך. עס זענען פאַראַן א סך יודען, װעלכע היטען אָפּ די אמונה און װילען ניט װיסען פון דער יודישער נאַציאָן; דאַגעגען האָבען מיר שוין איצט גענוג יודען, װעלכע האָבען צו דער אמונה קײן שײכות ניט, זענען פאַקטיש רעליגיאָנסלאָז, און זײ זענען דאָך יודען לויט זײער קולטור. צװינגען אײנעם, װעלכער װײס ניט און װיל ניט װיסען פון דער יודישער קולטור, ער זאָל מיט געװאַלד געהערען צו דער יודישער נאַציאָן—טאָרען מיר ניט, װיבאַלד אַז מיר נעהמען אָן, אַז דאָס עצם פון דער נאַציאָן איז די קולטור. זאָגען אײנעם: װילסטו פּטור װערען פון יודישקײט, געה טויף זיך!—קאָנען מיר ניט, װיבאַלד, אַז מיר האַלטען, אַז יודישקײט אַלס נאַציאָנאַליטעט און יודישקײט אַלס אמונה זענען ניט אײנס און דאָס זעלבע.

אָבער, זאָגט מען אונז, די רײכערע װעלען אַװעק, די קהלה װעט זײן אָרעם. די אינטערעסען פון די מאַסען װעלען לײדען. און די אינטערעסען פון די מאַסען—דאָס איז דאָך דער העכסטער פּרינציפּ.

די געפאַהר איז אָבער גאָר ניט אַזוי גרױס, װי מען מאָלט זי. ערשטענס, דאַרפען ניט אַלע הוצאות פון דער קהלה געדעקט װערען פון שטײערען, װאָס יודען װעלען אַלײן אויף זיך אַרױפלעגען. א גרױסען טײל װעט געבען די רעגירונג, די שטאָדטישע און פּראָװינציעלע װעלבסטפערװאַלטונג (מאַגיסטראַטען און זעמסטװאָס). נור א טײל פון איהר בודזשעט װעט די קהלה שעפּען פון װעלבסטבעשטײערונג. װײטער. מיר שטעלען זיך פאָר, אַז אין דער צוקונפט װעט אין א שטאָדט מיט א פילפאַרביגער נאַציאָנאַלער בעפעלקערונג, װי ריגא, למשל, די װעלבסטפערװאַלטונג אײנגעאָרדענט װערען אַזוי: עס װעלען זײן בעזונדערע נאַציאָנאַלע געמײנדען, א יודישע, א דײטשע, א לעטישע און אַ. ז. װ.; יעדע נאַציאָנאַלע געמײנדע װעט בעזאָרגען די ספּעציעלע נויטען פון איהר נאַציאָן; חוץ דעם װעט זײן אַן אַלגעמײן שטאָדטישע װעלבסטפערװאַלטונג, װעלכע װעט בעזאָרגען די נויטען, װאָס זענען אַלגעמײנע פאַר אַלע נאַציאָנאַלע גרופּען, װעלכע װאוינען אין שטאָדט, װי בעלײכטונג, טראַמװײ, קאַנאַליזאַציע און ד. גל. יעדער אײנער װעט מוזען געהערען אי צו דער אַלגעמײן-שטאָדטישער װעלבסטפערװאַלטונג, אי צו װעלכער עס איז נאַציאָנאַלער געמײנדע. װאָס װער עס איז אַרױס פון אײן נאַציאָנאַלער געמײנדע, װעט ער זיך באַלד מוזען צושרײבען צו אַן אַנדערער; װאָרום מען קאָן זײן רעליגיאָנסלאָז, אָבער ניט נאַציאָנסלאָז: אויסער די גרענצען פון שפּראַך און קולטור לעבט דאָך קײנער ניט. איז װען א יודישער שטײער-צאָהלער װעט אַװעק פון דער יודישער קהלה, װעט ער דערפון גאָר ניטש געװינען: ער װעט גלײך מוזען זיך צושרײבען צו אַן אַנדערער נאַציאָנאַלער געמײנדע און דאָרטען צאָהלען; װעט ער ממילא ניט האָבען קײן גרונד װאָס זאָל איהם בעװעגען אַרױסצוגעהן פון דער קהלה.

װײטער. ס'זענען פאַראַן מיטלען, װי אַזוי צװינגען דעם יודישען קאַפּיטאַליסט צאָהלען אויף די בעדערפניס פון דער קהלה, אויב ער עקספּלואַטירט יודישע אַרבײטער. למשל, אָטאָ באַיער און די עסטרײכישע שול געפינען, אַז די שטײערן דאַרפען זיך רעכענען ניט פון שטײער-צאָהלער, נור פון שטײער-טרעגער, ניט פון דעם אונטערנעהמער, װאָס פון זײן הכנסה װערט געצאָהלט, נור פון די אַרבײטער, װאָס האָבען די הכנסה בעשאַפען. און װען דעם קאַפּיטאַליסט קומט אויס צו דעקען די הוצאות אויף שולען פאַר אַרבײטער, זעהט עס נור פון אויבען-אויף אַזוי אויס, װי ער דעקט עס פון זײן אײגענעם בײטעל. אין דער אמת'ן האַלטען דאָ די אַרבײטער אַלײן אויס זײערע אײגענע שולען, װײל זײ האָבען בעשאַפען די גאַנצע הכנסה, ממילא אויך

דעם טײַל, װעלכער װערט געצאָלט אַלס שטײַער. און װען בײַ אַ יודישן אינטערנעהמער אַרבײַטן ניט-יודישע אַרבײַטער, מוז ער אױך צו אַנדערע (די פֿאָרם, אין װעלכער דאָס דאַרף פֿערװירקליכט װערן, איז װידער אַ פֿערװיקעלטע) אַנטײַלנעהמען אין ביודזשעט פֿון דער נאַציאָנאַלער געמײַנדע, צו װעלכער זײַנע אַרבײַטער געהערן. דאַגעגען, װען בײַ אַ ניט-יודישן פֿאַבריקאַנט, אָדער בײַ אַ יודען, װאָס געהערט ניט צו דער יודישער געמײַנדע, אַרבײַטן יודישע אַרבײַטער, האָט ער אױך צו אַנדערע מוזען אָנטײַלנעהמען אינ'ם ביודזשעט פֿון דער יודישער קהלה. ובכן—די אינטערעסען פֿון די יודישע מאַסען װעלען ניט לײַדען פֿון דעם, װאָס די אָנגעהעריגקײַט צו דער קהלה װעט ניט זײַן אָבּליגאַטאָריש.

חוץ דעם װעט דער יודישער גבֿיר און דער יודישער אינטעליגענט ניט אַרױס פֿון דער קהלה שוין צוליב דעם אַלײן, װאָס דאָס איז דער בעסטער פּלאַץ פֿאַר זײ צו האָבּען אַ פּאָליטישן אײַנפֿלוס. אַ פּאָליטישן אײַנפֿלוס בײַ יודען נושא און דורך יודען אין גאַנצן לאַנד.

און אױב איך נעהם אָן, אַז אַרױסגעהן פֿון יודען קאָן מען ניט אַלע טאָג, נור בײַ אַ פֿאָלקס-צעהלונג, טהו איך עס אָט צוליב װאָס. איך װאָלט װעלען אױסמײַדן דעם שטענדיגען געהן און צוריק בײַ דער אינטעליגענץ צוליב אַ איבערפֿלעסליכע מאָמענטאַלע שטימונג, צוליב אַ קלײנע אונצופֿרידענהײַט אָדער אַ באַלײדיגטן כּבֿוד. ניט לאַנג איז דער בעקאַנטער קריטיקער בראַנדעס אַרױס פֿון דער קאָפּענהאַגענער קהלה צוליב עפּעס אַ מעשה מיט אַ רבֿ. מיט דעם אַרײַנגעהן און אַרױסגעהן מוז מען זײַן ערנסט. און דערום קאָן עס געשעהן נור אײן מאָל אין אַ געװיסע צאָהל יאָהרען, אַ פֿאָלקס-צעהלונג, בעת יעדער גיט זיך אָב אַ רעכנונג און גיט אָן זײַן נאַציאָן און די שפּראַך, אױף װעלכער ער װיל זײַנע קינדער ערציהען,— ערנסט און בעװאוסטזיניג.

פֿרעגט זיך, װי בעשטימט מען איצט די אָנגעהעריגקײַט צו דער יודישער נאַציאָן? װאָס פֿאַר אַ סימן קאָן מען געבען בײַ די איצטיגע בעדינגונגען, װען די רעגירונג אַנערקענט די נאַציאָן נור װען עס האַנדעלט זיך װעגען בעגרענצונגען, און אַנערקענט די ניט, װען עס האַנדעלט זיך װעגען רעכט און פֿליכט? פֿערשטעהט זיך, אַז יעדער פּרינציפּ, װאָס מיר װעלען איצט אָננעהמען, װעט זײַן נור אַ קאָמפּראָמיס, אַ פּשרה; מיר מי‑ זען אָבער װעהן געפֿינען אַזאַ מין פּשרה, װאָס זאָל זײַן װאָס נעהענטער צו אונזער פּרינציפּ.

ה. סטרעם נעהמט אָן פֿאַר אַ דערװײַליגן סימן די רעליגיאָן. איך קאָן בשום אופֿן מיט דעם ניט אײַנשטימען. איך הײס, ער טהוט עס צוליב פֿאָרמאַלע טעמים, צוליב אױסערע און ניט צוליב אינעװעניגע. אָבער צוליב װאָס עס זאָל ניט זײַן, קאָנען מיר דאָך ניט אָננעהמען די רעליגיאָן פֿאַר אַ סימן פֿון אָנגעהעריגקײַט צו דער יודישער געמײַנדע, הײַבּאַלד אַז מיר שטעהען דערױף, די רעליגיעזע ענינים זאָלען אױסגעשײדט װערן פֿון דער קהלה, די קהלה זאָל זײַן אַ װעלטליכע. און אין דער װעלכער צײַט מאַכען די רעליגיאָן פֿאַר אַ סימן פֿון אָנגעהעריגקײַט צו דער װעלטליכער קהלה. עס בעקומט זיך דאָ אַ סתירה, װעלכע װעט פֿערדונקלען דעם בעװאוסטזײַן.

ה. סטרעם װיל ניט רעכענען פֿאַר אַ סימן פֿון אָנגעהעריגקײַט די שפּראַך. ער שרײַבט:

„בײַ הײַנטיגע בעדינגונגען איז ניט מעגליך צו רעכענען פֿאַר אַ מיטגליעד פֿון דער קהלה נור דעם, װער עס אַנערקענט פֿאַר זײַן מוטער-שפּראַך יודיש. הײַנטיגע צײַטען, װען אַרום די שפּראַך-פֿראַגע פֿיהרט זיך אַ הײסער קאַמפֿ, װאָלט זיך געפֿונען אַ גרױסע צאָהל דוקא אמת'ע (?) און דוקא ניט אַסימילירטע יודען, װעלכע װאָלטען אױס געװיסע פּרינציפּען ניט געװאָלט אַנערקענען יודיש ניט פֿאַר קײן נאַציאָנאַלע, ניט פֿאַר קײן מוטער-שפּראַך. אױסשליסען זײ פֿון יודענטהום װאָלט געװען אוממעגליך."

איך געפֿין דעם קאָמפּראָמיס, אױף װעלכען ה. סטרעם נעהמט דאָ אײַן, פֿאַר אַ שעדליכען און איבעריגען. פֿאַר אַ שעדליכען דערפֿאַר, װאָס מען קאָן ניט קעמפֿען פֿאַר אַ שפּראַך און בײַ יעדער פּראַקטישער געלעגענהײַט אַראָבלאָזען די פֿאָהן. קעמפֿען מיר געגען די, װאָס זאָגען, אַז יודיש מוז און װעט פֿערשװינדען, אַז יודען מוזען אָננעהמען די לאַנדעס-שפּראַך, האַלטען מיר אַזאַ מײנונג פֿאַר אַסימילאַציע, קאָנען מיר דאָך איהרע אָנהענגער ניט אָנרופֿען אמת'ע יודען. הױפּט איז דאָך ניט די סוּביעקטיװע שטימונג, נור די אָבּיעקטיװע לאַגע. און דער, װאָס װיל אױס געװיסע פּרינציפּען ניט אַנערקענען יודיש ניט פֿאַר קײן נאַציאָנאַלע, ניט פֿאַר קײן מוטער-שפּראַך, דער איז אָבּיעקטיװ אַן אַסימילירטער. איבעריג, װײַל דער קאָמפּראָמיס איז בעת דער לעצטער פֿאָלקס-צעהלונג (1897) האָבען 96 פּראָצ. יודען אָנגע‑

געבען פֿאַר זײער מוטער-שפּראַך יודיש. אין די איבעריגע 4 פּראָצ. געהען אַרײַן די קאַװקאַזער און קרימער יודען, װאָס זײער מוטער-שפּראַך איז דאָך ניט יודיש. דער פּראָצענט יודען, װאָס זײער מוטער-שפּראַך קאָן זײַן יודיש, און זײ האָבּען אָנגעגעבּען אַן אַנדער שפּראַך, איז װידער אַ קלײנער. און געהען צוליב איהם אױף אַ קאָמפּראָמיס לוינט ניט. דערװײַל מוז דער סימן פֿון דער אָנגעהעריגקײַט צו דער קהלה זײַן די שפּראַך. דער סימן נעהמט צו גאַנץ נאָהנט צו אונזער פּרינציפּ, בעת דער סימן פֿון רעליגיאָן איז אַ סתירה צו אונזער פּרינציפּ. און דער קלײנער פּראָצענט יודען, װאָס װעלען ערקלערען פֿאַר זײער מוטער-שפּראַך ניט יודיש, זײ װעלען מיר אױך פֿון דער געמײַנדע ניט אױסשליסען: לױט אונזער פּרינציפּ קאָנען מיר קײנעם ניט אױסשליסען פֿון דער יודישער נאַציאָן, הײַבּאַלד אַז ער אַלײן רעכענט זיך צו איהר. דאָס איז די זאַך פֿון יעדער פּערזאָן צו בעשטימען איהר נאַציאָנאַליטעט. מיר װעלען דאָ נור אַרײַנטראָגען די זעלבע אױסבעסערונג, װאָס ה. סטרעם טראָגט אַרײַן צו זײַן סימן פֿון רעליגיאָן. גיט דאָך ה. סטרעם צו, אַז צו דער יודישער קהלה װעלען געהערען אױך אַלע, װאָס זײַנען לױט דער אמונה ניט קײן יודען, נור זײ האָבען ערקלערט, אַז זײ װילען אַרײַן אין דער קהלה. מיר װעלען אױך צוגעבען: צו דער יודישער קהלה קאָנען געהערען אױך אַלע, װאָס זײער שפּראַך איז ניט יודיש, נור זײ האָבען ערקלערט, אַז זײ װילען אַרײַן אין דער קהלה. דאָס װעט אָבער זײַן נאָר אַן אױסנאַהם. דער סימן פֿון אָנגעהעריגקײַט דאַרף דערװײַל זײַן די שפּראַך.

III

סעקוליאַריזאַציע.

סעקוליאַריזירען הײסט פֿערװעלטליכען. מיר פֿאָדערן, די יודישע קהלה זאָל זײַן אַ רײן װעלטליכע, מיט קײן שום רעליגיעזע ענינים זאָל די זיך ניט פֿערנעהמען; קײן רבנים, שוחטים און חזנים זאָל די ניט אױסהאַלטען. אױף רעליגיעזע ענינים דאַרפֿען זיך בילדען בעזונדערע רעליגיעזע חבֿרות, װעלכע װעלען אַלײן אױסהאַלטען זײערע בתּי מדרשים און כּלי קודש. די [illegible] אָנגענומען האָבען דעם נאָר אַנ'אַנדער רעזאָלוציע. לױט יענער רעזאָלוציע זאָל די ערשטע אױפֿגאַבע פֿון דער קהלה זײַן צו זאָרגען פֿאַר די רעליגיעזע בעדערפֿנישען פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג. די פֿיהרער פֿון די גרופּיסטען געהען נאָך װײַטער. אין קאָװנע האָט ה. סליאָזבערג פֿאָרגעלײגט, אַז יעדער יוד איז מחויב זײַן צוגעשריבען צו װעלכען עס איז אַ בית המדרש; דער, װאָס נעהמט קײנמאָל אין קײן בית המדרש ניט, מוז צוגעשריבען װערן צו דעם הױפּט-בית-המדרש פֿון שטאָדט. יעדער בית-המדרש קלײַבט בעפֿאָלמעכטיגטע, און די בעפֿאָלמעכטיגטע קלײַבען אױס דעם געמײנדע-ראַט, װעלכער איז מחויב אָבצוגעבען פֿאַר זײ דין וחשבון. אױף אַזאַ אופֿן װאָלט די קהלה געװאָרען אינגאַנצען אַ רעליגיעזע. סליאָזבערג'ס פּראָעקט איז אין קאָװנע ניט אָנגענומען געװאָרען. אָבער אין פּעטערבורג אױפֿ'ן רבנים-צוזאַמענפֿאָהר האָבען די גרופּיסטען צוזאַמען מיט די רבנים אָנגענומען, אַז דער רבֿ דאַרף זײַן אין געמײנדע-ראַט ניט קײן געקליבענער און אין רעליגיעזע ענינים האָט ער בכח צו פּראָטעסטירען געגען דער בעשטימונג פֿונ'ם געמײנדע-ראַט, און די פּראָטעסטירטע בעשטימונג מוז נאָך אַ מאָל בעטראַכט װערען. אַזױ די פֿון אײן זײַט איז קלאָר, אַז קײן שאלות פֿון כּשר און טרפֿ װעט דער געמײנדע-ראַט ניט פּסקנען, און אין זײער אמת'ער ספּעציאַליטעט װעלען די רבנים אין געמײנדע-ראַט ניט האָבען װאָס צו זאָגען; פֿון דער אַנדער זײַט װיעדער קאָנען די רבנים אַלע ענינים פֿון דער קהלה אַרונטערפֿיהרען אונטער דער אמונה. איבערהױפּט די ענינים פֿון פֿאָלקס-בילדונג און צדקה— איז קלאָר, אַז מען האָט דאָ די רבנים געגעבען אַ גרױסע מאַכט אין דער קהלה. די גרופּיסטען װעגען אױסנעהאַלטען. יודען װעגען בײַ זײ ניט קײן נאַציאָן, נור אַ קאָנפֿעסיאָן; זײער יודישקײט איז אַ רעליגיעזע, און ניט אױף זײער אײגענעם גלױבען האַלטען זײ זיך—זײ װעגען דאָס רײַב פֿערדינגער—נור אױפֿ'ן גלױבען פֿון די מאַסען. די דאַרפֿען אײַנהאַלטען דעם יודישען נאָם מיט זײַן יודישקײט פֿאַר די יודישע מאַסען; דאָס איז דער עיקר. די קולטורעלע בעדערפֿנישען פֿון די יודישע מאַסען שטעהען בײַ זײ אױף דער לעצטער מדרגה. מיזען זײ אױפֿ'ן ערשטען אָרט שטעלען די בתּי מדרשים און כּלי קודש. מיזען די מאַכען דעם רבֿ פֿאַר אַ גרױסען בעל-דעה אין די ענינים פֿון דער קהלה.

מיר האַלטען, אַז יודען זײַנען אַ נאַציאָן. דער עיקר אױפֿגאַבע פֿון דער יודישער געמײנדע מוז זײַן אַ נאַציאָנאַל-קולטורעלע. די רעליגיאָן איז

א פריוואט-זאך. מיר קאנען ניט הייסען מענשען, וועלכע גלויבען אליין ניט אדער גלויבען אנדערש, זיי זאלען אויסהאלטען בתי מדרשים און כלי-קודש, וועלכע זיי האלטען אינ'ם בעסטען פאל פאר איבעריג. און נאך ווייניגער קאנען מיר מאכען אזעלכע מענשען פאר דעה-זאגער אין אזעלכע ענינים. ווארום אויב די קהלה וועט געבען געלד, וועט זי זאגען א דעה, און קיין אמת פרומער ייד וועט ניט וועלען ליידען, אז א פריינוואנגענער זאל איהם זאגען א דעה אין בויען אין אויסהאלטען א בית המדרש, אין דינגען אין אויסהאלטען כלי-קודש. דאס וועט ברענגען דערצו, אז בעת די וואהלען וועלען די ארטאדאקסען זיך ניט רעכענען מיט די מיינונגען פון די קאנדידאטען אין וועלטליכע ענינים, נור מיט זייער פרומקייט, און די גאנצע געמיינדע וועט בעקומען א קלעריקאלען כאראקטער. און אזוי ווי די רבנים און כלי קודש רעכענען די ערציהונג פון דער יוגענד און די אויפקלערונג פון די מאסען פאר זייער מאנאפאל ניט ווייניגער, ווי שאלות פון מילכיגס און פליישיגס, וועט דאס, וואס מען וועט אריינגעהמען די רעליגיעזע בעדערפנישען אין די אויפגאבען פון דער קהלה, געבען די רבנים א בעדייטענדע מאכט אין די ענינים פון פאלקס-בילדונג; און דאס קען מעהר ווי שאדען ניט ברענגען.

חוץ דעם. ביי אונז געפינען זיך דאך כמעט אין יעדער שטאדט חסידים און מתנגדים, און חסידים פון פערשיעדענע רבי'ס, וואס איינע וועלען ניט עסען פון די אנדערעס שחיטה. נעהמען מיר אריין די רעליגיעזע ענינים אין דער קהלה, נעהמען מיר אין איהר אויך אריין אלע רעליגיעזע שפאלטונגען און צאנקערייען, אלע מחלוקות פאר רבנים און גוטע יודען, פאר חזנים און שוחטים. און דאס אלץ וועט שטערען דער קהלה ערפילען די וויכטיגסטע אויפגאבען איהרע.

אבער, זאגט מען, דאס איז דאך ניט דעמאקראטיש. די מאסע האט דערווייל רעליגיעזע בעדערפנישען, מוז מען זיי צופרידענשטעלען גלייך מיט אנדערע בעדערפנישען איהרע, אלץ איינס, צי די פריינוואנגענע מינדערהייט האלט דערפאר צי ניט. ניט שוין ושע זאל די מאסע אליין טראגען אויף זיך דעם יאך פון די שוחטים און רבנים? וואו איז דער יושר?

אויף דעם ענטפערן מיר: ערשטענס, האלטען מיר זיך גאר ניט פאר בעריפען צופרידענצושטעלען אלע בעדערפנישען פון די מאסען. מיר זארגען נור פאר די בעדערפנישען, וואס געהען, לויט אונזער מיינונג, מיט דער קולטורעלער ענטוויקלונג און ניט געגען איהר. צווייטענס, וועלען די פריוואטע רעליגיעזע חברות געוויס געפינען מיטלען אויסצוהאלטען די בתי מדרשים און כלי קודש. אין פראנקרייך איז שוין עטליכע יאהר די קירך אבגעטיילט פון דער מלוכה און דאך האבען נאך דארטען דערווייל ניט אויסגעפעהלט ניט קיין גלחים, ניט קיין קירכען. און קיין גלח איז נאך דארטען פון הונגער דערווייל אויך ניט געשטארבען.

די ליניע פון פרום און ניט-פרום גייט זיך ניט צונויף מיט דער ליניע פון ארעם און רייך. און עס וועלען זיך געוויס געפינען רייכע פרומע יודען, וועלכע וועלען פון מצוה וועגען געבען גרויסע נדבות אויף בתי מדרשים און כלי קודש. נאכמעהר, איך בין זיכער, אז עס וועלען זיך געפינען געלד-יודען, וואס דארפען אליין ניט קיין רב און ניט קיין בית המדרש און דאך וועלען זיי זיין פעראינטערעסירט אין אויסהאלטען רבנים און בתי מדרשים פאר דער מאסע. מיר זעהען שוין איצט גענוג ביישפילען אזעלכע. אין דער צוקונפט וועט א פריינוואנגענער גביר, וואס בויט בתי מדרשים פאר אנדערע, געוויס ווערען אנאמאלע ערשיינונג.

די סעקולאריזאציע פון דער יודישער קהלה נעהמט אריין אין דעם פונקט פון אונזער מינימום פראגראם, וועלכער פאדערט, די קירך זאל אבגעטיילט ווערען פון דער מלוכה. לויט דעם דאזיגען פונקט מוזען מיר שטרעבען דורכצופיהרען דורך די געזעצגעבונג, אז די אמונה זאל אינגאנצען אויסגעטיילט ווערען פון דער מלוכה און איהרע איינריכטונגען, אומעטום, פון אויבען ביז אונטען, סיי אין די אלגעמיינע מלוכה-איינריכטונגען, סיי אין די ארגאנען פון דער שטאדטישער, פראווינציעלער און נאציאנאלער זעלבסטפערוואלטונג.

IV

די אויפגאבען פון דער קהלה.

מיר ווילען פריהער בעשטימען אונזער שטאנדפונקט. ווען מיר רעדען וועגען דער קאמפעטענץ פון דער יודישער קהלה, הייסט עס דאך, אז מיר נעהמען געוויסע אינטערעסען, טיילען זיי, פון דער אלגעמיינער שטאדטישער און פראווינציעלער זעלבסטפערוואלטונג און מאכען זיי פאר די אויפגאבע פון דער ספעציעלער נאציאנאלער זעלבסטפערוואלטונג. פרעגט זיך, וואס קאן מען אויסטיילען און וואס ניט?

אויף דעם ענטפערן מיר:

אויסטיילען דארף מען יעדע זאך, וואס לוינט אויסצוטיילען און וואס לאזט זיך אויסטיילען.

וואס לוינט אויסצוטיילען, ד. ה. אזעלכע בעדערפנישען פון דער יודישער בעפעלקערונג, וועלכע וועלען אויסגעטיילטערהייט בעסער בעפרידיגט ווערען און עקאנאמיש ניט קאסטען צוליעב דעם צו טייער, ניט ארויפלעגען אויף דעם יודישען צאהלער קיין צו שווערען שטייער-יאך. וואס לוינט אויסצוטיילען, הייסט אויך דאס: פאראן אזעלכע אינטערעסען, וואס איצטער, ווען זיי ווערען בעפרידיגט אין געמיינזאמע איינריכטונגען ווערט דערביי דער קלאסען-בעוואוסטזיין פערדונקעלט, און דער קלאסען-קאמפף שטעהט אין געפאהר פערביטען צו ווערען אויף א נאציאנאלען קאמפף, ביי וועלכען די ארבייטער-מאסען וועלען געהן נאך דער בורזשואזיע פון זייער נאציאן און פערשלאגען זיך פאר איהר מאכט; ווען די דאזיגע אינטערעסען וועלען אבער אויסגעטיילט ווערען, וועט זיך אינעווייניג צוליעב זיי פיהרען א ריינער, ניט-פערוויקעלטער קלאסען-קאמפף.

וואס לאזט זיך אויסטיילען הייסט,—אזעלכע צווייגען פון געזעלשאפטליכען לעבען, וואו דער יוד איז ניט ענג פערבונדען, אזוי צו זאגען איינגעוועבט אינ'ם אלגעמיינעם לעבען פון לאנד, אין זיי לאזען זיך דערום אויסטיילען. דאס עס לאזט זיך אויסטיילען, הייסט אויך, וואו צוליעב דער אויסטיילונג וועט זיך ניט בילדען קיין וואנד, וואס צוטיילט די ארבייטער-מאסען פון פערשיעדענע נאציאנען גראד דא, וואו זיי מוזען ארויסטרעטען צוזאמען, האנד אין האנד.

דאס איז אונזער מאסשטאב, מיט וועלכען מיר געהען צו צו די אויפגאבען פון דער קהלה.

און לויט דעם מאסשטאב וועלען מיר מוזען אויסשליסען פון איהר קאמפעטענץ דעם גאנצען געביט פון עקאנאמישער פאליטיק, ווייל די עקאנאמיק לאזט זיך ניט אויסטיילען. אמת, צוליעב היסטארישע סבות איז די עקאנאמישע סטרוקטור פון דער יודישער נאציאן אייניגערמאסען אנ'אנדערע, ווי ביי אנדערע נאציאנען (כמעט ניטא קיין פויערים, צו פיעל קליין-אייגענטימער און אינטעליגענטע פראפעסיע'ס), און דאס לאזט זיך פיהלען אין אלע געביטען פונ'ם געזעלשאפטליכען לעבען; אבער די עקאנאמישע טעטיגקייט פונ'ם יודען איז דאך ניט קיין בעזונדערער קערפער; קיין יודישע ווירטשאפט איז ניטא. אין זיין עקאנאמישער טעטיגקייט איז דער יוד איינגעוועבט אינ'ם ווירטשאפטליכען לעבען פונ'ם גאנצען לאנד אסך מעהר, ווי אלע אנדערע נאציאנאלע מינדערהייטען. און אויב יודען ליידען אין רוסלאנד עקאנאמיש מעהר, ווי אנדערע, נעהמט זיך דאס געוויסער-מאסען דערפון, וואס דער דאזיגער נאטירליכער איינוועבונג ווערען געשטעלט שטערונגען און שוועריגקייטען. דא קאנען מיר שטעהן ניט פאר אויסטיילען. דאס איז פאר אונז שעדליך, נור פאר צוזאמענגיסען. קיין יודישע עקאנאמישע פאליטיק איז ניט מעגליך. אין דעם פונקט געהען מיר זיך פאנאנדער מיט די אנהענגער פונ'ם סערפ.

אויסגעטיילט מוזען ווערען די קולטורעלע אינטערעסען, און די וויכטיגסטע אויפגאבען פון דער קהלה זיינען קולטורעלע: פאלקס-בילדונג, ביבליאטעקען, מוזעען, פאלקס-אוניווערזיטעטען א. ד. גל.

די פראפעסיאנעלע בילדונג מוז אויסגעטיילט ווערען, ניט דערפאר, ווייל מיר ווילען סעפארירען די יודישע פראפעסיע'ס, נור ווייל פראפעסיאנעלע בילדונג איז דאך בילדונג בכלל, מוז מען זי פיהרען אויף דער מוטער-שפראך פונ'ם שילער, מוז מען זיך רעכענען מיט זיין קולטורעלער סביבה, מיט זיינע קולטורעלע אנלאגען.

ווייטער, הילף. אונטער דעם ווארט פערשטעה איך: שפיטאלען, באגאדעלניעס א. ד. גל. איך האלט זיי פאר נויטיג אויסצוטיילען אט צוליעב וואס: קיינמאל נויטיגט זיך א מענש ניט אזוי אין אנאייגענער סביבה, ווי בעת ער איז קראנק אין עלענד. דעם קראנקען איז נויטיג ניט נור א דאקטאר, וואס זאל איהם פערשטעהן, ניט נור א בעדינער, וואס זאל רעדען אויף זיין שפראך, נור אויך, אז די קראנקע, וואס ארום איהם און געבען איהם, זאלען פאר איהם קיין פרעמדע ניט זיין. און דעם ווענדט זיך אפט דאס געזונד ווערען פיעל מעהר ווי אין די רפואות. מען זאגט, אז ווען אין א שטאדט וועלען זיין בעזונדערע שפיטאלען פון יעדער נאציאנאלער גרופע, וועלען זיי זיין קליינע און ארעמע, וועלען זיי ניט האבען די נויטיגע אפאראטען, וועלכע קאסטען טייער, ניט קאנען אויסהאלטען קיין דאקטוירים ספעציאליסטען, ניט זיין אימשטאנד צו האבען א נוטען בוים-גארטען, וועלכער איז פאר די קראנקע אזוי נויטיג. מען פערגעסט אבער, אז מען קאן אלע שפיטאלען פון שטאדט בויען אין איין ארט, ארום איין בוים-גארטען, אזוי אז זיי זאלען זיך אלע קאנען בעניצען

מיט די זעלבע אפאראטען און מיט׳ן גארטען. און ווען מען האלט א ספעציאליסט קאן ער בײ אזעלכע בעדינגונגען אויך דינען אלע שפּיטאלען פון שטאט. די סביבה אבער מוז זיין פאר יעדען קראנקען אנגענעהמע, א היימישע, דערום קאן מען ניט צונויפגיסען אלע שפּיטאלען אינאײנעם. דאס זעלבע איז אויך מיט באגאדעלניעס און ד. גל.

די קהלה מוז אויך גרינדען דעמאקראטיש-ארגאניזירטע אײנריכטונגען צו אינפארמירען און ווי ווײט מעגליך איז גײסטיג צו העלפען דעם יודישען עמיגראנט. דאס מוז געטאן ווערען אויף דער שפּראך פון די עמיגראנטען; דערצו מוז מען גוט וויסען זייערע לעבענסבעדינגונגען אין די ערטער, פון וואנען זיי פאהרען, און די בעדינגונגען אויף די ערטער, וואוהין זיי פאהרען, און וואו זיי האבען דאס רוב אין געדיכטע מאסען אין א יודישער סביבה. דערום איז קלאר, אז ניט נור איצט, ווען קיין שום מלוכה-אײנריכטונג פערנעהמט זיך ניט און וויל זיך דערמיט ניט פערנעהמען, נור אפילו שפּעטער, ווען די ארטיגע זעלבסט-פערוואלטונג זאל זיך אנהייבען פערנעהמען מיט העלפען עמיגראנטען, וועט זי מוזען איבערגעבען העלפען יודישע עמיגראנטען אין די הענד פון דער יודישער קהלה.

אויב עס וועט קומען א צייט, ווען די עמיגראציע וועט אינ׳ם יודישען לעבען שפּיעלען אזא קליינע ראלע, ווי אינ׳ם לעבען פון אנדערע נאציאנען, וואס וואהנען אין רוסלאנד, ווען די בעדינגונגען דא און אין די עמיגראציאנס-לענדער וועלען זיין אײנע און די זעלבע פאר יודישע עמיגראנטען, ווי פאר ניט-יודישע, און נור די שפּראך וועט זיי צוטײלען, דאן וועט די ארטיגע זעלבסטפערוואלטונג קאנען גרינדען עמיגראנטען-ביוראס פאר דער גאנצער בעפעלקערונג, נור די בעאמטע פון די ביוראס וועלען מוזען בעזיצען די אלע שפּראכען, וואס זענען אין דעם געגענד גאנגבאר. דערווייל מוז די זאך פון העלפען די יודישע עמיגראנטען זיין די אויפגאבע פון דער יודישער קהלה.

זאגט מען, דאס איז אפטימיזם. אבער די, וואס זאגען דאס, בינדען זיך בלויז צו ווערטער. בײ די אנהענגער פונ׳ם סײם שפּילט דאס רעגולירען די עמיגראציע גאר אנ׳אנדער מין ראלע, ווי בײ אונז. זיי זענען טעריטאריאליסטען. ווען זיי פאדערן, אז די קהלות און דער יודישער סײם זאלען נעהמען אויף זיך די אויפגאבע פון רעגולירען די עמיגראציע, מיינען זיי דערמיט, אז די זעלביגע קהלות און דער זעלביגער סײם צוזאמען מיט עהנליכע יודישע ארגאניזאציעס אין אנדערע לענדער וועלען נאכהער מיט פעראײניגטע קרעפטען ערווערבען א טעריטאריע און שיקען אהין עמיגראנטען, בעזעצען זי. און די גאנצע יודישע זעלבסטפערוואלטונג איז זיי נויטיג מעהר ווי אלץ צוליעב דעם. זיי זאגען: איצט איז דעם טעריטאריאליזם אונמעגליך צו פערווירקליכען, ווייל עס איז ניטא דערויף קיין ארגאניזירטע מאכט. מען מוז א פריהער ארגאניזירען די יודישע נאציאן, און די וועט נאכהער פאר זיך א טעריטאריע ערווערבען.

מיר בינדען מיט דער עמיגראציע קיין שום טעריטאריאליסטישע האפנונגען ניט צונויף. די יודישע קהלה איז אונז נויטיג פאר די יודען, וואס בלייבען דא, ניט אויף צו ארגאניזירען א יציאת-רוסלאנד. אויף העלפען די עמיגראנטען קוקען מיר, ווי אויף אנ׳ארבייט, וואס דארף צופרידענשטעלען א וויכטיגען טאג-אינטערעס, ניט ווי אויף אנ׳אויפגאבע צו ברענגען יודען א גאולה. דער דאזיגער וויכטיגער טאג-אינטערעס קאן אבער צוועקמעסיג בעפרידיגט ווערען נור, ווען איהם וועט נעהמען אין האנד די יודישע קהלה.

און נאך אײן אויפגאבע האט אויף זיך די קהלה—יורידישע הילף. זי מוז העלפען איהרע מיטגלידער יורידיש בעשיצען זייערע רעכט. דערצו מוז זי גרינדען יורידישע קאנסולטאציעס און ד. גל.

שפּעטער, ווען מיר וועלען געווינען פולע גלייכבערעכטיגונג פאר דער יודישער שפּראך, די איצטיגע ביוראקראטישע סיסטעם וועט פערשווינדען, און בעאמטע וועלען בעשטימט ווערען אויפ׳ן אמת׳ן דעמאקראטישען אופן, ווי אין ענגלאנד, ווען די נאציאנאלע זעלבסטפערוואלטונג וועט שפּיעלען א גרויסע ראליע אין בעשטימען בעאמטע, דאן וועט זיך פאר דער יודישער קהלה עפענען א נייער געביעט מיט נייע וויכטיגע אויפגאבען. נור דאס געהט ניט אריין אין טעמא פון מיין ארטיקעל.

V

דער ביודזשעט.

בנוגע צו דעם ביודזשעט פון דער קהלה, ווי צו דעם ביודזשעט פון יעדען אנדער ארגאן פון דער נאציאנאלער זעלבסטפערוואלטונג, זענען פאראן צוויי מיינונגען. אײניגע זאגען: די צענטראלע רעגירונג דארף ניט האבען קיין ביודזשעט

פון פאלקס-אויפקלערונג. בעת זי רעכענט אויס איהרע יאהר-הוצאות און בעשטימט שטייערן זיי צו דעקען, דארפען די הוצאות אויף בעפרידיגען די קולטורעלע בעדערפנישען פון דער בעפעלקערונג, אין חשבון ניט אריין. בעפרידיגען די קולטורעלע נויטען פון דער בעפעלקערונג דאס איז אינגאנצען די אויפגאבע פון די נאציאנאלע זעלבסטפערוואלטונגען, און מיטלען אויף דעם נעהמען זיי דורכאויס פון זעלבסטבעשטייערונג, פון אבליגאטארישען פראגרעסיווען הכנסה-שטייער, וואס זיי לייגען ארויף אויף זייערע מיטגלידער.

אנדערע ווידער מיינען, אז בעת די רעגירונג בעשטימט שטייערן, דארף זי זיי אויסרעכענען אזוי, אז מען זאל מיט זיי קאנען דעקען אויך די הוצאות אויף פאלקס-אויפקלערונג, אויף בעפרידיגען די קולטורעלע בעדערפנישען פון דער בעפעלקערונג. די רעגירונג מוז האבען א בעזונדערן ביודזשעט פון פאלקס-אויפקלערונג און זי צוטײלט איהם צווישען די נאציאנאלע זעלבסט-פערוואלטונגען פּראפּארציאנעל, נאך דעם צאהל מענשען, וואס זיי נעהמען ארום. בעפרידיגען די קולטורעלע נויטען איז די אויפגאבע פון דער נאציאנאלער זעלבסטפערוואלטונג. זאמלען און ארויסגעבען מיטלען אויף דעם דאס איז די אויפגאבע פון דער צענטראלער רעגירונג. פון קיין זעלבסט-בעשטייערונג דארפען די נאציאנאלע זעלבסט-פערוואלטונגען ניט וויסען.

מיר האלטען, אז צוועקמעסיגער איז אויסנוצען ביידע סיסטעמען. די צענטראלע רעגירונג מוז האבען איהר בעזונדערן ביודזשעט אויף פאלקס-אויפקלערונג, וועלכען זי דארף צוטײלען פּראפּארציאנעל צווישען די נאציאנאלע זעלבסטפערוואלטונגען. און חוץ דעם מוז נאך יעדע נאציאנאלע זעלבסטפערוואלטונג האבען דאס רעכט פון זעלבסט-בעשטייערונג. דאס זעלבע איז מיט די הוצאות אויף אלע אנדערע נאציאנאלע אויפגאבען פון דער קהלה, ווי יורידישע הילף, עמיגראציע און ד. גל. ווי ווײט זיי נעהמען אריין אינ׳ם ביודזשעט פון דער צענטראלער רעגירונג, מוז זי געבען די נאציאנאלע זעלבסטפערוואלטונגען א טייל פון די דאזיגע הוצאות; דאס איבעריגע וועלען זיי נעהמען פון זעלבסט-בעשטייערונג.

די זעלבסט-בעשטייערונג קאן פערווירקליכט ווערען נור אין דער פארם פון א אבליגאטארישען פּראגרעסיווען שטייער אויף הכנסות. קליינע הכנסות, וועלכע געבען די מעגליכקייט נור צופרידענשטעלען דעם מינימום פון די נויטיגע בעדערפנישען, דאס וואס מען רופט אן עקזיסטענץ-מינימום, ווערען פון שטייער בעפרייט. אלע אונדירעקטע שטייערן, ווי פלייש-קאראבקע, מוזען אבגעשאפט ווערען. *)

איך דערמאהן נאך א מאל אן דער מיינונג פון אטא באוער אין דער עסטרייכישער שול, אז עס דארף אין די קאסע פון דער נאציאן אריינגעטראגען ווערען אויך א געוויסער אבצאהל פון יענע פּריוואטע און מלוכה׳ישע **) אונטערנעהמונגען, וואס בעשעפטיגען ארבייטער פון דער געגעבענער נאציאן, וואס ווירקען אינ׳ם וואהל-געביעט פון דער נאציאן א. ז. וו.

---

*) וו. מעדעם שרייבט (צייט-פראגען II), אז די יודישע לופט-מענשען צאהלען איצט קיין קאראבקע ניט, ווייל זיי עסען קיין פלייש ניט. „לופט-מענשען פאלען סיי ווי ניט אריין אין די גרעניצען פון [illegible] פון פלייש". די [illegible] דאס איז ניט ריכטיג. נור די, וואס לעבען פון קצבה, עסען נאך קיין פלייש ניט. דאס רוב לופט-מענשען און אלע ארבייטער, וואס פערדינען בלויז דעם עקזיסטענץ-מינימום, עסען פלייש און צאהלען קאראבקע. [illegible] אויך 3—4 רובל א׳יאהר קאראבקע. [illegible] ארויס 3—4 רובל א׳יאהר [illegible]

**) בנוגע צו מלוכה-אונטערנעהמונגען איז די זאך אזוי: [illegible]

דערווייל, כל זמן מיר האבען נאך ניט קיין נאציאנאלע אויטאנאמיע, די רעגירונג גיט ניט צושטייער ניט אויף די ארטיגע, ניט אויף די נאציאנאלע נויטען, כל זמן די ניט־יידען האבען קיין בעזונדערע נאציאנאלע געמיינדען ניט אויף שולען, שפיטאלען און ד. גל. פאר ניט יידען, גיבען די שטאדטישע זעלבסטפערוואלטונגען און די רעסארטען, מוז מען פאדערן, אז די שטאדטישע זעלבסטפערוואלטונגען און די רעסארטען זאלען געבען צושטייער אויף יודישע שולען, שפיטאלען און ד. גל., ווי די גיבען אויף ניט־יודישע.

VI

וואס איצט?

די פראגע איז א ריין טאקטישע. און די טאקטיק לאזט זיך אויף לאנג ניט בעשטימען. די ווענדט זיך אין די אומשטענדען, און זיי בייטען זיך. איינס נור קאן מען זאגען. ווי ווייט עס האנדעלט זיך וועגען געווינען רעכט פאר דער יידישער קהלה, איז עס ענג צוזאמענגעבונדען מיט דער גאנצער ארבייט צו דעמאקראטיזירען רוסלאנד, און די טאקטיק, וועלכע גילט פאר׳ן גאנצען, גילט אויך פאר יעדען טייל זיינעם. יעדער געזעץ־פראעקט, וועלכען די ארבייטער־דעמאקראטיע טראגט איצט אריין אין דומע, דאס א בעווייזונג ניט מיט זיינע פראקטישע רעזולטאטען — אנגענומען צו ווערען האט ער איצט קיין שום האפנונג ניט — נור מיט דעם, וואס דאס גיט א מעגליכקייט בעקאנט צו מאכען די ברייטע פאלקס־מאסען מיט די פאדערונגען פון דער ס. ד. דאס זעלבע איז מיט געזעץ־פראעקטען בנוגע צו יידישע פראגען. דא איז נאך נויטיגער צו רעדען איבער די קאפ פון גוטשקאוו׳ס און וואליאי־מארקאוו׳ס צו די ברייטע מאסען, ווייל יידען און יידישע פאדערונגען זענען נאך די ברייטע פאלקס־מאסען דורכאויס פרעמד; די ווילדסטע בעגריפען האבען זיי וועגען אונז. און עס האלט געוויס געלוינט אויסצודריקען אונזער פראגראם פון דער קהלה אין א גענוי־בעארבייטען געזעץ־פראעקט, אהן קיינע קאמפראמיסען, און אריינטראגען איהם אין דומע צוליעב אגיטאציאנס־צוועקען. אגיטאציאנס־צוועקען ניט נור פאר דער אויסען־וועלט, נור אויך פאר אונזער אינעווייניגסטער וועלטעל. ווארים אין די פראגען פון דער קהלה נויטיגען זיך אין אגיטאציע ניט נור די ניט־יידען, נור אויך די ברייטע יידישע פאלקס־מאסען. און די דומע־טריבונע איז דאך דער הויכער גלאקען־טורם, וואס ווען מען קלינגט פון איהם הערט זיך צו דאס גאנצע לאנד, די יידישע גאס אויך בכלל. די יידישע גאס נאך אויספערקוואטער. דאס איז נאך אבער דערווייל צו פריה. אויף אונזער פראגראם מוז מען נאך לענגער ארבייטען, ביז עס וועט ווערען צייט אויסצודריקען עס אין א גענוי׳ען געזעץ־פראעקט.

וואס איז שייך צו דעם געזעץ־פראעקט וועגען דער קהלה, וואס עס קלייבען זיך אריינצוטראגען די גרופיסטען, א געזעץ־פראעקט פול מיט קאמפראמיסען אפילו פונ׳ם שטאנדפונקט פון אונזערע ליבעראלען, אויסגערעכענט אויף דעם, אז די דריטע דומע זאל איהם אננעהמען, מוזען מיר זאגען, אז דאס איז אין בעסטען פאל א אומנוצע ארבייט. בעקאנט מאכען דאס לאנד מיט די יידישע פאדערונגען (אפילו ווי די ליבעראלען פערשטעהען זיי) וועט מען ניט, ווייל דער געזעץ־פראעקט וועט דאך זיין דורכאויס א קאמפראמיס. אויספיהרען פראקטיש וועט מען אויך גאר ניט. ווארים אויף דאס פאר די קאמפראמיסען איהר וועט ניט געהן, וועט די דריטע דומע געהן נאך ווייטער, און זי וועט איער געזעץ־פראעקט אזוי צוקאליעטשען, אז עס וועט זיך בעשאפען א לאגע א סך ארגערע, ווי די, וואס מיר האבען איצטער. דאס איינציגע וואס איז איצט מעגליך און ווינשענסווערט דורכצופיהרען, איז פערניכטען די קאראבקע און פערבייטען זי אויף א דירעקטען שטייער.

ניט פאר די ה. ה. סליאזבערג און ווינאווער שרייבען מיר. ניט זיי האבען מיר איבערצייגען; נור אויב זיי וועלען אריינטראגען אין דומע זייער געזעץ־פראעקט, איז דער חוב פון דער ס. ד. פראקציע אנטגעגענשטעלען איהם אונזער נאציאנאלע פראגראם אין גאנצען אומפאנג, אהן פשרות און קליינליכע פראקטישע חשבונות. ווען ווער עס איז שטעלען אין דומע די פראגע וועגען דער יודישער זעלבסטפערוואלטונג, האט די ס. ד. פראקציע מוזען פאנאנדערוויקלען די פראגע וועגען דער נאציאנאלער זעלבסטפערוואלטונג בכלל אין איהר גאנצער גרויס און ברייט.

די פראגע איז אבער אינגאנצען מעהר אן אינעווייניגסטע, ווארים רעפארמירען די קהלה וועט איצט אויסקומען מעהר פון אינעווייניג. און דא מוזען מיר זיך האלטען אזא טאקטיק. מיר מוזען פאדערן, אז אלע חברות, וואס זענען פאראנען אין שטאדט, קלויזלעך, עקאנאמישע און צדקה־חברות, זאלען אויסקלייבען פון זיך בע־

פאלמעכטיגטע, וועלכע זאלען אנפיהרען די ענינים פון דער קהלה, אויסוועהלען דעם געמיינדע־ראט און אבנעהמען פון איהם דין וחשבון. אין דער דאזיגער פאדערונג קאנען מיר זיך איינגער פאסען שטיצען אויף א פונקט אין דער רעזאלוציע פונ׳ם קאוונער צוזאמענפאהר וועגען דער קהלה. *)

פאראן חברות, וועלכע זענען געגרינדעט געווארען דורך די פראטעסטירענדע מאסען. אזעלכע חברות קאנען נעהים געבען די מעגליכקייט די מאסען דורך זייערע אקטיווע פערשטעהער אריינצודרינגען אין דער קהלה און זאגען דארטען א דעה. פאראן ווידער חברות, וואס זענען געגרינדעט געווארען און בעשטעהען דאס רוב פון די מיטעלע און אבגעשטאנענע מאסען, ווי למשל, די חברות משמרת חולים (אין די ערטער, וואו די זענען ניט קיין פילאנטראפישע נור חברות פון געגענזייטיגען הילף). רעקאמענדירען די פארטגעשריטענע מאסען צו פערשרייבען זיך אין די חברות, קאנען מיר ניט. מיר וועלען איבערצייגען, אז סאציאלע הילף דארפען די מאסען בעקומען פון עפענטליך־רעכטליכע מלוכה־איינריכטונגען, ניט פון דער אייגענע קעשענע. חוץ דעם צאהלען די פארטגעשריטענע ארבייטער אזוי אויך גענוג אין די פראפעסיאנעלע און ליטעראַרישע פעראיינען, אין בילדונגס־חברות. צאהלען אין נאך חברות איז פאר זיי איבעריג. אבער די אקטיווע פערשטעהער פון דער מאסע, איהרע ווארט־פיהרער מוזען זיין אין אזעלכע חברות, אום דארטען צו ווירקען אויף די אבגעשטאנענע און ערקלעהרען זיי זייערע אינטערעסען.

און אריינדרינגענדיג אין דער קהלה מוזען די אקטיווע פערשטעהער פון די מאסען 1) ערקלעהרען ביי יעדער געלעגענהייט אונזערע פאדערונגען, פאפולאריזירען זיי; 2) קריטיקירען די טעטיגקייט פון די אנפיהרער פון דער קהלה, ווי ווייט זי איז געגען די אינטערעסען פון די מאסען, אנטפלעקען דעם קלאססען־אונטערשיעד פון דער פאליטיק, וועלכע די בירגערליכע פארטייען פיהרען אין דער קהלה; 3) וואו מעגליך דורכפיהרען פראקטישע בעשטימונגען אין גייסט פון אונזער פראגראם. מיר שטרייכען אונטער, אז דאס לעצטע קאן זיך איצט איינגעבען נור זעלטען — ווען אין בלויז אין א אונבעדייטענדער מאס; 4) זיך דערשלאגען, אז אין די בילדונגס־קאמיסיעס פון דער קהלה און אין די קאמיסיעס פון אלע קהל׳שע איינריכטונגען, וועלכע פערנעהמען זיך מיט סאציאלע הילף, ווי שפיטאלען, עמיגראציאנס־ביוראס און ד. גל. זאלען איינגעלאדען ווערען פערשטעהער פון די פראפעסיאנעלע פעראיינען און אנדערע ארבייטער־חברות, וועלכע זאלען דארטען איבערגעבען די נויטען פון די ארבייטער און אכטונג געבען, עס זאלען, די געהעריג אבגעהיט ווערען זייערע אינטערעסען.

דאס וואס די קהלה איז דערווייל ניט סעקולאריזירט, דאס וואס זי פערנעהמט זיך מיט רעליגיעזע ענינים אויך קאן אונז ניט שטערען צו נעהמען אין איהר אנטייל. וו. מעדעם האט שוין אין זיין ארטיקעל קלאר בעוויזען, אז פאקטיש זענען די בעשטימונגען פון דער קהלה אבליגאטאריש פאר אלע יידען, וואס לעבען אויף דער יודישער גאס און א יודישער סביבה. און די ארבייטער־דעמאקראטיע האט זיך נאך קיינמאל ניט אבגעהאלטען אנטייל צו נעהמען אין די פערלאמענטען, וואו די קירך איז ניט אבגעטיילט פון דער מלוכה. די ניצט אויס די טריבונע פון יענע פערלאמענטען ניטא צו פרעדיגען די אידעע פון אבטיילען די קירך פון דער מלוכה. דאס זעלבע וועלען מיר טאן מיט דער קהלה.

פאר דער קהלה רייסען זיך איצט די ארטאדאקסען מיט די פראגרעסיסטען, די ציוניסטען מיט די גרופיסטען. ניט איינגעהענדיג אויף פרינציפיעלע פשרות, קאנען מיר דאך אויסניצען די דאזיגע סכסוכים אריינצודרינגען אין דער קהלה און פערגרעסערן דארטען אונזער מאכט. אין איניגע קהלות האבען שוין די סכסוכים אין דעם פרט איינגערמאסען געהאלפען דער ארבייטער־דעמאקראטיע.

און פריהער פאר אלץ מוז מען וועקען דעם אינטערעס פון די מאסען צו די פראגען פון דער קהלה. דער מאסען־ייד מוז וויסען, אז מיט דער יידישער קהלה זענען פערבונדען זעהר וויכטיגע אינטערעסען זיינע, לעבעדיגע טאג־אינטערעסען און נאך ניט געבוירענע צוקונפטס־אינטערעסען; מיט דער קהלה איז פערקניפט זיין היינט און אין געוויסע פונקטען אויך דער גורל פון זיין מארגען. און וואו אינטערעסען זענען, מוז מען אליין זיין, מוז מען א ווארט האבען, מוז מען מאכט האבען.

---

*) זעה אונזער ארטיקעל „דער קאוונער צוזאמענפאהר", צייט־פראגען I.

ס. וועלצער.

די שטאדטישע זעלבסטפערוואלטונג אין פוילען.

I

וואָרום פיהרט איין די רעגירונג די זעלבסטפערוואלטונג און וואָס פאַר א בעדייטונג האט דאָס פאר אונז.

אויפ'ן ערשטן אויגנבליק קען זיך דוכטען, אז אינ'ם לעבען און מלוכה-פיהרונג פון רוסלאנד פאר און נאך דער רעוואָליוציע איז קיין שום פערענדערונג ניט פארגעקומען. די איינציגע נייע ערשיינונג — די געזעצגעבערישע איינריכטונגען א דאנק דעם האלב-סיסטעם, דעם בעגרענעצטען געביט פון זייער קאמפעטענץ, דער פאקטישער אונאבהענגיגקייט פון דער אויספיהרונגס-מאכט, זייער געהאָרכזאמקייט דער דאָזיגער מאכט, — דערמאנען באמת זעהר אפט די ערשטע בעסטע ביוראקראטישע דעפארטאמענטען, אונטערטעניגע, געהאָרכזאמע, אָהן מאכט און ווירקונג. און דאך שוין דער פאקט אליין, וואס די דאָזיגע איינריכטונגען עקזיסטירען, האט אונבעדינגט זעהר א גרויסע בעדייטונג. מיר האבען דא אין זינען ניט נאר די ערציהונגס-ווירקונג, וועלכע האט און מוז האבען די פערעפענטליכונג און די בעלייכטונג פון די אלע פראגען, וואס זענען א מאל זעהר אויפמערקזאם געהיטען בעהאלטען פאר די אויגען פון די אונטערטעניגער, מחמת זיי בילדען כלומרשט א מלוכה-געהיימניס, און דאס פאָדערט כלומרשט דער מלוכה-אינטערעס. אונז אינטערעסירט דא יעצט אנ'אנדער זייט פון דער פראגע. די עקזיסטענץ פון די געזעצגעבערישע איינריכטונגען האט איהרע אונפערמיידליכע קאנסעקווענצען און מוז אינבעדינגט ארויסרופען א גאנצע ריהע פערענדערונגען אויך אין אנדערע געביטען פון דעם מלוכה-לעבען. די מלוכה-ארדנונג האט איהרע אונבארמהערציגע אינערליכע לאגיק. פערענדערט מען געוויסע רעדער אין דער מאשין פון דער מלוכה-ארדנונג, מוז מען אינבעדינגט צופאסען צו זיי אויך אנדערע. ניט ווילענדיג און אָפטמאָל גאנץ דייטליך קעגען דעם אייגענעם אויסגעשפּראכענעם ווילען, איז איצט די רעגירונג געצוואונגען ארויסצוטרעטען מיט א גאנצע ריהע רעפארם-פראָיעקטען, וועלכע זי האט זיך געקענט גאנץ ניט אין א זייט אבלעגען אין דעם פאר רעוואָליוציאָן-פעריאָד. אין דעם זינען האט די עקזיסטענץ פון דער דומא א אויסערארדענטליכע בעדייטונג. נאך אנ'אנדער פראגע איז, צי איז ריכטיג דער הויפּט-יסוד פון דער קאדעטישער פאליטישער תורה, אז אט דיעזע עקזיסטענץ פון דער דומע איז שוין אליין אנ'ערבות פאר אלע ווייטערע רעפארמען, וועלכע וועלען פריהער צי שפעטער פרייווילליג געגעבען ווערען. עס קען זיין, אז פאקטיש אין דעם פרינציפּיעלען ווידערשפּרוך צווישען דעם ווילען פון די, וועלכע בעזיצען היינט די מאכט, און די אונבעדינגטע פאלגען פון דער פרינציפּיעלער פערענדערונג, וואס ס'איז פארגעקומען אין דער מלוכה, ליעגט דער מקור פון אייניגע פאראויסזעהונגען, וועלכע אינטערעסירען זיך בעצם פון די קאדעטישע. עס קען זיין, אז דא איז פערבארגען דער קערן פון קינסטיגע צוזאמענשטויסען און אויסברוכען. עס קען זיין, ענדליך, אז עס איז נויטיג, אינאבהענגיג פון די אדער אנדערע פאראויסזעהונגען, פריהער פון אלץ אויף פיעלערליי פערשידענע אופנים אונטערצייכענען דעם פאקט פון דער פארגעקומענער פערענדערונג און איהרע אונפערמיידליכע פאלגען, כדי אומצוהאנדלען אין מהאט און ווילען דעם פאקט פון דער דומע-עקזיסטענץ, וועלכער דיענט די קאדעטישע פאליטיקער אלס אביעקט פון אינטעלעקטועלע בעטראכטונגען און סענטימענטאלע הימנען. אבער די אלע פראגען, אבוואהל זיי זענען ענג פערבונדען מיט אונזער טעמא, קענען דאך ברייטער אין אונזער ארטיקעל ניט בעטראכט ווערען. מיר האבען נור געוואלט אונטערצייכענען דעם פאקט, דאס די פערשידענע געזעץ-פראָיעקטען, וועלכע די רעגירונג טראגט אריין אין דער דומע, שטאמען ניט פון איהר גוטען ווילען, נאר זיי מוזען אריינגעטראגען ווערען, ווייל דאס איז די אונבעדינגטע קאנסעקווענץ פון דער געשיכטליכער איבערקעהרעניש, וועלכע האט אבגעטיילט די אויספיהרונגס-מאכט פון דער געזעצגעבערישער און האט איבערגעגעבען די לעצטע אין די הענד פון אויסגעוועהלטע איינריכטונגען. עס קען זיין, אז אם

שיינבארסטען דריקט זיך אויס די דאָזיגע אבהענגיגקייט פון איינצעלנע רעפארמען פון דער צענטראלער עראבערונג פון דער רעוואָליוציע אין געביט פון דער ארטיגער זעלבסטפערוואלטונג, וועלכע מען פראָיעקטירט אריינצופיהרען אין פערשידענע געגענדען פון דער מדינה.

די מעהר אדער ווייניגער מאדערנע לאנד- און שטאדט-זעלבסטפערוואלטונג אין צענטראל רוסלאנד עקזיסטירט פון דער צווייטער העלפט פונ'ם XIX יאָהרהונדערט, איינגעפיהרט אונטער דעם דרוק פון דער געזעלשאפטליכער בעוועגונג, וועלכע איז געווען די אמת'ע אורזאכע פון די וויכטיגע רעפארמען פאר אלכסנדר II, איז די זעלבסטפערוואלטונג שפעטער געווען בעדייטענד צעשטערט און פערענגערט. די רעאקציע, וועלכע האט איבערהויפט געהערשט פאר אלכסנדר III, האט פערהאלטען די ווייטערדיגע ענטוויקלונג פון די זעלבסטפערוואלטונגס איינריכטונגען. בעגרענצט אין זייער קאמפעטענץ, אונטער דער שטרענגסטער קאנטראל פון דער אדמיניסטראציע, אויפמערקזאם געהיט, ניט זעלטען פערפאלגט — האבען זיך געהאלטען די דאזיגע איינריכטונגען אין צענטראל רוסלאנד. אבער צוועקמעסיג, בעוואוסטזיניג און קאנסעקווענט האט מען זיי ניט איינגעפיהרט אין די גרענעץ-געגענדען. פון איין זייט, איז מען אויסען געווען ניט צו דערלאזען וואקסען די צאהל פון די איינריכטונגען, וועלכע, ווי דאס האט שפעטער דערוויזען וויטטע, זענען פרינציפיעל סותר דער זעלבסטהערשונג; פון דער צווייטער זייט, — האט מען זיך גערעכענט מיט דער געשטייגערטער סכנה, וועלכע קען ארויס פון דערלאזען אנטיילנעהמען אין עפענטליכען לעבען די פרעמד-געבוירענע בעפעלקערונג אין די גרענעץ-געגענדען. דער אלמעכטיגער אני-מאמין פון דעם קעמפענדען נאציאנאליזם איז געווען אנ'אויסגעצייכענטער שירם פאר די רעאקציאנערע אונטערנעהמונגען. נאר, זעלבסטפערשטענדליך, דאס די ווירטשאפטס-פיהרונג אין די גרענעץ-געגענדען האט געמוזט אייניגער מאסען אויסגעטיילט ווערען פון דעם רשות פון די צענטראלע איינריכטונגען. די דעצענטראליזירונג פון די מלוכה-פונקציעס איז געווען א מוז אויך בנוגע צו די גרענעץ-געגענדען. א צו גרויסע און פערשיעדענארטיגע טעריטאריע פערנעהמט רוסלאנד, צו צאהלרייך איז די בעפעלקערונג, צו גרויס איז דער אינטערשיעד אין די לעבענס-בעדינגונגען פון פערשיעדענע גרענעץ-געגענדען צווישען זיך און דער חילוק צווישען זיי און די עכט-רוסישע געגענדען, אום עס זאל מעגליך זיין פון איין צענטרום, פון איין מיטעל-פונקט, צו רעגירען מיט דער גאנצער מלוכה-געביטע אין איהר אלטעגליכען לעבען. די דעצענטראליזירונג האט געמוזט קומען. מען האט איהר אבער דערלאזען נור אין געביט פון דער אדמיניסטראציע: אלע ענינים פונ'ם לעבען אין די גרענעץ-געגענדען האט מען איבערגעגעבען אין רשות פון אנ'אבגעזונדערטע, זעהר האסטיג צוזאמענגעשטעלטע, מיט ספעציעלע פאלמאכטען פערזעהענע אדמיניסטראציע.

די דאזיגע לאגע האט זיך פערצויגען ביזן היינטיגען טאג. און גראדע איצט, בעת די רעאקציע געוועלטיגט אם שטארקסטען, בעת די נאציאנאליסטישע פאליטיק האט דערגרייכט צו דער העכסטער שטופע, פיהרט איין די רעגירונג אליין, וועלכע קיינער וועט ניט חושד זיין אין סענטימענטאליזם פאר די „אינאראדצעס", די לאנד-זעלבסטפערוואלטונג, זעמסטוועס, אין די מערב גובערניעס, טראגט אריין א פראיעקט פון שטאדט-זעלבסטפערוואלטונג אין פוילען און ניט בפירוש אנצוהערען, אז זי טראכט וועגען זעלבסטפערוואלטונג פאר קאווקאז. ווארום? דארום, ווייל נאך דעם, ווי די געזעצגעבערישע מאכט איז אויסגעטיילט געווארען פון די צענטראלע רעגירונגס-איינריכטונגען, איז אוממעגליך איבערצולאזען די ארטיגע ענינים אין זייער גאנצען אומפאנג אין די הענד פון דער אדמיניסטראציע. צווישען די ענינים, וואס זענען נוגע דעם ארטיגען לעבען, איז דא א גאנצע ריהע אזוינע, וועלכע לויט זייער עצם מוזען זיך קאנצענטרירען אין די געזעצגעבערישע איינריכטונגען, אדער אזוינע ארגאנען, וועלכע עס איז איבערגעגעבען געווארען אין א וועלכען עס איז פרט א טייל פון דער געזעצגעבערישער מאכט. און אזוי ווי אין די גרענעץ-געגענדען זענען ניטא קיינע זעלבסטפערוואלטונגס-אנשטאלטען, וואלט די גאנצע מאסע פון די דאזיגע ארטיגע ענינים, וואס האבען א שייכות צו די גרענעץ-געגענדען, געמוזט בעטראכט און בעשטימט ווערען אין דער דומע. אבער די דומע איז ניט בכח צו בעפרידיגען די ענינים, — זייער צאהל איז צו גרויס, און זיי צו בעשליסען מוז מען זיין בעקאנט מיט די ארטיגע אנגעלעגענהייטען ביז די סאמע קלענסטע; אם ענדע, ווען די דומע וואלט געוואלט זיך פערנעהמען מיט די ארטיגע ענינים פון די גרענעץ-געגענדען, וואלט זי געמוזט זיי אבגעבען פיעל מעהר אויפמערקזאמקייט און צייט, ווי די

אָרטיגע ענינים פון צענטראַל־רוסלאַנד, וואו די דאָרטיגע פראַגען ליגען שוין כמעט 50 יאָהר אין די הענד פון דער זעלבסטפערוואַלטונג. אָט וואָרום טראַגט אַרײַן איצט, בײַ בעדינגונגען, ווי עס דוכט זיך, בײַ'ן העכסטען גראַד אונגינסטיגע, די רעאַקציאָנערע רעגירונג, און די נאַציאָנאַליסטישע דומע וועט אָננעהמען דאָס פּראָיעקט פון זעלבסטפערוואַלטונג אין די גרענעץ־געגענדען און מיט דעם וועט, געגען דעם גוטען ווילען אונטער דעם דרוק פון אונטערמײַדליכען מוז, אײַנגעפיהרט ווערען אַ רעפאָרם זעהר אַ וויכטיגע, אַ נויטיגסטע און אין די פאַלגען אויסערסט בעדײַטזאַמע.

ווייל די אײַנפיהרונג פון דער זעלבסטפערוואַלטונג איז פאַר די גרענעץ־געגענדען באמת אויסערסט וויכטיג. אַ גאַנצע רייהע אַנגעלעגענהייטען, קליינע און ניט בעדײַטענדע, ווען מען בעטראַכט זיי יעדע בעזונדער, אָבער וועלכע אין זייער גאַנצען אומפאַנג בילדען דאָס יסוד פון טאָג־טעגליכען לעבען פון דער אָרטיגער בעפעלקערונג, האָט איבערגעגעהן פון דעם רשות פון דער אַדמיניסטראַציע אין די הענד פון געזעלשאַפטליכע אײַנריכטונגען. דאָס אײַנאָרדנען די שטעדט, זייער געזונד־צושטאַנד, די אָרטיגע קאָמוניקאַציע, צדקה־אַנשטאַלטען, דער אָרטיגער האַנדעל, דאָס פעסטשטעלען די מקחים אויף די נויטיגסטע לעבענס־מיטלען און פיעל אַנדערע לעבענס־געביטען, צו וועלכע קיין אײַנוואָהנער פון שטאָדט קען ניט גלײַכגילטיג זײַן, האָט איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פון אַנשטאַלטען, געוועהלטע פון די אײַנוואָהנער גופא, און האָטש אונמיטעלבאַר ניט פון זיי אַבהענגיגע, דאָך אָבער סוף כל סוף פאַר זיי פעראַנטוואָרטליכע. אויסער די אַלע אונמיטעלבאַרע אויסבעסערונגען אין פערשידענע געביטען פון טאָג־טעגליכען לעבען, וועלכע זײַנען פערבונדען מיט'ן אײַנפיהרען די זעלבסטפערוואַלטונג, האָבען נאָך די דאָרטיגע אײַנריכטונגען אַ גרויסע ערציהונגס־בעדײַטונג. יעדער געוועהלטער אַנשטאַלט, וועלכער פונקציאָנירט אונטער דער קאָנטראָל פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג, איז אַ שול פון געזעלשאַפטליכער טעטיגקייט. עס אַרבייט זיך בײַם עולם אויס אַ געוואוינהייט אינטערעסירען זיך מיט כלל־ענינים, עס ערוועקט זיך אַ געפיהל פון פעראַנטוואָרטליכקייט פאַר זייער הנהגה, מען געוואוינט זיך צו בעגרענצען די אייגענע רעכט, עס ערוועקט זיך, קורץ גערעדט, דאָס געפיהל פון בירגערליכקייט.

אויב די עקזיסטענץ פון דער דומע איז די הויפּט־סבה פון דער עקזיסטענץ פון די זעלבסטפערוואַלטונגס־אײַנריכטונגען, איז, פערקעהרט, דער קיום פון דער זעלבסטפערוואַלטונג אַ צוים און אַ שטערונג פאַר אַלערליי קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע אַטענטאַטען, אַ ווײַטערער טריט אויפ'ן וועג פון פערשטאַרקונג דעם קאָנסטיטוציאָנאַליזם אין רוסלאַנד.

זעלבסטפערשטענדליך, אַז די בירגערליכע פאַלגען פונ'ם אײַנפיהרען די זעלבסטפערוואַלטונג האָבען ספּעציעל אַ בעזונדערס גרויסע בעדײַטונג פאַר די מאַסען אָרעמער בעפעלקערונג און איבערהויפּט פאַר'ן אַרבײַטער קלאַס. פון אײַן זײַט האָט די אונמיטעלבאַרע פערבעסערונג פון די לעבענס־בעדינגונגען, וועלכע איז פערבונדען מיט'ן אײַנפיהרען די שטאָדט־ווירטשאַפט מיט מעהר יושר און אָרדנונג, דאָס גרעסטע בעדײַטונג פאַר די ניט פערמעגליכע קלאַסען און גרופּען, וואָס שווערער איז פאַר די דאָזיגע שיכטען דער קאַמפּף פאַר זייער עקזיסטענץ, וואָס שווערער איז פאַר יעדען אײַנצעלנען פון דיזע שיכטען זיך צו דערשלאָגען אַ בעסערען לעבען. פון דער אַנדערער זײַט, האָט די דעמאָקראַטיזירונג פון לעבען מאַכט פאַר דיזע קלאַסען און שיכטען, אַ דאַנק זייער אַלגעמיינער לאַגע, אַ בעוואונדערס וויכטיגע בעדײַטונג. אַם ענגע, די פערעפענטליכונג פון דער שטאָדט־ווירטשאַפט, איהר איבערגאַנג אונטער דער געזעלשאַפטליכער קאָנטראָל, אין רשות פון געוועהלטע אַנשטאַלטען, דעקט אויף די עקזיסטירענדע געזעלשאַפטליכע בעציהונגען מיט אַלע זייערע פערבאָרגענע און פערבאָרגען געהאַלטענע אַנטאַגאָניזמען אין אַזאַ געביט וועלכער איז אַם דײַטליכסטען בעגרײַפליך פאַר די ברייטע מאַסען, אינ'ם געביט פון אַלטעגליכען לעבען.

די אַלע אויבענגעבראַכטע השערות (און ערמאָהנען זיי האָבען מיר, זעלבסטפערשטענדליך, געקענט נור פערבײַגעהענדיג, אָהן מיטע הקירות) בעווייזען, אַז דאָס אײַנפיהרען פון דער זעלבסטפערוואַלטונג מוזען מיר בעטראַכטען, אַלס אַן ערשײַנונג, פון אונזער שטאַנדפּונקט אַרויסגעהענדיג, זעהר אַ ווינשענסווערטע. עס איז לײַכט צו פערשטעהן, דאָס די פּראָיעקטען פון זעלבסטפערוואַלטונג, וועלכע די רעגירונג האָט אַרײַנגעטראָגען צוליעב די אויבען אָנגעוויזענע סבות אין דער צײַט, וועלכע מיר לעבען איצט איבער, מוזען אַלץ, כדי די געצוואונגענע נאַכגעבונג זאָל זײַן וואָס קלענער, כדי די געגעבענע זעלבסטפערוואַלטונג זאָל זײַן וואָס מעהר אָרימגעשניטען, וואָס ווייניגער „שעדליך".

ווי די רעגירונג פּרובירט צו דערגרייכען איהרע ציעלען אין דעם געביעט וועלען מיר בעווײַזען, אַנאַליזירענדיג „דאָס פּראָיעקט פון דער שטאָדטישער זעלבסטפערוואַלטונג אין פּוילען", וועלכער וועט בעטראַכט ווערען אין דומע אין דער נאָהענטסטער סעסיע, און וועלכער, ווייל ער איז נוגע די שטעדט, וואו מיר וואוינען, האָט פאַר אונז אַ בעזונדערס גרויסע בעדײַטונג.

II

דאָס וואהלרעכט אין די זעלבסטפערוואלטונגס־אײַנריכטונגען.

די הויפּט יסודות פון יעדער זעלבסטפערוואַלטונג זײַנען: די בעציהונג פון די זעלבסטפערוואַלטונגס־אָרגאַנען צו דער אַדמיניסטראַציע, דער אופן פון זייער צוזאַמענשטעלונג, אָדער דאָס וואַהל־רעכט אין דער זעלבסטפערוואַלטונג, די קאָמפּעטענץ און, ענדליך, דאָס בודזשעט־רעכט. די לעצטע פראַגע, אַלס זעהר אַ ספּעציעלע, וועלכע פאָדערט אַ בעזונדערע בעהאַנדלונג, וועלען מיר דאָ ניט בעריהרען. דערפאַר אָבער, אַ דאַנק די ספּעציעלע בעדינגונגען פון דער זעלבסטפערוואַלטונג אין פּוילען, וועלען מיר אויסער די דערמאָנטע פראַגען, בײַם בעטראַכטען דאָס פּראָיעקט וועגען דער זעלבסטפערוואַלטונג זיך מוזען פערנעהמען מיט דער פראַגע וועגען אונזערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, וועלכע האָבען אַ שײַכות צו דיזעם געביט פון געזעלשאַפטליכען לעבען. די לעצטע פראַגע איז בעזונדערס וויכטיג, ווייל די זעלבסטפערוואַלטונג ברײַנגט בלי ספק געוויסע הנחות דעם פּוילישען פאָלק אין נאַציאָנאַלער הינזיכט און צוזאַמען מיט דעם מאַכט ער פיהלבאַרער און בוילטער דעם נאַציאָנאַלען דרוק, וועלכער איז געריכטעט געגען אונז. פון דער אַנדער זײַט—אין צוזאַמענהאַנג מיט דער זעלבסטפערוואַלטונג וועלען שטאַרק אַרויסטרעטען געגען אונזערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען אַלע בירזשואַזע פּוילישע פּאַרטייען. מיר האָבען דאָ אויף אַזאַ אופן אויסצושטעהן אַ קאַמפּף ניט נור מיט דער אַנטי־יידישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, נאָר אַ קאַמפּף, פיליײַכט אַ האַרטנעקיגערען, מיט דער דויערנדער פּאָליטיק פון אַלערליי פּוילישע נאַציאָנאַליסטען. די יידישע בורזשואַזע פּאַרטייען וועלען זוכען און זוכען שוין אויסצונוצען די סיטואַציע אום צו רופען כלל ישראל זיך פעראייניגען, אַרויסשטעלען די פאָהן פון יידישער נאַציאָנאַלער פּאָליטיק און אויף אַזאַ אופן אומוואַנדלען די זעלבסטפערוואַלטונג אין אַ קאַמפּפּלאַץ פון נאַציאָנאַליזמים. מיר מוזען דערום קלאָר אויסדריקען אונזער בעציהונג צו דער דאָזיגער פראַגע, פאָרמולירען אונזערע פאָדערונגען, וועלכע ענטשפּרעכען די אמת'ע בעדערפנישען פון די ברייטע פאָלקס־מאַסען און זײַנען פרײַ פון יעדען מין נאַציאָנאַליסטישע פראַזען־פּויקער, די פאָדערונגען, פאַר וועלכע מיר וועלען קעמפפען מיט יעדערען, וועלכער עס וועט זיך ענטזאָגען זיי צו ערפילען.

איבערגעבענדיג דער זעלבסטפערוואַלטונג די פונקציעס, וועלכע זײַנען ביז איצט געווען אינגאַנצען אין רשות פון דער אַדמיניסטראַציע, זאָרגט דאָך דער פּראָיעקט פון דער רעגירונג זעהר אויספיהרליך וועגען דער ווירקונג פון דער אַדמיניסטראַציע אויף די טעטיגקייט פון דער זעלבסטפערוואַלטונג. דער פּראָיעקט בעשאַפט, פונקט ווי אין רוסלאַנד, אַ „פערוואַלטונג פאַר שטאָדט־ענינים" אונטער דעם פאָרזיץ פון'ם גובערנאַטאָר (אין וואַרשא—פון'ם געניראַל־גובערנאַטאָרס געהילף) אין וועלכער די בירוקראַטיע האָט די מעהרהייט שטימען און וועלכע האָט אַ ספּעציעלען בעגריף קאָנטראָלירען די טעטיגקייט פון די זעלבסטפערוואַלטונגס־אָרגאַנען. די דאָזיגע פערוואַלטונג האָט רעכט אָבצוהאַלטען די בעשליסונגען פון דער שטאָדט־ראַט, וועלכער קען אַפּעלירען צום ערשטען אַדמיניסטראַטיוו־דעפּאַרטאַמענט פון סענאַט. וואָס פאַר אַ ממשות האָט דאָס לעצטע רעכט—האָט בעוויזען די פּראַקטיק פון די לעצטע יאָהרען. דער פּראָיעקט האָט מורא צו פערטרויען אפילו דער [illegible] בירוקראַטישער פערוואַלטונג און גאַראַנטירט דערום די גובערנאַטאָרען דאָס רעכט אָבצוהאַלטען די ההלטות פון דיזער פערוואַלטונג; נאָר אין אַזאַ פאַל דאַרפען זיי זיך ווענדען צום מיניסטער פון אינערן, וועלכער, ווען ער איז מסכים מיט'ן גובערנאַטאָר, מוז די גאַנצע פראַגע איבערשיקען אין סענאַט. די פּראַקטיק פון דער זעלבסטפערוואַלטונג אין צענטראַל־רוסלאַנד, וואו אויף דעם זעלבען שטייגער ווערט גאַראַנטירט די קאָנטראָל פון דער אַדמיניסטראַציע, האָט שוין לאַנג געשטעלט די פראַגע בײַ וועלכע אימשטענדען האָט די גובערנאַלע פערוואַלטונג, אָדער דער גובערנאַטאָר, רעכט אָבצושטעלען די בעשליסונגען פון „שטאָדט־ראַט". אין דער הינזיכט ערהאַלט אין

זיך דער פּראָיעקט פון װעלבסטפערװאַלטונג פאַר פּוילען נאָגט דיזעלבע תקנות, װעלכע צום בעװאונדערן, בעשליסען די פראַגע צום גינסטען פאַר דער פּראָיעקטירטער װעלבסטפערװאַלטונג. די שטאָדט־פערװאַלטונג האָט רעכט נור „צו בעטראַכטען די בעשליסונגען און פעראָרדנונגען פון דער װעלבסטפערװאַלטונג מצד דער געזעצליכקייט. איבערהויפּט די פראַגע, צי װעגען דיזע בעשליסען ניט עובר די קאָמפּעטענץ, די מאַכט־גרענעצען און פאָרגעשריבענעם סדר"; אנדערש גערעדט, די אדמיניסטראַציע האָט ניט קיין רעכט אבצושאַצען די החלטות פון דעם שטאָדט־ראַט פונ'ם שטאַנדפּונקט פון זייער נוצליכקייט. אויף אזא אופן דאַרף נור לויט דעם געזעץ די קאָנטראָל פון דער אדמיניסטראַציע, אבװאָהל די איז זעהר ברייט און דריקענד, בעריהרען די פאָרמאַלע זייט פון דער װעלבסטפערװאַלטונגס טעטיגקייט. די דאָזיגע הנחה פון דעם נייען פּראָיעקט, איז אָבער פערבונדען מיט אַן אַנדער פּונקט פונ'ם פּראָיעקט, װעלכער געפינט זיך שוין ניט אין די רוסישע סטאַטוטען פון דער װעלבסטפערװאַלטונג אין װעלכער איז ספּעציעל בעשאַפען פאַר פּוילען, א פּונקט, װעלכער בעלויגט בשפע די פערמינדערונג פון דער אדמיניסטראַטיװער קאָנטראָל. דאָס איז,—װען די טעטיגקייט פון דער װעלבסטפערװאַלטונג „װאָלט זיך אַרויסגעװיזען געפעהרליך פאַר דער געזעלשאַפטליכער אָרדנונג אָדער מלוכה־אינטערעסען" האָט דער מיניסטער פון אינערן רעכט פאַרצילענען דער אַלערהעכסטער מאַכט אָבשאַפען די װעלבסטפערװאַלטונג אויף 3 יאָהר, נאָך די דריי יאָהר, הייסט אויף 3 א. או. ה. עד ביאת משיח. „די געזעלשאַפטליכע אָרדנונג", די „אינטערעסען פון דער מלוכה",— דאָס װערען זעהר עלאַסטישע בעגריפען,—אויס'ן קאָפּ פון דער װעלבסטפערװאַלטונג הענגט א שטענדיגער חלף: ביז װאַנעט עס װעט עקזיסטירען אזא אָבהענגיגקייט פון דער װעלבסטפערװאַלטונג מצד דער אדמיניסטראַציע קען קיין רעד ניט זיין װעגען א נאָרמאַלער ענטװיקלונג פון דער װעלבסטפערװאַלטונג. מען װאָלט געקענט זאָגען, אז ביי אזוינע בעדינגונגען װעט דאָס געזעץ װעגען װעלבסטפערװאַלטונג בלייבען אויפ'ן פּאַפּיר, װען עס װעט אפילו דורכגעהן, װען ניט דאָס, װי מיר האָבען זיך בעמיהט צו בעװייזען, װאָס די װעלבסטפערװאַלטונג איז נויטװענדיג צוזאַמענגעבינדען מיט דער פערענדערונג, װעלכער איז פאַרגעקומען אין דער מלוכה־אָרדנונג אין רוסלאַנד. דיזער אומשטאַנד ערלויבט אונז צו האָפען, דאָס די קאָנטראָל פון דער ביוראָקראַטיע, אבװאָהל זי װעט בעדייטענד שװער מאַכען די טעטיגקייט פון דער װעלבסטפערװאַלטונג, װעט דאָך ניט אָבשאַפען איהר אינגאַנצען. עס איז װעלבסטפערשטענדליך, דאָס אין דיזעם געביט פון געזעלשאַפטליכען לעבען מיזען מיר פאָדערן די פאָלשטענדיגע אינאָבהענגיגקייט פון דער װעלבסטפערװאַלטונג פון דער אדמיניסטראַציע און די איבערגעבונג, די השגחה איבער די פאָרמאַלע זייט פון דער װעלבסטפערװאַלטונגס־טעטיגקייט אין די הענד פון א ענטשפּרעכענד פערפאַרטיגטען געריכט.

בנוגע צום װאַהל־רעכט פיהרט אין דער פּראָיעקט צװייערליי בעגרענצונגען: פון איין זייט האָבען זיי בדעה צו גאַראַנטירען דעם אַנטייל אין דער װעלבסטפערװאַלטונג איבערהויפּט „אַנשטענדיגע" שיכטען פון דער שטאָדטישער בעפעלקערונג; פון דער צװייטער זייט, שפּילען די אַ אין זיך די נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטיק פון דער רעגירונג. דער ערשטער ציעל װערט דערגרייכט דורך דעם אַלטער־צענזוס (25 יאָהר), דורך דעם מיט א יאָהר צייט װאָהנען אין שטאָדט אין, פריהער פון אלץ, דורך דעם פערמעגענס־צענזוס, װעלכער דריקט זיך אויס אין פערנעהמען א בעזונדערע װאָהנונג פאַר א בעשטימטען מינימום דירה געלד,—פאַר װאַרשא 360 ר. יעהרליך. עס איז קלאָר, אז די אלע תקנות טרעפען אַם ערשטען דעם אַרבייטער־קלאַס און האָבען די כונה מעגליכסט װייטער איהר אָבצושטויסען פון אַנטייל נעהמען אין עפענטליכען לעבען. דאָס גופא בעשטימט שוין אונזער בעציהונג צו די דאָזיגע תקנות. מיר ברויכען זיך דאַ ניט לענגער אויף זיי צו פערהאַלטען. אונזער שטאַנדפּונקט אין דעם ענין איז גאַנץ קלאָר; עס איז גענוג צו בעמערקען, דאָס מיר פאָדערן די פערניכטונג פון װעלכע ניט איז בעגרענצונגען און די איינפיהרונג פון דער פיערעקיגער װאַהל פאָרמעל.

מעהר קונציג װעלען די פּונקטען פונ'ם פּראָיעקט בנוגע צום װאַהלרעכט, װעלכע דריקען אויס די נאַציאָנאַליסטישע פּאָליטיק פון דער רעגירונג. אלע װעהלער פון שטאָדט װערען איינגעטיילט אין דריי קוריעס: די ערשטע — דאָס װעלען די רוסען, אגב אורחא בעמערקענדיג, די, װעלכע דער װאַרשעװער גענעראַל־גובערנאַטאָר װעט אנערקענען פאַר רוסען; די צװייטע קוריע בילדען — יודען (פערזאָנען, װעלכע װעלען געבאָרען געװאָרען אלס יודען); די דריטע — „אלע איבריגע". מיט'ן אויספילען די רוסען אין א בעזונדערע קוריע איז מען אויסען צו פערזיכערען זיי מיט אייגענע ראַטהמענער (גלאַסנעס) אין שטאָדט־ראַטה. די ערשטע קוריע װעהלט לויט דער װעלכער פּראָפּאָרציע, װי די דריטע, מיט דעם באָסת קאָמישען אויסנאָהם, אז „די ערשטע קוריע, אויב די צאָהל אָמװעזענדען 5 װעהלער, האָט רעכט צו װעהלען איין ראַטהמאַן". די יודען װעלען אויסגעטיילט אין א בעזונדערע קוריע אום װאָס מעהר צו בעגרענצען דיזער װאַהל־רעכט. דער פּראָיעקט שרייבט פאָר, אום פאַל, װען זיי בילדען די מעהרהייט פון דער שטאָדט־בעפעלקערונג, האָבען זיי רעכט אויסצוקלייבען אין פינפט־חלק פון אלע ראַטהמענער. דאָרט אָבער, װאו זיי בילדען א מינדערהייט, דאַרף די צאָהל ראַטהמענער, װעלכע פאַלט אויס אויפ'ן חלק פון דער יודישער קוריע, פעסטגעשטעלט װערען לויט א געװיסער פּראָפּאָרציע צו די איבריגע צװיי; יעדענפאַלס קען די ניט זיין העכער פון איין צעהנטעל פון דער אלגעמיינער צאָהל ראַטהמענער. אום צו געבען א קלאָרע פאָרשטעלונג װעגען דער דאָזיגער װאַהל־אַריטמעטיק, װעלען מיר דאַ ברענגען די אנגאַבען, װעלכע װעגען אָפיציעל פּובליקירט בנוגע צו װאַרשא און לאָדז. פון נאָענט א מיליאָן װאַרשאַװער איינװאָהנער בעקומען װאַהלרעכט אין אלגעמיין 22124, אין דעם 1435 רוסען, 7021 יודען און 13668 „איבריגע". אין שטאָדט־ראַטה אין װאַרשא װעלען זיין 160 ראַטהמענער, אין דעם 8 פון דער רוסישער קוריע, 16—יודישער און 136 פון דער „אלגעמיינער". אין לאָדז איז די צאָהל פון דער װעהלער: 13035; פון דער רוסישער קוריע 155, יודישער — 7056, „אלגעמיינער"—5824. ראַטהמענער אין אלגעמיין 120: פון דער רוסישער קוריע 34, יודישער — 12, „אלגעמיינער" — 74. עס איז גענוג אויפמערקזאַם צו בעטראַכטען די געבראַכטע צאָהלען אום פעסטצושטעלען, פון איין זייט, װאָס פאַר א קליינער פּראָצענט פון דער בעפעלקערונג װערט בכלל בעשאַנקען מיט װאַהלרעכט, און, פון דער צװייטער, װאָס פאַר א העסליכע אינגערעכטיגקייט װערט בעגאַנגען בנוגע צו די יודישע װעהלער. דער פּראָיעקט מאַכט די יודען פאַר בירגער דריטער קאַטעגאָריע. הונדערטער, טויזענדער יודען װעלען האָבען פּונקט אזא װירקונג אויף די װעלבסטפערװאַלטונג, װי איין בירגער ניט־יוד, כאָטש אויסהאַלטען די װעלבסטפערװאַלטונג װעלען אלע גלייך, און כאָטש, װאָס עס נוימינט זיך אין קיינע בעציהען, די אנגעלעגענהייטען פון דער װעלבסטפערװאַלטונג האָבען א גלייכאַרטיגע בעדייטונג װי פאַר יודען, אזוי פאַר ניט יודען. מיר מוזען בלי ספק אָם שאַרפסטען פּראָטעסטירען די פאָלשטענדיגע אָבשאַפונג פון אלע בעגרענצונגען פאַר יודען בנוגע צו די װאַהלען, װי אויך די פערניכטונג פון די פריװילעגיען, װעלכע דער פּראָיעקט גאַראַנטירט די װעהלער רוסען.

אין צוזאַמענהאַנג מיט דער דאָזיגער פראַגע האַלטען מיר פאַר נויטיג א ביסעל גענויער זיך אָבצושטעלען אויף דער װאַהל־פראַגע לויט די קוריעס. אלע יודישע פּאַרטייען פאָדערן גלייכבערעכטיגונג פאַר יודען: גלייכצייטיג האָט די גאַנצע יודישע בורזשואַזיע פּרעסע גינסטליך בעגעגנט דעם נאַציאָנאַלען װאַהל־קאַדאַסטער אין דעם פּראָיעקט פון דער רעגירונג װעגען װעלבסטפערװאַלטונג. פאַר די װאַהל־קוריעס שטעלט מען ארויס צװייערליי אַרגומענטען: פון איין זייט, װייזט מען אן דערויף, אז דאָס איז דער איינציגער מיטעל צו פערזיכערען די יודישע פערטרעטונג אין שטאָדט־ראַטה; פון דער צװייטער זייט, זעהען עטליכע ראַדיקאַלע עלעמענטען פון יודישען פאָלק אין די קוריעס א מיטעל צו פערמינדערען דעם נאַציאָנאַלען קאַמפּף, װעלכען מען קען פאַראויסזעהן. לאָמיר בעטראַכטען דיזע אַרגומענטען. קודם כל איז נויטיג אונטערצושטרייכען, דאָס די, װעלכע פאָדערן דעם נאַציאָנאַלען װאַהל־קאַדאַסטער פאַר יודען, כדי אויף אזא אופן צו גאַראַנטירען די יודישע פערטרעטונג אין דער װעלבסטפערװאַלטונג, גלויבען, װי עס שיינט, אליין ניט אין דעם ראַדיקאַלען הייל־מיטעל. די װאַהלען קענען פאָרקומען אויף צװיי אופנים,—אָדער לויט געװיסע קרייזען (אוטשאַסטקעס, צירקולען), אָדער לויט דעם ליסטען־סיסטעם. אין ערשטען פאַל האָבען די יודען, לויט דער פאַקטישער לאַגע, װען זיי בילדען למשל אין דעם אָדער יענעם קרייז די מעהרהייט איינװאָהנער, די מעגליכקייט דורכצופיהרען דאָרטען זייערע פאַרשטעהער. די דריי מאַהל פאָרגעקומענע דומא־װאַהלען האָבען, דוכט זיך, גאַנץ דייטליך דערװיזען די ריכטיגקייט פון דעם דאָזיגען כלל. אנדערש װאָלט געװען, װען די װאַהלען װאָלטען פאָרגעקומען לויט דעם ליסטען־סיסטעם. דאַן װאָלט מאַקע געװען א געפאַהר פאַר די מינדערהייט בכלל, ניט גראָד א נאַציאָנאַלע, צו מאַיאָריזירט װערען דורך די מעהרהייט. אָבער די דעמאָקראַטישע פּראָגראַמען בעטראַכטען אַן אַנדערע, װי דער נאַציאָנאַלער װאַהל־קאַדאַסטער, רפואה אום צו בעקעמפען די דאָזיגע מאַיאָריזאַציע. מיר מיינען דאָ די פּראָפּאָרציאָנעלע װאַהל־סיסטעם, װעלכעס גאַראַנטירט יעדער בעדייטענדער מינדער-

הייט אַ פֿאַרטרעטונג. און ווען די יידישע בורזשואַזע פּאַרטייען וואָלטן געהאַט בדעה די יידען וואָלטן האָבן די מעגליכקייט אויסציקלייבן יודען־ראַטמענער, אויב די וועלען עס העלפֿן, וואָלטן זיי געדאַרפֿט פֿאָדערן פּראָפּאָרציאָנעלע פֿאַרטרעטונג. און ניט גערעכט וואָלטן זיי געווען, ווען זיי וואָלטן אָנגעהויבן רעדן, אַז 'עצם קען קיין רעד ניט זיין וועגן ספּעציפֿיש־ווירקליכן אַזאַ דעמאָקראַטישע פֿאָדערונג; ווייל פּונקט אַזוי שווער איז צו האָפֿן, אַז די יידישע קוריע וועט בעקומען אַזאַ צאָהל ראַטמענער, וויפֿיל די דאַרף בעקומען לויט איהר צאָהל נפֿשות, און דאָס שטערט דאָך ניט שוין היינט אַרויסצושטעלן די דאָזיגע פֿאָדערונג. אמת איז, אַז דאָס פּראָפּאָרציאָנעל וואַהל־סיסטעם גיט די יודען נור אַ מעגליכקייט צו וועהלען אַ יידען — דער נאַציאָנאַלער וואַהל־קאַראַקטער צווינגט די דערצו, אָבער פֿאַקט צוליב דעם, אויסער פֿילע אַנדערע, שטעלן מיר העכער די פּראָפּאָרציאָנעלע וואַהלען פֿון דעם קוריאַל־סיסטעם. ווייל מיר מיינען בשום אופן ניט, אַז דער בעסטער פֿאַרטרעטער פֿון די יידישע וועהלער זאָל אימעטום, אַלעמאָל און בײַ אַלע בעדינגונגען זיין אַ ראַטמאַן, צו וואָס פֿאַר אַ פּאַרטיי ער זאָל ניט געהערן, אַבי אַ יוד. דערענדיג איינשטימיג, אַז אין דער קלאַסען־פֿאַרטרעטונג דאַרפֿן זיין פֿאַרטרעטען אַלע נאַציאָנאַלע בעשטאַנדטיילען פֿון דער אַנטשפּרעכענדער קלאַס, שטעלען מיר זיך גאַנץ ענג פֿאַר אַזאַ קאָנקרעטע סיטואַציע, ווען די יידישע אַרבייטער וועלן אין אַ וועלכען ניט איז וואַהל־קרייז אָבגעבען זייערע שטימען פֿאַר אַ פּוילישען אַרבייטער קעגען אַ בורזשואַזען קאַנדידאַט אַ יודען. ווייל, לויט אונזער מיינונג, די צוטיילונג אויף נאַציאָנאַלע גרופּען איז להלוטין ניט די ווירקליכע ענטשפּרעכענדע צוטיילונג אין לעבען פֿון געזעלשאַפֿטליכען פּאָליטישען לעבען. פֿאַר אונז איז וויכטיג, אַז די געזעלשאַפֿטליכע קלאַסען פֿון פֿערשיעדענע נאַציאָנען, און פֿאַר אַלעמען די אַרבייטער־קלאַס, זאָלען זיך צונעהענגען צו אַלגעמיינע פֿאַר יעדער קלאַס אַרויסטרעטונגען, פּאָליטיש האַנדלען, אַרויסשטעלען איינע און די זעלבע פֿאָדערונגען, איינע שטרעבען צו זייער פֿאַרווירקליכונג, פֿאַר וועלכער קעמפֿען מיט אַלגעמיינעם שונא, צוזאַמען דערגרייכען אַלגעמיינע פֿאַראָבערונגען. די וואַהלען — דאָס איז אַ צייט פֿון פֿערשטאַרקטען פּאָליטיש־געזעלשאַפֿטליכען לעבען, אַ מאָמענט פֿון קאַמף און אינערליכע אַרויסטרעטונגען פֿון קלאַסען־אינטערעסען. אין אַלין. דאָס אַ דאַנק דעם צענזוס קאָנסטליך צוטיילט בעזונדערע טיילען פֿון דער אַרבייטער קלאַס, איז אויסגעשלאָסען שעדליך. נעמען אַלץ דאָס וועלען מיר קעמפֿען. די נאַציאָנאַלע קוריעס, וועלכע ענדערן זיך ניר מיט דער נאַציאָנאַלער צוטיילונג, אונטערשטרייכענדיג איהר, אַרויסשטעלנדיג איהר דורך דעם אויפֿן ערשטען פּלאַן, צוטיילן צווישען ווירקליכען צוזאַמענגיינד צווישען דער פּאָליטיק פֿון פֿערשיעדענע טיילען פֿיינט פּראָלעטאַריאַט בעת די וואַהלען, אָבוואָהל די האָבען די מעלה, דאָס די שטערען דער בורזשואַזיע צו פֿיהרען אין דיזער צייט דעם נאַציאָנאַלען קאַמף. אָבער די שעדליכקייט פֿון דעם קוריאַל־סיסטעם דריקט זיך אויס ניט בלויז אין צייט פֿון די וואַהלען; די קוריעס לייגען אַרויף דיזער שטעמפּעל אויף די פּאָליטיק פֿון די אויסגעוועהלטע ראַטהמענער (גלאַסנעס) אין דער זעלבסטפֿערוואַלטונג גופֿא.

דאַריבער, אויב די אינטערעסען פֿון בעזונדערע נאַציאָנען ווענען אויך פֿערשיעדען, אַז עס פֿאָדערט זיך צוליב דעם אַ געזעצליך גאַראַנטירטע נאַציאָנאַלע פֿאַרטרעטונג, מוז דאַרום זאָלען די פֿאַרשטעהער פֿון דיזע נאַציאָנאַלע אינטערעסען זיך ניט האַלטען איינינג אין דער זעלבסטפֿערוואַלטונג, וואָ זיי דאַרפֿען דיזע אינטערעסען בעשיצען.

מיר האָבען ניט פֿערגעסען, דאָס די ראַדיקאַלע אָנהענגער פֿון די קוריעס זעהען אין זיי אַ מיטעל צו בעזייטיגען דעם נאַציאָנאַלען קאַמף און פֿערשטאַרקען דעם קלאַסען־קאַמף אינערליך יעדער בעזונדערער נאַציאָן. מיר האָבען שוין אָנגעוויזען דערויף, דאַס, טראָץ פֿערשיעדענע ערקלערונגען, צוטיילענדיג דעם פּראָלעטאַריאַט אין צייט פֿון זיינע אַרויסטרעטונגען, שוואַכען אָב די אָנהענגער פֿון די קוריעס די ענטוויקלונג פֿון זיין בעוואוסטזיין, אַז דורך דעם סוף כל סוף פֿערגרעסערען זיי נור די נאַציאָנאַלע דיסטאַנסען. אָבער אין דער זעלבסטפֿערוואַלטונג טרעט שוין דייטליך אַרויס די קאָמפּעטענץ פֿון דעם קוריאַל־סיסטעם. דער ראַטהמאַן איז אָבהענגיג מיט זיינע וועהלער, ער מוז זיך רעכענען מיט דעם, ווי זיינע וועהלער וועלען אָבשאַצען זיין טעטיגקייט. דער ראַטהמאַן פֿון דער פּוילישער קוריע וועט איגנאָרירען די אינטערעסען פֿון די יידישע איינוואָהנער, ווייל דיזער מיינונג וועגען איהם האָט פֿאַר איהם קיין שום ווערטה ניט; דאָס גלייכען וועט מאַן דער ראַטהמאַן פֿון דער יידישער קוריע. די קוריעס רופֿען אַרויס אַנטאַגאָניסטישע פּאָליטיק בנוגע צו אַנדערע קלאַסען; פֿון דער זעלבער

נאַציאָן, ווייל דאָס זעהען די קאָנסטאַנטע וועהלער, אין אַ מינדערליכע האַנדלונג בנוגע צו אַנדערע נאַציאָנען, מיט וועלכע דער ראַטהמאַן איז ניט צופֿרידען. אַם ענדע, וועגען די קוריעס האָבען מיר דאָ נאָך צו זאָגען, די וואַהלען אינערליך בעזונדערע נאַציאָנען געבען אונז ווייניגער שאַנסען צו זיגען, איידער די אַלגעמיין־שטאָדטישע וואַהלען. ווייל אין לעצטען פֿאַל וועלען מיר אַרויסטרעטען אין געמיינזאַמע רייהען, בעת אונזערע געגנער וועלען געהן צעטיילט. פֿאַנאַנדערגעטיילט, פֿערלירען מיר אונזער מאַכט, ווייל ווען אַפֿילו די זעלבע פּראָפּאָרציע זאָל בלייבען אין יעדער קוריע, הערען מיר דאָך אויף צו אַגיטירען און ווערען אָן אונזער אַנציהונגס־קראַפֿט מיט אונזער געשלאָסענהייט. דאָס ווידערשטעלען אונזערע געשלאָסענע רייהען געגען די בורזשואַזיע, וועלכע רייסען זיך שטענדיג צווישען זיך, ברענגט אונז ניט וועניג נוצען בעת די וואַהלען און האָט אַ גרויסע ערציהונגס־בעדייטונג. מיר פֿערגעסען ניט וועגען דעם, דאָס דער נאַציאָנ. קאַמף האָט וואַהרשיינליך שאַנסען זיך פֿאַנאַנדערצופֿלאַקערען בעת די אַלגעמיינע אָהן־קוריעס־וואַהלען. אָבער קעמפֿען מיט דיזער ערשיינונג וועלען מיר ניט דורך'ן קינסטליכען אָבזונדערען די נאַציאָנען איינע פֿון דער אַנדערער, וועלכע בעזייטיגט ניט דעם נאַציאָנען־האַס, נאָר פֿערבאָרגט איהם. איינציגער קאַמפֿס־מיטעל איז — די פֿעראייניגונג פֿון דער אַרבייטער־קלאַס פֿון פֿערשיעדענע נאַציאָנען, דאָס אַרויסשטעלען איהרע קלאַסען פֿאָדערונגען. די מאַסען וועהלער, וועלכע בײַ די ערשטע, צווייטע וואַהלען וועלען ספּעציעל ווערען דורך די נאַציאָנאַליסטישע דעמאַגאָגען, ציקקענדיג זיך צום לעבען פֿון דער זעלבסטפֿערוואַלטונג, פֿיהלענדיג די פֿאָלגען פֿון דער אַרט בעשליסען דאָרט פֿערשיעדענע פֿראַגען פֿון דעם שטאָדטישען לעבען, וועלען זיך בראַכען אין דער מיינונג, דאָס די ווירקליכע אינטערעסען ... ווייטער צו פֿערטיפֿען פּאָליטישע גרונד, נאָר צום פֿערגרינגען אַ בעשטימטע קלאַסען־פּאָליטיק, וועלכע בײַ די נאַציאָנאַלע וואַהלען וועלען זיי בלי ספֿק דערהייבען צו פֿערנעהמען.

אין געביעט פֿון וואַהל־סיסטעם, אויסער די פֿיר־פֿאָדערונגען — די דירעקטע וואַהל־סיסטעם, פּראָפּאָרציאָנעלע וואַהלען, די אָבשאַפֿונג פֿון די קוריעס — דערעבען מיר אַרויסשטעלען נאָך אַ קליינע, אָבער זעהר אַ וויכטיגע פֿאָדערונג. דער פּראָיעקט שטעלט פֿעסט, דאָס די וואַהל־צעטלען קענען זיין געשריבען אָדער אויף רוסיש, אָדער אויף פּויליש; נייטיג איז, עס זאָל ערלויבט ווערען אויך זיי צו שרייבען אויף יידיש. דער פֿערבאָט פֿון יידיש בעשאַפֿט אַ מעכאַנישע שטערונג פֿאַר דער יידישער בעפֿעלקערונג, וועלכע קען קיין אַנדערע, אויסער יידיש, שפּראַך ניט און פֿיהרט צו דעם, דאָס די נעהמענדיגע פֿון די וואַהלען ווערט בעדייטענד בטל.

די קאָמפּעטענץ פֿון דער זעלבסטפֿערוואַלטונג, ווי זי איז אָנגעצייכענט אין פּראָיעקט, איז פֿערהעלטניסמעסיג גענוג ברייט, אָבוואָהל זי האָט בעוואוסטע חסרונות. אום זיך ניט מאריך צו זיין וועגען דער זייט פֿון דעם ענין, וועלכע פֿאָדערט אַ גרינדליכע בעהאַנדלונג, וועלען מיר דאָ נור אָנווייזען אויף איינע חסרונות, וועלכע וואַרפֿען זיך בשעת אין די אויגען, אונטערשטרייכענדיג דערביי דעם אַלגעמיינעם יסוד, אַז מיר דאַרפֿען פֿאָדערן אַ מעגליכסט ברייטערע קאָמפּעטענץ פֿון דער זעלבסטפֿערוואַלטונג. קודם כּל, אין רשות פֿון דער זעלבסטפֿערוואַלטונג דאַרף זיין די פּאָליציי. דער זעלבסטפֿערוואַלטונג דאַרף ערפֿילען איהרע נאָרמאַלע אויף וויפֿיל זי איז בעדאַרפֿט, הייסען די פּאָליציי, צו וועלכע זי איז בערופֿען, אָרדנונג אין שטאָדט. דער חורבן לאָזט זיך נאָך דעריבער מעהר פֿיהלען, ווייל בײַ אונזערע בעדינגונגען איז דאָס דער איינציגער ווירקליכער מיטעל ראַדיקאַל צו רעגולירען דעם רוהיגען לעבען פֿון דער אַדמיניסטראַציע. אָבהענגיג פֿון דער זעלבסטפֿערוואַלטונג, וואָלט די פּאָליציי, גאַנץ נאַטירליך, געמוזט אויפֿהערען צו טרייבען פּאָליטיק, וואָלט געמוזט זיך רעכענען מיט דער בעפֿעלקערונג, מיט איהרע בעדירפֿניסען. פֿון דער אַנדערער זייט, איז דאָס דער איינציגער וועג צו פֿערזאָרגען די זעלבסטפֿערוואַלטונג מיט אייגענע אויספֿיהרונגס־מיטלען. בײַ איצטיגע בעדינגונגען, ווילענדיג דורכפֿיהרען איהרע בעשליסען, מוז די זעלבסטפֿערוואַלטונג אָנקומען צו דער הילף פֿון דער אַדמיניסטראַציע, וועלכע איז פֿון איהר אונאָבהענגיג, און אויף אַזאַ אופֿן נעמט ווידער די אַדמיניסטראַציע אַ בעדייטענדע ווירקונג אויף די טעטיגקייט פֿון די זעלבסטפֿערוואַלטונגס־אָרגאַנען, וועלכע זי קען שטערען און אָפֿטמאָל זאָגאַר אומגרעצען.

ווייטער, איינשטימיג מיט דעם אַלגעמיינעם כלל ווערען אָבגעטיילט די קירכע פֿון דער מלוכה, דאַרף איבערגעבען צו דער זעלבסטפֿערוואַלטונג: דאָס פֿיהרען די ביכער פֿון דער בעפֿעלקערונג, די מעטריקען, ערפֿילען די פֿאָרמאַליטעטען, וועלכע זיינען פֿערבונדען מיט חתונות און קבורה, ד. ה. די אַלע ציוויל־פֿונקציעס, וועלכע ערפֿילען איצט פֿערשיעדענע קירכען אָדער, אינגעזאַמט וואָרום,

די פאליציי. אויסער דעם, דארף אויף די זעלבסטפערוואלטונג אויפגעלעגט ווערען די התחיבות זיך צו פערנעהמען מיט דער וואהנונגס-פראגע, מיט'ן מוניציפאליזירען דאקטארישע, פעלדשערישע און יורידישע הילף, מיט'ן איינארדנען שטאדט-אפטייקען און ד. גל. פון דער צווייטער זייט, דארף אריין אין די קאמפעטענץ פון דער זעלבסטפערוואלטונג א גאנצע רייהע פראגען, זעהר וויכטיגע, וועלכע ווערען אין פראיעקט אפילו ניט דערמאהנט געווארען, — דאס זענען די בעציהונגען צווישען די ארבייטס-געבער און ארבייטער, ווי די הילף מצד שטאדט פערשיעדענע ארבייטער-אנשטאלטען, אנטיילנעהמען אין פערמיטלונגס-געזעלשאפטען, שידס-געריכטען און ז. וו. דערפאר איין קאמפעטענץ-פונקט דארף זיין פון פראיעקט אינגאנצען אויסגעשלאסען. דאס איז דער פיערטער, וועלכער זאגט: „די זארג וועגען דער ענטוויקלונג פון פאלקס-בילדונג און אויך דאס בעשטימטע פינים געזעץ אנטיילנעהמען אין פערוואלטונג פון בילדונגס-אנשטאלטען". אזוי אלגעמיין פארמולירט זאגט דער פונקט בכלל גאר נישט; עס איז אפילו ניט בעוואוסט, וואס פאר „א געזעץ, וועלכעס בעשטימט דאס אנטיילנעהמען", האט מען דא אין זינען. נאר פאר אונז איז דא וויכטיג נאר אן אנדער זאך. עס איז אהן צווייפעל, דאס דער דאזיגער פונקט, ווי אויך דער פינפטער, גיבען איבער אין א געוויסער הינזיכט דער זעלבסטפערוואלטונג די פיהרונג פון קולטורעלע ענינים. מיר האלטען דאס אינגאנצען פאר אונמעגליך. עס איז איבריג צו רעדען וועגען דעם, אז פון צווייערליי שלעכטס, וועלען מיר זיין דערפאר, אז בעסער זאל זיך די זעלבסטפערוואלטונג בעשעפטיגען מיט קולטור-אנגעלעגענהייטען, איידער די אדמיניסטראציע. אבער דא האנדעלט זיך ניט וועגען דעם, וואס איז א קלענערע אדער א גרעסערע שלעכטס. די זעלבסטפערוואלטונג אין פוילען, וואו יודען בילדען 15 פראצענט פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג און נאך א גרעסערען פראצענט פון שטאדטישע איינוואהנער; וואו, אויסער דעם, געפינט זיך א בעדייטענדער פראצענט ליטווינער, רוטענער, רוסען און דייטשען, — קען ניט זיין א נאציאנאל איינגעארדנעטע פערטרעטונגס-איינריכטונג. קולטורעלע ענינים געפינען זיך גאר אין אן אנדער לאגע, ווי אלע איבריגע ענינים, וועלכע געהערען צו דער טעטיגקייט פון דער זעלבסטפערוואלטונג. אין ווירטשאפטס-ענינים, בנוגע צו צדקה, מעדיצינישע הילף און ד. גל., — האט אלץ, וואס די שטאדט דארף געבען איהרע איינוואהנער, לחלוטין גאר נישט צו טאן מיט דער נאציאנאליטעט פון זייערע איינוואהנער. די יודישע און פוילישע ארבייטער וועלען פאדערען פון שטאדט זייערע אינטערעסען זאלען דורכאויס גלייכארטיג בעהאנדעלט ווערען; דאס גלייכען, ווען די פערשיעדענארטיגע אין נאציאנאלען זינן בורזשואזע פארטייען א גלייכארטיגע פאליטיק מצד דער זעלבסטפערוואלטונג בנוגע צו זיך. ניט די קאנאליזאציע, ניט די גערטנער, ניט די קאמוניקאציע, ניט די מעדיצינישע הילף, ניט די ברויט-טאקסע, ניט די נאכטלעגער-הייזער, וועלען אין קיין פאל ניט זיין אבהענגיג פון דעם, צי די ווערען בעשאפען, דורכגעפיהרט, איינגעשטעלט, אויסגעבויט פאר דער בעפעלקערונג פון דער אדער יענער נאציאן. דער אביעקט, וואס די שטאדט גיט, קען ניט פערענדערט ווערען, אבהענגיג פון דעם, פאר וואס פאר א נאציאנאליטעט ער איז בעשטימט. גאר אינגאנצען אנדערש איז, ווען עס האנדעלט זיך וועגען קולטורעלע איינריכטונגען. דיזע איינריכטונגען קענען אין טויזען זיין בעשטימט פאר די בעפעלקערונג פון א בעשטימטער נאציאן; אבהענגיג פון דיזער בעשטימונג, ענדערט זיך זייער פארם. עס קענען בעשאפט ווערען אנשטאלטען אינגאנצען צוגעפאסטע פאר די בעפעלקערונג פון איין נאציאן און אינגאנצען ניט ענטשפרעכענדע פאר א צווייטע. אין דעם געביט קען ווערען געפיהרט א נאציאנאל-פאליטיק, אויף דעם באדען קען זיך פאנאנדערברענגען א נאציאנאלער קאמפף. די ערפאהרונג לערנט אונז, אז אם שטארקסטען טרעטען ארויס די נאציאנאלע אנטאגאניזמען אין געביט, וועלכער איז נוגע די קולטורעלע אינטערעסען; דאס איז אן אונמיטעלבארער פאלג פון דעם, וואס יעדע נאציאן (ריכטיגער געוויסע איהרע גרופען) וויל מיט געוואלד אסימילירען די צווייטע. דעריבער קען ניט די ענטשיידונג פון דיזער ארט ענינים איבערגעגעבען ווערען אין די הענד פון אן אלגעמיינער זעלבסטפערוואלטונג. די מעהרהייט איז ניט קאמפעטענט צו ענטשיידען די קולטורעלע אנגעלעגענהייטען פון דער מינדערהייט, וועלכע אונטערשיידען זיך פון איהרע אייגענע, די מעהרהייט קען לייכט בעקומען א שטרעבונג צו מאיאריזירען די מינדערהייט דורך אבליגאטארישע פעראָרדנונגען אין געביט פון שפראך, פינאנסען א. ד. גל. נאציאנאלע מחלוקות, וועלכע ענטשטעהען אויף דעם קולטורעלען באדען קענען אומוואנדלען די נוצליכע זעלבסטפערוואלטונגס-איינריכטונגען אין א פלאץ פון נאציאנאלע רייסערייען. דערום מוזען מיר פאדערן,

דאס אלע ענינים, וועלכע זענען נוגע קולטור, אבער אויסשליסליך דיזע ענינים, זאלען זיין אויסגעטיילט פון דער קאמפעטענץ פון דער אלגעמיינער זעלבסטפערוואלטונג און איבערגעגעבען ווערען אין רשות פון בעזונדערע נאציאנאלע גרופען, קאנסטיטואירט ווי יורידישע פערזאנען.

III

די נאציאנאלע בעציהונגען אין דער זעלבסטפערוואלטונג.

צוליעב די ספעציעלע בעדינגונגען אין פוילען, ווי מיר האבען שוין אויבען אנגעוויזען, בעקומען אין דער זעלבסטפערוואלטונג א בעזונדערע בעדייטונג די נאציאנאלע בעציהונגען, און פריהער פון אלץ די שפראך-פראגע. אויסער די שפראך-פראגע, איז נויטיג אנצומערקען, דאס דער געזעץ-פראיעקט פערבאט אויסקלייבען א יידען אלס פרעזידענט און ויצע-פרעזידענט פון שטאדט. דיזע בעגרענצונג האט מעהר א פרינציפיעלע, ווי א פראקטישע בעדייטונג און פערשטעהט זיך, אז פרינציפיעל מוזען מיר געגען איהר ארויסטרעטען. אין געביט פון שפראך-געברויך שטעלט פעסט דער פראיעקט פאלגענדעס: אין אלע בעציהונגען פון דער זעלבסטפערוואלטונג מיט די רעגירונגס-אנשטאלטען מוז געברויכט ווערען די רוסישע שפראך; אויף אלע אנפראגען, מיט וועלכע מען ווענדעט זיך צו דער זעלבסטפערוואלטונג אין דער רוסישער שפראך, מוז געענטפערט ווערען אויף רוסיש; אין דער אינערליכער געשעפטס-פיהרונג איז אבליגאטאריש רוסיש אלס אפיציעלע שפראך; ערלויבט איז דאך בייצוגעבען פאראלעלע פוילישע איבערזעצונגען; רעדען בעת די זיצונגען איז ערלויבט אויף רוסיש און פויליש; די פערעפענטליכונג פון די בעשליסונגען דארף זיין אויף רוסיש, עס איז ערלויבט דערביי צוגעבען פוילישע איבערזעצונגען.

ווי מיר זעהען, איז די הערשענדע שפראך אין דער זעלבסטפערוואלטונג די רוסישע, די פוילישע איז אין איינציגע פאלען ערלויבט, וועגען יודיש איז אפילו ניט דערמאנט. זעלבסטפערשטענדליך, דאס די סבה פון די אלע תקנות איז די נאציאנאליסטישע פאליטיק פון דער רעגירונג; מיט די אינטערעסען פון דער בעפעלקערונג רעכענט מען זיך ניט, אויף די זעלבסטפערוואלטונג קוקט מען ניט, ווי אויף א געזעלשאפטליכע איינריכטונג, נאר ווי אויף איינע פון פיעלע ביוראקראטישע קאנצעלאריעס, וועלכע דארף דיענען צום רוסיפיצירען דאס קעניגרייך פוילען. עס פערשטעהט זיך, אז די דאזיגע נאציאנאליסטישע טענדענצען דארפען מיר געגענשטעלען בעצם אנדערע, וועלכע עס ענטשפרעכען די בעדערפניסען פון דער ארטיגער בעפעלקערונג און וועלכע זאלען זיין בכח צו פערזיכערען וואס ברייטערע שיכטען פון פאלק א וואס גרעסערען אנטייל אין דער זעלבסטפערוואלטונג, אום באמת צו געניסען פון די פאלגען פון דער זעלבסטפערוואלטונג.

ווען ס'רעדט זיך וועגען די בעציהונגען מיט די רעגירונגס-איינריכטונגען, דארף מען גענוי אונטערשיידען די צענטראלע אדמיניסטראציע און די ארטיגע. אין דער מלוכה מוז עקזיסטירען א וועלכע ניט איז פערשטענדיגונגס אדער פערקעהר-שפראך פאר די איינריכטונגען, וועלכע פונקציאנירען אין פערשיעדענע עקען פון לאנד. נעהמענדיג אין אכט די צאהל-פראפארציע פון דער בעפעלקערונג און די געשיכטע פון לאנד, מוזען מיר קומען צום בעשלוס, אז אזא פערשטענדיגונגס-שפראך אין דער רוסישער מדינה דארף זיין די רוסישע. פון דאנעט איז געדרונגען, אז אין פערקעהר פון דער זעלבסטפערוואלטונג מיט דער צענטראלער אדמיניסטראציע דארף געברויכט ווערען די רוסישע שפראך. אבער אנדערש איז בנוגע צו דער ארטיגער אדמיניסטראציע. ניט די בעפעלקערונג עקזיסטירט פאר די אדמיניסטראציע, נאר, פערקעהרט, די לעצטע פאר די ערשטע. די אדמיניסטראציע דארף אין פוילען וויסען, פונקציאנירען און אויסדריקען זיך מיט די ארטיגע איינריכטונגען אין דער פערשטענדיגונגס- אדער פערקעהר-שפראך פון פוילען, און אזא שפראך, רעכענענדיג זיך מיט דער צאהל-פראפארציע פון דער בעפעלקערונג און היסטארישע בעדינגונגען, דארף דא זיין די פוילישע. דער פרינציפ, דאס די זעלבסטפערוואלטונג איז מחויב צו ענטפערן אויף רוסיש, ווען מען ווענדעט זיך צו איהר אויף רוסיש, איז דורכאויס א ריכטיגער; נאר ער דארף זיין גרינדליך פערברייטערט, — די זעלבסטפערוואלטונג איז בכלל מחויב צו ענטפערן אין דער שפראך, אין וועלכער איז אויסגעדריקט די אנפראגע צו איהר. נאר אזוי ווי קיין איינריכטונג קען ניט פונקציאנירען אין אלע עקזיסטירענדע אויף דער וועלט שפראכען, מוז דיזער פרינציפ בעגרענעצט ווערען. א תנאי דארף זיין צו ענטפערן נור אויף די שפראכען פון

דיזע נאציאנאלע מינאריטעטן, וועלכע בילדן א געוויסן, געזעצליך בעשטימטן פראצענט פון דער בעפעלקערונג אין פוילן. זעלבסטפערשטענדליך, דאס דער דאזיגער פרינציפ דארף אם ערשטן גילטיג זיין פאר דער יודישער שפראך, ווייל יודן בילדן אין פוילן, לויט דער צאהל, די צווייטע נאציאן (די ערשטע איז די פוילישע). וואס איז שייך צו דער אינערליכער געשעפטס־פיהרונג מוז מען אונטערשיידן אזוינע דאקומענטן, וועלכע ווענען נוגע די אינערליך־אדמיניסטראטיווע ענינים פון דער זעלבסטפערוואלטונג (פראטאקאלן און זשורנאלן פון די זיצונגען, געשעפטס־בילכער, אפיציעלע קארעספאנדענץ א. ד. גל.) און דאקומענטן, וואס ווענען אינמיטעלבאר פערבונדען מיט פערזאנען, וועלכע האבן א שייכות צו א געוויסן אינטערעסענט. דער ערשטער ארט דאקומענטן איז מען מחויב צו פיהרן אין דער „פערקעהרס־שפראך" פון לאנד, ד. ה. אין פויליש; דער אנדערער ארט דאקומענטן מוז מען פיהרן אין דער שפראך, וועלכע וועט זיין פערשטענדליך פאר די אינטערעסענטן, ד. ה. אין דער שפראך, אין וועלכער דער אינטערעסענט האט זיך געווענדעט, בתנאי, אז אויף דער שפראך רעדט א געזעצליך בעשטימטער מינימום בעפעלקערונג אין פוילן (זעה אויבען). די פראגע וועגן דער שפראך פון די זיצונגען שטעלט פאר איינע שוועריגקייטן. פון איין זייט, דארפן די רעדעס אויף די זיצונגען זיין פערשטענדליך פאר אלע איינוואוינער און קודם כל פאר די וועהלער פון דעם ראטה־מאן, דעם רעדנער; פון דער צווייטער זייט, די פיעל־שפראכיגע רעדעס, וועלכע פאדערן שטענדיגע איבערזעצונגען, וואלטן זעהר שווער געמאכט די פיהרונג פון די זיצונגען און וואלטן געשטערט די ארבייטס־פעהיגקייט פון דער זעלבסטפערוואלטונג. מיר זעהען נישט אנצונעהמען דאס די זיצונגען דארפן געפיהרט ווערן אין דער פוילישער שפראך, נאר מיט דעם תנאי, דאס יעדער ראטה־מאן האט רעכט צו פאדערן, אז אין פראטאקאל זאל יעדע זיין רעדע זיין אריינגעטראגן אדער פובליקירט אין דער אנגעוויזענער דורך איהם שפראך. די פערעפענטליכונג אבער פון אלע בעשטימונגען און פעראָרדנונגען מוז זיין אויף פויליש און אין די שפראכן פון די נאציאנען, וועלכע בילדן די געזעצליך בעשטימטע מינאריטעטן פון דער אלגעמיינער בעפעלקערונג אין פוילן.

מיר האבן נישט געהאט בדעה צו פארמולירן א גענויען פראיעקט וועגן דער שפראכן־פראגע, ווארום גייען מיר זיך נישט אריין אין ווייטערע פרטים. וואגליך די מיר מיינען בשום אופן נישט, אז מען קען זיך בעגנוגענען מיט די אנגעוויזענע דורך אונז פרטים. מיר האבן געוואלט נור אנמערקן די הויפט־פרינציפן פון דעם דאזיגן ענין, דעם יסוד — אז דאס שפראך־געברויך דארף זיין צוגעפאסט צו די בעדערפעניסן פון דער בעפעלקערונג, און בעווייזן, ווי צום בייספיעל דיזער יסוד קען רעאליזירט ווערן. ענדליך, אין צוזאמענהאנג מיט דעם, וואס עס איז אויבען געבראכט, ווילן מיר זאגען א פאר ווערטער נאך וועגן איין פראגע. בנוגע צו יודיש־מלוכהשע בעציהונגען איז וויכטיג נישט נור דאס, אז דאס געזעץ זאל פעסטשטעלן געוויסע פרינציפן, נאר עס זאל גאראנטירן די אויספיהרונג פון דיזע פרינציפן. וואס, למשל, וואלט ארויסגעקומען פון דעם, ווען דהיינו אונזער שפראך־קאמפעטענץ וואלט פארטיעל געווען אנגענומען, נאר די זעלבסטפערוואלטונג וואלט נישט געהאט קיין בעאמטע, וואס רעדן יודיש און די בעפעלקערונג וואלט נישט געהאט קיין מיטלען, כדי צו צווינגען די זעלבסטפערוואלטונג דורכצופיהרן די פרינציפן, וועלכע ווערן אפיציעל געגעבן פראקלאמירט. דער שיקזאל פון דעם בעריהמטן § 19 פון דער עסטרייכישער קאנסטיטוציע קען דינען פאר אן אויסגעצייכנטן ביישפיעל, וואס פאר א ווערטה האט א פראקלאמירטעס רעכט אהן א גאראנטיע. אט דארום איינינע, וועלכע האבן זיך בעשעפטיגט מיט דער שפראך־פראבלעם און פערשיעדענע געזעלשאפטליכע איינריכטונגען, פאדערן, אז א געוויסער פראצענט בעאמטע זאל בעשטימט ווערן פון די נאציאנאלע מינאריטעטן. איידער מיר וועלן ארויסזאגן אונזער מיינונג וועגן דיזען ענין, ווילען מיר גענוי פארמולירן די פראגע. מיר וועלן איהר אזוי אויסדריקן: אויף וואס פאר אן אופן קען מען גאראנטירן, די בעאמטע (אין אונזער פאל די בעאמטע פון דער זעלבסטפערוואלטונג) זאלן קענען און בעניצן די שפראך פון די נאציאנאלע מינאריטעטן אין די פאלן, וועלכע ווענען דירעקט געוויסע אנגעהערן. פאר אונז איז דערום וויכטיג בעזונדער גענוי און קלאר אויסצושטעלן די פראגע, ווייל ס'איז דא א ריכטונג, — איהר בעשאפער איז שפרינגער, — וועלכע שטעלט די פראגע אויף אינגאנצן אנדערער, נאך אונזער מיינונג, נישט געלונגענער ארט. שפרינגער און זיינע אנהענגער געהען ארויס נישט

פון די ריאלע שפראך־בעדערפעניסן פון דער בעפעלקערונג, נאר פון די סטאטיסטישע דאטן פון די פעלקער, וועלכע זיי פארמולירן בזה הלשון: „יעדע נאציאן האט רעכט צו פאדערן, דאס זי זאל רעגירט ווערן דורך איהרע מיטגליעדער". אויף וואס איז זיך סומך דיזעס „רעכט" פון דער נאציאן, איז נישט געזאגט געווארן. דאס איז אן אקסיאמע. ארויסגעהענדיג פון דעם כלל, דאס די בעאמטע ווערן די דיענער פונ'ם פאלק, נישט זיינע רעגירער, שטעלן מיר די פראבלעמע אינגאנצן אנדערש. מיר פרעגן, ווי קען מען גאראנטירן דער בעפעלקערונג, די זאל בעדינט ווערן אזוי, ווי דאס איז פאר איהם נויטיג. און מיר מיינען, אז דערצו איז נאך נישט נויטיג, דאס געזעץ זאל בעשטימען די נאציאנאליטעט פון די בעאמטע. אזא בעשטימונג, ביי דער פא־ דערונג די בעאמטע זאלן געהערן צו נאציאנאלע פאלק, בריינגט אינסטרומענטליך נאציאנאלע וואהל־קוריעס מיט אלע זייערע חסרונות. מיר מיינען, אז עס קען געשטעלט זיין אן אנדער ארט גאראנטיע פון די שפראך־רעכט. ווען, למשל, מיר וואלטן נעהמען די זעלבסטפערוואלטונג, קען דאס געזעץ, וועלכעס פערפליכטעט צו ענטפערן אין דער שפראך, אין וועלכער מען ווענדט זיך צו איהר, גאראנטירט ווערן דורך דעם, וואס צו איהם ווערט צוגעגעבען ווערן אזוינע פונקטן: 1) דער ענטפער מוז געגעבן ווערן אין א געוויסן טערמין; 2) פאר אלע פערלוסטן און שאדען, וועלכע בעקומען זיך צוליעב דעם, וואס דער ענטפער איז נישט געגעבן געווארן אדער פערשפעטיגט, איז ספעציעל פעראנטווארטליך די זעלבסטפערוואלטונג; 3) דער בעאמטער, וועלכער האט ארויסגערופען די פערשפעטיגונג, וואגליך ווי זיין נאהענסטער נאטשאלניק (אדער דער וואס האט איהם בעשטימט) ווערן ארדנונגסמעסיג בעשטראפט (די שטראף איז געזעצליך בעשטימט); ווען זיי בעגעהען דעם פערברעכן דריי מאל, ווערן זיי דימיסאגירט.

מיר מיינען ווידער אונטערצייכענען, אז מיר פערנעהמען זיך נישט מיטן פערפאסן א געזעץ־פראיעקט; מיר ווייזן נור אן אויף די יודישע נא־ ראגמיקעס, וועלכע קענען, ווי מיר מיינען, פערהיטן אזא צוזאמענשטעלונג פון בעאמטע, וועלכע וועט צוגעפאסט צו די אינטערעסן פון דער בעפעלקערונג, און דערביי איז נישט נויטיג, דאס געזעץ זאל בעשטימען די נאציאנאליטעט פון די בעאמטע.

מיר האבן אנגעמערקט אין אלגעמיינע שטריכען אונזערע פאדערונגען און בעמערקונגען, אנאליזירענדיג דעם געזעץ־פראיעקט וועגן זעלבסטפערוואלטונג אין פוילן. זעלבסטפערשטענדליך, דאס מיר האבן די טעמע נישט אויסגעשעפט. דאס איז בכלל נישט געווען אונזער אויפגאבע. בעזונדערע פראגען, וועלכע ווענען פערבונדען מיט דער זעלבסטפערוואלטונג, ווי אויך די פראגע וועגען די פויליש־יודישע בעציהונגען, וועלכע איז אין זעהר א כאראקטעריסטישער פארם ענטשטאנען אין צוזאמענהאנג מיט דעם געזעץ־פראיעקט, וועט אונז אויסקומען נישט איין מאל צו בעריהרען. דא האבן מיר געהאט אין זינען אונזער פעסטצושטעלן די הויפט־יסודות און אונזער אלגעמיינעם שטאנדפונקט. וואס פאר א גרויסע און פיעלזייטיגע בעדייטונג דאס האט פאר אונז, איז ארויסצוזעהן פון דעם, וואס פאר א וויכטיגע פראגען עס ענטשטעהען, ווי נור עס ווערט בעריהרט די פראגע פון זעלבסטפערוואלטונג. מען דארף דערום נישט ווארטן פאסיוו, ביז די דומע וועט אננעהמען א וועלכען נישט איז פראיעקט און מען וועט איהם נעהמען דורכפיהרן אין לעבען. עס איז נויטיג אבצוגעבען זיך א רעכענונג אין דעם, וואס ס'איז ווינשענסווערט, וועלכע פאדערונגען זענען נויטיג, וועלכע חסרונות דארפן זיין בעזייטיגט; מען דארף מיט דעם וואס עפטער און וואס גענויער בעקאנט מאכן די, וועלכע וועלען די נייע געזעצן בעשטימען.

וו. קאסאווסקי.

די פראגע וועגען יום־טוב־רוה אין גאס. דומע.

I

לסוף אפריל און אין אנהויב מאי האט מען אין דער גאסודארסטווענער דומע בעטראכט דעם געזעץ-פראיעקט וועגען דער זאגענאנטער „נארמאלער" רוהע פאר די האנדעלס-אנגעשטעלטע. דיזע בעטראכטונג האט נאר אייגענטליכערהייט געבראכט צו דעם, אז מען האט אנגענומען, אמת, מיט א סך בעגרענצונגען און אויסנאהמען, א פאלשטענדיגע יום-טוב-רוה — אום זונטאג און די גרויסע פראוואסלאווע יום-טובים — פאר די אנגעשטעלטע-קריסטען. מיט די אינטערעסען פון די נים-קריסטען — יידען און מוסולמאנער — און אויך פון נים-פראוואסלאווע, אויף וויפיעל עס האנדעלט זיך וועגען אנדערע יום-טובים אויסער זונטאג, האט מען זיך לחלוטין נים גערעכענט. אין דעם געזעץ, אזוי ווי די דומע האט איהם אנגענומען, האט מנצח געווען דער שטאנדפונקט פון דער הערשענדער פראוואסלאווער קירכע, און אזוי ווי אין רוסלאנד האט כמעט יעדע נאציאן איהר אייגענע אמונה, איז דער הכשר, וואס דער רעכטער טייל פון דער דומע האט ארויסגעגעבען אויף דער יום-טוב-רוה אויסשליסליך נור אין די טעג, וועלכע זענען הייליג פאר די פראוואסלאווע, צו גלייכער צייט געווען א דעמאנסטראציע געגען די „פרעמדע", געגען די „אינאראדצעס", ווי דאס האבען אויך שטארק אונטערגעשטריכען די רעדנער פון די רעכטע פראקציעס.

די געשיכטע פון דיזען געזעץ-פראיעקט איז א לאנגע און א לעהררייכע. די בעשטעטיגט פאלקאם די מיינונג פון דעם ס. ד. פרעדקאלן, וועלכע ער האט ארויסגעזאגט בעת דער בעטראכטונג פון דיזע פראגע, וועגען די סבות, וואס האבען געטריבען די רוסישע רעגירונג צו שאפען אן ארבייטער-געזעצגעבונג. אלע געזעץ-פראיעקטען, וואס האבען א שייכות צו דער פערבעסערונג פון דעם ארבייטערס לאגע, פלעגען ארויסשווימען „גראדע תיכף נאך אדער אין דער צייט פון גרויסע שטרייקבעוועגונגען אדער בכלל בעת דער אויפבליהונג פון א געזעלשאפטליכער בעוועגונג, רעדנער, ווען די געזעלשאפטליכע בעוועגונג פלעגט אנהויבען צו פאלען, ווען דער עולם פלעגט זיך בערוהיגען, פלעגט די רעגירונג זיך נעהמען ביסלעכווייז פערשלעכטערען די ארויסגעגעבענע געזעצען, ענגער מאכען דעם קרייז פון זייער ווירקונג און בכלל מאכען צו גארנישט זייער גאנצע בעדייטונג *).

אין דער פראגע וועגען די אנגעשטעלטע זענען צו דיזע אלגעמיינע אורזאכען, וועלכע בעשטימען די ארבייטער-פאליטיק פון דער רעגירונג, צוגעקומען נאך ספעציעלע טעמים, וואס זענען פערבונדען געווען מיט די וואהלען אין גאס. דומע. צו דער צייט, ווען די דומע איז צוזאמענגערופען געווארען, האבען די אנגעשטעלטע געבילדעט א גרויסע ארמעע פון לפי ערך צוויי מיליאן מענשען **). און לויט די בעזונדערהייטען פון דעם וואהלגעזעץ, האבען די מיט זייערע שטימען אין א בעדייטענדען גראד געמעגט איינדרוקען אויף דעם רעזולטאט פון די וואהלען אין די שטעדט. קיין וואונדער, וואס די רעגירונג האט זיך געאיילט אריינטראגען א געזעץ-פראיעקט וועגען דער רוה פאר אנגעשטעלטע נאך אין די ערשטע גאס. דומע, וועלכע האט אבער פאר דער קורצער צייט, וואס זי האט געלעבט, נים בעוויזען איהם צו בעטראכטען. נאך דעם פאנאנדערלאזען פון דער ערשטער דומע, ווען פאר דער רעגירונג האט זיך געשטעלט די אויפגאבע צו בעקומען א געהארכזאמע דומע, נים ענדערענדיג דעם וואהלגעזעץ, האט זי געמוזט נאך מעהר זארגען וועגען די אנגעשטעלטע, וועלכע האבען צו יענער צייט געקענט ארויסשטעלען כמעט א פערטעל מיליאן וואהלמענער (230600).

און מיר זעהען טאקי אין דער אמת'ן, אז פאר דעם אנהויב פון דער צווייטער וואהל-קאמפאניע, דעם 15-טען נאוועמבער 1906, נעהמט ארויס א צייטווייליגער געזעץ וועגען די אנגעשטעלטע. ארויסגעגעבען האט מען איהם אין א איילעניש, אויף אן אויספערנעהמליכען אופן אלס אן אלערהעכסטען בעפעהל, אויפ'ן סמך פון דעם 87-טען ארטיקעל

---

*) סטענאגראפישער בעריכט וועגען דער זיצונג פון דומע פון 26 אפריל.

**) לויט דער פאלקסצעהלונג פון 1897 האבען זיך שוין דאמאלס געפינען 1½ מיליאן אנגעשטעלטע.

פון די „גרונד-געזעצען". דיזער געזעץ האט פערשאפט, אלס אן אלגעמיינעם כלל, די פאלשטענדיגע זונטאג-רוה, לכל הדעות, פאר די אנגעשטעלטע-קריסטען אין יענע ערטער, וואו עס איז נישטא קיין שטארק איבערוויעגענדער נים-קריסטליכע בעפעלקערונג, ד. ה. מיט איינציגע נישטווערטיגע אויסנאהמען — אומעטום.

אויף דער הייסער ווייל האט דיזער געזעץ אנגעמאכט א טומעל אין די רייהען פון די אנגעשטעלטע: דיז האט אויסגעוויזען, אז ער איז טאקי אין דער אמת'ן פאר זיי א גרויסער טראט פארווערטס. נאר גראד באלד האבען זיי דערזעהן, אז דער נייער געזעץ גיט זייער וועניג און אז פאר א בעדייטענדען טייל פון דעם האנדעלס-פראלעטאריאט שטעהט ער א סך נידעריגער פון דעם, וואס מען האט שוין ערקעמפפט דורך דעם שטרייקען-קאמפף. זיי האבען אויך פערשטאנען די פאליטישע פניה פון דיזען געזעץ, אז מען האט איהם ארויסגעגעבען, כדי צוצוציהען אויפ'ן צד פון דער רעגירונג די שטימען פון די האנדעלס-אנגעשטעלטע.

דער געזעץ פון 15-טען נאוועמבער, אלס א מיטעל צו געווינען די שטימען פון די אנגעשטעלטע, האט זיין אויפגאבע נים ערפילט. דאס האבען קלאר בעוויזען די שטאדטישע וואהלען צו דער צווייטער דומע, וועלכע האבען געגעבען דורכאויס אפאזיציאנעלע דעפוטאטען. די רעגירונג האט אויפגעהערט צו הידלען זיך מיט די אנגעשטעלטע און איז אפען אריבער אויף דעם אנדער צד, האט געמוזט צוהערען זיך צו די בעגעהרען פון דער האנדעלס-בורזשואזיע: דעם 12-טען אפריל 1907 האט זי אריינגעטראגען אין די צווייטע דומע שוין אן „אויסגעבעסערטען" געזעץ, וועלכער ערלויבט יעדען מסחר אום זונטאג און אנדערע יום-טובים אין דעם משך פון 5 שעה. נאר צו דעם געזעצפראיעקט איז די דומע נים דערגאנגען.

די יום-טוב-רוה האט די רעגירונג פאקטיש אבגעשאפט נאכ'ן פאנאנדערלאזען די צווייטע דומע, ווייל, ערשטענס, איז קלאר געווארען, אז אומזיסט איז די טרחה צו קויפען די שטימען פון די אנגעשטעלטע און, צווייטענס, האבען די אנגעשטעלטע נאך דער אומענדערונג פון דעם וואהלגעזעץ בכלל פערלארען א בעדייטענדען טייל פון זייער פריהערדיגען איינפלוס אויף די וואהלען. און אם כדי צו געווינען חן אין די אויגען פון דער האנדעלס-בורזשואזיע פאר די וואהלען, לאזט מען ארויס דעם 12-טען סעפטעמבער 1907 ווידער טאקי אויפ'ן סמך פון דעם 87-טען ארטיקעל נייע תקנות וועגען דער רוה פאר די אנגעשטעלטע, תקנות, וועלכע אונטער דעם אנשטעל פון „אויסבעסערונגען" און „הוספות" שאפען אב דעם געזעץ פון 15-טען נאוועמבער 1906 און פיהרען איין אויפ'ן אדמיניסטראטיווען וועג דאס זעלבע, וואס די רעגירונג האט פארגעלעגט דער צווייטער דומע, ד. ה. מבטל זיין די יום-טוב-רוה.

אין דעם גייסט פון די נאר וואס דערמאנטע תקנות פון סעפטעמבער האט די רעגירונג צוזאמענגעשטעלט א גאנצען געזעצפראיעקט און האט איהם אריינגעטראגען אין די דריטע דומע. נים קוקענדיג אויף דעם, וואס פון דעם געזעצפראיעקט האט מען אויסגעווארפען אלץ, וואס האט ארויסגערופען די אונצופרידענהייט פון דער רוסישער בורזשואזיע. מיט דעם געזעץ פון 15-טען נאוועמבער 1906, האט די דומע איהם דאך אלץ אבגעלעגט און אבגעהאלטען אין די קאמיסיעס גאנצע דריי יאהר.

די ארבייטער-קאמיסיע, וואס איז אין איהר גרעסטער מעהרהייט בעשטאנען פון אקטאבריסטיש-רעכטע עלעמענטען *), האט פערווארפען אלע אויסבעסערונגען, וועלכע זענען אויסען געווען די אינטערעסען פון די אנגעשטעלטע און האט איינגאנצען מסכים געווען מיט דעם געזעצפראיעקט פון דער רעגירונג, פערענדערענדיג נור א ביסעל זיין נוסח.

א געוויסען ליבעראליזם, וואס האט זיין יסוד, פערשטעהט זיך, נים אין דער ליעבע צו די ארבייטער, נאר אין דעם בעגעהר א טובה צו טאן דער פראוואסלאווער אמונה, האט ארויסגעוויזען די קאמיסיע וועגען די שטאדטישע ענינים, וואוהין די ארבייטער-קאמיסיע האט איבערגעגעבען „דורכצוקוקען" דעם געזעצפראיעקט פון דער רעגירונג. נים ענדערענדיג די בעשטימונגען וועגען דעם ארבייטסטאג, כאטש אפילו זיי וועגען געהען דורכאויס געגען די אינטערעסען פון די אנגעשטעלטע, האט די שטאדט-קאמיסיע, פונדעסטוועגען געפינען פאר נויטיג אויסצומעקען פון דעם פראיעקט דעם פונקט, וואס ערלויבט צו האנדלען מיט אלע סחורות אום זונטאג און אנדערע יום-טובים אין דעם משך פון 5 שעה, און האט זיך, אויף אזא אופן, ארויסגעזאגט פאר א פאל-

---

*) אויף 25 אקטאבריסטען און רעכטע זענען געווען 3 ס. ד., 1 טרודאוויק, 3 ק. ד. און 1 פראגרעסיסט.

שטענדיגע יום-טוב-רוה; הײַנטער, האָט די פּאַר-טײ געלײגט צו פֿאַרבאָטען דעם מסחר אום זונטאָג און יום-טוב אױך אין די שטעט און האָט אַרױסגעטראָגען נאָך אײניגע קלײנע פֿאַרבעסערונ-גען. די אַרבײטער-קאָמיסיע האָט ניט אָנגענומען דיזע אױסבעסערונגען און האָט פֿאָרגעלײגט דער דומע דעם געזעצפּראָיעקט אין איהר אײגענעם, פֿריהערדיגען נוסח.

II

בעטראַכטען דעם גאַנצען געזעצפּראָיעקט געהערט ניט צו דער אױפֿגאַבע פֿון אונזער אַרטיקעל; דאָ אינטערעסירט אונז ניט די פֿראַגע װעגען דער רוה פֿאַר די אָנגעשטעלטע אין איהר גאַנצען אומפֿאַנג, נאָר די פֿראַגע װעגען װעכענטליכער יום-טוב-רוה. כדי צו כאַראַקטעריזירען דעם געזעצפּראָיעקט בכלל, װעט גענוג זײַן אָנצוװײזען אױף זײַנע גרונד-בעשטימונגען, אױף די בעשטימונגען װעגען דער לענג פֿון דעם אַרבײטס-טאָג פֿאַר אָנגעשטעלטע. דיזע בעשטימונגען, װעלכע בעשטעהען פֿון 5 פּונקטען, שטעלען פֿאָר אַ מין טאַבעלע, װאו מיט יעדער שורה װאַקסט פּראָגרעסיװ די אַרבײטס-צײַט בין צום לעצטען גראַד — בין צו אַ גאַנצען מעת-לעת: דער ערשטער אַרטיקעל פֿאָרמולירט דעם אױסנאַהמס-פּונקט — אַ 12-שעה'דיגער אַרבײטס-טאָג. דער 2-טער און דריטער, ערלױבענדיג איבערשטונדען אין דעם משך פֿון צװײ שעה אַ טאָג, פֿערגרעסערען די אַרבײטס-צײַט בין צו 14 שעה; דער 4-טער דערלױבט אין אַ גאַנצער רײהע פֿון פֿאַלען די פֿערלענגערונג פֿון דעם אַרבײטס-טאָג בין 15 שעה, און לסוף דער 5-טער אַרטיקעל גיט דאָס רעכט צו בעשעפֿטיגען בײַ אומגליקליכע צופֿאַלען די אָנגעשטעלטע אָהן יעדער בעגרענצונג פֿון צײַט, בפֿירוש הײסט עס אױך — אַ גאַנצען מעת-לעת. דיזע אַלע בעשטימונגען, װאָס אין זײ ליעגט דער תוך פֿון דעם געזעצפּראָיעקט, זענען אָנגענומען געװאָרען אין דער גאָסוד. דומע. אַזױ װעהט אױס די „נאָרמאַלע״ רוה, מיט װעלכע די גאָסוד. דומע בעגאַבט די אָנגעשטעלטע. נאָך אָנערקענען סך הכל די פֿון דער װאָכעדיגער רוה פֿאַר די אָנגעשטעלטע בכלל האָט די דומע געטאָלט פֿון דער יום-טוב-רוה פֿאַר די אָנגעשטעלטע—„אינאָראָדצעס״, יודען, טאַטערען (און אַנדערע פֿעלקער, נאָהענטע צו זײ).

צום ערשטען מאָל האָט מען געשענקט אַ געװיסע אױפֿמערקזאַמקײט דער יום-טוב-רוה פֿון די „אינאָראָדצעס״ אין די צײַטװײליגע תקנות פֿון 15 נאָװעמבער 1906-טען יאָהר. דיזע תקנות האָבען ערלױבט, אַז אין די ערטער מיט אַ „שטאַרק איבערהערשענדער ניט-קריסטליכער אָדער ניט-פּראַװאָסלאַװנער בעפֿעלקערונג״ זאָל מען פֿאַרבײַטען די רוה אום זונטאָג און פּראַװאָסלאַװנע יום-טוב'ים מיט דער רוה אין אַנדערע טעג, לױט נאָך די אָרטיגע רעליגיעזע מנהגים: אום שבת און די אַנדערע יודישע יום-טוב'ים, פֿרײַטאָג און די אַנדערע מוסולמאַנישע יום-טוב'ים, די אױך אין קאַטױלישע יום-טוב'ים. דיזע תקנות זענען געבליבען אױפֿ'ן פּאַפּיר: פֿון אָנהױב האָט די אַדמיניסטראַציע כסדר געפּסלט די בעשטימונגען פֿון די שטאָדט-דומעס, װאָס פֿלעגען אױסגעאַרבײט װערען אין זינען פֿון דיזע תקנות. דערנאָך האָט סטאָליפּין געמאַכט אַ סוף צו די אַלע ספקות און קװענקלענישען, ערקלערענדיג, אַז אונטער די ערטער מיט אַ „שטאַרק איבערהערשענדער ניט-קריסטליכער בעפֿעלקערונג דאַרף מען פֿערשטעהן נור אַזעלכע שטעדט, װאו צװישען דער בעפֿעלקערונג דאָמינירט ניט אַ קריסטליכער [illegible] זיך נור אײנצעלנע פּערזאָנען קריסטען. אַזעלכע ערטער זענען אין רוסלאַנד ניטאָ, די זענען ניטאָ אַפֿילו אין די ענגע „יודישע פּונקטען פֿון יודישען תחום און אַפֿילו אין אַזעלכע שטעדט, װי בערדיטשעװ און פּינסק, װאו דרײַ פֿערטעל און נאָך מעהר פֿון דער בעפֿעלקערונג זענען יודען, געפֿינען זיך אױך ניט אײנצעלנע קריסטען, נאָר הונדערטער און טױזענדער.

די הגהה פֿאַר די „אינאָראָדצעס״, װעלכע איז פּאַקטיש בטל געװאָרען דורך סטאָליפּינ'ס „ערקלערונג״, האָט מען שפּעטער אױך פֿאָרמעל אָפּגענומען צוריק: די האָט מען שױן ניט אַרײַנגעשטעלט ניט אין דעם געזעצפּראָיעקט פֿון דער רעגירונג, װאָס איז פֿאָרגעלײגט געװאָרען דער צװײטער דומע, ניט אין די תקנות פֿון סעפּטעמבער 1907-טען יאָהר. די האָט אױך קײן אָרט ניט געפֿונען אין דעם געזעצפּראָיעקט, װאָס די רעגירונג האָט צוזאַמענגעשטעלט אין דעם נאָמען פֿון דיזע תקנות פֿאַר דער דריטער דומע.

III

דאָס פֿאָלשטענדיגע איגנאָרירען די אינטערעסען פֿון „אינאָראָדצעס״ אין דעם פּונקט פֿון יום-טוב-רוה האָט די רעגירונג מאָטיװירט אין די קאָמיסיעס און אין די זיצונגען פֿון דער 3-טער דומע מיט צװײערלײ טעמים: „מלוכה'שער״ און „עקאָנאָמישער. רוסלאַנד, האָבען געטענה'ט די פֿערטרעטער פֿון דער רעגירונג, איז אַ קריסטליכע מלוכה

און דערפֿאַר מוז די יום-טוב-רוה בעשטימט װערדען פֿאַר אַלע בירגער אין אַזעלכע טעג, װאָס װערען הײליג פֿאַר דער קריסטליכער אמונה, און ניט פֿאַר אַ װעלכער ניט איז אַנדערער. דאָס איז פֿון אײן זײַט. פֿון דער אַנדערער, אױב די „אינאָראָדצעס״ װאָלט מען ערלױבט צו האַנדלען אין די קריסטליכע יום-טוב'ים, װאָלטען דערמיט געליטען די אינטערעסען פֿון די קריסטליכע סוחרים, װײַל דער האַנדעל, הײסט עס, נעהמט אַ סך לעבעדיגער אין די טעג, װען די קריסטען זענען פֿרײַ. און דאָס איז אױך געװען דער סך הכל פֿון די אַלע טעמים, װעלכע די מעהרהײט פֿון דער דומע האָט געקענט אַרױסשטעלען װעגען דער יום-טוב-רוה פֿון דעם „אינאָראָדצעס״.

מען קען ניט זאָגען, אַז די רעגירונג און די [illegible], װאָס האָבען נאָך איהר נאָכגעגאַנגען, האָבען אַרױסגעװיזען אַ גרױסע קונסט אין זײערע טענות װעגען דעם „אינאָראָדצעס״. אַפֿילו אױסער שטאַנדפּונקט פֿון דער קריסטליכער אמונה האָבען די זיך אױך ניט געקענט אײַנהאַלטען און האָבען [illegible] פֿערביטען מיט דער פּראַװאָסלאַװנער אמונה, אָבגעהיטענדיג בײַ די פּױלען דאָס רעכט צו רוהען אין די קאַטױלישע יום-טובים אָנשטאַט די פּראַװאָסלאַװנע*). די רעגירונג האָט אױך ניט געקענט פֿערבאָרגען, אַז די איז סותר איהר אײגענער געזעצגעבונג פֿון פֿאַר די אָקטאָבער טעג, װאו עס געפֿינען זיך געװיסע הגהות פֿאַר די „אינאָראָדצעס״, כאָטש אַפֿילו דאָס איז געשעהן אין דער װעלכער „קריסטליכער מלוכה״: גענוג צו דערמאָנען, אַז לױט די תקנות װעגען מלאכות און אינדוסטריע (אַרט. 430) האָבען די יודישע מײַסטערס דאָס רעכט צו אַרבײטען אום זונטאָג און פּראַװאָסלאַװנע יום-טוב'ים, דערבײַ שטעלט מען זײ נור אײן בעגרענצונג: „בשום אופֿן ניט בענוצען צוליב דעם צװעק געזעלען און לעהריינגלען — קריסטען״. אַפֿילו צו אַרעסטאַנטען האָט די רעגירונג אין די אַלטע צײַטען פֿאַר דער קאָנסטיטוציע אַרױסגעװיזען מעהר חסד, װי אַיצטער צו די פֿרײַע „אינאָראָדצעס״: אין די תקנות װעגען די געפֿענגנישען לײענען מיר, אַז די אַנדערגלױביגע אַרעסטאַנטען װערען בעפֿרײַט פֿון אַרבײט „אין יענע טעג, װאָס [illegible] פֿאַר יום-טובים לױט דער אמונה פֿון דיזע אַרעסטאַנטען.״

ערנסטער קען אױסזעהן די אָנװײַזונג אױף דער האַנדעלס-קאָנקורענץ. אַז דיזער אַרגומענט האָט אַ געװיסע בעדײַטונג, זענען מודה אַפֿילו אײניגע פֿון די אױסגעשפּראָכענע געגנער פֿון דעם רעגירונגס-שטאַנדפּונקט אין דער פֿראַגע װעגען יום-טוב-רוה פֿאַר די אָנגעשטעלטע. די מײנונג, אַז װען מען זאָל דעם רוה-טאָג אָנשטאָט זונטאָג בעשטימען אױף שבת, װעט דאָס זײַן אַ „האַנדעלס-פּריװילעגיע״ פֿאַר יודען, איז נאָך אַרױסגעזאָגט געװאָרען אױף דעם גרינדונגס-צוזאַמענפֿאָהר פֿון דער „יודישער פֿאָלקס-גרופּע״, װאָס איז פֿאָרגעקומען אין פֿעברואַר 1907-טען יאָהר. נאָר מען מוז אָבער מודה זײַן, אַז דיזע פֿראַגע האָט מען בעהאַנדעלט אױף דיזען צוזאַמענפֿאָהר מיט אַ װאונדערליכע לײַכטיגקײט: אױסער צװײ-דרײַ בעל-הבתישע „בעמערקונגען״ האָט מען קײנע ערנסטע ראיות ניט געבראַכט. דער ריגער דעלעגאַט האָט געזאָגט, אַז אױב מען װעט יודען ערלױבען צו האַנדלען זונטאָג אָנשטאָט שבת, װעט דאָס „קריסטליכען האַנדעל״ װעט אַרױסקומען אַ גרױסער שאָדען, מעהר האָט אױך ניט געקענט דערצעהלען דער דעלעגאַט פֿון קאָװנע, אַז אַפֿילו סלאָבאָדקע, װאָס האָט געהאַלטען װעגען דעם אַ גרינדליכע רעדע, איז ניט געגאַנגען װײַטער פֿון גאַנץ אַלגעמײנע אױסגעדראָשענע רײד װעגען דעם, אַז „די גאַנצע בעפֿעלקערונג איז געװאָהנט צו קױפֿען אום זונטאָג״, אַז „די דאָרפֿישע בעפֿעלקערונג קומט לכתחלה צוליעב דעם אין „שטעדט״ און אַז אױף אַזאַ אופֿן, הײסט עס, „לײַזט מען זונטאָג אַ סך מעהר װי שבת״*) — און נאָך.

אױך אַזױ רײַך מיט ראיות זענען געװעזען די רעדען פֿון די רעגירונגס-פֿערשטעהער און פֿון די דעפּוטאַטען, װאָס זענען אַרױסגעטראָטען אין דער דריטער דומע געגען די פֿאָדערונגען פֿון יודען און מוסולמאַנער בנוגע צו דער יום-טוב רוה. זונטאָג נעהמט דער האַנדעל „בעזונדערס לעבעדיג״, „מען האָט אונטערגראָבען דעם קריסטליכען האַנדעל״ — מיט דיזע און נאָך עהנליכע ערקלערונגען פֿון אַ גאַנץ אַלגעמײנעם כאַראַקטער האָבען זיך אױסגעלאָזען אַלע אַרגומענטען. און אַלס אַנגעמעססער אױף די געשרײען װעגען דער האַנדעלס-קאָ-

---

*) אַפֿילו אין פּױלען ניטאָ, װאו נור 4 פּראָצ. פֿון דער גאַנצער בעפֿעלקערונג זענען פּראַװאָסלאַװנע, צװישען די אָנגעשטעלטע געפֿינען זיך נור אײנצעלנע פּערזאָנען — פּראַװאָסלאַװנע, און אַ רוסישע קראָם קען מען טרעפֿען נור אַלס אױסנאַהמע (זעה די רעדען פֿון די פּױלען אין גאָס. דומע).

*) זעה די פּראָטאָקאָלען פֿון דעם גרינדונגס-צוזאַמענפֿאָהר פֿון דער יודישער פ. גר. אין 18 אַ „[illegible]״ פֿון 1907-טען יאָהר.

קורענץ האט דער מוסולמאנישער דעפוטאט נאידאראוו מיט א פולען גרונד געקענט באמערקען: „כדי דאס צו בעהויפטען (ד. ה. אז די קאנקורענץ ערלויבט ניט צו פערבייטען זונטאג מיט אן אנדער רוה-טאג. הל. ק.), מוז איהר קודם כל סטאטיסטיש און דורכאוים וויסענשאפטליך בעווייזען, וו., ווען און אין וועלכע ערטער ווייזט זיך ארויס די איינקויפס-טענדענץ פון דער בעפעלקערונג. ביז וואנען איהר האט דאס ניט געטהאן, וועט אייער ראיה בלייבען א פראבלעמאטישע*).

די דומע-מאיאריטעט האט רוהיג אבגעשאצט, ווי וויים דיזע ראיה, וועלכע האט אזוי אויסגענומען ביי די רעכטע און אקטאבריסטען איז ניט קיין ערנסטע און איז געבוים אויף קאפ-סברות, און די האט בעוויזען, אז אפילו יענע קארגע און קנאפע, כלומרשט אונבעשטרייטענע „באאבאכטונגען", וועלכע דיענען פאר א יסוד צו דיזער ראיה, שטימען ניט מיט דער ווירקליכקייט און שטעהען אויף יעדען פאל אונטער א גרויסען פראגע-צייכען.

דער קאדעט קיזלער האט, למשל, אויפגעוויזען, אז ס'איז פאלש די פערשפרייטע מיינונג, דאס די פוילישע טערק קויפען פאר כלומרשט געוועהנליך אים זונטאג. אין דער צייט, ווען אין דער אמת'ן זעהען מיר אין די אייערנע שטעדט, ד. ה. גראדע דארט, וואו די דארפישע איינוואהנער בילדען דעם הויפט-קאנטינגענט פון די קינדען, אז די טערק „קויפען פאר על פי רוב ניט זונטאג אין יום-טוב, נאר אין די וואכענטעג". *) דאס האבען אפילו מודה געווען אייניגע דעפוטאטען פון דער מעהרהייט: איינער למשל, האט דערמאנט, אז אין גאנץ מאהילעווער גובערניע קויפען פאר די טערק ניר אינדערוואכען (מאנטאג, מיטוואך און פרייטאג). נאר מעהר פאר אלע אנדערע האט דיסקרעדיטירט די טענה וועגען דער האנדעלס קאנקורענץ דער אקטיאבריסט גארנעוו, זיינע בעווייזען האבען א בעזונדערן ווערט, ווייל, ערשטענס, זייענדיג א דעפוטאט פון קאוונער גובערניע, איז ער געהענט בעקאנט מיט די בעציהונגען צווישען די קריסטליכע און מוסולמאנישע הענדלער, און, צווייטענס— ער אליין איז א רוס און א פראוואסלאווער אין מען קען איהם ניט חושד זיין אין א נעציאנאלער פארליבע צו די פאסטערען.

גארנעוו דערצעהלט, אז די מוסולמאנישע און די קריסטליכע סוחרים האבען געשלאסען צווישען זיך אן אבמאך, וועלכער בעווארענט בייד צדדים מיט דער יום-טוב רוה. דיזען אבמאך האט, ווי די מאדע איז, די אדמיניסטראציע געפסל'ט, אבער אין דער ווירקליכקייט איז ער געבליבען אין קראפט. אין קאוון און אין אנדערע שטעדט פון קאוונער גובערניע (משיסטאפאל און אנד.) ווירקען פאקטיש די אבליגאטארישע בעשטימונגען פון דער שטאדט-פערוואלטונג, (פארטעל וועגען די אבגעשאפט געווארען דורך דעם גובערנאטאר) וועלכע ערלויבען די מוסולמאנער צו האנדלען אום זונטאג אנשטאט פרייטאג. פאר קאוון איז אזא בעשטימונג אנגענומען געווארען אין דער ארדינער שטאדט-דומע נמעט איינשטימיג, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס די מוסולמאנער זענען אין איהר זעהר שוואך פערטרעטען (נאך דעם געזעץ קענען אין די שטאדט-דומעס אריינגעהן מוסולמאנער ניט מעהר ווי 1 פינפטעל פון דער גאנצער צאהל גלאסנע); דיזע בעשטימונג איז אויף אזא אופן דורכגעפיהרט געווארען דורך די קריסטליכע סוחרים און הענדלער, וועלכע זענען אם שטארקסטען פערטרעטען אין דער שטאדט-דומע. *) דאס זעלבע איז אויך געשעהן אין אנדערע שטעדט פון קאוונער גובערניע. — די אינטערעסען פון דער סוחרישער פראוואסלאווער קריסטליכער בעפעלקערונג—האט רוהיג דערפון געדרונגען גארנעוו—ליידען פון דעם ניט, ווי עס ווייזט אויס, קיין היזק, אז ניט וואלטען די שטאדט-דומעס, וואס בעשטעהען אין דער גרעסטער מעהרהייט פון סוחרישען קלאס פון שטאדט, ניט אנגענומען עטליכע מאל כסדר אזעלכע בעשטימונגען**)

וועגען דעם תחום פון ידישען ישוב האבען מיר ניט אזעלכע גרינדליכע און קאמפעטענטע בעווייזען. אויף יעדען פאל ווייזט אלץ דערויף, אז אויך דארטען זענען די שרעקען, וואס זענען ארויסגערופען געווארען דורך דער

---

*) זעה די רעדע פון נאדאראוו אויף דער דומע-זיצונג פון 26-טען אפריל. סטענ. בער.

*) זעה זיינע רעדע דעם 28-טען אפריל אין דעם ערשטען מאי. סטענ. בער.

*) ס'איז אינטערעסאנט צו בעמערקען, אז דיזע בעשטימונג איז אנגענומען געווארען פאר די מינדערהייט פון דער בעפעלקערונג, ווייל די מוסולמאנער בילדען אין קאוון נור 1 דריטעל פון דער גאנצער בעפעלקערונג, די איבעריגע 2 דריטעל זענען קריסטען.

**) זעה די רעדע פון גארנעוו דעם 3-טען מאי. סטענ. בעריכט.

האנדעלס-קאנקורענץ, וועניג בעגרינדעט און אהן א ספק שטארק מגזם געווארען: האט דאך די וויטעבסקער דומע אנגעוויזען דער רעגירונג דעריף, אז „בעשטימען די טעג, ווען די האנדעלס-אנשטאלטען דארפען זיין פערמאכט, טוו מען איבערלאזען די ארטיגע געזעלשאפטליכע איינריכטונגען, לויט נאך די ארטיגע קאנפעסיאנעלע בעדינגונגען, *) און די וויטעבסקער דומע האט זיך דאך קיינמאל ניט אויסגעצייכענט מיט א בעזונדערע ליבשאפט צו יודען. אדער נאך א ביישפיעל: אין 1907 טען יאהר האט די גראדנער דומע געפונען פאר מעגליך צו בעשטימען, אז די יודען זאלען פערמאכען זייערע קראמען שבת, די קריסטען—זונטאג: **) און עס איז א פאקט פון דער גאנץ לעצטער צייט: דער ווארשעווער אבער-פאליצמייסטער האט ערלויבט די יודישע פאבריקאנטען צו ארבייטען זונטאג אין אנדערע קריסטליכע יום-טובים, נור מיט דעם תנאי, אז ביי זיי זאלען ניט ארבייטען אין דיזע טעג קיינע קריסטליכע געהילפען, און מען הערט ניט, אז דאס זאל ארויסרופען א פראטעסט מצד די קריסטליכע פאבריקאנטען.

ווי די מעשה זאל ניט זיין, די פראגע וועגען דער האנדעלס-קאנקורענץ איז נאך אויף אזוי ווייט ניט אויסגעקלערט געווארען, אז די קען קיין ראלע ניט שפיעלען ביי דער פערענטפערונג פון דער פראגע וועגען דער יום-טוב-רוה. מען דארף אויך ניט פערגעסען, אז אויף וויפיעל מיר נעהמען אין בעטראכט דעם פאקטאר פון דער האנדעלס-קאנקורענץ אין דעם בעטרעפענדען פאל שטעלען מיר זיך ניט, ווי דאס קען אין פליג אויסווייזען, העלפער פאר די פראטעסטירטע צדדים, כדי צו זוכען אזא אויסוועג, וואס זאל קענען מאכען א פשרה צווישען די געגענזייטיגע אינטערעסען; פערקעהרט, מיר בויגען אינטערעסירליך די וואג-שאל לטובת פון איין צד, לטובת פון די קריסטען קעגען די יודען און מוסולמאנער, אדער כדי ווי עס איז צו פערבלייבען אויף דער פאזיציע, קעהרען מיר זיך אום מיט'ן ריקען צו דער זונטאגס-רוה. אויף דעם אויבען דערמאנטען צוזאמענפאהר פון דער „יודישער פאלקס-גרופע" האבען יענע דעלעגאטען,—וואס האבען געבויט זייער מיינונג אויף דער האנדעל-קאנקורענץ, ניט אויפגעהערט צו טענה'ן, אז געפינען א פשרה צווישען די קריסטען און יודען אין דער פראגע וועגען דער יום-טוב-רוה איז אונמעגליך, אז ס'קען קיין רייד ניט זיין וועגען פערבייטען זונטאג מיט שבת. און סליאזבערג האט קאטעגאריש ערקלערט: די פראגע וועגען יום-טוב רוה איז אן עקאנאמישע פראגע און ס'איז קיין שום ספק ניטא, אז ס'וועט קיינמאל ניט דורכגעהן אזא געזעץ, וואס פערבייט די זונטאגס-רוה מיט שבת". *) דא פלעגען יעדערער אויף אזא אופן זיך אנשטויסען אן א וואנד און אויב די פלעגען יע געפינען א וועלכען ניט איז אויסוועג, איז עס נור דערפאר, ווייל זיי איז בעצם ניט טייער געווען די זונטאג-רוה און, ווען עס וואלט נויטיג געווען, וואלט מען ביי זיי געפועלט צו מסכים זיין אויף אזא פשרה, וואס שאפט אב די זונטאגס-רוה פאר אנגעשטעלטע-קריסטען. **) פאר יענע אבער, וועלכע גע־

---

*) פון די ידיעות, וועלכע דאס האנדעלס-מיניסטעריום האט געזאמעלט וועגען דער „נארמאלער" רוה פאר אנגעשטעלטע און וועלכע זענען איבערגעגעבען געווארען דער ארבייטער-קאמיסיע פון דומע.

**) דיזע און נאך אזעלכע פאקטען זענען כאראקטעריסטיש דערפאר, ווייל, ווי עס איז בעקאנט, זענען די יודען גאר ניט פערטרעטען אין די שטאדט-דומעס (איינצעלנע יודישע גלאסנע, בעשטימטע דורך דעם גובערנאטאר, קען מען אין חשבון ניט נעהמען.)

*) די פראטאקאלען וועגען דעם גרינדונגס-צוזאמענפאהר פון דער „יודישער „פאלקס-גר.". „סוואבאדא אי ראווענסטווא" 1907-טען יאהר נומ. 18.

**) אז די יודישע בורזשואזע עלעמענטען זענען מוכן ומזומן צו געהן אויף אזא פשרה — דאס הויבט זיך שוין אן איצטער צו בעשטעטיגען. למשל די צייטונג „הד הזמן" דערצעהלט, אז דער איינציגער אויסוועג פון דער לאגע, וואס איז געשאפען געווארען פאר יודען דורך דעם בעשלוס פון דער דריטער דומע וועגען דעם יום-טוב-רוה, איז אננעהמען דעם פארשלאג פון דער רעגירונג, אז מען זאל מעגען האנדלען זונטאג מיט אלע סחורות אין דעם משך פון 5 שעה. און אזוי ווי אלץ וועט זיך ווענדען אין דער הערבסט-סעסיע פון דער דומע הויפטזעכליך אן די שטימען פון די קאדעטען (די אקטיאבריסטען זענען פאר דעם רעגירונגס-פארשלאג), לעגט פאר דיזע צייטונג, אז די יודישע קהלות זאלען זיך ווענדען מיט „פעטיציעס" צום צענט. קאמיטעט פון דער קאדעטישער פארטיי, כדי איהם צו איבערצייגען ארויסצוזאגען זיך פאר די ניט פאלשטענדיגע זונטאגס-רוה", ווי דאס וויל דער

הען ארויס פון דער עקאנאמישער טבע פון דער פראגע וועגען דער יום־טוב רוה און ווילען ציגלייכער צייט ניט מקריב זיין דעם זונטאג, בלייבט קיין זאך ניט איבעריג, ווי צוזאמענשטעלען זיך מיט דער לאגע, ביי וועלכער די יודישע הענדלער מוזען רוהען צוויי טעג אין וואך, אין דער צייט ווען די איבריגע חברים־קריסטען—נור איין טאג; מיט אנדערע ווערטער: רעכענענדיג זיך אזוי שטארק מיט דעם פאקטאר פון דער האנדעלס־קאנקורענץ, פערגרעסערען זיי נאך זיין בעדייטונג; האבענדיג אין זינען צו פערהיטען דעם קריסטליכען האנדעל פון א געוויסער פערשטארקונג, וועלכע מען קען נאך אפילו ניט רעכענען פאר א דערהייבענע זאך, פערערגערען זיי נאך מעהר און בעדייטענד מעהר די שאנסען פון יודישען האנדעל.

אויב מען וועט אפילו מודה זיין, אז ווען מען וועט ערלויבען יודען האנדלען אין די קריסטליכע יום־טובים, וועט עס אין דער אמת׳ן ברייניגען א שאדען דעם קריסטליכען האנדעל, מוז מען דאך אבער אלץ פארט מסכים זיין, אז דיזער שאדען איז א סך קלענער ווי דער קלאפ, וואס דער יודישער האנדעל וועט בעקומען, אויב מען וועט צווינגען די יודען צו פערמאכען זייערע געשעפטען 2½—2 טאג אין וואך. מען דארף אויך ניט ארויסלאזען פון זינען, אז כמעט אין אלע שטעדט פון יודישען תחום, און נור וועגען זיי רעדט זיך דא, בילדען די יודען די גרעסטע מעהרהייט צווישען די הענדלער, 90 און מעהר פראצענט פון דער אלגעמיינער צאהל, און אויב די אינטערעסען פון דער היים גרעסטער מעהרהייט און פון א נישט־ווערטיגער מינדערהייט קענען בשום אופן ניט ווערען צוגעפאסט איינע צו די אנדערע, איז קלאר, אז מען מוז בעסער אויסקלייבען אזא בעשלוס, וואס איז מעהר מסוגל אבצוהיטען די אינטערעסען פון דער מעהרהייט. פערבינדען פאר יודען די זונטאג־רוה מיט שבת איז, אויף אזא אופן, אפילו פון עקאנאמישען שטאנדפונקט, דער ווייניגסט־שעדליכער אויסגאנג פון דער פערפלאנטערטער לאגע.

מיר ווילען נאך בעמערקען, אז דער ארגומענט פון דער עקאנאמישער קאנקורענץ איז בכלל אונפאסענד, ווען עס רעדט זיך וועגען די רעכטען פון דעם אדער יענעם טייל פון דער בעפעלקערונג, ווייל לאגיש פיהרט ער צו דער בערעכטיגונג פון יעדער בעגרעניצונג.

עס איז קלאר, אז די טענה וועגען דער האנדעלס־קאנקורענץ מוז מען פערווארפען, זי טויג צו גארנישט און מען קען פון איהר ארויסדרינגען זעהר געפעהרליכע אויספיהרען. דער איינציגער שטאנדפונקט, וועלכער קען אונז געבען א פאלשטענדיגען ריכטיגען וועג־ווייזער אויף צו פונאנדערקלייבען זיך אין דער קאמפליצירטער, פערוויקעלטער פראגע וועגען דער יום־טוב רוה, דאס איז דער שטאנדפונקט פון די אינטערעסען פון דעם האנדעלס־פראלעטאריאט. יעדער אנדער שטאנדפונקט, אהן אויסנאהם פון די, וועלכע זעהען אויס אויפ׳ן ערשטען קוק גאנץ דעמאקראטיש, ווי למשל, דער שטאנדפונקט פון די אינטערעסען פון דער „בעפעלקערונג" אדער פון דעם „קאנסומענט" קען אונז נור ברייננען צו א פלאנטער פון סתירות אהן א שום אויסוועג.

IV.

אויף דעם קלארסטען אופן איז דער שטאנדפונקט פון די אינטערעסען פון דעם האנדעלס־פראלעטאריאט אויסגעדריקט אין דעם פארשלאג פון דער סאצ. דעם. פראקציע אין גאס. דומע, וועלכען זי האט אריינגעטראגען אלס א אויסבעסערונג צום געזעץ־פראיעקט פון דער רעגירונג אדער, וואס איז דאס זעלבע, צום פראיעקט פון דער ארבייטער־קאמיסיע. אין די פארשלאגען פון די אנדערע פראקציעס פון דער „אפאזיציע" איז דיזער שטאנדפונקט פערדרעהט, פערדארבען געווארען דורך להלוין וזמינע השערות.

דער פארשלאג פון די קאדעטען שטעלט פעסט, אלס אנ׳אלגעמיינעם כלל, פאר די וועכענדיגע זונטאג און די פראוואסלאווגע יום־טובים, און פאר די יודען און מוסולמאנער לאזט ער צו נור אנ׳אויסנאהם פון דיזען כלל. די קאדעטען האבען זיך אויף אזא אופן געשטעלט

נעהען־פראיעקט פון דער רעגירונג; פאר די יודען, בעשטעטיגט די צייטונג, וואלט געווען „א גרויסע טובה", ווען דער פארשלאג פון דער רעגירונג, אז דער האנדעל זאל זיך אבשטעלען זונטאג נור אויף א האלבען טאג, וואלט געווארען א געזעץ. אויף דעם זעלבען שמאל־נאציאנאליסטישען שטאנדפונקט האט זיך אויך געשטעלט דער „דעמאקראטישער „פריינד", ווי דאס איז קלאר קענטיג דערפון, וואס בריינגענדיג די אויבענדערמאנטע מיינונג פון „הד הזמן", פראטעסטירט ער ניט געגען איהר מיט קיין איינציגען ווארט, פערקעהרט, ער צושטימט זי מיט א קוים פערבארגענעם מיטגעפיהל (זעה „פריינד" נום. 152, פון 4־טען יולי 1910).

אויפ׳ן שטאנדפונקט פון דער הערשאפט פון איין אמונה אין דער מלוכה. אז די קאדעטען האבען צוגעפאסט זייער פארשלאג צו דעם פאקט, וואס עס עקזיסטירט אין רוסלאנד א „איבער־הערשענדע אמונה", האט אפענהארציג ערקלערט קאפלער. אויף דער זיצונג פון ערשטען מאי האט ער געזאגט: „דער פארשלאג פון די סאצ. דעם. איז צוזאמענגעשטעלט געווארען אזוי, פונקט ווי ביי אונז אין רוסלאנד וואלט נאר קיין איבערהערשענדע אמונה ניט געווען, פונקט ווי עס וואלט געווען גאנץ גלייך, וועלכען טאג פון וואך מען וועט מאכען פאר א יום־טוב: זונטאג, מאנטאג אדער אנ׳אנדערען". אין ווייטער: „אויב... דער געזעץ זאל האבען אזא נוסח, ווי די סאציאלדעמאקראטישע פארטיי לייגט פאר, ד. ה. אין דעם ארטיקעל וועט מען אפילו ניט דערמאנען, אז מען מוז פייערן די יום־טובים פון דער קריסטליכער קירכע, דעם אזא געזעץ, נאך מיין מיינונג, די מעהרהייט פון פאלק ווייניג פערשטעהן *)

ארויסגעהענדיג פון דעם פאקט פון דער הערשענדער אמונה און האלטענדיג בכלל פאר אבנארמאליש צו פייערן זונטאג אין די פראוואסלאווגע יום־טובים, האבען די קאדעטען געצוואונגען געווען ארויסצושטעלען בגלוי צו די „אינאראדצעס" פונקט א פערקעהרטען פרינציפ — דעם פרינציפ פון א „פרייער ברירה" אין פון „פערבאטענע". זיי זאגען ניט פשוט, אז די יידישע און מוסולמאנישע אנגעשטעלטע פייערן ענטשפרעכענד שבת און פרייטאג, נאר זיי זאגען, אז יודען און מוסולמאנער „לאזט מען איבער אויסקלייבען" שבת אדער פרייטאג „אנשטאט זונטאג". אויף אזא אופן קומט אויס, לויט דעם זין פון דיזער פארמולירונג, אז ביי די יודען און די מוסולמאנער וועלען די בעלי הבתים און די אנגעשטעלטע האבען דאס רעכט אויסצוקלייבען דעם טאג פון רוה דורך א פרייען אבמאך צווישען זיך.

פרינציפיעל טאר מען דאס ניט ערלויבען, אין דער פראקטיק קען דאס, אפילו זעלטען, אבער אלץ פארט אנ׳אנדערס מאל ציהען דערצו, אז דעם געזעץ וועט מען עובר זיין און די אנגעשטעלטע וועלען אין דעם אדער אין יענעם פאל בערויבט ווערען פון דעם רוהע־טאג. נאר אפילו דעם פרינציפ פון א „פרייער ברירה" בנוגע צו די יודען און מוסולמענער האבען די קאדעטען ניט דורכגעפיהרט ביז צום סוף: די יודען און מוסולמאנער האבען דאס רעכט צו פערבייטען זונטאג מיט שבת אדער פרייטאג, נאר עס ווערט אבער דורכאויס פערשוויגען, וועגען דעם רעכט צו פערבייטען די פראוואסלאווגע יום־טובים מיט זייערע אייגענע. אין עס קומט אויס, אז די יום־טובים וועלען יודען און מוסולמאנער אלץ פארט מוזען פייערן. *)

אויך אזוי ווי די קאדעטען האבען די פראגרעסיסטען געבויט זייער פארשלאג אויף אפארטוניסטישע סברות וועגען דער הערשענדער קירכע און האבען אנגענומען פאר אנ׳אלגעמיינעם כלל דעם חוב צו פייערן זונטאג און די פראוואסלאווגע יום־טובים, צוגעבענדיג צו זיי נאך דעם טאג פון ניי־יאהר, פון דער בעפרייאונג פון די פויערים (19 פעברואר) און דעם 1־טען מאי. אנ׳אויסנאהם פון דיזען כלל האבען די פראגרעסיסטען געמאכט פאר ניט־קריסטען און ניט־פראוואסלאווגע, נאר דער ענטשפרעכענדער פונקט איז ביי זיי פארמולירט א סך ערגער ווי ביי די קאדעטען. אין איהם שטעהט: „אבליגאטארישע בעשטימונגען קענען די פעסטשטעלען אזוי אויך אבלעגען אויף אנדערע טעג דעם פערבאט צו פיהרען דעם האנדעל אין די בעשעפטיגונגען". אויף אזא אופן מאכט מען די יום־טוב־רוהע פון מוסולמאנער און יודען אינגאנצען אבהענגיג פון אבליגאטארישע בעשטימונגען, ד. ה. פון צופעליגע קאמבינאציעס אין די ארטיגע אינטערעסען, אויסער דעם, וואס דער

---

*) זעה דעם סטענ. בער. וועגען דער זיצונג פון 1־טען מאי 1910

*) דעם פונקט, וואס האט א שייכות צו יידען און מוסולמאנער, האבען די קאדעטען פארמולירט אלס אנ׳אנמערקונג צום גרונד־ארטיקעל וועגען דעם פייערן פון זונטאג און אנדערע פראוואסלאווגע יום־טובים. דער פונקט האט פאלגענדען נוסח: „די מוסולמאנער און די יודען לאזט מען איבער אויסצוקלייבען אנשטאט זונטאג, פרייטאג אדער שבת אויף אבצושטעלען דעם האנדעל און די בעשעפטיגונגען פון די אנגעשטעלטע. דערביי מוז דער בעל הבית פון געשעפט מודיע זיין וועגען דעם אויסוואהל פון אזא טאג יעדער איינריכטונג, וועלכער עס איז איבערגעגעבען די השגחה איבער דער אבהיטונג פון דער יום־טוב רוה. די בעלי הבתים טארען ניט צוציהען זייערע אנגעשטעלטע צו ארבייטען אין אזעלכע טעג, ווען די ארבעט איז, לויט דער אמונה פון די אנגעשטעלטע, פערבאטען. דיזע אנמערקונג האט פערטיידיגט פון דער דומע־טריבונע אויך דער יודישער דעפוטאט פרידמאן.

פּונקט דעם חסרון, וואָס ער איז זעהר אומבעשטימט פאָרמולירט און דערמאָנט גאָר ניט וועגען וועלכע גרופּען פון דער באַפעלקערונג עס רעדט זיך אין איהם, אין גיר פון די רעדען, אין וועלכע די טרודאָוויקעס האָבען מאָטיווירט זייער פאָרשלאָג, האָט מען געקענט זיך דערוויסען, אַז ער האָט אין זינען די יידען און די מוסולמאַנער, ווי אויך די ניט־פּראַוואָסלאַווע קריסטען.

די מוסולמאַנישע פראַקציע און די פּוילישע קאָלאָ האָבען געפיהרט אַ שמאָל־עגאָאיסטישע פּאָליטיק און אין זייערע פאָרשלאָגען זענען זיי ניט אַרויס פון די גרענעצען פון זייער נאַציאָן. האַנדלענדיג אין זינען צו געפינען חן אין די אויגען פון די אָקטיאָבריסטען און די רעכטע, האָבען די מוסולמאַנער ווי אין דער קאָמיסיע, אַזוי אויך אין דומע אונטערגעשטריכען, אַז זיי זאָרגען נור וועגען זיך, אַז זיי לײגען פאָר נור די מוסולמאַנער ניט צווינגען צו פייערן די קריסטליכע יום־טוב׳ים. און איינער פון די מוסולמאַנישע דעפּוטאַטען, האַס־מאַמעדאָוו, איז אפילו געגאַנגען אַזוי ווייט, דאָס ער האָט זיך ערלויבט עפענטליך צו ערקלערען, אַז ער אָנערקענט דעם בעשלוס פון די דומע־קאָמיסיעס וועגען דעם יום־טוב־רוה אונבעדינגט פאַר אונריכטיג נור בנוגע צו די מוסולמאַנער: „צוויי דומע־קאָמיסיעס — האָט ער געזאָגט — האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דיעזער פראַגע און קיין איינציגע פון זיי האָט, נאָך אונזער מיינונג, ניט געגעבען קיין גערעכטען און ריכטיגען ענטפער, לכל הפחות, בנוגע צו אונז, מוסולמאַנער". *) דיזער „לכל הפחות" בעדייט ניט מעהר און ניט ווייניגער, אַז האַס־מאַמעדאָוו דערלאָזט דעם געדאַנק, אַז בנוגע צו יידען האָבען די קאָמיסיעס אפשר יע אַרויסגעטראָגען אַ „גערעכטען און ריכטיגען ענטפער". און גיר נאָך דעם, ווען די רעדנער פון די סאָציאַלדעמאָקראַטען און די טרודאָוויקעס האָבען שאַרף פּראָטעסטירט געגען אַזאַ אויספיהרונג, האָט זיך די מוסולמאַנישע פראַקציע געפיהלט געצוואונגען צו ערקלערען, מיט אַ ספּעציעלען האַרצען, דורך נאַידאַראָוו, אַז זי „וועט שטימען פאַר יעדע אויסבעסערונג, וואָס פערבעסערט די נאַציאָנאַלע אינטערעסען פון יעדען פאָלק, וואָס לעבט אין דער רוסלענדער מדינה".

די פּוילען האָבען זיך אין זייער פאָרשלאָג בעגנוגענט מיט דער פאָדערונג צו געבען די קאַ־פּוילקען דאָס רעכט צו פייערן די יום־טוב׳ים נאָך דעם נייען סטיל, וואָס איז אָנגענומען אין פּוילען (נאָך דעם גרעגאָריאַנישען לוח). נאָר אין זיין רעדע האָט דער מיטגליעד פון פּוילישען קאָלאָ פּאַרשעווסקי געמאַכט זיך אַ האַרץ צו אַריינדאַרבען אַ ווערטעל אויך פאַר יידען. אַ שעהנער ווערטעל: אָנהייבענדיג, אַז מען מוז, הייסט עס, „ענטגעגען קומען דער יידישער באַפעלקערונג", האָט ער פאָרגעלעגט... „אַריינטראָגען אַ געוויסע ערלייכטערונג" פאַר זיי בנוגע צו דער פּאָליציי אָבציהיטען די גרויסע קריסטליכע יום־טוב׳ים, ד. ה. זיי זאָלען אַלץ מאַכען מחייב דיזע יום־טוב׳ים אָבציהיטען, אָבער ניט אין אַזאַ שטרענגען גראַד, ווי די קריסטען. וואָס איז שייך צו זונטאָג, איז פאַר דעם הערן פּאַרשעווסקי, ווי עס ווייזט אויס, קיין שום ספק ניט געווען, אַז מען מוז צווינגען די יידען צו פייערן דוקא דיזען טאָג און דערביי נאָך אָהן יעדער „ערלייכטערונג".

V.

מיר וועלען איצטער איבערגעהן צום פאָרשלאָג פון די סאָצ. דעמאָקראַטען, מען מוז זאָגען, אַז די לאַגע פון דער סאָצ. דעמאָקראַטישער פראַקציע איז געווען ניט קיין לייכטע, ווייל סיי אינ׳ם פּאַרטיי־פּראָגראַם, סיי אין דער פּאַרטיי־ליטעראַטור האָט זי ניט געקענט געפינען קיינע אָנגעוויזענע אָנווייזונגען ווי צו האַלטען זיך אין דער פראַגע וועגען דער יום־טוב־רוה. דאָס פּראָגראַם בעגנוגענט זיך מיט אַ גאַנץ אַלגעמיינער פאָדערונג „פעסטשטעלען דורך דעם געזעץ אַ וועכענטליכע רוה־צייט, וואָס זאָל דויערן כסדר אָהן הפסקות ניט ווייניגער ווי 42 שעה, פאַר אַלע געדונגענע אַרבייטער פון ביידע געשלעכטען אין אַלע צווייגען פון פאָלקס־ווירטשאַפט"; דאָס פּראָגראַם נעהמט, אויף אַזאַ אופן, לחלוטין ניט אין בעטראַכט יענע נאַציאָנאַלע שוועריגקייטען, וועלכע ענטשטעהען ביי דער פעסטשטעלונג פון דער פראַגע וועגען דעם טאָג פון דער רוהע צייט און וועלכע זענען בעזונדערס גרויס בנוגע צום מסחר.

עטוואָס מעהר האָט געגעבען די אַרבייטער־ליטעראַטור. ניט קוקענדיג, וואָס אין איהר האָבען זיך געפיהרט אויסערגעוועהנליך קנאַפּע דיסקוסיעס איבער דער פראַגע וועגען יום־טוב־רוה, האָבען זיך דאָך קלאָר אַרויסגעוויזען אייניגע הויפּט־אויס בעשטימטע שטאַנדפּונקטען. זיי האָבען זיך אַם בעסטען אויסגעדריקט אין דעם „פּראָפעסיאָנאַל וועסטניק", וואָס געהט אַרויס אין פּעטערבורג.

---

*) פון דער רעדע אויף דער זיצונג פון 28־טען אַפּריל ווה סטען. בער.

אייניגע האָבען גערעכענט, אַז פאַר די אָנגעשטעלטע מוז מען בעוואָרענען די רוה־צייט אין אַזאַ טאָג פון וואָך, וועלכער רעכענט זיך פאַר אַ יום־טוב נאָך זייער אמונה. מאָטיווירט האָט מען דיזע מיינונג דערמיט, וואָס די יום־טוב־רוה פערדיענט נור דאַן דעם דאָזיגען נאָמען, ווען דער אַברוהענדער אָנגעשטעלטער האָט די מעגליכקייט צו בעפרידיגען אין דעם טאָג זיינע רעליגיעזע און קולטורעלע בעדערפניסען, ווען די צייט פון דער רוהע איז פאָלקאָם צוגעפּאַסט צו די בעדינגונגען פון דער אמונה, און די מנהגים און צו דער אַרט לעבען פון יענעם פאָלק, צו וועלכען עס געהערט די בעטרעפענדע גרופּע אָנגעשטעלטע. וואָס איז שייך צו דער טענה, אַז ביי אַזאַ פעסטשטעלונג פון דער פראַגע קענען ליידען די עקאָנאָמישע אינטערעסען פון אַ טייל סוחרים, געהערט זי ניט צום ענין און זי קען אין בעטראַכט ניט גענומען ווערען, ווייל דיזער געזעץ שטעלט זיך פאַר אַ ציעל ניט צו רעגולירען דעם האַנדעל, נור פערהיטען בעשטימטע אינטערעסען פון די אַרבייטענדע, און במילא מוז מען דערביי פון אָנהויב אָן מסכים זיין אויף געוויסע מאַטעריעלע היזקות פאַר די הענדלער, אויב נור דיזע היזקות זענען אין דער אמת׳ן אונפערמיידליך, ווען מען וויל ווי געהעריג און ראַציאָנעל אַוועקשטעלען דעם שוץ פון דער אַרבייט! *)

אַנדערע, אַרויסגעהענדיג פון דעם פּרינציפּ, אַז די אמונה מוז אָבגעטיילט זיין פון דער מלוכה און די מלוכה טאָר ניט דריקען אויף דעם רעליגיעזען געוויסען, האָבען פאָרגעלייגט, אַז די פראַגע וועגען יום־טוב־רוה זאָל מען איבערלאָזען צו בעשליסען דער „פרייער זעלבסטבעשטימונג" פון יעדער רעליגיעזער אָרדע, וואָס איז אין דעם פאַל דאָס זעלבע, נאַציאָנאַלער גרופּע פון האַנדעלס־פּראָלעטאַריאַט. מיט אַנדערע ווערטער: דאָ האָט מען פערטיידיגט יענע אַנזיכט, אַז דעם האַנדעלס־פּראָלעטאַריאַט פון יעדער נאַציאָן מוז מען געבען דאָס רעכט פעסטצושטעלען פאַר זיך דעם טאָג פון רוה, לויט זיינע רעליגיעזע מנהגים. *)

לסוף די דריטע נעהמען פאַר דעם אויסגאַנגס־פּונקט, אַלס אַ היכערען פאַקט, דעם היפך צווישען די אַלגעמיין־עקאָנאָמישע און די אַלגעמיינע אַרבייטער אינטערעסען, פון איין זייט, און די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע אינטערעסען, פון דער אַנדערער זייט: די קאָנקורענץ פאָדערט, אַז אויף דעם שטח פון דער גאַנצער מלוכה זאָל דער גאַנצער מסחר געפיהרט ווערען גלייכצייטיג. די וועלכע גלייכצייטיגקייט פאָדערט זיך אויך צוליעב די אינטערעסען פון אַ ווירקליכען קאָנטראָל, אַז די בעלי־בתים זאָלען אָבהיטען דעם געזעץ וועגען דער רוה פאַר די אָנגעשטעלטע; די גלייכצייטיגקייט פון דער יום־טוב־רוה איז אויך נויטיג צוליעב דער קולטורעלער און פּאָליטישער התקרבות פון די פּראָלעטאַרישע גרופּען פון פערשיעדענע נאַציאָנען. אָבער די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע אינטערעסען פון דיזע גרופּען פאָדערן, פערקעהרט, אַז די יום־טוב־רוה זאָל איינגעשטעלט ווערען אויף פערשיעדענע צייטען. אַרויסגעהן פון דיזען היפך קען מען נור דורך אַ פּשרה: אָנגעהמען פאַר אַ פּרינציפּ די גלייכצייטיגקייט פון דער יום־טוב־רוה, נאָר צולאָזען אויסנאַהמען פון דיזען כלל אין איינצעלנע פאַלען. אויף אַזאַ אופן בעקומט מען דעם פאָלגענדען בעשלוס: עס ווערט פעסטגעשטעלט, אַלס אַ כלל, צו פייערן אָבליגאַטאָריש אומעטום זונטאָג, דערביי קען מען אין איינצעלנע ערטער דעם זונטאָג פערבייטען מיט אַן אַנדער טאָג פון וואָך, אָבער מיט דעם תנאי, אַז אין דעם טאָג זאָלען פערמאַכט ווערען אַלע געשעפטען אָהן אַן אויסנאַהם, גאַנץ גלייך צו וועלכער נאַציאָן עס זאָלען ניט געהערען זייערע בעלי־הבתים און אָנגעשטעלטע. דערביי ווערט, פערשטעהט זיך, אַ געוויסע מינדערהייט פון אָנגעשטעלטע „בעדריקט זיין אין זייער רעכט צו בעפרידיגען די רעליגיעזע בעדערפניסען. דאָס איז, פערשטעהט זיך, אַ גרויסע צרה, אָבער אַן אונפערמיידליכע צרה." *)

דער לעצטער שטאַנדפּונקט איז אָנגענומען געוואָרען אין דער קאָמיסיע פון דער סאָצ. דעמאָקראַטישער דומע־פראַקציע פאַר די ענינים פון די אָנגעשטעלטע און ער האָט געדיענט פאַר דעם יסוד פון דעם פאָרשלאָג, וואָס איז אַריינגעטראָגען אין דעם ערשטען טעקסט פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטישע אויסבעסערונגען צום געזעץ־פּראָיעקט פון דער רעגירונג וועגען דער רוה פון די אָנגעשטעלטע. דיזער פאָרשלאָג איז פאָרמולירט געווען אַזוי: „פאַר דעם טאָג פון דער וועכענטליכער רוה רעכענט זיך זונטאָג; די זונטאָג־רוה קען דורך געמיינדע קאָמיסיעס צוליעב נאַציאָנאַלע און קאָנפעסיאָנעלע בעדינגונגען איבערגעטראָגען ווערען אויף אַן אַנדער טאָג פון וואָך".

דיזער פּונקט האָט אַרויסגערופען אַ שטאַרקע אָפּאָזיציע אין דער דומע־קאָמיסיע, וואָס איז גע־

---

*) „פּראָפעסיאָנ. וועסטניק" 22.

*) „פּראָפעסיאָנ. וועסטניק" נומ. 25

*) „פּראָפעסיאָנ. וועסטנ. נומ. 24

גריגדעם אויף צו העלפען דער ס. ד. פראקציע. קודם כל די טענות געגען זונטאג. דער פארשלאג פעסטצושטעלען זונטאג פאר דעם טאג פון רוה קען מען אויסטייטשען מיט א פאלשען פשט און ער קען ארויסרופען גרויסע פראטעסטען אין די נאציאנאלע ארגאניזאציעס. אויסער דעם, האט מען ווייטער געזאגט, וועט מען אין דומע געוויס האלטען א סך נאציאנאליסטישע און רוסיפיקאטארישע דרשות וועגען זונטאג, און די סאציאל-דעמאקראטען טארען ניט, אפילו נור אויסערליך, צוזאמענמישען זיך מיט דיזען לאגער. צוליעב דיזע טעמים האט מען פארגעלעגט ניט צו בעשטימען אין געזעץ דעם טאג פון רוה, נאר איבערלאזען דעם בעשלוס פון דיזער פראגע דער „זעלבסטבעשטימונג" אויף די ערטער. דערויף האט אויך מסכים געווען די סאציאל-דעמאקראטישע פראקציע.

ווייטער האט מען א סך וכוחים געפיהרט אין דער ס. ד. דומע-קאמיסיע וועגען דעם, ווער עס דארף בעשטימען דעם טאג פון רוה אין דעם בעטרעפענדען ארט. מען האט פארגעלעגט, אז דאס זאל בעשטימען דירעקט די בעפעלקערונג אליין, וועמענס הילכן ס'קען בעשטימט ווערען דורך א רעפערענדום אדער דורך א פאלקסצעהלונג. דיזען פארשלאג האט מען פערווארפען מחמת דעם טעם, ווייל מען קאן דאך ניט אבהענגיג מאכען די אינטערעסען פון די אנגעשטעלטע פון א מאס ציפעלינען איבערגעוויכט פון א וועלכען ניט איז נאציאנאלען עלעמענט אין דער בעטרעפענדער שטאדט (למשל, צוליעב דעם חיל, וואס מען האט אהין געבראכט). אבגעשטעלט האט מען זיך דערויף, אז דער רוה-טאג זאל בעשטימט ווערען דורך דער ארטיגער זעלבסטפערוואלטונג, דאס דארף זיין דעמאקראטיש ארגאניזירט אויפ'ן יסוד פון אלגעמיינעם וואהלרעכט. דיזער פארשלאג איז שוין דערפאר אליין ניט געראטען געווען, ווייל וועגען א באמת-דעמאקראטישער זעלבסטפערוואלטונג קען קיין רייד ניט זיין ביי די היינטיגע בעדינגונגען. ער איז אויך ניט אנגענומען געווארען אין דער ס. ד. פראקציע, וועלכע האט געפונען פאר צוועקמעסיג איבערגעבען דעם בעשלוס פון דער פראגע אין די הענד פון די דירעקט פאראינטערעסירטע צדדים: אין געמישטע קאמיסיעס, צוזאמענגעשטעלטע פון א גלייכער צאהל פארשטעהער פון די בעלי-בתים און אנגעשטעלטע.

לסוף, האט די ס. ד. דומע-קאמיסיע פארגעלעגט א פונקט, וואס האט דעם ציעל צו פערהיטען די „רעכטען פון דער מינדערהייט" אין אזעלכע שטעדט, וואו עס געפינען זיך בעזונדערע נאציאנאלע קווארטאלען (ווי למשל „פאדאל" אין קיעוו, וועלכער איז בעוואוינט פון יודען). פאר אזעלכע שטאדט-טיילען האט זי רעקאמענדירט צו מאכען אן אויסנאהם, ד. ה. ערלויבען האנדלען דארטען אין יענעם טאג, וועלכער איז בעשטימט געווארען פאר א רוהע-טאג אין דער גאנצער שטאדט, נאר מיט דעם תנאי, אז די געשעפטען זאלען בלייבען אפען העכסטענס ביז צוויי א זייגער ביי טאג. *) דיזע אויסבעסערונג וועגען די „רעכטען פון דער מינדערהייט" האט אבער די סאציאלדעמאקראטישע פראקציע ניט אנגענומען.

אויף אזא אופן האט דער פארשלאג פון דער ס. ד. פראקציע, נאך די אנגעוויזענע אימענדערונגען, בעקומען אזא געשטאלט: „דער טאג פון דער וואכענטליכער, ווי אויך די טעג פון דער יום-טוב-רוה ווערען בעשטימט דורך געמישטע קאמיסיעס גלייכארטיג פאר יעדען ארט, לויט די ארטיגע נאציאנאלע און קאנפעסיאנעלע בעדינגונגען". אין דיזער ענדגילטיגער רעדאקציע האבען די אויסבעסערונג פארטיידיגט די ס. ד. רעדנער פון דער דומע-טריבינע.

VI.

מאטיווירט האט מען דיזע אויסבעסערונג מיט די אונז שוין בעקאנטע טעמים: ווען מען זאל רוהען אין פערשיעדענע טעג פון וואך אין איין און דערזעלבער שטאדט, ווערט דירעקט שווערער דער קאנטראל און עס עפענט זיך פאר די בעלי-הבתים א ברייטער וועג אויף עובר צו זיין דעם געזעץ; אז אלע גרופען פון פראלעטאריאט זאלען פייערן אין איין און דעמזעלבען טאג אין וואך איז אויך נויטיג צוליעב דער פאליטישער אייניגונג פון פראלעטאריאט אין בכלל צוליעב דער ענטוויקלונג פון דעם געפיהל פון דער פראלעטארישער אחדות, ווייל, ווי עס איז בעקאנט, בענוצען די ארבייטער דיזער רוהע-טאג פאר פערזאמלונגען און בכלל פאר יעדערליי ארט געמיינזאמען פערקעהר.

אין דיזער בעטראכטונג איז ריכטיג נור דאס, אז די אונגלייכצייטיגקייט פון דער יום-טוב-רוה אין איין שטאדט פערוויקעלט די לאגע און מאכט שווערער צו געפינען אן אויסגאנג פון איהר. נאר דאס זעלבע קען מען זאגען וועגען יעדער אנדער פראבלעם, וואו ס'איז אריינגעמישט דער עלעמענט פון נאציאנאליטעט. אזא טבע האבען שוין די נאציאנאלע פערשיעדענהייטען, אז זיי מאכען שווערער די פערענטפערונג פון דער פראגע, און אויב די מענשהייט וואלט פון דער פראגע, און אויב די מענשהייט וואלט נאר ניט צוטיילט געווען אויף נאציאנען, וואלט מסתמא אליין אויסגעקומען בעדייטענד איינפאכער. די קינסט פון דער פראקטישער פאליטיק בעשטעהט גראדע אין דעם, וואס מען דארף זיך רעכענען מיט דער גאנצער פערשיעדענארטיגקייט און פיעלגעשטאלטיגקייט פון די בעדינגונגען אין דעם ווירקליכען לעבען, און ניט פשוט אויסמעקען פון השבון דעם אדער יענעם עקזיסטירענדען אינטערשייד (למשל, דעם נאציאנאלען), ווי באלד נור ער ווייזט זיך ארויס אלס אונבעקוועם.

די אונגלייכצייטיגקייט פון די רוהע-טעג מאכט שווערער די השגחה איבער די אבהיטונג פון געזעץ — ריכטיג; נאר אונמעגליך ווערט זי דאך צוליעב דעם ניט. דאס זעלבע איז אויך ריכטיג בנוגע צו דער ארגאניזירונג פון פראלעטאריאט, נאך מעהר דערפאר, ווייל אלערליי ארבייטער-פערזאמלונגען קומען געווענליך פאר אין אבענד. און בכלל איז דאס א ביסעל משונהדיג צו מאכען אבהענגיג פון אייניגע פארטיי-ארגאניזאטארישע בעקוועמליכקייטען (ווי די מעגליכקייט בעסער אויסניצען די יום-טובים פאר געמיינזאמע פערזאמלונגען פון ארבייטער פון פערשיעדענע נאציאנען) די פערענטפערונג פון אזא גרויסע פראגע, ווי די פראגע וועגען יום-טוב-רוה, וועלכע רייסט זיך אריין אין א קאמפליצירטע ספערע פון פערשיעדענארטיגע אינטערעסען: נאציאנאלע, קולטורעלע און עקאנאמישע.

דא וועט כדאי זיין צו זאגען עטליכע ווערטער וועגען נאך א געדאנק, מיט וועלכען מען מאטיווירט די גלייכצייטיגקייט פון דער יום-טוב-רוה — א געדאנק, וועלכער האט אויסגענומען אין אייניגע ס. ד. קרייזען און וועלכען מען האט אגב אויך פערטיידיגט אין דער ס. ד. דומע-קאמיסיע. דיזער געדאנק, וועלכען די ס. ד. פראקציע האט ניט ארויסגעשטעלט פאר א טענה און האט אויף איהם, א פנים, ניט מסכים געווען, בעשטעהט אין דעם, וואס די איינשטעלונג פון איין און דעמזעלבען רוהע-טאג פאר אלע ארבייטער אהן אונטערשייד פון אמונה און נאציאן איז נויטיג צוליעב די אינטערעסען פון זייער געמיינזאמער „קולטורעלער התקרבות". מען מוז זיך נאר וואונדערן, ווי די מענשען, וועלכע קלערען אזוי, בעמערקען ניט, אז דער וועג, וואס זיי לייגען פאר פיהרט נאר ניט צום ציעל, וועלכען זיי ווילען דערגרייכען. אין דער אמת'ן, די גלייכצייטיגקייט פון דער רוה בעדייטעט אין דער פראקטיק, אז א מעהר אדער ווייניגער בעדייטענדע מינדערהייט פון די ארבייטער אין דעם בעטרעפענדען ארט היט ניט אב איהרע יום-טובים, נאר פייערט פרעמדע יום-טובים, די יום-טובים פון דער מעהרהייט. די מינדערהייט איז אויף אזא אופן געצוואונגען צו ווארפען א טייל פון איהר קולטור און אננעהמען א פרעמדע קולטור; די מינדערהייט ווערט אין קולטורעלער הינזיכט ענהליך צו דער מעהרהייט, זי צעגעהט זיך אין איהר, אבער זיי דערנעהנטערן זיך ניט איינע צו די אנדערע. אנשטאט א קולטורעלער התקרבות בעקומט זיך א קולטורעלע אסימילאציע.

אן אמת'ע קולטורעלע התקרבות צווישען צוויי פערשיעדענע נאציאנאלע גרופען פון ארבייטער קען דערגרייכט ווערען נור אין דעם פאל, ווען קיין איינציגע פון דיזע גרופען וועט ניט געדריקט זיין אין דער בעפריעדיגונג פון איהרע קולטורעלע בעדערפניסען, ד. ה. אין דיזען פאל, ניט דאמאלס, ווען די אדער יענע ארבייטער-גרופע וועט געצוואונגען זיין אבצוהיטען פרעמדע יום-טובים, נאר דאן, ווען איהר וועט געגעבען ווערען די פאקטישע מעגליכקייט צו פייערן יענע יום-טובים, וועלכע זי רעכענט פאר איהרע. דאס וואלטען געמוזט מודה זיין אויך יענע, וועלכע וועלען זיך סומך אין דער פראגע וועגען דער יום-טוב-רוה אויף דער „קולטורעלער התקרבות", אויב זיי וואלטען נור געווען קאנזעקווענט.

כדי צו איבערצייגען זיך דערינען, איז גענוג צו דערמאנען, מיט וואס זיי מאטיווירען די פאדערונג פון א יום-טוב-רוה פאר ארבייטער און ניט פון א רוהע-טאג בכלל. זיי זאגען: „פרינציפיעל איז בערעכטיגט די פאדערונג פון א

---

*) די דומע-קאמיסיע האט דערביי גענומען פאר א מוסטער דעם ענגלישען געזעצפראיעקט, וואס די רעגירונג האט איינגעטראגען אין פארלאמענט דעם 5-טען אויגוסט 1909. אין איהם שטעהט: „זונטאג מוזען אלע מאגאזינען פערמאכט ווערען. אין יענע טיילען פון שטאדט, וואו עס וואהנען דער עיקר יודען, קענען די מאגאזינען זיין אפען זונטאג ביז 2 א זייגער ביי טאג, אבער מיט דעם תנאי, אז פון פרייטאג אין אבענד ביז שבת צו נאכט זאלען זייערע מאגאזינען געשלאסען זיין".

יום-טוב-רוה דערפֿאַר, װײַל דאָס איז די אַלגעמײנע איבערצײַגונג פֿון דער סאָציאַל-דעמאָקראַטיע, אַז דער פּראָלעטאַריאַט קען מנצח זײַן די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפֿט, ניט איזאָלירענדיג זיך, אָבצוימענדיג זיך פֿון איהר קולטור, נאָר, פֿערקעהרט, שטיצענדיג זיך אויף דיזער קולטור און אויסנוצענדיג זי צוליעב זײַנע צילען. נאָר אויף װעלכען אופֿן ניצט אויס דער פּראָלעטאַריאַט די קולטור פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט? ביז צו אַ בעדײַטענדען גראַד — בלײַבענדיג אין די בעדינגונגען פֿון יענער נאַציאָנאַלער סביבה, אין װעלכער ער לעבט. פֿון דאַנען איז געדרונגען, אַז צו די קולטורעלע מיטלען פֿון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט װעט דער פּראָלעטאַריער בעקומען אַ לײַכטערן צוטריט, װען ער װעט רוהען אין דעם טאָג, װען עס רוהען די אַנדערע בירגער פֿון זײַן פֿאָלק.—נאָר לאָמיר זיך אָבער אומקעהרען צוריק צו דעם פֿאָרשלאַג פֿון דער סאָציאַלדעמאָקראַטישער פֿראַקציע.

מיר האָבען געזעהן, אַז מען קען ניט מסכים זײַן מיט די פּרינציפּען, װאָס האָבען געדיענט פֿאַר אַ יסוד צו דעם סאָצ. דעם. פֿאָרשלאַג. נאָר דאָס איז נאָך װעניג: מען מוז אויך מודה זײַן, אַז דער פֿאָרשלאַג גופֿא איז סותר דעם געדאַנק פֿון אַ יום-טוב-רוה. די רוה פֿון דעם אַרבײַטער דאַרף זײַן ניט נור אַ בעשטימטע מאָס אַבריה אין אַ משך פֿון אַ געװיסער צײַט, נאָר זי מוז אויך ענטשפּרעכען זײַנע אינטימע נאַציאָנאַל-קולטורעלע בעדינגונגען, ד. ה. זי מוז זײַן אַ יום-טוב-רוה. דער אַרבײַטער מוז האָבען די מעגליכקײַט צו רוהען, װען עס רוהט זײַן געזינד, און צו בעניצען זיך מיט יענעם סיעל-אַרטיגען קולטורעלען לעבען, װעלכער װיקעלט זיך פֿאַנאַנדער נור אין אַ יום-טוב, אין יענעם טאָג, װען עס רוהען אויך די אַנדערע מיטגלידער פֿון דער געזעלשאַפֿט, ניט נור די אַרבײַטער אַלײן.

עס פֿערשטעהט זיך, די סאָצ.-דעמאָקראַטען האָבען פֿערטײַדיגט אין דומע דעם דאָזיגען כלל. פֿערקאַלן האָט געזאָגט: מיר „פֿאָדערען, אַז אַלע אַנדערסגלויביגע און אַלע „אינאָראָדצעס" זאָל מען ערלויבען צו פֿײַערן יענעם טאָג, װעלכען די געפֿינען פֿאַר דעם בעקװעמסטען, לויט די בעדינגונגען פֿון זײער אמונה, זײער קולטור און זײער אַרט לעבען. נאָר ער האָט אויך מוסיף געװעזען, אַז דיזע פֿאָדערונג קען אין אַ פֿולער מאָס ניט פֿערװירקליכט װערען, און אַז אין יעדען אָרט װעט אַלע מאָל בלײַבען אַ מינדערהײט, װאָס איז בעראויבט פֿון דער רוה אין זײַן יום-טוב.

„אַ געװאַלט איבער דער מינדערהײט װעט אין דער פּראַגע אונפֿערמײַדליך זײַן, װײַל „עס װעט זיך קיים געפֿינען אַ שטאַט, װאו די בעפֿעלקערונג זאָל בעשטעהן נור פֿון די פֿאָרשטעהער פֿון אײן נאַציאָן, נור פֿון די פֿאָרשטעהער פֿון אײן אמונה". *) און אין דער אמת'ן נעהמט מען אויס פֿון דעם שטאַנדפּונקט, אַז מען מוז פֿערענטפֿערן די פֿראַגע לויט די בעזונדערע ערטער, װי דאָס האָט געמאַכט די סאָצ. דעם. פֿראַקציע, איז קײן אַנדער ברירה ניטאָ, איז די געװאַלט איבער די מינדערהײטען אַן אונפֿערמײַדליכע צרה.

נאָר ערגער װי אַלץ איז דאָס, װאָס דער סאָצ. דעם. פֿאָרשלאַג האָט אין זיך אַן אינעװעניגסטע סתירה, װעלכע מאַכט איהם פֿאַר אונמעגליך צו פֿערװירקליכען. אין דער אמת'ן, װאָס בעדײַטעט: די געמישטע קאָמיסיע בעשטימט דעם טאָג פֿון רוה „לויט די אָרטיגע נאַציאָנאַלע און קאָנפֿעסיאָנעלע בעדינגונגען"? אזוי װי די קאָמיסיע איז מחויב פֿעסטצושטעלען דעם טאָג פֿון רוה „אײנאָרטיג", ד. ה. אײן און דעמזעלבען טאָג פֿאַר אַלע, קען זי בײַ דעם אויסװאַהל פֿון דיזען טאָג רעכענען זיך נור מיט דער אמונה אין דער נאַציאָנאַליטעט פֿון דער מעהרהײט פֿון דער בעפֿעלקערונג אין דעם בעטרעפֿענדען אָרט. נאָר דאָס איז פֿאַר איהר מעגליך נור דאַמאָלס, װען די נאַציאָנאַליטעט פֿון דער מעהרהײט צװישען דער סוחרישער בעפֿעלקערונג איז דיזעלבע װי די נאַציאָנאַליטעט פֿון דער מעהרהײט צװישען דער גאַנצער בעפֿעלקערונג; אין דעם אומגעקעהרטען פֿאַל, אין פֿאַל, װען די נאַציאָנאַליטעט פֿון דיזע בײדע מעהרהײטען פֿאַלט ניט צונויף, װאָלט דער קאָמיסיע אויסגעקומען פֿעסטצושטעלען די יום-טוב-רוה אין אַזעלכע טעג, װעלכע זײַנען ניט קײן יום-טובים פֿאַר דער מעהרהײט פֿון דער סוחרישער בעפֿעלקערונג און במילא, האַנדלען פּונקט קעגען די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע בעדערפֿעניסען פֿון די, װעלכע האָבען זי אויסגעקליבען— ס'איז קלאָר, אַזאַ אויפֿגאַבע קען ניט ערפֿילט װערען.

אָבער גראָדע אַזאַ אויפֿגאַבע װאָלט זיך געשטעלט פֿאַר די געמישטע קאָמיסיעס אין דעם תחום פֿון יודישען ישוב (אײַנגערעכענדיג אויך פּוילען), װאו די יודען זײַנען אומעטום די איבערװיעגענדע סוחרישע בעפֿעלקערונג, אָבער

---

*) פֿון דער רעדע אויף דער זיצונג פֿון 1-טען מאַי, סטענ. בער.

ניט אומעטום בילדען זיי די אַבסאָלוטע מעהרהײט פֿון דער שטאָטישער בעפֿעלקערונג. *) אין אַ גאַנצער ריהע פֿון שטעדט בילדען זיי נור אַ רעלאַטיװע מעהרהײט, ד. ה. זייער צאָהל איז גרעסער פֿאַר דער צאָהל פֿון יעדער אַנדער נאַציאָן, נאָר אין פֿערגלײַך צו דער גאַנצער קריסטליכער בעפֿעלקערונג בילדען זיי די מינדערהײט. פֿון 34 מעהר בעדײַטענדע שטעדט אין מערב-געגענד בילדען די יודען נור אין 13 די גרעסערע העלפֿט פֿון דער בעפֿעלקערונג, דערגרייכענדיג װאו ניט װאו ביז 75% אין מעהר, נאָר אין 21 שטעדט װאַריִ'רט זייער צאָהל צװישען 20,4% און 49,9%. **) בעסער איז אין דעם פֿרט די לאַגע פֿון די יודען אין פּוילען, נאָר אויך דאָרטען זײַנען צװישען אַ סך שטעדט װאו די יודען בילדען די גרעסערע העלפֿט פֿון דער בעפֿעלקערונג (אין אַנדערע ערטער אַפֿילו 80% אין מעהר), פֿאַראַנען צעהנדליגער שטעדט, װאו זיי בילדען נור אַ לפֿי-ערך'דיגע מעהרהײט. אָבער אַפֿילו אין אַזעלכע שטעדט פֿון תחום, װאו די צאָהל פֿון די קריסטען שטײַגט מעהר אָדער װעניגער בעדײַטענד איבער די צאָהל פֿון די יודען, געפֿינען זיך צװישען די סוחרים 90% און נאָך מעהר יודען און אויך זיי, די יודען, בילדען צװישען די אָנגעשטעלטע די װײַט גרעסטע מעהרהײט. אויף אַזאַ אופֿן װאָלט אויסגעקומען, אַז אין אַ לאַנגער ריהע פֿון שטעדט, צװישען װעלכע עס װאָלטען זיך אויך געפֿינען אַזעלכע „יודישע" שטעדט, װי װילנא, גראָדנאָ, דװינסק, מאָהילעװ, קרעמענטשוג און אַנד., װאָלטען די געמישטע קאָמיסיעס, צוזאַמענגעשטעלטע דער עיקר פֿון יודען געמוזט בעשטימען, לויט דעם פּונקטליכען פּשט פֿון דעם סאָצ. דעם. פֿאָרשלאַג, צו פֿערמאַכען די געשעפֿטען זונטאָג אין בעת די אַנדערע קריסטליכע יום-טובים און צװינגען צו פֿײַערן דיזע יום-טובים די האַנדעלס בעפֿעלקערונג, װאָס בעשטעהט כמעט דורכאויס פֿון יודען. *)

ס'איז קלאָר, אַז די לאַגע פֿון די געמישטע קאָמיסיעס אין יודישען תחום װאָלט געװען זעהר אַ פֿערצװײַפֿעלטע.

מיר רעדען שוין ניט װעגען דעם, װאָס די געמישטע קאָמיסיעס בילדען, לויט זייער צוזאַמענשטעלונג, אַזאַ אײַנריכטונג, װאָס איז אַם װעניגסטען מסוגל אויסצוטראָגען אַ בעשלוס אין דינען פֿון דעם מעהרהײטס-פּרינציפּ. דערין איז זיך לײַכט צו איבערצײַגען, װען מען דערמאָנט זיך די פֿאַקטען פֿון דער טעטיגקײט פֿון די געמישטע קאָמיסיעס, װאָס האָבען זיך געבילדעט לויט דעם געזעץ פֿון 1906-טען יאָהר. אַ בײַשפּיעל: די געמישטע קאָמיסיע, װאָס האָט געאַרבײַט אין אָנהייב פֿון 1907-טען יאָהר אין גראָדנאָ, אַ שטאָט, װאו 96% פֿון דער גאַנצער סוחרישער בעפֿעלקערונג בעשטעהען פֿון יודען, האָט פֿונדעסטװעגען געפֿונען פֿאַר מעגליך אָבשטעלען זיך נאָר אויף אַזאַ פּשרה: אַלע געשעפֿטען, װי יודישע אַזוי קריסטליכע, מוזען פֿערמאַכט װערען שבת ביז 10 אַ זייגער אין דער פֿריה און זונטאָג ביז 12 אַ זייגער אין דער פֿריה. אין דיזער פּשרה, װעלכע פֿערזיכערט פֿאָרמעל די יום-טוב-רוה פֿון בײדע צדדים, האָט זיך קלאָר אַרויסגעװיזען די אָפּאָרטוניסטישע פּסיכאָלאָגיע פֿון די געמישטע קאָמיסיעס, װעלכע מאַכט זיי להלכה אונפֿעהיג אָנצונעהמען ראַדיקאַלע בעשלוסען. מעהר ענטשידענער האָט זיך שוין אין דעם פֿאַל אַרויסגעװיזען די גראָדנער שטאָדט-דומע: זי האָט ניט מסכים געװען מיט דער מיינונג פֿון דער קאָמיסיע און האָט בעשטימט, אַז שבת זאָלען פֿערמאַכט װערען די יודישע קראָמען און זונטאָג— די קריסטליכע. די געמישטע קאָמיסיעס מיט אַזעלכע אויפֿגאַבען, װעלכע עס לעגט אויף זיי אַרויף דער סאָצ. דעם. פֿאָרשלאַג, זײַנען בכלל ניט לעבענס-פֿעהיג.

פֿאַנאַנדערװיקלענדיג דעם קנײל פֿון היפּוכים, װאָס ליעגען אין דעם סאָצ. דעם. פֿאָרשלאַג, איז מעגליך נור אויף אײן אופֿן: בעטראַכטענדיג יעדע נאַציאָנאַלע גרופּע פֿון האַנדעלס-פּראָלעטאַריאַט מיט דער פֿאַקטישער מעגליכקײַט צו רוהען אין יענע טעג, װאָס רעכענען זיך פֿאַר יום-טובים אין דער סביבה, אין װעלכער זי לעבט. צוליעב דעם איז, פֿערשטעהט זיך, װעניג צו איבערלאָזען די

---

*) די יודען בילדען נור אין אַלגעמײן עטװאָס מעהר װי אַ העלפֿט (אַרום 52%) פֿון דער גאַנצער שטאָטישער בעפֿעלקערונג אין תחום (רעכענענדיג דערין אויך פּוילען).

**) נאָך דער פֿאָלקסצעהלונג פֿון 1897. פֿון דאַמאָלס אָן האָבען זיך דיזע פֿערהעלטניסע, צוליעב דער מאַסען-עמיגראַציע, געקענט נור פֿערענדערען פֿאַר יודען.

*) למשל אין גראָדנאָ, װאו 96% פֿון אַלע קרעמער און אָנגעשטעלטע זײַנען יודען, האָלט אויסגעקומען צו פֿערמאַכען די געשעפֿטען אין די קריסטליכע יום-טובים, װײַל יודען בילדען דאָרטען נור 48,3% פֿון דער גאַנצער בעפֿעלקערונג (נאָך דער פֿאָלקסצעהלונג פֿון 97-טען יאָהר).

אַנגעשטעלטע דאָס „רעכט" צו פייערן זייערע טעג וואָס ווערען הייליג לויט דער אמונה. „די פרייהייט פון זעלבסטבעשטימונג" אויף דעם געביעט פון די בעציהונגען צווישען אַרבייט און קאַפּיטאַל— און די פראַגע וועגן דער יום־טוב־רוה געהערט צו דיזען געביעט—אַליין פאַר זיך בעוואָרענט נאָך נאָרניט דעם אַרבייטער, ווייל דיזע „פרייהייט" קען זיך לייכט אויסהאַנדלען אין דער פּראַקטיק אונטער דעם דרוק פון קאַפּיטאַל, אין איהר היפך: אין דער ניט־פרייהייט פון „זעלבסטבעשטימונג", אין דער אינמעגליכקייט פאַר די אַרבייטער צו דורכפיהרען אין לעבען דאָס „רעכט", וואָס דער געזעץ גיט זיי. אויב וועגען די יודישע און מוסולמאַנישע אַנגעשטעלטע קען מען נאָך זאָגען, אַז דער „רעכט" פון יום־טוב־רוה וועט ניט בערירט ווערען, ווייל זיי וועלען האָבען אויף זייער צד אַ גיסטען שומר, די אַלטע, שטאַרקע טראַדיציע, געגען וועלכער די בעלי־הבתים וועלען ניט אַרויסטרעטען, קען מען אָבער דאָס זעלבע בשום אופן ניט זאָגען וועגען די קריסטליכע אַנגעשטעלטע, ווייל די ערפאַהרונג בעווייזט, אַז די קריסטליכע קרעמער היטען בכלל ניט אָב די זונטאָג־רוה, ווען דער געזעץ שטערט זיי ניט אין דעם.

דעריבער, כדי דאָס רעכט פון דער יום־טוב־רוה פאַר די אַנגעשטעלטע—אונאָבהענגיג פון זייער אמונה און נאַציאָנאַליטעט—זאָל ניט בלייבען אַבליגאַטאָרישע יורידישע נאָרמען: אין געזעץ מוז בפירוש געזאָגט ווערען, אַז פאַר די טעג פון דער וואָכענטליכער רוה רעכענען זיך זונטאָג— פאַר קריסטען, פרייטאָג—פאַר מוסולמאַנער און שבת—פאַר יודען. דיזע בעשטימונג וועט דורכאויס צוגעפאַסט זיין צו יענע פערהעלטניסען, וועלכע זענען, אלס אַן אַלגעמיינער כלל, שוין איינגעשטעלט געוואָרען דורכ'ן לעבען גופא. נאָר פון אַ כלל קענען זיין אויסנאַהמען און דיזע אויסנאַהמען מוזען אויך פאָרגעזעהן און פאָרמולירט ווערען אין דעם געזעץ. אין דעם פּונקט פון יום־טוב־רוה מוזען די אויסנאַהמען האָבען דעם ציעל צו בעוואָרענען די אַנגעשטעלטע מיט דעם וואָס מען רופט געוועהנליך „פרייהייט פון זעלבסטבעשטימונג". עס קען זיך טרעפען—און טרעפען זיך דאָס ניט אלס אַן אויסנאַהם,—אַז די אַנגעשטעלטע פון אַ וועלכען ניט איז געשעפט זאָלען וועלען רוהען ניט אין דעם טאָג, וואָס איז פעסטגעשטעלט געוואָרען אין דעם געזעץ פאַר זייער נאַציאָנאַליטעט אָדער אמונה. נאָר אין אַ וועלכען ניט איז אַנדער טאָג פון די דריי, וועלכע זענען בעשטימט געוואָרען דורך דעם געזעץ פאַר דער יום־טוב־רוה. דיזע פרייע ברירה מוז מען זיי איבערלאָזען און אַרייננעמען אין געזעץ.

נאָך איין זאַך מוז דער געזעץ פאָרזעהן: ווער עס בעשטימט דעם טאָג פון דער יום־טוב־רוה אין אַזעלכע געשעפטען, וואו עס געפינען זיך אַנגעשטעלטע פון פערשיידענע נאַציאָנען. עס וועט אויסקומען אָבשטעלען זיך אויף דעם, אַז איהם בעשטימט די מעהרהייט פון די אַנגעשטעלטע, וועלכע ווערען איינגעשטעלט לויט'ן געזעץ; אַן אַנדער בעשלוס, וועלכער זאָל אויך אין דיזען פאַל זיך רעכענען מיט די נאַציאָנאַל־קולטורעלע און רעליגיעזע בעדערפניסען פון דער מינדערהייט, איז קוים מעגליך צו געפינען. אגב, וועט דער דרוק אויף דעם רעליגיעזען געוויסען און די אינטערדריקונג פון די נאַציאָנאַל־קולטורעלע בעדערפניסען פון אַ קלענערער, מען קען זאָגען גאַנץ אונבעדייטענדער, מינדערהייט פון אַנגעשטעלטע זעלטען פאַרקומען, ווייל געשעפטען מיט אַ געמישטען פערסאָנאַל טרעפט מען אויך זעלטען.

די אַנגעוויזענע פערענטפערונג פון דער פראַגע וועגן דער יום־טוב־רוה צוזאַמען מיט די דערמאָנטע אויסנאַהמען איז ניט נור צוגעפאַסט צו די נאַציאָנאַל־קולטורעלע בעדערפניסען פון די איינצעלנע גרופּען פון די אַנגעשטעלטע, נאָר זי שטימט אויך פאָלקאָם, ווי דאָס איז שוין אויבען דערוויזען געוואָרען, מיט די אינטערעסען פון דער פּראָלעטאַרישער אחדות.

VII

ווי ס'איז בעקאַנט, האָט די נאָס. דומע אָנגענומען אַ פאָלשטענדיגען זונטאָג־רוה (24 שעה), אַ דאַנק דעם, וואָס פאַר איהר האָבען, אויסער דער אָפּאָזיציע, אויך געשטימט די רעכטע—צוליעב מאָטיווען, וועלכע ס'האָט אויפגעדעקט דער ס. ד. קוזנעצאָוו, אַרויסרופענדיג דערמיט אַ מאַרק־הירלעריי פון די רעכטע בענק: „אַזוי ווי איהרע (פון דער רעכטער פראַקציע) פּראַוואָסלאַוויע, סאַמאָדערזשאַוויע, נאַראָדנאָסט פאַלען פון טאָג צו טאָג,— האָט געזאָגט קוזנעצאָוו—רעכענט איהר דורך דער איינשטעלונג פון דיזער וואָכענטליכער רוה אויפריכטען גראַדע דיזע דריי זיילען, אויף וועלכע עס שטיצט זיך די הייליגע מלוכה". *) געגען דער זונטאָג־רוה האָבען געשטימט די אָקטיאַבריסטען, ערשטענס, אַלס פערטרעטער פון דעם האַנדעלס־אינדוסטריעלען קאַפּיטאַל און, צווייטענס, אַלס אַ רעגירונגס־פּאַרטיי, וואָס האַלט פאַר איהר חוב צו אונטערשטיצען דעם געזעץ־פּראָיעקט פון דער רעגירונג, וועלכער ערלויבט אום זונטאָג יעדען האַנדעל אין דעם משך פון 5 שעה. צוזאַמען מיט די אָקטיאַבריסטען איז געגאַנגען אויך די פּוילישע קאָלאָ, וועלכע האָט כסדר אונטערגעשטיצט יעדע בעגרענצונג פון דער רוה — ווי פון דער וואָכענדיגער, אַזוי אויך פון דער יום־טוב־דיגער.

---

*) פון דער רעדע אויף דער זיצונג פון 3־טען מאַי, סטענ. בער.

אונטערשטיצענדיג די פאָלשטענדיגע זונטאָג־רוה געגען די אָקטיאַבריסטען, האָבען זיך אָבער די רעכטע. ווידער פעראייניגט מיט די אָקטיאַבריסטען, ווי נור מען האָט פערפיהרט אַ רייד וועגען דעם „אינאָראָדצי", און האָבען צוזאַמען מיט זיי פערוואָרפען אַלע פאָרשלאָגען, וואָס האָבען געהאַט דעם צוועק צו געבען די יודען, די מוסולמאַנער און פּוילען די מעגליכקייט צו רוהען אין די טעג, וואָס זענען הייליג לויט זייער אמונה. *) אויף אַזאַ אופן האָט מען געמאַכט פאַר אַ חוב פאַר יעדען אָהן אונטערשייד פון אמונה אָבצוהיטען זונטאָג אין די גרויסע פּראַוואָסלאַווישע יום־טובים.

פאַר דער יודישער האַנדעלס־בעפעלקערונג וועט זיין אַ גרויסער אונגליק, ווען די דומע־בעשטימונג וועגען דער יום־טוב־רוה זאָל דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען. פאַר דעם יודישען הענדלער וועט בלייבען נור איין ברירה: אָדער רוהען 2 ½ טעג אין וואָך און ביסלעכווייז רואינירט ווערען אָדער האַלטען דעם געשעפט אָפען אום שבת, פערבייטענדיג דעם יודישען פערסאָנאַל פון אַנגעשטעלטע דורך אַ קריסטליכען. אַזאַ מין זאַך האָט מען שוין אויסגעפּרובט ביי יודען אין אַן אַנדער פאַל. „ווען די יודען האָבען געהאַט דאָס רעכט צו האַלטען שענקען און טראַקטירען, האָבען זיי אויך געמוזט האַלטען אָפען אום שבת זייערע קרעטשמעס, ווייל אין דעם בראַנפען־פאַך איז אוממעגליך צו שליסען און אָבשטעלען דעם האַנדעל, און די יודישע שענקערס, וואָס האָבען ניט געוואָלט מחלל שבת זיין, האָבען געפינען אַ פּשוט'ן מיטעל: די פלעגען דינגען קריסטען, וואָס פלעגען זיצען אין שענק און פערקויפען אונטער דער השגחה פון בעל־הבית. דאָס זעלבע קען פאַרקומען אויך איצטער און דער פּועל־יוצא פון דיזען געזעץ (עס רעדט זיך וועגען דעם געזעץ פון 15־טען נאָוועמבער 1906־טען יאָהר. הל. ק.) קען זיין אַזאַ, אַז די יודישע אַנגעשטעלטע וועלען איינגאַנצען אַרויסגעשטופּט ווערען דורך די קריסטליכע. *)

אמת, די סכנה, וועגען וועלכער דאָ רעדט זיך, איז אַ צווייפעלהאַפטע, ווייל אויב אפילו די יודישע קרעמער האַלטען זיך שוין בעשלאָסען צו עפענען שבת די קראָמען, וואָלט געגען זיי שאַרף אַרויסגעטראָטען די יודישע געזעלשאַפטליכע מיינונג און זיי וואָלטען איהר געמוזט נאָכגעבען, ווי דאָס האָט זיך דאָ ניט לאַנג געטראָפען מיט עטליכע קרעמער אין לאָדז. **) מען דאַרף אויך ניט פערגעסען, אַז פאַר אַ בעדייטענדען טייל פון יודישע קרעמער עקזיסטירט בכלל ניט דער אויסוועג צו האַנדלען אום שבת, ווייל זיי קומען אויס אָהן אַנגעשטעלטע און זענען ניט אים־שטאַנד זיי צו דינגען.

וואָס איז שייך צו די יודישע אַנגעשטעלטע, איז אויב אפילו די סכנה, אַז מען וועט זיי פערבייטען מיט קריסטליכע, איז ניט אַזוי גרויס, אָבער איין זאַך איז דאָך געוויס זיכער: מיט דער פערקלענערונג פון דער וואָכענטליכער אַרבייטס־צייט, לכל הפחות, אויף אַ גאַנצען טאָג, וועט שטאַרק פאַלען זייערע שכירות.

די צרה, וואָס קלאַפּט זיך אין זייער טיר, האָט שוין אַ ביסעל אויפגעריהרט די יודישע אַנגעשטעלטע און הענדלער און, פּונקט אַזוי ווי די מוסולמאַנער, הויבען זיי אָן צו פּראָטעסטירען געגען דער דומע־בעשטימונג, וואָס לעגט אויף זיי אַרויף אַ חוב צו פייערן די קריסטליכע יום־

---

*) די דומע איז געגאַנגען נאָך ווייטער ווי דער געזעץ־פּראָיעקט פון דער רעגירונג אין דאָס זיך בעמיהט אויסמעקען אַלץ, וואָס וואָלט געקענט אויסגעטייטשט ווערען לטובת פון די אַנדערסגלויביגע: צום אַרטיקעל פון געזעץ־פּראָיעקט, וועלכער ערלויבט צו בעגרענצען אָדער אָבשטעלען דעם האַנדעל אין יענע טעג, „וואָס האָבען לויט די אָרטיגע בעדינגונגען אַ בעדייטונג פון יום־טובים", האָט מען אַנגענומען אַ הגהה פון זאַמיסלאָווסקי (עקסט־רעכטער), אַז דאָס האָט אַ שייכות נור צו קריסטליכע יום־טובים.

*) פון סליאָזבערג'ס רעדע אויף דעם גרינדונגס־צוזאַמענפאָהר פון דער „יודישער גרופּע". זעה „סוואָבאָדאַ אי ראַווענסטוואָ" נום. 18 (פון 15־טען מערץ 1907).

**) דיזער פאַקט איז דערמאָנט געוואָרען אין דעם 1־טען א „צייטפראַגען" אין דעם אַרטיקעל: וועגען שבת־און יום־טוב־רוה.

טובים. נאָך די ידיעות פֿון די צײַטונגען װעגען דערװײַלע אָנגעקומענע פּראָטעסטען אױף דעם נאָמען פֿון די פֿיהרער פֿון די דומע־פֿראַקציעס און די יודישע דעפּוטאַטען פֿון די װילנער יודישע אָנגעשטעלטע און סוחרים *) און פֿון די גראָדנער אָנגעשטעלטע. **) דיזע פּראָטעסטען האָבען נאָך א פּראַקטישע בעדײַטונג, װײַל דער געזעץ װעגען יום־טוב־רוה איז הגם אָנגענומען געװאָרען אין דומע, אָבער נאָך ניט ענדגילטיג. די לעצטע לעזונג פֿון געזעץ און דער ענדגילטיגער בעשלוס װעגען איהם שטעהט נאָך אָבער ערשט אין דער הערבסט־סעסיע פֿון דער דומע. אין דאַמאָלס װעט מען נאָך קענען אַרײַנטראָגען אײַנבעסערונגען צו איהם. שױן צוליעב דיזע פּראַקטישע טעמים קען מען ערװאַרטען, אַז די יודישע אָנגעשטעלטע װעלען זיך ניט בעגנוגענען מיט אײנצעלנע פּראָטעסטען, נאָר װעלען פֿערפֿיהרען א סיסטעמאַטישע קאַמפּאַניע געגען די פּראָבעס פֿון דער אָקטיאַבּריסטיש־רעכטער דומע־מעהרהײט צו דערלאַנגען א נײַען קלאַפּ דעם „אינאָראָדעץ"—אױף דעם געביט פֿון מסחר.

---

*) זעה „הײַנט" נומ. 129.

**) זעה „ראַזסװעט" נומ. 26.

א. שענבערג.

דער קאַמפּף פֿאַר װאַהלרעכט אין פּרײַסען.

דער פֿערגאַנגענער יאָהר פֿון פּאָליטישען לעבען אין דײַטשלאַנד שטעהט אונטער דעם צײכען פֿון קאַמפּף פֿאַר װאַהל־רעכט אין פּרײַסען, אָדער ריכטיגער געזאָגט, פֿאַר דער פֿערבײַטונג פֿון דעם דרײַ־קלאַסען װאַהל־רעכט דורך דעם אַלגעמײנעם גלײַכען, געהײמען און דירעקטען װאַהל־רעכט. כאָטש אַפילו די פֿראַגע האָט א שײַכות נור צו פּרײַסען, ד. ה. צו אײנער פֿון די 26 מלוכות, פֿון װעלכע דײַטשלאַנד בעשטעהט, האָט זי דאָך בעקומען א אונגעהײערע װיכטיגקײט פֿאַר דאָס גאַנצע לאַנד און איז געװאָרען א פֿונדאַמענטאַלע פֿראַגע פֿאַר זײַן אינװעניגסטער ענטװיקלונג. כדי דאָס צו פֿערשטעהן, מוזען מיר אונז קלאָר מאַכען דעם אין פֿלוג פּאַראַדאָקסאַלען אָבער דאָך ריכטיגען פֿאַקט, אַז אין דײַטשלאַנד, אין א לאַנד פֿון דער אינדוסטריעלער הערשאַפֿט פֿון דער בורזשואַזיע, אין א לאַנד פֿון א שאַרף אױסגעדריקטען קאַפּיטאַליזם הערשט פּאָליטיש ניט די בורזשואַזיע, נאָר א קלאַס, װעלכער געהערט בעצם צום עבר, דער קלאַס פֿון די פּריצים, פֿון די אַגראַריער־גוטסבעזיצער. כדי צו ערקלערען זיך דיזען פֿאַקט, װעלכער װײַזט זיך אַרױס אַפילו אונגאַטירליך, מוז מען זיך נעהענטער צוקוקען צו די בעציהונגען צװישען די װיכטיגסטע געזעלשאַפֿטליכע קלאַסען אין דײַטשלאַנד, און מיר װעלען דאַמאָלס בעמערקען, אַז דאָס גאַנצע געזעלשאַפֿטליכע און פּאָליטישע לעבען פֿון דײַטשלאַנד װערט בעשטימט דורך צװײ פֿונדאַמענטאַלע קלאַסען־היפּוכים: דורך דעם היפּוך צװישען דער בורזשואַזיע און די אַגראַריער פֿון אײן זײַט און צװישען דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט פֿון דער אַנדערער. נאָר פֿאַר דײַטשלאַנד איז כאַראַקטעריסטיש ניט דער עצם פֿאַקט, דאָס דיזע בײדע היפּוכים עקזיסטירען, װײַל זײ געפֿינען מיר אין יעדער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפֿט; כאַראַקטעריסטיש איז פֿאַר דײַטשלאַנד דאָס פֿערהעלטניס צװישען דיזע בײדע קלאַסען־היפּוכים, װעלכען מען קען בקיצור אױף פֿאָלגענדען אופֿן אױסדריקען: דער היפּוך צװישען דער בורזשואַזיע און דעם פּראָלעטאַריאַט װײַזט זיך אַרױס אַזױ שטאַרק, אַז ער שטעלט אַװעק אױפֿן הינטערסטען פּלאַן דעם היפּוך צװישען די אינטערעסען פֿון דער בורזשואַזיע און די אַגראַריער: נאָך מעהר, ער בעשאַפֿט אַפילו אחדות צװישען דיזע בײדע בעצם פֿײַנדליכע קלאַסען. ניט נור די בורזשואַזיע קעמפֿט ניט מיט די אַגראַריער פֿאַר די פּאָליטישע איבערהאַנד אין דער מלוכה, פֿערקעהרט, זי מאַכט מיט זײ יד אחת, לאָזט זײ איבער דעם גרעסטען טײל פֿון דער פּאָליטישער מאַכט, װעלכער האָט לױט דער היסטאָרישער ענטװיקלונג איהר אַלײן געזאָלט געהערען; און דאָס אַלײן נור דערפֿאַר, װײַל אין דער הערשאַפֿט פֿון דער בײַטש פֿון פּרײַסישען פּריץ זעהט די בורזשואַזיע די בעסטע ערבות פֿאַר דער פּאָליטישער און בירגערליכער רעכטלאָזיגקײט פֿונם אַרבײַטער קלאַס, דעם בעסטען מיטעל צו דערשטיקען מיט ערפֿאָלג יעדע אַרױסטרעטונג פֿון זײַן קלאַסען־קאַמפּף.

בעזאָנדערס קלאָר אין דײַטשלאַנד האָט זיך דיזער פֿאַקט אַרױסגעװיזען אין דעם היסטאָרישען בײַשפּיעל פֿון 1848־טען יאָהר, דעם יאָהר פֿון דער דײַטשער רעװאָלוציע, װען די בורזשואַזיע איז מורא פֿאַר די בעװעגונג פֿון די פֿאָלקסמאַסען האָט געפֿיהרט א צװײדײַטיגע, האַלבליכע פּאָליטיק און האָט דורכדעם פֿערשאַפֿט די מעגליכקײט פֿאַר דעם פֿעאָדאַלען אָדעל, פֿאַר די פּריצים־אַגראַריער װידער צו פֿערכאַפּען אין זײערע הענד די פּאָליטישע מאַכט, װעלכע מען האָט בײַ זײ געהאַט אַרױסגעריסען דעם 18־טען מערץ. פֿון אַלע ערהאַבענגען פֿון דער רעװאָלוציע איז געבליבען א תל, װי נור די אַגראַריער האָבען דערזעהן, אַז די ליבעראַלע בורזשואַזיע האָט מורא צו ריסקירען די מאַסען צו פֿערטײדיגען אױף דעם רעװאָלוציאָנערען װעג די געװאָנענע פּאָזיציעס און זי בעגנוגענט זיך דערנאָך מיט פּאַפּירענע רעזאָלוציעס און פֿיהרט מיט דער קרױן אונטערהאַנדלונגען װי אַזױ בעסטער צו האַלטען דאָס פֿאָלק אין צױם. קוים זענען פֿאַריבער 7 חדשים נאָך דעם 18־טען מערץ און מען האָט שױן אַרױסגעװאָרפֿען דאָס ליבעראַלע מיניסטעריום, צוטריבען דעם פּאַרלאַמענט און אָנשטאָט דעם אַלגעמײנעם װאַהל־רעכט האָט מען אײַנגעפֿיהרט די סיסטעם פֿון די דרײַ־קלאַסיגע װאַהלען, װעלכע עקזיסטירען נאָך ביז הײַנטיגען טאָג. דער יונקער, דער פּריץ איז װידער געװאָרען דער הערשער פֿון פּרײַסען.

אין 16 יאָהר אַרום, אין 1864־טען יאָהר האָט די בורזשואַזיע װידער געהאַט א גוטע געלעגענהײט אַרױסצואַרבעטען די הערשאַפֿט פֿון די יונקערס; אָבער כדי דאָס צו דערגרײכען האָט זי געהאַט פֿאַר זיך נאָר אײן ברירה: פֿון דאָס נײַ ערקעמפֿען צוזאַמען מיט די אַרבײַטער־מאַסען דאָס אַלגעמײנע װאַהל־רעכט. נאָר די בורזשואַזיע האָט זיך ניט געקענט בעשליסען צו פֿערשאַפֿען דעם ערװאַכענדען פּראָלעטאַריאַט אַזאַ מעכטיגען קאַמפּפֿס־מיטעל װי דאָס אַלגעמײנע װאַהל־רעכט, װאָס װאָלט געפֿיהרט דירעקט צו דער דעמאָקראַטיזירונג פֿון דײַטשלאַנד.—אין די הערשאַפֿט פֿון די פּריצים, אַגראַריער איז ניט נור ניט אונטערגעגראָבען געװאָרען, נאָר זי איז אַפֿילו ניט אָנגערירט געװאָרען.

אין דעם אײַנציגען מאָמענט איז פֿאַר דײַטשלאַנד פֿון דאָס נײַ אַרױסגעשװאומען אין איהר גאַנצער גרױס דיזעלבע אױפֿגאַבע—אַבװאַרפֿען דעם יאָך פֿון יונקערס, װײַל אין דיזער בעפֿרײַאונג פֿון דײַטשלאַנד פֿון דער הערשאַפֿט פֿון א הײַפֿעל גרױסע פּרײַסישע ערדבעזיצער ליעגט דער גאַנצער תוך פֿון דעם קאַמפּף געגען דער דרײַ־קלאַסיגער װאַהל־סיסטעם און פֿאַר דעם אַלגעמײנעם, גלײַכען, געהײמען און דירעקטען װאַהל־רעכט אין פּרײַסישען לאַנדטאַג.

די דרײַ־קלאַסיגע װאַהל־סיסטעם, די דרײַ־קלאַסיגע תרפה, װי מען רופֿט זי, װעלכע איז דורך א מלוכה־איבערקעהרעניש מיט געװאַלט אײַנגעפֿיהרט געװאָרען אין פּרײַסען אין 1849, איז די מעכטיגסטע שטיצע, דער גרונד־זײַל פֿון דער פּריצישער רעאַקציע. אין דיזער סיסטעם איז אַלעס אױסגערעכענט געװאָרען אַזױ, אַז די פּריצים בעקומען די שטאַרקסטע איבערהאַנד. קודם כל איז דאָס װאַהל־רעכט אין לאַנדטאַג ניט אַלגעמײן, װײַל אַלע, װאָס זענען יינגער פֿאַר 24 יאָהר, אַלע פֿרױען, װאָס האָבען ניט געװאָהנט 6 חדשים נאָכאַנאַנד אױף אײן אָרט װי אױך אַלע, װעלכע בעקומען שטיצע פֿון געזעלשאַפֿטליכע מיטלען, זענען בעראױבט געװאָרען פֿון װאַהל־רעכט. ערגער װי דיזע בעגרענעצונג פֿון דעם פּרינציפּ פֿון אַלגעמײנהײט זענען פֿינדעסטמעגען, די צװײ־שטופֿיגע װאַהלען: די דעפּוטאַטען װערען אױסגעקליבען ניט דירעקט, נאָר דורך װאַהל־מענער. אָבער בײַ דעם גראַד פֿון פּאָליטישען בעװאוסטזײַן, װעלכען מיר זעהען אין דײַטשלאַנד, בײַ דער ענטװיקלונג פֿון די פּאַרטײען און פֿון דעם דאָרטיגען געזעלשאַפֿטליכען לעבען װאָלטען דיזע צװײ־שטופֿיגע װאַהלען ניט קײן ערנסטע צרה, ס׳װערט מעהר ניט דורכדעם גאַנץ אומזיסט און אױף אַן אומאַנגענעהמען אופֿן פֿערפּלאָנטערט די װאַהל־פּראָצעדור.

אָהן א שיעור א גרעסערע צרה איז די אָפֿענע אָבשטימונג: יעדער װעהלער מוז אָנזאָגען, פֿאַר דער גאַנצער װאַהל־קאָמיסיע אין דעם פֿײַנען עולם, אױסרופֿען דעם נאָמען פֿון דעם קאַנדידאַט, פֿאַר װעלכען ער װיל אָבגעבען זײַן שטימע. אַז דאָ עפֿענט זיך א ברײטער פֿעלד אױף צו פֿערגװאַלטיגען די פּאָליטישע איבערצײַגונגען פֿון די װעהלער, אױף אײַנצושרעקען און צו טעראָריזירען זײ— איז קלאָר װי טאָג. דער קלײנער בעאַמטער, דער אַרבײַטער פֿון די מלוכה־אונטערנעהמונגען, דער שול־לעהרער, איבערהױפּט דער קלײנער עולם װעט זיך קײנמאָל ניט װאַגען צו שטימען פֿאַר א סאָציאַל־דעמאָקראַט אָדער פּשוט פֿאַר א קאַנדידאַט, װאָס געפֿעלט ניט דער רעגירונג, װײַל ער װײס, אַז מאָרגען װעט ער זיך מוזען געזעגענען מיט זײַן שטעלע און בלײַבען אָהן ברױט. אין

אפילו א סך ארבייטער פון פריוואטע פאבריקען קענען זיך ניט בעשליסען אבצוגעבען זייער שטימע פאר די „רויטע", ווייל ס'קענען פאראנגען ניט וועניג בעל־הבתים, וואס ווילען ביי זיך ניט האבען קיינע „בינטאהשציקעס". בעזונדערס שטארק חולדעוועט דיזער וואהל־טעראר אין די דערפער, וואו — און דאס איז ניט בעקאנט — מען טרייבט, למשל, מאסענווייז די דארף־ארבייטער צו די וואהלען און מען צווינגט זיי אונטער דער אויפזיכט פון דעם גוטס־פערוואלטער אדער פון דעם פריץ אליין אבצוגעבען זייערע שטימען פאר דעם קאנסערוואטיווען קאנדידאט. ניט זעלטען קומען פאר אויך אזעלכע פאלען, אז דער פריץ סטראשעט זיך אנצושרעקען זיינע ארבייטער, אז ער וועט זיי אלעמען אבזאגען, אויב אין זיין קרייז וועט זיך אפילו איינער וואגען צו שטימען פאר א סאציאל־דעמאקראט.

נאר די אלע שענדליכע און פינסטערע זייטען פון דעם פרייסישען וואהל־רעכט ווערען א קינדערשפיעל אין פערגלייך מיט דעם דריי־קלאסיגען כאראקטער פון די וואהלען, אין פערגלייך מיט דיזער שרעקליכער פאליטישער אונגערעכטיגקייט, מיט דיזען אפענעם, אונפערשעמטען לצנות טרייבען איבער די אינטערעסגליכע וועהלער. ביי דיזער איינטיילונג פון די וועהלער אין דריי קלאסען הערט מיט חוצפה און צניעות אויפגעשטעלט דער כלל: ווער ס'האט די מטבע, דער האט די דעה, ביי וועמען ס'איז פאראן מעהר געלד, יענער האט מעהר וואהל־רעכט; ווער ס'האט א סך, דעם גיט מען נאך מעהר, ווער ס'האט וועניג, ביי דעם נעהמט מען דאס לעצטע אויך אוועק. דער סכום פון וואהל־רעכט, אויב מען קען זיך אזוי אויסדריקען, דער חלק, וועלכען עס בעקומט פון איהר דער אדער יענער וועהלער ווערט בעשטימט דורך דעם סכום פון דירעקטע שטייערן, וועלכע ער צאהלט איין. די גאנצע גרויסע שטייער־צאהלער, וועלכע טראגען אריין צוזאמען א דריטעל פון דער גאנצער סומע שטייערן אין דעם בעטרעפענדען וואהל־קרייז בילדען דעם 1־טען קלאס. אזעלכע זענען, פערשטעהט זיך, קיין סך ניטא, אינגאנצען עטליכע מענשען. עטוואס א גרעסערער עולם קלייבט זיך צונויף פון די וועניגער רייכערע שטייער־צאהלער, וועלכע טראגען אריין צוזאמען דאס צווייטע דריטעל. צום סוף קומט דער גאנצער המון־עם פון די קליינע צאהלער, ווי אויך יענע, וועלכע צאהלען גאר ניט קיין דירעקטע שטייער, ווייל זיי האבען א צו קליינע הכנסה. דיזע אלע בילדען דעם דריטען קלאס, וועלכער איז אויף אזא אופן דער צאהלרייכסטער, אין דער צייט ווען דער ערשטער קלאס פון די גבירים איז דער קלענסטער אין צאהל. דער גאנצער קונץ בעשטעהט אבער אין דעם, וואס יעדער קלאס קלייבט אויס א גלייכע צאהל וואהל־מענער, וועלכע קלייבען דערנאך אויס צוזאמען דעם דעפוטאט; אויף אזא אופן קענען אלע מאל ביי די ענדגילטיגע וואהלען די ערשטע צוויי קלאסען פון די פערמעגענדע לייט דערשטיקען דורך דעם געוויכט פון זייערע שווערע געלד־בייטלען דעם דריטען קלאס פון די אומפערמעגענדע. די אפיציעלע וואהל־סטאטיסטיק דערצעהלט, אז אין דעם ערשטען קלאס געהערען אריין אין אלגעמיין 3.82% פון דער גאנצער צאהל וועהלער, אין צווייטען — 13.87%, און אין דריטען — 82.38%. מיט אנדערע ווערטער: דער וועהלער פון צווייטען קלאס האט 6 מאל, דער וועהלער פון ערשטען קלאס 20 מאל מעהר וואהל־רעכט ווי דער וועהלער פון דריטען קלאס, צו וועלכען עס געהערען אין די שטעט דאס רוב די ארבייטער און אין די דערפער — די קליינע, האלב־פראלעטארישע פויערים און די דארף־ארבייטער.

אלס א צוגאב צו די אלע שעהנע מעלות פון דעם דאזיגען וואהל־רעכט זענען נאך די וואהל־קרייזען איינגעטיילט העכסט ניט גלייכמעסיג און אויף אזא אופן, אז די דארפישע וואהל־קרייזען זענען א סך קלענער פאר די שטאדטישע; אזוי טרעפט מען ניט זעלטען אזעלכע דארפישע וואהל־קרייזען, וואו די צאהל פון די וועהלער דערגרייכט אינגאנצען ביז 7—8 טויזענד, ווען, למשל, איינער פון די בערלינער וואהל־קרייזען האט 78 טויזענד וועהלער. דעפוטאטען אבער שיקען אלע קרייזען, די גרויסע ווי די קליינע, נור צו איינעם. דער סאציאל־דעמאקראטישער דעפוטאט שטראבעל האט אויסגערעכענט, אז א דאנק דיזער איינטיילונג פון די וואהל־קרייזען בעניצען זיך פאקטיש 174 טויזענד וועהלער פון 20 קליינע דארפישע קרייזען מיט א גלייכען וואהל־רעכט ווי 1 מיליאן 65 טויזענד וועהלער פון 20 שטאדטישע וואהל־קרייזען, ד. ה. אז דאס וואהל־רעכט פון יעדען דארפישען וועהלער איז 6 מאל גרעסער ווי דאס וואהל־רעכט פון דעם שטאדטישען איינוואהנער. און ווען מען זאל נאך נעהמען אין בעטראכט די איינטיילונג אין קלאסען, וועט זיך ארויסווייזען, אז דער דארפישער וועהלער פון ערשטען קלאס האט 150 מאל מעהר וואהל־רעכט ווי דער בערלינער ארבייטער, וואס שטימט אין דריטען קלאס:

דער פועל־יוצא פון דעם גאנצען בארג פאלישע עולות איז אזא, אז א דאנק דער דערשטיקונג פון די אינטערעסגליכע וועהלער און קודם כל די ארבייטער, א דאנק דער פריווילעגירטער לאגע פון די דארפישע קרייזען, איז די שטארקסטע פארטיי פון לאנדטאג די פארטיי פון די פריצים, די יונקערס — די קאנסערוואטארען: די האבען 212 ערטער, ניט קוקענדיג אויף דעם, וואס פאר זיי האט מען בעת די וואהלען אבגעגעבען נור 14% פון אלע שטימען. אין דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי, וועלכע האט בעקומען דעם גרעסטען % שטימען (24), האט זיך איינגעגעבען דורכצופיהרען אינגאנצען 6 דעפוטאטען. אויף אזא אופן לאזט זיך אויס, אז די שטארקסטע פארטיי אין לאנד איז וועניגער פאר אנדערע פערטרעטען אין לאנדטאג, וועלכער געפינט זיך דורכאויס אין די הענד פון די אגראריער, ווייל אויך די צווייטע שטארקע פארטיי פון לאנדטאג, דער קאטאלישער צענטר, בעשטעהט אויף דער העלפט פון עכטע אגראריער.

מיר זעהען אויף אזא אופן, אז דער קלאס פון די פרייסישע ערדבעזיצער, וועלכער איז קליין אין צאהל און געהערט עקאנאמיש צו דער פערגאנגענהייט, האלט אין זיינע הענד דעם גורל פון גאנץ פרייסען; אבער דורך דעם גופא האט ער אויך די גרעסטע דעה איבער דער גאנצער דייטשער מדינה, ווייל פרייסען איז ניט נור די גרעסטע און עקאנאמיש בעדייטענדסטע פון אלע מלוכות, וואס געהערען צו דייטשער מדינה, נאר די געפינט זיך אויך אין א פריווילעגירטער מלוכה־רעכטליכער לאגע לויט דער אלגעמיינער קאנסטיטוציע פון דער מדינה און זי קען אויך צוליעב דיזען אומשטאנד ארויסווייזען דעם שטארקסטען דרוק אויף דער פאליטיק פון דער גאנצער מדינה. אזוי, למשל, אין „בונדעס־ראטה", אין דער פערזאמלונג פון די פארשטעהער פון אלע פעראייניגטע רעגירונגען, וואו 14 שטימען זיינען גענוג אויף צו פערווארפען א געזעץ־פראיעקט אדער אפילו א בעשטימונג, וואס איז שוין אנגענומען געווארען דורך דעם רייכסטאג, — אין דיזען בונדעס־ראטה האט די פרייסישע רעגירונג אליין 17 שטימען און די קען אויף אזא אופן שטערען דער פערווירקליכונג פון יעדען געזעץ, וואס געפינט ניט קיין חן אין איהרע אויגען. דער פרייסישער קעניג איז אין דער זעלבער צייט אויך דער קייזער פון גאנץ דייטשלאנד און אין זיינע הענד געפינט זיך דעריבער די אייבערמאכט איבער דעם דייטשען חיל און פלאט. לסוף דער ערשטער בעאמטער פון דער דייטשער מדינה, דער רייכס־קאנצלער, אין וועמענס הענד עס איז קאנצענטרירט געווארען די פערוואלטונג איבער די ענינים פון דער מדינה, איז אויך קיין אנדערער ווי דער מיניסטער־פרעזידענט פון פרייסען, וועלכער איז פעראנטווארטליך לויט דער קאנסטיטוציע נור פאר דעם קעניג פון פרייסען און ניט פאר דער פאלקספערטרעטונג.

וואס איז דער פועל־יוצא פון דיזער לאגע? ער איז אזא, אז די גאנצע פערוואלטונג איבער די ענינים פון דער מדינה, די גאנצע פאליטיק פון דייטשלאנד איז אין שטארקסטען אופן אבהענגיג פון פרייסען; אז, למשל, פאר א רייכס־קאנצלער פון דער מדינה, וואס איז אויפגעבויט אויף דעם אלגעמיינעם, גלייכען, דירעקטען און געהיימען וואהל־רעכט, הערט בעשטימט א מענש, וועלכער ערקלערט זיך גאנץ אפען פאר א שונא פון דיזען וואהל־רעכט און קען זיך דערפאר ניט אנלייבען דאס פרייסישע וואהל־רעכט. זיין אויפפיהרונג איז אבער לייכט צו ערקלערען, ווייל ער איז **קודם כל** דער פרייסישער מיניסטער־פרעזידענט, א שליח פון יענעם קלאס אגראריער, וועלכע זענען די הערשער איבער פרייסען און פאר וועלכע דאס אלגעמיינע וואהל־רעכט, וואס האט ניט, הייסט עס, קיין ווארצלען אין דעם „פרייסישען נעסט", איז א דארן אין אויג.

דיזער ביישפיעל אליין בעווייזט קלאר גענוג ווי שטארק גאנץ דייטשלאנד איז אבהענגיג פון איין טייל פון דער מדינה, פון פרייסען אדער, ריכטיגער, פון דעם הערשענדען קלאס אין פרייסען, פון די פרייסישע יונקערס. אראבווארפען דעם יאך פון דיזער הערשאפט אין פרייסען איז דעריבער אן אויפגאבע, וואס איז העכסט וויכטיג פאר גאנץ דייטשלאנד און דעם קאמפף פאר א פרייען וואהל־רעכט אין פרייסען קען מען ניט בעטראכטען אלס אן ענין, וואס קערט זיך אן נור צו פרייסען אליין.

גראדע פון דעם בעוואוסטזיין, אז דער קאמפף פאר א פרייען וואהל־רעכט אין פרייסען איז צוגלייך צום א קאמפף פאר דער בעפרייאונג פון גאנץ דייטשלאנד פון דעם יונקערשען יאך, שעפט דער פרייסישער פראלעטאריאט די כוחות און די ענערגיע צום קאמפף און זיין ענטשלאסענהייט צו דערפיהרען איהם ביז צום סוף. „ביז וואנען עס וועט ניט ערקעמפפט ווערען קיין אלגעמיינער גלייכער, דירעקטער און געהיימער וואהל־רעכט, וועט אין פרייסען קיין מנוחה ניט זיין—אט דאס איז זיין לאזונג, און ער האט דורך זיין פארטיי ערקלערט, אז ער איז גרייט ניט אבצושטעלען זיך פאר קיי־

געליטן קרבנות ביז ער האָט ניט דערגרייכען זיין ציעל. ווייל גראָדע ער, גראָדע דער אַרבייטער קלאַס און ניט די בורזשואַזיע, ווי עס האָט געקענט אין פֿלוג אויסזעהן, איז מעהר פֿעראינטערעסירט אין דער מפּלה פֿון דעם יונקערס הערשאַפֿט: בעפֿרייענדיג זיך פֿון די פּאָליציי-ביוראָקראַטישע צוימען, פֿון דעם האַלב-פֿעאָדאַלען רעזשים, וועט ער פֿרייער קענען ענטוויקלען זיין קלאַסען-קאַמפּף. נאָר גראָדע דערפֿאַר האָט מורא די בורזשואַזיע און דערביי קען זי ניט אָהן קווענקלענים צושטעהן צו די רייהען פֿון די קעמפֿער פֿאַר דעם אַלגעמיינעם וואַהל-רעכט. די בורזשואַזיע וואָלט מיט דעם גרעסטען חשק אַוועקגעטריבען די אַגראַריער, די יונקערס פֿון יענע ווייכע מלוכה-שטוילען, וואו זיי זיצען מיט אַזאַ ברייטקייט, — אָבער נור מיט איין תנאי, אַז קיינער זאָל איהר אַליין ניט שטערען אויך אַזוי בעקוועם זיך אַריינזעצען דאָרטען. אָבער גראָדע פֿאַר דיזער שטערונג אין דער געשטאַלט פֿון דעם בעוואוסטזיניגען, אָרגאַניזירטען פּראָלעטאַריאַט האָט זי מורא — און מאַכט ניט אומזיסט.

פֿון דיזען שטאַנדפּונקט ערקלערט זיך ווידער לייכט די לאַגע, וועלכע האָבען פֿערנומען אין קאַמפּף פֿאַרן וואַהל-רעכט די בורזשואַזע פּאַרטייען. ווען דער פּראָלעטאַריאַט איז צום ערשטען מאָל אַרויסגעטראָטען אויפ'ן קאַמפּס-פֿעלד, האָט די בורזשואַזע ליבעראַלע פּרעסע מיט ערפֿאָלג קאָנקורירט מיט דער קאָנסערוואַטיוו-רעאַקציאָנערער פּרעסע און חוזק מאַכען פֿון די אַרבייטער, וואָס פֿאָדערען פּאָליטישע גלייכבערעכטיגונג. ווען די בערלינער אַרבייטער האָבען צום ערשטען מאָל געוואַגט אַרויסצוטראָגען דיזען קאַמפּף אויפ'ן גאַס, האָט קיין אַנדערע ווי די ליבעראַלע בורזשואַזע פּרעסע גערופֿען צו הילף די פּאָליציי און די פּראָקוראַטור, און דער פֿיהרער פֿון דער פֿרייזיניגער פּאַרטיי האָט זיך עפֿענטליך אָבגעזאָגט אַפילו פֿון דעם קלענסטען מיטגעפֿיהל צו די דעמאָנסטראַנטען. נאָר דאָס האָט, פֿערשטעהט זיך, ניט געקענט שטערען דער בעוועגונג צו פֿאַנאַנדערוואַקסען זיך ברייט אין טיעף אַזוי, אַז לסוף האָבען אַפילו די אַגראַריער אין די רעגירונג ניט געקענט ביישטעהן און זענען געצוואונגען געווען אַריינצוטראָגען אין לאַנדטאַג אַ מין געזעץ-פּראָיעקט וועגען דער אומענדערונג פֿון וואַהל-רעכט אין לאַנדטאַג. מיט דער רעפֿאָרם, וועלכע דאָס געזעץ-פּראָיעקט לייגט פֿאָר, איז מען אויסגעווען אַרויסצוּוואַרפֿען אַ ביין דעם פֿאָלק, כדי איהם צו בערוהיגען און צו בענאַרען דעם הערשענדען קלאַס פֿון די הייסערדיגע פּראָטעסטען מצד די „אונצופֿריעדענע עלעמענטען". נאָר דיזע ביין איז שוין געווען אויף אַזוי פֿיעל אָרומגענאַגעט, אַז זי האָט להלוטין קיינעם ניט געקענט צופֿריעדען שטעלען. קודם כל האָט געוואָלט בלייבען אין פֿולער קראַפֿט די אָפֿענע אָבשטימונג, ניט קוקענדיג וואָס איהר אָבשאַפֿען האָבען איינשטימיג געפֿאָדערט אַפילו די גאַנץ מעסיגע דייטשע פּאָליטיקער, אַלס אַ מינימום פֿון הנחות, וועלכע מען מוז געבען דער פֿאָלקס-בעוועגונג; אויך אַזוי האָט געוואָלט בלייבען ווי פֿריהער די איינטהיילונג אין קלאַסען און די אונגלייכמעסיגע פֿאַנאַנדערטהיילונג פֿון די וואַהל-קרייזען. די איינציגע פֿערבעסערונג, וועלכע די רעגירונג האָט פֿאָרגעלעגט, איז געווען צו פֿערבייטען די אומדירעקטע וואַהלען דורך דירעקטע, ד. ה. מען האָט פֿאָרגעלעגט צו אומענדערען גראָדע דאָס, וואָס האָט די קלענסטע בעדייטונג.

אויסער דעם האָט די רעגירונג פֿאָרגעלעגט נאָך צוויי נייע פּונקטען: פּערזאָנען מיט אַ געוויסען בילדונגס-צענז וואָלטען בעקומען „אַ העכערע שטעלונג", וואָלטען איבערגעהן אין דעם פֿאָלגענדען העכערען קלאַס פֿון וועהלער, ווייל זיי זענען די „טרעגער פֿון דער קולטור", אויך אַזוי וואָלטען איבערגעהן אין אַ העכערען קלאַס די פּערזאָנען, וואָס פֿערנעהמען עהרען-שטעלען אין דער זעלבסטפֿערוואַלטונג און די אויסגעדיענטע אונטעראָפֿיציערען. ווי לעכערליך ס'זאָל ניט זיין די מעשה, וואָס די אונטעראָפֿיציערען זענען אויך אַריינגעפֿאַלען אין די רייהען פֿון די „קולטור-טרעגער", האָט זי דאָך אויך איהר ערנסטע בעדייטונג, ווייל זי בעווייזט ווי הויך עס שעצען די הערשענדע קלאַסען פֿון דייטשלאַנד דעם מיליטאַריזם און זיינע דינער, וועלכע געניסען פֿונדעסטוועגען ניט קיין גרויסען חן אין די אויגען פֿון די פֿאָלקס-מאַסען. מען רעדט שוין ניט וועגען דעם, וואָס דער דיפּלאָם פֿון אַ מיטעלער אָדער העכערער שול איז נאָך להלוטין ניט קיין פּאַטענט אויף אַנ'אמת'ער קולטור און בילדונג — אין דעם בעסטען זינען פֿון דיזע ווערטער — פֿון זיין בעזיצער, אָבער די פּריווילעגיע וועלכע די רעגירונג האָט געוואָלט פֿערשאַפֿען די „געבילדעטע", האָט בכלל קיין שייכות ניט צו די אַרבייטער-מאַסען, ווייל אין דער היינטיגער געזעלשאַפֿט האָט קוים איינער פֿון הונדערטער טויזענדער אַרבייטער די מעגליכקייט זיך דערשלאָגען צו אַ גימנאַזיום אָדער אוניווערזיטעט.

די צווייטע נייע איינפֿיהרונג, וועלכע די רעגירונג האָט פֿאָרגעלעגט, איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס

ביי דער איינטהיילונג אין קלאַסען וואָלטען ניט גענומען ווערען אין בעטראַכט די שטייערן, וואָס איין מענש צאָהלט אין העכער ווי 5 מיליאָנען מאַרק. אויפ'ן ערשטען קוק איז דיזער פֿאָרשלאַג כלומרשט געפֿאַרבט אין אַ דעמאָקראַטישען קאָליר: דאָס געוויכט פֿון די גאַנץ שווערע געלד-זעק ווערט דורכדעם אַזוי ווי אָבגעשוואַכט. אין דער אמת'ן אָבער האָבען אויספֿיהרליכע — און מיר וועלען מוסיף זיין: גאַנץ קאַפּיטאַליסטישע — חשבונות בעוויזען, אַז דער רעזולטאַט וואָלט געווען אַנ'אַנדערער: די פֿאַנאַנדערטהיילונג אין קלאַסען וואָלט געווען אַ גלייכמעסיגערע; אין ערשטען קלאַס וואָלטען אַריינגעפֿאַלען ניט 2–3, נאָר 15–20 גבירים, אין 2-טען אַלע מיטעלע בעלי-הבתים, אָבער דער גאַנצער המון, די קליינע לייט וואָלטען ווי פֿריהער געבליבען אין דריטען קלאַס, אין דער צייט ווען ביז אהער פֿלעגט זיך טרעפֿען, אַז אַפילו גאַנץ פֿערמעגליכע מענשען פֿלעגען אַריינפֿאַלען אין דריטען קלאַס, ווייל אַ צעהנדליג אָדער אַנדערהאַלבען צעהנדליג גבירים פֿלעגען אָבצאָהלען די גאַנצע צוויי דריטעל פֿון דער גאַנצער סומע שטייערן אין דעם בעטרעפֿענדען אָרט. אויף אַזאַ אופֿן האָט אויך דיזער כלומרשט „דעמאָקראַטישער" פֿאָרשלאַג קיין שום בעדייטונג ניט געהאַט פֿאַר די אַרבייטער-מאַסען, און פֿאַר דער פּאַרטיי פֿון דעם אַרבייטער-קלאַס אין לאַנד ווי אויך אין לאַנדטאַג איז פֿון אָנהויב אָן קלאָר געווען, אַז דער גאַנצער רעגירונגס-פּראָיעקט איז נור אַ פּראָבע מיט נישטווערטיגע מיטלען צו בערוהיגען די מאַסען, און איהר איינציגע אויפֿגאַבע איז — אויפֿדעקען און בעווייזען די מאַסען דעם נעבעכדיגען, קלאָגענדיגען אינהאַלט פֿון דער, מ'שטייגט געזאָגט, רעפֿאָרם.

בעצם גערעדט האָבען אויך די בורזשואַזע פּאַרטייען געדאַרפֿט אַרויסזאָגען זיך געגען דער רעפֿאָרם, ווייל זי האָט זיי להלוטין גאָרנישט געגעבען און האָט די הערשאַפֿט פֿון די יונקערס אויף אַ האָר ניט אָנגערירט. און אין דער אמת'ן איז סוף כל סוף דער געזעץ-פּראָיעקט פֿון דער רעגירונג דורכגעפֿאַלען. נאָר האָבען איהם דען די בורזשואַזע פּאַרטייען דערפֿאַר פֿערוואָרפֿען, ווייל ער איז געווען צו פֿיעל רעאַקציאָנער? פֿון אַלע בורזשואַזע פּאַרטייען אין לאַנדטאַג זענען נור די פֿרייזיניגע, דער לינקער פֿליגעל פֿון דעם בורזשואַזען ליבעראַליזם, אין דער אמת'ן געווען געגען דעם פּראָיעקט צוליעב דיזען טעם. נאָר זייער איינפֿלוס און זייער צאָהל, ווי אין לאַנד אַזוי אויך אין לאַנדטאַג, זענען זעהר ניט גרויס. אָבער די וויכטיגסטע און גרעסטע בורזשואַזע פּאַרטייען אין וועלכענס הענד עס האָט זיך בעצם געפֿונען דער גורל פֿון דעם פּראָיעקט, האָבען איהם פֿערוואָרפֿען נור דערפֿאַר, ווייל ער האָט זיי אויסגעוויזען ניט גענוג רעאַקציאָנער, ווייל זיי האָבען גערעכענט, אַז ער בעוואָרעט ניט גענוג זיכער די רעכטלאָזיגקייט פֿון די אַרבייטער-מאַסען און אַלע זייערע בעמיהונגען האָבען זיי אָנגעווענדעט אויף דעם נור, כדי אויסצופֿיהרען דורך פֿערשיעדענע הגהות און הוספות צום פּראָיעקט, אַז אַפילו 6 סאָציאַלדעמאָקראַטען זאָלען אויך ניט האָבען די מעגליכקייט אַריינצודרינגען אין לאַנדטאַג און כדי אַגב אויך צו פֿערשאַפֿען זיך די געלעגענהייט אָבצורייסען אַ פּאָר ערטער פֿון די אַנדערע פּאַרטייען. און גראָדע איבער דיזע מחלוקות צווישען די איינצעלנע בורזשואַזע פּאַרטייען פֿאַר דעם זיכערסטען מיטעל צו פֿערטרייבען די סאָציאַלדעמאָקראַטען און פֿאַר די גרעסטע צאָהל דעפּוטאַטען-ערטער פֿאַר זיך זעלבסט איז דורכגעפֿאַלען דער פּראָיעקט פֿון דער רעגירונג.

אַז די קאָנסערוואַטיווע פּאַרטיי איז אין האַרצען געגען יעדער ווירקליכער רעפֿאָרם פֿון דעם וואַהל-רעכט און אַז זי וועט זיך בעמיהען, ווען ס'וועט מעגליך זיין, נאָך מעהר צו פֿערערגערען איהם — איז קלאָר געווען פֿון אָנהויב אָן; דאָס האָט אַנדערש ניט געקענט זיין, ווייל די קאָנסערוואַטאָרען-אַגראַריער פֿיהלען זיך אויסגעצייכענט גוט ביי דער הערשאַפֿט פֿון דער דריי-קלאַסען-סיסטעם און דאָס איינציגע וואָס זיי שטערט, דאָס זענען די „העזהדיגע" רעדען פֿון די 6 סאָציאַלדעמאָקראַטען, וועלכע האָבען זיך מיט חוצפה אַריינגעריסען אין דיזער נחלה. נאָר די קאָנסערוואַטאָרען וואָלטען ניט געקענט דערגרייכען דיזען ציעל, צו מאַכען פֿאַר אונשעדליך און צו פֿערערגערען דעם פּראָיעקט פֿון דער רעגירונג, ווען זיי וואָלטען ניט געפֿונען פֿאַר זיך צוויי געטרייע מיטהעלפֿער: די פּאַרטיי פֿון צענטער און די פּאַרטיי פֿון די נאַציאָנאַל-ליבעראַלען.

דער צענטער איז אַ אייגענאַרטיגע פּאַרטיי אין דעם פּרט, וואָס דער פֿערביינדענדער עלעמענט אין איהם איז די קאַטוילישע אמונה, און אונטער דיזער פֿאָהן האָט זיך איהם איינגעגעבען צו פֿעראייניגען אַלערליי פֿערשיעדענאַרטיגע שיכטען פֿון דער בעפֿעלקערונג: קליינע פּויערים, גרויסע פּריצים-ערד-בעזיצער, די קליינע שטאָדטישע בורזשואַזיע און אַפילו אַ בעדייטענדע צאָהל אַרבייטער. נאָר די ענטשיידענדסטע ראָלע אין דער פּאָליטיק פֿון צענטער שפּיעלען די אינטערעסען פֿון די פּריצים-אַגראַריער און דאָס פֿיהרט אונפֿערמיידליך דעם

קאטאלישען צענטער צו א פארבאנד מיט די פראטעסטאנטישע (לוטעראנישע) פרייסישע יונקערס; צווישען די ביידע גרינדערס-חברים איז נור איין אונטערשייד: די יונקערס און די פאליטישע פערטרעטער פון ווייטע אינטערעסען—די קאנסערוואטיווע פארטיי-פיהרערן ווייזען רעאקציאנערע פאליטיק אפען, אין דער צייט, ווען דער צענטער, האבענדיג אין זיינע רייהען ניט קיין קליינע צאהל פון מעהר דעמאקראטישע וועהלער, מוז אליין מאכען דעם אנשטעל פון א דעמאקראטישער פארטיי, בעצם אבער איז ער ניט אסך ווייניגער רעאקציאנער ווי די קאנסערוואטארען. די אלע פאסירונגען בעת דער בעטראכטונג פון דער וואהל-רעפארם האבען דאס ווי מען דארף ניט בעסער בעוויזען. האבענדיג אין זיין פראגראם די פאדערונג פון אלגעמיינעם, גלייכען, געהיימען און דירעקטען וואהל-רעכט אויך פארן לאנדטאג, האט דער צענטער אמת אין פלענום (אויף דער אלגעמיינער פערזאמלונג פון לאנדטאג) [illegible] דעם דערמאנט אין נעבעלדיגע פארמען,—אין דער קאמיסיע אבער האט ער געשטימט ניט נאר געגען דער איינפיהרונג פון אזא דעמאקראטישען וואהל-רעכט, אפילו אויך געגען איינצעלנע אויסבעסערונגען פון דעם עקזיסטירענדען וואהל-רעכט, וועלכע עס האבען פארגעלעגט אנדערע פארטייען. דורכווארפענדיג די אפענע אבשטימונג און דורכפיהרענדיג דורך דער צאהל פון זיינע שטימען, די געהיימע אבשטימונג פיהרט דער צענטער דא גופא געהיימע אונטערהאנדלונגען מיט די קאנסערוואטארען (וועגען וואס מען האט זיך שפעטער דערוואוסט) און אנשטאט די דירעקטע וואהלען, וואס די רעגירונג האט פארגעלעגט, פיהרט ער איין—אינדירעקטע און מיט דער בעשטעטיגונג, אז די געהיימע אבשטימונג דארף זיין נור אויף דער ערשטער שטופע—ביי די וואהלען פון וואהל-מענער, די וואהל-מענער אבער אליין מוזען אבגעבען זייער שטימע אפען. דורך דעם ווערט בעצם בטל פאר די ארבייטער די גאנצע בעדייטונג פון דער געהיימער אבשטימונג, ווייל עס וועט דאך אלץ פאקט שווער זיין צו געפינען גענוג קאנדידאטען פאר וואהל-מענער, וואס וואלען גרייט זיין צו נעהמען אויף זיך די ריזיקע צו שטימען ניט לויט דעם ווילען פון די שטארקע און מעכטיגע פון דיזער וועלט.

נאר פארן עולם האט מען דאס, אלץ, פער-
שטעהט זיך, פערשוויגען, און כדי צו [illegible] זיך פאר זיין רעאקציאנערע אויספיהרונג, האט דער [illegible] א תירוץ, אז, ניט נאכבענדיג די קאנסערוואטארען איז אים איבערלאזען אויף ווייטער די אינדירעקטע וואהלען, וואלט אוממעגליך געוועזען צו בעוואהרען די געהיימע אבשטימונג. אנדערע, וועלכע ווייסען ניט גענוי ווי עס פיהרען זיך געשעפטען אין לאנדטאג, קענען רעכענען, אז די טענה איז א ריכטיגע, אין דער אמת'ן אבער איז דאס נור א פראבע פון דעם צענטער אבצונארען די נאאיווע וועהלער און פערמאסקירען זיין רעאקציאנערע פאליטיק, וואס איז אנגעווענדעט געגען די פאלקס-מאסען. און ווען די סאציאלדעמאקראטישע דעפוטאטען האבען זיך געפרובט איינרעקען דיזען שענדליכען שפיעל, האט די מעהרהייט, וועלכע בעשטעהט פון די קאנסערוואטארען און דעם צענטער, פערשטאפט זיי דעם מויל, שליסענדיג דעם רעדנער-ליסט, אבנעהמענדיג דאס ווארט ביי די סאצ. דעמ. דעפוטאטען און או. וו.

כאטש אפילו דער צענטער מיט די קאנסערוואטיווען צוזאמען האבען די 2 דריטעל שטימען פון לאנדטאג, וועלכע עס פאדערט זיך לויט דער קאנסטיטוציע אויף אויסצוענדערן דעם וואהל-רעכט-געזעץ, האבען זיי זיך דאך די גאנצע צייט בעמיהט אריינציהען אין זייער יד-אחת אויך די נאציאנאל-ליבעראלען, דעם רעכטען פליגעל פון דעם בורזשואזען ליבעראליזם. דעם שווארץ-בלויען בלאק וואלט דער געשעפט געלונגען, ווייל, נעהמענדיג אנטייל אין דער רעאקציאנערער אומענדערונג פון דעם וואהל-רעכט, וואלטען די נאציאנאל-ליבעראלען גענומען אויף זיך א טייל פון דער פעראנטווארטונג פאר דיזען טריט און עס וואלט במילא קלענער געווארען די אחריות, וואס קומט אויס אויפ'ן חלק פון דעם צענטער און די קאנסערוואטארען. און נעהמען אויף זיך די אחריות פאר אזעלכע מעשים, וואס געהען געגען די אינטערעסען פון די פאלקס-מאסען איז ניט אזוי אנגענעהם: ערשט פאר צוויי יאהרען האט די זעלבע יד-אחת פון דעם צענטער און די קאנסערוואטארען ארויפגעווארפען אויף די פלייצעס פון פאלק 450 מיליאן אונדירעקטע שטייערען און דער פועל יוצא דערפון איז אזא, אז אויף די הוספה-וואהלען אין רייכסטאג פערליערען זיי שטימען און מאנדאטען. די נאציאנאל-ליבעראלען האבען זיך ניט אבגערופען אויף די שענע איינלאדונגען פון די בונדעס-חברים, אבער ניט דערפאר, ווייל זיי האבען ניט געוואלט צולייגען זייער האנד צו אזא רעאקציאנערען געשעפט. זיי האבען זיך געהאלטען סתם צולייב א'אנדער טעם: די נאציאנאל-ליבעראלען האבען געווינשט אזא אומענדערונג פון דעם וואהל-געזעץ, וואס זאל ניט נור פערשטעלען

פאר די סאציאלדעמאקראטען דעם וועג אין לאנדטאג, נאר זאל אויך פערשטארקען זיי, די נאצ.-ליבעראלען, אויפ'ן חשבון פון דעם צענטער עטליכע מאנדאטען אין די גרעסערע שטעדט אויף דעם רהיין. זיי האבען דאס גערעכענט צו דערגרייכען, ווען מען וועט נור לויט א'אנדער חשבון צעטיילען אויף דריי חלקים די גאנצע סומע פון די אבגעצאהלטע שטייערען און מען וועט נעהמען אין בעטראכט א העכערע מאקסימום-סומע פון די שטייערען, וואס איין פערזאן צאהלט איין. דער צענטער האט פון זיין צד, ניט האבענדיג קיין חשק צו פערליערען מאנדאטען, ניט מסכים געווען אויף די פאדערונגען פון די נאציאנאל-ליבעראלען. די פשרה, וואס די איבערשטע הערען-פאלאטע האט פארגעלעגט, האט ביידע צדדים ניט צופריעדען געשטעלט און ביי דער ענדגילטיגער אבשטימונג איז דער געזעץ-פראיעקט מיט אלע אומענדערונגען, וואס דער בלאק האט אריינגעטראגען, דורכגעפאלען.

דער ארבייטער-קלאס פון דייטשלאנד קען צופריעדען זיין מיט אזא רעזולטאט און פון פולען הארצען בענטשען דיזע מפלה, ווייל מיט דער רעפארם איז מען נור אויסען געווען אויסקלינגען א שטיין אויפ'ן וועג צו דער דערגרייכונג פון דעם אלגעמיינעם וואהלרעכט. איצטער איז דיזער שטיין אבגעווארפען געווארען פון וועג אין די רעפארם האט נאך געהאט אזא [illegible] מזל, דאס זי האט נאך געמאכט א טובה דעם פראלעטאריאט, ווייל די בעטראכטונג פון דעם געזעץ-פראיעקט האט ארויסגעשטעלט די בורזשואזע פארטייען און גראדע די גרעסטע פון זיי—דעם צענטער און די נאציאנאל-ליבעראלען—אין דער נאקעטער געשטאלט פון זייער עגאאיסטישער פארטיי-פאליטיק, פון זייער פחד און שנאה צו דעם ארבייטער-קלאס און זיין פארטיי און האט געעפענט די אויגען פון פיעלע אין פיעלע בלינדע, אריינפיהרענדיג זיי אין די רייהען פון די קעמפפער פאר א פרייען וואהל-רעכט.

ווי מיר האבען שוין בעמערקט, האבען נור אליין די פרייזיניגע די גאנצע צייט קאנזעקווענט געשטיצט אין לאנדטאג געגען דעם שווארץ-בלויען בלאק און זייערע רעדנער האבען געפונען ניט וועניג שארפע ווערטער אויף ארויסשטעלען צים שאנדסלופ די דריי-קלאסען סיסטעם און איהרע פריינד. בכלל מוז מען מודה זיין, אז פאר דעם לעצטען 1–1½ יאהר האט דער דייטשער ליבעראליזם זיך א רוק געטאן א ביסעל לינקס: עס האט זיך געבילדעט דערווייל נאך ניט קיין גרויסער „דעמאקראטישער בינד", וועלכער טרעט אפען ארויס אין דעם קאמפף פאר וואהל-רעכט צוזאמען מיט דער סאציאלדעמאקראטיע; די פרייזיניגע, וועלכע האבען אין אנהויב נור לצנות געטריבען איבער דער בעוועגונג פון דעם פראלעטאריאט פאר וואהל-רעכט, בעציהען זיך איצטער צו איהר מיט א געוויסען מיטגעפיהל און דער טאן פון זייער פרעסע בנוגע צו די יונקערס און דער רעגירונג איז געווארען זעהר א שארפער. אפילו אין די רייהען פון די נאציאנאל-ליבעראלע וועהלער בעמערקט זיך אויך א אונצופריעדענהייט — אין דעם פרט זענען אינטערעסאנט די ניט לאנג פארגעקומענע הוספה-וואהלען אין דעם קרייז פריעדבערג, וואו בעת די שטיכוואהלען האבען ניט נאר די פרייזיניגע, נאר אויך א טייל פון די נאציאנאל-ליבעראלען, ניט קוקענדיג אויף דעם לאזונג פון זייער איינענעם וואהל-קאמיטעט, געשטימט פאר א סאציאלדעמאקראט געגען אן אגראריער. פונדעסטוועגען זענען פאראן ניט וועניג סימנים, וועלכע בעווייזען, אז אויף דער פערשטארקונג פון דער אפאזיציאנעלער שטימונג ביי דער ליבעראלער בורזשואזיע, אויף איהר רוקען זיך נאך לינקס דארף מען ניט לייגען קיינע צו גרויסע האפנונגען. אזוי למשל, האבען די זעלבע פרייזיניגע אינטערעסירט אויף די הוספה-וואהלען אין דעם קרייז אוזעדאם-וואלין א קאנסערוואטאר געגען א סאציאלדעמאקראט, און אויף די בעפארשטעהענדע וואהלען אין רייכסטאג גרייטען זיי זיך, ווי עס הייסט אויס, ארויסצוטרעטען געגען די סאציאלדעמאקראטען צוזאמען מיט די נאציאנאל-ליבעראלען, וועלכע זיי ניטא האלטען פאר שונאים פון א וויכטיגער וואהל-רעפארם. אויף אזא אופן, אויב דער לינקער פליגעל פון דער בורזשואזיע איז איצטער ביז צו א געוויסען גראד א מיטהעלפער פון פראלעטאריאט, מוז מען דאך ניט צו הויך שאצען דיזען פאקט. אבשאצענדיג די ראליע פון דער בורזשואזער אפאזיציע אין דעם איצטיגען מאמענט, וואס מעהרינג אין דער „נייער צייט", צענטראל ארגאן פון דער דייטשער סאציאלדעמאקראטיע, אז די פראלעטארישע מידה ניט צו געטרויען די בורזשואזע העלפער און מיטלויפער איז בעזונדערס פאסיג איצטער, בעת דעם קאמפף פאר וואהל-רעכט. עס פערשטעהט זיך, דער פראלעטאריאט טאר ניט אבשטויסען פון זיך די בורזשואזע מיטהעלפער, געוויסע שוויריגקייטען וועט דאך בעשאפען די ליבעראלע אפאזיציע פאר'ן יונקערשען-קלעריקאלען בלאק... און אויף וויפיעל די בורזשואזע וועט זיכערליך מאבילזירען איהרע קרעפטען געגען די

יונקערס, קען מען איהרע אנדערע חטאים לאזען אין א זייט. דיזע טאקטיק וואלט נור אין דעם פאל געווען פאלש, ווען מיר וואלטען ציליעב די צייטווייליגע געמיינזאמע אינטערעסען מיט דער בורזשואזיע בעשאפען זיך א פאלשע פארשטעלונג וועגען איהר כאראקטער אדער מיר וואלטען פערשלייערט די גערעכטע פאדערונגען פון די ארבייטער, אדער מיר וואלטען אבגעשוואכט די מיטלען, וואס זענען נויטיג ציליעב זייער דערגרייכונג. גאר וועגען דעם קען קיין רייד ניט זיין. די סאציאלדעמאקראטיע וועט פיהרען דעם דייטשען פראלעטאריאט מיט איהר אלטען אויסגעפרובטען וועג, אויף וועלכען זי האט שוין דערגרייכט צו נצחונות אויך אין דיזען קאמפף. און איז דען ניט א נצחון פון דער בעוועגונג פון די ארבייטער־מאסען, וואס די רעגירונג האט אריינגעטראגען איהר געזעץ־פראיעקט? דערמיט האט זיך די רעגירונג אונטערגעגעבען, הגם נור טיילווייז, פאר די מאסען, וואס האבען פערלאנגט גלייכע רעכטע פאר אלעמען; דערמיט האבען די הערשענדע קלאסען על פי ניט מודה געווען, אז זיי פיהלען זיך אויף ווייטער ניט זיכער, אז דער באדען אונטער זייערע פיס הויבט אן זיך צו שאקלען. און ערלויבען פערזאמלונגען אונטער׳ן פרייען הימעל אין בערלין—איז דאס דען ניט א נצחון פון פראלעטאריאט? ביז צו דער לעצטער צייט האט מען אין פרייסען קיינע פערזאמלונגען אונטער׳ן פרייען הימעל אדער דעמאנסטראציעס אויף די גאסען ניט געטארט מאכען, ד. ה. פאליציי פלעגט זיי ניט קיקענדיג אויף דעם געזעץ, מיט דעם אדער יענעם אויסרייד פערווערען. נאר די בעוועגונג פון די מאסען האט דורכגעריסען די פאליציייאישע צוימען: דאס דא, דאס דארטען פלעגען די מאסען נאך די פערזאמלונגען, זיך א לאז טאן אויס׳ן גאס און מאכען אונגעווארטעטע דעמאנסטראציעס—אזוי זענען אין בערלין דעם 13־טען פעברואר ארויס אויפ׳ן גאס איבער 200 טויזענד מענשען. דורך איהר אריינמישונג האט די פאליציי געבראכט צו א בלוט־פערגיסונג אין פראנקפורט און אין האללע און דאס האט נאך מעהר פאנאנדערגעבלאזען דעם פייער און די דעמאנסטראציעס האבען ניט אויפגעהערט. אין בערלין, למשל, האט דער פרעזידענט פון דער פאליציי געמעלדעט מיט ברייטקייט, אז ער וועט ניט דערלאזען די פערזאמלונג, וועלכע די סאציאלדעמאקראטיע האט צונויפגערופען אין פארק „טרעפטאוו"; אבער ניט קיקענדיג אויף דעם איז די פערזאמלונג דאך פארגעקומען אונגעווארטעט פאר דער פאליציי אין אנ׳אנדער פארק ביי דעם אנטייל פון 150 טויזענד מענשען. און דערנאך? ווען די סאציאלדעמאקראטען האבען דעם פאלגענדען מאל ערקלערט וועגען זייער פלאן צו מאכען פערזאמלונגען אונטער׳ן פרייען הימעל, האט שוין די פאליציי עס ערלויבט אהן א שום שטערונג. זי האט ערלויבט דאס, וואס זי האט ווייטער ניט געקענט ניט ערלויבען, ווייל דאס לעבען האט עס פערווירקליכט אהן איהר ערלויבניס.

די בעוועגונג פון די מאסען, וועלכע האט ארויסגעריסען ביי דער רעגירונג דאס רעכט אויף די גאס, וועט אויך ארויסרייסען ביי דעם הערשענדען רעזשים א פרייען וואהל־רעכט. פאר דעם דייטשען פראלעטאריאט קען גאר ניט עקזיסטירען די פראגע, צי זאל מען קעמפפען ווייטער? פאר איהם שטעהט נור די פראגע: ווי זאל מען קעמפפען ווייטער? צי וועלען געגען אין דעם איצטיגען מאמענט די קאמפפס־מיטלען, וואס פלעגען ביז אהער אנגעווענדעט ווערען—פערזאמלונגען, רעזאלוציעס, דער פארלאמענטארישער קאמפף אין די נייע עראבערונג פון דעם ארבייטער־קלאס—גאסען־דעמאנסטראציעס? צי איז ניט צייט צו זוכען נייע, שארפערע קאמפפס־מיטלען?

א געוויסער טייל פון דער פארטיי, אמת ניט קיין גרויסער, איז געניינט צו ענטפערן אויף דיזער פראגע מיט: „יע", און אין א רייהע פון ארטיקלען און רעדען האט זיך ראזא לוקסעמבורג בעמיהט צו בעווייזען, אז די גרעסטע פערזאמלונגען אין די שארפסטע רעזאלוציעס קענען שוין קיינעם ניט צופריעדען שטעלען, אז דאס רעכט אויף די גאס, וועלכע די מאסען האבען ערקעמפפט, די גאסען־דעמאנסטראציעס הויבען אויך אן צו פערליערען זייער בעדייטונג, אז ס׳איז צייט אויפצוהויבען זיך אויף א העכערע שטופע און לאזען אין גאנג דעם מעהר ווירקזאמען געוועהר— וואס געפינט זיך אין דער האנד פון פראלעטאריאט—דעם מאסען־שטרייק. און דאס איז, נאך איהר מיינונג, נויטיג צו טאן שוין אין דער נאהענטסטער צוקונפט, אז ניט—וועט די בעוועגונג אונטערמיידליך מוזען פאלען, ווי באלד זי איז געצוואונגען ניט צו געהן פארווערטס, נאר אליין דרעהען זיך אויף איין ארט.

ווי דיזע סכעמע זאל ניט אויסזעהען מיט איהר איינפאכהייט האט זי פונדעסטוועגען דאך ארויסגערופען געגען זיך א שטארקע אפאזיציע. ענטפערענדיג ר. לוקסעמבורג,—האט קויטסקי בעוויזען, אז דיזע סכעמע איז ניט קיין ריכטיגע. נאך זיין מיינונג, זענען די קאמפפס־מיטלען, וועלכע

מען האט ביז איצט אנגעווענדעט נאך ניט אויסגעשעפט געווארען. ער לייקענט אויך אב די בעהויפטונג, אז אהן דעם באלדיגען איבערגאנג צו שארפערע קאמפפס־פארמען וועט די בעוועגונג מוזען פאלען און ער ווייזט דערביי אן אויף עסטרייך, וואו די בעוועגונג האט זיך די גאנצע צייט „געדרעהט אויף איין ארט", ניט געזעהענדיג ווייטער פאר גאסען־דעמאנסטראציעס, און דאך האט זי זיך פערענדיגט מיט א גלענצענדען נצחון. די גאסען־דעמאנסטראציעס זענען נאך אויף אזוי פיעל ניי פאר דייטשלאנד, אז מען קען זיי נאך בעדייטענד מעהר אויסניצען. די אגיטאציע פאר א מאסען־שטרייק וואלט אין דער איצטיגער צייט געווען א פאליטישע משגעת. מען קען אזא שטרייק ניט ארגאניזירען קינסטליך, נור זיין דורך א בעפעהל פון דער פארטיי, ער מוז, ווי יעדע בעוועגונג סטיכיש אויסוואקסען, פון די אביעקטיווע קאמפפס־בעדינגונגען. אזעלכע בעדינגונגען פעהלען נאך. ס׳איז נאך ניטא אין די מאסען דאס בעוואוסטזיין, אז ס׳איז געקומען די שעה, ווען מען מוז אלץ שטעלען אין קאן. אבער גראדע דער מאסען־שטרייק איז אנ׳אונגעהויערע ריזיקע, ווייל, ווען ער זאל ניט אבגילטען, קען ער האבען פאר דעם ארבייטער־קלאס די שווערסטע פאלגען און דער מאסען־שטרייק איז דעריבער א קאמפפס־געוועהר נור אין דעם לעצטען פאל. אלס אויף דעם נאהענטסטען עטאפ פון קאמפף ווייזט קויטסקי אן אויף די בעפארשטעהענדע וואהלען אין רייכסטאג לסוף פון 1911־טען יאהר. דער אונצווייפעלהאפטער נצחון פון דער סאצ. דעמ. ביי דיזע וואהלען, וועלכע וועלען זיין נור די פארזעצונג פון קאמפף געגען די יונקערס אין פרייסען, וועט בעשאפען א ברייטערען באדען פאר דעם ווייטערדיגען קאמפף, ביי וועלכען דער מאסען־שטרייק וועט אפשר אויך נויטיג זיין. דערווייליגע איז אבער נאך ניטא אזא נויטיגקייט—אפילו ווען מען זאל זיך רעכענען מיט יענער אונקלארער מעגליכקייט, אז דער הערשענדער קלאס וועט נאך פאר די וואהלען פראוואצירען דעם ארבייטער־קלאס אויף א מאסען־שטרייק.

נאר צווישען דיזער אונקלארער מעגליכקייט ביז צו דער דירעקטער אויספאדערונג צום שטרייק ליעגט נאך זעהר א ווייטער מהלך און די אויפגאבע פון דער פארטיי בעשטעהט איצטער אין דער ענטוויקלונג פון דעם קאמפף אין דער פריהעריגער ריכטונג ביז צו די לעצטע מעגליכע גרעניצען, וועלכע זענען נאך ווייט ניט דערגרייכט געווארען. און צוגלייכער צייט מוז מען פונדעסטוועגען—ניט רופען צום מאסען־שטרייק, נאר זעהן צו בעקאנט מאכען די מאסען מיט דעם תוך פון דיזען נייען געוועהר ווי אויך מיט דעם, ווי אזוי ער איז אנגעווענדעט געווארען אין דער געשיכטע פון דער ארבייטער־בעוועגונג.

דאס איז נויטיג, ווייל כדי איין מאל פאר אלע מאל א סוף צו מאכען צו דער הערשאפט פון די יונקערס, וועט דער דייטשער פראלעטאריאט מוזען נאכהאלטיג אנשטרענגען זיין ענערגיע, פיהרען גרויסע מלחמות און אבגעבען זעהר פיעל קרבנות. ס׳איז ניטא אזא הערשענדער קלאס, אויף דער וועלט, וואס זאל מיט׳ן גוטען ווילען אבטרעטען דעם אנדערען א טייל פון זיין מאכט; די פרייסישע אגראריער זענען אבער גרייט צו פערטיידיגען זי מיט נעגעל און ציינער ביז דער לעצטער מעגליכקייט; ס׳קען דעריבער זעהר געמאלט זיין, אז דעם דייטשען פראלעטאריאט וועט אויסקומען זיך בעניצען מיט אלע פאר איהם מעגליכע מיטלען, דערינען אויך מיט דעם מאסען־שטרייק. דער דייטשער ארבייטער־קלאס ווייס, אז דער לעצטער ענטשיידענדער קאמפף פאר דעם אלגעמיינעם, גלייכען, געהיימען און דירעקטען וואהלרעכט שטעהט נאך איהם פאר. דער רעגירונגס־פראיעקט, די בעראטונג פון איהם אין רייכסטאג, זיין מפלה—איז ניט מעהר ווי אנ׳עפיזאד אין דיזען קאמפף. דער גורל פון די פעלקער ווערט בעשלאסען ניט אין פארלאמענטען און ניט דורך אבשטימונגען פאר אדער געגען די פונקטען פון א געזעץ, ער ווערט בעשלאסען הינטער די קוליסען פון פארלאמענטען, דורך דעם אקטיווען דרוק פון די מאסען. און דעריבער רופט אויס דער דייטשער פראלעטאריאט: „די וואהל־רעפארם איז געשטארבען; עס לעבע דער קאמפף פאר א פרייען וואהלרעכט!"

נאָטיצען.

I.

דאָס געזעצפּראָיעקט וועגן אָבשאַפן דעם תחום.

לאַנג האָבן זיך די פּעטערבורגער פירער פון דער יודישער רעגירונגלער-פּאָליטיק געקווינקעלט. ביז וואַנען זיי האָבן געמאַכט אַ חסד און האָבן ערלויבט די יודישע דעפּוטאַטען אַרײַנצוטראָגן דאָס געזעץ-פּראָיעקט וועגן אָבשאַפן דעם תחום. מ'האָט אַלץ מורא געהאַט, אַז מ'וועט צו פיעל רעדן וועגן יודען, אַז דאָס וועט נאָך שאַטן; מ'האָט אַלץ געטראַכט, אַז ס'איז בעסער ניט אַרויסצורוקן זיך, ניט דערמאָהנען וועגן זיך; מ'האָט אַלץ געטענהט, אַז די צײַט איז „ניט גינסטיג".

„גינסטיגער" איז די צײַט געוויס ניט געוואָרען. ווער ס'האָפט אויף די דריטע דומע, און ניט אויף די דריטע דומע, דער האָט קיין אינגינסטיגערן מאָמענט ניט געקענט אויסקלײַבן. און אויב די יודישע „בעוואָרנער"—האָבן זיך דאָך דערויף בעשלאָסן, בעווייזט דאָס נור, אַז די יודישע געזעלשאַפטליכע מיינונג הויבט אָן צו פערשטעהן די גאַנצע שענדליכקייט פון דעם רעכענען זיך—צי איז „גינסטיג" אָדער „ניט גינסטיג" דער מאָמענט—צו שרייען פאַר וועהטאָג, ווען מ'שלאָגט, פאַר צאָרן, ווען מ'בעליידיגט.

נור אונזער'ן דרוק פון דער געזעלשאַפטליכער מיינונג איז ענדליך דאָס פּראָיעקט אַרײַנגעטראָגן געוואָרען.

אָבער אַ קינד פון דער פּעטערבורגער שתדלנות-פּאָליטיק—טראָגט דאָס פּראָיעקט—אין זײַן מאָטיווירונגסטײַל—מיעסע שפּורען פון זײַן אָבשטאַמונג.

אָט ווי ס'כאַראַקטעריזירט עס דער אָרגאַן פון'ם העררן ווינאַווער אַליין:

„די געהעריגע צאָהל אַקטיאַבריסטישע התימות גאַראַנטירען נאָך ניט, דאָס געזעץ-פּראָיעקט זאָל האָבן אַ'ערפאָלג. זיי האָבן אָבער זעהר גרינדליך געווירקט אויף זײַן מאָטיווירונג. די צוזאַמענשטעלער פון'ם פּראָיעקט זענען געצוואונגען געווען—אַלס פערענטפערונג פאַר איהם צו ברײַנגען צווישען אַנדערע אויך אַזעלכע מאָטיווען, ווי דאָס הייסט די אינשולד פון דער רוסלענדער אַדמיניסטראַציע א. ז. וו. זעהר ניט פרעהליך פיהלט מען זיך, ווען אַנשטאָט אַ געשריי פון עמפּערונג איבער דעם, וואָס מ'נעמט למשל אַרויס אַ צוויי-יאָהריג קינד, דאַרף מען נאָר מאַכען אַ חניפה'דיגען (умильную) פּנים און מיט אַ שמאַלצענדיגער שפּראַך בעריפען זיך אויף דעם אַקאָלאָראַשנעם געברויך, וועלכען דאָס דאָזיגען קינד'ס מוטער פיהרט אַראָב מיט איהר רובל האַבאַר פּנים דרך הישר." *)

געוועהנט צו בעטלען אין די קאַנצעלאַריעס, האָט מען געבעטעלט התימות בײַ די אַקטיאַבריסטען און מ'גרייט זיך צו בעטלען שטימען; געוועהנט צו די אַמאָליגע „סטאָראָזאַלעך" און „פּראָשעניעס", האָט מען אָנגעגעבן אַ „פּראָשעניע" אין דומע, מיט'ן אַלטען נוסח: די יודען זענען ניצליך, פערקויפט זיי פאַר'ן נוצען, וואָס זיי וועלען ברענגען, אַ ביסעלע רעכט. געוועהנט משתדל צו זײַן זיך דורך פּראָטעקציעס, דורך הינטערשטעלעגע בעאַמטע—האָט מען די איינציגע התימות פערדריקט צים סוף און פאַראויס געלאָזען הינטערשטעלטע בעאַמטע—די אַקטיאַבריסטען. אַ פּריץ קען זײַן אַנ'אַנטיסעמיט און סונדעסטוועגען טאָן אַ מאָל אַ טובה—איז מען געגאַנגען בעטלען אפילו צו יענע, וואָס אין זייער פּראָגראַם שטעהט „גלײַכבערעכטיגונג" פאַר אַלע פעלקער אַ חוץ יודען.

אָבער ווי די מעשה איז, דאָס געזעץ-פּראָיעקט איז אַרײַנגעטראָגן—און די יודישע מאַסען האָבן פאַר זיך דעם פאַקט און מוזען אַליין טאָן, כדי דעם דאָזיגען פאַקט אויסצונוצען. די בעוועגונג פון די יודישע מאַסען דאַרף פערדרייבען די שתדלנות-אַרבייט פון די פּעטערבורגער פּאָליטיקער.

איך וויל ניט זײַן צו אָפּטימיסטיש, איך וויל ניט שטעלען קיין ענדגילטיגען פּראָגנאָז—זאָגט דער דעפּוטאַט פרידמאַן—איך וועל נאָר זאָגען, אַז אַ מילדערער געזעץ-פּראָיעקט אין זינען פון פערברייטערן אונזערע רעכט קען אין דומע און בעזונדערס אין דער דומע-קאָמיסיע אָנגענומען ווערען. און איך גיב-צו אַזאַ אָבשטימונג פון דער דומע אָדער קאָמיסיע ניט נור אַ פּרינציפּיעלע בעדײַטונג: זי קען האָבן אַ ווירקונג אויך אויף די אַדמיניסטראַטיווע פּראַקטיק, אַזוי ווי ס'האָט אויף די בלי ספק אַ ווירקונג געהאַט—**בלויז אין אַנאַנדער ריכטונג**—*), דאָס, וואָס די קאָמיסיע האָט אָנגענומען די אַזוי אָנגערופענע „יודישע אינטערפּעלאַציע." **)

אַז די רעגירונג איז שטענדיג גרייט זיך צו רעכענען מיט די בעשלוסען פון דער דומע, אויב זיי זענען שוואַרץ-מאַהידיגע—איז געוויס ריכטיג. וואָס פאַר אַ וועזען די מאַכט פון די דומע-בעשלוסען, ווען זיי „ענטספּערן ניט די אויסזיכטען פון דער רעגירונג"—איז שוין פאַראַן גענוג בײַשפּיעלען—גרויסע און קליינע. און ווי נאַאיוו קלינגט דאָס—„בלויז אין אַנאַנדער ריכטונג"!...

אָבער יודען האָפען. זיי ווילען האָפען. און מ'מאַכט חשבונות: אין וועמענס אינטערעסען ס'איז אָבצושאַפען דעם תחום. מ'פרישט אָב אַלטע זכרונות, אַז פערשידענע מיניסטאָרן זענען געווען פאַר אָבשאַפען דעם תחום; מ'דערמאָהנט, אַז אין די ספערען האָט מען זיך אויסגעדריקט, דאָס דער אויפטהו אין דער פראַגע דאַרף געהערען דער דומע—און מ'קאָנסטאַטירט, אַז איצט איז דאָך שוין דער אויפטהו פאַראַן. מ'בעטאָנט, אַז די אַקטיאַבריסטען, אַלס פערטרעטער פון דער רוסישער אינדוסטריע און האַנדעל,—זענען פאַראינטערעסירט אין צולאָזען דעם יודישען פערמיטלער. מ'קיימט צום שלום: עס זענען פאַראַן שאַנסען.

און לײַדענשאַפטליך העררט מען זיך צו צו יעדען קלאַנג, צו יעדער נײַעס. און מ'פרייט זיך דעם עולם: דאָס מיניסטעריום גרייט זיך. דאָס מיניסטעריום איז ניט געגען, דאָס מיניסטעריום גרייט אַנ'איינען פּראָיעקט—עפענען פאַר יודען די שטעדט, לאָזען פערשפּאַרט נור די דערפער.

און שוין גרייט מען זיך צו פשרות, אויף וועלכע די רעגירונג וועט כלומר'שט געהן. שוין לויפט מען צו ראָדישטשעוו'ן אינטערוויוירען איהם, צי וועלען די קאַדעטען חלילה ניט זײַן צו „פּרינציפּיעל", אַשר וועלען זיי חלילה אײַנשפּאַרען זיך, אָבזאָגען זיך צו שטימען פאַר דעם רעגירונגס-פּראָיעקט. ביז וואַנען וואָס, איז מען שוין גרייט אַראָבצולאָזען פונ'ם „איינגעבעטענעם פרייד", פון דער פאָלשטענדיגער אָבשאַפונג פון תחום.

אויף וואָס די אַלע האָפנונגען זענען געבויט איז שווער צו פערשטעהן.

די גאַנצע ביוראָקראַטיע ווייסט זעהר גוט, אַז דער תחום איז אומנוצליך און שעדליך. די אַקטיאַבריסטען ווייסען זעהר גוט, אַז די אָבשאַפונג פון תחום וואָלט ברענגען נוצען דער אינדוסטריע און האַנדעל. אָבער ס'איז אַ נאַרישע און שעדליכע אילוזיע צו גלויבען, אַז די ווירקליכע אינטערעסען פון לאַנד, די בעדערפענישען צו ענטוויקלען זיינע בראָדוקטיווע קרעפטען קענען שפּיעלען אַ **ענטשיידענדע** ראָלע אין דער פּאָליטיק פון יענעם הײַפעל, וואָס האָט אין ציעל—בלײַבען בײַ'ן רוידער, מעג עס קאָסטען וואָס עס וויל.

פון די אַקטיאַבריסטען, וואָס האָבען זיך ניט אָבגעשטעלט געגען אײַנרייסען מיט פינלאַנד, מיט די פּאָליאַקען, מיט די מוסולמאַנער, פון די אַקטיאַבריסטען, וואָס האָבען זיך אין אַ'ן פעסטען בונד צוזאַמענגעבאַקען מיט די עכט-רוסישע גראַמילעס; פון די אַקטיאַבריסטען, וועלכע האָבען שוין געאָפּפערט פיעל זאַכען, וואָס זענען ניט ווייניגער וויכטיג, ווי די יודישע רעכט,—נור כדי צו פערדיענען דעם שם פון כשר'ע פּאַטריאָטען; פון די אַקטיאַבריסטען, וואָס האָבען אין די לעצטע חדשים אַזוי פיעל שרייענדע בעווייזען פון זייער אַנטיסעמיטישער בעריימטהיילינקייט געגעבען,—פון די אַקטיאַבריסטען קען מען ערוואַרטען אַ יודען-פרײַנדליכע אָבשטימונג נור בײַ אַ'ן תנאי,—ווען די רעגירונג וועט זיי דאָס ערלויבען; ווען די רעגירונג וועט ניט זײַן געגען דעם.

צי וועט זיי די רעגירונג געבען איהר הסכמה? צי וועלען די זעלבע קאַנצעלאַריעס, וואָס אַרבייטען טאָג און נאַכט אויף אויסזוכען נײַע מיטלען פון בעגרענצען די יודישע רעכט בכלל און דאָס יודישע וואָהנרעכט בפרט; וואָס אָרגאַניזירען אַלץ נײַע און נײַע גירושים, וואָס שטעלען אין אַ ספק די אומצווייפעלהאַפטע „פּראַוועס", — צי וועלען יענע קאַנצעלאַריעס אויסאַרבייטען אַ געזעץ-פּראָיעקט, וואָס זאָל אויב ניט פערניכטען, איז כאָטש פערברייטערן דעם תחום?

שוין פיהרט זיך אויף די זייטען פון דער שוואַרץ-מאַהידיגער פרעסע אַ פּאָגראָם-אַגיטאַציע. שוין ריפט מען די עכט-רוסישע מענשען צו שיקען פּעטיציעס צו דער אַלערהעכסטער מאַכט געגען דאָס פּראָיעקט. שוין פאָדערט מען, מ'זאָל די 166 דעפּוטאַטען, וואָס האָבען אונטערגעשריבען דאָס פּראָיעקט, איבערגעבען צום געריכט אַלס מלוכה-

---

*) „יעווריסקאַיאַ נעדעליאַ" נומ. 8

*) מײַן קורסיוו — א-ר

**) „ראַזסוועט" № 7 אינטערוויו.

בונדים. שוין דרוקען זיך פּראָטעסטען אין „נאָ־וואָיע ווערעמ׳אַ״ און ווילדע ספּראָשונקעס אין „רוס־קאַיע זנאַמ׳אַ״ — װעגען „אָבגעמסטערן מיט אָקטאָ־בער 1905״, װעגען „שרעקליכע צוזאַמענשטוי־סונגען״; שוין בלאָזט מען אויף מיט נײַע פריש־קײט דאָס בלוט־בילבול אין סמאָלענסק.

װען איז נאָך די רעגירונג אַזוי גרײט צוצוהערען זיך צו די װוּנשען און שטימונגען פוּנ׳ם „פאָלק״, װי װען עס האַנדעלט זיך װעגען „אינאָראָדצעס״ בכלל און װעגען יודען בפרט?

װאָס האָט זיך געביטען, אַז מ׳זאָל מיט אַ געװיסער זיכערהײט קענען ערװאַרטען אַ גינסטיגע בעציהונג פוּן דער רעגירונג צום געזעץ־פּראָעקט?

מ׳זאָגט, די ביוראָקראַטיע איז שוין לאַנג פאַר אָבשאַפען אָדער װעניגסטענס פערברײטערן דעם תחום, די איז אָבער אַלע מאָל געװען אָבהענגיג פוּן פערשיעדענע אינטריגעס, איז בײַ זיך ניט געװען תקיף, איצט, װען די פיהלט זיך פעסטער בײַ זיך, „װעט זי אַראָבנעהמען די האַנד פוּן הארצען און מסכים זײַן אויף פערברײטערן דעם תחום״. *)

יאָ היסטאָרישע דאָקומענטען בעװײַזען, אַז בנוגע צו אַ סך פראַגען איז בײַ דער ביוראָקראַטיע ליכטיג געװאָרען אין מוח בשעת די יאָהרען 1905—1906. אָבער צײַטען בײַטען זיך, װוּנשען בײַטען זיך — און געזעץ־פּראָעקטען, פוּן דער ביוראָקראַטיע אַלײן צוזאַמענגעשטעלט, װערען ציריקגענומען; און פּאָרלאַגעס, פוּן דער ביוראָקראַטיע אַלײן געמאַכטע, װערען דורך איהר ניט אונטערשטיצט. די בעציהונג צו די פרײַהײַטען, צו דער אָרטיגער זעלבסט־פערװאַלטונג, צו דער אוניװערזיטעטס־אויטאָנאָמיע — איז געװען גאָר אַן אַנדערע בײַ דער ביוראָקראַטיע פוּנ׳ם יאָהר 1906. עס בײַט זיך די לאַגע — בײַט זיך דער שטאַנדפּונקט. די היסטאָרישע דאָקומענטען זאָגען אונז זעהר װעניג װעגען דער פּאָזיציע, װעלכע די ביוראָקראַטיע װעט פערנעהמען איצט. די געגענװאַרט אָבער זאָגט אונז װעגען דעם זעהר פיעל.

„דער פרײַנד״ איז אויך שטאַרק אין ספק; נאָר סונדעסטװעגען זאָגט ער: „סײַדען, אַז גוטש־קאָװ׳ס װערטער *) װעלען אויך ניט געזאָגט געװאָרען „פוּן פוסטען פאַס״, אַז ער האָט דערויף געהאַט אַ רמז פוּן אויבען. װי מען איז דאָרט אויבען געשטימט, װײס ער געװיס. **)

האָפנונגען, װאָס װערען געבויט אויף אַ רמז פוּן אויבען, װעלכען גוטשקאָװ האָט מן הסתם בעקומען: אַ פּראָבלעמאַטישער רמז װאָס װערט ענט־געגענגעשטעלט דער גאַנצער רעאַלער װירקליכקײט!

צװישען די אַלע קלאַנגען, מיט װעלכע די יודישע פּרעסע פרײט איהר לעזער בנוגע צום געזעץ־פּראָעקט, — איז אײן כאַראַקטעריסטישע ידיעה געװען.

אינ׳ם א 165 פוּנ׳ם „פרײַנד״ װערט מיטגע־טײלט פאָלגענדעס:

„אין צוזאַמענהאַנג מיט׳ן געזעץ־פּראָעקט װע־גען אָבשאַפען די „משערטאַ״, װעלכער איז אַרײַנ־געטראַגען אין דער נאַציאָנאַליסטישער דומע, װערט איצט אין מיניסטעריום פוּן אינערן צוזאַמענגעקלי־בען מאַטעריאַל װעגען דער יודען־פראַגע. מען פער־קלערט, אַז די רעגירונג איז מסכים צו פערברײטערן די יודישע „משערטאַ״, און פאַרשטעלען יודען דאָס רעכט צו װאוינען איבעראַל, אין די שטעדט און אין די שטעדטליך, דאַגעגען איז אָבער די רע־גירונג געגען דעם, אַז מ׳זאָל ערלויבען די יודען װאוינען אין די דערפער״.

דערנאָך װערט דערמאָהנט אַן אַרטיקעל פוּן „ראָסיאַ״, װעלכער זאָגט זיך קאַטעגאָריש אַרויס געגען אַרײַנלאָזען יודען אין דאָרף — און װײַטער טײלט „דער פרײַנד״ מיט:

„מיט דעם פאַקט, װאָס אין דומע װעט בע־קלערט װערען די יודען־פראַגע, װיל זיך אָבער די רעגירונג בענוצען אויף צו מאַכען פאַר אַ געזעץ די צײַטװײַליגע תקנות װעגען יודען פוּן 3־טען מאַי 1882 און עס װערט איצט אויסגע־אַרבײַט אַ פּראָעקט אויף אַרײַנצוטראָגען אין דו־מע, װעגען צוגעבען די דאָזיגע צײַטװײַליגע תקנות די קראַפט פוּן אַ שטענדיגען געזעץ.

די רעגירונג גרײט זיך צו אַ נײַער מאַניפעס־טאַציע פוּן איהר פּאַטריאָטיזם. געגען די אַרגומענטען װעגען רעכטס־בעװאוסטזײַן פוּנ׳ם פאָלק א. ז. װ. גרײט מען זיך אַרויסצוטרעטען מיט דעם אַל־טען ליעד װעגען דעם, אַז יודען עקספּלואַטירען דעם פויער, ענטװיקלען אינ׳ם דאָרף שכרות, פּלאָנ־טערן דעם פויער אײַן אין נעץ פוּן װאָכער א. ז. װ.

די רעגירונג װעט פאָדערן בײַ דער דומע, די זאָל מיט איהר אָבשטימונג בעשטעטיגען, אַז יודען .

---

*) „דער פרײַנד״ א 147 די שאַנסען אויף אָבשאַפען דעם תחום.

*) אין אַן אינטערװיו, װאו ער האָט זיך אַרויס־געזאָגט, אַז אַ טײלװײַזע פערברײטערונג פוּן תחום איז מעגליך.

**) „דער פרײַנד״ א 147.

װעגען אַ פערברעכעריש פאָלק, אַ פאָלק, פוּן װעל־כען מ׳דאַרף היטען די קריסטליכע מאַסען, אַז די יודישע רעכטלאָזיגקײט איז אַ נויטװענדיגע בע־דינגונג, אַ מוז פאַר דאָס גליק פוּנ׳ם לאַנד. נור אויב דאָס װעט איהר זײַן גאַראַנטירט, װעט זי בכלל דערלאָזען די בעראַטונג פוּנ׳ם געזעץ־פּראָעקט װעגען אָבשאַפען דעם תחום. צי װעט די װעניגסטענס דאַן געבען די אָקטיאָבריסטען אַ פרײַע האַנד צו שטימען, אויב זײ װילען, פאַר אַ טײלװײַזע פערגרעסערונג פוּן די צאָהל שטעדט און שטעדטליך, װאו יודען מעגען װאוינען, — צי װעלען זיך די אָקטיאָבריסטען דאַמאָלס בעשליסען דערויף, — איז אַלענפאַלס אַן אָפענע פראַגע. מ׳דאַרף נאָך געדענקען, אַז אַזאַ פּראָבלעמאַטישע פער־ברײטערונג קען זײַן פערבונדען פּינקט מיט אַזעל־כע שװעריגקײטען, װי דאָס בעזעצען זיך פוּן יו־דישע בעל־מלאכות חוץ לתחום. בעגרענצונגען דורך דער אָרטיגער פּאַס־סיסטעם, בעשטעטיגונג פוּן דער אַדמי־ניסטראַטיװער „אויסגאַבע״, פאָדערונג פוּן „גו־טע אויפפיהרונג״, פאָדערונג, די אָרטיגע קהלה פוּן אַ רוסישער שטאָדט זאָל מסכים זײַן אָנצונעהמען אַ יודישען מיטגליעד א. ז. װ. — דאָס אַלץ קען אין דער דומע־קאָמיסיע און אין דער דומע אַרײַנ־געשטעלט װערען אין [illegible] געזעץ־פּראָ־יעקט גופא און מיטברײַנגען, אַז די געװיסע פער־גרינגערונג זאָל דינען ניט די יודישע ברײטע מאַסען, נור אַ הײַפעל װאוילהאָבענדע מענשען, װאָס װעלען קענען בײַקומען די אַלע שװעריגקײטען.

אַז דאָס אַלץ קען פאַר דער אָפּאָזיציע, װעניג־סטענס פאַר דער ס. ד., שטעלען די פראַגע, צי זאָל די בכלל שטימען פאַר אַזאַ פּראָעקט, װאָס בע־שטעטיגט פּרינציפּיעל די יודישע רעכטלאָזיגקײט און פערגרינגערט ניט די לאַגע פוּן די ברײטע מאַסען, איז קלאָר. נור ס׳איז איצט נאָך ניט צײַט צו פערנעהמען זיך מיט דער פראַגע.

ס׳איז נאָך ניט צײַט צו פערנעהמען זיך מיט דער פראַגע, װײַל כדי עס זאָל זיך האַנדלען װע־גען דער אָבשטימונג, דאַרף דאָס געזעץ־פּראָ־יעקט פריהער קומען צו בעראַטונג אין קאָ־מיסיע און אין דומע. און אַלע קרעפטען דאַרפען איצט אָנגעװענדעט װערען אויף דער אויפגאַבע.

װער איז פעראַנטװאָרטליך אין דעם, דאָס געזעץ־פּראָעקט זאָל ניט בעגראָבען װערען אין די קאַנצעלאַריעס? די רעגירונג? געװיס ניט. אפילו די, װאָס האָפען, אַז זי װעט מסכים זײַן אויף אַ געװיסע פערברײטערונג פוּנ׳ם תחום, פאָל־גען דאָך ניט, אַז דאָס ברענגט בײַ איהר, אַז די װאַרט מיט אונגעדולד אויף די מעגליכקײט אָבצו־שאַפען בעגרענצונגען. דאַרף זי זיך אפשר אײַלען בעקומען אַ גענײַגטע אָבשטימונג פוּן דער דו־מע? אויך ניט. אָהן יעדע געזעצען, דורך ציר־קולאַרען און צײַטװײַליגע רעגעלן, אויפ׳ן אַדמי־ניסטראַטיװען װעג האָט זי די ברײטע מעגליכקײט צו נעהמען דעם בלוטדורשטיגען נאַציאָנאַליזם פוּן די עכט־רוסישע פּאַטריאָטען מיט אונצעהליגע יו־דישע גזירות, בעלײדיגונגען, גירושים, בעגרענ־צונגען.

װעלען זיך אײַלען מיט׳ן געזעץ־פּראָעקט די אָקטיאָבריסטען. צוליעב װאָס? ערשטענס, אײַלען זײ זיך בכלל נור דאַמאָלס, װען דאָס פאָדערט די רעגירונג; שוין דאָס אַלײן איז גענוג, אַז אַל־דאָס איבעריגע זאָל פערלענגט װערען יאָהרע־לאַנג, װײַל די אָרדנונג פוּן דער דומע־טעטיגקײט װערט פאַקטיש צוזאַמענגעשטעלט לויט סטאָליפּינ׳ס בעפעהל. צװײַטענס, איז דאָס אַלענפאַלס אַ אונ־אָנגענעהמע אין פערפלאָנטערטע פראַגע. בעשטע־טיגען דעם תחום מיט זײַן גאַנצער אונבעגרײַפליכ־קײט — הײסט ערב די װאַהלען (װײַל זײ שטע־הען שוין ניט װײַט) אַראָברײַסען פוּן זיך די לעצטע שפור פוּן קאָנסטיטוציאָנאַליזם אין אַ פראַ־גע, װעלכע בעריהרט די עלעמענטאַרסטע בירגערליכע רעכט. דאָס קען מען טאָן, װען די רעגירונג פאָדערט. אָבער ניט מיט׳ן אײגענעם גוטען װילען. דורכפיהרען געװיסע פערגרינגערונגען — הײסט קאָמפּראָמיטירען די אײגענע פּאַטריאָטישע כשרות־קײט. שוין דאָס אַהערשטעלען די פראַגע אַלײן װעט אַרויסציהען אויף די אָקטיאָבריסטישע קעפּ אַלע דונערן און בליצען פוּן די עכט־רוסישע שומרים פוּן רוסלאַנד.

דער אויסװעג איז קלאָר. ניט אײַלען זיך. פערריקען די פראַגע אַזוי, די זאָל בלײַבען ירושה דער פיערטער דומע.

און אַלע קרעפטען דאַרפען אָנגעװענדעט װע־רען, אַז דאָס זאָל זיך ניט אײַנגעבען. דאָס איז די ערשטע, די װיכטיגסטע אויפגאַבע — ברײַנגען דער־צו, דאָס געזעץ־פּראָעקט זאָל װאָס גיכער בעראַ־טען װערען.

װען מיר רעדען װעגען אָנװענדען אַלע קרעפ־טען, איז פאַר אונזערע לעזער זעלבסטפערשטענד־ליך, אַז דאָ האַנדעלט זיך ניט װעגען די „קרעפ־טען״ פוּן די פּעטערבורגער שתדלנים, װעגען „אײַ־

בײַ דורך הינטער־טירלעך, דורך פּראָטעקציעס און דיפּלאָמאַטיע. מיר רעדן װעגן די קרעפֿטן פֿון די ברײטע פֿאָלקס־מאַסן, פֿון דער געזעלשאַפֿט — פֿון דער ייִדישער און ניט־ייִדישער.

קודם כּל, פֿון דער ייִדישער. אַ פֿאָלק, װאָס שװײַגט, װען ס'האַנדלט זיך װעגן זײַנע בלוטיגסטע אינטערעסן. אַ פֿאָלק, װאָס שטרעבט ניט צו פֿרײַהײט, אַ פֿאָלק, װאָס שטעלט זיך צופֿריעדן מיט דעם גורל פֿון אַ שקלאַף — אַזאַ פֿאָלק קען ניט ערװאַרטן, אַז אַנדערע זאָלן זיך פֿאַר אים אײַנשטעלן; אַנדערע זאָלן פֿאַר אים רעכט ערװערבן. דער פּראָטעסט פֿון די ייִדישע מאַסן, זײער בעװעגונג איז נויטיג, כּדי צו בעגעגענען אַ װידערקול, אַ מיטגעפֿיהל, אַן אונטערשטיצונג פֿון די ניט־ייִדישע מאַסן, כּדי צו צװינגען די ניט־ייִדישע מאַסן פֿערשטעהן, אַז די ייִדישע קנעכטשאַפֿט איז אַ שװערע משא אויף דעם גאַנצן לאַנד.

די דאָזיגע דומע װעט ניט אײביג עקזיסטירן. ניט אײביג װעט די מאַכט בלײַבן אין די הענד בײַ די מענשן פֿון 3־טן יוני.

די שטילע הכנעה, די שקלאַפֿישע אונטער־טעניגקײט פֿון די אונטערדריקטע בעפֿעסטיגט דאָס סיסטעם פֿון קנעכטשאַפֿט. יעדער פּראָטעסט, יעדע לעבעדיגע שטים אין לאַנד גראָבט די קנעכט־שאַפֿט אונטער.

יעדעס מיטל דאַרף אויסגענוצט װערן, כּדי די שטים פֿון די ייִדישע מאַסן זאָל דערהערט װערן אין לאַנד און אין דומע. פֿערזאַמלונגען — גרויסע און קלײנע — מעגן זײַן װי קלײן, — אָפֿענע און פֿערמאַכטע, דאַרפֿן אַרויסטראָגן רעזאָלוציעס, װאָס זאָלן פֿאָדערן פֿולבערעכטיגונג פֿאַר ייִדן בכלל און די פֿילשטענדיגע אָבשאַפֿונג פֿונ'ם תּחום בפֿרט; װאָס זאָלן פֿערלאַנגען, דאָס געזעץ זאָל אַװעקגעשטעלט װערן אויף דער טאָ־געס־אָרדנונג פֿון דומע. אין פֿעראײנען, חבֿרות, אײַנריכטונגען דאַרפֿן אַזעלכע רעזאָלוציעס אַרויס־געטראָגן װערן.

עס דאַרפֿן ספּעציעלע מיטלען אָנגעװענדעט װערן, כּדי צו אָרגאַניזירן געמײנזאַמע פֿער־זאַמלונגען פֿון ייִדישע און ניט־ייִדישע אַרבײַטער און בירגער. עס דאַרפֿן געמײנזאַמע ליטעראַרישע אויסגאַבן געמאַכט װערן אין אַלע אָרטיגע שפּראַ־כן, װאָס זאָלן זיך װענדן צו דער גאַנצער בעפֿעלקערונג.

די אַלע פּראָטעסטן און רעזאָלוציעס, מיט טויזנטער חתימות בעדעקט, דאַרפֿן זיך קאָנ־צענטרירן אין דער ס. ד. פֿראַקציע אין דומע, דער אײנציגער אמתער פֿערטײדיגער פֿון די אונ־טערדריקטע װי װײַט מעגליך דאַרפֿן זײ ברײט פֿערעפֿנטליכט װערן.

אַזוי, דורך אַ מאַסן־בעװעגונג, — ניט דורך פּריװאַטלעכע אונטערהאַנדלונגען און דינגעניש פֿון די „פּני"—דאַרף מען װירקן אויף די דעפּוטאַ־טן.

מ'טאָר זיך ניט פֿערלאָזן אויף דעם, אַז די אָפּאָזיציע װעט סײַ װי שטימען פֿאַר די ייִ־דישע רעכט. מ'דאַרף זי צװינגען אַרבײַטן פֿאַר זײ, ניט בלויז שטימען אָבגעבן. מ'דאַרף בעשאַפֿן אַזאַ שטימונג אַרום יעדן אָפּאָזיציאָ־נעלן דעפּוטאַט, ער זאָל פֿיהלן אַ מוז צו װירקן, צו מאָן פֿאַר דעם, דאָס געזעץ זאָל לפּחות אַװעקגעשטעלט װערן אויף די טאָגעס־אָרדנונג.

אַז די אַלע פּראָטעסטן און רעזאָלוציעס דאַר־פֿן רעדן מיט אַ שטאָלצער און אָפֿענער שפּראַך, אַז נור אַזאַ שפּראַך קען װירקן אַפֿילו אויף די מעסיגע עלעמענטן—אויב ס'איז אויף זײ בכלל מעגליך צו װירקן—געפֿינען מיר פֿאַר איבעריג צו דערװײַזן.

װײַל ס'איז װעניג, די שטים פֿון פֿאָלק זאָל זיך הערן. װײַל אויב דאָס װעט זײַן אַ שטיל גע־בעט, אַ שטים פֿון דערנידעריגונג און תּחנונים — װי ס'קענען פֿערלאַנגען די ייִדישע כּלל־ישׂראל־בע־זאָרגער,—איז בעסער, אַז זי זאָל זיך ניט גע־הערט װערן. װײַל הערן דאַרף זיך אַ שטאָלצע שטים פֿון אַ פֿאָלק, װאָס װיל קײן שקלאַף ניט זײַן.

עס איז זעלבסטפֿערשטענדליך, אַז מיר רע־דן דאָ נור אין אַלגעמײן. די קאָנקרעטע דורכ־פֿיהרונג הענגט אָב פֿון די בעדינגונגען פֿון יע־דער אָרט.

די בעװעגונג אין תּחום װעט מוזן װירקן אויך חוץ לתּחום, און די ניט־ייִדישע געגנ־דן. אויך דאָרט װעלן די פּראָגרעסיװע עלעמענטן זיך אויף איהר אָברופֿן,—דורך ליטעראַטור, רע־פֿעראַטן, פֿערזאַמלונגען, פֿאָרלעזונגען. אין פֿיעל פֿון די שטעדט געפֿינען זיך ייִדישע קאָלאָניעס, אַ מאָל ניט־אומבעדײַטענדע. די פּראָגרעסיװע ייִדי־שע עלעמענטן פֿון יענע שטעדט דאַרפֿן אַלס זײער בעזונדער פֿליכט בעטראַכטן אַ שטיצע צו געבן די אָרטיגע אַרבײַטער אין דער דאָזיגער טעטיגקײט.

אַרויסטרעטענדיג געגן דער ייִדישער רעכט־לאָזיגקײט, װעלן די קריסטליכע אַרבײַטער, די

קריסטליכע פּראָגרעסיװע געזעלשאַפֿט ניט „אָנ־נעהמען זיך" פֿאַר אַנדערע, ניט „טאָן זײ אַ טובֿה". זײערע אײגענע בערעכטיגטע אינטערעסן שטופּן זײ צום קאַמף געגן דער נאַציאָנאַלער אונטער־דריקונג, װײַל זי איז דער יסוד פֿון זײער אײגענער אונטערדריקונג. אָט דאָס בעװאוסטזײַן פֿערשפּרײטן און פֿערטיפֿן אין די פֿאָלקס־מאַסן—איז אַ גרױ־סע אויפֿגאַבע. דערצו מוז יעדע געלעגענהײט אויסגענוצט װערן. דאָס איצטיגע געזעץ־פּראָיעקט איז אַזאַ געלעגענהײט.

די פּאָליטישע בעדײַטונג, דער ערציהערישער װערטה פֿון אַלעם דעם פֿאַר די מאַסן זענען אַזױ מוראדיג גרױס, אַז קײן רעזולטאַט פֿון דער דו־מע־אָבשטימונג קען דאָס ניט פֿערװישן. זאָל די דומע דערװײַל בעשטעטיגן אונזער רעכט־לאָזיגקײט. זי װעט ניט בכּח זײַן צו פֿערניכטן יענעם בלאַט, װאָס װעט דורך דער דאָזיגער בע־װעגונג אין די מאַסן אַרײַנגעשריבן װערן אין די געשיכטע פֿון דער בעפֿרײַאונג.

און זאָל מען ניט זאָגן—מ'קען אַ גרױסע בע־װעגונג ניט בעשאַפֿן. מיר דאַרפֿן די בעװעגונג ניט בעשאַפֿן: פֿול מיט צאָרן און ביטערניש זענען די הערצער, — אַנדערע האָבן װעגן דעם גע־װאָרנט. — דער צאָרן, די ביטערניש, די געפֿיהלן פֿון בעלײדיגטער װירדע זאָלן ניט בלײַבן בע־גראָבן אין האַרצן. זײ זאָלן אַן אויסדרוק גע־פֿינען. צו װעט דער אויסדרוק גענוג שאַרף און הויך זײַן—װײסן מיר ניט. ער זאָל אָבער װאָס העכער, װאָס שאַרפֿער, װאָס שטאָלצער זײַן— דאָס קענען מיר מאַכן, דאָס מוזן מיר מאַכן. צוליעב דעם ציעל טאָרן מיר אונזערע קרעפֿטן ניט שוינען.

א—ר.

II

אַ װיכטיגע פֿראַגע פֿאַר די אידישע פּריקאַזטשיקעס און קאָנטאָרשטשיקעס.

דאָס געזעץ־פּראָיעקט װעגן אײַנשטעלן אַ נאָרמאַלע רוה פֿאַר די אָנגעשטעלטע בערירט די װיכטיגסטע אינטערעסן פֿון זעהר אַ גרױסן טײל פֿונ'ם ייִדישן פּראָלעטאַריאַט. ס'איז שוין אין דומע אײנמאָל בעטראַכט געװאָרן, בעת דער קו־דומע און יעצט װאָס עס געהט װידער שטעהן אויף דער טאָגעס־אָרדנונג. ס'איז זעלבסטפֿערשטענדליך, אַז די גרױסע אַרמעע פֿון די ייִדישע פּריקאַזטשי־קעס און קאָנטאָרשטשיקעס קען ניט בלײַבן און װעט ניט בלײַבן גלײַכגילטיג צו דיעזן געזעץ־פּראָיעקט און מוז אין דער אָדער יענער פֿאָרם אויסדריקן איהר בעציהונג צו די פֿערשײדענע „פֿערבעסערונגען", װאָס דאָס געזעץ װיל אַרײַנ־טראָגן אין איהרע יעצטיגע אַרבײַטס־בעדינגונ־גען. מיר האַלטן דעריבער פֿאַר ניט־איבעריג אָנ־צוצײכענען אין אַלגעמײנע און קורצע שטריכן די פּאָזיציע, װעלכע ס'דאַרפֿן, לױט אונזער מײ־נונג, גראַדע פֿערנעהמען די ייִדישע פּריק. און קאָנט. בנוגע צו איהם, אויך ענטפֿערן אויף אַ פּאָר פֿראַגן, װאָס די ייִדישע געזעלשאַפֿטלי־כע מײנונג האָט די לעצטע צײַט אין פֿערבינ־דונג מיט דיעזער פֿראַגע אַרויסגערוקט.

די ברײטע ייִדישע קרײַזן האָבן זיך פֿער־אינטערעסירט אויסשליסליך מיט דער פֿראַגע װע־גן שבּת־רוה און זונטאָגס־רוה. דאָס איז פֿער־שטענדליך, דיזע פֿראַגע איז די פֿערװיקעלטסטע און שװערסטע, די בערירט אַם שאַרפֿסטן די אינ־טערעסן פֿון ברײטע שיכטן פֿונ'ם ייִדישן פֿאָלק. די שעפּט אָבער ניט אויס דעם אינהאַלט פֿונ'ם גע־זעץ־פּראָיעקט. דאָרט װערן בערירט פֿערשײ־דענע אַנדערע זײַטן פֿונ'ם אַרבײַטער־לעבן. אײ־נער פֿון די דעפּוטאַטן האָט כאַראַקטעריזירט דעם גאַנצן געזעץ־פּראָיעקט װי „אַ קאַטאָרזשנעס", און דאָס איז ניט װײַט פֿון אמת. דאָס געזעץ דאַרף כּלומרשט זאָרגן װעגן דער נאָרמאַלער רוהע פֿון די פּריקאַזטשיקעס, פֿאַקטיש זאָרגט עס װעגן דעם, די געשעפֿטע זאָלן װאָס לענגער זײַן אָפֿען, די אָנגעשטעלטע זאָלן װאָס מעהר האָרעװען פֿאַר'ן ב"ב. פֿאַר אַ נאָרמאַלן אַרבײַטס־טאָג װערט אָנגע־נומען אַ 12 שעה'דיגער, און דאָס אַלײן װאָלט כמעט ניט פֿערבעסערט די יעצטיגע לאַגע און אין פֿיעלע פֿאַלן נאָך פֿערערגערט. נאָר אינ'ם געזעץ אַלײן האָט מען אַרײַנגעטראָגן אַזױ פֿיעל אויסנאַהמען פֿון דעם אָנגענומענעם כּלל, אַז פֿון די 12 שעה װערט ביסלעכװײַז 14, 15 און נאָך מעהר. ס'װערן ניט בעשאַפֿן קײנע בעגרענ־צונגען פֿאַר'ן אָננעהמען מינדערעהריגע פּריקאַש־טשיקעס, ס'איז ניטאָ קײן אײן פּונקט, װאָס זאָל בעװאָרענען די נויטיגע רוהע־צײַט פֿאַר פֿרויען פֿאַר'ן און נאָכ'ן קינדבעט א. ד. גל. די קלענסטע פֿער־

ענדערונגען אינעם פּראָיעקט, וואָס וואָלטן כּמעט אויף וויפיעל ניט איז פערבעסערט די לאַגע פון די אַנגעשטעלטע, האָט די דריטע דומע פערוואָרפן אײנע נאָך די אַנדערע. די מעהרהײַט האָט נאָר וועגען איין זאַך געטראַכט: וואָס מעהר פרײַהײַט צו געבען די בעלי-בתּים צו עקספּלויאַטירען די אַנגעשטעלטע.

די יודישע פּריקאַשציקעס און קאָנטאָרשטשיקעס וועלען נעהמען וואָגען ווײַטער וואָרט אויך וועגען דיזען טײל פונ'ם געזעץ-פּראָיעקט.

צו פאָרמולירען ווײַטערע וואונשען בנוגע צו דיזע פּונקטען איז ניט שווער. די פאָרשריטענערע עלעמענטען פון די אַרבײַטער האָבען שוין לאַנג פעסטגעשטעלט ווײַטערע פאָדערונגען אין דיזען געביעט. און פאַר די יודישע האַנדעלס-אַנגעשטעלטע בלײַבט מעהר ניט אונטערצושטיצען די פערבעסערונגען, וועלכע די ס. ד. פראַקציע האָט אַרײַנגעטראָגען און וועלכע די 3-טע דומע האָט, ווי דער שטײַגער, פערוואָרפען. דאָס זענען:

1) דער האַנדעל אין די האַנדעלס-געשעפטען פערשײַדענער אַרט און די אַרבײַט אין סקלאַדען און קאָנטאָרען דאַרף דויערן ניט מעהר ווי 8 שעה אין טאָג.

2) קײנע איבערשטונדען ווערען ניט דערלויבט.

3) אײניגע געשעפטען און אַנשטאַלטען (די וואָס האַנדלען מיט עסענוואַרג, האַלטען ביבליאָטעקען, לעזע-זאַלען, אויסשטעלונגען, בעדער, אַפּטײקען א. ד. גל.) קען מען ערלויבען האַלטען אָפען לענגער מיט דעם תּנאי, אַז פאַר די אַנגעשטעלטע זאָלען זײַן סמענעס, און יעדע פון די זאָל אַרבײַטען ניט מעהר פון 8 שעה.

4) קינדער יונגער פון 16 יאָהר ווערען אינגאַנצען ניט אַנגענומען.

5) פאַר מינדעריעהריגע פון 16 ביז 18 יאָהר איז דער אַרבײַטס-טאָג 6 שעה.

6) מינדעריעהריגע און פרויען ווערען ניט דערלויבט צו אַזאַ אַרבײַט, וואָס איז שעדליך פאַר זײער געזונד.

7) פרויען דאַרף געגעבען ווערען ריהע-צײַט 4 וואָכען פאַר און 6 וואָכען נאָך קינפּעט; פאַר די צײַט בעקומען זײ שכירות, ווי געוועהנליך.

8) יעדען אַנגעשטעלטען ווערט געגעבען, אויסער די אָנגענומענע ימים-טובים, א חודש צײַט נאָכאַנאַנד אין יאָהר אָברוה; דאָס געהאַלט פאַר דיזע צײַט בעקומט ער ווי געוועהנליך.

9) די האַנדעלס-אַנגעשטעלטע ווערט ערלויבט צו זיצען אין דער צײַט, ווען די זענען אין געשעפט און ניט פערנומען.

ווײַטער. דאָס געזעץ קען נור פעסטשטעלען די אַלגעמײנע נאָרמען פון דער ריהע-צײַט. גענוי רעגולירען די צײַט פון עפענען און פערמאַכען די געשעפטען און אויסאַרבײַטען די קאָנקרעטע פאָרמען, אין וועלכע דאָס געזעץ קען פערווירקליכט ווערען,—דאָס איז שוין פיעל אָבהענגיג פון די אָרטיגע בעדינגונגען. ס'דאַרפען דעריבער בעשאַפען ווערען אָרטיגע אײַנריכטונגען, וואָס זאָלען זיך מיט דעם פערנעהמען. דאָס געזעץ-פּראָיעקט גיט דאָס איבער די אָרטיגע אָרגאַנען פון דער זעלבסטפערוואַלטונג, וועלכע דאַרפען זיך רעכענען מיט די פערלאַנגען, וואָס וועלען אין דעם געביעט אויסאַרבײַטען געמישטע קאָמיסיעס — פון פאָרשטעהער פון די האַנדעל-אַנגעשטעלטע, פון די בעלי-בתּים און פון די זעלבסטפערוואַלטונגען— צו גלײַכער צאָהל.

אַז די מעהרהײַטען פון די זעלבסטפערוואַלטונגען, ווען די לעצטע זאָלען אַפילו דעמאָקראַטיזירט ווערען, וועלען שטענדיג נוטה זײַן צו האַלטען דעם צד פון די ב"ב, דאָס איז קלאָר. אַז די אַרבײַטער בילדען א מעהרהײַט אין די מוניציפּאַליטעטען, דאָס איז אַפילו אין די דעמאָקראַטישסטע לענדער א זעלטענהײַט. אין דעם רוב פאַלען זענען דאָרט די בעלי-בתּים פאָרשטעהער פון דער קלײנער און גרויסער בורזשואַזיע—און די וועלען אין אַזוינע זאַכען שטענדיג פערהיטען זײערע אינטערעסען. וועגען די יעצטיגע שטאָדט-דומעס אין רוסלאַנד איז דאָך שוין אָבגערעדט. איבערגעבען דאָס אויסאַרבײַטען פון דיזע תּקנות אין די הענד פון אַזוינע קאָמיסיעס אין זעלבסטפערוואַלטונגען הײַסט שטעלען די אינטערעסען פון די אַנגעשטעלטע אין דער פאָלקאָמער אָבהענגיגקײַט פון זײַערע ב"ב. די יודישע פּריקאַשציקעס דאַרפען דעריבער אונטערשטיצען די פאָדערונג פון דער ס. ד. פראַקציע.

1) די געמישטע קאָמיסיעס זאָלען צונויפגעשטעלט ווערען פון פאָרשטעהער פון האַנדעלס-אַנגעשטעלטע און פון די ב"ב, צו גלײַכער צאָהל. די ערשטע ווערען אויסגעקליבען דורך אַלע אַנגעשטעלטע פון דעם ענטשפּרעכענדען אָרט; די אַנדערע פון אַלע ב"ב.

2) די בעשלוסען פון דיזע געמישטע קאָמיסיעס זענען ענדגילטיגע, זעהר וויכטיג איז אויך די פראַגע, ווי דאַרף אָרגאַניזירט ווערען דער קאָנטראָל איבער דעם, אַז דאָס געזעץ און די תּקנות זאָלען דורכגעפיהרט ווערען. ס'איז פערשטענדליך, אַז זיך פערלאָזען אין דעם אויף די אָרטיגע זעלבסטפערוואַלטונגען און אויף די פּאָליצײַ, ווי דאָס לעגט פאָר דאָס געזעץ-פּראָיעקט, הײַסט איבערגעבען דעם געזעץ אין הענד, וואָס זענען דעם אַרבײַטער פײַנדליך און וואָס וועלען מעהר פון אַלץ זאָרגען וועגען דעם, ווי דער געזעץ זאָל ניט ערפילט ווערען. דער קאָנטראָל מוז געהערען די אַנגעשטעלטע אַלײן. דעריבער דאַרפען די יודישע פּריקאַשציקעס און קאָנטאָרשציקעס אויך אין דיזען פּונקט אונטערשטיצען די פערלאַנגע פון דער ס. ד. פראַקציע אין דומע.

דער קאָנטראָל דאַרף אַרויסגעלעגט ווערען אויף דער פאַבריק-אינספּעקציע מיט דעם אַנטײל פון בעפאָלמעכטיגטע פון די אַנגעשטעלטע. דיזע בעפאָלמעכטיגטע ווערען אויסגעקליבען אויף דעמאָקראַטישען אופן, ווי די מיטגליעדער אין די געמישטע קאָמיסיע, די ווערען אויסגעהאַלטען אויפ'ן חשבון פון דער מלוכה. דיזע אַנשטאַלטען אין פּראָווינצען און אויך די פּראָפעסיאָנעלע פערײַנען זענען מחויב צו ערוועקען א פערפאָלגונג דורכ'ן געריכט געגען די, וואָס וועלען שולדיג אין עובר זײַן דעם געזעץ און די תּקנות.

דאָס זענען די אַלגעמײנע פּונקטען, וואָס זענען גלײַך פאַר אַלע אַנגעשטעלטע אָהן אינטערשײַד פון נאַציאָן און גלויבען. אויף פּרטים האָבען מיר זיך ניט אָבגעשטעלט. אויפהויבענדיג זײער שטימע צו פערטײדיגען זײערע אינטערעסען, טאָרען די יודישע פּריקאַשציקעס און קאָנטאָרשציקעס אין קײן פאַל ניט פערבײַגעהן גלײַכגילטיג פאַר דיזע אַלגעמײנע פאָדערונגען. די מוזען קלאָר און דײַטליך אויסדריקען זײער מײנונג, אַז נור דאַן, ווען דיזע פערלאַנגען וועלען געפינען אַן אָרט אינ'ם געזעץ, וועט מען קענען זאָגען אַז זײער רוה איז בעוואָרענט געוואָרען, אַז נור דאַן, ווען דיזע פאָדערונגען וועלען דורך דער מלוכה בעפרידיגט ווערען, וועלען בעשאַפען ווערען די מינימאַלע בעדינגונגען, בײַ וועלכע זײ וועלען זיך פיהלען ניט ווי שקלאַפען, אײַנגעשפּאַנטע אין אַרבײַט, נאָר ווי בירגער, וואָס האָבען די מעגליכקײַט אויף וויפיעל ניט איז צו בעפרידיגען זײערע קולטורעלע, געזעלשאַפטליכע און אַנדערע בעדערפניסען.

מיר געהען איבער צו דעם פערוויקעלטסטען פּונקט פונ'ם געזעץ-פּראָיעקט—צו דער פראַגע וועגען יום-טוב-רוה.

אײן יום טוב איז אַנגענומען בײַ אַלע אַרבײַטער פון דער גאַנצער וועלט—דאָס איז דער 1-טער מאַי. פאַר די אַרבײַטער האָט א בעזונדערע בעדײַטונג, דאָס געזעץ זאָל צווישען אַנדערע ריהע-טעג, אין וועלכע די געשעפטען מוזען זײַן פערמאַכט, אַרײַנשטעלען אויך דעם 1-טען מאַי. דאָס האָט פאָרגעלעגט די ס. ד. פראַקציע, און די יודישע אַנגעשטעלטע וועלען נעהמען די נויטיגקײַט פון דיזען יום-טוב אונטערשטרײַכען.

אויף וויפיעל עס האַנדעלט זיך וועגען דער ריהע-צײַט פון יעדער וואָך, האָבען מיר פריהער פון אַלץ אַן אַלגעמײנעם כּלל:

יעדען אַרבײַטער דאַרף געגעבען ווערען די פאָלקאָמע רוה ניט וועניגער פון 42 שעה נאָכאַנאַנד אין וואָך.

דיזער כּלל איז ברײַט אָנגענומען בײַ די אַרבײַטער און אין א בעזונדערער בעגרינדונג נויטיגט ער זיך ניט. געוויס האָט ער אויך א שײַכות צו די אַנגעשטעלטע. די ס. ד. פראַקציע אין דומע האָט אין איהרע פערלאַנגען דיזע פאָדערונג אַרויסגעשטעלט, און די יודישע אַנגעשטעלטע וועלען איהר געוויס אונטערהאַלטען.

ס'איז קלאָר אָבער, אַז דאַ האַנדעלט זיך ניט נור וועגען א דויערנדער ריהע-צײַט אין משך פון וואָך, נור וועגען יום-טוב-רוה. די אַנגעשטעלטע דאַרף געגעבען ווערען די מעגליכקײַט צו רוהען דאַן, ווען די, וואָס רינגלען זײ אַרום, רוהען אויך. נור דאַן וועט דער אַנגעשטעלטער קענען רוהען צוזאַמען מיט זײַנע נאָהענטע. ער וועט קענען צוזאַמען מיט זײ בעפרידיגען זײַנע געזעלשאַפטליכע, קולטורעלע און אַנדערע בעדערפניסע, ער וועט קענען אָבגעבען זײַן פרײַע צײַט דער פאַמיליע, וועלכע ריהט אויך דיזען טאָג. ס'איז קלאָר, אַז דאָס געזעץ דאַרף זיך רעכענען מיט די היסטאָרישע אײַנגעשטעלטע ימים-טובים און וואָך (אויך מיט די אָנגענומענע ימים-טובים אין יאָהר). די קריסטען פײַערן זונטאָג, די יודען שבּת, די מאַהאָמעדאַנער פרײַטאָג. אַלזאָ אין שטאָדט מיט א געמישטער בעפעלקערונג טאָר דאָס געזעץ ניט נויטען די גאַנצע בעפעלקערונג פײַערן אײַנעם און דעמזעלבען טאָג פאַר דער גאַנצער שטאָדט.

דאָס געזעץ, וואָס איז דערווײַל אָנגענומען אין דומע, פּראָקלאַמירט פאַר דער גאַנצער בעפעלקערונג פון גאַנץ רוסלאַנד נור אײן פײַער-טאָג אין וואָך זונטאָג.*) אין דעם טאָג וועלען אַלע געשעפטען (מיט אײניגע אויסנאַהמען) מוזען זײַן געשלאָסען. די ניט-קריסטליכע בעפעלקערונג, אויף

---

*) די גענויע בעטראַכטונג פון דיזען פּונקט אין ה. קאַסאָווסקי'ס אַרטיקעל וועגען דיזער פראַגע.

מיטעל די וואָס וועלן פֿײַערן איהרע יום-טובים, וואָס מוזן האַלטן די געשעפֿטן פֿאַרמאַכט צוויי טאָג אין וואָך. די יודישע אַנשטאַלטן דאַרפֿן וואָס פֿעסטער אַרויסזאָגן זייער מיינונג געגן דיזן פּונקט פֿון געזעץ. די דאַרפֿן ענערגיש זיך אײַנשטעלן פֿאַר די געוויסנס-פֿרײַהייט און דאָס רעכט פֿון נאַציאָנאַלער זעלבסטבעשטימונג פֿון יעדן בירגער.

ג.

די ס. ד. פֿראַקציע אין דיעטע האָט אין דיזער פֿראַגע אויך פֿאַרנומען נישט קיין ריכטיגע פּאָזיציע. *) איהר פֿאָרלאַגע איז אויך — אין יעדער שטאָדט זאָל אײַנגעשטעלט ווערן נור איין רוהע-טאָג פֿאַר אַלע אַנגעשטעלטע. דיזן טאָג בעשטימט די געמישטע קאָמיסיע. אַלזאָ, אין די שטעדט מיט אַ געמישטער בעפֿעלקערונג וועט דאָס אויך ברענגען צו דעם וואָס — איין טייל וועט מוזן פֿײַערן דעם יום-טוב פֿון דעם אַנדערן טייל און ניט קענען פֿײַערן דעם אייגענעם. די יודישע אַנגעשטעלטע דאַרפֿן אָנווײַזן דער ס. ד. פֿראַקציע אויף דעם פֿעהלער, וואָס זי בעגעהט, און פֿאָדערן, זי זאָל איהר פּאָזיציע פֿעראַנדערן, זי זאָל זיך אײַנשטעלן פֿאַר דעם, מען זאָל ניט נויטיגן די יודישע און מאָהמעדאַנישע אַנגעשטעלטע צו פֿײַערן פֿרעמדע יום-טובים און דאָס געזעץ זאָל זיי געבן די מעגליכקייט צו פֿײַערן זייערע יום-טובים.

די פֿאַרשידענע אַרבייטער געהען, פֿאַרשטענדליך, ניט אַרויס פֿון דעם שטאַנדפּונקט, אַז די נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע יום-טובים דאַרפֿן קאָנסערווירט ווערן, אַז אַלעס דאַרף געטאָן ווערן דערצו, דער שבת, צ"ב, זאָל זיך בײַ יודען אײַנגעהאַלטן און אַז דאָס געזעץ דאַרף דערצו מיטהעלפֿן. אין דעם געביט פֿון אײַנשטעלן אַ געוויסן רוהע-טאָג אין וואָך קומט פֿאָר אַ קאַמפּף צווישן צוויי טענדענצן. איין טענדענץ בילדעט די צוזאַמענגעבונדנהייט פֿונ'ם עקאָנאָמישן לעבן. די יודען בילדען ניט קיין עקאָנאָמיש אָבגעזונדערטע גאַנצע. זיי זענען מיט טויזענדער פֿעדעם פֿערבונדן מיט'ן ווירטשאַפֿטליכן לעבן פֿון דעם גאַנצן לאַנד און געפֿינען זיך אין אַ גרויסער אָבהענגיגקייט פֿון די אַלגעמיינע ווירטשאַפֿטליכע בעדינגונגען. דאָס בעשאַפֿט אַ געוויסע טענדענץ צו איין אַלגעמיינעם פֿײַערטאָג. דער רעליגיעזער און איבערהויפּט דער נאַציאָנאַל-קולטורעלער מאָמענט בעשאַפֿט אַ שטאַרקע טענדענץ צום אײַנהאַלטן די פֿאָלקסטימליך-נאַציאָנאַלע און רעליגיעזע יום-טובים. וועלכע פֿון דיזע טענדענצן וועט זיגען, צי וואָס איינע פֿון די בעזײַטיגן די צווייטע, דאָס וועלן מיר יעצט ניט פֿאָראויסזאָגן; און דערבײַ רעכענען מיר זיך מיט דער עקזיסטירענדער לאַגע. מיר דאַרפֿן ניט פֿאָדערן, דאָס געזעץ זאָל קינסטליך פֿאַרשטאַרקן איינע פֿון דיזע טענדענצן. מיר וועלן געגן דעם, מ'זאָל נויטיגן אַלעמען פֿײַערן איין טאָג, מיר וועלן אויך געגן דעם, דאָס געזעץ זאָל פֿיקסירן: יודען מוזן פֿײַערן שבת, מאָהמעדאַנער פֿרײַטאָג, קריסטן זונטאָג. דאָס געזעץ דאַרף נעהמען אין אַכט די עקזיסטירנדע לאַגע און רעכענענדיג זיך מיט די היסטאָריש אײַנגעשטעלטע יום-טובים גאַראַנטירן דאָס רעכט פֿאַר קריסטליכע אַנגעשטעלטע פֿײַערן זונטאָג, יודישע שבת, מאָהמעדאַנישע — פֿרײַטאָג.

ס'איז פֿאַרשטענדליך, אַז ווען מיר רעדען וועגן אַ געוויסן רעכט, איז דאָס ניט נור אַ דעקלאַראַציע, וואָס הענגט אין דער לופֿטען. דאָס געזעץ מוז פֿאָראויסזעהן די מיטלען, דורך וועלכע דיזעס רעכט קען און מוז פֿערווירקליכט ווערן אין לעבען. דאָס רעכט מוז גאַראַנטירט ווערן. וועגן די פֿאָרמען, וועגן דיזע מיטלען זענען דאָ צוויי מיינונגען. איין מיינונג: די אונטערנעהמונגען, וואו די מעהרהייט פֿון די אַנגעשטעלטע זענען, צ. ב., יודען וועלן ווערן פֿעררעגיסטרירט, ווי פֿײַערנדע שבת. דיזע אונטערנעהמונגען דאַרפֿן קיין בעזונדערע מעלדונג וועגן דעם ניט געבן, ווייל דאָס איז אַ געוועהנליכער פֿאַל. נור אין דעם פֿאַל, וואָס איז היוצא מן הכּלל, אַז יודען, צ"ב וועלן פֿײַערן זונטאָג, דאַרף וועגן דעם אָנגעגעבן ווערן אַ בעזונדערע מעלדונג. די צווייטע מיינונג: יעדע אונטערנעהמונג (די אַנגעשטעלטע צוזאַמען מיט'ן ב"ב), דאַרף בײַ זיך בעשטימען, וועלכען טאָג זי פֿײַערט, און דאַרף וועגן דעם אָנגעבן אַ דעקלאַראַציע (מעלדונג) אין די קאָנטראָלירנדע אײַנריכטונג.

ווי טהוט מען, ווען צווישן די אַנגעשטעלטע אַליין, אָדער צווישן די אַנגעשטעלטע און דעם ב"ב קומט פֿאָר אַ קאָנפֿליקט אין אויסוואַהל פֿון טאָג? דאַן מוז מען זיך ווענדען צו אַ העכערער אינסטאַנץ.

ווי זאָל דיזע אינסטאַנץ בעשאַפֿן ווערן — צו דאַרפֿן אונזערע קאָנפֿליקטן איבערגעגעבן ווערן אויפֿ'ן ענדליכן בעשלוס פֿון די פּראָפֿעסיאָנעלע פֿעראײַנען פֿון די אַנגעשטעלטע — וועגן דעם זענען אויך דאָ פֿאַרשיידענע מיינונגען. פֿאַר געמישטע קאָמיסיעס ווערן אַרויסגעשטעלט פֿאָלגענדע אַרגומענטן: מען מוז נעהמען אין אַכט ניט נור די וואונשען פֿון די אַנגעשטעלטע פֿון דער אָדער יענער אונטערנעהמונג, מען דאַרף זיך אויך רעכענען מיט דער געוויסנס-פֿרײַהייט פֿונ'ם ב"ב מיט די אינטערעסן פֿון דער אונטערנעהמונג, מיט די אינטערעסן פֿונ'ם האַנדעל. דעריבער דאַרפֿן אין דעם בעשלוס נעהמען אָנטהייל, ערשטענס, די בעפֿאָלמעכטיגטע פֿון אַלע אַנגעשטעלטע, וועלכע וועלן געוויס זײַן די פֿאַרשיעדענע עלעמענטן און די וועלן זײַן אימשטאַנד, רעכענענדיג זיך מיט די פֿאָרלאַנגען פֿון דיעזער גרופּע, נעהמען אין אַכט אויך די ברייטע פֿערשטאַנענע אינטערעסן פֿון גאַנצן פּראָלעטאַריאַט; די וועלן אויך ניט אַרויסלאָזן פֿון זינען די אַלגעמיינע פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען. דאָס איז די מאַקסימאַלע פֿאָרטרעטונג פֿון די אַנגעשטעלטע וואָס מען קען פֿערווירקליכן בײַ דער יעצטיגער אָרדנונג. האָפֿען, אַז יעצט, בײַ די קאַפּיטאַליסטישע בעדינגונגען זאָל די בורזשואַזע מלוכה-אָרדנונג אײַנטיילען אַ פּראָפֿעסיאָנעלן פֿאַראײַן די מאַכט צו זײַן די איינציגע אינסטאַנץ, וואָס זאָל ענטשיידען די קאָנפֿליקטן צווישן אַרבייט און קאַפּיטאַל — איז אַ אוטאָפּיע און אַ אוטאָפּיע דאַרף דיזע האָפֿנונג ניט אונטערשטיצט ווערן.—די צווייטע מיינונג געפֿינט, אַז אויף וויפֿיל דאָס געזעץ וויל בעוואָרענען די נאָרמאַלע רוהע פֿאַר די אַנגעשטעלטע, דאַרפֿן בײַ אונזערע קאָנפֿליקטן דאָס ענדגילטיגע וואָרט זאָגן די אַנגעשטעלטע אַליין.

מען קען ניט, אַז בײַ אונזערע פֿאַלען זאָל בעשליסן די קליינע גרופּע אַנגעשטעלטע פֿון איין אונטערנעהמונג, ווייל אַזאַ גרופּע קען זיך אָפֿט רעכענען מיט איהרע ענגע גרופּע-אינטערעסן. ווען אָבער די זאַך ווערט איבערגעגעבן אין די אָרגאַניזאַציאָן פֿון אַלע אַנגעשטעלטע, דאַן איז דאָ אַ געוויסע גאַראַנטיע, אַז ס'וועלן גענומען ווערן אין אַכט אַלע בעדינגונגען און אַלע אינטערעסן, און ס'וועט אָנגענומען ווערן אַ פּאַסענדער בעשלוס, וואָס שטימט מיט דער אַלגעמיינער פּראָלעטאַרישער פּאָזיציע. איבערגעבן דעם בעשלוס אין די הענד פֿון אַזאַ אײַנריכטונג, וואָס בעשטעהט אויף אַ העלפֿט פֿון ב"ב-הייסט ניט בעוואָרענען די אינטערעסן פֿון די אַרבייטער.

די פֿאָדערונג — די מלוכה זאָל אונזערע סכסוכים איבערגעבן אויפֿ'ן בעשלוס פֿון פּראָפֿ. פֿאַראײַן, טרעט ניט אַרײַן אין אַ ווידערשפּרוך מיט די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציאָנס-בעדינגונגען, דאָס זעלבע, ווי די פֿאָדערונג — די פֿאַבריק-אינספּעקטאָרן זאָל אויסגעקליבן ווערן פֿון די אַרבייטער.

כדי ס'זאָל זײַן גרינגער צו קאָנטראָלירן דאָס אָבהיטן פֿון דער רוהע-צײַט, דאַרף אײַנגעשטעלט ווערן די מעגליכקייט אָפֿט צו ענדערן די רוהע-טאָג. דאָס געזעץ דאַרף, למשל, פֿאָרזעהן, אַז נור איין מאָל אין יאָהר, צו אַ געוויסן טערמין, איינעם פֿאַר דער גאַנצער שטאָט, דאַרפֿן אין אַלע אונטערנעהמונגען פֿעסטגעשטעלט ווערן די רוהע-טאָג, און דערנאָך קענען שוין דעם גאַנצען יאָהר קיינע פֿעראַנדערונגען ניט געמאַכט ווערן. דאָס פֿערגרינגערט די קאָנטראָלע, דאָס מאַכט מעגליך דעם קאָנטראָל.

ווייטער איז זעלבסטפֿערשטענדליך, אַז ווי באַלד די רוהע-טאָג ווערן אין דער אונטערנעהמונג פֿעסטגעשטעלט געוואָרן, מוזן די שטרענג אָבגעהיט ווערן, און דאָס בעציהט זיך אויף די גאַנצע צײַט [illegible] (אויסגענומען אויסנאַהמען פֿאַר [illegible], וואָס [illegible] שטענדיג זיך [illegible] א. ד. גל. אין אונזערע [illegible] מוזן נאָכאַנאַנד [illegible] 42 שעה אין וואָך [illegible]).

אַלזאָ מיר וועלן אין קורצן פֿאָרמולירן אונזערע אויספֿיהרונגען וועגן זונטאָג-רוה:

1) אַלע אַנגעשטעלטע דאַרפֿן [illegible] די מעגליכקייט צו רוהען איין מאָל אין וואָך 42 שעה נאָכאַנאַנד.

2) דאָס געזעץ דאַרף, [illegible] די היסטאָריש אײַנגעשטעלטע [illegible] מוזן דאָס רעכט צו [illegible] די קריסטליכע [illegible] זונטאָג, די יודישע שבת, די מאָהמעדאַנישע — פֿרײַטאָג (אויך די אַנדערע [illegible] יום-טובים).

3) אין פֿאַלן פֿון אַ סכסוך צווישן די אַנגעשטעלטע און ב"ב אָדער צווישן די אַנגעשטעלטע אַליין איבער דער פֿראַגע וועגן רוהע-טאָג ענדליך בעשלאָסן אין אַ העכערער אינסטאַנץ (געמישטע קאָמיסיע אָדער פּראָפֿ. פֿאַראײַן).

4) די רוהע-טאָג ווערן פֿעסטגעשטעלט איינמאָל אין יאָהר און בלײַבן אומגעענדערט דעם גאַנצען יאָהר.

* * *

---

*) די גענויע בעטראַכטונג פֿון דיעזן פּונקט אין ה. קאָסאָווסקי'ס אַרטיקל וועגן דיעזער פֿראַגע.

יעצט גייען מיר איבער צו דער צווייטער זייט פון דער פראַגע.

די יודישע האַנדעלס-אַנגעשטעלטע דאַרפֿן לאַזען הערען זייער שטים, ווי מיטן זיך אַרויסזאָגן וועגען די פאָדערונגען, וואָס זיי שטעלן אַרויס בנוגע צו דיעזן געזעץ-פּראָיעקט. פֿערטיידיגנדיג דאָס רעכט צו פירן זייערע אייגענע נאַציאָנאַלע ימים-טובים, שטעלן זיי זיך אויך איין פאַר די פרייהייט פון געוויסן, פאַר די פרייהייט פון נאַציאָנאַלער זעלבסטבעשטימונג פון אַלע בירגער. אין דעם זינען בעקומט זייער אַרבייט אַן אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע בעדייטונג. דאָס איז שטענדיג אזוי, דאָס שטאַמט פון די ברייט-פערשטאַנענע אַלגעמיין-פּראָלעטאַרישע אינטערעסן.

אייניגע געזעלשאַפטליכע עלעמענטן קענען דיזען מאָמענט אויסניצן (עטליכע פּראָבעס זענען שוין געווען) אויף צו סעפּאַרירן אין דיזער אַרבייט אַרום דעם געזעץ-פּראָיעקט די יודישע אַנגעשטעלטע צוזאַמען מיט זייערע ב"ב. די טענות פאַר דעם זענען די אַלטע. דער זונטאָג-רוה איז אַ געפאַהר פאַר כלל-ישראל, דעריבער דאַרף מען זיך ניט אָבזונדערן, מען דאַרף מיט אַלגעמיינע כוחות ראַטעווען דעם שבת. ווי אַזוי זיי ווילן ראַטעווען און וואָס זיי ווילן ראַטעווען—דאָס וועלען מיר שפּעטער זעהן.

די יודישע פּריקאַשטשיקעס זענען געווען ענטוויקעלט און האָבען געהאַט גענוג ערפאַהרונג פון זייער לאַנגיאָהריגען עקאָנאָמישען קאַמפּף געגען די זעלבע ב"ב, מיט וועלכע מען וויל זיי יעצט פעראייניגען, אום צו פערשטעהן, אַז וועגען אַלגעמיינע וואונשען קען דאָ קיין רייד ניט זיין.

קיין ב"ב וועט ניט מיט'ן אייגענעם ווילען מסכים זיין אויף די אַלגעמיינע פאָדערונגען, וועלכע מיר האָבען אויבען אָנגעמערקט. די פּריקאַשטשיקעס ווייסען, וויפיעל מיה ס'האָט זיי געקאָסט זיך דערשלאָגען צו אַ 10 שעהדיגען אַרבייטס-טאָג; צי האָבען די ב"ב ניט שטענדיג געשטרעבט איהם צו פערלענגערן? צי וועט יעצט זיך געפינען כאָטש איין ב"ב, וואָס וועט מיט זיין אייגענער האַנד אונטערשרייבען די רעזאָלוציע וועגען 8 שעה אַרבייט? די סוחרים וועלען געוויס זיין זעהר צופריעדען פון דעם געזעץ-פּראָיעקט פון דער רעגירונג, וועלכע בעשטימט אַ אונבעגרענצטע אַרבייטס-צייט פאַר די אַנגעשטעלטע. דאָס זעלבע מיט די איבעריגע אַלגעמיינע פּונקטען פון געזעץ. דאָ קענען זיך די אַנגעשטעלטע פערלאָזען נור אויף זיך אַליין. זייערע ב"ב וועלען געוויס זיין געגען זיי. אַלזאָ איז דאָ אַן אַלגעמיינע אַרויסטרעטונג אונמעגליך.

בלייבען די „אַלגעמיין-נאַציאָנאַלע" פאָדערונגען פון שבת-רוה און יום-טוב-רוה; די ערשטע פאָדערונג פון די פּ. ק. אין דעם געביעט—איז 42 שעה רוהע נאַכאַנאַנד. צו וועלען די ב"ב דיזע פאָדערונג אונטערשטיצען? אויף דעם איז אַן ענטפער—אַ אַלטער פּעקיל זכרונות פונ'ם קאַמפּף פאַר'ן האַלטען פערמאַכט די געשעפטען שבת-צו נאַכט. די זכרונות ווערען יעצט בעפרישט. און זאָל נאָר איינגעפיהרט ווערען שבת-רוה, וועלען גלייך געזוכט ווערען הונדערטער מיטלען, די זאָל ניט פאָלקאָם פערווירקליכט ווערען. אַז אַזעלכע מיטלען וועלען ביי היינטיגע בעדינגונגען דאָ — דאָס ווייסען אַלע. ס'איז גענוג אויף דאָס אַנצווייזען—אום אַלעמען זאָל זיין קלאָר, אַז וועגען אַלגעמיינע טריט קען נאָר קיין רייד ניט זיין. די ב"ב ווערען ווייך און רודפי שלום, ווי נאָר ס'האַנדעלט זיך וועגען אַ שאָדען פאַר זייער געשעפט. דאַן איז דער זיסער שמייכעל אויף די ליפּען, דער רוף צו אַלגעמיין-נאַציאָנאַלער אַרבייט. אָבער ווי נאָר ס'הויבט אָן צו שמעקען מיט ווירקליכע פערבעסערונגען פאַר די אַנגעשטעלטע, דאַן ווערט דאָס אַלץ פערגעסען און די „פּראָזע" פון לעבען אין דער גרויס פון מעהרווערט פערנעמט דעם ערשטען פּלאַץ.

נאָך בולטער טרעט אַרויס אָט דיזער געגענזאַץ, ווען ס'רעדט זיך וועגען דער טאַקטיק. לאָמיר זיך צוהערען וואָס רעדט יעצט די בעל-הבתישע פּרעסע. ס'איז דערווייל אין דומע דורכגעגאַנגען דער פאָלקאָמער זונטאָגס-רוה. אויף דעם זענען זיך צונויפגעגאַנגען די לינקע און די רעכטע. וואָס טהוט דער „הד הזמן"? וואָס טענה'ט אונזער „אַלגעמיין-נאַציאָנאַלער" דעפּוטאַט ה' פרידמאַן? אויב די פאָרלאַגע וועגען שבת-רוה וועט ניט דורכגעהן, דאַן דאַרף מען שטימען פאַר דעם געזעץ-פּראָיעקט פון דער רעגירונג, וואָס בעגרענצט דעם זונטאָגס-רוה. דער „פריינד" ברענגט דיזע מיינונג פון „הד-הזמן" אין פּראָטעסטירט אויך ניט דעגעגען. מען וועט פּרובען איינרעדען די קאַדעטען אין אַנדערע אָפּאָרטוניסטען, אפשר וועלען זיי אויך אויף דעם איינגעהן. כדי צו ראַטעווען פאַר זיך נאָך 5 שעה האַנדעל, איז מען שוין גרייט צו געהן אויף דעם אָבצונעהמען די 5 שעה ביי אַלע קריסטליכע אַנגעשטעלטע, צושטערען פאַר זיי דעם גאַנצען זונטאָגס-רוה. אַנשטאַט דעם צו פערטיידיגען מיט שטאָלץ די פרייהייט פון געוויסען—דאָס רעכט אויף נאַציאָנאַלע

זעלבסטבעשטימונג — וויל מען שוין הינטערגעהן אויפ'ן חשבון פון הונדערטער טויזענדער זיך צו ראַטעווען עטליכע שעה. דאָס איז די שטענדיגע טאַקטיק פון די ב"ב, וואָס טראַכטען נור וועגען זייער קעשענע און זאָרגען זעהר ווייניג, פון וועמענס ביטערע שווייס זי ווערט אָנגעפילט. אזוינע בעל-הבתישע דעפּוטאַטען ווי פרידמאַן בעפוצען דעם תוך פון דיזער פאָרלאַגע מיט שענע פראַזען וועגען פערטיידיגען די אינטערעסען פון גאַנצען פאָלק. דער חוב פון די יודישע אַנגעשטעלטע איז דיזען תוך אויפצודעקען, בעווייזען דער גאַנצער בעפעלקערונג, אַז פאַר די עטליכע שעה האַנדעל, וועלכע דער ה' פרידמאַן וויל אויסבעטען פאַר די יודישע קרעמער, וועט די קאָלאָסאַלע מאַסע פון קריסטליכע אַנגעשטעלטע בעצאָהלען מיט 5 שעה שווערער אַרבייט אין דעם טאָג, וואָס מוז איינגאַנצען אויסגענוצט ווערען פאַר קולטורעלע און געזעלשאַפטליכע בעדערפניסען. צום שאַנד-סלופּ דאַרפען די יודישע פּריקאַשטשיקעס דיזע פאָרלאַגע פון די ב"ב-תישע פערזאָרגער אַרויסשטעלען, מיט דער גרעסטער ענטשלאָסענהייט דאַרפען זיי אַזאַ מיטעל פון זיך אָבשטויסען.

אַלזאָ, די יודישע אַנגעשטעלטע וועלען זעלבשטענדיג זייערע פאָרלאַנגען אויסדריקען. אויף דעם דאַרפען אויסגענוצט ווערען אַלע מיטלען. דער ערשטער מיטעל—אויף פערזאַמלונגען בעטראַכטען זייערע פאָדערונגען און דורך רעזאָלוציאָנען אויסדריקען קלאָר און דייטליך די בעציהונג פון די אַנגעשטעלטע צו דעם אַנגענומענעם געזעץ-פּראָיעקט און די פאָדערונגען וואָס דאַרפען אין איהם אַריינגעטראַגען ווערען. דיזע רעזאָלוציאָנען דאַרפען איבערגעשיקט ווערען דער ס. ד. פראַקציע, וואָס האָט קאָנזעקווענטער און ענערגישער פון אַלעמען פערטיידיגט אין דומע די אינטערעסען פון די אַנגעשטעלטע.

אַלע פערשטעהען, אַז אויף דער דריטער דומע איז אין דער הינזיכט ניטאָ קיין האָפנונג. אָבער די אַרבייט מוז געמאַכט ווערען ניט קוקענדיג אויף דעם, וואָס פאַר אַ פּראַקטישע רעזולטאַטען זי וועט האָבען. די ערקלערונג פון דער פראַגע, דאָס פעסטע וואָרט, וואָס די אַנגעשטעלטע וועלען זאָגען האָט פאַר זיך אַליין אויך אַ גרויסע געזעלשאַפטליכע בעדייטונג. דאָס מוז האָבען אַ ווירקונג אויף די דעפּוטאַטען, וואָס פערטיידיגען אין דומע זייערע אינטערעסען.

שווייגען טאָר מען אין קיין פאַל ניט.

בן-רחל.

אין ביכער-פערלאג „די וועלט“ געפינט זיך צווישען פערשיידענע אנדערע ביכער אויך פאלגענדע:

ווישלאווסקי—דאס נייע לעבען 1909—1910
ווישלאווסקי—פילאסאפיע 20 העפטען יעדער העפט 18 קאפ.

אינטערנאציאנאלע ביבליאטעק:

קראנץ פיליפ: קולטור געשיכטע 3 בענדער 3. ר. 60 קאפ.
פראנצויזישע רעוואלוציע 1 ר. 20 ק.
אמעריקא פאר קאלומבוס 1 ר.
יציאת מצרים 30 ק.
דאס הייסט גאציאן 30 ק
אריסטאטעל 20 ק.
ברוך שפינאזא 30 ק.
שבתי צבי 30 ק.
יאזעף פלאוויוס 30 ק.
לעסינג און מענדעלסאן 50 ק.
פאמיליע ראטשילד 30 ק.
דן יצחק אברבנל 30 ק.
מאהאמעד 30 ק.
מייערבער 30 ק.
וואלטער ביאנר. 20 ק.
ד-ר. קאסטע. מעכאניקא 20 ק.
כעמיע 30 ק.
אסטראנאמיע 30 ק.
יהאוש—לידער 2 ר. 25 ק.
י. גארדאן—ערצעהלונגען 1 ר.
אלישע בן אבויה 30 ק.
דער אונבעקאנטער 40 ק.
סאפפא 50 ק.
די אמתע קראפט 40 ק.
מ. גארקי—ערצעהלונגען 30 ק.
אינטעריום 30 ק.
ל. טאלסטאי—איינציגער מיטעל 10 ק.
פאטריאטיזם און רעגירונג 10 ק.
צום ארבייטער פאלק 10 ק.
מ. ראזענפעלד—לידער II ב. 2 ר. 25 ק.
היינע היינריך 30 ק.
יהודה הלוי 30 ק.
באראנאו—דער מענש און די נאטור 20 ק.
פינסקי: דוד—ערצעהלונגען 2 בענדער 2 ר.
אייזיק שעפטעל 30 ק.
זרבבל 10 ק.
אלעקסאנדראוו—טאלסטאי 20 ק.

פייגענבוים—רמבם 20 ק.
הערניק—דער ווילנער גאון 20 ק.
סעדיה גאון 20 ק.
הערמאלין—יצחק בער לעווינזאהן 30 ק.
ליבין—געקליבענע סקיצען 1 ר.
קאמפף לעא—מארץ שטורם 40 ק.
איבסען—די גייסטער 40 ק.

אויסגאבען פריעדמאן, לאנדאן:

אוואלד אסקאר—דע פראפונדיס 70 ק.
מעטערלינק מ. מאנא וואננא 40 ק.
איבסען ה. די פרוי פון ים 40 ק.
אוואלד אסקאר—סאלאמע 20 ק.
הויפטמאן ה.—די איינזאמע מענשען 70 ק.
ראכעל ארנהאלד—משה רבנו און טשארלז דארווין
מולטאטולי—געקליבענע מעשהלעך 50 ק.
זאנגוויל—אוריאל אקאסטא 30 ק.
דער איינזאמער פילאסאף 40 ק.
דער טערקישער משיח 40 ק.
דער בעל שם 40 ק.
באושאווער—ערצעהלונגען 20 ק.
לידער און געדיכטע 20 ק.
גראף דער וואלניי—על נהרות בבל 30 ק.
מאליער—קאקעטקעס 10 ק.
אלבום דר.—פרוי'ס האנדבוך 50 ק.
בערנשטיין—נאטורוויסענשאפט 12 העפטען 4 ר. 40 ק.
פרץ—די 8-טע אבטיילונג פון גהינם 40 ק.
האמסון—הונגער 1 ר.
פאן 60 ק.
איבסען—נארא 40 ק.
די פרוי פון ים 40 ק.
מירבא—געשעפט איז געשעפט 50 ק.
בלינקין—הייבער 16 ק.
דער סוד 16 ק.
דאקטאר מאהאווער 16 ק.
גארדוי—דער לעבען פון התוגה 20 ק.
אינגערמאן—דער מענש און זיין נשמה 10 ק.
ביערנסאן—ערצעהלונגען 60 ק.
היינמשעווסקי—א טאג מיט יעקב גארדין אמעריקאנער אויסגאבען 50 ק.
בארען—לידער 20 ק.
געטהע—ווערטערס ליידען 70 ק.

פישלזינגער—וועלטלעך 60 ק.
רייזען בלאט—לידער 50 ק.
גארין—שפרה 40 ק.
ליטעראטור זאמעלבוך ארויסגעגעבען פון פערלאג ליטעראטור—ניו-יארק פר. 60 ק.
קאברין ערצעהלונגען—50 ק. 1

פערלאג השחר.

בערקאוויטש—שריפטען 90 ק.
פיינענבערג—קינדער-יאהרען 50 ק.
שניאור—א טויט 70 ק.
פינסקי—דראמען 90 ק.
ענקעל דער שמיד 50 ק.
צבי און די פרויען 35 ק.
זיס דיענער פאהנען 20 ק.
בריינין ראובן—שריפטען 50 ק.
וואסערשלעגסאן—דאס הייסע לעבען 40 ק.
ווארקאווען—50 ק.
פיסקים גרויסע וועלט ביבליאטעק 1909—1910.
אבראמאוויטש'ס שריפטען 1 באנד 1 ר.
קליין מענשעלע 30 ק.

פערלאג לידסקי

אש שלום—יוגענד 1 באנד 70 ק.
שטעטעל II באנד 70 ק.
ערצעהלונגען 2 ב. 70 ק.
מאטיווען 4 ב. 70 ק.
גאט פון נקמה 35 ק.
משיח'ס צייטען 35 ק.
אין א שלעכטער צייט 35 ק.
אמנון און תמר 25 ק.
מיטן שטראם 25 ק.
שבתי צבי 35 ק.
אום ווינטער 15 ק.
זינדיגער 15 ק.
מאמענטען 15 ק.
פרץ—שריפטען 1, 2 — 2 ר.
די צייט 1 ר. 25 ק.
פאלקסטימליכע געשיכטען 1 ר. 25 ק.
דראמאטישע שריפטען 1 ר. 25 ק.
אין פאליש אויף דער קייט 30 ק.
די גאלדענע קייט 30 ק.
דראמאטישע ווערק 50 ק.
רעדאגירט פון פרץ.
יודיש—זאמעלבוך I 75 ק.
יודיש—זאמעלבוך II 75 ק.
פרץ—אדם וחוה 1 ר. 25 ק.
פרץ'ס בלעטלעך 1 ר.

רייזען—געזאמעלטע לידער I באנד 1 ר. 25 ק.
מענשען און העלדען II 1 ר. 25 ק.
געשטאלטען III 1 ר. 25 ק.
ערצעהלונגען און בילדער 25 ק.
צייט לידער 20 ק.
לידער פון לעבען 50 ק.
רעבעטיצע 6 ק.
נויטע ברידער 5 ק.
דער פאלשער גלח 5 ק.
ציגיינערין 5 ק.
דאס יודישע ווארט 75 ק.
20-טער יאהרהונדערט 50 ק.
יאהרבוך פראגרעס 75 ק.
קונסט און לעבען 4 ב. 80 ק.

שלום עליכם.

4 בענדער 2 ר. 50 ק.
3 בענדער נייעסטע ווערק 3 ר.
דער מבול 80 ק.
אלע בריעף פון מנחם מענדעל 1 ר.
א מעשה אן אן עק 25 ק.
פערשיעדענע 40 קליינע ביכלעך צו 5—10 ק.
בערגעלסאן—ארום וואקזאל 35 ק.
ווייסענבערג—א שטעטעל 35 ק.
דינעזאן—יאסעלע 50 ק.
הערשעלע 50 ק.
קריזים 40 ק.
אבן נגף 1 ר.
וועלט געשיכטע 4 בענדער 2 ר.
דובנאוו—אידישע געשיכטע 2 טייל 2 ר. 75 ק.
גארעליק—אלמאנאך 60 ק.
גרעץ—אידישע געשיכטע 3 ר. 50 ק.
זאלא—פאריז 70 ק.
זשערמינאל 80 ק.
הויפטמאן—פוהרמאן הענשעל 40 ק.
ליפמאן לעווין—שריפטען 80 ק.
נאמבערג—שריפטען 5 טייל 2 ר. 50 ק.
ראזענפעלד יונה—שריפטען 75 ק.
פרישמאן—שריפטען 1. 2 יעדער באנד 80 ק.
עדעלשטאט—שריפטען 35 ק.
דר. עליאשעוו—שריפטען 2 בענדער יעדער באנד 1 ר.
ריזעסמאן—דאס ווייזענס משלים 45 ק.
קיפניס יודישע מוזיקער 40 ק.

דראמען:

גארדין—דער אונבעקאנטער 25 ק.
סאפפא 30 ק.
די שחיטה 30 ק.
מירעלע אפרת 25 ק.

קרײַצער סאָנאַטע 30 ק.
אלישע בן אבויה 30 ק.
גאָט מענש טײַװל 30 ק.
די אמתע קראַפֿט 30 ק.
דער אמת 30 ק.
דער מטורף 30 ק.
די שײנע מרים 30 ק.
חאַסיע די יתומה 30 ק.
געברידער לוריע 25 ק.
פּינמאַן—הנהלע די נײַטערין 30 ק.
שלימערשטײן—דאָרא 25 ק.
על נהרות בבל 30 ק.
קאָרנבלים משה—מלך דער סטאָליער 30 ק.
הורװיטש — בן הדור 30 ק.
טשאַרני—נאָכ׳ן שטורעם 15 ק.
ליבין—געבראָכענע הערצער 25 ק.
שטײַנבערג—די מוטער 25 ק.
לאַטײַנער—רודים פּירעלע 25 ק.
יאָשעלע דער בלינדער 30 ק.
שׂרה שײנדעל 25 ק.
מירבאָ—ושאָן און מאַרלענא 30 ק.

גראַף לעװ טאָלסטאָי:
איװאַן אילאַיטשעס טױט 20 ק.
איװאַן דער נאַר 6 ק.
איך און מײַן מאַן 20 ק.
אננאַ קאַרענינאַ 50 ק.
מײַן װידוי 20 ק.
מײַן פֿרײַנדס פֿרוי 20 ק.
דער נסיון 20 ק.
פּאָליקושקאַ 20 ק.
די פֿערפֿירונג 20 ק.
די קרײַצער סאָנאַטאַ 20 ק.
קריעג און פֿריעדען 1 ר.
תחית המתים 30 ק.

עמיל זאָלאַ:
בלומיגע תחנה 20 ק.
אַ גלחס הינר 20 ק.
די דאָרפֿס מײדעל 20 ק.
דער הײַבערשטער גן-עדן 50 ק.
זשערמינאַל 80 ק.
טױט שלעגער 60 ק.
נאַנאַ 70 ק.
די פּאַריזער דאַמען 20 ק.
[illegible] קוס 50 ק. און אנדערע

ט. משעקאָװ—פּאַלאַטע נומער 6 25 ק.
י. לינעצקי—פּױלישער אינגעל 1 ר.
פֿאַמיליען-אַלמאַנאַך 20 ק.
נ. פּרילוצקי—פֿאַרין מזבח 20 ק.
ל. קאַמפּף—פֿאַרין שטורם 40 ק.
קילבוי—אַ ליטעראַריש-װיסענשאַפֿטל. בלאַט װאָכענטליך, פּרײַז 50 ק.
שטרײַסלער—קולטור געשיכטע 25 ק.

פּאָפּולערע װיסענשאַפֿטליכע ליטעראַטור:
לונקעװיטש—דונער און בליץ 15 ק.
״ זאַלץ 6 ק.
װעגן לופֿט 10 ק.
״ שטײַנקױלען 7 ק.
״ דאָס לעבען אין אַ טראָפּען װאַסער 8 ק.
ערדציטערניש און די װולקאַנישע בערג 20 ק.
פֿײַנענבױם—שטײַנער װאָס פֿאַלען פֿון הימעל 10 ק.
״ דאַרװיניזם 10 ק.
טאָלסטאָי—װעסטענס גלױבען איז בעסער 5 ק.
טײַלאָר—פֿון װאַנען נעהמען זיך רעליגיאָנען 5
באַקל—די געשיכטע פֿון ציװיליזאַציאָן 20 ק.
ריבאַקין—װי לעבען די חיות 40 ק.
״ די אײביגע מלחמה מיט דער נאַטור 25
װי אַזױ דער מענש בעצװינגט די נאַטור 30 ק.
קראַפּאָטקין—פּלאַנצען לעבען 30 ק.
באָגדאַנאָװ—עקאָנאָמישע לעהרע 30 ק.
״ די שקלאַפֿערײַ 15 ק.
ריבאַקין—די װאונדערליכע ערפֿינדונגען 10 ק.
חיה װעלדס—הימער אַבענדען 25 ק.
קראַפּאָטקין—פּלאַנצען-לעבען 30 ק.
קאַראַנטשעװסקי—ערצעהלונגען װעגען װילדע מענשען 10 קאָפּ.
פּאַװלאָװיטש—װי האָבען מענשען געלעבט 10 ק.
פֿיליפּ קראַנץ—די געשיכטע פֿון אַמעריקאַ 25
דראַשעװיטש—סאַחאַלין אין קאַמאַרגאַ 30 ק.
אינגערסאָל—אַ װעלט מיט פֿרײַד 10 ק.
בעבעל—פּאָליטישע סערבערלער 5 ק.
מאַרקס און ענגעלס—די בורזשואַזיע און פּראָלעטאַריער 7 ק.
פֿראַנס—די נאָסען העגדלער 10 ק.
לאַסאַל—די פֿרױ אין די אַרבײַטער-בעװעגונג 8
קאַוטסקי—ענטװיקלונג און רעגירונג שטאַאַט 10
״ די מאַנאַרכיסטישע װעלטסטהערשונג 10
בעבעל—פּאָליטישער מאַסענשטרײַק 8 ק.

„די נײַע צײַט"

● זאַמעלביכער — 1 רובל.

די נײַע צײַט 1. פּרײַז 20 קאָפּ.
שלום-אַש — בית עולם; דניאל טשאַרני — נקודות; משה [illegible] — פֿון בוך [illegible]; דוד אײַנהאָרן — אין שטילע װינקלען; [illegible] ג. — די יודישע קהלה; ג. ג-סקי — די יודישע פֿאָלקס-שול; [illegible] — צו דער אָרטאָגראַפֿיע [illegible] פֿון דער רעגירונג; [illegible] — װעגן אַ נײַע דראַמע; [illegible] — די פּאַרטײַען און [illegible] פּראָגראַמען; [illegible] — אַ נײַער עטאַפּ אין דער אַנטװיקלונג פֿון דער פּױלישער [illegible].

די נײַע צײַט 2. פּרײַז 20 קאָפּ.
[illegible] — קאַרל מאַרקס; י. ל. פּרץ — [illegible]; מ. [illegible] — קאַרל מאַרקס און די אַרבײַטער; דוד אײַנהאָרן — פֿון יודישן [illegible]; א. יודין — [illegible]; א. [illegible] — [illegible] און [illegible]; ל. [illegible] — [illegible]; [illegible] — דער [illegible] פֿאַר [illegible].

די נײַע צײַט 3. פּרײַז 20 קאָפּ.
[illegible] — [illegible] און לעבען; ל. ה-ש. — [illegible]; ד. ס. — [illegible]; יודין — דער [illegible] און די נאַצ. [illegible]; ג. [illegible] — אין דער [illegible]; דוד [illegible] — [illegible] די יודישע [illegible]; [illegible] — צו דער [illegible] פֿון דער יודישער פֿאָלקס-בילדונג; [illegible] — [illegible].

די נײַע צײַט 4. פּרײַז 20 קאָפּ.
י. ל. פּרץ — אַ בריװ; ס. [illegible] — [illegible]

[illegible]; הל. [illegible] — [illegible]; [illegible] — [illegible]; ד. ס. — [illegible]; יודין — די [illegible] אין דער [illegible]; ג. אַנסקי — די [illegible] פֿון די 50 יאָרן; ס. ל-ר — [illegible] 80 יאָריקן יובילײ פֿון [illegible] ל. [illegible]; ג. ברכות — [illegible]; — די ערשטע [illegible].

די נײַע צײַט 5—6 [illegible]
משה [illegible] — [illegible]; יעקב [illegible] — [illegible]; א. ליטװאַק — [illegible]; חיים [illegible] — די יודען און [illegible]; [illegible] — די [illegible] פֿון מזרח; א. ליטװאַק — די יודישע װעלט; [illegible] — [illegible]; א-ר — דער [illegible] קאָנגרעס פֿון דער יודישער [illegible]; דוד ס. — די [illegible] אין װאַרשע.

די נײַע צײַט 7. פּרײַז 25 קאָפּ.
ס. א. — די [illegible] אַ [illegible] קאָנגרעס; הל. [illegible] — [illegible]; הל. [illegible] — [illegible] די [illegible] פֿון דער אַרבײַטער-בעװעגונג אין [illegible]; ח-ס — די [illegible] און די [illegible]; [illegible] — [illegible]; [illegible] — דער ערשטער [illegible] פֿון [illegible]; ס-ן — יעקב [illegible].

„צײַט-פֿראַגען"

צײַט-פֿראַגען 1. פּרײַז 25 קאָפּ.
א. ליטװאַק — דער [illegible]; [illegible] — [illegible]; שמעון — [illegible]; [illegible] — דער [illegible] שטרײַק אין [illegible]; [illegible] — פּױלישע [illegible]; לד — שבת [illegible] און [illegible] פֿאַר [illegible]; א. ליטװאַק — [illegible]; ליטװאַק — אַ [illegible] פֿון ביאַליסטאָק.

צײַט-פֿראַגען II פּרײַז 25 ק.
א. ליטװאַק — דער רבנים-צוזאַמענפֿאָהר; א-ר — די מענשען פֿון רוסישן [illegible] און די נאַציאָנאַלע פֿראַגע; ה. [illegible] — די יודישע [illegible]; ג. ב—סקי — [illegible] צו [illegible]; [illegible] פֿון א—ר [illegible]; ס. ליטעמאַן — די רעגולירונג פֿון דער יודישער עמיגראַציע; ד. [illegible] — [illegible] ציוניסטישן קאָנגרעס; אסתּר — צו דער [illegible] פֿון אַ נײַער [illegible].





פינפטער באנד. סעפּטעמבער 1910. פינפטער באנד.

צייט-פראַגען

אסתר.

גלייכבערעכטיגונג פון שפּראַכען.

(דיסקוסיאָנס-אַרטיקעל) (*

I

אַרטיגע שפּראַכען, לאַנדס-שפּראַכען, מלוכה-שפּראַכען.

אינ׳ם פאָריגען אַרטיקעל האָבען מיר הויפּטזעכליך פערנומען זיך מיט דער פראַגע, ווי אַזוי גאַראַנטירען, די בעאַמטע, געזעלשאַפטליכע אנגעשטעלטע און ריכטער זאָלען ווירקליך קענען די שפּראַכען פון דער בעפעלקערונג; ווי אַזוי בעוואָרענען, אַז די שפּראַך-בעדערפניס פון יעדער גרופּע פון דער בעפעלקערונג זאָל בעפרידיגט ווערען לויט איהר ווירקליכער גרויס און ווי ווייט מעגליך אָהן נאַציאָנאַלער רייסעניש.

אינ׳ם זעלבען ביכעל „צייט פראַגען“, אין וועלכען ס׳איז געדרוקט מיין ערשטער אַרטיקעל וועגען גלייכבערעכטיגונג פון שפּראַכען, האָט ח. זעלצער געגעבען אַן אַרטיקעל איבער דעם געזעץ-פּראָיעקט וועגען שטאָדטישע זעלבסט-פערוואַלטונג אין פּוילען, וואו ער בעריהרט אויך די שפּראַכען-פראַגע. ער לאָזט אויס שפּרינגער׳ס „מעטאַפיזישע“ נאַציאָנאַלע רעכט—און זאָגט, אַז אין דער פראַגע דאַרף מען אַרויסגעהן בלויז פון די רעאַלע בעדערפניס פון די פאָלקסמאַסען. אין דעם לעצטען איז ער געוויס גערעכט. די גאַראַנטיעס, וועלכע ער לייגט

---

*) צום ערשטען אַרטיקעל פון אסתר וועגען גלייכבערעכטיגונג פון שפּראַכען („צייט-פראַגען נומ. 3—4) האָט די רעדאַקציע געמאַכט פאָלגענדע אַנמערקונג:

מיר געפינען פאַר נויטיג אויפמערקזאַם צו מאַכען די לעזער, אַז בעטראַכטענדיג די פראַגע וועגען דער גלייכבערעכטיגונג פון שפּראַכען אין צוזאַמענהאַנג מיט דער קאָמפּעטענץ פון די נאַציאָנאַלע אויטאָנאָמע איינריכטונגען נעהמט א—ר אַרויס פון די ראַהמען פון די אַנשויאונגען איבער דער דאָזיגער פראַגע, פאַר וועלכע ס׳האַלטען זיך די „צייט פראַגען“, — מיט דעם, וואָס זי לייגט פאָר צו פערברייטערן די קאָמפּעטענץ פון דיזע איינריכטונגען.

זעלבסטפערשטענדליך, איז די זעלבע אַנמערקונג גילטיג אויך פאַר דעם איצטיגען אַרטיקעל, וועלכער איז אַ פערטזעצונג פונ׳ם ערשטען.

די רעדאַקציע.

פֿאַר, בעשטעהען אין אַ סיסטעם שטראָפֿן—געלד־שטראָפֿן און דיסציפּלינאַרע שטראָפֿן, וועלכע ווערן בעשטימט פֿאַר די אײַנריכטונגען און פֿאַר די בעאַמטע, צוליעב וועמעס פֿערשפּעטיגען און ניט ענטפֿערן צו דער צײַט דער אינטערעסענט האָט געליטען היזק. די בעאַמטע, מורא האָבענדיג, אַז זיי וועלען פֿערליערען די שטעלעס, וועלען זעהן גלייך ענטפֿערן יעדען פֿרעמדשפּראַכיגען אינטערעסענט. די אײַנריכטונגען, מורא האָבענדיג, אַז זיי וועלען האָבען אײַנצאָהלען דעם היזק, וועלען זעהן אָנשטעלען אַ גענוגענדע צאָהל בעאַמטע, וואָס קענען די שפּראַכען פֿון די מינדערהייטען.

מיר דוכט, אַז דער לעזער, וואָס האָט אויפֿמערקזאַם דורכגעלעזען מײַן ערשטען אַרטיקעל, וועט לײַכט אײַנזעהן, אַז דאָס גאַנצע סיסטעם שטראָפֿן איז אַן און פֿיר זיך נאָך גאָר אַ קלײנע גאַראַנטיע. ס׳פֿערשטעהט זיך, שטראָפֿן פֿאַר איבערטרעטען דאָס געזעץ מוז מען בעשטימען; אָבער קודם כל מוז מען זעהן אַזוי אָרגאַניזירען די אײַנריכטונגען, עס זאָל וואָס ווייניגער געלעגענהייט זײַן דאָס געזעץ צו איבערטרעטען. ח. זעלצער רעכענט דאָך פֿערשטעהט זיך ניט, אַז די אָרטיגע זעלבסטפֿערוואַלטונגען וועלען אין דער דעמאָקראַטישער אָרדנונג זײַן לויט דער מעהרהייט בעהאַופּטזיניג־פּראָלעטאַריש. עס האַנדעלט זיך וועגען בורזשואַזע אײַנריכטונגען, וועלכע וועלען אין דער דעמאָקראַטישער אָרדנונג בעזיצען אַ גרויסע מאַכט. עס האַנדעלט זיך וועגען אײַנריכטונגען, וואו אַרום די שטעלעס וועט פֿאָרקומען אַ ברענענדיגער נאַציאָנאַלער קאַמפּף; וועגען אײַנריכטונגען, וועלכע מ׳וועט וועלען אויסניצען צוליעב די צילען פֿון געוואַלטזאַמער ענטנאַציאָנאַליזירונג. צי איז אַ גענוגענדע גאַראַנטיע פֿאַר׳ן אינטערעסענט דאָס רעכט צו קלאָגען זיך? ס׳איז גענוג צו דערמאָהנען זיך די הונדערטער קלײנע אָנגעלעגענהייטען, (—קלײנע אַן און פֿיר זיך—פֿאַר׳ן אינטערעסענט זעהר וויכטיגע) מיט וועלכע די בעפֿעלקערונג קומט אין מאַגיסטראַט, כדי צו פֿערשטעהן, וואָס פֿאַר אַ נישט־וויכטיגער פּראָצענט פֿון די געליטענע וועט זיך געהן קלאָגען אין געריכט, האָבען געשעפֿטען מיט פּראָצעסען. אַ ייִדישער פֿוהרמאַן, למשל, וואָס וועט קומען נאָך אַ נומער; אַן אַרבייטער, וואָס וועט קומען פֿערשרײַבען אַ געבאָרען קינד; אַ קרעמער׳ין, וואָס וועט קומען נאָך אַ פּאַטענט—א. ז. וו.—ווער פֿון זיי וועט האָבען לוסט און צײַט צו פֿיהרען פּראָצעסען געגען דעם בעאַמטען? און זיי אָפֿט איז וויכטיג ניט אַזוי דער מאַטעריעלער שאָדען, ווי דער מאָראַלער, די דערנידריגונג, די אונבעהאָלפֿענקייט, די מאַטערניש. מיט וועלכער מ׳פּרובט זיך פֿאָרט ווי עס איז אויסצוטענה׳ן אין דער פֿרעמדער שפּראַך!

בעשאַפֿען אַ סיסטעם פֿון שטראָפֿן און ניט אָננעהמען קײן אײנציג פּאָזיטיוועס מיטעל, כדי אײַנצוהיטען, דאָס געזעץ זאָל ווירקליך ערפֿילט ווערען,—אַנשטאָט גאַראַנטירען יעדען בירגער דאָס רעכט דורך געוויסע תקנות—לאָזען איהם טאָג־טעגליך געצוואונגען זײַן צו זוכען זײַן רעכט דורך געריכט—הייסט בעשאַפֿען פֿאַר איהם אומזיסטע שוועריגקייטען, הייסט פֿערוואַנדלען זײַן רעכט אין אַ פּוסטע פֿראַזע,—הייסט—דוכט זיך מיר,—זעהר ווייניג בעוואָרגען די רעאַלע בעדערפֿנים פֿון די פֿאָלקסמאַסען.

מיר רעדען שוין ניט וועגען דעם, אַז דער ב״ב פּנים בעאַמטען, דער מאַגיסטראַט, וועט אַלע מאָל פֿאַראינטערעסירט זײַן אין פֿערענטפֿערן איהם, אין כּשר מאַכען זײַן אויפֿפֿיהרונג, משפּט׳ן זיך מיט אַ מאַגיסטראַט, וועלכער קלײנער מענשעלע וועט דאָס זיך ערלויבען?

וועגען אַנדערע ערטער פֿון ח. זעלצער׳ס אַרטיקעל וועל איך רעדען שפּעטער.

מיר האָבען געזעהן, אַז יעדע אײַנריכטונג דאַרף זיך בנוגע צו די שפּראַך־קענטניס פֿון די בעאַמטע קודם כל רעכענען מיט איהר ראַיאָן, מיט׳ן ראַיאָן, פֿאַר וועלכען זי איז בעשאַפֿען. ריכטיגער געזאָגט, מיט דער בעפֿעלקערונג פֿונ׳ם ראַיאָן, פֿאַר וועלכען זי איז בעשאַפֿען.

מיר האָבען אויך געזעהן, אַז די שפּראַך־פֿאָדערונגען בנוגע צו די אײַנריכטונגען האָבען אַ געוויסע גרעניץ, ניט יעדע גרופּקע בירגער פֿון אַ געוויסער שפּראַך קען פֿאָדערן, אין אַלע אָרטיגע אײַנריכטונגען, בײַ אַלע פֿונקציעס זאָל מען בעהערשען איהר שפּראַך. כדי די שפּראַך פֿון אַ געוויסער גרופּע אײַנוואוינער זאָל זיך רעכענען פֿאַר אַן אָרטיגע שפּראַך, דאַרף די דאָזיגע גרופּע בילדען אַן אָרטיגע נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע (לויט שפּרינגער׳ן: אין דער טעריטאָריאַלער געמיינדע אַ נאַציאָנאַלע געמיינדע; אינ׳ם טעריטאָריאַלען קרײַז אַ נאַציאָנאַלען קרײַז). און דאָס קען זי נור, ווען זי ענטשפּרעכט אַ געוויסען מינימום פֿאָדערונגען: כדי צו בילדען אַ נאַציאָנאַלע געמיינדע, דאַרף די גרופּע האָבען אַ געוויסע צאָהל קינדער פֿון שול־עלטער, וואָס נויטיגען זיך לויט דער מיינונג פֿון זייערע עלטערן אין אַ נאַציאָנאַלער פֿאָלקסשול. (לויט דעם עסטרײַכישען געזעץ, למשל, 40 קינדער); זי דאַרף אויסהאַלטען די דאָזיגע פֿאָלקסשול פֿון אייגענע מיטלען—אָדער פֿון אַ סובסידיע פֿון איהר נאַציאָן. כדי צו בילדען אַ נאַציאָנאַלען קרײַז, דאַרף די גרופּע אויסהאַלטען אַ נאַציאָנאַלע מיטעלשול אָדער אַ טעכנישע שול א. ז. וו. אַנדערש גערעדט, דאָס דאַרף זײַן אַ נאַציאָנאַל אָרגאַניזירטע קאָמפּאַקטע גרופּע, וועלכע לעבט ווירקליך מיט אַן אייגענעם קולטורעלען לעבען.

בילדעט די גרופּע ניט קײן נאַציאָנאַלע אָרגאַניזאַציע און איז דאָך אַזוי גרויס, אַז אויף איהר חלק פֿאַלט אויס אײנער אָדער עטליכע בעאַמטע—וועלען איהרע שפּראַך־בעדערפֿנים אויך בעריקזיכטיגט זײַן, אויף וויפֿיעל דאָס וועט זײַן מעגליך. אָבער בכלל איז די אָנערקענונג פֿון אַ געוויסער שפּראַך אַלס אָרטיגער ענג פֿערבונדען מיט דער אָנערקענונג פֿון דער אָרטיגער נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמער אָרגאַניזאַציע. וויפֿיעל בעאַמטע די דאָזיגע גרופּע בעקומט אין די געמיינזאַמע אײַנריכטונגען, דאָס הענגט שוין אָב פֿון איהר צאָהל. אײן בעאַמטען אין יעדער אײַנריכטונג מוז זי בעקומען.

דער לעזער געדענקט מן הסתם, אַז גרופּען, וואָס בילדען ניט קײן זעלבסטשטענדיגע געמיינדען, וואָס בילדען ניט קײן קרײַזען, קלײנע מינדערהייטען, וואַנדערנדע עלעמענטען דאַרפֿען זיך אינ׳ם פּרט פֿון שפּראַך־הילף לויט אונזער מיינונג געפֿינען אונטער׳ן שוץ פֿון די צענטראַלע נאַציאָנאַל־אויטאָנאָמע אײַנריכטונגען.

אױף אַזאַ אופֿן, װעלען מיר דעם נאָמען און די רעכט פֿון אַן אָרטיגער שפּראַך געבען יעדער שפּראַך, װאָס װערט גערעדט אינ'ם ענטשפּרעכענדען אָרט דורך אַן ענטשפּרעכענדער נאַציאָנאַל-אָרגאַניזירטער גרופּע.

װעלכע רעכט דאַרף יעדע אָרטיגע שפּראַך האָבען אין דעם איהר ענטשפּרעכענדען אָרט? ס'איז ניט די אױפֿגאַבע פֿון איצטיגען אַרטיקעל אױסצואַרבײַטען אַלע קאָנקרעטע אײנצעלהײטען—מעגען זײ זײַן װיכטיג. דער אַלגעמײנער פּרינציפּ דאַרף, לױט מײַן מײנונג, זײַן פֿאָלגענדער: אַ בירגער, װעמענס שפּראַך ס'איז אָנערקענט אַלס אָרטיגע, דאַרף האָבען די פֿולע מעגליכקײט סײַ מינדליך, סײַ שריפֿטליך צו בענוצען זײַן שפּראַך אין אַלע אָרטיגע אַמטען און די לעצטע דאַרפֿען מיט איהם פֿערהאַנדלען אונמיטעלבאַר, אָהן אַ איבערזעצער (װען אין אײן אָנגעלעגענהײט זענען למשל פֿערמישט מענשען פֿון פֿערשידענע שפּראַכען) דאַרפֿען זײַן גענױ רעגולירט. אין יעדער פֿון די אָרטיגע שפּראַכען קענען למשל אָנגעגעבען װערען צו רעגיסטראַציע סטאַטוטען פֿון פֿעראײנען, חברות, פּריװאַט-שולען א. ז. װ.—און זײ דאַרפֿען אין דער זעלבער שפּראַך רעגיסטרירט װערען. אַלע אָפֿיציעלע מודעות און פֿעראָרדנונגען דאַרפֿען פֿערעפֿענטליכט װערען אין די אָרטיגע שפּראַכען א. ז. װ.

מיר גײען איבער צום באַגריף פֿון לאַנדס-שפּראַך און מלוכה-שפּראַך.

אָבער פֿריהער װעל איך בעטען דעם לעזער ניט צו פֿערגעסען, אַז װען איך װעל אין דעם אַרטיקעל געברױכען דאָס װאָרט „לאַנד", װעל איך מײנען ניט גאַנץ רוסלאַנד, נור אַ געװיסען בעזונדערן בעשטאַנדטײל איהרען. װעל איך רעדען װעגען גאַנץ רוסלאַנד, װעל איך געברױכען דאָס װאָרט מלוכה. פּױלען, ליטאַ, אוקראַינע, קאַװקאַז, טורקעסטאַן—דאָס זענען בעזונדערע לענדער אין דער רוסלענדער מלוכה.

װי אַזױ ס'װעלען זיך אָבגרענצען בעזונדערע לענדער, װאָס פֿאַר קאָנקרעטע פֿערהעלטניס ס'װעלען זײַן צװישען יעדען בעזונדערן לאַנד אין דער מלוכה און בײַ בעזונדערע לענדער צװישען אײנאַנדער, װעלכע פֿונקציעס װעלען אױסגעטײלט װערען פֿון דער קאָמפּעטענץ פֿון דער מלוכה און איבערגעגעבען װערען אין די הענד פֿון די לאַנדעס-אָרגאַנען, װעגען דעם װעלען מיר איצט ניט רעדען.

אַלענפֿאַלס איז קלאָר, אַז אין פֿרײַערע בעדינגונגען װעלען בעזונדערע לענדער בעקומען טעריטאָריאַלע אױטאָנאָמיע, מיט אײגענע געזעצגעבענדע אָרגאַנען, מיט אַ רײַהע צענטראַלע לאַנדס-אײנריכטונגען.

מיט װעלכע שפּראַכען דאַרפֿען זיך די דאָזיגע לאַנדס-אײנריכטונגען רעכענען?

מיר װעלען נעהמען דעם זעלבען פּרינציפּ, װי בײַ אָרטיגע שפּראַכען.

די נאַציאָנאַל-אױטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס װעלען אין זײער קולטורעלער אַרבײַט זיך דאַרפֿען רעכענען מיט די קאָנקרעטע בעדינגונגען, מיט דער קולטורעלער עקאָנאָמישער אומגעבונג; זײ װעט אױסקומען אין אײניגע הינזיכטען צופּאַסען זיך צו דעם אָדער יענעם בעזונדערן לאַנד. דאָס װעט אַרױסרופֿען אַ געװיסע בעדערפֿניס אין דעצענטראַליזאַציע אינעװײניג פֿון די נאַציאָנאַל-אױטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס. אַחוץ אָרטיגע און צענטראַלע אַלגעמײן-מלוכה'שע אָרגאַנען, װעלען מן הסתם בעשאַפֿען װערען אױך בעזונדערע אָרגאַנען, װאָס װעלען פֿעראײניגען אַלע נאַציאָנאַלע קרײַזען פֿון אײן לאַנד אין אײן נאַציאָנאַל-אױטאָנאָמע לאַנדעס-אָרגאַניזאַציעס. די נאַציאָן, װאָס האָט אינ'ם לאַנד אַ נאַציאָנאַל-אױטאָנאָמע לאַנדעס-אָרגאַניזאַציע, װאָס האַלט אױס נאַציאָנאַלע לאַנדעס-אײנריכטונגען—דאַרף האָבען רעכט, איהר שפּראַך זאָל אָנערקענט װערען אַלס לאַנדס-שפּראַך.

ס'איז קלאָר, אַז אײנע און די זעלבע שפּראַך קען זײַן אַ לאַנדס-שפּראַך אין עטליכע בעזונדערע לענדער, אַז אײן לאַנד קען האָבען עטליכע לאַנדס-שפּראַכען. ס'איז אױך קלאָר, אַז אַ לאַנדס-שפּראַך קען אין דער זעלבער צײַט ניט אומעטום זײַן אַנ'אָרטיגע שפּראַך. למשל, ליטװיש קען זײַן אַ לאַנדס-שפּראַך אין פּױלען, אָבער אין סעדליעץ איז זי קײן אָרטיגע שפּראַך ניט. דערפֿאַר קען אױך פּױליש זײַן אַנ'אָרטיגע שפּראַך אין אַ ליטװישען דאָרף פֿון סװאַלקער גובערניע בלױז דאַן, װען אינ'ם דאָרף איז פֿאַראַן אַ בעזונדערע פּױלישע געמײנדע. פֿערקעהרט, ניט יעדע אָרטיגע שפּראַך װעט זײַן אַ לאַנדס-שפּראַך. למשל, עס קען זיך געפֿינען אין ליטאַ עטליכע בעזונדערע, צוװאָרפֿענע דײַטשע געמײנדעס, און קײן נאַציאָנאַל-אױטאָנאָמע לאַנדס-אָרגאַניזאַציע מיט צענטראַלע לאַנדס-אײנריכטונגען װעלען זײ ניט אין שטאַנד זײַן צו גרינדען. זאָרגען װעגען זײער שפּראַכען-רעכט דאָרט. װאו זײער שפּראַך איז ניט קײן אָרטיגע, װעט אױסקומען דער צענטראַלער נאַציאָנאַל-אױטאָנאָמער דײַטשער אָרגאַניזאַציע פֿון דער מלוכה.

די לאַנדס-שפּראַכען דאַרפֿען בעקומען געװיסע רעכט אױך אין יענע שטעדט פֿונ'ם לאַנד, װאו זײ זענען ניט קײן אָרטיגע: למשל, עס דאַרף פֿעסטגעשטעלט װערען, אַז אַ לאַנדס-שפּראַך זאָל מען אין אַלע שטעדט מעגען אָנגעבען פּאַפּירען און די אײנריכטונגען זאָלען מחױב זײַן װעניגסטענס שריפֿטליך צו ענטפֿערן אין דער זעלבער שפּראַך. בעזונדערס װיכטיג איז דאָס פֿאַר פּױערים—ס'טרעפֿט זיך למשל אָפֿט, אַז אַ יודיש שטעדטיל איז אַרומגערינגעלט מיט פּױלישע דערפֿער. אָהן דעם דאָזיגען רעכט װאָלט דער פֿערקעהר אינ'ם לאַנד געװען װעניגער פֿרײַ. אױף די לאַנדס-אײזענבאַהנען און אין די צענטראַלע לאַנדס-אײנריכטונגען דאַרף מען זיך רעכענען מיט די לאַנדס-שפּראַכען. די געזעצען און פֿעראָרדנונגען פֿאַר דאָס גאַנצע לאַנד דאַרפֿען אין אַלע לאַנדס-שפּראַכען פֿערעפֿענטליכט װערען.

די שפּראַך פֿון יעדער נאַציאָן, װאָס האָט אין דער מלוכה אַנ'אַלגעמײן-רוסלענדער נאַציאָנאַל-אױטאָנאָמע אָרגאַניזאַציע, געהערט צו די אַלרוסלענדער מלוכה-שפּראַכען.

אַלע מלוכה-געזעצען און פֿעראָרדנונגען דאַרפֿען פֿערעפֿענטליכט װערען אין אַלע מלוכה-שפּראַכען. אין די צענטראַלע מלוכה-אײנריכטונגען דאַרף יעדער בירגער האָבען רעכט צו װענדען זיך מיט שריפֿטליכע בקשות און אָנקלאַגען אין זײַן מוטערשפּראַך. אױב ער איז ניט פֿערטרעטען פֿון אַנ'אַדװאָקאַט, דאַרף ער האָבען רעכט געבען דאָרט מינדליכע ערקלערונגען דורך אַ מלוכה'שען איבערזעצער. גענױער אָבשטעלען זיך אױף די רעכט פֿון מלוכה-שפּראַכען איז ניט דאָ דער אָרט. אַלענפֿאַלס איז קלאָר אײן זאַך: דאָרט, װאו די מלוכה-שפּראַ-

כען וועלען ניט קיין אָרטיגע, און בפֿרט נאָך ניט קיין לאַנדס-שפּראַכען, איז אונמעגליך צו פֿאָדערן פֿון די אָרטיגע אײַנריכטונגען, זיי זאָלען זיך מיט זיי רעכענען — אַחוץ בעזונדערס וויכטיגע, גענוי בעצײַכענטע פֿאַלען. אַלענפֿאַלס וועלען די זיך געפֿינען אונטער שוץ פֿון די נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס, וועלכע וועלען אין בעטרעפֿענדע פֿאַלען בעזאָרגען איבערזעצער א. ז. וו.

II

די אַלגעמיין-מלוכה'שע פֿערמיטלונגס-שפּראַך.

דער פּאַרלאַמענט קען זיך ניט פֿערנעהמען מיט בעטראַכטען יעדעס געזעץ, יעדען אָנטראַג אין אַלע מלוכה-שפּראַכען. דאָס וואָלט אָבגענומען בײַ איהם מוראדיג פֿיעל צײַט; דאָס וואָלט געווען אומעגליך אויך דערפֿאַר, וואָס מען קען ניט פֿאָדערן בײַ די דעפּוטאַטען, זיי זאָלען בעהערשען אַלע מלוכה-שפּראַכען.

די געזעצען און אָנטראַגען מעגען אַרײַנגעטראָגען ווערען אין פֿערשיעדענע שפּראַכען, אָבער זיי דאַרפֿען איבערזעצט ווערען אין איין שפּראַך און אין איין שפּראַך אָנגענומען ווערען. דער אַזוי אָנגענומענער טעקסט הייסט אויטהענטישער טעקסט. ער וועט אָפֿיציעל איבערזעצט ווערען אין אַלע אָרטיגע שפּראַכען - דאָס וועלען זײַן אָפֿיציעלע איבערזעצונגען. אין פֿאַל פֿון אַ ספֿק ענטשיידעט דער אויטהענטישער טעקסט. אויף אַזאַ אופֿן דאַרף זײַן איין שפּראַך, אין וועלכער דער פּאַרלאַמענט נעהמט אָן בעשלוסען. אין דער זעלבער שפּראַך וועט געפֿיהרט ווערען די אַרבײַט אין די צענטראַלע אַמטען.

ווײַטער — די גרעסטע דעצענטראַליזאַציע וועט דאָך אַלע מאָל איבערלאָזען געוויסע פֿונקציעס, וואָס וועלען האָבען אַן אַלגעמיין-מלוכה'שען כאַראַקטער. דער מלוכה-קאָנטראָל, למשל, נויטיגט זיך אין דעם, די פֿינאַנץ-בעריכטען, רעכנונגען א. ז. וו. פֿון פֿערשיעדענע מלוכה-אײַנריכטונגען זאָל וואָס גרינגער זײַן צו קאָנטראָלירען, צוזאַמענצוציהען, פֿעראייניגען א. ז. וו. דאָס וואָלט אומעגליך זײַן, ווען פֿון יעדער שטאָדט וואָלטען זיי צוגעשטעלט ווערען אין אַן אַנדער שפּראַך. די מלוכה-סטאַטיסטיק פֿאָדערט אויך די גרעסטע איינהײַטליכקײַט. דאָס בעשאַפֿט די נויטהווענדיגקײַט, געוויסע אינעוועניגסטע פֿונקציעס פֿון די אָרטיגע מלוכה-אײַנריכטונגען זאָלען געפֿיהרט ווערען אין אַ געמיינזאַמער שפּראַך.

די מלוכה-אײַנריכטונגען פֿיהרען צווישען זיך אַ קאָרעספּאָנדענץ. אויב יעדע נידריגערע אײַנריכטונג וואָלט שרײַבען דער העכערער אין אַן אַנדער שפּראַך, וואָלט זיך אין די צענטראַלע אײַנריכטונגען פֿערזאַמעלט אַ קאָרעספּאָנדענץ אין צענדליגער שפּראַכען. די אינטערעסען פֿון די ברייטע מאַסען פֿאָדערן דאָס גאָר ניט. די קאָרעספּאָנדענץ צווישען די אײַנריכטונגען האָט צו זיי קיין דירעקטע שײַכות ניט. און פֿאַר דער אַרבײַט פֿון די צענטראַלע אײַנריכטונגען וואָלט דאָס זײַן אַן אונאיבערטרעגליכע מניעה, יעדער ענין וואָלט זיך נעצויגען אונענדליך לאַנג, וואָלט זײַן פֿערבונדען מיט אַ מאַסע איבעריגע קאַנצעלאַריע-אַרבײַט,

איבערזעצונגען א. ז. וו.

נאָך אומעגליכער וואָלט אַזאַ צושטאַנד געווען, ווען עס האַנדעלט זיך וועגען צופעליגע, ניט-סיסטעמאַטישע בעציהונגען צווישען אַמטען פֿון פֿערשידענע שטעדט און לענדער, בעציהונגען, וועלכע קומען פֿאָר ווער אָפט. פֿאָדערן פֿון יעדער פּראָווינציעלער אײַנריכטונג, זי זאָל קענען אַלע מלוכה-שפּראַכען, איז דאָך אומעגליך. דאָס אַליין רופֿט אַרויס אַ בעדערפֿניס אין אַן אַלגעמיינער קאָרעספּאָנדענץ-שפּראַך צווישען פֿערשידענע אַמטען.

אָבער נישט נור די אינטערעסען פֿונ'ם מלוכה-אַפּאַראַט — אויך די אינטערעסען פֿונ'ם איינצעלנעם בירגער פֿאָדערן, עס זאָל אין די אײַנריכטונגען נעבען די אָרטיגע שפּראַכען עקזיסטירען נאָך אַ פֿערמיטלונגס-שפּראַך. ווען דער בירגער איז אין אַ פֿרעמדער געגענד, וואו זײַן שפּראַך איז אונבעקאַנט, קען ער אַפֿילו רעכענען אויפֿ'ן נאַציאָנאַלען רעכט-שוץ; אָבער דאָס איז דאָך נור אין אויבערסטע וויכטיגע פֿאַלען. דער נאַציאָנאַלער איבערזעצער וועט דאָך ניט אומגעהן מיט איהם טאָג-טעגליך אויפֿ'ן פּאָסט, אין מלוכה-באַנק, פֿאָהרען מיט איהם אויפֿ'ן אײַזענבאַהן א. ז. וו. פֿאַר איהם איז בעקוועם, אין דער גאַנצער מלוכה-וועניגסטענס אין די שטעדט-זאָל אָנגענומען ווערען נעבען די אָרטיגע אַ פֿערמיטלונגס-שפּראַך. איין שפּראַך אַחוץ דער מוטערשפּראַך קען מען פֿיעל וועניג ערלערנען — און דאָס וועט יעדער פֿערגרינגערן דעם פֿערקעהר אין מדינה. אין די גרויסע צענטרען פֿון אינדוסטריע און האַנדעל דאַרף די דאָזיגע שפּראַך געניסען אַלע רעכט פֿון אַן אָרטיגער. אַלע ריכטער דאַרפֿען קענען די דאָזיגע שפּראַך.

דעם האַנדעלנדען אַרבײַטער פֿון אַלע נאַציאָנען וועט דאָס געוויס צוגוטען זײַן, — ווען ער וועט האָבען אַ גוטע נאַציאָנאַלע פֿאָלקסשול, וואו ס'וועט אויך די דאָזיגע שפּראַך אונטעררילכטעט ווערען.

דאָס בעדײַטעט אָבער, אַז איינע פֿון די מלוכה-שפּראַכען וועט בעקומען געוויסע רעכט אַפֿילו דאָרט, וואו זי איז ניט קיין אָרטיגע שפּראַך, וואו זי איז ניט קיין לאַנדס-שפּראַך. דאָס בעדײַטעט, אַז זי וועט אין אַ געוויסען זין פֿאַרנעהמען אַ פּריווילעגירטע שטעלונג.

לאָזט מען איבער דער פֿרײַער קאָנקורענץ פֿון פֿערשידענע נאַציאָנאַלע אינטעליגענצען די פֿראַגע וועגען דעם, ווער עס זיצט אין די אײַנריכטונגען, דאַן איז די פֿראַגע וועגען אַן אַלרוסלענדער פֿערמיטלונגס-שפּראַך שווער און פֿערוויקעלט. דאַן וואָלטען פּריווילעגיעס פֿאַר אַ געוויסער שפּראַך בעדײַטעט פּריווילעגיעס פֿאַר אַ געוויסער נאַציאָנאַלער אינטעליגענץ.

זענען אָבער די שפּראַך-בעדערפֿניס פֿון יעדער נאַציאָן בעוואָרענט; איז דער נאַציאָנאַלער קאַמף אַרום די שטעלעס בעזײַטיגט, דאַן איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבען, אויב איין שפּראַך וועט פֿאַרנעהמען אַ געוויסע פּריווילעגירטע לאַגע. די פֿערשפּרייטונג פֿון דער אַלרוסלענדער פֿערמיטלונגס-שפּראַך וועט ניט בעדײַטען די פֿערשפּרייטונג פֿון דער רוסישער בעאַמטענשאַפֿט. רעדען רוסיש וועלען נעבען די אָרטיגע שפּראַכען מענשען, וואָס געהערען צו די אָרטיגע נאַציאָנען; ניט געשיקטע פֿון אויבען. „זיי, שרײַבט רענער, וועט דער געברויך פֿון אַ פֿרעמדער שפּראַך ניט ענטנאַציאָנאַליזירען.

ווי אזוי קען די אלרוסלענדער פערמיטלונגס-שפראך פעסטגעשטעלט ווערן?

עס דארף אויסגעשלאסן ווערן די מעגליכקייט, איין נאציאן זאל פשוט דורכן פאקט פון איהר איינפאכער מעהרהייט אויפצווינגען איהר שפראך אלס פערמיטלונגס-שפראך אלע איבעריגע. דער בעשלוס פון פארלאמענט וועגן דער דאזיגער שפראך דארף אנגענומען ווערן דורך א שטארק קוואליפיצירטער מעהרהייט (¾ למשל), כדי די זאל זיך צוזאמענשטעלן ניט נור פון די פערטרעטער פון איין מעהרהייטס-נאציאן.

עס וואלט אפשר אויך מעגליך געווען, די דאזיגע גרינדונגס-פונקציע—פעסטשטעלן די פערמיטלונגס-שפראך, זאל ארויפגעלעגט ווערן אויף א פערזאמלונג פון פערטרעטער פון אלע צענטראלע נאציאנאל-אויטאנאמע ארגאניזאציעס פון לאנד, וואו יעדער נאציאן האט איין שטים. *)

מיר דוכט, אז אויב די פראגע פון דער פערמיטלונגס-שפראך וואלט בעשלאסן געווארן אויף אזא פערזאמלונג פון פערטרעטער פון די נאציאנאל-אויטאנאמע ארגאניזאציעס,—און דער בעשלוס זאל דערנאך בעקומען אן אבליגאטארישע מאכט פאר אלע מלוכה-איינריכטונגען—וואלט דאן אויסגעשלאסן ווערען יעדע פארשטעלונג וועגן אן אויפגעצוואונגענער „מלוכה-שפראך“ אינים ביוראקראטישן זינען.

וועט צוליעב דעם א שטענדיגער ראט בעשאפן ווערן (ווי עס רעכענט שפרינגער), אדער אזא פערזאמלונג פון פערטרעטונג וועט פארקומען פון פאל צו פאל; וואס פאר א קאמפעטענץ אזא איינריכטונג וועט קענען האבן, דאס זענען אלץ אפענע פראגען.

די פרייע, גלייכבערעכטיגטע נאציאנען וועלען נעבען זייערע פרייע, גלייכבערעכטיגטע שפראכן געבען געוויסע ספעציעלע רעכט איין שפראך, וועלכע האט צוליעב א גאנצע רייהע בעדינגונגען שוין ערווארבען זיך די דאזיגע רעכט אינים געזעלשאפטליכן לעבען און עקאנאמישן פערקעהר פון דער מלוכה.

מן הסתם וועט דאס זיין די רוסישע שפראך, און מ'קען זיכער זיין, אז די זעלבע פאליאקען, למשל, וואס פיהרען איצט אזא הארטען קאמפף געגען דער „מלוכה-שפראך“, וועלען אויך אויסקלייבען די רוסישע שפראך אלס יענע שפראך, אין וועלכער א וואנדערנדער פאליאק זאל אין טיפליס און אין טאמסק, אין ארכאנגעלסק און אין יאלטע קענען אויפרעדען זיך אין די איינריכטונגען. ווען די פוילישע שפראך וועט פולבערעכטיגט זיין, ווען די פוילישע בעפעלקערונג וועט ניט האבען צו טאן מיט קיין צוגעשיקטע רוסישע בעאמטע, דאן וועלען די פאליאקען ניט מורא האבען פאר דער רוסיפיצירענדער מאכט פון א שפראך, וועלכע האט נעבען די ארטיגע שפראכען אויך געוויסע רעכט.

יעדע נאציאן וועט איינפיהרען די דאזיגע שפראך אלס אבליגאטארישן

---

*) די אידעע פון נאציאנאל-קולטורעלער אויטאנאמיע איז פערבונדען מיט דעם געדאנק אז בעזונדערע נאציאנאל-אויטאנאמע ארגאניזאציעס וועלען צוליעב געוויסע אנגעלעגענהייטען מן הסתם דארפען דורכקומען צווישען זיך.

לערן-געגענשטאנד אין איהרע מיטעל-שולען; אויף וויפיעל די פעדאגאגישע בעדינגונגען וועלען ערלויבען, אויך אין די פאלקסשולען. אויף אזא אופן וועלען אלע בעאמטע א חוץ זייער מוטערשפראך בעזיצען א געוויסע בעקאנטשאפט מיט דער פערמיטלונגס-שפראך.

III

די לאנדס-פערמיטלונגס-שפראך.

אויף וויפיעל יעדעס בעזונדער לאנד שטעלט פאר מיט זיך איין געוויסעס איינהייטליכעס גאנצעס; אויף וויפיעל עס האט אן איינענע געזעצגעבונג און נעהמט איבער א רייהע פונקציעס פון דער מלוכה; אויף וויפיעל דער עקאנאמישער פערקעהר, די וואנדערונג פון דער בעפעלקערונג אינעווייניג פון לאנד איז ענגער און אינטענסיווער, ווי צווישען דעם לאנד און אנדערע לענדער—אויף וויפיעל דאס ברײנגט מיט, אז אינים לעבען פערנעהמט איינע פון די לאנדס-שפראכען — די שטעלונג פון א פערקעהרס-שפראך צווישען מענשען פון פערשיעדענע נאציאנען, ענטשטעהט דאס בעדערפניס נאך א געזעצליך פעסטגעשטעלטער פערמיטלונגס-שפראך אינים לאנד.

פאראן לענדער, וואו מ'קען שוין איצט פאראויסזעהן, וועלכע שפראך וועט פערנעהמען אזא ראליע. אין פוילען וועט די ראליע פון א לאנדס-פערמיטלונגס-שפראך געוויס פערנעהמען פויליש; אין אוקראינע—אוקראיניש. וואס פאר א פערמיטלונגס-שפראך ס'וועט זיין אין ליטא, אין ווייס-רוסלאנד—איז שווער איצט צו זאגען: די נאציאנען זענען דארט אזוי איבערגעמישט; קיין איינציגע שפראך האט ניט קיין איבערהאנד אינים פראקטישן לעבען; און פאקטיש דינען דארט אלס פערקעהרס-שפראכען ניט די שפראכען פון די רעלאטיווע מעהרהייטען, אבער די שפראכען פון די קולטורעלע מינדערהייטען: רוסיש, פויליש. די זעלבע ראליע שפיעלט אין באלטישער געגענד דייטש. צי וועלען סוף כל סוף די ארטיגע שפראכען דערגרייכען אזא קולטורעלע מדרגה, אז זיי וועלען פאקטיש אינים לעבען פערנעהמען די ראליע פון פערקעהרס-שפראכען און וועלען אויף אזא אופן קענען זיין געזעצליך אנערקענטע פערמיטלונגס-שפראכען? דאס קען מען פאראויסזעהן, אבער פאראויסזאגען דאס קאטעגאריש איז דערווייל אונמעגליך.

ארום דיזער פראגע זענען אין אזעלכע געגענדען מעגליך נאציאנאלע קאנפליקטען. אבער אויב די פראגע וועגן שטעלעס וועט רעגולירט זיין, אויב די לאנדס-פערמיטלונגס-שפראך וועט ניט געבען קיין ספעציעלע פריוויליגיעס דער בעטרעפענדער אינטעליגענץ, אויב די איבעריגע לאנדס-שפראכען וועלען געניסען געוויסע רעכט אפילו דארט, וואו זיי זענען ניט קיין ארטיגע—וועלען לויט אונזער מיינונג די קאנפליקטען ארום דער פראגע וועגן לאנדס-פערמיטלונגס-שפראך געבראכט ווערען צו א מעגליכען מינימום. אויב די פראגע וועגן דער פערמיטלונגס-שפראך וועט בעשליסען דער לאנדעס-סיים, איז נויטיג, אזא בעשלוס זאל אנגענומען

װערען דורך אַ קװאַליפיצירטער מעהרהײט. עס איז אױך מעגליך, אַז צוליעב דער פראַגע זאָל צוזאַמענגערופען װערען אַ פערזאַמלונג פון פערטרעטער פון די נאַציאָנאַל-אױטאָנאָמע לאַנדס-אָרגאַניזאַציעס. אַזאַ פערזאַמלונג װעט גיכער אױסקלײַבען יענע שפראַך, װעלכע איז די װירקליכע פערקעהרס-שפראַך אינ'ם לאַנד.

די לאַנדס-נאַציאָנען װעלען די לאַנדס-פערמיטלונגס-שפראַך אײַנפיהרען אַלס אָבליגאַטאָרישען געגענשטאַנד אין זײערע מיטעלשולען, װי װײַט די פעדאַגאָגישע בעדינגונגען װעלען דערלאָזען, אױך אין די פאָלקסשולען. דערבײַ דאַרף פעסטגעשטעלט װערען, אַז יענע נאַציאָן, װעמענס שפראַך ס'איז אױסגעקליבען אַלס פערמיטלונגס-שפראַך, דאַרף אײַנפיהרען אין איהרע שולען אַלס געגענשטאַנד אײנע פון די איבריגע לאַנדס-שפראַכען אָדער אָרטיגע שפראַכען. עס דאַרף אױך ערלױבט װערען אין געװיסע פאַלען צו פערבײַטען די לאַנדס-פערמיטלונגס-שפראַך אין די שולען מיט אַן אַנדער אָרטיגער שפראַך.

אינ'ם לאַנד שפּילט די לאַנדס-פערמיטלונגס-שפראַך די זעלבע ראָליע, װי די אַלגעמײן-מלוכה'שע פערמיטלונגס-שפראַך אין דער מלוכה. אין דער שפראַך װערען אָנגענומען די לאַנדס-געזעצען. אין איהר װערט געפיהרט די קאָרעספּאָנדענץ צװישען אַמטען אינעװײניג אינ'ם לאַנד. אַלע ריכטער פונ'ם לאַנד דאַרפען בעהערשען סײַ די מלוכה-פערמיטלונגס-שפראַך, סײַ די לאַנדס-פערמיטלונגס-שפראַך, — א. ז. װ. רעדענדיג װעגען דער פערמיטלונגס-לאַנדס-שפראַך, דאַרפען מיר אָבער אַלע מאָל געדענקען, אַז דאָס איז ניט קײן הערשענדע שפראַך. ניט זי איז די גרונד-שפראַך און די איבעריגע נעבען-שפראַכען, װי עס שטעלט זיך פאָר די ס. ד. פראַקציע אין דומע אין איהר פאָרלאַגע צום געזעץ װעגען אָרטיגען געריכט. *) ניט זי איז די הערשענדע שפראַך און די אָרטיגע אױף-דערלאָזענע. װי ס'מײנט װלאַדיסלאַװסקי אין דעם פױלישען אַרבײַטער-אָרגאַן „טריבונאַ" **) די אָרטיגע אײַנריכטונגען װעגען געבױט אױף די אָרטיגע שפראַכען.

די מלוכה-פערמיטלונגס-שפראַך און די לאַנדס-פערמיטלונגס-שפראַך בעקומען געװיסע רעכט נעבען די אָרטיגע. אָבער שױן רעדען װעגען גרונד-שפראַכען און נעבען-שפראַכען—זענען אַלע אָרטיגע שפראַכען גרונד-שפראַכען, און די פערמיטלונגס-שפראַכען נעבען-שפראַכען דאָרט, װאו זײ זענען ניט קײן אָרטיגע.

אָט דאָס פערגעסט מען אָפט. מ'רעדט װעגען פערמיטלונגס-שפראַך און פאַקטיש גיט מען איהר רעכט פון אַ הערשענדער שפראַך. דאָס איז גרינג צו איליוסטרירען אױף צװײ פראַגען: אױף דער פראַגע װעגען פערהאַנדלונגס-שפראַך און װעגען אינערע אַמטס-שפראַך.

---

*) Новый день № 15, 1909.

**) Tribune № 8.

IV

די פערהאַנדלונגס-שפראַך.

בשעת מ'רעדט װעגען דעם, אַז אין אַ פיעל-שפראַכיגער מלוכה אָדער לאַנד קען נור אײן שפראַך זײַן די שפראַך פון אױטהענטישען טעקסט פון געזעץ, הײסט דאָס נאָך גאָר ניט, אַז דאָס איז די אײנציגע שפראַך, װעלכע איז דערלאָזען אין פאַרלאַמענט.

אױב מ'פאָדערט, אַ בעאַמטער זאָל זײַן פיעל-שפראַכיג, ער זאָל אַחוץ זײַן מוטער-שפראַך בעהערשען נאָך די פערמיטלונגס-שפראַכען, גײט מען אױס פון דעם, אַז דאָס איז זײַן פראָפעסיע; דאָס זענען פראָפעסיאָנעלע קענטניס. װיל ער די שטעלע בעקומען, דאַרף ער אַ גאַנצע רײהע פראָפעסיאָנעלע קענטניס האָבען, דאַרף ער אַ געװיסען בילדונגס-צענז בעזיצען; צװישען אַנדערע קענטניס—אױך שפראַך-קענטניס.

זײַן אַ דעפּוטאַט אין פאַרלאַמענט, אין אַ סײם, זײַן אַ מיטגליעד פון דער שטאָדטישער דומע, פון דער זעמסקער פערזאַמלונג—דאָס איז ניט קײן פּראָפעסיע. דערצו פאָדערט זיך קײן בילדונגס-צענז ניט. אין דעמאָקראַטישען רוסלאַנד װעט די גרעסטע צאָהל דעפּוטאַטען זײַן פױערים און אַרבײַטער. פערשטעהט זיך, יעדע פּאַרטײ, װען זי װעט אַרױסשטעלען אַ קאַנדידאַט, װעט זיך רעכענען מיט דעם, צי ער קען די אַלגעמײן-מלוכה'שע פערמיטלונגס-שפראַך; זי װעט זײַן פעראַנטװאָרטליך צו שיקען אין פאַרלאַמענט אַ מענשען, װאָס זאָל קענען דאָרט האַלטען רעדעס און פערשטאַנען װערען. אָבער דװקא אין אַ פּראָלעטאַרישער פראַקציע מעהר, װי אין יעדער אַנדערער, קען זעהר פיעל נוצען ברענגען אָפט אױך אַזאַ דעפּוטאַט, װאָס האַלט ניט קײן רעדעס, װאָס גלענצט ניט מיט בעזונדערע געלעהרטקײט. מיט זײַן פּאָליטישען פערשטאַנד, מיט זײַן ריכטיגען קלאַסען-געפיהל, מיט זײַן ערפאַהרענקײט, מיט זײַן ענגער פערבינדונג מיט די מאַסען—קען ער זעהר פיעל אַרײַנטראָגען אין לעבען פון דער פראַקציע, און אין פאַרלאַמענט קענען אױך אַזאַ אופן אַ מאָל דורכגעהן אױך אַזעלכע קאַנדידאַטען, װאָס זענען ניט בכח צו האַלטען אַ רעדע אין דער פערמיטלונגס-שפראַך.

אין אַ מלוכה, װאו יעדע שפראַך װעט זײַן גלײכבערעכטיגט, װאו די נאַציאָנען װעלען ניט געטריבען זײַן צו פערװאַנדלען דעם פאַרלאַמענט אין אַן אָרט פון שפראַך-דעמאָנסטראַציעס, װעט קײן דעפּוטאַט ניט אָבזאָגען זיך צו רעדען די פערמיטלונגס-שפראַך, אױב ער װעט זי נור בעהערשען. אָבער דאָס געזעץ טאָר בײַ איהם ניט אָבנעהמען די מעגליכקײט צו רעדען אױך דאַן, װען ער איז ניט בכח צו האַלטען אַ רעדע אין דער פערמיטלונגס-שפראַך. קײן דעפּוטאַט קען ניט שװײַגען די גאַנצע צײַט פון זײַן דעפּוטאַטענשאַפט. ער מוז כאָטש אײניגע מאָל אַרױסטרעטען. דאָס איז אַ װיכטיג מיטעל צו פערבינדען זיך מיט די װעהלער, צו װירקען אױף זײ. יעדער דעפּוטאַט רעדט ניט בלױז פאַר דאָס פאַרלאַמענט, ער רעדט פאַר דאָס פאָלק בכלל און פאַר זײַנע װעהלער

בפרט. פאָדערן פון איהם, ער זאָל ניט טאָרען רעדען אין זיין מוטער-שפּראַך, אויב דאָס איז פאַר איהם דער איינציגער וועג אַרויסצוזאָגען זיך, הייסט אָדער פערשטאָפּען איהם דעם מויל, אָדער מאַכען די דעפּוטאַטען-ערטער פּאַקטיש צוטריטליך בלויז פאַר אינטעליגענטען. דווקא די אַרבייטער זענען פעראינטערעסירט, דאָס זאָל ניט פאָרקומען.

ביים פאַרלאַמענט דאַרפען נור עקזיסטירען איבערזעצער (לויט שפּייגערן אָנגעשטעלט פון יעדער נאַציאָן), וואָס איבערזעצען לויט דעם וואונש פון אַ געוויסער צאָהל דעפּוטאַטען די רעדעס, וואָס זיינען געהאַלטען נור אין דער פערמיטלונגס-שפּראַך. קיין פערקעהרטע איבערזעצונג וועט פּאַקטיש געוויס ניט נייטיג זיין. פערשטעהן די פערמיטלונגס-שפּראַך וועלען געוויס אַלע דעפּוטאַטען. יעדער אַנטראַג, איינבעסערונג, פּראָיעקט דאַרף אויך איבערזעצט ווערען, א. ז. וו.

פּאַקטיש וועט דער געברויך פון אַנדערע שפּראַכען אין פאַרלאַמענט זיין אַן אויסנאַהמע. יעדערער, וואָס וועט נור בכח זיין, וועט וועלען, אַלע זאָלען איהם פערשטעהן. אָבער דאָס געזעץ טאָר אַזעלכע אויסנאַהמען ניט מאַכען אונמעגליך.

דאָס זעלבע איז מיט די אָרטיגע לאַנדטאַגען, סיימען. די פּוילישע שפּראַך וועט למשל זיין די שפּראַך פונ'ם אויטהענטישען טעקסט פון די געזעצען פונ'ם קעניגרייך פּוילען. דאָס דאַרף אָבער ניט בעדייטען, אַז אַ יודישער אַרבייטער-דעפּוטאַט זאָל ניט קענען דאָרט האַלטען אַ רעדע אויף יודיש. דאָ האָט דאָס נאָך אַ גרעסערע בעדייטונג, ווי אין פאַרלאַמענט, ווייל דער לאַנדטאַג איז פיעל נעהענטער צו דער בעפעלקערונג, איידער דער פאַרלאַמענט. די זיצונגען סיי פון לאַנדטאַג, סיי פון פאַרלאַמענט זענען עפענטליכע. דער פאַרלאַמענט איז אָבער ווייט און דער לאַנדטאַג נאָהענט. וועהלער וועלען קומען הערען, ווען עס וועט זיך בעטראַכטען אַ פראַגע, וואָס איז זיי נאָהענט—און דער דעפּוטאַט קען געוויס וועלען, די וועהלער זאָלען איהם פערשטעהן.

אַלענפאַלס קען מען מסכים זיין, אַז דאָס וועלען זיין זעלטענע פאַלען. אין פאַרלאַמענט, אין לאַנדטאַג וועט דאָך יעדע פאַרטיי שיקען איהרע אינטעליגענטעסטע עלעמענטען. און דעריבער איז דאָס ניט קיין סכנה פאַר די אַרבייטס-פעהיגקייט פון די איינריכטונגען.

אַלענפאַלס, אויב מ'זאָל אפילו אָננעהמען, אַז אין פאַרלאַמענט און אין לאַנדטאַג דאַרף שוין די פערהאַנדלונגען יאָ פאָרקומען אין דער פערמיטלונגס-שפּראַך, וועט דאָס וועניגסטענס זיין די שפּראַך פון דער מעהרהייט, די פערקעהרס-שפּראַך אין דער מלוכה, אינ'ם לאַנד; וועלען ליידען דערפון נור די מינדערהייטען.

וואָס זאָל מען אָבער זאָגען, אַז ת. וועלצער, אין זיין אַרטיקעל וועגען „שטאָדטישער זעלבסטפערוואַלטונג אין פּוילען", וויל איינפיהרען די פּוילישע שפּראַך אַלס פערהאַנדלונגס-שפּראַך אין אַלע שטאָדטישע זעלבסטפערוואַלטונגען אין גאַנץ פּוילען?

פּוילען האָט איהרע אוקראַינעס. אין פּוילען זענען פאַראַן ראַיאָנען, וואו

די גאַנצע בעפעלקערונג איז ניט קיין פּוילישע, וואו די בעפעלקערונג איז ליטוויש, ווייס-רוסיש, אוקראַיניש. אין פּוילען זענען פאַראַן שטעדטלעך, וואו די בעפעלקערונג איז כמעט אויסשליסליך אַ יודישע; אין אַ גרויסע מאַסע קלענערע פּוילישע שטעדט בילדעט די יודישע בעפעלקערונג אַ איבערוויעגענדע מעהרהייט. איינפיהרען פּויליש, אַלס אָבליגאַטאָרישע פערהאַנדלונגס-שפּראַך אין אַלע זעלבסט-פערוואַלטונגס-אָרגאַנען פון גאַנץ פּוילען, הייסט איינפיהרען די דאָזיגע שפּראַך אויך דאָרט, וואו פּאָליאַקען בילדען אַ מינדערהייט, וואו זיי זענען גאָר ניטאָ. דאָס הייסט מאַכען אַ תל פון דער עפענטליכקייט פון דער פערהאַנדלונג, ווייל די בעפעלקערונג וועט זי ניט פערשטעהן; דאָס הייסט מאַכען אַ קאַריקאַטור פון דער פערהאַנדלונג גופא, ווייל אַלע אָדער כמעט אַלע וועלען געצוואונגען זיין צו רעדען אין אַ שפּראַך, וואָס איז זיי פרעמד.

אין איין-שפּראַכיגע דערפער, וואָלאָסטען, שטעדטלעך—איז קלאָר ווי דער טאָג, אַז די פערהאַנדלונגס-שפּראַך דאַרף זיין פשוט די אָרטיגע שפּראַך. קיין אַנדער זאַך קען זיך גאָר אויפ'ן זינען ניט לייגען. אין אַ ליטווישען דאָרף אין פּוילען מעג די פערהאַנדלונגס-שפּראַך געוויס זיין ליטוויש און די פּוילישע אויטאָנאָמיע און קולטור וועלען דערפון ניט אָנהויבען צו ליידען. דאָס זעלבע אַ יודיש שטעדטעל, וואו ס'וואָהנען עטליכע קריסטען, וועלכע בילדען ניט קיין נאַציאָנאַלע געמיינדע. אויב שוין עמיצער מוז ליידען—איז נאַטירליכער צו אָפּפערן מיט די שפּראַך-אינטערעסען פון אַ קליינעם הייפעל, איידער מיט די אינטערעסען פון דער גאַנצער בעפעלקערונג.

אין פיעל-שפּראַכיגע ערטער דאַרף די פראַגע שטעהן אַזוי, ווי בשעת קלייבען אַ לאַנדס-פערמיטלונגס-שפּראַך. דער מאַגיסטראַט דאַרף זיין פערהאַנדלונגס-שפּראַך אויסקלייבען מיט אַ שטאַרק קוואַליפיצירטער מעהרהייט—אָדער די דאָזיגע פראַגע דאַרף בעשלאָסען ווערען אויף אַ פערזאַמלונג פון פערטרעטער פון די אָרטיגע נאַציאָנאַל-אויטאָנאָמע אָרגאַניזאַציעס. דאַן איז מעגליך, דאָס אויב די שפּראַך פון דער מעהרהייט איז פּאַקטיש ניט קיין פערקעהרס-שפּראַך אינ'ם אָרט, וועט זי אויך אַלס פערהאַנדלונגס-שפּראַך ניט אויסגעקליבען ווערען.

אין צוויי-שפּראַכיגע ערטער וועט בעשליסען די מעהרהייט. מ'דאַרף אָבער ניט פערגעסען, אַז דאָ האַנדעלט זיך וועגען ניט קיין גרויסע פּריווילעגיעס, ווייל יעדער מיטגליעד וועט מעגען אין דער זיצונג בענוצען אויך זיין שפּראַך און נור די בעשליסען וועלען אָנגענומען ווערען אין דער אויסגעקליבענער פערמיטלונגס-שפּראַך.

עס איז מעגליך, אַז איינציגע מאַגיסטראַטען וועלען אויסקלייבען פּויליש פאַר זייער פערהאַנדלונגס-שפּראַך (אינ'ם אויבענדערמאָנטען בעגרענצטען זינען) אפילו דאַן, ווען פּאָליאַקען וועלען בילדען אין שטאָדט אַ מינדערהייט. אָבער דאַן וועט דאָס זיין זייער פרייער אויסוואַהל. וועלצער אָבער וויל עס מאַכען פאַר זייער פפליכט, און ער שליסט דערביי אויס די מעגליכקייט פאַר די גלאַסנעס צו רעדען זייער שפּראַך.

עס איז פשוט שווער צו פערשטעהן, צוליעב וואָס ה. וועלצער וויל אַזאַ קינסטליכען שפּראַכען-צוואַנג אַרויפלעגען אויף יענע שטעדט, וואו די פּאָליאַ-

קען זײַען קײן מעהרהײט ניט. דער מאַגיסטראַט איז דאָך אַ רײן שטאָדטישע אײַנריכטונג. ער האָט צו טאָן מיט דער בעפֿעלקערונג פֿון שטאָדט. כ'איז דאָך אַזױ נאַטירליך, אַז זײַן פֿערהאַנדלונגס־שפּראַך זאָל ניט זײַן קײן פֿרעמדע שפּראַך — פּונקט אַזױ נאַטירליך, װי רוסיש זאָל ניט זײַן די פֿערהאַנדלונגס־שפּראַך פֿונ'ם װאַרשױער סײם. אױב ס'איז מעגליך צו דערלאָזען, אַז אַ װעלכער ניט איז אױטאָנאָמער אײנהײט—מעג זי זײַן װי קלײן — אַ דאָרף, אַ שטעדטיל, אַ װאָלאָסט, זאָל דאָס געזעץ קענען פֿערפֿליכטען, די פֿערהאַנדלונגס־שפּראַך זאָל זײַן אַ פֿרעמדע, טאָ פֿאַרװאָס איז אוממעגליך דאָס זעלבע צו דערלאָזען בנוגע צו אַ העכערער אױטאָנאָמער אײנהײט, צו אַ לאַנד? איך מ'קען זאָגען, אַז ס'איז ניט װיכטיג, װאָס אין סוװאַלק זענען די פּאָליאַקען אַ מינדערהײט—אין לאַנד זענען זײ אַ מעהרהײט און זײער שפּראַך מוז אומעטום און אױך אין סוװאַלק זײַן די פֿערהאַנדלונגס־שפּראַך, קען מען דאָך פּונקט מיט'ן זעלבען רעכט זאָגען, אַז ס'איז ניט װיכטיג, װאָס רוסען זענען אַ מינדערהײט אין פּױלען — אין רוסלאַנד זענען זײ אַ מעהרהײט און זײער שפּראַך מוז אומעטום און אױך אין פּױלען זײַן די פֿערהאַנדלונגס־שפּראַך.

מ'קען דאָך ניט װידערזעצען, אַז פּױלען איז אַ קעניגרײַך, אַ באַזונדערע היסטאָרישע טעריטאָריע,—דעריבער טאָר רוסלאַנד איהר ניט אױפֿצװינגען קײן פֿרעמדע פֿערהאַנדלונגס־שפּראַך און זי מעג אױפֿצװינגען אַנדערע איהר פֿערהאַנדלונגס־שפּראַך. דאָס װאָלט דאָך װירקליך בעדײַטען—צװײ מאָסען און צװײ װאָגען... װען פּױלען װאָלט אַפֿילו זײַן אַ באַזונדער מלוכה—װאָלט זי זײַן אַ נאַציאָנאַליטעטען־מלוכה און אַלע פֿאָדערונגען בנוגע צו גלײַכבערעכטיגונג פֿון שפּראַכען, װאָס װערען אַרױסגעשטעלט אין רוסלאַנד, בעהאַלטען זײער גאַנצע קראַפֿט אױך בנוגע צו פּױלען.

פֿאַר יעדען אױטאָנאָמען אָרגאַן—פֿונ'ם העכסטען ביז'ן נידריגסטען, דאַרף די פֿערהאַנדלונגס־שפּראַך בעשלאָסען װערען באַזונדער—און אַלענפֿאַלס דאַרף יעדער מיטגליעד פֿון אַזעלכע אָרגאַנען בעהאַלטען דאָס רעכט צו באַנוצען זיך מיט זײַן מוטער־שפּראַך. אױב מ'טאָר אױף די ערטער ניט צושיקען קײן פֿערהאַנדלונגס־שפּראַך פֿון פּעטערבורג, טאָר מען זי ניט צושיקען אױך פֿון װאַרשױ.

V

די אינערע אַמטס־שפּראַך.

ה. װעלצער לעגט אױך פֿאָר, אַז די אינערע אַמטס־שפּראַך פֿון אַלע מאַגיסטראַטען אין פּױלען זאָל זײַן פּױליש. ער דערמאָהנט ניט, צי װעט ער זײַן סיסטעם פֿערשפּרײטען אױך אױף אַנדערע אָרגאַנען פֿון דער זעלבסט־פֿערװאַלטונג. כ'איז נימאָ קײן גרונד צו רעכענען, אַז ניט.

אױב ס'װאָלט זיך האַנדלען בלױז װעגען דער קאָרעספּאָנדענץ־שפּראַך, װעגען דער שפּראַך, אין װעלכע די מאַגיסטראַטען און אַנדערע אָרגאַנען פֿון זעלבסט־פֿערװאַלטונג דאַרפֿען זיך דורכשרײַבען מיט אײנאַנדער אָדער מיט די װאַרשעװער צענטראַלע אײנריכטונגען—װאָלט מען מיט דעם געמעגט מסכים זײַן (הגם אין בעהמען האָבען די געמײנדעס דאָס רעכט צו װענדען זיך צו די לאַנדס־אָרגאַנען אין זײער אײגענער אַמטס־שפּראַך), דאָס װאָלט אױך קײן גרױסע שװיריגקײטען ניט געמאַכט. די גאַנצע ענינים װאָלטען אין מאַגיסטראַט געקענט זיך פֿיהרען אין אײנער פֿון די אָרטיגע שפּראַכען, און אַ פּאָר בעאַמטע װאָלטען געקענט פֿערנעהמען זיך מיט שרײַבען פּױלישע קאָרעספּאָנדענץ פֿאַר פּױלען און רוסישע פֿאַר לחוץ פֿון פּױלען.

דער בעגריף פֿון אינערער אַמטס־שפּראַך ענטהאַלט אָבער פֿיעל מעהר, אַפֿילו אין דער בעגרענצטער בעדײַטונג, װעלכע גיט איהם ה. װעלצער. ס'איז בכלל שװער דורכצופֿיהרען אַ שטרענגע ליניע צװישען אױסערער און אינערער אַמטס־שפּראַך. פֿאַר'ן בירגער איז װיכטיג, אַז ניט נור דאַמאָלס, װען מ'רעדט מיט איהם, זאָל מען געברױכען זײַן שפּראַך. פֿאַר איהם איז װיכטיג, אַז די דאָקומענטען און אַקטען, װאָס האָבען צו איהם אַ שײַכות, די פּראָטאָקאָלען א. ז. װ. זאָלען געפֿיהרט װערען אין זײַן שפּראַך,—ער זאָל קענען אין זײ אַרײַנקוקען; און אין די פֿערשידענע בעהמישע פּראָיעקטען, טײלװײַז פֿערװירקליכטע, איז דורכגעפֿיהרט דער געדאַנק, אַז די אינערע אַמט־שפּראַך זאָל אין געמישטע ערטער װי װײַט ס'איז נור מעגליך בעשטימט װערען דורך דער אָנגעלעגענהײט, דורך דער שפּראַך פֿונ'ם בירגער, װעמעס אָנגעלעגענהײט ס'װערט בעטראַכטעט. איז דאָס אַן אָנגעלעגענהײט, װאָס איז שײַך אַ טשעך, װערען אַלע פּראָצעסען, אַלע עקסטראַקטען, אַלע פּראָטאָקאָלען געפֿיהרט אױף טשעכיש, װערען די דאָקומענטען רעגיסטרירט אױף טשעכיש—און פֿערקעהרט. שרײַבט אַ פּערזענליכע בקשה אַ טשעך אַ בעאַמטער, שרײַבט ער טשעכיש. און בעקומט אַן ענטפֿער אױף טשעכיש, דאָס זעלבע מיט אַ דײַטש.

אָבער דאָך בלײַבט נאָך אַ געביעט, װעלכער האָט קײן דירעקטען שײַכות ניט צום פּובליקום: פֿערשידענע ביכער, דינסט־בעריכטען, פֿעראָרדנונגען; די שפּראַך, אין װעלכער די בעאַמטע רעדען צװישען זיך א. ז. װ.

פֿאַרװאָס זאָל אַ רוטעניש דאָרף, װאָס װעט אַװדאי אָנשטעלען אײן שרײַבער און נאָר—דװקא געצװאונגען זײַן צו פֿיהרען די אַלע זאַכען ניט אױף רוטעניש? פֿאַר װאָס זאָל אַ ייִדיש שטעדטיל, װאָס ס'װעלען דינען אין דער שטאָדט־פֿערװאַלטונג אַ דרײַ־פֿיר בעאַמטע—דװקא פֿיהרען די אַלע זאַכען ניט אױף ייִדיש? װעמענס אינטערעסען פֿאָדערען דאָס? איז דען ניט קלאָר, אַז דערמיט װעט פֿאַר די גלאַסנעס גופֿא פֿערשװערט װערען דער קאָנטראָל איבער דער געשעפֿטס־פֿיהרונג? אַז בעשטימענדיג אין אַזאַ שטעדטיל אַ גלאַסנעם, ער זאָל למשל פֿערהאַלטען מיט דעם שטאָדטישען האָלץ־לאַגער, װעט מען דאַרפֿען זיך רעכענען ניט בלױז מיט זײַנע אַדמיניסטראַטיװע פֿעהיגקײטען און װירטשאַפֿטליכער ערפֿאַהרענקײט, נור גאָר מיט זײַנע פּױלישע שפּראַך־קענטניס? פֿאָדערן, אַז די אינערע אַמטס־שפּראַך אין אַזעלכע ערטער זאָל דורכאױס זײַן פּױליש, הײסט שטעלען מניעות זײער טעטיגקײט,—און אױף אַזאַ אופֿן שאַדען די אינטערעסען פֿון

די ברײטע מאַסן. אָט פאַרװאָס מ׳דאַרף קעמפען, אױב מ׳װיל אין װאַרשעװער מאַגיסטראַט געזעצלעך אײַנפירן די רוסישע אינערע אַמט־שפּראַך; אָט פאַר װאָס מ׳דאַרף קעמפען קעגן דעם, דאָס געזעץ זאָל אױפצװינגען אַ ליטװישער דאָרף־געמײנדע אין פּױלן די פּױלישע אינערע אַמט־שפּראַך. צװײ װאָגן און צװײ מאָסן זענען דאָ אוממעגלעך.

אין אײן־שפּראַכיגע שטעדט, דערפער, װאָלאָסטן דאַרף די אינערע אַמט־שפּראַך פון די זעלבסטפערװאַלטונגען זײַן די אָרטיגע שפּראַך און די איבעריגע — יענע שפּראַך, װעלכע װעט דאָרט דינען אַלס פערהאַנדלונגס־שפּראַך (קאַפּיטל IV). דאָס שליסט ניט אױס, אַז אין יעדער אײַנריכטונג זאָל די פּױלישע שפּראַך, אַלס לאַנדס־פערמיטלונגס־שפּראַך, געניסן געװיסע רעכט; אָבער זי דאַרף ניט געשטעלט װערן אין אַ פּריװילעגירטער לאַגע בנוגע צו די אָרטיגע שפּראַכן דאָרט, װאו זי איז אַ פרעמדע שפּראַך; סײַדן די אָרטיגע אײַנריכטונגען אַלײן קלײַבן זי אױס.

ס׳איז פערשטענדלעך, װען צו אַזאַ פּױלישן שפּראַכן־צװאַנג שטרעבן יענע, װאָס האַלטן דאָס פּױלישע לאַנד פאַר אַן אױסשליסלעכן אײגנטום פון דער פּױלישער נאַציאָן, פאַר אַ קיניגרײַך בלױז פון דער פּױלישער קולטור. ת. װעלצער האָט דאָך אָבער, אַז אין פּױלן געהערט די פּױלישע ערד אַלע נאַציאָנען. װאָס בעװאָהנען זי. ת. װעלצער װײס דאָך אָבער, אַז ניט די אױפגעצװאונגענע פּױלישע פיזיאָנאָמיע פון ליטװישע, יודישע, רוטענישע און געמישטע זעלבסטפערװאַלטונגען װעט בעשאַפן די אײנהײט פון די פּױלישע נאַציאָנען—אַז די דאָזיגע אײנהײט, די אמת׳ע קראַפט פון פּױלן,—װעט פיעל בעסער גאַראַנטירט װערען דורך דעם, װאָס קײן נאַציאָן און קײן שפּראַך װעט ניט הערשן איבער דער אַנדערער.

* * *

דער פּראָגראַמאַטישער טײל פון מײַן אַרטיקעל, אױב מ׳קען זיך אַזױ אױסדריקן, איז געענדיגט. ס׳פערשטעהט זיך, איך האָב ניט געקענט אָבשטעלן זיך װי געהעריג איז, אױף בעזונדערע קאָנקרעטע פראַגן. די רוסישע װירקליכקײט גיט אונז בכלל צו װעניג מאַטעריאַל דערצו—אין עסטרײַך מיט איהרע 8 נאַציאָנען איז דאָס פּראָבלעם אומענדלעך אײַנפאַכער, װי אין דעם אומגעהײַערן רוסלאַנד מיט זײַן מ׳ראַדיגער נאַציאָנאַלער אײנגעמישטקײט. און אױך דאָרט װערן פיעל קאָנקרעטע פראַגן ניט פערענטפערט אַפילו טעאָרעטיש. אין דעם אַרטיקעל האָב זיך געהאַנדעלט בלױז װעגן פּרינציפּיעלע אַלגעמײנע יסודות—דאָס איבעריגע דאַרף ניכער אַלס אילוסטראַציע, אַלס בײַשפּיעל בעטראַכט װערן.

VI

דער איצטיגער מאָמענט און די גלײַכבערעכטיגונג.

װײַטע צוקונפטס־מוזיק—אַזױ קלינגט די אַלע דבורים—װעגן פּראָפּאָרציאָנעלער נאַציאָנאַלער בעאַמטונג, װעגן 130 גלײַכבערעכטיגטע מלוכה־שפּראַכן, װעגן פאָלקס־װאַהלען פון בעאַמטע און ריכטער. אַלץ, װאָס מיר לעגען דאָ פאָר, איז אַזױ ענג פערבונדן מיט דער אַלגעמײנער דעמאָקראַטיזירונג פון דער מלוכה, מיט דער אױסבױאונג פון טעריטאָריאַל־אױטאָנאָמע און נאַציאָנאַל־אױטאָנאָמע אײנריכטונגען, מיט אַ טיעפער אומענדערונג פון אַלץ, װאָס מיר זעהען איצט,—אַז אין פלוג קען זיך דוכטן: איז עס ניט קײן ביטערער חוזק—איצט צו רעדען װעגן גלײַכבערעכטיגונג, װעגן װעלכע ניט איז גלײַכבערעכטיגונג? איצט, װען דער טהירישער נאַציאָנאַליזם פון די הערן מאַרקאָװ־פּורישקעװיטש פײַערט זײַנע גרעסטע נצחונות?

און רעדען װעגן יודישע רעכט, רעדען װעגן װעלכע ניט איז רעכט פאַר יענע אומה, װעלכע מ׳קעהרט איצט אום צו די פינצטערסטע, שרעקליכסטע צײַטען, פון איהר פערגאַנגענהײט, װעלכע לעבט איבער די לעצטע יאָהרען אַ כראָנישען פּאָגראָם?

בײזע װינטען הױלען דרױסען. ניטאָ קײן האָפנונג אױף די קלענסטע פערבעסערונג: אין דער נאָהענטסטער צוקונפט.

און ניט קוקענדיג אױף אַלעם דעם,—נײן, דװקא צוליעב אַלעם דעם—דאַרף מען רעדען, דאַרף מען שרײַען װעגן נאַציאָנאַלער גלײַכבערעכטיגונג בכלל, װעגן יודישער גלײַכבערעכטיגונג בפרט.

װער ס׳גלױבט אין די לעבעדיגע קרעפטען פון רוסלאַנד; װער ס׳האָפט, אַז אַזױ קען רוסלאַנד ניט לעבען, װער ס׳איז זיכער—אַז פריהער אָדער שפּעטער װעלען אַנדערע צײַטען קומען,—פאַר דעם איז קלאָר די אױפגאַבע און הײַנטיגען טאָג: זאַמלען קרעפטען, גרײטען די מאַסען צו יענעם מאָמענט, װען זײער גורל װעט זײַן אין זײערע הענד, װען זײ װעלען דאָס נײַע רוסלאַנד בױען.

יעדע אַרױסטרעטונג פון דער רעגירונג און פון די דומע־פּאַרטײען; יעדע פראַגע, װאָס שטעהט אױף דער טאַגעס־אָרדנונג פון דומע—קען און מוז צוליעב דעם דאָזיגען ציעל אױסגענוצט װערען.

אין דער צײַט פון װילדער נאַציאָנאַלער העצע איז אונזער פליכט—שטאַרקען און בעפעסטיגען די אינטערנאַציאָנאַלע אײניגקײט פון די מאַסען, קעמפען געגען דער ענטװיקלונג פון נאַציאָנאַלען שאָװיניזם—כּי בײַ די אונטערדריקטע, װאָס װערען דעמאָראַליזירט דורך דערנידריגונגען און פערפאָלגונגען. כּי בײַ די קינדער פון דער הערשענדער נאַציאָן, װאָס װערען פערדאָרבען דורך זײער פלומרשט׳דיגער קעניגליכקײט און הערשאַפט.

אָבער כּדי אױף אַזאַ אופן צו װירקען אױף די מאַסען, דאַרפען די בעװאוסטזיניגע אַרבײַטער אין דומע און אין לאַנד ניט בעגרענעצען זיך בלױז מיט אַלגעמײנע דעקלאַראַציעס, אַלגעמײנע פראַזען װעגן גלײַכקײט און ברידערליכקײט.

אז מ'חזר'ט זיי איבער אפט און מ'בעגרענעצט זיך מיט זיי, פערליערען א גרויסען טייל פון זייער איבערצייגונגס-קראפט, ווערען פערוואנדעלט אין טויטע פארמולען, צו וועלכע מ'ווערט אזוי געוועהנט, אז מ'טראכט זיך ניט אריין אין זייער אינהאלט און דאס איז נאך ווייניג. אויף דער דאזיגער הויכער מדרגה פערליערט זיך צומאל כמעט יעדע גרענעץ צווישען דעם קלאסען-שטאנדפונקט פונ'ם פראלעטאריאט, פונ'ם ראדיקאלען קליינבירגערטום, פון דער ליבעראלער בורזשואזיע.

בשעה עס וועט אהערגעשטעלט ווערען אויף דער טאגעס-ארדנונג פון דער דומע וועלכע ניט איז ברענענדע פראגע פון דער רוסלענדער ווירקליכקייט, דארפען די פערטרעטער פון די ארבייטער צוגעהן צו איהר וואס קאנקרעטער, וואס מעהר פערבינדען זי מיט די לעבענס-בעדינגונגען פונ'ם פאלק. אזוי וועט זיי גרינגער זיין אויפצודעקען דעם טיעפען חלוק צווישען זיי און דער בורזשואזער אפאזיציע. מ'דארף ניט נור זאגען, אז „ווייטער" איז שלעכט, נור בעווייזען, אז עס קען זיין אנדערש. ס'קען זיין, ניט איבער יעדע פראגע איז שוין צייט אריינצוטראגען געזעצפראיעקטען; עס דארף נאך ארבייטען דעריבער דער געדאנק פון די מאסען, זיי דארפען פסיכאלאגיש זיין פארבערייטעט, כדי צו בעגעגענען געזוכטע נייע פרינציפען. אבער אפילו דאמאלס, ווען די ארבייטער-פערטרעטער טראגען ניט אריין קיין אייגענעם געזעצפראיעקט, דארפען זיי זיין בעקאנט אין יענע פראגען, וועלכע ווערען אויפגעהויבען; דארפען זיי קענען אריינטראגען פערענדערונגען, וואס זאלען בעלייכטען זייער שטאנדפונקט; דארפען זיי דורך מעלדונגען, מאטיווירונגען א. ז. וו. זעהר שארף אבגרענעצען זיך פון אלע בירגערליכע עלעמענטען, ארויסשטעלען אלע פאדערונגען פונ'ם ארבייטער-קלאס, אנטוויקלען זיין גאנצע וועלט-אנשויאונג.

און ארום דער דאזיגער ארבייט פון דער פראקציע דארף זיך פיהרען א סיסטעמאטישע ארבייט אויף די ערטער. די מאסען דארפען זיך געוועהנען איבערלעגען, איבערטראכטען יעדע פראגע, וואס ווערט אויפגעהויבען, יעדען שריט, וואס די פראקציע דארף טאן; פרעגען זיך, ווי אזוי וואלטען זיי געענטפערט אויף די פראגען, ווי אזוי וואלטען זיי געלעזט די פראבלעמען.

אין דער נאציאנאלער פראגע איז דאס בעזונדערס וויכטיג. טיעפע פאראורטיילען, געירשענט פון דער אלטער צייט, לעבען בנוגע צו די נאציאנאלע פראגען אין דער מאסע און פון דער הערשענדער נאציאן. אונטער אלגעמיינע פראזען וועגען גלייכבערעכטיגונג בעהאלט זיך אפט—צו אפט—א נאאיווער קאסמאפאליטיזם, וואס שטעלט זיך פאר גלייכבערעכטיגונג, ווי צוזאמענגיסונג, ווי ענטנאציאנאליזירונג, וואס קוקט אויף נאציאנאלע שטרעבונגען, ווי אויף א רעאקציאנערע זאך. יעדעם פאלק האט זיינע שאוויניסטען, וואס נוצען אויס זיין נאציאנאל געפיהל צוליעב זייערע קלאסען-אינטערעסען, וואס בעמיהען זיך צו בויען א וואנד צווישען איהם און די איבעריגע, וואס דרשנ'ען, אז נור בעזיעגענדיג אנדערע נאציאנען, נור דורך קאנקורענץ און ארויסשטויסונג קען זיך דאס פאלק דערשלאגען צו א בעסערער עקזיסטענץ.

מ'דארף ענערגיש קעמפפען געגען דער דאזיגער גיפטיגער ארבייט. מ'דארף ערציהען די מאסען; מ'דארף זיי בעווייזען, אז נאציאנען קענען לעבען נעבען

איינאנדער פריעדליך, ניט פערליערענדיג זייער איינענארטיגקייט; אז ס'איז מעגליך דאס פרייע צוזאמענלעבען פון עטליכע נאציאנאלע גרופען אויף איין טעריטאריע; אז ס'איז גאר ניט נויטיג, אז ס'איז טיעף שעדליך פאר די פאלקסמאסען פון ביידע צדדים, א נאציאנאלע מעהרהייט זאל הערשען איבער א נאציאנאלער מינדערהייט; אז ס'איז ניטא אויף קיין טעריטאריע קיין ב"ב און גאסט; אז יעדערער, ווער ס'ארבייט אין לאנד, ווער ס'מאכט עם רייכער מיט זיין פיזישער און גייסטיגער מיה, איז א גלייכער ב"ב אין לאנד, צי איז ער אן איינגעבוירענער אדער געקומענער, צי רעדט ער די שפראך פון דער מעהרהייט אדער די שפראך פון דער מינדערהייט; אז נור די הערשענדע קלאסען, די בורזשואזיע, די בורזשואזע אינטעליגענץ זענען פעראינטערעסירט אין דעם, די נאציאנען זאלען זיך בעציהען פיינדליך צו איינאנדער.

געווענדעט צו די ארבייטער וועט דאס ניט זיין קיין פוסטע דרשה, ווייל די בלוטיגע אינטערעסען טרייבען זיי צו אינטערנאציאנאלער איינהייט; ווייל דא געהט נור אום קלאר מאכען פאר זיי אליין זייערע אמת'ע אינטערעסען און בעדערפניס. דאס דאזיגע בעוואוסטזיין ווארצלען אין די מאסען—הייסט פערשטארקען זייערע כח, הייסט בעפעסטיגען זייער פערבאנד, הייסט בעשאפען א מעכטיגען ווידערשטאנד דעם שמוציגען שטראם פון שאוויניזם, וועלכער ס'פערפלייצט איצט די איבערפלעכע פונ'ם רוסלענדער לעבען.

און צוגעגרייטע געלעגענהייטען צו אזא טעטיגקייט זענען איצט פאראן. שרייענדע אנשויאונגס-לעקציעס גיבען דעם פאלק די העלדען פונ'ם היינטיגען יוני. מ'דארף זיי נור בעלייכטען, ווי געהעריג איז.

אויסנוצען די שווארצע ארבייט, כדי ערציהען דאס פאלק צו אינטערנאציאנאלער איינהייט, — דאס איז איינע פון די וויכטיגסטע אויפגאבען פון היינטיגען טאג.

אונטערן ווילדען חיה'שען ברומען קעגען דעם „אינאראדצי"—ארבייטען פאר נאציאנאלער גלייכבערעכטיגונג.

VII

די יודישע נאציאנאלע גלייכבערעכטיגונג.

און נאך הארבער שטעהט די פראגע אויף דער יודישער גאס. נאציאנאלע גלייכבערעכטיגונג פון יודען; גלייכבערעכטיגונג פון דער יודישער שפראך; אויסבויאונג פון יודישע נאציאנאל-אויטאנאמע איינריכטונגען— דאס קלינגט ווי א ווייטער חלום איצט, אין דער אטמאספער פון גרענעצלאזער רעאקציע און נאציאנאלער אונטערדריקונג. דאס קען אבער בלייבען א ווייטער חלום אויך ביי א גאנץ אנדערער פאליטישער קאניונקטור.

ווייל אויב מיט דער בירגערליכער גלייכבערעכטיגונג איז דער ענין גאנץ איינפאך. איז בנוגע צו דער נאציאנאלער גלייכבערעכטיגונג די זאך

פיעה שרייער און פערהיקלעמער. א חוץ דער אלגעמיינער בעפרייאונג זענען דערצו נויטיג נאך צוויי זאכען: די יודישע נאציאן דארף אלס מאסע (ניט בלויז אין פלאטפארמען פון פאליטישע פארטייען) דערוואכען צום בעוואוסטזיין פון איהרע נאציאנאלע בעדערפניס; זי דארף אין קאמפף פאר בעפרייאונג איהרע נאציאנאלע פאדערונגען ארויסשטעלען, און נאך א זאך איז נויטיג: די ניט-יודישע מאסען דארפען דורכגעדרונגען ווערען מיט'ן בעוואוסטזיין, אז די יודישע נאציאן וועט קיין מאל ניט בענוגענען זיך בלויז מיט בירגערליכע רעכט; ריכטיגער—אז ס'זענען ניט בעזונדערע יודען פאראן,—אז ס'איז פאראן א נאציאן א יודישע, מיט א בעזונדערער נאציאנאלער שפראך, מיט א בעזונדערער נאציאנאלער קולטור, א נאציאן, וואס וועט ניט רוהען און ניט שווייגען, וואו זי וועט זיך ניט דערשלאגען קיין נאציאנאלע גלייכבערעכטיגונג. די ניט-יודישע מאסען דארפען זיך אבגעוועהנען פון דער אילוזיע, אז די יודישע מאסען שטרעבען א חוץ בירגערליכער גלייכבערעכטיגונג נור צו איין זאך—וואס גיכער זיך רוסיפיצירען אדער פאלאניזירען. די ניט-יודישע מאסען דארפען זיך אייגען מאכען די איבערצייגונג, אז צווישען אלע נאציאנען, וואס דערשלאגען זיך צו זעלבסטשטענדיגע פארמען פון קולטורעלן לעבען, געפינט זיך אויך די יודישע נאציאן.

כ'איז קלאר, דאס ערשטע איז א בעדינגונג פאר דאס צווייטע. ביז וואנען די יודישע מאסען וועלען קיין נאציאנאלע רעכט ניט פאדערן, וועט וועגען דעם קיינער ניט טראכטען. און אונזערע נאציאנאלע לאזונגען וועלען ערשט דאן ווערען פאדערונגען פון די ברייטע יודישע מאסען, ווען זיי וועלען דערפיהלען זייערע קולטורעלע בעדערפניסען, וואס קענען אין קיין אנדער פארם ניט בעפרידיגט ווערען.

אויב מיר האלטען ניט אונזערע נאציאנאלע לאזונגען פאר אנ'אוטאפישע, אויב מיר גלויבען, אז דאס זענען לאזונגען, וואס ענטשפרעכען זיכערליך די אמת'ע בעדערפניס פון די מאסען, די בעדערפניס, וואס הויבען ערשט אן צו דערוואכען, אבער וועמען ס'געהערט די צוקונפט,—אויב מיר גלויבען דעריין—און אנדערש וואלטען מיר דאך זיי ניט ארויסגעשטעלט,—דאן איז אונזער פליכט צו העלפען די מאסען גיכער צו קומען צום בעוואוסטזיין פון זייערע אמת'ע בעדערפניס.

פאראן אזעלכע, וואס שטעלען זיך פאר, אז ערשט נאכדעם, ווי דאס יודישע פאלק וועט בעקומען די נאציאנאל-קולטורעלע אויטאנאמיע, וועט זיך דארט אינעווייניג אהעקשטעלען די פראגע, וועלכע שפראך זאל זיין די שפראך פון די יודישע קולטורעלע איינריכטונגען; וועט דאן דאס פאלק „זיך זעלבסט בעשטימען“ פאר יודיש, אדער פאר פויליש און רוסיש, אדער פאר אלץ מיט א מאל. די נאציאנאל-קולטורעלע אויטאנאמיע איינריכטונגען וועלען זיין יענע ארט, וואו ס'וועט זיך פיהרען א שפראכען-קאמפף.

פאר מיר איז אבער די נאציאנאל-קולטורעלע אויטאנאמיע בלויז די העכסטע פארם פון בעפרידיגען שוין בעשטימטע קולטורעלע בעדערפניס. פריהער דארפען די בעדערפניס זיין, דערנאך די אויטאנאמיע בעשאפען ווערען. נור א בעזונדערע קולטור, א בעזונדערע לויט איהר פארם—קען זיין דער יסוד פון א נאציאנאלער אויטאנאמיע. דוקא די, וואס געפינען, אז א חוץ קולטור טאר זיך די נא-

ציאנאלע אויטאנאמיע בשום אופן מיט אנדערע זאכען ניט פערנעהמען—דארפען דאך ניט פערגעסען, אז ס'דארף א זעלבסטשטענדיגע קולטור זיין, מיט זעלבסטשטענדיגע פארמען, עס זאל מעגליך זיין צו פאדערן פאר איהר בעזונדערע איינריכטונגען. ליעגט אין יסוד פון יעדער נאציאנאל-קולטורעלער אויטאנאמיע א נאציאנאלע קולטור, דאן איז קלאר, אז צוויי קולטורען קענען אין די ראהמען פון איין אויטאנאמיע ניט לעבען, אז „שפראכען-גלייכבערעכטיגונג“ אין די ראהמען פון איין נאציאנאל-קולטורעלער אויטאנאמיע איז א לאגישער אונזין.

נור דאס בעדערפניס נאך יודישע קולטורעלע איינריכטונגען גיט א זינען דער אידעע פון א יודישער נאציאנאל-קולטורעלער אויטאנאמיע. ווער ס'האט ניט קיין יודישער קולטור-בעדערפניס, נויטיגט זיך ניט אין קיין יודישער נאציאנאל-קולטורעלער אויטאנאמיע. אהן איהר רעאלען קולטורעלען אינהאלט איז די א פוסטע פראזע. רופען צו יודישער נאציאנאלער אויטאנאמיע די, וואס דארפען אין דער אמת'ן ניט קיין יודישע פאלקשול, קיין יודיש טעאטער—הייסט גיסען וואסער אויף די מיהלען פון אלע פלאפלער וועגען מיסטישען „נאציאנאלען גייסט“, וועגען דעם „אייביגען תוך“ פון דער נאציאן.

און אין דעם מאמענט, וואס די יודישע ארבייטער האבען די פאדערונג פון דער יודישער נאציאנאל-קולטורעלער אויטאנאמיע ארויסגעשטעלט, האבען זיי זיך ארויסגעזאגט פאר יודיש, פאר א יודישע קולטור, איז פאר זיי דאס שפראכען-פראבלעם געלעזט געווארען. אין די יודישע שולען מעגען זעהר א ברייטען ארט פערנעהמען פרעמדע שפראכען, אין די יודישע ביבליאטעקען מעגען זיך געפינען זעהר פיעל ביכער ניט-יודישע. די שפראך, די קולטור, וועלכע וועט בילדען דעם אינהאלט פון דער יודישער נאציאנאל-קולטורעלער אויטאנאמיע, וועט זיין די יודישע שפראך, די יודישע קולטור — אדער די יודישע נאציאנאל-קולטורעלע אויטאנאמיע וועט קיין מאל ניט מקוים ווערען.

רופען צום קאמפף פאר יודישער נאציאנאל-קולטורעלער אויטאנאמיע הייסט ברענגען די יודישע מאסען צום בעוואוסטזיין, אז זיי נויטיגען זיך אין יודישע פאלקסשולען אין יודישע טעאטערס; אין יודישען קולטור-לעבען. הייסט קעמפען מיט אלץ, וואס לאזט זיי ניט קומען צו דעם בעוואוסטזיין; הייסט קעמפען מיט דער אילוזיע, אז א נאציאן קען זיך בילדען אין א פרעמדער שפראך, אין א שפראך, וואס איז ניט איהר מוטער-שפראך.

נור דאן וועט דער קאמפף פאר נאציאנאל-קולטורעלע אויטאנאמיע ניט פערוואנדעלט ווערען אין די מוחות פון די מאסען אין א קאמפף פאר „איינהיטען דאס פינטעלע יוד“. נור דאן וועט דאס זיין אנ'אמת'ער קלאסען-קאמפף, א קאמפף פאר רעאלע אינטערעסען. נור דא קענען מיר זיך אבגרעניצען פון אלע בורזשואזע „אויטאנאמיסטען“ פון דער יודישער גאס. פאר זיי איז אויטאנאמיע—א מיטעל אויסצוטיילען די יודען, איינצוהיטען עפיס א מעטאפיזישע „יודישקייט“. פאר אונז—א מיטעל צו בעפרידיגען די קולטורעלע בעדערפניס פון די מאסען.

אבער די מאסען דארפען זייערע בעדערפניסען דערפיהלען. דער היסטארישער פראצעס וועט זיי ברענגען דערצו. מיר דארפען דעם דאזיגען פראצעס העלפען.

טאָן דאָס—הייסט זאַמלען קרעפטען. ווײַל בּאַוואוסטזײַן איז אַ קראַפט, ווײַל מאַסען־ערציהונג איז אַ קראַפט, ווײַל מאַסען־בּאַוועגונג איז אַ קראַפט,—אַפילו דאַמאָלס, ווען זי דריקט זיך אויס אין די בּעשיידענסטע פאָרמען.

מיט אַ כאַראַקטעריסטישען מיספערשטענדניס קומט אים צו טרעפען זיך, ווען מ'בּעריהרט די דאָזיגע פראַגען. און מ'זאָגט, אַז דער קאַמף פאַר גלײַכבּערעכטיגונג פון יודיש דאַרף זײַן אַנ'אויסערליכער און אויך אַ אינערליכער.

—וואָס, אַ אינערליכער? אפשר קעמפפען געגען העבּרעאיש? אפשר קעמפפען געגען דער חברה מפיצי השכלה? אויך מיר אַ פּאָליטישע אויפגאַבּע"—איז מיר איינגעקומען צו הערען.

איך האַלט, אַז דאָס איז אַ מיספערשטענדניס, וועלכער איז ניט ווייניגער שעדליך, ווי די טעות, וואָס הערט זיך אין איניגע דעמאָקראַטיש־בּירגערליכע קרייזען: אַז איצט איז אין דרויסען ניטאָ וואָס צו טאָן, אַז איצט דאַרף מען אַלע קרעפטען קאָנצענטרירען אויף אינעווייניג.

קיין שריט נאָך אויסען אָהן אַרבּייט אינעווייניג. קיין שריט אינעווייניג, וואָס זאָל ניט זײַן פערבּונדען מיט די אויפגאַבּען נאָך אויסען,—דאָס איז געווען אונזער לאָזונג אַלע מאָל; דאָס דאַרף זײַן אונזער לאָזונג איצט.

די, וואָס שטעלען זיך פאַר די פראַגע וועגען גלײַכבּערעכטיגונג פון שפּראַך אויסשליסליך ווי אַ פראַגע וועגען דעם, וועלכע פאָדערונגען דאַרפען אַרויסגעשטעלט ווערען פאַר דער אויסערליכער וועלט, פאַר דער דומע, פאַר דע רעגירונג,—די פערשטעלערן די פּאָליטישע אויפגאַבּען.

עס האַנדעלט זיך הײַנט ניט בּלויז אום אַרויסשטעלען פאָדערונגען. עס שטעהט די פראַגע—וועמען אַרויסשטעלען פאָדערונגען. עס שטעהט די פראַגע—ווער זאָל אַרויסשטעלען די פאָדערונגען. עס שטעהט די פראַגע—ווי אַזוי אַרויסשטעלען זיי, וואָס טאָן פאַר זייער פערווירקליכונג,—ווי אַזוי פאַרבּערייטען דעם באָדען פון זייער פערווירקליכונג. דאָס אַלץ זענען פּאָליטישע פראַגען; אַרום יעדער פון דיזע פראַגען קען אַ קלאַסען־פּאָליטיק געטריבּען ווערען. יעדע פון זיי קען בּילדען אַ באָדען פון קלאַסען־ערציהונג, פון פּאָליטישער ערציהונג.

VIII

די אויפגאַבּען אויף דער יודישער גאַס.

דער יודישער פּראָלעטאַריער דאַרף פאָדערן, זײַנע קולטורעלע בּעדערפניסען זאָלען בּעפרידיגט ווערען. בּיי וועמען דאַרף ער עס פאָדערן? בּלויז בּיי דער מלוכה? בשום אופן ניט. ער דאַרף עס פאָדערן אויך בּיי דער יודישער בּורזשואַזיע, בּיי יענער בּורזשואַזיע, וואָס עקספּלאָאַטירט איהם דירעקט—צאַפּענדיג פון איהם דעם מעהרווערט; וואָס עקספּלאָאַטירט איהם אומדירעקט, אַלס פערבּרויכער פון איהרע סחורות און לאָקאַטאָר פון איהרע בּוידעמס און סוטערעניעס;

וואָס בּויט אויף דער רעכטלאָזיגקייט און אונטערדריקטקייט פון די יודישע מאַסען איהר פּאָליטישען ווערטה און סאָציאַלע מאַכט.

די גרעסטע צאָהל „פילאַנטראָפּישע" בּילדונגס־אַנשטאַלטען, וואָס עקזיסטירען אויף דער יודישער גאַס—ווערען אין אַ בּעדייטענדען טייל אויסגעהאַלטען פון קאָראָבּקע,—פון צוואַנגס־אָבּצאָהלונגען, וועלכע טראָגט די יודישע מאַסע. דער יודישער פּראָלעטאַריאַט דאַרף זיך אויפמערקזאַם צוקוקען צו דער טעטיגקייט פון די דאָזיגע אַנשטאַלטען, פון יענע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, וואָס פערוואַלטען מיט זיי. ער דאַרף מיט זײַן גאַנצער קראַפט פּראָטעסטירען געגען דעם רוסיפיקאַטאָרישען און פּאָלאָניזאַטאָרישען כאַראַקטער פון די דאָזיגע שולען, ער דאַרף פאָדערן, עס זאָל דאָרט ווי ווייט ס'איז מעגליך—און מעגליך איז אַפילו איצט—אונטערריכטעט ווערען די יודישע שפּראַך. ער דאַרף קעמפּפען געגען דעם, די קינדערשע מוחות זאָל מען פערשלאָגען אין דער פאָלקסשול מיט העבּרעאיש.

דער דירעקטער, רעאַלער ווערטה פון אַזאַ אַרבּייט איז קליין. דאָס זענען שוואַכע פּאַליאַטיווען. דער פּאָליטישער ווערטה אָבּער פון דעם, וואָס אויף דער יודישער גאַס וועלען טאָג־טעגליך קלינגען די פאָדערונגען—נאָך אַ יודישער שול, נאָכ'ן אונטערריכט פון דער יודישער שפּראַך—און ליטעראַטור—דער פּאָליטישער, דער ערציהערישער ווערטה דערפון איז זעהר גרויס.

אויף אַזאַ אופן—דאַרפען די פאָדערונגען אַרויסגעשטעלט ווערען ניט נור בּנוגע צו דער רעגירונג, נור אויך בּנוגע צו דער קהלה, בּנוגע צו דער יודישער „געזעלשאַפט"; בּנוגע צו אַלע געזעלשאַפטליכע אינסטיטוציעס, וואָס פערנעהמען זיך אָדער קענען זיך פערנעהמען מיט בּילדונגס־טעטיגקייט, אייגענטליך—בּנוגע צו דער גאַנצער נאַציאָן. יעדע געשעהעניש אויף דער יודישער גאַס יעדער געזעלשאַפטליכער צוזאַמענפאָהר און בּעראַטונג דאַרפען מיט דעם ציעל אויסגענוצט ווערען.

און דאָ ליגט אויך אַנ'ענטפער אויף די פראַגע—ווער דאַרף די פאָדערונגען אַרויסשטעלען. „דער מאַרק פון דער אַרבּייטערשאַפט", אַ הייפעל, וואָס וועט אָנשרײַבּען פאַר דער פראַקציע אַנ'איבּערגאַנגס־פאָרמעל? עס וואָלט זײַן אַ ביטערער טעות אַזוי צו טראַכטען. די יודישע מאַסען דאַרפען די פאָדערונגען אַרויסשטעלען. און דערצו דאַרף מען אַרבּייטען צווישען זיי.

אָבּער איז דען ניט קלאָר, אַז די דאָזיגע אַרבּייט איז ענג פערבּונדען מיט קאַמפּף, מיט אונבּרחמנות'דיגען קאַמפּף געגען די אַלע, וואָס שוואַכען אָבּ די ענערגיע פון די מאַסען אינ'ם קאַמפּף פאַר יודיש, וואָס פערפינסטערן אין זיי דאָס בּעוואוסטזײַן פון זייערע קולטורעלע בּעדערפניסען, וואָס העלפען צו בּעפעסטיגען אין זיי די אילוזיעס, אַז אין פרעמדע שפּראַכען איז מעגליך די בּעפרידיגונג פון זייערע קולטורעלע בּעדערפניסען?

די, וואָס פּלאַפּלען וועגען „נאַציאָנאַלער" קולטור אויף פרעמדע שפּראַכען; די, וואָס פערטומלען די מאַסען מיט די חלומות וועגען העבּרעאיש — (און געהען אַבּ האַנד בּיי האַנד מיט די רוסיפיקאַטאָרען און פּאָלאָניזאַטאָרען).— שטערען דעם קאַמפּף פאַר גלײַכבּערעכטיגונג פון יודיש, זענען פאַר דעם דאָזיגען

קאַמף שעדליך—געגען זיי מוז אַ מלחמה געפֿירט ווערען.

ס'פערשטעהט זיך, דאָס באַדײַטעט ניט, אַז נור געגען העבּראַאיסטען, נור געגען רוסיפיקאַטאָרען דאַרף מען אין דעם געביעט קעמפֿען. דאָס באַדײַטעט ניט, אַז ווער ס'איז „פאַר יודיש", איז שוין דערמיט אַלײן אונזער בונדעס-חבר. אינ'ם אַרטיקעל „צו דער כאַראַקטעריסטיק פון אַ נײַער שטרעמונג" (צײַט-פראַגען נום. 2) האָב איך זיך באַמיהט צו באַווײַזען, וואָס פאַר אַ טיעפער תהום עס טײלט אונז אָב פון די בורזשואַזע „יודישיסטען". איך האָב זיך אָבגעשטעלט אויף דעם אויך אין דער בראָשור „צו דער פראַגע וועגען דער יודישער פאָלקס-שול". ס'איז קלאָר, אַז מיט זייער נאַציאָנאַליזם, מיט זייער שאָוויניסטישער פראַזע פערפינסטערן זיי דאָס פּאָליטישע באַוואוסטזײַן פון די מאַסען—און שוואַכען אָב זייער ענערגיע אינ'ם קאַמף פאַר זייער רעכט ניט ווייניגער, ווי די העבּראַאיסטען און רוסיפיקאַטאָרען. אין דער שפּראַכען-פראַגע, אינ'ם קולטור-קאַמף אויף דער יודישער גאַס וועט דעם פּראָלעטאַריאַט אויסקומען אָבגרענצען זיך פון אַלע שטרעמונגען, אויפדעקען דעם בורזשואַזען כאַראַקטער סײַ פון יענע, וואָס שטעלען אַרויס זייערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען, סײַ פון די, וואָס ווענדען געגען זייערע נאַציאָנאַלע פאָדערונגען. אָבלייקענען דעם קלאַסען-כאַראַקטער פון אַזאַ אַרבײַט, די פּאָליטישע באַדײַטונג איהרע—וואָלט געהײסען פּשוט קורצזיכטיג. דאָ איז אַ פּאָליטישע אַרבײַט, ווי יעדע סאָציאַלע ערציהונגס-אַרבײַט, וועלכע ס'נעהמט אין זײַנע הענד דער אַרבײַטער-קלאַס; ווי יעדע אַרבײַט פון צושוואַכען די מאַכט פון שעדליכע סאָציאַלע פאָראורטײלען איבער די מוחות פון די מאַסען; ווי יעדע אַרבײַט פון אַראָבשלעפען שטיינער פון וועג.

דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזײַן, דאָס באַוואוסטזײַן פון די נאַציאָנאַלע באַדערפֿעניש—דאָס איז נור אַ קאָנקרעטע פאָרם פון פּאָליטישען באַוואוסטזײַן. ווער ס'פערפינסטערט דאָס נאַציאָנאַלע באַוואוסטזײַן פון די מאַסען, ווער ס'שטערט זיי צו פערשטעהן זייערע נאַציאָנאַלע באַדערפֿעניסען, דער פערפינסטערט זייער פּאָליטישען באַוואוסטזײַן, צו דעם איז אונמעגליך באַציהען זיך נייטראַל.

ווען מ'פרעגט אין דער דומע-קאָמיטע בײַ פרידמאַנ'ען, וועגען וועלכע שולען רעדט ער, וועגען העבּראַאישע אָדער יודישע,—און ער ענטפערט: „לאָזען דאָס יודען אַלײן באַשטימען",—לעגט ער שטיינער אויפ'ן וועג צו דער באַשאַפונג פון אַ יודישע שול און צו דער גלײַכבערעכטיגונג פון דער יודישער שפּראַך. אַ פאָלק, וואָס האָט נאָך ניט באַשלאָסען, וועלכע שפּראַך איז זײַן נאַציאָנאַלע שפּראַך, איז נאָך ניט דערוואַקסען צו נאַציאָנאַלער גלײַכבערעכטיגונג. ווען אַ יודישער דעפּוטאַט קען ניט ענטפערן אויף די פראַגע, אין וואָס פאַר אַ שפּראַך דאַרף געפֿיהרט ווערען דער אונטערריכט פאַר יודישע קינדער, האָט ער זיך ניט וואָס צו אײַלען מיט דער פאָדערונג פון יודישע שולען. דאָס יודישע באַוואוסטזיניגע פּראָלעטאַריאַט האָט אָבער אויף די פראַגע געענטפערט, און דאַרף זאָגן, דאָס זאָל ווערען אַנ'ענטפער פון פאָלק.

און ווען, למשל, יודישע פּראָלעטאַרישע עלעמענטען נעהמען אַנ'אַנטייל אין דער חברה מפיצי השכלה, האָט דאָס אַ זינען נור אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל ס'גיט זיך אײַן—פון אינעווייניג אָדער פון דרויסען—דורכברעכען לעבער

אין דער דאָזיגער פעסטונג פון רוסיפיקאַציע; צווינגען, כאָטש אַ טײל פון די געזעלשאַפטליכע מיטלען און געזעלשאַפטליכע ענערגיע, וואָס ווערען דאָרט אומזיסט פערשווענדעט, זאָל געהן אויף באַפרידיגן דאָס באַדערפֿעניש אין יודישען אונטערריכט און יודישער קולטור; אויסניצען די אַלטע פאָרמען, כדי אַפילו דאָרט באַשאַפען קערנער פון דער צוקונפטיגער פאָלקס-שול.

און ווי לעכערליך און טרויעריג איז, ווען אַפילו פּראָלעטאַרישע עלעמענטען גיבען זיך אויך אָב דער אילוזיע, אַז די חברה מפיצי השכלה ווי זי איז—טהוט אַ נאַציאָנאַל-קולטורעלע אַרבײַט—און סאַנקציאָנירען די דאָזיגע „יודישע" אַרבײַט איהרע.

„מ'טאָר ניט מאַכען פון קיין שפּראַך קיין קולט. מ'דאַרף זיך רעכענען מיט דער צוועקמעסיגקײַט".—זאָגט מען,— און מ'שטימט, דער פּעדאַגאָגישער אָרגאַן פון דער חברה זאָל אַרויסגעהן אין דרײַ שפּראַכען: רוסיש, העבּראַאיש און יודיש. פאַר וואָס האָט מען שוין ניט צוגעגעבען קיין פּויליש, אויך אַ „נאַציאָנאַלע" שפּראַך פונ'ם יודישען פאָלק, בלײַבט אַ קשיא.

ס'איז אַפילו נאָך ניט געקומען צום באַוואוסטזײַן, אַז דווקא די צוועקמעסיגקײַט פאָדערט איצט, יעדעס ברעקעלע קרעפטען, יעדער טראָפּען ענערגיע, וואָס ווערט אַנגעווענדעט אין דער פּעדאַגאָגישער אַרבײַט אויף דער יודישער גאַס, זאָל בײַ דער קלענסטער מעגליכקײַט געריכטעט ווערען אויף יענע ליניע, וועלכע איז דערווײַל די ליניע פון גרעסטען ווידערשטאַנד—אויף די ליניע פון גרייטען אַ באָדען פאַר דער צוקונפטיגער יודישער שול, אויף דער ליניע פון קאַמף פאַר די דאָזיגע שול. די חברה מפיצי השכלה האָט לעהרער, וואָס לײענען ניט קיין יודיש, וואָס קענען ניט קיין יודיש, און ווײַל זיי דינגען דורך אַ רוסישען פּעדאַגאָגישען אָרגאַן? דער חוב פון די פּראָלעטאַרישע עלעמענטען איז געווען דערווײַזען—אַז אַ לעהרער, וואָס קען קיין יודיש ניט, איז אַפילו אין אַ שול מיט אַ רוסישער אונטערריכטס-שפּראַך אַן אומנעגליכע ערשײַנונג; אַז אַזאַ לעהרער דינגען—הייסט אומזיסט טרחה, און געלד אַרויסוואַרפען; אַז אַ לעהרער, וואָס איז פרעמד דער נאַציאָנאַלער קולטור, וועט די קינדער צו קיין שום קולטור ניט צופיהרען. אַז זײַן טעטיגקײַט איז אין בעסטען פאַל גלײַך צו אַ נול. אַז אויב שוין אויסגעבען מיטלען אויף דינגען דעם לעהרער, דאַרף מען דאָס טאָן מיט אַזעלכע, אויף וועלכע ס'קען אַ האָפנונג זײַן, אַז כאָטש אײניגע פון זיי וועלען ווען עס איז ווערען יודישע לעהרער. דאָס הייסט מיט אַזעלכע, וואָס לעזען וועניגסטענס יודיש. וועלכע צוועקמעסיגקײַט פאָדערט, אַז די עלענדע גראָשענס, וואָס די חברה מפיצי השכלה גיט אויף פּעדאַגאָגישער אויסבעסערונג פון לעהרער, זאָלען אַוועקגעהן אויף אַזעלכע לעהרער, וואָס זענען בשום אופן ניט מסוגל צו אונטערריכטען אויף יודיש? אַ יודישע פּעדאַגאָגישע צײַטשריפט, ווי אָרעם, ווי קליין זי וואָלט ניט זײַן, וואָלט דאָך באַדײַטען אַ איבעריגע ציגעל פאַר די צוקונפטיגע פאָלקס-שול. זענען דען די פּראָלעטאַרישע עלעמענטען, וואָס האָבען זיך באַטייליגט אין דער באַראַטונג פון דער חברה, ניט מחויב געווען אַלע קרעפטען אָנווענדען, דאָס גאַנצע אַסיגנירטע געלד זאָל אויף אַזאַ צײַטשריפט אַוועקגעהן, זי זאָל וואָס עפּטער ערשײַנען, וואָס-בעסער געשטעלט זײַן? וואָלט

דאָס הייסט „מאַכען פֿון דער שפּראַך אַ קונסט"?

פֿערשטעהט זיך, דאָס איז אַ קלייניקייט, אָבער אַ קלייניקייט אַ כאַראַקטעריסטישע. אַזעלכע קלייניקייטן קומען אָפֿט פֿאָר.

כדי יודיש זאָל אָנערקענט ווערן פֿאַר דער מלוכה, דאַרף עס פֿריִער אויף דער יודישער גאַס אָנערקענט ווערן; נאָר אַלס דורכגעפֿיהרטע, דורכגעלעבטע פֿאָדערונג פֿון די ברייטע יודישע מאַסען וועט די מלוכהשע גלייכבערעכטיגונג פֿון יודיש אין לעבען דורכגעפֿיהרט ווערן.

ס'איז גענוג צוצוקוקן זיך צו דער עוואָלוציע פֿון די לעצטע יאָהרען, כדי צו זעהן, אַז די ענטוויקלונג נעהמט אָן דווקא אַזאַ וועג, אַז רופֿענדיג דאָס פּראָלעטאַריאַט צו אַזאַ אַרבייט, רופֿען מיר עס בלויז צו ראַטען שנעלער פֿונ'ם וועג פֿונ'ם היסטאָרישען פּראָצעס, רופֿען מיר עס ניט די געשיכטע איבערקעהרען — אָבער דער געשיכטע איהר גאַנג פֿערגרינגערן־ערפֿילען אין דעם געביעט די געוועהנליכע ראָליע פֿונ'ם בעוואוסטזיניגען פּראָלעטאַריאַט. דער וועג איז נאָך לאַנג. דעריבער דאַרף מען פֿיעל אַרבייטען.

איך וואָלט וועלען, עס זאָל קיין מיספֿערשטענדניס ניט זיין. צי איז די אַרבייט פֿון אַ פּאָליטישער פּאַרטיי — קולטורעלע טעטיגקייט? צי דאַרף די ס. ד. בויען פֿאָלקסשולען, גרינדען שפּראַך־אַקאַדעמיעס, קונסט־גאַלעריען א. ז. וו.? פֿערשטעהט זיך, איהרע דירעקטע ציעלען זענען אַנדערע. איהר בעציהונג צו די נאַציאָנאַלע קולטור־איינריכטונגען דריקט זיך אויס נור אין דעם, וואָס זי קעמפּפֿט פֿאַר יענע בעדינגונגען — פּאָליטישע און סאָציאַלע — וועלכע זענען נויטיג, די נאַציאָנאַלע קולטור זאָל זיך קענען ענטוויקלען. וואָס זי וועהט צו פֿערניכטען יענע קינסטליכע מניעות, וועלכע ליגען אויפ'ן וועג פֿון דער דאָזיגער ענטוויקלונג. דאָס זענען איהרע דירעקטע אויפֿגאַבען.

אָבער שוין דאָס אַליין לעגט אייגענטליך אַרויף אַ רייהע ספּעציעלע אויפֿגאַבען אויף אַן אַרבייטער־פּאַרטיי פֿון אַזאַ נאַציאָן, וועלכע בעזיצט נאָך ניט די מינדסטע נאַציאָנאַלע רעכט: זעהן קריגען אַ ווירקונג אין די פּריוואַטע און געזעלשאַפֿטליכע קולטורעלע איינריכטונגען, כדי אויסניצען זיי צוליעב די ציעלען פֿון קאַמפּף פֿאַר נאַציאָנאַלע רעכט, צוליעב פּראָפּאַגאַנדירען יענע נאַציאָנאַלע פֿאָדערונגען, וועלכע זי שטעלט אַרויס.

אַחוץ דעם קומען נאָך צו די ספּעציעלע בעדינגונגען אין רוסלאַנד, וועלכע צווינגען מיט אַ בעזונדער אויפֿמערקזאַמקייט בעציהען זיך צו יעדער מעגליכקייט פֿון קאָנטאַקט מיט די מאַסען אויפ'ן באָדען פֿון זייערע טאָג־טעגליכע בעדערפֿניס. דער דאָזיגער קאָנטאַקט שטעלט אָבער אַוועק מיט אַ נייער פֿרישקייט אַ רייהע פֿראַגען, צו וועלכע מ'דאַרף שטעלונג נעהמען. ער צווינגט די פֿאָרטגעשריטענע אַרבייטער צו אינטערעסירען זיך מיט אַלץ, מיט וואָס ס'אינטערעסירט זיך די מאַסע. ער צווינגט זיי צו בעטייליגען זיך אין דער קולטורעלער בעוועגונג.

די דירעקטע רעזולטאַטען פֿון דער טעטיגקייט פֿון איצטיגע יודישע קולטור־אַנשטאַלטען זענען זעהר קליין, כמעט נישט ווערדיג. אַנדערש קען ניט זיין — ווייל די אַטמאָספֿער פֿון רעאַקציע איז אַ שלעכטע אַטמאָספֿער פֿאַר נאַציאָנאַלען „רענעסאַנס". עס האַנדעלט זיך ניט אַזוי וועגען שאַפֿען נאַציאָנאַלע ווערטהען, ווי דערשלאָגען זיך רעכט אויף עקזיסטענץ. עס האַנדעלט זיך וועגען ערציהען די מאַסען צום קאַמפּף פֿאַר די דאָזיגע רעכט. די ערוואַכענדע קולטורעלע בעדערפֿניס זענען אַ מעכטיגער פּאָליטישער פֿאַקטאָר. מ'דאַרף איהם אויסנוצען, מ'דאַרף איהם געבען אַ ריכטונג.

דער אַוואַנגאַרד פֿונ'ם אַרבייטער־קלאַס וואָלט ניט בכח זיין קינסטליך צו בעשאַפֿען אַ קולטורעלע בעוועגונג, אויב זי וואָלט ניט זיין. דאָס וואָלט זיין אַן אומזיסטע מיה. איז עס אָבער פֿאַראַן — דאַן איז זיין פֿליכט אונטערשטיצען זי, קריגען אויף איהר אַ ווירקונג, בעפֿאַרבען זי מיט דער פֿאַרב פֿון זיין וועלטאַנשויאונג.

IX

אַ פּאָר ביישפּיעלען.

מיר זעהען. דער קאַמפּף פֿאַר גלייכבערעכטיגונג פֿון יודיש איז ניט קיין קורצע, צייטווייליגע קאַמפּאַניע. דאָס איז אַ לאַנגער קאַמפּף, אַ קאַמפּף אויף יאָהרען; אַ קאַמפּף געגען אויסערליכע בעדינגונגען, וועלכער איז אוממעגליך אָהן אַ קאַמפּף אינעווייניג, אויף דער יודישער גאַס.

די איינצעלנע בעמיהונגען דאַרפֿען אָרגאַניזירט און פֿעראייניגט ווערען; יעדע געלעגענהייט דאַרף אויסגענוצט ווערען, כדי צו שטעלען די פֿראַגע וועגען גלייכבערעכטיגונג פֿון יודיש. מיר האָבען שוין דורכגעלאָזט איין געלעגענהייט — בשעת ס'האָט זיך בעהאַנדעלט די פֿראַגע וועגען אָרטיגען געריכט. ביי דער ערשטער און דער צווייטער לעזונג זענען פֿאָרגעקומען וויכטיגע שפּראַך־דעבאַטען — אָבער די פֿראַגע פֿון גלייכבערעכטיגונג פֿון שפּראַך בכלל איז אין איהר גאַנצער ברייט ניט אַוועקגעשטעלט געוואָרען, און וועגען יודיש האָט מען נור געזאָגט, אַז צו דער דאָזיגער שפּראַך האָט די הגהה וועגען איבערזעצער קיין שייכות ניט.

איצט שטעהט אויף דער טאָגעס־אָרדנונג פֿון דומע די פֿראַגע וועגען פֿאָלקסשול. די ערשטע זיצונג פֿון דומע וועט זיך מיט דער פֿראַגע פֿערנעהמען. ווי ס'איז בעקאַנט, האָט די שול־קאָמיסיע פֿון דומע געפּרובט אויסאַרבייטען אַ פּראָיעקט וועגען פֿרעמד־שפּראַכיגע שולען און האָט נאָך לאַנגע מאַטערניש זיך אינגאַנצען אָבגעזאָגט פֿון דעם געדאַנק.

עס דאַרף אַלץ געטאָן ווערען, כדי ביי דער בעאַרבייטונג פֿון דער פֿראַגע קלאָר צו מאַכען, אַז פֿאַר דער גרעסטער מעהרהייט פֿון דער רוסלענדער בעפֿעלקערונג — פֿאַר 85 מיליאָן — קען די רוסישע פֿאָלקסשול קיין שום ממשות ניט

האָבן. עס מוזן אַריינגעטראָגן ווערן פאָרלאַגן וועגן דער אונטערריכטס-שפּראַך פון די שולן. עס מוז פעסטגעשטעלט ווערן, אַז די אונטערריכטס-שפּראַך פון יעדער שול דאַרף זיין די מוטער-שפּראַך פון די קינדער, אַז פאַר יעדע נאַציאָן דאַרפן זיין בעזונדערע שולן איינגעאָרדנעט; אַז די נאַציאָנאַלע שולן דאַרפן זיך געפינען אינ׳ם רשות פון די נאַציאָנען; אַז ביז וואַנען ס׳וועלען בעשאַפן ווערן נאַציאָנאַל-קולטורעלע אָרגאַנען, דאַרף יעדע נאַציאָנאַלע גרופּע אין שטאָדט אָדער וואָלאָסט בילדן אַ בעזונדערן שול-ראַט, געקליבן אויפ׳ן גרונד פון געהיימען, גלייכן, דירעקטן און אַלגעמיינעם וואַהלרעכט. מיט איינעם וואָרט, אַלע דעמאָקראַטישע פאָדערונגען, אַלע אַרבעטער-פאָדערונגען בנוגע צו דער פראַגע דאַרפן אַרויסגעזאָגט ווערן.

ס׳מוז בעזונדערס שטאַרק בעטאָנען, אַז צווישן אַלע שפּראַכן פון רוסלאַנד, וואָס וועלן דערלאָזן אַלס אונטערריכטס-שפּראַכן אין די פאָלקס-שולן, דאַרף אָנערקענט ווערן די יודישע שפּראַך.

כדי די אַרבעטער-פאַרטרעטער אין דומע זאָלן די דאָזיגע פאָדערונגען אַם ענערגישסטן פאַרטיידיגן, דאַרפן די יודישע בעוואוסטזיניגע אַרבעטער אָנווענדן אַלע קרעפטן. זיי דאַרפן זעהן, די פראַקציע זאָל בעקומען וואָס מעהר רעזאָלוציעס מיט חתימות, וואו ס׳ווערט געפאָדערט די אָנערקענונג פון דער יודישער אונטערריכטס-שפּראַך און די בעשאַפונג פון די יודישע שולן, וואו יודיש זאָל פאַרנעמען אַ פּאַסענדן אָרט. זיי דאַרפן צושיקן דער פראַקציע וואָס מעהר מאַטעריאַלן וועגן דער יודישער קולטורעלער בעוועגונג, וועגן דער ענטוויקלונג פון דער יודישער שפּראַך און ליטעראַטור, כדי די פראַקציע זאָל מיט פאַקטן אין די הענט אימשטאַנד זיין צו ענטפערן אויף די בעהויפּטונגען, אַז יודיש איז קיין שפּראַך ניט און האָט קיין ליטעראַטור ניט.

ס׳דאַרף אויך פיעל אויפמערקזאַמקייט אָנגעווענדעט ווערן אויף דער פאָדערונג, אַלע שפּראַכן און אויך די יודישע זאָלן דערלאָזן ווערן אַלס אונטערריכטס-שפּראַכן אין פּריוואַטע שולן. די פאָדערונג האָט דעם גרעסטן פּראַקטישן ווערט.

ווי קליין די בעוועגונג זאָל ניט זיין — שפּורלאָז וועט זי ניט פערפאַלן געהן. זי וועט זאָגן דער ניט-יודישער געזעלשאַפט וועגן די קולטורעלע פאָדערונגען פון די יודען. זי וועט צוציהען די אויפמערקזאַמקייט פון די יודישע מאַסען און וועט זיי לערנען קעמפפן פאַר זייער רעכט.

* *
*

אין גיכן וועט אין דומע בעטראַכט ווערן דאָס געזעץ-פּראָיעקט וועגן שטאָדטישער זעלבסטפערוואַלטונג אין פּוילן. מיט׳ן פּראָיעקט זענען די לעזער שוין בעקאַנט פון זעלצערס אַרטיקעל (צייטפראַגען נומ. 3—4). דאָס פּראָיעקט גיט אַ געלעגענהייט צו ענטוויקלען דאָס מוניציפּאַלע פּראָגראַם פון די אַרבעטער, אויפצודעקן דעם טיעפסטן פערבאַנד, וועלכער עקזיסטירט צווישן דער

שטאָדטישער זעלבסטפערוואַלטונג און דער אַלגעמיינער מלוכה-אָרדנונג; בעווייזן, אַז וועלכע ניט איז ערנסטע פערבעסערונגען אין דער שטאָדטישער ווירטשאַפט זענען אָבהענגיג פון אַ טיעפער פערענדערונג אין דער מלוכה בכלל.

אין דער זעלבער צייט איז דאָס פּראָיעקט ענג פערבונדען מיט נאַציאָנאַלע פראַגען. קעגען די פּרינציפּען פון נאַציאָנאַלער אונגלייכהייט און אונטערדריקונג, וועלכע ליגען אין זיין יסוד, — דאַרף אַרויסגעשטעלט ווערן דייטליך און קלאָר דאָס נאַציאָנאַלע פּראָגראַם פון דער יודישער אַרבעטערשאַפט. ס׳דאַרפען אויך אַרויסגעשטעלט ווערן אַ ריי קאָנקרעטע פאָדערונגען בנוגע צו דער גלייכבערעכטיגונג פון שפּראַכן בכלל און פון יודיש בפרט.

אין איינעם מיט די פּוילישע אַרבעטער דאַרפן די יודישע אַרבעטער פּראָטעסטירען געגען דער אונטערוואָרפענער און אונטערדריקטער שטעלונג, וועלכע ס׳דאַרף לויט׳ן פּראָיעקט פערנעהמען די פּוילישע שפּראַך; אין איינעם דאַרפן זיי פּראָטעסטירען געגען דער פאָלשטענדיגער איגנאָרירונג פון דער שפּראַך פון דער יודישער בעפעלקערונג און פון אַנדערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטען פון פּוילען. **גלייכבערעכטיגונג פאַר אַלע אָרטיגע שפּראַכן** אין די מאַגיסטראַטן — דאָס דאַרף פאָדערן דאָס בעוואוסטזיניגע פּראָלעטאַריאַט.

דאָס פּראָלעטאַריאַט דאַרף פאָדערן, אין איינעם מיט דער איינפיהרונג פון דער שטאָדטישער זעלבסטפערוואַלטונג זאָל דורכגעפיהרט ווערן אַ פאָלקס-צעהלונג, וועלכע שטעלט פעסט די נאַציאָנאַליטעט און מוטער-שפּראַך פון יעדען בירגער. די שטעלעס פון בעאַמטע אין מאַגיסטראַט דאַרפן אַזוי בעזעצט ווערן, אַז יעדער נאַציאָנאַלער גרופּע אין שטאָדט זאָל ענטשפּרעכן אַ פּראָפּאָרציאָנעלע צאָהל בעאַמטע, וואָס בעהערשן פאָלשטענדיג איהר שפּראַך.

ווייטער דאַרף געפאָדערט ווערן:

1) יעדער בירגער, וואָס געהערט צו אַן אָרטיגער נאַציאָנאַלער גרופּע, האָט רעכט צו ווענדען זיך צום מאַגיסטראַט שריפטליך און מינדליך אין זיין מוטער-שפּראַך, און דער מאַגיסטראַט זאָל מחויב זיין צו ענטפערן איהם אין דער זעלבער שפּראַך.

2) אַלע מודעות און פעראָרדנונגען דאַרפן פון מאַגיסטראַט פערעפענטליכט ווערן אין אַלע אָרטיגע שפּראַכן.

3) אין די זיצונגען פון מאַגיסטראַט מעג יעדער מיטגליעד בענוצען זיין מוטער-שפּראַך. עס דאַרפן זיך געפינען אין דער זיצונג איבערזעצער, וואָס זאָלען לויט׳ן פערלאַנג פון יעדען מיטגליעד איבערזעצען די אונפערשטענדליכע רעדעס.

4) אין די ביכער, רעעסטערס, רעכנונגען א. ז. וו. דאַרף ווי ווייט מעגליך געברויכט ווערן די שפּראַך פון דעם בירגער אָדער פון דער יורידישער פערזאָן צו וועלכער די אַנגעלעגענהייט האָט אַ שייכות.

פאַר אַלע איבעריגע אַנגעלעגענהייטען (וואָס האָבען ניט קיין שייכות צום פּובליקום) קלייבט דער מאַגיסטראַט אויס זיין איגענע אַמטס-שפּראַך. אין די זעלבע שפּראַך ווערן איבערזעצט אַלע פאָרלאַגן אין די מאַגיסטראַט-זיצונגען און אין איהר ווערן אָנגענומען בעשלוסען אין די זיצונגען.

5) מיט פריוואטע פערזאנען, געזעלשאפטען און איינריכטונגען, וואס געפינען זיך אין שטאדט, שרייבט זיך דער מאגיסטראט דורך אין זייער שפראך.

6) מיט מלוכה'שע איינריכטונגען און אנדערע מאגיסטראטען אין פוילען שרייבט זיך דער מאגיסטראט דורך אויף פויליש.

7) מיט מלוכה'שע איינריכטונגען און מאגיסטראטען לחוץ פון פוילען שרייבט דער מאגיסטראט זיך דורך אויף רוסיש.

דערביי מוז מיט דער גאנצער קראפט באטאנט ווערען, אז די דאזיגע מיטלען זיינען פעהיג צו גאראנטירען די גלייכבערעכטיגונג פון שפראכען (נאך וויפיעל נאציאנאלע רעכט קענען בכלל גאראנטירט ווערען אין דער קאפיטאליסטישער ארדנונג) נור דאן, ווען עס וועט דורכגעפיהרט ווערען אין לעבען די פאלשטענדיגע דעמאקראטיזירונג פון אלע ארגאנען פון דער זעלבסטפערוואלטונג, פון די העכסטע ביז די נידריגסטע, ווען ס'וועלען באשאפען ווערען טעריטאריאל-אויטאנאמע און נאציאנאל-אויטאנאמע איינריכטונגען, ווען ס'וועלען פערניכטעט ווערען אלע באגרענצונגען בנוגע צו דער שפראך, ווען ס'וועלען איינגעפיהרט ווערען פאלקס-וואהלען פון אלע ריכטער און באאמטע, ווען דאס געזעץ וועט באווארענען די שפראך-קענטניס פון די באאמטע און זייער גענוגענדע צאהל אין יעדער איינריכטונג (דורך פראפארציאנעלער נאציאנאלער באזעצונג אדער אויף אן אנדער אופן).

רעדענדיג וועגען אן אלדומלענדער פערמיטלונגס-שפראך, האב איך ארויסגעזאגט די מיינונג, אז זי דארף האבען רעכט פון אן ארטיגער שפראך ווייניגסטענס אין די גרעסטע אינדוסטריע און האנדעלס-צענטרען פון דער מלוכה. רעדען; אבער אין איצטיגען פאליטישען מאמענט וועגען געבען אזעלכע רעכט דער שפראך, וואס איז איצט אין פוילען אן אויפגעצוואונגענע, וואס איז נים קיין פערמיטלונגס-שפראך, אבער די הערשענדע מלוכה-שפראך — איז אלענפאלס נים די צייט. עס קען נור געמעלדעט ווערען, אז ביי פרייערע בעדינגונגען וועלען אלע נאציאנען פון רוסלאנד געוויס אויסקלייבען רוסיש פאר זייער פערמיטלונגס-שפראך, און דאן וועט די דאזיגע שפראך בעקומען געוויסע ספעציעלע רעכט אין דער מלוכה אויך דארט, וואו זי איז נים קיין לאנדס-שפראך.

אויף די צוויי ביישפיעלען האב איך געפרובט קאנקרעט באווייזען, ווי אזוי עס דארף איצט, ביי דער געגעבענער פאליטישער סיטואציע געפיהרט ווערען די ארבייט פאר גלייכבערעכטיגונג פון אונזער שפראך.

דער ציעל פון דער דאזיגער ארבייט אין איצטיגען מאמענט איז נים אזוי רעאלע נצחונות, אויף וועלכע מ'קען זיך נים רעכענען, — ווי ערציהונגס-ארבייט אינ'ם ברייטסטען זינען פונ'ם ווארט. די יודישע מאסען דארפען דורכגעדרונגען ווערען מיט דעם באוואוסטזיין, אז די גלייכבערעכטיגונג פון יודיש איז איינס פון זייערע וויכטיגסטע בעדערפעניסען. זיי דארפען הויך מעלדען וועגען דעם. זייער שטים דארף זיך הערען אין דער מלוכה און אין דומע. זי דארף הילכען אויף אלע פארטגעשריטענע עלעמענטען אין דער מלוכה. די פרוכט פון דיזער ארבייט וועלען מיר געניסען שפעטער. פערפאלען וועט זי נים געהן.

פ. ליעבמאן.

די יודען-פראגע אין פוילען.

נאך גאר נישט לאנג איז אין פוילען נים געווען קיין אנטיסעמיטישע פאליטישע שטרעמונג, נאך מעהר, ס'איז דארט אפילו נישט געווען קיין „יודען-פראגע". פאר דער פוילישער „געזעלשאפט", וועלכע איז געווען גאנץ דעמאקראטיש געשטימט, זינט פוילען האט אנגעווארען איהר לעצט ביסעל זעלבסטשטענדיגקייט, און וועלכע האט געזעהן איהר רעטונג נור אין דער דעמאקראטיע, איז געווען קלאר, דאס אויך די יודען דארפען ווערען גלייכבערעכטיגט מיט דער איבעריגער בעפעלקערונג, און דאס יעדע בעגרענצונג פון זייערע רעכטען איז דורכאויס שעדליך פאר די צוקונפט פון דער מדינה. דאס איז געווען א מין אקסיאמע, אן אונבעשטריטענער אמת, וואס איז אפשר אסך פאליטיקען פערזענליך נישט געפעלען געווען, נור וואס אלע האבען פונדעסטוועגען אנערקענט צום ווייניגסטענס עפענטליך. ס'איז געווען אזוי צו זאגען אן אבגערעדטע זאך, און די שטימען פון די איינצעלנע אנטיסעמיטען זיינען טאקע געבליבען קולות וואס קלינגען אין דער וויסטע.

פון וואנען האט זיך גענומען אזא טיעפע ענדערונג? פאר וואס איז די „יודען-פראגע", די פראגע וועגען די בעציהונגען צווישען דער פוילישער און דער יודישער בעפעלקערונג פון פוילען, געווארען אזא ברענענדע טאג-פראגע? נאך מעהר, פאר וואס אין אלע ארטיקלען, וועלכע בעשעפטיגען זיך מיט דיזער פראגע אין דער פוילישער בורזשואזער פרעסע, אין אלע רעדען, וואס זענען וועגען דעם געהאלטען געווארען אויף די עפענטליכע דיסקוסיעס הערט זיך נור איין קול — קאמף, פיהלט זיך נור איין שטרעבונג — אויסראטען אויף דעם פריכישען שטייגער?

I

די אמאליגע אידיליע.

עס מוז באלד אין אנפאנג אנגעמערקט ווערען, אז נאך דאמאלסט, ווען עס האבען געהערשט די ליבעראלסטע שטימונגען בנוגע צו די יודען, האט דער פאליטיש-ענטוויקעלטער טייל פון דער פוילישער געזעלשאפט וועניג וואס געהאט צו טאן מיט דער ברייטער מאסע פון דער יודישער בעפעלקערונג און איז לחלוטין נישט געווען בעקאנט מיט איהר אינערליכען לעבען. די יודישע מאסע האט געלעבט פערמאכט אין זיך, בעהאלטענדיג דעם אבגעזונדערטען כאראקטער פון א מיטעלאלטערלישען „שטאנד". פערזונקען אין ארעמקייט און רעליגיעזען פאנאטיזם, איז די יודישע מאסע, פונקט ווי דאס פויערטום, געבליבען גאנץ פרעמד און גלייכגילטיג צום פאליטישען לעבען פון לאנד. אין די אויגען פון דער פוילישער „געזעלשאפט" האט זי, פונקט ווי דאס פויערטום, איבערגעזעהן, ווי אין פארבליזע „פינסטערע" מאסע. די איינצעלנע פערזאנען,

האָט פלעגען אָפטמאָל זיך אָבזונדערן פון דיזער פינסטערער מאַסע און פלעגען אָנגענומען די בילדונג, די קולטור און דעם אַרט דענקען פון היינטיגע איירא-פעער, האָבען געקענט איבערנעמען נור אַ נישט-יודישע קולטור, וואָרום אויף דער יודישער גאַס אין פוילען איז נים נור נישט געווען קיין קולטור אין דעם היינטיגען זין פון וואָרט, נור ס'איז אפילו נישט געווען קיין לשון, וואָס זאָל קענען איבערגעבען די בעגריפען פון דער געגענווערטיגער אייראָפּעאישער ציוויליזאַציע. די איינצעלנע אינטעליגענטען, וואָס זענען אַרויסגעקומען פון דער יודישער מאַסע, פלעגען אַלזאָ ווערען אינטעליגענטען נור אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זיי פלעגען זיך היימיש מאַכען די שפּראַך און די קולטור פון דער אַרומיגער געבילדעטער געזעלשאַפט, אויף וויפיעל, הייסט עס, זיי פלעגען איבערנעמען די פוילישע שפּראַך און די פוילישע קולטור, אויף וויפיעל זיי פלעגען אויף אַזאַ נאַרט זיך אַסימילירען מיט דער פוילישער געזעלשאַפט. און זעהענדיג, ווי בילדונג פערוואַנדעלט דעם פינסטערען „ושידעק" אין אַ בעוואוסטזיניגען מיטגליעד פון דער פוילישער געזעלשאַפט, אין אַ טרעגער פון איהר קולטור און נאַציאָנאַלע אידעאַלען, האָט די פוילישע געזעלשאַפט בעגריסט די שטרעבונגען פון די יודען צו בילדונג און עמאַנסיפּאַציע, זייער בעפרייאונג פון די מיטעלאַלטערישע טראַדיציעס, זייער שיידען זיך מיט'ן „געטטאָ", זייער אויפכאַפען זיך צו אַ בעוואוסטזיניגען, געזעלשאַפטליכען און בירגערליכען לעבען.

דער קולטורעלער יוד אין פוילען איז געווען און געקענט זיין נור אַ פּאָליאַק—דאָס האָט טאָג-טעגליך געזעהן די פוילישע געזעלשאַפט, און ס'איז דעריבער ביי איהר קיין שום ספק נים געווען, אַז דערמיט גופא, וואָס די יודישע מאַסע וועט זיך אויפכאַפען צו אַ קולטורעלען לעבען, וועט זי אויך שוין פערוואַנדעלט ווערען אין בלוט און פלייש פון דער גרויסער, געבילדעטער פוילישער נאַציאָן. די „קולטורעליכקייט" פון די יודישע מאַסען און זייער „פוילישקייט" האָבען אַזוי בעדייטעט איינס און דאָס זעלבע. אויף די יודען האָט דעריבער די פוילישע געזעלשאַפט געקוקט, ווי אויף דאָס פויערטום, ד. ה. ווי אויף אַ פינסטערן, אָרעמען און אָבגעשטאַנענעם, נור פוילישען שטאַנד.

אַזוי האָט געטראַכט, אַזוי האָט געהאָפט די דענקענדע פוילישע געזעלשאַפט. און אַזאַ אַנשויאונג האָט, פערשטעהט זיך, שטאַרק געשטיצט די דעמאָקראַטישע שטימונג אין דער פוילישער געזעלשאַפט, האָט אין איינצעל גענומען געוועקט ביי איהר מיטגעפיהל צו דער בירגערליכער און פּאָליטישער גלייכבערעכטיגונג פון די יודען. די נאַציאָנאַלע שטרעבונגען האָבען אַלזאָ געשטיצט די דעמאָקראַטישע שטימונג, און די דעמאָקראַטישע שטימונג האָט איידעלער געמאַכט די נאַציאָנאַל-פוילישע שטרעבונגען. די פוילישע געזעלשאַפט איז צו גלייכער צייט געווען געשטימט אי דעמאָקראַטיש, אי נאַציאָנאַל; דעמאָקראַטיש ווייל נאַציאָנאַל; צווישען איהר נאַציאָנאַליזם און איהר דעמאָקראַטיזם האָט געהערשט אַ פאָלקאָמע האַרמאָניע.

רעדענדיג וועגען דער פויליש-יודישער אידיליע, דאַרף מען פונדעסטוועגען נישט פערגעסען, דאָס זי האָט זיך כמעט איינגאַנצען אָבגעשפּיעגעלט אין די חלומות פון פּאָעטען און אין די פאַנטאַזירונגען פון פּובליציסטען. און אַנדערש האָט, פער-

שטעהט זיך נים געקענט זיין וואָרום וועגען דורכפיהרען עס אין לעבען איז נים געווען וואָס צו טראַכטען. דער ווירקליכער גאַנג פון פּאָליטישען לעבען אין פוילען איז נישט אָבהענגיג געווען נישט פון די פּאָליאַקען און נישט פון די יודען. געשאַלטען האָט איבער דאָס לאַנד אַ דריטער, וועלכער האָט ביידען צוזאַמען געדריקט, וועלכער האָט קיינעם פון זיי קיין רעכטען נישט געגעבען, וועלכער האָט קיין שטראַהל פון פרייהייט און בילדונג צו דער מאַסע, סיי דער פוילישער, סיי דער יודישער, נישט צוגעלאָזען. פאַר דעם ווירקליכען פּאָליטישען צושטאַנד האָט אַלזאָ די פוילישע געזעלשאַפט בשום אופן נים געקענט טראַגען די פעראַנטוואָרטליכקייט.

קורץ, מחשבות טובות, וועלכע זענען בעשאַפען געוואָרען דורך די פעסטע האָפנונג אויף די יודישע אַסימילאַציע, און וועלכע האָבען פאַקטיש קיין פּאָליטישע פליכטען נים אַרויסגעלעגט,—אָט דאָס איז געווען דער אמת'ער כאַראַקטער פון דער פויליש-יודישער אידיליע; אַזוי איז זי געווען פון דער פוילישער זייט. וואָס אָנבעטרעפט די יודען, וואָס אָנבעטרעפט די יודישע מאַסע—האָט זי סתם געשוויגען, ווייל זי האָט גלאָט קיין ידיעה נים געהאַט וועגען די צערטליכע געפיהלען, וואָס די פוילישע „געזעלשאַפט", וואָס די פוילישע שריפטשטעלער, פּובליציסטען און אַנדערע „געזעלשאַפטליכע טוערים" האָבען צו איהר געפיהלט, וואָרום זי האָט פשוט פויליש נישט געקענט און נישט פערשטאַנען; זי האָט לסוף געשוויגען איינפאַך דערפאַר, ווייל מ'האָט איהר וועגען קיין זאַך נישט געפרעגט.—דערפאַר אָבער די קליינע צאָהל אינטעליגענטען, וואָס זענען אַרויס פון דער יודישער מאַסע, האָט אין פולער מאָס מקיים געווען די האָפנונגען פון דער פוילישער געזעלשאַפט: זיי האָבען זיך ראש אַסימילירט און ווערענדיג מיטגליעדער פון דער „געזעלשאַפט", האָבען די באַלד פערלוירען יעדען לעבעדיגען פערבאַנד אי מיט דער יודישער פערגאַנגענהייט, אי מיט דער ברייטער פאָלקס-מאַסע, פון וועלכע זיי זענען אַרויסגעקומען.

אין דעם, וואָס די אַסימילירטע יודען פלעגען נאַטירליכער-ווייזע אַוועקגעהן פון דער יודישער מאַסע, האָט געהיים געשטעקט די שוואַכע זייט פון דיזער אַסימילאַציע, וואָרום דורכדעם גופא האָט זיך די יודישע מאַסע בעפרייט פון איהרע אַסימילירטע מיטגליעדער, פון יענע מיטגליעדער איהרע, וואָס האָבען געוואָלט, אַז די יודען זאָלען ווערען פּאָליאַקען.—די אַסימילירטע יודען אין פוילען רופען זיך געוועהנליך אַסימילאַטאָרען. דאָס איז אָבער נישט מעהר ווי, אַ טעות; אַסימילאַטאָרען אין אמת'ען זין, ד. ה. אַזעלכע, וועלכע זאָלען פיהרען אַן אַקטיווע געזעלשאַפטליכע טעטיגקייט, וואָס זאָל זיין געווענדעט אויף פּאָלאָניזירען, אויף פויליש מאַכען די יודישע בעפעלקערונג, זענען ביז דער לעצטער צייט אין פוילען נישט געווען. ס'איז געווען נור אַ פּאַסיווע אַסימילירונג פון איינצעלנע פערזאָנען: איינצעלנע יודען פלעגען זיך אַסימילירען, פלעגען אַליין ווערען פּאָליאַקען, אָבער וויבאַלד זיי פלעגען נור ווערען „פערפוילישט", וויבאַלד זיי פלעגען נור איבערנעמען די פוילישע שפּראַך און זיך דורכדרינגען מיט דער פוילישער קולטור, פלעגען זיי שוין אַרבייטען אויף די פעלדער פון פּוילישען געזעלשאַפטס-

לעבען לעבען, פלעגען שוין דער פוילישער קולטור אהערגעבען זייערע קענטניסען, זייערע טאלענטען א. ז. וו.; פאר דער יודישער מאסע פלעגען זיי דערביי אויפהערען צו עקזיסטירען, אויף איהר קולטורעלע ענטוויקלונג פלעגען זיי שוין קיין שום ווירקונג נישט האבען, אלזא קיין אסימילירענדע אויך ניט; די אסימילירטע יודען האבען אויך קיין שום ווירקונג נישט געקענט האבען אויף די ענטוויקלונג פון דער יודישער מאסע, ווארום זיי האבען שוין אפילו נישט פערשטאנען די שפראך פון דיזער מאסע.

נור עס האט געשיינט, דאס אקטיוו צו אסימילירען איז סתם איבעריג, ווארום אלעמען איז געוועזען קלאר, אז דאס לעבען אליין, אז די פארשידענע פון דער בילדונג גופא פיהרען שוין צו דער יודישער אסימילאציע.

II

די רויהע ווירקליכקייט.

נור אונטער דער צייט, האט אין לאנד זיך ברייט און טיעף ענטוויקעלט דער קאפיטאליזם, און נאך איהם האט זיך איבער דער גאנצער מלוכה, און אויך איבער פוילען, אריבערגעטראגען דער מעכטיגער שטורם פון דער געזעלשאפטליכער בעוועגונג, און איבערקעהרענדיג אלעס אין לאנד, האט דאס אוועקגעבלאזען אויך די פויליש־יודישע אידיליע.

די יודען האבען אויפגעהערט צו זיין, ווי אמאל, איין געזונדערטער און פערמאכטער שטאנד. דער קאפיטאליזם האט איהם צושפאלטען אויף פערשיעדענע קלאסען, וואס פערנעהמען פערשיעדענע פלעצער אין עקאנאמישען לעבען און פערשיעדענע מדרגות אויף דעם געזעלשאפטליכען לייטער. פון דער מיטעלאלטערשער אבגעזונדערטקייט און איינזאמקייט, איז די יודישע מאסע אריינגעשלידערט געווארען אין די כאאטישע געדיכטע פון געגענווערטיגען לעבען. און צוזאמען מיט דער סאציאל־עקאנאמישער איבערקעהרעניש איז אויך פארגעקומען א גאנצע פסיכאלאגיש־קולטורעלע רעוואלוציע.

די יודישע מאסע איז אזוי ווי ניי־געבוירען געווארען. און הגם עס איז נאך נישט פערשוואונדען געווארען דער פארצייטיגער יוד, נור אין דער יודישער מאסע איז צוזאמען מיט איהם אויפגעשטאנען א נייער מין יוד, א יוד, וואס בעגרייפט זיינע רעכטען, וואס דענקט אויך קעמפפט, וואס איז ווייט פון רעליגיעזען פאנאטיזם, וואס איז דארשטיג צו וועלטליכער וויסענשאפט, וואס האט ליטעראַרישע און עסטעטישע בעדערפענישען, —קורץ, עס איז אויפגעשטאנען אין דער יודישער מאסע דער טיפ פון א היינט־וועלטיגען קולטורעלען מענשען. און צוזאמען מיט דעם זענען ערשינען יודישע פאליטישע פארטייען, א יודישע ארבייטער־בעוועגונג, א יודישע נאציאנאליסטישע בעוועגונג, א יודישע פרעסע, א יודישע ליטעראַטור, טעאטער א. ז. וו. א. ז. וו. די יודישע מאסען זענען קולטורעל אויסגעוואקסען און ענטוויקעלט זיך—און געבראכט האט דאס נישט צו דער אסימילאציע פון דער יודישער מאסע, נישט צו דעם, אז די יודען זאלען ווערען פאלאקען, נור צו דער בעשטעטיגונג

פון א בעזונדערער יודישער קולטור, צו דעם, אז אויף דער פוילישער טעריטאריע איז בעשטאנען געווארען א בעזונדערע יודישע קולטורעלע געזעלשאפט, וואס אונטערשיידט זיך פון דער פוילישער אי מיט איהר שפראך, אי מיט דעם גאנצען אינהאלט פון איהר קולטורעלען לעבען. און די פוילישע בורזשואזע געזעלשאפט פון אלע קאלירען און שטאנדען האט אויפגעהויבען א אלארעם: — די יודישע מאסען ענטוויקלען זיך אין אזא ריכטונג, וואס איז דער היפוך פון דער אסימילאציע; אויף דער פוילישער טעריטאריע ווערט בעשאפען א גאנצע נאציאנאליטעט, וואס איז פרעמד און פיינדליך דעם פוילישען פאלק. מיר זענען ערב א נייער צעטיילונג פון פוילען. דאס פאטערלאנד איז אין געפאהר!

עס אין דעם זין האט גענומען רעדען די גאנצע פוילישע בורזשואזע פרעסע. און סאיז גאר קיין וואונדער ניט. צו אונגעווארטעט איז געוועזען דער קלאפ פאר דער פוילישער געזעלשאפט, צו לאנג האט מען זיך ארומגעטראגען מיט דער האפנונג: אויף די יודישע אסימילאציע, מען זאל מיט א לייכטען הארצען זיך קענען געזעגענען מיט איהר. און אויב מיר וועלען זיך דערמאנען, דאס די סבה פון די צערטליכע סימפאטיעס צו יודען איז געלעגען אין דער האפנונג אויף זייער אסימילירונג, דאן איז לייכט צו בעגרייפען, דאס ווי נור יענע האפנונג איז פערשוואונדען, אזוי זענען אויך פערשוואונדען געווארען די פריהערדיגע סימפאטיעס. אהבה התלויה בדבר, בטל דבר בטלה אהבה, ווען א ליעבשאפט הענגט אב פון עפעס א זאך, דאן אויב סאיז נישטא מעהר די זאך, איז נישטא מעהר די ליעבשאפט. די אידיליע איז פערשוואונדען געווארען; די חלומות די זיסע האט אוועקגעטריבען דער בייזער ווינד פון דער רויהער ווירקליכקייט.

צוויי אומשטענדען האבען נאך פערשארפט די אזוי שוין אויך אנגעשטרענגטע פויליש־יודישע בעציהונגען. ערשטענס, די אלגעמיינע רעאקציע, וואס הערשט אין דער גאנצער רוסלענדער מלוכה, און צווייטענס, דער געזעץ־פראיעקט איבער די שטעדטישע זעלבסטפערוואלטונג אין פוילען.

די אלגעמיינע רעאקציע האט, פון איין זייט, ארויסגעוואקסען פון פאליטישען סאציאל־ארדנונג יענע גרויסע אלגעמיינע סאציאל־פאליטישע פראבלעמען, וואס האבען נאך מיט עטליכע יאהר צוריק בעשעפטיגט די גאנצע פאליטיש־דענקענדע געזעלשאפט; שוין דערמיט גופא איז די גאנצע אויפמערקזאמקייט און דער גאנצער היץ פון דער געזעלשאפט געשטופט געווארען אויף פערהעלטניסמעסיג ווייניגער וויכטיגע פראגען, אזוי ווי זיי וואלטען באמת געווען דאס וויכטיגסטע אין דעם סאציאלען לעבען. פון דער צווייטער זייט, האט די רעאקציע שטארק א רוק געטאהן אלע פארטייען אויף רעכטס און אזעלכע פראגען, וואס אין דער צייט פון פאליטישער אויפלעבונג וואלטען פערענטפערט געווארען גאנץ פשוט און ראדיקאל, רופען ארויס אצינד א לארעם און הארטען קאמפף און קיינער פארט נישט צו קיין געהעריגער לעזונג. די רעגולירונג פון די פויליש־יודישע בעציהונגען געהערט געוויס צו אזעלכע סאציאל־פאליטישע אויפגאבען, און אין אנאנדער צייט וואלט זי מיט א סך ווייניגער מאטערניש, מיט א סך ווייניגער שאוויניזם, געלעזט געווארען א סך מעהר ראדיקאל און א סך ריכטיגער, ווי מיר זעהען עס ביי היינטיגען טאג.

דער געזעץ-פּראָיעקט וועגען די שטעדטישע זעלבסטפֿערוואַלטונג אין פּוילען האָט זיך מיט אַן אָנגעברענטען אייזען אָנגעריה דעם אַזוי אויך קראַנקען אָרט. די לעזער וועלען געוויס בעקאַנט פֿון די טעגליכע צייטונגען מיט דיזען קונציגען געזעץ-פּראָיעקט, וועלכער איז אינגאַנצען געבויט לויט דעם אַלטען קלוגען כלל: divide et impera (טייל פֿאַנאַנדער און הערשען!) ; די לעזער ווייסען געוויס, אַז אויסער דער ברייטער מאַכט, וואָס ער לאָזט איבער די גובערנאַטאָרען און דער ביוראָקראַטיע בכלל, פֿיהרט ער נאָך אין אַ דאָפּעלטען צענז: אַ פֿערמעגענס-צענז און אַ נאַציאָנאַלען צענז. דער פֿערמעגענס-צענז גיט איבער די שטעדטישע פֿערוואַלטונג אין די הענד פֿון די פֿערמעגליכע קלאַסען, און זוכט אויף אַזאַנאַרט זיי אַריבערצוציהען אויף דער זייט פֿון דער רוסישער רעאַקציע, וואָרום נור פֿון איהר האַנד האָבען זיי במתנה זייער פּריווילעגיע. דער נאַציאָנאַלער צענז ווייטער איז מקריב די רעכטען פֿון דער יודישער בעפֿעלקערונג אין פּוילען און בעשאַפֿט פּריווילעגיעס פֿאַר די רוסען און האַלב-זעלכע פֿאַר די פּאָליאַקען, *) און אויף דעם אופֿן וויל מען ווידער צוטיילען די בעפֿעלקערונג פֿון פּוילען און אַריבערציהען די פּריווילעגירטע פּאָליאַקען אויפֿ'ן צד פֿון דער רוסישער ביוראָקראַטיע, כדי אויף אַזאַנאַרט ווייטער צו הערשען איבער פּוילען אינגאַנצען. — זייט דיזער געזעץ-פּראָיעקט איז בעקאַנט געוואָרען דעם ברייטען פּובליקום, נעהמט די יודען-פֿראַגע פּשוט נישט אַראָב פֿון די פּוילישע צייטונגען און זשורנאַלען. און באמת דיזער געזעץ-פּראָיעקט האָט לחלוטין געענדערט דעם כאַראַקטער פֿון דער יודען-פֿראַגע אין פּוילען: פֿון אַ טעאָרעטישער,

---

*) לויט דעם געזעץ-פּראָיעקט וועלען די וועהלער איינגעטיילט אין דריי נאַציאָנאַלע קוריען: רוסישע, יודישע און אַלגעמיינע (די לעצטע נעהמט אריין במעט אויסשליסליך די פּאָליאַקען, נור אין עטליכע שטעדט קומט אויס אויך אַ געהעריגע צאָהל דייטשע אָדער ליטווישע וועהלער). די רוסישע קוריע האָט געוויסע פּריווילעגיעס, ניט אַזוי ווי די צאָהל פֿון די רוסען אין פּוילען איז אויסערסט קליין, האָבען זיי סוף כל סוף ביז אַ קליינע צאָהל פֿאָרשטעהער אין די שטעדטישע „דומעס". די יודישע קוריע האָט דאָס רעכט אויסצוקלייבען נור 10 אָדער 20 פּראָצענט פֿון די שטעדטישע פֿאָרשטעהער: 20 פּראָצ. דאָרטען, וואו די יודען זענען אַן אַבסאָלוטע מעהרהייט פֿון דער שטעדטישער בעפֿעלקערונג, און 10 פּראָצ. אין די שטעדט, וואו זיי זענען ווייניגער ווי די אַבסאָלוטע מעהרהייט (אין קאָנגרעס-פּוילען זענען פֿאַראַן 116 שטעדט; אין 70 פֿון זיי זענען יודען די אַבסאָלוטע מעהרהייט, ערטערווייז דערגרייכען זיי אַפֿילו ביז 70 און 80 פּראָצ. פֿון דער בעפֿעלקערונג; אין 88 זענען זיי די פֿערהעלטניסמעסיגע מעהרהייט און נור אין 11 ערטער זענען זיי ווייניגער פֿון 30 פּראָצ.; אין ערגעץ זענען זיי נישט ווייניגער ווי 15 פּראָצ.; אַלזאָ אַפֿילו ביי דעם קוריען-סיסטעם. ניט ביי אַ דעמאָקראַטישער וואַהל-אָרדנונג וואָלטען אין 70 שטאָדט-דומעס די יודען געהאַט די אַבסאָלוטע מעהרהייט). אַלע איבעריגע פֿאָרשטעהער, ד. ה. די גרויסע מעהרהייט מיטגליעדער פֿון די שטעדטישע דומעס, ווערען אויסגעקליבען דורך די דריטע קוריע, און אויף אַזאַנאַרט בעקומען די פֿערמעגליכע פּאָליאַקען קינסטליכערווייזע אַלע שטאָדט-דומעס אין זייערע הענד. — אַ חוץ דעם, איז די רוסישע שפּראַך אַבליגאַטאָריש און פּריווילעגירט, די פּוילישע ווערט צוגעלאָזען, יודיש ווערט אינגאַנצען נישט אָנערקענט דורך דעם געזעץ-פּראָיעקט.

אַבסטראַקטער, פֿערוואָלקענטער און ווייטער פֿראַגע האָט ער זי פֿערוואַנדעלט אין אַ פּראַקטישע, קאָנקרעטע און קלאָרע טאַגעס-אויפֿגאַבע, און אַנשטאָט די פֿריהערדיגע שענע פֿראַזען, וואָס האָבען צו קיין קאָנקרעטע טריט נישט פֿערפֿליכטעט, איז איצט אויסגעקומען זיך אָפֿען און קלאָר אַרויסצוזאָגען, צו פֿאָדערן און פֿערטיידיגען בעגרענצונגען אָדער גלייכבערעכטיגונג פֿאַר די יודישע בעפֿעלקערונג, די אָנערקענונג אָדער די פֿאָלקאָמענע פֿערפֿאָלגונג פֿון איהר שפּראַך, און אין צוזאַמענהאַנג מיט דעם אויך די אָנערקענונג אָדער פֿערפֿאָלגונג פֿון דער יודישער קולטור, פֿון דעם בעזונדערען יודישען קולטורעלען לעבען. גראָבערס אַרטיקעל אין „חעדראַ", וואו ס'איז אָפֿען און דרייסט אַרויסגעזאָגט דאָס, וואָס פֿאָדערט אין דיזער הינזיכט דער בעוואוסטזיניגער טייל פֿון יודישען אַרבייטער-קלאַס, דאָס נאָך מעהר געמאַכט אונמעגליך יעדען צווייטייטיגען ענטפֿער. דאָס לעבען גופֿא האָט געפֿאָדערט אַן ענטפֿער, און דער ענטפֿער איז געקומען אַ קלאָרער, אַן אָפֿענהערציגער.

ראָמאַן דמאָווסקי, דער פֿיהרער פֿון די פּוילישע נאַציאָנאַל-דעמאָקראַטען (נאַראָדאָווצעס), האָט דער ערשטער אין זיינע אַרטיקלען „אַסימילאַציע" אָפֿען און קלאָר מודיע געווען דער פּוילישער געזעלשאַפֿט, אַז „די יודישע אַסימילאַציע האָט באַנקראָטירט", אַז די יודישע מאַסען ענטוויקלען זיך אין פּונקט אַ פֿערקעהרטער ריכטונג, דערווייטערענדיג זיך אַלץ מעהר פֿון פּוילישען נאַציאָנאַלען לעבען און בילדענדיג אַ בעזונדערע יודישע נאַציאָנאַליטעט. דער קאָנסערוואַטיווער ל. סטראַשעוויטש קומט צום בעשלוס, אַז „פֿון דעם מאָמענט אָן, ווען די פּוילישע געזעלשאַפֿט וועט די יודען אָנערקענען אַלס אַ בעזונדערע נאַציאָנאַליטעט, וועט זי מוזען קוקען אויף זיי ווי אויף אַן אָפֿענעם און געפֿעהרליכען פֿיינד", „וואָס צום קאַמפֿ מיט איהם וועלען זיך שטעלען אַלע, נישט אויסגעשלאָסען די יודישע פּאָליאַקען". אַלעקסאַנדער סוויענטאָכאָווסקי, דער פֿיהרער פֿון די פּוילישע פּראָגרעסיסטען, מיינט, אַז פֿאָדערען גלייכבערעכטיגונג פֿאַר די יודישע שפּראַך און אָנערקענונג פֿון די יודען אַלס בעזונדערע נאַציאָנאַליטעט—איז איינס און דאָס זעלבע, וואָס פֿאָדערען פֿון די פּאָליאַקען זיי זאָלען אָפּגעבען „אַ העלפֿט פֿון זייער הויז", און דאָס אַזעלכע שטרעבונגען פֿון די יודען וועלען מוזען אונפֿערמיידליך ברענגען צו אַ קאַמפֿ, וועלכער „וועט האָבען טרויעריגע רעזולטאַטען הויפּטזעכליך פֿאַר די יודען". דער בעוואוסטער פֿריידענקער און ראַדיקאַל אַנדזשיי ניעמאָיעווסקי מיינט פּונקט דאָס זעלבע וואָס סוויענטאָכאָווסקי און אין זיין פּאַטריאָטישער אויפֿרעגונג שרייט ער אויס: „וואו זענען מיר דען סוף כל סוף, אין פּוילען אָדער אין אַ גאַסט-הויז?!" „מיר הויבען אַפֿילו נישט אָן צו קלערען עמיגען אַוועקצוגעבען דאָס לעצט-געבליבענע פֿון דער פּוילישער ערד!"

מען וואָלט געקענט בויגענס אויסשרייבען מיט ציטאַטען, וואָס זענען דורכגעדרונגען מיט דיזען גייסט. ס'איז אָבער אַ גאַנץ איבעריגע זאַך, הויפּטזעכליך איצט, נאָכדעם ווי דעם ברייטען עולם איז שוין בעקאַנט די אָפֿיציעלע דעקלאַראַציע פֿון די „פּוילישע קאָרעסען", פֿון דער אַזוי-גענאַנטער „פּוילישער פּראָגרעסיווער פֿעראייניגונג".

דער לעזער ווייס געוויס, אַז, לויט דיזער „דעקלאַראַציע", ווערען יודען